STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06012

UNZERE GAYSTIGE RIEZEN

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשם באַדער

אונזערע גייסטיגע ריעזען

ערשטער טייל

די חכמים פון דער משנה

Our Spiritual Heroes

The Lives and Works of our Rabbinical Teachers from the beginning of the "Great Synagogue" to the final completion of the Talmud.

SEVEN CENTURIES OF JEWISH THOUGHT.

BY

Gershom Bader

Volume I.

The Creators of the "Mishna"

New York
1934

Printed by
MOINESTER PUBLISHING CO.
1569 East New York Ave.
Brooklyn, N. Y.

אונזערע גייסטיגע ריזען

דאס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים
זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה"
ביז צו דער לעצטער צוזאמענשטעלונג
פון דער גמרא.

זיבען יאהרהונדערטער אידישע געשיכטע

פון

גרשם באַדער

ערשטער טייל

די חכמים פון דער משנה

ניו יארק, תרצ"ד

געדרוקט ביי די
מוינעשטער פאַבלישינג קאָמפּ.
1569 איסט ניו יארק עוו.
ברוקלין, נ. י.

וועגען אונזערע „ביאָגראַפיעס" עטליכע ווערטער

די געשיכטע פון אַ פאָלק איז גרעסטענטיילס געבויעט אויף די לעבענס־באַשרייבונגען (ביאָגראַפיעס) פון יחידים, וואָס זייער טהעטיגקייט כאַראַקטעריזירט דעם איינענאַרטיגען גאַנג פון די נאַציאָנאַלע כחות און זייער אַנטוויקלונג, די אינעווייניגסטע גלייך ווי די אויסענווייניגסטע.

קיין איינציגער פּראָמינענטער מענש קען נישט אויסגעשיילט ווערען פון זיין סביבה. דאַביי איז אויך נישט קיין חילוק, צי עס האָט אַזאַ מענש ארויסנעליינט זיין חותם אויף דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, אָדער די סביבה האָט באַאיינפלוסט זיין אינדיווידואַליטעט, ווייל איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע און איינס איז פון׳ם אַנדערן אָפּהענגיג. גלייך ווי דער מענש איז אַ מיניאַטור־בילד פון זיין סביבה, זעהט זיך אין דער סביבה אַ פאָטאָגראַפיע פון איהרע מענשען.

יעדער מענש אַנטוויקעלט זיך אויף אַן אַנדערן שטייגער און די דאָזיגע אַנטוויקלונג געהט אויך נישט אין אַ גלייכער ליניע, פון אָנהויב ביז׳ן סוף. דאָס לעבען האָט גאָר אדרבה זיינע קרומע גענג, דאַרף דער שילדערער פון אָט דעם לעבען געפינען אַ וועג ביי יעדען היסטאָרישען פּלאָנטער, נישט פאַרבלאָנדזעט צו ווערען.

„די וועלט־געשיכטע איז אַ געשיכטע פון העלדען", זאָגט אַ דייטשער פילאָזאָף. איז דאָס אַן אמת אָפילו ביי אידען. נור וואָס אונזערע העלדען זיינען געוועהנליך „גייסטיגע ריעזען", מייסטער־שווימער אין די טיפענישען פון אונזער שטורמישען ליטעראַטור־ים און שלאַכטען־פיהרער אויף׳ן פעלד פון דער תורה.

גאַנץ באַזונדערס העלדיש איז געווען דער לעבענס־קאַמפּף פון יענע גייסטיגע ריעזען אונזערע אין דער צייט, וואָס מיר האָבען אונזער פּאָליטישע זעלבשטענדיגקייט פאַרלוירען און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינלעבען אין דער ראָלע פון אַ וואַנדער־פאָלק, וועלכעס איז געצוואונגען, צו לעבען אין אַ פרעמדער סביבה און עס וויל דורכאויס בלייבען ביי זיין איינענער פיהרונג.

ווי אַ ראָד דרעהט זיך די וועלט־געשיכטע, ווי אויף שרויפען ווערען איהרע מאָטאָרען געטריבען פון אַן אייביגער קראַפט, וועלכע פליסט ווי אַ שטראָם איבער אַן אומענדליכען לאַבירינט פון דראָטהען, אויסגעפורעמט און קאָנטראָלירט דורך די פיהרענדע גייסטער פון יעדען דור. דאַרף מען אַלזאָ אין ערשטער רייהע קוקען אויף די וואַנדלונגען פון די גייסטער, מעהר ווי אויף די געשעהענישען.

אין דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק איז נישט פאַרהאַנען קיין פּלוצים׳דיגקייטען. איטליכעס געשעהעניש האָט זיך זיין אורזאַך און זיין באַגרינדונג, וועלכעס איז ווי אַ פאָלגע פון אַ פריהערען געשעהעניש.

מוז מען דערפאַר וויסען, אַז די טרוקענע כראָניק איז נישט אַזוי וויכטיג, ווי עס איז וויכטיג, צו באַקענען זיך מיט דער נשמה פון יעדער געשעהעניש, פאַר־וואָס און ווי אַזוי עס האָט געמוזט דערצו קומען. גלייכצייטיג דאַרף מען אויך באַדענקען, אַז זייט מיר האָבען אונזער היימלאַנד פאַרלוירען, איז אַרויסנעפלויגען ביי אונז די נשמה פונ׳ם לעבען און זי איז אַריינגעפלויגען אין אונזערע ספרים, וואו זי האָט איהר אויסדרוק אין געדאַנקען און אין טעאָריען.

אין אָט דעם זין האָב איך באַהאַנדעלט די לעבענס־באַשרייבונגען פון אונזערע תנאים און אמוראים — און אין אַזאַ גייסט האָב איך דאָס נעגענווערטיגע ווערק מיינס פאַרפאַסט.

ג. ב. נויאָרק, תרצ״ד.

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

צום אַריינפיהר. ווי מען האָט פריהער די "תורה שבעל פה" נישט געטאָרט אויפשרייבען און ווי מען האָט דערנאָך אָלסדינג פאַרשריבען. די "אנשי כנסת הגדולה". די תלמודישע איינטייטשונגען פון די מצוות האָבען מעהרסטענטיילס געהאַט דעם צוועק, צו פאַרגרינגערען די לאַסט פון דער אמונה. די עטהישע לעהרען פונ'ם תלמוד און די מצוות פון בעפאָר "מתן תורה". — 9—22

די דריי הויפּט־פּאַרטייען פון דער תלמודישער צייט: א) די "פרושים"; ב) די "צדוקים"; ג) די "איסיים". זייערע לעהרען און זייערע אויפטהוען. — 23—34

די "שומרונים". זייער אורשפּרונג. זייער שנאה צו אידען און דאָס געזעצליכע פאַרהעלטניס פון די אידען צו זיי. — 35—41

שמעון הצדיק. דער לעצטער פון די "אנשי כנסת הגדולה" און די היסטאָרישע געשעהענישען פון זיין צייט. — 42—48

אנטיגנוס איש סוכו. די ערשטע דערנעהנטערונגען צו די גריכען און די פאַרשפּרייטונג פון א פילאָזאָפישער אומגלויביגקייט צווישען אידען. — 49—51

יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן. די ערשטע פון די "זוגות". איינער איז געווען "נשיא" און דער צווייטער איז געווען "אב בית דין". יוסי בן יועזר איז געשטאָרבען א מערטירער־טויט. — 52—57

יוחנן כהן גדול. זיינע מלחמות און זיינע רעליגיעזע איינפיהרונגען. — 58—65

יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי. צוליעב אינעווייניגסטע פאַרפאָלגונגען האָט דער "נשיא" געמוזט אנטלויפען קיין מצרים. — 66—69

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח. זייערע תקנות און זייער פּאָליטישער איינפלוס. חאָטש שמעון בן שטח איז געווען דער ברודער פון דער קעניגין, האָט ער אויך געמוזט אנטלויפען. — 70—75

שמעיה און אבטליון. די תורה הויבט אָן קריגען א גרעסערע ווערדע ווי די פּאָליטיק און אפילו ווי די "כהונה גדולה". — 76—80

די "בני בתירה". די באַשיידענסטע מענשען פון זייער דור. ווען זיי זעהען, אַז זייערע ידיעות זיינען נישט גענוג פאַר דער פיהרונג פון דער אמונה, טרעטען זיי אָפּ דעם פּלאַץ. — 81—83

חוני המעגל. א לעבען פון וואונדערבאַרע געשעהענישען. ווערד דער'הרג'ט אין דער מלחמה צווישען צוויי אידישע פּרינצען. — 84—87

הלל הזקן הבבלי. דער באַגרינדער פון א דינאַסטיע "נשיאים" און דער גרעסטער "עניו" פון זיין דור. דאָס לערנען ווערד רעגולירט. — 88—99

שמאי—הלל'ס חבר. טעאָרעטישע קעמפּפע וועגען די אויסטייטשונגען אין דער תורה מיט א פּאָליטישען הינטערגרונד. — 100—106

עקביא בן מהללאל. געהט אַוועק פון די גרויסע פיהרער און בילדעט אַן אייגענעם בית־המדרש פאַר זיך. — 107—111

רבן גמליאל הזקן. א צייט פון שווערע פּאָליטישע קעמפּפע אינערהאַלב פונ'ם אידישען פאָלק. — 112—117

רבן שמעון בן גמליאל הזקן. שטאַרבט אַלס מערטירער אין די לעצטע יאָהרען פונ'ם צווייטען בית־המקדש. — 118—122

אינהאַלטס-פאַרצייכנים

רבי חנינא סגן הכהנים און זיינע צייטגענאָסען. די "דרייני גזרות" און יהושע בן גמלא, דער באַגרינדער פונ'ם אידישען שולוועזען. — — — 123—127

אין דער צייט פונ'ם חורבן בית־המקדש. די גסיסה פון דער אידישער מלוכה און דאַס דאַמאָלסדיגע לעבען אין ארץ־ישראל. — — — 128—140

רבן יוחנן בן זכאי. דער גייסטיגער איבערברוך פון א בית־המקדש מיט קרבנות צו דער קאָנצענטרירונג אַרום דער תורה. יבנה ווערד דער צענטער פונ'ם אידישען לעבען. — 141—149

די חברים פון רבן יוחנן בן זכאי. ר' צדוק בן אלעזר, ר' זכריה בן הקצב, ר' נחוניא בן גודגדא, ר' נחוניא בן הקנה, ר' דוסא בן הרכינס, ר' נחום איש גמזו. — — — 150—158

רבי חנינא בן דוסא. דער אָרימסטער תנא פון זיין צייט. — — — 159—164

רבן גמליאל דער צווייטער פון יבנה. דער פינפטער דור פון הלל הזקן. דער "נשיא" ווערד מיט עקשנות געצוואונגען, צוצוהערען זיך צו די תלמידים. שתדלנות ביי דער רוימישער רעגירונג. — — — 165—174

רבי אליעזר בן הורקנוס. שאַרפע מחלוקות אינ'ם בית־המדרש מיט אויסערגעוועהנליכע באַגלייט־ערשיינונגען. אידען קריגען שונאים פון אינעווייניג. — — — 175—185

רבי יהושע בן חנניה. זיינע אויפטהוען אין דער איינטייטשונג פון דער תורה. זיין אַרויסטרעטען געגען יעדע פּאָליטישע רעוואָלוציע און זיינע וכוחים מיט שונאי ישראל. — — — 186—197

רבי אליעזר המודעי. דער גרעסטער געגנער פון בר־כוכבא'ס רעוואָלוציע. — — 198—202

אונקלוס אָדער עקילס הגר. א קרוב פונ'ם רוימישען קייזער. האָט איבערזעצט די תורה אין גריכיש, פון וועלכען מיר האָבען דעם "תרגום אונקלוס". — — — 203—208

רבי אלעזר בן עזריה. איז געוואָרען "נשיא" פאַר א קורצע צייט. די ישיבה פון יבנה איז אריבערגעגאַנגען קיין אושא. — — — 209—215

רבי ישמעאל בן אלישע. אַרעסטירט אַלס קינד. אויסגעקויפט, אויפגעוואַקסען פּראָמינענט צווישען די תנאים און דער'הרג'ט דורך די רוימער — — — 216—224

רבי טרפון. פון די לעצטע כהנים ביים בית שני און איינער פון די "הרוגי מלכות", פאַר־אורטיילט צו פאַרברענען צוזאַמען מיט זיין ווייב. — — — 225—229

רבי יוסי הגלילי. שאַרפזיניג ביי די איינטייטשונגען פון די מצוות. באַקאַנט מיט זיין פרומקייט און אומגליקליך אין פאַמיליען־לעבען. — — — 230—234

רבי עקיבא בן יוסף. פון א פּאַסטוך ביי כלבא שבוע איז ער געוואָרען זיין איידעם און פון אַן עם־הארץ איז ער אויסגעוואַקסען א גייסטיגער פיהרער פון זיין דור. אין זיינע טעג איז אויסגעבראָכען די מרידה פון בר־כוכבא און ער האָט טיילגענומען אינ'ם אָרגאַניזירען דעם קאַמפף. שטאַרבט א שרעקליכען מערטירער־טויט. זיין פלייש ווערד געריסען מיט אייזערנע קאַמען. — — — 235—256

די "עשרה הרוגי מלכות"—רבי חנינא בן תרדיון און אַנדערע. ר' ישמעאל בן אלישע. ר' יהודה בן בבא. ר' ישבב הסופר. ר' חוצפית המתורגמן. ר' יוסי בן קסמא. ר' אלעזר בן פּרטא. חנינא בן חכינאי. ר' יהודה הנחתום. ר' אלעזר חרסנה אָדער בן חרסום. — — — 257—272

שמעון בן עזאי און שמעון בן זומא. צוויי פון די "ארבעה נכנסו לפּרדס". האָבען זיך פאַרטיעפט אין די פראַגען פון דער געטליכקייט און זיינען באַשעדיגט געוואָרען — 273—279

אלישע בן אבויה—אחר. דער דריטער פון די "ארבעה נכנסו לפרדס". צוליעב איהם האָט א מלאך געהאַפּט זעכציג פייערדיגע שמיץ. ער האָט זיך גענומען "אונטערהאַקען די פלאַנצונגען" פון דער אמונה און אַרויסרייסען די תורה פונ'ם אידישען הארץ. פלעגט געהען איבער די בתי־מדרשים, אָוועקצוטרייבען פון דאָרט יעדען תלמיד און די לעהרער פלעגט ער הייסען הרג'נען. — — — 280—287

אינהאלטס-פארצייכניס

רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער. אנטלאפען קיין בבל און צוריקגעקומען ביי א פאליטישער פארלייכטערונג. האט געוואלט פארשטארקען די באדייטונג פון זיין אמט. א געגנער פון יעדער רעוואלוציע און אן אנהענגער פון דער גריכישער שפראך. — — 288—296

רבי נתן הבבלי. דער מחבר פון "אבות דר' נתן" און דער מסדר פון אייגענע משניות. געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, חאטש די אידען אין בבל האבען דאמאלס אנגעפיהרט א רוהיג לעבען און זיי האבען נישט געהאט צו ליידען קיין רדיפות. — — — — — — 297—304

רבי מאיר. א תלמיד פון אלישע בן אבויה און פון ר' עקיבא. אן איידעם פון ר' חנינא בן תרדיון און א פריינד פונ'ם גריכישען געלעהרטען אבנימוס הגרדי. שארף אין דער דיאלעקטיק און א מייסטער אין ארגומענטען. זיין לעבען איז געווען א לאנגע קייט פון צרות. ער האט געדארפט צוקוקען צום מערטירער־טויט פון זיין רבי'ן ר' עקיבא און פון זיין שוועהר. שפעטער זיינען צוויי קינדער זיינע אין איין טאג געשטארבען. עקסטרים ביים אפהיטען די אידישע תורה אהן שום קאמפראמיסען. זיין פרוי איז געווען א "מלומדת" און זי ווערד פיעל מאל דערמאנט אין דער גמרא. זיין שוועגערין פאראורטיילט צו זיצען אין א "שאנדהויז", האט ער זי מיט נסים ארויסגעראטעוועט. — — — — — — — — — — — — — — 305—318

רבי יהודה בר אלעאי. א תלמיד פון ר' טרפון און א געגנער פון ר' מאיר אין זיינע איינטייטשונגען פון דער תורה. א פריינד פון די רוימער און א גרויסער ארימאן, גלייך ווי זיין גאנצער דור. — — — — — — — — — — — — — — — — 319—323

רבי יוסי בן חלפתא. א מענש פון טיעפער געלעהרזאמקייט און שטרענגע איבער־צייגונגען. — 324—328

רבי שמעון בן יוחאי. צוליעב א ווארט פון קריטיק געגען די רוימער, האט איהם די רעגירונג געהייסען הרג'נען, האט ער זיך צוזאמען מיט זיין זוהן געמוזט באהאלטען 13 יאהר אין א הייהל, וואו זיי האבען זיך ערנעהרט פון באקסערען און קוואל־וואסער. שפעטער האבען איהם די אידען געשיקט צום קייזער אין א שליחות פאר זייער טובה. עס ווערד אויך געזאגט אז ער איז דער מחבר פונ'ם "זוהר". — — — — — — — — — — — — — — — — 329—341

רבי אלעזר בן שמוע און רבי יוחנן הסנדלר. די לעצטע תלמידים פון ר' עקיבא. ר' אלעזר ווערד אויך דערמאנט צווישען די "הרוגי מלכות". האט אמאל ארויסגעהאלפען א גרויסען שרה אין זיין נויט און דערפאר האט יענער שרה בטל געמאכט א גזרה אויף אידען. ר' יוחנן איז געווען א סאנדאלען־מאכער אדער א מאכער פון לעכלעך אין פערעל, אויפצוציהען אויף שנירלעך. — — — — — — — — — — — — — — — — 342—346

רבי נחמיה און אנדערע תלמידים פון רבי עקיבא. ר' נחמיה איז דער הויפט־באגרינדער פון דער "תוספתא". די אנדערע זיינען: ר' יהושע בן קרחה און ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי. — — — — — — — — — — — — — — — — — —347—350

רבי יהודה הנשיא. דער רעדאקטאר פון דער "משנה". ווערד אומעטום אין דער גמרא אנגערופען מיט'ן בלויזען טיטעל "רבי" און דאס גאנצע לעבען זיינס איז געווען פול מיט וואונדערבארע לעגענדעס. אלס אן אפשטאמער פון הלל הזקן און פון "מלכות בית דוד" האט ער געקראגען דעם גרעסטען כבוד, וואס אידען האבען אין יענער צייט פארמאגט. צוליעב קראנקהייט, פון וועלכער ער האט געליטען פיעל יסורים, איז ער געווען גענייגט צו כעס און צוליעב זיין גרויסער שטעלונג האט ער געדארפט פיהרען א רייך לעבען. האט ער פון דעסטוועגען נישט באזעסען קיין שום שטאלץ און ער האט אויך אנערקענט די באדייטונג פון יעדען, ווען ער האט איהם אפילו געדארפט שטעלען העכער פון זיך. ער האט פארגרינגערט די דינים פון שמיטה און פון מעשרות. האט נישט געהייסען באלעסטיגען מיט תעניתים. ער האט רעגולירט דאס ארויסגעהען פונ'ם הויז אים שבת און ער האט איינגעפיהרט נייע ארדנונגען ביים באשטימען דעם חודש און די ימים־טובים. אזוי ווי ער איז געווען א פריינד פונ'ם רוימישען קייזער, פלעגט איהם דער קייזער באזוכען אין זיין הויז און עסען ביי זיין טיש. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 351—377

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

צייטגענאָסען פון רבי יהודה הנשיא: רבי שמעון בן מנסיא, רבי פּנחס בן יאיר, רבי אלעזר הקפּר און בר־קפּרא. ווער זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבען אויפגעטהון. — 378—388

רבי חייא רבה בר אבא. פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס חברים און תלמידים. ער איז געקומען פון בבל און עס איז וועגען איהם געזאָגט געוואָרען, אַז ער שטאַמט פון דוד המלך׳ס משפּחה. איז געווען באַטייליגט ביים צונויף־שטעלען די ״תוספתא״ און צוזאַמען מיט זיין תלמיד ר׳ אושעיא האָט ער געהאַט אַ האַנד ביים צונויף־שטעלען די ״ברייתות״. ר׳ יהודה הנשיא פלעגט איהם מיטנעהמען אויף זיינע רייזען. צוליעב איהם זיינען אויך געשעהען נסים אין ארץ־ישראל. — — — — — — — — — — — — — — — — — 389—394

רבי שמעון בן חלפתא. פון די באַדייטענדסטע צווישען ר׳ יהודה הנשיא׳ס לעצטע חברים, וועגען וועמען עס ווערען פאַרשיעדענע וואונדערליכע געשעהענישען דערצעהלט — — 395—399

לוי בן סיסי. דער לעצטער פון די ״תנאים״ וועלכער איז נישט געווען קיין ״מוסמך״. איז אוועק קיין נהרדעא און האָט דאָרט אנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש. — — — 400—403

די ״מסכתות קטנות״: סופרים, שמחות, כלה, דרך־ארץ, ספר תורה, מזוזה, תפלין, ציצית, כותים, גרים, מגילת תענית און סדר עולם. זייער אינהאַלט און ווי אַזוי זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט. — — — — — — — — — — — — — — — — — 404—416

צום אריינפיהר

די גמרא, אזוי ווי זי געפינט זיך היינט אין אונזערע הענד, סיי ווי מען האט זי געלערענט אין בבל און זי טראגט דערפאר דעם נאמען „תלמוד בבלי", און סיי ווי מען האט זי געלערענט אין ארץ ישראל, און זי טראגט דערפאר דעם נאמען „תלמוד ירושלמי", איז אין איהרעביידע צוזאמענשטעלונגען אנערקענט אלס דאס אויסשליסליכע אייגענטום פונ'ם אידישען גייסט — און די גוי'שע וועלט האט נישט צו דעם קיין שום פארדערונג.

מכח דעם תנ"ך האט מען צו אונז פארשיעדענע טענות. אונזערע שונאים קענען עס אונז גאר נישט פארגינען, וואס די פון זיי פאראכטעטע אידען זיינען די מחברים פון דעם גרעסטען גייסטיגען אוצר, וואס די ציוויליזירטע וועלט פארמאגט. ווילען זיי דאדורך באהויפטען, אז דער תנ"ך איז נישט אריגינעל אידיש. די ליבעראלע דינים פון דער תורה און די הויכע געדאנקען פון די נביאים — זאגען זיי — האבען מיר גענומען ביי אמאליגע שכנים. און טאמער אנערקענען זיי די הייליגע גרויסקייט פונ'ם תנ"ך, טענה'ן זיי באלד, אז די קריסטען זיינען צו דעם גלייכע שותפים מיט אונז.

אין אמת'ן איז אויך היינט דער סטיל פונ'ם תנ"ך דאס אייגענטום פון אלע ציליוויזירטע פעלקער און ער איז דאס געשמעלץ פאר יעדער שפראך. אבער די גמרא האט מען אונז געלאזען אלס אונזער אויסשליסליך אייגענטום. די גוים קענען נישט פארשטעהן איהר גייסטיגע גרויסקייט און די טיפקייט פון איהרע געדאנקען. זיינען זיי אונז מיט'ן תלמוד נישט מקנא און זיי פארגינען אונז דעם כבוד, וואס מיר זיינען די מחברים פון אזא ווערק.

זיבען לאנגע יאהרהונדערטער האט עס גענומען, זייט דער צייט פון שמעון הצדיק, דעם לעצטען פון די "אנשי כנסת הגדולה", ווען די "תורה שבעל פה" האט אנגעהויבען פארשפרייט ווערען צווישען פאלק, ביז צו דער פארענדיגונג פונ'ם "תלמוד". אויף די יסודות פון דער תורה איז דאן אויפגעבויט געווארען ווי א גראנדיאזער בנין—אן אייביגער מאנומענט פונ'ם אידישען גייסט, לויט ווי ער האט זיך אין יענע זיבען יאהרהונדערטער אנטוויקעלט.

אנגעהויבען האט זיך די דאזיגע אנטוויקלונג באלד נאך דער פארענדיגונג פונ'ם תנ"ך, ווען אידען האבען צום צווייטען מאל געלעבט אויף זייער אייגענער ערד אין ארץ-ישראל, און געצווינגען האט זי זיך דערנאך סיין בבל, וואו אידען האבען דעמאלט געלעבט פריי און גליקליך, ביז זיי זיינען שפעטער אין גאנצען פארטריבען געווארען פון ארץ-ישראל, און אין בבל האט מען זיי אויך נישט געלאזט עקסיסטירען.

זיבען יאהרהונדערטער איז זעהר א לאנגע צייט אינ'ם לעבען פון יעדען פאלק, אפילו ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא פאלק ווי אידען, ווייל ווי קאנסערוואטיוו מיר זיינען, קען מען אלץ נישט אננעהמען, אז מיר זיינען וועהרענד דער צייט פון זיבען יאהרהונדערטער כסדר געשטאנען אויף דעמזעלבען ארט.

גלייך ווי ביי אלע אנדערע פעלקער זיינען ווארשיינליך אויך ביי אידען וועהרענד דער צייט פון די דאזיגע זיבען יאהרהונדערטער געבוירען געווארען

נייע אידעען און באגריפען, וועלכע האבען זיך אין פארלויף פון די יאהרען פאנאנדער־געוואקסען. דערנאך זיינען זיי פארשוואונדען און אנדערע האבען פארנומען זייער פלאץ. איבערהויפט האט מען דא צו טהון מיט א צייט, ווי עס האבען זיך די פאליטישע אומשטענדען פונ'ם פאלק זעהר שטארק איבערגעאנדערשט. אט זיינען אידען געווען פריי אויף זייער אייגענעם בארען און אט זיינען זיי געווען פארוויקעלט אין מלחמות, אט זיינען זיי פארטריבען געווארען פון זייער היים און אט האבען זיי געלעבט אין פריעדען אויף פרעמדער ערד.

עס קען אויך מיט באשטימטהייט באהויפטעט ווערען, אז אין דער גאנצער אידישער געשיכטע איז נישט פארהאנען א מעהר פארפלאנטערטע צייט מיט אויסטערלישע געשעהענישען, ווי עס זיינען געווען יענע זיבען יאהרהונדערטער, וואס דער תלמוד איז דאמאלס פארפאסט געווארען. די קוועלען, וואס מען זאל קענען פון זיי שעפען די מאטעריאלען פאר דער באשרייבונג פון יענע געשעהענישען, זיינען זעהר קארגע. מוז יעדער היסטאריקער דערגאנצען דאס געשילדערטע לויט די השגות פון זיין פאנטאזיע.

און ווען מען וויל דערגעהן דעם אמת ביי געוויסע געשעהענישען פון יענער צייט לויט די ידיעות, וואס זיינען וועגען זיי פארהאנען אין דער תלמודישער ליטעראטור, מוז מען גערענקען, אז די דאזיגע ספרים האבען נישט דעם צוועק פון געשיכטס־שרייבונג. האט מען זיך דארט נישט אזוי שטארק געקימערט וועגען דער גענויאיגקייט פון א דאטום אדער פון א פער־זאן, וועגען וועלכער עס ווערד געשריבען. און טאמער געפינט זיך דארט עטוואס היסטארישעס, איז עס געוועהנליך ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט לעגענדע און עס זיינען אויך אפטמאל די פערזאנען פארוועקסעלט.

פאר אונזער צוועק קען אמאל זיין וויכטיגער דאס געשילדערטע געשע־העניש און דארט איז וויכטיגער די פערזאן. און ווען עס איז אמאל פאר אונז וויכטיגער די פערזאן, ליגט דארט דאס הויפט־געוויכט אויף'ן געשע־העניש. אויסערדעם דארף מען וויסען, אז דער טעקסט פון יענע ספרים בנוגע צו היסטארישע געשעהענישען אדער נעמען פון פערזאנען, איז זעהר ווייניג אפגעהיט געווארען. זיינען דאדורך פארהאנען פארשיעדענע "גרסאות", סיי וועגען פערזאנען און סיי וועגען געשעהענישען. אט ווערד, למשל, דער־צעהלט א מעשה וועגען א געוויסער תלמודישער פערזאן, און ווען אן אנדערע "גרסא" לייענט בלויז איין ווארט פון דער מעשה אנדערש, קומט שוין אויס, אז יענע געשעהעניש איז גאר פארגעקומען מיט אן אנדערער פערזאן אדער אויף אן אנדערן שטייגער.

אט אזעלכע פארשיעדענהייטען האבען זיך גאר גרינג געקענט אריינ־פלאנטערען אין די תלמודישע ספרים, ווען דער איבערשרייבער פון די מאמרים האט זיך טועה געווען מיט א נאמען, אדער ווען ער האט זיך געוואלט אפ־קירצען די ארבייט און ער האט געשריבען מיט "ראשי תיבות", וועלכע קענען געלייענט ווערען אויף פארשיעדענע אופנים. אויף צו וויסען א דין, מאכט דאס אפילו נישט קיין גרויסען אונטערשיעד, ווען עס פאלט אמאל אריין א טעות אינ'ם נאמען פון דער פערזאן, וואס האט ארויסגעזאגט דאס אנטשיידענדע ווארט אין א געוויסע הלכה. ווען עס האנדעלט זיך אבער פעסטצושטעלען א היסטאריש געשעהעניש, מאכט דאס שוין גאר א גרויסען אונטערשיעד.

די ערשטע גרונדלאגע זיינע האט דער תלמוד געקראגען פון די "סופרים", דאס זיינען געווען די "קאפיסטען" פון דער תורה, וועלכע זיינען גלייכצייטיג געווען די לעהרער פונ'ם פאלק, צו מאכען פארשטעהן אלסדינג, וואס די תורה זאגט. ביי פילע מצוות איז דער אויסדרוק פונ'ם פסוק אזוי ווייט נישט קלאר, אז מען קען איהם בשום אופן נישט פארשטעהן אהן א פירוש, א שטייגער ווי

צום אריינפיהר

אז "טוטפות" מיינט תפלין, אז "גדילים" מיינט ציצית, אז "פרי עץ הדר" מיינט אן אתרוג וכדומה. זיינען דערפון ארויסגעקומען מחלוקות ביי פארשידענע פארטייען, וואס יעדע פון זיי האט די דאזיגע מצוות אנדערש ערקלערט. געבליבן זיינען אבער די ערקלערונגען פון די "סופרים" און אין פארלויף פון די אומשטענדן האט זיך אויף זייערע יסודות אנטוויקעלט אן ארגאניזאציע פון נביאים און זקנים, וועלכע האט באקומען דעם נאמען "אנשי כנסת הגדולה".

געווען איז די דאזיגע "כנסת הגדולה" ווי א "בית דין הגדול", וועלכער האט געהאט דאס אנטשיידענדע ווארט אין אלע רעליגיעזע ענינים און דער "כהן גדול" איז דארט געווען דער פארזיצער. דער אנהויב פון די "אנשי כנסת הגדולה" איז געווען ביי די לעצטע נביאים (חגי, זכריה און מלאכי), ווען אידען האבען אונטער דער פיהרונג פון עזרא הסופר און נחמיה התרשתא אפגעשלאסען א שריפטליכע התחייבות צו גאט, אז זיי וועלען אפהיטען אידישקייט — און געענדיגט האט זיך יענע צייט מיט שמעון הצדיק.

לכתחלה האט מען די ערקלערונגען פון די "סופרים" נישט געטארט אויפשרייבען, נאר מען האט זיי געדארפט איבערגעבען פון מויל צו מויל. האט מען אבער שפעטער איינגעזעהן, אז די ערקלערונגען פארגעסען זיך, האט מען אנגעהויבען אויפשרייבען אלע יענע טראדיציאנעלע ערקלערונגען צו פארשידענע מצוות פון דער תורה, וועלכע זיינען דערנאך פאררעכענט געווארען אלס מצוות "מסיני", וואס דער אויבערשטער האט געהאט איבערגעגעבען צו משה רבנו "בעל־פה". פריהער האט מען אבער אפגעשלאסען דעם תנ"ך אין זיינע 24 ספרים, עס זאל נישט קענען קיינעמען איינפאלען, צוצושטעלען וועלכען ס'איז ענין פון די טראדיציאנעלע ערקלערונגען צום טעקסט פונ'ם תנ"ך.

עס איז אויך היינט זעהר שווער צו וויסען, ווי לאנג די צייט פון די "אנשי כנסת הגדולה" האט געדויערט. ביי דער געשיכטע פונ'ם צווייטען בית המקדש פעהלט אונז די כראניק וועגען די געשעהענישען פון א 200 יאהר (פון אלכסנדר מוקדון ביז אנטיוכוס הרשע). מיר וויסען נאר אזוי פיל, אז יענע יאהרען זיינען אין דער וועלט־פאליטיק געווען זעהר שטורמישע און ארץ־ישראל איז דעמאלט אריבערגעגאנגען פון איין האנד צו דער אנדערער. רעכענט מען טאקע, אז דאס זיינען געווען די יאהרען פון די "אנשי כנסת הגדולה".

עזרא הכהן הסופר איז געווען דער גרעסטער קענער פון דער תורה אין יענער צייט — און ווען ער האט געזעהן, אז אידען זיינען ניט מדקדק אינ'ם אפהיטען די מצוות, האט ער צוריסען זיינע קליידער, געפאסט תעניתים און ארומגעטראגען זיך א לאנגע צייט פאראומערט אין געדאנקען. דערנאך איז אנגעקומען נחמיה בן חכליה, דער שר־המשקים פון קעניג ארתחשסתא, האבען זיי דארט איינגעפיהרט פארשיעדענע ארדנונגען, וועלכע זיינען שפעטער פארבליבען ווי געזעצע. דאס ערשטע האבען זיי בטל געמאכט אלע געמישטע חתונות, ארויסגעטריבען די גוי'שע ווייבער צוזאמען מיט זייערע קינדער. הויפזעכליך האבען זיי אכטונג געגעבען אויף דער ריינקייט פון דער ראסע, נישט קוקענדיג דארויף, וואס די גרעסטע עשירים צווישען אידען און די פראמינענטעסטע פארשטעהער זייערע צוזאמען מיט דער פאמיליע פונ'ם כהן־גדול זיינען געווען פארהייראטה מיט גוי'שע פרויען.

דער הויפט־אויפטהו פון די „אנשי כנסת הגדולה" אין דאן געווען, וואס זיי האבען אפגערייניגט די אמונה פון יעדער נאכאהמונג, ווייל אידען פלעגען דעמאלט נאכטהון אלסדינג די שכנ'שע פעלקער. און כדי אידען זאלען נישט אריינפאלען צוריק אין געצענדיענסט, ווי זיי פלעגען דאס טהון אין די צייטען פונ'ם ערשטען בית המקדש, האבען די "אנשי כנסת הגדולה" נישט געלאזט

אויפשטעלען קיין מזבח, אויף מקריב צו זיין קרבנות — אויסערהאלב ירושלים, אנשטאט דעם האבען זיי מתקן געווען תפלות, אין וועלכע דער מענש זאל קענען אפגעבען א קויב צו זיין באשעפער מיט עטליכע הארציגע ווערטער און ער זאל נישט וועלען זוכען א דערנעהנטערונג צו גאט ביים בלוט פון א געקוילעטער בהמה.

וועגען אט דעם אויפטהו רעדט די גמרא אין א פארשטעלטער פארם, ווען זי דערצעהלט, אז די "אנשי כנסת הגדולה" האבען גע'שחט'ן דעם "יצר־הרע פון עבודה זרה". פון דערזעלבער וויכטיגקייט זיינען אויך געווען די תקנות פון די "אנשי כנסת הגדולה" וועגען הייראטען קרובים, וואס די גמרא זאגט וועגען דעם, אז זיי האבען געכאפט דעם "יצר־הרע פון ליעבע" און זיי האבען איהם געבלענדעט די אויגען (זעה יומא דף ס"ט עמוד ב').

אויסערדעם האבען די "אנשי כנסת הגדולה" פעסטגעזעצט יעדעס ווארט אין דער תורה מיט די אותיות און נקודות. זיי האבען אויך איינגעפיהרט, אז די מענשען פון די דערפער ארום ירושלים זאלען זיך צוזאמענקומען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג, ווי מען זאל פאר זיי פארלייענען א פרשה פון דער תורה. און אין ירושלים זאל מען לייענען יעדען שבת א גאנצע סדרא. זיי האבען אויך פעסטגעזעצט א נייע ארדנונג אינ'ם לוח, מען זאל נישט צעהלען די יאהרען פון ניסן, נור פון תשרי — און דער "יום תרועה" פונ'ם ערשטען טאג תשרי זאל זיין "ראש השנה".

פיעלע פון די אלטע איינריכטונגען אינ'ם בית־המקדש זיינען אין יענער צייט פון זיך אליין בטל געווארען. אזוי האט מען נישט געמאכט קיין "כרובים" ביים צווייטען בית־המקדש, ווייל ווען נבוכדנצר'ס סאלדאטען האבען חרוב געמאכט דעם ערשטען בית־המקדש, האבען זיי ארויסגעטראגען די "כרובים" אין גאס און ארומגעוויזען, אז אזוי זעהט אויס דער אידישער גאט. עס איז אויך דעמאלט בטל געווארען דער "יובל". אזוי ווי עס איז דאן געווען פארבאטען צו האלטען אידישע שקלאפען, האט מען נישט מעהר געדארפט דעם "יובל", וועלכער זאל די אידישע שקלאפען באפרייען. עס זיינען אויך נישט געווען די "אורים ותומים", חאטש דער כהן גדול האט ווייטער געטראגען דעם "חושן ואפוד".

חוץ דעם האבען די "אנשי כנסת הגדולה" אוועקגעזעצט דיינים אין אלע ערטער, וואו אידען האבען געוואוינט, יעדער זאל קענען געפינען גערעכטיגקייט לויט די דינים פון דער תורה. זיי האבען אויך פעסטגעשטעלט דעם אינהאלט פון די תפילין און מזוזות, געמאכט א "סייג" אין די חומרות, דאס מיינט, אז זיי האבען פארבאטען געוויסע ערלויבטע זאכען. כדי נישט צוצולאזען, אימיצער זאל זיך מתיר מאכען א הארבערע זאך. דעסגלייכען האבען זיי אויסגעטייטשט דעם "עין תחת עין" פון דער תורה, אז די שטראף פאר א פארקריפלונג זאל נישט זיין ווערטערליך "אן אויג פאר אן אויג און א צאהן פאר א צאהן", חאטש דער פסוק זאגט "כאשר יתן מום באדם כן ינתן בו" (ויקרא קאפיטעל כ"ד פסוק כ'). נור דער שלעגער זאל דארפען באצאהלען דעם שאדען פאר דער פארקריפלונג.

די נויטווענדיגקייט פאר דער צוזאמענשטעלונג פון דער "תורה שבעל־פה", זי אפצוהיטען פון פארלוירען געהן, האט זיך אם שטארקסטען געוויזען ביי דער איינטייטשונג פון די מצוות. ווען עס איז בטל געווארען דאס מקריב זיין קרבנות און מען האט איינגעפיהרט דאס דאווענען אנשטאט קרבנות. מען האט אויך דאן געדארפט אויפשרייבען די דינים פונ'ם דאווענען און עס האט זיך געפאדערט, צו האבען צוזאמענגעשטעלט די דינים פון יענע מצוות. וואס זיינען נישט קלאר אנגעזאגט אין דער תורה. דערצו האבען זיך נאך די באַגריפען פון די מענשען אין פארלויף פון די זיבען יאהרהונדערטער איבערגעאנ־

דערשט. ווען די אידען זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל קיין ארץ־ישראל, זיינען זיי געווען אקערבויער און פאסטוכער. שפעטער איז צוגעקומען א קלאס לוין־ארבייטער, סוחרים און בעלי־מלאכות. האט זיך דערפאר גענויטיגט א נייע איינטייטשונג פון די מצוות, לויט דער אנטוויקלונג פון די באגריפען אין יענער צייט.

פון אט די פארשידענע איינטייטשונגען האט זיך דערנאך אנטוויקעלט א גרויסע שורה ספרים, וואס זייער אינהאלט איז היינט דער העכסטער שטאלץ פון׳ם אידישען פאלק, דהיינו: זעכציג תלמודישע מסכתות אין צווייערליי טעקסטען, דערצו קומט נאך א תוספתא, א ספרא, א ספרי, א מכילתא און הונדערטער פארשידענע מדרשים.

די דאזיגע גאנצע ליטעראטור איז איינגעטיילט אין א ״הלכה״ און אין אן ״אגדה״. די ״הלכה״ באשטימט די פארשריפטען ביי דער דורכפיהרונג פון יעדער מצוה. די ״אגדה״ דאגעגען בלאזט אריין א לעבעדיגען אטעם אין דער טרוקענער מצוה, פוצט זי ארום און פארשעהנערט זי מיט א פאעטישער וויכקייט, וועלכע גיט איהר אן אייגענארטיגען חן. די ״הלכה״ לערענט, ווי אזוי אפצוהיטען שבת און יום־טוב, ווי אזוי עס דארף געמאכט ווערען א סוכה, וואס די ״ארבעה מינים״ זיינען און אזוי ווייטער. די ״אגדה״ דאגעגען ער־קלערט די גייסטיגע ווערדע פונ׳ם שבת, גלייך ווי די באדייטונג פון יעדען יום טוב און זיינע מנהגים. זיינען טאקע ביידע, סיי די הלכה און סיי די אגדה, די גרונדלאגען פון דער ״תורה שבעל־פה״ און זיי האבען ביידע דעמזעלבען ווערט פאר דער אנטוויקלונג פון אידישקייט.

וועגען דער ״אגדה״ איז נאך צו באמערקען, אז זי האט אויסערדעם איהר אייגענע ווערדע אין אן אנדערער באציהונג, ווייל זי רעדט כסדר וועגען דעם באגריף פון גערעכטיגקייט, גלייך ווי זי רעדט הויך און טיעף וועגען דער געטליכ־קייט. זי דערמאנט אויך פארשידענע זכרונות און פארצייכענט נאטיצען פון דער געשיכטע, גלייך ווי זי ברענגט וויסענשאפטליכע ידיעות און אלגעמיינע רפואות, גלייכווערטלעך און לעבענסוואהרהייטען, וואס האבען זיך אנגעקלי־בען ביי אידען אין פארלויף פון יענע זיבען יאהר־הונדערטער.

אין דער ״הלכה״ געפינען זיך די רעליגיעזע פארשריפטען, וואס א איד דארף אפהיטען, גלייך ווי דאס רעכט אינ׳ם פארהעלטנים פון איין מענש צום אנדערען. אט די צוויי מינים געזעצען רופט דער תלמוד ״איסורים״ און ״דינים״. אזוי זיינען אויך די לעהרער פון די דאזיגע צוויי מינים געזעצען איינגע־טיילט אין צוויי קלאסען. איינע זיינען מעהר אויטאריטעט אין רעליגיעזע פארשריפטען און אנדערע זיינען מעהר אויטאריטאטיוו ביי די דינים פון מענש צו מענש.

ביי די רעליגיעזע פארשריפטען האבען זיך די חכמים באשטרעבט צו בא־שטימען די גרענעצען פאר׳ן ״סייג לתורה״, וואס די ״אנשי כנסת הגדולה״ האבען געהייסען מאכען. מאנכע פון די דאזיגע באשרענקונגען זיינען געווען צופיל פאר די שפעטערע חכמים. האבען שוין די ״תנאים״ פון דער משנה געהאלטען, אז ״ווער עס וויל מחמיר זיין, דארף ברענגען א ראיה, פון וואנען ער לערענט דאס ארויס״ (ידים פרק ד׳ משנה ג׳). דערנאך איז געזאגט געווא־רען, אז ״ווער עס וויל זיך פיהרען לויט די חומרות פון בית שמאי און די חומרות פון בית הלל, קען אויף איהם געזאגט ווערען, אז ער איז א נאר, וואס געהט אין דער פינסטערניש״ (ערובין דף ו׳ עמוד ב׳). און רב חייא האט אנ־געזאגט, נישט צו מאכען דעם ״גדר״, דאס הייסט דעם ״סייג לתורה״, גרע־סער פונ׳ם עיקר (בראשית רבה פרשה י״ט פיסקא ד׳).

דערפאר האבען עס די חכמים ניט געוואלט לײדען, ווען א מענש נעמט אויף זיך אליין פארפליכטונגען, צו טהון זאכען, צו וועלכע ער איז געזעצליך ניט

מחויב. האָבען זיי וועגען דעם געזאָגט, אז ווער עס איז פטור פון א זאך און ער טוט זי טראָצדעם, דארף אָנגערופען ווערען "פּראָסטאָק" (ירושלמי שבוע פּ״ק א׳ הלכה ב׳). אן אנדערער פון די "אמוראים" האָט ווייטער געזאָגט: "איז דיר נישט גענוג, וואָס די תורה האָט פארבאָטען, וואָס דו ווילסט דיר גאָר אליין פארביטען אנדערע זאכען?" (ירושלמי שבת פרק ז׳ הלכה ב׳). און חאָטש אנדערע חכמים פלעגען מחמיר זיין ביי געוויסע מצוות דרבנן מעהר ווי ביי די מצוות פון דער תורה (זעה ברכות דף ד׳ עמוד ב׳, סנהדרין דף פ״ח עמוד ב׳), האָט ביי זיי פון דעסטוועגען געהערשט א טענדענץ, צו פארגרינגערען דאָס אָפּהיטען די מצוות (שבת דף ל״ד עמוד א׳, ערובין דף מ״ו עמוד א׳).

געוועהנליך איז דאמאָלס דער "סייג לתורה" געווען זעהר צייטגעמעס, ווייל עס האָבען נאָך די אידישע פאָלקסמאסען אין אלגעמיין נישט געהאט קיין קלאָרען באגריף אין די וועגען פון דער תורה. האָבען זיך דאן פון אָט דעם "סייג" אנטוויקעלט פיעלע און פארשידענע דינים, א שטייגער ווי די פארשארפונגען ביי די פאַרשריפטן וועגען הייראטען, וואָס זיינען באקאנט אונטער׳ן נאָמען "שניות לעריות" אָדער "שניות מדברי סופרים", וועגען וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען א משל, אז דאָס איז גלייך ווי א מענש שטעלט זיך אוועק היטען א גאָרטען, און ווען דער מענש היט דעם גאָרטען פון אויסענווייניג, איז דער גאָרטען אין גאנצען אָפּגעהיט.

שטארק באזאָרגט וועגען דער ריינקייט פון דער פיהרונג און די היייליגקייט פון דער מאָראל, האָבען די חכמים געמאכט א "סייג", נישט צו זיין אליין מיט א פארהייראטהער פרוי אויף אן אָרט, וואו מענשען געהען נישט. דאכט זיך אָבער, אז דער דאָזיגער איסור שטאמט גאָר פון א פריהערער צייט (זעה קדושין דף פ׳ עמוד ב׳). און חוץ די "עריות" פון דער תורה, וואָס זיינען אויסגערעכענט אין פרשת אחרי (ויקרא קאפּיטעל י״ח), האָבען נאָך די חכמים פארבאָטען 26 מינים ווייטערע קרובים, וואָס א מענש טאָר ניט הייראטען (זעה יבמות דף כ״א עמוד א׳ און ירושלמי יבמות פרק ב׳ הלכה ג׳).

אזוי ווי מען האָט אין פריהערע דורות ביז צו די צייטען פון עזרא און נחמיה נישט זעהר באאָבאכטעט דאָס אָפּהיטען פונ׳ם שבת ווי געהעריג, האָבען די חכמים געווארענט די מענשען, אָפּצוהיטען דעם שבת און איהם צו פארהייליגען דורך א "סייג" ארום זיינע פאָרשריפטען, דער עולם זאָל נישט לערנען קיין פאלשען פשט אין דעם, וואָס מען מעג טהון, כדי נישט צו קענען טהון זאכען, וואָס מען טאָר ניט.

פון דאמאָלס אָן איז באשטימט געוואָרען די באדייטונג פונ׳ם וואָרט "מלאכה", איטליכער זאָל וויסען, וואָסערע ארבייטען עס מעגען געטהאָן ווערען אים שבת. האָבען די חכמים באשטימט 39 הויפּט־מלאכות, וואָס פאר יעדער פון זיי קומט מיתה אָדער וויינינגסטענס מלקות, דהיינו: זייען, אקערען, שניידען די תבואה, אהיים־פיהרען פונ׳ם פעלד, דרעשען, באקען און קאָכען, אָנצינדען א פייער אָדער אויסלעשען, יאָגען חיות, הרג׳ענען, באארבייטען די פעל, שרייבען און מעקען, בויען און איינרייסען, צורייסען און צוזאמענגייהען, טראָגען פונ׳ם הויז אויף דער גאס ארויס אָדער אומגעקעהרט (זעה שבת דף ע״ג עמוד א׳).

חוץ די דאָזיגע אלע מלאכות האָבען די חכמים פארבאָטען פיעלע טהעטיגקייטען, וואָס זיינען אייגענטליך ניט קיין מלאכה, און דער פארבאָט וועגען זיי איז בלויז, ווייל עס זעהט זיך אין דעם א וואָכיגע פיהרונג, א שטייגער ווי: קלעטערען אויף א בוים, רייטען אויף א בהמה, שווימען אויף׳ן וואסער, זיצען צו׳ן א משפט, באשעפטיגען זיך מיט קויף און פארקויף, הייראטען און אנדערע עהנליכע טהעטיגקייטען. אָט די אלע טהעטיגקייטען זיינען פארבאָטען

צו טהון אים שבת וועגען דער נויטיגקייט פון אַ פולשטענדיגען רוהען און זיי זיינען אויך נישט ערלויבט אים יום טוב (ביצה דף ל"ו עמוד ב').

זאָרגענדיג פאַר דער היילוגונג פונ'ם שבת, האָבען די חכמים פאַרבאָטען, אַרויסצוטראָגען אין גאַס פאַרשיעדענע כלים, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר אַזעלכע ארבייטען, וואָס זיינען פאַרבאָטען אים שבת.—און אום צו מאַכען אַ "משמרת" צום שבת, האָבען די חכמים איינגעפיהרט, צו פייערען דעם שבת פון זונען-אונטערגאַנג פרייטאָג ביז שטערען-אויפגאַנג אים מוצאי-שבת. אין דערזעלבער צייט איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען צו מאַכען "קידוש" און "הבדלה" איבער אַ גלאָז וויין ביים אָנקומען און ביים אַוועקגעהן פונ'ם שבת (ברכות דף ל"ג עמוד א').

עס איז אויך באַשטימט געוואָרען אַ מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט געבען אַ צייכען מיט'ן שופר, דער עולם זאָל אויפהערען ארבייטען. דער ערשטער בלאָז פונ'ם שופר איז געווען אַ צייכען צו די ארבייטער אין די פעלדער, זיי זאָלען אַוועקלייגען די ארבייט. דער צווייטער בלאָז איז געווען אַ צייכען צו די הענדלער און צו די בעלי-מלאכות אין שטאָדט, אויפצוהערען ארבייטען. דער דריטער בלאָז איז געווען אַ צייכען, אויפצוהערען יעדע ארבייט אין הויז. דערנאָך האָט מען נאָך געדאַרפט געבען איין בלאָז אַלס צייכען, אַז דער שבת איז אָנגעקומען (שבת דף ל"ה עמוד ב' און דף קי"ד עמוד א', סוכה דף נ"ז עמוד ב', חולין דף כ"ו עמוד ב').

גאַנץ באַזונדערס האָבען זיך די חכמים געסטאַרעט, ווי ווייט זייערע מעגליכקייטען האָבען געגרייכט, צו העלפען באַפרייען אַן "עגונה" פון איהרע קייטען. אָט אַזאַ פאַרגרינגערונג האָט זיך דעמאָלט זעהר שטאַרק גענויטיגט. די מאַנסבילען פלעגען מוזען אַוועקגעהען פונ'ם הויז אויף צו זוכען פרנסה אין די געפעהרליכסטע מקומות, וואו מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס לעבען אָדער מען האָט זיי פאַרשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט — און די ווייבער זיינען געבליבען אייביגע "עגונות" (זעה גטין דף ג' עמוד א' און דף י"ט עמוד ב').

דעסגלייכען האָבען די חכמים געשטרעבט צו פאַרגרינגערען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אויסקויפען אַ שטיק ערד אין ארץ-ישראל פון גוי'שע הענט, מען זאָל מעגען שרייבען אַזאַ "קאָנטראַקט" אַפילו אים שבת. פרעגט אויף דעם די גמרא: "ווי קען מען שרייבען אַ קאָנטראַקט אים שבת? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?" — איז דער תירוץ, אַז מען מעג לאָזען שרייבען אַזאַ קאָנטראַקט דורך אַ גוי, ווייל אַנדערע זאַכען טאָר מען אים שבת אַפילו דורך אַ גוי אויך נישט טהון. אָבער אויסצוקויפען ארץ-ישראל'דיגען באָדען פון אַ גוי, מעג מען הייסען שרייבען אַ "קאָנטראַקט" אַפילו אים שבת (גטין דף ח' עמוד ב').

עס איז אויך געווען אָנגענומען אַ כלל, אַז גלייך ווי מען טאָר נישט ערקלערען דאָס אומריינע פאַר ריין, טאָר מען נישט ערקלערען דאָס ריינע פאַר אומריין (זעה ירושלמי סוטה פרק ח' הלכה ב'). האָט ר' נחוניא בן הקנה דאַדורך שטענדיג געבעטען, ער זאָל אָפּגעהיט ווערען פון זאָגען אויף אומריין ריין אָדער ריין אויף אומריין (ברכות דף כ"ח עמוד ב'). און ווען די חכמים האָבען אַמאָל פאַרבאָטען אַ זאַך צו טהון אָדער צו געניסען, זיינען זיי שטענדיג געווען באַדאַכט, צי די מענשען וועלען קענען דעם איסור פאַרטראָגען (בבא בתרא דף ס' עמוד ב', עבודה זרה דף ל' עמוד א').

איז דערפאַר אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז מיט'ן וועג פון "כחא דהיתרא עדיף" זיינען זיי בלויז געגאַנגען ביי רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען, נאָר ביי

אזעלכע פראגען האָט בית הלל גע'פסק'ענט "לקולא" און די הלכה איז געבליבען ווי בית הלל האָט געזאָגט (ערובין דף י"ג עמוד ב').

נישט אזוי איז געווען, וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א משפט צווישען מענש און מענש. דאָרט האָבען אונזערע חכמים שטאַרק אריינגעקלערט אינ'ם ענין און שטענדיג באַטראַכט יעדע אָנגעלעגענהייט אויף אן אייגענעם שטייגער, שטרעבענדיג דערביי נישט צו מוזען תמיד האַנדלען לויט דער שטרענג־קייט פונ'ם כלל, אז דאָס געזעץ מעג דורכלעכערען א באַרג ("יקוב הדין את ההר"), ווייל זיי האָבען געגלויבט, אז ירושלים איז בלויז דורכדעם חרוב גע־וואָרען, ווייל די מענשען האָבען זיך געשטעלט אויפ'ן בוכשטאַב פונ'ם דין און זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פיהרען פון רחמנות, צו געהן אויסער־האַלב פונ'ם דין (בבא מציעא דף ל' עמוד ב').

האָבען אָבער די חכמים געהאַלטען, אז נישט דער שטרענגער דין איז דער צוועק פון דער תורה, נאָר די גוטהאַרציגקייט, וואָס איינער באַווייזט צום אַנ־דערען. די חכמים האָבען אויך געהאַלטען, אז ווען א מענש טוט גוטס צו א צווייטען מיט געלד אָדער מיט אַנדערע גוטע מעשים, נאָר ער טוט דאָס ווי א פליכט, פּטור צו ווערען, איז עס נישט אָנגענומען ביים אויבערשטען, ווייל ער האָט עס נישט געטהון מיט ליבשאַפט און גוטהאַרציגקייט (סוכה דף מ"ט עמוד ב'). דעסגלייכען האָבען זיי געגלויבט, אז אפילו דאָס לערנען האָט נישט קיין ווערט ווען עס איז נישט פאַרבונדען מיט גוטהאַרציגקייט צו די מיטמענשען (זעה יבמות דף ק"ט עמוד ב').

דער "שלום־בית" צווישען מאַן און פרוי איז ביי אונזערע חכמים געווען דער גרונדשטיין פון דער פאַמיליע. האָבען זיי דערפאַר געזאָגט, אז "ווער עס האָט ליב זיין ווייב ווי זיך אליין און ער האַלט זי בכבוד מעהר ווי זיך אליין, דערביי פיהרט ער אויך זיינע קינדער אויפ'ן גלייכען וועג, האָט ליב זיינע שכנים און איז מקרב זיינע קרובים, אָט אזא מענש טוט געוועהנליך דאָס, וואָס דער אויבערשטער וויל" (יבמות דף ס"ב עמוד ב'). ביי דער ליבע צו קינ־דער האָבען אויך די חכמים אָנגעזאָגט, דער מענש זאָל אַלע זיינע קינדער גלייך ליב האָבען און נישט פאַרקירצען די ירושה פון איינעם פאַר'ן נוצען פון אן אַנדערען, אַפילו נישט צו געבען דעם חלק ירושה פון א זוהן א רשע צו א זוהן א צדיק (בבא בתרא דף קל"ג עמוד ב').

ביי דער גאָטספאַרכטיגקייט פון די מענשען האָבען די חכמים געהייסען נעהמען אַלס מוסטער די פרומקייט פון איוב, און אין דער ליבע צום אויבער־שטען האָבען זיי געהייסען נעהמען אברהם אבינו אַלס מוסטער. זיי זיינען ביידע געווען גרייט צו פאַרציכטען אויף זייער אייגענעם כבוד און באַקוועמליכ־קייט, אבי צו ברענגען נוצען צו אַנדערע. א מענש דאַרף זיך אויך לאָזען באַ־ליידיגען און קיינעם נישט באַליידיגען, הערען זיך באַשימפּפען און נישט ענטפערען, טהון מצוות אין ליבשאַפט און פרעהען זיך מיט יסורים (יומא דף כ"ג עמוד א'). דעסגלייכען דאַרף זיך א מענש לאָזען פאַרפאַלגען און אליין קיינעם נישט פאַרפאַלגען (בבא קמא דף צ"ג עמוד א').

חוץ דעם איז דאָס אידעאַל פון דער גמרא — דער "תלמיד חכם", וואָס זיין גאַנץ שטרעבען איז בלויז די תורה און דער וואונש פון זיין נשמה איז צו דער־גרייכען די העכסטע מדרגה פון מוסר אין זיין פיהרונג נעגען גאָט און מענשען.

איז אָבער א פראגע, ווער קען זיך רעכענען פאַר א "תלמיד חכם"?—זאָגט די גמרא אויף דעם, אז דער וואָס מען קען איהם פרעגען א הלכה אויף יעדען פּלאַץ און ער ווייסט זי, דער איז א "תלמיד חכם". אַנדערע זאָגען, אז ווער עס פאַרנאַכלעסיגט זיינע אייגענע אינטערעסען און ער גיט זיך אָפּ בלויז מיט געטליכע אינטערעסען, דער איז א "תלמיד חכם" (שבת דף קי"ד עמוד ב').

צום אַריינפיהר

די דאָזיגע "תלמידי חכמים" דאַרפען זיך שטענדיג באַשטרעבען, צו זיין א מוסטער פאַר אַלעמען מיט זייער פיהרונג, אפילו מיט זייער אויסערליכקייט. א תלמיד חכם טאָר נישט האָבען קיין פלעק אויף זיינע מלבושים, ער דאַרף האָבען דעם חן פון א מיידעל (איכה רבתי פרשה א' פיסקא ד'), ער דאַרף אויך זיין אַנדערש ווי אַלע מענשען ביי זיין עסען, ביי זיין זיצען, ביים אויפשטעהן און ביים געהן אין גאַס (דרך ארץ זוטא פרק ד' און פרק ה').

פאַרשידענע מצוות פון דער תורה זיינען אָפּגעהיט געוואָרען ביי אידען בעפאָר "מתן תורה" — און ווען אידען האָבען דערנאָך באַקומען די תורה, האָט זי בלויז געהאַט די אויפגאַבע, יענע פון לאַנג אָנגענומענע מצוות צו באַגרינדען און צו באַפעסטיגען. און ווען עס איז געזאָגט אין דער גמרא, אַז אברהם אבינו האָט מקיים געווען אַלע מצוות, זאָגאר די מצוה פון "ערוב תבשילין" (יומא דף כ"ה עמוד ב'), שטעקט אין דעם א טיעפער געדאַנק, וואָס וויל אונז זאָגען, אַז דער רוב מצוות, וואָס די חכמים האָבען אַריינגעטייטשט אין דער תורה, זיינען געווען איינגעפיהרט ביי אידען פון לאַנג פריהער.

וואָס "תפילין" זיינען, דאַרף דאָ נישט ערשט באַשריבען ווערען. איז דערפאַר מערקווירדיג, אַז די "משנה" זאָגט גאָר נישט וועגען די דינים פון תפילין, ווי אַזוי זיי דאַרפען אויסזעהען, אָדער ווי אַזוי מען דאַרף זיי מאַכען, גלייך ווי עס איז דאָרט גאָר נישט געזאָגט וועגען די ברכות, וואָס מען דאַרף איבער די תפילין זאָגען. איז דערפאַר אָנצונעהמען, אַז די דאָזיגע אַלע דינים זיינען געווען באַקאַנט אין דער צייט, וואָס די משנה איז פאַרפאַסט געוואָרען. האָבען אָבער די שפּעטערע חכמים מורא געהאַט, אַז די דינים און מנהגים וואָס באַלאַנגען צו דער מצוה פון תפילין, וועלען פאַרגעסען ווערען, האָבען זיי דערפאַר די דאָזיגע דינים אויפגעשריבען (זעה פירוש המשניות להרמב"ם צו מסכת מנחות).

אין די תפילין אינעווייניג זיינען אויפגעשריבען פיער פאַרשיעדענע פרשיות פון דער תורה, אין וועלכע עס ווערד גערעדט וועגען "יציאת מצרים" און עס ווערד אויך דאָרט אָנגעזאָגט, אַז "די דאָזיגע ווערטער זאָלען זיין א צייכען אויף דער האַנד און א ציערונג צווישען די אויגען". ווערד דאָרט פאַר'ן באַגריף "ציערונג" געברויכט דאָס וואָרט "טוטפת". האָבען די חכמים פון דעם דאָזיגען וואָרט געוואָלט אַרויסלערנען, אַז די תפילין דאַרפען האָבען פיער פרשיות. האָבען זיי פּרובירט אויסטייטשען, אַז וואָס דאָס וואָרט "טוטפות"

שטעהט איין מאָל חסר (אָהן וואָווען) און צוויי מאָל "מלא" (מיט א ו' נאָך דער ערשטער ט') איז דאָס געמיינט, עס זאָל אויסקומען פיער. דערנאָך איז געקומען רבי עקיבא, וועלכער האָט געוועהנליך אַריינגעקוועטשט די ווערטער אין זיינע דרשות אויף אַזא אופן, זיי זאָלען מוזען דאָס אַרויסברענגען, וואָס ער וויל. האָט ער אַריינגע'פשט'לט וועגען דעם וואָרט "טוטפת", אַז עס מיינט פיער, ווייל "טט" הייסט אין כתפי'שען לשון צוויי און "פת" הייסט אויף'ן לשון פון אפריקי צוויי (סנהדרין דף ד' עמוד ב', זבחים דף ל"ז עמוד ב', מנחות דף ל"ד עמוד ב').

דאָס וואָס "טוטפת" ווערד אויך דערמאָנט איין מאָל אין דער משנה (שבת דף נ"ז עמוד א') און עס הייסט אַזוי פיעל ווי א "שטערענבלאַט", ערקלערען דאָרט די מפרשים, אַז דאָס איז אַזא ציערונג, וועלכעס ווערד אָנגעטהון אויף'ן אָרט פון תפילין. מיר געפינען אויך אויסערדעם דאָס וואָרט "טוטפת" איין מאָל אין דער גמרא אַלס א באַצייכנונג פאַר "תפילין" (יומא דף ל"ג עמוד ב').

אין די צייטען פון בעפאָר "מתן תורה" איז ביי אַלע דאַמאָלסדיגע פעל־קער געווען אָנגענומען א מנהג, אַז די פּריסטער זייערע גלייך ווי אַלע אַנדערע מענשען, וואָס זיינען געווען באַשעפטיגט ביי זייערע הייליגטהימער, האָבען אויף זיך געטראָגען אַזעלכע מיני רעליגיעזע צייכענס, איטליכער זאָל אויף זיי דער־

קענען, אַז זיי זיינען מענשען, וואָס זייער לעבען איז געווידמעט צום געטליכען דיענסט. שפּעטער איז דער דאָזיגער מנהג פון באַצייכענען די מענשען לויט זייער אַמט אַריבערגעגאַנגען צום געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען. האָבען דאן די פיהרער פון דער אַרמיי און די בעאַמטע געטראָגען באַזונדערע צייכענס, מען זאָל אויף זיי דערקענען, אַז זיי זיינען דיענער ביי דער רעגיערונג. אויף דעמזעלבען אופן האָבען די אידען אָנגענומען די ״תפילין״ אַלס אַ צייכען, אַז די מענשען, וואָס טראָגען זיי, שטעהען אין דיענסט ביים אויבערשטען.

דאַרף מען דערפאַר וויסען, אַז חאָטש די מצוה פון ״תפילין״ שטעהט נישט בפירוש אין דער תורה, נור מיר האָבען זי אין דער טראַדיציע (זעה זבחים דף ל״ז עמוד ב׳, מנחות דף ל״ד עמוד ב׳), מען וואָלט אויך אויסערדעם געקענט דעם ״טוטפת״ אַנדערש איינטייטשען, ווי דער רשב״ם האָט שוין דאָס באַמערקט, איז פון דעסטוועגען ניט דער מינדעסטער ספק, אַז די מצוה פון תפילין האָט געהערשט ביי אידען אין אַלע צייטען — והא ראיה, אַז ווען דער קעניג פּטאָלאָמעאוס פון עגיפּטען (תלמי המלך) האָט געשיקט זיינע שלוחים קיין ירושלים, זיי זאָלען זיך דאָרט אינפאָרמירען וועגען די מנהגים פון דער אידישער אמונה, האָט זיי אלעזר כהן גדול ערקלערט דעם ענין פון ״תפילין״ (זעה ספר ״מאור עינים״, לר׳ עזריה מן האדומים, פּרק הדרת זקנים).

פאַרהאַנען אַ ״פּלוגתא״ אין דער גמרא, צי שבת איז אַ צייט פון תפילין. זאָגט אויף דעם רבי עקיבא, אַז אַזוי ווי די תפילין זיינען אַ צייכען פאַר׳ן אָנדענק פון ״יציאת מצרים״, דאַרף מען זיי ניט טראָגען אין אַזעלכע טעג, וואָס זיי אַליין זיינען אַ צייכען פון יציאת מצרים, דאָס מיינט שבת און יום טוב. איז ווייטער אַ קשיא, צי מען דאַרף אויך ביי נאַכט טראָגען תפילין. האָט רבי עקיבא געזאָגט, אַז ביינאַכט איז יאָ אַ צייט פון תפילין, נור שבת איז נישט קיין טאָג פון תפילין־לייגען (ערובין דף צ״ו עמוד א׳).

ווייבער, שקלאַפען און קינדער זיינען פּטור פון תפילין (ברכות דף כ׳ עמוד ב׳). די גמרא לערענט דאָס אַרויס פון דעם באַוואוסטען כלל, אַז ביי יעדער ״מצות עשה שהזמן גרמא״, דאָס מיינט אַזאַ מצוה, וועלכע איז אָפּהענגיג פון אַ באַשטימטער צייט, זיינען פרויען באַפרייט (קדושין דף כ״ט עמוד א׳). איז ווייטער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די גמרא פרעגט אויף אַן אַנדער אָרט: ״פון וואַנען איז געדרונגען, אַז פרויען זיינען באַפרייט פון אַ מצות עשה שהזמן גרמא?״ און זי ענטפערט דאָרט, אַז מען לערענט דאָס אַרויס פון מצות תפילין. אַזוי ווי ביי תפילין, וועלכע זיינען פאַרפליכטענדיג פאַר אַ באַשטימטע צייט, זיינען פרויען דערפון באַפרייט, אַזוי זיינען אויך פרויען באַפרייט פון יעדער אַנדערער מצוה, וועלכע איז אָפּהענגיג פון דער צייט (קדושין דף ל״ד עמוד א׳).

אָט דער לאָגישער שלום וועגען דער באַפרייאונג פון די ווייבער, זיי זאָלען נישט דאַרפען טראָגען קיין תפילין, געהט אין אַ צווייפאַכער ריכטונג: איינמאָל הייסט עס, אַז פרויען זיינען פּטור פון תפילין, ווייל עס איז אַ ״מצות עשה שהזמן גרמא״ און איינמאָל איז דער דין פון תפילין ווייטער אַ באַווייז, אַז אַזוי ווי פרויען זיינען באַפרייט פון תפילין, אַזוי זיינען זיי אויך באַפרייט פון יעדער אַנדערער ״מצות עשה שהזמן גרמא״.

לויט ווי עס איז אויבען ערקלערט, זיינען די תפילין אַ צייכען פאַר די, וואָס טראָגען זיי, אַז זיי זיינען בלויז איבערגעגעבען צו גאָט און זיי אַנערקענען נישט קיין אַנדערע הערשאַפט איבער זיך. אָבער פרויען, וועלכע זיינען לויט די באַגריפען פון יענע צייטען געוועזען דאָס אייגענטום פון די מאַנען און די פאַרהייראַטע פרוי איז געוועזען אונטערטעניג ווי אַ שקלאַפין, וואָס קען נישט אַליין פאַרפיגען איבער איהר טהעטיגקייט, האָט מען איהר נישט געקענט הייסען טראָגען קיין ״תפילין״.

צום אריינפיהר

ווערד פון דעסטוועגען דערצעהלט, אז מיכל בת כושי, וועלכעס זאָל הייסען מיכל בת שאול, האָט יא געלייגט תפילין (ערובין דף צ״ו עמוד א׳). איז דאָס אויסגעלערענט געוואָרען דערפון, וואָס מיכל בת שאול איז אמאָל אויסגעקומען מיט שארפע ווערטער געגען דוד המלך (שמואל ב׳ קאפיטעל ו׳ פסוק כ׳). פון אן אנדערער פרוי, וואָס איהר נאָמען איז נישט באקאנט געוואָרען, ווערד דערצעהלט, אז זי האָט גאָר געשריבען די תפילין פאַר איהר מאַן (בכורות דף ל׳ עמוד ב׳).

שקלאפען זיינען אין דער אנגעלעגענהייט פון ״תפילין״ געווען ווי וויבער. און אזוי ווי עס שטעהט אין די תפילין, אז דער אויבערשטער איז דער איינציגער האר פון דער וועלט, האָט מען נישט געקענט הייסען טראָגען תפילין א מענשען, וועלכער האָט געדאַרפט אנערקענען א מענשליכען האר איבער זיך. ווערד פון דעסטוועגען דערצעהלט, אז טבי, דער קנעכט פון רבן גמליאל, האָט יא געלייגט תפילין (מכילתא פ׳ בא).

עס איז אפילו שווער אנצונעהמען דעם תלמוד ווי אן איינהייטליך ווערק. די לעהרען פון זיבען יאָהרהונדערטער לאָזען זיך נישט אזוי גרינג צונויפגיסען אין איין פאָרם, איבערהויפט ווען עס האָבען דארט געשאלטעט און געוואַלטעט פארשידענע הענד, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט א באזונדערען געשמאַק. טראָגט אָבער דאָס גאַנצע אזוי צו זאָגען אן איינהייטליכען כאראקטער.

וואָס די חכמים האָבען געדענקט וועגען גאָט, איז לויט די דאַמאָלדיגע באַגריפען העכסט אייגענארטיג, ווייל עס איז געווען אנדערש ווי ביי אלע פעלקער, צווישען וועלכע אידען האָבען געלעבט. די גריכישע קולטור איז שוין דאַמאָלס זעהר הויך געשטאַנען און די גריכען האָבען פון דעסטוועגען געהאַלטען פון פיעלגעטעריי. דאָס נעמליכע איז אויך געווען ביי די רוימער, ביי די פארטהער און ביי די פערזער. שפּעטער האָט די קריסטליכע דרייאייניגקייט געוואלט איינריידען, אז זייער גלויבען איז א פאָרטזעצונג פון דער אידישער אמונה, מוז מען דערפאַר שטוינען איבער דער גבורה פון אונזערע חכמים און דעם ערפאָלג פון זייער קאמפף, ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבען, צו באַקעמפפען יעדען פרואוו פון אָט די אלע מיני שותפות׳ן צו ״כביכול״.

די פאָרשטעלונג פונ׳ם אויבערשטען אויף א קערפערליכען שטייגער, ווי מען פלעגט זאָגען: די האַנד פון גאָט, דאָס מויל פון גאָט, די פיס פון גאָט, דער רוקען פון גאָט וכדומה, האָבען די חכמים ערקלערט, אז מען האָט דאָס געדאַרפט שילדערען אויף אזא שטייגער, וועלכער זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די מענשליכע באגריפען. זיי וואָלטען דאָס זאָנסט ניט געקענט פערשטעהן. גלייכצייטיג איז אָבער אויסדריקליך אָנגעזאָגט געוואָרען, מען זאָל די דאָזיגע באגריפען ניט וועלען פארשטעהן אין זייער איינפאכער באדייטונג, אז דער אויבערשטער האָט כביכול הענד און פיס אדער א מויל, ווי להבדיל א מענש (זעה מכילתא פ׳ יתרו).

האָבען דאן די חכמים באצייכענט דעם אויבערשטען מיט אזעלכע נעמען, וואָס דער צוועק זייערער איז געווען, צו דערהויבען זייער באדייטונג איבער יעדען מענשליכען באגריף. האָט מען דעם אויבערשטען באצייכענט מיט׳ן ווארט ״שכינה״, וועלכעס מיינט די הערליכקייט, וואָס שיינט ארויס פון דער געטליכער מאיעסטעט. אמאָל האָט מען אויך באצייכענט דעם אויבערשטען מיט׳ן ווארט ״גבורה״, מיט וועלכען עס האָט זיך געוואָלט זאָגען, אז ער שטעלט פאָר די אלמאַכט פון דער וועלט, וואו עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שטאַרקערס פון איהם. דעסגלייכען האָט ער דעם נאָמען ״מקום״, ווייל ער געפינט זיך אומעטום אויף יעדען אָרט. ער ווערד אויך באצייכענט מיט׳ן וואָרט ״שמים״ אויפ׳ן נאָמען פון זיין וואוינונג. דאביי איז כאראקטעריסטיש, וואָס די דאָזיגע

די חכמים פון דער משנה

אַלע נעמען זיינען נישט ערשט אויסגעפונען געוואָרען דורך די חכמים, ווייל זיי זיינען פיעל עלטער פון זיי.

און ווען דער אויבערשטער האָט די וועלט באשאפען — האָבען די חכמים ערקלערט—האָט ער זי ארויסגעבראכט פון גאָר נישט, אַן „יש מאין". אָבער דער צוועק פון דער גאנצער באשאפונג איז דער מענש, וועלכער איז אויסגעפורעמט לויט'ן געטליכען בילד, מיט'ן פנים צום הימעל און ער געהט אויך גלייך אויף צוויי פיס. דאביי פאַרמאָגט ער אַ נשמה מיט אַ פרייען ווילען, צו טהון וואָס איהם געפעלט. און ווען עס רעדט זיך וועגען מענשען, איז דער איד דער אויסגעקליבענער צווישען אַלע און פון די אידען איז דער וויכטיגסטער דער "צדיק", דער רעכטשאפענער און פרומער (זעה יומא דף ל"ח עמוד ב').

דער באגריף פון גאָט'ס איינהייט איז ביי אונזערע חכמי התלמוד געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. זיי האָבען עס גערעכענט פאַר אַ זכות, וואָס אידען האָבען אַנערקענט דעם אויבערשטען אַלס דעם איינציגען באשעפער און דער אויבערשטער האָט אַנערקענט די אידען אַלס דאָס איינציגע פאָלק זיינס (ברכות דף ו' עמוד א'), אידען האָבען אויך צוגעשוואָרען, נישט אויסצובייטען זייער גאָט (גטין דף נ"ו עמוד ב'). און וואָס דער מענש איז באשאפען געוואָרען אום פרייטאג פאַרנאַכט, ווען אַלעס אין דער וועלט איז שוין געווען פאַרטיג, איז די אורזאך דערפון, כדי עס זאָל נישט קיינעמען איינפאַלען צו דענקען, אַז דער מענש איז געווען אַ שותף צום אויבערשטען ביי דער באשאפונג (זעה סנהדרין דף ל"ח עמוד ב').

אזוי ווערד אויך געזאָגט אויף'ן נאָמען פונ'ם אויבערשטען: "אני ראשון, איך בין דער ערשטער און איך האָב ניט קיין פאָטער, איך בין אויך דער לעצטער און איך האָב נישט קיין ברודער, און אויסער מיר איז ניט פאַרהאַנען קיין גאָט, ווייל איך האָב נישט קיין זוהן" (שמות רבה, פרשה כ"ט פיסקא ד').

דעסגלייכען איז געלעהרענט געוואָרען, אַז גאָט דער איינציגער איז אַן אייביגער, נישט קיין קערפערליכער און נישט פאַרענדערליך. אזוי האָט אויך דער אויבערשטער געזאָגט צו משה רבנו: "אהיה אשר אהיה", וועלכעס מיינט: איך בין געווען פריהער, איך בין יעצט און וועל זיין דערזעלבער אין אַלע שפּעטערע צייטען (שמות רבה פרשה ו' פיסקא ו').

ביים לערנען די תורה דאַרף באַאכטעט ווערען דער צוועק, צו האַלטען איהרע מצוות, און דאָס האַלטען די מצוות פון דער תורה האָט אויך אַ תנאי, דאָס איז די אמונה אין דעם, וואָס האָט יענע מצוות געהייסען האַלטען. דער איד דאַרף אויך טהון אַלסדינג לשם שמים, נישט גלאַט אזוי איבערצוקומען, ווייל מען האָט עס איינגערעדט אַז מען דאַרף עס טהון.

די פליכט פון דער אמונה איז דאָס נעהמען אויף זיך דעם עול פון „מלכות שמים", אין אָט דער פליכט איז שוין אריינגענומען דער חוב, צו דאַנקען דעם אויבערשטען ביי יעדער געלעגענהייט, סיי פאַר'ן גוטען און סיי פאַר'ן שלעכטען, אזוי ווי דאָס איבערגעבען זיך צו דער פיהרונג פונ'ם אויבערשטען, אַז ווי אזוי ער פיהרט, איז אַודאי צום גוטען. און דיענען דאַרף מען דעם אויבערשטען אין ליעבע, ווי מען דאַרף אויך זיין באשטרעבט, דעם אויבער־שטען באַליעבט צו מאַכען ביי אַנדערע מענשען, ווען דאָס דערצו ברענגען, דער מענש זאָל עהנליך ווערען אין זיין פיהרונג צו גאָט, אַז אזוי ווי דער אויבערשטער איז פול רחמנות און לייטזעליגקייט, זאָל אויך דער מענש זיין בארמהארציג און לייטזעליג.

איידער עס איז געווען איינגעפיהרט דאָס דאווענען, האָבען די מענשען גע־בראכט קרבנות. איז דאָס נישט געווען קיין מערדערישער אָנפאַל אויף בהמות און עופות, זיי צו קוילענען, ווייל עס האָט געהאַט די ווירקונג, אָפּצורייניגען

די מענשליכע מחשבה (מדרש תנחומא פ׳ שמיני). און אזוי ווי דער בית־המקדש איז שפעטער חרוב געווארען, האט א מענש בלויז געקענט טהון א נדר פון ״נזירות״. אפצוהאלטען זיך פון וויין־טרינקען און פון האהר־שערען, אדער ער האט זיך געקענט מאכען א תענית, ווען דער מענש טהוט זיך אליין אן די יסורים פון נישט עסען און נישט טרינקען.

וויכטיגער פון אלעמען איז וואהלטהעטיגקייט (גמילות חסדים), סיי ווען דער מענש טהוט עס מיט זיין געלד אדער ווען ער טהוט עס מיט א פערזענ־ליכער באשטרעבונג פאר יענעמ׳ס טובה. אט דאס איז באגרינדעט אין דער ליעבע פון איין מענש צום אנדערען, ווי הלל הזקן האט עס אויסגעדריקט אלס א כלל אין דער תורה: „וואס דיר איז נישט ליעב, זאלסטו נישט טהאן צו קיין אנדערן!״

נעהמענדיג אין אכט דעם דאזיגען כלל, ברענגט דאס צו אמת׳ר גערעכ־טיגקייט, צו רחמנות און לייטזעליגקייט, נישט בלויז צו מענשען, נור אויך צו יעדען לעבעדיגען באשעפעניש, צו׳ן א בהמה אדער אן עוף.

אן אנדערע גוטע מדה איז, ווען איינער מאראליזירט דעם צווייטען. א איד איז אויך מחויב, צו זאגען מוסר צו אנדערע, ביז יענער ווערד אין כעס און צושרייט זיך אויף דעם מאראליסט, ביז דער אנגעשטראפטער שילט דעם מארא־ליסט אדער ביז ער נעהמט זיך דעם מוסר־זאגער שלאגען (ערכין דף ט״ז עמוד ב׳). אט דאס מאראליזירען העלפט דערוויטערען דעם מענשען פון לשון הרע פון שנאה, פון קנאה, ער מאכט איהם זוכען שלום און זיין פריינדליך צו יעדען, אזוי ווי נישט צו פאראורזאכען צו קיינעמען קיין שאדען.

עס דארף אויך איטליכער גלויבען, אז גאט קוקט אומעטום אויף די מעשים פון אלע מענשען, ער קען די גויטען פון דער גאנצער וועלט, ער העלפט יעדען און באזונדערס העלפט ער אידען צוליעב זייער גערעכטיגקייט און זייער צוטרוי צו זיינע חסדים.

גאט׳ס שלוחים זיינען די מלאכים, די נביאים און די צדיקים, די פרומקייט פונ׳ם צדיק קען איהם ברענגען צו ״רוח הקדש״ און דער צדיק קען אויס׳פועל׳ן די גרעסטע טובה פאר אידען דורך זיין תפלה. דעסגלייכען ווירקט אויך די ״תשובה״, אפצוהיטען די מענשען פון אלעם שלעכטען (ירושלמי פאה פרק א׳ הלכה א׳).

דאס שעהנסטע אין דער אמונה איז פון דעסטוועגען דער גלויבען אין ״שכר ועונש״, אז דער אויבערשטער באצאהלט צו די מענשען נאך זייער טויט פאר אלע זייערע מעשים, גוטס פאר גוטס און שלעכטעס פאר שלעכטעס, דער אויבער־שטער געדענקט אויך צו די קינדער דעם זכות פון זייערע עלטערען. און אזוי ווי דער יחיד גלויבט אין ״שכר ועונש״, אזוי גלויבט אויך דער כלל אין זיין שכר ועונש, וועלכעס האט זיין אויסדרוק אין ״ביאת המשיח״ און ״תחית המתים״. וועגען אט די ענינים האבען די חכמים גערעדט אויף א קורצען אופן אין זייערע דרשות איבער די ״מלחמות פון גוג ומגוג״, אזוי ווי וועגען די ״חבלי משיח״, די ווידערקעהר פון ״מלכות בית דוד״, וועגען ״לעתיד לבא״ און אזוי ווייטער, וועלכעס וועט זיין א באצאהלונג צום גאנצען כלל פון דער אומה פאר די צרות, וואס מען דארף ליידען אין דער געגענווארט.

אין פארלויף פון די דורות זיינען צומאל געווען כתות גאנצע אדער יחידים, וואס האבען נישט געהאלטען פון ״תורה שבעל פה״ און זיי האבען גע׳טענה׳ט: ״וואס פאר א נוצען ברענגען אונז די פלפולים פון די חכמים? האבען זיי אפשר אמאל כשר געמאכט א ראב אדער פארבאטען א טייבעלע?״ (סנהדרין דף צ״ט עמוד ב׳). האט זיך אבער ניט קיין איינציגער פון זיי אקעגען־געשטעלט צו די דעות אין מוסר און אין מדות פון די חכמים, ווייל אפילו די געגנער פון דער

די חכמים פון דער משנה

"תורה שבעל פה" האָבען פאַרשטאַנען, אַז טאָמער וויל מען אַרויסטרע־טען געגנעריש צו געוויסע איינטייטשונגען אין דער תורה, זיינען די מאָראַלישע לעהרען פון די חכמים אַזוי וויכטיג און אַלמענשליך, אַז מען קען גאָר נישט זאָגען געגען זיי.

די מדה פון גאָט'ס גערעכטיגקייט איז חסד און אמת. דאָס מיינט אויך דער פסוק "צדקתך כהררי אל, משפטיך תהום רבה", ווייל ווען זיין גערעכטיגקייט זאָל נישט זיין ווי די העכסטע בערג, טאָ ווער וואָלט געקענט באַשטעהן אַקעגען זיין טיעפען משפט? (ערכין דף ח' עמוד ב').

און ווען דער אויבערשטער געהט משפ'ן דעם מענש, טהוט ער דאָס נישט לויט זיין פאַרגאַנגענהייט אָדער לויט זיין צוקונפט, נור בלויז לויט די מעשים פון יענער באַשטימטער שעה, אין וועלכער ער זעצט זיך אַוועק צום משפט (ראש השנה דף ט"ז עמוד ב'). בלויז מיט די צדיקים איז דער אויבער־שטער מדקדק אויף אַ האָהר און ער באַשטראָפט זיי פאַר דער מינדעסטער איבערטרעטונג (יבמות דף קכ"א עמוד ב').

צווישען אַלע מענשען — האָבען די חכמים געגלויבט — האָט דער אויבער־שטער אויסגעקליבען די אידען אַלס זיינע ליעבלינגס־קינדער (אבות פרק ג' משנה י"ד). זיינען די אידען געגליכען צו אויל, ווייל אַזוי ווי דאָס אויל ברענגט ליכט, אַזוי זיינען אידען דאָס ליכט פון דער וועלט (שיר השירים רבה פרשה א' פיסקא כ'). און ווייל דער אויבערשטער האָט די אידען אַזוי שטאַרק ליעב, האָט ער זיי באַצייכענט אַלס די "ערשטגעבוירענע קינדער זיינע" (שבת דף ל"א עמוד א'). איז דערפאַר די גרעסטע מצוה, "מקדש השם" צו זיין. די תורה איז אויך געגעבען געוואָרען בלויז צו פאַרהייליגען גאָט'ס נאָמען איבער דער וועלט. און ווען עס איז פאַרהאַנען אַ געפאַהר, אַז עס זאָל פאַרשוועכט ווערען דער נאָמען פונ'ם אויבערשטען, דאַרף דער מענש אַנווענדען אַלע מעגליכע מיטלען, דאָס צו פאַרהיטען (קדושין דף מ' עמוד א', יבמות דף ע"ט עמוד ב').

פון דעסטוועגען קען זיין געמאָלט, אַז די תורה אַליין איז נאָך נישט דאָס ריכטיגע מיטעל, צו באַזיגען די ליידענשאַפטען פון די מענשען, ווייל מען דאַרף אויך האָבען דערצו אַ ביסיל פרומקייט, און אַ מענש, וואָס פאַרמאָגט בלויז תורה אָהן פרומקייט, איז געגליכען צו'ן אַ פאַרוואַלטער פון אַן אייגענ־טום, וואָס עס זיינען איהם איבערגעגעבען געוואָרען די אינעווייניגסטע שליס־לען פון אַ פּאַלאַץ און די אויסענווייניגסטע שליסלען זיינען איהם נישט איבער־געגעבען געוואָרען (שבת דף ל"א עמוד ב').

די דריי הויפּט-פּאַרטייען פון דער תּלמודישער צייט

די "פּרושים"

באַלד נאָך׳ן זיעג פון די חשמונאים געגען די גריכישע אַרמייען מיט זייערע אידישע נאָכשלעפּערס, האָט זיך אָנגעהויבען אַ מחלוקה איבער די אינטער־פּרעטאַציע פון די מצוות פון דער תּורה, וועגען וועלכע עס זיינען זיך די חכמים טשונגען אין זייערע מיינונגען — און די דאָזיגע מחלוקות זיינען פאַנאַנדערגעגאַנגען און זיינען אָפּטמאָל געוועזען זעהר שטאַרקע ביז צו דער מדרגה פון אַ געפאַהר פאַר׳ן קיום פון דער אומה.

אַט די מחלוקות זיינען באַשטאַנען אין דריי הויפּט־ריכטונגען, וועלכע האָ־בען זיך קאָנצענטרירט אין דריי פאַרשיעדענע פּאַרטייען: פּ ר ו ש י ם, צ ד ו ק י ם און א י ס י י ם.

ס׳איז אין אַלגעמיין נישט מעגליך צו פאַרשטעהן דעם גייסט פון דער גמרא און צו באַגרייפען געניי די לעהרען פון אונזערע חכמים, אויב מען באַקענט זיך נישט פריהער מיט די טענדענצען פון די דאָזיגע פּאַרטייען. דאַבּיי דאַרף מען אויך וויסען, אַז כמעט אַלע אונזערע חכמים זיינען געווען "פּרושים" און זייער גייסט איז פאַרהערשענד איבער׳ן גאַנצען תּלמוד, כאָטש עס פעהלען נישט דאָרט ווערטלאַך פון אַזעלכע, וואָס האָבען זיך מאַנכעס מאָל געקיבעצט אויף׳ן חשבון פון די "פּרושים".

ווי עס דאַרף באַמערקט ווערען, איז די טהעטיגקייט פון די "פּרושים" געווען, צו מאַכען אַזעלכע אָרדנונגען אין דער פיהרונג פון אידיש־קייט, וואָס זאָלען זיין ווי אַן "אַרומצאַמונג" צו דער תּורה. צוליעב דעם זיינען פיעלע דינים פון דער תּורה פאַרשאַרפט געוואָרען און אַנדערע האָבען געקראָגען אַ צורה, וועלכע האָט זיך דעם אויבערפלעכליכען באַאָבאַכטער געקענט אויס־דאַכטען, אַז זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון׳ם איינפאַכען פּשט. אַט די אויס־טייטשונגען פלעגען זיך געוועהנליך שטיצען אויף אַ טראַדיציע, צו וועלכער מען האָט ערשט געדאַרפט זוכען אַ סמך אין דער תּורה, האָבען די דאָזיגע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען געמאַכט שטאַרקע צווישענשיידען ביי די מענשען, ביז זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין די דערמאָנטע דריי פּאַרטייען, וועלכע האָבען זיך דערנאָך געגענזייטיג באַקעמפפט אויף׳ן שאַרפסטען אופן.

דאַבּיי האָבען פיעלע פון די "פּרושים" איבערגעטריבען אין זייער פרומקייט אויף אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע לעבענס־פאַרגעניגונגען און אָפּגעזונדערט פון אַלעמען מיט זייערע מעשים און מנהגים. דאַגעגען זיינען ווייטער געווען אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אָנערקענען קיין שום זייטיגע אויסטייטשונג פון די מצוות, אויף ווי ווייט דאָס איז — לויט זייער מיינונג — נישט אין איינקלאַנג מיט׳ן פּשוט׳ן פּשט. זיי האָבען איבער־הויפּט נישט געוואָלט אָננעמען די פאַרשאַרפונגען פון "תּורה שבעל פּה". זיי האָבען זיך גאָר אדרבה פאַראייניגט מיט די באַקעמפער פון אַזעלכע מצוות, וואָס זיינען באַזירט אויף טראַדיציעס. די געגנער פון די "פּרושים" פלעגען דאָן טענה׳ן, אַז די איבערגעבענקייט פון די "פּרושים" צו די אויסטייטשונגען געהט

אזוי ווייט, אז ווען זייערע חכמים זאָלען אפילו זאָגען לינקס אויף רעכטס און רעכטס אויף לינקס, וועלען זיי אויך טהון אַלסדינג, וואָס די אויסטייטשער הייסען.

צו די דאָזיגע געגנער פון די "פרושים" האָבען זיך געוועהנליך געצעהלט אַלע רייכע אידען און פּאָליטישע תקיפים, וועלכע האָבען זיך דורך דער טעטיג־קייט פון די "פרושים" געפיהלט געשטערט אין זייער באַשטרעבונג, צו דער־נעהנטערען זיך גייסטיג צו די שכנ'ישע פעלקער. דערהויפּט זיינען יענע מענ־שען געווען געגען די "פרושים", וויל זיי האָבען געטראָגען הויך די פאָהן פון דער אמונה און זיי פלעגען זיך ווייניג וואָס קימערען וועגען אַנדערע לעבענס־פראַגען. און געטהון האָבען דאָס די "פרושים", וויל זיי האָבען געגלויבט, אַז אָהן דעם אויבערשטען'ס ווילען קענען מענשען גאָרנישט אויפטהון אויף דער וועלט און יעדע באַשטרעבונג, צו וועלכער דער אויבערשטער איז ניט מסכים, קען ניט האָבען קיין שום ערפאָלג.

אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע מענשען אין דער באָאַבאַכטונג פון די אי־דישע מנהגים, האָבען די "פרושים" געקוקט אויף די אַנדערע אידען ווי אויף געצענדינער, וואָס אַ פרומער איד דאַרף נישט האָבען מיט זיי קיין שום שייכות. דער נאָמען זייערער האָט שוין אָנגעוויזען, אַז זיי זיינען "אָפּגעזונדערטע" אין זייער גאַנצער פיהרונג — און דער עיקר אָפּגעזונדערטקייט איז ביי זיי געווען אין די דינים פון טומאה און טהרה, אַזוי ווי אינ'ם אָפּהיטען דאָס געבען אַ חלק פון אַלעמען צו די כהנים און לוים. זיי האָבען געגלויבט, אַז דאָס עסען פאַר־באַטענע מאַכלים אָדער דאָס נישט אָרונטערגעבען צו די כהנים און לוים זייער חלק פון די תבואות פאַראומרייניגט דאָס עסען. אויסערדעם האָבען נאָך די "פרושים" גענוי באָאַבאַכטעט די ריינליכקייט אפילו ביים געניסען אַ געוועהנ־ליך שטיקל פלייש, נישט דוקא פון קרבנות.

צוליעב רעליגיעזער אָפּגעהיטענקייט האָבען זיך מאַנכע "פרושים" זאָגאַר דערוויטערט פון די אַזוי אָנגערופענע "עמי ארצים". אַ "פרוש" האָט נישט געגעסען מיט אַן "עם הארץ" ביי איין טיש, וויל עס איז געווען אַ חשד, אַז דער "עם הארץ" האָט נישט געגעבען פון זיין תבואה די געביהרענדע מתנות צו די כהנים און לוים. דעסגלייכען האָט זיך יעדער "פרוש" אויסגעהיט, נישט צו קויפען קיין שום זאַך ביי אַן "עם הארץ" און ער האָט איהם אויך גאָרנישט פאַר־קויפט. קיין שום "פרוש" האָט נישט פאַרבעטען צו זיך אַן "עם הארץ" אַלס גאַסט, גלייך ווי ער איז אויך נישט געגאַנגען קיינמאָל אין גאַסט צו אַן "עם הארץ".

מיט'ן נאָמען "עם הארץ" איז דאַמאָלס אין ערשטער רייהע באַצייכענט געוואָרען דער פעלד־אַרבייטער — און די פעלד־אַרבייט אַלס אַזעלכע איז ביי אונזערע חכמים זעהר הויך געשטאַנען. פון דעסטוועגען האָבען פיעלע עפענטליך מודה געווען, אַז זיי האָבען פיינט דעם "עם הארץ". ווילען דאַדורך מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז די אורזאַך דערפון איז געווען, וויל די אָפּשטאַמונג פון די עמי ארצים איז נישט געווען קיין ריינע און זיי פלעגען זיך זעהר אָפט משדך זיין מיט די גוים. פאַרהאַנען אויך שאַרפע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען אין דער גמרא וועגען דעם, ווער עס דאַרף אייגענטליך באַצייכענט ווערען מיט'ן נאָמען "עם הארץ". איינינע זאָגען, אַז אַן "עם־הארץ" איז אַ מענש, וועלכער גיט נישט געהעריג קיין מעשר פון זיינע פירות. ר' אליעזר זאָגט, אַז אַן "עם הארץ" הייסט דער, וואָס זאָגט ניט קיין קריאת־שמע ביי נאַכט און אין דער פריה. ר' יהושע זאָגט, אַז אַן "עם הארץ" איז איינער, וואָס לייגט נישט קיין תפילין. בן עזאי זאָגט, אַז אַן "עם הארץ" איז דער, וואָס טראָגט נישט קיין ציצית. ר' נתן זאָגט, אַז אַן "עם הארץ" איז

אזעלכער, וואָס האָט נישט קיין מזוזות אויף זיין טהיר. ר׳ נתן ב״ר יוסף זאָגט, אז אן ״עם הארץ״ איז דער, וועלכער דערציהט נישט זיינע קינדער צו דער תורה. אנדערע זאָגען, אז ווען אַ מענש האָט אפילו פיעל געלערנט, נור ער האָט נישט באַדיענט קיין תלמיד־חכם, קען מען איהם רופען ״עם הארץ״ (זעה מסכת ברכות דף מ״ז עמוד ב׳).

די ״פרושים״ האָבען פיינט געהאַט דעם עם הארץ — און פון אנדערע ערטער אין דער גמרא ווייסען מיר אויך, אז דער עם הארץ האָט שרעקליך פיינט געהאַט דעם תלמיד־חכם.

וועגען דער באַדייטונג פון דעם וואָרט ״פרושים״ איז שוין אויבען געשרי־בען געוואָרען, אז עס מיינט אזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך אָפּגעזונדערט אין זייער פיהרונג פון אלע אנדערע. וויל ען אָבער מאַנכע זאָגען, אז דער נאָמען ״פרושים״ קומט דערפון, וואָס די מענשען האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט מאַכען פירושים צו דער תורה, לויט ווי עס האָט זיך געגוויטיגט, אויף צוצופּאַסען די רעליגיעזע פאַרשריפטען צו די באַדערפעניששען פון דער צייט. און אַזוי ווי יענע מענשען האָבען גוט באַגריפען דעם גייסט פון דער אידישער תורה, האָבען זיי נישט געזוכט קיין שום פאַרגעניגען אינ׳ם לעבען, גלייך ווי זיי פלעגען זיך דערוויי טערען פון יעדען מין האפערדיגקייט און פון יעדער זאַך, וועלכע האָט זיך אויסגעדראַכט אונמאָראַליש. מיט חבר׳שער ליעבשאַפט איז איינער דעם אנדערען אַקעגען געקומען אויף אַלע געביעטען פונ׳ם לעבען און מיט אלע כחות האָט זיך איטליכער אויסגעהיט פון אַ באַגעגעניש מיט׳ן יצר הרע.

די ״פרושים״ זיינען געווען אָרגאַניזירט ווי אַ חברה און יעדער מיטגליד זייערער האָט זיך גערופען ״חבר״. איז אָבער די חברה ״פרושים״ נישט געווען אָפּגעשלאָסען און באַגרעניצט אין איהר מיטגלידערשאַפט, ווייל יעדער האָט גע־קענט צו זיי אריינקומען, ווי באַלד ער האָט ערקלעהרט אין דער געגענוואַרט פון דריי חברים, אז ער וועט אָפּהיטען די פאַרשריפטען פון דער חברה, וועלכע האָבען זיך הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט אין ריינליכקייט און וואַשונגען. מערק־ווירדיג איז אויך, אז ביים אריינגעהמען אַ מענשען אין דער חברה איז שוין ניט געווען קיין חלוק צווישען אַ תלמיד־חכם און אן עם הארץ, ביידע האָבען דאָרט געהאַט דיעזעלבע ווערדע, און ווער עס האָט נור געוואָלט נעהמען אויף זיך דעם עול פון פרישות, האָט געקענט צושטעהן צו דער חברה.

וויבאַלד איינער איז געוואָרען אַ מיטגליד אין דער חברה פרושים, האָט ער אויף זיך גענומען דעם חוב צו דיענען דעם אויבערשטען מיט׳ן גאַנצען לעבען. אַזאַ מענש האָט געדאַרפט גלויבען, אז גאָט׳ס אויגען קוקען אומעטום און ער באַאָבאַכטעט אַלע מעשים פון די מענשען, זיי צו משפט׳ן פאַר יעדען אומ־רעכט, ווייל אַזוי ווי דער מענש האָט אַ פרייען ווילען צו טהון וואָס זיין הארץ גלוסט, איז ער דערפאַר פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען שריט און ער דאַרף אָפּ־געבען פאַר אַלעמען דין וחשבון פאַר זיין באַשעפער. זיי האָבען אויך געגלויבט אז דער אויבערשטער גיט אַמאָל אַרויס אַ גזרה איבער אַן אומה אָדער איבער דער גאַנצער מענשהייט, וועלכע איז, אפשר, אומבאַגרייפליך פאַר די באַטראַ־פענע. זי איז אָבער זיכערליך אַ גערעכטע, ווייל דער אויבערשטער איז תמיד גערעכט, סיי געגען יחיד און סיי געגען אַ כלל. און טאָמער זעהען מיר אַמאָל, אז די באַלוינונג פאַר אַ גוטע טהאַט אָדער די שטראָף פאַר אַ שלעכטער טהאַט לאָזט אויף זיך וואַרטען און זי קומט נישט באַלד נאָך דער טהאַט, דאַרף מען ווייסען, אז עס איז פאַראַן אַ ״דין וחשבון״ נאָכ׳ן טויט, אָדער גאַר נאָך שפּעטער, ווען די טויטע וועלען אויפשטעהן תחית־המתים, די גוטע צום אייבי־גען לעבען און די שלעכטע צו אייביגער שאַנד און שמערץ.

אין דער באַאורטיילונג פון מענשען און געשעהענישען זיינען די ״פרושים״

געווען זעהר פּאַרזיכטיג. אזוי איז צו זעהן פון אַלע זייערע אורטיילען ביי קערפּערליכע באַשטראָפונגען. זיי האָבען אויך יעדען מענש באהאנדעלט באַשיי־דען, אויפגענומען איטליכען אויף אַ פיינעם אופן און געטהון גוטס צו מענ־שען, ווי ווייט די כחות האָבען געגרייכט און אמאָל זאָגאר איבער די כחות. זיי־נען זיי דאדורך געווען העכסט באַליעבט ביים פּאָלק און אַלעמענס הארץ איז געווען מיט זיי.

האָט זיי אָבער געטראָפען דאָס, וועלכעס טרעפט געוועהנליך אנדערע רעכט־שאפענע מענשען אין אַלע צייטען, וואָס טראָץ זייערע גוטע אייגענשאַפטען, האָ־בען מאנכע באַצווייפעלט די ריינקייט פון זייערע געזינונגען און מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי טהוען פיעלעס אויף אָפּצונארען די ארומיגע מענשען.

אַ באַזונדערע שנאה צו די ״פרושים״ זעהט מען אין קריסטליכען ״נייעם טעסטאמענט״. צוליב דעם איז היינט דער נאָמען ״פאַריזעער״ אַ שימפף־וואָרט אין דער גאנצער וועלט־ליטעראַטור און די טייטש פון דעם וואָרט איז צבוע׳ק. אין אנדערע קריסטליכע ביכער ווערען די ״פרושים״ געשילדערט ווי מענשען, וואָס דערוויטערען זיך כלומר׳שט פון לעבענס־פאַרגעניגונגען, וועהרענד זיי קאָקעטירען מיט פרעמדע ווייבער. זיי ווילען נישט עסען קיין האָניג, וועלכער קומט פון נישט כשר׳ע ביהנען, זיי זיינען אָבער נישט אָפּגעהיט פון עסען חזיר. זיי פאַסטען תעניתים פאַר זייערע זינד געגען גאָט און גלייכצייטיג קלעה־רען זיי בלויז וועגען אָפּנארען די מענשען.

ס׳איז וואהרשיינליך אמת, אַז צווישען אזא גרויסער פּאַרטיי מענשען, ווי די ״פרושים״ זיינען געווען, האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָהל נישט זעהר עהרליכע אין זייער איבערצייגונג. זיכערליך איז אָבער די מעהרהייט געווען אַן עהרליכע, ווייל זיי וואָלטען זאָנסט נישט געבליבען די פיהרער פונ׳ם פּאָלק אין די דאמאָלסדיגע צייטען.

ווי אויבען באמערקט, האָבען מאנכע פון אונזערע חכמים געקיבעצט די ״פרושים״. זיי האָבען אויך פאַרגעשטעלט זיבען מינים און קיינער פון זיי איז נישט פאַרגעשטעלט געוואָרען אין אַ שעהנעם ליכט. אָט די זיבען מינים ״פרושים״ זיינען: 1) פרוש שכמי, 2) פרוש נקפי, 3) פרוש קיזאי, 4) פרוש מדוכיא, 5) פרוש מה חובתי ואעשנה, 6) פרוש מאהבה, 7) פרוש מיראה. זיי־נען די אויסטייטשונגען פון די דאָזיגע זיבען מינים פרושים נישט קיין שמייכ־לעריש. ״פרוש שכמי״ הייסט איינער, וואָס איז אזוי פרום ווי שכם בן חמור, וועלכער האָט זיך מל געווען, ווייל ער האָט געוואָלט קריגען דינה׳ן. ״פרוש נקפי״, הייסט איינער, וועלכער געהט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און ער הויבט נישט הויך קיין פוס, ווייל ער וויל זיך שפּיעלען אין עניוות. ״פרוש קיזאי״ הייסט איינער, וועלכער קלאַפּט זיך דעם קאָפּ אָן די ווענט, געהט ארום מיט פאַר־מאַכטע אויגען, נישט צו קוקען אויף ווייבער. ״פרוש מדוכיא״ הייסט איי־נער, וואָס געהט מיט אַן אויסגעקרומטען האלז און מיט אַן ארונטערגעבויגענעם קאָפּ ווי אַ האמער. ״פרוש מה חובתי ואעשנה״ הייסט איינער, וואָס וויל די מענשען איינרעדען, אַז ער האָט שוין אַלסדינג געטהון, און זאָל מען איהם אדרבה אויפמערקזאם מאַכען, וואָס ער וואָלט נאָך געדאַרפט טהון. ״פרוש מאהבה״ הייסט איינער, וואָס טהוט גוטס, ווייל ער האָט ליעב די באַלוינונג פאַר גוטע טהאַטען. ״פרוש מיראה״ הייסט איינער, וועלכער טהוט אַלסדינג, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ שטראָף (זעה מסכת סוטה דף כ״ב עמוד ב׳).

די "צדוקים"

די צווייטע גרעסטע פּאַרטיי ביי די אידען אין די צייטען פונ'ם תלמוד זיינען געווען די "צדוקים". און דער גייסטיגער תהום צווישען די "פּרושים" און די "צדוקים" איז געווען זעהר אַ טיעפער.

דער מקור פון די אידעען, וואָס די "צדוקים" האָבען פון זיי געהאַלטען, הייסט עס, אַז ער שטאַמט פון יענעם טעות וואָס צדוק און ביתוס (די תלמידים פון אנטיגנוס איש סוכו) האָבען געהאַט אין דער אויסטייטשונג פון זייער רבינ'ס ווערטער. אַנדערע היסטאָריקער (ווי אברהם גייגער און זיינסגלייכען) ערקלערען די אָפּשטאַמונג פון די "צדוקים" אויף אַן אַנדערן אופן. זיי זאָגען, אַז די "צדוקים" זיינען די קינדער אָדער די אָנהענגער פון די כהנים בני צדוק, וועלכע זיינען געווען די מיוחסים פון דער כהונה און פון זייער גזע זיינען ארויס־געקומען די כהנים גדולים פאַר לאַנגע יאָהרהונדערטער. אַזוי ווי די חשמונאים האָבען אָבער שפּעטער געזיעגט איבער די גריכען און די "כהונה גדולה" איז אריבערגעגאַנגען צו זייער משפּחה, זיינען צדוק'ס קינדער ארונטערגעזעצט גע־וואָרען פון דער גדולה און זיי זיינען דאַדורך ארייננעשטופּט געוואָרען אין דער אָפּאָזיציע צו דער פיהרונג פונ'ם רוב אידען.

איז דאַן געווען די ערשטע סבה צו דער מחלוקה צווישען די "פּרושים" און "צדוקים" — אַ ריין פּאָליטישע, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויי־קעלט אַ טיעפער רעליגיעזער תהום. עס איז אפילו נישטאָ קיין אורזאַך, מען זאָל וועלען זאָגען אַנדערש, ווי די טראַדיציע פון דער גמרא, אַז די "צדוקים" זיינען די נאָכפאָלגער פון צדוק און ביתוס. גלייכצייטיג קען מען אָבער אויך מסכים זיין צו דער מיינונג פון יענע היסטאָריקער, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט מענשען פון צדוק הכהן'ס גזע, וועלכע האָבען זיך וואַהרשיינליך פאַרבונדען מיט די תלמידים פון צדוק און ביתוס, צו אונטערגראָבען די יסודות פון די אי־דישע טראַדיציעס.

פון דעסטוועגען וואָלט עס לחלוטין נישט געווען ריכטיג, מען זאָל וועלען באהויפּטען, אַז די "צדוקים" האָבען גאָר נישט געהאַלטען פון טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען צו די מצוות פון דער תורה, ווייל זיי האָבען אין דער אמת'ען אויך געהאַט טראַדיציעס און ביי פיעלע מצוות זיינען געווען זייערע אויסטיי־טשונגען כמעט אין איינקלאַנג מיט די אויסטייטשונגען פון די "פּרושים". זיי האָבען אויך געהאַט אַן אייגענעם "ספר הגזרות", וואו עס זיינען געווען פאַר־שריבען אַלע אויסטייטשונגען זייערע צו די מצוות פון דער תורה — און טראָצ־דעם וואָס זיי האָבען זיך געוואָלט דערנעהנטערען אין זייער פיהרונג צו די ארומיגע גוים, האָבען זיי געהאַט מאַנכע מנהגים, וועלכע האָבען געהאַט דעם איינציגען צוועק, צו דערווייטערען זיך פון די גוים.

יעדענפאַלס זיינען די פיהרונגען פון די "צדוקים" געווען מעהר צוגעפּאַסט צו די רעליגיעזע אנשויאונגען פון די רייכע מענשען און פּאָלקס־פיהרער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהנט צו דער רעגיערונג. און וואָס מעהר די רייכע זיי־נען צוגעשטאַנען צו די "צדוקים", האָבען זיך די פּאָלקסמאַסען אַלץ מעהר קאָנצענטרירט אַרום די "פּרושים" — און דער תהום צווישען ביידען האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג.

דער עיקר געגנערשאַפט פון די "צדוקים" צו די "פּרושים" איז געווען, וואָס די "צדוקים" האָבען געלייקענט אין דער "תורה שבעל פּה" פון די "פּרושים", ווייל זיי האָבען געזאָגט, אַז נאָר דאָס, וועלכעס שטעהט אין דער תורה, האָט אַ בינדענדע קראַפט, און אַזוי ווי זיי האָבען נישט געגלויבט אין די טראַדיציעס פון די "פּרושים", האָבען זיי נישט געוואָלט גלויבען אין

תחית המתים, ווייל עס שטעהט נישט בפירוש אין דער תורה. זיי האָבען אויך אָפּגעלאכט פון די "פּרושים" פאר זייער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה און אין אן עולם־הבא, גלייך ווי זיי האָבען חוזק געמאכט פון דעם, וואָס די "פּרושים" האָבען געגלויבט, אז די נשמות פון די פרומע האָבען א באַהעלטעניש אונטער'ן כסא הכבוד. דעסגלייכען פלעגען זיי "קיבעצען" די "פּרושים", וואָס זיי זיינען צופריעדען צו ליידען כל־ערליי צרות אין דער האָפענונג, אז זיי וועלען קריגען א באַלויהנונג אויף יענער וועלט...

גינסטיג פאַר דער אנטוויקלונג פון דער דאָזיגער פּאַרטיי איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס איהרע אידען האָבען שטענדיג געפונען זייער אָנקלאַנג אין די אַזוי אָנגערופענע "אַריסטאָקראַטישע" קרייזען פונ'ם פאָלק און איהרע אָנ־הענגער זיינען מעהרסטענטיילס געווען די באַאמטע פון דער רעגירונג, וועלכע האָבען געוועהנליך געהאַט די מאַכט, צו דריקען יעדע געגנערישע מיינונג מיט אַן אייזערנער פויסט.

אין אַ גרויסער מאָס איז אויך וואהרשיינליך באַרעכטיגט די מיינונג, אַז די "צדוקים" האָבען אויפגעבויט זייער פּאַרטיי אויף די חורבות פון די "גריכען־פריינדע" נאָך'ן ענדגילטיגען זיעג פון די חשמונאים, ווי עס איז זאָנסט אומ־מעגליך צו דענקען, אַז יענע אינעווייניגסטע שונאים פון דער אידישער אמונה, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען די שרעקליכסטע רשעות צו די אייגענע ברידער אין זייער וועלען נאָכטהון די גוים, זיינען פּלוצים איבער נאַכט געוואָרען איבער־געבענע פרומע אידען.

הויפּטזעכליך דאַרף גענומען ווערען אין באַטראַכט, וואָס די "פּרושים" האָבען געגלויבט, אַז חאָטש דער מענש האָט אַ "פרייען ווילען" און ער קען זיין גוט אָדער שלעכט, לויט ווי ער וויל נור אַליין, האָט דער אויבערשטער פון דעסטוועגען זיין האַנד אין אַלעמען און ער איז אויך דער האַר פון זייערע גע־דאַנקען. און די "צדוקים" האָבען געהאַלטען, אַז דער אויבערשטער מישט זיך גאָר נישט אין די מענשען'ס טהעטיגקייט און נאָך'ן טויט פונ'ם מענשען איז נישט פאַרהאַנען קיין באַלויהנונג פאַר'ן גוטען און קיין שטראָף פאַר'ן שלעכ־טען, ווייל די באַלויהנונג אָדער די שטראָף פאַר יעדע טהאַט ליגט אין דער טהאַט גופא.

וועגען צוועלף פאַרשיעדענע פאַרשריפטען אינ'ם אָנהאַלטען די מצוות פון דער תורה האָבען די "צדוקים" געהאַט זייערע אייגענע ערקלערונגען, וועלכע זיינען דורכאויס פאַרשיעדען פון דעם, ווי די "פּרושים" האָבען געלע־רענט פשט:

1) האָבען די "צדוקים" געטייטשט דעם אויסדרוק "ממחרת השבת" פונ'ם עומר (ויקרא כ"ג), אז דאָס מיינט נישט צומאָרגענס פונ'ם ערשטען טאָג פסח, ווי די פּרושים טייטשען, נור טאַקי צומאָרגענס פון שבת, דאָס מיינט, אַז מען דאַרף צעהלען זיבען שבתים נאָך'ן ערשטען שבת פון פסח, כדי דער יום טוב שבועות זאָל תמיד אויסקומען אין אַ זונטאַג.

2) וועגען דעם "קרבן תמיד" פון אין דער פריה און פאַרנאַכט האָבען די "צדוקים" געזאָגט, אז דאָס דאַרף געבראַכט ווערען פונ'ם יחיד, נישט פון קהל, ווייל דער פסוק זאָגט: "את הכבש האחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים" (שמות כ"ט, ל"ט) און איןביידע פאַלען געברויכט ער דעם לשון יחיד ("תעשה" און נישט "תעשו").

3) האָבען די "צדוקים" געהאַלטען אַז דעם קטורת אום יום כפור דאַרף דער כהן־גדול צוגרייטען אויסערהאַלב פונ'ם קדשי־קדשים, ווייל אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: "כי בענן אראה על הכפורת" (ויקרא ט"ז, ב'), מיינט דאָס, אַז די

שכינה דאַרף ערשיינען אינ'ם רויך, דאַרף דער כהן גדול אַריינקומען אין קדשי־קדשים מיט'ן רויך און עס פּאַסט זיך נישט צו מאַכען ערשט דעם רויך אינעווייניג.

4) ביים מקריב זיין די "פּרה אדומה", האָבען די "צדוקים" געזאָגט, דאַרף דאָס אש פון דער פאַרברענטער קוה צונויפגעקליבען ווערען דורך אזא "איש טהור" (במדבר י"ט ט'), וועלכער האָט דעמזעלבען טאָג אָנגעהויבען א ריינע צייט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געדאַרפט פריהער טובל'ען.

5) די "צדוקים" פלעגען עסען די "מנחות", וועלכע זיי האָבען מקריב געווען פון ווייצענמעהל געקנאָטען אין בוימעל. זיי פלעגען פאַרברענען בלויז א קליינעם טייל דערפון און דאָס איבריגע פלעגען זיי אַליין אויפעסען.

6) "עין תחת עין" האָבען זיי ערקלערט ווערטערליך, אז ווען איינער האָט דעם אַנדערען פאַרקריפּעלט, דאַרף מען איהם פונקט אזוי פאַרקריפּלען.

7) זיי האָבען געזאָגט, אז אן "עד זומם" (דברים י"ט), וועלכער האָט דורך פאַלש עדות זאָגען געבראַכט אן אומגליק אויף אן אַנדערען, פאַר וועלכען ער דאַרף באַשטראָפט ווערען מיט דערזעלבער שטראָף, וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט געדאַרפט באַקומען, אפילו מיט טויט, איז ביי א פאַל פון מיתה געווען זייער מיינונג, אז דער "עד זומם" דאַרף נישט דער'הרג'עט ווערען, ווי לאַנג דער באַשולדיגטער איז נישט דער'הרג'עט געוואָרען.

8) האָבען זיי געזאָגט, אז אזוי ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דער תורה, אז נור א זוהן דאַרף ירש'נען דאָס פאַרמעגען פון זיינע עלטערן, דאַרף מען דאָס טאַקע אָפּהיטען. איז אָבער אזא זוהן א יורש געשטאָרבען און ער האָט איבערגעלאָזען בלויז טעכטער, וועלכע דאַרפען ירש'נען זיין פאַרמעגען, דאַרפען די טעכטער פון זיין פאָטער אויך קריגען א חלק ירושה גלייך מיט זיינע טעכטער.

9) זיי האָבען אויך געזאָגט, אז אזוי ווי יעדער בעל־הבית איז מחויב צו באַצאָהלען דעם שאָדען, וואָס זיינער אן אָקס אָדער אן אייזעל האָט אָנגעמאַכט, פונקט אזוי איז ער מחויב, צו באַצאָהלען דעם שאָדען, וואָס זיינער א שקלאַף האָט געמאַכט, ווייל ווען איינער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן שאָדען פון זיינע בהמות, וועלכע האָבען נישט קיין שכל, דאַרף ער אויך זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן שאָדען פון זיינע דיענער, וועלכע ער האָט אפשר געקענט אַליין אַרויסשיקען מאַכען דעם שאָדען.

10) האָבען זיי ערקלערט פאַר א טמא כלי, פון וועלכער מען גיסט אַ ריינע פליסיגקייט אין א טמא כלי. זיי האָבען געהאַלטען, אז מיט'ן גיסען פון דער ריינער כלי אין דער טמא כלי, ווערד די פליסיגקייט פון דער ריינער כלי אויך טמא.

11) דעם פּסוק "וירקה בפניו" ביי אן אַלמנה אָהן קינדער, וואָס דער ברודער פון איהר פאַרשטאָרבענעם מאַן האָט זי געדאַרפט הייראַטען און ער וויל נישט (דברים כ"ח ט'), האָבען זיי געטייטשט ווערטערליך, אז די פרוי דאַרף איהם טאַקע אָנשפּייען אין פּנים — און די "פּרושים" האָבען דאָס געטייטשט אז די פרוי דאַרף אויסשפּייען פאַר זיין פּנים. זיי האָבען אויך צוליעב דעם מקפּיד געווען, אַריינצושרייבען אינ'ם שטר חליצה: "רוקא דמתחזיא על ארעא" (שפּייעכץ וואָס מען קען אָנזעהען אויף דער ערד).

12) האָבען זיי ערקלעהרט דעם פּסוק "ופרשו השמלה לפני זקני העיר" (דברים כ"ב, י"ז) אין דער ווערטערליכער באַדייטונג, נישט ווי די "פּרושים" האָבען דאָס ערקלערט: "שיהיו מחוורין הדברים כשמלה".

געווען אויך זעקס פארשיעדענע מנהגים, וועלכע האבען נישט צו טהון מיט די מצוות פון דער תורה, האבען זיי די "פרושים" שטארק אפגעהיט און די "צדוקים" האבען פון זיי נישט געהאלטען:

1) "נסוך המים" פון סוכות, וואס מען האט א גאנצע נאכט מוצאי יום־טוב פונ'ם ערשטען טאג געשעפט וואסער פונ'ם טייך שילוח מיט מוזיק און געזאנג און מען האט א גאנצע נאכט מוצאי יום־טוב געגאסען דאס וואסער אויפ'ן מזבח. האבען די "צדוקים" געזאגט וועגען דעם, אז דאס איז א גרי־כישער מנהג און זיי האבען פון דער דאזיגער פייערונג שרעקליך חוזק געמאכט און אנגערופען זי מיט פארשיעדענע צונעמעגישען. האבען אבער די "פרושים" פון דעם אזוי שטארק געהאלטען, אז ווען א כהן א צדוקי האט אמאל געגאסען דאס וואסער אויף זיינע אייגענע פיס, אנשטאט אויפ'ן מזבח, האט איהם דאס פאלק באווארפען מיט אתרוגים און ער איז געשטארבען אויפ'ן ארט.

2) האבען די "צדוקים" נישט געמאכט קיין הקפות ארום דעם מזבח מיט זייערע "ערבות" (הושענא'ס), און ווען דער זיבעטער טאג סוכות איז אמאל אויסגעפאלען אום שבת, לויט ווי עס איז דאמאלס געווען מעגליך, ווייל דער קאלענדער איז נאך נישט געווען פעסטגעשטעלט, האבען די "צדוקים" נישט געהאלטען, אז "חבוט ערבה" (דאס אפקלאפען די הושענא'ס) איז דוחה שבת, ווי די "פרושים" פלעגען זאגען.

3) זיי זיינען געווען געגנער פון דער מיינונג, אז "כתבי הקדש מטמאין את הידים", דאס הייסט, אז מען דארף זיך וואשען די הענט נאך'ן לייענען אין'ם תנ"ך, ווי די "פרושים" פלעגען טהון.

4) דעסגלייכען זיינען זיי געווען געגען דער איינפיהרונג פון די "פרושים", וועלכע האבען אריינגעשריבען אין א גט די ווערטער "כדת משה וישראל", ווייל אזוי ווי מען פלעגט דאמאלס אריינשרייבען אינ'ם גט די צאהל יאהרען פון דעם קעניגס רעגירונג צוזאמען מיט זיין נאמען, האבען די "צדוקים" געזאגט, אז עס פאסט זיך נישט פאר משה רבנו, מען זאל אריינשרייבען זיין נאמען אין א גט צוזאמען מיט'ן נאמען פונ'ם קעניג.

5) האבען זיי נישט געהאלטען פון אן "עירוב" און זיי האבען אויך גע־לייקענט דעם איסור פון ארויסטראגען עטוואס פון איין רשות צו אן אנדערען אום שבת, ווייל זיי האבען נישט געהאלטען, אז נחמיה'ס איינפיהרונג פון "לא יבא משא ביום השבת" האט וועלכען ס'איז סמך אין דער תורה.

6) זיי האבען אויך נישט געוואלט וויסען וועגען אלע פארשארפונגען אין די דינים פון נדה, וואס די "פרושים" האבען איינגעפיהרט.

אבער טראץ דער געגנערשאפט פון די "צדוקים" צו די לעהרען פון די "פרושים" און האטש אלע איינפלוסרייכע לייט און די תקיפים פון דער רע־גירונג זיינען געווען זייערע אנהענגער, האבען די "צדוקים" אפטמאל נישט געהאט גענוג כח, צו שטעהן פעסט ביי זייער מיינונג, ווייל די פאלקסמאסען זיינען מעהרסטענטיילס געווען מיט די "פרושים" און זיי זיינען אויך געווען גרייט צו פארטיידיגען די לעהר־מיינונגען פון די "פרושים" מיט'ן גאנצען לעבען.

פיעלע מנהגים זיינען דאן איינגעפיהרט געווארען ביי די "פרושים" בלויז צוליעב געגנערשאפט צו די "צדוקים". זיי האבען געוואלט באווייזען, אז מען טאר זיך נישט פיהרען לויט די לעהרען פון די "צדוקים" אפילו אין אזא פאל, ווי זייער אויסטייטשונג פון די מצוות איז געווען כמעט א ריכטיגע. דאמאלס

האָבען אויך די "פּרושים" פעסטגעזעצט דעם דאטום פון שבועות אויפ'ן זעקס־טען טאָג אין חודש סיון, לויט ווי זיי האָבען בארעכענט, אז דאָס איז דער טאָג פון "מתן תורה". זיי האָבען אויך מתקן געווען צו זאָגען אום שבועות ביים דאווענען "זמן מתן תורתנו", וועלכעס מיינט, אז דער יום טוב איז נישט צוליעב די "בכורים", נור אַלס אַ זכר פון "מתן תורה".

די "אסיים"

די דריטע פּאַרטיי ביי אידען אין יענער צייט זיינען געווען די "אסיים".

פון אַט דער פּאַרטיי איז ניט פארבליבען קיין געדעכעניש — און וויסען דאַרף מען אויך, אז אפילו דאמאָלס ווען די פּאַרטיי האָט געבליהט, האָט זי זיך אויך ווייניג אָנגעזעהען אינ'ם אידישען לעבען. פון די "פּרושים" האָבען זיך אַנטוויקעלט די היינטיגע אידען, וואָס זייערע פיהרונגען און אַלע זייערע געדאַנ־קען זיינען באַגרינדעט אויף די אויסטייטשונגען פון דער תורה, לויט ווי זיי זיי־נען אָנגענומען אין'ם תלמוד. פון די "צדוקים" האָבען זיך שפּעטער אַנטווי־קעלט די "קאַראימען", וועלכע פאַרטרעטען דעמזעלבען געדאַנקען־גאַנג. און וועגען די "אסיים" קען מען בלויז זאָגען, אז די ערשטע קריסטען האָבען זיך געפיהרט לויט זייערע לעהרען.

אָנגעהויבען אנטוויקלען האָבען זיך די "אסיים" אין די ערשטע צייטען פון די חשמונאים — און דער מקור זייערער קומט פון די דאמאָלסדיגע "חסידים", וועלכע האָבען געקעמפּפט געגען די סירישע גריכען אונטער דער פאָהן פון יהודה המכבי און זיינע ברידער. זיינען דאמאָלס געווען פיעלע אידען, וואָס זיינען געגאַנגען מיט די גרעקען ביז צום אויפשטאַנד פון די חשמונאים, און ערשט דאמאָלס אָדער אפשר גאָר שפּעטער נאָך דעם זיעג פון די חשמונאים, זיינען זיי צוגעשטאַנען צו דער גלויבענסטרייער מחנה. געווען אָבער דאמאָלס אויך אזעלכע, וואָס האָבען זיך געלאָזט הרג'ענען און זיי האָבען ניט געוואָלט טהון דאָס מינדעסטע, וועלכעס זאָל קענען וואַרפען אויף זיי אַ חשד, אז זיי ווילען נאָכטהון די גריכען. זיינען פיעלע פון דער דאָזיגער מחנה נאָך דעם זיעג פון די חשמונאים ווייטער נישט געווען צופרידען פון דער לאַגע. די פיהרונג פון די חשמונאים איז זיי נישט געפעלען, ווייל זי איז ביי זיי אין די אויגען געווען צו ווייניג אידיש. זיינען זיי אַנטלאָפען פון די שטעדט און, זיי האָבען זיך באַ־האַלטען אין די בערג, וואו זיי האָבען דאָן געלעבט אויף אַן אויסטערלישען שטייגער, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע און וואַרטענדיג אויף אַן ענדערונג אין די געזינונגען פון דער גאַנצער אידישער התנהגות.

וואָס דער נאָמען "אסיים" באַטייט, איז ניט גענוי ערקלעהרט. ביי יאָזעפוס הייסען זיי "עסענער". ווילען מאַנכע פון אונזערע היסטאָריקער זאָגען, אז דאָס מיינט "צנועים" (בעהאַלטענע). אַנדערע זאָגען, אז דאָס מיינט גאָר "חשאיים" (שטילע). נאָך אַנדערע טייטשען דאָס וואָרט, אז עס מיינט "היילער", פונ'ם שורש "אסיא", ווייל די "אסיים" פלעגען זיך פיעל אָפּגעבען מיט היילען קראַנקע. — אין דער גמרא ווערען זיי דערמאָנט אַלס "טובלי שחרית", ווייל זיי פלעגען אָפּליגען גאַנצע טעג פון דער פריה אָן אין וואַסער. אַנדערע רופען זיי "חסידים שוטים" און די גמרא ברענגט אויך אַ ביישפּיעל, וואָס דער נאָמען "חסיד שוטה" מיינט, אז דאָס איז ווען איינער זעהט אַ פרוי

טרינקען זיך אין וואסער און ער וויל זי ניט ארויסראטעווען, ווייל ער האָט מורא, אז ער וועט זי דארפען אָנריהרען.

די פיהרונג פון די "אסיים" איז נישט שטענדיג געווען דיעזעלבע. דאַכט זיך, אז אין פארלויף פון די יאָהרען האָט זיך די דאָזיגע פיהרונג געענדערט, חאָטש די גרונד־פרינציפען זיינען תמיד געבליבען די נעמליכע. די הויפּט־אידעע זייערע איז געווען, ניט צו לאָזען דעם קערפּער פאראומרייניגט ווערען, ווייל אין א אומרייניגעם קערפּער מוז זיך האַלטען אַן אומריינע נשמה. צוליעב אָט דער מורא פאר דער אומרייניקייט פון דער נשמה האָבען די "אסיים" ניט געוואָלט הייראטען. זיי פלעגען זאָגען, אז א פרוי איז דער מקור פון אויסגעלאַסענהייט און צאַנקעריי. אזוי ווי זיי האָבען אבער שפּעטער איינגעזעהען, אז ווען זיי הייראטען ניט, ווערד די חברה זייערע יעדעס מאָל קלענער, האָבען זיך אייניגע פון דער חברה אָנטשלאָסען צו הייראטען, כדי צו קענען ברענגען קינדער אויף דער וועלט. אנדערע פון זיי זיינען אָבער געבליבען פאר־עקשנ'ט אומפאר־הייראטה ביז צום טויט.

פון דער לכתחילה האָבען זיך די "אסיים" ניט אָפּגעגעבען מיט קיין שום ארבייט, ווייל יעדע ארבייט מוז פאראומרייניגען דעם גוף. האָבען זיי אָבער אין אזא פאַל ניט געהאַט צו עסען, ווייל קיין מענש פון די דרויסענדיגע האָט זיי נישט געוואָלט עטוואָס געבען, אזוי ווי זיי האָבען אויך ניט געוואָלט גנב'ענען, און הפקר־בוימער מיט פירות און גראָזען אויף די פעלדער זיינען ניט געווען גענוג, האָבען זיי באַשטימט, אז מען דארף זיך יאָ נעהמען צו ארבייטען — און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּגעבען מיט אַקערבוי.

אומפארענדערליך זיינען געבליבען אנדערע מנהגים פון די "אסיים", א שטייגער ווי אז נאָכדעם ווי מען האָט זייערן א מענש איינגעשוואוירען אין דער חברה, האָט ער געמוזט צוזאָגען, אז ער וועט נישט מעהר קיינמאָל שווערען אפילו אויף אַן אמת, זאָגאר ווען די שבועה זאָל זיין א נויטיגע פאר'ן לעבען. זיי האָבען אויך געגלויבט, אז דורך זייערע באַזונדערע מנהגים וועלען זיי קומען צו "רוח הקדש", צו קענען וויסען, וואָס עס וועט זיין אין צוקונפט. דאביי האָבען זיי געהאַט באַזונדערע ספרים, וועלכע זיי האָבען פארשטאַנען אויסצו־היטען פון פרעמדע אויגען, גלייך ווי זיי האָבען זיך אויסגעהיט פון צוזאַמענ־קומען מיט מענשען פון אַנדערע אנשויאונגען.

מאַנכע פון זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט היילען קראנקע מיט דער הילף פון פארשידענע גראָזען און קרייטעכצער. אנדערע פלעגען היילען מיט "אָפּ־שפּרעכונגען" און תפלות צו די מלאכים, וואָס זיינען ממונה אויף רפואות און זיי האָבען געקענט זייערע נעמען. אַנשטאָט מקריב צו זיין קרבנות, האָבען די "אסיים" געדאַווענט — און אָנגעהויבען דאָס דאווענען האָבען זיי געוועהנליך מיט אַ לויב צום באַשעפער פונ'ם ליכט, וועלכער "באַנייט יעדען טאָג די וואונ־דער פון מעשה בראשית".

ביים עסען און טרינקען האָבען די "אסיים" ניט גענוצט קיין שום מאכלים, וואָס זיינען נישט אומבאַדינגט נויטיג פאַר דער דערהאַלטונג פונ'ם לעבען. זיי האָבען ניט געגעסען קיין פלייש און ניט געטרונקען קיין וויין. זיי האָבען אויך נימ געזוכט קיין שום פארגעניגונגען אינ'ם לעבען. זיי האָבען אדרבה אָפּגע־הארטעוועט דעם קערפּער און באַטראַכט יעדען וועהטאָג ווי א שפּיעלעכעל.

קנעכטשאַפט איז ביי זיי געווען אַ חרפּה, ווייל אַלע מענשען זיינען ברידער, און ווי לאַנג א מענש קען זיך אליין באַדיענען, האָט ער ניט קיין רעכט, צו לאָ־זען זיך באַדיענען פון אַנדערע. איטליכער פון דער חברה האָט דאדורך געקראָ־גען זיינע באַדערפעני‍שען גאַנץ אומזיסט. זיי האָבען זיך אויך אויסגעהיט

פון כעס און א וואָרט איז ביי זיי געווען היילינ. איינער פאַר דעם אַנדערען האָט געהאַט גרויס אַפּשיי און מען פלעגט זיך אויסהיטען נישט צו שפּייען אין געגענוואַרט פון אַ מענש.

עס איז אויך ניט געווען צווישען זיי קיין אָרימאַן און קיין עושר, ווייל יעדער מענש, וואָס האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסען, האָט געדאַרפט אוועקגעבען אַלסדינג וואָס ער האָט געהאַט צו דער חברה. האָבען דאַן אַלע פון גרויס ביז קליין געהאַט איינערליי פּשוט לייוועגטע קליידער, וועלכע זיי האָבען תמיד אָפּגעהיט, גלייך ווי זיי האָבען אָפּגעהיט דעם קערפּער, עס זאָל ביי זיי אַלסדינג זיין ריין און עס זאָל זיך ניט געפינען אויף זיי קיין שפּרענקעלע, ווייל די ריינקייט איז ביי זיי געווען ווי אַ ציערונג פאַר׳ן מענש. פון דעסטוועגען האָבען זיי נישט אָנגעטהון קיין נייע מלבוש און קיין נייע שיך, ווי לאַנג די אַלטע מלבושים האָבען נאָך צו עטוואָס געטויגט.

דעם שבת האָט מען געוועהנליך אָפּגעהיט מיט אַלע קליפּערלאַך. איז ביי זיי דער שבת געווען כמעט ווי אַ תענית. קאָכען האָט מען נישט געטאָרט, האָט מען מעהר ווי אַ שטיקעל טרוקען ברויט נישט געקענט עסען. זיי האָבען אויך ניט גענומען די מינדעסטע זאַך אין דער האַנד אריין אום שבת און קיינער פון זיי פלעגט זיך נישט אויפהויבען פון זיין אָרט.

פיעלע מנהגים, וואָס די חכמי הפרושים האָבען שפּעטער איינגעפיהרט ביי אידען, זיינען בלויז געווען ווי אַ פּראָטעסט געגען די „אסיים“. דער שבת איז ביי די „אסיים“ געווען אַ טאָג פון באַשרענקונג אין זייערע באַוועגונגען און זיי האָבען אויך קיינמאָל ניט געגעסען קיין פלייש און ניט געטרונקען קיין וויין. האָבען די חכמים מקפּיד געווען אָנצוזאָגען, אַז דער מענש דאַרף זיך אָנטהאָן די גרעסטע תענוגים אום שבת מיט וויין און פלייש. דעסגלייכען האָבען די חכמים ערקלערט, אַז מען מעג געוויסע כלים אריבערטראָגען אום שבת פון איין אָרט צום אַנדערען (אין די גרעניצען פון אַ רשות היחיד). און ווען די „אסיים“ האָבען פאַרשאַרפט די מנהגים זייערע, מען זאָל ניט נעהמען אום שבת קיין שום כלי אין האַנד אריין, האָבען די חכמים מתיר געמאַכט, אָנצוריהרען יעדע כלי, וועלכע איז נויטיג פאַר׳ן באַדאַרף פון׳ם קערפּער אָדער פאַר׳ן באַדאַרף פון׳ם אָרט, חוץ יענע כלים, וועלכע ווערען געברויכט צו די וואָכענדיגע ארבייטען. און ווען די „אסיים“ האָבען ניט געוואָלט הייראַטען, האָבען די חכמים געזאָגט, אַז ווער עס הייראַט ניט, איז ווי אַ פּשוט׳ער מערדער, וועלכער פאַרמינדערט די געשטאַלט פון׳ם אידישען פאָלק און פאַרטרייבט די שכינה פון דער אידישער מחנה. די „אסיים“ פלעגען היילען קראַנקע מיט „אָפּשפּרעכונגען“, האָבען די חכמים געזאָגט, אַז ווער עס נעמט זיך היילען אַ מכה מיט „אָפּשפּרעכונגען“, דער האָט נישט קיין חלק לעולם הבא.

יעדען טאָג אין דער פריה פלעגען די „אסיים“ אויפשטעהען, איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבען שאַרעיען אויף טאָג. דאַן האָבען זיי זיך אויסגעבאָדען אין קאַלטען וואַסער, סיי אום זומער און סיי אום ווינטער. דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעטהון ריין געוואַשענע קליידער און קיינער פון זיי האָט אַ מויל געעפענט ארויסצולאָזען אַ וואָרט, ווייל זיי האָבען דאַן אַלע אָנגעהויבען זייער שותפותדיגען לויב־געזאַנג צום באַשעפער. און ווען די זון איז ארויסגעקומען, איז יעדער אוועקגעגאַנגען צו זיין ארבייט אויף פינף שעה צייט. דערנאָך פלעגען זיי זיך צונויפקלייבען, אַרונטערנעהמען די אַרבייטס־קליידער, אויסבאָדען זיך פריש, אָנטהון אַנדערע קליידער און אריינגעהן אין זייער פאַרזאַמלונגס־הויז, וואו אַ פרעמדער מענש האָט ניט געטאָרט אריינקומען. דאָרט האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט עסען זייער ברויט און אַ שיסעלע געקאָכטע גראָז. און געגעסען האָט איטליכער שווייגענדיג, אין דער איבערצייגונג, אַז דאָס גאַנצע עסען איז

ניט מעהר ווי א מיטעל, אויף צו דערהאלטען דעם גוף, וואס דער אויבערשטער האט באשאפען און מען דארף איהם אפהיטען. נאך דעם עסען פלעגט דער עלטעסטער אפגעבען א שבח צום אויבערשטען פאר זיינע גרויסע חסדים. דערנאך פלעגען זיי אויסטהון די קליידער, אין וועלכע זיי האבען געגעסען, צוריק אנטהון די ארבייטס־קליידער, און אוועק־געהן ווייטער צו דער ארבייט ביז פארנאכט. און פאר־נאכט פלעגט זיך ווידערהאלען די געשיכטע פון פריהער, ווייל מען פלעגט דאן ווייטער געהען זיך אויסבאדען און אנטהאן אנדערע קליידער צו דער צווייטער מאהלצייט.

און ווען אימיצער האט זיך געוואלט אנשליסען צו די "אסיים", האבען זיי איהם ניט אזוי באלד אריינגענומען אין דער חברה, ווייל מען האט איהם אויספרובירט א גאנץ יאהר, צי ער האט גענוג כח, זיך צו באהערשען און אפצוהימען אלע געזעצען פון דער חברה. דערנאך האט מען איהם געגעבען א וויים העמד, א ווייסע איינהיל און א קליינע האק, צו ארבייטען מיט אלע צוזאמען. און ווען עס האט זיך ביים ענד פון דעם יאהר ארויסגעוויזען, אז דער מענש איז אויסגעהאלטען אין זיין התנהגות, האט ער זיך דאן געמעגט באדען מיט די אנדערע צוזאמען. נור עסען מיט אלעמען אין איינעם האט ער ניט געקענט, ביז עס זיינען נישט פאראיבער ווייטערע צוויי יאהר. און ווען עס איז נאך ווייטערע צוויי יאהר אויסגעפונען געווארען, אז דער מענש איז ווירדיג אריין צו קומען אין דער חברה, האט מען איהם ערשט דאמאלס געלאזען עסען מיט אלעמען אין איינעם און מען האט איהם אנגעהויבען איבערגעבען די סודות פון דער חברה. אבער איידער מען האט איהם ערלויבט דאס ערשטע מאל צו עסען מיט דער חברה צוזאמען, האט מען איהם איינגעשוואוירען, ער זאל וויסען, אז פריהער פאר אלעמען דארף ער מיט זיין גאנצער נשמה ליעבען דעם גרויסען גאט און מורא האבען פאר איהם, דערנאך דארף ער ליעב האבען יעדען מענש מעהר ווי זיך אליין און ער דארף אויך זיין גוט צו באשעפענישען. חוץ דעם מוז ער צוזאגען, אז ער וועט ניט אפנארען קיינעם, ווען עס זאל זיך אפילו האנדלען וועגען דעם גרעסטען פארמעגען. ער דארף אויך העלפען יעדען אונטערדריקטען, ניט צו האלטען זיך שטאלץ געגען קיין שום מענש, ליעב צו האבען דעם אמת און פיינט האבען דעם שקר מיט'ן גאנצען הארצען, איבערהויפט ניט צו אנטפלעקען צו קיין שום מענש עטוואס פון דער חברה'ס געהיימניסע.

ערשט נאכדעם ווי דער מענש האט דאס אלעס צוגעשוואוירן, האט ער געקענט ווערען א גלייכבארעכטיגטער מיטגליעד פון דער חברה, צו וועמען מ'האט געקענט אנטפלעקען יעדען סוד — אין דער געוויסהייט, אז ער וועט ניט מחלל זיין די שבועה און ער וועט ניט אויסזאגען די געהיימניסע צו קיינעם.

די "שומרונים"

ביי פארשידענע געלעגענהייטען וועט אונז אין דער שילדערונג פון די געשעהענישען אינ'ם לעבען פון אונזערע "חכמי התלמוד", אפטמאל אויסקומען צו דערמאנען די "שומרונים" אין זייערע פארשיעדענארטיגע פארהעלטניסע צו די פאליטישע געשעהענישען אין ארץ-ישראל. דארפען מיר דא דערפאר פריהער ערקלערען, וואס פאר א מענשען דאס זיינען געווען.

היסטאריש ווערד ערקלערט, אז די "שומרונים" זיינען א געמיש פון א קליינער איבערבלייבעניש פון די "עשרת השבטים", וואס זייער מלוכה אין שומרון איז (אין ג' אלפים ל"ח לבריאת עולם אדער 722 בעפאר דער קריסטלי־כער צייט) דורך קעניג סרגון פון אשור חרוב געווארען. אט דער קעניג האט אריבער 27 טויזענד מענשען פון דער שומרון'ער באפעלקערונג פארטריבען קיין חלה און חבור, נהר גוזן און די שטעדט פון מדי, אויף וועמעס ארט ער האט דאן באזעצט מענשען פון בבל, כותא, עוא, חמת און ספרוים. האבען זיך דערנאך יענע, פון די עשרת השבטים איבערגעבליבענע, אויסגעמישט מיט די ניי־אנגעקומענע פעלקער און עס האבען זיך פון זיי אנטוויקעלט די אזוי אנגערופענע "שומרונים".

זיינען די דאזיגע "שומרונים" אין דער צייט פונ'ם צווייטען בית־המקדש געווען א זעהר אנזיכטיגע באפעלקערונג. דאסזעלבע איז אויך געווען א לאנגע צייט נאך'ן חורבן. שפעטער האבען זיי זיך טיילוויז אויסגעמישט מיט אנדערע אידישע סעקטען און די מעהרסטע פון זיי זיינען אין גאנצען צו־גרונד געגאנגען.

און ווען די "שומרונים" ווערען דערמאנט אין תלמוד אדער אין די מדרשים, ווערען זיי אנגערופען "כותים". איז דאס וואהרשיינליך דערפאר, וואס די מענשען פון כותה זיינען געווען די וויכטיגסטע צווישען יענע, וועלכע דער קעניג פון אשור האט באזעצט אין שומרון אויף'ן ארט פון די ארויס־געטריבענע "בני ישראל" — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האבען זיי אין די ערשטע טעג, וואס מען האט זיי דארט באזעצט, ניט געהאלטען פון'ם אידישען גאט און נישט אפגעהיט זיינע מצוות. האט גאט אויף זיי אנגערייצט לייבען, וואס זיינען אנגעפאלען אויף זייערע וואהנונגען און האבען פיעלע פון זיי אויסגעהרג'ט.

האט מען דאן מיטגעטיילט צום קעניג פון אשור, אז די נייע מענשען, וועלכע ער האט באזעצט אין די שטעדט פון שומרון אויף'ן ארט פון די ארויסגעטריבענע "בני ישראל", זיינען ניט באהאוונט אין די געזעצע פון יענעם גאט, וואס רעגיערט דארט, האט ער דערפאר אנגערייצט אויף זיי לייבען, וואס הרג'ענען זיי. האט דער קעניג פון אשור געהייסען אהין ברענגען איינעם פון די ארויסגעטריבענע "כהנים", וועלכער זאל מיט זיי לערנען די געזעצע פונ'ם שומרונ'ער גאט.

איז דאן געקומען איינער פון יענע כהנים און ער האט זיך באזעצט אין בית־אל, האט ער די מענשען באלערענט, מורא צו האבען פארן גאט פון ישראל. האבען יענע מענשען געדיענט פון דאמאלס אן יעדער צו זיין פריהערן גאט און גלייכצייטיג האבען זיי אויפגעשטעלט א מזבח פאר'ן אידישען גאט, און

די חכמים פון דער משנה

דערפאר וואס יענע מענשען זיינען געווארען אנהענגער פונ'ם אידישען גאט צוליעב זייער מורא פאר די לייבען, ווערען זיי אנגערופען מיט'ן נאמען "גרי אריות".

ווי באמערקט, זיינען די "שומרונים" געווען א געמיש פון די "עשרת השבטים" מיט איינגעוואנדערטע גוים פון כותה און אנדערע מקומות. דארף מען אויך וויסען, אז אויף ווי ווייט די מענשען פון די עשרת השבטים זיינען געווען אפשטאמער פון שבט אפרים, איז די שנאה זייערע צו די מענשען פון שבט יהודה געווען אן אלטע איינגעגעסענע, זייט די צייטען פון די "שופטים", ווען די מענשען פון שבט אפרים פלעגען שטענדיג זיין קריגעריש, הערשזיכטיג און ארומצאנקען מיט די מענשען פון די אנדערע שבטים. פון שבט אפרים איז אויך ארויסגעקומען ירבעם בן נבט, וועלכער האט אנגעפיהרט א רעוואלוציע געגען שלמה המלך און שפעטער האט ער אוועקגעריסען מלכות ישראל פון מלכות בית דוד.

זייט דער צייט פון גלות עשרת השבטים דורך'ן קעניג פון אשור ביז צום חורבן פונ'ם ערשטען בית המקדש אין ירושלים האט געדויערט 133 יאהר. פארשטעהט עס זיך אליין, אז דאס לאנד פון ארום שומרון איז ווערענד אזוי פיעל יאהרען נישט געבליבען שטעהען אויף איין ארט, מלכות אשור אליין האט דערוייל אויפגעהערט צו עקסיסטירען און איהרע פעלקער זיינען גע־קומען אונטער אן אנדערער הערשאפט. א לאנגע צייט בעפאר גלות שומרון איז שוין געווען א גייסטיגע פארבינדונג צווישען ירושלים און שומרון, ווי מען קען דאס זעהען פון מאנכע נביאים. עס איז אויך אנצונעמען, אז די דאזיגע פארבינדונג צווישען ירושלים און שומרון האט שפעטער ווייטער עקסיסטירט, איבערהויפט ווען די מענשען פון שומרון האבען געזעהען, אז דער גאט פון יהודה האט אפגעראטעוועט ירושלים פון אשור'ס שווערד און זייערע אפגעטער האבען דאס נישט געקענט טהון.

וואהרשיינליך זיינען אין יענער צייט פיעלע פון די שומרונים אוועק־געגאנגען קיין ארץ ישראל און זיי האבען זיך אנגעשלאסען אין מלכות יהודה. עס איז אויך אנצונעהמען, אז דער קעניג פון יהודה האט אין געוויסע צייטען געהאט א מאכט איבער שומרון, ווען דער פסוק דערצעהלט וועגען קעניג יאשיהו, אז ער האט פארניכטעט די "במות" אין בית אל און אין די שטעדט פון שומרון (מלכים ב' קאפיטעל כ"ג).

עס איז אויך מעגליך, אז בלויז א קליינער טייל פון די שומרונים האט בעפאר דעם חורבן פונ'ם ערשטען בית־המקדש געגלייבט אין דער קדושה פון ירושלים, ווייל מיר געפינען, ווי עס ווערד דערצעהלט, אז נאך'ן טויט פון גדליה בן אחיקם זיינען געקומען 80 מאן פון שכם, פון שילו און פון שומרון מיט קרבנות און ווייהרויך אין זייערע הענד, דאס מקריב צו זיין אינ'ם בית־המקדש, וועגען וועלכע זיי האבען גאר נישט געוואוסט, אז ער איז חרוב גע־ווארען (ירמיה קאפיטעל מ"א).

און גלייך ווי מען ווייסט נישט גענוי, וואס עס איז ביי די שומרונים פארגעקומען ווערענד די 133 יאהר פונ'ם גלות שומרון ביז צום חורבן בית ראשון, ווייסט מען אויך נישט, וואס עס איז מיט זיי שפעטער פארגעקומען, ווערענד דער צייט, וואס די אידען זיינען געווען אין גלות בבל. אזוי פיעל ווייסט מען נור, אז ווען די אידען זיינען צוריק געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל אונטער דער הערשאפט פון כורש מלך פרס און די שומרונים האבען געהערט, אז אידען געהען בויען א נייעם בית־המקדש, זיינען זיי צוגעקומען צו זרובבל בן שאלתיאל און צו די אנדערע פיהרער פונ'ם פאלק און זיי האבען

געזאָגט: "מיר ווילען זיך גערן באַטייליגען אין אייער אַרבייט, ווייל מיר דיענען צו דעם זעלבינען גאָט גלייך מיט אייך און צו איהם זיינען מיר מקריב אונזערע קרבנות זייט דער צייט פון אסר הדון מלך אשור, וועלכער האָט אונז אַהער געבראַכט" (זעה עזרא קאַפּיטעל ד׳).

ווערען דאָרט די שומרונים באַטיטעלט מיט׳ן נאָמען: "צרי יהודה ובנימין". קען דאָס אונז דיענען אַלס אַ באַווייז, אַז דאָס פאַרהעלטניס פון די שומרונים צו די אידען איז אין יענער צייט געווען אַ פאַרהעלטניס פון שונאים. האָבען זיי די אידען דערפאַר חושד געווען אין שלעכטע כוונות און זיי האָבען נישט געוואָלט אַנגעהמען זייער הילף, האָבען זיי אויף זייער פאַר־שלאָג וועגען מיטהעלפען ביים בוי געענטפערט: "מיר קענען נישט אָננעה־מען אייער הילף!" און לויט ווי יאָזעפוס פלאַוויוס דערצעהלט, האָבען דאַ־מאָלס די אידען צוגעגעבען: "צו וואָס זאָלט איהר זיך באַמיהען און אונז העל־פען, ווען איהר וועט קענען באַנוצען אונזער בית־המקדש, חאָטש איהר וועט אונז נישט העלפען ביים בוי, ווייל אונזער בית־המקדש וועט זיין אַ בעט־הויז פאַר אַלע פעלקער?"

האָט דאָס דאָזיגע צוריקווייזען די מיטהילף פון די שומרונים באַנייט די אַלטע שנאה פון שבט אפרים צו די מענשען פון יהודה. האָבען דאַן די שומרונים אויפגעבויעט אַן אייגענעם טעמפּעל אויף׳ן בארג גריזים. ווערד וועגען דעם דערצעהלט, אַז ווען נחמיה בן חכליה איז אָנגעקומען אין ירושלים און ער האָט געזעהן, אַז דער זוהן פון יוידע בן אלישיב כהן גדול איז אַן איי־דעם ביי סנבלט החורוני, וועלכער האָט געשטערט דעם בוי פונ׳ם בית־המקדש דורך פּאַסקווילען צו דער פערזישער רעגירונג, האָט ער איהם פאַרטריבען פון ירושלים.

דערצעהלט דאָס יאָזעפוס אַ ביסעל אַנדערש, לויט יאָזעפוס האָט מנשה, דער ברודער פון ידוע כהן גדול, געהייראַטה די טאָכטער פון סנבלט דעם שומרוני, האָט איהם נחמיה געהייסען, ער זאָל די פרוי אָוועקשיקען, גלייך ווי ער האָט געהייסען אָוועקשיקען אַלע גוי׳שע ווייבער. איז אַזוי ווי מנשה האָט איהם נישט געוואָלט פאָלגען, האָט ער איהם אַרויסגעטריבען פון צווישען אידען. איז דאַן מנשה אָוועקגעגאַנגען צו זיין שוועהר סנבלט, וועלכער האָט פאַר איהם אויסגעבויעט אַ טעמפּעל אויף׳ן בארג גריזים, וואו עס איז שוין פריי־הער געווען אַ „במה", אויף מקריב צו זיין קרבנות און ער האָט דאָרט מנשה׳ן געמאַכט פאַר אַ כהן.

און לויט ווי יאָזעפוס דערצעהלט ווייטער, זיינען אויך צוגעקומען אין שומרון פיעלע מענשען פון יהודה, וואָס האָבען נישט געוואָלט אָוועקשיקען זיי־ערע גוי׳שע ווייבער און זיי האָבען דאָרט בטל געמאַכט אַלע איינפיהרונגען פון עזרא הסופר. זיי האָבען אויך געטהון פאַרשיעדענעס, אויף צו פאַרהייליגען דעם בארג גריזים, פאַר אַט דעם צוועק האָבען זיי זאָגאַר געפעלשט דעם טעקסט פון דער אידישער תורה, ווי ווייט עס האָט זיי געטויגט.

עזרא הסופר האָט אויך דאַמאָלס רעגולירט דעם כתב פון דער תורה. פאַרהאַנען וועגען דעם פיעלע היסטאָרישע ווידערשפּרוכען. זיכער איז אָבער אָנצונעמען, אַז די אידען האָבען פריהער געהאַט דעם אַלטען פיניקישען כתב, וועלכער עקסיסטירט יעצט בלויז ביי די שומרונים, נישט די אשור׳שע אותיות פון אונזער פיערעקיגער שריפט, וואָס מיר פאַרמאָגען היינט. די ברייטע מאַסען האָבען דאַמאָלס נישט געקענט שרייבען, און די פיניקישע אותיות זיינען זעהר שווער צום אויסלערנען, דערצו האָט עזרא געוואָלט אויפשטעלען אַ וואַנד אָקעגען די שומרונים וועלכע האָבען זיך באַנוצט מיט די פיניקישע אותיות

צו זייערע שריפטען, האָט דאַן עזרא אויסגעקליבען די אַשור׳שע אותיות פאַר דער אידישער תורה און די ״אנשי כנסת הגדולה״ האָבען דאָס דורכגעפיהרט.

ווי יאָזעפוס דערצעהלט, האָט סנבלט אויפגעבויט דעם שומרונ׳שען בית־המקדש אויף׳ן בארג גריזים מיט דער צושטימונג פון קעניג אַלעקסאַנדער דעם גרויסען, אַלס אַ באַלוינונג דערפאַר, וואָס די שומרונים האָבען איהם געהאָלפען אין זיין מלחמה געגען צור.

לויט ווי עס ווערד אָבער איבערגעגעבען אין דער גמרא, איז דער שומרונ׳ישער בית־המקדש אין דער צייט פון קעניג אַלעקסאַנדער דעם גרויסען שוין גאָר חרוב געוואָרען. עס זעהט זיך דאָרט אַפילו אויסדריקליך, אַז די ״אגדתא״ פון דער גמרא האָט אויסגעמישט צוויי פאַרשיעדענע געשעהענישען, וואָס איינע איז געווען לאַנגע יאָהרען ווייט פון דער אַנדערער. דהיינו: דאָס ארויסגעהן פון שמעון הצדיק אין באַגלייטונג פון אַנדערע אידישע פיהרער, מקבל־פנים צו זיין דעם קעניג אַלעקסאַנדער, ווען ער האָט געוואָלט חרוב מאַכען ירושלים, און דאָס אַנדערע געשעהעניש איז דאָס חרוב מאַכען פונ׳ם שומרונ׳ישען בית־המקדש דורך יוחנן כהן גדול.

פינף און צוואַנציג טאָג אין טבת — זאָגט די גמרא — איז דער טאָג פון ״הר גריזים״, אין וועלכען עס טאָרען נישט געמאַכט ווערען קיין הספדים, ווייל דאָס איז דער טאָג, וואָס די ״כותים״ (דאָס הייסט די שומרונים) האָבען געוואָלט קריגען די ערלויבנים פון קעניג אַלעקסאַנדער, חרוב צו מאַכען דאָס הויז פון אונזער גאָט, און דער קעניג אַלעקסאַנדער האָט שוין געהאַט די דאָזיגע ערלויבנים געגעבען. איז מען דאָס געקומען אָנזאָגען צו שמעון הצדיק. האָט ער זיך אָנגעטהון די ״בגדי כהונה״ און ער האָט מיטגענומען די בעסטע מענשען פון צווישען אידען מיט שטאַרקאַצען אין די הענד, זיינען זיי דאַן געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, צו באַגעגנען דעם קעניג.

זיינען איינע (די אידען) געגאַנגען פון איין זייט און די אַנדערע (די שומרונים) זיינען געגאַנגען פון דער אַנדערער זייט, ביז עס האָט אָנגעהויבען שאַרעיען אויף טאָג. און אַזוי ווי עס איז אָנגעקומען דער מאָרגען און דער קעניג האָט דערזעהען די אידען, האָט ער געפרעגט ביי זיינע מענשען: ״ווער זיינען דאָס די?״—האָבען איהם זיינע מענשען געענטפערט: ״דאָס זיינען די אידען, וואָס האָבען געגען דיר ווידערשפעניגט!״ און געמיינט האָבען זיי, דעם קעניג צו דערמאָנען, אַז די אידען האָבען נישט געוואָלט עפענען פאַר איהם די טויערען פון ירושלים, איידער ער האָט די פערזער באַזיעגט.

און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אַנטיפאַטריס, איז די זון אויפגעגאַנגען. האָט דאַן דער קעניג דערזעהען שמעון הצדיק, איז ער אַרונטערגעגאַנגען פון זיין וואָגען און ער האָט זיך צו איהם געבוקט.

דערנאָך האָט דער קעניג געפרעגט ביי די אידען: ״וואָס איז אייגענטליך דער צוועק פון אייער קומען?״

האָבען איהם די אידען געזאָגט: ״איז דאָס מעגליך, אַז אַ הויז, אין וועלכען עס ווערד געבעטען פאַר דיר און פאַר דיין מלוכה, זאָלען דיך געצענ־דיענער קענען אָנריידען, דו זאָלסט דאָס דאָזיגע הויז חרוב מאַכען?״

— ווער וויל דען דאָס טהון?—האָט דער קעניג געפרעגט.

האָבען איהם די אידען געענטפערט: ״אָט די כותים, וואָס שטעהען פאַר דיר!״

״טאָ גיב איך זיי איבער צו׳ן אייך אין די הענד!״ — האָט דער קעניג אויף דעם געענטפערט.

די שומרונים

האָבען דאַן די אידען אַ חאַפּ געטהון די כותים און האָבען זיי געלעכערט די זוילען פון זייערע פיס, צוגעבונדען זיי דערנאָך צו די עקען פון זייערע פערד און געשלעפּט זיי איבער אַלע דערנער, ביז זיי זיינען געקומען צום באַרג גריזים. און אַזוי ווי מען איז אָנגעקומען צום באַרג גריזים, האָט מען איהם צוּאַקערט און פאַרזייהט מיט אַרבעס, גלייך ווי די כותים האָבען געוואָלט טהון צום הויז פון אונזער גאָט.

און שפּעטער האָט מען באַשטימט יענעם טאָג פאַר אַ יום־טוב (זעה יומא דף ס"ט עמוד א').

מיט'ן אויפבויען דעם שומרון'שען "בית־המקדש" אויפ'ן באַרג גריזים, לעבען דער שטאָדט שכם, וועלכעס איז געווען אין סאַמע מיטען פון ארץ־ישראל, האָט סנבלט געדענקט, אַז זיין "בית המקדש" וועט גאָר אין גיכען ווערען אַ רעלי־גיעזער צענטער פאַר אַלע יענע, וואָס דער וועג קיין ירושלים איז פאַר זיי צו ווייט. ער האָט אויך געמיינט, אַז ער האָט מיט'ן אויסקלויבען דעם באַרג גריזים געטהון דאָס בעסטע, וואָס עס איז געווען מעגליך, ווייל די תורה זאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט דאָרט געהייסען בענשען די אידען, וואָס וועלען באַפאָלגען זיינע געבאָטען.

שפּעטער האָבען די "כהנים" פון יענעם "בית המקדש" געוואָלט איינ־ריידען זייער עולם, אַז דער אויבערשטער האָט געגעבען די תורה אויפ'ן באַרג גריזים, נישט אויפ'ן באַרג סיני, ווי די אידען זאָגען. צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיגען זאָג האָט מען שוין אויך געהאַט געפעלשט דעם טעקסט פון דער תורה. האָט זיך אָבער דאָס דאָזיגע איינרייידעניש נישט איינגעגעבען און מען האָט יענע באַהויפּטונג געמוזט צוריקרופען.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך פאַרשאַרפט אַ ביטערער קאַמפּף צווישען אידען און "שומרונים", אָפטמאָל איז דער דאָזיגער קאַמפּף אָנגעפיהרט געוואָרען ווי אַ קאַמפּף פון אידען, וואָס יעדער צד האָט גע'טענה'ט, אַז נור אויף זיין זייט געפינט זיך דער אמת. ביי אַנדערע געלעגענהייטען איז דאָס אָבער געווען אַ מלחמה אויף טויט און לעבען, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען לאַנגע הונדערטער יאָהרען.

אפילו אין צייטען פון פריעדען איז די שנאה צווישעןביידע צדדים אָפטמאָל געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז מען איז זיך איינע די אַנדערע געגאַנגען אויפ'ן לעבען און מען האָט עס זיך גערעכענט פאַר אַ "מצוה", ווען עס האָבען איינע די אַנדערע גע'הרג'ט. דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אַז יעדעס מאָל, וואָס שונאים זיינען אָנגעפאַלען אויף אידען, האָבען די "שומרונים" שטענדיג געהאָלפען די שונאים, חוץ ביים חורבן פונ'ם צווייטען בית־המקדש און ביי דער צושטערונג פון ביתר.

ווי טיעף איינגעוואָרצעלט דער האַס צווישען די אידען און "שומרונים" איז געוועזען, קען מען אַם בעסטען זעהען אין די שריפטען פון יאָזעפוס פלאַוויוס. עס לאָזט זיך אפילו זאָגען, אַז יאָזעפוס פלאַוויוס האָט פיינט געהאַט די "שומרונים" הויפּזעכליך דערפאַר, וואָס זיי האָבען ביז צו זיין צייט געקעמפפט אויף דער זייט פון די אידען געגען די רוימער. ווערד אָבער יענער האַס פון די אידען צו די שומרונים דערמאָנט נאָך פריהער אין די ביכער פון די "מאקאַבעער" און עס זאָגט אויך בן־סירא וועגען זיי, אַז איהם "עקעלט פאַר דעם שענדליכען פאָלק, וואָס וואוינט אין שכם".

אין דער צייט, וואָס די חשמונאים האָבען געקעמפפט געגען די גריכען, דערצעהלט יאָזעפוס, האָבען די "שומרונים" געמאַכט איין האַנד מיט די שונאים פון די אידען. און ווען די גריכען האָבען די רעליגיעזע אידען גע־

די חכמים פון דער משנה

ברענט און געבראָטען, האָבען די "שומרונים" געשריבען צום קעניג אנטיאָכאָס עפיפאנעס: "מיר זיינען נישט קיין אידען און מיר אנערקענען נישט דעם אידישען גאָט, און ווען מיר האָבען ביז היינט געהאַלטען דעם אידישען שבת און האָבען אויך אָפּגעהיט די אידישע ימים טובים, האָבען מיר דאָס ניט געטהון מיט אונזער פרייען ווילען, נור מיר זיינען געווען דערצו געצוואונגען. ווען עס געפעלט אלזאָ נישט דעם קעניג, וואָס מיר געהען אין די וועגען פון די אידען און מיר דינען צו זייער גאָט, וועלען מיר צוריקגעהן צו די געטער פון אונזערע עלטערען און מיר וועלען ווידמען אונזער בית־המקדש צום גאָט צעאוס".

שפּעטער ווען די חשמונאים האָבען געזיעגט, זיינען די "שומרונים" אריבערגעגאנגען צו די גוים ארום ארץ ישראל, אויפצורייצען זיי אין א מלחמה געגען די אידען. די שנאה זייערע צו די אידען איז פון דאַמאָלס אָן געווען זעהר א שרעקליכע. האָט דערפאַר קעניג יוחנן הורקנוס אָנגעפיהרט געגען זיי א פאַרניכטונגס־קאַמפּף, און ער האָט חרוב געמאַכט זייער בית־המקדש — צוויי הונדערט יאָהר נאָך זיין גרינדונג.

דערנאָך זיינען געקומען די צוויי זיהן פון יוחנן הורקנוס, אריסטובול און אנטיגונוס, וואָס האָטש זיי האָבען זיך געגענזייטיג באַקעמפּפט, זיינען זיי געווען פאַראייניגט אין דער שנאה צו די "שומרונים". און ווען זיי האָבען ערָאָבערט די שטאָדט שומרון, האָבען זיי זי גלייך געמאַכט מיט דער ערד, דעם פּלאַץ פון דעם שומרונ'ישען "בית המקדש" האָבען זיי פאַראַקערט און די איינוואוינער פון דער שטאָדט האָבען זיך גערעטעט דורך אַנטלויפען.

ערשט דערנאָך, ווען ירושלים איז ערָאָבערט געוואָרען דורך רוימישע סאָלדאַטען אונטער פּאָמפּעיוס, זיינען די "שומרונים" צוריק געבראַכט געוואָרען אין זייערע באַזיצונגען.

די רעליגיעזע פאַרהעלטניסע צווישען אידען און "שומרונים" זיינען אין פאַרשיעדענע צייטען אויך א פאַרשיעדענעם שטייגער איינגעאָרדנעט געוואָרען, אַזוי ווי די "שומרונים" האָבען הונדערטער יאָהרען געוואוינט צווישען אידען, האָט זיך די געזעצגעבונג וועגען זיי נישט געהאַלטען ביי איין סיסטעם. אַמאָל האָט מען זיי באַטראַכט ווי געצענדיענער און מען האָט דערצעהלט, אַז מען האָט אין זייער "בית המקדש" געפונען עפּעס אַזוינס ווי דאָס בילד פון א טויב, צו וועלכען זיי האָבען געדיענט. ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָבען מאַנכע פון אונזערע חכמים געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי באַטראַכטען ווי אידען.

ביי אַזעלכע אומשטענדען, פאַרשטעהט זיך, אַז די "שומרונים" פּלעגען אויך אויסטראַכטען כל־ערליי בלבולים וועגען אידען. געוועהנליך פּלעגען זיי טענה'ן, אַז זיי זיינען די איינענטליכע אמת'ע אידען און נור זיי היטען אָפּ אַלע מצוות פון גאָט'ס תורה — און כדי צו באַווייזען, אַז די אידען האַלטען ניט געהעריג די דינים פון טומאה און טהרה, האָבען זיי אין א געוויסען פּסח, ווען די אידען זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין ירושלים, אריינגעוואָרפען אינ'ם בית־המקדש ביינער פון א טויטען, דאָרט וואו מען האָט געהאַלטען דאָס האָלץ פאַר'ן מזבח, כדי דאָס בית־המקדש טמא צו מאַכען.

האָט דאָס אָבער ניט געהאַט די ווירקונג, וואָס די "שומרונים" האָבען געוואָלט, ווייל די חכמים האָבען געזאָגט, אַז נאָך'ן אוועקראַמען די טויטען־ביינער, איז דער בית־המקדש צוריק ריין, און א ראיה האָבען זיי געבראַכט, אַז אַזעלכע טויטען־ביינער האָבען ניט דעם כח, מטמא צו זיין דאָס בית המקדש, ווייל אַזוי ווי מיר ווייסען ניט, וואו עס געפינען זיך די טויטע פונ'ם "דור המבול", אָדער די ביינער פון יענע, וואָס נבוכדנצר האָט אויסגעהרג'ט, ווען ער האָט

די שומרונים

חרוב געמאַכט דעם ערשטען בית־המקדש, און עס איז מעגליך, אַז זיי געפינען זיך ערגעץ נאָהנט לעבען בית־המקדש, איז נאָך פון דעסטוועגען קיינעם ניט איינגעפאַלען צו זאָגען, אַז דער בית המקדש זאָל צוליעב יענע טויטען־ביינער ניט זיין ריין.

ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָבען זיך די "שומרונים" געסטאַרעט צו טהון אויף להכעים צו די אידען, און ווען די אידען פלעגען אָנצינדען פייערען אויף די בערג, כדי די מענשען אין די ווייטע מקומות זאָלען וויסען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייער חודש, האָבען די שומרונים יענע פייערען פאַרלאָשען, כדי צו ברענגען צו טעות'ן אין דער באַשטימונג פון די ימים־טובים.

אין דער צייט פון "חורבן בית שני" זיינען די שומרונים געווען פאַר־בונדען מיט די אידען אין זייער קאַמפף געגען די רוימער. די רוימער האָבען אויך דאַמאָלס נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען די שומרונים און די אידען. דאָסזעלבע איז געווען אין די מלחמות פון בר־כוכבא.

נאָך'ן חורבן בית שני זיינען די שומרונים געבליבען אין זייער שטאָדט און דער "בית־המקדש" זייערער האָט דאַמאָלס ווייטער עקסיסטירט. ערשט אַרום 150 יאָהר שפּעטער האָבען זיי געמאַכט אַן אייגענע רעוואָלוציע געגען די רוימער. האָט זיי דער קייזער סעפּטימוס סעווערוס באַזיעגט, פאַרוויסט די שטאָדט שומרון און אויסגעה'רג'ט איהרע איינוואָהנער. דאָסזעלבע איז געשעהען, ווען די רוימער האָבען געפיהרט מלחמות געגען די פּערזער און עס האָט זיך די שומרונים פאַרגלוסט, זיי זאָלען העלפען די פּערזער.

די מיינונג פון אונזערע חכמים וועגען די שומרונים איז ניט תמיד געווען דיעזעלבע. די גרויסע מחלוקות זיינען פאָרגעקומען, ווען אונזער בית המקדש און זייערער זיינען געשטאַנען. שפּעטער האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז די שומרונים זיינען "גרי אמת" און לויט דער מיינונג פון ר' שמעון בן גמליאל איז אַ שומרוני גלייך ווי אַ איד ביי יעדער געלעגענהייט.

זעהר שאַרף געגען די שומרונים איז געווען די מיינונג פון ר' אליעזר, וועלכער זאָגט, אַז "ווער עס עסט דאָס ברויט פון אַ שומרוני, איז גלייך ווי ער וואָלט געגעסען דאָס פלייש פון אַ חזיר" (שביעית פּרק ח' משנה י'). אַנדערע חכמים זיינען געווען מילדער צו די שומרונים און זיי האָבען זאָגאַר ערלויבט צו עסען פון זייער געקעכטס (ירושלמי עבודה זרה פּרק ה' הלכה ד').

שמעון הצדיק

די עטליכע צעהנדלינג יאָהרען, וואָס די אידען האָבען פאַרבראַכט אין בבל, זייט דער פאַרטרייבונג פון יהויכין מלך יהודה ביז צו דער צייט פון כורש מלך פּרס, האָבען געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף זייער גייסטיגער אנטוויקלונג, ווי ווייט דאָס האָט געהאַט צו טהון מיט דער אויסערליכקייט פון דער אידישער אמונה. פיעלע און פאַרשיעדענע לעבענס-איינריכטונגען האָבען די אידען אין יענע יאָהרען אָפּגעלערענט פון די בבליים, אַ שטייגער ווי וואָס זיי האָבען דאָרט איבערגענומען, אָנצורופען די מלאכים מיט נעמען. אין אַלע ספרים פון אונזערע "כתבי הקדש" ביז צום ספר דניאל ווערד געדעדט וועגען די מלאכים אָהן באַזונדערע נעמען. לויט די ערצעהלונגען פון דער תורה און די נביאים איז יעדער מלאך באַשאַפען מיט'ן אויבערשטענ'ס ווילען פאַר אַ באַשטימטער שליחות, און נאָכדעם ווי אַזאַ מלאך האָט אָפּגעטהון זיין שליחות, פלעגט ער געוועהנליך פאַרשווינדען אָהן אַ נאָמען, גלייך ווי ער איז געקומען אָהן אַ נאָמען.

ערשט ווען די אידען זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל, האָבען די מלאכים געקראָגען נעמען אין איינקלאַנג מיט זייער אויפגאַבע. איז דער מלאך "רפאל" באַשטימט געוואָרען אויף צו היילען קראַנקע, איז דער מלאך „גבריאל" באַשטימט געוואָרען אויף גבורה און זיעג, און דער מלאך "מיכאל" איז דער גרויסער באַשיצער פונ'ם אידישען פאָלק (זעה ירושלמי ראש השנה פרק א' הלכה ד').

וועלענדיג האָבען אַ פאַרשטענדניס אין דער דאַמאָלסדיגער פּאָליטישער לאַגע, דאַרף מען ווייטער וויסען, אַז ווען די אידען זיינען צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, האָט דאָרט ביז צו די לעצטע יאָהרען בעפאָר דער מפּלה פון מלכות פּרס געהערשט אַ פאַרהעלטניסמעסיג פּאָליטישע רוהיגקייט. האָבען זיך די אידען אין יענע יאָהרען פאַרשטאַרקט פון אינעוויינינג, אין די אָרדנונגען פון זייער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער פיהרונג. עס איז אויך פון יענער צייט נישט פאַר־האַנען קיין נאָמען, וואָס מען זאָל אויף איהם קענען אָנווייזען, אַז ער איז געווען דער פיהרער פון פאָלק.

די פיהרונג איז דאַן געלעגען אין די הענד פונ'ם "כהן-גדול" און פון יענער גרופּע מענשען, וועלכע איז באַקאַנט מיט'ן נאָמען "סופרים", דאָס מיינט די "קאָפּיסטען", וואָס פלעגען איבערשרייבען די הייליגע ספרים פון תנ"ך. עס איז אויך אין יענער צייט נישט געווען קיין טהעטיגקייט, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אויסערגעוועהנליכע. דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטען אין באַשיידענע גרעניצען, באַשטרעבט בלויז, זיך צו פליסען אַרום דער באַבויאונג פון זייערע הייזער און פעלדער—און ווי עס קען זיך דאַכטען, איז זיי דאַמאָלס נישט געווען קיין אונטערשיעד, וועד עס פאַרוואַלטעט זייער לאַנד און צו וועמען זיי דאַרפען צאָהלען די שטייערען.

שפּעטער ערשט, אין די צייטען פון קעניג אַרטאַקסערקסעס דעם דריטען (אין ג' אלפים שצ"ח ביז ג' אלפים תכ"ד לבריאת עולם, אָדער 362 ביז 338 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכענונג), האָבען די עגיפּטער געמאַכט אַ פאַרזוך, אָרונטער צו וואַרפען פון זיך דעם פּערזישען יאָך. זיינען דאַן די פערזער אויף

זייער וועג קיין עגיפּטען אריינמאַרשירט אין ארץ־ישראל. גלייכצייטיג האָבען אויך די עגיפּטער נישט געוואַרט, ביז די פּערזער וועלען אויף זיי אָנפאַלען אין זייער לאַנד. האָבען זיך דאַן ביידע ארמייען באַגעגענט אין ארץ־ישראל, וואו עס איז דאַמאָלס די שלאַכט אויסגעפאַכטען געוואָרען.

זיינען דאַמאָלס די אידען געווען געצוואונגען, אויסצוהאַלטען ביידע ארמייען, און אַזוי ווי עס האָט אויך יעדער פון די קעמפּענדע צדדים געוואָלט געווינען די אידען אויף זיין זייט, האָבען זיך די אידען פאַרהאַלטען נייטראַל און עס האָט זיך נישט קיינעמען איינגעגעבען, זיי אריבער צו ציהען אויף זיין זייט.

דער סוף פון יענער מלחמה איז געווען, וואָס פּערזיען האָט געמוזט אוועקנעהמען איהר האַנד פון עגיפּטען, און ארץ ישראל איז דאַן געוואָרען דער "צאַנק־אַפּעל" צווישען די צוויי מלוכות, וואָס צוליעב סטראַטעגישע צוועקען איז פאַר יעדען פון זיי געווען וויכטיג, צו געווינען די מאַכט איבער ארץ ישראל.

אינצווישען האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַ גייסטיגע ירידה ביי דער פּערזישער נאַציאָן.

ווען די פּערזער האָבען עראָבערט בבל און אַנדערע אזיאַטישע לענדער, איז זיי שטאַרק געפעלען געוואָרען, וואָס יענע פעלקער האָבען געדיענט צו די אַזוי אָנגערופענע "ליעבעס־געצקעס" און אויסגעלאַסענקייט איז ביי זיי געווען פאַררעכענט אַלס פרומקייט. האָט דאַן קעניג ארטאַקסערקסעס דער דריטער איינגעפיהרט דעם דאָזיגען מין "גאָטעסדיענסט" אין אַלע לענדער, אין די ניי־עראָבערטע גלייך ווי אין די געירשנ'טע. האָט דאָס געבראַכט אַן איבערברוך אין דער איבערגעבענקייט פון די אידען צו די פּערזער, די אידען האָבען עס איבערהויפּט נישט געוואָלט באַגרייפען, ווי אויסגעלאַסענקייט קען גילטען אַלס "גאָטעסדיענסט".

און וועהרענד דער קעניג איז געווען איבערגעבען צו אַלערליי אויסגעלאַסענקייט, האָט ער זיך ווייניג וואָס געמישט אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, וועלכע ער האָט אנפאַרטרויט צו זיינע באַאַמטען. איז דאַן ירושלים איבערגעגעבען געוואָרען אין דער האַנד פון אַזאַ באַאַמטען און אַן אַנדערער בעאַמטער מיט'ן נאָמען באַגאָזעס האָט אין יענער צייט דער'הרג'עט דעם קעניג מיט זיין גאַנצען הויזגעזינד.

צו אָט דעם באַגאָזעס, וועלכער האָט נאָך זיין קעניג'ס טויט פאַרכאַפּט די רעגירונג, האָט זיך געווענדעט ישוע, דער זוהן פון יוידע כהן־גדול אין ירושלים, מיט דער ביטע, אַז ווען דער פאָטער זיינער וועט שטאַרבען, זאָל דער גאָווערנאָר איבערגעבען דאָס אַמט פונ'ם כהן־גדול צו'ן איהם, צו ישוע הייסט עס, נישט צו זיין עלטערן ברודער יוחנן, וועלכער איז געווען דער געזעצליכער יורש, און ווען יוידע איז דאַן געשטאָרבען, האָט ישוע — געשטיצט אויף זיין אָפּמאַך מיט'ן אויבען־דערמאָנטען גאָווערנאָר — געוואָלט איבערנעהמען די "כהונה גדולה", האָט איהם יוחנן, דער עלטערער ברודער זיינער, דער'הרג'עט אינ'ם בית המקדש לעבען מזבח.

און ווען דער קעניגליכער גאָווערנאָר האָט דאָס געהערט, איז ער אויף גיך געקומען קיין ירושלים, צו נעהמען נקמה פאַר'ן בלוט פון זיין פריינד. האָט ער אָבער נישט געטהון גאָר צום ברודער־מערדער, נור ער האָט פּשוט אויסגענוצט די געלעגענהייט, אויסצורויבען דעם בית המקדש, און ווייל עס האָט געקענט פאַרקומען אַזאַ מין רציחה אינ'ם בית־המקדש, האָט ער ארויפגעלייגט אויף די אידען אַ שטראָף, זיי זאָלען איהם צאָהלען פופציג גאָלדענע דראַכמען יעדען טאָג. גלייכצייטיג איז ער אויך אַריינגעדרונגען אינ'ם "קדשי קדשים", וואו ער

די חכמים פון דער משנה

האָט צוגענומען אַלסדינג, וואָס האָט אין זיינע אויגען געהאַט אַ שטיקעל ווערטה.

זיבען יאָהר נאָך יענעם געשעהעניש האָט זיך אָנגעהויבען דער קריעגס־צוג פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען, דעם קעניג פון מאַצעדאָניען (אלכסנדר מוקדון), וועלכער האָט עראָבערט די פּערזישע מלוכה מיט אַלע איהרע לענדער. זיינען אויך די דאָזיגע מלחמות פון קעניג אַלעקסאַנדער טיילווייז אויסגעקעמפט געוואָרען אויף'ן באָדען פון ארץ ישראל. און ווי אַזוי יענע מלחמות האָבען אויסגעזעהען, האָט דער נביא דניאל געשילדערט לויט זיינעם אַ חלום, ווי פאָלגט:

„פיער ווינטען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט'ן גרויסען ים. זיינען פון'ם ים אַרויסגעקומען פיער גרויסע חיות, איינע פון דער אַנדערער פאַראַנדערשט. האָט די ערשטע חיה געהאַט אַ פּנים פון אַ לייב און פליגלען פון אַן אָדלער. זיינען איהר די פליגלען אויסגעפליקט געוואָרען און זי איז געוואָרען צוגענומען פון דער ערד. דערנאָך איז זי אויף איהרע פיס אויפגעשטעלט געוואָרען און עס איז איהר צוגעגעבען געוואָרען אַ שוואַך האַרץ. און די צווייטע חיה, וואָס איז אַרויסגעקומען נאָך איהר, איז געווען גלייך צו אַ בער, האָט זי זיך געשטעלט אויף אַ זייט און דריי ריפּען האָט די דאָזיגע חיה געהאַלטען אין איהר מויל צווישען איהרע ציינער. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַן אַנדערע חיה, וועלכע האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ טיגער מיט פיער קעפּ און צעהן הערנער. זי האָט אויך געהאַט פליגלען פון אַ פויגעל אויף איהר רוקען. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַ פערטע חיה, אַ שוידערליך שרעקליכע, זעהר אַ שטאַרקע, מיט אייזערנע ציינער און אַ גרויסע פרעסערין, און וואָס עס איז איבערגעבליבען פון איהר פרעסען האָט זי מיט איהרע פיס צוטראָטען" (זעה דניאל קאַפּיטעל ז').

דער כהן גדול אין יענער צייט איז געווען **שמעון הצדיק**, בן יוחנן, בן ידוע, בן יונתן, בן יוידע, בן אלישיב, בן יויקים, בן יהושע, וועלכער איז געווען דער ערשטער כהן־גדול, נאָכדעם ווי די אידען זיינען צוריקגעקעהרט פון גלות בבל...

איז דער דאָזיגער שמעון הצדיק אַ פּערזאָן, וועלכע איז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט לעגענדעס. ס'איז אויך שווער צו באַשטימען די צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. געוועהנליך ווערד אָנגענומען, אַז ער איז געשטאָרבען אַרום ג' אלפים ת"נ לבריאת עולם, אָדער 380 יאָהר בעפאָר חורבן בית שני. אַנדערע היסטאָריקער ווילען באַהויפּטען, אַז ער האָט שפּעטער געלעבט. זיכער איז בלויז, אַז ער איז געווען דער לעצטער פון די „אנשי כנסת הגדולה", און די דאָזיגע אינסטיטוציע איז אין זיין צייט בטל געוואָרען.

פון אַלע שמעון הצדיק'ס לעהרען איז געבליבען בלויז איין „סענטענס", וועלכען ער פלעגט וואָהרשיינליך אָפט ווידערהאָלען. „אויף דריי יסודות — פלעגט ער זאָגען — שטעהט די וועלט: אויף דער תורה, אויף דער עבודה אינ'ם בית־המקדש און אויף גוטס טהון צו מענשען" (אבות פרק א').

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט אין דער גמרא, איז שמעון הצדיק געווען „כהן גדול" וועהרענד אַ צייט פון 40 יאָהר. עס איז אויך זיכער, אַז די אידען אין ארץ ישראל האָבען דאַמאָלס געלעבט אין שרעקליכע פאַרהעלטניסע. גלייך ווי אין דער צייט פונ'ם ערשטען בית־המקדש איז ארץ־ישראל געווען אַ דורכגאַנגס־פּונקט פאַר פאַרשידענע קעמפּפענדע אַרמייען. זיינען שוין די אידען אין ארץ־ישראל אַזוי צוגעוועהנט געווען צו די צרות, אַז זיי האָבען דאָס אַלעס באַטראַכט פאַר אַ נאַטירליכע לאַגע און זיי האָבען די דאָזיגע אַלע פּאָליטישע ענדערונגען אפילו נישט געהעריג פאַרצייכענט. דאַגעגען האָבען דאַמאָלס די אידען אין די אַרומיגע לענדער (בבל, פרס און מצרים) פיעל פרייער געלעבט

שמעון הצדיק

און עס האָבען אויך די אידען פון יענע לענדער אויפגעהערט צו קומען קיין ירושלים. די צוגעבונדענקייט זייערע צו ירושלים איז געווען זעהר א שוואכע, האָבען זיי כסדר געשטרעבט, צו גרינדען ביי זיך אין לאנד אן אייגענעם גייסטיגען צענטער — און אויף'ן בארג גריזים איז שוין פון לאנג געשטאנען א "קאָנקורענץ־טעמפעל", דאָס איז דער אזוי אָנגערופענער בית המקדש פון די שומרונים, וואו דער ערשטער כהן־גדול איז געווען מנשה, דער איידעם פון סנבלט החורוני, וואָס נחמיה האָט איהם פארטריבען פון ירושלים.

פיעלע וואונדער ווערען דערצעהלט, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אינ'ם בית־המקדש פון ירושלים אין די יאָהרען, וואָס שמעון הצדיק איז געווען כהן־גדול.

עטליכע פון די דאָזיגע וואונדער זיינען באַשריבען אין מסכת יומא (דף ל"ט עמוד א'), דהיינו:

"גורל עולה בימין". יום כפור צו דער "עבודה" פלעגט מען נעהמען צוויי ציעגענבעק און זיי אוועקשטעלען לעבען כהן־גדול, איינעם צו דער רעכטער זייט און איינעם צו זיין לינקער זייט. דערנאָך האָט מען געדארפט ווארפען גורל וועגען די דאָזיגע ציעגענבעק, ווייל איינעם האָט מען געדארפט מקריב זיין אַלס א "קרבן חטאת" צו גאָט און דעם צווייטען האָט מען געדארפט אוועקשיקען אין דער מדבר צום "עזאזל". איז דאַמאָלס תמיד געפאלען דער גורל פון "לה' חטאת" אויפ'ן ציגענבאק פונ'ם כהן גדול'ס רעכטער האַנד.

דאָס צווייטע וואונדער איז געווען: "לשון של זהורית מלבין". דעם ציעגענבאָק, וועלכען מען פלעגט שיקען צום "עזאזל", פלעגט מען אָנבינדען א שארלאך־פארביגען שטריק אויפ'ן האלז. און נאָכדעם ווי מען האָט דעם באָק אראָנטערגעשליידערט פון א הויכען פעלזיגען בארג, אז ער איז אזש צושאָטען געוואָרען אויף שטיקער אין מיטען פאַלען, פלעגט דער שארלאך־פאַרביגער שטריק ווייס ווערען אין דער האַנד פונ'ם שליח, איז דאָס געווען א סימן, אַז דער אויבערשטער האָט מוחל געווען די אידען זייערע עבירות.

א דריטער וואונדער איז געווען: "נר מערבי דולק". אַזוי ווי די מנורה איז געשטאַנען אין בית־המקדש צווישען צפון און דרום, האָט מען תמיד אָנגעהויבען אָנצינדען איהרע לעמפלעך פון מערב צו מזרח. איז טראָצדעם וואָס דער מערב'דיגער לעמפעל האָט פריהער אָנגעהויבען ברענען, האָט ער געוועהנליך אם לענגסטען געברענט און ער איז קיינמאָל ניט פארלאָשען געוואָרען, אפילו ווען דאָס אויל אין די אנדערע לעמפלעך איז שוין געווען אויסגעברענט.

דאָס פערטע וואונדער איז געווען: "אש של מערכה מתגבר". דאָס פייער פונ'ם מזבח פלעגט אליין פון זיך פארשטאַרקערט ווערען. מען האָט נור יעדען פארנאַכט צוגעלייגט צוויי שטיקער האָלץ, האָט עס שוין ווייטער געברענט און עס איז קיינמאָל נישט פארלאָשען געוואָרען.

נאָך א וואונדער איז געווען: "נשתלחה ברכה בעומר". עס איז אריינגעקומען די ברכה אינ'ם עומר און אין די הייליגע ברויטען. יעדער כהן האָט נישט באקומען מעהר ווי איין כזית און ער איז דערפון זאַט געוואָרען, אזוי אז ער האָט נאָך אָפטמאָל איבערגעלאָזען.

שמעון הצדיק האָט אויך נישט אָנגענומען קיינמאָל קיין "נזיר", וועלכער האָט א נדר געטהאָן ניט צו טרינקען קיין וויין און ניט צו שעהרען זיך די האָהר פאר א געוויסע צייט. אלס געגנערשאַפט צו יענע אידען, וואָס האָבען אָנגעהויבען פיהרען אן אויסגעלאסען לעבען מיט טרינקען און הוליען, האָבען זיך דעמאָלט געפונען "נזירים", וועלכע האָבען זיך פון דעם אַלעמען אָפּגעזאָגט. האָט זיי שמעון הצדיק ניט געוואָלט אָננעהמען, ווייל ער האָט געהאַל־

די חכמים פון דער משנה

טען, אז עס איז פשוט אן עברה, ווען א מענש וויל זיך אפזאגען פון א געניוס, וואס דער אויבערשטער האט פון זיינעטוועגען באשאפען. נור וועגען איינעם א "נזיר", וועלכען שמעון הצדיק האט יא אנגענומען, דערצעהלט ער איין מאל פאלגענדע:

—איין מאל איז צו מיר געקומען א מענש זעהר א שעהנער מיט א געקרייזעלטען לאקען־קאפ, וועלכער האט געוואלט אפשעהרען זיינע האהר, ווייל עס האט זיך געענדיגט די צייט פון זיין "נזירות". האב איך איהם געפרעגט: "מיין זוהן, וואס האט דיך אייגענטליך באוואויגען, דו זאלסט וועלען קאליע מאכען דיינע שעהנע האהר?" — האט מיר דער מענש געענטפערט: "אזוי ווי איך בין א פאסטוך ביי מיין פאטער, בין איך אמאל געגאנגען ברענגען וואסער פון דעם קוואל פאר די בהמות, האב איך דאביי א קוק געטהון אויף מיין צורה אין וואסער, איז מיך אנגעפאלען דער יצר־הרע, וועלכער האט מיר איינגערעדט א שטאלץ אויף מיין שעהנע צורה. און ער האט מיך געוואלט אוועקגעגאנגען פון דער וועלט. האב איך צו מיר אליין א זאג געטהאן: רשע איינער, ווילסט שטאלצירען מיט א וועלט, וועלכע איז נישט דיינע און עס וועט פון דיר סיי־ווי ווערען ווערים? שווער איך דערפאר, אז איך וועל די דאזיגע האהר אפגאלען לכבוד דעם אויבערשטען!"

האט דאן שמעון הצדיק א קוש געטהאן דעם דאזיגען "נזיר" אין קאפ אריין און האט צו איהם געזאגט: "אזעלכע נזירים ווי דו מעגען זיין פיעלע ביי אידען!"...

אין דער צייט פון שמעון הצדיק זיינען געמאכט געווארען צוויי "פרה אדומה'ס". א "פרה אדומה" איז געווען א קרבן פון א גאנץ רויטער קוה, וועלכע האט נישט געטארט האבען אפילו צוויי שווארצע האהר. זי האט אויך געמוזט זיין אהן 'א מום און זי האט ניט געטארט האבען געטהון קיין שום ארבייט, איז עס דאדורך געווען די גרעסטע זעלטענהייט, מען זאל קענען געפינען אזא "פרה אדומה", האט מען עס באטראכט פאר א גרויס נס, וואס מען האט אין די 40 יאהר פון שמעון הצדיק'ס כהונה גדולה געפונען אזש צוויי פרה־אדומה'ס, ווייל טראצדעם וואס מען האט אמאל געצאהלט זעכציג צענטען גאלד פאר אזא רויטע קוה, זיינען אין דער גאנצער צייט פון ביידע בתי־מקדשים ניט געווען מעהר ווי ניין אזעלכע קיה און די צעהנטע דארף ערשט זיין, ווען משיח וועט קומען.

ווי עס ווערד דערצעהלט, איז קעניג אלעקסאנדער דער גרויסער געגאנגען דאמאלס חרוב מאכען ירושלים. אזוי ווי ער האט דאן געקעמפפט געגען סיריען און פיניקיען, האט ער געוואלט, אז די אידען פון ארץ־ישראל זאלען איהם העלפען אין דער מלחמה. האבען איהם די אידען געלאזט זאגען, אז זיי קענען דאס נישט טהאן, ווייל זיי האבען געשוואוירען טריישאפט צו קעניג דאריוס (דריוש המדי). האט אלעקסאנדער געזאגט אויף דעם צו זיינע סאלדאטען, אז ווייל די אידען ווילען איהם נישט העלפען אין דער מלחמה, וועט ער זיך אן זיי ביטער נוקמ'ען.

און אזוי ווי די אידען האבען געהערט אז אלעקסאנדער געהט מיט א גרויסער ארמיי אויף ירושלים, איז ביי זיי דאס הארץ פשוט אפגעשטארבען פאר מורא. איז דאן דער כהן־גדול שמעון הצדיק ארויסגעגאנגען אין באגלייטונג פון אלע כהנים און די עלטעסטע פון צווישען די אידען, אויף צו באגריסען דעם קעניג אלעקסאנדער.

שמעון הצדיק איז דאן געווען אנגעטהאן אין זיינע "בגדי כהונה", גלייך ווי ער פלעגט געהען אין "קדשי קדשים", צו טהאן די "עבודה" אים יום כפור.

און אַזוי ווי דער קעניג אַלעקסאַנדער האָט איהם דערזעהען, איז ער אַרונטער פון זיין וואָגען און ער האָט זיך געבוקט צום כהן גדול.

האָבען איהם די עלטעסטע פון זיינע סאָלדאַטען געפרעגט, וואָס עס האָט עפּיס פּאַסירט, אַז דער עראָבערער פון אַזוי פיעל לענדער, וועלכער האָט ארויפגע־ליגט זיין פוס אויפ׳ן נאַקען פון גרויסע קעניגע, בוקט זיך פּלוצים צו אַ אי־דעל, ווענען ווען ער האָט פריהער געזאָגט, אַז ער וועט איהם ברענען און בראָטען צוזאַמען מיט אַלע זיינע מענשען. האָט זיי אַלעקסאַנדער געענטפערט, אַז יעדעס מאָל ווען ער זיעגט אין אַ מלחמה, זעהט ער אַ נאַכט צופאַר אַזאַ אַלטען מאַן ווי דער דאָזיגער אידישער כהן גדול, וויל ער איהם דערפאַר ניט טהאָן קיין שלעכטס, ווייל ער גלויבט, אַז ווען ער וועט זיין גוט צו דעם דאָזי־גען אידעל, וועט דאָס איהם ברענגען גליק ביי זיינע שפּעטערע מלחמות*).

האָט דאַן שמעון הצדיק אַריינגעפיהרט דעם קעניג אין בית־המקדש — און אַזוי ווי דער בית המקדש איז דעם קעניג זעהר געפעלען געוואָרען, האָט ער געוואָלט, אַז מען זאָל אַריינשטעלען זיין בילד, אויסגעהאַקט פון שטיין, נעבען דעם מזבח. האָט איהם שמעון הצדיק געענטפערט אַז דאָס איז אונמעגליך, ווייל לויט דער אידישער אמונה טאָר מען נישט אַריינשטעלען קיין בילדער אין בית־המקדש. ער דענקט אָבער, צו פאַראייביגען דעם אָנדענק פון אַלעקסאַנדער׳ס גנאָד אויף אַן אַנדערן אופן. ער וויל, אַז די אַלע אינגלעך, וואָס וועלען אין דעם יאָהר געבוירען ווערען, זאָלען קריגען דעם נאָמען אַ ל כ ס נ ד ר. איז דאָס דעם קעניג זעהר געפעלען געוואָרען, בעסער ווי ווען ער זאָל האָבען זיין בילד נעבען **מזבח**.

ווי עס הייסט, זיינען דאַמאָלס אויך געקומען די שומרונים צו קעניג אַלעקסאַנדער באַקלאָגען זיך געגען אידען. זיי האָבען געוואָלט באַווייזען, אַז זיי־ער טעמפּעל אויפ׳ן בארג גריזים איז דער אמת׳דיגער אידישער "בית־המקדש", האָט זיי דער קעניג געהייסען האָבען אַ וכוח מיט די אידען פון ירושלים אין זיין אַנוועזענהייט. איז דאַן דער שפּרעכער פון די אידען געווען איינער מיט׳ן יאָמען גביהה בן פּסיסא, וועלכער האָט מיט זיינע שכל׳דיגע אַרגומענטען צו־קלאַפּט אַלע טענות פון די שומרונים—און אַזוי ווי דער קעניג האָט ערקלערט, אַז די אידען האָבען געזיעגט, זיינען די שומרונים אַנטלאָפען פון׳ם וכוח.

אין יענער צייט האָבען זיך אויך אַנטוויקעלט פאַרשיעדענע מנהגים, וועל־כע זיינען פאַראייביגט געוואָרען, אַ שטייגער ווי: דאָס מאַכען קידוש און הבדלה איבער וויין, מען האָט אויך מתקן געווען, אַז דער אָרימסטער איד זאָל פּסח ביי נאַכט צום סדר טרינקען ניט ווייניגער ווי פיער כוסות. מיט דער הסכמה פונ׳ם "בית־דין הגדול" אין ירושלים זיינען איינגעפיהרט געוואָרען די ברכות איבער׳ן עסען ("על נטילת ידים" און ברכת "הזן"). עס זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען די "הפטרות" פאַר שבת און יום טוב, אַזוי ווי די שומרונים האָבען ניט געוואָלט אָנערקענען די נביאים, האָבען די אידען אויסגעקליבען פאַר יעדע סדרא און פאַר יעדען יום טוב צו לייענען אַ קאַ־פּיטעל פון די נביאים, וועלכעס זאָל זיך פּאַסען צו דער באַטרעפענדער סדרא אָדער צום באַטרעפענדען יום טוב.

דער בית־המקדש אין ירושלים איז שוין דאַן געשטאַנען אַרום 200 יאָהר

---

*) לויט ווי יאָזעפוס דערצעהלט, איז דער נאָמען פון דעם דאָזיגען כהן גדול געווען י ד ו ע. מיר ווענדען אָבער אָנגעהמען די מיינונג פון דער גמרא, וועלכע זאָגט, אַז דאָס איז געווען שמעון הצדיק, דער אייניקעל פון ידוע (זעה יומא דף ס"ט עמוד א׳ און ויקרא רבה פּרשה י"ג פּיסקא ה׳).

— און ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז דאָס האָלץ פון דער געבײדע שוין געוועזן פאַרפוילט און די שטיינער האָבען זיך שוין געבראָקעלט. האָט שמעון הצדיק אײַסדינג רעפּאַרירט און ער האָט אויך געמאַכט אַ גאַנצען אַרום בית־המקדש. ירושלים האָט ווייניג וואַסער און צו דער עבודה אין בית־המקדש האָט מען געדאַרפט האָבען פיעל וואַסער. די כהנים פלעגען דאַרפען נעהמען אַ באָד עטליכע מאָל אין טאָג, און אפילו אַ געוועהנליכער איד, וועלכער האָט געוואָלט אַריינגעהן אין דער "עזרה", האָט זיך געדאַרפט פריהער טובל זיין. האָט שמעון הצדיק געלאָזט גראָבען אַ קוואַל וואַסער אונטער'ן גרונד פונ'ם בית־המקדש. איז פון דאָרט געקומען פרישע וואַסער פאַר אַלע באַזערפענישען פון דער שטאָדט דורך אַ וואַסערלייטונג מיט קופּערנע רעהרען.

באַלד נאָך יום כפור פון יענעם יאָהר, ווען שמעון הצדיק איז געשטאָרבען, האָט ער געזאָגט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען — און אַז מען האָט איהם געפרעגט, ווי אַזוי ער ווייסט דאָס, האָט ער דערצעהלט, אַז יעדען יום־כפור, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין קדשי־קדשים טהון די "עבודה", האָט ער געזעהען לעבען זיך אַן אַלטען וויים־געקליידעטען מאַן, וועלכער פלעגט אויך יעדעס מאָל מיט איהם צוזאַמען אַרויסגעהן, און היינטיגעס יאָהר איז יענער אַלטער מאַן געווען געקליידעט אין שוואַרצען און ער איז אויך נישט אַרויס־געגאַנגען צוזאַמען מיט איהם. שפּעטער איז טאַקע אַזוי געשעהן, ווי שמעון הצדיק האָט געזאָגט. זיבען טאָג נאָך סכות איז ער קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען.

שמעון הצדיק האָט איבערגעלאָזען צוויי זיהן: שמעי און חוניו. איז חוניו געווען אַ קליגערער און אַ פעהיגערער. האָט שמעון הצדיק געוואָלט, אַז חוניו זאָל ירש'נען די "כהונה גדולה". האָט שמעי אינטריגירט ביים פאָלק געגען דער צוואה פון זיין פאָטער און דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז אַזאַ מענש ווי שמעון הצדיק האָט גאָר נישט געקענט וועלען אַרויפזעצען אויף דער כהונה גדולה דעם איינגערן זוהן און נישט דעם עלטערען. איז חוניו צוליעב דעם ברוגז געוואָרען און איז אַוועק קיין אַלעקסאַנדריען אין עגיפּטען, וואו עס האָט שוין דאַמאָלס עקסיסטירט אַ גרויסער אידישער קבוץ פון אַריבער אַ מיליאָן נפשות, האָט ער דאָרט געגרינדעט אַ "קאָנקורענץ טעמפּעל" (דעם "בית חוניו") מיט אַ מזבח, וואו מען האָט מקריב געווען קרבנות צום גאָט פון ישראל, פּונקט ווי די שומרונים האָבען דאַמאָלס געהאַט זייער "טעמפּעל" אויף'ן באַרג גריזים.

אנטיגנוס איש סוכו

שמעון הצדיק איז געווען דער לעצטער פון יענע מענשען, וועלכע האבען געהאלטען דאס קענען די תורה מיט איהרע אויסטייטשונגען אלס א פריוואט־אייגענטום פון די כהנים ווי עס איז געווען דער מנהג ביז צו זיין צייט. האט שמעון הצדיק געהאט תלמידים, וואס פיעלע פון זיי זיינען נישט געווען קיין כהנים — און איינער פון די דאזיגע תלמידים, וועלכער איז שפעטער געווארען שמעון הצדיק'ס שטעלפארטרעטער אין דער פארטזעצונג פונ'ם לערנען, איז געווען אנטיגנוס איש סוכו.

לויט'ן חשבון פון יאהרען איז אפילו צו באצווייפלען, צי אנטיגנוס איז געווען א דירעקטער נאכפאלגער פון שמעון הצדיק, אדער ער איז בלויז געווען א תלמיד פון שמעון הצדיק'ס א תלמיד. אזוי ווי עס איז אבער נישט פארבליבען קיין זכר פון וועלכער ס'איז מיטעלפערזאן צווישען שמעון הצדיק און אנטיגנוס איש סוכו, מוז מען זיך סומך זיין אויף דער משנה (אבות פרק א'), וועלכע זאגט, אז אנטיגנוס האט איבערגענומען די תורה דירעקט פון שמעון הצדיק.

כאראקטעריסטיש פאר זיין צייט איז אויך דער נאמען אנטיגנוס, וועלכער איז א גריכישער (אנטיגאנאס). ווי אזוי דער נאמען "אלכסנדר" איז געווארען אידיש, איז שוין באשריבען, ווילען מאנכע היסטאריקער בעהויפטען, אז דער נאמען "אנטיגנוס" איז אויך אויף אן עהנליכען שטייגער געווארען א אידישער. איינער פון די גריכישע באפעהלסהאבער אין ארץ ישראל מיט'ן נאמען אנטיגאנאס איז געווען גוט צו די אידען, האט מען זיך געפיהלט צו איהם דאנקבאר און מען האט פאראייביגט זיין נאמען.

גיכער איז אנצונעהמען, אז עס האט שוין אין יענע צייטען טיילוויז געהערשט יענע בעוועגונג, וועלכע האט געשטרעבט, אז אידען זאלען זיך דערנעהענטערען צו די גריכען אין אלע זייערע מנהגים. האבען דאן די אידען אנגענומען גריכישע נעמען, א שטייגער ווי: אנטיגנוס, אריסטובול, ביתוס וכדומה. אפילו דער בית דין הגדול אין ירושלים האט זיך גערופען מיט'ן גריכישען נאמען "סנהדרין", וועלכעס איז שפעטער פארהייליגט געווארען ביים פאלק. אין דער צייט פון אנטיגנוס'עס ווירקונג איז איבערהויפט פארגעקומען אן איבערברוך אין'ם אידישען דענקען. דאכט זיך, אז עס האט זיך דאן פערשפרייט אין ארץ ישראל א גייסט פון פילאזאפישער אונגלויביגקייט — און אנטיגנוס האט ניט וועלענדיג גענעבען צו דעם די איניציאטיווע.

ער האט געהאט א ווערטעל: "ווען איהר דיענט דעם אויבערשטען, זאלט איהר איהם נישט דיענען ווי יענע קאטעגאריע דיענער, וועלכע דיענען אויף צו קריגען זייער לוין, נור איהר דארפט איהם דיענען ווי מענשען, וואס ערווארטען ניט קיין בעזונדערען לויהן, ווען איהר דאן האבען די גויטיגע מורא פאר גאט!" — האט ער געהאט צוויי תלמידים, צדוק און ביתוס, וועלכע האבען אזוי געזאגט: "וואס קען זיין די כונה פון אזעלכע ווערטער? קען דען א מענש פארלאנגען פון זיינעם אן ארבייטער, ער זאל א גאנצען טאג ארבייטען און דערנאך ניט קריגען קיין בעלוינונג? מוז מען דאדורך זאגען, אז

ווען אונזער רבי זאָל געווען האַלטען, אַז עס איז פאַרהאַנען אַ יענע וועלט און אַ תחית המתים, וואָלט ער דאָס ניט געזאָגט.״

זיינען דאַן די צוויי תלמידים, צדוק און ביתוס, אויפגעשטאַנען און האָבען געגרינדעט אַ נייע שיטה פונ׳ם לעבען מיט אַן אייגענער פּאַרטיי, וועלכע ווערד אָנגערופען ״צדוקים״ אָדער ״ביתוסים״. האָט די דאָזיגע פּאַרטיי אָנגעהויבען איהר טהעטיגקייט מיט נאָכקרימען זיך די גריכען אין פאַרשיעדענע אויסגעלאַסענע הוליאַנקעס אונטער דער טענה: צו וואָס דאַרף זיך אַ מענש אָפּזאָגען פון זיינע לעבענס-פאַרגעניגונגען, ווען מען האָט נאָך׳ן טויט סיי ווי פון אַלעמען גאָר ניט?

שפּעטער האָט זיך יענע פּאַרטיי אין איהר אָפּהיטען אידישקייט ענטוויקעלט אויף אַ גאַנץ אַנדערען שטייגער ווי דער רוב אידען פון יענער צייט, האַלטענדיג זיך ביי יעדער מצוה פון דער תורה אָן דעם ווערטערליכען פּשט פונ׳ם פּסוק נעגען דער טראַדיציע פון די חכמים. ווייל עס שטעהט ניט בפירוש אין דער תורה וועגען ״תחית המתים״, האָבען זיי דאָו אָפּגעלייקענט. דאָסזעלבע האָבען זיי געזאָגט וועגען שכר ועונש אויף יענער וועלט. און ווען אידען האָבען געגלויבט, אַז עס וועט פאַר זיי קומען אַ נייע גאולה מיט אַ משיח, ווייל ביי די דאַמאַלסדיגע אומשטענדען אין ארץ ישראל האָט איטליכער געהאַט די אײַבערצייגונג, אַז נישט וועגען אַזאַ לעבען האָבען די נביאים גע׳חלום׳ט, האָבען די צדוקים און ביתוסים דעם דאָזיגען גלויבען אויסגעלאַכט.

אידען פלעגען דאַמאָלס שטאַרק מדקדק זיין אין די דינים פון ״טומאת מת״. ווען איינער איז געשטאָרבען, האָט ער אויפגעהערט צו עקסיסטירען פאַר זיין סביבה און די פאַמיליע זיינע האָט איבערגעגעבען דעם גוף פונ׳ם מת צו ווילדפרעמדע מענשען, זיי זאָלען זיך באַשעפטיגען מיט דער קבורה, פלעגען דאַן די ״צדוקים״ און ״ביתוסים״ זאָגען, אַז אַזאַ באַהאַנדלונג פון אַ מת איז אַ באַליידיגונג פאַר יעדע טאַטע-מאַמע, ווייל עס איז ביי אַזעלכע אומשטענדען גרייליך מעגליך, אַ מענש זאָל מאַכען פון זיין פאָטערס ביינער אַ לעפעל און פון דער מוטערס הויט זאָל ער מאַכען אַ צודעק פאַר אַ בהמה. חוץ דעם האָבען די ״צדוקים״ און ״ביתוסים״ ניט געוואָלט אָננעהמען קיין שום מנהג, וועלכער איז ניט דערמאָנט אין דער תורה, גלייך ווי זיי האָבען געזאָגט, אַז ״עין תחת עין״ דאַרף מען טאַקי טייטשען ווערטערליך, אַז ווען אימיצער שלאָגט אַרויס דעם אַנדערנ׳ס אַן אויג, דאַרף מען איהם ניט בעשטראָפען מיט געלד, ווי די חכמים האָבען דאַמאָלס ערקלערט, נור מען דאַרף דעם שלעגער פּונקט אַזוי פערקריפּלען, ווי ער האָט דעם אַנדערען מענש פערקריפּעלט.

די צייט, אין וועלכער אַנטיגנוס האָט געלעבט און געווירקט, איז געווען אַ צייט פון פאַרטוועהרענדע מלחמות צווישען די קעניגע פון עגיפּטען און די קעניגע פון סיריען. איז ארץ-ישראל אָפּטמאָל געווען דער טומעל-פּלאַץ פון די קריעגפיהרענדע אַרמייען. האָט מען אין אַזאַ צייט ניט געקענט אָנהאַלטען קיין שום אָרדנונג און עס איז אויך נישט קיינער געווען זיכער מיט זיין לעבען. פון דרויסען זיינען יעדעס מאָל געקומען אַנדערע פּליינדערער — איז האָט מען זיך אַמאָל אָפּגעראַטעוועט פון די דרויסענדיגע אָנפאַלער, פלעגען דערנאָך קומען איינענע גזלנים, אַוועקנעמען וואָס יענע האָבען איבערגעלאָזען.

וועגען לערנען האָט אין אַזאַ צייט קיינער נישט געקענט קלערען. מען האָט געדאַרפט צופּאַסען די פאַרשריפטען פון דער תורה צו די מאָדערנע באַדערפעניסען, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דאָס קענען דורכפיהרען, האָט דער עולם אין גאַנצען אַוועקגעוואָרפען די תורה און פאַרגעסען אידישקייט. האָט דאָס לאַנד אַ צייט פון נאָהענט צו הונדערט יאָהר געלעבט אין איגנאָראַנץ און אין אַ גייסטיגען עלענד, ביז עס האָט זיך דאָס רעדעלע פון דער געשיכ־

אַנטיגנוס איש סוכו

טע אַ דרעה געטהון און אויפ'ן טהראָן פון סיריען איז אַרויפגעקומען אַ קעניג, וועלכער האָט זיך אריינגעמישט אין דער רעליגיעזער אויפפיהרונג פון'ם אידישען פאָלק, און ער האָט זיך אויך פאָרגענומען, בטל צו מאַכען די גאַנצע אידישע תורה.

אלכסנדר מוקדון האָט אויפגעשטעלט אַ פּרינציפּ פאַר די מענשען פון זיין רעגיערונג, אַז מען דאַרף לאָזען יעדעס פאָלק דיענען זיין גאָט אויף זיין אייגענעם שטייגער. דאָסזעלבע פּרינציפּ האָט אויך געהערשט ביי אַלכסנדר'ס נאָכפאָלגער. און טאָמער האָבען אמאָל אידען ניט געוואָלט האַלטען קיין אידישקייט, האָבען זיי דאָס געטהאָן פון זייער אייגענעם ווילען. ערשט קעניג אנטיוכוס עפּיפאַנעס פון סיריען האָט געוואָלט צווינגען אַלע פעלקער פון זיין מלוכה, אנצונעהמען זיין גלויבען. האָט דאָס ביי אידען געפיהרט צו דער רעוואָלוציע פון די חשמונאים, פון וועלכע עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע עפּאָכע.

דער געדאַנק אַז דער אויבערשטער נעמט זיך אָן די אידען'ס קריוודעס און באַשטראָפט זייערע שונאים, איז דאַן געוועזען שטאַרק איינגעוואָרצעלט ביים פאָלק און יעדער האָט געגלויבט, אַז ווען די תורה דערצעהלט וועגען געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען, האָט דאָס נישט בלויז די כוונה, באַקאַנט צו מאַכען יענע געשעהענישען, ווייל דער עיקר תכלית פון די דאָזיגע ערצעהלונגען איז, צו לעהרנען דעם מענשען פאַרשטעהען די פיהרונג פון דער וועלט. דאָס מיינט אויך דער פסוק "כתוב זאת זכרון בספר", ווי דער אויבערשטער האָט געהייסען, אַז משה רבינו זאָל דאָס געשעהעניש מיט עמלק אויפשרייבען, כדי שפּעטערע דורות זאָלען וויסען, וואָס זיי דאַרפען טהון, צו נוקם'ן זיך אויף עמלק, וועלכער איז אויף זיי אָנגעפאַלען אויף דער ערשטער וואַנדערונג פון זייער באַפרייאונג.

אידען האָבען זיך אויך דאַמאָלס אָנעהויבען באַטהעטיגען אויף'ן געביעט פון דער העברעאישער שפּראַך. צוריק־קומענדיג פון גלות בבל, איז זייער שפּראַך געוועזען א זשאַרגאָנישער געמיש פון אַלערליי שכנ'ישע שפּראַכען מיט העברעאיש. שפּעטער האָבען זיי גערעדט דעם סירישען גריכיש. האָט זיי דער "בית דין של חשמונאים" געהייסען ריידען העברעאיש. די אַלטע שפּראַך האָט שוין אפילו דאַמאָלס געהאַט פאַרלוירען פיעל קראַפט פון איהרע מליצות. זי האָט אָבער אויסגעשפּרייט איהרע באַגריפען, ביז עס איז געוועזען א מעגליכקייט, אויסצודריקען אויף איהר אַלסדינג, וואָס מען האָט געוואָלט. דאַביי איז די אַרם'ישע שפּראַך (תרגום לשון) געקומען צו הילף און מען האָט זיך אויך אויסגעהאָלפען מיט גריכיש, און ווען דאָס געוועהנליכע ריידען פון די מענשען האָט אפשר נישט געהאַט מעהר די אַלטע קראַפט, האָט מען אָבער אָנגעהויבען זינגען, איז דער לשון געוועזען שטאַרק און די אַלטע העברעאישע שפּראַך איז געוועזען ווייטער לעבעדיג ביי איטליכען אין מויל.

יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן

די ערשטע פון די "זוגות"

נאָך אנטיגנוס איש סוכו האָט זיך אָנגעהויבען ביי אידען א צייט פון א צוויי־מענער־פיהרונג. האָט דאָס געדויערט וועהרענד פינף דורות וועלכע ווערען אָנגערופען "זוגות", דאָס הייסט: די צייט פון די פּאָרלעך, ווייל די וואָס זיינען דאמאָלס געשטאַנען אין פראָנט פון דער אידישער פיהרונג זיי־נען יעדעס מאָל געווען צוויי, וואָסביידע האָבען גלייכצייטיג געפיהרט די ממשלה ביים פאָלק. איז געוועהנליך איינער פון די צוויי געווען "נשיא" און דער אַנדע־רער איז געווען "אב בית דין".

אין אָנהויב זיינען די דאָזיגע "פּאָרלאַך" געווען איינשטימיג אין אַלעמען און בלויז אין אומבאַדייטענדע רעליגיעזע פראַגען זיינען זייערע מיינונגען גע־ווען פאַרשיעדען. זיינען זיך אָבער שפּעטער די דאָזיגע מיינונגס־פאַרשיעדענ־הייטען פאַנאַנדערגעוואַקסען ביז צו דער העכסטער מדרגה פון מחלוקות און עס האָט זיך דערפון אַנטוויקעלט די געפעהרליכסטע גענגערשאַפט.

פינף אַזעלכע "זוגות" (פּאָרלעך) זיינען געוועזען: 1) יוסי בן יועזר איש צרידה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים; 2) יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי; 3) יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח; 4) שמעיה און אבטליון; 5) הלל און שמאי. און וואָס פאַר א בעדייטונג די דאָזיגע "זוגות" האָבען געהאַט ביי אי־דען, קען מען זעהן פון דעם, וואָס איינער (נחום הלבלר) האָט געזאָגט: "איך האָב אַ טראַדיציע פון רבי מיאשא, וועלכער האָט עס אין טראַדיציע פון זיין פאָטער, און זיין פאָטער האָט איבערגענומען די דאָזיגע טראַדיציע פון די זוגות, וועלכע האָבען דאָס איבערגענומען פון די נביאים אַלס א הלכה למשה מסיני" (פאה פרק ב׳ משנה י׳). איז טאַקע פון דעם דאָזיגען אויסשפּרוך צו זעהן, אַז יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרען אויף׳ן נאָמען פון די "זוגות", איז באַטראַכט געוואָרען ווי א "הלכה למשה מסיני".

איז דאַן געווען דאָס ערשטע "פּאָרעל" אין דער צייט וואָס דער כהן־גדול איז געווען דער פאַרעטהערישער אלקימאָס (יקים), וועלכער האָט זיך פאַראייניגט מיט די גריכען געגען אידען אונטער דער הערשאַפט פון קעניג דעמעטריוס סאָטער (אַרום 230 יאָהר בעפאָר חורבן בית שני). זיינען דאַן אויפגעשטאַנען פרומע מענשען, וועלכע האָבען זיך אַקעגען־געשטעלט צו די מעשים תעתועים פון אָט דעם כהן־גדול, וועלענדיג פיהרען דאָס פאָלק אויף׳ן ריכטיגען וועג פון דער אידישער אמונה.

גלייך ווי יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן זיינען שוין פריהער געווען עהנליכע "פּאָרלעך" ביי אידען, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט די אינטערעסען פון׳ם פאָלק. יהושפט מלך יהודה (דער פערטער מלך נאָך שלמה) האָט שוין אוועקגע־שטעלט אזא מין "פּאָרעל" אויף אָנצופיהרען די ממשלה פון׳ם לאנד. איז דאַן איינער (אמריהו הכהן) געווען א "ראש לכל דבר ה׳" און דער צווייטער (זכריה בן ישמעאל) איז געווען דער "נגיד לכל דבר המלך" (דברי הימים ב׳ קאַפּיטעל י"ט). דערנאָך ווען אידען זיינען צוריק געגאַנגען פון גלות בבל, איז געווען זרבבל דער פאַרוואַלטער און ישוע בן יוצדק איז געווען דער כהן־

גדול. שפעטער האָבען זיך עזרא און נחמיה איינגעטהיילט מיט דער ממשלה. און האָטש די ממשלה איז דאמאָלס צוטיילט געווען אין צווייען און לויט דער מענשליכער טבע איז עס זעהר זעלטען צו געפינען, אז צוויי מענשען זאָלען קענען זיין איינשטימיג ·אין דער פיהרונג פון א פאָלק, איז פונדעסטוועגען אין אָנהויב פון די זוגות נישט ארויסגעקומען קיין מחלוקות חוץ ביי אן איינציגער פראַגע, וואָס יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן האָבען זיך וועגען איהר נישט געקענט אויסגלייכען. די דאָזיגע מיינונגס־פארשיעדענהייט האָט אויך כסדר ווייטער אָנגעהאַלטען ביי די שפּעטערע "פּאָרלאַך" — און דאָס איז געווען די פראַגע פון "סמיכה" אויף א קרבן אום יום־טוב.

אזוי ווי עס שטעהט אין פּסוק "וסמך את ידו", וועלכעס מיינט, אז יעדער מענש, וואָס ברענגט א קרבן, דאַרף אליין צולייגען א האנד ביים שחט'ן, האָט מען דאָס אָנגערופען "סמיכה" — און ווייל דאָס איז געווען א שווער שטיקעל אַרבייט און מען האָט געמוזט אָנווענדען דערצו דעם גאנצען כח, האָבען איניגע געהאַלטען, אַז דער יחיד וואָס ברענגט דעם קרבן, טאָר דאָס נישט טהון אום שבת אָדער יום טוב. דאַגעגען האָבען אנדערע בעהויפּטעט, אז אזוי ווי עס זיינען נישט חל די פּארשריפטען וועגען רוהען אום שבת אָדער אום יום טוב אינ'ם בית המקדש, דאַרף דער יחיד, וואָס ברענגט דעם קרבן, יאָ דורכפיהרען די סמיכה, ווייל אָהן סמיכה איז דער קרבן ניט קיין קרבן.

די פּראַצעדור פון דער "סמיכה" איז געוועהנליך דורכגעפיהרט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן: מען פלעגט דעם קרבן אוועקשטעלען אין צפון־זייט פון'ם שלאַכטהויז מיט'ן פּנים צו מערב, און דער וואָס האָט די "סמיכה" דורכגעפיהרט, איז געשטאַנען אין מזרח־זייט מיט'ן פּנים צו מערב, דאַן האָט ער געדאַרפט אוועקלייגען ביידע הענד זיינע צווישען די הערנער פונ'ם קרבן און דאַביי מתודה זיין אויף זיינע זינד, צוליעב וועלכע ער האָט געדאַרפט דעם קרבן ברענגען. ווער עס האָט אלזא גע'אסר'ט סמיכה אום יום־טוב, איז דאס געווען, ווייל עס איז געווען אַ שווערע אַרבייט און ער האָט געהאַלטען אַז די סמיכה פון'ם יחיד איז ניט נויטהיג. און ווער עס האָט ערלויבט סמיכה אום יום־טוב. האָט געהאַלטען, אז אָהן סמיכה איז דער קרבן נישט קיין קרבן און דער יחיד מעג אויך טהון די דאָזיגע אַרבייט אינ'ם בית־המקדש.

ביי דער באַהאַנדלונג פון אָט דער פראַגע האָט זיך אין ערשטער רייהע געהאַנדעלט וועגען די אידען פון אויסערהאַלב ארץ־ישראל, וועלכע פלעגען שיקען זייערע קרבנות קיין ירושלים, צי מען זאָל ביי זיי די קרבנות אָננעהמען און צי זיי דאַרפען קומען פערזענליך מיט זייער קרבן. איז אלזאָ אָנצונעהמען, אז די וואָס האָבען מתיר געמאַכט דאָס מקריב זיין א קרבן פון א יחיד אום יום־טוב אָהן סמיכה, האָבען מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט מען נישט פאַרגרינגערען דאָס ברענגען קרבנות פאר די אידען פון אויסערהאַלב ארץ־ישראל, וועלען זיי האָבען אַן אורזאך, אויפצושטעלען מזבחות אין זייערע היימישע שטעדט, וועלכע וועלען דערנאָך קאָנקורירען מיט'ן בית המקדש אין ירושלים, אָדער זיי וועלען גאר אריינפאלען אין געצענדיענסט. דאגעגען די מחמירים פון סמיכה אום יום־טוב, דאָס הייסט יענע וואָס האָבען געזאָגט, אַז יעדער וואָס ברענגט אַ קרבן, דאַרף אליין דורכפיהרען א סמיכה, איז דאָס פאר זיי געווען א פראַגע וועגען די "צדוקים", וועלכע האָבען געוואָלט פארשאַרפען די פארשריפטען פון שבת און יום טוב, כדי אוממעגליך צו מאַכען דאָס אָפּהיטען.

נאָך צוויי גזרות זיינען איינגעפיהרט געוואָרען דורך יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן: זיי האָבען ערקלערט די לענדער פון אַרום ארץ־ישראל פאַר טמא, וואו א איד טאָר ניט וואוינען, ווייל ווען א איד וואוינט יאָ דאָרטען און

ער דארף קומען קיין ארץ־ישראל, דארף ער זיך פיעל מאָל טובל'ן. די אורזאַך פון דער דאָזיגער גזרה איז וואהרשיינליך געווען, וואָס זיי האָבען געוואָלט באשריינקען דאָס פארשפרייטען די אידען איבער לענדער פון די ארומיגע גוים, ווייל צוליעב די רדיפות פון דער גריכישער רעגיערונג אין ארץ ישראל און צוליעב די צרות, וואָס זיינען געקומען צוזאמען מיט די רדיפות, האָבען פיעלע אידען פארלאָזען ארץ־ישראל און זיינען זיך געגאנגען בעזעצען אין די שכנ'ישע לענדער. האָבען זיי גוזר געווען טומאה אויף די שכנ'שע לענדער, אַז אידען זאָלען דאָרט ניט טאָרען וואוינען. איז דאָס געווען זעהר א שווערע זאַך פאַר אלע יענע, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפען צו די בעפעהלען פון דער ארץ־ישראל'דיגער רעגירונג, וועלכע האָט נישט געלאָזט אָפּהיטען אידישקייט. די צווייטע גזרה איז געווען, וואָס זיי האָבען ערקלערט, אַז גלעזערנע כלים זיינען פּונקט אַזוי טרפה ווי ערדענע, און ווען זיי זיינען געמאַכט פון א גוי טאָר זיי א איד ניט באַנוצען.

דאָ דארף באמערקט ווערען, אז די דאָזיגע בײדע גזרות זיינען שפּעטער כמעט ווי פון זיך אליין בטל געוואָרען. גאַנץ פרומע אידען האָבען זיך אין שפּעטערע יאָהרען באַזעצט אין גוי'שע לענדער און גלעזערנע כלים דאַרפען בלויז אויסגעשווענקט ווערען אין וואסער, מען זאָל זיי מעגען באנוצען פאר כשר. פון יוסי בן יועזר זיינען נאָך פאַרבליבען דריי פאַראָרדנונגען צו דער פאַרגרינגערונג פון די דינים: א געוויסען מין היישעריקען, וועלכער רופט זיך אין כאַלדעאיש "איל קמצא", האָט ער מתיר געמאַכט צו עסען. די צייט איז געווען א הונגעריגע און קיינער האָט זיך נישט אויסגעקענט אין די פיער מינים היישעריקען, וואָס די תורה האָט ערקלערט פאַר כשר (ארבה, סלעם, חרגל און חגב). האָט יוסי בן יועזר געזאָגט, אז דער מין "איל קמצא", וועלכער איז דאַן וואהרשיינליך אָנגעקומען פון בבל, בעלאַנגט צו די כשר'ע היישרעקען און מען מעג איהם עסען. ער האָט אויך מתיר געמאַכט צו באַנוצען דאָס וואַסער און דאָס בלוט פון'ם שלאַכטהויז פון די קרבנות פאַר הויז־צוועקען, אויף אָפּצורייניגען כלים, אָדער אויף צו באַמיסטיגען א גאָרטען. דעסגלייכען האָט ער ערקלערט, אַז ווער עס ריהרט אָן א טמא זאַך אָדער אַ טויטען, איז נור אַליין פאַר זיך טמא און ער איז ניט מטמא די אנדערע מענשען, וואָס קומען מיט איהם אין באַריהרונג. אָט די ערקלערונג איז געווען נויטיג, ווייל ווען עס האָט זיך דאַמאָלס געקלערט וועגען א רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד געגען די גריכען, וועלכע האָבען שרעקליך אונטערדריקט אידען אין זייער אמונה, האָט איטליכער מורא געהאַט, אז ווען מען וועט ארויסגעהן אין א מלחמה, וועט מען דארפען קומען אין באַריהרונג מיט טויטע, וועט דאַן איינער פון אנדערען טמא ווערען. האָט יוסי בן יועזר ערקלעהרט, אז נור דער ערשטער, וועלכער קומט אין בעריהרונג מיט'ן טויטען דארף זיין טמא, אָבער נישט אלע יענע, וואָס קומען דערנאָך אין בעריהרונג מיט דעם לעבעדיגען.

פארהאנען אויך א מאָראלישער אויסשפּרוך פון יוסי בן יועזר, וועלכער האָט געזאָגט: "זאָל דיין הויז זיין א פארזאמלונגס־ארט פאר געלערנטע מענשען, לאַשטשען זאָלסטו זיך ביי זייערע פיס און טרינקען זייערע ווערטער מיט דורשט" (אבות פּרק א' משנה ד'). זיינען די דאָזיגע ווערטער געווען געריכטעט געגען די באַשטרעבונגען פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט דערווייטערען דאָס פאָלק פון זיינע לעהרער און יעדער וואָס האָט געוואָלט מאַכען ביי זיך אַן אָרט פאַר אידישע באַלעהרונג, האָט געשפּיעלט מיט'ן לעבען, ווייל ווען ער איז געחאַפּט געוואָרען, האָט ער עס געדאַרפט באַצאָהלען מיט זיין קאָפּ.

וואָס מיט יוסי בן יוחנן איז געשעהן ווייסט מען נישט. פארהאנען בלויז זיין מאָראלישער אויסשפּרוך, וועלכער זאָגט: "זאָל דיין הויז אפען זיין פאר אלע־

מען, ארימע לייט זאָלען ביי דיר זיין אזוי חשוב ווי דיינע אייגענע הויז־מענשען און דו זאָלסט אויך ניט פיעל רעדען מיט פרויען, זאגאר מיט דער אייגענער ווייב".

איז דאס אויך געווען געציעלט געגען די באשטרעבונגען פון דער רעגיע־רונג, וועלכע האָט געוואָלט איינפיהרען גריכישע זיטען, דאָס הויז זאָל זיין פאַר־שלאָסען פאר פרעמדע, אז ארימע־לייט זאָלען נישט טאָרען אריבערטרעטען די שוועל. און אזוי ווי די גריכען האָבען געהאט גאָטעכעס, האָט דער תנא מורא געהאַט, אז א מענש קען צוליעב סעקסועלע מאָטיווען אריינפאַלען אין פאַר־געטערונג פון א פרוי, האָט ער דאדורך געשטרעבט צו פארשאַדפען דאָס אָפּגעזונדערטע לעבען פון די געשלעכטער.

יוסי בן יועזר האָט געהייסען "חסיד שבכהונה". און אזוי ווי דיביידע יוסי'ס זיינען געשטאָרבען, זאָגט די גמרא, זיינען בטל געוואָרען די "אשכולות", דאָס הייסט די "ענציקלאָפּעדיסטען", וועלכע האָבען געפיהרט דאָס פאָלק אויף אַלע געביטען פון'ם לעבען. די גמרא זאָגט אויך, אז פון משה רבנו'ס טויט ביז צום טויט פון יוסי בן יועזר איז געווען דאָס לערנען ווי אין די צייטען פון משה רבנו.

צי יוסי בן יוחנן איז געשטאָרבען מיט א נאַטירליכען טויט און ווען דאָס איז געשעהן, איז גענצליך אומבעקאַנט. אָבער וועגען יוסי בן יועזר ווייסט מען אז ער איז געשטאָרבען דורך דער האַנד פון גריכישע סאָלדאַטען. אזוי ווי ער האָט געאַרבייט געגען דער רעגירונג, איז ער פאַראורטיילט געוואָרען צו שטאַרבען אויף'ן קרייץ. זיינען דאַן די לעצטע ווערטער זיינע געווען א בעוויז אויף זיין שטאַרקען גייסט און גרויסען כח אין אמונה. דער כהן־גדול אַלקימאָס (יקים) איז געווען זיינער א נאָהנטער קרוב. איינינגע ווילען זאָגאר זאָגען, אז ער איז געווען זיינער א שוועסטערן־זוהן. האָט זיך דער דאָזיגער אַלקימאָס גע־וואָלט איינקויפען אין לייטזעליגקייט ביי דער רעגיערונג, האָט ער געהייסען אומ־בריינגען אַלע פרומע מענשען, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט לאָזען איבער־ריידען צו דער גריכישער אמונה. האָט מען דאַן אויף דער מסירה פון'ם כהן־גדול געהאפּט און פאַראורטיילט צום טויט זעכציג אַזעלכע פרומע אידען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זיין אייגענער קרוב יוסי בן יועזר, און ווען עס זיינען די דאָזיגע פאַראורטהיילטע צוזאַמען מיט יוסי בן יועזר געפיהרט געוואָרען צו דער תליה, האָט זיך דער כהן־גדול אַלקימאָס (יקים) נאָך אַמאָל פּרובירט איינצורעדען דעם קרוב זיינעם, ער זאָל זיך אונטערגעבען צו דער רעגיערונג, כדי צו בלייבען לעבען.

ווערד איבער דעם איבערגעגעבען דער פאָלגענדער געשפּרעך:

זעה־זשע, פעטער־לעבען! — האָט דער כהן גדול געזאָגט — דאָס גוטע און דעם גרויסען כבוד, וועלכען איך האָב, ווייל איך פאָלג, וואָס די רעגירונג הייסט מיר טהון. דאַנעגען קענסטו זעהען, וואָס פאַר א שרעקליך אומגליק דו האָסט אַליין אויף זיך געבראַכט, ווען דו דאַרפסט שטאַרבען ווי א פאַר־ברעכער!...

האָט איהם יוסי אויף דעם רוהיג געענטפערט:

ווען די וואָס דערצערנען גאָט, האָבען אזא לעבען ווי דו האָסט, קענסטו זיך שוין משער זיין, ווי גוט און וואויל עס וועט זיין צו די, וואָס טהוען זיין ווילען!...

האָט איהם אַלקימאָס (יקים) ווייטער געזאָגט:

קענסט מיר אפשר אָנווייזען אויף איינעם, וועלכער האָט ערפילט גאָט'ס ווילען מעהר ווי דו?...

די חכמים פון דער משנה

האָט איהם יוסי געענטפערט:

— קענסטו טאַקע דערפון זעהן, אז ווען די וואָס טהוען גאָט'ס ווילען האָבען אזא סוף ווי איך, טאָ וואָס פאַר א ביטערער סוף ערוואַרטעט יענע, וועלכע דערצערנען איהם מיט זייערע שלעכטע מעשים!...

זיינען די דאָזיגע ווערטער אריינגעדרונגען דעם כהן־גדול טיעף אין האַרצען — און ווי דער מדרש דערצעהלט (אין בראשית־רבה), האָט ער זיך באַלד אליין דאָס לעבען גענומען. אָדער ווי אנדערע דערצעהלען (אינ'ם מאַקאַבעער־בוך פון די אַפּאָקריפען און ביי יאָזעפוס) איז ער דאַמאָלס שלאַגמעסיג געשטאָרבען.

יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן זיינען געווען טיטולירט "אשכולות", וועלכעס מיינט "ענציקלאָפּעדיסטען", ווייל זיי האָבען אין זיך פאַראייניגט אַלע מעלות. אזוי גרוים ווי זיי זיינען געווען אין זייער לערנען, אזוי מוסטערהאַפט זיינען זיי געווען אין זייער מאָראַלישער אויפפיהרונג. און ווען זיי זיינען געשטאָרבען, האָבען זיי די מענשען באַקלאָגט, אז מיט זייער טויט האָבען אויפגעהערט די "אשכולות" (ירושלמי סוטה פרק ט' הלכה ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז יוסי בן יועזר האָט געהאַט א זוהן, וועלכער איז נישט געווען קיין גרעסטענער און ער האָט נישט געוואָלט געהען אין זיין פאָטער'ס דרכים. האָט דערפאַר זיין פאָטער אוועקגעגעבען זיין גאַנץ פאַרמעגען פאַר קהל'שע צוועקען (בבא בתרא דף קל"ג עמוד ב').

יענע צייט איז געווען א צייט פון שטענדיגע מלחמות צווישען די קעניגע פון עגיפּטען און די קעניגע פון סיריען, איז דאַן ארץ ישראל אָפטמאָל געווען דער טומעל־פּלאַץ פון די קריעגס־פיהרענדע ארמעען. האָט מען אין אזא צייט נישט געקענט אָנהאַלטען קיין שום אָרדנונג און עס איז אויך קיינער נישט געווען זיכער מיט זיין לעבען. פון דרויסען זיינען יעדעס מאָל געקומען אַנדערע פּלינדערער — און האָט מען זיך אמאָל אָפּגעראַטעוועט פון די דרויסענדיגע אָנפאַלער, פלעגען דערנאָך קומען אייגענע גזלנים, אוועקנעהמען וואָס יענע האָבען איבערגעלאָזט.

וועגען לערנען האָט אין אזא צייט קיינער נישט געקענט קלערען. מען האָט געדאַרפט צופּאַסען די פּאַרשריפטען פון דער תורה צו די מאָדערנע באַדערפעניששען, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דאָס קענען דורכפיהרען. האָט דאַן דער עולם אין גאַנצען אוועקגעוואָרפען די תורה און פאַרגעסען אידישקייט. האָט מען דערפאַר אומעטום געלעבט אין איגנאָראַנץ און אין גייסטיגען עלענד, ביז די רעגירונג האָט זיך אריינגעמישט אין דער רעליגיעזער אויפפיהרונג פונ'ם אידישען פאָלק און זי האָט זיך, מיט דער הילף פון די אידישע עשירים, פאַרגענומען בטל צו מאַכען די גאַנצע אידישע תורה.

איז דאַמאָלס געווען די אַלגעמיינע שטרעבונג, נאָכצוטהון אַלסדינג, וואָס מען האָט געזעהען ביי די גוים. עס האָט זיך אויך יעדער געלאָזט איינרעדען, אז אידען דאַרפען זיך אסימילירען מיט דער הערשענדער גריכישער נאַציאָן. האָט מען זיך אין ערשטער רייהע באַשטרעבט נאָכצוקרימען די גריכען אין זייערע גימנאַסטישע שפּיעלען און עפענטליכע ראַנגלעניששען. די אידען האָבען זיך געלאָזט איינרעדען, אז צו זייער נאַציאָנאַלען וואָהלשטאַנד פעהלט זיי בלויז, וואָס זיי דאַרפען זיך לערנען לויפען, שפּרינגען און שלאָגען מיט מענשען און חיות. וואָלט מען אפשר ווייניג וואָס געהאַט אויסצוזעצען געגען מאַנכע פון די דאָזיגע "ספּאָרטס", ווען עס וואָלט נישט געדרביי געהערשט דער מנהג פון ארומלויפען וועהרענד דעם שפּיעל גאַנץ נאַקעט, אָהן דער מינדעסטער באַקליידונג, בדי דער קערפּער זאָל נישט זיין געשטערט אין זיינע באַוועגונגען.

יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן

רערצו איז נאך פארגעקומען, אז ווען די אידישע בחורים זיינען ארומגעלאפען נאקעט ביי זייערע שפיעלען, האבען זיי זיך געשעהמט, וואס זיי זיינען ״געאידישט״, האבען זיי זיך געמאכט קינסטליכע ״פארהויטען״, מען זאל אויף זייער קערפער נישט דערקענען, אז זיי זיינען אידען.

שפעטער האט מען זיך מיט אזעלכע ״קליינינקייטען״ נישט מעהר באנוגענט, ווייל אזוי ווי די פארטייי פון די ״גריכען־פריינדע״ איז געוואקסען מיט יעדען טאג, און ווי עס פארשטעהט זיך, זיינען די אידישע עשירים געוועו די ערשטע, וואס זיינען צו דער דאזיגער פארטייי צוגעשטאנען, האט מען זיך געסטארעט, צו דערנעהנטערען דעם גאטעס־דיענסט אין בית־המקדש צו די מנהגים פון דער ״עבודה זרה״ אין די גריכישע טעמפלען.

פרומע אידען, פארשטעהט זיך, האבען די דאזיגע ״מעשים תעתועים״ געהאלטען פאר דער העכסטער מדרגה פון אויסגעלאסענקייט, האבען זיי זיך צונויפגענומען אין א גרופע, וועלכע האט זיך גערופען ״קהל חסידים״ אדער ״עדת צדיקים״, אפצושיידען זיך פון יענער גרופע ״גריכען־פריינדע״, וועלכע זיי האבען באטראכט אלס פשוט׳ע גוים.

האט זיך דאן אנטוויקעלט אן אונאויסשפרעכליכע שנאה פון איין צד צום אנדערען. האט מען די ״גריכען־פריינד״ גערופען מיט שרעקליכע צונעמענישען, אזוי ווי: ״מרשיעי ברית״, ״פריצי עם״ און ״עוזבי ברית קודש״. האבען דערפאר די גריכען־פריינד געקוקט אויף די פרומע ווי אויף משוגענע נאראנים, וואס האלטען זיך אן עפעס אויסטערלישע צערעמאניעס, מיט וועלכע זיי שטערען די דערנעהנטערונג צווישען די אידען און גריכען. עס האט אויך נישט לאנג געדויערט, האבען די גריכען־פריינדע גערופען די רעגירונג, זי זאל זיי קומען העלפען אין זייער קאמפף געגען די פרומע אידען.

יוחנן כהן גדול

די צייט איז געווען אַ שוידערליך שרעקליכע פאַר דער אידישער אמונה. ירושלים איז געלעגען אין די הענד פון די סיריש־גריכישע סאָלדאַטען, אינ׳ם בית המקדש איז געווען אריינגעשטעלט דאָס בילד פונ׳ם אָפּגאָט "צעאוס" (שקוץ משומם) און אויפ׳ן הייליגען מזבח פונ׳ם אידישען גאָט האָט מען מקריב געווען חזירים. עס האָבען זיך אויך געפונען אידען פאַררעטהער, וועלכע האָבען געהאָלפען דעם שונא אין דער דאָזיגער אַרבייט און עס האָט זיך איטליכען כמעט ווי אויסגעדאַכט, אַז די אידישע אמונה לעבט חלילה דורך איהרע לעצטע שטונדען. פרומע אידען זיינען געלעגען באַהאַלטען אין די בערג פון יהודה און אין הייהלען, וואו די גוים האָבען נישט געקענט צוקומען. דאָרט האָבען זיי אָפּגעהיט אידישקייט, נישט צו דאַרפען מחלל־שבת זיין, און ווען אַ פרוי האָט געבוירען אַ קינד, האָט מען עס דאָרט גע׳אידישט.

האָט זיך דאַן אָנגעקליבען אינ׳ם שטעדטעל מודיעים (פון ארום לוד) אַ מחנה צו גאָט טריי געבליבענע אידען—און איינער פון די כהנים, מתתיהו בן יוחנן פון דער פאַמיליע חשמונאים, וועלכער האָט געפיהרט זיין יחוס ביז יויריב הכהן, האָט דאָרט געהאַט אויסגעבויט אַ מזבח צום אידישען גאָט. האָט מען דאָס פאַר׳מסר׳ט צו די פאַרשטעהער פון דער רעגירונג, האָט מען באַלד אַהין געשיקט אַן אָפיציר מיט עטליכע סאָלדאַטען, צו אונטערזוכען די לאַגע. האָט דער גריכישער אָפיציר געשיקט רופען דעם אַלטען מתתיהו און האָט איהם געהייסען מקריב זיין אַ חזיר אויף זיין מזבח. האָט איהם מתתיהו געענטפערט: "ווען אַלע פעלקער פון דיין קעניג׳ס מלוכה זאָלען וועלען דיענען צו דיין גאָט און אַלע אידען פונ׳ם לאַנד זאָלען צו זיי צושטעהען, וועל איך און מיינע קינדער נישט אָפּטרעטען פונ׳ם וועג, אויף וועלכען מיינע עלטערען האָבען געוואַנדעלט, און איך וועל נישט דיענען צו קיין אַנדערן גאָט ווי נור צו מיין איינציגען לעבעדיגען גאָט אין הימעל".

איז דאַן איינער פון די אידען צוגעגאַנגען צום מזבח און האָט געוואָלט טהון, וואָס דער גריכישער אָפיציר האָט געהייסען. איז מתתיהו בן יוחנן אויף איהם אָנגעפאַלען מיט אַ מעסער און האָט איהם דערשטאָכען אויפ׳ן אָרט. און ווען יענער איז אַוועקגעפאַלען און דער גריכישער אָפיציר האָט זיך געוואָלט וואַרפען אויף מתתיהו׳ן, זיינען די דאָרט פערזאַמעלטע אידען אָנגעפאַלען אויפ׳ן אָפיציר מיט זיינע עטליכע מענשען און האָבען זיי דער׳הרג׳ט.

נאָך אַזאַ געשעהעניש האָט איטליכער געוואוסט, ווען די רעגירונג זיכערליך אַרויסשיקען איהרע סאָלדאַטען, נקמה נעהמען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער טהאַט—און מען וועט דאַרפען קעמפפען אָדער אונטערגעהן. איז טאַקי יענע טהאַט פון מתתיהו בן יוחנן געווען ווי אַ רוף צו׳ן אַ מלחמה און עס האָט זיך אויך אַנטוויקעלט אַ מלחמה זעהר אַ לאַנגע און אַ שווערע. די גריכען האָבען געקענט אַקעגען־שטעלען צעהן מאָל און אפשר גאָר צוואַנציג מאָל אַזוי פיעל גוט־בעוואָפענטע סאָלדאַטען, ווי אידען האָבען געהאַט מענשען. האָבען די אידען צוליעב דעם מורא געהאַט, אַרויסצוקומען אין אַן אָפענעם קאַמפּף, האָבען זיי אָנגעפיהרט אַ מלחמה פון באַהעלטענישען. איז יהודה המכבי, דער זוהן פון מתתיהו, געפאַלען אין דער שלאַכט. האָט דאַן יוחנן, זיין ברודער,

איבערגענומען די פיהרונג פון דער אידישער ארמיי און ער האָט אויך גע־זיעגט אין עטליכע שלאַכטען. איז ער דאן מיט דער צושטימונג פונ׳ם גריכי־שען קעניג געוואָרען כהן־גדול. דאָס האָט אבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל ער איז דורך א פאררעטערישען טריק אריינגענארט געוואָרען צום שונא אין די הענד, און מען האָט איהם דאָרט דער׳הרג׳עט. איז דערנאָך דער איינגס־טער זוהן פון מתתיהו, שמעון, געוואָרען דער מיליטערישער פיהרער פונ׳ם פאָלק און ער האָט אויך פארענדיגט די באפרייאונג פון די אידען.

די רעליגיעזע פיהרונג פונ׳ם פאָלק איז דאן געלעגען נישט אין דער האנד פון איין מענש אָדער פון א ״פּאָרעל״, נור אין דער האנד פון א גאנצען ״בית־דין״ (דאָס הייסט פון מינדעסטענס פינף מענשען אָדער אפשר גאָר מעהר). אָט די קערפּערשאַפט ווערד אָנגערופען אין דער גמרא מיט׳ן נאָמען: ״בית דינו של חשמונאי״ און עס איז נישט פארבליבען אפילו איין נאָמען פון אלע, וואָס זיינען אין דעם דאָזיגען בית־דין געזעסען.

ס׳איז אויך וואהרשיינליך אָנצונעהמען, אז אזא בית־דין האָט נישט גע־קענט צו־שטאַנדע קומען פריהער ווי די צייט ווען יונתן בן מתתיהו האָט רע־גיערט. און ווען יונתן האָט ארויסגעשיקט פריעדענס־בריעף צו די לאַקע־דעמאָנער, זיי זאָלען באנייען מיט איהם דעם בונד געגען די גריכען, האָבען דעם בריעף אונטערגעשריבען מענשען פונ׳ם ״גרויסען ראטה״ און דערנאָך ווען שמעון איז געוואָרען ״נשיא״, ווערד דערצעהלט, אז די ״זקנים״ און די ״ראשי העם״ האָבען איהם דאָס אמט איבערגעגעבען. זיינען דאָס וואהרשיינ־ליך געווען די מענשען פונ׳ם ״בית־דין של חשמונאים״.

האָט דער דאָזיגער בית־דין געוואָלט אויפשטעלען אַן אייזערנע וואנד צווי־שען אידען און גוים. האָט מען דאַן ארויסגעגעבען אַ גזרה געגען יעדע מעגליכע דערנעהנטערונג מיט א פיעל גרעסערער הארבקייט, ווי דאָס איז גע־טהון געוואָרען אין דער תורה. עס זיינען אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען שווע־רע פעראָרדנונגען אין די ענינים פון טומאה—און די דאָזיגע אלע גזרות זיי־נען שפּעטער באקאנט געווען אויף׳ן נאָמען פון ״בית דינו של חשמונאי״.

דערזעלבער בית־דין האָט אויך מתקן געווען, צו מאַכען יעדעס יאָהר א יום טוב פון אכט טאָג צום אָנדענקען פון די נסים, וועלכע זיינען געשעהן אין די מלחמות געגען די גריכען. ווערד דער דאָזיגער יום־טוב אָנגערופען ״חנוכה״, דאָס מיינט ״איינווייהונג״, ווייל דער יום־טוב איז אין ערשטער רייהע גע־מאַכט געוואָרען אלס אַן איינווייהונגס־פעסט פונ׳ם מזבח, וואָס די גריכען האָ־בען געהאַט פאראומרייניגט מיט זייערע טרפה׳נע קרבנות. צוליעב די קעמ־פע פון די חשמונאים און זייערע זיעגען זיינען דאמאָלס געפייערט געוואָרען פיעלע און פארשיעדענע ימים־טובים, פון וועלכע עס איז פאַרבליבען דער איינציגער יום־טוב ״חנוכה״ מיט אנצינדען ליכט און זינגען הלל, און דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך׳ן ״בית־דין של חשמונאים״.

חוץ דעם האָבען די פרומע אידען פון דאמאָלס אַליין אויף זיך גענומען נאָך פיעלע אַנדערע חומרות. אזוי ווי מען האָט שוין אין יענער צייט געזאָגט יע־דען טאָג די תפלות, וואָס די ״אנשי כנסת הגדולה״ האָבען מתקן געווען, איז איידער מען האָט זיך אוועקגעשטעלט בעטען גאָט, האָט מען געדאַרפט, עטלי־כע מינוט פריהער ״מכוון זיין דאָס הארץ צום פאָטער אין הימעל״, און אַפילו ווען אַ קעניג האָט גראָד דאמאָלס געזאָלט פארבייפאָהרען אָדער אַ שלאַנג וואָלט זיך געוועהן ארומוויקלען איבער׳ן קנאפעל פונ׳ם דאווענער, האָט מען נישט געטאָרט מפסיק זיין.

נישט געקוקט אויף קיין שום סכנת־נפשות, זיינען יענע פרומע אידען גע־

ווען גרייט צו יעדער געפאהר, אבי צו קענען אפהיטען די מצוות פון דער תורה. הויפטזעכליך האבען זיי געהאלטען פון שמירת שבת און הרג׳ענען א שלאנג אום שבת (אפילו א געפעהרליכע) איז געווען פאררעכענט אלס נישט קיין גלייכע זאך. זיי האבען אויך נישט געוואלט מלחמה האלטען אום שבת, אפילו ווען די סכנה איז געווען א גרויסע, ווי עס איז איינמאל פארגעקומען אין דער צייט פון מתתיהו בן יוחנן, וואס א טויזענד אידען האבען זיך געלאזט פארברענען אין א הייהל, ווייל זיי האבען נישט געוואלט מחלל שבת זיין דורך פארלעשען א פייער, וואס די גריכישע סאלדאטען האבען אונטערגעלייגט, ביז מתתיהו האט נישט געשיקט זאגען צו אלע אידישע קעמפפער, אז אין צייט פון א מלחמה מעג מען מחלל שבת זיין, ווען מען דארף זיך ווערען געגען א שונא.

יענע פרומע אידען האבען אויך מחמיר געווען ביי פארשיעדענע אנדערע מצוות פון דער תורה — און כדי א מענש זאל נישט אמאל געשטרויכעלט ווערען דורך דער אונפארזיכטיגקייט פון אן אנדערען, האבען זיי אכטונג געגעבען, אפצוראמען אלע דערנער און צובראכענע גלאז פון די וועגען, וואו מענשען געהען, באהאלטענדיג די דאזיגע שטרויכלונגען פון אונטער די באר־וויסע פיס און פארגראבענדיג זיי טיעף אין דער ערד, אז אפילו אן אקער־אייזען זאל דאס נישט קענען צוריק ארויפברענגען.

און ווען די חשמונאים האבען געזיעגט און אידען האבען זיך געפיהלט פריי, פלעגט מען זיך צונויפקומען אין די ימים־טובים, סיי די וואס האבען זיך פריהער געלאזט איבעררייידען פון די גוים, צו זינדיגען געגען דעם אידישען גאט, גלייך ווי יענע, וואס האבען קיינמאל נישט געזינדיגט, פלעגען זיך דאן ביידע צדדים פאנאנדערזינגען לכבוד יום־טוב אין א פאראייניגטען כאר. האבען איינע אנגעהויבען דעם געזאנג מיט די ווערטער: ״אשרי מי שלא חטא״ (אז וואויל איז צו דעם, וועלכער האט נישט געזינדיגט!), האבען די אנדערע אויף דעם געענטפערט: ״מי שחטא ימחל לו!״ (ווער עס האט יא געזינדיגט, וועט עס איהם מוחל ווערען) האבען ווייטער יענע, וואס האבען זיך געפיהלט פריי פון זינד, אנגעהויבען א נייעם געזאנג: ״אשרי ילדותי שלא ביישה את זקנתי!״ (אז וואויל איז צו מיין יוגענד, וועלכע האט נישט פאר־שעהמט מיין עלטער!) האבען די אנדערע אויף דעם געענטפערט: ״אשרי זקנתי שתכפר על ילדותי!״ (אז וואויל איז צו מיין עלטער, וועלכע פארדעקט די זינד פון מיין יוגענד!)...

דער ״בית דין של חשמונאים״ האט אויך געהאט א סיסטעם מחמיר צו זיין דארט וואו עס איז פון דער אנדערער זייט נישט פארהאנען קיין שאדען, א שטייגער, ווי ביי ״תרומה״ און ביי די אנגעלעגענהייטען פון ״הקדש״. דאגע־גען האבען זיי פארגרינגערט דארט, וואו די שוועריגקייט איז נישט געווען צו דערטראגען, א שטייגער ווי ביי א נזיר אדער ביי א קרבן פסח. אט די אלע שוועריגקייטען אדער פארגרינגערונגען האט מען געוועהנליך ארויסגע־לערענט פונ׳ם פסוק, ווי מען האט שוין דאמאלס אנגעהויבען דרש׳נען אויף יעדען אות און אויף יעדע נקודה פון דער תורה.

עס האבען זיך אויך די חכמים פון יענער צייט אנגעהויבען פארטיפען אין רעיונות וועגען די געשעהענישען, וואס זיינען פארגעקומען ביי אידען, מענשען האבען אנגעהויבען: ארייגקלערען אין די אורזאכען פון דעם, וואס אידען דארפען אויסשטעהען אזוי פיעל צרות. האט מען פון דעם ארויסגעלע־רענט א כלל, אז די בייטש, מיט וועלכער די שונאים שלאגען אידען, מוז זיך דערנאך אומקעהרען געגען די שונאים גופא. עמלק איז געקומען פארניכטען די אידען, האט איהם דער אויבערשטער פארניכטעט פון דער וועלט. פרעה הרשע האט פארשקלאפט די אידען און דערטרונקען זייערע אינגלעך, האט

איהם דער אויבערשטער געלאָזט דערטרינקען אין ים צוזאַמען מיט זיין גאַנ־צער אַרמיי. דאָסזעלבע מוז אויך געשעהען מיט יעדער אומה, וועלכע וויל שעדיגען די אידען, אַז וואָס זי וויל טהון צו אידען, ווערד איהר דערנאָך אָפּגעטהון מיט דערזעלבער מאָס.

שמעון בן מתתיהו החשמונאי איז אויף אַ פאַררעטהע־רישען אופן ערמאָרדעט געוואָרען דורך זיין איידעם תלמי בן חבוב, וועלכער איז געווען אַ "שטייער־קאָלעקטאָר" אין דער געגענד פון שכם אויף'ן חשבון פון זיין שווער — און אזוי ווי שמעון האָט זיך געפיהלט זיכער נאָך זיינע זיגען איבער די גריכען, האָט ער אַמאָל אָנגענומען די איינלאַדונג פון זיין איידעם, צו קומען צו איהם מיט ווייב און קינד אויף אַ באַזוך—און דאָרט האָט איהם דער איידעם געלאָזט ערמאָרדען. אַזוי ווי ער האָט אָנגעפיהרט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט'ן סירישען קעניג געגען זיין שווער, האָט ער זיך געלאָזט איינריידען, אַז ווען ער וועט דעם שוועהר אַפּראַמען, וועט ער ווערען דער נאָכפאָלגער פון זיין שווער אין דער ממשלה פון ארץ ישראל.

איז אָבער תלמי'ס האָפנונג צו־נישט געוואָרען, ווייל דער סירישער קעניג האָט נישט מקיים געווען זיין צוזאָג — און שמעון'ס זוהן, יוחנן, האָט איבער־גענומען די ממשלה איבער די אידען. ער האָט אויך פאַראייניגט אין זיין האַנד די רעליגיעזע און די וועלטליכע הערשאַפט פונ'ם לאַנד אַלס פירסט און אַלס כהן־גדול.

דער געשיכטליכער נאָמען פון דעם דאָזיגען יוחנן איז יאָהאַנעס הירקאַנוס (יוחנן הורקנוס). מאַנכע פון אונזערע היסטאָריקער האָבען איהם גערופען הורקנוס דער ערשטער, צום אונטערשיעד פון קעניג הורקנוס דעם צווייטען, דעם זיידע'ן פון מרים החשמונאית — און אין דער גמרא ווערד ער אָנגערופען "יוחנן כהן גדול". דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אַז דעם נאָמען "הירקאַנוס" האָט ער באַקומען פון דער פעסטונג הירקאַניא, וועלכע ער האָט אין איינער פון זיינע מלחמות ערָאָבערט.

ווען תלמי בן חבוב האָט דער'הרג'עט יוחנן'ס פאָטער, האָט ער ביי זיך באַ־האַלטען יוחנן'ס מוטער, די שוויגער זיינע, פאַר אַ משכון, אַז טאָמער וועט יוחנן וועלען נעהמען נקמה פאַר'ן טויט פון זיין פאָטער, זאָל מען איהם קענען אָנסטראַשען מיט'ן טויט פון זיין מוטער.

יוחנן איז אויך גאָר גיך נעגאַנגען באַלאַגערען תלמי'ס פעסטונג. און ווי תלמי האָט געזעהן, אַז די פעסטונג זיינע שטעהט שלעכט, האָט ער ארויפגע־נומען די שוויגער אויף דער מויער און האָט איהר דאָרט אָנגעטהון כל־ערליי יסורים פאַר די אויגען פון איהר זוהן. האָט יוחנן געוואָלט אוועקגעהן פון דער פעסטונג צוליעב זיין מוטער. האָט איהם די מוטער באַשוואוירען ביים אָנ־דענקען פון זיין ערמאָרדעטען פאָטער, אַז ער זאָל גאָר נישט קוקען אויף איהרע שמערצען, נור ער זאָל אָנווענדען אַלע כחות, די פעסטונג צו ערָאָבערן. איז אָבער יענע פעסטונג געווען זעהר אַ שטאַרקע און יוחנן האָט זי בשום אופן נישט געקענט ערָאָבערן. האָט דאָן יוחנן אויסגעזוכט אַ תירוץ, אויף צו קענען אוועקגעהען פון דער פעסטונג אָהן חרפּות. אַזוי ווי עס איז גראַד דאַמאָלס אָנגעקומען אַ יאָהר פון "שמיטה", האָט ער געזאָגט, אַז אין אַזאַ יאָהר טאָר מען נישט פיהרען קיין מלחמות... דערנאָך האָט תלמי די שוויגער דער'הרג'עט און אַליין איז ער אַנטלאָפען, וואו מען האָט שוין וועגען איהם ווייטער גאָר נישט געהערט...

שפּעטער איז ווידער אויסגעבראָכען אַ קריעג, אין וועלכען יוחנן איז אויפ'ס ניי פאַרוויקעלט געוואָרען. אונטער דער פיהרונג פון זייער קעניג

אנטיאָכאָס סעדעטיס האָבען די גריכען געדענקט, אז זיי וועלען קענען צוריק־קריגען א פוס אין ארץ ישראל. זיינען זיי אָנגעקומען אין א גרויסער מחנה, קעמפּפען געגען ירושלים. האָבען זיי אָבער שוין גאָר נישט געקענט טהון. די אַלטע מאַכט זייערע איז געווען געבראָכען און דערצו האָט מען נאָך מורא געהאט פאר רוים, וועלכע האָט זיך אריינגעמישט אין דער באַשיצונג פון ארץ־ישראל. איז דאן נאָך א לאַנגער מלחמה געשלאָסען געוואָרען א נייער פריעדען מיט די סירישע גריכען פאר'ן פּרייז פון 500 צענטען זילבער און עטליכע יונגע לייט פון די חשוב'סטע משפחות אלס "לעבעדיגע משכנות", אז ווען ארץ־ישראל זאל זיך וועלען נעהמען רעוואַלטירען, זאָל מען די דאָזיגען יונגע לייט הרג'ענען. דערנאָך איז דאָס פאַרהעלטניס צווישען יוחנן און דעם גריכי־שען קעניג אויף אזוי ווייט געוואָרען פריינדשאַפטליך, אז יוחנן האָט אַזש ארויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטען העלפען דעם גריכישען קעניג אין א מלחמה גע־גען די פּארטהער.

אזוי האָט יוחנן לאַנגע יאָהרען געדאַרפט קעמפּפען אויף פאַרשיעדענע פראָנטען און ער האָט זיך געגנוג צרות אָנגעליטען, איידער עס האָט זיך איהם איינגעגעבען, צו באַפרייען דאָס לאַנד פון גוי'שע הענד. דאַמאָלס ערשט איז ער געוואָרען אָנגרייפעריש געגען אַנדערע שונאים. אזוי ווי ער האָט געהאַט געפונען אַן אוצר גאָלד אין די קברים פון די מלכי יהודה, האָט ער געדונגען א מחנה גוי'שע סאָלדאַטען און מיט זייער הילף איז ער אָנגעפאַלען אויף די אדומיים, וועלכע ער האָט געגעבען די ברירה, אז אָדער זיי זאָלען אויסוואַנדע־רען פון זייערע היימען אָדער אָננעהמען די אידישע אמונה. האָבען זיי פאַר־געצויגען אָנצונעהמען די אידישע אמונה, אבי זיי זאָלען קענען בלייבען אין זייערע היימען. דערנאָך איז יוחנן אָנגעפאַלען מיט זיין חיל אויף שומרון, וואו ער האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט צוזאַמען מיט'ן בית־המקדש זייערען, וועלכער איז געווען דער גרעסטער שטער פאר'ן קיום פונ'ם אידישען בית־המקד"ש אין ירושלים.

צוליעב די אַלע ערֹאָבערונגען האָט מען געדאַרפט איינפיהרען געוויסע רע־ליגיעזע אָרדנונגען, וואָס זאָלען זיין צוגעפאַסט צו די נייע אומשטענדען. צווי־שען די ניי־ערֹאָבערטע ערטער זיינען געווען אייניגע שטעדט, וועלכע האָבען זיך גערעכענט אלס א טייל פון סיריען און זיי האָבען פריהער באַלאַנגט צו די "טרפה'נע מקומות", וואו א איד האָט נישט געדאַרפט וואוינען. האָט מען יעצט געדאַרפט יענע ערטער באַטראַכטען ווי א טייל פון ארץ ישראל בנוגע צו די דינים פון תרומה און מעשר, גלייך ווי פון שמיטה, בכורים, עולה־רגל זיין און ברענגען קרבנות.

האָט מען דאן אויפגעשטעלט א כלל, אז "ווער עס קויפט א פעלד אין סיריען איז דאָס גלייך ווי ער זאָל קויפען א פעלד אין א פאַרשטאָדט פון ירושלים", און ווי ווייט עס האָט געפיהרט א כשר'ער וועג צו יענע ניי־ערֹאָבערטע שטעדט, זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען ווי הייליגע ארץ ישראל'דיגע שטעדט. בזה האופן האָט יוחנן געוואָלט אויסשפּרייטען די גרעניצען פון ארץ ישראל, אריינצו־ברענגען סיריען אינ'ם רשות פון די אידען, אזוי ווי ער האָט געטהאָן מיט די שטעדט פון אדום.

שפּעטער זיינען מאַנכע איינפיהרונגען וועגען דער צוגעהעריגקייט פון סי־ריען צו ארץ־ישראל איבערגעאַנדערשט געוואָרען, גלייך ווי מען האָט דאַמאָלס באַלד איינגעזעהן, אז די גרים פון אדום, וועלכע זיינען געוואָרען אידען געגען זייער ווילען, האָבען נישט אריינגעבראַכט קיין געזונד צום אידישען פאָלק. יוחנן כהן גדול האָט אָבער מיט זיינע תקנות גוט געמיינט, און טראָצדעם וואָס ער איז אין שפּעטערע יאָהרען געקומען אין קאָנפליקט מיט די חכמים פון זיין

צייט, האט די גמרא תמיד אנערקענט זיין גוטען ווילען, פאר וועלכען ער קריגט דארט דעם פארדיענטען קרעדיט.

אנדערע זיינע רעליגיעזע תקנות זיינען געווען ספעציעל געגען די שומרונים (אדער "כותים", ווי זיי הייסען אין דער גמרא), וועלכע האבען נאך'ן חורבן פון זייער שטאדט געלעבט צווישען די אנדערע אידען. איז אבער ביי זיי אין הארצען געווען איינגעבאקען א שנאה צו אידען, פאר וועלכער עס האט איטליכער שטארק מורא געהאט און מען האט זיי קיינמאל נישט געגלויבט, אז זיי פיהלען זיך אויף אן אמת אלס צוגעהעריג צום אידישען פאלק, חאטש זיי פלעגען ביי מאנכע אידישע מנהגים וועלכען שפיעלען א פרומערע ראלע ווי אנדערע אידען. האט מען דאן פארבאטען, צו עסען דאס ברויט פון א "כותי" און מען האט געזאגט, אז ווער עס עסט דאס ברויט פון א כותי, איז דאס גלייך ער זאל עסען דאס פלייש פון א חזיר...

פון די פארשיעדענע איינפיהרונגען פון יוחנן כהן גדול דארף דערמאנט ווערען, וואס ער האט מבטל געווען דאס זאגען די פסוקים פון פרשת כי־תבא, וועלכע זיינען געווען פארגעשריבען פאר אלע, וואס האבען געבראכט דעם "מעשר" (אין דער גמרא הייסט דאס "הודיית המעשר"). אזוי ווי ער האט געהאט ארויסגעשיקט שלוחים איבער אלע שטעדט פון ארץ ישראל, זיי זאלען זעהען, צי דער עולם גיט די מעשרות אויף א ריכטיגען אופן, האבען איהם די ארויסגעשיקטע שלוחים געבראכט די ידיעה, אז די פויערען אין ארץ־ישראל גיבען נור בלויז די "תרומה גדולה", וועגען וועלכער עס איז נישט געווען באשטימט, וויפיל איינער זאל געבען און מען פלעגט דאדורך געבען פון א פופציגסטען טייל ביז צו א דרייסיגסטען טייל פון אלע תבואות און פירות, ד. ה. פון צוויי פראצענט ביז נאהנט צו דריי פראצענט. און אזוי ווי יוחנן האט דאס געהערט, האט ער פאראדנעט, אז ווער עס וועט קריגען תבואה אדער פירות ביי א פויער (ד. ה. ביי אן "עם־הארץ"), זאל ער נישט פרעגען, צי עס איז געגעבען געווארען פון דעם מעשר, ווייל ער איז סיי־ווי מחויב צו געבען די געהעריגע מעשרות און מען טאר נישט דעם "עם־הארץ" גלויבען, ווען ער זאגט אפילו, אז עס איז שוין געגעבען געווארען מעשר.

צוליעב דעם האט יוחנן כהן גדול מתקן געווען, אז מען זאל נישט מעהר מתוודה זיין ביים ברענגען דעם מעשר, ווייל מען וואלט געזאגט א ליגען פאר גאט, ווען מען וואלט געזאגט, אז מען האט געגעבען דעם מעשר געהעריג.

דער טראבעל מיט'ן מעשר האט זיך איבערהויפט אנגעהויבען ביי עזרא הסופר. אזוי ווי נישט אלע לויים האבען דאמאלס געוואלט צוריקגעהען פון בבל קיין ארץ־ישראל, האט עזרא גע'קנס'ט די לויים, אז מען זאל זיי נישט אוועקגעבען אלע מעשרות. האט מען שוין אין דער "הודיית המעשר" נישט געקענט זאגען "וגם נתתיו ללוי". אנדערע האבען ווייטער געדענקט, אז אזוי ווי עס זיינען דאמאלס געווען מענשען, וועלכע האבען געגומען דעם מעשר מיט געוואלט, האט מען נישט געקענט געברויכען דאסווארט "נתתי". אויסערדעם האט יוחנן כהן גדול געזעהן, אז די אומשטענדען וועגען די מעשרות האבען זיך אין גאנצען געענדערט, ווייל ווען ארץ־ישראל איז אין דער צייט פונ'ם ערשטען בית־המקדש געווען איינגעטיילט צווישען די שבטים און די לויים האבען נישט געקראגען קיין פעלדער, האט איטליכער געמוזט געבען די מעשרות. אבער אין דער צייט פון יוחנן זיינען די פארהעלטניסע געווען אנדערע. איז דער מעשר געווען א שווערער עול אויף'ן פויער, בפרט ווען מען האט געדארפט צאהלען שטייערען און די מעשרות זיינען געווען דרייערליי (מעשר ראשון, מעשר שני און מעשר עני).

יוחנן כהן גדול האט דאן איינגעזעהן אז עס איז נישט רעכט, צו צווינגען די פויערען, צו געבען די מעשרות — און בטל מאכען די מצוה פון מעשר האט ער אויך נישט געקענט. האט ער איינגעפיהרט אן אנדערע ארדונג: ער האט אוועקגעשטעלט אויפזעהער, וואס זאלען אכטונג געבען אויף׳ן מעשר ביי די פויערען און נעהמען ביי זיי מיט געוואלט. טאמער האט אבער אימיצער געקויפט עטוואס ביי א פויער, האט ער נישט געדארפט צוערשט פרעגען ביים פויער, צי ער האט געגעבען מעשר, ווייל ער האט דאס גערארפט באטראכטען אלס "דמאי", וועלכעס מיינט, אז טאמער קויפט אימיצער תבואות אדער פירות, וועגען וועלכע ס׳איז א ספק, צי ס׳איז ארונטערגעגעבען געווארען מעשר, דארף דער קויפער פון די דאזיגע תבואות אדער פירות געבען דעם מעשר און נישט פרעגען קיין קשיות.

ביז צו יוחנן׳ס צייטען פלעגט מען אין ירושלים עפענטליך ארבייטען אום חול־המועד פון א יום־טוב און דאס קלאפען פון די האמערס פלעגט זיך הערען פון אלע ווינקלען. האט יוחנן געזעהען אין דעם א פארשוועכונג פון דער הייליגער שטאדט—און ער האט פארבאטען, צו לאזען הערען דעם קלאפ פון א האמער אים חול־המועד. אנדערע ווילען באהויפטען, אז ווען מען האט שפעטער אין אלגעמיין פארבאטען דאס קלאפען מיט א האמער אין ירושלים, איז דאס געווען באגרינדעט אויף יוחנן׳ס פאראָרדנונג.

דעסגלייכען האט ער בטל געמאכט, וואס די לויים פלעגען זינגען ביי דער עבודה דעם 24טען פסוק פון קאפיטעל מ״ד אין תהלים "עורה למה תישן אדני". געזונגען האט מען דאס דאזיגע קאפיטעל תהלים אין דער צייט, ווען אידען האבען געזעהן, אז אלע פעלקער פון ארום לעבען רוהיג און נור אידען אליין לעבען אין צרות. האט אבער יוחנן געזאגט, אז מען קען נישט זאגען צום אויבערשטען, ער זאל "אויפוואכען פונ׳ם שלאף"...

נאך א וויכטיגע תקנה האט יוחנן כהן גדול איינגעפיהרט ביי די קרבנות. ביז צו זיין צייט פלעגט מען ביים מקריב זיין א קרבן א שניט טהון דער בהמה מיט א שארפער כלי צווישען די הערנער, דאס בלוט זאל איהר פארגיסען די אויגען, כדי צו קענען זי דערנאך לייכטער בינדען. האט יוחנן געזאגט, אז דאס הייסט "מטיל מום בקדשים", ווייל דער שניט בעפאר דער שחיטה קען לעכערען דעם מוח פון דער בהמה און מאכען דעם קרבן טרפה. האט דאן יוחנן מתקן געווען, צו מאכען רינגען אויף אריינצוטהון דעם האלז פון דער בהמה, כדי צו קענען זי אויף אזא אופן אומווארפען.

יוחנן כהן גדול איז ביים אפהיטען די מצוות פון דער תורה תמיד געגאנגען מיט די "פרושים". נור איינמאל אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האבען זיך די "פרושים" געגען איהם פארזינדיגט, איז ער שוין פון דאמאלס אן געגאנגען מיט די "צדוקים". פארגעקומען איז דאס אויף פאלגענדען אופן: ביי א גרויסער קעניגליכער סעודה נאך איינעם פון יוחנן׳ס מיליטערישע זיעגען, ווען יוחנן איז שוין געווען אין א געהויבענער שטימונג פונ׳ם וויין, האט ער א זאג געטהאן, אז טאמער ווייסט אימיצער עפעס שלעכטס וועגען איהם, זאל מען עס איהם יעצט זאגען אין פנים אריין. איז דאן אויפגעשטאנען איינער פון די געסט מיט׳ן נאמען אלעזר בן פועירה, וועלכער ווערד באצייכענט אין דער גמרא אלס "איש לץ לב רע ובליעל", און ער האט געזאגט צו יוחנן: "די פרושים זיינען אויף דיר בייז!" — און ווען יוחנן האט געוואלט וויסען די אורזאך, איז אויפגעשטאנען איינער אן אלטער מאן מיט׳ן נאמען יהודה בן גדידיה, וועלכער האט געזאגט: "גענוג פאר דיר די קעניגליכע קרוין, ווייל די קרוין פון דער כהונה דארפסטו לאזען צו אן עהרליך קינד פון אהרן הכהן און דו ביזט

יוחנן כהן גדול

דער זוהן פון א געפאנגענער פרוי!" (דאס הייסט, אז יוחנן'ס מאמע איז געווען א געפאנגענע ביי גוים, איז עס דאדורך ניט זיכער, צי ער איז פון א ריינער גזע). האט זיך יוחנן דערשראקען און געהייסען די זאך אונטערזוכען. האט מען אבער גאר נישט אויסגעפונען — און ווען יענער יהודה בן גדידיה איז געשטעלט געווארען צום משפט פאר די סנהדרין, איז ער פאראורטיילט געווארען צו מלקות.

איז אזא שטראף געווען צו ווייניג אין די אויגען פון יוחנן כהן גדול, דערצו האבען איהם נאך די צדוקים אויפגערייצט, ווענדיג איהם באווייזען, אז אלע "פרושים" דענקען דאסזעלבע, וואס יהודה בן גדידיה האט געזאגט. און ווען יוחנן האט געזאגט, אז די סנהדרין האבען דעם פארלוימדער גע'משפט'ן לויט'ן דין פון דער תורה, וויל א "מוציא שם רע" איז חייב מלקות, האט דער אויבען־דערמאנטער אלעזר בן פועירה געזאגט, אז "דאס איז טאקי דער דין ביי א מוציא שם רע אויף א הדיוט שבישראל, אבער ביי דיר, וואס דו ביזט א מלך און א כהן גדול, האבען די סנהדרין געדארפט אנדערש פסק'נען!"...

האט זיך יוחנן געלאזט איינריידען, ארונטערצוזעצען די "פרושים" פון די סנהדרין און ער האט ארויפגעזעצט "צדוקים" אויף זייער ארט. האבען זיי באלד גענומען נאך אמאל משפט'ן דעם יהודה בן גדידיה און זיי האבען איהם צוזאמען מיט נאך עטליכע "פרושים" פאראורטיילט צום טויט — און פון דאמאלס אן איז יוחנן כהן גדול געווארען אן אנהענגער פון די "צדוקים". *)

---

*) אט די מעשה, ווי אזוי יוחנן כהן גדול איז אריבערגעגאנגען פון די "פרושים" צו די "צדוקים", איז באשריבען ביי יאזעפוס. אין דער גמרא הייסט עס, אז דאס דאזיגע געשעהעניש איז פארגעקומען ביי ינאי המלך, מיינט דאס אבער נישט אלכסנדר ינאי, דער זוהן פון יוחנן הורקנוס, וויל אויף אן אנדערען פלאץ באמערקט די גמרא: "הוא ינאי, הוא יוחנן" (ברכות דף כ"ט עמוד א').

יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי

אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די גייסטיגע טהעטיגקייט פון יוחנן כהן גדול, האָט זיך אויך אָנגעהויבען די טהעטיגקייט פון אַ צווייטען "פּאָרעל" פון יענע "זוגות". אין זיין דאַמאָלסדיגער אנהענגליכקייט צו די "פּרושים" האָט יוחנן כהן גדול איינגעזעהען, אַז מען דאַרף ווייטער אַרויסשטעלען אין דער פראָנט פון דער אידישער אמונה צוויי פון די גרעסטע אידישע געלעהרענטע, וואָס איינער פון זיי זאָל זיין "נשיא" און דער צווייטער זאָל זיין "אב בית דין", גלייך ווי דאָס איז אַמאָל געווען ביי יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן.

האָט יוחנן כהן גדול צו דעם דאָזיגען אַמט אויסגעקליבען — יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי. איז יהושע בן פרחיה געווען "נשיא" פון די סנהדרין און נתאי הארבלי איז געווען "אב בית דין".

און וואָס די דאָזיגע צוויי חכמים האָבען מתקן געווען אין דער פיהרונג פונ'ם אידישען לעבען, איז דער קרעדיט דערפון צוגעשריבען געוואָרען צו יוחנן כהן גדול, וועלכער איז געווען דער וועלטליכער און רעליגיעזער הערשער פונ'ם פאָלק און ער האָט אויך געהאַט אַלע נויטיגע כחות, דורכצופיהרען זיינע פאַראָרדנונגען. און ווען די סנהדרין האָבען פאַראורטיילט דעם באַוואוסטען יהודה בן גדידיה צו מלקות, און יוחנן כהן גדול האָט דערפאַר אַרונטערגעזעצט די "פּרושים" פון זייערע עמטער, האָט דאַן די ניי־געצוואונגענע אנהענגליכקייט פון יוחנן צו די "צדוקים" פאַראורזאַכט, וואָס אַלע איינפיהרונגען פון די "פּרושים" זיינען בטל געוואָרען. האָט שוין יהושע בן פרחיה מורא געהאַט צו בלייבען אין ארץ־ישראל און ער איז אַנטלאָפען קיין מצרים — און ווי עס איז אָנצונעהמען, איז אויך נתאי הארבלי מיט איהם צוזאַמען אַנטלאָפען.

פון מצרים אויס האָט דאַן יהושע בן פרחיה געשיקט זאָגען צו די אידען אין ארץ־ישראל, אַז דער ווייץ פון אַלעקסאַנדריען דאַרף באַטראַכט ווערען פאַר טרפה. ער האָט געדענקט, אַז אַזוי ווי די פעלדער אין מצרים ווערען באַמיסטיגט פונ'ם נילוס און דערנאָך ווערען זיי באַוואַסערט דורך מענשליכע הענד, טראָגען יענע וואַסער־גיסענדע עמערס די טומאה פון די הענד אויף די תבואות. דאַרף מען דאַדורך יענע תבואות נישט עסען, ווייל עס איז פאַראַן אַ חשש, אַז דער ווייץ ווערד אויף אַזאַ אופן געוואַשען.

אָט די חומרא פון יהושע בן פרחיה קען אַרויסגעלערענט ווערען פון אַ פּסוק אין דער תורה (ויקרא י"א ל"ח). אַנדערע היסטאָריקער ווילען באַהויפּטען, אַז דער טעם דערפון, וואָס יהושע בן פרחיה האָט געוואָלט אסר'ן דעם ווייץ פון אַלעקסאַנדריען, איז, ווייל ווען מענשען דאַרפען באַגיסען די פעלדער, כדי דער ווייץ זאָל וואַקסען, הייסט דאָס, אַז מענשען מישען זיך אין דער טהעטיגקייט פונ'ם אויבערשטען, אויסצובעסערען די באַשטימונגען פון דער נאַטור, לויט ווי דער אויבערשטער האָט זי באַשאַפען.

האָבען אָבער די חכמים אין ירושלים ניט געוואָלט אַנערקענען דעם איסור פון יהושע בן פרחיה וועגען דעם ווייץ — און זיי האָבען געזאָגט, אַז דער ווייץ

פון אלעקסאנדריען מעג זיין אומריין פאר יהושע בן פרחיה, אבער פאר אלע אידען איז ער ריין (זעה תוספתא מכשירין פרק ג׳).

צום באדויערען איז ניט פאראנען קיין שום אנצוהערעניש, אין וואס פאר א פארהעלטנים יהושע בן פרחיה איז געשטאנען צום "בית חוניו" אין אלעקסאנדריען. מעגליך איז, אז עפענטליך האט ער נישט געקענט ארויסטרעטען געגען דעם "בית חוניו", וועלכער איז געווען פארהייליגט ביי יעדען אידען אין מצרים. אבער ביי זיך אין הארצען איז ער זיכער געווען א געגנער פון יענעם "בית המקדש". צו שטארק צונויפגעוואקסען מיט ירושלים און מיט'ן דארטיגען בית־המקדש איז ער געווען, ער זאל זיך קענען באפריינדען מיט'ן געדאנק, אז אידען קענען האבען א צווייטען בית־המקדש אויסערהאלב ירושלים. האט ער געוואלט אויפשטעלען די באהויפטונג, אז אלדינג וואס קומט פון מצרים, איז טמא. זייער ווייץ איז טמא און זייערע קרבנות זיינען אויך אומריין.

ווי חוניו בן שמעון הצדיק איז ברוגז געווארען מיט ירושלים און ווי ער האט דאן געגרינדעט דעם "בית חוניו" אלס א "קאנקורענץ" צום בית־המקדש פון ירושלים—איז שוין פריהער געשריבען, עס איז אויך כאראקטעריסטיש, וואס אונזערע חכמים האבען נישט געהאט קיין ענטשלאסענע שטעלונג צום "בית חוניו". אזוי ווי עס איז פאר זיי געווען קלאר, אז דער "בית חוניו" איז געווען געבויט "לשם שמים", איז געווען ביי זיי אנגענומען, אז "בית חוניו לאו בית עבודה זרה הוא" (זעה מסכת מגילה דף י׳ עמוד א׳).

טראצדעם דאכט זיך, אז די חכמים האבען תמיד קרום געקוקט אויף'ן בית חוניו. די כהנים פונ'ם בית חוניו זיינען געווען אין זייערע אויגען ווי די כהנים פון די "במות", האטש ניט אזוי ווי פון די במות צו דער עבודה־זרה, נור ווי פון א "במה לשם שמים", וועלכע איז אויך געווען פארבאטען אין דער צייט וואס דער בית־המקדש אין ירושלים איז געווען אויפגעשטעלט. נור ווי די נביאים האבען ניט פארווערט א "במת יחיד", וועלכע איז געמאכט געווארען "לשם שמים" (זעה רש"י מלכים א׳ י"ט י׳), פונקט אזוי האט מען נישט פארבאטען דעם "בית חוניו" און מען האט אויף איהם געקוקט ווי אויף א "במת יחיד לשם שמים".

די משנה האט דאן אויפגעשטעלט א "כלל", אז ווען איינער טהוט א נדר, מקריב צו זיין א קרבן עולה אינ'ם "בית חוניו", דארף ער טאקי מקריב זיין דעם קרבן אינ'ם בית־המקדש פון ירושלים, האט ער איהם אבער מקריב געווען אינ'ם "בית חוניו", האט ער געטהון זיין פליכט (מנחות דף ק"ט עמוד ב׳).

אזוי דערצעהלט אויך יאזעפוס פלאוויוס, אז אין דער צייט פונ'ם ברודער־קריעג צווישען די צוויי פרינצען הורקנוס און אריסטובול, ווען די אידען פון די פארשיעדענע שטעדט אין ארץ־ישראל האבען נישט געקענט געהען קיין ירושלים, מקריב צו זיין דארט דעם "קרבן פסח", זיינען זיי געגאנגען קיין מצרים און זיי האבען דארט געמאכט דעם "קרבן פסח" אינ'ם "בית חוניו".

חוץ דעם איז כאראקטעריסטיש, ווי יאזעפוס ווידערשפרעכט זיך וועגען די טענדענצען פונ'ם "בית חוניו". איינמאל דערצעהלט ער, אז ווען חוניו האט געבויעט זיין בית־המקדש אין אלעקסאנדריען, האט ער דעם קעניג פון עגיפטען איינגערעדט, אז "דער בית־המקדש אין מצרים וועט זיין אן אנרעגונג צו די דארטיגע אידען, זיי זאלען וויסען, אז מען דארף זיך נוקמ'ן אויף אנטיוכוס הרשע, ווייל ער האט חרוב געמאכט דעם בית־המקדש אין ירושלים". און עטליכע בלעטלעך ווייטער ערקלערט דערזעלבער יאזעפוס, אז מיט דעם וואס חוניו האט אויסגעבויעט א בית־המקדש אין מצרים, האט ער זיך געוואלט נוקמ'ן אויף די אידען אין ירושלים...

די חכמים פון דער משנה

פאַראַנען זעהר אַ טיפער וואָרט פון יהושע בן פרחיה (אין אבות פרק א׳ משנה ו׳), וועלכעס זאָגט: "מאַך דיר אַ רבי׳ן און פאַרדיען דיר אַ פריינד און יעדען מענשען זאָלסטו אורטיילען פון דער גוטער זייט (דן זיין לכף זכות)".

די פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרהעלטניסע אין ארץ ישראל זיינען דאַמאָלס געווען אַזעלכע, אַז ווער עס האָט געוואָלט בלייבען טריי צו די טראַדיציעס פון׳ם פאָלק, האָט זיך געדאַרפט אויסקלייבען אַ לעהרער און וועגווייזער, נאָכצוטהון זיינע מעשים, כדי נישט צו בלאָנדזען. אַזאַ מענש האָט זיך אויך געדאַרפט ערווערבען אַ פריינד, אַז טאָמער האָט ער אַ טעות אין די וועגען פון׳ם רבי׳ן, זאָל איהם דער פריינד אויף זיין טעות אויפמערקזאַם מאַכען. הויפּזעכליך האָט יהושע בן פרחיה אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף דן זיין יעדען מענשען לכף זכות. און ווען יהושע בן פרחיה האָט געדאַרפט אַנטלויפען פון ירושלים און זיך באַהאַלטען אין אַלעקסאַנדריען, איז טאַקע פון איהם קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען אַ שלעכט וואָרט געגען יוחנן כהן גדול, וואָס צוליעב איהם האָט ער געדאַרפט אַנטלויפען.

ביי נתאי הארבלי איז שוין דער בליק געווען אַ ביסעל פעסימיסטישער. האָט ער געזאָגט: "דערווייטער זיך פון אַ שלעכטען שכן, זאָלסט זיך קיינמאָל נישט חבר׳ן מיט אַ רשע און דו טאָרסט אויך נישט פאַרצווייפלען אין דער צייט פון שטראָף".

אָט דער פעסימיזם פון נתאי הארבלי, וועלכער ענדיגט זיך דערנאָך אַ ביסעל אָפּטימיסטיש, איז זיכער געווען באַגרינדעט אין זיינע אייגענע לעבענס־ערפאַהרונגען. אַזוי ווי ער האָט זיך וואהרשיינליך פריהער גע׳חבר׳ט מיט די "צדוקים", האָט ער שפּעטער איינגעזעהען, וואָס פאַר אַ געפאַהר עס שטעקט אין דעם, ווען אַ מענש חבר׳ט זיך מיט זיי. עס האָט זיך איהם אָבער פון דעסטוועגען נישט געוואָלט פאַרצווייפלען און ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבען די האָפנונג, אַז די לאַגע וועט זיך סוף כל סוף בייטען צום בעסערן.

מיט יאָהרען שפּעטער האָבען זיך אויך די אומשטענדען אין ירושלים געענדערט. יוחנן כהן גדול איז געשטאָרבען. בעפאָר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז די פרוי זיינע זאָל איבערנעהמען די ממשלה און זיין זוהן אריסטובול זאָל ווערען כהן־גדול. האָט אָבער דער זוהן פאַרכאַפּט די ממשלה מיט דער כהונה גדולה צוזאַמען. האָט איהם די מוטער געמאַכט אַ פאַרוואורף, אַז ער האַלט נישט דעם פאָטער׳ס צוואה. האָט ער זי אַריינגעוואָרפען אין תפיסה צוזאַמען מיט זיינע דריי אינגערע ברידער—און דאָרט האָט ער געלאָזט די מוטער שטאַרבען פון הונגער. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַ שטיקעל סכסוך צווישען אריסטובול און זיין ברודער אַנטיגנוס, וועלכער האָט אָנגעפיהרט אריסטובול׳ס מלחמות, האָבען דאַן אריסטובול׳ס מענשען גע׳הרג׳ט אַנטיגנוס׳ן און אריסטובול איז דערנאָך פון קרענקונג געשטאָרבען. איז דאַן אָנגעקומען די מלוכה צו שלומית, די אַלמנה פון אריסטובול, וועלכע האָט באַפרייט דעם דריטען זוהן פון יוחנן כהן גדול, אלכסנדר ינאי, פון דער תפיסה, און חאָטש ער האָט געדאַרפט זיין כהן גדול, האָט ער געגען דעם דין פון דער תורה געהייראַט זיין ברודער׳ס קינדערלאָזע אַלמנה דורך "יבום" — און צוזאַמען מיט דער אַלמנה האָט ער איבערגענומען די מלוכה.

אָט די קעניגין שלומית איז געווען גענייגט צו די "פרושים". האָט זי איבערגעגעבען די רעליגיעזע ממשלה צו איהר ברודער שמעון בן שטח. האָט ער דאַן געשריבען אַ בריעף צו יהושע בן פרחיה, ער זאָל צוריק קומען פון מצרים. איז יהושע טאַקע באַלד צוריק געקומען, נור צי ער איז אויך צוריק געקומען צו זיין פריהערדיגער מדרגה, איז גענצליך אומבאַקאַנט.

יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי

פאראנען א מעשה, ווי יהושע בן פרחיה האט געהאט אין מצרים א צוזאמענשטויס מיט זיין תלמיד ישו, וואס מען זאגט וועגען איהם, אז דאס איז געווען יעזוס. איז דאס אבער זיכער געווען אן אנדערער פון יהושע בן פרחיה'ס תלמידים, ווארום דער האט אפשר אויך געהייסען ישו. ווייל דער גרינדער פון'ם קריסטענטום (אויב עס איז איבערהויפט געווען אמאל אזא מענש) האט געלעבט אין די לעצטע טעג פון קעניג הורדוס, וואלט יהושע בן פרחיה דאמאלס ביים צוזאמענשטויס מיט זיין תלמיד געדארפט אלט זיין א 160 יאהר.

דער צוזאמענשטויס צווישען יהושע בן פרחיה און זיין תלמיד ישו ווערד געשילדערט אויף פאלגענדען אופן:

ווען יהושע בן פרחיה איז געווען אין מצרים, האט איהם אמאל די אייגענטימערין פון אן אכסניא זעהר פיין באהאנדעלט. האט זי יהושע בן פרחיה געלויבט צו זיינע תלמידים, זאגענדיג: "זעהט, ווי שעהן זי איז!" — האט איהם יענער תלמיד מיט'ן נאמען ישו א זאג געטהון: "רבי! זי איז נישט שעהן, ווען איהרע אויגען זיינען קיילעכיג-מאנדעלפארמיגע!" — האט איהם יהושע געענטפערט: "רשע! מיט אזעלכע זאכען גיסטו זיך אפ?"... און ער האט איהם פון זיך אוועקגעשטויסען. איז דער תלמיד דאן געקומען עטליכע מאל דעם רבי'ן איבערבעטען. נור דער רבי האט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. איז ער איינמאל געקומען, ווען דער רבי האט געהאלטען אין מיטען קריאת-שמע, און גראד דאמאלס האט ער איהם שוין געוואלט מוחל זיין. האט ער א מאך געטהון צו איהם מיט דער האנד, ער זאל ווארטען, ביז ער וועט האבען געענדיגט קריאת-שמע. האט יענער געמיינט, אז ער שטויסט איהם ווייטער פון זיך אוועק, איז ער אוועקגעגאנגען און האט זיך גענומען צו כשוף. איז דאן דער רבי צו איהם אהיים געגאנגען זאגען, אז ער וויל איהם מוחל זיין, ווען ער וועט תשובה טהון, האט איהם דער תלמיד געגעבען צו פארשטעהן, אז עס איז שוין צו שפעט...

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח

דאס דריטע "פארעל" פון די "זוגות" איז געווען י ה ו ד ה ב ן ט ב א י און ש מ ע ו ן ב ן ש ט ח. אבער אין געגענזאץ צו די אנדערע "פארלאך" איז ביי זיי ניט קלאר, וועלכער פוןביידע עס איז געווען דער "נשיא" און ווער עס איז געווען דער "אב בית דין". יעדעס מאל, ווען זיי ווערען ביידע דער־מאנט צוזאמען, שטעהט געוועהנליך דער נאמען יהודה בן טבאי אויפ'ן ערשטען פלאץ, וועלכעס וואלט געדארפט באווייזען, אז יהודה בן טבאי איז געווען דער "נשיא". פון דעסטוועגען איז פארהאנען א מיינונג, אז שמעון בן שטח איז געווען דער "נשיא" און יהודה בן טבאי איז געווען "אב בית דין" (זעה מסכת חגיגה דף ט"ז עמוד ב').

געלעבט האבען זיי ביידע אין א שרעקליך אומרוהיגער צייט. די "צדוקים" האבען געהאט א פעסטען פוס אין דער רעגיערונג פונ'ם לאנד און דער קאמפף מיט זיי איז געווען זעהר א שווערער. נאך יוחנן כהן גדול איז אריבערגעגאנגען די מלוכה צו זיין זוהן אריסטובול און דערנאך צו אריסטובול'ס אלמנה, וועלכע האט געהייראט איהר שוואגער אלכסנדר ינאי. האט זיך דאמאלס באוויזען א שפראץ פון א נייער צייט פאר די "פרושים".

אין די ערשטע יאהרען פון זיין מלוכה האט דער נייער קעניג, וועלכער ווערד אין דער געשיכטע כסדר אנגערופען מיט'ן נאמען ינאי, נישט געהאט גענוג צייט, צו קענען זיך אפגעבען מיט די רעליגיעזע פראגען פונ'ם לאנד. פלעגט ער דאס איבערלאזען צו זיין פרוי, וועלכע האט דאס ווייטער איבער־געגעבען צו איהר ברודער שמעון בן שטח — און שמעון האט נישט געקענט פארטרייבען די "צדוקים" פון דער פיהרונג מיט איינמאל, האט ער דאס געטהון ביסלעכווייז. גאר צונ'ערשט איז ער אליין געווען איינער פון די "פרושים" א מיטגליעד פון די סנהדרין. און ווען די סנהדרין האבען אמאל ארויסגעגעבען א פסק־דין, פלעגט ער פארלאנגען, צו וויסען די באגרינדונג פאר דער אויסגע־דריקטער מיינונג פון א פסוק אין דער תורה. דאס פלעגט ער מעהרסטענטיילס טהון אין געגענווארט פונ'ם קעניג און פון דער קעניגין, באווייזענדיג דאביי מיט לאגישע ארגומענטען, אז די "צדוקים" פארשטעהען נישט, אויסצוטייטשען געהעריג די מצוות פון דער תורה. אויף אזא אופן האט זיך עס איהם איינגעגעבען, אוועקצוזאגען איינציגווייז די "צדוקים" פונ'ם סנהדרין, ווייל יעדעס מאל וואס א "צדוקי" איז אוועקגעגאנגען פון די סנהדרין, האט ער אריינגענומען איינעם פון די "פרושים" אויף זיין ארט.

דאמאלס איז דער קאמפף צווישען די "פרושים" און "צדוקים" געקומען צום דורכברוך —און די מעהרסטע רעליגיעזע איינפיהרונגען פון שמעון בן שטח זיינען גרעסטענטיילס געווען בלויז אלס א פראטעסט געגען די מיינונגען פון די "צדוקים", וואס שמעון בן שטח האט געוואלט אפמעקען יעדען זכר פון זייער איינפלוס אויפ'ן אידישען לעבען.

במעט אלע יאהרען פון זיין מלוכה האט ינאי המלך געדארפט פיהרען גרויסע מלחמות, אפטמאל איז ער אויך געווען אין געפאהר, צו פארלירען די פרייהייט פון זיין לאנד — און ווען ער איז אמאל זיעגרייך צוריק געקומען פון

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח

אַ מלחמה און ער האָט געזעהן, אַז די „פרושים" האָבען אין זיין אָבוועזענהייט געוואונען די אויבערהאַנד אין דער רעליגיעזער פיהרונג, האָט ער זיי געוואָלט אָפּטוהן אַ שפּיצעל... איז ער דאָן אום סוכות געשטאַנען ביים מזבח און ער האָט געדאַרפט גיסען וואַסער אויף'ן מזבח (לויט דעם מנהג פון „נסוך המים"), האָט ער אויסגעגאָסען דאָס וואַסער אויף זיינע פיס, איז דאָס פאָלק צוליב דעם שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען, האָט מען דעם קעניג באַוואָרפען מיט אתרוגים און מען האָט איהם אויך גערופען מיט פאַרשיעדענע צונעמענישען.

ווי עס דאַכט זיך, האָט ינאי ערוואַרטעט, אַז עס וועט נאָך זיין טהאַט קומען צו אַזאַ צוזאַמענשטויס, ווייל ער האָט געהאַט פריהער אָנגעגרייט גוי'שע סאָל־דאַטען, וועלכע זיינען אויף זיין וואונק באַלד אַריינגעפאַלען אין בית־המקדש און האָבען דאָרט אָנגעמאַכט אַ שוידערליכע שחיטה צווישען די אויפגערעגטע אידען. חוץ דעם האָט ער דערנאָך ווייטער געלאָזט הרג'ענען 800 פון די „פרושים", וועלכע האָבען זיך געהאַט געראַטעוועט פונ'ם בית־המקדש.

זיינען דאַן פיעלע פּראָמינענטע „פרושים" אַנטלאָפען פון ירושלים. איי־ניגע פון זיי האָבען געזוכט אַ צופלוכט אין מצרים, וואו זיי זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט אָפענע אָרעמס. אַנדערע האָבען זיך באַהאַלטען אין די בערג און אין די הייהלען פון יהודה — און צווישען די באַהאַלטענע איז געווען שמעון בן שטח, וועלכער האָט איינגעזעהען, אַז זיין שוועסטער די קעניגין וועט איהם נישט קענען לענגער באַשיצען.

צווישען די אַנטלאָפענע, וועלכע האָבען געזוכט שוץ אין מצרים, איז אויך געווען יהודה בן טבאי — און פּונקט אַזוי ווי עס ווערד דערצעהלט, אַז שמעון בן שטח האָט אין די ערשטע טעג פון ינאי'ס מלוכה צוריקגערופען יהושע בן פרחיה פון זיין באַהעלטעניש אין מצרים, אַזוי ווערד אויך דערצעהלט, אַז ער האָט שפּעטער צוריקגערופען יהודה בן טבאי. אין זיין בריעף וועגען יהושע בן פרחיה האָט שמעון בן שטח געשריבען: „פון מיר די הייליגע שטאָדט ירושלים צו דיר אַלעקסאַנדריען מיין שוועסטער! זיי וויסען אַז מיין מאַן וואָהנט דאָרט ביי דיר און איך זיץ דאָ אַ וויסטע עגונה"... און וועגען יהודה בן טבאי האָט ער געשריבען: „פון דער גרויסער שטאָדט ירושלים צו דער קליינער אַלעק־סאַנדריען! ווי לאַנג נאָך וועט מיין חתן דאָרט ביי אייך זיצען און איך וועל דאָ זיצען אַ פאַרטרויערטע וועגען איהם?"

און וועגען דעם ווי אַזוי שמעון בן שטח איז צוריק געקומען קיין ירושלים פון זיין באַהעלטעניש, ווערד דערצעהלט, אַז עס זיינען אַמאָל געקומען אויס־לענדישע געסט צום קעניג ינאי, איז ווען דער עולם האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען, האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטהון: „מיר גע־דענקען, אַז מיט עטליכע יאָהר צוריק איז דאָ געווען אַן עלטערער מאַן זעהר אַ קלוגער, וועלכער האָט אונז אונטערהאַלטען מיט זיינע חכמה'דיגע ווערט־לעך. טאָ פאַר וואָס איז ער היינט ניטאָ? קענסט איהם אפשר שיקען רופען?" —האָט זיך ינאי איבערגעקוקט מיט זיין ווייב, און נאָכדעם ווי ער האָט איהר צוגעזאָגט, אַז עס וועט איהם גאָרניט געשעהן, האָט זיך שמעון באַוויזען פאַר'ן קעניג.

דאַמאָלס האָבען פאַר אַ קורצע צייט אויפגעהערט די פאַרפאָלגונגען געגען די „פרושים" און קעניג ינאי האָט דאַן שטאַרק חשק געהאַט, זיך צו איבער־בעטען מיט די אָנגע'ברוגז'טע מענשען. האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע מענשען, אויסצופאָרשען ביים פאָלק, מיט וואָס פאַר אַ פּרייז ער קען זיי איבערבעטען. אָבער דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט הערען פון קיין איבערבעטען מיט'ן קעניג — און מען האָט איהם געשיקט זאָגען, אַז נור זיין טויט קען אָפּמעקען זיינע שרעקליכע רציחות.

שפעטער האבען זיך מאנכע פון די "פרושים" נישט באנוגענט מיט יענער תשובה צום קעניג. האבען זיי גערופען א גוי'שען קעניג פון די שכנים, ער זאל קומען העלפען שלאגען ינאי. האט דאס ארויסגעבראכט א נייע שנאה פון ינאי צו די "פרושים" — און ווען די סאלדאטען פון יענעם גוי'שען קעניג האבען זיך געוויזען שוואכער פון ינאי'ס סאלדאטען, האט קעניג ינאי געמאכט א נייע שחיטה צווישען די "פרושים".

האט שוין די דאזיגע לעצטע שחיטה איינגעשטילט ינאי'ס צארן געגען די "פרושים" און ער האט זיי נישט מעהר פארפאלגט. ער האט זיך דערנאך אדרבה איבערצייגט, אז ווען א אידישער קעניג וויל זיין זיכער אויף'ן טהראן, האט ער נישט קיין בעסערע און טרייערע אונטערטהאנען ווי די "פרושים". און ווען ער האט שפעטער געהאלטען ביים שטארבען, האט ער אנגעזאגט צו זיין פרוי, זי זאל נישט קיין מורא האבען פאר די פרושים אדער פאר די צדוקים, ווייל זי דארף בלויז מורא האבען פאר אזעלכע מענשען, וואס טראגען א מאסקע פון "פרושים". אין זייער גאנצען לעבען פיהרען זיי זיך ווי זמרי בן סלוא און א באלוינונג פארלאנגען זיי ווי פנחס בן אלעזר (סוטה דף כ"ב עמוד ב').

ינאי איז דאן געשטארבען 49 יאהר אלט, נאך א רעגיערונג פון 27 יאהר— און איידער ער איז געשטארבען, האט ער געהייסען זיין פרוי, זי זאל איבערנעהמען די מלוכה, און ווי לאנג עס וועט זיך לאזען, זאל זי נישט אויסזאגען, אז ער איז געשטארבען. האט זי טאקע איבערגענומען די מלוכה און איהר זוהן הורקנוס האט זי געמאכט פאר כהן־גדול.

שמעון בן שטח איז יעצט אויף'ס ניי געווארען א פארשטעהער פון די סנהדרין (דער "נשיא" אדער דער "אב בית דין")—און ער האט זיך געשטעלט מיט אלער קראפט געגען די "צדוקים". איז דאן געווען די ערשטע טהאט זיינע, אויסצורייסען די לעהרען פון די צדוקים מיט דיווארצלען, האט ער מתקן געווען דעם דין פון א "זקן ממרא", *) אז ווען עס וועט זיך אמאל איינער פון די חכמים אין די סנהדרין אפשיידען אין זיין פסק־דין פונ'ם רוב, אויסצוטייטשען א מצוה פון דער תורה אויף אן אנדער אופן ווי דער רוב לערנט דעם פשט, אפילו ווען ער וויל מחמיר זיין, וואו דער רוב חכמים ווילען פארגרינגערען, אדער ער וויל עטוואס צוגעבען צו די מצוות פון דער תורה געגען דער אנגענומענער מיינונג פון די אנדערע חכמים, איז נישט גענוג, וואס מען טאר דעם דאזיגען זקן נישט הערען, נור ער איז גאר א חייב־מיתה.

וואס עס איז דערווייל געשעהען מיט יהודה בן טבאי, איז נישט באקאנט, עס זיינען אויך ווייניג אנדייטונגען פארהאנען וועגען דעם. איינמאל נור, ווערד דערצעהלט, האט יהודה בן טבאי געלאזט הרג'ענען אן איינציגען "עד זומם", ד. ה. איינעם, וועלכער האט מיט א ליגנערישער צייגענשאפט געוואלט ברענגען צו א טויטען־אורטייל פון אן אנדערען און די ליגנערישע באשולדיגונג איז אפגעלייקענט געווארען דורך אנדערע עדות. ביי אזא פאל האבען די "פרושים" געהאלטען, אז ביי "עדים זוממים" קומט מיתה, אפילו ווען דער פאראורטיילטער איז נישט געטויטעט געווארן, און די "צדוקים" האבען געהאלטן, אז ווען דער באשולדיגטער איז נישט דער'הרג'ט געווארען, קען מען די "עדים זוממים" ניט הרג'ענען. עס איז אויך געווען אנגענומען, אז ביידע עדות פון דער באשולדיגונג האבען ביי אזא פראצעס געדארפט גלייכצייטיג איבערגעפיהרט ווערען אלס ליגנער.

*) דארף זיין על פי דקדוק "זקן ממרה" מיט א "הא". נור די גמרא שרייבט אלע מאל "ממרא" מיט אן "אלף", גלייך ווי מען שרייבט דעם נאמען "ממרא", וועגען וועלכען עס ווערד גע'דרשנ'ט: "שהמרה פניו באברהם" (תנחומא וירא פיסקא ג').

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח

האָט יהודה בן טבאי געהאַפּט אַמאָל אַן איינציגען "עד זומם" און ער האָט איהם פאַראורטיילט צום הרג'ענען. האָט איהם שמעון בן שטח אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער האָט אומשולדיג בלוט פאַרגאָסען, ווייל אַן איינציגער עדות קען נישט פאַראורטיילט ווערען אלס אַן "עד זומם", גלייך ווי מען קען נישט אויף'ן אויסזאָגען פון איין עדות אימיצען פאַר'משפּט'ן צום טויט. האָט יהודה בן טבאי דאַן איינגעזעהען, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעהלער. האָט ער פון דאַמאָלס אָן אויף זיך גענומען, נישט אַרויסצוגעבען קיין פּסק־דין. ווען שמעון בן שטח וועט נישט זיין דערביי. ער איז אויך אָפט געגאַנגען באַזוכען דעם קבר פון יענעם דער'הרג'עטען, וואו ער פלעגט אויסוויינען טייכען טרעהרען, און ווער עס האָט געהערט דאָס געוויין פון יהודה בן טבאי, האָט געמיינט, אַז ער הערט דאָס געוויין פונ'ם דער'הרג'עטען (חגיגה דף ט"ז עמוד א').

פון די "ווערטלעך", וואָס יהודה בן טבאי פלעגט זאָגען, איז פאַר איהם כאַראַקטעריסטיש דער פאָלגענדער אויסשפּרוך: "ווען דו זיצסט ביי אַ משפּט, זאָלסטו נישט טענה'ן, וואָס די אַדוואָקאַטען דאַרפען טענה'ן, און ווי לאַנג די בעלי דינים שטעהען פאַר דיר, זאָלסטו זיי באַטראַכטען ווי רשעים. אַזוי ווי זיי זיינען אָבער נור אַוועקגעגאַנגען, זאָלען זיי זיין אין דיינע אויגען ווי צדיקים, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָנגענומען דיין פּסק־דין".

שמעון בן שטח פלעגט ווייטער זאָגען: "ביי אַ משפּט דאַרף מען זעהר שטאַרק חוקר ודורש זיין די עדות. דאַביי דאַרף מען זיך אויך היטען מיט די ווערטער, די עדות זאָלען נישט קענען פון זיי אַרויסלערנען צו זאָגען ליגענס".

יהודה בן טבאי איז אויך באַקאַנט געוועזען מיט זיין עניוות. און אום צו באַווייזען, ווי שעדליך עס איז פאַר דער טבע פון אַ מענשען, ווען ער שטייגט אַמאָל אַרויף אויף דער לייטער פונ'ם לעבען. פלעגט ער זאָגען: "איידער איך בין גרוים געוואָרען, איז ווען איינער וואָלט מיר געזאָגט, אַז איך וועל גרויס ווערען, וואָלט איך איהם געוואָרען אַ שונא אויף'ן לעבען. אָבער יעצט אַז איך בין שוין גרויס געוואָרען, איז ווען איינער זאָל מיר זאָגען, איך זאָל אַרונ־טער פון דער גדולה, וועל איך איהם אָפּגיסען מיט אַ טאָפּ הייסע וואַסער!" (אבות דר' נתן פרק י').

וועגען דער אנוועזענהייט פון יהודה בן טבאי אין מצרים ווערד דערצעהלט כמעט דאָסזעלבע, וואָס עס ווערד דערצעהלט וועגען יהושע בן פּרחיה. אַז ער איז דאָרט אַמאָל זעהר גוט באַהאַנדעלט געוואָרען, און ווען ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: "איהר געדענקט יענע בעל־הבית'טע, וועלכע האָט מיך אַזוי שעהן אויפגענומען?" — האָט איהם אויף דעם איינער פון די תלמידים גע־זאָגט: "רבי! זי האָט געהאַט קאַליע אויגען!" — האָט איהם יהודה בן טבאי געענטפערט: "מיט דעם איינעם וואָרט דיינעם האָסטו צוויי שלעכטיגקייטען געזאָגט, ערשטענס, האָסטו מיך חושד געווען, אַז איך האָב געהאַט אין זינען די שעהנקייט פון יענער פרוי, צווייטענס, זעה איך. אַז דו האָסט זיך יאָ איינגעקוקט אין איהר פּנים. און איך האָב בלויז געזעהען איהרע שעהנע מעשים (ירושלמי חגיגה פּרק ב' הלכה ב').

אַ גאַנץ גאַנגבאַרע זאַך אין ארץ־ישראל איז אין יענער צייט געווען — כ ש ו ף. פרויען אַזוי אָנגערופענע "מכשפות" האָבען דאַן אַלעמען נאַריש געמאַכט און פיעלע פון זיי האָבען אַרונטערגעפיהרט די מענשען פון דער אמונה. איז האָטש שמעון בן שטח האָט נישט געגלויבט אינ'ם כח פון די דאָזיגע מכשפות. האָט ער אָבער געזעהען, ווי די דאָזיגע פרויען פאַרפּעסטען די לופט און פאַרשפּרייטען אויסגעלאַסענהייט. האָט ער געלאָזט האַפּען אַכציג פון זיי און האָט זיי געלאָזט אויפהענגען אין איין טאָג. אַ "מכשפה" האָט מען לויט דעם דין פון דער תורה נישט געטאָרט לאָזען לעבען, אָבער הרג'ענען אַזוי פיעל פרויען אין איין טאָג, וואָלט שמעון אין אַן אַנדערן פאַל נישט ערלויבט. די

פארטיידיגונג פאר דער דאזיגער הריגה איז געווען, אז די אומשטענדען פונ׳ם לאנד האבען דאס פארלאנגט, אפצורייניגען ארץ־ישראל פון א פלאג, וועלכע האט זיך געהאט איינגעפרעסען אינ׳ם אידישען קערפער ווי אן אויסטערלישע קלעפיגע קראנקהייט (סנהדרין דף מ״ו עמוד א׳).

פארשטעהט זיך, אז יענע אכציג געטויטעטע פרויען האבען געהאט קרובים, וועלכע האבען זיך געוואלט נוקם זיין אן שמעון בן שטח. האבען זיי אויפגעשטעלט פאלשע עדות געגען שמעון׳ס זוהן, אז ער האט באגאנגען א פארברעכען, פאר וועלכען ער איז חייב מיתה — און די סנהדרין האבען איהם אויך פאראורטיילט צום טויט. איז ווען מען האט דעם יונגען מאן ארויסגעפירט צום הרג׳נען, האבען די עדות חרטה געהאט און זיי האבען זיך מודה געווען, אז זיי האבען פאלש עדות געזאגט. האט שמעון געוואלט אננעהמען זייער צוריקרופען. האט איהם אבער דער זוהן געזאגט: ״טאטע, אויב דו ווילסט, אז די לעהרען פון די פרושים זאלען אנגענומען ווערען, טארסטו עס נישט צולאזען, אז עדות זאלען קענען צוריקרופען זייער צייגענשאפט. מוזטו דערפאר דולדען, וואס אויף מיין גורל איז אויסגעפאלען, איך זאל זיין די שוועל, איבער וועלכער דו וועסט קומען צו דיין ציעל!״ (ירושלמי סנהדרין פרק ו׳ הלכה ו׳).

די ערקלערונג צו יענע ווערטער פון שמעון׳ס זוהן איז, אז ווען מען זאל קענען אננעהמען דאס צוריקרופען פון א פאלשער צייגענשאפט דורך דיעזעלבע עדות, וואלט מען נישט געקענט קיינמאל באשטראפען קיין ״עדים זוממים״, וועלכע קענען נור באשטראפט ווערען, ווען זייער צייגענשאפט ווערד באוויזען אלס א פאלשע דורך אנדערע עדות. עס איז אויך נישט באוואוסט, וואס שמעון האט דאמאלס געטהון אפצוראטעווען זיין זוהן׳ס לעבען, גלייך ווי עס איז נישט פארהאנען קיין אנדייטונג, צי דער זוהן איז טאקי דער׳הרג׳עט געווארען אדער נישט.

איינמאל, ווערד דערצעהלט, האט שמעון געזעהען, ווי איינער האט נאכגעיאגט א צווייטען מיט א מעסער אין א חורבה און שמעון איז איהם נאכגעלאפען. האט ער דאן געזעהען דאס מעסער פארבלוטיגט אין דער האנד פונ׳ם רוצח און א מענש א דער׳הרג׳עטער האט זיך געצאפעלט אין יסורים פון גסיסה. האט דאן שמעון געזאגט צום רוצח: ״רשע! ווער האט דא דעם מענשען גע־הרג׳ט? איך אדער דו? איז אבער דיין מזל, וואס איך קען דיר גארנישט טהון, ווייל די תורה הייסט ברענגען צוויי עדות צו׳ן אזא משפט, און דיך האב איך נור איינער אליין געזעהען״ (סנהדרין דף ל״ז עמוד ב׳).

וועגען דעם פארהעלטניס פון שמעון בן שטח צום קעניג ינאי ווערען דער־צעהלט פארשיעדענע כאראקטעריסטישע פאקטען, וועלכע באווייזען, אז צווי־שען ביידען איז נישט געווען קיינמאל קיין שלום, אפילו ווען זיי זיינען אמאל געווען צוזאמען.

אזוי ווערד דערצעהלט, אז איינער פון ינאי׳ס ״קנעכט״ (וואהרשיינליך איז דאס געווען איינער פון די קעניגליכע גוי׳שע סאלדאטען) האט א מענשען גע׳הרג׳ט, האבען די סנהדרין געשיקט דאס זאגען צו ינאי. האט ינאי צוגעשיקט זיין קנעכט צום בית־דין, מען זאל איהם דארט משפט׳ן. האט דער בית־דין געענטפערט, אז דער קעניג אליין דארף קומען, ווייל ער איז פאראנטווארטליך פאר׳ן שאדען פון זיין קנעכט, וועלכער איז אלס ״עבד כנעני״ אין די אויגען פונ׳ם געזעץ נישט מעהר ווי אן אקס, וואס דער אייגענטימער זיינער איז פאר־אנטווארטליך. איז ינאי געקומען צו די סנהדרין און האט זיך דארט אוועק־געזעצט. האט שמעון בן שטח א זאג געטהון: ״קעניג ינאי, שטעה אויף דיינע פיס, ווייל נישט פאר אונז דארפסטו שטעהען, נור פאר דעם באשעפער פון דער וועלט!״ — האט ינאי געזאגט: ״נישט ווען דו וועסט מיר הייסען, וועל איך אויפשטעהען, נור ווען דיינע חברים וועלען צו דיר צושטימען!״ —

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח

האָבען אַלע אַנדערע פֿון די סנהדרין געשוויגען. האָט זיך שמעון געווענדעט צו זיין רעכטער האַנד, האָבען די מענשען באַהאַלטען די פּנים׳ר טיעף אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד. האָט ער זיך געווענדעט צו זיין לינקער האַנד. איז געווען דאָסזעלבע. האָט זיי שמעון געזאָגט: ״זאָל קומען דער, וואָס קען אייערע מחשבות און זאָל אייך באַצאָהלען פֿאַר אייערע איצטיגע געדאַנקען!״ (סנהדרין דף י״ט עמוד א׳).

פֿון דאַמאָלס אָן איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען אַ געזעץ, אַז אַ קעניג דאַרף נישט משפּט׳ן און ער דאַרף אויך נישט גע׳משפּט ווערען. מען טאָר איהם נישט רופֿען אַלס עדות און מען דאַרף אויך נישט זיין קיין עדות געגען איהם (סנהדרין דף י״ט עמוד ב׳).

זעהר אַ וויכטיגע איינפֿיהרונג פֿון שמעון בן שטח איז געווען וועגען דער ״כתובה״ פֿון אַ פֿרוי. אַזוי ווי די פֿרוי האָט נישט געהאַט פֿריהער קיין שום אייגענטומס־רעכט אינ׳ם פֿאַרמעגען פֿון איהר מאַן, וועלכער פֿלעגט בלויז דאַרפֿען איינלייגען די סומע פֿון דער ״כתובה״ אין די הענד פֿון דער פֿרוי׳ס פֿאָטער, און ווען דער מאַן האָט געוואָלט דאָס ווייב גט׳ן, האָט ער איהר בלויז געזאָגט: ״געה און נעם דאָס געלד פֿון דיין כתובה ביי דיין טאַטע׳ן!״ — האָט שמעון בן שטח מתקן געווען, אַז דער מאַן זאָל האַלטען דאָס געלד פֿון דער ״כתובה״ ביי זיך. איז דאַדורך די פֿרוי געוואָרען אַ שותּפֿ׳טע אין די געשעפֿטען פֿון איהר מאַן און אַלסדינג, וואָס דער מאַן האָט געהאַט אין זיין הויז, איז געווען אַ גאַראַנטיע פֿאַר׳ן געלד פֿון דער ״כתובה״. האָט דאַן דער מאַן ביי אַ גט געמוזט זעהען, צו קריגען די נויטיגע סומע אין מזומנ׳ע געלד. איז שוין אויף אַזאַ אופֿן דאָס גט׳ן זיך זעהר שווער געוואָרען (שבת דף י״ב עמוד ב׳).

שמעון בן שטח האָט אויך איינגעפֿיהרט, אַז יעדער טאַטע איז מחויב צו שיקען זיין קינד לערנען ביי אַ מלמד. ביז דאַמאָלס איז געווען איינגעפֿיהרט, אַז ווער עס האָט געוואָלט מאַכען זיין זוהן פֿאַר אַ לערנער, האָט איהם געשיקט אין בית־המדרש צו די גרויסע חכמים. זאָנסט האָט ער איהם געלאָזט וואַקסען ווילד, אַז ער האָט נור בלויז געקענט הערען אַ רעליגיעז וואָרט, ווען ער איז אַמאָל געקומען קיין ירושלים (ירושלמי כתובות פּרק ח׳ הלכה י״א).

צוליעב די אַלע אומשטענדען האָט שמעון דעם גרעסטען טייל פֿון זיין לעבען פֿאַרבראַכט אין אָרימקייט. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט נישט געלעבט אין שלום מיט זיין קעניגליכען שוואָגער און ער האָט זיך זאָגאַר געמוזט אויסבאַהאַלטען פֿאַר זיין צאָרן, ער זאָל דאָס נישט דאַרפֿען באַצאָהלען מיט׳ן לעבען, האָבען איהם זיינע קענטניסע נישט געבראַכט קיין פּרנסה. האָט ער דאַמאָלס געהאַנדעלט מיט פֿלאַקס, אויף צו האָבען אַ שטיקיל ברויט. האָט ער דאַמאָלס געקויפֿט אַן אייזעל ביי אַ ישמעאלי. איז ווען ער האָט אַהיים־געבראַכט דעם אייזעל. האָבען די תּלמידים זיינע געפֿונען אַ בריליאַנט אין אַ ביימעלע אויף׳ן אייזעל׳ס האַלז. האָבען די תּלמידים אַ זאָג געטהון צו זייער רבי׳ן: ״גאָט׳ס ברכה האָט דיך יעצט רייך געמאַכט!״ — האָט ער זיי געענטפֿערט: ״איך האָב בלויז געקויפֿט דעם אייזעל, נישט דעם שטיין!״ — איז ער געגאַנגען און האָט דעם שטיין צוריקגעגעבען צום ישמעאלי, וועלכער האָט אויסגערופֿען: ״געלויבט איז דער גאָט פֿון שמעון בן שטח!״ (ירושלמי בבא מציעא פּרק ב׳ הלכה ה׳).

נאָך׳ן טויט פֿון ינאי המלך האָט זיין ווייב שלומית, די שוועסטער פֿון שמעון בן שטח, רעגיערט ניין יאָהר צייט — און דערנאָך איז זי געשטאָרבען. 73 יאָהר אַלט. אָבער ווען שמעון בן שטח אַליין איז געשטאָרבען, איז נישט באַקאַנט.

שמעיה און אבטליון

נאָך יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח איז אין פראָנט פונ׳ם אידישען לעבען אַרויסגעטרעטען אַ ניי ״פּאָרעל״ פון די ״זוגות״ — שמעיה און אבטליון, דער ערשטער אַלס ״נשיא״ פון די סנהדרין און דער צווייטער אַלס ״אב בית דין״.

וועגען זייער אָפּשטאַמונג ווערד דערצעהלט, אַז זיי זיינען געווען קינדער אָדער אייניקלעך פון ״גרים״. טראָצדעם האָבען זיי דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון כבוד. וואָס אַ איד האָט אין יענער צייט געקענט דערגרייכען. די ווערדע פון אַ ״גר״ איז דאַמאָלס אַפילו ביז צום צעהנטען דור נישט געווען קיין געהויבענע. דאַרף מען אָבער וויסען, אַז די צייט פון שמעיה און אבטליון איז געווען בעפאָר דעם פאַרראַטה פון די ״אדומיים״ און עס איז נאָך נישט געווען קיין אורזאַך, צו קוקען אויף אַ ״גר״ מיט חשד...

עס איז אויך נישט באַקאַנט, ווער עס האָט די דאָזיגע צוויי חכמים אויס־געקליבען צו זייער אַמט און צי די ערוועהלונג זייערע איז צוגעגאַנגען בשלום, אָהן מחלוקות, דער אידישער קעניג, וועלכער האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט גוי׳שע סאָלדאַטען, זיי זאָלען איהם באַשיצען פאַר זיינע אידישע אונטערטהאַנען, האָט אפשר געמיינט, אַז ווען ער וועט אויסקלייבען קינדער פון ״גרים״ אַלס פיהרער פון די סנהדרין, וועלען זיי געהן מיט די ״צדוקים״. און האָט ער טאַקי אַזוי געמיינט, האָט ער דאָ געהאַט אַ ווילדען טעות. שמעיה און אבטליון זיי־נען צוואַר געווען רוהיגע פריעדליבענדע מענשען, וועלכע האָבען זיך נישט געמישט אין פּאָליטיק. אָבער אין דער רעליגיעזער פיהרונג פונ׳ם פאָלק זיינען זיי געשטאַנען פעסט מיט די ״פּרושים״ און זיי האָבען אויף אַ מינדעסטען שטריכעלע נישט איבערגעאַנדערשט דעם סיסטעם אינ׳ם אויסטייטשען די מצוות פון דער תורה, לויט ווי דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען פון די פריהערע חכמים.

די צייט פון זייער ווירקונג איז געווען איינע פון די אומגליקליכסטע אין דער אידישער געשיכטע.

שלומית, די פרוי פון אלכסנדר ינאי, האָט בעפאָר איהר טויט איבער־געגעבען די מלוכה צו איהר זוהן יוחנן הורקנוס, וועלכער איז געווען אַ רוהיגער צוריקגעצויגענער מענש. האָט דאָס נישט געשמעקט זיין ברודער אריסטובול*). האָט ער אָנגעהויבען אַ מלחמה געגען זיין ברודער, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ פשרה, אַז הורקנוס זאָל בלייבען ״כהן גדול״ און אריסטובול זאָל פיהרען די מלוכה.

וואָלטען די צוויי ברידער געקענט אויסלעבען זייערע יאָהרען בשלום, איי־נער אַלס כהן גדול און דער אַנדערער אַלס מלך, ווען הורקנוס וואָלט נישט געהאַט אַ פריינד, אַן אדומי פון די גרים, וואָס זיין זיידע יוחנן כהן גדול האָט געצוואונגען, אָנצונעהמען די אידישע אמונה. אַנטיפּאַטער האָט דער דאָ־זיגער פריינד געהייסען — און די עובדא זיינע איז געווען, אָנצורייצען די

---

*) די נעמען פון די פרינצען אין דער משפחה פון די חשמונאים האָבען זיך שטענדיג ווידערהאָלט, דאַרף מען דאָס געדענקען, ווען מען זעהט פלוצים נאָך אַמאָל דעם נאָמען ארים־טובול אָדער אַנדערע עהנליכע נעמען.

ברידער, איינעם געגען דעם אנדערן. האט ער דערצעהלט אריסטובול׳ן אז הורקנוס וויל איהם ארונטערוואַרפען פון דער מלוכה. און חאטש אריסטובול האט געוואוסט, אז ווען דאס זאל זיין אמת, וואלט די טענה פון זיין ברודער געווען א בארעכטיגטע. ווייל ער איז דער עלטערער און דער געזעצליכער "יורש עצר", האט ער זיך פון דעסטוועגען נישט געוואלט צוהערען צו אנטי־פאטער׳ס פלאטקעס. ווייל ער האט איהם איבערהויפט פיינט געהאט. איז דאן אנטיפאטער געגאנגען צו הורקנוס און האט איהם דערצעהלט, אז דער ברודער זיינער דענקט נור כסדר, ווי אזוי איהם אפצוראמען פונ׳ם וועג, כדי צו קענען פאראייניגען אין זיין האנד די מלוכה מיט דער כהונה גדולה — און הורקנוס האט דאס געגלויבט...

איז געווען אנטיפאטער׳ס עצה, אז הורקנוס זאל אנטלויפען פון ירושלים, וועט ער פון דרויסען גרינגער קענען דעם ברודער באקעמפפען. האט הורקנוס די דאזיגע עצה אנגענומען און ער איז אנטלאפען פון ירושלים צוזא־מען מיט א גרויסער מחנה אנהענגער, וועלכע האבען איהם געוואלט העלפען געגען אריסטובול. זיי האבען אויך געקראגען הילף פון אן אראבישען קעניג, וועלכען זיי האבען אנגעסטראשעט, אז אריסטובול קלייבט זיך צו ווארפען אויף זיין לאנד. זיי האבען איהם דאן צוגעזאגט גוט צו באלוינען, ווען ער וועט געהן העלפען אין א מלחמה געגען אריסטובול.

מיט דער הילף פון יענעם אראבישען קעניג האט דאן הורקנוס באלאגערט ירושלים. די באלאגערונג איז אבער נור געווען געגען דעם קעניג, נישט געגען פאלק. האבען די באלאגערער נישט געוואלט בטל מאכען דעם "קרבן תמיד" אינ׳ם בית־המקדש פון ירושלים. פלעגען די כהנים פון אינעווייניג ארונטער־לאזען יעדען טאג א שעפעל געלד איבער דער מויער און די באלאגערער פלעגען דערפאר ארײנשיקען די .נויטיגע קרבנות.

האט אמאל איינער פון די באלאגערער — א מענש, וועלכער האט זיך געקענט דורכשמועסען מיט די סאלדאטען אין גריכיש — אנגערעדט די אנדערע סאלדאטען, אז אנשטאט צוויי כשר׳ע בהמה׳לעך פאר׳ן "קרבן תמיד" זאל מען ארײנשיקען צו די באלאגערטע צוויי חזירים, ווייל "ווי לאנג אידען וועלען קענען מקריב זיין דעם קרבן־תמיד יעדען טאג, וועט מען די שטאדט נישט קענען נעהמען". און ווען מען האט די חזירים ארויף־געשלעפט אויף דער מויער פון ירושלים, האבען זיי אויף זייער חזיר׳שען שטייגער שרעקליך געמרוקעט. איז דערפון געווארען א רעש אין גאנץ ארץ־ישראל. א שוידערליכער הוראגאן האט זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען, באגלייט פון אן ערד־ציטערניש, וועל־כער האט אויפגעטרייסעלט אלע ווינקעלעך פונ׳ם לאנד. אין מיטען העלען טאג זיינען די גאסען פינסטער געווארען און אין איין מינוט זיינען אלע תבואות אין די פעלדער ווי פארברענט געווארען, און ווען מען האט דערנאך געדארפט ברענ־גען דעם "עומר", האט מען נישט געפונען ארום ירושלים קיין מעסטעל גער־שטען און מען האט איהם געדארפט ברענגען פון זעהר א ווייטער געגענד.

פון וואנען עס האבען זיך גענומען חזירים אין ארץ ישראל און פאר ווע־מען מען האט זיי דארט געהאדעוועט, איז נים באוואוסט. די פאלקס־פאנטאזיע האט דאן זעהר שטארק געארבייט וועגען דעם אויבען־באשריבענעם געשע־העניש. מענשען האבען זיך דערצעהלט, אז ווי די חזירים האבען ארײנגעשטאכען זייערע אומריינע "נעגעל" (!) אין די הייליגע מויערען פון ירושלים, איז דער־פון דאס לאנד אויפגעטרייסעלט געווארען, פיער הונדערט מייל אויף פיער־הונדערט מייל — און פון יענער צייט אן האבען די חכמים געזאגט: "פאר־שאלטען זאל ווערען דער, וואס וועט לעהרנען זיין זוהן חכמת יונית".

יענע גאנצע צייט זיינען שוין די "צדוקים" געווען אהן באדייטונג — און ווען די מענשען פון ארום ירושלים האבען געדארפט מקריב זיין דעם "קרבן

פסח" און זיי האָבען נישט געקענט קומען קיין ירושלים, ווייל די שטאָדט איז געווען באַלאַגערט, זיינען זיי געגאַנגען קיין אַלעקסאַנדריען, מקריב זיין דעם קרבן פסח אינ'ם "בית חוניו".

און ירושלים האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען. די דרויסענדיגע האָבען נישט געקענט עראָבערן די פעסטונג און די אינעווייניגסטע האָבען זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען. האָבען זיך ביידע ברידער געווענדעט צום רוימישען קריגס־פיהרער פּאָמפּעיוס, וועלכער האָט זיך גראָד דאַמאָלס געפונען נאָהנט צו ארץ ישראל, ער זאָל מאַכען אַ פשרה. איז פּאָמפּעיוס אָנגעקומען קיין ירושלים מיט אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטען. האָט ער טאַקי באַלד אָפּגעראַמט אריסטובול'ן פון דער מלוכה און די אָנהענגער זיינע האָט ער אויסגעה'רג'ט. הורקנוס'ן האָט ער געמאַכט פאַר'ן כהן־גדול און ער האָט איהם אויך געגעבען דעם טיטעל "עטהנאַרך", דאָס מיינט, אַז ער זאָל רעגירען איבער'ן לאַנד אַלס פאַרטרעטער פון דער רוימישער אימפּעריע. און כדי ער זאָל געדענקען, אַז ארץ־ישראל האָט פאַרלוירען די זעלבשטענדיגקייט, האָט פּאָמפּעיוס צוגעגעבען אַ העלפער צו דער וועלטליכער פיהרונג פונ'ם לאַנד אין דער פּערזאָן פון אַנטיפּאַטער, וועלכער איז פון דאַמאָלס אָן געוואָרען דער ווירקליכער הערשער פון ארץ־ישראל — און הורקנוס האָט זיך געדאַרפט באַנוגענען מיט'ן בית־המקדש און מיט'ן רעגירונגס־טיטעל.

נאָך אריסטובול'ס טויט האָבען זיינע זיהן אלכסנדר און אנטיגנוס גענומען זיך קעמפּפען געגען הורקנוס, אויף צוריק צו געווינען די מלוכה. האָבען זיי געשלאָסען אַ בונד מיט די פּערזער און מיט זייער הילף האָט אנטיגנוס, דער אינגערער זוהן פון אריסטובול, באַזיגט הורקנוס'ן און האָט איהם אוועקגעפירט אַ געפאַנגענעם קיין בבל. אָט דער אנטיגנוס האָט געהאַלטען ירושלים דריי יאָהר צייט. דערפאַר איז געקומען הורדוס, אַנטיפּאַטער'ס זוהן, מיט אַ גרויסער רוימישער מחנה, וועלכע האָט באַטראַכט אנטיגנוס'עס טהאַט אַלס אַ רעוואָלוציע געגען רוים. האָט מען דאַן אַרונטערגעזעצט אנטיגנוס'ן פון דער מלוכה, אַרויפגעזעצט הורדוס'ן אויף זיין פּלאַץ און הורקנוס איז צוריק געוואָרען כהן־גדול.

אָט די מלחמות האָבען געדויערט העכער דרייסיג יאָהר — און די דאָזיגע אַלע יאָהרען זיינען געווען צייטען פון די שוידערליכסטע צרות. האָט אָבער פון דעסטוועגען נישט אויפגעהערט דאָס לערנען. פאַר אַ קורצע צייט בלויז זיינען דאַמאָלס די סנהדרין צוטיילט געוואָרען אין פינף טיילען, גלייך ווי ארץ ישראל איז איינגעטיילט געוואָרען אין פינף חלקים אונטער דער פיהרונג פון פינף פאַרשיעדענע פאַרוואַלטער. מיט דער דאָזיגער איינטיילונג פון די סנהדרין האָבען די רוימער וואַהרשיינליך געוואָלט אָפּשוואַכען דעם כח זייערן. האָט זיך דאָס אָבער נישט איינגעגעבען און די סנהדרין האָבען געמוזט צוריק איינגעשטעלט ווערען אין ירושלים אַלס אן איינהייט און אויף זייער שפּיץ איז געשטאַנען שמעיה און אבטליון.

ווי באַמערקט, זיינען זיי געווען קינדער אָדער אייניקלעך פון "גרים" און לויט דער לעגענדע האָבען זיי געשטאַמט פון סנחריב מלך אשור. אין דער פּאָליטיק פונ'ם לאַנד האָבען זיי זיך נישט געמישט. אַלס קינדער אָדער אייניק־לעך פון "גרים" האָבען זיי אפשר נישט געפיהלט די נאַציאָנאַלע דערנידרי־גונג, וואָס אידען האָבען דאַמאָלס געדאַרפט אויסשטעהען אויף זייער איינענעם באָדען. איז אַזוי ווי מען האָט זיי געלאָזט אָנהאַלטען די תורה לויט די אויס־טייטשונגען פון די "פּרושים" און מען האָט זיי נישט געשטערט אינ'ם בית־המקדש, האָבען זיי זיך פאַר די דרויסענדיגע שטורמען וועניג אינטערעסירט.

צוויי "מימרא'ס" האָבען שמעיה און אבטליון איבערגעלאָזען (אינ'ם ער־שטען פרק פון אבות), וועלכע זיינען עפּיס נישט אין גאַנצען קלאָר און מען

שמעיה און אבטליון

דארף זיך אין זיי אריינ׳פשט׳לען. שמעיה פלעגט זאגען: ״דארפסט ליעב האבען די מלאכה און פיינט האבען דאס הערשען, דארפסט זיך אויך נישט וועלען הבר׳ן מיט גרויסע לייט״. אבטליון פלעגט ווייטער זאגען: ״קלוגע מענשען דארפען אפגעהיט זיין מיט זייערע ווערטער, זיי זאלען נישט פארטריבען ווערען צום ארט פונ׳ם שלעכטען וואסער, ווייל עס וועלען דארט די תלמידים זייערע דארפען טרינקען און גאט׳ס נאמען וועט דורך דעם פארשוועכט ווערען״.

זיכערליך האבען ביידע מיט זייערע ״מימרא׳ס״ געהאט אין זינען, צו געבען א וואונק אויף געוויסע געשעהענישען פון זייער צייט. אלע, וואס האבען זיך דאמאלס געשטופט אין פראנט און האבען געוואלט הערשען, זיינען דער־נאך געוועזן אויף גרויסע צרות. אנדערע פון די חכמים האבען געמוזט אנטלויפען און זוכען שוץ אין מצרים. האבען זיך דארט זייערע תלמידים אנגעזאפט מיט נייע אידעען, וועלכע זיינען געווען פרעמד און ווי געגנעריש צו די אנגע־נומענע מיינונגען פון ארץ־ישראל...

צוליעב אן אורזאך וועלכע איז נאך נישט ערקלערט, האבען שמעיה און אבטליון געשטרעבט, צו באשרענקען די צאהל תלמידים אין בית־המדרש און זיי האבען איינגעפיהרט אן אפצאהלונג פאר יעדען, וואס האט געוואלט אריינ־קומען. א האלבען גראשען האט איטליכער געדארפט געבען צום טהיר־היטער און אזא האלבער גראשען איז דאמאלס געווען א גרויסע מטבע, א מענש האט געוועהנליך געדארפט ארבייטען א האלבען טאג, אויף צו פארדיענען א האלבען גראשען.

זייט דעם דורכפאל פון אריסטובול געגען הורקנוס זיינען געווען איבער־בלייבענישען פון אריסטובול׳ס סאלדאטען, וועלכע האבען זיך ארומגעדרעהט איבער׳ן גליל און אנגעפיהרט דארט א ״גערילא־קריעג״ געגען סיריער און רוימער. האט זיי הורדוס פארפאלגט מיט דער גרעסטער אכזריות, ביז ער האט געהאפט זייער פיהרער, חזקיה, צוזאמען מיט איינע פון זיינע מענשען און ער האט זיי אויסגע׳הרג׳עט אהן שום טענות. איז דערפאר דאס גאנצע אידישע פאלק אריינגעפאלען אין א שרעקליכען כעס געגען איהם — און מיט דער צושטימונג פון הורקנוס האט מען איהם גערופען, ער זאל זיך פאר דער דאזיגער הריגה שטעלען צום משפט צו די סנהדרין.

איז דאן הורדוס באלד געקומען. די ערשיינונג זיינע איז אבער נישט געווען ווי פון א מענשען, וואס דארף גע׳משפט ווערען, ווייל ער איז געקומען אנגעטהון ווי א גרויסער גענעראל, אין פורפור און מיט א שווערד ביי דער זייט, ארומ־גערינגעלט מיט א גרויסער צאהל גבורים, אלע מיט שווערדען באוואפענטע, גרייט אנצופאלן אויף יעדען, וואס וועט זיך דערוועגען, הורדוס׳ן צו באריהרען. איז דאס זעהר נישט געפעלען געווארען די סנהדרין. האבען זיי אבער פאר מורא געשוויגען. איז אויפגעשטאנען שמעיה און האט זיי געווארענט, זיי זאלען נישט שוינען דעם אנגעקלאגטען, ווייל טאמער וועלען זיי איהם היינט פארשוינען, וועט ער דערנאך זיי אלעמען פאר׳משפט׳ן. האבען די סנהדרין געקראגען מוטה פון שמעיה׳ס ווערטער און זיי האבען אנגעהויבען אויספרעגען הורדוס׳ן און די עדות. האט הורקנוס געזעהען, אז די סנהדרין קענען הורדוס׳ן פאראורטיילען. האט ער געהייסען ווארטען מיט׳ן משפט ביז מארגען — און אין יענער נאכט איז הורדוס אנטלאפען פון ירושלים.

שפעטער האט הורדוס נישט פארגעסען, וואס די חכמים האבען אמאל געהאט די העזה, צו וועלען איהם משפט׳ן. האט ער זיך גענומען זיי פארפאלגען —און ווען ער איז געווארען דער ווירקליכער הערשער פונ׳ם לאנד, האט ער כמעט אלע חכמים געלאזט הרג׳ענען, נור שמעיה און אבטליון האט ער פאר־שוינט. שמעיה׳ס מוטהיגע ווערטער פון יענעם משפט האבען איהם אימפאנירט. ער האט אויך מורא געהאט, צו טשעפען די עלטעסטע חכמים פונ׳ם פאלק,

די חכמים פון דער משנה

וועגען וועלכע ער האָט געדענקט, אַז מען דאַרף וואַרטען, ביז זיי וועלען שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט.

אין יענע שרעקליכע צייטען האָבען זיך גע'נוקם'ט אַלע זינד, וואָס די השמונאים האָבען ווען עס איז באַגאַנגען געגען זייער פאָלק. זייערע בלוטיגע רדיפות געגען די "פרושים", זייערע מלחמות פון איינעם געגען דעם אַנדערן, זייער אויסגעלאַסען לעבען און זייער קאָקעטירען מיט גריכישע זיטען. אָט דאָס אַלעס האָט זיך צוזאַמענגענומען און עס האָט זיך ביטער גע'נוקם'ט אויף דער גאַנצער משפחה, גלייך ווי אויף'ן אומשולדיגען פאָלק, וועלכעס האָט געקרעכצט אונטער'ן יאָך פון הורדוס'ן, וועמען זיי האָבען נישט אַנדערש טיטולירט ווי נור "דער אדומ'שער שקלאַף". שטילערהייד האָט אויך איטליכער צוגעגעבען, אַז אידען האָבען די שטראָף פאַרדיענט, ווייל זיי האָבען עס צוגעלאָזען, אַז דוד המלך'ס הויז זאָל אין גאַנצען פאַרניכטעט ווערען און כהנים זאָלען פיהרען די מלוכה.

דעם מוטה זייערען האָבען שמעיה און אבטליון נאָך ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט באַוויזען, און געווען איז דאָס אַמאָל אים מוצאי־יום־כפור, ווען דער כהן גדול איז אַהיים געגאַנגען פון דער "עבודה" און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען מיט איהם. אויף'ן וועג זיינען אונטערגעקומען שמעיה ואבטליון, איז דאָס גאַנצע פאָלק אַוועקגעגאַנגען פונ'ם כהן גדול, אום צו קענען געהען צוזאַמען מיט שמעיה און אבטליון. האָט דאָס דעם כהן־גדול שטאַרק פאַרדראָסען. ער האָט אָבער גאַרנישט געקענט זאָגען.

איז ווען שמעיה און אבטליון זיינען דערנאָך צוגעקומען צום כהן־גדול, איהם צו באַגריסען, האָט ער זיי אַ זאָג געטהון: "זאָלען די גוי'שע קינדער געהן אין פריעדען!" (אינ'ם נוסח פון דער גמרא הייסט עס, אַז ער האָט געזאָגט: "ייתון בני עממין לשלם") און געוואָלט האָט ער זיי געבען אַן אַנצוהערעניש מיט אַ שטאָך וועגען זייער גזע. האָבען איהם שמעיה און אבטליון געענטפערט: "זאָלען די גוי'שע קינדער קומען אין פריעדען, ווייל זיי טהוען די מעשים פון אהרן, וועלכער האָט ליעב געהאַט דעם פריעדען, און זאָל דער זוהן פון אהרן נישט קומען אין פריעדען, ווייל ער טהוט נישט די מעשים פון אהרן!" (יומא דף ע"א עמוד ב').

די "בני בתירה"

הורדוס דער זוהן פון אנטיפאטער, וועלכער איז געווען איינער פון די אדום'שע "גרים", האָט פאַרכאַפּט די ממשלה אין ארץ ישראל — און יעדער שריט זיינער איז געווען איינגעטונקען אין אידיש בלוט. מיט אַ באַזונדערער שנאה האָט ער פאַרפאָלגט און אויסגע'הרג'עט אַלע חכמים פון יענער צייט, גלייך ווי ער האָט זיך באַצויגען מערדעריש צו אַלע אַנדערע מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועלכער ס'איז שייכות צו דער קעניגליכער משפחה פון די חשמונאים.

האָט ער אָבער באַשלאָסען, צו שוינען די צוויי פאָרשטעהער פון די סנהדרין, שמעיה און אבטליון. אַזוי ווי זיי זיינען שוין געווען עלטערע מענשען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס וועט פאַר איהם בעסער טויגען, ווען ער וועט געדולדיג וואַרטען אויף זייער נאַטירליכען טויט — און ער האָט טאַקי נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטען, ביז זיי זיינען ביידע בשלום געשטאָרבען.

דאָס יאָהר, וואָס יענע צוויי "גדולי הדור" זיינען געשטאָרבען און וועלכער פון זיי עס איז פריהער אַוועקגעגאַנגען, איז נישט באַקאַנט. בלויז אַזוי פיעל איז באַוואוסט, אַז אַ היבשע צייט נאָך זייער טויט איז דאָס לערנען נישט מעהר געשטאַנען אין דעמזעלבען גלאַנץ ווי פריהער. דאָס פאָלק איז געווען פאַרנומען מיט דער פּאָליטישער לאַגע פונ'ם לאַנד, וועגען וועלכער עס איז דאַן איטליכער געווען ווי פאַרצווייפעלט — און ווען די גמרא רעדט וועגען יענער צייט, ווערד דאָרט אָנגעמערקט, אַז דאָס איז געווען אַ צייט, וואָס די תורה איז אין גאַנצען פאַרגעסען געוואָרען. איז אָבער דאַמאָלס געווען דאָס גוטע, אַז ווער עס האָט נישט געקענט לערנען, האָט אַנערקענט די ווערדע פון יענע, וואָס האָבען יאָ געקענט. נישט אַזוי ווי עס איז געווען אין שפּעטערע יאָהרען, אַז מען האָט זיך געדאַרפט באַהאַלטען מיט'ן קענען לערנען און אַן "עם הארץ" איז אָפטמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ העכערער מדרגה פון אַ תלמיד־חכם...

אויף'ן אָרט פון שמעיה און אבטליון אין די סנהדרין זיינען דאַן געקומען צוויי אומבאַקאַנטע מענשען, וועלכע זיינען באַוואוסט בלויז אויף'ן נאָמען פון זייער שטאָדט — און די גמרא רופט זיי "ב נ י ב ת י ר ה".

געגויערעס וועגען זייער אָפּשטאַמונג איז אין ערגעץ נישט פאַרצייכענט. זיי זיינען אויך זיכערליך נישט געווען קיין קרובים איינער צום אַנדערען, ווייל זיי וואָלטען זאָנסט נישט געקענט זיצען צוזאַמען אין די זעלבע סנהדרין, זיי זיינען בלויז געקומען פון איין שטאָדט, וועלכע האָט געהייסען ב א ט ה י ר א, און ווי די קענער פון ארץ־ישראל באַהויפּטען, געפינט זי זיך אין צפונית־מזרחית פון ארץ ישראל, נישט ווייט פונ'ם באַרג "חרמון" — און געגרינדעט איז די דאָזיגע שטאָדט געוואָרען אַלס אַ פעסטונג גענען די אָנפאַלען פון רויבערישע באַנדעס, וואָס האָבען זיך אַרומגעטריבען נעבען דער גרעניץ פונ'ם לאַנד.

ווי באַמערקט, איז די תורה כמעט ווי פאַרגעסען געוואָרען אין יענע צייטען. איז אָבער אָנצונעהמען, אַז עס האָבען זיך דאַמאָלס וואהרשיינליך געפונען עטליכע לערנערס אויסערהאַלב פון ירושלים. און ווען הורדוס האָט געדאַרפט אויסקלייבען נייע פיהרער פאַר די סנהדרין, האָט ער אויסגעזוכט מענשען דוקא פון יענע פּראָווינציאַלע געלעהרטע, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז ווען

ער וועט אויסקלייבן מענשען פון א פראווינציאלער שטאדט, וועלען זיי זיין איבערגעבען צו זיין רצון און ער וועט קענען טהון מיט זייער הילף אלסדינג, ווי איהם וועט געפעלען.

די "בני בתירה" — מוז דא ווייטער באמערקט ווערען — זיינען געווען פרומע מענשען, גאטספארכטיגע, באשיידענע און מיט אלע כחות איבערגעבען צום אפהיטען די אידישע אמונה. נישט אפגעטרעטען האבען זיי אויך אויף א האהר פון די וועגען, וואס די "פרושים" האבען געלעהרנט. זיי האבען בלויז איין מאל נישט געוואוסט א דין. ס'איז אמאל אין זייער צייט אויסגעפאלען ערב־פסח אין א שבת, האבען זיי נישט געוואוסט, וואס מען טהוט אין אזא טאג מיט'ן "קרבן פסח", צי דער קרבן פסח איז דוחה שבת און מען דארף איהם מקריב זיין ווי אין א וואכענטאג, אדער מען דארף איהם אין אזא יאהר גאר אין גאנצען נישט מקריב זיין.

האבען זיי לאנג גע'דרשנ'ט וועגען דעם, זוכענדיג דעם דין און זיי האבען נישט געפונען. עס איז אויך נישט געווען קיינער אין ירושלים, וואס זאל זיי קענען זאגען דעם דין. האבען זיי געוואלט ערקלערען, אז אזוי ווי א "קרבן חגיגה" איז נישט דוחה שבת, זאל אויך דער "קרבן פסח" נישט זיין דוחה שבת...

איז דאן געקומען איינער פון זייערע מענשען און האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז עס געפינט זיך אין ירושלים איינער א מאן מיט'ן נאמען הלל הבבלי, וועלכער האט געלערנט ביי שמעיה און אבטליון. וועט ער זיכערליך יא וויסען, צי דער קרבן פסח איז דוחה שבת. האט מען דעם דאזיגען הלל הבבלי געשיקט רופען און ער האט זיי ערקלערט, אז דער "קרבן פסח" איז יא דוחה שבת. האבען זיי דאס נישט געוואלט אננעהמען, ווי לאנג ער האט זיי נישט געזאגט, אז ער האט דאס בקבלה פון שמעיה ואבטליון. ערשט ווען זיי האבען דאס געהערט, האבען זיי איהם געגלויבט — און אזוי ווי זיי זיינען געווען עהרליכע מענשען און זיי האבען זיך געשעהמט, וואס זיי האבען אליין נישט געוואוסט דעם דין, זיינען זיי צוריקגעטראטען פון זייער אמט, ערקלעהרענדיג עפענטליך, אז זיי פיהלען זיך נישט ווירדיג גענוג פאר זייער אמט.

האט מען זיך אין די שפעטערע יאהרען פארשיעדען וועגען דעם דאזיגען פארפאל דערצעהלט. פלעגט מען דאן זעהר אפט דערמאנען די גרויסע באשיידענהייט פון די "בני בתירה" — און נישט איינער פלעגט דאביי באמערקען: "אלסדינג וואלט איך געטהון, נור נישט דאס וואס די בני בתירה האבען געטהון !"

ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט געווארען, איז יעדער שריט פון הורדוס אין דער מלוכה געווען איינגעטונקען אין בלוט, אין דער מלחמה געגען ירושלים האט ער מיט דער הילף פון די רוימער אפגעראמט די גאנצע גזע פון די חשמונאים ביז אויף'ן לעצטען מאנסביל. דערנאך האט ער זיך געוואלט איינשמייכלען ביים פאלק, האט ער חתונה געהאט מיט דער פרינצעסין מרים החשמונאית, די טאכטער פון אלכסנדר דעם זוהן פון אריסטובול, וועלכער איז געווען דער זוהן פון קעניג אלכסנדר ינאי. און פון דער מוטער'ס זייט איז די דאזיגע מרים געווען א דירעקט איניקעל פון קעניג הורקנוס.

אין דער צייט וואס הורדוס האט געהאט פארחאפט די מלוכה און אויסגע׳הרג׳ט די חשמונאים, איז דער אלטער הורקנוס נישט געווען אין ארץ ישראל. ער האט זיך דערווייל געהאט באהאלטען אין בבל און די דארטיגע אידען האבען זיך געוואלט פארפליכטען, איהם ביי זיך צו באשיצען פאר אלע יאהרען פון זיין לעבען. האט דאס הורדוס נישט געוואלט לידען און ער האט דעם אלטען אריינגענארט מיט פארשיעדענע שמייכעל־ווערטער, ער זאל צוריקקומען קיין ארץ ישראל. דערנאך האט ער איהם געלאזט מאכען א מום, אפהאקען אן אויער, כדי איהם פסול צו מאכען צו דער כהונה. און ווען עס האט זיך הורדוס'ן שפע־

טער אויסגעדראכט, אז א חשמונאי קען זיין געפעהרליך אפילו מיט אן אפגע־האקטען אויער, האט ער איהם געלאזט מאכען א בלבול, אז ער האלט מיט די שונאים פונ'ם לאנד — און דעמזעלבען הורקנוס, וועלכער האט איהם אמאל דאס לעבען געראטעוועט פון די סנהדרין, האט ער געלאזט פאראורטיילען צום טויט, נישט קוקענדיג אויף זיינע 81 יאהר.

דערנאך האט הורדוס אויסגעקליבען אלס כהן גדול איינעם מיט'ן נאמען חנמאל המצרי, וואס מען האט וועגען איהם געזאגט, אז ער שטאמט פון חוניו בן שמעון, וועלכער איז אמאל אנטלאפען קיין מצרים, גלויבענדיג, אז ער וועט אין דעם דאזיגען חנמאל האבען א ווערקצייג פאר זיין פאליטיק. איז ער אבער באלד צוליעב פאליטישע אומשטענדען געצוואונגען געווארען, צו מאכען פאר כהן־גדול דעם איינציגען איבערגעבליבענעם חשמונאי, אריסטובול, דעם ברו־דער פון זיין פרוי מרים. האט ער ארונטערגעזעצט חנמאל'ן פאר א קורצע צייט, געלאזט אריסטובול'ן טהון איינמאל די "עבודה" אינ'ם בית־המקדש, דערנאך האט ער איהם פארבעטען קיין יריחו, ער זאל זיך דארט צוזאמען מיט איהם באדען אינ'ם ירדן — און אינ'ם באד האט אימיצער אויף הורדוס'עס באפעהל דעם יונגען פרינץ דערטרונקען. איז דאן חנמאל המצרי געווארען צוריק כהן־גדול. האט דאס אבער נישט לאנג געדויערט, ווייל הורדוס האט איהם באלד ארונטערגעזעצט און אן אנדערען ארויפגעזעצט.

שפעטער האט ער אויך ווייטער ארונטערגעזעצט און ארויפגעזעצט כהנים גדולים, ווי עס איז איהם גראד איינגעפאלען א קאפריז. און ווען עס האבען די עהרגייציגע כהנים געזעהען, אז די הייליגע כהונה איז נישט מעהר אן ענין פון ירושה, האבען זיי אריבערגעשטיגען איינער דעם אנדערען אין דעם אנבא־טען א פרייז פאר דער כהונה. האט דאס פאלק גערופען די דאזיגע כהנים מיט צונעמעניש, ווייל מען האט יעדע צוועלף חדשים געביטען די כהנים און עס זיינען אויך צומאל געווען אזעלכע, וואס האבען נישט אפילו איין יאהר אמטירט.

דאביי איז כדאי צו וויסען, אז ווי שלעכט און בארבאריש הורדוס איז גע־ווען אלס קעניג, האט ער קיינמאל נישט געוואלט פארלעצען די אידישע אמונה — און וואס ער האט געטהון אין נעגענזאץ צו די פארשריפטען פון דער אמונה, האט ער דאס בלויז געטהון דאמאלס, ווען ער האט געפיהלט, אז די אמונה שטערט איהם אין די וועגען פון זיין פאליטיק...

קיינער איז אין יענע צייטען נישט געווען זיכער מיט'ן לעבען, אפילו נישט די נאהנטסטע פריינד פונ'ם קעניג. די "צדוקים" האבען אין די פריהערע יאה־רען געוואלט פארניכטען די תורה און מאנכע פון די חשמונאים האבען זיי אין דעם געהאלפען, אבער הורדוס האט נישט געוואלט אנריהרען די מצוות פון דער תורה. עס האט איהם נישט געהארט, ווען דאס אידישקייט האט זיך געפיהרט לויט דעם וואונש פון די "פרושים", גלייך ווי עס וואלט איהם נישט געהארט, ווען עס וואלט זיך געפיהרט, לויט'ן וואונש פון די "צדוקים". ער האט בלויז גע'הרג'עט די, וואס ער האט חושד געווען, אז זיי זיינען איהם געגנער — און אן אורזאך צו הרג'ענען א מענשען איז דאמאלס געווען זעהר גרינג צו געפינען, מיט א ווארט פון זיין מויל האט דאן הורדוס געלאזט פיהרען הונדערטער מענשען צו דער שחיטה. קודם האט ער אויסגע'הרג'ט אלע חשמונאים, דערנאך האט ער גע'הרג'עט זיין געליעבטע פרוי, זיין שוויגער און זיינע אייגענע קינדער. דערפאר פלעגט מען דאמאלס זאגען אין רוים: "ביי הורדוס'ן איז א חזיר אם זיכערסטען מיט'ן לעבען, ווייל אלס איד וועט ער איהם נישט קוילענען!"...

חוני המעגל

איינער פון די הייליגסטע פערזאָנען צווישען אונזערע תנאים איז געווען חוני המעגל.

פון אַלע זיינע מאָראַלישע אויסשפּרוכען איז בלויז פאַרבליבען דאָס ווערטעל "או חברותא או מיתותא", וועלכעס מיינט, אַז דער מענש דאַרף האָבען געזעלשאַפטליכקייט, און ווען ער האָט נישט קיין געזעלשאַפטליכקייט, איז שוין בעסער דער טויט. זאָנסט איז נישט פאַרהאַנען פון איהם קיין איינציגע אויסטייטשונג אין די מצוות פון דער תורה, חאָטש עס ווערד וועגען איהם געזאָגט, אַז ער פלעגט מיט זיין שאַרפזין פאַרענטפערען יעדע קשיא פון די אַנדערע חכמים.

אומעטום וואו דער נאָמען זיינער איז דערמאָנט אין דער גמרא. איז ער אַרומגערינגעלט מיט לעגענדעס, איינע וואונדערליכער פון דער אַנדערער, יעדער שריט זיינער איז כאַראַקטעריזירט מיט "נסים ונפלאות" און ער ווערד געשילדערט ווי איינער, וואָס כביכול האָט איהם געמוזט אַלסדינג צוליעב טהון.

דער נאָמען "חוני" איז נישט קיין זעלטענער אין יענע צייטען. וואהרשיינליך איז דער דאָזיגער נאָמען אַן אָפּגעקירצטע פאָרם פון "חוניו" אָדער "חוניא". אָבער דער צונאָמען "המעגל" איז שוין אַן איינציגער אין דער געשיכטע און ער ווידערהאָלט זיך נישט מעהר אין דער גאַנצער שורה נעמען פון אַלע צייטען.

איז אָבער נישט באַשטימט, וואָס דער דאָזיגער צונאָמען מיינט. וויל דער "ספר יוחסין" באַהויפּטען, אַז חוני האָט געהאַט דעם צונאָמען "המעגל", ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַ שטאָדט מגלו. ווילען אַנדערע זאָגען, אַז ער האָט געקראָגען דעם נאָמען, ווייל ער איז אַמאָל אַנטשלאָפען געוואָרען אין מיטען וועג אויף זיבעציג יאָהר, און דער טייטש פון זיין נאָמען זאָל זיין: "דער וואָס האָט גערוהט אויף'ן וועג". אַנדערע לייענען דאָס וואָרט "המעגל" מיט אַ שוא אונטער'ן מם און אַ פּתח אונטער'ן עין, וועלכעס זאָל זיין אַ בנין "פּיעל" פונ'ם וואָרט "עגול" (אַ קרייזעל) און עס זאָל באַדייטען, אַז ער האָט אַמאָל אָנגעצייכענט אַ קרייזעל אַרום דעם פּלאַץ, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען, אָנגעהמענדיג דאַביי אַ שבועה, אַז ער וועט זיך נישט פון דאָרט אַוועקריהרען, ווי לאַנג דער אויבערשטער וועט נישט טהון וואָס ער וויל.

געווען איז דאָס אַמאָל, ווי עס ווערד דערצעהלט אין אַ משנה אין תענית און דאָס געשעהעניש איז ברייטער באַשריבען אין אַ ברייתא, ווען עס איז אַ לאַנגע צייט נישט געגאַנגען קיין רעגען אין ארץ ישראל. לויט ווי איינינע דערצעהלען, איז שוין דאַמאָלס דריי יאָהר צייט נישט געגאַנגען קיין רעכטער רעגען. און געווען איז דאָס צוואַנציג טאָג אין חודש אדר, ווען מען האָט אַרויסגעקוקט אויף'ן "מלקוש" (דאָס איז דער רעגען, וועלכער דאַרף רייף מאַכען די תבואות) און דאָ האָט זיך נישט געוויזען דאָס מינדעסטע וואָלקענדעל, בוימער און גראָזען זיינען געווען איינגעטריקענט און איטליכער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שרעקליכען הונגער, וועלכער קען קומען נאָך אַזאַ טרוקענע צייט, איז דאַן דער עולם געגאַנגען צו חוני המעגל מיט אַ בקשה, ער זאָל בעטען צו גאָט וועגען רעגען. צוליעב זיין גרויסער פרומקייט איז יעדער געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַ

שטארקער חשוב ביים אויבערשטען, און ווען ער וועט זיך אוועקשטעלען בעטען אויף רעגען, וועט איהם גאָט אלסדינג צוליעב טהון, ווייל יעדעס וואָרט זיינס, וואָס ער זאָגט ארויס אונטען, איז פאר'ן אויבערשטען כביכול ווי א באפעהל...

האָט דאן חוני המעגל א זאָג געטהון צום עולם, וועלכער איז צו איהם געקומען: "נעהמט אריין די פסח'דיגע אויוועָנס אין אייערע שטיבער, זיי זאָלען נישט נאָס ווערען פונ'ם רעגען!"

אזא דורכגענעצטען אויווען פלעגט מען דאמאָלס האלטען אלס נישט כשר פאר פסח — און חוני המעגל איז געווען ביי זיך זיכער, אז זיין תפלה מוז העלפען....

דערנאָך האָט חוני המעגל א לאנגע צייט תפלה געטהון און עס איז נישט געקומען קיין רעגען. האָט ער זיך ארומגעצייכענט מיט א קרייזעל און האָט אזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! דיינע קינדער האָבען געווענדעט זייערע בליקען צו מיר, איך זאָל פאר זיי בעטען אויף רעגען, ווייל זיי דענקען, אז איך בין ביי דיר ווי א בן־בית. שווער איך דאָ ביי דיין גרויסען נאָמען, אז איך וועל נישט אוועקגעהן פון דאנען, ווי לאנג דו וועסט נישט האָבען קיין רחמנות אויף דיינע קינדער!"

האָט דאן אָנגעהויבען געהן א רעגען אין קליינע טראָפּען, האָבען חוני'ס תלמידים געזאָגט: "דער אויבערשטער לאָזט דיר אָנרעגענען עטליכע טראָפען, כדי מקים צו זיין דיין שבועה!" —האָט חוני המעגל ווייטער גע'טענה'ט צו גאָט: "נישט דאָס האָב איך געבעטען. איך האָב געבעטען וועגען א רעגען, וועלכער זאָל אָנפילען די ברונימער מיט וואסער!"

נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט אָנגעהויבען רעגענען מיט שטורם און יעדער טראָפען פונ'ם רעגען איז געווען גענוג, אָנצופילען א פאס, האָבען חוני'ס תלמידים געזאָגט: "דער אויבערשטער גיט דיר א רעגען, וועלכער וועט פאר־פלייצען די גאנצע וועלט!" — האָט חוני המעגל ווייטער געזאָגט צום אויבער־שטען: "ניט דאָס האָב איך געבעטען. איך האָב געבעטען אויף א רעגען, וועל־כער זאָל ברענגען א ברכה אין די פעלדער!"

האָט אָנגעהויבען געהן א רעגען אויף א געוועהנליכען שטייגער, ביז עס זיינען פול געוואָרען אלע ברונימער און די גאסען פון ירושלים זיינען פאר־פלייצט געוואָרען. זיינען די מענשען פון יענע גאסען געלאָפען זוכען שוץ אינ'ם "הר הבית" (דער בארג פונ'ם בית המקדש) און אנדערע זיינען געקומען צו חוני המעגל מיט א נייער בקשה, אז אזוי ווי ער האָט געבעטען אויף א רעגען און דער אויבערשטער האָט אָנגענומען זיין תפלה, זאָל ער יעצט בעטען, אז דער רעגען זאָל אויפהערען. האָט ער אויף דעם געענטפערט, מען זאָל געהן זעהן, צו דער "אבן הטועים"*) איז שוין אריבערגעדעקט מיט וואסער, ווייל ווי לאנג דער "אבן הטועים" ליגט נאָך נישט אין גאנצען אונטער'ן וואסער, קען ער נישט בעטען, אז דער רעגען זאָל אויפהערען.

שפּעטער האָט מען איהם געבראַכט אן אָקס צום מקריב זיין צו גאָט, עס זאָל אויפהערען רעגענען. האָט חוני אוועקגעלייגט זיינעביידע הענד אויף'ן קרבן און האָט אזוי געזאָגט: "דאָס פאָלק ישראל, וועלכעס דו האָסט ארויס־געצויגען פון מצרים, קען נישט קיינמאָל פארטראָגען צו פיעל גוטעס, גלייך ווי עס קען נישט פארטראָגען צו פיעל שטראָף. האָסט איבער זיי פריהער געצערנט, האָבען זיי דאָס נישט געקענט פארטראָגען, זיינען זיי מיך געקומען בעטען, איך

*) דער "אבן הטועים" איז געווען א שטיין, אויף וועלכען מען האָט אויסגערופען אלע געפונענע זאכען, און די וואָס האָבען יענע זאכען פארלוירען, האָבען בלויז בעדארפט אנגעבען סמנים, האָבען זיי דאן באלד די פארלוירענע זאכען צוריק באקומען.

זאָל מיך פאַר זיי ביי דיר איינשטעלען. און האָסטו יעצט אַרונטערגעלאָזען אויף זיי צו פיעל גוטס, קענען זיי דאָס אויך נישט פאַרטראָגען. בעט איך דיך, רבונו של עולם, אַז וואָס עס האָט ביז יעצט גערעגענט, זאָל שוין זיין גענוג — און זאָל די וועלט קענען אָפּאָטהעמען!"

איז דאַן באַלד געוואָרען אַ שטאַרקער ווינד און די וואָלקענס זיינען צו־שפּרייט געוואָרען. אַ וואַרעמע זון איז אַרויסגעקומען—און די מענשען זיינען אַרויסגעגאַנגען איבער די פעלדער, קלייבען שוואָמען נאָך'ן רעגען.

פאַרגעקומען איז דאָס אַלעס אין די טעג פון שמעון בן שטח — און ווי עס הייסט, איז שמעון בן שטח געווען שטאַרק אין כעס ווענען דעם, וואָס חוני המעגל האָט כמעט ווי געצוואונגען דעם אויבערשטען, ער זאָל ענדערען זיין רצון, צוליעב צו טהון איינעם פון זיינע פרומע מענשען. האָט שמעון בן שטח געשיקט זאָגען צו חוני המעגל: "ווען דו וואָלסט נישט געווען חוני, וואָלט איך אויף דיר אַרויסגעגעבען אַ חרם. קען איך דיר אָבער גאַרנישט טהון, ווייל דו ביזט אַ צופּיעסטשעטע קינד ביי זיין ליעבען נאָמען, וועלכער טהוט דיר דיין ווילען אין אַלעמען, גלייך ווי אַ גוטער טאַטע טהוט אַלדינג פאַר זיין צופּיעס־טשעטען זוהן!..." (תענית דף כ"ג עמוד א').

ווענען חוני המעגל'ס טויט דערצעהלט יאָזעפוס, אַז ער איז דער'הרג'ט גע־וואָרען אין דער מלחמה צווישען די צוויי ברידער הורקנוס און אַריסטובול.

הורקנוס איז דאַן געשטאַנען מיט זיינע סאָלדאַטען בעפאָר די טויערען פון ירושלים און אַריסטובול האָט זיך געהאַט פאַרשאַנצט אינעווייניג אינ'ם בית־המקדש אויף'ן באַרג מוריה. האָבען די סאָלדאַטען פון הורקנוס געכאַפּט חוני'ן און געבראַכט איהם צו זייער לאַגער, וואו זיי האָבען פון איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל בעטען צו גאָט, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי העלפען באַזיעגען אַריס־טובול. האָט דאַן חוני געזאָגט די פאָלגענדע תפלה: "רבונו של עולם! האָב רחמנות אויף ביידע קעמפּפענדע צדדים. איינע זיינען דיינע כהנים און איינע זיינען דיינע קינדער. בעט איך דיך, דו זאָלסט זיי נישט הערען, ווען זיי ווילען איינע די אַנדערע שילטען!..." האָט דאָס הורקנוס'עס סאָלדאַטען פאַרדראָסען און זיי האָבען חוני'ן אויף'ן אָרט דער'הרג'עט.

אין דער גמרא ווערד ווענען חוני'ס טויט אַן אַנדערע מעשה דערצעהלט. דאָרט הייסט עס, אַז ער פלעגט תמיד האָבען צער, וואָס ער האָט נישט געקענט באַגרייפען דעם זין פונ'ם פסוק "בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים" און ער פלעגט כסדר זאָגען: "איז עס דען מעגליך פאַר אַ מענשען, ער זאָל איינ־שלאָפען אויף זיבעציג יאָהר און ער זאָל די גאַנצע צייט האָבען איין חלום?"— איז ער איין מאָל געגאַנגען אונטערוועגנס און ער האָט געטראָפען איינעם אַ מענשען, וועלכער האָט געפלאַנצט אַ באָקסערן־בוים. האָט ער דעם מענש גע־פרעגט: "ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטען, אַז אַזאַ באָקסערן־בוים זאָל טראָגען פּירות צום עסען?" האָט איהם יענער מענש געענטפערט: "אַזאַ זאַך דאַרף דויערען זיבעציג יאָהר!" — האָט איהם חוני המעגל געפרעגט: "ביזטו דען זיכער, אַז דו וועסט לעבען זיבעציג יאָהר?" — האָט איהם יענער מענש גע־ענטפערט: "די גאַנצע וועלט איז ווי אַ באָקסערן־בוים. מיינע עלטערען האָבען דאָס געפלאַנצט פאַר מיינעטוועגען און איך טהו דאָס פאַר מיינע קינדער!..."

האָט זיך דאַן חוני המעגל אַוועקגעזעצט און האָט זיך גענומען פלעכטען קערב. איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ שלאָף און אַ פעלזען־שפּיץ איז איבער איהם אַריבערגעוואַקסען צו באַדעקען זיין גוף פאַר די אויגען פון די פאַרביי־געהער— און ער האָט דאָרט געשלאָפען זיבעציג יאָהר.

ווען ער האָט זיך דערנאָך אויפגעכאַפּט פונ'ם שלאָף, האָט ער געטראָפען אַ מענשען קלייבען די פּירות פון יענעם באָקסערן־בוים, וועלכער איז פאַר־פלאַנצט געוואָרען, איידער חוני האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפען. האָט חוני

חוני המעגל

יענעם מענשען געפרעגט: "ביזטו דער מענש, וועלכער האָט דעם בוים געפלאַנצט?" — האָט יענער געענטפערט: "נישט איך בין דאָס, וויל יענער איז געווען מיין זיידע!" — האָט חוני איינגעזעהן, אַז ער האָט געשלאָפען זיבעציג יאָהר, איז ער אַהיים געגאַנגען פרעגען אויף חוני המעגל, האָט מען איהם געזאָגט, אַז נישט חוני און נישט זיין זוהן געפינען זיך מעהר צווישען די לעבעדיגע.

האָט ער געזאָגט: "איך בין חוני!" האָט מען דאָס איהם נישט געוואָלט גלויבען. איז ער געגאַנגען אין בית־המדרש, וואו ער האָט געהערט די חכמים נאָכזאָגען זיינע אויסטייטשונגען פון דער תורה און ער האָט געהערט, ווי איינער זאָגט צום אַנדערען: "וואו נעמט מען היינט אַ חוני המעגל, וועלכער פלעגט אַמאָל פאַרענטפערען יעדע האַרבע קשיא?" — האָט ער געזאָגט: "איך בין חוני המעגל!" — האָט מען איהם דאָס נישט געוואָלט גלויבען און מען האָט איהם נישט אָפּגעגעבען דעם געהעריגען כבוד. האָט דאָס איהם זעהר געקרענקט און ער האָט כסדר געזאָגט: "ווען איך האָב נישט מעהר מיין געזעלשאַפטליכקייט פון פריהער, איז מיר שוין ליעבער דער טויט!..."

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט אין ירושלמי (תענית פרק ג' הלכה ט') האָט חוני המעגל געלעבט אין די צייטען פון סוף בית ראשון און ער האָט געשלאָפען די גאַנצע צייט פון גלות בבל. דערנאָך האָט ער אויפגעוואַכט פון זיין שלאָף, ווען די פאַרטריבענע אידען האָבען אָנגעהויבען צוריק־קומען פון בבל. און וועגען חוני המעגל, וועלכער האָט געבעטען אויף רעגען און דער אויבערשטער האָט זיך צוגעהערט צו זיין תפלה, זאָגט דער ירושלמי, אַז יענער חוני המעגל פונ'ם רעגען איז געווען אַן אייניקעל פונ'ם ערשטען חוני המעגל, וועלכער האָט געשלאָפען זיבעציג יאָהר.

און וועגען יענעם שלאָפענדיגען חוני המעגל דערצעהלט דער ירושלמי ווייטער, אַז ווען ער האָט אויפגעוואַכט און ער האָט געפרעגט, וואָס עס טהוט זיך נייעס אויף דער וועלט, האָט זיך דער עולם געוואונדערט, וואָס ער ווייסט נישט, אַז דער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרען און מ'געהט איהם יעצט צוריק אויפבויען. און ווען חוני האָט דאַן געזאָגט, אַז ער איז יענער חוני המעגל, האָט מען דאָס איהם נישט געוואָלט גלויבען. און ווען ער האָט דאָס ווידער און ווידער כסדר געזאָגט, האָט איהם דער עולם געזאָגט: "ווען דו ביזט חוני המעגל, דאַרפסטו דאָס באַווייזען. וועגען יענעם חוני המעגל האָבען מיר געהערט, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען אין בית־המקדש, איז דאָס גאַנצע הויז באַלויכטען געוואָרען, ווילען מיר דאָס אויך פון דיר זעהן!" — איז דאַן חוני המעגל אַריינגעגאַנגען אין בית־המקדש, האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט אַ ליכטיגקייט איבער'ן גאַנצען בית־המקדש און ער האָט אויף זיך געזאָגט: "ווען גאָט האָט צוריקגעקעהרט דעם צוריקקעהר פון ציון, זיינען מיר ווי פאַר'חלום'טע..."

הלל הזקן הבבלי

קעניג הורדוס האָט אָנגעהויבען זיין רעגירונג מיט א הריגה פון אַלע תלמידי־חכמים אין ארץ־ישראל. אזוי ווי ער האָט געשטרעבט צו דער פּארניכ־טונג פון דער גאַנצער גזע החשמונאים, האָט ער אויך געוואָלט פאַרניכטען די תלמידי־חכמים, ווייל ער איז געווען ביי זיך איבערצייגט, אַז די תלמידי־חכמים ווילען נישט אָנערקענען זיין רעכט צום טהראָן. ער האָט געוואוסט, אַז די חכמים רופען איהם "עבד אדומי", און טראַצדעם וואָס ער האָט געהייראט א חשמונאי'שע פּרינצעסין, ווייל ער האָט געוואָלט אויפּבּרענגען א דור פון חשמונאיש־הורדוס'שע פּרינצען, האָבען די חכמים פון יענער צייט אויפגע־שטעלט א כלל, אז "כל דאמר מדבית חשמונאי קאתינא, עבדא הוא" (יעדער וואָס וויל זיך באַריהמען, אַז ער קומט אַרויס פון די חשמונאים, זאָל מען ווי־סען, אַז ער איז נישט מעהר ווי א שקלאַף).

אזוי ווי הורדוס האָט אָבער ביים בעסטען ווילען און ביי דער שטאַרק־סטער באַשטרעבונג נישט געקענט בטל מאַכען די תורה, האָט ער געמוזט אָנער־קענען די רעליגיעזע מאַכט פון די סנהדרין. האָט ער זיך לכתחלה פּרובירט, אַרויפצוזעצען די "בני בתירה" אויף'ן בענקעל. האָבען דערנאָך די דאָזיגע מענשען מיט זייער אייגענעם ווילען אָפּגעטרעטען דעם פּלאַץ צו ה ל ל ה ב ב ל י — און גלייך ווי הורדוס האָט פריהער ביים אָנהויב פון זיין רעגירונג פּאַרשווינט די צוויי חכמים שמעיה און אבטליון, האָבען איהם יעצט די אומ־שטענדען געצוואונגען, ער זאָל אָנערקענען די גרויסע באַדייטונג פון הלל הבבלי און געדולדיג צוקוקען, ווי ער האַלט אָן די קאָנטראָלע פונ'ם גאַנצען רעליגי־עזען לעבען.

דער צונאָמען "הבבלי", וועלכען הלל האָט געפיהרט, איז א באַווייז, אַז ער איז געקומען פון בבל — און צום אונטערשיעד פון אַנדערע חכמים מיט'ן נאָמען הלל, ווערד ער אויך אָנגערופען "הלל הזקן".

ווען הלל איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, איז ער געווען א מענש אין די הזיכע דרייסיגער און א געלערנטער פון דער היים. און געקומען איז ער, ווייל עס איז איהם נישט קלאָר געווען דער דין ביי דריי פאַרשידענע פראַגען: (1) אַן אָפּגערייניגטער מענש, וועלכער האָט געדאַרפט קומען צום כהן, צי עס איז פאַר איהם נויטיג, אַז דער כהן זאָל איהם ערקלערען אַלס ריין, אָדער עס איז גענוג, ווען ער האָט דורכגעמאַכט די רייניגונגס־פּראָצעדור און ער דאַרף נישט וואַרטען אויף'ן אויסשפּרוך פונ'ם כהן? (2) איין פסוק זאָגט: "וזבחת פסח לה' אלהיך צאן ובקר" און איין פסוק זאָגט: "מן הכבשים ומן העזים תקחו", קען מען נישט וויסען, צי דער קרבן־פסח דאַרף זיין פון רינדער אָדער פון שאָף? (3) איין פסוק זאָגט: "ששת ימים תאכל מצות" און איין פסוק זאָגט: "שבעת ימים מצות תאכלו". טאָ ווי אזוי איז דאָס? (זעה ירושלמי פסחים פרק ו' הלכה א').

אַן ערקלערונג צו די דאָזיגע דריי פראַגען האָט הלל געזוכט ביי שמעיה ואבטליון און דערנאָך האָט ער געוואָלט באַלד צוריקגעהן קיין בבל, וואו ער האָט געלעבט אין געאָרדנעטע פאַרהעלטניסע. ער האָט דאָרט געהאַט א ברודער א סוחר און די אַנדערע קרובים זיינע האָבען איהם זיכערליך אויך געשטיצט. האָט איהם אָבער זיין חשק צום לערנען פאַרהאַלטען אין ירושלים אויף א

לענגערע צייט, און וואָס ווייטער האָט זיך איהם אַלץ אויסגעדאַכט, אַז ער ווייסט נאָך נישט גענוג. האָט ער זיך דאַן דערוווייטערט פון זיין געבורטסלאַנד, וואו אידען האָבען דאַמאָלס פאַרהעלטניסמעסיג רוהיג געלעבט און ער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקען פון כל־ערליי מחלוקות און פּאָליטישע איבער־קערענישען, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפען אין ארץ־ישראל.

די אידען אין בבל זיינען דאַמאָלס געווען פרומע גאָטספאָרכטיגע מענשען, וועלכע האָבען אָפּגעהיט אַלע פאָרשריפטען פון אידישקייט, ווי ווייט דאָס האָט זיך געלאָזט טהון אויסערהאַלב פון ארץ־ישראל. ספּעציעל אָפּגעהיט האָבען זיי דעם שבת אין אַלע זיינע פּרטים. זיי פלעגען אויך שיקען זייערע שקלים און זייערע קרבנות קיין ירושלים. זיי האָבען בלויז אין יענער צייט נישט געהאַט קיין בתי־מדרשים פאַר די אויסטייטשונגען פון דער תורה, זיינען דאַ־דורך די בבליים באַטראַכט געוואָרען אין ארץ־ישראל ווי נאַרישע עמי־ארצים. חוץ לזה האָט מען סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין בבל געגלויבט, אַז די תורה קען בלויז אויסגעטייטשט ווערען אין ארץ־ישראל און יעדע רעליגיעזע איינ־פיהרונג, וועלכע האָט נישט געהאַט די הסכמה פונ׳ם "בית דין הגדול" אין ירושלים, האָט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג אויפ׳ן פּאָלק.

ווען הלל איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט געלערענט ביי שמעיה און אבטליון, איז די צייט געווען פאַר איהם זעהר אַ שלעכטע. ער האָט דאַן אָנגע־פיהרט אַ פּאַר׳צער׳ט לעבען און ער האָט זיך דערנעהרט פון שווערער ארבייט. פאַרדיענט האָט ער דאַמאָלס בסך־הכל איין גראָשען אַ טאָג. האָט ער אַ העלפט דערפון פאַרברויכט אויף פּרנסה פאַר זיך און זיין הויז, און אַ האַלבען גראָשען האָט ער געדאַרפט אָוועקגעבען צום טהיר־היטער פונ׳ם בית־המדרש. האָט ער אָבער אַמאָל איין טאָג גאָר נישט פאַרדיענט. האָט ער מיט זיין ווייב און קינד אין יענעם טאָג גאָר נישט געגעסען. אַזוי ווי ער האָט אָבער געוואָלט הערען תורה ביי שמעיה ואבטליון און דער טהיר־היטער פונ׳ם בית־המדרש האָט איהם נישט אריינגעלאָזען אָהן אַ האַלבען גראָשען, איז ער ארויפגעקראָכען אויפ׳ן דאַך פונ׳ם בית־המדרש און ער האָט זיך דאָרט געלייגט לעבען קוימען, ער זאָל אַזוי אַרום קענען הערען, וואָס שמעיה ואבטליון לעהרנען. אַ גאַנצע נאַכט איז ער אַזוי אָפּגעלעגען און געווען איז דאָס אַ פרייטאָג־נאַכט אין מיטען חודש טבת — און אין יענער נאַכט האָט זעהר שטאַרק געשנייט. איז דער גאַנצער גוף זיינער געווען באַדעקט מיט שניי און אייז אויף דריי איילען הויך.

צו־מאָרגענס אין דער פריה איז געווען פינסטערליך אין בית המדרש. די פענסטער אויפ׳ן גלעזערנעם דאַך זיינען געווען מיט שניי פאַרדעקט — און ווען מען האָט זיך פון אונטען בעסער איינגעקוקט, האָט מען דערזעהען אַ מענשליכען קערפּער ליגען אונטער׳ן שניי לעבען קוימען. איז מען דאָרט אַהין באַלד ארויפגעגאַנגען, האָט מען ארונטערגעשאַרט דעם שניי און מען האָט דערקענט, אַז דער מענש פון אונטער׳ן שניי איז הלל. האָט מען איהם אָפּגעוואַשען, אויסגעשמירט מיט אויל און אויפגעוואַרימט אַקעגען פייער. און אַזוי ווי דאָס אַלעס זיינען ארבייטען נישט־ערלויבטע אום שבת, האָבען די חכמים אינ׳ם בית המדרש געזאָגט: "אַזאַ מענש ווי הלל איז ווערטה מען זאָל וועגען איהם מחלל־שבת זיין!" (יומא דף ל"ה עמוד ב׳).

יענע גאַנצע צייט איז הלל געווען אַ באַהאַלטענער מיט זיינע ידיעות. חוץ וואָס שמעיה ואבטליון האָבען איהם געקענט, האָט ער זיך נישט באַוואוסט געמאַכט ביי קיינעם, גלייך ווי ער האָט אויך קיינעם נישט דערצעהלט, וואָס עס הערט זיך ביי איהם אין הויז, צי עס איז דאָרט פאַרהאַנען עסען אָדער נישט. ער האָט איבערהויפּט פיינט געהאַט צו באַשעפטיגען די עפענטליכקייט מיט זיינע פּריוואַטע אינטערעסען.

נאָך׳ן טויט פון שמעיה ואבטליון האָט ער זיך וואהרשיינליך צוריקגעקערט

קיין בבל. פלעגט ער אָבער פון דעסטוועגען אָפטמאָל קומען קיין ירושלים, ווען ער האָט נור געהאַט אירגענד אַ פראַגע אין רעליגיעזער פיהרונג. איבערהויפּט פלעגט ער קומען בעפאָר יום־טוב, מקיים צו זיין די מצוה פון "עולה רגל" — און ווי געוועהנליך, פלעגט ער זיך אויך דאַמאָלס האַלטען אין פאַרבאַרגענ־הייט. איז אַמאָל אויסגעפאַלען ערב־פּסח אום שבת און די "בני בתירה", וועלכע האָבען קאָנטראָלירט דאָס רעליגיעזע לעבען פון די אידען אין ארץ־ישראל, האָבען נישט געוואוסט, צי דער קרבן פּסח איז דוחה שבת, אָדער מען דאַרף אין אַזאַ טאָג גאָר נישט מאַכען דעם קרבן פּסח.

איז דאַן אויפגעשטאַנען איינער פון די תלמידים און האָט אַ זאָג געטהון: "פאַרהאַנען דאָ איינער אַ מאַן פון בבל, וועלכער האָט געלערענט ביי שמעיה ואבטליון, וועט ער זיכערליך וויסען, צי דער קרבן פּסח איז דוחה שבת אָדער נישט". האָבען די "בני בתירה" געשאָקעלט די קעפּ מיט פאַרוואונדערונג וועגען דעם, וואָס זיי האָבען געהערט, וועלענדיג פרעגען: "וואָס איז דאָ צו ערוואַרטען פון אַ בבלי?"...

פון דעסטוועגען האָבען זיי געשיקט רופען הלל'ן, און ווען ער איז געקומען, האָבען זיי איהם געפרעגט: "האָסט אַמאָל געהערט, אַז ווען ערב־פּסח געפאַלט אים שבת, צי דער קרבן פּסח איז דוחה שבת אָדער נישט?"—האָט הלל אויף דעם געענטפערט: "ווען ערב־פּסח געפאַלט אום שבת, געהט איך נור בלויז וועגען קרבן פּסח? האָבען מיר דאָך נאָך פיעלע אַנדערע קרבנות, וואָס זיינען דוחה שבת!"... האָט ער דאַן גע'דרשנ'ט אַ גאַנצען טאָג לויט אַלע כללים פון דער תורה, צו באַווייזען, אַז דער קרבן פּסח איז דוחה שבת. האָבען איהם די "בני בתירה" נישט געוואָלט הערען, ביז ער האָט זיי נישט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס אַלעס געהערט פון שמעיה ואבטליון.

האָט מען איהם דאַן געפרעגט: "און וואָס וועט מען טהון, ווען דער עולם האָט נישט מיטגעבראַכט די שלאַכטמעסערס, אויף צו שחט'ן די קרבנות?"— שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגען, און ווען מען זאָל אפילו מסכים זיין, אַז דער קרבן־פּסח איז דוחה שבת, קען מען אָבער נישט זאָגען, אַז דאָס ברענגען אַ שלאַכט־מעסער איז אויך דוחה שבת. האָט הלל אויף דעם געענטפערט: "דאָס געדענק איך שוין נישט, ווי שמעיה און אבטליון האָבען געלערענט. איך בין אָבער זיכער, אַז דאָ וועלען שוין די אידען אַליין וויסען דעם דין, ווייל דאָרט וואו מען ווייסט נישט אויף קלאָר, ווי מען זאָל זיך נוהג זיין, דאַרף מען קוקען אויף דער פיהרונג פון די מענשען, און אַזוי ווי זיי פיהרען זיך, אַזוי איז זיכערליך דער דין".

אויף דעם אַנדערען טאָג — דאָס הייסט ערב־פּסח — איז טאַקי אַזוי גע־שעהען, ווי הלל האָט ערוואַרטעט. די אידען האָבען געבראַכט זייערע קרבנות און די שלאַכטמעסערס זיינען געווען אַריינגעשטעקט אין דער וואָל פון די לע־מעלעך אָדער צווישען די הערנער פון די ציגענבעק. און אַזוי ווי הלל האָט דאָס דערזעהען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שמעיה ואבטליון האָבען טאַקי אַזוי גע־הייסען טהון (זעה פּסחים דף ס"ו עמוד א', ירושלמי פּסחים פּרק ו' הלכה א').

הלל איז געווען דער ערשטער פון די חכמי המשנה, וועלכער פלעגט זאָגען, אַז דער עיקר תכלית פון דער רעליגיאָן איז אַפּצוהיטען די פליכטען פון איין מענש צום אַנדערען, און דאָס אָפּהיטען די "מצוות המעשיות" איז בלויז אַ מיטעל, אויף צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל. האָט ער דאָדורך אויפגע־שטעלט דעם פּרינציפּ פון מענשען־ליעבע אַלס אַ הויפּט־באַדינג ביי די מצוות פון דער תורה. און ווען איינער אַ גוי האָט זיך געוואָלט מגייר זיין מיט דעם תנאי, מען זאָל איהם אויסלערנען די גאַנצע תורה אין דער צייט, וואָס ער קען שטעהן אויף איין פוס, האָט איהם הלל בלויז געגעבען איין רעגעל: "וואָס

דיר איז נישט ליעב, אז מען זאָל דאָס טהון צו דיר, זאָלסטו דאָס נישט טהון צו קיין אַנדערען. אָט דאָס איז די גאַנצע אידישע תורה. אַלעס אַנדערע איז נישט מעהר ווי אַן ערקלערונג צו דער דאָזיגער מצוה, און ווען דו וועסט עס לערנען, וועסטו וויסען״... (שבת דף ל״א עמוד א׳).

אין זיין אומגאַנג מיט מענשען איז הלל׳ס ריידען געווען אויף זעהר אַ געלאַסענעם שטייגער. ער פלעגט אַריבערטראַגען יעדען מענשליכען קאַפּריז און ער האָט זיך נישט קיינמאָל געבייזערט. איבערהויפּט האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון אַרויסווייזען פריינדליכקייט צו אָרימע לייט. שטיצענדיג דעם אָרימאַן, האָט ער זיך נישט באַנוגענט, ווען ער האָט איהם באַזאָרגט מיט דעם נויטיגסטען, ווייל ער האָט איהם אויך באַזאָרגט מיט לוקסוס, אויף ווי ווייט ער איז געווען דערצו צוגעוועהנט. אַזוי האָט ער אַמאָל איינעם אַן אָרימאַן באַזאָרגט מיט אַ רייטפערד און אַ קנעכט, וואָס זאָל לויפען לעבען דעם פערד, ווי עס איז דאַמאָלס געווען דער מנהג, און ווען ער האָט אַמאָל נישט געקענט קריגען אַזאַ קנעכט פאַר יענעם אָרימאַן, איז ער אַליין געווען דער קנעכט און ער איז געלאָפען לעבען דעם רייטפערד דריי מייל וועגס (כתובות דף ס״ז עמוד א׳).

הלל׳ס באַשיידענהייט און זיין איבערנאַטירליכע געדולד צו אַלעמען איז געווען באַריהמט און מען פלעגט זיך דערצעהלען וועגען דעם די אינטערעסאַנטעסטע מעשה׳לעך, ווי פאַרשיעדענע שלעכטע מענשען, נודניקעס און גלאַט אַזוי קרענקס פלעגען איהם וועלען אַריינברענגען אין כעס און זיי האָבען דאָס נישט געקענט. אָט אַזוי האָט יענער גוי געוואָלט אויסלערנען די גאַנצע אידישע תורה שטעהענדיג אויף איין פוס. אַן אַנדערער גוי האָט געוואָלט ווערען אַ איד, ווען מען וועט איהם צוזאָגען, אַז ער וועט ווערען כהן־גדול — און ער האָט זיי ביידען געמאַכט פאַר אידען.

דאָס שעהנסטע איז געווען, ווען צוויי מענשען האָבען זיך אַמאָל פאַרוועט אין פיער הונדערט גולדען, ווען איינער פון ביידען האָט זיך אונטערגענומען, אַז ער מוז הלל׳ן בייז מאַכען. איז יענער פאַרביי געלאָפען פאַר הלל׳ס הויז אין אַ פרייטאָג, ווען הלל האָט זיך איינגעוואַשען לכבוד שבת. שרייענדיג ווי ניט מיט זיין קול: ״הלל! ווער איז דאָ הלל און וואו איז ער?״ — האָט זיך הלל איינגעהילט אין אַ מאַנטעל און איז אַרויסגעקומען צום שרייער, זאָגענדיג: ״איך בין הלל! וואָס ווילסטו מיין קינד?״

— איך וואָלט דיך גערן עפּעס געפרעגט! — האָט יענער אַ זאָג געטהון.

— טאָ פרעג און וואָס איך וויים, וועל איך דיר ענטפערען! — האָט הלל געזאָגט.

— עס וויל זיך מיר וויסען — האָט יענער געזאָגט — פאַרוואָס די בבליים האָבען קיילעכיגע קעפּ?

— דאָס האָסטו טאַקי ריכטיג געפרעגט — האָט הלל געענטפערט — און דאָס קומט, ווייל זיי האָבען נישט קיין געשיקטע הייבאַמען, ווערען די קעפּלעך פון די ניי־געבוירענע קינדער אונטער זייערע הענד קיילעכדיג...

אַ מינוט שפּעטער האָט יענער ווייטער געשריגען: ״הלל! וואו איז הלל?״ האָט זיך הלל איינגעהילט און איז צו׳ן איהם אַרויסגעקומען זאָגענדיג:

— איך בין הלל! און וואָס ווילסטו מיין קינד?

— קענסטו מיר אפשר זאָגען — האָט יענער געפרעגט — פאַרוואָס די אויגען פון די תדמוריים זיינען טריב?

— דאָס האָסטו גוט געפרעגט — האָט הלל געענטפערט— און דאָס קומט

דערפאַר, ווייל זיי וואוינען אין אַ זאַמדיגער געגענד, ווערען ביי זיי די אויגען פאַרפראַשעט...

אַ מינוט שפּעטער האָט יענער ווייטער געשריגען מיט באַנומענע קולות: ״הלל! וואו איז דאָ הלל?״

האָט זיך הלל איינגעהילט און איז צו׳ן איהם אַרויסגעקומען מיט די ווערטער:

— דאָ בין איך און וואָס ווילסטו מיין קינד?

— עס וויל זיך מיר וויסען — האָט יענער געזאָגט — פאַרוואָס די פיס ביי די אַפריקאַנער זיינען אַזעלכע ברייטע.

— דאָס האָסטו טאַקי ריכטיג געפרעגט — האָט הלל געענטפערט — און דאָס קומט, ווייל זיי געהען כסדר באָרוויס און זיי וואוינען צווישען זומפען...

האָט דאַן יענער מענש אַ זאָג געטהון: ״איך וואָלט דיך נאָך געהאַט צו פרעגען עטליכע שאלות, נור איך האָב מורא, דו וועסט בייז ווערען!״

— קענסט פרעגען, וויפיל שאלות דו ווילסט און איך וועל דיר אַלסדינג באַאַנטוואָרטען, ווי ווייט איך ווייס! — האָט הלל געענטפערט.

— ביזטו דאָס הלל, וועלכער איז אַ ״נשיא״ ביי אידען? — האָט יענער אַ זאָג געטהון.

— איך בין דאָס! — האָט הלל געענטפערט.

— דאַן ווינש איך די אידען, אַז אַזעלכע ווי דו זאָל זיך נישט מעהר געפינען ביי זיי! — האָט יענער געזאָגט.

— פאַרוואָס ווינשסטו זיי דאָס? — האָט הלל געפרעגט.

— ווייל איך האָב דורך דיר פאַרלוירען פיער הונדערט גולדען. איך האָב מיך געוועט, אַז איך וועל דיך בייז מאַכען און איך ווייס שוין נישט, מיט וואָס איך וואָלט דיך געקענט דערבייזערען.

האָט איהם הלל געענטפערט:

— ווען דו וועסט אַפילו פאַרלירען צוויי מאָל דיין וועט, וועסטו מיך אויך נישט קענען בייז מאַכען!... (שבת דף ל׳ עמוד ב׳).

די צייט, וואָס הלל איז געווען ״נשיא״ ביי אידען, איז אָנצונעהמען פון ג׳ אלפים תר״ם ביז ג׳ אלפים ת״ש (דאָס הייסט: פונ׳ם 30טען יאָהר בעפאָר דער היינטיגער צייטרעכענונג ביז צום 10טען יאָהר נאָך דער דאָזיגער רעכענונג).

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאַמאָלסדיגער פּאָליטישער לאַגע פון ארץ־ישראל איז אויך, וואָס הלל האָט געצויגען זיין יחוס פון דוד המלך. די מוטער זיינע איז געווען אַ דירעקטע אָפּשטאַמערין פון שפטיה בן דוד. האָט איהם דאָס פאָלק באַטראַכט ווי אַ שפּראָץ פון מלכות בית דוד און מען האָט איהם אויך אָפּגעגעבען אַזאַ כבוד. האָט מען דאַן געקוקט אויף הורדוס׳ן ווי אויף אַ בייז אַנשיקעניש, וועלכער האָט בלויז די אויפגאַבע, אָנצוקלייבען די שטייערען פאַר די גוי׳שע הערשער פונ׳ם לאַנד און צו באַשיצען די גרעניצען, און הלל איז געווען דער רעליגיעזער פיהרער, וועמעס וואָרט עס דאַרף באַפאָלגט ווערען ביי אַלע פראַגען פונ׳ם לעבען.

זיכער איז אויך אָנצונעהמען, אַז אין יענער צייט איז איינגעפיהרט געוואָרען די ברכה ״את צמח דוד״ אין דער שמונה־עשרה, וועלכע ענדיגט זיך מיט ״מצמיח קרן ישועה״. עס האָט אפשר דאַמאָלס איטליכער באַטראַכט די גדולה

הלל הזקן הבבלי

פון הלל ווי אן אנהויב צוריקקעהר פון "מלכות בית דוד". דאס איז אויך געווען די אורזאך, וואס מען האט איינגעפיהרט צו זאגען אין די ברכות פונ'ם מפטיר "שמחנו ה' אלהינו באליהו הנביא עבדך ובמלכות בית דוד משיחך" און מען האט פארענדיגט יענע ברכה מיט די ווערטער: "על כסאו לא ישב זר ולא ינחלו עוד אחרים את כבודו".

פון הלל'ס גזע זיינען ארויסגעקומען אין דער צייט פונ'ם בית־המקדש דריי דורות "נשיאים", וועלכע זיינען געווען די פארשטעהער פון דער אידישער אמונה וועהרענד א צייט פדן הונדערט יאהר. פאר דער דרויסענדיגער וועלט איז דער קעניג געווען הורדוס און זיינע יורשים, אבער אינעווייניג אינ'ם פאלק'ס לעבען, וועלכעס האט זיך קאנצענטרירט אין דער אמונה, האט הלל'ס יורש אנגעפיהרט די ממשלה.

ווי עס איז אויך אנצונעהמען, האט הורדוס געוואוסט, וואס פאר א כבוד דאס פאלק גיט אפ צו הלל און ווי איטליכער קוקט אויף איהם ווי אויף אן אפשטאמער פון "מלכות בית דוד". האט ער אבער אין זיין פאליטישען שכל נישט געהאט קיין עגמת־נפש פון דעם און עס האט איהם ווייניגער געארט, ווי ווען ער וואלט געהערט, אז הלל איז אן אפשטאמער פון די חשמונאים.

הלל'ס חשיבות ביי די שפעטערע חכמים איז געווען ווי די חשיבות פון עזרא הסופר — און ווען מען פלעגט אמאל זאגען, אז עזרא הסופר האט באנייט די תורה, וועלכע איז געהאט פארגעסען געווארען אין זיין צייט, פונקט אזוי פלעגט מען זאגען, אז די תורה איז שוין געהאט פארגעסען געווארען נאך'ן טויט פון שמעיה ואבטליון, איז דאן געקומען הלל פון בבל און האט זי באנייט.

אכציג פון די וויכטיגסטע מענשען פון יענעם דור—דערצעהלט די גמרא—זיינען געווען הלל'ס תלמידים. דרייסיג פון זיי זיינען געווען ווירדיג, אז די שכינה זאל אויף זיי רוהען, גלייך ווי זי האט גערוהט אויף משה רבנו. אנדערע דרייסיג פון זיי זיינען געווען ווירדיג, אז די זון זאל זיך פאר זייערטוועגען אפשטעלען, גלייך ווי זי האט זיך אמאל אפגעשטעלט פאר יהושע בן נון. און די אנדערע צוואנציג זיינען געווען מיטעלמעסיגע. איז צווישען די דאזיגע מיטעלמעסיגע געווען אזא מענש ווי יונתן בן עוזיאל, וואס די תורה האט ביי איהם אזוי געברענט, אז ווען א פויגעל איז פאר איהם פארביי געפלויגען אין דער צייט וואס ער האט געלערענט, איז ער פארברענט געווארען פון זיין פלאמענדיגער התלהבות (סוכה דף כ"ח עמוד א').

ווענגען הלל'ס באשיידענהייט און זיין געדולד צו אלערליי מענשען איז שוין דערצעהלט אויבען. ער איז אויך געווען זעהר גענוגזאם און ער פלעגט זאגען: "ברוך ה' יום יום" (געלויבט איז גאט פאר'ן היינטיגען טאג). איבערגעקומען איין טאג פלעגט ער קיינמאל נישט זארגען פאר'ן מארגעדיגען טאג. אין דעמזעלבען זין האט ער אויך געהאלטען זיינע הויז־מענשען, און ווען ער האט אמאל געהערט די געשרייען פון א צאנקעריי אין דער געגענד וואו ער האט געוואהנט, האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים, וועלכע האבען איהם באגלייט פונ'ם בית־המדרש ביז צו זיין הויז: "איך בין זיכער, אז די צאנקעריי קומט נישט פון מיין הויז!..." (ברכות דף ס' עמוד א').

אין זיינע מאראלישע לעהרען פלעגט ער זיך אפטמאל באנוצען מיט א בילדער־שפראך און ער פלעגט אויך ריידען אין א קורצער עפיגראמאטישער פארם. איז דאדורך מאנכעס מאל שווער צו געפינען די באדייטונג פון זיינע ווערטער און מען קען זיי אויסטייטשען אויף פארשיעדענע אופנים. ריהרט דאס אבער נישט אן די מאראלישע באדייטונג זייערע, ווייל ווי אזוי מען וועט זיי נישט טייטשען, וועלען אלץ ארויסקומען פון זיי הויך־מאראלישע לעהרען, וועלכע

זיינע א כבוד פאר׳ן גאנצען פאלק, ווען עס איז געווען מעגליך, עס זאל ארויס־ברענגען אזא הויך־מאראלישע פערזענליכקייט ווי הלל אין אזא שווערער צייט, ווי עס איז דאמאלס געווען.

הלל פלעגט האבען א ווערטעל: ״דארט וואו מיין הארץ האט ליעב, דארט פיהרען מיך מיינע פיס, ווען דו קומסט צו מיר, קום איך אויך צו דיר. אבער ווען דו קומסט נישט צו מיר, קען איך נישט קומען צו דיר״. פלעגט מען דאס אויסטייטשען אויף פארשיעדענע אופנים און איטליכער האט אין די דאזיגע ווערטער געפונען, וואס ער האט געוואלט.

כמעט יעדען טאג, ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון זיינע תלמידים, פלעגט ער זאגען, אז ער געהט אונטערהאלטען א גאסט ביי זיך אין הויז. האבען איהם די תלמידים אמאל געפרעגט: ״האסטו דען יעדען טאג א גאסט אין דיין הויז?״ —האט ער זיי געענטפערט: ״די נשמה איז ביי אונז נישט מעהר ווי א גאסט. היינט איז זי דא און מארגען קען זי שוין זיין אוועקגעפליגען!״ (ויקרא רבה פרשה ל״ד פיסקא ג׳).

און ווען הלל האט געזאגט, אז ער דארף אונטערהאלטען א גאסט, האט ער נישט געהאט אין זינען בלויז דאס עסען און טרינקען, חאטש ער האט אויך אויף עסען און טרינקען גרויס געוויכט געלייגט און ער פלעגט זאגען, אז די גרעסטע מצוה איז, אפצוהיטען די געטליכע צורה פונ׳ם מענשען אין דערזעלבער ריינקייט, ווי דער אויבערשטער האט זי באשאפען. הויפטזעכליך פלעגט ער זאגען, אז דער מענש איז פארפליכטעט, כסדר צו שטרעבען צו א פארפאלקאמונג פון זיין גייסטיגען ״איך״, ווייל ווען דער מענש וועט נישט אליין זארגען פאר זיין ״איך״, וועט אן אנדערער נישט זארגען פאר איהם. דאביי האט ער ווייטער צוגעגעבען, אז אליין פאר זיך איז דער מענש א גאר־נישט און ער דארף האבען די הילף פון אנדערע. עס דארף אויך דער מענש שטענדיג אין זינען האבען, אז דאס וויכטיגסטע אין לעבען איז דער ״יעצט״, ווייל ווען נישט י ע צ ט, טא ווען?...

הלל האט אויך פעסט געגלויבט, אז קיינער ליידעט נישט אומגערעכט, און ווען עס קען זיך אפילו אמאל אויסדאכטען, אז די געטליכע גערעכטיגקייט האט חלילה א טעות, דארף מען וויסען, אז דארט אויבען איז אלסדינג בארעכענט און יעדער קריגט זיין פארדיענטע שטראף דורך אן אנדערען שולדיגען. וועלכער דארף אויך קריגען א שטראף. אזוי האט ער אמאל געזעהן א מענשען־קאפ שווימען אויפ׳ן וואסער. די צייט איז געווען אזעלכע, אז יעדע רגע זיינען פארגעקומען הריגות. שטילערהייד, אהן אויפזעהען, פלעגט הורדוס לאזען הרג׳ענען הונדערטער מענשען און זיי אריינווארפען אין וואסער. האט הלל געגלויבט, אז ווען יענע מענשען זאלען זיך נישט האבען פארדיענט דעם טויט, וואלט דאס דער אויבערשטער נישט צוגעלאזען. גלייכצייטיג האט ער אויך געגלויבט אז דער מערדער מוז סוף־כל־סוף קריגען זיין חלק שטראף. האט ער דאן געזאגט צו דעם שווימענדיגען קאפ: ״דו האסט אנדערע מענשען דערטרונקען, האט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקער וועט זיין, אז זיי וועלען אליין דערטרונקען ווערען״ (סוכה דף נ״ג עמוד א׳).

פון קינדווייז אן איז הלל געווען אפגעהיט פון יעדען איבעריגען געניוס. האט ער דאס געוואלט איבערגעבען צו זיינע תלמידים, זיי זאלען זיך אויך אזוי פיהרען ווי ער. האט ער צו זיי אזוי געזאגט: ״פיעל פלייש עסען מאכט פיעל ווערים, פיעל פארמעגען מאכט פיעל זארג, פיעל ווייבער ברענגט פיעל כשוף, פיעל דיענסטפרויען פארמעהרען אונמאראליטעט אין הויז, פיעל שקלאפען ברענגען צו פיעל רויב, פיעל תורה מאכט פיעל לעבען, פיעל תלמידים מאכט פיעל וויסען, פיעל עצות פרעגען מאכט פיעל פארשטאנד, פיעל צדקה ברענגט פיעל פריעדען, ווער עס האט זיך ערווארבען א גוטען נאמען, האט דאס ערווארבען

פֿאַר זיך, און ווער עס האָט זיך ערוואָרבען פיעל תורה, האָט זיך ערוואָרבען דאָס אייביגע לעבען".

דער עיקר איז אַלעמען איז ביי הלל דאָס לערנען. האָט ער דאדורך געזאָגט, אַז ווער עס לערענט נישט, איז חייב מיתה. קיינער טאָר אויך נישט זאָגען: "ווען איך וועל צייט האָבען, וועל איך לערנען, ווייל עס איז אין אַזאַ פֿאַל מעגליך, מען זאָל גאָר קיינמאָל נישט האָבען קיין צייט".

לערנען — האָט ער אויך געהאַלטען — ברענגט צו גאָטעספֿאָרכטיגקייט, און ווער עס קען נישט לערנען, ווייסט נישט ווי אַזוי צו זיין פרום. ווער עס טהוט אָבער דאָס אַלעס און באַשעפֿטיגט זיך מיט לערנען, ווייל ער וויל זיך מאַכען אַ נאָמען צווישען מענשען, ביי דעם ווערד דער נאָמען פֿאַרלוירען...

מיט אַלע מעגליכקייטען האָט הלל שטענדיג געשטרעבט, צו פֿאַרשפרייטען די תורה, פֿלעגט ער דאדורך זאָגען: "ווען אַנדערע האַלטען אין צונויפֿקלויבען, זיי דו אַ פֿאַרשפרייטער, און ווען אַנדערע נעהמען זיך פֿאַרשפרייטען, דאַן זאָלסטו זיך האַלטען ביים צונויפֿקלויבען". און אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז דער ברייטער עולם פֿאַרשטעהט נישט גענוי, וואָס ער מיינט, האָט ער דאָס בעסער ערקלערט: "ווען דו זעהסט אַ דור, וואָס די תורה איז ביי איהם באַליעבט, דאַרפֿסטו פֿאַרשפרייטען דיין וויסען, זעהסטו אָבער אַ דור, וואָס די תורה איז ביי איהם נישט באַליעבט, דאַרפֿסטו אַלסדינג אין זיך באַהאַלטען" (ברכות דף ס"ג עמוד א').

ווען הלל האָט געלערענט אַנדערע, איז ער געווען זעהר געדולדיג און טאָלעראַנט צו יעדען געגנער, נישט ווי אַנדערע חכמים פֿון יענעם דור, וועלכע האָבען נישט געוואָלט ליידען קיין ווידערשפּרוך פֿון אַן אַנדערען און זיי פֿלעגען רעאַגירען אויף יעדע געגנערישע מיינונג אויף'ן שאַרפֿסטען אופֿן. אין אַלע זיינע מיינונגען האָט ער זיך געהאַלטען פֿריעדליך, און ווען ער האָט געוואָלט באַווייזען דעם אמת פֿון זיין מיינונג געגען אַנדערע, פֿלעגט ער דאָס טהון אויף אַ זעהר געלאַסענעם אופֿן, זאָגענדיג, אַז דער מענש דאַרף זיין פֿרידען־ליעבענד און ער דאַרף שטענדיג זוכען דעם שלום, כדי צו קומען אויף אַזאַ אופֿן צו דער מדרגה פֿון מענשען־ליעבע, וועלכעס וועט איהם מעגליך מאַכען, צו דערנעהנ־טערען די מענשען צו דער תורה.

און ווי אָנהענגליך טריי הלל איז געווען צו די טראַדיציעס פֿון דער "תורה שבעל פה", איז ער פֿון דעסטוועגען נישט פֿאַרגעגאַנגען שטורמיש געגען יענע, וואָס האָבען געצווייפֿעלט אין דער תורה שבעל פה. ער האָט זיי נישט געטריבען פֿון זיך, ווי אַנדערע פֿלעגען דאָס טהון, נור ער האָט זיך בלויז געסטאַרעט צו ערקלערען מיט'ן שכל, אַז מען קען נישט אָפּהיטען די "תורה שבכתב", אויב מען וויל נישט אַנערקענען די "תורה שבעל פה". אַזוי איז געקומען צו איהם אַמאָל אַ גוי, וועלכער האָט געוואָלט ווערען אַ איד מיט אַ תנאי, ער זאָל דאַר־פֿען בלויז לערנען תורה שבכתב. האָט איהם הלל צוגענומען און געמאַכט פֿאַר אַ איד. דערנאָך האָט ער איהם באַוויזען, אַז מען קען נישט לערנען ביי קיינעם, ווען מען איז זיך נישט סומך מיט'ן פֿולען גלויבען אויף די ווערטער פֿונ'ם לעהרער. און אַזוי ווי מען מוז גלויבען דעם לעהרער. האָט שוין יענער גוי פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז גלויבען הלל'ן, וועלכער האָט איהם אויך געלערענט, אַז די תורה קען נישט אַנדערש ערקלעהרט ווערען ווי נור מיט דער הילף פֿון דער "תורה שבעל פה".

די חכמים פֿון בעפֿאָר הלל פֿלעגען געהן געגען די "צדוקים" מיט שטורם. האָט די אַרבייט זייערע געהאַט אַ קליינע ווירקונג. עס האָט אויך ווייניג וואָס געהאָלפֿען, ווען שמעון בן שטח איז געגאַנגען געגען די "צדוקים" מיט'ן כח פֿון דער רעגירונג. האָט דאַן הלל'ס מעטהאָדע בעסער גענוצט פֿון אַנדערע,

ווייל ער איז געגאנגען מיט ארגומענטען און איבערצייגונגען. האָט ער געקענט וועגען זיך זאָגען: "עס זיינען געווען פיעלע פּושעים צווישען אידען, זיינען זיי דערנעהנטערט געוואָרען צום לערנען די תורה און עס זיינען דערנאָך פון זיי ארויסגעקומען פרומע און עהרליכע מענשען". *)

אויף וויפיל עס איז באַקאַנט, איז הלל געווען דער ערשטער פון אונזערע תנאים, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ סיסטעם אינ'ם איינטייטשען די דינים פון דער תורה לויט לאָגישע "רעגעלען" — אָדער "מדות שהתורה נדרשת כהן", ווי זיי ווערען אָנגערופען אין דער גמרא — און די צאָהל פון די דאָזיגע הלל'שע "רעגעלען" איז געווען ז י ב ע ן.

ווי עס איז אויך אָנצונעהמען, האָט זיך הלל די דאָזיגע זיבען "רעגעלען" (אָדער "מדות" ווי זיי הייסען אין דער גמרא) נישט פּלוצים אויסגעטראַכט פונ'ם קאָפּ, לויט עפּיס אַ "קאַפּריז". זיכערליך זיינען יענע אַלע "רעגעלען" געווען פון פריהער — און ווען הלל האָט זיך פאַרטיפט אינ'ם שטייגער פון די דרשות אויף פאַרשיעדענע פּסוקים פון דער תורה, וועלכע ער האָט געהערט פון זיינע פאָרגענגער, האָט ער אויסגעפונען, אַז אָט די אַלע אויסטייטשונגען אין די דרשות פון די פריהערע חכמים זיינען באַגרינדעט אויף אַ לאָגישען סיסטעם פון געוויסע "רעגעלען".

זיבען אַזעלכע "רעגעלען" האָט הלל אויפגעשטעלט. שפּעטער האָבען זיינע נאָכפאָלגער ווייטער פאַרגרעסערט די צאָהל פון די דאָזיגע "רעגעלען", ר' ישמעאל האָט געמאַכט דרייצען אַזעלכע "רעגעלען". ביי ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי איז אָנגעוואַקסען זייער צאָהל ביז צוויי און דרייסיג און אין אַ "ברייתא דר' נתן", וועלכע הייסט אויך "ברייתא דמדות", רעכענט זיך אַזש ניין און פערציג רעגעלען.

הלל'ס זיבען לאָגישע "רעגעלען" אין די איינטייטשונגען פון דער תורה זיינען: 1) קל וחומר, 2) גזרה שוה, 3) בנין אב, 4) כלל ופרט, 5) שני כתובים, 6) כיוצא בו ממקום אחר, 7) דבר הלמד מענינו. **)

ווי עס איז שוין אויבען באַשריבען, האָבען די "בני בתירה", ווען זיי זיינען געווען די פיהרער פון די סנהדרין, נישט געוואוסט אַמאָל, וואָס עס איז צו טהון מיט'ן "קרבן פסח", ווען ערב פסח געפאַלט אום שבת. איז דאַמאָלס הלל געקומען און ער האָט מיט זיי אַרגומענטירט אויף די יסודות פון זיינע "רעגעלען", צו באַווייזען, אַז דער "קרבן פסח" איז דוחה שבת. האָט מען דאַן

---

*) אין פּרקי אבות האָט דער מסדר פון דער משנה אַוועקגעשטעלט מאַנכע אויסשפּרוכען פון הלל נאָך די אויסשפּרוכען פון ר' גמליאל בן ר' יהודה הנשיא. ווילען דאַדורך מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז די דאָזיגע אויסשפּרוכען שטאַמען נישט פון הלל הזקן, נור פון אַ שפּעטערען הלל. זאָגען אָבער אַנדערע היסטאָריקער, אַז דאָס איז נישט ריכטיג — און וואָס די מאמרים שטעהען נאָך ר' גמליאל, האָט נישט קיין שייכות צו דער צייט פון די אויסשפּרוכען, עס שטעהט אויך באַלד דערנאָך "רבי יוחנן בן זכאי קבל מהלל ומשמאי". איז דאָס אַ באַוויז, **אַז די דאָזיגע אַלע אויסשפּרוכען שטאַמען פונ'ם ערשטען הלל, פון הלל הזקן, און נישט פון** קיין שפּעטערען הלל.

**) וועגען דער טראַדיציאָנעלער ווערדע פון די דאָזיגע "רעגעלען" איז פאַרהאַנען אַן אָנ־דייטונג אין דער גמרא, וואו עס ווערד געזאָגט: "דבר ה' כזה, ואפילו אמר כל התורה כלה מן השמים חוץ מדקדוק זה, מקל וחומר זה, מגזרת שוה זו" (סנהדרין דף צ"ט עמוד א'). אונזערע חכמים האָבען אַלזאָ געגלויבט, אַז אַלע אויסטייטשונגען פון דער תורה, וועלכע זיינען ארויס־געקומען פון זייערע דרשות, אפילו "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש", איז אַלסדינג ווי אַ "הלכה למשה מסיני".

הלל הזקן הבבלי

דאָס ערשטע מאָל געקראָגען צו הערען לאָגישע באַגרינדונגען פאַר די טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען אין דער תורה, וועלכע זיינען דערנאָך פאָרטגעזעצט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער דורך שפּעטערע חכמים.

די ערשטע פון הלל׳ס זיבען "רעגעלען" איז "ק ל ו ח ו מ ר". דאָס מיינט, אַז ווען עס איז פאַרהאַנען אַ געוויסע אויסטייטשונג פאַר אַ דין פון אַ גרינגערער מדרגה, דאַרף מען דיזעלבע אויסטייטשונג אָנווענדען פאַר אַ דין פון אַ שווערער מדרגה, ווען יענער שווערערער דין איז נישט גענוג ערקלערליך.

אָט די "רעגעל" לעהרענט, וואָס עס איז צו טהון ביי אַ נישט קלאָר דערקלערטען דין לויט אַן אַנדערען דין, וועלכער איז קלאָרער דערקלערט. אַזאַ "קל וחומר" קומט געוועהנליך, צו פאַרשאַרפען דעם דין דאָרט וואו מען וואָלט איהם געהאַלטען גרינגער. עס טרעפט אָבער אַמאָל אויך, אַז דער "קל וחומר" קומט פאַרגרינגערען דעם דין דאָרט, וואו מען וואָלט איהם געהאַלטען שווערער.

לויט ווי אונזערע חכמים האָבען באַרעכענט, זיינען פאַרהאַנען צעהן אַזעלכע "קל וחומר׳ס" אין דער תורה, אַ שטייגער ווי די טענה פון יוסף׳ס ברידער, ווען מען האָט זיי נאָכגעיאָגט, צו געפינען ביי זיי דעם באַוואוסטען בעכער. האָבען זיי דאַן געזאָגט: "הן כסף אשר מצאנו בפי אמתחותינו, השיבונו אליך מארץ כנען, ואיך נגנוב מבית אדוניך כסף או זהב?", וועלכעס מיינט: "ווען מיר האָבען דיר צוריקגעבראַכט פונ׳ם לאַנד כנען דאָס געלד, וועלכעס מיר האָבען געפונען ביים עפענען אונזערע זעק. טאָ ווי קענסטו זאָגען, אַז מיר האָבען גע׳גנב׳ט פון דיין האַר׳ס הויז זילבער אָדער גאָלד?" — אַלס אַן אַנדערער משל פון אַ "קל וחומר" אין דער תורה קען אונז אויך דיענען דער פאָלגענדער אויסשפּרוך פון משה רבנו: "הן בעודני חי עמכם היום, ממרים הייתם עם ה׳, ואף כי אחרי מותי", וועלכעס מיינט: "זעהט, היינט ווען איך לעב נאָך מיט אייך, זייט איהר ווידערשפּעניגער אַקעגען גאָט, טאָ וואָס וועט שוין זיין נאָך מיין טויט?"...

און ווען הלל איז געשטאַנען בעפאָר די "בני בתירה" און ער האָט אַרגומענטירט וועגען דער פראַגע, צי דער "קרבן פסח" איז דוחה שבת אָדער נישט, האָט ער אויף פאָלגענדען אופן אַרגומענטירט: "מה־דאָך דער קרבן־תמיד, וואָס מען איז נישט חייב כרת, אויב מען איז איהם נישט מקריב, איז ער פון דעסטוועגען דוחה שבת, מוז מען זאָגען, אַז דער קרבן־פסח, וואָס מען איז יאָ חייב כרת, ווען מען מאַכט איהם נישט, איז אודאי דוחה שבת".

די צווייטע פון הלל׳ס "רעגעלען" איז די "ג ז ר ה ש ו ה" — און די באַדייטונג דערפון איז אַ ווערטערליכע פאַרגלייכונג אין דער באַשרייבונג פון אַ געגענשטאַנד, צו באַגרינדען ביי צוויי פאַרשיעדענע אָנגעלעגענהייטען די ווירקונג פון איין דין דורך אַ נעהנטערע באַצייכנונג ביי אַן אַנדערען דין, ווען די לאָגישע פאָלגערונגען פוןביידען איז אפילו נישט גענוג באַגרינדעט. דאַביי זאָגט די גמרא, אַז "אַ מענש קען זיך אויסלערנען אַ גזרה־שוה בלויז אויף צו באַשטעטיגען דאָס אַרויסגעלערנטע, אָבער נישט אויף מבטל צו זיין".

אַ ביישפּיעל פאַר דער "גזרה שוה" איז, ווי די גמרא וויל ערקלערען, אַז "עין תחת עין" מיינט נישט אַרויסצושלאָגען יענעם אַן אויג, ווען ער האָט פריהער אַרויסגעשלאָגען דאָס אויג ביי אַן אַנדערען, חאָטש דער פּסוק זאָגט בפירוש: "כי יתן מום בעמיתו, כאשר עשה כן יעשה לו", ווייל אַזוי ווי עס שטעהט ביי אַן אַנדערען ענין "שלם ישלם שור תחת השור", מיינט עס דאָך, אַז דער אייגענטימער פונ׳ם שטויסענדיגען אָקס דאַרף באַצאָהלען דעם שאָדען צום באַשעדיגטען, איז דערפון געדרונגען, אַז "עין תחת עין" מיינט אויך נור צו באַצאָהלען דעם שאָדען (זעה בבא קמא דף פ״ד עמוד א׳).

ווי ווייט מען קען געהען ביי אַ "גזרה שוה", האָט דער ירושלמי אויפגע־

שטעלט א כלל: ״כל מילתא דלא מחוורא, מיתינן מאתרין סגיאין״. דאס הייסט: יעדע זאך, וואס דער פסוק האט נישט גענוי ערקלערט, מעג מען זיך אויסזוכען צו דעם א סמך פון פיעלע אנדערע פסוקים.

און ווען הלל איז געשטאנען פאר די ״בני בתירה״ און ער האט ארגומענטירט וועגען דער פראגע, צי דער ״קרבן פסח״ איז דוחה שבת, האט ער באנוצט דעם פאלגענדען באווייז: ״נאמר בתמיד במועדו ונאמר בפסח במועדו, מה תמיד שנאמר בו במועדו, דוחה את השבת, אף פסח שנאמר בו במועדו, דוחה את השבת״. דאס מיינט: ביי די פארשריפטען וועגען דעם ״קרבן תמיד״ ווערד געברויכט דאס ווארט ״במועדו״ און ביים ״קרבן פסח״ ווערד אויך געברויכט דאס ווארט ״במועדו״. דארף מען זאגען, אז אזוי ווי דער ״קרבן תמיד״ איז דוחה שבת, איז דער ״קרבן פסח״ אויך דוחה שבת.

די רעגעל פון דער ״גזרה שוה״ וואלט מען אויך געקענט רופען ״הקש״, ווי די גמרא זאגט ״להקיש ולדון ממנו גזרה שוה״. האט זיך אבער די מדה פון ״הקש״ שפעטער דיפערענצירט פון דער ״גזרה שוה״. זי ווערד אויך איבערהויפט נישט דערמאנט ביי די מדות פון הלל און נישט אין דער ״ברייתא דר׳ ישמעאל״.

ארויסגעלערענט האט מען די דאזיגע ״רעגעל״ פון דער תורה גופא. וועלכע פארגלייכט מאנכע ענינים איינעם צום אנדערען, כדי ארויסצולערנען איינס פונ׳ם אנדערען, א שטייגער ווי זי זאגט ביי דער פארגעוואלטיגונג פון א ״נערה מאורשה״, אז ווען די טהאט איז פארגעקומען אויסערהאלב פון דער שטאדט, וואו עס איז אנצונעהמען, אז די מיידעל האט געשריגען און עס איז איהר קיינער נישט געקומען צו הילף, זאל מען דער מיידעל גארנישט טהון, ווייל ״דאס איז גלייך ווי א רוצח הרג׳עט א מענשען״.

א דריטע ״רעגעל״ פון הלל איז ״ב נ י ן א ב ״. דאס באצייכענט א געגענשטאנד, וועלכער איז אין א געוויסען פסוק אויסגעדריקט אויף אן אלגעמיינעם אופן און מען לערענט פון איהם דעם דין וועגען אן עהנליכער זאך, וועלכע איז נישט ערקלערט אין דער תורה.

די באצייכנונג ״בנין אב״ באטייט א ״פאטערליכער בוי״, ווייל דער לעהרער איז ווי א פאטער און די לערנער זיינען ווי קינדער. די באצייכנונג זאגט אויך, אז די דאזיגע ״מדה״ האלט זיך ווי א בנין, פון אויבען איז איין שטיין, וועלכער שטעהט אויף א יסוד פון פיעלע אנדערע שטיינער.

און ווען מיר געפינען אין דער תורה ענינים, וואס זיינען עהנליך איינער צום אנדערען אין זייער אינהאלט אדער אין אן אנדערער אייגענשאפט זייערער, וועלכע איז אויסגעדריקט גענוי אויף איין פלאץ און זי איז נישט אויסגעדריקט גענוי אויף אן אנדערען פלאץ, לעהרענט דאס אויף אלע עהנליכע פסוקים און מיר פארגלייכען זיי אין יענעם דין, וועלכער דאכט זיך ווי א פאטער, ווייל עס שפרייט זיך פון איהם פאנאנדער א משפחה און זי פארבינדט זיי אלעמען אין א פאמיליארער איינהייט.

די פערטע ״רעגעל״ איז ״כ ל ל ו פ ר ט ״. דאס הייסט אן אלגעמיינער דין, וועלכער ווערד דערנאך באלד אויפ׳ן ארט ספעציאליזירט און די ״ספעציאליזאציע״ ערקלערט די אונערקלערטע פאראלגעמיינערונג.

ווי עס איז שוין געשריבען געווארען וועגען די אורזאכען, צוליעב וועלכע הלל איז געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז איינע פון די דאזיגע אורזאכען געוועזען, וואס ער האט געוואלט וויסען, צי עס איז נויטיג, אז דער כהן זאל דעם אפגערייניגטען מענש ערקלערען אלס ריין, אדער עס איז גענוג, ווען דער קראנקער האט דורכגעמאכט די רייניגונגס־פראצעדור און ער דארף נישט ווארטען אויפ׳ן אויסשפרוך פונ׳ם כהן. איז ער דאן געקומען צו דער ערקלערונג,

אַז אַזוי ווי עס שטעהט ביי דער היילונג פון אַ "נתק" דאָס וואָרט "טהור הוא". איז דאָס אַ "כלל" (אַ פּאַראַלגעמיינערונג). דערנאָך שטעהט ווייטער "וטהרו הכהן", איז דאָס אַ "פרט" (ד. ה. אַ "ספּעציפיקאַציע"), קען מען נישט פאַרשטעהען דעם דאָזיגען "כלל", ווען מען האָט נישט דעם "פּרט", ווייל דער "פּרט" קומט דאָ צו ערקלערען דעם "כלל", אַז די רייניגונג דאַרף זיין דוקא דורך'ן וואָרט פונ'ם כהן, ווייל דער געגעזענער קען נישט ערקלערט ווערען אַלס ריין, ווי לאַנג דער כהן האָט דאָס נישט געזאָגט.

אַ פינפטע "רעגעל" איז שני כתובים, דאָס מיינט צוויי פּסוקים, וואָס ווידערשפּרעכען זיך איינע די אַנדערע און מען קען נישט וויסען די ריכטיגע באַדייטונג. אַ שטייגער ווי יעדער ווידערשפּרוך וועגען "קרבן פּסח", וואָס הלל איז צוליעב דעם געקומען קיין ארץ־ישראל. איין פּסוק זאָגט "וזבחת פּסח לה' אלהיך צאן ובקר" און אַ צווייטער פּסוק זאָגט "מן הכבשים ומן העזים תקחו", האָט הלל נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ בהמה מען דאַרף נעהמען פאַר'ן "קרבן פּסח", ווען איין פּסוק הייסט נעהמען שאָף און רינדער און אַ צווייטער פּסוק הייסט נעהמען לעמער און ציעגען. האָט ער דאָס שפּעטער ערקלערט מיט אַ דריטען פּסוק, וועלכער זאָגט "משכו וקחו לכם צאן למשפּחותיכם ושחטו הפּסח", איז די ערקלערונג דערפון "צאן לפּסח, צאן ובקר לחגיגה".

עהנליך צו דעם איז הלל'ס ערקלערונג צו אַנדערע צוויי ווידערשפּרעכענדע פּסוקים, וועלכע האָבען איהם נישט געלאָזט רוהען אין בבל און ער איז געגאַנגען זוכען אַן ערקלערונג צו זיי אין ארץ־ישראל. איין פּסוק זאָגט "ששת ימים תאכל מצות" און איין פּסוק זאָגט "שבעת ימים מצות תאכלו". האָט ער דאָס דאַן ערקלערט, אַז זעקס טאָג דאַרף מען עסען מצות פון דער נייער תבואה (נאָך'ן ברענגען דעם עומר) און זיבען טאָג דאַרף מען עסען פון דער אַלטער תבואה.

די זעקסטע "רעגעל" פון הלל איז "כיוצא בו ממקום אחר". וועלכעס מיינט, אַז אַ געוויסער וואָרט ביי אַ געוויסען דין מוז אַמאָל ערקלערט ווערען דורך אַן אַנדערען דין, כאָטש ער שטעהט נישט אין קיין צוזאַמענהאַנג מיט יענעם.

די זיבעטע "רעגעל" איז "דבר הלמד מעניינו", ווען מיר שטרעבען אַרויס צו לערנען דאָס אומדערקלערטע ביי אַ געגענשטאַנד פון די ווערטער אינ'ם אומדערקלערטען געגענשטאַנד גופא.

שמאי — הלל׳ס חבר

נאָכדעם ווי הלל איז געוואָרען "נשיא", האָט מען אויסגעקליבען אַלס "אב בית דין" איינעם מיט׳ן נאָמען מ נ ח ם. ווייסט מען וועגען איהם זעהר ווייניג. די גמרא דערצעהלט בלויז, אַז דער דאָזיגער מנחם האָט פאַרלאָזען זיין אַמט און ער איז אַוועקגעגאַנגען פונ׳ם בית־המדרש צוזאַמען מיט אַכציג "פאַרלעך" תלמידים, וועלכע האָבען געקראָגען מתנות פונ׳ם קעניג, האָבען זיך אָנגעטהון קעניגליכע קליידער און זיינען אריינגעטרעטען אין קעניגליכען דיענסט (חגיגה דף ט"ז עמוד ב׳).

צו וואָס דער דאָזיגער מנחם האָט דאָס געטהון, איז נישט באַקאַנט, זאָגען מאַנכע חכמים וועגען דעם, אַז ער איז דערצו געצוואונגען געוואָרען און ער האָט דאָס געטהון געגען זיין ווילען.

ווער מנחם איז געווען, דערצעהלט יאָזעפוס, אַז ער האָט פריהער באַלאַנגט צו די "אסיים" — און ווען הורדוס איז נאָך יונג געווען האָט ער איהם פראָפעצייעט, אַז ער וועט אַמאָל זיין קעניג. און ווען די דאָזיגע נבואה איז שפּעטער מקוים געוואָרען, האָט זיך הורדוס אָן איהם דערמאָנט און ער האָט זיך אויך צו איהם זעהר גנעדיג געוויזען.

טאָ, אויב דאָס איז טאַקע דערזעלבער מנחם, האָט איהם קעניג הורדוס וואהרשיינליך איינגעשמועסט, אַז ער וועט זיין זיכערער מיט זיין לעבען, גלייך ווי מיט זיין קאַריערע, ווען ער וועט נישט האָבען צו טהון מיט׳ן בית־המדרש און ער וועט זיך ליעבערשט ווידמען צום קעניגליכען דיענסט. האָט זיך דאָס מנחם געלאָזט איינשמועסען—און אויף זיין אָרט איז געקומען ש מ א י.

ווי לאַנג מנחם איז געווען מיט הלל׳ן איז נישט באַוואוסט. זיכערליך איז דאָס געווען וועהרענד זעהר אַ קורצע צייט, ווייל ער האָט נישט איבערגעלאָזען קיין שום רושם, ווען ער איז געווען—און זיינס אַ וואָרט ווערד אויך נישט אין ערגיץ דערמאָנט.

שמאי איז כאַראַקטעריזירט אין דער גמרא אַלס אַ בייזער — אין גענענזאַץ צו הלל, וועלכער ווערד געשילדערט אַלס אַ באַשיידענער און גוטמוטהיגער.

יעדער גוי וואָס האָט זיך געוואָלט מגייר זיין אונטער געוויסע באַדינגונגען און הלל האָט איהם אריינגענומען אין דער אידישער אמונה, איז געווען פריהער ביי שמאי, וועלכער האָט איהם שטאַרק אויסגעזידעלט פאַר זיינע באַדינגונגען און ביי איינעם האָט ער זיך זאָגאַר גענומען שלאָגען. און ווי גרינג שמאי איז געווען צו דערצערענען, איז דאָס פון דעסטוועגען חלילה נישט קיין באַוויז פון שלעכטיגקייט, ווייל ווען ער האָט איינגעזעהן, אַז דער געגנער האָט רעכט, האָט ער דאָס תמיד ווילינ צוגעגעבען. אַזוי האָט ער אַמאָל געהאַט אַן ארגומענט מיט יונתן בן עוזיאל, וועלכער איז געווען איינער פון הלל׳ס תלמידים, און יענער האָט איהם לחלוטין נישט געשוינט מיט ווערטער, האָט דאַן שמאי איינגעזעהן, אַז יונתן האָט רעכט, האָט ער זיך בלויז באַקלאָגט, וואָס יונתן האָט איהם באַליידיגט.

דער בעסטער באַוויז פאַר שמאי׳ס כאַראַקטער איז, וואָס ער פלעגט זאָגען, אַז מען דאַרף יעדען מענשען אויפנעהמען מיט אַ פריינדליכען פנים. ווילען

מאנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז ער האָט וואַהרשיינליך געוואָלט אַנדערע אויסבעסערען, וואָס ער האָט ביי זיך אַליין נישט געקענט דורכפיהרען...

גלייך מיט הלל האָט שמאי געלערענט ביי שמעיה ואבטליון. דאַכט זיך אָבער, אַז באַלד נאָך׳ן טויט פון שמעיה ואבטליון האָט ער אָנגעהאַלטען אַ בית־המדרש מיט תלמידים, איידער הלל האָט נאָך אָנגעפיהרט זיין בית־המדרש. און ווען די ביידע בתי־מדרשים (״בית שמאי״ און ״בית הלל״) ווערען דער־מאָנט צוזאַמען אין דער גמרא, ווערד ״בית שמאי״ געוועהנליך דערמאָנט אויף׳ן ערשטען פּלאַץ.

אין פרומקייט איז שמאי געווען גאַנץ עקסטרים. דער שבת איז ביי איהם געווען דער וויכטיגסטער טאָג אין דער וואָך, וואָס אַ איד דאַרף זיך צו׳ן איהם צוגרייטען, גלייך ווי ער זאָל מקבל־פּנים זיין אַ פּרינץ. פלעגט ער טאַקי באַלד פון זונטאָג אָן אויסזוכען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע לכבוד שבת. ער האָט זיך אויך נישט ערלויבט צו פאַרפּוצען זיין וואָכענדיגען טיש מיט אַ בע־סערען מאכל, ווי לאַנג ער האָט נישט געהאַט אָנגעגרייט עטוואָס שעהנערס און בעסערס פאַר שבת.

פאַר קינדער איז דאַמאָלס געווען אָנגענומען ביי יעדען, אַז מען דאַרף זיי נישט לאָזען פאַסטען אום יום־כפור. פלעגט זיך יעדער פאָטער אָפּוואַשען איין האַנד און מיט דער איינער אָפּגעוואַשענער האַנד געבען די קליינע קינדער עסען. האָט דאָס שמאי איינמאָל נישט געוואָלט טהון, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עובר זיין אויף ״רחיצה״ אום יום־כפור. האָט ער געלאָזט זיינס אַ קליין קינד פאַסטען. האָבען דאַן אַנדערע חכמים געזעהן, אַז עס איז אַ סכנה פאַר דעם דאָזיגען קינד׳ס לעבען. האָבען זיי שמאי׳ן געצוואונגען, צו געבען דעם קינד עסען מיט ביידע הענד. און ווען זיין שנור האָט געבוירען אַ אינגעל אום סוכות, האָט ער אַרונטערגענומען דעם דאַך פון׳ם הויז און באַדעקט דעם באַלקען איבער דער שנור׳ס בעט מיט ״סכך״, כדי דער ניי־געבוירענער אייניקעל זיינער זאָל נישט ליגען ״חוץ־לסוכה״...

אין אַלגעמיין קען מען פון שמאי׳ס פיהרונג זעהן, אַז ער איז געווען אַ גרויסער מדקדק אין מצוות. דאַביי איז צו באַמערקען, אַז אין דער פּאָליטיק פון׳ם לאַנד האָט ער זיך זיכערליך נישט געמישט. ער האָט זיך בלויז אָפּגע־געבען מיט אייננטייטשען די מצוות פון דער תורה, ביי וועלכע ער פלעגט זעלטען ווען איבעראיינשטימען מיט הלל, ווייל הלל פלעגט זיך אין זיינע אויסטיי־טשונגען אַוועקלאָזען אויף אַ ברייטערען וועג — און שמאי האָט זיך געהאַלטען שטרענג אָן דער ווערטערליכער באַדייטונג פון׳ם פסוק, אפילו דאָרט וואו דער לאָגישער זין האָט געוויזען, אַז מען דאַרף דעם ענין אַנדערש אייננטייטשען. הלל פלעגט זיך אויך אָפטמאָל גריבלען אין די אורזאַכען פון די דינים, דורכ־געהענדיג קריטיש יעדע פריהערע אייננטייטשונג און ערשט דערנאָך פלעגט ער באַשליסען, וואָס עס איז צו טהון.

שפּעטער זיינען די דיפערענצען ביי ביידענס תלמידים זעהר שטאַרק אויס־געוואַקסען, ביז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אידישע תורה באַשטעהט פון צוויי פאַרשיעדענע תורה׳ס — און ווי אַזוי איין צד האָט געזאָגט, האָט דער אַנדערער צד געזאָגט אַנדערש. איינמאָל איז די דאָזיגע געגנערשאַפט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַזש אויפגעפלאַנצט אַ שווערד אינ׳ם בית־המדרש און מען האָט אָנגעזאָגט, אַז אַריינלאָזען וועט מען יעדען, אָבער אַרויסלאָזען פון בית־המדרש וועט מען קיינעם נישט, ווי לאַנג מען וועט נישט קומען צו׳ן אַ באַשלוס, צי מען זאָל האַלטען מיט שמאי אָדער מיט הלל, איז יענער טאָג געווען אַ שווערער, זאָגט די גמרא, גלייך ווי דער טאָג, אין וועלכען עס איז געמאַכט געוואָרען דער עגל. דערצעהלט אונז נישט דערנאָך די גמרא ווייטער, ווי אַזוי דער ענין האָט זיך

אין יענעם טאָג געענדיגט. עס ווערד בלויז געזאָגט אויף אַן אַנדערער שטעלע, אַז נאָך אַ לאַנג־יעהריגער מחלוקה פוןביידע צדדים איז אַרויסגעגאַנגען אַ "בת־קול", וועלכעס האָט געזאָגט: "אלו ואלו דברי אלהים חיים", ד. ה. אַז ביידע צדדים זיינען גערעכט אין זייערע מיינונגען, אָבער טהון דאַרף מען אַזוי ווי הלל האָט געלערנט. און אַמאָל ווערד דערצעהלט, האָט איינער פון די שפּעטערע תנאים (ר׳ טרפון) געזאָגט קריאת־שמע אויף אַזאַ שטייגער ווי שמאי האָט געהייסען, איז ער דערנאָך אַריינגעפאַלען אין אַ סכנה פון גזלנים. האָבען איהם די חכמים געזאָגט, אַז ער איז דאָס ווערטה געווען, ווייל ער האָט געוואָלט טהון אַנדערש ווי הלל האָט געזאָגט...

געוועהנליך זיינען יענע אַלע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען געווען וועגען די דינים פון קרבנות, מעשרות און טומאה וטהרה. מאַנכע שאַרפערע צאַנקערייען זיינען אויך געווען אין פראַגען פון הייראַטען, ביי וועלכע איינע האָבען ערלויבט, וואָס די אַנדערע האָבען פאַרבאָטען. וואָלט אַזאַ מיינונגס־פאַרשידענהייט גע־דאַרפט ברענגען דערצו, אַז איין צד זאָל אַרויסלאָזען אַ שם פון "ממזרות" אויף׳ן אַנדערען צד. זיינען אָבער ביידע געווען טאָלעראַנט איינע צו די אַנדערע — און איין צד האָט געהייראַט די קינדער פונ׳ם אַנדערען צד אָהן שום שאלות...

ווי שטרענג שמאי איז געווען ביי זיינע רעליגיעזע איינפיהרונגען, האָט ער פון דעסטוועגען אָפטמאָל געהאַט אין זינען דאָס עפענטליכע אינטערעסע פון דער באַפעלקערונג — און דאָרט וואו ער האָט איינגעזעהן, אַז עס איז שווער דורכצוזעצען אַ געוויסע "חומרא", האָט ער כמעט ווי אַוועקגעקוקט פונ׳ם ענין, ערקלערענדיג דערביי, אַז מען דאַרף אָפּוואַרטען אַ געאייגנעטערע צייט, צו קענען אַזאַ "חומרא" דורכפיהרען.

אַזוי פלעגען די ערד־אַרבייטער אין יענער צייט גרינגהאַלטען די דינים פון שמיטה. קיינער האָט אפילו נישט געזעעט די פעלדער אין יענעם יאָהר, לויט׳ן ווערטערליכען דין פון דער תורה. מען האָט זיך אָבער ערלויבט, צו אַקערען די פעלדער פאַר׳ן נעקסטען יאָהר, ווייל דאָרט וואו די תורה שרייבט וועגען שמיטה, איז נישט פאַרהאַנען קיין פאַרבאָט צו אַקערען. האָט זיך דאָס אויסגעדאַכט, גלייך ווי מען זאָל זיך נעהמען צוגרייטען אין אַ יום־טוב דאָס עסען פאַר אַ וואָכענטאָג און מען האָט אַרויסגעקוקט, אַז שמאי זאָל דאָס פאַר־ביטען. האָט שמאי געזאָגט. אַז "ווען די צייט זאָל דאָס ערלויבען, וואָלט ער אַרויסגעגעבען אַ גזרה, מען זאָל גאָר אין גאַנצען נישט טאָרען פאַרזעען אַזעלכע פעלדער, וועלכע זיינען אויפגעאַקערט געוואָרען אינ׳ם יאָהר פון שמיטה".

קען מען פון די דאָזיגע ווערטער אַרויסלערנען, אַז די אורזאַך פון שמאי׳ס צוריקגעהאַלטענקייט אין דיעזער באַציהונג איז זיכערליך געווען, וואָס הורדוס האָט נישט געלאָזט שטערען די ערד־אַרבייטער, פון וועלכע ער פלעגט אַרויס־קוועטשען וואָס מעהר הכנסה פאַר זיינע קעניגליכע באַדערפעניש. ווען הורדוס זאָל געווען קענען, וואָלט ער די "שמיטה" אין גאַנצען בטל געמאַכט. האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַנצוריהרען אַ רעליגיעזע איינריכטונג, וועלכע איז פאַרגעשריבען אין דער תורה. האָט ער בלויז געצוואונגען די חכמים, זיי זאָלען אַרויסגעבען אַזעלכע פאַראָרדנונגען וועגען דעם באַאַרבייטען די ערד אין אַ שמיטה־יאָהר, וואָס זאָלען ווי צום ווייניגסטען שטערען אין דער אַרבייט.

איינע פון די הויפּט־דיפערענצען צווישען הלל און שמאי איז געווען די פראַגע פון "סמיכה" ביי אַ קרבן, אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה "וסמך את ידו", אַז יעדער מענש וואָס ברענגט אַ קרבן, דאַרף אַליין צולייגען אַ האַנד ביים שחט׳ן. האָט מען דאָס אָנגערופען "סמיכה". און ווייל דאָס איז געווען אַ שווער שטיקעל אַרבייט און מען האָט געמוזט אָנווענדען דערצו דעם גאַנצען כח, האָבען איניגע געהאַלטען, אַז דער יחיד וואָס ברענגט דעם קרבן, טאָר דאָס נישט טהון אום שבת אָדער אום יום־טוב. דאַגעגען האָבען אַנדערע

באהויפטעט, אז אזוי ווי עס זיינען נישט חל די פארשריפטען וועגען רוהען אום שבת אדער אום יום־טוב אינ׳ם בית המקדש, דארף דער יחיד וואס ברענגט דעם קרבן יא דורכפיהרען די סמיכה, ווייל אהן סמיכה איז דער קרבן נישט קיין קרבן.

שמאי און הלל האבען געגרינדעט צוויי פארשיעדענע לערען־הייזער פאר די איינטייטשונגען אין דער תורה, לויט וועלכע זיי האבען ארויסגעגעבען זייערע ענטשיידונגען אין אלע רעליגיעזע פראגען פונ׳ם אידישען לעבען. דאס מערקווירדיגע דאביי איז, וואס שטיצענדיג זיך אויף דיעזעלבע פסוקים פון דער תורה גלייך ווי אויף די זעלבע טראדיציעס, וועלכע זיי האבען איבערגענומען פון שמעיה ואבטליון, איז יעדער פון זיי געקומען צו אן ענטגעגענגעזעצטען שלום און כמעט ביי יעדען דין האט איינער געזאגט דאס געגענטייל פונ׳ם צווייטען.

הלל פלעגט אין זיינע ענטשיידונגען גענוי אונטערזוכען די אורזאכען פון יעדער רעליגיעזער איינפיהרונג און דערנאך ערשט פלעגט ער קומען צו אן אורטייל וועגען דער ווערדע פון יעדער איינפיהרונג, צי מען דארף זי אנהאלטען אויף ווייטער אדער מען דארף זי איבעראנדערשען. דאגעגען איז ביי שמאי יעדע אלטע איינפיהרונג געווען ווי א "חק ולא יעבור" און ער פלעגט זיך תמיד באשטרעבען, אויסצוגעפינען פאר איהר א באגרינדונג אויף יעדען מעגליכען אופן.

ביז צו דער צייט פון הלל און שמאי זיינען די מחלוקות געווען פארטייאישע צאנקערייען. צוויי צדדים — "צדוקים" און "פרושים" — זיינען ארויסגעגאנגען פון צוויי פארשיעדענע שטאנדפונקטען, האט עס איטליכער אויף א גרינגען אופן געקענט באגרייפען, ווי אזוי די מחלוקות זיינען אויסגעבראכען. ביי הלל און שמאי זיינען די מחלוקות געווען אינעווייניגסטע אין דערזעלבער פארטיי. איז דאס געווען א נייעס ביי אידען, ווייל ביידע זיינען געווען מיטגלידער פון איין פארטיי, פון די "פרושים", ביי וועלכע עס איז ביז צו יענער צייט געווען שלום ושלוה, בלויז אין דער פראגע פון "סמיכה" ביי א קרבן איז געווען א מיינונגס־פארשיעדענהייט, אבער אין אנדערע פראגען זיינען אלע געווען איייניג. מוז מען זיך דערפאר נאך מעהר וואונדערען, וואס די מחלוקות צווישען הלל און שמאי האבען זיך שפעטער אזוי שרעקליך אנטוויקעלט און ווען דער תהום צווישען ביידען איז דאן געווארען וואס אמאל טיעפער און געפעהרליכער.

ווי עס איז שוין דערצעהלט געווארען, האט הלל געהאט אכציג תלמידים, וואס דרייסיג פון זיי זיינען געווען ווירדיג, אז די שכינה זאל אויף זיי רוהען, גלייך ווי זי האט גערוהט אויף משה רבנו. אנדערע דרייסיג פון זיי זיינען געווען ווירדיג, אז די זון זאל זיך פאר זייערטוועגען אפשטעלען, גלייך ווי זי האט זיך אמאל אפגעשטעלט פאר יהושע בן נון, און צוואנציג זיינען געווען מיטעלמעסיגע. איז צווישען זיי געווען דער גרעסטער אזא מענש ווי יונתן בן עוזיאל, וואס די תורה האט ביי איהם אזוי געברענט, אז ווען א פויגעל איז פאר איהם פארבייגעפליגען אין דער צייט וואס ער האט געלערענט, איז ער פארברענט געווארען פון זיין פלאמענדיגער התלהבות. און דער קלענסטער פון הלל׳ס תלמידים איז געווען ר׳ יוחנן בן זכאי, וועגען וועמען עס איז געזאגט געווארען, אז "ער איז געווען באהאווענט אין אלע ווינקלען פון דער תורה, משנה און גמרא, הלכות און אגדות, דקדוקי תורה און דקדוקי סופרים. ער האט פארשטאנען אלע ענינים פון תקופות און גימטריאות, די געשפרעכען פון מלאכים גלייך ווי די געשפרעכען פון שדים, די געשפרעכען פון די פאלמען־בוימער אזוי ווי כל־ערליי משלים פון אפען און פון פוקסען". און ווען די גמרא דערצעהלט די דאזיגע שבחים וועגען הלל׳ס תלמידים, ווערד צוגעגעבען, אז ווען דער קלענסטער פון זיי איז געווען אזא גרויסער געלעהרענטער ווי ר׳ יוחנן

בן זכאי, קען מען זיך שוין מערקען, וואָס פאַר אַ מין געלעהרענטער דער גרעסטער פון זיי איז געווען.

פון שמאַי'ס תלמידים ווערען אויך דערמאָנט צוויי וויכטיגע נעמען און עס ווערד דערצעהלט וועגען זיי, אַז טראָצדעם וואָס זיי זיינען געווען שמאַי'ס תלמידים, האָבען זיי פון דעסטוועגען געהאַלטען, אַז מען דאַרף אַלסדינג טהון לויט ווי הלל האָט געהייסען. איינער פון די דאָזיגע תלמידים איז ר' יוחנן בן החורני און אַ צווייטער איז בבא בן בוטא.

אָט דעם בבא בן בוטא האָט הורדוס געלאָזט בלינד מאַכען, ווען ער האָט אויסגעהרג'עט אַלע חכמים. שפּעטער האָט הורדוס חרטה געהאַט אויף דעם און ער האָט געפרעגט ביים בלינדען בבא אַן עצה, וואָס ער זאָל טהון, אום גוט צו מאַכען דעם פעהלער, וועלכען ער האָט פריהער באַגאַנגען. ער ווערד אויך געשילדערט אַלס זעהר אַ פרומער, ווייל ער פלעגט ברענגען יעדען טאָג אַ קרבן "אשם תלוי", אַז טאָמער האָט ער באַגאַנגען אַ זינד, פאַר וועלכען ער איז חייב צו ברענגען אַ "קרבן חטאת".

עס ווערד אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט איהם דערצעהלט, ווי איינער אַ בבלי האָט זיך באַזעצט אין ירושלים און ער האָט דאָרט געהייראַטה. איז אָבער די שפּראַך פון די אידען אין די דאָזיגע צוויי לענדער געווען אַ פאַרשיעדענע, חאָטש מען האָט איןביידע לענדער גערעדט אַן ארמ'שען דיאַלעקט. האָט די ירושלים'ער פרוי נישט געקענט פאַרשטאַנען, וואָס איהר מאַן דער בבלי וויל זאָגען. האָט ער איהר אַמאָל געהייסען ברענגען צוויי וואַסער-מעלאָנען, וועלכעם הייסט אין בבליש "תרי בוציני", האָט זי איהם געבראַכט צוויי ליכט, ווייל אין ארץ-ישראל האָט מען גערופען אַ ליכט "בוציני". איז דער מאַן בייז געוואָרען און האָט צו איהר אַ זאָג געטהון: "געה צוברעך דאָס אויף דער שוועל" (זילי תברי יתהון על רישא דבבא), ווי מען פלעגט זאָגען אין בבל, ווען איינער האָט געבראַכט אַ זאַך, וואָס דער אַנדערער האָט נישט געוואָלט. האָט די פרוי געמיינט, אַז דער מאַן הייסט איהר צוברעכען די ליכט אויף בבא בן בוטא'ס קאָפּ. האָט זי דאָס געטהון — און בבא בן בוטא האָט זיך אויף איהר נישט געבייזערט. ער האָט זי בלויז געפרעגט, צוליעב וואָס זי האָט דאָס געטהון, האָט זי איהם געענטפערט, אַז דער מאַן האָט איהר דאָס געהייסען טהון. האָט איהר בבא אויף דעם געזאָגט: "ווייל דו האָסט געטהון דיין מאַן'ס רצון, וועט דיר דער אויבערשטער געבען צוויי זיהן, וואָס וועלען זיין אַזעלכע ווי בבא בן בוטא!"...

די מיינונגס-פאַרשיעדענהייטען פון "בית שמאי" און "בית הלל" איז אַנגעגאַנגען ביז צו דער צייט פונ'ם חורבן, ווייל אַזוי ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז דער נאָמען "בית שמאי" כמעט ווי פאַרשוואונדען — און לויט ווי עס ווערד דערצעהלט (עירובין דף י"ג עמוד ב'), איז אַנצונעהמען, אַז די מחלוקה צווישען "בית שמאי" און "בית הלל" האָט געדויערט ביז צו דער צייט פון ר' גמליאל דיבנה, וועלכער איז געווען דער פינפטער דור פון הלל הזקן און ער האָט צונויפגענומען אַלע חכמים פון זיין צייט אין יבנה, דאָרט צו באַשליסען מיט שטימענמעהרהייט וועגען דער רעליגיעזער פיהרונג פונ'ם פאָלק, צי מען זאָל אַננעהמען די מיינונג פון "בית שמאי" אָדער פון "בית הלל". האָט דער דאָזיגער וכוח געדויערט דריי יאָהר, ביז עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ "בת קול", אַז ביידע מיינונגען זיינען געטליכע, נור טהון דאַרף מען אַזוי ווי "בית הלל" זאָגט.

געוועהנליך האָבען זיך די חכמים פונ'ם "בית הלל" באַשטרעבט צו פאַרגרינגערען די לאַסט פון די דינים, נאָכטהוענדיג די מדות פון הלל, וועלכער איז געווען די פערזאָניפיצירונג פון באַשיידענהייט און גוטמוטהיגקייט. ביי פיעלע דינים האָבען זיי זיך אויך צוליעב דעם באַשטרעבט, אויסצוגעפינען דעם בעסערען וועג פאַר די מענשען, אַ שטייגער ווי ביים מנהג פון יענער צייט צו טאַנ-

צען פאר דער כלה אויף איהר חתונה און צו לויבען איהרע מעלות, כדי דער התן זאל זעהען, וואס פאר א סחורה ער האט זיך איינגעהאנדעלט. האט דאן הלל געזאגט, אז מען דארף זינגען וועגען דער כלה׳ס שעהנקייט, ווען זי איז אפילו נישט קיין שעהנע. גלייך ווי מען דארף לויבען ווען איינער קויפט עפּעס, אפילו ווען מען זאל זעהן, אז ער האט נישט גוט געקויפט.

באזונדערס האבען די מענשען פון "בית הלל" געהאט אן אויג אויף דער מאראלישער ווירקונג און דעם גייסטיגען איינפלוס פון יעדען דין. א מינדער־יעהריגע מיידעל (א קטנה), וועלכע איז פארהייראטה געווארען דורך איהר פאר־מער, האט — לויט דעם אנגענומענעם דין — נישט געקענט שפעטער זאגען, אז זי וויל נישט איהר מאן. איז זי אבער געווען א יתומה און זי איז פאר־הייראטה געווארען דורך איהר מוטער אדער איהר ברודער, האט "בית הלל" געהאלטען, אז זי קאן יא שפעטער נישט וועלען דעם מאן, וואס איהר מוטער אדער איהר ברודער האט איהר געגעבען, ווען זי איז געווען מינדער־יעהריג און זי האט נאך נישט געהאט דעם ריכטיגען שכל.

עס איז אויך באוואוסט, ווי אזוי עס איז געווען ביים ענין פון "יבום". ווען א מאן שטארבט אהן קינדער, דארף זיין ברודער הייראטהען די אלמנה, און וויל ער זי נישט הייראטהען, דארף ער איהר געבען "חליצה". די אלמנה אליין האט דאבּיי גאר נישט געהאט קיין ברירה. האט "בית הלל" געוואלט פאר־גרינגערען דעם ענין, אז טאמער וויל נישט די אלמנה הייראטהען דעם שוואָ־גער, זאל זי האבען אן אויסוועג. האבען זיי דאן ערקלערט, אז ווען די אלמנה טענה׳ט, אז בשעת דער מאן האט נאך געלעבט, האט זי א נדר געטהון, זי זאל נישט האבען קיין שום שייכות צו איהר שוואגער, דארף איהם דער בית־דין צווינגען, ער זאל איהר געבען "חליצה" און נישט הייראטען, חאטש זי דארף טענה׳ן ביים בית־דין, אז ער וויל זי נישט הייראטען (לא אבה יבמי). האט אבער די אלמנה אזא נדר געטהון נאך איהר מאן׳ס טויט, דארף דער בית־דין בעטען דעם שוואגער, ער זאל געבען חליצה און נישט וועלען הייראטען.

די זעלבע פארגרינגערונג האט אויך "בית הלל" איינגעפיהרט ביי א גט. "בית שמאי" האט נישט ערלויבט צו גט׳ן א ווייב, סיידען ווען דער מאן האט ביי איהר געפונען אן "ערות דבר" (א שענדליכקייט), אפילו ווען דער מאן האט אויסגעפונען, אז זי באזיצט אזעלכע קערפערליכע אדער גייסטיגע אייגענ־שאפטען, וועלכע קענען נישט קיינמאל מאכען א צופרידען לעבען צווישען ביידען. דער בונד פון א חתונה איז אין די אויגען פון "בית שמאי" געווען ווי א בונד געשלאסען אין הימעל, וועלכער קען נישט אויפגעבונדען ווערען דורך מענשען, סיידען אין אזא פאל, וואס די תורה צווינגט דערצו. "בית הלל" האט אבער געדענקט, אז עס וועט זיין בעסער פאר דער מאראל פון דער געזעלשאפט און פאר׳ן גליק פון די מענשען, ווען מען וועט פארגרינגערען דאס גט׳ן, אז דער מאן זאל קענען גט׳ן זיין ווייב פאר יעדער אונליעבזאמער זאך, וואס ער וועט ביי איהר אויסגעפינען.

"בית שמאי" האט קיינמאל נישט געוואלט אוועקגעהן פונ׳ם פשוט׳ן פשט אין דער ערקלערונג פון א מצוה און "בית הלל" פלעגט זיך צוערשט פאר־טיפען אין דער כוונה פונ׳ם פסוק און דערנאך האבען זיי ארויסגעזאגט די אנטשיידונג לויט פארשטאנד און ווי עס וועט בעסער זיין פאר די מענשען. "בית שמאי" האבען דאדורך תמיד מחמיר געווען און "בית הלל" פלעגען זיך געוועהנליך צונייגען צו דער גרינגערער זייט, ווי ווייט דאס איז נור געווען מעגליך.

ווי באמערקט, איז דאמאלס די פאליטישע לאגע פון די אידען אין ארץ־ישראל כסדר געווען א שלעכטע. די פארטוועהרענדע קריגערישע אנפאלען פון אלערליי שונאים גלייך ווי וואס די חשמונאים פלעגען זיך אליין געגענזייטיג באקעמפפען, האבען פאראורזאכט, וואס ארץ־ישראל איז שטענדיג געווען

איינגעטונקען אין מלחמות. אָבער דאָס אמת׳ע אומגליק איז ערשט שפּעטער געקומען, ווען רוים האָט בטל געמאַכט די זעלבשטענדיגקייט פונ׳ם לאַנד און האָט עס געמאַכט פאַר אַ רוימישע פּראָווינץ אונטער דער הערשאַפט פון אַ רוימישען גובערנאַטאָר, וועלכער האָט די גאַנצע פיהרונג פונ׳ם לאַנד, סיי די מאַטעריעלע און סיי די גייסטיגע, געהאַלטען איז זיינע הענד. האָט זיך דאַן אַנטוויקעלט אַ פּאַרטיי פון פּאַטריאָטען, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטען אָפען אָדער באַהאַלטען געגען רוים. אַט די פּאַרטיי האָט געהאַט אויפגעשריבען אויף איהר פּראָגראַם, אַז נור דער אויבערשטער איז דער קעניג פון די אידען און הוץ איהם איז נישט פאַרהאַן קיין אַנדערער קעניג. זיי האָבען אויך געזאָגט: ”אַז אָך און וועה צו דעם פאָלק, וועלכעס קלויבט זיך אויס אַ מענשען אַלס הערשער!״...

זאָגען די היסטאָריקער, אַז אין דער דאָזיגער פּאַרטיי זיינען מעהרסטענטיילס געווען די מענשען פון ”בית שמאי״. די מענשען פון ”בית הלל״ זיינען אויך נישט געווען צופריעדען מיט דער פּאָליטישער לאַגע. זיי האָבען אָבער נישט געהאַלטען פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ און זיי האָבען זיך בלויז גע׳נוקם׳ט אויף׳ן שונא מיט דינים געגען יעדען מענש, וועלכער האָט געגעבען אַ האַנד צו העלפען די רוימער ביים קאָלעקטען די שטייערען פון די אידען, האָבען זיי געזאָגט, אַז די ”גבאים״ (דאָס זיינען די וואָס העלפען קאָלעקטען די שטייערען) און די ”מוכסים״ (דאָס זיינען די וואָס האָבען אָפּגעדונגען די שטייערען ביי דער רעגיערונג) קענען זעהר שווער תשובה טהון, ווייל זיי זיינען ווי פּשוט׳ע גזלנים. זיי האָבען אויך געזאָגט, אַז מען טאָר נישט נעהמען ביי אַזעלכע מענשען קיין ביישטייער פאַר די באַדערפעניש פון צדקה. זאָנסט האָבען זיך די מענשען פון ”בית הלל״ איינגעפונען אין זייער גורל, וויסענדיג, אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין כח, וואָס זאָל זיך קענען אַקעגען־שטעלען די רוימער.

נישט אַזוי האָבען זיך פאַרהאַלטען די מענשען פון ”בית שמאי״. זיי זיינען עפענטליך אַרויסגעקומען אַלס געגנער פון די רוימער, און ווען מען איז זיך אַמאָל צונויפגעקומען אינ׳ם הויז פון חנניה בן חזקיה, האָט מען זיך דאָרט אַרומגעצאַנקט וועגען אַכטצעהן פאַרשיעדענע פּאָליטישע פראַגען — און עס האָבען דאָרט די מענשען פון ”בית שמאי״ געהאַט אַ זיעג...

האָבען זיך די שפּעטערע חכמים געמוטשעט אויסצוגעפינען, וואָס די דאָזיגע אַכטצעהן פראַגען זיינען געווען, ווייל אַזוי ווי מען האָט זיי נישט אויף דער הייסער מינוט אויפגעשריבען, האָט מען דערנאָך נישט געוואוסט דעם אמת וועגען זיי...

מען דאַרף געדענקען, אַז די מענשען פון ”בית שמאי״ זיינען געווען רעוואָלוציאָנערען און די אַסיפה ביי חנניה בן חזקיה איז וואהרשיינליך פאָרגעקומען אין דער צייט פון נאָך קעניג אַגריפּאַס דעם ערשטען, ווען די פּאַטריאָטען האָבען זיך צונויפגענומען צו קעמפּפען געגען די רוימער מיט אַלע כחות. אַזוי ווי מען האָט אָבער דערווייל מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלען די רוימער אָנפאַלען אויף דער אסיפה, האָט מען געהאַט צוגעגרייט, מען זאָל קענען זאָגען, אַז מען האָט נישט גערעדט קיין פּאָליטיק, נור וועגען געוויסע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען אין רעליגיעזע פראַגען.

עקביא בן מהללאל

פֿון פֿאַרשידענע אָנדײַטונגען אין דער גמרא איז אָנצונעהמען, אַז אין יענע אַלע יאָהרען, וואָס הלל און שמאי האָבען געלעבט און געלעהרענט, זיינען געווען נאָך מאַנכע אַנדערע חכמים, וועלכע האָבען געהאַט זייערע אייגענע דרכים אין דער אויסטייטשונג פֿון דער תורה און זיי האָבען זיך נישט געוואָלט אָנשליסען צו איינעם אָדער צום אַנדערען. אייניגע פֿון די דאָזיגע חכמים זיינען דערמאָנט מיט'ן נאָמען ביי אומבאַדייטענדע אָנגעלעגענהייטען איין מאָל אָדער צוויי מאָל. אַנדערע האָבען אַפילו נישט געהאַט די זכיה, דערמאָנט צו ווערען.

איינער פֿון דעם דאָזיגען מין חכמים מיט אַן אייגענעם דרך איז געווען ע ק ב י א ב ן מ ה ל ל א ל.

זיינען וועגען איהם פֿאַרהאַנען זעהר אומקלאָרע ידיעות פֿון זיין טהעטיג־קייט. עס ווערד זאָגאַר דערצעהלט, אַז ער איז געלעגען אין חרם און מען קען כמעט נישט גענוי וויסען, מיט וואָס ער האָט זיך פֿאַרזינדיגט און צי ער האָט זיך איבערהויפּט פֿאַרזינדיגט, ווייל באַלד דאָרט וואו עס ווערד דערצעהלט וועגען זיין חרם, ווערד די גאַנצע זאַך קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט און עס ווערד זאָגאַר געזאָגט, אַז יענע אַלע, וואָס האָבען אויסגעטראַכט דעם בלבול אויף אַזאַ הייליגען מאַן ווי עקביא בן מהללאל זיינען ווערטה צו קריגען די גרעסטע שטראָף (עדיות פּרק ה' משנה ו').

נאָכפֿאָלגענדיג אַלעס, וואָס עס געפֿינט זיך וועגען עקביא אין דער גמרא, זעהט מען, אַז ער איז געווען אַ מערקווירדיגער מענש, באַשאָנקען פֿון דער נאַטור מיט אייזערנע נערווען. דרויסען האָט געשטורעמט דער פּאָליטישער קאַמפּף פֿאַר דער פֿרייהייט פֿונ'ם פֿאָלק און אינעווייניג איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה פֿאַר'ן אָפּהיטען די תורה, ביי וועלכער עס האָבען זיך צוויי פֿאַרשיעדענע אַנשויאונגען ווי צום שאַרפֿסטען באַקעמפּפֿט. און אין אַזאַ צייט האָט זיך אַזאַ מאַן ווי עקביא בן מהללאל געקענט איינהאַלטען, צו שטעהען ווייט פֿון אַלע קעמפּפֿע, סאַי פֿון די דרויסענדיגע און סאַי פֿון די אינעווייניגסטע, נישט צו־צושטעהען צו איין צד אָדער צום אַנדערען.

אויף וויפֿיל מען ווייסט, האָט עקביא נישט באַקליידט קיין שום אַמט. און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען וויכטיגע רעליגיעזע פֿראַגען, האָט ער אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג בלויז ביי פֿיער אָנגעלעגענהייטען, וועלכע קענען פֿאָרקומען אפשר איין מאָל אין הונדערט יאָהר — און אַזוי ווי זיין מיינונג איז געווען אַנ־דערש ווי די מיינונג פֿון אַלע אַנדערע חכמים, און ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, האָט ער אַרויסגעוויזען אין זיין אויסשפּרוך אַ געוויסע גרינגשעצונג צו די חכמים פֿון פֿריהער, האָט מען איהם דערפֿאַר אַריינגעלייגט אין חרם.

דער ערשטער מקור פֿאַר די דאָזיגע פֿיער הלכות, וואָס עקביא'ס מיינונג איז געווען אַנדערש ווי די מיינונג פֿון אַלע אַנדערע חכמים, געפֿינט זיך אין דער אויבען דערמאָנטער משנה. איינע האַנדעלט וועגען אַ ספּעציעלע מעגליכקייט ביי אַ "נגע צרעת". אַ צווייטע הלכה איז וועגען געל בלוט פֿון אַ "זבה". די דריטע האַנדעלט וועגען אַליין פֿון זיך אַרונטערגעפֿאַלענע וואָל ביי אַ בהמה טהורה אַ בכור אַ בעל־מום און די פֿערטע הלכה איז וועגען אַ "סוטה" אַ גיורת אָדער אַ "שפחה משוחררת".

די חכמים פון דער משנה

געהערען די ערשטע צוויי הלכות צו די דינים פון "טומאה וטהרה" און זייער ערקלערונג געהט אריין טיעף אין מעדיצין, אָבער די דריטע און פערטע הלכה מוז דאָ ברייטער ערקלערט ווערען.

אַ בכור פון אַ בהמה טהורה האָט מען געדאַרפט מקריב זיין אין ירושלים און דער מנהג ביי אַזאַ קרבן איז געווען ווי ביי "קדשים קלים". ווי לאַנג אַזאַ בכור האָט געלעבט, האָט מען נישט געטאָרט איהם לאָזען ארבייטען אָדער אָפּ־שערען זיין וואָל. איז אָבער אַזאַ בכור געוואָרען אַ בעל־מום און מ'האָט איהם געדאַרפט שחט'ן, האָט מען איהם געדאַרפט אװעקגעבען אין גאַנצען צום כהן. ווי געזאָגט האָט מען די וואָל פון אַזאַ בכור נישט געטאָרט אָפּשערען און ווען מען האָט איהם געשחט'ן, האָט מען זיין וואָל נישט געטאָרט באַנוצען. איז אָבער די וואָל אַליין פון זיך ארויסגעפאַלען, ווי לאַנג דער בכור האָט נאָך געלעבט, האָט עקביא מתיר געמאַכט, אַז דער כהן מעג באַנוצען די וואָל — און אַלע אַנדערע חכמים האָבען דאָס גע'אסר'ט.

די פערטע הלכה, וואָס עקביא האָט געהאַט וועגען איהר זיין באַזונדערע מיינונג, איז וועגען אַ "סוטה" — און אַ "סוטה" איז אַ פרוי, וואָס דער מאַן איהרער איז זי חושד אין אומטרייישאַפט. האָט זי דער מאַן געדאַרפט ברענגען צום כהן צוזאַמען מיט אַ ביסעל גערשטען־מעהל אַלס אַ קרבן. דערנאָך האָט דער כהן געדאַרפט נעהמען ריין וואַסער אין אַן ערדענע כלי און אריינשיטען שטויב פון דעם בית־המקדש, דאַן האָט ער געדאַרפט אויפשרייבען די פרשת סוטה פונ'ם חומש מיט טינט, פאָרלייענען די פרשה פאַר דער פרוי, אָפּמעקען דערנאָך די טינט מיט'ן וואַסער און געבען דאָס וואַסער דער סוטה צו טרינקען. און ווען דאָס האָט דער פרוי נישט געשאַדט, איז עס געווען אַ סימן, אַז זי איז ריין פון זינד.

וועגען אָט דער פּראָצעדור האָט עקביא געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס נישט טהון צו אַ סוטה אַ "גיורת" און נישט צו אַ "שפחה משוחררת" (אַ באַפרייטע שקלאַפין, וועלכע האָט געהייראַט אַ אידען). האָבען איהם די חכמים געוואָלט אָפּוועגדען פון זיין מיינונג און זיי האָבען איהם דערמאָנט, אַז שמעיה ואבטליון האָבען אַמאָל געגעבען צו טרינקען די "מים המאררים" צו אַ סוטה אַ "שפחה משוחררת". האָט זיי עקביא געענטפערט "ד ו ג מ א ה ש ק ו ה".

איז דער געוועהנליכער טייטש פונ'ם וואָרט "דוגמא"—עטוואָס עהנליכעס. מיינט דאָס צו זאָגען, אַז שמעיה ואבטליון האָבען יענע שפחה משוחררת אָפּגע־נאַרט. זיי האָבען איהר געגעבען צו טרינקען געוועהנליכע וואַסער און זיי האָבען אויך אָנגעשריבען עטוואָס אַנדערעס ווי די "פרשת סוטה" זי זאָל מיינען, אַז זי טרינקט די עכטע "מים המאררים", אפשר וועט דאָס אויף איהר פּסיכאָלאָגיש ווירקען, צו דערגעהן דעם אמת וועגען איהר טריישאַפט.

האָבען די חכמים באַטראַכט אַזאַ זאָג אַלס אַ באַליידיגונג פון שמעיה ואבטליון און זיי האָבען דערפאַר אריינגעלייגט עקביא'ן אין חרם. און ווען ער איז געשטאָרבען, האָט מען באַוואָרפען זיין טויטען־קאַסטען מיט שטיינער *).

זאָגט דאָרט באַלד אויף'ן אָרט איינער אַ ר' יהודה, וועלכער ווערד אין אַנדערע ערטער באַצייכענט מיט'ן נאָמען ר' יהודה בן בתירה, אַז מען טאָר גאָר

*) די מעשה מיט דער סוטה די "שפחה משוחררת" ווערד נאָך אַמאָל דערצעהלט אין מסכת ברכות (דף י"ט עמוד א') און דאָרט זאָגט רש"י, אַז וואָס עקביא האָט געזאָגט "דוגמא השקוה", איז דער טייטש, אַז זיי — שמעיה ואבטליון — זיינען געווען גלייך צו דער סוטה, ווייל זיי זיינען אויך געווען גרים, האָבען זיי יענע "שפחה משוחררת" באַטראַכט ווי יעדע אַנדערע בת־ישראל און זיי האָבען איהר יאָ געגעבען צו טרינקען די "מים המאררים"...

עקביא בן מהללאל

נישט דענקען וועגן אַזאַ צדיק ווי עקביא, אַז ער איז אַריינגעלייגט געוואָרען אין חרם. ער האָט אויך מיט זיינע ווערטער וועגן דער "שפחה משוחררת" נישט געמיינט צו באַליידיגען דעם אָנדענק פון שמעיה ואבטליון. ווער עס דערוועגט זיך אַלזאָ, צו זאָגען, אַז עקביא בן מהללאל איז געלעגען אין חרם, פאַרדיענט באַשטראָפט צו ווערען (עתיד ליתן את הדין). אמת איז טאַקי, האָט יענער ר' יהודה צוגעגעבען, אַז מען האָט איינעם אַריינגעלייגט אין חרם, האָט אָבער יענער געהייסען אלעזר בן חנוך, און די עברה, צוליעב וועלכער מען האָט איהם אַריינגעלייגט אין חרם, איז געווען, וואָס ער האָט מזלזל געווען די מצוה פון "נטילת ידים". ער האָט געזאָגט, אַז נטילת ידים איז נישט מן התורה און מען דאַרף עס נישט האַלטען.

און ווי וויט וויכטיג די פּערזאָן פון עקביא איז געווען ביי אידען, קען מען זעהן פון דעם, וואָס מען האָט איהם אַמאָל געשיקט זאָגען: "מאַך אַ ווידער־רוף וועגען די פיער אָנגעלעגענהייטען, וואָס דו ביזט נישט איינפאַרשטאַנען מיט די אַנדערע חכמים, וועט מען דיך מאַכען פאַר אב־בית־דין!". האָט עקביא אויף דעם דאָזיגען פאָרשלאַג געענטפערט: "ליבערשט וויל איך הייסען אַ נאַר דורך אַלע טעג פון מיין לעבען, איידער איך זאָל זיין אין שעה אַ שלעכטער מענש אינ'ם אויבערשטען'ס אויגען, אָדער מען זאָל קענען אויף מיר טייטלען מיט די פינגער, אַז וויל איך האָב געוואָלט קריגען אַן אמט, האָב איך צוריק־גערופען מיינע פריהעריגע מיינונגען... איבערהויפּט וויל איך נישט, מען זאָל קענען וועגען מיר זאָגען, אַז כדי צו קריגען אַן אמט, האָב איך פּלוצים צוריק־גערופען מיינע פריהערע אנזיכטען!"

ווי עס איז צו מערקען, זיינען יענע פיער זאַכען, וועגען וועלכע עס האָט זיך דאַמאָלס געהאַנדעלט, נישט געווען אַזעלכע אָפּטע אינ'ם לעבען און אַן "אב־בית־דין" ביי אידען האָט געקענט אויסלעבען זיינע יאָהרען, אַז עס זאָל איהם קיינמאָל נישט אויסקומען, ער זאָל דאַרפען וועגען איינע פון יענע פראַגען אַרויסגעבען אַ "פּסק־דין". אויסערדעם געפינען מיר, אַז מאַנכע שפּעטערע חכמים האָבען גע־זאָגט דאָסזעלבע וואָס עקביא און עס איז זיי גאָרנישט געשעהן.

און וועגען דער פראַגע פון אַ סוטה אַ "שפחה משוחררת" דאַרף מען וויסען, אַז אַזוי ווי עס האָט אין יענער צייט געהערשט אַ שטאַרקע אויסגעלאַסענהייט אין ארץ־ישראל, האָט מען אין גאַנצען בטל געמאַכט די פּראָצעדור פון אַ סוטה וויל מען האָט גע'דרש'נ'ט דעם פּסוק: "והיתה האשה לאלה בקרב עמה", אַז דאָס מיינט בלויז ווען דאָס פאָלק איז אומבאַפלעקט אין זיין מאָראַל (ירושלמי סוטה פּרק ט' הלכה ט').

ווילען דאַדורך מאַנכע באַהויפּטען, אַז עס האָט זיך דאָרט ביי עקביא גאָר נישט געקענט האַנדלען וועגען יענע פיער שאלות, ביי וועלכע אַנדערע חכמים זיינען אַמאָל מסכים צו עקביא'ס מיינונג און מען האָט וועגען דעם נישט געמאַכט קיין געוואַלטען אין דער גמרא.

און ווען עקביא בן מהללאל האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער גע־זאָגט צו זיין זוהן: "דו דאַרפסט דיך נישט האַלטען ביי די פיער זאַכען, וועלכע איך האָב געזאָגט".

האָט עקביא'ס זוהן געפרעגט: "און פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט קיינ־מאָל ווידעררופען יענע פיער אָנטשיידונגען?" — האָט עקביא אויף דעם גע־ענטפערט: "איך האָב דאָס געהערט פון אַ רבים און מיינע געגנער האָבען דאָס אויך געהערט פון אַ רבים. בין איך געבליבען ביי דעם, וואָס איך האָב געהערט, גלייך ווי זיי זיינען געבליבען ביי דעם, וואָס זיי האָבען געהערט. אָבער דו האָסט געהערט וועגען יענע זאַכען פון מיר, פון אַ יחיד, און פון זיי, פון אַ רבים. איז

טאקע בעסער, דו זאלסט אפלאזען די ווערטער פון א יחיד און אננעהמען די ווערטער פון א רבים״.

ביי דערזעלבער געלעגענהייט האט זיך עקביא׳ס זוהן געבעטען ביי זיין פאטער, ער זאל אנזאגען צו זיינע חברים, זיי זאלען איהם בעסער באהאנדלען. האט עקביא געענטפערט, אז ער וועט צו זיינע חברים גאר נישט זאגען. האט איהם דער זוהן געפרעגט: ״האסט אפשר געפונען אויף מיר אן עוולה?״—האט איהם דער פאטער געזאגט: ״איך האב נישט וועגען דיר אויסצוזעצען קיין שום עוולה. איך דענק בלויז, אז שתדלנות קען דיר גארנישט העלפען. דיינע אייגענע מעשים וועלען דיך דערנעהנטערען צו די מענשען און דיינע אייגענע מעשים וועלען דיך פון זיי דערווייטערען!״...

דער מסדר פון דער משנה אין ״פרקי אבות״ האט געבראכט דעם פאלגענדען אויסשפרוך אויף׳ן נאמען פון עקביא בן מהללאל: ״ווען דו וועסט באטראכטען די דריי וויכטיגסטע מאמענטען פון דיין לעבען, וועסטו נישט קומען צו זינדיגען״. ערקלערען דאס אלע מפרשים, אז עס מיינט פאר׳ן מענש, ער זאל זיך אפראטעווען פון גאוה און פון אלערליי זינדיגע תאוות. — און עקביא זאגט דארט ווייטער: ״באטראכט, פון וואנען דו קומסט, וואוהין דו געהסט און פאר וועמען דו וועסט דערנאך דארפען אפגעבען דין וחשבון. באטראכט די פראצעדור, דורך וועלכער דו ביזט געקומען אויף דער וועלט. דענק דערפון, אז דו וועסט שפעטער געהען צו אן ארט פון שטויב און ווערים, און דאן וועסטו מוזען אפגעבען דין־וחשבון פאר׳ן קעניג פון אלע קעניגען, פאר׳ן אויבערשטען ברוך־הוא״...

געפינט זיך דערזעלבער מאמר אין ״אבות דרבי נתן״ (פרק י״ט) אין אן אנדערער פארם, דהיינו: ״עקביא בן מהללאל זאגט, אז ווער עס באהארציגט די פאלגענדע פ י ע ר זאכען, דער וועט נישט מעהר זינדיגען. ווער עס באדענקט פון וואנען ער איז געקומען און וואוהין ער געהט, וואס עס וועט פון איהם ווערען און ווער עס איז זיין ריכטער. פון וואנען קומט ער? פון א פינסטערן ארט. וואוהין ער געהט? צו א פינסטערן ארט. און וואס וועט פון איהם ווערען? שטויב און ווערים. און ווער וועט זיין דער ריכטער זיינער? דער קעניג איבער אלע קעניגען, דער אויבערשטער ברוך־הוא״.

ווילען מאנכע דענקען, אז ווען מען האט געבעטען ביי עקביא, ער זאל צוריקטרעטען פון זיינע פיער מיינונגען, האט מען נישט געמיינט יענע פיער אויבען־באשריבענע אנטשיידונגען וועגען ״טומאה וטהרה״, וועגען די וואל פון א בכור א בעל־מום אדער וועגען א סוטה א גיורת, נור מען האט געמיינט אט יענע פיער זאכען, וואס דער מענש דארף באהארציגען, אום נישט צו זינדיגען. מיט אזעלכע לעהרען האט עקביא זיכער געהאט א פנים ווי איינער, וואס זיינע לעהרען זיינען געפעהרליך פאר דער וועלט, ווייל זיי נעהמען אוועק ביי די מענשען יעדען חשק צום לעבען, ווען מען דארף שטענדיג דענקען וועגען טויט און וועגען די יסורים פונ׳ם קבר...

האט מען איהם צוליעב דעם געשיקט זאגען: ״ווידעררוף יענע פיער זאכען, וועלכע נעהמען אוועק ביי די מענשען דעם חשק פונ׳ם לעבען, וועט מען דיך מאכען פאר אב־בית־דין!״.

זאנסט קען מען זיך נישט ערקלערען, ווי אזוי דאס האט געקענט געשעהן, אז ווען א מענש איז געלעגען אין חרם, ווייל ער איז געגאנגען זיין אייגענעם וועג אין די אויסטייטשונגען פון דער תורה, זאל מען איהם גאר פלוצים וועלען מאכען פאר ״אב־בית־דין״...

פארשטעהט זיך, אז די דאזיגע ערקלערונג צו די פיער הלכות, וואס עקביא

עקביא בן מהללאל

בן מהללאל איז געווען מחולק אין זיי מיט די חכמים פון זיין דור, איז בלויז אַ שעהנער אַנעקדאָט, ווייל די מעשה מיט זיין הרם איז וואַהרשיינליך אַ פאַקט, חאָטש ר׳ יהודה בן בתירה לייקענט זי, ווייל מיר געפינען אין דער גמרא אַ מאמר פון אַ שפּעטערער צייט, וואו עס ווערד גאַנץ ערנסט געפרעגט, אַז אויב עקביא האָט ווירקליך אָפּגעלאַכט וועגען דער טהעטיגקייט פון שמעיה ואבטליון, טאָ פאַרוואָס האָט מען איהם נישט גע׳הרג׳ט, ווי עס איז דער דין ביי אַ ״זקן ממרא״? איז דער תירוץ, אַז עקביא׳ס ווערטער וועגען דער סוטה די ״שפחה משוחררת״ זיינען בלויז געווען טעאָרעטיש און ער האָט זיי נישט געזאָגט ״הלכה למעשה״ (סנהדרין דף פ״ח עמוד א׳).

די צייט ווען עקביא האָט געלעבט, איז גענוי נישט באַשטימט. זיכער איז דאָס געווען נאָך׳ן טויט פון שמאי, וואָס אויף זיין אָרט האָט מען געוואָלט עקביא׳ן אויסקלויבען פאַר ״אב־בית־דין״. און אַזוי ווי עקביא האָט דאָס דאָזיגע אַמט נישט געוואָלט אָננעהמען, האָט מען נישט מעהר אויסגעקליבען קיין אַנדערן ״אב־בית־דין״.

רבן גמליאל הזקן

נאָך הלל'ס טויט איז דאָס אַמט פון אַ "נשיא" אַריבערגעגאַנגען בירושה צו זיין זוהן שמעון. גלייכצייטיג איז דאַמאָלס דאָס דאָזיגע אַמט געוואַקסען אין באַדייטונג, ווייל עס איז שוין נישט מעהר ערוועהלט געוואָרען קיין "אב בית דין" און דער "נשיא" איז געוועזן דער איינציגער העררשער אין אַלע פראַגען פון דער אמונה.

ווי עס דאַכט זיך אָבער, האָט שמעון בן הלל נישט לאַנג געלעבט. די גמרא דערמאָנט בלויז זיין נאָמען אַלס הלל'ס נאָכפאָלגער. זאָנסט ווערד נישט געזאָגט וועגען איהם קיין וואָרט. און ווען שמעון בן הלל איז געשטאָרבען, איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס "נשיא" שמעון'ס זוהן, גמליאל, וועלכער איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען רבן גמליאל הזקן. ער איז אויך געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט געקראָגען דעם טיטעל "רבן".

מיט דער באַצייכנונג "הזקן" ווערד געזאָגט, אז ער איז געוועזן דער ערשטער פון די חכמים מיט'ן נאָמען גמליאל *) — און דעם טיטעל "רבן" (אונזער לעהרער) האָט ער געקראָגען, ווייל ער איז געוועזן אין זיין צייט דער איינציגער אויבערהויפּט איבער די סנהדרין. פון יענער צייט אָן האָט זיך אויך אָנגעהויבען די "סמיכת זקנים", וואו דער "נשיא" אָדער זיינער אַ פאַרטרעטער האָט מסמיך געוועזן איינעם פון די תלמידים, אַרויפלייגענדיג די האַנד אויף זיין קאָפּ. האָט דאָס דעם תלמיד געגעבען דעם טיטעל "רבי" צוזאַמען מיט דער ערלויבניס, ער זאָל מעגען משפּט'ן ביי אַלע סכסוכים, חוץ אין "דיני נפשות", וועלכעס רוים האָט דאַמאָלס געהאַט אַוועקגענומען ביי אידען.

די טעג פון רבן גמליאל'ס נשיאות זיינען געוועזן מעהרסטענטיילס שלעכטע פאַר אידען. בלויז אַ קורצע צייט דערצווישען האָט זיך די לאַגע אַ ביסיל געבעסערט. געוועזן זיינען דאַמאָלס די לעצטע יאָהרען בעפאָר דעם חורבן און ארץ־ישראל האָט זיך געפונען אין אַ שטענדיגער פּאָליטישער גסיסה. אָפּיציעל איז דאָס לאַנד געוועזן אַ רוימישע פּראָווינץ, אַ רוימישער גובערנאַטאָר האָט געהערשט איבער די מענשען מיט אַן אייזערנער פויסט און פאַר דער מינדעסטער עברה געגען דעם גובערנאַטאָר'ס ווילען האָט מען געדאַרפט באַצאָהלען מיט'ן לעבען.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען דאָס קריסטענטום אין ארץ־ישראל. דער אַפּאָסטעל פּאָולוס (שאול איש תרסוס) באַריהמט זיך

---

*) ביים דערמאַנען דעם נאָמען "הלל הזקן" זאָגט ר' אייזיק הירש ווייס אין זיין ספר "דור דור ודורשיו", אז מיט דער באַצייכנונג "הזקן" ביי הלל וויל נישט געזאָגט ווערען, אַז דאָס איז הלל דער עלטערער, נור אַז דאָס איז הלל, וועלכער איז געוואָרען אַ "זקן" (אַז עלטעסטער ביי אידען). איז דאָס אפשר נישט אין גאַנצען אונריכטיג, ווייל מיר געפינען אויך אין דער גמרא "שמאי הזקן" און נאָך איין שמאי איז טאַקי נישט געווען. די "סמיכה" פון רבנים האָט מען אויך שפּעטער גערופען "סמיכת זקנים". עס קען אָבער זיין, אַז יענע באַמערקונג פון ווייס איז נישט קיין ריכטיגע. ספּעציעל ביי רבן גמליאל הזקן, וועלכער איז זיכערליך באַטיטעלט געוואָרען "הזקן" נור צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער מיט'ן נאָמען גמליאל... והבוחר יבחר!

רבן גמליאל הזקן

אין "נייעם טעסטאמענט", אז ער איז געווען א תלמיד פון רבן גמליאל, און ווען עס איז אמת, אז עס האט עקסיסטירט אזא פערזאן ווי יעזוס, איז דער פראצעס זיינער פארגעקומען טאקי אין יענע יאהרען.

דאמאלס זיינען אויך די סנהדרין ארויסגעגאנגען פון דער "לשכת הגזית" אינ'ם בית־המקדש און זיי האבען זיך באזעצט אין "חנות", וועלכעס איז גע־ווען אן ארט אזא אין ירושלים אויסערהאלב פונ'ם בית־המקדש (זעה רש"י סנהדרין דף מ"ו עמוד ב'). די אורזאך פון דעם דאזיגען אריבערפיהרען די סנהדרין צו'ן א נייעם פלאץ איז וואהרשיינליך געווען, וואס די חכמים האבען איינגעזעהען, אז די פאליטישע לאגע פון ארץ־ישראל וועט אין גיכען מוזען קומען צו'ן א קריזיס, איז טאמער וועט מען דאן דעם בית־המקדש נישט קענען האלטען, זאל מען וויי‌ניגסטענס אפראטעווען די סנהדרין.

כמעט אין דערזעלבער צייט איז ארויפגעקומען אויף'ן טהראן אין רוים דער משוגע'נער קייזער קאליגולא, וועלכער האט פארלאנגט, אז אלע פעלקער פון אונטער זיין ממשלה זאלען איהם אפגעבען אזא כבוד ווי צו'ן א גאט. ער האט אויך ארויסגעגעבען א באפעהל צו די אידען אין ארץ־ישראל, זיי זאלען אריינשטעלען זיין בילד אין זייער בית־המקדש.

איז דער דאזיגער קייזערליכער באפעהל אנגעקומען אין ירושלים אום ערב יום־טוב פון סוכות, ווען אלע אידען פונ'ם גאנצען לאנד זיינען געווען פאר־זאמעלט אין זייער הויפטשטאדט, צו פייערן דעם יום־טוב. איז דאן די פרייד פונ'ם יום־טוב פארוואנדעלט געווארען אין א טרויער. איטליכער איז אפילו גע־ווען זיכער, אז מען וועט דעם קייזערליכען באפעהל נישט דורכפיהרען, ווייל דאס גאנצע פאלק וועט אויפשטעהען ווי איין מאן, נישט צו דערלאזען אזא פארשוועכונג פון זייער היילינקייט. ביי דער פאליטישער לאגע פונ'ם לאנד האט מען אבער געוואוסט, אז אזא ווידערשטאנד געגען דעם קייזער'ס באפעהל וועט דארפען קאסטען צעהנדליגגער טויזענדער מענשליכע קרבנות...

האט דאן איינער פון די חכמים אין ירושלים געזאגט צום עולם: "לאזט זיך נישט פארשטערען די שמחה פונ'ם יום־טוב! מיר האבען א גרויסען גאט אין הימעל, וועט ער אונז אפראטעווען פון קאליגולא'ס גזרה, גלייך ווי ער האט אונז אפגעראטעוועט ביז היינט פון פארשיעדענע אנדערע גזרות!"...

עס איז טאקי אזוי געשעהן, ווייל איידער די רוימישע סאלדאטען האבען זיך גענומען דורכפיהרען קאליגולא'ס באפעהל אין ירושלים, איז קאליגולא דער'הרג'ט געווארען — און מיט זיין טויט איז דער באפעהל, אויפצושטעלען זיין בילד אינ'ם בית המקדש, אליין פון זיך בטל געווארען.

געארבייט דאביי האט נאך אן אנדערע פאליטישע האנד, און ווי מען וואלט היינט געזאגט, איז די ארבייט פון יענער האנד געווען טהעטיג "הינטער די קוליסען"...

א ג ר י פ א ס, א קעניגליכער אידישער פרינץ, דער זוהן פונ'ם דער'הרג'טען פרינץ אריסטובול בן מרים החשמונאית, איז אויפגעצויגען געווארען אין רוים, וואו ער האט זיך גע'חבר'ט מיט קאליגולא. ער האט אויך איינמאל עפענטליך געזאגט, אז הלואי וואלט שוין דער אלטער קייזער טיבעריוס געשטארבען, כדי קאליגולא זאל קענען וואס פריהער ארויפקומען אויף'ן טהראן. האט מען דאס איבערגעגעבען צו טיבעריוס, האט ער דעם אגריפאס אריינגעווארפען אין געפענגנים. האט עס אבער דערנאך נישט לאנג געדויערט, איז טיבעריוס גע־שטארבען און קאליגולא האט אגריפאס'ן באפרייט פון דער תפיסה. איז טראצ־דעם וואס אגריפאס'עס אייגענע שוועסטער, וועלכע איז אויך געווען אן אייניקעל פון מרים החשמונאית, האט אינטריגירט געגען איהר ברודער, האט קאליגולא

אוועקגעגעבן אגריפּאס׳ן עטליכע דיסטריקטן פון דער אַלטער אידישער מלוכה, ער זאָל דאָרט רעגירען. אויסערדעם האָט ער איהם געזאָגט אז ער קען זיך אויסבעטען נאָך עפּעס אַ זאַך, און ווי ווייט דאָס ליגט אינ׳ם קייזער׳ס האַנד, וועט ער איהם צוליעב טהון. האָט אַגריפּאַס געבעטען ביי קאַליגולאַ, ער זאָל צוריקציהען דעם באַפעהל וועגען אויפשטעלען זיין בילד אינ׳ם בית־המקדש פון ירושלים. האָט זיך קאַליגולאַ נישט זעהר גוט געפיהלט פון אַגריפּאַס׳עס פאַר־לאַנג, האָט ער בלויז ערלויבט, אָפּצולייגען דאָס דורכפיהרען זיין באַפעהל אויף אַ שפּעטערע צייט — און דערווייל איז ער דער׳הרג׳ט געוואָרען.

נאָך קאַליגולאַ׳ס טויט האָט אגריפּאַס דורך זיינע פאַרבינדונגען ביי די מיטגליעדער פונ׳ם רוימישען סענאַט אויסגע׳פּועל׳ט, מען זאָל אַרויפזעצען אויף׳ן רוימישען טהראָן, קאַליגולאַ׳ס אָן אָנקעל, ק ל אָ ו ד י ו ס. האָט זיך דאַן קלאָודיוס געציינט דאַנקבאַר צו אַגריפּאַס׳ן און ער האָט איהם באַשטעטיגט אַלס קעניג איבער׳ן גאַנצען לאַנד יהודה.

בסך־הכל האָט אַגריפּאַס רעגירט זיבען יאָהר. זיינען דאָס געווען די בעסטע יאָהרען פאַר די אידען אין ארץ־ישראל.

אין געגענזאַץ צו זיינע פאָרגענגער איז קעניג אַגריפּאַס געווען באַשטרעבט, אָנצוהאַלטען אַלע מצוות פון דער תורה ווי יעדער פּשוט׳ער איד און ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט וועלכע ס׳איז באַזונדערע פּריווילעגיע אַלס קעניג. פון דעסטוועגען האָבען זיך געפונען אידען, וואָס זיינען לחלוטין נישט געווען צו־פרידען פונ׳ם קעניג. די מעשים פון די פריהערע קעניגע האָבען זיך אזוי איינ־געגעסען אין די ביינער, אַז פיעלע אידען וואָלטען מעהר געווען צופרידען ווען עס וואָלט איבערהויפּט נישט געווען קיין אידישער קעניג.

האָט איינער פון די חכמים אַ זאָג געטהון צום קעניג, אַז ער איז נישט ווירדיג, צו באַטרעטען די שוועל פונ׳ם בית־המקדש, ווייל ער האָט אויסגעבויעט אַ ״טעאַטער״ אין צעזארעאַ לויט׳ן מנהג פון די רוימער. האָט אַגריפּאַס יענעם מענשען גאָר נישט געטהון. ער האָט איהם בלויז מיטגענומען צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין צעזארעאַ, ער זאָל אַליין זעהען דאָס טעאַטער־שפּיעל און ער זאָל דאַן זאָגען, וואָס פאַר אַ זינד עס שטעקט אין דעם געגען דער אידישער אמונה.

שפּעטער האָט אַן אַנדערער פון די חכמים דעם קעניג פאָרגעוואָרפען, וואָס ער קומט נישט פון אַ ריינער אידישער גזע, ווייל דער זיידע זיינער (הורדוס) איז געווען אַן אדום׳שער גר און ער אַליין איז אויך נישט אויפגעבראַכט אינ׳ם אידישען דת.

האָט עס דערנאָך אַמאָל פּאַסירט אין אַ יום־טוב סכות, ווען קעניג אגריפּאַס איז געשטאַנען אויף דער בימה אינ׳ם בית־המקדש און ער האָט פאָרגעלייענט פון דער תורה די ״פּרשת המלך״ (דברים קאַפּיטעל יז), און ווען ער איז גע־קומען צום פּסוק ״לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אָחיך הוא״ (דו קענסט נישט אַרויפזעצען אַלס קעניג אַ פרעמדען מאַן, וועלכער איז נישט דיין ברודער), האָט ער זיך דערמאָנט די ווערטער פון יענעם אידען, וועלכער האָט איהם פאַר־געוואָרפען, וואָס די גזע זיינע איז נישט קיין אמת׳דיג אידישע, האָט ער אָנגע־הויבען וויינען. זיינען דאַן די חכמים געוואָרען פול רחמנות אויף זייער וויינענדיגען קעניג און זיי האָבען צו׳ן איהם געזאָגט: ״האָב נישט קיין מורא, קעניג אַגריפּאַס, דו ביזט אונזער ברודער, אונזערער אַ ברודער ביזטו!״ (סוטה דף מ״א עמוד א׳).

קעניג אַגריפּאַס האָט זעהר פיעל געהאַלטען פון רבן גמליאל. אָהן זיין צו־

שטימונג האָט ער נישט געטהון דאָס מינדעסטע אין פראַגען פון דער אידישער אמונה און צו יעדען יום־טוב איז רבן גמליאל געווען פאַרבעטען צום קעניג׳ס טיש.

פיעלע פונ׳ם קעניג׳ס איינפיהרונגען האָבען דאַן געהאַט דעם צוועק, צו מאַכען שלום צווישען אידען און גוים. די רוימישע רעגירונג האָט כסדר צוגע־צויגען מעהר גוים קיין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען זיך גערעכענט אַלס "יחסנים" אַקעגען אידען, ווייל זיי זיינען געשטאַנען אונטער׳ן דירעקטען שוץ פון רוים. דאַגעגען האָבען זיך די אידען גערעכענט אַלס גרעסערע יחסנים אַקעגען די איינגעוואַנדערטע גוים, ווייל זיי זיינען געווען די אייגענטימער פונ׳ם לאַנד. האָט קעניג אַגריפּאַס געוואָלט האָבען שלום צווישען גוים און אידען און רבן גמליאל האָט איהם צו דעם געהאָלפען. איז דאַמאָלס איינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג, נישט צו פאַרטרייבען די גוי׳שע אָרימע לייט, ווען זיי קומען קלויבען "לקט שכחה ופאה" *) צוזאַמען מיט אידישע אָרימע לייט. עס איז אויך געזאָגט געוואָרען, אַז מען דאַרף שפּייזען די גוי׳שע אָרימע לייט צוזאַמען מיט די אידישע און דאָסזעלבע דאַרף מען טהון מיט גוי׳שע מתים (זעה גטין דף ס"א עמוד א׳).

ווי באַמערקט, האָט די רעגירונגס־צייט פון קעניג אַגריפּאַס נישט אָנגע־האַלטען מעהר ווי זיבען יאָהר — און טראָצדעם וואָס ער איז געווען באַשטרעבט, איינצוקויפען זיך אין לייטזעליגקייט ביי די רוימער, האָט ער פון דעסטוועגען געהאַט אָן אויער פאַר אַלע יענע, וועלכע האָבען גע׳חלומ׳ט וועגען אַ באַפריי־אונג פונ׳ם רוימישען יאָך. האָט ער טאַקי אינ׳ם לעצטען טאָג פון זיין לעבען געוואָלט וויסען, ווי שטאַרק אַ אידישע אַרמיי קען זיין. האָט ער געהייסען צו־נויפרופען אַלע אידען פונ׳ם לאַנד קיין ירושלים צו אַ "פאָלקסצעהלונג" — און צעהלען האָט ער זיי געהייסען לויט די "קרבן פסח׳ס", וואָס זיי וועלען ברענגען. דער כהן־גדול האָט דאַן באַהאַלטען דאָס אינעווייניגסטע פון יעדען "קרבן פסח". האָט די צאָהל פון די קרבן פסח׳ס אין יענעם יאָהר באַטראָפען זעקס־הונדערט טויזענד. האָט מען געקענט זעהען אַז עס זיינען פאַרהאַנען זעקס־הונדערט טויזענד אידישע פאַמיליען אין ארץ־ישראל, חוץ אַזעלכע וואָס זיינען נישט געקומען קיין ירושלים אויף פסח, ווייל זיי זיינען געווען טמא אָדער זיי זיינען געווען אין אַ ווייטען וועג, און אַזוי ווי יעדע פאַמיליע איז באַשטאַנען פון מינדעסטענס צעהן נפשות, האָט מען גערעכענט, אַז ארץ־ישראל האָט אַ אידישע באַפעלקערונג פון אָריבער זעקס מיליאָן מענשען (פסחים דף ס"ד עמוד א׳, תוספתא פסחים פרק ד׳).

אין דערזעלבער צייט איז קעניג אַגריפּאַס געפאָהרען זעהען אַ טעאַטער־שפּיעל אין צעזאַרעא — און זיצענדיג אין טעאַטער, האָט ער באַקומען אַ שרעקליכע אינעווייניגסטען שמערץ. האָט מען איהם געמוזט אַוועקפיהרען פונ׳ם טעאַטער אין מיטען שפּיעל, און ווען מען האָט איהם אַהיים געבראַכט אין זיין פּאַלאַץ, איז ער באַלד געשטאָרבען, 54 יאָהר אַלט.

נאָך׳ן טויט פון קעניג אַגריפּאַס האָט רבן גמליאל וואַהרשיינליך אויך

---

*) "לקט שכחה ופאה" זיינען דריי פאַרשידענע איבערבלייבעכצער ביים שניט פון די תבואות, וועלכע דער אַקערבויער טאָר נישט אַרונטערנעהמען פון זיין פעלד, ווייל ער דאַרף זיי איבערלאָזען פאַר אָרימע — "לקט" הייסען די איינציגע זאַנגען תבואה, וועלכע פאַלען אַרונטער ביים שניט פון די הענד. "שכחה" הייסט אַ קליין בינטעל תבואה, וואָס מען האָט פאַרגעסען אין פעלד, טאָר מען נישט צוריקגעהען דאָס נעהמען, ווייל מען דאַרף עס לאָזען פאַר אָרימע. "פאה" איז דער עק פונ׳ם פעלד אָדער פון אַ גאָרטען, וועלכער דאַרף איבער־געלאָזען ווערען, די אָרימע לייט זאָלען זיך דאָס אַליין אָפּשניידען און אַהיים נעהמען.

נישט לאַנג געלעבט. און ווען רבן גמליאל איז געשטאָרבען, האָבען די חכמים פון יענער צייט געזאָגט, אַז עס איז בטל געוואָרען דער כבוד פון דער תורה און עס איז אויך אָפּגעשטאָרבען די אָרענטליכקייט און די ריינקייט.

פון רבן גמליאל'ס איינפיהרונגען זיינען נאָך כדאי צו דערמאָנען עטליכע פאַר יענער צייט וויכטיגע "תקנות", אַ שטייגער ווי וואָס ער האָט איינגעפיהרט אַ נייע אָרדנונג ביי די עדות וועגען "קידוש החודש", וועלכע עס איז אַמאָל אויסגעקומען, צו אָנזאָגען די בשורה פון דער נייער לבנה אין אַ שבת, פלעגט מען זיי האַלטען אַ גאַנצען טאָג אין אַ הויף מיט'ן נאָמען "בית יעזק" און מען האָט זיי נישט געלאָזט פאַרלאָזען דעם אָרט צוליעב דעם לאו פון "איש אל יצא ממקומו". האָט רבן גמליאל מתקן געווען, אַז מען מעג געהען אום שבת צוויי טויזענד איילען צו יעדער ריכטונג פון דעם אָרט, וואו מען געפינט זיך. דאָסזעלבע האָט ער אויך ערלויבט, ווען אַ הייבאַם דאַרף געהן צו אַ "געווינערין", אָדער ווען איינער דאַרף געהען ראַטעווען פון אַ פייער, פון גוי'שע מיליטער, אָדער פון אַ פאַרפלייצונג (ראש השנה דף כ"ג עמוד ב').

אַזוי ווי עס זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען פיעלע הריגות ביי אידען, סיי דורך טויטען־אורטיילען פון דער רוימישער רעגירונג און סיי דורך מערדער, האָט מען געדאַרפט האָבען ביי יעדען פאַל צוויי עדות, אום מתיר צו מאַכען די אַלמנה, זי זאָל מעגען חתונה האָבען. האָט רבן גמליאל מתקן געווען, אַז גלייך ווי מען מעג חתונה מאַכען מיט איין עדות, זאָל מען זיך מעגען באַנוגענען מיט איין עדות ביי אַן אומגעוועהנליכען טויט פון אַ מאַן, מתיר צו מאַכען, אַז די אַלמנה זאָל מעגען חתונה האָבען מיט אַן אַנדערען (זעה יבמות דף קכ"ב עמוד א').

חוץ די דאָזיגע תקנות האָט נאָך רבן גמליאל איינגעפיהרט פאַרשיעדענע תקנות אין די דינים פון גטין גלייך ווי ביי אַנדערע וויכטיגע אָנגעלעגענהייטען פון'ם פאָלקסלעבען. ביי אַט דעם אַלעמען האָט ער געהאַט דעם צוועק, צו פאַרגרינגערען דאָס אָנהאַלטען די מצוות פון דער תורה. בלויז אין די דינים פון טומאה וטהרה איז ער געווען אַ מחמיר, מעהר ווי זיינע פאָרגענגער. ער האָט אויך איינגעפיהרט פאַרשיעדענע מנהגים, ביי וועלכע דער "נשיא" איז געשטאַנען אין אַ פּריווילעגירטער שטעלונג אַקעגען אַנדערע מענשען פון'ם פאָלק (זעה משניות שקלים פרק ג' און פרק ו').

רבן גמליאל איז געווען אַ שוואַכינקער און אַ פאַרצערטעלטער. האָט ער נישט געהאַט געגנוג כח, צו שטעהען ביים לערנען, ווי עס פלעגט דאַמאָלס זיין דער מנהג. האָט ער דאַדורך איינגעפיהרט דאָס זיצען ביים לערנען, פאַר'ן רבי'ן גלייך ווי פאַר'ן תלמיד (מגילה דף כ"א עמוד א'). און חאָטש ער איז געווען רייך, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, אַז ווען ער וועט שטאַרבען, זאָל מען איהם באַגראָבען אין לייוועטענע בגדים, נישט ווי מען פלעגט דאַמאָלס באַהאַנדלען אַ געשטאָרבענעם גביר פון זיינסגלייכען. האָט מען טאַקי פון דאַ־מאָלס אָן אויפגעהערט, צו געברויכען לוקסוסען ביי דער קבורה פון אַ חשוב'ן מת (מועד קטן דף כ"ז עמוד ב', כתובות דף ח' עמוד ב').

און וויל מען וויסען, וואָס רבן גמליאל האָט געהאַלטען פון זיינע תלמידים, איז כאַראַקטעריסטיש דער משל, ווי אַזוי ער האָט זיי געשילדערט: פאַרהאַנען— האָט ער געזאָגט — צווישען תלמידים אַזאַ פאַרשיעדענקייט, ווי עס איז פאַרהאַנען צווישען פיש אין וואַסער. פאַרהאַנען אַ טמא פיש, אַ כשר פיש, אַ פיש פונ'ם ירדן און אַ פיש פונ'ם ים הגדול. ווי אַ טמא פיש איז אַזאַ תלמיד, וועלכער קומט פון אָרימע מענשען און ער האָט געלערנט תנ"ך און משנה, הלכות און אגדות, נור ער האָט נישט קיין אייגענעם פאַרשטאַנד. ווי אַ כשר'ער פיש איז אַ תלמיד, וועלכער קומט פון רייכע מענשען און ער האָט געלערנט תנ"ך און משנה, הלכה און אגדה, און

רבן גמליאל הזקן

דערצו האָט ער נאָך אייגענעם פארשטאַנד. ווי א פיש פונ'ם ירדן איז אזא תלמיד, וועלכער האָט געלערענט תנ"ך און משנה, ער קען אויך דרש'נען אין הלכה ואגדה, נור ער האָט נישט קיין פארשטאַנד, צו פארענטפערען קשיות. ווי א פיש פונ'ם ים הגדול איז ווייטער אזא תלמיד, וועלכער האָט געלערענט תנ"ך און משנה, ער קען אויך דרש'נען אין הלכה ואגדה, דערצו האָט ער נאָך גענוג פארשטאַנד, צו פארענטפערען אלע קשיות.

פון רבן גמליאל איז דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט די אורזאך, צוליעב וועל־כער די סנהדרין פלעגען אויסרופען אן "עבור יאָהר". זאָגט זיך דאָרט אין א בריעף, וואָס רבן גמליאל האָט ארויסגעשיקט צו אידען אין ארץ־ישראל, גלייך ווי צו די ברידער אין די שכנ'שע לענדער, אז "די צייט פון פסח רוקט זיך אָן, און אזוי ווי עס זעהט זיך נאָך נישט קיין סימן פון פריהלינג, וועט מען נישט האָבען קיין שאָף פאר די קרבן פסח'ם, גלייך ווי מען וועט נישט האָבען קיין יונגע טויבען אויף קרבנות פאר די יולדות און. עס וועט אויך נישט זיין קיין נייער געדרשטען אויף מקריב צו זיין דעם עומר" (סנהדרין דף י"א עמוד ב', ירושלמי מעשרות פרק ה' הלכה ד').

עס קען אויך אָנגענומען ווערען אלס א זיכערע זאך, אז מען האָט דאמאָלס אין רבן גמליאל'ס צייטען, אריבערגעטראָגען די גרויסע ישיבה פון ירושלים קיין יבנה, וואו זי איז שוין מיט'ן "חסד" פון דער רוימישער רעגירונג פאר־בליבען לאנגע יאָהרען נאָך'ן חורבן.

רבן שמעון בן גמליאל הזקן

מיט'ן טויט פון קעניג אגריפאס האט זיך די פאליטישע לאגע פון ארץ־ישראל שטארק פארערגערט. די רוימישע פארוואלטער פונ'ם לאנד האבען געשטיקט און געדריקט אויף יעדען שריט, פשוט ארויסצוקוועטשען די נשמה ביי די מענשען. דערווייל איז אויך רבן גמליאל הזקן געשטארבען און אויף זיין ארט איז געקומען דער זוהן זיינער — רבן שמעון בן גמליאל, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט פון זיין "נשיאות" געפונען אין א שרעקליכער קלעם. זיכערליך האט ער געוואלט אנהאלטען די טראדיציע פון זיין עלטער־זיידע'ן הלל אלס א "רודף שלום". איז איהם אבער נישט געווען מעגליך, צוצוקוקען צו די בארבארישע מערדערייען פון די רוימישע מאכטהאבער און צו שווייגען, אדער גאר נאך צו וועלען בארוהיגען דעם אויפגערייצטען עולם.

פון טאג צו טאג האט זיך דאן די פארטיי פון די "פאטריאטען" פאנאנדערגעוואקסען און מען האט אנגעהויבען פיהרען א קאמפף געגען די רוימער אויף טויט און לעבען. האט שוין דער "נשיא" נישט געקענט לענגער שפיעלען די ראלע פון א זייטיגען צושויער. די פאליטישע אומשטענדען האבען פון איהם פארלאנגט, ער זאל נעהמען א שטעלונג אויף דער זייט פון די אידען אדער פון די רוימער. איז ער אין אנפאנג ארויסגעקומען געגען די אזוי גערופענע "פאטריאטען" און זייערע בלוטיגע קעמפפע. אזוי ווי ער האט אבער שפעטער איינגעזעהען די בארעכטיגונג פונ'ם קאמפף געגען רוים, איז ער צוגעשטאנען צו די "פאטריאטען" און ער האט זיך אויך פערזענליך באטייליגט ביי פיעלע פון זייערע קריעגערישע אונטערנעהמונגען.

לערך 17 אדער 18 יאהר בעפאר דעם חורבן איז רבן שמעון בן גמליאל געווארען "נשיא" און די גרויסע פארזאמלונג פון די חכמים אינ'ם הויז פון חנניה בן חזקיה, וועגען וועלכער עס איז שוין געשריבען געווארען, איז פארגעקומען אין זיין צייט. נור אזוי ווי מען האט דאמאלס מורא געהאט, טאמער וועלען די רוימער אנפאלען אויף דער אסיפה, האט מען פריהער צוגעגרייט פארשיעדענע רעליגיעזע פראגען, וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין אן ענטשיידונג, כדי צו קענען זאגען, אז מען האט ביי דער דאזיגער אסיפה נישט גערעדט קיין פאליטיק, נור עס האט זיך בלויז געהאנדעלט, אויסצוגלייכען געוויסע מיינונגס־פארשיעדענהייטען ביי די מצוות פון דער תורה.

אין דער רעליגיעזער פיהרונג זיינער האט רבן שמעון בן גמליאל אפגעהיט די טראדיציע פון זיין משפחה, צו פארגרינגערען די פארשריפטען פון דער תורה, ווי ווייט עס איז נור מעגליך. ער האט אויך ארויסגעוויזען א שטיקעל טאלעראנץ צו די "צדוקים", וועלכע זיינען זייט דער צייט פון שמעון בן שטח פארעכענט געווען ביי די "פרושים" ווי פשוט'ע גוים. חוץ דעם האט ער געהאלטען, אז מען טאר נישט ארויפלייגען קיין צו גרויסע רעליגיעזע לאסט אויף'ן פאלק, מעהר ווי דער עולם וויל אננעהמען.

ווען רבן שמעון בן גמליאל וואלט געלעבט אין צייטען פון פריעדען, וואלט אפשר די אנטוויקלונג פון זיין גייסט געגאנגען אויף אן אנדערן וועג. אויפגעצויגען אין עשירות און כבוד, וואלט ער זיכער געווארען א שעהנהייטס־ענטוזיאסט. עס איז אויך זעהר שווער אפצושאצען, וויפיל פון "יפת'עס שעהנקייט" (יפיפותו של יפת) ער וואלט דאן אריינגעבראכט אין "שם'ס געצעלטען".

אזוי האָט ער אַמאָל געזעהן אַ שעהנע גוי'שע פרוי, און חאָטש עס איז געווען אָנגענומען ביי אידען, אַז מען טאָר נישט אויסדריקען קיין באַוואונדערונג פאַר דער שעהנהייט פון אַ גוי'שע פרוי, האָט ער זיך פון דעסטוועגען נישט געקענט איינהאַלטען און ער האָט אַ זאָג געטהון: „גאָטעניו, ווי גרויס זיינען דיינע וואונדערליכע טהאַטען!"... (עבודה זרה דף כ' עמוד א').

אזוי אויך פלעגט ער אָפּטמאָל באַווייזען אַקראָבאַטישע קונצשטיק, וואָס קיינער האָט נישט געקענט נאָכטהון. ביי „שמחת בית השואבה", למשל, האָט ער אַרומגעוואָרפען אין דער לופטען און געחאַפּט מיט די הענד אַכט ברענענדע פאַקלען, וואָס איינע איז נישט געקומען אין באַריהרונג מיט די אַנדערע, נישט אין זיין האַנד און נישט אין דער לופטען. און ווען ער האָט זיך געבוקט צו דער ערד אין מיטען פון זיין געבעט, האָט ער זיך געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף צוויי פינגער, אַ קוש געטהון דעם פוס־באָדען און אויף גיך זיך געגעבען אַ שטעל אויף אָהן יעדער הילף פון אַן אַנדערען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע אַנשויאונגען איז זיין אויסשפּרוך אין „פרקי אבות" (פרק א' משנה י"ז), וואו ער זאָגט: „אַלע טעג פון מיין לעבען האָב איך פאַרבראַכט צווישען חכמים און איך האָב נישט געפונען קיין בעסער מיטעל פאַר'ן גוף ווי שווייגען, ווייל נישט דאָס דרש'ענען איז דער עיקר ביי אַלע אונטערנעהמונגען פונ'ם לעבען, נור די טהאַט, און ווער עס רעדט פיעל, דער מוז זינדיגען".

איז טאַקי צו דער ערקלערונג פון די דאָזיגע ווערטער נויטיג צו וויסען, אַז ביי די אידען פון אויסערהאַלב ארץ־ישראל, אַ שטייגער ווי אין אַלעקסאַנדריען, איז דאַמאָלס געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז דאָס לערנען די תורה האָט מעהר אַ טהעאָרעטישען ווערטה, ווייל עס האַנדעלט זיך הויפּטזעכליך וועגען די טהעאָריען, נישט וועגען דעם אָפּהיטען די מצוות אין דער פּראַקטיק. הויפּטזעכליך האָט ער אָבער וואַהרשיינליך געוואָלט געבען אַן אָנצוהערעניש, אַז דער קאַמפּף געגען די רוימער דאַרף אָנגעפיהרט ווערען אויף אַ פּראַקטישען אופן, וויינגער גערעדט און מעהר געקעמפּפט.

דער קאַמפּף געגען רוים האָט זיך דערווייל זעהר פאַרשטאַרקערט. מיט בלוט און פייער האָט רוים געקעמפּפט געגען אידען און מיט בלוט און פייער האָבען אידען אָפּגעענטפערט. אַלע פריעדען־ליעבענדע עלעמענטען פונ'ם פאָלק זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען. איינע זיינען דער'הרג'עט געוואָרען דורך די רוימער, אַנדערע זיינען געפאַלען אונטער דער שווערד פון די אייגענע „פאַטריאָטען". דערצו זיינען נאָך פאָרגעקומען שרעקליך בלוטיגע צוזאַמענשטויסען מיט די ארץ־ישראל'דיגע גוים. עס האָבען אויך גענומען קעמפּפען געגען אידען די „אדומיים", וואָס האָבען זיך יעצט אין זייער מעהרהייט אָפּגעזאָגט פון דער אידישער אמונה, וועלכע זיי האָבען מיט פינף דורות צוריק געצוואונגענערהייד אָנגענומען. גלייכצייטיג האָבען די „שומרונים" (אָדער „כותיים") אויפגעהויבען די קעפּ מיט אַ מערדערישען חשק געגען אידען.

אזוי האָבען פריהערע גרים און אַמאָליגע גוטע פריינד פון אידען געוואָלט ציהען נוצען פון דער רוימיש־אידישער מלחמה — און אַלע פיילען האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אויף'ן איד'ס פּלייצע. דער קאַמפּף איז אויך געווען זעהר אַ שטרענגער. יעדער איינער פון די דאָזיגע שונאים האָט געשטרעבט צו אַ גענצליכער אויסראָטונג פונ'ם אידישען פאָלק — און פונקט אזוי האָבען די אידען זיי אָפּגעענטפערט.

ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָבען די רייכע אידען געהאַלטען מיט רוים. זיי האָבען וויניג וואָס געקראָגען צו פיהלען די קנעכטשאַפט. די בייטש פון דער רעגירונג האָט זיך זעהר זעלטען אַרונטערגעלאָזען אויף זייער רוקען. געגען זיי איז די רוימישע רעגירונג אומגעגאַנגען מיט חסד, געבענדיג זיי פאַרשיעדענע

פּריווילעגיעס און מאַכענדיג זיי פאַר קאָלעקטאָרען פון די שטייערן, זיי זאָלען העלפען אַרויסקוועטשען דעם מאַרך פון די ביינער ביי די אייגענע אָרימע בוידער. האָט אָבער צווישען די דאָזיגע רייכע נישט עקסיסטירט קיין פאַרשטענדניס פאַר די פּריווילעגיעס פון זייער קלאַס. פיעלע פון זיי האָבען זיך באַמיהט אין דער תורה, זיינען געווען אָפּגעהיט אין מצוות און האָבען ריכטיג געגעבען זייערע מעשרות. זיי האָבע בלויז ליעב געהאַט געלד און אין זייער גרויסער ליעבשאַפט צו געלד האָט איינער דעם אַנדערען פיינט געהאַט אויף׳ן שרעקליכסטען אופן (זעה ירושלמי יומא פרק א׳ הלכה א׳).

האָבען דאַן די סנהדרין פאַרלוירען זייער אויטאָריטעט און קיינער האָט זיי נישט געהערט. אַזוי ווי זיי האָבען שוין דאַמאָלס נישט געהאַט קיין רעכט צו משפּט׳ן אין "דיני נפשות", האָט מען נישט מעהר קיין מורא געהאַט, צו טהון פּונקט פאַרקעהרט, ווי די סנהדרין האָבען געהייסען. איז דער גרויסער עולם געוואָרען אויסגעלאַסען זויפעריש און עס האָבען זיך געהערט פאַרשייטע ליעדער אין די גאַסען פון ירושלים. געזעלשאַפטליך נידריגע ברואים זיינען פּלוצים דערהויבען געוואָרען ביים עולם און הויכגעשטעלטע חשובים האָבען פאַרלוירען זייער ווערדע. וויפיל איינער האָט געהאַט געלד, האָט ער אויסגעגעבען אויף זויפעריען און כל־ערליי אונמאָראַלישע פאַרגעניגונגען. יעדער פון זיי האָט געטענה׳ט: "וואָס איז דאָ צו שפּאָרען? צו וואָס זאָל מען באַהאַלטען אויף שפּעטער? אַ מענש דאַרף בלויז עסען און טרינקען און אָנטהון זיך אַלערליי פאַרגעניגענס, ווייל אַז מ׳וועט אַליין נישט אויסגעבען דאָס געלד, וועט עס דער רוימער סיי־ווי צונעהמען"..

אין דערזעלבער צייט האָבען זיך אויך פאַרשפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד פאַרשיעדענע רויבער־באַנדעס, ווער עס האָט זיך געוואַגט אַרויסצוגעהן אויסערהאַלב די שטאָדט־מויערען אָהן מיליטערישער באַשיצונג, איז געווען זיכער, אַז ער וועט מעהר נישט קומען צוריק אַ לעבעדיגער. צווישען די דאָזיגע רויבער זיינען געווען אידען און גוים — און אָנגעפאַלען איז מען אויף יעדען וואַנדערער אָהן אונטערשיעד, סאַי דאָס איז געווען אַ איד, סאַי אַ גוי. אין גאַנצע באַנדעס זיינען יענע רויבער אַרומגעגאַנגען און בלויז גרויסע באַוואָפענטע רייזע־קאַראַוואַנען אָדער אַ גרעסערע צאָהל רוימישע סאָלדאַטען האָבען זיך געקענט געגען זיי שטעלען.

עס איז אויך דאַמאָלס אַרומגעגאַנגען אַן אייגענאַרטיגע "גענג" מיט קליינע שפּיציגע שפּיעזלעך, באַהאַלטען אונטער דער פאָלע פון׳ם מאַנטעל. אָט די "גענג" האָט זיך גערופען "סיקריקון". מיט אַן אומשולדיג פּנים פלעגען זיך די דאָזיגע מענשען אַרומדרעהען איבער די גאַסען פון ירושלים, און וואו עס איז געשטאַנען אַ רעדעל מענשען, האָבען זיי זיך אַריינגעשאַרט אין דער מיט, און ווען עס האָט זיך דאַרט געפונען איינער, וועגען וועמען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער שטעהט אויף דער זייט פון רוים, האָט מען איהם אַריינגעשטאָכען אַ שפּיזעל אין דער זייט און דער שטעכער האָט זיך באַלד קונציג אוועקגעדרעהט ווי קיינמאָל גאָר נישט...

די גרעסטע אַרבייט, אָנצוהאַלטען אָרדנונג און שלום אין ארץ־ישראל, איז געווען אים פּסח. פון אַלע עקען זיינען צונויפגעקומען אידען פייערען זייער יום־טוב. פלעגען זיך זיי נאָכשלעפּען אַ גרויסע מחנה גנבים און רויבער. דערצו פלעגען זיך נאָך די מענשען שטופּען אַלע צו דער פראָנט, "צו זעהען און געזעהען צו ווערען". האָט דער רוימישער שטאַטהאַלטער (גובערנאַטאָר) געהאַט די אויפגאַבע, אַוועקצושטעלען סאָלדאַטען אַרום בית־המקדש, אויף אָנצוהאַלטען די אָרדנונג. האָט זיך אַמאָל איין רוימישער סאָלדאַט אַוועקגעשטעלט טהון זיין "צורך" אַקעגען דער וואַנד פון׳ם בית־המקדש. זיינען אידישע יונגעלייט אויפגעקאָכט געוואָרען פון כעס. האָבען זיי יענעם סאָלדאַט אויף דער שטעל אין שטיקער צוריסען. און אַזוי ווי עס האָבען איהם די חברים זיינע געוואָלט

אפראטעווען פונ׳ם צורייצטען המון, האבען זיך די אידען געווארפען אויף די אנדערע סאלדאטען, צו נוקם׳ן זיך אן זיי פאר דער פאראומווירדיגונג פון זייער הייליגקייט. האט דער שטאטהאלטער ארויסגעשיקט זיין גאנצע ארמיי געגען אידען. זיינען דאן די יונגע קעמפפער אנטלאפען אין א שרעקליכער בהלה. און אזוי ווי די גאסען פון ירושלים זיינען געווען זעהר ענג און מענשען זיינען דאמאלס געווען אין דער שטאדט מעהר ווי אנדערהאלבען מיליאן, זיינען אין דעמזעלבען טאג געפאלען ארום צעהן טויזענד אידען.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט זיינען אידען אנגעפאלען אויף א מחנה קנעכט פונ׳ם רוימישען שטאטהאלטער, וועלכע האבען געפיהרט געלד און עסענווארג פאר זייערע סאלדאטען, האבען דאן די אנפאלער אויסגע׳הרג׳עט דעם שטאטהאלטער׳ס קנעכט און אוועקגערויבט אלסדינג, וואס זיי האבען מיט זיך געפיהרט. האט דער שטאטהאלטער ארויסגעשיקט סאלדאטען, חרוב צו מאכען אלע דערפער פון ארום ירושלים. האבען זיי פינקטליך אויסגעפיהרט דעם שטאטהאלטער׳ס באפעהל און יעדער, וועמען זיי האבען באגעגענט אויף׳ן וועג, האט עס באצאהלט מיט זיין לעבען.

אין דער צייט פון די דאזיגע צוזאמענשטויסען האט איינער א רוימישער סאלדאט געחאפט א ספר־תורה, געטראמפעלט אויף דעם מיט די פיס, צוריסען עס דערנאך אין שטיקער און פארברענט, זאגענדיג דאביי, אז ער האט געטרעטען דעם אידישען גאט מיט די פיס און איהם פארברענט. האט זיך דער עולם א ווארף געטהון אויף דעם צוזשעטען סאלדאט, וועלכער האט פאר זיין טהאט באצאהלט מיט׳ן לעבען. גלייכצייטיג זיינען אבער וויטערע הונדערטער אידען דער׳הרג׳עט געווארען.

ווי באמערקט, האבען דאמאלס די "שומרונים", אויפגעהויבען די קעפ געגען אידען. זייער בית־המקדש אויף׳ן בארג גריזים איז שוין לאנג חרוב געווען. דער גרעסטער טייל זייערער האט אפילו אפגעהיט אידישקייט און פיעלע פון זיי האבען זיך אפטמאל ארויסגעוויזען פרומער ווי אידען. האט אבער אין זייער הארץ שטענדיג געברענט א שנאה צו אידען, וועלכע האט זיך נישט געקענט קיינמאל אפקיהלען, סיידען נור מיט אידיש בלוט. און ווען די מענשען פונ׳ם גליל האבען געוואלט "עולה רגל" זיין קיין ירושלים אויף יום־טוב, האבען זיי געמוזט געהען איבער די דערפער פון די שומרונים. זיינען אויף זיי די שומרונים אנגעפאלען און זיי אלעמען דער׳הרג׳עט. זיינען דאן די מענשען פון ירושלים ארויסגעגאנגען נעהמען נקמה פאר די דער׳הרג׳טע גליל־לייט. האבען זיי אויסגע׳הרג׳עט אלע שומרונים, וואס זיינען זיי געפאלען אין די הענד אריין. גלייכצייטיג האבען זיי די דערפער זייערע אונטערגעצונדען און פארברענט. איז געקומען דער רוימישער שטאטהאלטער און האט די אידען דערפאר באשטראפט מיט א הריגה פון עטליכע טויזענדער.

דערוויל איז קייזער קלאודיוס געשטארבען און אויף זיין טהראן איז געקומען קייזער נערא (נירון קיסר). האט ער איבערגעגעבען א שטיקעל ממשלה צום אידישען פרינץ אגריפאס, דעם זוהן פון יענעם גוטהארציגען קעניג אגריפאס, וועלכער איז געווען אין דער צייט פון רבן גמליאל הזקן. איז די ממשלה פון אט דעם צווייטען אגריפאס געווען גאר א קליינינקע: א שטיק פונ׳ם גליל מיט דער שטאדט טבריה און 24 דערפער אין עבר־הירדן. גלייכצייטיג האט ער אבער באקומען דאס רעכט, אויסצוקלויבען "כהנים גדולים" פאר׳ן בית־המקדש, לויט ווי עס וועט איהם געפעלען. האט אגריפאס דאס דאזיגע רעכט אויסגענוצט, ווי ווייט עס האט זיך נור געלאזט. ווער עס האט געגעבען געלד, איז אויסגעקליבען געווארען אלס "כהן גדול". און טאמער איז אימיצער געקומען צו־מארגענס מיט מעהר געלד, האט מען דעם נעכטיגען כהן־גדול באלד ארונטערגעזעצט. דער עיקר ביי אזא קאנדידאט איז געווען בלויז די סומע

געלד, וואָס ער האָט געקענט געבען. ער האָט אַפילו געמעגט זיין נישט פון אהרן הכהן׳ס גזע...

ווערד פון יענער צייט בלויז איין איינציגער "כהן גדול" דערמאָנט מיט אַ לויב. דאָס איז ישמעאל בן פאבי. אָבער אַפילו וועגן איהם איז די מיינונג נישט זעהר קיין געהויבענע. דער ברייטער עולם פלעגט זיך איבערהויפּט שלעכט אויסדריקען וועגן יעדען "כהן גדול" פון דאַמאָלס, אַפילו וועגן ישמעאל בן פאבי, וואָס פון איהם ווערד דערצעהלט, אַז ער האָט דורך זיינע הויזמענשען געלאָזט אונטערדריקען דאָס פאָלק אויף׳ן שרעקליכסטען אופן.

פלעגען דאַן די מענשען זאָגען, אַז די כהנים גדולים הרג׳נען זיך איינער דעם אַנדערען מיט כשוף — און איינער אַ דיכטער האָט צונויפגעשטעלט אַ "מליצה" מיט אַ צעטעל עוולות, וואָס אידען האָבען געדאַרפט אויסשטעהען פון זייערע כהנים גדולים, אין די פאָלגענדע ווערטער: "וועה איז מיר פונ׳ם הויז ביתוס, וועה איז מיר פון זייער קללה; וועה איז מיר פונ׳ם הויז חנן, וועה איז מיר פון זייער גיפט; וועה איז מיר פונ׳ם הויז קתרוס, וועה איז מיר פון זייער פעדער; וועה איז מיר פונ׳ם הויז ישמעאל, וועה איז מיר פון זייער פויסט. אַליין זיינען זיי כהנים גדולים, זייערע קינדער זיינען שטייער קאָלעקטאָרען, זייערע איידעמס זיינען די אויפזעהער פונ׳ם בית המקדש, און זייערע קנעכט שלאָגען דאָס פאָלק מיט שטעקענס" (פסחים דף נ״ז עמוד א׳).

און ווען רבן שמעון בן גמליאל האָט געוואונען די איבערצייגונג, אַז דער קאַמפף געגען די רוימער איז אַ באַרעכטיגטער און אַלס "נשיא" פון די סנהדרין דאַרף ער זיך שטעלען אין דער פראָנט פון דער רעוואָלוציע, איז ער ווי צום שאַרפסטען ארויסגעקומען געגען דער טהעטיגקייט פון יאָזעפוס (יוסף בן גוריון הכהן), וועמען עס איז דאַן איבערגעגעבען געוואָרען די פיהרונג פון דער רעוואָלוציע אינ׳ם גליל. פונ׳ם ערשטען אויגענבליק אָן האָט רבן שמעון בן גמליאל געדענקט, אַז יאָזעפוס איז מיליטעריש אומפעהיג צו זיין אויפגאַבע, גלייכצייטיג האָט ער איהם פאַרדעכטיגט, אַז ער וועט ביי דער ערשטער געלעגענהייט אַריבערגעהן צו די רוימער. יאָזעפוס אַליין דערצעהלט וועגן דעם און ער זאָגט נישט פון דעסטוועגען קיין שלעכט וואָרט איבער זיין געגנער...

ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז עס כמעט אונמעגליך, אַז אַזאַ מענש ווי רבן שמעון בן גמליאל האָט אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערער צייט געקענט שטאַרבען מיט זיין אייגענעם טויט. איז טאַקי פאַרהאַנען אַ מיינונג, אַז רבן שמעון בן גמליאל איז דער׳הרג׳ט געוואָרען. מאַנכע היסטאָריקער גלויבען זאָגאַר, אַז נישט די רוימישע רעגירונג האָט איהם געלאָזט הרג׳נען, נור אַז ער איז געפאַלען דורך דער האַנד פון די "פאַטריאָטען", וועלכע האָבען איהם חושד געווען, אַז ער איז נישט מיט׳ן גאַנצען האַרץ אויף זייער זייט. אין "מגילת תענית" ווערד בלויז דערמאָנט דער טאָג, אין וועלכען ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען, אַז דאָס איז געווען אין כ״ה סיון — און אַז ער איז דער׳הרג׳ט געוואָרען צוזאַמען מיט ר׳ ישמעאל בן אלישע כהן גדול.

רבי חנינא סגן הכהנים און זיינע צייט-גענאָסען

טראָצדעם וואָס ארץ־ישראל האָט זיך אויף זעהר א שרעקליכען אופן גע־צאַפּעלט אין א פּאָליטישער גסיסה דורך די לעצטע פינף צעהנדלינג יאָהרען בעפאָר דעם חורבן פונ׳ם צווייטען בית־המקדש און די שווערע בערישע לאַפּעס פון דער רוימישער אימפּעריע האָבען עס נישט דערלאָזט, אז אידען זאָלען קענען א קאָפּ אויפהויבען, איז פון דעסטוועגען דאָס לערנען די אידישע תורה נישט פארקלענערט געוואָרען וועהרענד דעם גאַנצען שווידערליכען קריזיס. דרוי־סען אויף דער גאַס האָט געבושעוועט דער שונא, טויזענדער אידישע פּאַטרי־אָטען האָבען מפקיר געוועןן זייערע לעבענס, אין דער באַשטרעבונג צו פארניכ־טען דעם פּיינד — און אין דערזעלבער צייט האָט מען זיך אינעווייניג אין די אידישע הייזער אָפּגעגעבען מיט לערנען, גלייך ווי עס וואָלט דרויסען נישט געלאָקערט קיין שום געפאַהר.

די רוימער האָבען נאָך דאַמאָלס נישט פארשטאַנען, ווי ווייט דאָס לערנען קען ווירקען אויף דער ערהאַלטונג פונ׳ם אידישען פּאַטריאָטיזם. איז זיי נאָך דארורך נישט געקומען אויף׳ן געדאַנק, אז מען דארף דאָס לערנען שטערען. דאָס האָבען זיי ערשט שפּעטער פארשטאַנען, ווען זיי האָבען געזעהן, אז דער בית־המקדש איז חרוב און דער איד געפינט זיין פּאַריאָטישען טרייסט אין דער תורה. אָבער דעמאָלט, בעפאָר דעם חורבן, האָבען די פּאָליטישע פיהרער פון רוים געדענקט, אז דער איינציגער ״סטימולאַנט״ פאר דער אידישער רעוואָלוציע איז דער בית־המקדש — און אין דער דאָזיגער מיינונג האָבען זיי אויך באַ־שטאַרקט די אידישע פריינד פון רוים. האָט דאָן די רוימישע מלוכה קאָנצענ־טרירט איהרע קרעפטען, צו אטאַקירען דעם בית־המקדש און נישט דאָס לערנען.

זיינען דאַמאָלס חוץ דעם ״נשיא״ און זיין גוואַרדיע געווען נאָך אַנדערע צעהנדלינגער חכמים, וועלכע האָבען זיך פארטיעפט אין דער תורה און זיי האָבען אויך באַאיינפלוסט דאָס לעבען פונ׳ם פאָלק — און איינער פון די חשוב׳סטע צווישען יענע חכמים איז געווען ר ב י ח נ י נ א ס ג ן ה כ ה נ י ם.

א ״סגן הכהנים״ איז געווען איינער, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו שטעהן ביי דער זייט פונ׳ם כהן־גדול וועהרענד דער ״עבודה״ אום יום־כפור — און באַשטימט איז געווען אזא ״סגן״ פאַר א לענגערע צייט. די ״כהנים גדולים״ פלעגען זיך זעהר אָפט בייטען, אָבער דער ״סגן״ איז פאַר א לאַנגע צייט געבליבען דערזעלבער. עס פלעגען אויך זיין עטליכע ״סגנים״ אין איין צייט און פון זיי האָט מען געוועהנליך אָנגעגרייט איינעם אלס אסיסטענט צום כהן־גדול, אז ווען עס וועט דעם כהן־גדול עטוואָס אומגעוועהנליכעס פּאַסירען און ער וועט נישט קענען טהון די ״עבודה״, זאָל א פארטרעטער שטעהן גרייט, איבערצונעהמען דעם פּלאַץ. אָבער ווי לאַנג דער כהן־גדול האָט געהאַט די מעג־ליכקייט, דורכצופיהרען זיין אויפגאַבע, איז דער ״סגן״ בלויז געשטאַנען ביי זיין רעכטער האַנד און ער האָט נישט געקענט טהון דאָס מינדעסטע פונ׳ם כהן־גדול׳ס ארבייט (רש״י יומא דף ל״ט עמוד א׳).

די באַדייטונג פונ׳ם וואָרט ״סגן״ איז אזוי פיעל ווי אויפזעהער — און די

אסיסטענטען פונ׳ם כהן־גדול זיינען אויך געווען אויפזעהער איבער׳ן בית־המקדש, אזעלכע מיני ״סופעראינטענדענטען״, וואס זיינען געווען גרייט צו העלפען ביים כהן־גדול׳ס ארבייט, אפילו ווען עס האט זיך נישט גענויטיגט...

ר׳ חנינא (אין אנדערע ערטער הייסט ער חנניה מיט א ה״א) איז געווען איינער פון די חשוב׳סטע חכמים ביים סוף פונ׳ם בית שני. אין דער ערשטער צייט, ווען די פאטריאטען האבען נור וואס אנגעהויבען זייער טהעטיגקייט, איז ער געווען פון די פריעדליכע מענשען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען געגען די פאטריאטען. דאמאלס האט ער געזאגט, אז מען דארף בעטען פאר׳ן שלום פונ׳ם מלכות, ווייל ווען די מענשען וועלען נישט מורא האבען פאר׳ן מלכות, וואלט איינער דעם אנדערן לעבעדיגערהייד איינגעשלונגען (אבות פרק ג׳ משנה ב׳). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער זיך אויסגעדריקט מיט די העכסטע לויב־ווערטער וועגען שלום, אז ער האט דיעזעלבע ווערדע ווי די גאנצע ״מעשה בראשית״ (ספרי פ׳ נשא).

שפעטער ווען די מערדערישע האנדלונגען פון די רוימער האבען זיך פארשטארקט, איז ר׳ חנינא סגן הכהנים צוגעשטאנען צו דער פארטיי פון די פאטריאטען צוזאמען מיט׳ן ״נשיא״ רבן שמעון בן גמליאל. דאמאלס איז ער אויך ארויסגעטרעטען מיט שארפע ווערטער געגען די אידישע גבירים וועלכע האבען פון זיך אראפגעווארפען דעם עול פונ׳ם אויבערשטן און זיי האבען אויף זיך גענומען דעם עול פון מענשען, ווייל ״ווער עס נעמט אויף׳ן זינען די ווערטער פון דער תורה, נעהמט מען ביי איהם אוועק די זארג פונ׳ם שווערד, פונ׳ם הונגער, פונ׳ם יצר הרע און פון מענשליכער הערשאפט, ווי דער פסוק זאגט, אז ווייל דו האסט נישט געדיענט דעם אויבערשטען מיט שמחה און מיט א גוט הארץ, ווען דו האסט געהאט אלסדינג פארפול, וועסטו דארפען דיענען דיינע פיינד, וועלכע גאט וועט אויף דיר אנשיקען, אין הונגער און אין דורשט, נאקעט און אפגעבלויזט פון אלעמען. אזא מענש וועט אמאל וועלען עסען א שטיקיל גערשטענע ברויט און ער וועט נישט געפינען. ער וועט אבער אין דערזעלבער צייט מוזען געבען צו זיין פיינד שעהן ברויט און פעט פלייש. ער וועט גלוסטען צו א טראפען עסיג אדער צו א טראפען ביער און ער וועט עס נישט געפינען. עס וועלען אבער זיינע פיינד פון איהם פארלאנגען דעם בעסטען וויין און ער וועט עס זיי מוזען געבען. ער וועט וועלען אנטהון א העמד פון וואל אדער פון פלאקס און ער וועט עס נישט געפינען. אין דערזעלבער צייט וועלען זיינע פיינד ביי איהם פארלאנגען דאס בעסטע זיידענצייג און ער וועט עס זיי מוזען געבען. אזוי וועט ער זיין אפגעבלויזט פון אלעמען, אהן א ליכט, אהן א מעסער און אהן א טיש, גלייך ווי אהן א ביסיל זאלץ״ (אבות דר׳ נתן פרק כ׳).

עהנליך ווי עס ווערד דערצעהלט וועגען דער פריווילעגירטער שטעלונג, וואס רבן גמליאל הזקן האט פאר זיך איינגעפיהרט, ווערד אויך דערצעהלט וועגען ר׳ חנינא סגן הכהנים. ווי לאנג דער בית־המקדש איז געשטאנען, פלעגט מען ביי איהם פרעגען וועגען יעדען דין אין די ענינים פון קרבנות און זיין ווארט איז געווען אנגענומען ביי יעדען. אפטמאל האט ער באגרינדעט זיין מיינונג מיט די פאקטען, ווי אזוי דער פאטער זיינער האט זיך נוהג געווען, און די מנהגים פון זיין פאטער זיינען געווען באגרינדעט אויף די באזונדערע טראדיציעס פון זיין פאמיליע.

הויפטזעכליך האט ער אכטונג געגעבען צו באהאלטען דעם אנדענקען פון די מנהגים ביי דער ״עבודה״ אינ׳ם בית־המקדש. אזוי ווי ער האט געדענקט, אז דער בית־המקדש וועט גאר אין גיכען צוריק אויפגעבויט ווערען, האט ער געוואלט, אז די מנהגים אינ׳ם נייעם בית־המקדש זאלען נישט זיין אנדערע, ווי זיי זיינען געווען אינ׳ם פארברענטען בית־המקדש (זעה פסחים דף י״ד עמוד א׳, גטין דף כ׳ עמוד ב׳, זבחים דף פ״ד עמוד א׳).

רבי חנינא סגן הכהנים און זיינע צייטגענאָסען

חוץ ביי די דינים פון קרבנות האָט אויך ר׳ חנינא סגן הכהנים באַאייג־פלוסט דאָס אידישע לעבען אין אַן אַנדערער באַציהונג. אַזוי איז געווען אין זיין צייט אַ געלד־לייהער אין אַ דאַרף לעבען ירושלים, וועלכער פלעגט אַליין אָנשרייבען דעם וועקסעל (שטר־חוב), און דער, וואָס האָט זיך דאָס געלד גע־ליהען, האָט בלויז אונטערגעשריבען דעם וועקסעל מיט זיין אייגענער האַנד, אָדער ער האָט באַשטעטיגט זיין אונטערשריפט דורך עדות. האָט ר׳ חנינא די דאָזיגע שטרי־חובות ערקלערט פאַר גוט, חאָטש עס איז דאַמאָלס געווען ווי אַן אָנגענומענער דין, אַז דער, וואָס לייהט זיך דאָס געלד, דאַרף אַליין אָנשריי־בען דעם שטר־חוב. ר׳ חנינא האָט געדענקט, אַז ביי אַ שטר־חוב איז נישט דער עיקר, דורך וועמעס האַנד ער איז געשריבען, אַבי די אונטערשריפטען פון די עדות זיינען כשר׳ע.

ווי באַמערקט, האָט ר׳ חנינא געלעבט און געווירקט וועהרענד די לעצטע יאָהרען פונ׳ם צווייטען בית־המקדש (יומא דף כ״א עמוד ב׳). ער האָט אויך אַמאָל אַליין דערצעהלט, אַז ווען ער פלעגט טהון די ״עבודה״ אינ׳ם בית־המקדש, זיינען דאַמאָלס געשעהען נסים מיט דער מנורה, וואָס מען האָט זי אָנגעצונדען בלויז איינמאָל אין יאָהר, אים ראש־השנה, און זי האָט דערנאָך געברענט דאָס גאַנצע יאָהר (מדרש תנחומא פ׳ תצוה פיסקא ג׳).

צוליעב דער טרויער וועגען חורבן בית-המקדש האָט ר׳ חנינא אין גע־גענזאָץ צו די אַנדערע חכמים געהאַלטען, אַז ווי לאַנג דער בית־המקדש איז חרוב, זאָל אַפילו אַ ״מחויב טבילה״ נישט טאָרען נעהמען קיין באָד אים תשעה־באב (ירושלמי ביצה פרק ב׳ הלכה ו׳).

דער נאָמען פון ר׳ חנינא סגן הכהנים ווערד נישט דערמאָנט צווישען די ״הרוגי מלכות״. איז אָבער פון דעסטוועגען פאַרהאַנען אַ דעה, אַז ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען — און דער טאָג פון זיין טויט איז געווען כ״ה סיון, אין דעמזעלבען טאָג, וואָס רבן שמעון בן גמליאל און ר׳ ישמעאל בן אלישע זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ער איז דער׳הרג׳ט געוואָרען בעפאָר דעם חורבן, ווייל ר׳ חנינא האָט איבערגעלעבט דעם חורבן. עס מיינט בלויז, אַז דער טאָג פון זיין טויט איז אויסגעקומען צו דער יאָהרצייט פון יענע צוויי הרוגים.

* * *

צו דערזעלבער צייט אָדער עטליכע יאָהר פריהער האָבען געלעבט און געווירקט צוויי תנאים, וועלכע ווערען אָנגערופען אין תלמוד ירושלמי מיט׳ן נאָמען ״דייני גזלות״ און דער תלמוד בבלי רופט זיי ״דייני גזרות״. איז די אורזאַך פון דעם דאָזיגען אונטערשיעד אינ׳ם נאָמען בלויז די דיפערענץ אין דער אויסשפּראַך. אין ירושלים פלעגט מען זאָגען מיט אַ למ״ד, וואָס די בבליים פלעגען זאָגען מיט אַ רי״ש.

די עובדא פון די דאָזיגע דיינים איז געווען, צו סעטלען פאַרשיעדענע אָנ־געלעגענהייטען און צו באַשטראָפען אַלע יענע, וואָס זיינען געווען שולדיג אין גזלה. זיי האָבען אויך געדאַרפט משפט׳ן אין פראַגען פון שאָדענס אָדער פון קליינע פאַרוואונדונגען. געוועהנליך זיינען זיי אויסגעקליבען געוואָרען צו זייער אַמט פון דער אַלגעמיינהייט, פון וועמען זיי פלעגען קריגען זייער לוין אַלס באַצאָהלונג פאַר זייער צייט, זיי זאָלען נישט דאַרפען נעהמען קיין שוחד ביי די פאַרטייען. זייער אורטייל איז געווען געזעץ און זיי האָבען אויך געהאַט דעם כח, אַרויפצוצווינגען זייער אורטייל אויף די צאַנקענדע צדדים.

געוועזן פיעלע אַזעלכע "דייני גזלות" אָדער "דייני גזרות", ווייל לויט ווי די גמרא דערצעהלט זיינען אין יענער צייט געוועזן אין ירושלים 394 בתי־דינים, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט צו 25 מיטגליעדער. אָבער בלויז פון צוויי ברענגט די משנה אויסשפּרוכען, אויף צו באַגרינדען זייערע אורטיילען — די נעמען פון די דאָזיגע צוויי זיינען: אדמון בן גדאי און חנן בן אבי שלום.

די רעגעל פאַר'ן פסק־דין פון אַזאַ דיין איז געוועזן, אַז ער דאַרף אַרויסגעבען זיין אורטייל ביי יעדער אָנגעלעגענהייט לויט די אומשטענדען פונ'ם אָרט און פון דער צייט. דערביי דאַרף מען אויך וויסען, אַז אין די אַלע פסקים פון די "דייני גזרות" איז נישט פאַרהאַן קיין איינע, וועלכע האָט אַ באַציהונג צו גזלות אָדער צו אַנדערע שאַדענס, ווייל זיי זיינען אַלע בלויז געלד־אורטיילען, וועגען וועלכע זיי האָבען געאורטיילט לויט'ן פאַרשטאַנד און די חכמים פון זייער צייט האָבען די דאָזיגע אורטיילען אָנגענומען פאַר אַ באַזיס אין זייערע אַנט־שיידונגען.

אדמון בן גדאי האָט אַרויסגעגעבען זיבען אורטיילען, וואָס פיער פון זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלס אַ גרונדלאַגע פאַר שפּעטערע דינים. כאָטש זיי זיינען געוועזן באַגרינדעט אויף'ן שכל, נישט אויף פסוקים פון דער תורה. אין דעמזעלבען גייסט האָט אויך חנן בן אבישלום אַרויסגעגעבען צוויי אורטיילען (זעה כתובות דף ק"ה און ווייטער).

* * *

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערען יהושע בן גמלא, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס כהן גדול עטליכע יאָהר בעפאָר דעם חורבן און ער האָט געקראָגען זיין אַמט דורך שוחד, כאָטש ער איז גאָר אפשר נישט געוועזן קיין אָפּשטאַמער פון כהנים, און ער איז פאַרהייראַטה געוועזן צו אַן אלמנה. מרתא בת ביתוס, די אלמנה פון אַ כהן, איז צו'ן איהם פאַרלאָבט געוואָרען, און כדי צו קריגען פאַר זיינעטוועגען די כהונה גדולה, האָט זי געגעבען אַ זעקעל געלד צו קעניג אַגריפּאַס דעם צווייטען (זעה יומא דף י"ח עמוד א', יבמות דף ס"א עמוד א').

ביי דער לעצטער רעוואָלוציע איז דער דאָזיגער יהושע בן גמלא געוועזן צווישען די געגנער פון די אַזוי אָנגערופענע "פּאַטריאָטען", גלייך ווי ער איז געוועזן אַ געגנער צו דער מלחמה געגען רוים. ווי אַגריפּאַס פּלעגט זיך נוהג זיין מיט זיינע "כהנים גדולים", האָט ער אויך דעם יהושע בן גמלא באַלד אַרונטערגעזעצט פון דער כהונה און ער איז בלויז פאַרבליבען ביי די סנהדרין. און ווען עס זיינען דאַמאָלס אָנגעקומען מחנות אדומיים פונ'ם גליל צו די טויערען פון ירושלים, זוכענדיג דאָרט שוץ געגען די רוימער, האָט זיך יהושע בן גמלא צוזאַמען מיט ענן כהן־גדול אַרויסגעשטעלט מיט די שטאַרקסטע אַרגומענטען, אַז מען זאָל זיי נישט אַריינלאָזען. האָט זיך אָבער די מעהרהייט פון די ירושלים'ער איינוואָהנער אָקעגען־געשטעלט דעם ווילען פון יהושע בן גמלא און ענן כהן־גדול. האָט מען דאַן יענע אדומיים יאָ אַריינגעלאָזען. זיינען זיי דערנאָך אָנגעפאַלען אויף יהושע בן גמלא און ענן כהן גדול און האָבען זיי ביידען דער'הרג'עט.

יהושע בן גמלא איז געוועזן זעהר רייך און ער האָט אויך פיעל געלד גע־שפּענדעט פאַר דער פאַרשענערונג פונ'ם בית־המקדש און פון זיינע כלים. אַזוי ווערד דערצעהלט, אַז ער האָט געלאָזט מאַכען אַ גאָלדענע כלי אויף צו וואַרפען גורל ביי די צוויי ציגענבעק, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען אים יום־כפור, איינעם פאַר גאָט און איינעם פאַר'ן "עזאזל" (יומא דף ל"ז עמוד א').

רבי חנינא סגן הכהנים און זיינע צייטגענאָסען

און טראָצדעם וואָס יהושע בן גמלא האָט געקויפט די כהונה גדולה דורך שוחד, ווערד ער דערמאָנט אין דער גמרא צום גוטען, ווייל ער האָט איינגעפיהרט, אז מלמדים זאָלען זיך געפינען אין יעדער שטאָדט פון ארץ־ישראל, כדי אידישע קינדער זאָלען קענען לערנען און די תורה זאָל נישט פארגעסען ווערען ביי אידען. *).

*) די מעשה וועגען יהושע בן גמלא, ווי אזוי ער איז געוואָרען כהן גדול, ווערד דערצעהלט ביי יאָזעפוס און זי ווערד אויך באשטעטיגט אויף צוויי ערטער אין דער גמרא. נור אנשטאָט דעם נאָמען אגריפאס שטעהט אין דער גמרא, אז מרתא האט געגעבען דעם שוחד צו ינאי המלך, ווייל חוץ דעם קעניג אגריפאס דעם ערשטען ווערען אלע קעניגע פונ'ם בית שני אנגערופען אין דער גמרא מיט'ן נאָמען ינאי. צוגלייך ווערד באמערקט אין תוספות, אז דער דאָזיגער "ינאי", וועלכער האט פארקויפט די כהונה גדולה צו יהושע בן גמלא, האט נישט געקענט זיין יענער ינאי המלך, דער שוואגער פון שמעון בן שטח, ווייל יענער איז אליין געוועזן א כהן גדול און ער וואלט קיינמאל נישט צוגעשטימט ארויפצוזעצען אן אנדערען אויף זיין פלאץ. איז ווייטער די קשיא וועגען יהושע בן גמלא, ווייל עס פאסט זיך עפעס נישט, אז אזא מענש, וועלכער האט "אפגעראטעוועט די תורה, זי זאל נישט פארגעסען ווערען ביי אידען", זאל זיין דערזעלבער יהושע בן גמלא, וועלכער האט אפגעקויפט די כהונה גדולה דורך שוחד. ווילען דאדורך מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז מען האט דא צו טהון מיט אן אנדערען יהושע בן גמלא, חאטש רש"י און תוספות (אין בבא בתרא דף כ"א עמוד א') זאגען, אז דאס איז געוועזן דערזעלבער.

אין דער צייט פונ׳ם חורבן בית-המקדש

פון דעם ביז יעצט דערצעהלטען איז צו זעהען, אין וואָסערער פּאָליטישער לאגע דאָס לאַנד און די מענשען האָבען זיך דאַמאָלס געפונען, ווי אַזוי און מיט וואָסערע מיטלען די שונאים האָבען זיי דאָן געשטיקט און געדריקט אויף שריט און טריט. איז אָבער פון דעסטוועגען אינעווייניג צווישען די פיער ווענד פונ׳ם אידישען הויז נישט געווען פיעל צו דערקענען פון דער גרויסער מלחמה, וועלכע געהט אָן דרויסען אין גאַס. ווי מען קען היינט זעהן, זיינען שוין דאַמאָלס געווען פעסטגעזעצט אַלע דינים און מנהגים פונ׳ם אידישען לעבען מיט אַלע זייערע באַדינגונגען און שטרענגקייטען. עס זיינען שוין געווען איינגעפיהרט די פאָרשריפטען ביי די ברכות און תפלות פון יעדען טאָג, גלייך ווי דאָס אָפּהיטען שבת און ימים טובים. דאָסזעלבע איז געווען ביי די פראַגען פון ערלויבטע און נישט-ערלויבטע הייראַטען, ביי די אָנגעלעגענהייטען פון געלד-סכסוכים צווישען איין איד און דעם אַנדערן, גלייך ווי אין דער פראַגע פון געלד-שטראָפען ביי זינדען געגען דער עפענטליכער אָרדנונג. עס זיינען אויך געווען פעסטגעזעצט די דינים פון ערלויבטע און פאַר־באָטענע שפּייזען, גלייך ווי די פאָרשריפטען וועגען "טומאה וטהרה" פונ׳ם גוף. עס זיינען שוין אויך געווען באַשטימט אַלע איינפיהרונגען וועגען די מתנות צו די כהנים און וועגען די פאַרפליכטונגען צו אָרימע לייט. אפילו אין די ענינים פון קרבנות, וועלכע זיינען דאַמאָלס ביי מאַנכע חכמים נישט מעהר באַטראַכט געוואָרען פאַר׳ן וויכטיגסטען יסוד פון דער אידישער אמונה, גלייך ווי אין די "דיני נפשות", וועלכע זיינען שוין לאַנג אוועקגענומען געוואָרען פונ׳ם אידישען רעכט, זיינען אַלע פאָרשריפטען געווען פעסטגעזעצט, צוזאַמען מיט זייערע טראַדיציעס און פאָרמען, חאָטש עס איז נאָך אין יענער צייט גאָר ניט דערפון געווען אויפגעשריבען. און די מענשען האָבען דאָס געמוזט אָפּ־היטען אינ׳ם זכרון ביים איינטייטשען די מצוות פון דער תורה.

מיט באַשטימטהייט קען אַלזאָ געזאָגט ווערען, אַז די גאַנצע "תורה שבעל פה", ווי ווייט זי געפינט זיך היינט אין אונזערע הענד, איז שוין דאַמאָלס געווען אַ פולשטענדיגע, און ווען עס איז אַמאָל אַרויסגעקומען אַ מחלוקה אין דער ערקלערונג פון אַ פּסוק, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל מען האָט יענע ערקלערונגען נישט געטאָרט אויפשרייבען און זיי האָבען זיך בלויז דערהאַלטען אינ׳ם זכרון פון די לערנער.

ביי די מנהגים פון יעדען טאָג האָט זיך יעדער געהאַט זיין טראַדיציע — און די דיפערענצען צווישען איינעם און דעם אַנדערען זיינען נישט געווען קיין גרויסע. אָבער אין די פאָרשריפטען פון "טומאה וטהרה" און אין די דינים פון קרבנות, וועלכע האָבען דאַן נישט מעהר עקסיסטירט, זיינען די דיפערענצען שפּעטער פיעל פאַרשטאַרקט געוואָרען. אַזוי ווי מען האָט נישט מעהר מקריב געווען קיין קרבנות, האָט מען געוויסע דינים אין שייכות מיט דעם באַלד פאַר־געסען, אַזוי אַז אָפּטמאָל האָבען שפּעטערע חכמים, וועלכע האָבען נישט גע־זעהען די "עבודה" אינ׳ם בית-המקדש, איבערגעוויזען צו די אַנדערע חכמים, וואָס זיינען יאָ געווען אין דער צייט פונ׳ם בית-המקדש, אַז זיי האָבען פאַרגע־סען, וואָס און ווי אַזוי זיי האָבען געזעהען.

האָט מען דערנאָך אָנגענומען די "רעגעל", אַז ווען מאַנכע תנאים האָבען געזאָגט אַ מיינונג אין ענינים, וואָס זיינען שוין נישט מעהר געווען אין זייער

צייט, איז דאָס נישט קיין אַבסאָלוטער באַווייז, אַז די פיהרונג פון יענעם ענין איז טאַקי אַזוי געווען און נישט אַנדערש, ווייל יעדע מיינונג אַזעלכע איז בלויז אָנצונעהמען אין איהר טעאָרעטישער באַדייטונג, אַז עס האָט געדאַרפט אַזוי זיין, אָבער אין אמת׳ן האָט עס אויך געקענט זיין אַנדערש.

דאַגעגען איז דער דין אין געלד־אָנגעלעגענהייטען שוין דאַמאָלס געשטאַנען אויף דער פאָלקאָמער הויך. ספּעציעל דאָרט, וואו מען האָט געדאַרפט ברענגען באַווייזען צום פּראָצעס — און די דאָזיגע באַווייזען זיינען געווען פאַרשיעדענע, לויט דער באַשאַפענהייט פונ׳ם ענין. אַמאָל האָט זיך גענויטיגט צו האָבען אַ באַווייז פון עדות. אַן אַנדערס מאָל האָט מען געדאַרפט אַ באַווייז מיט אַ שבועה, אַ באַווייז פון אַ געשריבענעם דאָקומענט אָדער אַ באַווייז פונ׳ם באַזיץ (חזקה).

עדות ביי אַזעלכע פּראָצעסען האָבען געוועהנליך געדאַרפט זיין צוויי, וועלכע האָבען זיך ניט געטאָרט ווידערשפּרעכן אין זייערע באַהויפּטונגען און זיי האָבען אויך געדאַרפט זיין באַקאַנט אַלס מענשען מיט אַ מאָראַלישן לעבענסוואַנדעל. האָט מען דאַדורך נישט אָנגענומען די עדות פון אַן "עם הארץ", גלייך ווי מען האָט נישט געטאָרט אָננעהמען, די עדות פון אַ מענשען, וואָס מען דענקט וועגען איהם, אַז ער וועט נישט זאָגען דעם אמת צוליעב מורא פאַר איינעם פון די צדדים, אָדער גלאַט אַזוי צוליעב אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער לייכטזיניגקייט. מען האָט אויך נישט אָנגענומען די עדות פון אַ פרוי, פון אַ קינד, אָדער פון אַ מענשען מיט אַ מום, פון אַ טויבען אָדער אַ בלינדען, גלייך ווי פון אַ נאַר, וועלכער קען נישט/אונטערשיידען ביי זאַכען וואָס ער האָט געזעהען. דעסגלייכען האָט מען נישט אָנגענומען אַלס עדות — די קרובים פון די בעלי־דינים, אָדער ווען איין עדות איז געווען אַ קרוב פונ׳ם צווייטען. עס זיינען אויך נישט אָנגענומען געוואָרען מענשען באַקאַנטע אַלס "רשעים", איינער וואָס שפּיעלט אין האַזאַרד, אַ טויבען־האַפּער אָדער אַ וואָכערניק, וועלכע זיינען פאַררעכענט פאַר "גזלנים", וואָס נאַרען אויס דאָס געלד ביי די מענשען. דאָסזעלבע איז אויך געווען ביי מענשען, וואָס האַנדלען מיט די פּירות פון אַ שמיטה־יאָהר, אָדער ווען איינער איז געשטאַנען אין פאַרדאַכט, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט רויבערייען. עס האָבען אויך נישט געקענט אָנגענומען ווערען אַלס עדות שטייער־קאָלעקטאָרען פון דער רוימישער רעגירונג אָדער פּאַסטוכער, וועלכע פיהרען זייערע בהמות אין פרעמדע פעלדער. דאָסזעלבע איז אויך נעווען ביי אַן עדות אין אייגענער אינטערעסע.

עס זיינען אויך געווען פאַלען, וואָס דער בית דין האָט זיך נישט געקענט העלפען און ער האָט געמוזט אָננעהמען דאָס וואָרט פון אַן איינציגען עדות. איין עדות איז געווען גענוג, צו באַשטעטיגען דעם טויט פון אַ מאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען באַפרייען די אַלמנה, זי זאָל מעגען חתונה האָבען. ביי אַנדערע פּראָצעסען, וואו עס איז בלויז געווען איין עדות פונ׳ם קלעגער׳ס צד, האָט דער שולדיגער געדאַרפט שווערען, בטל צו מאַכען דאָס עדות־זאָגען פונ׳ם געגנערישען צד. צו דעם דאָזיגען מין האָט אויך באַלאַנגט די טענה פון אַ פרוי, ווען זי איז געקומען אין אַ צייט פון שלום און זי האָט ערקלערט, אַז איהר מאַן איז געשטאָרבען, און ווען מען האָט געוואוסט, אַז זי האָט געלעבט צופריעדען מיט איהר מאַן, האָט מען געדאַרפט אָננעהמען איהר וואָרט, כאָטש אַ פרוי האָט נישט געקענט זאָגען קיין עדות און כאָטש מען דאַרף נישט אָננעהמען קיין עדות אין אַן אייגענער אָנגעלעגענהייט.

ביים אויסהערען די עדות האָט זיי דער בית דין געדאַרפט אָנסטראַשען. אום צו קענען חוקר־ודורש זיין גענוי יעדעס וואָרט זייערס, און טאָמער האָבען זיי זיך איינער מיט׳ן אַנדערען ווידערשפּראָכען, איז שוין זייער עדות זאָגען געווען אָהן ווערטה. האָבען זיי שפּעטער צוריקגעצויגען זייער עדות־זאָגען,

זיינען זיי געוואָרען "עדים זוממים", און די שטראָף, וועלכע האָט ערוואַרטעט דעם באַשולדיגטען, איז דאַן געפאַלען אויף זייער קאָפּ. ביי אַנדערע פאַלען האָט דאָס עדות־זאָגען געבראַכט צו דער פאַראורטיילונג פונ'ם באַשולדיגטען, ווען די עדות האָבען אַפילו נישט געזעהען די טהאַט מיט די אייגענע אויגען נור דער באַשולדיגטער האָט זיי וועגען דעם דערצעהלט. דאַביי זיינען ווייטער געוועזען אַזעלכע באַשרענקונגען, ווי למשל, אַז טראָצדעם וואָס דאָס באַקענען זיך פון אַ מענשען צו אַ שולד איז אַזוי וויכטיג ווי דאָס עדות־זאָגען פון הונדערט, האָט מען נישט געקענט פאַראורטיילען דעם באַשולדיגטען אויפ'ן גרונד, וואָס ער האָט אַליין וועגען זיך דערצעהלט, ווייל מען דאַרף עס נישט גלויבען, ווען אַ מענש מאַכט זיך אַליין פאַר אַ שלעכטען...

אַ שבועה האָט מען געדאַרפט אָפּגעבען, וואו עס איז נישט געווען קיין עדות, אָדער אין אַ פאַל ווען עס איז נור געווען איין עדות געגען דעם באַשולדיגטען. עס האָבען אויך געדאַרפט שווערען די "שומרים" פון אַן אייגענטום, ווען עס איז געשעהן אַן אומגליק צו דער זאַך, וועלכע איז זיי איבערגעגעבען געוואָרען צו היטען. דעסגלייכען האָט געדאַרפט שווערען איינער, וואָס האָט צוגעגעבען אַ געוויסען טייל פון דער געגנערישער טענה, אָדער איינער וואָס האָט אָפּגעלייקענט זיין שולד אין גאַנצען און איין עדות איז געגען איהם אַרויסגעטרעטען. אַמאָל האָט אויך געקענט פאָרקומען אַ פאַל, וואָס דער קלעגער האָט געדאַרפט שווערען, אַ שטייגער: אַן אַרבייטער, וואָס דער אַרבייטגעבער האָט איהם נישט געוואָלט באַצאָהלען; אַ באַרויבטער, וואָס דער רויבער האָט געלייקענט זיין טהאַט, אָדער אין אַ פאַל, ווען עס זיינען נישט געווען קיין עדות און דער באַשולדיגטער איז געווען אַ מענש, וואָס מען האָט איהם געקענט חושד זיין אויף אַ ליגען.

דער בעסטער באַווייז ביי אַ פּראָצעס איז געווען אַ געשריבענער דאָקומענט (אַ "שטר"): אַ דאָקומענט פון אַ הלואה, אַ דאָקומענט פון אַ פאַרלאָבונג, פון אַ הייראַטה אָדער פון אַ גט. אַנדערע דאָקומענטען זיינען געווען קאָנטראַקטען וועגען קויפען און פאַרקויפען, צוואות וועגען אַ ירושה, אַ דאָקומענט וועגען אַ מתנה, אַ "שובר" (רעסיט), אַ דאָקומענט וועגען אַ "היפּאָטהעק" (מאָרטגיידזש), אָפּשאַצונגען פון אַ פאַרמעגען ביי דער פאַרטיילונג פון אַ ירושה, אַ דאָקומענט וועגען "מזונות" (אַלימענטען) צו אַ פאַרלאָזענער פרוי אָדער קינדער, אַ דאַקומענטאַרישע ערקלערונג פון אַ מינדעריעהריג פאַרהייראַטהער פרוי, אַז זי וויל נישט איהר מאַן, אַ דאָקומענט וועגען אַ "בוררות" און נאָך פיעלע עהנליכע, צומאָל האָט מען נאָך ביי מאַנכע אַזעלכע דאָקומענטען געדאַרפט ווייטער האָבען אַ שבועה, ווען די אונטערשריפטען זיינען געווען צווייפעלהאַפטע.

גאָר אַ שטאַרקער באַווייז איז געווען דער באַווייז פון אַ געגענשטאַנד. יעדע זאַך, וואָס דער מענש האָט אין זיין באַזיץ, איז פאַררעכענט געוואָרען אַלס זיין אייגענטום, און ווער עס האָט דאָס געוואָלט אַרויסנעהמען פון זיין האַנד, האָט געדאַרפט באַווייזען זיין רעכט צו דעם.

אַ שטאַרקע באַשטרעבונג האָט דאַמאָלס געהערשט, צו באַפעסטיגען די גרעניצען פונ'ם גלויבען. און וואונדערבאַר, אַז ווי שלעכט אידען זיינען געשטאַנען פּאָליטיש, האָט די אידישע אמונה פון דעסטוועגען געפונען אַ וועג צו די הערצער פון די גוים, אַזוי אַז פיעלע פון די שכנ'שע פעלקער האָבען זיך צוגעשאַרט צו דער אידישער אמונה. ווי מען קען אָננעהמען, איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אַ שאַרפער קריזיס אינ'ם גלויבען פון אַלע היידנישע פעלקער. די געצקעס זייערע זיינען זיי שוין נמאס געוואָרען און עס האָט זיך ביי פיעלע געבאָמבעלט אין קאָפּ, אַז די נאַטור־קרעפטען, וועלכע רעגירען די וועלט, זיינען נישט קיין געטער, נור זיי געהערען אַלע צו אַן איינציגער אומזיכטבאַרער

קראַפט, וועלכע רעגירט די אַנדערע נאַטור־קרעפטען. און ווען די גוים האָבען דאָן געהערט, אַז די אידען דיענען צו׳ן אַזאַ אומזיכטבאַרען גאָט, זיינען זיי געקומען צו לויפען קיין ארץ־ישראל, צו באַקענען זיך דאָרט מיט די דיענער פון אַזאַ גאָט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע גוים איז, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט באַלאַנגט צו די געבילדעטע און העכערע קלאַסען פון זייערע פעלקער. אין אדיאַבענע (מדינת הדייב), אַ לענדעל ביים לינקען ברעג פונ׳ם טיגרים (חדקל), וועלכעס איז געווען ווי אַ ״באַפער־סטייט״ צווישען רוים און די פּאַרטהער, איז דאַמאָלס געווען אַ קעניגין מיט׳ן נאָמען העלענע (הילני המלכה), וועלכע איז געווען פאַרהייראַטה צו איהר אייגענעם ברודער, איזאַטעס, און ווען דער מאַן איהרער איז געשטאָרבען, איז זי אַמאָל אַלס אַלמנה געקומען קיין ירושלים, איז איהר דאָרט אַלסדינג געפעלען. גאַנץ באַזונדערס איז איהר געפעלען די פיהרונג פונ׳ם בית־המקדש מיט זיינע רעליגיעזע צערעמאָניען. האָט זי זיך מגייר געווען און זי איז געוואָרען אַ אידישקע. שפּעטער איז איהר זוהן איזאַטעס דער צווייטער אויך צוגעטרעטען צו דער אידישער אמונה.

וואהרשיינליך זיינען דאַמאָלס געווען מאַנכע צווישען אונזערע חכמים, וועלכע האָבען נישט גערן געזעהען די דאָזיגע גרים. זיכער איז, אַז די שטרענגערע פאָרשריפטען געגען גרים און די שאַרפע אויסשפּרוכען פון דער גמרא וועגען זיי, ווי למשל, אַז גרים זיינען ״אַזוי שווער פאַר אידען ווי אַ געשוויר־לעכץ״, שטאַמען פון יענער צייט. די צרות, וואָס אידען האָבען געהאַט פון די שומרונים און פון די אַדומים, האָבען זיי אויסגעלערענט, אַז מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג, איידער מען נעמט אריין אַ נייעם גר.

די מעהרסטע גרים פון יענער צייט זיינען געווען ווייבער. פאַר מאַנסבילען איז דאָס אָננעהמען די אידישע אמונה געווען פאַרבונדען מיט אַ שווערער פּראָצעדור, זיינען דאַדורך מאַנסבילען וויינגער צוגעטרעטען צום אידענטהום. און ווען קעניג איזאַטעס דער צווייטער האָט געוואָלט אָננעהמען די אידישע אמונה, האָט איהם איינער פון די חכמים געלערענט די פאָרשריפטען פון אידישקייט און ער האָט איהם דאַביי געזאָגט, אַז ער מוז זיך נישט מל זיין, כדי נישט אויפצורייצען די שנאה ביי זיינע לאַנדסלייט, ווייל עס איז פאַר איהם גענוג, ווען ער וועט טעאָרעטיש אַנערקענען די עיקרים פונ׳ם אידישען גלויבען אין אַן אומזיכטבאַרען גאָט. האָט זיך אָבער דער דאָזיגער איזאַטעס שפּעטער יאָ מל געווען, ווען ער האָט געזעהען, אַז ער קען נישט אַלס ערל גענ־יסען די פולע רעכט פון אַ אידען.

אַזוי האָבען פיעלע און פאַרשיעדענע געזעלשאַפטליך הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען נעגאַרט צו דער אידישער אמונה. די אידישע לעהרע מיט איהר הויכער מאָראַל האָט זיי אימפּאָנירט, חאָטש דער איד אַלס מענש איז נישט זעהר חשוב געווען אין זייערע אויגען. ס׳איז אַלזאָ מעהר ווי זיכער, אַז ווען די פּאָליטישע לאַגע פונ׳ם אידישען פאָלק וואָלט דאַמאָלס געווען מעהר אַ גינסטיגע, וואָלטען אַלע שכנ׳ישע פעלקער צוגעשטאַנען צום אידענטהום.

מערקווירדיג איז אויך, וואָס מאַנכע חכמים פון יענער צייט האָבען וויניג וואָס געשטרעבט, צו דערהאַלטען דעם בית־המקדש. פיעלע געשעהענישען פון יענער צייט זיינען וואהרשיינליך נישט פאַרשריבען געוואָרען, און די פאַרשריבענע געשעהענישען זיינען אויך צוגעפאַרבט מיט אַ באַזונדערער טענדענץ. איינס בלויז איז פון דעסטוועגען זיכער, וואָס פילע חכמים פון יענער צייט האָבען וואהרשיינליך געדענקט, אַז די ערהאַלטונג פון דער תורה איז וויכטיגער ווי די ערהאַלטונג פונ׳ם בית־המקדש. אויב דער בית־המקדש וועט חרוב ווערען—האָט מען דאַמאָלס וואהרשיינליך געדענקט—קען נאָך אַמאָל קומען אַ בעסערע צייט, מען זאָל איהם קענען צוריק אויפבויען. וועט מען אָבער

לאָזען די תורה חרוב ווערען, וועלען שוין אידען קיינמאָל חלילה נישט האָבען קיין תקומה...

דאַכט זיך אויך, אַז מאַנכע פון אונזערע חכמים האָבען נישט זעהר פיעל געהאַלטען פון קרבנות, האָטש אַנדערע האָבען זעהר שטאַרק מדקדק געווען אין די דינים פונ׳ם בית המקדש. דאָס איז אָבער גרעסטענטיילס געווען, ווען דער בית המקדש איז שוין נישט מעהר געווען. ערשט דאַמאָלס האָט מען איינגעזעהען, וואָס פאַר אַ גרויסע נאַציאָנאַלע צענטראַל־קראַפט עס האָט אין דעם בית־המקדש געשטעקט. ערשט נאָך׳ן פאַרברענען דעם בית־המקדש האָבען אַלע פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען זיין ווערדע, אַפילו יענע חכמים, וואָס האָבען איהם פריהער נישט געהאַלטען פאַר׳ן וויכטיגסטען טייל פון דער אידישער אמונה. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז געווען אָפּגעשטאָרבען און די רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען אַלע אויסגע׳הרג׳עט אָדער אַוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט קיין רוים, וואו זיי האָבען זיך געדאַרפט שלאָגען מיט ווילדע חיות אָדער איינער מיט׳ן אַנדערן. האָט מען דאַן געקראָגען אַן אַנדערן באַגריף וועגען די קרבנות. האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ווען דער פסוק זאָגט ״לריח ניחוח״, קען דאָס נישט מיינען, אַז דער אויבערשטער האָט כביכול אַ פאַרגניגען צו שמעקען צו פאַרברענטע פלייש, נור אַז דער אויבערשטער האָט כביכול אַ ״נחת רוח״, ווען ער זעהט, אַז מענשען טהון זיין ווילען. און ווען עס איז דאַמאָלס נישט מעהר געווען מעגליך, צו ברענגען קרבנות, האָבען איינינגע חכמים געזאָגט, אַז דער תענית און דאָס פייניגען דעם גוף איז ביים אויבערשטען מעהר אָנגענומען ווי אַ קרבן. אַנדערע האָבען ווייטער געזאָגט, אַז תפלה האָט ביים אויבערשטען אַ גרעסערע חשיבות ווי אַ קרבן.

אין דער צייט וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען געבושעוועט אין אַלע ווינקלען פונ׳ם לאַנד, איז די ״עבודה״ אינ׳ם בית המקדש אָנגעפיהרט געוואָרען אויף דעמזעלבען אופן ווי פריהער. גלייכצייטיג האָט דער גרעסטער טייל פון די חכמים געזוכט צו אַנטלויפען פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען איבערקערעניש אין ירושלים און זיי האָבען אויפגעשלאָגען אַ ניי געצעלט פאַר׳ן לערנען די תורה אין יבנה.

די רוימער זיינען נאָך דאַמאָלס נישט אַרויסגעטרעטען געגען דער תורה, ווייל זיי האָבען נאָך אין יענע טעג גיט געזעהען אינ׳ם לערנען די אידישע תורה אַ געפאהר פאַר דער גאַנצקייט פון דער רוימישער אימפעריע. האָט עס זיי נישט געהאַרט, ווען די אידען גיבען זיך אָפּ מיט עפּיס אַן אויסטערלישען לערנען, אַבי זיי זאָלען זיך נור נישט וועלען אָפּזאָגען פונ׳ם רעגעלמעסיגען צאָהלען זייערע שטייערען צו דער רוימישער רעגירונג.

ס׳איז אויך כמעט ווי זיכער, אַז די רוימער וואָלטען געווען פאַרשוינט דעם בית־המקדש און זיי וואָלטען איהם נישט חרוב געמאַכט, ווען די אידישע רוימער־פריינד זאָלען זיי נישט געווען כסדר אויפמערקזאַם מאַכען, אַז ווי לאַנג דער בית־המקדש וועט שטעהען, וועט זיך דאָס אידישע פאָלק נישט אונטערגעבען צו דער רוימישער אויבערמאַכט, און ווי שטאַרק רוים זאָל זיי נישט שלאָגען, וועלען זיי אַלץ ווייטער רעוואָלטירען.

צווישען יענע פריינד פון רוים, וועלכע האָבען פאַרטוועהרענד אריינגעהאַמערט אין די רוימישע מוחות, אַז מען דאַרף דעם בית־המקדש חרוב מאַכען, ווייל דאָס באַשטעהען זיינס גיט קעמפּפערישען מוטה צו די רעוואָלוציאָנערע אידען, איז אין ערשטער רייהע געשטאַנען דער דאַמאָלסדיגער אידישער קעניג אַגריפּאַס דער צווייטער און זיין שוועסטער, די פּרינצעסין בערעניקע, וועלכע איז אין איהר פרויען־לעבען נישט געווען קיין גרויסע צנועה און זי האָט אויך פאַרשפּרייט אַ נעץ אויף טיטוס׳ן דעם באַפעהלסהאבער פון דער רוימישער אַרמיי אין ארץ־ישראל, ער זאָל זי מאַכען פאַר זיין געליעבטע.

אין דער צייט פונ׳ם חורבן בית־המקדש

דאָס פאַרהעלטניס פון טיטוס צו דער פּרינצעסין בערעניקע ווערד געשיל־דערט אין דער גמרא (גטין דף נ״ז עמוד ב׳) מיט די פאָלגענדע ווערטער: ״תפש זונה בידו ונכנס לבית קדשי הקדשים״, ווייל פּונקט אַזוי ווי די גמרא האָט אָנגערופען הורדוס׳ן נישט אַנדערש ווי ״עבד אדומי״, האָט זי בערעניקע׳ן אָנגערופען ״זונה״.

אַ היסטאָרישע לעגענדע דערצעהלט, אַז טיטוס האָט אָנגעזאָגט צו זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך נישט צוריהרען צו שעדיגען דעם בית־המקדש, האָ־בען איהם אָבער אַגריפּאַס און זיין שוועסטער בערעניקע אין דיעזער באַציהונג נישט געוואָלט פאָלגען און זיי האָבען אדרבה געגעבען די סאָלדאַטען צו פאַר־שטעהען, אַז ווי לאַנג דער בית־המקדש וועט שטעהען, קען די רעוואָלוציע נישט באַזיעגט ווערען. האָט זיך דאַן בערעניקע אַרויפגעשטעלט אויף די פּליי־צעס פון אַ רוימישען סאָלדאַט און מיט איהרע אייגענע הענד האָט זי אַריינ־געוואָרפען אַ ברענענדיגע גלאָווניע אינ׳ם בית־המקדש, פון וועלכער עס האָט זיך אַלסדינג אָנגעצונדען און מען האָט דאָס פייער נישט מעהר געקענט פאַר־לעשען. און ווען טיטוס האָט געהערט, אַז דער בית־המקדש ברענט, איז ער אויף גיך געקומען צו לויפען, העלפען דאָס פייער אויסלעשען. איז דאָס שוין אָבער געווען צו שפּעט, ווייל דאָס פייער האָט שוין געהאַט אַרומגענומען דעם בית־המקדש פון אַלע זייטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז טאָמער וויל אימיצער די דאָזיגע לעגענדע נישט אין גאַנצען גלויבען, שטעקט נישט אין דעם קיין שום זינד געגען דעם אמת פון דער היסטאָרישער פאָרשונג. די לעגענדע שטאַמט פון יאָזעפוס — און בנוגע צו דער ראָלע פון טיטוס און קעניג אַגריפּאַס ביי די געשעהענישען פונ׳ם חורבן איז אונזער יאָזעפוס גאָר נישט גלויבווירדיג.

לאַנגע יאָהרען האָט יענע רעוואָלוציע געדויערט. זי האָט זיך אָבער נישט קאָנצענטרירט אויף איין פּלאַץ, ווייל זי איז יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אָרט אַרויסגעקומען, ביז זי האָט ענדליך אָנגענומען אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, ווען די כהנים אינ׳ם בית־המקדש האָבען אין אַ געוויסען טאָג ערקלערט, אַז זיי ווילען נישט מעהר מקריב זיין דעם טעגליכען קרבן פאַר׳ן וואוילזיין פונ׳ם רוימישען קייזער, גלייך ווי זיי האָבען נישט מעהר געוואָלט אָננעהמען קיין קרבנות ביי די גוים, וועלכע האָבען געוואוינט אין ארץ־ישראל.

זיינען געוויסע אידישע פריינד פון רוים געגאַנגען אָנזאָגען צו די פאַר־שטעהער פון דער רוימישער רעגירונג וועגען דער נייער ווענדונג אין דער אי־דישער טאַקטיק. זיינען געקומען רוימישע סאָלדאַטען, צווינגען די אידען, אָנצונעהמען קרבנות פון גוים ווי פריהער און מקריב צו זיין, ווייטער יעדען טאָג אַ קרבן פאַר׳ן וואוילזיין פונ׳ם רוימישען קייזער. האָבען די ״פּאַטריאָטען״ פאַרהאַפּט דעם בית־המקדש און אָנגעמאַכט אַ שחיטה אויף די רוימישע סאָל־דאַטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ירושלים און אין דער גאַנצער אומ־געגענד.

האָט די דאָזיגע טהאַט פאַראורזאַכט אַ גרויסע מהומה צווישען אַלע אי־דען, ווייל זי איז כמעט פון קיינעם נישט גוטגעהייסען געוואָרען. פּיעלע פון די ירושלים׳ער חשובים האָבען דאַן עפענטליך אויסגעדריקט זייער אומצו־פריעדענהייט. האָבען זיי די ״פּאַטריאָטען״ פאַר אַזאַ מין זאַג אויף דער שטעל דער׳הרג׳עט. אַנדערע האָט מען גלאַט אַזוי חושד געווען אין פריינדשאַפט צו די רוימער, האָט מען זיי דערפאַר אויך נישט געלאָזט לעבען.

שפּעטער האָבען אַנדערע ערקלערט זייער מיינונג, אַז וואָס עס איז ביז יעצט געשעהען, קען נישט מעהר צוריקגערופען ווערען, דאַרף מען דאַדורך אָפּ־וואַרטען צו זעהען, ווי אַזוי רוים וועט אויף דעם רעאַגירען. צוגלייך דאַרף

מען זיך פארשאנצען אין די שטעדט, צו זיין צוגעגרייט, ווען דער שונא וועט קומען.

זיינען דאמאלס געווען אין ירושלים דריי גרויסע עשירים פון די חשוב'סטע אריסטאקראטישע פאמיליען, וועלכע האבען געקענט אויפווייזען א יחוס ביז שאול מלך ישראל און ביז צו משה רבינו. די נעמען זייערע זיינען געווען: נקדימון בן גוריון, בן כלבא שבוע און בן ציצית הכסת. האבען די דאזיגע דריי גבירים געוואלט נעהמען אויף זיך די פליכט, צו שפייזען די שטאדט מיט ווייץ און גערשט, מיט וויין און אויל, גלייך ווי מיט זאלץ און האלץ, ווען די באלאגערונג פון ירושלים זאל אפילו דויערען לאנגע יאהרען.

האבען אבער די "פאטריאטען" געוואלט ארויסגעהן אין אן אפענעם קאמפף געגען רוים. עס האט זיך זיי געדאכט, אז זיי זיינען גענוג שטארק צו אזא מלחמה. האבען זיי מורא געהאט, אז ווען עס וועט זיין גענוג שפייז ביי אן עווענטועלער באלאגערונג פון ירושלים, וועט עס פאר איטליכען זיין באקוועמער, צו באהאלטען זיך אינעווייניג אין דער פעסטונג, און עס וועט זיך נישט קיינעם גלוסטען, ארויסצוגעהן זיך שלאגען מיט'ן שונא. זיינען די "פאטריאטען" גאר נישט געווען צופריעדען פון יענע דריי גבירים'ס פארשלאג. האבען זיי אין א געוויסער נאכט אונטערגעצונדען אלע תבואה־שפייכלערס פון ירושלים און געמאכט פון זיי אש. זיינען שוין דארט די מענשען געבליבען אהן א ברעקעל עסען און עס האט אנגעהויבען הערשען א הונגער, ווי מען האט נאך זיינסגלייכען נישט געהאט געזעהען ביז דאמאלס.

דערווייל האט דער רוימישער שטאטהאלטער אנגערייצט די גריכען אין צעזארעא, זיי זאלען אויס'הרג'ענען אלע אידען, וואס וואוינען אין זייער מיט. האבען זיך די אידען פון ירושלים דערנאך צונויפגענומען אין א קאמפף געגען די גריכען גלייך ווי געגען אלע אנדערע גוי'שע שכנים. האט זיך דאן איבער'ן גאנצען לאנד אנטוויקעלט אזא שוידערליכער צושטאנד, אז וואו גוים האבען זיך באגעגנט מיט אידען, איז באלד געווארען צווישען זיי א מלחמה אויף טויט און לעבען — און דער שוואכערער צד איז געוועהנליך פארניכטעט געווארען ביז צום לעצטען.

אזוי האבען זיך די דאזיגע מלחמות פארשפרייט איבער עכו, חיפה, אשקלון און אנדערע געגענדען. עס האט אויך געהאט א שלעכטען איינפלוס אויף דער לאגע פון די אידען אין אלעקסאנדריען, עגיפטען, וואו אידען האבען רוהיג געלעבט, ווייל ווען עס זיינען אהין אנגעקומען די באריכטען וועגען די צוזאמענשטויסען צווישען אידען און גריכען, האבען זיך די גריכען אין אלעקסאנדריען גענומען טשעפען צו זייערע אידישע שכנים. און ווען די אידען האבען זיך נישט געוואלט לאזען שלאגען, האט זיך די גריכישע באפעלקערונג צונויפגענומען אנצופיהרען אן אויסראטונגס־קאמפף געגען אידען — און דער פיהרער פון די דאזיגע קעמפפע איז געווען א משומד מיט'ן נאמען טיבעריוס אלעקסאנדער.

די כראניקעס, וועלכע דערצעהלען וועגען די דאזיגע אלע הריגות, ריידען אומעטום וועגען צעהנדליגגער טויזענדער. איז אפשר אזא צאהל אן איבערגעטריבענע. אבער אין דער שרעקליכקייט פון די הריגות איז זיכערליך נישט פארהאנען קיין ווארט פון איבערטרייבונג.

און ווען די רוימער האבען זיך ענטשלאסען, צו באקעמפפען די אידישע רעוואלוציע, איז דער קאמפף אנגעפיהרט געווארען אונטער דער פיהרונג פון גאלוס — און דער אידישער קעניג אגריפאס האט דאביי געדיענט אלס וועגוויזער צו די רוימישע סאלדאטען, וועלכע ער האט אנגעזאגט, צו הרג'ענען אלעמען אהן רחמנות און קיינעם נישט צו פארשוינען.

אין דער צייט פונ׳ם חורבן בית־המקדש

דערווייל האָבען זיך די מהומות אין ירושלים פארשטאַרקערט פון טאָג צו טאָג. דרויסען פאַר די טויערען פון דער שטאָדט אָדער אין די אַנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל האָבען די אידישע קריגער באַוויזען די גרעסטע העלדענטהאַטען, וועלכע האָבען אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די רוימישע סאָלדאַטען, אַזוי אַז פיעלע פון זיי זיינען אַנטלאָפען פונ׳ם רוימישען לאַגער און זיינען צוגעשטאַנען צו די אידען, זיי צו העלפען אין זייער באַפרייאונגס־קאַמפף. און אינעווייניג אין ירושלים זיינען אָנגעגאַנגען שוידערליכע מחלוקות צווישען די ״שלום זוכער״ און די ״מלחמה מענשען״.

ווילען מאַנכע היסטאָריקער באַהויפטען, אַז וואָס די גמרא דערצעהלט וועגען דער באַוואוסטער גרויסער מחלוקה פון ״בית שמאי״ (די וואָס האָבען געוואָלט מלחמה) געגען ״בית הלל״ (די מענשען פון שלום), איז דאָס דערצעהלט מכח יענע קעמפפע, וועגען וועלכע עס ווערד געזאָגט, אַז ״מען האָט אַריינגעשטעקט אַ שווערד אינ׳ם בית־המדרש און מען האָט געזאָגט, אַז אַריינקומען פון דרויסען מעג מען, אָבער אַרויסגעהן טאָר מען נישט, איידער מען וועט נישט האָבען באַשלאָסען, וואָס צו טהון״ (זעה שבת דף י״ז עמוד א׳). און אויף אַן אַנדער אָרט ווערד דערצעהלט, אַז ״די תלמידים פון בית שמאי זיינען געשטאַנען אונטען מיט שווערד און שפיזען און זיי האָבען געשלאָגען די תלמידים פון בית הלל״ (ירושלמי שבת פרק א׳ הלכה ד׳).

אַנדערע אין יענער צייט האָבען זיך גענומען אָנפיהרען אַ ״ליטעראַרישע אַגיטאַציע״ פאַר דער קריעגס־אידעע. האָבען דאַמאָלס איינע אָנגעשריבען די ״מגילת תענית״, וואו עס ווערען דערצעהלט אַלע צרות, וואָס אידען זיינען אין דער גאַנצער צייט פון זייער עקסיסטענץ אויסגעשטאַנען, כדי אָנצורייצען די מענשען, זיי זאָלען זעהען, אַז די צרות זיינען שוין איבער׳ן האַלז און מען טאָר זיי נישט לענגער דולדען. אַנדערע האָבען דאַמאָלס אַרויסגעלאָזען די ״מגילת בית חשמונאי״, וואו עס ווערען איבערגעגעבען די סבות פונ׳ם אויפשטאַנד אונטער די חשמונאים, כדי צו דערמאָנען די גרויסע נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט דאַמאָלס באַוויזען, ווען אַ הויפעלע אידישע גבורים האָט זיך גענומען קעמפפען געגען אַזאַ מאַכט ווי די גריכען. און דאָס האָט געדאַרפט געבען מוטה צו די אידישע רעוואָלוציאָנערען, זיי זאָלען וויסען, אַז דער אויבערשטער וועט זיי זיכערליך העלפען געגען די רוימער אפילו מיט די ווייניגע מיליטערישע קרעפטען זייערע.

דער גרעסטער פעהלער פון די קריעגס־פיהרער געגען די רוימער איז געווען, וואָס מען האָט איבערגעגעבען אַ טייל פון דער קריעגספיהרונג צו יאָזעפוס, וועלכער דערצעהלט אַליין אין זיינע באַשרייבונגען פון יענע מלחמות, מיט וואָסערע טריקס און פאַלשע אינטריגעס ער האָט געאַרבייט געגען דער רעוואָלוציע ביז צום חורבן פונ׳ם בית־המקדש, נאָך וועלכען ער האָט געקראָגען אַן אמט ביים רוימישען קייזער — און אויס דאַנקבאַרקייט צו רוים האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען ״פלאַוויוס״, וועלכער איז געווען דער פאַמיליען־נאָמען פון קייזער וועספאַזיאַן און זיין זוהן טיטוס.

צו ראַטעווען די סיטואַציע פאַר רוים, האָט מען אַרויסגעשיקט געגען די אידישע רעוואָלוציאָנערען אַ חיל פון זעקס מאָל הונדערט טויזענד באַוואָפענטע קריעגער אונטער דער פיהרונג פון וועספאַזיאַן (אַספסינוס), וועלכער האָט פריהער באַוויזען גבורות געגען די גערמאַנען. איז דער ערשטער שריט זיינער געווען, צו נעהמען זיך קעמפפען געגען אַלע פעסטונגען פון אויסערהאַלב ירושלים, כדי אָפצושניידען פאַר די ירושלים׳ער אידען יעדען וועג פון רעטונג. דערנאָך האָט זיך עס איהם תמיד איינגעגעבען, צו געפינען אומעטום אַ אידישען פאַררעטהער, וועלכער האָט איהם אָנגעוויזען די שוואַכע זייטען פון דער שטאָדט און ווי אַזוי מען קען זי קריגען. ער פלעגט זיך אויך אין

זיין קריעגספיהרונג מיט די אידען נוהג זיין אָהן בושה. זיין וואָרט איז נישט געוועזן קיין וואָרט. און ווען ער האָט פאַרנומען אַ שטאָדט מיט דער צוזי־כערונג, אַז ער וועט די מענשען פאַרשוינען, האָט ער באַלד געבראָכען זיין צוזאָג און ער האָט אַלעמען אויסגעקוילעט מיט דער גרעסטער אכזריות.

מיט אַן אומבאַשרייבליכען העלדענמוטה האָבען די אידישע קריגער גע־קעמפפט. זיינען זיי אָבער אומעטום פאַרראַטהען געוואָרען און די רוימער האָבען גענומען איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער. ירושלים אַליין איז געבליבען שטאַנדהאַפט און האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען. איז אָבער דאָרט גע־ווען אַן אַנדערער אומגליק. צעהנדליגגער טויזענדער אַנטלאָפענע פון די אַרומיגע שטעדט האָבען זיך אַנגעקליבען אין ירושלים און זיי האָבען זיך גענומען דיקטירען די טהעטיגקייט פון דער באַפעלקערונג. אַ גרויסער טייל פון דער ירושלים'ער באַפעלקערונג וואָלט געוועזן צופריעדען, אָפּצוענדיגען די רעוואָ־לוציע אויף אירגענד אַ מעגליכען אופן. האָבען זיי די "פּאַטריאָטען" באַ־טראַכט אַלס פאַררעטהער — און אַזוי ווי זיי זיינען געסטעמפּעלט געוואָרען אַלס פאַררעטהער, האָט מען זיי שוין געמעגט הרג'ענען אָהן שום צערעמאָניע.

אָט די געגענזייטיגע קעמפפע פון די ירושלים'ער אידען צוזאַמען מיט'ן הונגער, וועלכער איז דאָרט אויסגעבראָכען נאָך'ן פאַרברענען די תבואה־שפּייכלערס, איז געווען אַ נחת־רוח פאַר ועספּאַזיאַן, וועלכער האָט געזעהען אין דעם אַ צייכען, אַז די "געטער" זיינען אויף זיין זייט. אַזוי ווי ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז סוף כל סוף מוז רוים זיעגען, איז ער געווען צופריע־דען, וואָס די אידען העלפען איהם אין דער אַרבייט...

דערווייל האָט ועספּאַזיאַן איבערגעגעבען די פיהרונג פון דער מלחמה געגען די אידישע רעוואָלוציאָנערען צו זיין זוהן טיטוס, וועלכער איז געשטאַ־נען אין אַן ענגער פריינדשאַפט צו קעניג אַגריפּאַס דעם צווייטען גלייך ווי צו יאָזעפוס — און גאָר אינטים איז ער געווען מיט דער פּרינצעסין בערעניקע. האָבען זיי איהם געלעהרענט, וואָס פאַר אַ מיטלען ער זאָל אָנווענדען געגען די אידען. און אַזוי ווי מען האָט געוואוסט, אַז די שטאָדט האָט נישט קיין ברעקעל ברויט, האָט מען איהם אויך געוויזען, ווי אַזוי אָפּצושניידען דאָס וואַסער פון דער שטאָדט, די איינוואוינער זאָלען דאָרט שטאַרבען פון הונגער און פון דורשט. און אַזוי ווי דאָס האָט אַליין נישט געהאָלפען, האָט טיטוס אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג צווישען די באַלאַגערטע, אַז ווער עס וועט צו איהם אַרויסקומען, וועט קריגען עסען און טרינקען און מען וועט איהם אויך דער־נאָך לאָזען צוריק אַריינגעהן אין שטאָדט.

האָבען זיך פיעלע אידען געלאָזט אַרייננאַרען פון טיטוס'עס צוזאָגעכצער — און ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט טיטוס דערנאָך נישט געהאַלטען קיין וואָרט. ווער עס איז אַרויסגעקומען צו די רוימער, האָט טאַקי געקראָגען צו עסען, אָבער די מאכלים זיינען געווען שרעקליך געזאַלצענע און וואַסער האָט מען זיי נישט געלאָזט געבען. אַנדערע האָט טיטוס גענומען אָהן שום טענות און האָט זיי געלאָזט אויפהענגען אָקעגען־איבער דער מויער פון דער פעסטונג, די באַלאַגערטע זאָלען זעהען, וואָס מען טהוט מיט זייערען אַ ברודער. אַנ־דערע האָט ער געלאָזט אָפּהאַקען די הענד און דערנאָך צוריקגעשיקט אין שטאָדט אַריין.

אָבער טראָץ דער באַלאַגערונג איז די "עבודה" אינ'ם בית המקדש אָנגע־גאַנגען ווי געוועהנליך ביז צום 17טען טאָג פון חודש תמוז. דורך לאַנגע הדשים האָט די באַפעלקערונג פון ירושלים נישט געהאַט צו עסען. אָבער דעם "קרבן תמיד" האָט מען נישט מבטל געווען, ביז מען האָט געהאַט גע'שחט'ן דאָס לעצטע שעפעלע, און אין קיין הויז האָט זיך נישט געפונען אפילו אַ

אין דער צייט פונ'ם חורבן בית־המקדש

ביסעל מעהל, האָט מען ערשט דאַן אויפגעהערט מקריב זיין דעם "קרבן תמיד" און אויף'ן מזבח האָט נישט מעהר געברענט קיין פייער.

מיט דער הילף פונ'ם הונגער און פון די מגפות, פון די גענענזייטיגע הריגות און אנדערע צרות, וועלכע האָבען דערגרייכט אזא מדרגה, אז עלטערען האָבען גע'שחט'ן זייערע אייגענע קינדער און קינדער האָבען גע'שחט'ן זייערע אייגענע עלטערען, אויפצועסען זייער פלייש, — מיט אָט די אַלע מיטלען האָבען די רוימער ערָאָבערט ירושלים... אָבער אויך דאַמאָלס, ווען די רוימער זיינען שוין געווען אינעוויינינג אין שטאָדט, האָבען די אידען נאָך אַלץ געקעמפפט ווי די לייבען, ביז זיי האָבען פּלוצים דערזעהען, אז דער בית־המקדש ברענט. ערשט דאַן איז אָפּגעשטאָרבען ביי אַלעמען דער מוטה און מען האָט שוין געלאָזט מיט זיך טהון, וואָס די רוימער האָבען געוואָלט.

קיין מענש אין ירושלים האָט נישט געגלויבט, אז דער אויבערשטער וועט לאָזען זיין בית־המקדש פאַרברענען — און ווען דאָס איז טראָץ אַלעמען געשעהען, האָט אַלע מענשען פון ירושלים, אַלט און יונג, מענער און פרויען, ארומגענומען אַ וואהנזין פון פאַרצווייפלונג. טויזענדער פון זיי זיינען דאַן אריינגעשפרונגען אין פייער, אנדערע טויזענדער זיינען געפאַלען איבער זייער אייגענע שווערד...

מיט'ן פאַרברענען פונ'ם בית־המקדש איז פאָרגעקומען אַ גייסטיגער דורכברוך אינ'ם אידישען דענקען. דאָס אידישע לעבען האָט זיך זייט דאַמאָלס קאָנצענטרירט אין דער תורה — און די ערשטע סטאַנציע נאָך ירושלים איז געווען יבנה.

נאָך פיער בלוטיגע יאָהרען פון שוידערליכע מלחמות איז ירושלים געלעגען פאַרוויסט, דער בית־המקדש פאַרברענט, די בעסטע קינדער פונ'ם אידישען פאָלק אויסגע'הרג'עט אָדער אוועקגעשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט, פאַרקויפט צו אַרבייטען אַלס שקלאַפען ביים גראָבען קופער און בליי אין מצרים. אַנדערע יונגע לייט פון די שעהנסטע פאַמיליען, וועלכע האָבען געקעמפפט ווי די לייבען פאַר דער פרייהייט פון זייער לאַנד, זיינען געווען געצוואונגען, נאָכצולויפען דעם טריאומף־וואָגען פון טיטוס, טראָגענדיג אין זייערע הענד די הייליגע כלים פונ'ם בית־המקדש אַלס קריעגס־רויב פאַר רוים. דערנאָך ערשט האָט מען זיי געהייסען קעמפפען פאַר זייער לעבען אין די רוימישע טעאַטערס מיט אויסגעהונגערטע ווילדע חיות, אָדער איינער מיט'ן אנדערען, צום פאַרגעניגען פון די זיעגערישע שונאים.

צוגעקוקט רוהיג צו די דאָזיגע "ספּעקטאַקלען" האָט דער געוועזענער קעניג אַגריפּאַס צוזאַמען מיט זיין שוועסטער בערעניקע און זייער פריינד יאָזעפוס, וועלכער האָט נאָך אויסערדעם באַשריבען יענע מלחמות אין אזא טאָן, וואָס זאָל אויסקלינגען אין אַ לויבגעזאַנג אויף וועספּאַזיאַן.

אין דער צייט פון דער לעצטער אידישער רעוואָלוציע בעפאָר דעם חורבן האָט יבנה אָנגעהויבען ווערען אַ וויכטיגע שטאָדט, די צאָהל פון איהרע מענשען איז דאַן געווען אַזוי פיעל, אז זי האָט געקענט שטעלען פערציג טויזענד סאָלדאַטען צום קריעג. מען קען אַלזאָ רעכענען, אז די צאָהל פון איהרע איינוואוינער האָט דאַמאָלס באַטראָפען מינדעסטענס 200 טויזענד נפשות. און ווען די רוימער האָבען די דאָזיגע שטאָדט פאַרשווינט, איז דאָס געווען, ווייל זיי האָבען נאָך דאַמאָלס נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ כח עס שטעקט אין דער אידישער תורה און ווי געפעהרליך זי קען פאַר זיי ווערען.

ס'איז אויך מעהר ווי זיכער, אז עס זיינען פיעלע חכמים אַנטלאָפען פון ירושלים בעפאָר דעם חורבן, ווייל זיי האָבען זיך נישט געוואָלט באַטייליגען אין דער רעוואָלוציע נעגען רוים, האָבען זיי זיך באַזעצט אין יבנה, וואו עס

די חכמים פון דער משנה

האט וואהרשיינליך נישט געגרייכט דער רעש פון דער מלחמה. און ווען ר' יוחנן בן זכאי איז ארויסגעגאנגען צו קייזער וועספאזיאן אינ'ם רוימישען לאגער און ער האט נושא־חן געווען ביים קייזער, האט איהם וועספאזיאן געזאגט: "קענסט דיר ביי מיר עטוואס אויסבעטען!" — האט דאן ר' יוחנן נישט געבעטען, אז וועספאזיאן זאל פארשוינען ירושלים, אדער ער זאל לאזען שטעהען דעם בית־המקדש, נור ער האט בלויז געבעטען, אז דער קייזער זאל לאזען שטעהען יבנה מיט איהרע חכמים. איז פון דעם צו זעהן, אז יבנה האט שוין דאמאלס געהאט א היבשע צאהל חכמים.

יבנה איז דאן געווארען א צענטער פון אידישקייט, א נייע ירושלים, נור אהן א בית־המקדש און אהן קרבנות. דארט האט זיך שפעטער ארגאניזירט א נייע "סנהדרין", וועלכע האבען זיך גענומען דיעזעלבע רעכט ווי די סנהדרין אין ירושלים, צו רעגולירען דאס אידישען לעבען לויט זייערע אינטערפּרעטאציעס אין דער תורה. עס פארשטעהט זיך אויך, אז די חכמים אין יבנה זיינען נישט געווען קלענער ווי די פריהערע חכמים פון ירושלים. מען וואלט זיי זאנסט נישט אויסגעקליבען צו די סנהדרין, וואו מען האט געדארפט האבען מענשען, וואס פארשטעהען כל־ערליי געטליכע און וועלטליכע פראגען גלייך ווי די לשונות פון די שכנ'שע פעלקער, אז טאמער וועט זיך מאכען א פראצעס מיט א מענש פון וויסען אדער מיט א גוי, זאל מען נישט דארפען אנקומען צו דרויסענדיגע "עקספערטען" און מען זאל נישט דארפען ריידען מיט די צדדים דורך אן איבערזעצער.

די חכמים אין יבנה האבען געהאט זייער זיץ אין א פלאץ, וועלכער האט זיך גערופען "כרם ביבנה", וואס דער טעם דערפון איז נאך נישט ערקלערט געווארען, און ווי מאנכע ווילען זאגען, איז דאס געווען דערפאר, ווייל מען פלעגט דארט זיצען ביים לערנען אין שורות, גלייך ווי ווייגשטאקען זיינען געפלאנצט אין א וויינגארטען (זעה ירושלמי ברכות פרק ד'). אין יבנה איז אויך ענדגילטיג באשלאסען געווארען, אז ביי יעדער מחלוקה צווישען "בית שמאי" און "בית הלל" איז די הלכה ווי "בית הלל" זאגט. אט די ענטשיידונג איז דארט ארויסגעקומען פון א "בת־קול" *), וועלכעס האט געזאגט, אז די מיינונגען פון "בית שמאי" זיינען טאקי געטליכע, גלייך ווי די אנטשיידונגען פון "בית הלל", נור די הלכה דארף טראצדעם בלייבען ווי די מיינונג פון בית הלל (ירושלמי ברכות פרק א' הלכה ד').

אזוי ווי דאס פאלק האט דאן געזעהען, אז די קרבנות זיינען בטל געווא־רען, האט זיי אלעמען ארומגענומען אן אומבאשרייבליכע פארצווייפלונג. נישט יעדען האט מען געקענט געבען צו פארשטעהען די ווערדע פון תפלה, וועלכע איז באשטימט געווארען אויף'ן ארט פון קרבנות. האבען זיך פיעלע פון די גייסטיג שוואכערע עלעמענטען אנגעשלאסען צו די פארשיעדענע רעליגיעזע סעקטען, וועלכע האבען דאמאלס געזוכט א נייעם גאט אויסערהאלב פון דער

---

*) וועגען דער באדייטונג פון א "בת קול" זיינען פאראנען פארשיעדענע ערקלערונגען. איינע מאכען דערפון א נאטירליכע ערשיינונג, אנדערע באצייכענען דאס אלס אן אויסדרוק פון א הימלישען ווילען. לויט איינע מיינט דאס אזוי פיעל ווי אן אפקלאנג פון דער "עפענטליכער מיינונג", א שטימע פון צווישען פאלק, וועלכע דריקט אויס די אלגעמיינע מיינונג פון די מאסען. אנדערע זאגען, אז דאס איז טאקי פשוט א שטימע פונ'ם הימעל. און ווען די גמרא זאגט, אז נאכ'ן טויט פון די לעצטע נביאים (חגי זכריה ומלאכי) איז פארשוואונדען דער רוח הקודש פון אידען און מען האט זיך אנגעהויבען באנוצען מיט א "בת קול", זאגט אויף דעם תוספות (סנהדרין דף י"א עמוד א' בד"ה בת קול): "יש אומרים, שלא היו שומעין קול היוצא מן השמים, אלא מתוך אותו קול יוצא קול אחר, כמו פעמים שאדם מכה בכח ושומע קול אחר היוצא ממנו למרחוק, ואותו קול היו שומעין".

אידישער אמונה. האָט דער תנא שמואל הקטן מתקן געווען די "ברכת המינים", וואו עס ווערד געבעטען, אז אַלע וואָס טרעטען אָפּ פונ'ם לעבעדיגען אידישען גאָט זאָלען באַלד און גיך פאַרשניטען ווערען פון דער וועלט.

דאָרט אין יבנה האָט מען אויך פעסטגעזעצט אַנדערע דינים וועגען אידישען לעבען און ספּעציעל האָט מען דאָרט אַכטונג געגעבען אויף דער באַשטימונג פון ראש-חודש און ימים טובים — און די דאָזיגע קאַלענדארישע אָרדנונג איז אויך געווען באַשטימט פאַר די אידען אין רוים און אין גריכענלאַנד, אין מצרים און אין בבל.

יבנה איז אויך געווען אַ צופלוכטס-אָרט פאַר אַלע יענע, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען פון דער איבערקערעניש אין ירושלים. דרויסען האָט נאָך געזשומעט דער אָפּקלאַנג פון די פיינדליכע פיילען, דאָס הארץ האָט נאָך ביי יעדען געציטערט, צו הערען די קרעכצען פון די שטאַרבענדע און שווער פאַרוואונדעטע און די פרייד-געשרייען פונ'ם רוימישען זיעגער מיט זיין געשפּעט איבער די באַזיעגטע. האָט אַ קליינע גרופּע חכמים זיך גערעטעט פונ'ם איבערקערעניש און זיי האָבען דאָרט באַגרינדעט דעם אינהאַלט פאַר דער אידישער נאַציאָן.

ס'איז זיי אָבער נישט שווער געווען, צו געפינען וואָס זיי האָבען געזוכט, ווייל זיי האָבען פאַרשטאַנען, אז די תורה איז דאָס איינציגע מיטעל, צו געבען האָפנונג פאַר זייער נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ — און אין זייערע נאַציאָנאַליסטישע באַשטרעבונגען האָבען פרעמדע הענד און די גאַנצע אַרבייט פון די רוימישע לעגיאָנען גאָר נישט געקענט קאַליע מאַכען. די שונאים האָבען געקענט די מענשען אויס'הרג'ענען, דעם בית-המקדש פאַרברענען און גאַנץ ארץ-ישראל חרוב מאַכען, אָבער דעם גייסט האָבען זיי נישט געקענט פאַרניכטען.

עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, איז באַגרינדעט געוואָרען דער בית-דין אין יבנה מיט דיעזעלבע רעכט ווי אין ירושלים. און ווען דער פּסוק זאָגט: "אַז אַ זאַך וועט זיין פון דיר פאַרהוילען ביי אַ משפּט צווישען בלוט און בלוט, צווישען איין טענה או אַן אַנדערע טענה, אָדער צווישען שעדיגונג און שעדיגונג, ביי שטרייט-זאַכען אין דיינע טויערען, זאָלסטו אויפשטעהען און אַרויפגעהען צו דעם אָרט וואָס גאָט דיין האַר וועט איהם אויסקלייבען" (דברים י"ז ח'), האָט מען אויף דעם גע'דרשנ'ט אַז דער דאָזיגער אָרט קען אויך זיין יבנה, ווייל נישט דער אָרט האָט געגעבען די אויטאָריטעט צום בית-דין, נור דער בית-דין האָט געגעבען די אויטאָריטעט צום אָרט, וואו ער האָט זיך געפונען.

יבנה איז אַלזאָ געווען ווי ירושלים ביי פיעלע מנהגים פון דער אמונה, אַ שטייגער ווי ביים שופר בלאָזען אום ראש השנה, ווען דער ערשטער טאָג געפאַלט אום שבת. פריהער פלעגט מען אום שבת נישט בלאָזען קיין שופר אויסערהאַלב פון ירושלים, ווייל עס האָט געהייסען, אַז דאָרט וואו מען איז נישט מקריב קיין קרבנות, טאָר מען נישט בלאָזען קיין שופר אום שבת.

אָט דעם מנהג איז נישט אַזוי גרינג געווען דורכצופיהרען אין יבנה, ווי עס דערצעהלט זיך. ער האָט אויך געהאַט פיעלע פּראָמינענטע געגנער, אַ שטייגער ווי די "בני בתירה", וואָס זייערע זיידעס זיינען אַמאָל געווען די פיהרער פון די סנהדרין אין ירושלים. זיי האָבען בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין צום געדאַנק, אַז יבנה זאָל קריגען דיעזעלבע הייליגקייט וואָס ירושלים און מען זאָל דאָרט מעגען בלאָזען שופר אום שבת. האָבען זיי געוואָלט מאַכען אַ "דעבאַטע" וועגען דעם דאָזיגען ענין מיט ר' יוחנן בן זכאי, האָט זיי ר' יוחנן געזאָגט: "לאָמיר צוערשט בלאָזען און דערנאָך וועלען מיר דעבאַטירען!" — און ווען זיי האָבען געוואָלט אויפנעהמען די דעבאַטע נאָך'ן בלאָזען, האָט

די חכמים פון דער משנה

זיי ר' יוחנן געזאָגט: "אזוי ווי מען האָט שוין געהערט דעם שופר אין יבנה, איז די דעבאַטע אַן אומזיסטע!"...

פריהער איז געווען איינגעפיהרט, אַז די באַשטימונג פון ראש־חודש איז געווען אָפּהענגיג פונ'ם ראש־בית־דין, וועלכער האָט געדאַרפט זאָגן אַ וואָרט, אַז דער חודש האָט זיך אָנגעהויבען ("מקודש החודש"). האָט מען דאַן אין יבנה מתקן געווען, אַז דער בית־דין מעג ערקלערען דעם אָנהויב פונ'ם חודש, אַפילו ווען דער ראש־בית־דין איז נישט דאַביי.

די גרונדלאַגע פאַר די דאָזיגע אַלע איינפיהרונגען איז געווען דער געדאַנק, אַז אַזוי ווי דער בית־המקדש איז חרוב, האָבען די באַדערפעגישען פונ'ם פאָלק אָנגענומען נייע פאָרמען לויט דער ענדערונג פון דער פּאָליטישער לאַגע. די גרויסע ענדערונגען, וועלכע די געשעהענישע פון יענער צייט האָבען געבראַכט, האָבען ביי מאַנכע מנהגים אָפּגעווישט זייער ערשטע כונה און זיי האָבען זיך געדאַרפט ענדערען לויט דער געגענווערטיגער לאַגע.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס די מענשען האָבען זיך גאָר גיך צוגעפאַסט צו די געענדערטע אומשטענדען און זיי האָבען זיך באַלד אויסגעלערענט ווענדען זייער אויגענמערק נישט צו דער פאַרגאַנגענהייט, נור צו דער געגענוואַרט און צו דער נאָהנטער צוקונפט.

און אַזוי ווי דער עולם האָט דאַן אַריינגעלייגט די פאַרהאַנענע כחות אין דער אָפּהיטונג פון די מצוות, לויט די באַלייכטונגען פון דער "תורה שבעל־פה", האָט דאָס צו די מענשען געגעבען דעם נויטיגען כח, זיי זאָלען זיך קענען אויפהויבען איבער דער טרויעריגער געגענוואַרט און קאָנצענטרירען זייערע געדאַנקען אויפ'ן גייסטיגען לעבען. איז דאַן די ערשטע טהאַט זייערע געווען, צונויפצוקלויבען אַלע טראַדיציעס, זיי צו באַהאַלטען אויפ'ן פּאַפּיער. אַזוי ווי מען האָט דאַמאָלס געזעהען, אַז פיעלע אַלטע מנהגים ווערען פאַרגעסען, ווייל אַפילו יענע חכמים, וועלכע זיינען געווען טהעטיג אינ'ם בית־המקדש, האָבען אָפּטמאָל פאַרגעסען, וואָס זיי האָבען דאָרט געזעהען, האָט מען דאַן אָנגעהויבען צונויפקלויבען אין אַ בוך אַלע טראַדיציאָנעלע איינפיהרונגען אין די דינים און מנהגים, אַפילו אין אַזעלכע, וואָס מען האָט שוין נישט מעהר געהאַלטען נאָכ'ן חורבן.

רבן יוחנן בן זכאי

ביים גרויסן גייסטיגען איבערברוך, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אינ'ם אידישען לעבען וועהרענד דער צייט פונ'ם חורבן בית־המקדש, איז די הויפּט־ראָלע צוגעפאַלען צו רבן יוחנן בן זכאי, וועגען וועמען עס ווערד דערצעהלט, אַז אַזוי ווי עס איז געווען צו אַלעמען באַקאַנט, אַז ער איז גע־נייגט צו אַ שלום מיט רוים, האָבען די "פּאַטריאָטען" אין ירושלים געהאַט אויף איהם אַן אויג. האָט ער זיך מיט אַ "טריק" אַרויסגע'גנב'עט פון שטאָדט און ער איז צוזאַמען מיט צוויי פון זיינע בעסטע תלמידים (ר' אליעזר און ר' יהושע) אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער, וואו ער האָט זיך אויסגעבע־טען, אַז רוים זאָל נישט חרוב מאַכען די שטאָדט יבנה און זי זאָל אויך לאָזען לעבען איהרע חכמים, כדי צו קענען דאָרט פאַרטזעצען די פּיהרונג פון אידישקייט לויט די פאַרשריפטען פון דער תורה.

געשעהען איז דאָס—ווי עס ווערד דערצעהלט אין מסכת גטין דף נ"ו—אויף פאָלגענדען אופן:

אבא סיקרא, אַ שוועסטערן־זוהן פון ר' יוחנן בן זכאי, איז געווען אַ פיה־רער ביי די "פּאַטריאָטען" אין ירושלים. האָט איהם ר' יוחנן בן זכאי געלאָזט רופען, ער זאָל איהם קומען באַזוכען בשתיקה, עס זאָל קיינער נישט וויסען. איז דער דאָזיגער אבא סיקרא געקומען און ר' יוחנן בן זכאי האָט איהם גע־פרעגט: "ווי לאַנג נאָך וועט איהר לאָזען אויסשטאַרבען די וועלט אין הונגער און איהר וועט זיך נישט וועלען אונטערגעבען צו די רוימער?"...

האָט איהם אבא סיקרא געענטפערט: "וואָס קען איך טהון, אַז ווען איך וועל עטוואָס זאָגען צו מיינע חברים וועגען אַ שלום, וועט מען מיך אַליין אויך הרג'נען?"

— טאָ גיב מיר אַן עצה, ווי איך זאָל קענען אַרויסקומען פון שטאָדט, אפשר וועל איך קענען ברענגען אַ שטיקעל רעטונג פאַר מיר און פאַר אַנדערע —האָט איהם ר' יוחנן געזאָגט.

האָט איהם אבא סיקרא געענטפערט: "דאַרפסט זיך מאַכען קראַנק און זאָל מען דיך קומען מבקר־חולה זיין, דערנאָך וועט מען זאָגען, אַז דו ביזט געשטאָרבען. און וועט מען דיך דאַרפען ברענגען צו קבורה, זאָלען זיך בלויז דיינע תלמידים מיט דעם אָפּגעבען און נור זיי זאָלען דיך אַרויסטראָגען פון שטאָדט, ווייל אַנדערע מענשען קענען דערפיהלען, אַז מען טראָגט אַ לעבע־דיגען"...

איז דאָס אַלעס דורכגעפיהרט געוואָרען גענוי ווי אבא סיקרא האָט געהיי־סען — און ווען מען איז דאַן צוגעקומען מיט'ן "טויטענבעט" צום טויער פון דער שטאָדט, האָבען די טויער־היטער געוואָלט אויספּרובירען, צי דער "טויטער" איז נישט צופעליג אַ לעבעדיגער... האָבען זיי איהם געוואָלט נעה־מען שטעכען. האָט צו זיי אבא סיקרא געזאָגט: "טהוט דאָס נישט, ווייל ווען די רוימער וועלען דערפון געוואָהר ווערען, וועלען זיי זאָגען, אַז אידען האָבען זייער אייגענעם רבי'ן געשטאָכען". האָבען די טויער־היטער געוואָלט אַרונ־טערוואַרפען דעם "טויטען" פון דער "מטה". האָט אבא סיקרא ווייטער גע־זאָגט: "טהוט דאָס נישט, ווייל ווען די רוימער וועלען דאָס הערען, וועלען זיי זאָגען, אַז אידען האָבען זייער אייגענעם רבי'ן אַרונטערגעוואָרפען"...

די חכמים פון דער משנה

דרויסען ארויסגעקומען פון שטאָדט איז ר׳ יוחנן בן זכאי תיכף אריבער־געגאַנגען צו וועספּאזיאן, וועלכער האָט דאַמאָלס אָנגעפיהרט די באַלאַגערונג פון ירושלים — און אַזוי ווי ער האָט דאָרט נושא־חן געווען מיט זיינע קלוגע ווערטער, איבערהויפּט מיט דעם וואָס וועספּאזיאן האָט געוואוסט, אַז ער איז געניגט צו׳ן אַ שלום מיט רוים, האָט איהם וועספּאזיאן געזאָגט, אַז ער מעג זיך ביי איהם אויסבעטען וואָס ער וויל, האָט זיך ר׳ יוחנן אויסגעבעטען דריי זאַכען: דאָס ערשטע וויל ער יבנה מיט איהרע חכמים, צווייטענס וויל ער אַ פאַרשוינונג פאַר דער פאַמיליע פון רבן גמליאל הזקן, און דריטענס וויל ער אַ דאָקטאָר פאַר ר׳ צדוק, וועלכער האָט געפאַסט פערציג יאָהר צייט, בעטענדיג ביי גאָט, אַז דער בית המקדש זאָל נישט חרוב ווערען. זאָגט דאָרט די גמרא, אַז דער אויבערשטער נעמט אַמאָל אַוועק דעם שכל ביי די קלוגע, ווייל ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געדאַרפט בעטען, אַז די רוימער זאָלען יעצט אָפּלאָזען די באַלאַגערונג. איז דאָרט אויף דעמזעלבען מאמר פונ׳ם טאַדעל פאַר ר׳ יוחנן בן זכאי פאַראַנען גלייכצייטיג אַ פאַרטיידיגונג, וואו עס ווערד געזאָגט, אַז ער האָט מורא געהאַט צו ריידען וועגען דער באַ־לאַגערונג, ווייל ער האָט געדענקט, אַז ווען ער וועט מעהר בעטען, וועט ער גאָר נישט פּועל׳ן.

אין מדרש איכה רבתי (פּרק א׳ פּיסקא ל״א) ווערד דאָס ארויסגעהן פון ר׳ יוחנן בן זכאי צו וועספּאזיאן אַ ביסעל אַנדערש דערצעהלט.

דאָרט הייסט דער שוועסטערן־זוהן פון ר׳ יוחנן—ב ן ב ט י ח. און ווען די ״פּאַטריאָטען״ פון ירושלים האָבען פאַרברענט די אוצרות שפּייז, וואָס די דריי גרעסטע עשירים פון שטאָדט האָבען פאַרגעשלאָגען צו די איינוואָהנער פאַר דער צייט פון דער באַלאַגערונג, האָט ר׳ יוחנן בן זכאי ארויסגעלאָזען אַ שרעקליכען וועה־געשריי. איז מען דאָס געגאַנגען באַלד זאָגען צו בן־בטיח, אַז זיין פעטער האָט געזאָגט ״וועה״ (וי). האָט בן־בטיח געשיקט רופען דעם פעטער און האָט איהם געפרעגט: ״וואָס האָסטו עפּיס געזאָגט ו ו ע ה?״ — האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: ״איך האָב נישט געזאָגט ו ו ע ה, נור ו ו א ה (וה)! — און ״וואה״ איז געווען אַן אויסרוף פון פריידע...

האָט בן־בטיח ווייטער געפרעגט: ״וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שמחה?״ האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געענטפערט: ״די שמחה מיינע איז, וואָס איהר האָט פאַרברענט אַלע אוצרות פון שפּייז, ווייל ווי לאַנג עס איז געווען עסען אין שטאָדט, וואָלט איהר נישט געקענט ארויסבאַקומען דעם עולם צו׳ן אַ מלחמה״.

דריי טעג שפּעטער איז ר׳ יוחנן בן זכאי געגאַנגען שפּאַצירען אין גאַס, האָט ער געזעהן, ווי מענשען קאָכען שטרוי און טרינקען דאָס וואַסער. האָט ער געזאָגט, אַז ווען מענשען וואָס קאָכען שטרוי און טרינקען דאָס וואַסער ווילען אָנפיהרען אַן אויפשטאַנד געגען וועספּאזיאן׳ס אַרמעען, וואָלט פאַר איהם אין אַזאַ צייט געווען דאָס בעסטע מיטעל, ער זאָל ווי צום גיכסטען ארויסקומען פון דאַנען...

האָט ער דאַן געשיקט זאָגען צו בן־בטיח: ״לאָז מיך ארויס פון שטאָדט!״ — האָט בן־בטיח געענטפערט: ״מיר האָבען צווישען זיך אַן אָפּמאַך, נישט ארויסצולאָזען קיין לעבעדיגע!״

און ווען ר׳ יוחנן בן זכאי איז ארויסגעקומען דרויסען צו וועספּאזיאן, האָט ער — לויט׳ן מדרש איכה — יאָ געבעטען, אַז וועספּאזיאן זאָל יעצט אָפּלאָזען די שטאָדט און אוועקגעהן. האָט וועספּאזיאן אויף דעם גע־ענטפערט: ״די רוימער האָבען מיך געמאַכט פאַר זייער קייזער, אַז איך זאָל דאָס דאָזיגע לאַנד פאַרניכטען, דו קענסט אָבער ארויסנעהמען פון שטאָדט דיינע פריינד, וועלכע דו ווילסט אָפּראַטעווען פון טויט!״...

רבן יוחנן בן זכאי

לויט אן אנדערער ערצעהלונג האט ר׳ יוחנן בן זכאי געטראפען די טאכ־טער פון נקדימון בן גוריון, קלויבענדיג גערשטען פון אונטער די פערד׳ס קאָ־פיטעס, און נקדימון בן גוריון איז געווען איינער פון יענע דריי עשירים, וועלכע האבען זיך געהאט אונטערגענומען צו שפייזען ירושלים אין דער צייט פון דער באלאגערונג, ווען די אזוי אנגערופענע "פאטריאטען" האבען פארברענט זייערע אוצרות. האט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאגט: "ווען אידען טהוען דעם אויבערשטען׳ס ווילען, קען נישט קיין שום אומה ולשון האבען א שליטה איבער זיי, טהוען זיי אבער נישט דעם רצון פונ׳ם אויבערשטען, גיט זיי גאט איבער צו א נידריגער אומה, און נישט בלויז צו דער נידריגער אומה גיט ער זיי איבער, נור אפילו צו זייערע פערד"...

אין אבות דר׳ נתן (פרק ד׳) ווערד דאס ארויסגעהען פון ר׳ יוחנן בן זכאי צו וועספאזיאן געשילדערט אויף א מעהר פשוט׳ן אופן. דארט הייסט עס, אז ר׳ יוחנן האט זיך בלויז מיט דער הילף פון זיינע תלמידים פארשטעלט פאר טויט — און זיין שוועסטערן־זוהן האט גאר נישט געהאט זיין האנד דא־ביי.

פון וואנען ר׳ יוחנן בן זכאי איז געקומען און ווער זיין פאמיליע איז געווען, איז נישט באקאנט. א צייט פון דריי דורות האט דאס הויז הלל ביז דאמאלס געקיניגט אינ׳ם רעליגיעזען לעבען פון די אידען און דאס פאלק האט זיך צו זיי צוגעהערט, ווייל מען האט געהאלטען, אז זיי שטאמען אפ פון "מלכות בית דוד". איז יעצט פלוצים געקומען א דרויסענדיגער, וועלכער האט זיך גערעכענט אלס דער קלענסטער פון הלל׳ס תלמידים — און דאס גאנצע פאלק איז איהם נאכגעגאנגען. לאנגע יאהרען בעפאר דעם חורבן איז מען שוין געקומען צו׳ן איהם פון נאהנט און ווייט הערען זיין תורה, דערפאר האט ער זיך אויך געפיהלט ווי א פארשטעהער פונ׳ם פאלק און אלס אזעלכער האט מיט איהם וועספאזיאן גערעדט.

אין יענע יאהרען פלעגט ער זיצען אין דעם שאטען פונ׳ם בית־המקדש און דרש׳נען גאנצע טעג פאר אן עולם, וועלכער איז געווען צו גרויס, ער זאל קענען געפינען פלאץ אין דעם בית־המדרש. די מויער פונ׳ם בית־המקדש איז געווען הונדערט איילען הויך, איז דער שאטען פון דער דאזיגער מויער גע־ווען א ברייטער און די מענשען האבען זיך דארט געקענט שיצען פאר דער זון. דאביי האט זיך ר׳ יוחנן בן זכאי א לאנגע צייט וויניג וואס געקימערט וועגען די בארבארישע פארפאלגונגען פון די רוימער און די אינעווייניגסטע שוידערליכע מחלוקות צווישען די אייגענע אידישע פארטייען. דאסזעלבע איז אויך געווען שפעטער נאך׳ן חורבן, ווען ער האט געלעהרענט אין יבנה, ווייל ער האט זיך אויך דאמאלס נישט געקימערט גאר וועגען דער דרויסענדיגער פאליטישער לאגע, דער תוכן פון זיינע לעהרען איז גרעסטענטיילס געווען שלום און אין דער צייט פון דער שארפסטער מלחמה האט ער נישט געהאט קיין מורא צו ריידען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א שלום מיט רוים.

ווי געזאגט, איז ר׳ יוחנן בן זכאי געווען א תלמיד פון הלל — און אזוי ווי ער האט איבערגעלעבט דעם חורבן און ער איז דערנאך געווען טהעטיג אין יבנה, קען מען זעהן, אז ווען עס הייסט אין דער טראדיציע, אז ער איז אלט געווארען 120 יאהר, איז דאס זיכערליך נישט קיין גוזמא. עס קען אויך געזאגט ווערען וועגען איהם דאסזעלבע, וואס עס איז אמאל געזאגט געווארען וועגען משה רבנו, אז "זיין אויג איז נישט געווען פארטונקעלט און זיין פריש־קייט איז נישט אוועק פון איהם".

הלל אליין האט דערקענט די ווערדע פון ר׳ יוחנן בן זכאי — און ווען הלל איז קראנק געווארען צום שטארבען און זיינע תלמידים זיינען געקומען איהם מבקר־חולה זיין, איז ר׳ יוחנן געבליבען שטעהן אין דרויסען. האט הלל געפרעגט: "וואו איז דער קליינער יוחנן?" און ער האט געזאגט דאביי, אז ווען

ער וועט אויסוואַקסען, וועט ער זיין "אַ פּאַטער אין חכמה און אַ פּאַטער פאַר קומענדע דורות".

עס ווערד דערצעהלט, אַז אַ לאַנגע צייט בעפאָר דעם חורבן האָט ר' יוחנן בן זכאי פאַרשטאַנען, אַז אידען וועלען זיך נישט קענען האַלטען געגען די רוי־מער און דער בית־המקדש וועט סוף־כל־סוף מוזען חרוב ווערען. פערציג יאָהר בעפאָר דעם חורבן — דערצעהלט אַ לעגענדע — פלעגען זיך די טוי־ערען פונ'ם בית־המקדש אליין עפענען, גלייך ווי זיי וואָלטען שוין געווען גרייט, מקבל־פנים צו זיין די שונאים. האָט זיי ר' יוחנן בן זכאי אָנגעשריגען, צו וואָס זיי שרעקען זיך אליין איבער. "יעדער ווייסט, אַז דו וועסט חרוב ווערען", האָט ער צום בית־המקדש געזאָגט, "אָבער דו אליין דאַרפסט נישט עפענען דיינע טויערען פאַר די שונאים, אַז דאָס אריינגעהען זאָל זיי גרינג אָנקומען!"...

איידער דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט ר' יוחנן בן זכאי אויסגעזוכט אַן אָרט מיט'ן נאָמען ע ר ב (נאָהנט צו צפורי), וואו ער האָט פאַרבראַכט 18 יאָהר צייט און ער האָט דאָרט ארויסגעזאָגט זיין פסק־דין בלויז וועגען צוויי ענינים. ער האָט דאָן אויסגעפונען, אַז יענער אָרט איז נישט מסוגל פאַר תורה. האָט ער דאַדורך געזאָגט, אַז ווייל דער גליל האָט פיינט תורה, וועט דער סוף זיינער זיין, וואָס ער וועט זיך דאַרפען אָפּגעבען מיט גזלנים (זעה ירושלמי שבת פרק ט"ו הלכה ח').

מיט זיין שכל האָט ר' יוחנן בן זכאי ארומגענומען די גאַנצע תורה מיט אַלע איהרע דרשות, הלכות און אגדות, יעדעס וואָרט זיינס איז געווען גע־וואויגען און געמאָסטען, האָט ער דאַדורך קיינמאָל נישט גערעדט קיין "שיחת חולין". ער איז אויך נישט געגאַנגען פיער איילען אָהן תורה אָדער אָהן תפילין. געהענדיג איבער דער גאַס, האָט ער איטליכען באַגעגנט מיט אַ פריינדליכען גרוס, אפילו אַ גוי. אין בית־המדרש אריין איז קיינער נישט גע־קומען בעפאָר איהם און ער האָט אויך דאָרט נישט איבערגעלאָזען קיינעם ביי זיין אוועקגעהן. מען האָט איהם אויך נישט געטראָפען קיינמאָל זיצען שטיל אָדער שלאָפען, ווייל ער איז שטענדיג געזעסען און האָט געלערענט. קיינער האָט נישט געעפענט די טהיר פונ'ם בית־המדרש פאַר זיינעם אַ תלמיד, ווייל ער אליין האָט פאַר איטליכען די טהיר געעפענט און צוגעפיהרט יעדען צו זיין פּלאַץ. ער האָט אויך קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז עס איז צייט אַהיים צו געהן, סיידען אים ערב פסח צום שחט'ן דעם "קרבן פסח" אָדער אים ערב יום־כפור, ווען מען האָט געדאַרפט מקבל זיין דעם תענית.

וועגען זיין רבי'ן פלעגט ר' יוחנן בן זכאי זאָגען: "ווען אַלע הימלען זאָלען זיין יריעות, אַלע בוימער שרייבפעדערען און אַלע ימים זאָלען זיין טינט, וואָלט מען נישט געקענט אויסשרייבען אַ טייל פון דעם, וואָס איך האָב געלערנט ביי מיין רבי'ן און דאָס אַלעס—פלעגט ער צוגעבען—וואָלט אויך נור געווען אַזוי פיעל, ווי ווען אַ פליעג זאָל זיך טובל'ן אין ים הגדול".

אָבער וואָס ער האָט פיעל געלערנט, האָט ער זיך נישט גערעכענט פאַר אַ מעלה, פאַר וועלכען עס קומט איהם אַ לויב, ווייל ער פלעגט זאָגען: "האָסט פיעל געלערנט, דאַרפסטו זיך נישט האַלטען שטאָלץ מיט דעם, ווייל דו דאַרפסט וויסען, אַז נור צו דעם ביזטו באַשאַפען געוואָרען!" — ער פלעגט אויך זאָגען: "ווער עס פאַרמאָגט חכמה אָהן יראה, איז דאָס גלייך ווי אַ בעל־מלאכה אָהן כלים"...

ער האָט געגלויבט, אַז די תורה איז אַ שוץ פאַר'ן טויט — און ווען אַ געוויסע משפחה פון כהנים איז אין זיין צייט אויסגעשטאָרבען, יעדער בחור צו 18 יאָהר, האָט ער געזאָגט, אַז זיי שטאַמען וואַהרשיינליך פון עלי הכהן. ליגט דאַדורך אויף זיי אַ קללה, אַז די מאַנסבילען פון דער משפחה זאָלען

שטאַרבען יונגערהייד. וועלען זיי זיך אָבער אָפּגעבען מיט לערנען, וועט דער זכות פון דער תורה אויף זיי מגין זיין.

כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם איז נאָך וואָס דאָס פאַרברענען פון דעם בית־המקדש האָט אויף איהם געמאַכט אַ קליינע ווירקונג. פאַרהאַנען אפילו אַ לעגענדע, אַז ווען ער איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם חורבן פון דעם בית־המקדש, האָט ער צוריסען זיינע קליידער. ווערד אָבער אויף דעמזעלבען אָרט דערצעהלט, אַז ווען זיין תלמיד ר׳ יהושע האָט געקלאָגט מיט די ווערטער: "וועה אונז, וואָס עס איז חרוב געוואָרען דער אָרט, וועלכער האָט געבראַכט פאַרגעבונג צו די זינד פון אידען!" — האָט איהם ר׳ יוחנן געענטפערט: "זאָל דאָס דיר נישט אָנטהון קיין יסורים, ווייל מיר האָבען אַן אַנדער מיטעל פאַר דער פאַרגעבונג פון אונזערע זינד, דאָס איז די מצוה פון גמילת חסדים" (זעה אבות דר׳ נתן פרק ד׳ משנה ה׳).

דער שרעקליכער איבערברוך אין׳ם אידישען לעבען, וועלכער איז פאָרגעקומען ביים חורבן בית המקדש, האָט זיך דאַמאָלס אָנגעשטויסען אויף צוויי פאַרשיעדענע פאָלקס־עלעמענטען, איינער ענטגעגענגעזעצט פונ׳ם אַנדערען.

איינע האָבען נישט געקענט און נישט געוואָלט איבערלעבען דעם חורבן. דער גאַנצער אינהאַלט פון אמונה האָט זיך ביי זיי קאָנצענטרירט אין׳ם בית־המקדש — און אַזוי ווי דער בית־המקדש איז געווען חרוב, האָבען זיי זיך נישט געקענט באַפרייען פונ׳ם געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלקסטום איז צוזאַמען מיט׳ן בית־המקדש חרוב געוואָרען. זיי האָבען זיך אויך נישט געקענט צופּאַסען צו די נייע אומשטענדען, האָבען זיי זיך אָפּגעזעגנט מיט׳ן לעבען, אָדער זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו די פאַרשיעדען־ערליי אויסטערליש מאָדנע רעליגיעזע באַוועגונגען, וואָס זיינען אין יענער צייט אויסגעוואַקסען אויף׳ן אידישען באָדען.

דאַגעגען זיינען געווען אַנדערע, וואָס האָבען זיך איינווייניג אין דער טיפעניש פונ׳ם האַרץ אַריינגעגעסען אין זייער טרויער. זיי זיינען אפילו ביי זיך געווען זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט נישט לאָזען דעם בית־המקדש חרוב זיין פאַר אַ לאַנגע צייט. געשטיצט אויף דעם היסטאָרישען פאַקט, וואָס דער "גלות בבל" האָט נישט מעהר געדויערט ווי זיבעציג יאָהר, זיינען זיי געווען איינגעגלויבט, אַז וואָס די נביאים האָבען געזאָגט וועגען דער צוקונפט פון ירושלים און וועגען דער באַנייאונג פונ׳ם בית־המקדש וועט זיכערליך גאָר אין גיכען מקוים ווערען. נור ביז מען וועט קענען אויפשטעלען אַ נייעם בית־המקדש, האָט מען דערווייל אָנגעהויבען איינפיהרען אַנדערע מנהגים אַנשטאָט קרבנות. מען האָט זיך אויך גענומען אַריינקלערען אין דער געטליכקייט פונ׳ם אידישען פאָלק, גלייך ווי מען האָט זיך גאָר שטאַרק אָפּגעגעבען מיט דער תורה און מיט איהרע אויסטייטשונגען.

אין אַלע ווינקעלעך פונ׳ם לאַנד האָט געהערשט טויט און פאַרניכטונג, חורבן און פאַרטיליגונג. צו דעם אַלעמען האָבען זיך די רוימער נישט באַגנוגענט מיט דער פאַרוויסטונג פונ׳ם אידישען לאַנד און מיט דער מאַסע אידיש בלוט, וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען, נור זיי האָבען יעדען טאָג אויסגעטראַכט אַנדערע דערנידערונגען פאַר די באַזיעגטע אידען. אַזוי ווי זיי האָבען געוואוסט, אַז אידען פלעגען געבען אַ "בקע" (אַ האַלבען שקל) פון יעדען קאָפּ פאַר די באַדערפענישען פונ׳ם בית־המקדש, האָבען זיך די רוימער געהייסען געבען צו 15 שקלים (דאָס הייסט דרייסיג מאָל אַזוי פיעל) פון יעדען קאָפּ פאַר די באַדערפענישען פון זייער טעמפּעל לכבוד זייער אויבער־געצעקע "יופּיטער", וועלכער האָט זיי "געהאָלפען צום זיעג איבער די שונאים".

דערנאָך זיינען אַרויסגעקומען די באַריכטען וועגען די אידישע גבורות

אין דער מלחמה. איז דאַן איבער דער גאַנצער וועלט באַוואוסט געוואָרען, אַז אָהן דער מיטהילף פון די אינעווייניגסטע אידישע פאַררעטהער וואָלטען די גרויסע און שטאַרקע רוימער מיט אַלע זייערע אייזערנע לעגיאָנען נישט געקענט קיינמאָל באַזיגען אַזאַ קליין לענדעל ווי ארץ־ישראל, האָבען די רוימישע מאַכטהאָבער געדונגען שרייבער, וואָס זאָלען פאַרקלענערען די גבורות פון די אידישע קעמפּפער, פאַרצושטעלען זייערע העלדען אַלס געוועהנליכע רויבערבאַנדעס, וואָס איין רוימישער באַטאַליאָן וואָלט זיי אַלעמען געקענט פאַרניכטען. נור דער "גוטהאַרציגער" טיטוס האָט געוואָלט דאָס לאַנד פאַרשוינען, ביז עס האָט ביי איהם די געדולד געפּלאַצט און ער האָט זיך צו זיי אַ נעם געטהון, זיי צו ווייזען, אַז מיט רוים קען מען זיך נישט שפּיעלען...

שפּעטער האָט ר' יוחנן געוואָלט איינפיהרען, אַז גלייך ווי אידען פלעגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים, זאָלען זיי יעצט עולה־רגל זיין קיין יבנה. האָט זיך דאָס אָבער בלויז טיילווייז איינגעגעבען, מען פלעגט טאַקי קומען פון נאָהנט און ווייט פייערען דעם יום־טוב אין יבנה, ספּעציעל פלעגען קומען אידען פון אויסערהאַלב ארץ־ישראל, וועלכע האָבען געוואָלט וויסען אַ דין ביי געוויסע פראַגען פון זייער אידיש לעבען. אָבער דער רוב אידען פלעגט פייערען זייער יום-טוב אין דער חרוב'ער ירושלים, אויף'ן פּלאַץ פון'ם פאַרברענטען בית־המקדש, וועלכער האָט נישט פאַרלוירען די הייליגקייט זיינע אין זייערע אויגען.

פון דעסטוועגען האָט זיך ר' יוחנן איינגעגעבען, צו קאָנצענטרירען אַרום זיך אין יבנה די כהנים, זיי זאָלען דאָרט וואַרטען, ביז מען וועט זיי רופען צום אויפבוי פון אַ נייעם בית־המקדש. און דערווייל ביז דער נייער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערען, האָט ער אָנגעזאָגט דעם עולם, אָפּצוהיטען די מצוה פון תרומה און מעשר. עס האָבען אויך די כהנים געדאַרפט אָפּהיטען אַלע דינים פון ריינקייט, צו עסען זייער תרומה "בטהרה", גלייך ווי ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען אויף זיין אָרט.

ווי פריהער אין ירושלים האָט ר' יוחנן בן זכאי יעצט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט, אויסצוגעפינען די אורזאַכען צו אַלע מצוות — און אין דער דאָזיגער באַציהונג האָט ער דערגרייכט די העכסטע מדרגה. יעדע מצוה פון דער תורה פלעגט ער דערקלערען מיט שכל'דיג איבערצייגענדע ווערטער. נור ווען עס איז געקומען צום פאַרבאָט פון עסען חזיר, אָדער וואָס אַ איד טאָר נישט אָנטהון קיין בגד פון "שעטנז", ווען ער איז געקומען צו דער מצוה פון "חליצה" און "יבום", ווען אַ ברודער שטאַרבט אָהן קינדער, אָדער צו דער מצוה פון "טהרת המצורע", צום "שעיר המשתלח" פון יום־כפור אָדער צו דער "פּרה אדומה", האָט ער נישט געוואָלט וויסען פון קיין שום טעם צו די דאָזיגע מצוות. דאָס זיינען אַזעלכע שטאַרק באַפעסטיגטע געזעצע, פלעגט ער זאָגען, וואָס מען טאָר גאָר נישט וועגען זיי אַרגומענטירען.

אַן "עבד עברי", וועלכער וויל נישט אַרויסגעהען פריי נאָך זעקס אָפּגעדיענטע יאָהרען — האָט ר' יוחנן בן זכאי געזאָגט — קריעגט דורכגעבויערט דאָס אויער, ווייל אַן אויער, וואָס האָט געהערט, ווי דער אויבערשטער האָט געזאָגט אויף'ן באַרג סיני "צו מיר זיינען אידען קנעכט" און ער האָט אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דעם עול פון'ם אויבערשטען און גענומען אויף זיך דעם עול פון מענשען, דאַרף מען אַזאַ אויער דורכבויערען פאַר אַן אייביגע שאַנדע.

זיינע תלמידים האָבען איהם אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס מען טאָר זיך נישט באַנוצען מיט אייזען ביי בויען אַ מזבח, האָט ער געזאָגט, אַז אַזוי ווי מען מאַכט פון אייזען שווערדען, וועלכעס איז אַ סימן פון שטראָף, און דער מזבח איז אַ סימן פון פאַרגעבונג, דאַרף מען דערווייטערען דעם סימן פון שטראָף פאַר'ן סימן פון פאַרגעבונג. און ווען שטומע שטיינער פון'ם מזבח, וועלכע

קענען נישט ריידען און נישט דענקען, טאָר מען נישט אויף זיי אויפהויבען קיין אייזען, ווייל זיי מאַכען שלום צווישען אידען און זייער פאָטער אין הימעל, דאַרף מען אַלזאָ באַקלערען, וויפיל מעהר כבוד עס פאַרדיענט איינער, וועלכער מאַכט שלום צווישען מאַן און פרוי, צווישען איין שטאָדט און די אַנדערע, צווישען איין אומה און די אַנדערע, אָדער צווישען איין משפחה און די אַנדערע.

טראָצדעם וואָס דער בית־המקדש איז געווען פאַרברענט און ירושלים איז געלעגען פאַרוויסט, האָבען זיך די אידען אין ארץ־ישראל נישט גערעכענט אַלס פאַרטריבענע פון זייער היימלאַנד, ווי לאַנג זיי זיינען געבליבען זיצען אויף דער אייגענער ערד. דאַגעגען האָט מען תמיד גערעכענט די אידען אין בבל און אין אַנדערע לענדער, אַז זיי לעבען דאָרט אין גלות, זייט נבוכדנצר האָט זיי פאַרטריבען. האָבען די תלמידים פון ר' יוחנן אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט די מעהרסטע אידען פאַרטריבען קיין בבל. האָט זיי ר' יוחנן געענטפערט, אַז דאָס איז גלייך ווי ווען אַ פרוי פאַרזינדיגט זיך געגען איהר מאַן, שיקט זי דער מאַן געוועהנליך אַהיים צו איהר פאָטער. אַזוי האָט דער אויבערשטער פאַרטריבען די אידען קיין בבל, ווען זיי האָבען געגען איהם געזינדיגט, ווייל דער פאָטער אַברהם איז פון דאָרט געקומען.

פאַרהאַנען אַ מיינונג, אַז ר' יוחנן בן זכאי איז געווען אַ כהן און ער פלעגט טהון די "עבודה" אינ'ם בית־המקדש צוזאַמען מיט אַנדערע כהנים. אַזוי ווערד דערצעהלט, ווי די תלמידים האָבען איהם אַמאָל געפרעגט וועגען אַ געוויסען מנהג פון קרבנות, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעענטפערט, זיינען די תלמידים פון זיין ישיבה נישט געווען צופריעדען, האָבען זיי איהם איבערגעוויזען, אַז ער האָט אַליין פאַרגעסען, ווי מען פלעגט זיך אַמאָל נוהג זיין ביי געוויסע אַנגעלעגענהייטען אינ'ם בית־המקדש. האָט ר' יוחנן אויף דעם געענטפערט: "איהר האָט רעכט! איך האָב שוין טאַקי פאַרגעסען ווי איך פלעג דאָס אַליין טהון!" — און ווען ער איז נאָך געווען אין ירושלים, האָט ער אַמאָל געהאַט אַ שאַרפען סכסוך מיט'ן כהן גדול, וועלכער האָט איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך אָן איהם נוקמ'ן. איז אָבער דערווייל דער כהן גדול געשטאָרבען, איידער ער האָט נאָך געקענט דורכפיהרען זיין נקמה־פּלאַן...

דאָרט אין ירושלים פלעגט ער עס אויך נישט וועלען ליידען, וואָס ווען מען האָט געבראַכט אַ קרבן, פלעגט מען דער בהמה דערלאַנגען אַ זעץ צווישען די הערנער, זי זאָל זיך גרינגער אַנידערלייגען צום שחט'ן. האָט ר' יוחנן געשריען, אַז מען מאַכט די בהמה מיט אַזאַ קלאַפּ טרפה און מען גיט דאַדורך טרפה פלייש צום מזבח.

אין אַזאַ צייט וואָס די רוימער האָבען געהערשט איבער'ן לעבען און איבער'ן פאַרמעגען פון אידען אויף'ן ווילדעסטען אופן, פאַרשטעהט עס זיך אַליין, אַז די צניעות פון די אידישע פרויען האָט נישט געקענט בלייבען אין איהר פריהערער ריינקייט. דאָס קעניגליכע הויז פון אַגריפּאַס דעם צווייטען גלייך ווי זיין שוועסטער בערעניקע און מאַנכע פון די דאַמאָלסדיגע כהנים גדולים האָבען נישט געקענט דיענען אַלס ביישפּיעל פון מאָראַליטעט פאַר די אידישע טעכטער. האָט ר' יוחנן בן זכאי געזעהן, אַז דאָס אידישע פאַמיליען־לעבען ווערד צובראָכען פון אויסגעלאַסענהייט. האָט ער בטל געמאַכט דאָס פיהרען אַ "סוטה" צום כהן און דאָס געבען צו טרינקען די "מים המאררים", ווייל מען וואָלט דאָס דאַמאָלס געדאַרפט אפשר טהון מיט'ן רוב פרויען פון ארץ - ישראל.

זעהר אָפט, ווערד דערצעהלט, האָט ר' יוחנן בן זכאי געהאַט וכוחים מיט גוים וועגען די מצוות פון דער תורה, טראָצדעם וואָס אידען האָבען פאַרלוירען אין דער מלחמה געגען רוים און די רוימער האָבען געדונגען שרייבער, צו באַשימפּפען די אידען אויף אַן אומווירדיגען אופן, איז דאַמאָלס געווען אַ צייט,

וואָס פיעלע גוי'שע געלעהרטע האָבען זיך שטאַרק אינטערעסירט, צו באַקענען זיך מיט די מצוות פון דער תורה, צו דערגעהן זייערע אורזאַכען און צו האָבען וועגען דעם וכוחים מיט אידען. עס האָט זיי געוואונדערט, וואָס אַזאַ שוואַך פאָלק אין אַזאַ מאָדנע לענדעל האָט עפּיס אַזאַ אויסטערלישע אמונה און האַלט זיך אָן איהר מיט אַזאַ געוואַלדיגער עקשנות.

עהנליכע וכוחים פלעגט ער אויך האָבען מיט "צדוקים", וועלכע האָבען שוין אפילו דאַמאָלס נישט מעהר עקסיסטירט אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטיי, עס פלעגען זיך אָבער געפינען מענשען אין אַ פּראָמינענטער שטעלונג, וועלכע האָבען זיך געפיהרט לויט די לעהרען פון די "צדוקים". פלעגט זיי ר' יוחנן רודף'ן מיט זיינע אַרגומענטען, וועלענדיג באַווייזען, אַז זיי זיינען גאָר נישט קיין אידען.

גאַנץ אַנדערש איז ער געווען געשטימט, ווען ער האָט אַמאָל געהאַט אַ וכוח מיט אַ גוי — און ווען עס האָט איהם אַמאָל אַ גוי געפרעגט, צי עס קען אַמאָל אויסקומען אַ טאָג, וואָס אידען און גוים זאָלען זיך צוזאַמען פרעהען. האָט ר' יוחנן געזאָגט, אַז דאָס קען זיין אין אַ טאָג פון רעגען...

שפּעטער האָבען איהם די תלמידים געפרעגט, צי עס איז אָנגענומען ביי גאָט, ווען אַ גוי טהוט חסדים, ווייל עס האָט דאַמאָלס געוועהנליך געהערשט די מיינונג, אַז דער פּסוק "חסד לאומים חטאת" הייסט, אַז ווען אַ גוי טהוט חסד, איז דאָס אויך אַ זינד... האָט ר' יוחנן געענטפערט, אַז דער פּשט פונ'ם פּסוק איז אַ גאַנץ אַנדערער ווי עס ווערד אָנגענומען, ווייל דער פּסוק וויל זאָגען, אַז אַזוי ווי אַ "קרבן חטאת" איז מכפּר אויף אידען, אַזוי איז צדקה און חסד מכפּר אויף די זינד פון גוים.

ר' יוחנן בן זכאי האָט זיך אויך פיעל אָפּגעגעבען מיט די סודות פון דער וועלט-באַשאַפונג און פון דער "מעשה מרכבה" אין יחזקאל'ס נבואה. דערצעהלט וועגען דעם אַ לעגענדע, ווי ער איז אַמאָל געריטען אויף אַן אייזעל און זיין בעסטער תלמיד, ר' אלעזר בן ערך, האָט דעם אייזעל אָנגעטריבען. האָט דאַן ר' אלעזר געזאָגט: "לאָמיר יעצט לערנען אַ פּרק אין דער מעשה מרכבה!" — האָט ר' יוחנן אויף דעם געזאָגט, אַז מען טאָר נישט לערנען די מעשה מרכבה מיט איין תלמיד, סיידען דאָס איז אַזעלכער, וואָס פאַרשטעהט אַלסדינג אַליין אָהן די ערקלערונגען פונ'ם רבי'ן... האָט ר' אלעזר געזאָגט: "טאָ לאָמיך דיר פאָרטראָגען די מעשה מרכבה, וועסטו זעהען, צי איך פאַרשטעה זי אַליין אָהן ערקלערונג פון מיין רבי'ן".

איז ר' יוחנן בן זכאי אַרונטערגעגאַנגען פונ'ם אייזעל, האָט זיך אַרומגעוויקעלט אין זיין איינהיל און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין תלמיד אויף אַ שטיין אונטער אַן אויילבירט. און נאָכדעם ווי ער האָט געהערט די ווערטער פון זיין תלמיד, האָט ער איהם אַ קוש געטהון אויפ'ן קאָפּ און געזאָגט: "געלויבט איז דער גאָט פון ישראל, וועלכער האָט געגעבען אַזאַ זוהן צו אברהם אבינו, וואָס ווייסט און פאַרשטעהט, צו דרש'נען אַזוי שעהן פאַר'ן כבוד פון זיין פאָטער אין הימעל".

צווישען דער גרויסער מחנה תלמידים, וואָס ר' יוחנן האָט געהאַט, האָבען זיך פינף פון זיי באַזונדערס אויסגעצייכענט — און ר' יוחנן פלעגט זיי לויבען יעדען באַזונדער מיט זיינע מעלות. די נעמען פון די דאָזיגע פינף תלמידים זיינען: ר' אליעזר בן הורקנוס, ר' יהושע בן חנניה, ר' יוסי הכהן, ר' שמעון בן נתנאל און ר' אלעזר בן ערך. פלעגט ר' יוחנן וועגען זיי זאָגען, אַז ר' אליעזר בן הורקנוס איז ווי אַן אויסגעקאַלעכטער ברונעם, וואו עס געהט נישט פאַרלוירען אפילו איין טראָפּען; וועגען ר' יהושע בן חנניה פלעגט ער זאָגען, אַז וואויל איז צו דער מאַמע, וואָס האָט אַזאַ זוהן געבוירען; וועגען ר' יוסי הכהן האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ פרומער; ר' שמעון בן נתנאל איז אָפּגעהיט פון

אַן עברה, און ר׳ אלעזר בן ערך איז ווי אַ קוואַל, וועלכער ווערד פון זיך אַליין יעדעס מאָל שטאַרקער.

ווענען די דאָזיגע תלמידים זיינע פלעגט ר׳ יוחנן בן זכאי נאָך ווייטער זאָגען: ״ווען מען זאָל די חכמה פון אַלע אידישע חכמים אָוועקלייגען אויף איין וואָגשאָל און די חכמה פון ר׳ אליעזר בן הורקנוס זאָל ליגען אויף דער צווייטער וואָגשאָל, וועט זי אַלעמען איבערוועגען״. שפּעטער האָבען אַנדערע דערקלערט אין זיין נאָמען, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט: ״ווען מען זאָל נעהמען די חכמה פון אַלע אידישע חכמים צוזאַמען מיט ר׳ אליעזר בן הורקנוס און דאָס אַלעס אָוועקלייגען אויף איין וואָגשאָל, און די חכמה פון ר׳ אלעזר בן ערך זאָל מען אָוועקלייגען אויף דער צווייטער וואָגשאָל, וועט ער אַלעמען איבערוועגען״.

עס איז אויך נישט פאַרהאַנען קיין גרעניץ צו דער גרויסער פאַרעהרונג, וואָס ר׳ יוחנן׳ס תלמידים האָבען אַרויסגעוויזען צו זייער רבי׳ן. זיי פלעגען איהם נישט אַנדערש רופען ווי נור ״דאָס ליכט פון ישראל״, ״די רעכטע זייל״ און ״דער שטאַרקער האַמער״. זיי פלעגען אויך זאָגען ווענען איהם, אַז ער איז דער איינציגער לעהרער פון חסד און שלום, וועלכער ווייסט ווי אַפּצושאַצען די ווערדע פון דער מענשליכער פרייהייט, ווייל ער איז דער שאַרפסטער נעגנער צו דער אונטערטהעניגקייט פון מענש צו מענש. עס האָט אויך איטליכער געקענט זעהען די גרויסע פאַרעהרונג זיינע פאַר יעדע גוטע איינענשאַפט ביי אַ מענשען, דער דאָזיגער מענש האָט געמעגט זיין פון אירגענד וועלכען פאָלק. און ווען ער האָט געלערענט, אַז מען דאַרף ליעב האָבען דעם אויבערשטען, האָט ער איהם געהייסען ליעב האָבען ווי אַ קינד האָט ליעב זיין פאָטער, נישט ווי אַ שקלאַף האָט ליעב זיין האַר.

ווען ר׳ יוחנן בן זכאי איז אַוועק פון ירושלים, האָט ער געהאַט זיין בית־המדרש אין יבנה. אָבער זיין פריוואַטע וואוינונג איז געווען אין אַן אָרט מיט׳ן נאָמען ״ברור חיל״ — און ביז אַהין זיינען איהם די תלמידים נאָכגעגאַנגען. דאַכט זיך, אַז אַזוי ווי רבן גמליאל דער צווייטער (דער זוהן פון ר׳ שמעון בן גמליאל, וועלכער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פאַר׳ן חורבן) איז אונטערגע־וואַקסען און ר׳ יוחנן האָט געזעהן, אַז ער איז שוין ראוי צו זיצען אויף זיין פאָטער׳ס פּלאַץ אין דער פיהרונג פונ׳ם אידישען לעבען, איז ר׳ יוחנן צוריק־געטרעטען פונ׳ם ״נשיאות״. ער האָט דאַן איבערגעגעבען זיין אַמט צו ר׳ גמליאל און אַליין האָט ער זיך באַזעצט אין ״ברור חיל״. אָבער אויך אַהין זיינען איהם די מענשען נאָכגעגאַנגען און זיי האָבען איהם נישט אַפּגעלאָזען ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען.

און ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס ר׳ יוחנן האָט געדאַרפט אַוועק־געהען פון דער וועלט, איז איהם זעהר אַ שאָד געווען צו שטאַרבען. און ווען עס זיינען איהם די תלמידים זיינע געקומען מבקר חולה זיין, האָט ער ביי זייער אָנבליק געוויינט. האָבען איהם די תלמידים געפרעגט: ״וואָס וויינסטו, רבי?״ — האָט ער זיי געענטפערט: ווען אַ מענש דאַרף זיך שטעלען צום משפט פאַר׳ן קעניג, וואָס זיין ממשלה איז פון היינט אויף מאָרגען, וואָס זיין חסד איז פאַר אַן אויגענבליק און זיין כעס איז אויך נישט קיין אייביגער, מוז איהם אַרומנעהמען אַ שרעק, טאָ וויפיל מעהר פאַרשטענדליך איז דער שרעק, וועלכער האַפּט אָן, ווען מען באַדענקט, אַז מען דאַרף שטעהן צום משפט פאַר׳ן מלך מלכי המלכים, וואָס זיין ממשלה איז אַן אייביגע, זיין כעס איז אַן אייבי־גער און זיין חסד איז אויך אַן אייביגער.

די חברים פון רבן יוחנן בן זכאי

פיעלע און פארשיעדענע פראמינענטע חכמים האבען צוזאמען מיט ר׳ יוחנן בן זכאי איבערגעלעבט די צרות פונ׳ם חורבן אין ירושלים, פון וואנען עס זיינען מאנכע פריהער אדער שפעטער אנטלאפען — און דערנאך האבען זיך אלע אין־איינעם באזעצט אין יבנה.

איינער פון די דאזיגע חכמים און דער נאהנטסטער צו ר׳ יוחנן בן זכאי איז געווען רבי צדוק בן אלעזר.

דאס איז דערזעלבער ר׳ צדוק, וואס ר׳ יוחנן האט פאר זיינעטוועגען גע־בעטען א דאקטאר, איהם צו היילען, ווייל גלייך ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האט פערציג יאהר צייט בעפאר דעם חורבן פאראויסגעזעהען, אז דער בית־המקדש מוז חרוב ווערען, אזוי האט ר׳ צדוק געפאסט יעדען טאג וועהרענד פערציג יאהר, אז דער בית־המקדש זאל נישט חרוב ווערען.

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען ר׳ יוחנן בן זכאי האט דעם ר׳ צדוק פארגעשטעלט פאר ועספאזיאן אינ׳ם רוימישען לאגער אויסערהאלב ירושלים — און ר׳ יוחנן איז דארט געשטאנען בעפאר ר׳ צדוק אין א פיעל באשיידע־נערער פאזיציאן, ווי ער איז געשטאנען אקעגען ועספאזיאן, האט ועספאזיאן באמערקט, אז ר׳ יוחנן גיט אפ א גרעסערען כבוד צו ר׳ צדוק ווי צו איהם.

האט דאן ועספאזיאן א פרעג געטהון: ״וואס איז עפעס אזוינס מיט דיעזען מאן?״ — האט איהם ר׳ יוחנן בן זכאי געענטפערט: ״איך קען דיר שווערען, אז ווען עס זאל ביי אונז זיין נאך איינער אזעלכער ווי ער און דו זאלסט געווען האבען מיט דיר צוויי מאל אזוי פיעל סאלדאטען, וואלסטו נישט געקענט בייקומען אונזער פאלק״...

אויף דעם האט ועספאזיאן ווייטער געפרעגט: ״אין וואס שטעקט איי־גענטליך זיין גבורה?״ — האט ר׳ יוחנן בן זכאי געענטפערט: ״פערציג יאהר צייט האט ער נישט געגעסען און נישט געטרונקען מעהר ווי דאס, וואס ער האט יעדע נאכט אויסגעזויגט דעם זאפט פון איין איינציגער פייג און דערנאך האט ער געלערענט א גאנצען טאג מיט א מחנה תלמידים. קענסטו דיר שוין מער־קען, אז ווען עס וואלט געווען ביי אונז נאך איינער אזעלכער, וואלט דער אוי־בערשטער געמוזט פארשוינען אונזער שטאדט צוליעב אזעלכע צוויי הייליגע מענשען״...

ווייטער ווערד דערצעהלט, אז אזוי ווי ר׳ צדוק איז געווען א כהן אינ׳ם בית־המקדש, האט ער אמאל צוגעזעהן ווי צוויי יונגע כהנים זיינען געלאפען טהון די ״עבודה״, און ווען איינער האט געוואלט פארלויפען דעם אנדערען דעם וועג און דער אנדערער איז גראד געווען א פלינקערער, וועלכער האט זיך נישט געלאזט דעם וועג פארלויפען, האט יענער געחאפט א מעסער און אריינ־געשטאכען דעם אנדערען אין הארצען.

און אזוי ווי ר׳ צדוק איז געווען א שטארקער רעדנער, האט ער דאן א געשריי געטהון בזו הלשון:

— הערט מיך אויס, אידען! אט זעהט איהר דא א דער׳הרג׳עטען, און איהר האט דאך אלע געלערנט, אז ווען מען געפינט א דער׳הרג׳טען, וואס מען ווייסט נישט וועגען איהם, ווער עס האט איהם דער׳הרג׳עט, דארף מען ברענגען אן ״עגלה ערופה״, אויף וועלכער די עלטעסטע פון דער שטאדט דארפען אפ־

געבען אַן ערקלערונג, אַז זיי זיינען אין דעם פאַרגאָסענעם בלוט נישט שולדיג, זייערע הענד זיינען נישט געווען דאַביי און זייערע אויגען האָבען דעם מערדער נישט געזעהען. איז יעצט די שאלה, צי מען דאַרף דאָ אויך ברענגען אַן "עגלה ערופה", ווייל געזעהן די הריגה האָב איך נור אַליין און איין עדות איז נישט גענוג ביי "דיני נפשות". ווייסט מען דאָך נישט על פי דין, ווער עס האָט דעם יונגען בחור דאָ דער׳הרג׳עט און מען דאַרף ברענגען די "עגלה ערופה". איז ווייטער אַ שאלה, צי דאַרף דאָס ברענגען די שטאָדט אָדער דער בית־המקדש... קיינער פון זיי ביידען וועט אויך נישט קענען זאָגען מיט אַ ריינעם געוויסען "ידינו לא שפכו את הדם הזה", ווייל ביידע זיינען דאָ שולדיג, די שטאָדט און דאָס פאָלק, אויף ביידע קלעפּט דאָס בלוט פון דעם יונגען הרוג...

ריידענדיג אַזוי אין דעמזעלבען נוסח, האָט ער דעם גאַנצען פאַרזאַמעלטען עולם געבראַכט צו טרערען. און ווען עס האָט נאָך דער פאָטער פון דעם דער׳הרג׳עטען בחור שפּעטער ערקלערט, אַז דער דער׳הרג׳עטער איז נישט געשטאָרבען באַלד אונטער׳ן מעסער און דאָס מעסער איז דאַדורך נישט טמא געוואָרען, צוגעבענדיג דאַביי, אַז מען דאַרף דאָ נישט ברענגען קיין "עגלה ערופה", ווייל דער געטויטעטער האָט מיט זיין בלוט מכפר געווען די זינד פון דער שטאָדט, האָט זיך דער עולם אַ וואָרף געטהון אויף דעם רוצח און אין איין אויגענבליק איז ער פאַרשוואונדען. מען האָט נישט מעהר געוואוסט, וואו זיין געביין איז אַהין־געקומען.

עס ווערד נאָך וועגען ר׳ צדוק דערצעהלט, אַז ר׳ גמליאל בן ר׳ שמעון, וועלכער הייסט געוועהנליך ר׳ גמליאל דיבנה און ער איז געוואָרען "נשיא" נאָך׳ן טויט פון ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט אַמאָל געמאַכט ביי זיך אין הויז אַ סעודה פאַר די חכמים — און ר׳ גמליאל אַליין איז געשטאַנען פאַר זיינע געסט און מיט זיין אייגענער האַנד האָט ער פאַר זיי אָנגעגאָסען די בעכערס צום טרינקען. האָט ער צוערשט דערלאַנגט אַ בעכער וויין צו ר׳ אליעזר בן הורקנוס. האָט ר׳ אליעזר נישט געוואָלט אָננעהמען דעם בעכער, ווייל ס׳האָט איהם נישט געפּאַסט, אַז ר׳ גמליאל זאָל איהם באַדינען. האָט דאַן ר׳ גמליאל דערלאַנגט דעמזעלבען בעכער צו ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער האָט איהם יאָ אָנגענומען.

האָט ר׳ אליעזר געזאָגט "ווי קען מען דולדען, אַז אונזער נשיא ר׳ גמליאל זאָל שטעהען און אונז באַדינען, וועהרענד מיר זיצען?" — **האָט ר׳** יהושע אויף דעם געזאָגט: "אַ גרעסערער פון ר׳ גמליאל האָט אויך אַמאָל געטהון דאָסזעלבע. אברהם אָבינו איז געווען דער גרעסטער מענש אין זיין דור, פון דעסטוועגען איז ער געשטאַנען איבער זיינע געסט און האָט זיי באַדינט. וועט איהר וועלען זאָגען, אַז דאָרט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מלאכים, האָט דאָס אברהם אָבינו אין אָנפאַנג נישט געוואוסט און ער האָט געמיינט, אַז דאָס זיינען ערביים. קען איך דאַדורך נישט זעהען די עוולה, וואָס ר׳ גמליאל שטעהט און באַדיענט לומדי תורה!"...

איז ר׳ צדוק אויפגעשפּרונגען פון זיין זיץ און האָט אַזוי געזאָגט: "ווי לאַנג נאָך וועט איהר זיך נישט אינטערעסירען פאַר׳ן כבוד פונ׳ם אויבערשטען און איהר וועט זיך בלויז אָפּגעבען מיט דעם כבוד פון מענשען? דער אויבערשטער מאַכט בלאָזען די ווינטען, ברענגט וואָלקענס, מאַכט רעגענען, באַפרוכפּערט די ערד און גרייט אַ טיש פאַר יעדען באַשעפעניש, געניו וויפיל עס דאַרף האָבען, און דאָס טהוט ער נישט בלויז צו מענשען צדיקים, נור אפילו צו רשעים און געצענדיענער. זאָלען אַזעלכע חכמים ווי איהר נישט ווירדיג זיין, אַז ר׳ גמליאל אַליין זאָל זיי באַדיענען?"...

שפּעטער אַמאָל — ווערד דערצעהלט — האָט ר׳ צדוק געזעהען דעם חורב׳ן בית־המקדש, האָט ער זיך געווענדעט, מיט אַ בליק צום הימעל און ער האָט געזאָגט: "האָסט גוט געטהון, רבונו של עולם! האָסט חרוב געמאַכט דיין

שטאָדט, האָסט פאַרברענט דיין בית־המקדש און דו זיצט זיך אַזוי שטיל, גלייך דאָס זאָל דיך נישט האַרען!"... און אין דערוזעלבער נאַכט האָט ר' צדוק געזעהען אין חלום, ווי דער אויבערשטער שטעהט און טרויערט איבער'ן חרוב'ן בית־המקדש און די מלאכים וויינען מיט ביטערע טרערען. האָט ער זיך דאַן איבערצייגט, אַז דער אויבערשטער טרויערט איבער'ן חורבן גלייך ווי די מענשען.

און אין אַ געוויסער צייט פון יענע טעג, ווען די פיהרער פונ'ם פאָלק האָבן געזעהען אַז דער עולם הויבט אָן פאַרגעסען די דינים און מנהגים פון אידישען לעבען, זיינען זיך די חכמים צונויפגעקומען און יעדער פון זיי, וועלכער האָט באַהאַלטען אין זיין קאָפּ די טראַדיציע, ווי אַזוי מען פלעגט זיך נוהג זיין ביי געוויסע אָנגעלעגענהייטען אין בית־המקדש, האָט געזאָגט וואָס ער ווייסט, האָט דאַן ר' צדוק עדות געזאָגט וועגען אַזעלכע דינים, וואָס זיינע חברים זיינען געווען וועגען זיי אין אַ ספק — און דערנאָך האָט מען אָנגענומען זיינע ווער־טער ווי געזעצע (זעה משנה עדיות פרק ז').

עטליכע מאָל ווערד ר' צדוק דערמאָנט אין דער גמרא, וואו זיין וואָרט האָט געדיענט אַלס באַווייז פאַר'ן דין. עס ווערד אויך דערמאָנט זיינס אַ "ווערטעל" וועגען דער ווערדע פון דער תורה, וועלכעס איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרען ביי אַלע חכמים. ער פלעגט זאָגען: "די תורה איז אַזעלכע, אַז דו טאָרסט זי נישט מאַכען פאַר אַ קרוין, אויף גרוים צו ווערען דורך איהר. דו טאָרסט זי אויך נישט מאַכען פאַר אַ האַק, צו גראָבען דורך איהר אַ יסוד פאַר דיינע פּיס".

ר' צדוק'ס אַ זוהן, ר' אלעזר, איז געווען פּראָמינענט אינ'ם לעצטען צעהנדלינג יאָהרען בעפאָר דעם חורבן. ער האָט זיך גרעסטענטיילס אָפּגעגעבען מיט האַנדעל — און טראָצדעם וואָס ער האָט געקראָגען דעם טיטעל "רבי", האָט ער נישט געגרינדעט קיין אייגענעם "בית־המדרש".

ווען ר' צדוק איז געהיילט געוואָרען דורך די השתדלות פון ר' יוחנן בן זכאי ביי וועספּאַזיאַן, האָט דער דאָזיגער ר' אלעזר געזאָגט צו זיין פאָטער: "גיב צו דיינע היילער זייער באַלוינונג אויף ד ע ר וועלט, זיי זאָלען נישט האָבען מיט דיר קיין חשבונות אויף י ע נ ע ר וועלט!"

האָט ר' צדוק — אַנשטאָט צו געבען זיי געלד פאַר דער היילונג — אויסגע־לעהרנט זיי רעכענען אויף די פינגער און ער האָט זיי אויך אויסגעלערענט דעם חשבון פון געוויכט (איכה רבתי פרשה א' פּיסקא ל"א).

אין נאָמען פון זיין פאָטער האָט ר' אלעזר געזאָגט: "צו וואָס זיינען צדיקים אויף דיזער וועלט געגליכען? צו'ן אַ בוים, וועלכער שטעהט אויף אַ ריינעם אָרט, נור דער קערפּער זיינער איז אויסגעבויגען צו אַן אומריינעם אָרט, האַקט מען אָפּ דעם קערפּער, שטעהט דער בוים ווייטער מיט זיינע וואָרצלען אויף אַ ריינעם אָרט. אַזוי ברענגט דער אויבערשטער יסורים אויף די צדיקים, כדי ער זאָל זיי מאַכען ווירדיג פאַר די תענוגים פון עולם הבא".

* * *

געווען נאָך אַ חבר פון ר' יוחנן בן זכאי מיט'ן נאָמען ר' ז כ ר י ה ב ן ה ק צ ב, וועלכער ווערד דערמאָנט ביי אַ געלעגענהייט, וואָס וואַרפט אַ כאַראַק־טעריסטיש ליכט אויף די מאָראַלישע און סאָציאַלע פאַרהעלטניסע פון יענער צייט.

פאַרהאַנען אַ משנה אין כתובות (פּרק ב' משנה ט'), וואו עס ווערד גע־זאָגט דאָס פאָלגענדע:

אַ פרוי וועלכע איז געפאַנגען ביי גוים, ווייל מען וויל דורך איהר אַרויס־קריגען אויסלייז־געלד, איז ערלויבט, זי זאָל דערנאָך בלייבען וואוינען מיט איהר

מאַן. האַלט מען זי אָבער געפאַנגען, ווייל מען וויל ביי איהר צונעהמען דאָס לעבען, איז זי אסור צו איהר מאַן, ווען מען לאָזט זי דערפאַר פריי, ווייל עס איז צו דענקען, אַז זי האָט זיך מפקיר געווען צו די גוים, אום זיך דאָס לעבען צו רעטען. אַ שטאָדט, וועלכע איז אָקופּירט פון אַן ארמיי, זיינען דאָרט אַלע ווייבער פון די כהנים פּסול צו זייערע מענער, סיידען זיי ברענגען עדות פאַר זייער ריינ־קייט. און די דאָזיגע עדות מעגען זיין אפילו אַ שקלאַף אָדער אַ שקלאַפין, זיינען זיי באַגלויבט. נישט באַגלויבט איז אָבער דאָס אייגענע עדות זאָגען, ווייל אַ מענש קען נישט זאָגען קיין עדות וועגען זיך אַליין. זאָגט דאַן ר' זכריה: "איך שווער ביי דער היילינגקייט פון בית־המקדש, אַז ווען סאָלדאַטען זיינען אריינגע־קומען קיין ירושלים, איז ווי לאַנג זיי האָבען דאָרט געהויזט ביז זיי זיינען אוועק, האָב איך נישט אָפּגעלאָזט מיין ווייב פון דער האַנד". האָבען איהם די אַנדערע חכמים אויף דעם געזאָגט, אַז קיין מענש איז נישט באַגלויבט, צו קענען זאָגען עדות וועגען זיך אַליין...

די חכמים האָבען איהם אַלזאָ אין זיין ספּעציעלען פאַל נישט געוואָלט זאָ־גען יאָ אָדער ניין. זיי האָבען איהם בלויז אַ טעאָרעטישע תשובה געגעבען און עס איז אויך נישט באַוואוסט, וואָס ר' זכריה האָט געטהון. פון אַנדערע ערטער אין דער גמרא איז ווייטער צו זעהען, אַז ר' זכריה האָט תמיד געשטרעבט צו פאַרגרינגערען די לאַגע ביי אַזעלכע אָנגעלעגענהייטען, ווייל עס געפינט זיך אַן אַנדער פאַל ביי אַן עהנליכען ענין אין אַ משנה אין עדיות (פּרק ח'), וואו עס ווערד דערצעהלט, אַז אַ יונגע מיידעל איז אַמאָל גענומען געוואָרען אַלס אַ משכון אין אשקלון צווישען גוים, און ווען זי איז אַהיים געקומען פון דער גע־פאַנגענשאַפט, האָבען זי די מענשען פון איהר משפחה געוואָלט פאַרשטויסען. זיינען געקומען עדות און האָבען ערקלערט, אַז זי איז נישט פאַראומריינינגט גע־וואָרען. האָבען די מענשען פון דער מיידעל'ס פאַמיליע נישט געוואָלט אָננעהמען די צייגענשאַפט. האָבען די חכמים צו זיי געזאָגט: "גלויבט איהר, אַז די מיידעל איז געווען אין געפאַנגענשאַפט, דאַרפט איהר אָננעהמען די עדות, אַז זי איז נישט פאַראומריינינגט געוואָרען, און ווילט איהר נישט גלויבען די צייגענשאַפט, דאַרפט איהר נישט גלויבען, אַז זי איז געווען אין געפאַנגענשאַפט"...

ר' זכריה'ס נאָמען ווערד אויך דערמאָנט ביי אַנדערע געלעגענהייטען — און אַמאָל האָט זיך געהאַנדעלט ביי די חכמים וועגען דער פראַגע פון אַ טאָכ־טער, וואָס ירשנ'ט איהרע עלטערען, וואו עס זיינען נישטאָ קיין זיהן, ברענגט די גמרא, אַז די הלכה איז געבליבען ווי ר' זכריה בן הקצב האָט געזאָגט.

* * *

נאָך איינער צווישען די חברים פון ר' יוחנן בן זכאי איז געווען ר' נחוניא (אָדער יוחנן) בן גודגדא.

ער איז געווען אַ לוי אינ'ם בית־המקדש און ער האָט דאָרט געהאַט די אויפזיכט ביים פאַרמאַכען די טויערען. ער איז אויך זעהר פרום געווען, און אַפילו שפּעטער ווען דער בית־המקדש איז נישט מעהר געווען, פלעגט ער אָפּ־היטען די פאַרשריפטען פון ריינקייט אין אַלע איינצעלהייטען. ער איז אויך געווען זעהר געניי ביי זיין אמת. אַזוי ווי ער איז געווען אַ טהיר־היטער, האָט ער געזאָגט, אַז טאָמער מישט זיך איינער פון די "זינגענדיגע" לויים אין זיין דינסט איז ער חייב מיתה. און ווען ר' יהושע בן חנניה האָט איהם אַמאָל גע־וואָלט העלפען ביים פאַרמאַכען די טויערען פונ'ם בית־המקדש, האָט ער איהם צוליעב דעמזעלבען טעם צוריקגעוויזען.

פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון יענער צייט איז אינטערעסאַנט די "עדיות" פון ר' נחוניא בן גודגדא אין יענע פראַגען, וועגען וועלכע עס איז אַ ספק — און די חכמים האָבען אויסגעפרעגט אַלע מענשען, וואָס האָבען באַהאַלטען די טראַדיציאָנעלע פיהרונג אין זייער זכרון.

האָט ר׳ נחוניא בן גודגדא ערקלערט, אַז אַ טויבע מיידעל וועלכע דער פאָטער פאַרהייראַט, קען אָוועקגעשיקט ווערען פון איהר מאַן מיט אַ גט. ביז דאָמאָלס איז געווען אָנגענומען, אַז ווען איינער האָט געהייראַט אַ טויבע, האָט ער זי געמעגט גט׳ן. האָט ער זי אָבער גענומען ביים פאָטער, איז שוין געווען אַ שאלה.

ווען איינער גזל׳ט אַוועק אַ קלאָץ און בויעט איהם אַריין אין אַ בנין, איז דאַמאָלס געווען אָנגענומען, אַז מען דאַרף דעם גאַנצען בנין פאַנאַנדערוואַרפען און דעם גע׳גזל׳טען קלאָץ אָפּגעבען צו זיין אייגענטימער (זעה תענית דף ט״ז עמוד א׳). האָט ר׳ נחוניא געזאָגט, אַז מען דאַרף באַצאָהלען דעם ווערט פון דעם גערויבטען קלאָץ. דעסגלייכען האָט ער געזאָגט, אַז טאָמער דאַרף איינער ברענגען אַ "קרבן חטאת" און ער גזל׳ט אַוועק אַזאַ בהמה, איז ווען דער עולם ווייסט עס נישט, קען ער יוצא זיין מיט׳ן גע׳גזל׳טען קרבן.

* * *

צווישען די חשוב׳סטע צייטגענאָסען פון ר׳ יוחנן בן זכאי איז געווען ר׳ נחוניא בן הקנה.

אַ לאַנגע צייט בעפאָר דעם חורבן איז ער שוין געווען באַוואוסט אַלס אַ פיהרער פון אַן אייגענעם בית־המדרש, וועלכער איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פאַר זיך און ער איז נישט געווען אונטער דער פאַרשטעהערשאַפט פון ר׳ יוחנן בן זכאי.

ס׳איז אויך באַקאַנט, אַז סיי ווען ר׳ נחוניא איז אַהין געגאַנגען אין זיין בית־המדרש אַריין און סיי ער איז פון דאָרט צוריקגעגאַנגען צו זיין היים, פלעגט ער יעדעס מאָל זאָגען אַן אייגענע תפלה, וועלכע איז פאַראייביגט געוואָרען אין איהר אינהאַלט אַלס אַ מוסטער פאַר שפּעטערע דורות — און ווען מען האָט איהם אַמאָל געפרעגט וועגען דעם צוועק פון זיין תפלה, האָט ער געזאָגט: "ווען איך געה אין בית־המדרש אַריין, בעט איך צום אויבערשטען, ער זאָל מיך אָפּהיטען פון יעדען טעות, עס זאָל מיר נישט אויסקומען, איך זאָל מיך דאַרפען בייזערען אויף מיינע חברים, אָדער מיינע חברים זאָלען זיך דאַרפען בייזערען אויף מיר. איך זאָל אויך נישט אין מיינע לעהרען ערקלערען דאָס ריינע פאַר אומריין אָדער דאָס אומריינע פאַר ריין און איך זאָל נישט פאַרשעהמט ווערען סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט, און ווען איך געה אַוועק פונ׳ם בית־המדרש, גיב איך אָפּ אַ דאַנק צום באַשעפער פאַר אַלעמען, וואָס עס איז מיט מיר אַ גאַנצען טאָג פאָרגעקומען. איבערהויפּט דאַנק איך דעם אויבערשטען דערפאַר, וואָס מיין גורל איז אויסגעפאַלען, איך זאָל זיצען אין בית־המדרש, נישט צווישען פאַרברעכערישע ליידיגגעהער און קונצענמאַכער, ווייל מיין וועג פיהרט צום אייביגען לעבען און זייער וועג פיהרט דירעקט צום גיהנום"...

אין דער צייט פון ר׳ יוחנן בן זכאי איז ר׳ נחוניא בן הקנה שוין געווען זעהר אַן אַלטער מאַן — און ווען עס האָבען איהם אַמאָל די תלמידים זיינע געפרעגט, מיט וואָס ער האָט זיך עס פאַרדיענט ביים אויבערשטען, וואָס ער האָט איהם מזכה געווען מיט אַ לאַנג לעבען, האָט ער זיי געענטפערט: "איך האָב קיינמאָל נישט געזוכט, צו קומען צו כבוד דורך דער חרפה פון אַן אַנדערען. איך בין אויך קיינמאָל נישט געגאַנגען שלאָפען, איידער איך האָב געוואוסט, אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיינער, וואָס זאָל האָבען אויף מיר אַ בייז הארץ. איך האָב אויך קיינמאָל נישט געקאַרגט מיט מיין געלד".

ווי באַמערקט, האָט ר׳ נחוניא געפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש, נישט אָפּהענגיג פון אַנדערע. איז ער אָבער פון דעסטוועגען תמיד געשטאַנען מיט ר׳ יוחנן בן זכאי אין אַ פריינדשאַפטליך חבר׳שער באַציהונג. דאָס איז צו זעהן פון דעם, וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט אַמאָל גע׳דרשנ׳ט צווישען זיינע תלמידים וועגען דעם פסוק "צדקה תרומם גוי וחסד לאמים חטאת" (משלי י״ד ל״ד) און

איטליכער האט געדארפט זאגען א מיינונג וועגען דעם פשט פונ׳ם פסוק. האט ר׳ נחוניא אויפ׳ן פארלאנג פון ר׳ יוחנן בן זכאי אויך געזאגט זיין טייטש — און ר׳ יוחנן האט אויף דעם געזאגט צו זיינע תלמידים: ״מיר געפעלט ר׳ נחוניא׳ס פשט בעסער ווי מיין אייגענער פשט און ווי אלע אייערע פשטים״.

כאראקטעריסטיש פאר ר׳ נחוניא איז זיינס א ״ווערטעל״, וואס ער פלעגט שטענדיג ווידערהאלען, אז ״ווער ער נעמט אויף זיך דעם עול פון דער תורה, נעמט מען ביי איהם אוועק דעם עול פון דער רעגירונג און דעם עול פון פיהרען געשעפטען״. פון אזא זאג קען מען אויך ארויסדרינגען, אז ער איז געווען וואהלהאבענד און ער האט נישט געהאט קיין דאגות פרנסה, האטש מיר פאר־מאגען נישט קיין דאקומענטארישע באשטעטיגונג פאר אזא מיינונג.

פון דער גאנצער מאסע זיינע אויסשפרוכען אין הלכה איז בלויז פארבליבען זיינער א ״כלל״ אין די דינים פון יום כפור, וועלכער הייסט אין זיין לשון: ״מה שבת מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין, אף יום הכפורים מתחייב בנפשו ופטור מן התשלומין״ (פסחים דף כ״ט עמוד א׳). ווילען דאס מאנכע פרייגע־זאגנע היסטאריקער איינטייטשען, אז אזוי ווי דער וואס טהוט א מלאכה אום שבת, איז חייב מיתה, איז ער אבער נישט מחויב צו פארענדיגען דערנאך דעם שבת און ער איז נישט נאך אמאל חייב מיתה וועגען א צווייטען חלול, אזוי איז אויך מיט יום כפור, אז וויבאלד איינער האט מחלל געווען איינמאל די הייליגקייט פונ׳ם יום כפור, דארף ער קריגען די שטראף און ער מעג שוין דער־נאך ווייטער טהון וואס ער וויל...

אין אמת׳ן האבען אויך די ווערטער פון ר׳ נחוניא א גאנץ אנדערע באדייט־טונג. וויל ער האט געוואלט זאגען, אז סיי ביי חלול שבת און סיי ביי חלול יום כפור דארף דער מענש קריגען דעם עונש, נור אזוי ווי א חייב מיתה ביי חלול שבת איז נישט מחויב, צו באצאהלען פאר זיין זינד מיט א ״קרבן מעילה״, איז דאסזעלבע ביי חלול יום־כפור, האטש דער עונש פון חלול יום־כפור איז כרת בידי שמים.

ר׳ נחוניא׳ס תלמיד, ר׳ ישמעאל בן אלישע, האט פיעל געלערענט ביי זיין רבי׳ן. פארטיפענדיג זיך אין די סודות פון דער וועלט, ברענגט ער פארשידענע מאמרים אויפ׳ן נאמען פון זיין רבי׳ן, ספעציעל אין די ערקלערונגען פון געווי־סע פסוקים. אזוי ברענגט ער, למשל, א באווייז וועגען דעם כח פון תשובה, אז פרעה מלך מצרים, וועלכער האט געפרעגט משה׳ן ״מי ה׳ אשר אשמע בקולו?״ האט זיך שפעטער ביים ים־סוף מודה געווען, אז משה׳ס גאט איז דער אמת׳ער גאט, און אזוי ווי ער האט זיך דאן געוואלט איינשמייכלען, האט ער געשריגען ״מי כמוך באלים ה׳״. האט איהם דער אויבערשטער ארויסגעראטעוועט דערפאר פונ׳ם וואסער און ער איז דערנאך געווארען קעניג אין נינוה. און ווען יונה הנביא איז דארט אהין געקומען, אנזאגען וואס דער אויבערשטער האט איהם געהייסען, האט שוין פרעה גוט פארשטאנען, אז דאס איז דערזעלבער גאט פון משה און מען טאר זיך ניט מיט איהם שפילען, איז ער טאקי באלד אויפגעשטא־נען פון זיין שטוהל און האט צוריסען זיינע קליידער, אנגעטהון זיך א זאק מיט אש און געהייסען אלעמען פאסטען, צו בארוהיגען דעם אויבערשטען׳ס כעס.

ווי עס הייסט, האט ר׳ נחוניא מחבר געווען דעם ״ספר הבהיר״ אין קבלה, וועלכער ווערד דערמאנט ביים רמב״ן אונטער׳ן נאמען ״מדרש נחוניא בן הקנה״ —און גענדרוקט איז ער דאס ערשטע מאל אין אמסטערדאם, ת״א (1651).

* * *

אן אנדערער חבר פון ר׳ יוחנן בן זכאי איז געווען ר׳ דוסא בן הרכינס.

פון די מאמרים, וואס זיינען וועגען איהם פארהאנען אין דער משנה און אין דער גמרא, אין בבלי גלייך ווי אין ירושלמי, איז צו זעהען, אז ער האט

געשפיעלט א פראמינענטע ראלע ביי דער פעסטזעצונג פון דער הלכה. געוועהנליך פלעגט ער מתיר מאכען, וואס אנדערע חכמים פון זיין צייט האבען געוואלט פארביטען. ער האט אויך אפטמאל ארגומענטירט געגען די מיינונגען פון ר' **יוחנן בן זכאי, געגען עקביא בן מהללאל און געגען ר' חנינא סגן הכהנים.** די מיינונגען זיינע ריהרען אויך אן אלע פראגען פונ'ם אידישען לעבען.

די חשיבות פון זיין מיינונג ביי די אנדערע חכמים קען מען זעהען פון דעם, וואס אין די גאר שפעטערע יאהרען זיינע, ווען ער איז זעהר אלט געווען און ער איז שוין נישט מעהר געקומען אין בית־המדרש אריין, וויל ער האט נישט מעהר געזעהען אויף די אויגען, זיינען די חכמים אהיימגעגאנגען צו'ן איהם ארגומענטירען וועגען געוויסע דינים — און אזוי ווי ער איז געווען א רייכער מאן, דערצעהלט די גמרא, אז ער האט אוועקגעזעצט זיינע געסט אויף גאלדענע בעטען.

כאראקטעריסטיש פאר'ן גייסט פון יענער צייט איז, וואס ר' דוסא דערצעהלט וועגען ר' יהושע בן חנניה, אז ווען ער איז געווען א קינד אין וויגעל, פלעגט איהם די מוטער זיינע ברענגען מיט'ן וויגעל אין בית־המדרש אריין, די אויערען זיינע זאלען זיך דארט אנזאפען מיט די ווערטער פון דער תורה (ירושלמי יבמות סוף פרק א').

א "ווערטעל" זיינס איז פאראייביגט געווארען אין די באלעהרונגען וועגען **דער אויפפיהרונג פון די מענשען. ער פלעגט זאגען: "לאנג שלאפען אין דער** פריה, טרינקען וויין ביים מיטאג, שמועסען מיט קינדער און פארברענגען די צייט מיט עמי־ארצים שלעפט אוועק די מענשען פון דער וועלט".

* * *

מעהר אינטערעסאנט פון אנדערע חכמים אין יענער צייט איז ר' נ ח ו ם א י ש ג מ ז ו.

געקומען איז ער פון דער שטעדטעל גמזו אין מזרח־זייט פון לוד, וועלכע ווערד דערמאנט אין דברי הימים ב' (כ"ח י"ז), אז די פלשתים האבען זי אוועקגענומען ביי די אידען אין די צייטען פון מלך אחז. און אזוי ווי דער דאזיגער נחום פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט געברויכען א ווערטעל "גם זו לטובה", האט דער נאמען פון זיין שטעדטעל געקראגען ביי איהם א טאפעלטע באדייטונג, און ווען מען האט איהם גערופען "איש גמזו", האט דאס געקענט הייסען אז ער קומט פון דער שטעדטעל גמזו, גלייך ווי מען האט געקענט מיינען, אז דאס איז צוליעב זיין ווערטעל "גם זו לטובה".

פון זיינע לעהרען איז כמעט גארנישט פארבליבען, חאטש עס ווערד דערמאנט מיט א געוויסען שטאלץ אז ר' עקיבא איז געווען זיינער א תלמיד (חגיגה דף י"ב עמוד א'). זאנסט איז זיין לעבען געשילדערט ווי איין גרויסע קייט פון נסים, וועלכע זיינען מיט איהם פארגעקומען און אין זיין זכות זיינען די דאזיגע נסים גלייכצייטיג געשעהען צום גאנצען פאלק *).

אזוי ווערד דערצעהלט (אין תענית דף כ"א עמוד א'), אז ביי יעדען געשעהעניש, וואס האט מיט איהם פאסירט, עס האט געמעגט זיין דאס ערגסטע, האט ער שטענדיג געזאגט "גם זו לטובה".

האבען אידען איינמאל געדארפט שיקען א מתנה צום קייזער. עפיס איז ער געווען אין כעס און מען האט מורא געהאט פאר "גזרות", האט מען איהם

*) אין ירושלמי (ברכות פרק ט' הלכה ה' און סוטה פרק ה' הלכה ה') ווערד געזאגט, אז נחמיה העמסוני האט געלערנט צוזאמען מיט ר' עקיבא. ווילען טאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז נחמיה העמסוני איז אן אנדערער נאמען פאר נחום איש גמזו.

געוואָלט מפייס זיין מיט אַ מתנה. האָט מען אָבער נישט געהאַט, מיט וועמען די מתנה צו שיקען, ווייל טאָמער האָט דער קייזער נישט געוואָלט די מתנה אָננעהמען, האָט דאָס דער שליח געדאַרפט באַצאָהלען מיט זיין לעבען. האָבען די אידען באַשלאָסען, צו שיקען די דאָזיגע מתנה דורך נחום איש גמזו, אין דער געוויסהייט, אַז ווען ער וועט אָוועקטראָגען די מתנה צום קייזער, וועט דער קייזער די מתנה אָננעהמען און ער וועט דאָן פועל'ן פאַר אידען די נויטיגע ישועות.

די אידען פון זיין שטאָדט האָבען דאָן גענומען אַ קעסטעלע און אָנגעפילט עס מיט די טייערסטע איידעלשטיינער און פעריל, צו ברענגען עס צום קייזער. געהענדיג אויף זיין וועג איז נחום'ן אויסגעקומען, צו נעכטיגען אין אַ ״הארבע־ריג״ פון גנבים. האָט מען ביי איהם אַרויסגענומען די איידעלשטיינער און די פעריל פונ'ם קעסטעלע און אַריינגעשאָטען אָנשטאָט דעם זאַמד. און ווען נחום האָט דאָס געזעהען, איז ער גאָר נישט דערשראָקען געוואָרען און ער האָט גע־זאָגט זיין ״גם זו לטובה״, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט די זאַך אויסדרעהען צום גוטען און דער קייזער וועט ביי איהם אָננעהמען דאָס זאַמד אָנשטאָט די איידעלשטיינער און פעריל.

מיט'ן קעסטעלע זאַמד אין דער האַנד איז ער דאָן ווייטער געגאַנגען, ביז ער איז אָנגעקומען צו דער שטאָדט פונ'ם קייזער. און ווען מען האָט דאָרט אויס־געפונען, אַז די מתנה, וואָס דער איד האָט געבראַכט, איז אַ פשוט ביסעל זאַמד, איז מען געוואָרען שטאַרק אין כעס אויף אידען, ווייל עס האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז אידען האָבען געוואָלט חוזק מאַכען פונ'ם קייזער.

האָט זיך דאָרט באַוויזען אליהו הנביא, פאַרשטעלט ווי איינער פון דער איינגענער חבריא, האָט ער דעם אויפגערעגטען עולם באַרוהיגט מיט די פאָלגענ־דע ווערטער: ״מיר דאַכט זיך, אַז די אידען האָבען דאָ דוקא געשיקט די ווערטהפולסטע מתנה פאַר'ן קייזער, ווייל דאָס זאַמד פונ'ם קעסטעלע שטאַמט וואַהרשיינליך פון יענעם זאַמד, וואָס זייער פאָטער אברהם האָט מיט איהם געשאָסען ווי מיט פיילענבויגענס אויף די פיער מלכים פון כדרלעומר'ס מחנה, ווען ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז זיי האָבען גענומען געפאַנגען זיין פלימעניק לוט!״ — האָט דער קייזער גראָד דאַמאָלס געפיהרט מלחמה געגען אַ געוויסע מדינה, וועלכע ער האָט בשום אופן נישט געקענט בייקומען. האָט מען גע־נומען דאָס זאַמד, וואָס נחום האָט געבראַכט אין זיין קעסטעלע, צו פּרובירען שיסען מיט איהם אויף יענער מדינה. איז די ווירקונג פון דעם דאָזיגען זאַמד געווען אַזעלכע, אַז מען האָט יענע מדינה טאַקי תיכף באַזיגט. און ווען מען האָט דאָן אינ'ם קייזערליכען הויף געזעהען, אַז דאָס זאַמד, וואָס די אידען האָ־בען געשיקט אַ מתנה צום קייזער, האָט אַזאַ גוטע ווירקונג, האָט מען דאָרט באַשלאָסען, צו טהון טובות צו אידען. דאָס קעסטעלע האָט מען אָנגעפילט מיט איידעלשטיינער און פעריל פון דער קייזערליכער שאַצקאַמער און נחום'ען אַליין האָט מען אָפּגעשיקט אַהיים מיט גרוים כבוד.

אויף זיין וועג צוריק אַהיים איז נחום'ן ווייטער אויסגעקומען, צו נעכטיגען אין יענער ״הארבעריג״. האָט מען זיך דאָרט זעהר געוואונדערט, וואָס מען זעהט איהם אַ לעבעדיגען — און אַזוי ווי מען האָט איהם אויסגעפרעגט, ווי עס איז דערגאַנגען ביים קייזער, האָט ער אַלסדינג דערצעהלט און ער האָט אויך דערצעהלט די ווירקונג פונ'ם זאַמד.

זיינען דאָרט די מענשען באַלד געגאַנגען און האָבען אָנגעפילט עטליכע גרויסע קאַסטענס מיט דעמזעלבען זאַמד, זיי אַוועק צו פיהרען צום קייזער, זיי האָבען אויך דאָרט דערצעהלט, אַז נחום האָט געהאַט געפיהרט איידעלשטיינער און פעריל אַ מתנה צום קייזער, האָט מען דאָס ביי איהם צוגע'גנב'עט און מען האָט דאָס קעסטעלע אָנגעפילט מיט זאַמד, וועלכעס קומט פון זייער איינענער

ערד — און אַלס באַווייז פאַר זייערע ווערטער האָבען זיי געבראַכט עטליכע קאַסטענס פון דעמזעלבען זאַמד.

האָט דאַן דער קייזער געהייסען אונטערזוכען די אַנגעלעגענהייט, און אַזוי ווי דאָס זאַמד, וואָס זיי האָבען געבראַכט, האָט נישט געהאַט די אייגענשאַפט פון יענעם זאַמד, וואָס נחום האָט געבראַכט, האָט מען אַנגענומען, אַז די מענשען האָבען געוואָלט אָפּנאַרען דעם קייזער מיט אַ ליגען — און מען האָט זיי אַלעמען פאַראורטיילט צום טויט.

עס ווערד אויך דערצעהלט אַז ביים ענדע פון זיינע טעג איז נחום איש גמזו געווען בלינד אויף די אויגען און פאַרקריפּעלט אין זיינע הענד און פיס. און געלעגען איז ער דאַן אין אַ צובראָכענער הייזקע, וועלכע איז גרייט געווען איינצופאַלען יעדע מינוט. די הייזקע איז אויך געווען פול מיט ווערים און די פיס פון זיין בעט זיינען געשטאַנען אין וואַסער־בעקענס, כדי עס זאָלען זיך נישט די ווערים קענען אַריינכאַפּען צו'ן איהם אין בעט אַריין.

האָבען נחום'ס תלמידים געוואָלט איינמאָל אַרויסנעהמען זייער רבין'ס בעט פון דער צובראָכענער הייזקע, האָט זיי נחום געזאָגט, זיי זאָלען צוערשט אַרויסראַמען די כלים פון דער הייזקע און ערשט דערנאָך זאָלען זיי איהם אַרויסטראָגען מיט'ן בעט, ווייל זיי קענען זיין זיכער, אַז ווי לאַנג ער וועט ליגען אינעווייניג אין דער הייזקע, וועט זי נישט צוזאַמענפאַלען. עס איז אויך טאַקי אַזוי געשעהען, אַז אין דערזעלבער רגע, וואָס זיי האָבען אַרויסגענומען נחום'ן מיט זיין בעט, איז די הייזקע צוזאַמענגעפאַלען.

די תלמידים האָבען דאַן צו איהם געזאָגט: "אַזאַ גרויסער צדיק ווי דו ביזט, זאָל האָבען אַזאַ ביטערן סוף?"...

— קינדערלעך! — האָט ער זיי אויף דעם געענטפערט — איך האָב מיר דאָס עהרליך פאַרדיענט. אַזוי ווי איך בין איינמאָל געגאַנגען אין וועג צום הויז פון מיין שוועהר און איך האָב געהאַט מיט מיר דריי אייזלען באַלאָדענע מיט עסען און טרינקען, איז צו מיר צוגעקומען אַן אָרימאַן און האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם עטוואָס געבען, האָב איך איהם געזאָגט: "וואַרט ביז איך וועל האָבען אָפּגעלאָדען פונ'ם אייזעל!"... אָבער איידער איך האָב נאָך אויספּייעט, אָפּצולאָדען די זאַכען פונ'ם אייזעל, איז דער מענש אַוועקגעפאַלען אַ טויטער, געשטאָרבען פון הונגער. האָב איך מיך דאַמאָלס אַליין פאַרשאָלטען, אַז מיינע אויגען, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין רחמנות אויף זיינע אויגען, זאָלען בלינד ווערען, און אַלע אברים מיינע, וועלכע האָבען זיך נישט צוגעאיילט, צו געבען עסען צו דעם פאַרהונגערטען, זאָלען פאַרקריפּעלט ווערען...

רבי חנינא בן דוסא

ווי ווייט מען קען דערגעהען וועגען דער מאַטעריעלער לאַגע פון ר׳ יוחנן בן זכאי און זיינע צייטגענאָסען, איז אָנצונעהמען, אַז דער אָרימסטער צווישען זיי איז געווען ר׳ חנינא בן דוסא. דאַביי איז ער אָבער אויך געווען דער פרומסטער — און עס איז שווער צו געפינען נאָך איינעם פון דערזעלבער צייט, וואָס זיין לעבען איז פאַרבונדען מיט כל־ערליי לעגענדאַרישע נסים, וועלכע שטייגען אַריבער די וואונדערליכע געשיכטען פון נחום איש גמזו. עס האָט אויך דאַמאָלס איטליכער געגלויבט, אַז דער גאַנצער דור מיט אַלע מענשען לעבען בלויז אין ר׳ חנינא׳ס זכות.

מיט זיין אָרימקייט איז ר׳ חנינא בן דוסא געווען באַקאַנט אַ לאַנגע צייט פריהער, איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען. געוואוינט האָט ער אין אַ שטעדטעל ע ר ב נעבען צפורי אינ׳ם גליל, און — ווי עס דאַכט זיך — האָט ער זיך מפרנס געווען פון אויסהאַקען שטיינער. איז דאָס געווען אַ פרנסה זעהר אַ שווערע, האָט זי אָבער פון דעסטוועגען נישט געבראַכט גענוג אויף ברויט און ר׳ חנינא האָט זיך געדאַרפט באַנוגענען מיט אַ מעסטעל באָקסערען פאַר אַ גאַנצע וואָך (ברכות דף י״ז עמוד ב׳, תענית דף כ״ד עמוד ב׳).

אין לערנען איז ר׳ חנינא געווען אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט פאַר אַ געוויסע צייט געוואוינט אין ערב. ווי עס איז אויך צו זעהען, האָט ר׳ חנינא נישט געפיהרט קיין אייגענעם בית־המדרש, איז טאַקי גאָר נישט געבליבען פון איהם אין הלכה. איטליכער האָט בלויז געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק — און ביי יעדער צרה, וואָס אַ מענש איז אריינ־געפאַלען, פלעגט מען צו איהם קומען, ער זאָל זיך אוועקשטעלען בעטען צום אויבערשטען, ווייל עס האָט יעדער געהאַלטען, אַז ר׳ חנינא איז אַ גרויסער חשוב ביים רבונו של־עולם.

ער איז אויך געווען אַ מוסטער מיט זיין אויפפיהרונג אַקעגען גאָט און מענשען — און ער פלעגט זאָגען: ״ווען אַ מענש איז פריהער גאָטעספאָרכטיג און דערנאָך געלערענט, האָט זיין לערנען אַ קיום. ווען די מעשים פון אַ מענ־שען זיינען מעהר ווי זיין געלערענטקייט, האָט זיין געלערענטקייט אַ קיום. און ווען אַ מענש שטעלט צופריעדען די מיטמענשען מיט זיינע טהאַטען, האָט דער אויבערשטער אויך פון איהם אַ הנאה״ (אבות פרק ג׳ משנה ט׳).

פון זיין שטעדטעל פלעגט ר׳ חנינא זעהען די מענשען עולה־רגל זיין קיין ירושלים מיט פאַרשיעדענע מתנות פאַר׳ן בית־המקדש אין זייערע הענד. האָט עס איהם פאַרשאַפט גרויס צער, וואָס ווען ער פלעגט געהען קיין ירושלים. פלעגט ער אהין קומען מיט ליידיגע הענד, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס מיטצוברענגען. האָט ער אַמאָל אין מיטען פון זיין אַרבייט ביים אויסהאַקען די שטיינער דערזעהען אַ גרויסען שעהנעם שטיין, וועלכער האָט זיך געפּאַסט צו ליגען בעפאָר דעם בית־המקדש, אַז די מענשען וואָס קומען אהין אויף יום־טוב זאָלען זיך קענען אוועקזעצען אויף איהם אָפרוהען. האָט ער דעם דאָזיגען שטיין גוט אָרומגעפוצט און אָרומגעטעסעט אויף גלאַטיג. דערנאָך האָט ער אַ נדר געטהון, צו ברענגען דעם שטיין אַ מתנה צום בית־המקדש.

האָט ער אָבער נישט געקענט אַליין פירען דעם שטיין פון דער שטעדטעל ערב ביז קיין ירושלים. האָט ער געוואָלט דינגען אַרבייטער און ער האָט אויך גערופען פינף מענשען, וויפיל מען האָט געדאַרפט, אויף צו קענען פיהרען דעם שטיין קיין ירושלים. האָבען די מענשען פאַרלאַנגט ביי איהם אַ באַלויהנונג פון הונדערט סלעים. וואָלט ער זיי דאָס גערן געגעבען, אָדער גאָר אפשר נאָך מעהר. האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה, האָט ער צו זיי געזאָגט: "וואו זאָל איך נעמען הונדערט סלעים, אַז איך פאַרמאָג נישט אפילו אַ העלפט פון אַזוי פיעל געלד? ווען איהר זאָלט אָבער וועלען מיר העלפען אָהן אַ באַלויהנונג, וואָלט איך אייך געקענט אוועקגעבען די גאַנצע מצוה מיינע!"...

זיינען די מענשען אוועקגעגאַנגען און האָבען דעם שטיין געלאָזט ליגען. האָט דער אויבערשטער נישט געקענט לענגער צוקוקען ר' חנינא'ס צער. האָט ער איהם צוגעשיקט אַנדערע פינף מענשען, וועלכע האָבען ביי איהם פאַרלאַנגט בלויז פינף סלעים פאַר'ן אַריבערפיהרען דעם שטיין קיין ירושלים. זיי האָבען זיך אָבער אויסגענומען, אַז ער זאָל אויך צולייגען אַ האַנד צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי ער האָט געדענקט, אַז ווען ער וועט נור אָנקומען אין ירושלים מיט'ן שטיין, וועט ער דאַרט קענען קריגען אַ הלואה פון פינף סלעים, אויף צו באַצאָהלען צו די אַרבייטער זייער לויהן, איז ער אויף דעם פּרייז באַשטאַנען. די אַרבייט האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, ווייל קוים האָט נור ר' חנינא צוגעלייגט אַ האַנד צום שטיין, זיינען זיי באַלד געווען אין ירושלים — און אַזוי ווי ר' חנינא האָט געוואָלט באַצאָהלען די אַרבייטער פאַר זייער מיה, זיינען די מענשען געווען פאַרשוואונדען און ער האָט זיי נישט מעהר געקענט געפינען (זעה מדרש רבה שיר השירים און קהלת).

וועגען ר' חנינא'ס ווייב איז באַקאַנט, אַז זי האָט נישט קיינמאָל מתרעם געווען איבער איהר אָרימקייט. וויפיל צרות זי האָט געליטען, האָט זי זיך נישט קיינמאָל באַקלאָגט אויף איהר ביטערער מערכה. איינמאָל בלויז האָט זי געזאָגט צו'ן איהר מאַן: "ווי לאַנג איז אייגענטליך דער שיעור, מיר זאָלען זיך אַזוי מוטשען אין אָרימקייט? אפשר וואָלסטו געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל דיר עטוואָס אַרויסגעבען אויפ'ן חשבון פון דיין עולם־הבא?"...

האָט זיך ר' חנינא צוגעהערט צו די ווערטער פון זיין ווייב און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט.

איז דאַן פון אויבען אַרונטער געקומען אַזוינס ווי אַ האַנד, וועלכע האָט איהם דערלאַנגט אַ פוס פון אַ גאָלדענעם טיש. האָט ער דערנאָך געזעהן אין זיין חלום, ווי אַנדערע צדיקים זיצען אין גן־עדן ביי גאָלדענע טישען און יעדער טיש האָט דריי פיס, נור ער מיט זיין ווייב זיצען ביי אַ טיש מיט צוויי פיס. איז ער אויפגעשטאַנען זעהר אַ צוטראָגענער און ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: "וועט עס דיר ליעב זיין, ווען דו וועסט זעהען, אַז אַלע צדיקים זיצען אויף יענער וועלט ביי אַ גאַנצען טיש און נור מיר אַליין וועלען זיצען ביי אַ הינ־קעדיגען טיש?"...

האָט ר' חנינא ווייטער גאָט געבעטען, ער זאָל אימיצען אַרונטער־שיקען, דעם גאָלדענעם פוס צוריק צו נעהמען. איז דאַן געקומען דיעזעלבע האַנד און האָט צוריקגענומען דעם גאָלדענעם פוס. האָבען די חברים פון ר' חנינא גערעכענט, אַז דאָס וואונדער פונ'ם צוריקנעהמען איז נאָך גרעסער ווי דאָס וואונדער פונ'ם אַרונטערגעבען.

ווי באַמערקט, האָט ר' חנינא'ס ווייב בלויז איינמאָל אין איהר לעבען פאַרלוירען די געדולד, ווען עס איז איהר נמאס געוואָרען די אָרימקייט. זאָנסט פלעגט זי אָננעהמען אַלסדינג באהבה און שטענדיג איז זי געווען אַ צופריעדע־

נע מיט איהר גורל. האָט זי אָבער געהאַט אַ שכנה איינע, וועלכע פלעגט איהר דערגעהן די יאָהרען מיט שטעכווערטלעך וועגען איהר אָרימקייט. פלעגט זי דער דאָזיגער שכנה צוליעב אויסהייצען יעדען פרייטאג דעם אויווען, כאָטש זי האָט נישט געהאַט וואָס צו קאָכען אָדער צו באַקען, אבי די שכנה זאָל זעהען ארויסגעהען אַ רויך פונ׳ם קוימען און עס זאָל זיך איהר דאַכטען, אַז עס פעהלט דאָרט גאָר נישט צום שבת.

האָט אָבער די שכנה פארשטאַנען דעם "טריק". איז זי איינמאָל געקומען, שטעכען ר׳ חנינא׳ם ווייב מיט די אויגען, זי זאָל זעהען, אַז מען לאָזט זיך נישט פון איהר אָפּנאַרען. האָט זי געקלאַפּט אין דער טהיר, מען זאָל זי אריינ־לאָזען. האָט זי ר׳ חנינא׳ס ווייב אריינגעלאָזען. נור איידער יענע איז נאָך אריינגעקומען. האָט זיך ר׳ חנינא׳ם ווייב באַהאַלטען אין אַן אויבערשטיבעל, זי זאָל זיך נישט דאַרפען באַגעגענען מיט דער שכנה. און ווען די שכנה איז אריינגעקומען, האָט זי פּלוצים דערזעהען, ווי דער אויווען איז פול ברויט און די דייזשע איז פול טייג. האָט זי אָנגעהויבען רופען די פרוי פון ר׳ חנינא, זי זאָל אויף גיך אריינברענגען די שאָוועל, ארויסצונעהמען דאָס ברויט פונ׳ם אויווען, וועיל עס קען נאָך פארברענט ווערען פון היץ.

אַן אַנדערע מעשה ווערד דערצעהלט וועגען ר׳ חנינא׳ס ווייב, אַז ר׳ יוחנן איז אַמאָל געפאָהרען אויף אַ שיף, האָט ער געזעהן שווימען אויפ׳ן וואַסער אַ קאָרב, באַציערט מיט איידעלשטיינער און פעריל, ארומגערינגעלט מיט אַלערליי זעלטענע פיש. איז איינער אַ שווימער ארונטערגעגאַנגען פונ׳ם שיף, צו כאַפּען דעם קאָרב. איז געקומען אַ פיש און האָט איהם געוואָלט אָפּבייסען די פיס, האָט מען פון שיף געגאָסען עסיג אויף יענעם פיש און ער איז אַנטלאָפען. איז דאַן אַרויס אַ "בת־קול" פונ׳ם הימעל. וועלכעס האָט גע־רופען: "וואָס האָט איהר צו טהון מיט אָט דעם קאָרב? ער געהער צו דער פרוי פון ר׳ חנינא בן דוסא און זי וועט פון איהם פלעכטען תכלת פאַר די טליתים פון די צדיקים לעתיד לבוא" (בבא בתרא דף ע״ד עמוד א׳).

ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט, פלעגט מען זיך ווענדען צו ר׳ חנינא ביי יעדען אומגליק, וועלכעס איז ערגיץ פאָרגעקומען. איז אַמאָל די טאָכטער פון נחוניא דעם ברונעם־גרעבער אריינגעפאַלען אין אַ ברונעם, וואָס איהר אייגענער פאָטער האָט אויסגעגראָבען. איז מען אויף גיך געלאָפען אָנזאָגען וועגען דעם אומגליק צו ר׳ חנינא, ער זאָל געבען אַן עצה, ווי אַזוי מען וואָלט געקענט דאָס מיידעל ארויסשלעפּען פון דאָרט.

האָט ר׳ חנינא תיכף געזאָגט, אַז דאָס דאָזיגע געשעהעניש מוז זיך גוט ענדיגען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטהון: "געהט אהיים! זי איז שוין ארויס פונ׳ם ברונעם!" — האָט מען איהם געפרעגט: "פון וואַנען ווייסטו דאָס? ביזטו דען אַ נביא?"... האָט ער אויף דעם געענטפערט: "ניין, איך בין טאַקי נישט קיין נביא! איך בין אָבער זיכער, אַז אַזוי ווי דער צדיק נחוניא איז באַשעפטיגט מיט מאַכען ברונימער פאַר די מענשען, וואָס געהען קיין ירושלים, זיי זאָלען האָבען צו טרינקען, וועט עס דער אויבערשטער נישט לאָזען, אַז אַ קינד פון אַזאַ צדיק זאָל געשטרויכעלט ווערען אין איהר אייגענעם פאָטער׳ס אַ ברונעם" (יבמות דף קכ״א עמוד ב׳).

צוליעב אָט אַזעלכע געשעהענישען האָט יעדער געגלויבט, אַז ר׳ חנינא׳ס אַ תפלה מוז האָבען די בעסטע ווירקונג. וואו עס איז נור אימיצער קראַנק געוואָרען, פלעגט מען קומען צו ר׳ חנינא, ער זאָל זיך אוועקשטעלען בעטען צום אויבערשטען, דער חולה זאָל געזונד ווערען. און ווען ער איז געשטאַנען און האָט געבעטען, האָט איטליכער געזעהען, ווי ער איז אַזוי ווייט פארטהון אין זיין תפלה, אַז ווען עס זאָל זיך אפילו אַ שלאַנג געווען ארומוויקלען איבער זיינע פיס, וואָלט ער נישט דערפיהלט. שטענדיג פלעגט ער אויך באַלד

זאָגען, ווי אַזוי עס וועט זיין דער ערפאָלג פון זיין תפלה, צי דער קראַנקער וועט געזונד ווערען אָדער נישט. האָט מען איהם געפרעגט: "פון וואַנען ווייסטו דאָס?" — האָט ער אויף דעם געענטפערט: "ווען די תפלה געהט ביי מיר גלייך פון מויל אַרויס, ווייס איך, אַז די תפלה איז אָנגענומען. זאָנסט ווייס איך, אַז די תפלה מיינע האָט נישט געהאַט קיין ערפאָלג!"...

איז איינמאָל דער זוהן פון רבן גמליאל הנשיא קראַנק געוואָרען. האָט דער נשיא אַרויסגעשיקט צוויי פון די חשוב'סטע תלמידי־חכמים צו ר' חנינא בן דוסא מיט דער ביטע, ער זאָל זיך אוועקשטעלען בעטען צום אויבערשטען, אַז דער קראַנקער זאָל געזונד ווערען. איז ר' חנינא אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן דאַך פון זיין הויז, צו זיין דאָרט נעהענטער צום אויבערשטען. און ווען ער איז דערנאָך אַרונטערגעקומען פונ'ם דאַך, האָט ער געזאָגט צו די שלוחים פונ'ם נשיא: "איהר קענט שוין יעצט אַהיים־געהען, ווייל די היץ איז פון דעם חולה אַפּגעטראָטען!" — האָבען זיך יענע צוויי שלוחים אויפגעשריבען ר' חנינא'ס ווערטער מיט דער מינוט ווען ער האָט דאָס געזאָגט. און ווען זיי זיינען געקומען צו ר' גמליאל און זיי האָבען איהם דאָס דערצעהלט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז עס איז טאַקי אַזוי געוועזען, ווי ר' חנינא האָט געזאָגט.

שפּעטער אַמאָל איז קראַנק געוואָרען אַ זוהן פון ר' יוחנן בן זכאי. האָט ר' יוחנן בן זכאי געזאָגט צו ר' חנינא'ן: "חנינא מיין זוהן, שטעל דיך אוועק בעטען צום אויבערשטען, ער זאָל לאָזען מיין קראַנקען זוהן לעבען!" — האָט זיך ר' חנינא אוועקגעשטעלט מיט'ן קאָפּ איינגעבויגען צווישען זיינע קניהען און ער האָט אַזוי לאַנג געבעטען, ביז ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטהון, אַז ר' יוחנן'ס זוהן וועט זיכער גענעזען ווערען.

און ווען ר' יוחנן האָט איהם געדאַנקט פאַר זיין מיה, האָט ער ערקלערט צו זיין ווייב, אַז ווען ער אַליין זאָל געווען שטעהען אַ גאַנצען טאָג מיט'ן קאָפּ צווישען די קניהען, וואָלט ער אויך ביי גאָט גאָר נישט גע'פּועל'ט. האָט דאָס ווייב פון ר' יוחנן געפרעגט: "איז דען חנינא אַ גרעסערער חשוב ביים אויבער־שטען ווי דו?"... האָט איהר ר' יוחנן געענטפערט: "אַ גרעסערער חשוב פון מיר איז ער אפשר נישט. ער איז אָבער ביים אויבערשטען ווי אַ הויז־מענש ביי אַ קעניג, וואָס דער קעניג איז געוועהנליך מיט איהם נעהענטער ווי מיט אַנדערע — און איך בין ביים אויבערשטען ווי אַ מיניסטער ביי אַ קעניג, וואָס דער קעניג קען זיך אויף איהם אַמאָל גוט אויסבייזערען און עס קען אויך זיין אַז דער קעניג זאָל איהם קיינמאָל נישט וועלען עטוואָס צוליעב טהון"... (ברכות דף ל"ד עמוד ב').

צווישען די פאַרשיעדענע וואונדערליכע מעשיות וועגען ר' חנינא בן דוסא ווערד אויך דערצעהלט, ווי ער איז אַמאָל געגאַנגען אונטערוועגענס, האָט זיך פּלוצים געמאַכט אַ רעגען און ער האָט זיך שטאַרק געפיהלט געשטערט אין זיין געהען. האָט ער אַ זאָג געטהון צום הימעל: "רבונו של עולם! די גאַנצע וועלט האָט יעצט פאַרגעניגען פונ'ם רעגען, נור איך אַליין האָב פון איהם צער!"... האָט דאַן באַלד אויפגעהערט צו רעגענען און ר' חנינא איז שוין אָנגעקומען אַהיים אין טרוקעניש. האָט איהם אָבער דאָס הארץ וועה געטהון, וואָס דער רעגען האָט פּלוצים אויפגעהערט, ווייל די וועלט האָט זיך אין איהם גראַד דאַמאָלס שטאַרק גענויטיגט. האָט ער ווייטער אַ זאָג געטהון צום אויבערשטען: "די גאַנצע וועלט פיהלט יעצט שלעכט, נור איך אַליין בין צופרידען!" — האָט באַלד ווייטער אָנגעהויבען אויפ'ס ניי צו רעגענען (תענית דף כ"ד עמוד ב').

וועגען ר' חנינא'ס אויסערגעוועהנליכער עהרליכקייט ווערד דערצעהלט, ווי עס איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען איינער פאַר זיין הויז און ער האָט דאָרט אַי־בערגעלאָזען עטליכע היהנער אויף דער שוועל. האָט ר' חנינא געזאָגט צו זיין ווייב: "אַזוי ווי די היהנער זיינען נישט דיינע, טאָרסטו נישט עסען זייערע אייער!" — פלעגט דאַן ר' חנינא'ס ווייב פאַרקויפען די אייער און אוועקלייגען

דאָס געלד. דערנאָך האָט זי געקויפט פאַר דעם צונויפ־געליינטען געלד עטלי־כע ציגען. איז שפּעטער געקומען דער אייגנטימער פון די היהנער אָפּנעהמען זיינע היהנער, האָט איהם ר' חנינא צונעגעבען די ציגען.

סיי ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען און סיי שפּעטער נאָך'ן חורבן, איז ר' חנינא געווען אָפּגעהיט מיט געבען מעשר פון אַלע עסענוואַרג, וואָס זיינען ארויפגעקומען צו'ן איהם אויפ'ן טיש. איז ער אַמאָל געזעסען און האָט געגעסען. איז דאָס גאַנצע עסען פּלוצים פאַרשוואונדען פונ'ם טיש. האָט דאָס ווייב זיינס ערקלערט, אז זי האָט זיך דאָס היינטיגע ביסיל עסען געליהען ביי א שכנה, וועלכע האָט וואהרשיינליך נישט ארונטערגעגעבען דערפון קיין מעשר. האָט ר' חנינא באַלד גענומען אויפ'ן זינען, ארונטער צו געבען מעשר פון יענעם ביסיל עסען. האָט עס זיך טאַקי תיכף צוריק באַוויזען אויפ'ן טיש (ירושלמי דמאי פרק א' הלכה ג').

זיין אָפּגעהיטענקייט אין געבען מעשר איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז אפילו זיין אייזעל פלעגט דערשמעקען, ווען מען האָט איהם געגעבען עסען, צי עס איז אָוועקגעגעבען דערפון מעשר אָדער נישט. האָבען איינמאָל גנבים אוועק־גע'גנב'עט דעם דאָזיגען אייזעל, האָבען זיי איהם געוואָלט געבען עסען. האָט ער זיך נישט געוואָלט צוריהרען צו זייער עסען. האָבען זיי איינגעזעהן, אַז ווען זיי וועלען איהם האַלטען, וועט ער ביי זיי פּגר'ן פון הונגער, האָבען זיי דעם אייזעל ארויסגעלאָזט פריי און ער איז דאַן אַליין צוריקגעלאָפען צו ר' חנינא בן דוסא (אבות דר' נתן פרק ח').

אין א געוויסען אָרט — ווערד ווייטער דערצעהלט — האָט זיך געפונען א מין גיפטיגער עקדיש, וועלכער האָט געביסען די מענשען און די געביסענע זיינען פון זיין גיפט געשטאָרבען. איז מען געקומען און מען האָט דאָס דער־צעהלט צו ר' חנינא. האָט ער געזאָגט: "קומט'ס, ווייזט מיר דאָס לאָך, וואו דער עקדיש ליגט באהאַלטען!"... האָט מען איהם געוויזען דאָס לאָך. האָט ער ארויפגעשטעלט דעם פוס זיינעם אויפ'ן לאָך, איז דער עקדיש ארויסגעקומען און האָט איהם געביסען. איז דאַן דער עקדיש פון זיין איינג־נעם בים געשטאָרבען.

האָט ר' חנינא גענומען דעם עקדיש און האָט איהם ארומגעטראָגען צו ווייזען אינ'ם בית־המדרש, זאָגענדיג: "דאָ קענט איהר זעהען, אַז נישט דער עקדיש טויטעט, נור דער חטא טויטעט!" — פלעגט דאַן איטליכער זאָגען: "וועה איז דעם מענשען, וועלכער באַגעגענט זיך מיט אַן עקדיש, און וועה איז דעם עקדיש, וועלכער באַגעגענט זיך מיט ר' חנינא בן דוסא!"...

עהנליך צו דעם ווערד דערצעהלט, ווי ר' חנינא האָט זיך אַמאָל באַגעג־נענט מיט דער באַוואוסטער שדים־קעניגין אגרת בת מחלת, וועלכע געהט גע־**וועהנליך ארום אין באַגלייטונג פון 180 טויזענד "מלאכי חבלה", צו שעדיגען** די מענשען. האָט דאַן אגרת א זאָג געטהון צו ר' חנינא: "ווען איך זאָל נישט געווען הערען אין הימעל א וואָרנונג, אַז מען זאָל זיך נישט צו דיר **טשעפּען צוליעב דיין תורה, וואָלט איך דיך יעצט געשעדיגט!"... האָט איהר** ר' חנינא אויף דעם געזאָגט: "אויב איך בין יאָ אַזאַ חשוב אין הימעל, בין איך אויף דיר גוזר, דו זאָלסט נישט מעהר ארומגעהען וואו מענשען וואוינען!" — האָט איהם אָבער אגרת שטאַרק געבעטען, ער זאָל זי נישט אין גאַנצען פאַרטרייבען פונ'ם מענשליכען ישוב. האָט ער איהר געלאָזען צוויי נעכט אין דער וואָך, אין וועלכע זי מעג האָבען א שליטה אויף די מענשען (לילי רביעית ולילי שבתות).

איינמאָל אין א פרייטאָג פאַר נאַכט האָט ר' חנינא באַמערקט, אַז די טאָכטער זיינע זיצט א טרויעריג־נידערגעשלאָגענע. האָט ער זי געפרעגט: "וואָס איז עפּעס, מיין טאָכטער, וואָס דו ביזט אַזוי טרויעריג נידערגעשלאָ־

גען?״ — האָט זי איהם געענטפערט: ״דורך א טעות האָב איך אנשטאט אויל אריינגעגאָסען עסיג אינ׳ם שבת׳דיגען לאָמפּ!״ — האָט ר׳ חנינא אויף דעם געזאָגט: ״וואָס הארט עס דיך? דער גאָט, וועלכער האָט געהייסען, אז אויל זאָל לייכטען, דער קען אויך מאכען, אז עסיג זאָל לייכטען!״...

דערצעהלט מען זיך, אז דער עסיג האָט דאמאָלס געברענט א גאנצען טאָג שבת און מען האָט אויך דערנאָך ביי נאכט אָנגעצונדען פון איהם דאָס ליכט צו דער הבדלה...

און ווען ר׳ חנינא האָט געהאַלטען ביים שטארבען, האָט ער אויפגעהויבען זיינע הענד צו גאָט, זאָגענדיג: ״דו גאָטעניו אליין ווייסט, אז איך האָב דאָס גאנצע לעבען מיינס נישט נהנה געווען דאָס מינדעסטע פון דיין שעהנער וועלט!״...

דערנאָך האָט מען איהם נאָכגעזאָגט שבחים, אז ער האָט נישט קיינמאָל ארויסגעלאָזען א ליגנעריש וואָרט פון זיין מויל. ער איז אויך געווען דער לעצטער פון די מענשען, וואָס האָבען פיינט געהאט צו ריידען און זיי האָבען בלויז געהאַלטען פון טהון. מיט זיין טויט איז אויך איבערגעבראָכען געוואָרען די קייט פון פרומקייט.

און וועגען דער וויכטיגקייט פון צדקה האָט מען זיך שפּעטער דערצעהלט, אז ער פלעגט האָבען א גאנץ אנדערע מיינונג ווי די אנדערע חכמים פון זיין דור, ווייל ער פלעגט זאָגען: ״נישט פארהאנען קיין בעסערע צדקה, וועלכע ראַטעוועט אָפּ די מענשען פונ׳ם גיהנם, ווי די תורה אליין״ (מדרש משלי פּ׳ י״א).

רבן גמליאל דער צווייטער פון יבנה

ווען ר׳ יוחנן בן זכאי איז געשטארבען, איז ער — לויט טראדיציע — אלט געווען 120 יאהר. איז דאן אלס זיין נאכפאלגער אויף׳ן בענקעל פון א ״נשיא״ אין די סנהדרין געקרוינט געווארען רבן גמליאל, דער זוהן פון ר׳ שמעון בן רבן גמליאל הזקן, וועלכער איז דער׳הרג׳עט געווארען אין דער רעוואלוציע געגען רוים, און יענער רבן גמליאל הזקן איז געווען א זוהן פון שמעון בן הלל הבבלי, מיינט דאס, אז ר׳ גמליאל דער צווייטער איז געווען דער פינפטער דור צו הלל הבבלי.

אלס אן אפשטאמער פון הלל הזקן, האט מען ר׳ גמליאל׳ן גערעכענט פאר א קינד פון ״מלכות בית דוד״, און ווי לאנג אזעלכער איז פארהאנען, האט נישט קיינער אנדערש געקלערט, ווי נור אז ער דארף זיין ״נשיא״. איז דאס אבער וואהרשיינליך נישט מעגליך געווען ביז דאמאלס, ווייל ווען ר׳ גמליאל׳ס פאטער איז דער׳הרג׳עט געווארען, איז ר׳ גמליאל געווען א יונג קינד, א קרענקליכעס און פארצערטעלט. האט מען איהם אין יענער צייט נאך נישט געקענט איבערגעבען אזא פאראנטווארטליכע שטעלע. אויסערדעם דארף מען וויסען, אז דאס אמט פונ׳ם ״נשיא״ איז געווען אפהענגיג פון דער רעגירונג, האט עס דאדורך געמוזט לאנג דויערען, ביז די רעגירונג האט געוואלט באשטעטיגען אלס ״נשיא״ איינעם, וואס דער פאטער זיינער איז דער׳הרג׳עט געווארען אלס א רעוואלוציאנער.

די גאנצע צייט, וואס רבן גמליאל האט אמטירט אלס ״נשיא״, האט מען אנגעהאלטען אין יבנה א ״סנהדרין״ פון 72 מיטגלידער (זעה ידים פרק ג׳ משנה ה׳), און האטש רבן גמליאל פלעגט כסדר ארומפאהרען און ארויסגעבען אומעטום זיינע געזעצליכע אנטשיידונגען, איז ער שטענדיג געווען באשטרעבט צו דאקומענטירען, אז יבנה איז און דארף בלייבען דער צענטער פונ׳ם אידישען לעבען.

ר׳ יוחנן בן זכאי האט שוין פריהער צו דעמזעלבען געשטרעבט, אז יבנה זאל פארבלייבען דער צענטער פונ׳ם אידישען לעבען. דאביי איז כדאי צו וויסען, אז צווישען רבן גמליאל און די חשוב׳ע תלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכאי איז נישט תמיד געווען שלום. איינער פון ר׳ יוחנן׳ס תלמידים, ר׳ אלעזר בן ערך, האט זיך געלאזט איבעררייזען פון זיין פרוי, נישט צו וועלען בלייבען אין יבנה. ער האט געמיינט, אז אזוי ווי די חכמים וועלען איהם דארפען האבען, וועלען זיי מוזען איהם נאכפאלגען. און טראצדעם וואס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, אז ווען ער האט אמאל גע׳דרשנ׳ט פאר זיין רבי׳ן אין דער ״מעשה מרכבה״, איז ארונטערגעקומען א פייערדיגער וואלקען פון הימעל, וועלכער האט זיי ביידען פארדעקט פון די פארבייגעהער׳ס אויגען און א מחנה מלאכים איז געקומען הערען די דרשה, איז דער דאזיגער ר׳ אלעזר בן ערך שפעטער כמעט ווי פארגעסען געווארען און עס האט זיך וועגען איהם קיינער נישט מעהר געקימערט.

אנדערע חכמים פון יענער צייט האבען געגרינדעט ישיבות אין אנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל, וועלענדיג פארשפרייטען די תורה איבער׳ן גאנצען לאנד. אין דערזעלבער צייט האט אבער רבן גמליאל געשטרעבט, צו קאנצענטרירען אלסדינג אין יבנה. האט זיך דאס איהם זעהר שווער איינגעגעבען

און ער האָט געדאַרפט באַנוצען געוואַלט־מיטלען, וועלכע האָבען איהם געמאַכט פאַר אַן עקשן אין זיינע אַנטשיידונגען — און די תלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכאי האָבען זיך צוליעב דעם אָפּטמאָל פון איהם דערוויטערט. פלעגט ער דאַן אַרומפאָהרען איבער נאָהנטע און ווייטע מקומות, געוואָהר צו ווערען, ווי אידען לעבען, וואָס זייער פרנסה איז און ווי אַזוי זיי היטען אָפּ אידישקייט. האָט מען איהם אַמאָל באַגעגנט אין יריחו, אַן אַנדערעס מאָל אין עכו אָדער אין כזיב, און אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער געלאָזט הערען זיין וואָרט אין די פראַגען פונ׳ם אידישען לעבען.

וועגען זיין אומגאַנג מיט מענשען ווערד דערצעהלט, אַז ער איז געווען זעהר אָפּגעהיט אין זיינע האַנדלונגען, נישט וועה צו טהון קיינעם אויפ׳ם מינדעסטע. און ווען ער האָט אַמאָל אויסגעפונען, אין וויפיל זאַכען אַ מענש דאַרף זיין אָפּגעהיט, אַז עס איז כמעט אוממעגליך, נישט צו קומען אין קאָנפליקט מיט חברים אָדער שכנים, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט. ער איז איבערהויפּט געווען אַ ווייכהאַרציגער מענש און גרינג אויף טרעהרען. אַזוי איז אַמאָל געווען אין זיין שכנות אַ פרוי, וועלכע האָט פאַרלוירען איהר איינציגען זוהן און זי האָט צוליעב דעם גאַנצע נעכט געוויינט, האָט ר׳ גמליאל מיט איהר מיטגעוויינט, ביז די אויגען־ברעמען זיינען איהם דורכגעווייקט געוואָרען (סנהדרין דף ק״ד עמוד ב׳).

אָבער אין זיין אַמט אַלס ״נשיא״ האָט רבן גמליאל נישט אַרויסגעוויזען קיינמאָל די מינדעסטע שוואַכקייט. דאָ האָט ער געפיהרט אַלסדינג מיט אַ שטאַרקער האַנד, און ווען עס האָט זיך איהם אימיצער אַקעגען־געשטעלט, איז ער געווען גרייט, צו צוטרעטען אַזאַ מין מענש אויף שטויב, אַרויסצוגעבען נעגען איהם אַ חרם, אָדער צו פאַרטרייבען איהם פונ׳ם בית המדרש, אָהן דער מינדעסטער ריקזיכט, ווער און וואָס דער דאָזיגער מענש איז, עס האָט אפילו געמעגט זיין דער נאָהנטסטער קרוב זיינער.

ער האָט געוואָלט, אַז זיינס אַ וואָרט זאָל האָבען די אַנטשיידענדע קראַפט און אַז אָהן זיין צושטימונג זאָל זיך קיינער נישט דערוועגען אַ וואָרט צו זאָגען. האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, גענוי צו אונטערזוכען יעדען תלמיד אין זיינע פאַרבאָרגענסטע מיינונגען, אַז טאָמער איז ער נישט ביי זיך אינעווייניג, ווי ער ווייזט זיך פאַר מענשען אויסענווייניג, זאָל מען איהם נישט אַריינלאָזען אין בית־המדרש.

אַזוי ווי ער האָט געהאַט אין זיין פאַרמעגען פיעלע פעלדער, צו וועלכע ער האָט נישט געקענט האָבען גענוג צייט אָפּצוגעבען זיך מיט זיי, פלעגט ער זיי אַוועקגעבען אין פאַכט. און האָבען די מענשען נישט געהאַט קיין געלד, צו קויפען ווייץ אויף צו זייען, האָט ער זיי אויסגעליהען דאָס נויטיגע געלד אָדער תבואות, זיי זאָלען דאָס איהם צוריקצאָהלען שפּעטער פונ׳ם שניט. פלעגט ער דאָס געוועהנליך באַרעכענען ביים צוריק־צאָהלען לויט דעם ביליגערן קורס, דהיינו: אויב דער ווייץ איז געווען טייער ביים זייען און ער איז דערנאָך ביליגער געוואָרען ביים שניט, פלעגט ער זיך הייסען געבען דעם פרייז פונ׳ם שניט, און איז דער ווייץ ביליגער געווען ביים זייען און טייערער ביים שניט, פלעגט ער נעהמען דעם פרייז פונ׳ם זייען.

דאָס פלעגט ער טהון, נישט ווייל דער דין איז אַזוי, נור ווייל ער האָט געוואָלט פאַר זיך אַליין שווערער מאַכען דעם גאַנצען ענין, עס זאָל נישט קענען אויף איהם פאַלען דאָס קלענסטע שטויבעלע פון אַ פאַרדאַכט, אַז ער זוכט, צו מאַכען פּראָפיט ביי די באַארבייטער פון זיינע פעלדער.

ביי זיין עשירות פאַרשטעהט עס זיך אויך, אַז ער האָט געהאַט פיעל שקלאַפען, וועלכע ער פלעגט זעהר גוט באַהאַנדלען, גענוי ווי עס איז פאַרגעשריבען אין דער תורה — און צוגעבונדען אין אַ פריינדשאַפטליך פאַר־

העלטנים, ווי צו א חבר, איז ער געווען צו זיין שקלאף טבי, מיט וועלכען ער האט זיך געריהמט, אז ער איז א גאנצער תלמיד־חכם. און ווען דער דאזיגער שקלאף איז געשטארבען, האט ער נאך איהם געטרויערט ווי נאך אן אייגענעם.

וועגען זיין פארהעלטניס צו דעמזעלבען טבי ווערד דערצעהלט, אז רבן גמליאל האט איהם געוואלט באפרייען פון דער שקלאפעריי, האט ער אבער נישט געפונען קיין אורזאך. האט זיך איינמאל געמאכט, וואס רבן גמליאל האט איהם אויסגעשלאגען אן אויג, האט ער זיך דאן זעהר געפרעהט, וואס ער האט א געלעגענהייט, דעם שקלאף צו באפרייען, ווי עס איז דער דין אין דער תורה. האט ער דאס דערצעהלט צו ר׳ יהושע, האט איהם ר׳ יהושע ערקלערט, אז ער קען דאס נישט טהון, ווייל דער שקלאף האט נישט קיין עדות געגען איהם (זעה בבא קמא דף ע״ד עמוד ב׳).

רבן גמליאל האט אויך געהאט א גרויסע ידיעה אין מאטעמאטיק און אין אסטראנאמיע. און כדי צו קענען געברויכען זיינע ידיעות ביי די אויס־טייטשונגען פון די מצוות, האט ער זיך געלאזט מאכען אזא מין "שפאקטיוו", מיט וועלכען ער האט געקענט זעהען אלסדינג אויף צוויי טויזענד איילען וויט, סיי אויף דער יבשה און סיי אויף׳ן ים. ער האט געהאט ביי זיך אין שטוב פארשיעדענע געמעלעכצער פון דער לבנה, אז טאמער וועלען קומען אומגעלעהרנטע עדות דערצעהלען וועגען א נייער לבנה, זאלען זיי איהם קענען אויסמאלען, אין וואס פאר א צורה זיי האבען זי געזעהען.

העכער דרייסיג יאהר האט רבן גמליאל געדיענט דעם פאלק אלס "נשיא". חאטש ער האט אנגעפיהרט זיין אמט מיט א שטארקער האנד, פלעגט ער זאגען, אז זיין אמט איז נישט קיין הערשאפט, נור א שווערער דיענסט. ער האט אויך עהרליך און טריי געדינט. חוץ וואס ער האט געדארפט ארומפאהרען וועגען אנהאלטען אידישקייט, איז די גאנצע צייט פון זיין אמטירען געווען א שלעכטע פאר אידען. רוים פלעגט אויסטראכטען יעדען טאג נייע גזרות, האט זיך ר׳ גמליאל כסדר משתדל געווען צו פארגרינגערען די ווירקונג פון די דאזיגע גזרות.

ווי באמערקט, האט ער אלס "נשיא" קיינעם נישט פארשוינט — און אמאל האט ער ארויסגעגעבען א חרם אויף ר׳ אליעזר בן הורקנוס, חאטש ער איז געווען דער מאן פון זיין שוועסטער, ווייל ר׳ אליעזר האט געוואלט אויפשטעלען א הלכה לויט דער מיינונג פון "בית שמאי". האבען די חכמים אינ׳ם בית־המדרש ר׳ גמליאל׳ן שארף קריטיקירט דערפאר, וואס ער האט נישט פארשוינט אזא גרויסען געלערענטען ווי ר׳ אליעזר. און ווען ר׳ גמליאל האט זיך שפעטער אמאל געפונען אויף א שיף, פאהרענדיג צו די ווייטע אי־דישע ישובים, האט ער געהאט צו קעמפפען מיט די שטארקסטע חוואליעס, וועלכע האבען דורכאויס געוואלט זיין שיף דערטרענקען. האט ער פארשטא־נען, אז דאס איז צוליעב דעם חרם, וועלכען ער האט ארויסגעגעבען געגען ר׳ אליעזר. האט ער אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און א זאג געטהון: "איין גאט ווייסט, אז נישט צוליעב מיין כבוד אדער פאר׳ן כבוד פון מיין פאטער׳ס הויז האב איך דאס געטהון, נור צוליעב דעם כבוד פונ׳ם אויבער־שטען, כדי אוממעגליך צו מאכען מחלוקות ביי אידען". איז דאן דער ים באלד שטיל געווארען און ר׳ גמליאל איז דערנאך אנגעקומען בשלום צום ציעל פון זיין רייזע.

א הויפט־געגנער פון רבן גמליאל איז געווען ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער איז זאנסט באקאנט אלס געלאסענער און פריעדענליעבענדער מענש. קיינמאל נישט צופרידען פון ר׳ גמליאל׳ס איינפיהרונגען, האט ער אבער נישט געהאט גענוג כח ארויסצוזאגען, וואס ער האט געהאט אין זינען, ווייל ער איז גע־

ווען א ביטערער אָרימאַן, וועלכער האָט געצויגען חיונה פון מאַכען נאָדלען. איז אַמאָל פאָרגעקומען, וואָס ר׳ גמליאל האָט אָנגענומען געוויסע עדות וועגען דער נייער לבנה, און לויט דעם דאָזיגען עדות־זאָגען האָט ער באַשטימט דעם טאָג פון ראש־השנה, גלייך ווי אַלע אַנדערע ימים טובים אינ׳ם חודש תשרי.

עס האָט נאָך דאַמאָלס נישט עקסיסטירט קיין פעסטגעזעצטער קאַלענ־דער און מען האָט געדאַרפט אַרויסשיקען יעדען חודש שלוחים, זיי זאָלען אויסגעפינען, צי די נייע לבנה האָט זיך שוין באַוויזען. און ווען די חכמים האָבען אפילו גענוי געקענט באַרעכענען די מינוט, וואָס די נייע לבנה דאַרף זיך באַווייזען, האָט מען פון דעסטוועגען נישט געטאָרט באַשטימען דעם טאָג פון ראש־חודש אָהן עדות.

און ווען עס זיינען דאַמאָלס אָט יענע עדות געקומען צו ר׳ גמליאל, האָט ר׳ יהושע געהאַט די איבערצייגונג, אַז זייער עדות־זאָגען איז אַ פאַלשע, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז לויט אַלע מעגליכע חשבונות קען מען נאָך אַבסאָלוט נישט האָבען געזעהען די לבנה. האָט זיך ר׳ יהושע אָנגענומען מיט מוטה, אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם "נשיא", אַז ער טהוט נישט גוט, וואָס ער באַשטימט די ימים־טובים לויט די ווערטער פון אַזעלכע עדות. דאָסזעלבע האָבען אויך געזאָגט אַנדערע פון די חכמים, ווייל מען האָט געקענט וויסען, אַז די לבנה האָט זיך נאָך נישט געקענט באַווייזען. האָט אָבער ר׳ גמליאל שוין געהאַט געזאָגט זיין וואָרט און ער האָט עס נישט געוואָלט צוריקציהען. האָט ער אַ זאָג געטהון צו ר׳ יהושע: "אויב דו האָסט אַן אַנדערען חשבון וועגען די נעקסטע ימים־טובים, בין איך אויף דיר גוזר, דו זאָלסט צו מיר קומען מיט דיין שטעקען און מיט דיין טאַרבע אַזוי ווי מיט דיין געלד אין דער האַנד אים יום־כפור, וועלכער וועט אויספאַלען לויט דיין חשבון!"...

האָט דאָס ר׳ יהושע געהערט מיט גרויס עגמת־נפש. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט רעכט, נור ווייל ער איז אַן אָרימאַן, ווייל איהם דער "נשיא" ווייזען זיין כח. דאָסזעלבע האָבען אויך צוגעגעבען די חברים פון ר׳ יהושע, וועלכע האָבען מסכים געווען צו ר׳ יהושע׳ס מיינונג.

פון דעסטוועגען האָבען די חברים פון רבי יהושע געהייסען איהם טהון, וואָס דער "נשיא" וויל, ווייל "איטליכער מוז געהאָרכען דעם נשיא, און וואָס דער נשיא הייסט טהון, מוז אָנגענומען ווערען ווי אַ געזעץ". אַזוי שטעהט אויך אין דער תורה "אלה מועדי ה׳ אשר תקראו אותם", איז דאָרט דאָס וואָרט "אותם" אָהן אַ וואָוו און מען קען עס לייענען "אתם" (איהר), קען מען דאָס אויסטייטשען, אַז דער בית־דין האָט אַ רעכט צו באַשטימען דעם קאַלענ־דער פון די ימים־טובים. עס טאָר זיך אויך קיינער נישט ערלויבען, צו קרי־טיקירען די אַנטשיידונגען פונ׳ם נשיא, ווייל "קוים וועט מען אָנהויבען קריטיקירען די אַנטשיידונגען פונ׳ם נשיא, וועט מען דאַרפען קריטיקירען די אַנטשיידונגען פון אַלע בתי־דינים, אָנגעהויבען פון משה רבנו׳ס צייטען"...

האָט זיך ר׳ יהושע געלאָזט איבעררייידען פון זיינע חברים און ער האָט גענומען זיין שטעקען מיט זיין טאָרבע און זיין געלד אין דער האַנד און ער איז געגאַנגען קיין יבנה אים יום־כפור, וועלכער איז אויסגעפאַלען לויט זיין חשבון. און ווען ר׳ גמליאל האָט איהם געזעהען אָנקומען, איז ער זעהר דער־פרעהט געוואָרען, האָט ער איהם געגעבען אַ קוש אין קאָפּ און געזאָגט צו איהם: "קום אין פריעדען, מיין רבי און מיין תלמיד! מיין רבי אין געלע־רענטקייט און מיין תלמיד, וואָס דו האָסט מיך געפאָלגט!"

פאַרשטעהט זיך, אַז נאָך אַזאַ צוזאַמענשטויס האָט ביי ר׳ יהושע אין האַרצען געמוזט בלייבען אַ שאַרפע תרעומות נעגען ר׳ גמליאל, כאָטש זיי זיינען לפנים געווען איבערגעבעטען. ר׳ יהושע האָט כסדר באַהויפּטעט, אַז

נור צוליעב דער אורזאַך, וואָס ער איז אַן אָרימאַן, האָט זיך ר׳ גמליאל ערלויבט, צו ווייזען איהם זיין כח. אָט דאָס געשעהעניש האָט אויך אַרויסגערופען אַ שטילען פּראָטעסט ביי אַנדערע מיטגלידער פון די סנהדרין געגען זייער נשיא, וועלכער טרעט אויף זיי אַרום און פיהרט זיך געגען זיי מיט געוואַלט. מען האָט בלויז דערשטיקט די געגנערשאַפט ביי זיך אין האַרצען, ביז עס איז אויסגעבראָכען אַן אַנדערער סכסוך צווישען ר׳ גמליאל און ר׳ יהושע.

געקומען איז דאַן איינער פון די תלמידים מיט דער פראַגע: „איז דאַווענען מעריב אַ חיוב אָדער אַ רשות?" — האָט ר׳ יהושע געזאָגט: „ס׳איז אַ רשות, ווי איינער וויל, קען ער טהון!"

איז דערנאָך דערזעלבער תלמיד געגאַנגען איבערפרעגען זיין שאלה צו ר׳ גמליאל, וועלכער האָט איהם געזאָגט: „דאַווענען מעריב איז אַ חיוב!"

האָט יענער תלמיד געזאָגט: „און ווי אַזוי האָט ר׳ יהושע געקענט זאָגען, אַז דאַווענען מעריב איז אַ רשות?" — האָט ר׳ גמליאל געענטפערט: „וואַרט, ביז אַלע חכמים וועלען קומען אין בית־המדרש אַריין, וועלען מיר דעם ענין איבערשמועסען!"

און ווען עס זיינען זיך דערנאָך די חכמים צונויפגעקומען, האָט ר׳ גמליאל געזאָגט: „איך האָב געלעהרנט, אַז מעריב דאַווענען איז אַ חיוב!" — און ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמעלטע חכמים מיט די ווערטער: „אפשר איז פאַרהאַנען אַ מענש, וועלכער וויל זיין געגען דער דאָזיגער אַנטשיידונג מיינער?"

האָט ר׳ יהושע אויף דעם געענטפערט: „ניין, ניטאָ קיינער אַזעלכער!"

און ווען ר׳ גמליאל האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון: „יהושע, שטעל דיך אַוועק אויף דיינע פיס און זאָל מען געגען דיר עדות זאָגען, אַז דו האָסט פריהער אַנדערש געזאָגט!"

האָט ר׳ יהושע געהאָרכט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט. ער איז אויך אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, ביז ר׳ גמליאל האָט זיך דערמאָנט, צו הייסען איהם צוריקגעהען אויף זיין פּלאַץ.

דאָס האָבען שוין די אַנדערע חכמים נישט געקענט פאַרטראָגען, האָבען זיי אויפגעהויבען אַ געשריי געגען דער פיהרונג פונ׳ם „נשיא" און זיי האָבען גענומען די פראַגע צום אָפּשטימען, אַרונטערצוזעצען ר׳ גמליאל׳ן פון זיין אַמט (ברכות דף כ״ז עמוד ב׳).

און אַזוי ווי דאָס איז באַקאַנט געוואָרען, זיינען אָנגעקומען פיעלע הונדערטער נייע תלמידים, וועלכע ר׳ גמליאל האָט געהאַט פריהער אויסגעשלאָסען פונ׳ם בית המדרש, האָט מען דאַן געמוזט צושטעלען נאָך דריי הונדערט בענק אינ׳ם בית המדרש.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען קלויבען אַן אַנדערן „נשיא" אויף׳ן אָרט פון ר׳ גמליאל. און נאָכדעם ווי מען האָט באַקלערט די אייגענשאַפטען פון אַלע קאַנדידאַטען, האָט מען איינגעזעהן, אַז ר׳ יהושע קען נישט זיין דער נאָכפאָלגער פון ר׳ גמליאל, ווייל די גאַנצע מהומה איז בלויז צוליעב איהם אַרויסגעקומען. ר׳ אליעזר בן הורקנוס וואָלט יאָ געווען דער ריכטיגער קאַנדידאַט, איז ער אָבער געווען אַ בייזער און אַן אָנהענגער פון בית שמאי. ר׳ עקיבא האָט נישט געקענט זיין קיין קאַנדידאַט פאַר „נשיא", ווייל ער איז נישט געווען פון יחוס. קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען ער איז געקומען און מען האָט געהאַלטען, אַז ער שטאַמט גאָר פון גרים.

האָט מען געוואָרפען אַן אויג אויף רבי אלעזר בן עזריה, וועלכער איז אין לערנען געווען נאָהענט צו דער מדרגה פון רבן גמליאל. ער איז אויך געווען

פון די מיוחסים צווישען די כהנים, גרויס אין עשירות און אנגענומען ביי די רוימישע מאכטהאבער.

די צייט, וואס רבן גמליאל איז געווען ארונטערגעזעצט פון זיין אמט אלס "נשיא", איז געווען גאר א קורצע. דאכט זיך, אז עס האט דאמאלס גענומען בלויז עטליכע טאג, ביז רבן גמליאל איז צוריק ארויפגעקומען אויף'ן "בענקעל". דאס פלוצים'דיגע אויפקאכען פון אלע חכמים געגען זיינע שטרענגע האנדלונגען האט איהם אזוי ווייך געמאכט, אז עס האט אזש איטליכען אנגעהאפט ביים הארצען פון רחמנות.

און ווען די חכמים האבען געזעהן, ווי דער אריסטאקראטיש אויפגעצויגענער רבן גמליאל האט זיך געבויגען פאר'ן פאלקסווילען אהן שום טענה, אז ער האט זיך נישט אנגע'ברוגז'ט מיט'ן בית־המדרש, ווען ער איז ארונטערגעזעצט געווארען פון דער נשיאות און ער האט זיך טאקי באלד איינגעפונען אין זיין נייער לאגע, אוועק־זעצענדיג זיך צווישען אלע אנדערע תלמידים, מיט וועלכע ער איז יעצט געווארען א גלייכער, האבען זיי איינגעזעהען, אז מען איז געווען איבערגעאיילט מיט'ן ארונטערזעצען און מען האט באלד אנגעהויבען דענקען וועגען איבערבעטען.

ערשט דאמאלס האט מען געקענט זעהן, מיט וואסערע איידעלע געזינונגען דער מענש איז באזעלט. אט האט מען איהם אזוי שרעקליך פארשעהמט, קיינער האט אפילו נישט גענומען אין באטראכט, אז מען דארף שוינען דעם כבוד פונ'ם נשיא'ס משפחה, וועלכע ציהט איהר יחוס פון הלל הבבלי און פון דוד המלך. ערשט נעכטען האבען זיך אלע פאר איהם געבוקט און געבויגען, און יעצט האבען זיך דיזעלבע מענשען פלוצים פארוואנדעלט אין געגנער. האט ער פון דעסטוועגען אנגענומען דאס פאלקס־אורטהייל און ער איז נישט אויסגעבליבען פונ'ם בית־המדרש אפילו איין שעה, חאטש ער האט פארשטאנען, אז די לאגע זיינע יעצט וועט ווערען זעהר פריקרע, ווייל מען וועט זיך נעהמען אונטערזוכען זיינע אנטשיידונגען און יעדער פון זיינע געוועזענע תלמידים וועט וועלען באווייזען, אז ער האט קיינמאל נישט ריכטיג געאורטיילט.

אבער אנשטאט צו דענקען, וואס עס איז איהם געשעהן, האט ער ביי זיך אין הארצען איבערגעקלערט, וואס ער האט צו אנדערע געטהון, האט ער דאן איינגעזעהן, אז ער האט געפיהרט זיין אמט אויף א צו שטרענגען אופן. איז ער געגאנגען צו ר' יהושע בן חנניה, איהם איבערבעטען. און ווען ער איז געקומען און ער האט דערזעהען די ענגע נידריגע הייזקע מיט די שווארצע וועגד, וואו ר' יהושע האט געוואוינט, האט ער א זאג געטהון: "פון דיינע וועגד קען מען דערקענען דיין מלאכה!" — האט דאס ר' יהושע אנגענומען אלס א שטאך, האט ער אויף דעם געענטפערט מיט ביטערקייט: "וועה איז צו דעם דור, וואס דו ביזט זיין פיהרער, ווען דו האסט נישט קיין פארשטענדגים פאר די וועהטאגען פון די תלמידי־חכמים, און דו ווייסט נישט, פון וואנען זיי ציהען פרנסה!"...

האט איהם רבן גמליאל געזאגט: "אט בין איך געקומען צו דיר, טא זיי מיר מוחל! טהו עס צוליעב דעם כבוד פון מיין פאטער'ס הויז!"

פון אזעלכע גוטהארציגע ווערטער איז ר' יהושע גערירהרט געווארען און ער האט זיך גאר גרינג געלאזט איבערבעטען. האט איהם ר' עקיבא דערנאך געזאגט: "אט דאס אלעס האבען מיר בלויז געטהון פון דיין כבוד וועגען, טא לאמירביידע געהען מארגען אויף א באזוך צו רבן גמליאל".

האט דאס דער ניי־ערוועהלטער "נשיא" ר' אלעזר בן עזריה געהערט, האט ער ערקלערט, אז ער וויל מיט זיי מיטגעהען, אנזאגען צו רבן גמליאל, אז ער וויל רעזיגנירען פון זיין אמט.

רבן גמליאל דער צווייטער פון יבנה

איז דערנאָך ר׳ גמליאל צוריק־געקומען צו זיין אמט — און ר׳ אלעזר בן עזריה איז געוואָרען ״אב בית דין״. האָבען זיי זיך דאַן ביידע איינגע־טיילט אין זייער אַמטירען. פלעגט דאַן רבן גמליאל רדש׳נען צוויי שבתים איינעם נאָך׳ן אנדערען און יעדען דריטען שבת האָט ר׳ אלעזר בן עזריה גע׳דרש׳ט.

עס דאַכט זיך אויך אַז פון דאַמאָלס אָן האָט זיך ר׳ גמליאל מעהר אינ־טערעסירט פאַר דער פּרנסה פון זיינע תלמידים, און ווען ר׳ יהושע האָט איהם דערצעהלט, אַז צוויי פון זיינע תלמידים, ר׳ אלעזר חסמא און ר׳ יוחנן בן גודגדא, ווייסען אַפּצושאַצען, וויפיל טראָפּען וואַסער עס זיינען פאַרהאַנען אין ים, און פון דעסטוועגען האָבען זיי נישט ביידע קיין ברויט צו עסען און קיין מלבוש אָנצוטהון. האָט זיי רבן גמליאל געוואָלט געבען אַן אַמט אינ׳ם בית־המדרש, פון וועלכען זיי זאָלען קענען האָבען פּרנסה. האָבען זיי אָבער דאָס אַמט נישט געוואָלט אָננעהמען.

דערנאָך איז צוריק געוואָרען שלום אינ׳ם בית־המדרש אין יבנה און רבן גמליאל איז שוין פאַרבליבען ״נשיא״ ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

פון זיינע שפּעטערע האַנדלונגען איז אויך אָנצונעהמען, אַז ער האָט אַ ביסעל נאָכגעלאָזען אין זיין שטרענגקייט און די חכמים האָבען נישט מעהר מקפיד געווען, אויב ער האָט אַמאָל אימיצען באַהאַנדעלט שטרענגער, ווי מען האָט ערוואַרטעט.

עס האָבען זיך אויך אינצווישען פאַרשטאַרקערט די גזרות פון דער רוי־מישער רעגירונג, איז דאַן רבן גמליאל אַפּטמאָל געווען געצוואונגען, צו מאַכען אַ רייזע קיין רוים ווענגען שתדלנות פאַר אידען, בטל צו מאַכען אַ גזרה אָדער איהר ווירקונג צו פאַרגרינגערען. אויף אַזעלכע רייזען פלעגט ער מיטנעהמען מאַנכע פון די חברים און ער האָט אויך שטענדיג גע׳פועל׳ט וואָס ער האָט געוואָלט. צוליעב זיין אַריסטאָקראַטישען אויפטרעטען און זיין גוטען גריכיש־ריידען איז ער געוואָרען אַ חשוב ביים קייזערליכען הויף גלייך ווי ביי די העכסטע באַאַמטען אין דער אימפּעריע (ירושלמי סנהדרין פרק ז׳ הלכה י״ג, דברים רבה פרשה ב׳ פיסקא כ״ד).

אויף זיינע רייזען האָט ער אָפטמאָל געדאַרפט קומען קיין ירושלים, און ווען ער האָט דאָרט אַמאָל געזעהען אַ פוקס אַרויסקומען פונ׳ם קדשי־קדשים, האָט ער זיך שרעקליך פאַנאַנדערגעוויינט. איז דאָס דאָזיגע וויינען שלעכט אויסגעטייטשט געוואָרען אין די קרייזען פון דער רוימישער רעגירונג און מען האָט שוין צוליעב דעם געטראַכט, אָפּצוראַמען איהם פונ׳ם וועג. איז דאַן געקומען זיינער אַ פריינד פון צווישען די רוימישע באַאַמטע, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר פונ׳ם בית־המדרש און האָט געזאָגט: ״דער וואָס טראָגט הויך זיין נאָז, איז געזוכט!״ (בעל החוטם מתבקש). האָט רבן גמליאל פאַרשטאַנען, אַז מען מיינט איהם, — איז ער פאַר אַ געוויסע צייט פאַרשוואונדען פון די אויגען ביז עס איז געקומען אַ נייע רעגירונג.

נאָכדעם ווי רבן גמליאל איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פונ׳ם אַמט אלס ״נשיא״, האָט זיך אָנגעהויבען אַ ספּעציעלע אונטערזוכונג געגען זיינע איינ־פיהרונגען אינ׳ם אידישען לעבען. האָבען זיך די חכמים אוועקגעזעצט, אויפצונעהמען עדות פון יענע אַלע, וואָס האָבען אַמאָל געהערט אָדער געזעהן, ווי אַזוי די ערשטע חכמים פלעגען זיך נוהג זיין. זיינען דאַן אין יענעם טאָג באַשלאָסען געוואָרען פיעלע הלכות, וועלכע האָבען ביז דאַמאָלס געהאַנ־גען אין די לופטען אָהן אַן אַנטשיידונג. האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע הלכות, וואָס די אָנהענגער פון ״בית הלל״ האָבען דאַמאָלס אַנטשיעדען ווי

"בית שמאי", און וועגן מאנכע אנדערע הלכות האט מען געזאגט "לא כדברי זה ולא כדברי זה". מען האט אבער דאן איבערהויפט נישט געוואלט לאזען קיין שום הלכה אהן אן אנטשיידונג (לא היתה הלכה תלויה בבית־המדרש שלא פירשוה).

פון די הלכות וואס זיינען אין יענעם טאג געלערנט געווארען, זיינען פארהאנען צוויי, וועלכע ווארפען א ליכט איבער די מיינונגען פון די חכמים, וואס האבען פארשטאנען, ארייצופאסען זייער אנזיכט צו דער געענדערטער לאגע. פארהאנען א פסוק אין דער תורה, וועלכער זאגט: "לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'". איז שוין אבער אין יענער צייט כמעט ווי אפגעמעקט געווען דאס אנדענקען פון די דאזיגע צוויי פעלקער, און די וואס זיינען אנגערופען געווארען מיט דיעזעלבע נעמען, זיינען זיכערליך געקומען פון אן אנדערער גזע, וועלכע האט זיך באזעצט אין די לענדער פון יענע דורך פעלקער־וואנדערונגען און מלחמות.

האט אין "יענעם טאג", ווען מען האט ר' גמליאל'ן ארונטערגעזעצט, איינער פון די תלמידים, י ה ו ד ה ג ר ע מ ו נ י, געשטעלט די פראגע: "ווי אזוי איז עס מיט מיר, צי קען איך אריינקומען צווישען אידען?" — האט איהם ר' גמליאל געענטפערט, אז ער קען נישט. האט ר' יהושע געזאגט, אז ער מעג יא... און ווען ר' גמליאל האט זיך אוועקגעשטעלט שטרענג אויף'ן ווארט פונ'ם פסוק, האט ר' יהושע געזאגט: "זיינען דען די עמונים און מואבים פון דאמאלס געבליבען אויף זייער ארט? אט איז דאך שוין לאנג געקומען סנחריב און האט אויסגעמישט די גאנצע וועלט!"...

איז דאן ר' יהושע'ס ערקלערונג אנגענומען געווארען ביי אלע חכמים און מען האט מתיר געמאכט דעם יהודה גר עמוני, ער זאל אנגענומען ווערען אלס איד.

נאך א שאלה איז געווען וועגן אריינצונעהמען שיר־השירים און קהלת אין די "כתבי קדש". א באזונדערע טענה האבען די חכמים פון "בית שמאי" געהאט צום ספר קהלת, אז מען קען זיך טועה זיין אין זיינע ווערטער, צו דענקען, אז זיי האבען נישט קיין רעליגיעזען צוועק. שפעטער האט ר' עקיבא געזאגט, אז וועגן שיר־השירים איז קיינמאל נישט געווען קיין ארגומענט, ווייל "די גאנצע וועלט איז נישט ווערטה געווען אזוי פיעל, ווי יענער טאג וואס שיר־השירים איז געגעבען געווארען צו אידען". אלא וועגן וואס האבען די חכמים ארגומענטירט? וועגן ספר קהלת. *)

---

*) וועגן דער באדייטונג פון מאנכע ספרים אין די "כתבי קדש" זיינען פארגעקומען מיינונגס־פארשיעדענהייטען צווישען אונזערע חכמים. הויפזעכליך זיינען געווען שטרייטיגקייטען וועגן די ספרים יחזקאל, משלי, שיר השירים און קהלת, וועלכע זיינען שיער נישט אויסגעשלאסען געווארען פונ'ם תנ"ך. די אורזאכען פון די דאזיגע מחלוקות זיינען דערמאנט אין פארשיעדענע מאמרים פון דער גמרא. זיי זיינען אבער נישט אין ערגיץ גענוי באשריבען. אינ'ם ספר יחזקאל, הייסט עס, האט מען מורא געהאט פאר דער "מעשה מרכבה", וועגען וועלכע מען טאר נישט דרש'נען פאר מענשען, וואס פארשטעהען נישט, אריינצודרינגען אין איהרע סודות. א "ינוקא", דערצעהלט די גמרא, האט אמאל געלערנט דעם ענין "חשמל" פון דער "מעשה מרכבה", איז ארונטערגעקומען א פייער פונ'ם הימעל און האט דאס קינד פארברענט. און ווען עס האבען אמאל די חכמים אויסגעפונען אין ספר יחזקאל ווידערשפרוכען געגען דער תורה, האט זיך חנניה בן חזקיה אזוי לאנג פארטיעפט אין די דאזיגע ווידערשפרוכען, ביז ער האט אויסגענוצט דריי־הונדערט טעפ אויל און ערשט דאמאלס האט זיך עס איהם איינגעגעבען, אויסצוגלייכען די ווידערשפרוכען. וועגען משלי און קהלת האט מען ווייטער געזאגט, אז זיי זיינען זיך אין מאנכע פסוקים אליין סותר, אויסערדעם האט מען געזאגט, אז מאנכע פסוקים אין קהלת זיינען "נוטה לצד מינות".

רבן גמליאל דער צווייטער פון יבנה

צווישען די איינפיהרונגען פון רבן גמליאל איז וויכטיג איינע וועגען דער פארגרינגערונג, וועלכע ער האט געמאכט אין די דינים פון שמיטה. לויט א "תקנה" פון פריהערע חכמים האט מען שוין נישט געטארט באארבייטען דאס פעלד אים ערב שמיטה, דאס מיינט אינ'ם זעקסטען יאהר פון א שמיטה, באלד פון שבועות אן. האט ר' גמליאל און זיין בית־דין מתיר געמאכט, צו ארבייטען אים "ערב שמיטה" ביז הארט פאר ראש-השנה (תוספתא שביעית פרק א').

רבן גמליאל האט אויך סטאביליזירט דאס דאווגען דריי מאל א טאג. אין זיין בית־המדרש איז צונויף־געשטעלט געווארען דער נוסח פון די תפלות, וועלכע זיינען דאן אנגענומען געווארען אלס ערזאץ פאר קרבנות. מיט דער הילף פון זיינע צוויי תלמידים, שמעון הפקולי און שמואל הקטן, איז אויך צוזאמענגעשטעלט געווארען דער נוסח פון די "שמונה עשרה", וועלכע זיינען דאמאלס אויפגעשטעלט געווארען אלס פליכט פאר יעדען איד, צו זאגען זיי דריי מאל אין טאג.

אין יענער צייט איז איינגעפיהרט געווארען די ברכה "בונה ירושלים" אינ'ם בענשען. ר' גמליאל האט אויך געשטרעבט, צו באשטימען די ברכות איבער אלערליי מאכלים, און חאטש זיינע חברים האבען נישט געוואלט צו־שטימען צו אלעמען, האט ער זיך פון דעסטוועגען קאנסעקווענט געהאלטען ביי זיין מיינונג.

ווי עס שיינט, האט מען דאמאלס אנגעהויבען איינריידען דער רוימישער רעגירונג, אז זי וועט נישט קענען אונטעריאכען דאס אידישע פאלק, ווי לאנג זי וועט נישט קענען קאנטראלירען דעם אידישען גייסט. האט דאן די רוימי־שע רעגירונג ארויסגעשיקט צוויי געלעהרטע גוים, זיי זאלען זיך פארשטעלען פאר "גרים" און געהען לערנען די אידישע תורה ביי ר' גמליאל. זיינען יענע צוויי גוים אנגעקומען אין יבנה, וואו זיי האבען געלערענט אלסדינג, און ווען זיי האבען שוין געהאט געלערענט אזוי פיעל, ווי זיי האבען געדארפט, האבען זיי געזאגט, אז די גאנצע תורה געפעלט זיי, חוץ פון דעם, וואס עס איז ערלויבט צו ציהען נוצען פון בא'גזל'ן א גוי. האט דאן ר' גמליאל מתקן געווען, אז מען טאר נישט בא'גזל'ן א גוי, ווייל מען פארשוועכט מיט אזא טהאט דעם אידישען נאמען (ירושלמי בבא קמא פרק ד' הלכה ג').

פון ר' גמליאל'ס תקנות דארף נאך דערמאנט ווערען, וואס ער האט גע־זאגט, אז יעדער איד איז מחויב, צו ערקלערען צו זיינע הויזמענשען דעם טעם פון פסח, מצה און מרור. זאנסט איז ער נישט יוצא די מצוה פון יום־טוב.

עס דארף אויך דערמאנט ווערען זיין איינפיהרונג וועגען די "שומרונים", וועלכע הייסען געוועהנליך אין דער גמרא "כותים" און די חכמים האבען זיך כסדר געסטארעט, צו דערווייטערן זיי פון אידען. האט ר' גמליאל אין אנהויב פון זיין נשיאות געוואלט פארגרינגערען די דינים אקעגען די דאזיגע "כותים", ווייל ער האט געדענקט, אז עס וועט אפשר מעגליך זיין, צו דערנעהנטערען זיי צו די אנדערע אידען. אין דער מלחמה אקעגען רוים האבען די "כותים" געהאלטען צוזאמען מיט די אידען און געקעמפפט מיט זיי אין־איינעם, נישט ווי די "אדומים", וועלכע האבען פארראטהען די אידען אויף יעדען שריט און אפטמאל האבען זיי זיך זאגאר פארבונדען מיט די שונאים. האט מען אנגעהויבען קוקען אויף די "כותים" מיט אנדערע אויגען — און טראצדעם וואס מען האט זיך פריהער געהאלטען ווייט פון זיי און עס האט געהייסען, אז "ווער עס עסט ברויט פון א כותי, איז דאס גלייך ווי ער וואלט געגעסען חזיר"

די חכמים פון דער משנה

האט רבן גמליאל אמאל ערקלערט א גט מיט עדות כותים פאר כשר. ער האט אויך געהאלטען זייערע תבואות פאר "דמאי" אויף דערזעלבער מדרגה ווי די תבואות פון אן עם־הארץ *). שפעטער האט ער באזוכט די שטעדט פון די כותים און ער האט געזעהן, אז זיי זיינען נישט קיין אמת'דיגע גרים און זיי זיינען ווייט פון אידישקייט, האט ער ערקלערט, אז זייערע פירות זיינען "ודאי" און מען דארף פון זיי געבען "מעשר". צוגלייך האט ער גוזר געווען אויף זייער שחיטה, אז א איד טאר נישט פון איהר עסען.

רבן גמליאל האט שטארק געלויבט די ווערדע פון מענשען, וואס האבען אין זייער האנד א מלאכה. אזוי ווי ער האט געזעהען, אז צוליעב דער פאליטישער לאגע קענען נישט אלע אידען בלייבען זיצען אויף ערד און פיעלע פון זיי מוזען זוכען פרנסה פון א מלאכה, האט ער געזאגט, אז "ווער עס האט א מלאכה אין דער האנד, קען זיין זיכער מיט דער עקסיסטענץ, גלייך ווי מען איז זיכער מיט א וויינגארטען, וועלכער איז ארומגעצאמט מיט א צוים".

ווי עס איז אויבען דערצעהלט, האט זיך ר' גמליאל איבערגעבעטען מיט ר' יהושע, אבער וועגען דעם סוף פון זיין סכסוך מיט זיין שוואגער ר' אליעזר בן הורקנוס איז גאר נישט באקאנט. פארהאנען בלויז, ווי ער האט איהם געלייגט אין חרם אריין, עס איז אבער נישט פארהאן קיין אנדייטונג, אז זיי האבען זיך שפעטער איבערגעבעטען. אין די ערצעהלונגען וועגען ר' גמליאל'ס רייזען ווערד מאנכעס מאל דערמאנט, אז ר' אליעזר האט איהם באגלייט. וואלט מען געקענט אננעהמען, אז זיי זיינען געווען איבערגעבעטען. איז אבער פארהאנען אן אנדערע ערצעהלונג, אז ר' אליעזר'ס ווייב, די שוועסטער פון רבן גמליאל, האט נישט געלאזט קיינמאל, איהר מאן זאל פאלען צו "תחנון". זי האט מורא געהאט, אז מיט זיין פאלען צו "תחנון" וועט ער זיך נוקם'ן אויף איהר ברודער. האט זי אבער איינמאל פארגעסען, אכטונג צו געבען אויף איהר מאן ביים דאווענען און ער איז דאמאלס געפאלען צו "תחנון". איז ווען זי האט דאס דערזעהן, האט זי אנגעהויבען שרייען, אז ער האט יעצט איהר ברודער דער'הרג'עט. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז אויך רבן גמליאל געשטארבען, באוויינט און באטרויערט פונ'ם גאנצען פאלק, וועלכעס פלעגט איהם רופען "פאטער" און די פרוי זיינע—"מוטער".

---

*) "דמאי" הייסט תבואה אדער פירות, געקויפטע ביי אן עם־הארץ. אויף וועמען מען טאר זיך נישט פארלאזען, אז ער האט געגעבען "מעשר".

רבי אליעזר בן הורקנוס

פון דעם, וואס איז אינ'ם פאריגען קאפיטעל געזאגט געווארען, איז צו זעהען, אז ר' אליעזר בן הורקנוס איז געווען א מענש א פאר'עקשנ'טער אין זיינע איבערצייגונגען און ער האט זיך נישט געלאזט קיינמאל בויגען אויפ'ם מינדעסטע. האט איהם דאס נישט ווועלען בויגען אויף רעכטס אדער אויף לינקס געבראכט א מאסע צרות. איז ער צוליעב דעם געקומען אין קאנפליקט מיט'ן "נשיא", טראצדעם וואס ער איז געווען זיין אייגענער שוואגער, גלייך ווי ער איז אריינגעפאלען אין א מחלוקה מיט זיינע חברים פון דער ישיבה אין יבנה, פון וועלכע ער איז דאן אפגעזונדערט געווארען און ער איז דערנאך אוועקגעגאנגען פון יבנה קיין לוד, וואו ער האט אנגעפיהרט אן אייגענע ישיבה און ער האט נישט מעהר געקענט קומען צו די פארזאמלונגען פון די סנהדרין.

לויט זיינע אנזיכטען איז ר' אליעזר בן הורקנוס געווען אן אנהענגער פון "בית שמאי". האט מען איהם דאדורך גערופען "שמותי", און אזוי ווי אלע זיינע חברים אינ'ם בית־המדרש מיט'ן "נשיא" אינאיינעם זיינען געווען אנהענגער פון "בית הלל", האט מען איהם צוליעב דעם כמעט ווי ארויסגעשטויסען פון דער געזעלשאפט.

געהאנדעלט האט עס זיך אמאל וועגען דעם דין פון אן אזוי אנגערופענעם "געשלענגעלטען אויוועז" (תנור של עכנאי), וועלכען ר' אליעזר האט ערקלערט פאר "טהור" און אלע אנדערע חכמים האבען איהם געהאלטען פאר "טמא".

האט מען שוין אין דעמזעלבען טאג נישט געוואלט אננעהמען קיין שום געזעצליכע אנטשיידונג פון ר' אליעזר. האט ער אבער נישט געוואלט צוריקטרעטען פון זיין מיינונג, און — ווי עס ווערד דערצעהלט — זיינען אויך דאמאלס באוויזען געווארען פארשיעדענע וואונדערליכע צייכען צוגונסטען פון ר' אליעזר'ס מיינונג: א באקסערן־בוים איז אויסגעריסען געווארען פון זיין פלאץ אויף הונדערט איילען ווייט פון יענעם ארט, וואו ער איז פריהער געוואקסען; א טייכעל האט פלוצים געענדערט דעם לויף פון זיין וואסער; די ווענד פונ'ם בית־המדרש האבען זיך איינגעבויגען און עס איז אויך ארויס א "בת־קול" פונ'ם הימעל, וועלכעס האט געשריגען, אז ר' אליעזר האט רעכט *).

איז אבער ר' יהושע בן חנניה פעסט געשטאנען אין דער ערשטער רייהע פון דער געגנערשאפט צו ר' אליעזר, האט ער געזאגט, אז מען דארף נישט קוקען אויף די אלע וואונדערליכע ערשיינונגען, און וועגען דעם "בת־קול"

---

*) וועגען דער באדייטונג פון א "בת קול" האב איך שוין איינמאל ערקלערט — און וועגען דעם, וואס די ווענד פונ'ם בית־המדרש האבען זיך איינגעבויגען אלס צייכען פאר דער גערעכטיגקייט פון ר' אליעזר'ס מיינונג, ווילען מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז דאס איז בלויז געזאגט "בדרך מליצה". זיי ווילען דערפון זעהען, אז ר' אליעזר האט זיך אין זיין פארצווייפלונג געווענדעט צו די תלמידים פונ'ם בית־המדרש, זיי זאלען עדות זאגען, אז ער איז גערעכט, האט אויף זיי ר' יהושע אנגעשריגען, זאגענדיג, אז עס איז נישט זייער עסק, זיי זאלען זיך דא אריינמישען אין דער מחלוקה...

האָט ער געזאָגט, אַז די תורה איז נישט געגעבן געוואָרען פאַר'ן הימעל און מען דאַרף זיך פון דאָרט גאָר נישט מישען צו די מחלוקות אויף דער ערד...

דערנאָך האָבען די חכמים פאַרברענט אַלסדינג, וואָס ר' אליעזר האָט דערקלערט פאַר ריין. גלייכצייטיג האָט מען דאָס גענומען צו אַן אָפּשטימונג, מיט וואָס מען דאַרף ר' אליעזר'ן באַשטראָפען פאַר זיין עקשנות — און אַלע חכמים האָבען זיך דאַן פון איהם אָפּגעזונדערט. איז ר' עקיבא געגאַנגען אָנזאָגען די בשורה צו ר' אליעזר, ער זאָל וויסען, אַז די חכמים ווילען נישט מעהר האָבען קיין פאַרקעהר מיט איהם. האָט זיך ר' עקיבא אָנגעטהון אין שוואַרצען און האָט זיך אַוועקגעזעצט פיער איילען ווייט פון ר' אליעזר. האָט איהם ר' אליעזר געפרעגט: "וואָס איז עפּים היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל?" — האָט איהם ר' עקיבא אויף דעם געענטפערט: "רבי! מיר דאַכט זיך, אַז דיינע חברים האָבען זיך פון דיר אָפּגעזונדערט"...

הערענדיג אַזאַ בשורה, האָט ר' אליעזר צוריסען זיינע קליידער, אויסגעטהון זיך די שיך, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און ביטער זיך פאַנאַנדערגעוויינט און דער צער פון ר' אליעזר איז דאַן געווען אַזוי שטאַרק, אַז וואו ער האָט געוואָרפען אַ בליק, האָט ער ממש פאַרברענט אַלסדינג מיט די אויגען (זעה בבא מציעא דף נ"ט עמוד ב').

אַלס תלמיד פון ר' יוחנן בן זכאי ווערד ר' אליעזר תמיד דערמאָנט אויף'ן ערשטען פּלאַץ צווישען זיינע חברים. ר' יוחנן בן זכאי האָט וועגען איהם געזאָגט, אַז ער איז ווי אַן אויסגעקאַלעכטער ברונעם, ביי וועלכען עס געהט נישט פאַרלוירען אפילו איין טראָפּען, און ווען אַלע אידישע חכמים זאָלען גענומען ווערען אויף איין וואָגשאָל און ר' אליעזר זאָל גענומען ווערען אויף דער צווייטער וואָגשאָל, וועט ער מיט זיין חכמה אַלעמען אריבער־וועגען.

ער האָט זיך אויך אָנגענומען מיט די גוטע מדות פון זיין רבי'ן, וועלכער פלעגט וועגען זיך זאָגען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין "שיחת־חולין" און ער איז אויך נישט געגאַנגען פיער איילען אָהן תורה אָדער אָהן תפלין, אַז אין בית־המדרש אריין איז קיינער נישט געקומען בעפאָר איהם און ער איז אויך געווען דער לעצטער צום אַוועקגעהן. און חאָטש ר' אליעזר האָט שוין בעפאָר דעם חורבן אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש אין ירושלים, האָט ער נישט געוואָלט קיינמאָל עטוואָס זאָגען, וואָס ער האָט נישט געהערט פון זיין רבי'ן. ביי אַזעלכע שאלות פלעגט ער געוועהנליך ענטפערען, אַז ער ווייסט נישט, חאָטש ער האָט גוט געוואוסט, וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגען (זעה סוכה דף כ"ח עמוד א', יומא דף ס"ו עמוד ב', נגעים פרק ט' משנה ג').

אין אָט דער באַציהונג פלעגט ער זאָגען, אַז ווען איינער ארגומענטירט וועגען די אנטשיידונגען פון זיין רבי'ן'ס לעהרען, אָדער ער זאָגט זאַכען, וואָס ער האָט פון זיין רבי'ן נישט געהערט, ברענגט ער דערצו, אַז די "שכינה" זאָל זיך אָפּקעהרען פונ'ם אידישען פאָלק (ברכות דף כ"ז עמוד ב').

ווי עס איז שוין געווען דערצעהלט, איז ר' אליעזר געווען אַ שוואָגער פון רבן גמליאל, פאַרהייראַט מיט'ן נשיא'ס שוועסטער, מיט דער געלערנטער אימא שלום, וועגען וועלכער עס ווערד דערצעהלט, ווי זי האָט אַמאָל מיט איהר חכמה אויפגעוויזען די אומגערעכטיגקייט פון אַ גוי'שען שופט. טראָצדעם איז ר' אליעזר געקומען אַמאָל אין אַ קאָנפליקט מיט'ן נשיא און מיט זיינע חברים. זיינען זיי אַלע געגען איהם ארויסגעטרעטען און עס איז דאַן געשטערט געוואָרען די האַרמאָניע אינ'ם בית המדרש.

אומעטום וואו די גמרא דערמאָנט סתם ר' אליעזר, מיינט מען דאָס איהם. מאַנכעס מאָל ווערד ער אויך אָנגערופען "ר' אליעזר הגדול". צווישען די פיעלע תלמידים זיינע האָט זיך אויך גערעכענט רבי עקיבא, וואָס אפילו שפּע־

רבי אליעזר בן הורקנוס

טער ווען ער איז שוין געווען דער גרעסטער פון זיין צייט, האט ער אלץ נישט אויפגעהערט צו זאגען, אז ער איז א תלמיד פון ר׳ אליעזר.

ס׳איז אויך זיכער, אז ר׳ אליעזר איז געווען א בקי אין די לשונות פון די גוי׳שע שכנים. האט איהם רבן גמליאל דאדורך מיטגענומען עטליכע מאל קיין רוים אויף זיינע נסיעות, ווען ער איז געפאהרען אין שתדלנות פאר אידען.

ווען און ווי אזוי ר׳ אליעזר האט אנגעהויבען לערנען, ווערד דערצעהלט, אז זיין פאטער איז געווען א גרויסער עושר און אן אייגענטימער פון פיעלע פעלדער. האט ער צוזאמען מיט אלע זיינע זיהן אפגעגעבען זיך מיט ערד־ארבייט. אלע זיינע זיהן זיינען אויך געווען שרעקליכע עמי־ארצים, וועלכע האבען אפילו נישט געוואוסט צו זאגען ״שמע ישראל״. אליעזר איז שוין דאמאלס געווען א מאן פון עטליכע און צוואנציג יאהר. איז איהם פלוצים איינגעפאלען א געדאנק, צו פארלאזען די פעלד־ארבייט און צו נעהמען זיך לערנען. און ווען ער האט דעם דאזיגען געדאנק זיינעם אנטפלעקט צו זיין פאטער, האט זיך דער אלטער הורקנוס פאנאנדערגעלאכט און ער האט איהם געזאגט: ״יעצט ווילסטו געהען לערנען? יעצט איז פאר דיר די צייט, צו נעהמען א ווייב און ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און אז דו וועסט האבען קינדער, וועסטו זיי קענען שפעטער אויפציהען צו דער תורה!״

האט ער דאס נישט געוואלט הערען און ער האט ביי זיך באשלאסען, צו פארלאזען דעם פאטער׳ס הויז ביי דער ערשטער געלעגענהייט — און אזוי ווי איינע פון די קיה, מיט וועלכע ער האט געאקערט, האט גראד דאמאלס א פוס געבראכען, האט ער מורא געהאט, דער פאטער זאל איהם נישט באשטראפען, וואס ער איז נישט געווען גענוג פארזיכטיג מיט דער קוה, איז ער אנטלאפען קיין ירושלים דירעקט צו ר׳ יוחנן בן זכאי.

אנגעקומען אין ירושלים האט ער דארט ערקלערט זיין וואונש, און אויף אלע פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט, האט ער גאר נישט פארשטאנען צו ענטפערען. האט זיך ר׳ יוחנן בן זכאי אויף איהם מרחם געווען און האט איהם אריינגענומען צו זיך אין בית־המדרש, האטש ער האט געזעהען, אז ער קען נאך דערווייל גאר נישט. און ווי פארוואונדערט איז דאן איטליכער געווארען, ווען מען האט געזעהען, ווי דער געוועזענער עם־הארץ וואקסט אין זיין וויסען פון טאג צו טאג. אזוי ווי ער איז אבער מיט ליידיגע הענד אנטלאפען פון זיין פאטער׳ס הויז, האט ער נישט געהאט וואס צו עסען. האט ער פאר הונגער געקייעט פשוט׳ע ערד, וועלכעס האט פאראורזאכט, וואס עס האט זיך געהערט א שלעכטער ריח פון זיין מויל. האט איהם ר׳ יוחנן דאן אויסגעפרעגט, ווער ער איז און פאר־וואס ער איז אנטלאפען פון זיין פאטער׳ס הויז. און נאכדעם ווי ר׳ אליעזר האט איהם אלסדינג דערצעהלט, האט איהם ר׳ יוחנן באזארגט מיט ברויט. און אזוי ווי ער האט געזעהען זיין גרויסען חשק צום לערנען, האט ער איהם שטארק מקרב געווען און אין פארלויף פון דריי יאהר צייט איז ער געווארען איינער פון די בעסטע תלמידים ביי ר׳ יוחנן בן זכאי, שטענדיג דער ערשטער אויף׳ן פלאץ.

דערווייל איז פארגעקומען אן איבערקערעניש אין זיין פאטער׳ס הויז און צוליעב געוויסע אומשטענדען איז ר׳ אליעזר׳ס פאטער געווען געצוואונגען, צו פארלאזען זיין אייגענטום. און ווען ער איז דערנאך צוריקגעקומען צו זיין נחלה, האט ער געהערט, אז אליעזר זיצט אין ירושלים און לערנט.

צו יענער צייט איז הורקנוס געווען זעהר אן אלטער מאן. האבען איהם די זיהן געזאגט: ״זעה, וואס דיין זוהן אליעזר האט דיר געטהון. אין אזא שווערער צייט האט ער דיך פארלאזען און ער איז אוועק קיין ירושלים, צו

עסען דאָרט געשטאָפּטע פויגעלעך, און אז עס וועט קומען צו דער ירושה, וועט ער וועלען נעהמען אזוי פיעל ווי יעדער אנדערער פון אונז. און טאָמער וועסטו אפילו שרייבען א צוואה און דו וועסט אָנזאָגען, אז מען זאָל איהם גאָר נישט געבען, וועט מען דיך אויך נישט הערען, ווייל ר׳ יוחנן בן זכאי וועט דאַן זיכערליך פּסק׳ענען פאר זיין טובה״....

האָט דער אַלטער הורקנוס אויף דעם געענטפערט: ״האָט גאָר נישט קיין מורא, מיינע קינדער. ווייל איך וועל אליין געהען קיין ירושלים, און אים שבת וועל איך דאָרט עפענטליך פאר אַלעמען אויסרופען, אז מיין זוהן אליעזר האָט נישט קיין שום חלק אין מיין פארמעגען!״

און ווען הורקנוס איז דאַן אָנגעקומען אין ירושלים, איז ר׳ יוחנן בן זכאי געוואָהר געוואָרען, אז ר׳ אליעזר׳ס פאָטער איז געקומען, האָט ער איהם געהייסען אָפּגעבען כבוד צוליעב זיין זוהן און אוועקזעצען איהם צווישען די גרעסטע פּונ׳ם פאָלק — און ר׳ אליעזר׳ן האָט ער געהייסען דרש׳נען יענעם שבת.

האָט זיך דער אַלטער הורקנוס זעהר פארוואונדערט, ווען ער האָט געזעהען, אז זיין זוהן, וועלכער איז פריהער געווען אַן עם־הארץ, שטעהט יעצט פאר׳ן נשיא צוזאַמען מיט אַלע חכמים און ער דרש׳נט פאר זיי. האָט דער פּנים זיינער אויפגעלייכט פון אַן אינעוויינינגסטען פארגעניגען. דערנאָך איז ער נאָך מעהר איבערראַשט געוואָרען, ווען ער האָט געזעהען, ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האָט איהם א קוש געטהון אין קאָפּ, זאָגענדיג דאַביי: ״אז וואויל איז צו די הייליגע אבות, אברהם, יצחק ויעקב, וואָס אזא איינער איז פון זיי ארויסגעקומען״ (אבות דר׳ נתן פרק ו׳, בראשית רבה פרשה מ״ב).

נאָכ׳ן ענדיגען די דרשה האָט זיך ר׳ אליעזר אומגעקוקט איבער׳ן בית־המדרש און ער האָט דערזעהען, ווי זיין פאָטער שטעהט צווישען דעם פאר־זאַמעלטען עולם. איז ער גיך צוגעלאָפען צו איהם און ער האָט געזאָגט: ״איך קען נישט זאָגען קיין תורה, ווען איך זעה מיין פאָטער שטעהען!״

האָט זיך הורקנוס דאַן אוועקגעשטעלט אויף א באַנק און אָפּגעגעבען אַן עפענטליכע ערקלערונג: ״זייט וויסען, רבותי, אז איך בין געקומען קיין ירושלים מיט דער באַזונדערער כוונה, אָפּצוזאָגען זיך פון מיין זוהן אליעזר און איהם צו דערווייטערען פון דער ירושה נאָך מיין טויט. אזוי ווי איך זעה אָבער די גרויסע חשיבות זיינע ביי אַלע אונזערע חכמים, וועל איך איהם אין מיין צוואה געבען צוויי חלקים אקעגען זיינע אנדערע ברידער!״

אויף דעם האָט ר׳ אליעזר געענטפערט, אז ער האָט נישט קיינמאָל גע־בעטען ביי גאָט וועגען פעלדער אָדער וועגען גאָלד און זילבער, נור וועגען תורה. וועט ער דאַדורך נישט נעהמען מעהר פון דער ירושה, ווי יעדער פון זיינע ברידער וועט באַקומען... (זעה אבות דר׳ נתן פרק ו׳ הלכה ג׳ און מדרש תנחומא פ׳ לך).

בטבע איז ר׳ אליעזר געווען אַן עקשן און ער איז אויך געווען א בייזער, ווי עס פּאַסט זיך פאר א מענשען, וועלכער וויל געהן אין שמאי׳ס דרכים. האָט ער נישט געוואָלט ליידען, ווען זיינער א תלמיד האָט זיך ערלויבט, צו זאָגען א מיינונג וועגען א דין אין זיין געגענוואַרט. האָט דאָס אָבער איינער פון זיינע תלמידים טראָצדעם אמאָל געטהון, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט צו זיין פרוי: ״עס וועט מיך וואונדערען, ווען דער דאָזיגער מענש וועט דאָס היינ־טיגע יאָהר איבערלעבען!״ — און עס איז טאַקי אזוי געשעהען, אז יענער מענש איז אין דעמזעלבען יאָהר געשטאָרבען.

האָט ר׳ אליעזר׳ס פרוי צו איהם געזאָגט: ״ביזטו דען א נביא, וואָס דו האָסט געטראָפען?״ — האָט ער איהר געענטפערט: ״איך בין נישט קיין נביא און נישט דער זוהן פון א נביא. איך האָב אָבער א קבלה פון מיין רבי׳ן,

אז ווער עס פסקנ'ט א דין אין געגנוואַרט פון זיין רבי'ן, איז חייב מיתה" (ערובין דף ס"ג עמוד א').

און ווען ר' אליעזר איז קראַנק געוואָרען, איז ר' עקיבא צוזאַמען מיט אנדערע חברים געגאַנגען איהם מבקר-חולה זיין. איז דאַן ר' אליעזר געזעסען אין זיין גאָרטען-ביידעל און די געסט האָבען זיך אוועקגעזעצט פיער איילען ווייט פון איהם. האָט ער זיי געפרעגט: "צו וואָס זייט איהר געקומען?" — האָבען זיי געענטפערט: "מיר זיינען געקומען ביי דיר לערנען!"

האָט ער זיי געפרעגט: "און פאַרוואָס זייט איהר ביז יעצט נישט געקומען קיינמאָל צו מיר?" — האָבען זיי געזאָגט: "מיר האָבען נישט געהאַט קיין צייט!"

"טאָ אויב איהר האָט נישט געהאַט קיין צייט, צו קומען צו מיר ביז היינט" — האָט ער דאַן געזאָגט — "וועט עס מיך וואונדערען, אויב איהר וועט שטאַרבען מיט אייער אייגענעם טויט!"

האָט איהם ר' עקיבא געפרעגט: "און איך?" — האָט ער איהם געענטפערט: "דיין טויט וועט זיין א שווערערער ווי זייערער!"...

איז טאַקי פון דעם אַלעמען צו זעהן, אז ר' אליעזר האָט קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען עס האָט איהם אימיצער אָנגעטרעטען אויף זיין כבוד. איטליכער האָט אויך געוואוסט, אז ער איז נישט קיין "מעביר על מדותיו", ווי דאָס פלעגט אָנגערופען ווערען אין דער גמרא.

ווערד ווענען דעם דערצעהלט, אז ער האָט זיך אמאָל אוועקגעשטעלט פאַר'ן "עמוד" ביים דאַווענען, בעטען אויף רעגען, האָט ער געזאָגט 24 ברכות און דער רעגען איז אַלץ נישט געקומען. האָט זיך דערנאָך ר' עקיבא אוועקגעשטעלט און האָט בלויז געזאָגט: "אבינו מלכנו, אין לנו מלך אלא אתה! אבינו מלכנו, עשה למענך ורחם עלינו!" — האָט דאַן באַלד אָנגעהויבען רעגענען. האָבען די חכמים מתרעם געווען ווענען דעם. איז אַרויסגעקומען א בת-קול פונ'ם הימעל, וועלכעס האָט געזאָגט: "נישט ר' עקיבא איז גרעסער פון ר' אליעזר, נור ר' עקיבא איז א מעביר על מדותיו און ר' אליעזר איז דאָס נישט!" (תענית דף כ"ה עמוד ב').

פון ר' אליעזר'ס מאָראַלישע "ווערטלעך", וועלכע ער פלעגט תמיד זאָגען, זיינען פאַרבליבען די פאָלגענדע סענטענצען: "זאָל דער כבוד פון דיין חבר דיר זיין אַזוי ליעב ווי דיין אייגענער כבוד. זאָלסט אויך נישט זיין גרינג צו דערצערנען. קעהר זיך אום פונ'ם שלעכטען וועג איין טאָג בעפאָר דיין טויט. זאָלסט זיך וואַרעמען נעגען דעם ליכט פון די חכמים. דאַרפסט אָבער זיין געוואָרענט נעגען זייערע קוילען, דו זאָלסט זיך נישט אָפּבריהען, ווייל זייער ביס איז דער ביס פון א פוקס, זייער שטאָך איז דער שטאָך פון אַן עקדיש, זייער סיטשען איז ווי דאָס סיטשען פון א ברענענדיגער שלאַנג און אַלע זייערע ווערטער זיינען ווי פייערדיגע קוילען" (אבות פרק ב' משנה י').

און ווען ר' אליעזר איז קראַנק געוואָרען און זיינע תלמידים זיינען איהם געקומען באַזוכען, האָבען זיי איהם געבעטען, ער זאָל זיי נאָך באַלעהרנען, וואָס זיי זאָלען טהון אינ'ם לעבען, כדי צו קענען זוכה זיין צו "חיי עולם הבא". האָט ער זיי געגעבען א פאַרטזעצונג צו זיינע פריהערע מאָראַלישע סענטענצען און ער האָט געזאָגט: "זייט געוואָרענט ווענען דעם כבוד פון אייערע חברים און לאָזט נישט אייערע קינדער אַריינטראַכטען אין לאָגישע שלוסען *). איהר

---

*) אין זיין צוואה צו די תלמידים האָט ר' אליעזר באַנוצט די ווערטער "מנעו בניכם מן ההגיון" (ברכות דף כ"ח עמוד ב'), זאָגט דאָרט רש"י, אז דאָס מיינט, מען זאָל די קינדער נישט לאָזען לערנען קיין נ"ך, אַנדערע מפרשים טייטשען אָבער ווי מיין טייטש, אז מען טאָר זיך נישט צו-פיעל אַריינטראַכטען אין לאָגישע שלוסען.

דארפט זיי אָבער תמיד האַלטען אויף די קניהען פון תלמידי־חכמים. און ווען איהר וועט דאַוונען, זאָלט איהר וויסען, פאַר וועמען איהר האָט זיך אוועק־געשטעלט — און אַט דערפאַר וועט איהר זוכה זיין צו חיי עולם הבא"...

שפעטער האָט ער אויפגעהויבען זיינע הענד צום אויבערשטען און ער האָט געזאָגט: "איך האָב זעהר פיעל געלערנט פון מיינע רבי'ס און זעהר פיעל האָב איך אויך פון אַנדערע געלערנט. האָב איך ביי מיין לערנען פון מיינע רבי'ס נישט אוועקגענומען אפילו אַזוי פיעל ווי אַ הונד קען אָפּלעקען וואַסער פונ'ם ים און מיינע תלמידים האָבען אַזוי פיעל גענומען, ווי עס נעמט זיך אָן, ווען מען טונקט איין אַ פּענסיל אין אַ רעהרעל".

און ווען די נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען, האָט זיך ר' יהושע בן חנניה אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטהון: "יעצט איז דער נדר מותר געוואָרען!" — אַזוי ווי זיי האָבען פריהער אין דער מחלוקה אַ נדר געטהון, נישט צו קומען אין זיינע ד' אמות, האָבען זיי געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער איז געשטאָרבען, האָט יענער נדר נישט מעהר קיין גילטיגקייט.

פון דעם דאָזיגען זאָג איז צו זעהען, אַז די אָפּזונדערונג פון ר' אליעזר איז נישט געווען קיין "חרם", נור בלויז אַ "נדר" פון די חכמים. מען וואָלט איהם זאָנסט זיכערליך נישט געלאָזען פיהרען אַ באַזונדערע ישיבה און די תלמידים זיינע וואָלטען נישט געהאַט די באַדייטונג זייערע, וועלכע איז געווען דיעזעלבע ווי די באַדייטונג פון די תלמידים, וואָס האָבען געלערנט אין יבנה. און ווען ר' גמליאל איז געשטאָרבען, האָט ר' אליעזר געשיקט אַלע זיינע תלמידים פון לוד קיין יבנה, זיי זאָלען זיין אַנוועזענד צו טרויערען ביי דער קבורה (זעה מבוא לפרקי דר' אליעזר פון ר' דוד לוריא).

נאָכ'ן טויט פון ר' אליעזר, ווערד אויך דערצעהלט, איז ר' עקיבא געגאַנגען פון צעזאַרעא קיין לוד, צו קומען צו דער קבורה, און דעם גאַנצען וועג האָט ער זיך אַזוי שטאַרק געשלאָגען, אַז דאָס בלוט איז גערונען פון זיין לייב. דערנאָך איז ר' יהושע בן חנניה אריינגעקומען אין ר' אליעזר'ס בית־המדרש, וואו עס האָט זיך געפונען אַ שטיין, אויף וועלכען ר' אליעזר פלעגט זיצען ביים לערנען. האָט ר' יהושע דעם דאָזיגען שטיין דערזעהען, האָט ער איהם אַ קוש געטהון און געזאָגט: "אַט דער שטיין איז גלייך ווי דער באַרג סיני, און דער וואָס איז אויף איהם געזעסען איז גלייך ווי דער ארון הברית" (שיר השירים רבה פרשה א' פיסקא כ').

אין יענער צייט האָבען אידען געהאַט פיעל צו קעמפּפען געגען "עבודה־זרה". אַזוי ווי דער בית־המקדש איז חרוב געווען און עס זיינען בטל געוואָרען די קרבנות, האָבען פיעלע אידען געגלויבט, אַז דער אויבערשטער האָט שוין אוועקגענומען זיין חסד פונ'ם אידישען פאָלק און ער וויל זיי נישט מעהר קענען. האָבען זיי זיך צוליעב דעם געוואָלט ווענדען צו אַנדערע געטער. האָט ר' אליעזר געדונערט געגען אַזעלכע אָפּטריניגע — און אין זיין קאַמפּף געגען יעדען מין געצענדיענסט האָט ער געהאַלטען, אַז מען דאַרף אַלסדינג אויס־רייסען מיט'ן וואָרצעל. און טאָמער וועט זיך געפינען אַ ספר־תורה אין אַ הויז פון עבודה־זרה, טאָר מען עס נישט באַהאַלטען, און אַזוי ווי מען טאָר עס אויך נישט אוועקוואַרפען, דאַרף מען עס פאַרברענען.

פון אַ געוויסער שטעלע אין מסכת עבודה זרה (דף ט"ז עמוד ב') איז צו זעהען, אַז עס איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ פריינדליכע באַגעגעניש צווישען ר' אליעזר און מאַנכע פון די ערשטע קריסטען. די ידיעות וועגען דעם זיינען אפילו נישט קלאָרע, ווייל עס שטעהט דאָרט בלויז, אַז ר' אליעזר איז געכאַפּט געוואָרען וועגען מינות (נתפס למינות) און ער איז אויך געשטעלט געוואָרען וועגען דעם צום משפט, ווייל די רוימישע רעגירונג האָט דאַמאָלס דאָס קריס־

טענטום שטארק פארפאָלגט. און ווען ר׳ אליעזר איז דאַן אָפּגעראַטעוועט געוואָרען פון׳ם משפּט, האָט ער זיך נישט געוואָלט לאָזען טרייסטען — און ער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט זיך אַמאָל אין צפורי באַגעגענט מיט איינעם פון זייער חברה, יעקב איש כפר סכניא, וועלכער האָט איהם געזאָגט עפּיס אַ ווערטעל און ער האָט דערפון הנאה געהאַט, האָט איהם דער אויבערשטער דערפאַר געשטראָפט און ער איז געהאַפּט געוואָרען אַלס אַ סימפּאַטיקער פון קריסטענטום...

חאָטש ר׳ אליעזר בן הורקנוס איז לאַנגע יאָהרען געווען אָפּגעזונדערט פון יבנה און פון די דאָרטיגע תלמידי־חכמים, זיינען פון דעסטוועגען נאָך איהם פאַרבליבען פיעל צעהנדליגנער מאמרים אין הלכה גלייך ווי אין אגדה. עס זיינען אויך נאָכדערצעהלט געוואָרען וועגען ר׳ אליעזר דיזעלבע מעלות, וועלכע זיינען פריהער געזאָגט געוואָרען וועגען ר׳ יוחנן בן זכאי.

און ווען ר׳ אליעזר איז קראַנק געוואָרען צום שטאַרבען, זיינען צו איהם אריינגעקומען די פיער עלטעסטע פון׳ם אידישען פאָלק: ר׳ טרפון, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ אלעזר בן עזריה און ר׳ עקיבא. האָבען זיי אָנגעהויבען איהם טרייסטען אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען.

האָט ר׳ טרפון געזאָגט: ״דו ביזט געווען פאַר אידען בעסער ווי דער רעגען!״ — האָט ר׳ יהושע געזאָגט: ״דו ביזט געווען פאַר אידען בעסער ווי די זון!״ — האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט: ״דו ביזט פאַר אידען געווען בעסער ווי אַן אייגענע טאַטע־מאַמע!״ — און ווען ר׳ עקיבא האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, האָט ר׳ אליעזר שטאַרקער צוגעבויגען זיין אויער און ער האָט געזאָגט צו די ארומיגע מענשען: ״לאָמיר אָקאָרשט הערען, וואָס ר׳ עקיבא האָט צו זאָגען וועגען מיר!״ — האָט ר׳ עקיבא אַ זאָג געטהון: ״דאָס ליעבסטע אויף דער וועלט זיינען יסורים!״...

דערנאָך זיינען געקומען ר׳ אליעזר׳ס תלמידים. האָט זיי ר׳ אליעזר געזאָגט: ״ס׳איז אויסגעגאַנגען אַ גרויסער צאָרן אויף דער וועלט!״ — האָבען די תלמידים אָנגעהויבען וויינען און ר׳ עקיבא האָט געשמייכעלט.

האָבען די תלמידים געזאָגט: ״איז מעגליך, נישט צו וויינען, ווען מען זעהט, ווי אַ ספר תורה וואַלגערט זיך אין יסורים?״ — האָט ר׳ עקיבא אויף דעם געענטפערט: ״טאַקי וועגען דעם לאַך איך! וואָלט מיין רבי נישט געהאַט קיין יסורים, וואָלט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין געקראָגען דעם שכר פון זיינע מעשים אויף דער וועלט. האָט ער אָבער יסורים, זעה איך, אַז די באַלויהנונג פאַר זיינע גוטע מעשים וואַרט אויף איהם און ער וועט זי קריגען אויף יענער וועלט!״...

באַזונדערס געריהמט איז ר׳ אליעזר געווען צוליעב זיין גענויאיגקייט מיט די ידיעות, וועלכע ער האָט געקראָגען ביי זיין רבי׳ן. ער פּלעגט אויך זאָגען, אַז דער מענש איז מחויב, צו לערנען יעדע זאַך מיט זיין תלמיד פיער מאָל, גלייך ווי מען פּלעגט דאָס טהון אין דער מדבר, וואו אַלע אידען האָבען געלערנט ביי די זקנים און די זקנים האָבען געלערנט ביי אהרן הכהן, וועלכער האָט געלערנט אַלסדינג ביי משה רבנו, און משה רבנו האָט אַלסדינג געלערנט ביים אויבערשטען אַליין. דאָס לערנען די תורה איז אויך אַזוי גרויס, אַז מען טאָר נישט דערפון קיינמאָל מבטל זיין. אפילו אים יום־טוב דאַרף אַ מענש ווידמען זיין צייט צום לערנען, ווייל נור אַן עם־הארץ ווידמעט זיין יום־טוב צו וועלטליכער שמחה, אָבער אַ תלמיד־חכם דאַרף אים יום־טוב בלויז זיצען און לערנען, און ווען איינער עסט און טרינקט אים יום־טוב, איז דאָס אויך נור, כדי צו האָבען מעהר כח צו לערנען.

און ווי גרויס עס איז געווען די באַדייטונג פון ר׳ אליעזר׳ס לערנען, האָט אלישע בן אבויה אַמאָל דערצעהלט, אַז ווען עס איז געווען דער טאָג פון זיין

"ברית", האָט דער פֿאָטער זיינער צונויפגערופן צו דער שמחה אַלע גרעסטע מענשען פון יענער ציט, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען ר' אליעזר און ר' יהושע. איז נאָך דעם ווי מען האָט געגעסען און געטרונקען, האָט מען אָנגעהויבען זינגען פאַרשיעדענע געזאַנגען און מען האָט זיך אויך געשפּיעלט אין "אלף בית'ן", ווי איינער האָט אָנגעהויבען אַ פּסוק פון תנ"ך מיט אַן אל"ף און דער צווייטער האָט איהם געדאַרפט ענטפערען מיט אַ בי"ת און אַזוי ווייטער. האָט ר' אליעזר געזאָגט צו ר' יהושע: "אָט די גיבען זיך אָפּ מיט זייערס, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר זיך נישט אָפּגעבען מיט אונזערס?"... האָבען זיי אָנגעהויבען בײדע לערנען פאַרשיעדענע פּירושים אויף דער תורה. האָט זיי דאָס דאָזיגע לערנען אַזוי גוט געשמעקט, גלייך ווי דאָס וואָלט ערשט יעצט געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני. איז דאַן אַרונטערגעקומען אַ פייער פונ'ם הימעל און עס האָט זיי אַרומגערינגעלט. איז אלישע'ס פאָטער צו זיי צוגעקומען און ער האָט צו זיי געזאָגט: "וואָס טהוט איהר? איהר ווילט מיר דאָך נישט מיין הויז פאַרברענען?" — האָבען זיי איהם געזאָגט: "מיר האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט פאַרשיעדענע נייע אויסטייטשונגען פון דער תורה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען צו אידען אין פייער"... האָט דאַן אבויה געזאָגט: "ווען דער כח פון דער תורה איז אַזוי גרויס, איז ווען דער זוהן מיינער וועט לעבען, וועל איך איהם ווידמען צום לערנען!"...

גאַנץ איינגענאַרטיגע מיינונגען האָט ר' אליעזר געהאַט וועגען דאַווענען. ווער עס מאַכט זיין דאַווענען אין אַ באַשטימטער ציט מיט אַ באַשטימטען נוסח — האָט ער געזאָגט — איז זיין תפלה נישט מעהר ווי אַ געוואוינהייטסגערײדעכץ און עס קען נישט קומען פונ'ם האַרצען. אין געגענזאַץ צו רבן גמליאל האָט ער נישט אָנערקענט די פליכט פון זאָגען "שמונה עשרה" און ער האָט געמאַכט אַ קורצע תפלה. איז אַמאָל געווען אַ תלמיד, וועלכער האָט געדאַווענט פאַר'ן עמוד און ער האָט מקצר געווען די ברכות, האָבען די אַנדערע חברים אָפּגעלאַכט פון איהם, האָט ר' אליעזר געזאָגט: "וויפיל ער האָט געקירצט אין די ברכות, האָט ער אַלץ נישט אַזוי פיעל מקצר געווען ווי משה רב;נו, וועלכער האָט געבעטען פאַר דער היילונג פון זיין שוועסטער אין פינף ווערטער (אל נא רפא נא לה)". און האָט אַמאָל אַן אַנדערער תלמיד מאריך געווען אין די ברכות, האָט מען וועגען איהם געזאָגט: "זעה נור, ווי לאַנג ער ציהט זיינע תפלות!" — האָט ר' אליעזר אויף דעם געזאָגט: "ער ציהט די תפלות נישט לענגער ווי משה רבינו האָט געצויגען זיינע תפלות, ווען ער האָט געבעטען צו גאָט גאַנצע פערציג טעג". דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט: "פאַרהאַנען אַ ציט מקצר צו זיין אין די תפלות און פאַרהאַנען אַ ציט מאריך צו זיין. דער עיקר איז בלויז צוצוטרעפען די ציט"...

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט וועגען דעמזעלבען עני;, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבנו: "וואָס שרייסטו צו מיר? זאָג צו די אידען, זיי זאָלען געהען ווייטער!" האָט דער אויבערשטער געמיינט צו זאָגען: "מיינע קינדער זיינען אין אַ צרה, דער ים האָט פאַרשלאָסען פאַר זיי דעם וועג צו אַ ווייטערען לויפען און דער שונא יאָגט, דאַרף מען טראַכטען וועגען רעטונג און עס איז איבריג, צו שטעהען אין אַזאַ ציט פאַרטיעפט אין בעטען. זאָג אַלזאָ צו די אידען, זיי זאָלען נישט אויף גאָר קוקען, נור געהען ווייטער!"...

ווי אַלע זיינע ציטגענאָסען האָט ר' אליעזר שטאַרק געטרויערט איבער דעם גרויסען אומגליק פונ'ם חורבן, וועלכען ער האָט געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען — און ער פלעגט זאָגען: "אונזערע עלטערען האָבען געלאָזט אַוועקנעהמען דעם באַלקען פון אונזער היילינקייט און מיר האָבען געלאָזט אַרונטעררייסען די ווענד, ווייל יעדער דור, וואָס דער בית־המקדש איז נישט צוריק אויפגעבויט אין זיין ציט, איז דאָס גלייך ער וואָלט אַליין געווען באַ־

טייליגט אין דער צושטערונג"... ער פלעגט אויך זאָגן, אַז דער אויבערשטער אַליין זיצט יעדע נאַכט דריי מאָל און ברומט כביכול ווי אַ לייב וועגן דעם חרוב'ן בית־המקדש, זאָגענדיג: "וועה איז מיר, וואָס איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז און איך האָב פון דאָרט אַרויסגעטריבען מיינע קינדער!"

אין יענער צייט האָט געהערשט צווישען די שכנ'ישע פעלקער פון ארץ־ישראל אַ שטרעבונג צום מגייר־זיין. טראָצדעם וואָס אידען זיינען דאַמאָלס געווען פּאָליטיש אָהן יעדער באַדייטונג, האָבען זיך די גוים צו זיי געשטופּט. צוגעצויגען צו דער אידישער אמונה האָט זיי וואהרשיינליך די מערקווירדיגע עקשנות, מיט וועלכער אידען האָבען זיך געהאַלטען ביי זייער גלויבען. זאָגסט איז דאַמאָלס נישט געווען קיין איינציגער ליכטיגער פונקט אינ'ם אידישען לעבען. דערצו פלעגט מען נאָך געוואַלדיג אָפּשרעקען יעדען גוי, וואָס האָט זיך געוואָלט מגייר זיין. מען פלעגט איהם זאָגען: "וואָס איז דיר עפּים איינגעפאַלען, דו זאָלסט דיך וועלען מגייר זיין? ווייסטו דען נישט, אַז אידען זיינען היינטיגע צייטען געפּלאָגט און געיאָגט אין יעדען ווינקעל? דערצו איז נאָך דאָס אידישקייט זעהר שווער צו האַלטען, איבערהויפּט פאַר איינעם, וואָס איז צו אַזעלכע שוועריגקייטען נישט צוגעוועהנט"...

פון דעסטוועגען האָבען זיך פיעלע גוים נישט געלאָזט אָפּשרעקען און עס זיינען זאָגאַר צווישען די העכסטע פאָלקסקלאַסען אין רוים געווען מענשען, וואָס האָבען זיך מגייר געווען. האָט מען געדאַרפט מאַכען באַזונדערע איינפיהרונגען פאַר די דאָזיגע נייע אידען. ווי לאַנג דער בית המקדש איז געשטאַנען, פלעגט מען לאָזען וואוינען אין ארץ ישראל גוי'שע מענשען, וואָס האָבען אויף זיך גענומען אָפּצוהיטען די "שבע מצות בני נח" און מען האָט אַזאַ מענש גערופען "גר תושב". שפּעטער, ווען דער בית־המקדש איז נישט מעהר געשטאַנען, האָט מען בלויז אַזעלכע מענשען אָנגענומען אַלס גרים, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען אָפּצוהיטען דאָס גאַנצע אידישקייט אין אַלע איינצעלהייטען. לאַכט פון זיי דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס, זאָגענדיג: "ס'איז פּשוט נישט צו באַגרייפען, וואָס עס איז אייגענטליך געשעהען צו פאַרשיעדענע פּראָמינענטע רוימער, וואָס זיי האָבען זיך פּלוצים אָנגענומען מיט אידישע געדאַנקען, צו שניידען זייער פלייש און צו אָפּלייקענען דעם גלויבען אין די געטער פון זייערע עלטערען".

קייזער דאָמיציאַן האָט דאַן אַרויסגעגעבען באַזונדערע געזעצע געגען גוים, וואָס נעהמען אָן די אידישע אמונה, און דער רוימישער סאַטיריקער יואווענאַל האָט געשטאָכען מיט דער שאַרפער שפּיץ פון זיין פעדער אַלע יענע רוימער, וועלכע לעהרנען זייערע קינדער עהרען אַ גאָט פון גאָלע גייסטיגקייט, וואָס קיינער זעהט איהם נישט און ער האָט אויך נישט גענוג כח, צו באַשיצען זיין פאָלק. איז דאַדורך די איינציגע זאָרג זיינע, די מענשען זאָלען האַלטען שבת און נישט עסען קיין חזיר־פלייש.

איינע פון די דאָזיגע "גרים" איז געווען אַ רייכע רוימערין מיט'ן נאָמען בלוריא, וועלכע האָט גוט געלערנט תנ"ך און זי האָט אויך כסדר געפרעגט קשיות ביי רבן גמליאל אָדער ביי זיינע תלמידים. אַן אַנדערער גר איז געווען עקילס (אָדער אונקלוס), אַן אָפּשטאַמער פון דער קייזערליכער פאַמיליע, וועלכער האָט איבערזעצט די תורה אין גריכיש, ווייל די "סעפּטואַגינטאַ" (דער "תרגום השבעים") איז שוין דאַמאָלס געווען קאַליע דורך פאַרשיעדענע פעלשונגען אין זיין אינהאַלט. האָט ר' אליעזר און ר' יהושע געגעבען זייער הסכמה צו דער דאָזיגער איבערזעצונג און אַן אַרמ'שע איבערזעצונג פון יענער גריכישער איבערזעצונג געפינט זיך אין אונזערע הענד ביז צום היינטיגען טאָג, באַקאַנט אַלס "תרגום אונקלוס".

טראָצדעם האָט ר' אליעזר נישט געהאַלטען פון די אַלע גרים און ער האָט

געזאָגט, אַז מען דאַרף ביי אַ גר שטענדיג מורא האָבען, טאָמער וועט ער צוריקגעהן צו די גוים. און ווען ר' אליעזר האָט געזעהען, אַז די גרים האָבען פיעל צו ליידען פון די רוימישע געזעצע, האָט ער געזאָגט: "פאַר וואָס זיינען די גרים היינטיגע צייטען פאַרפאָלגט און זיי האָבען צו ליידען אַזוי פיל יסורים? איז דאָס דערפאַר, ווייל זיי ווייזען נישט אַרויס קיין ליעבע צו אידישקייט, נור עפּיס אַ מין אומדערקלערליכע מורא"...

ווי עס איז שוין דערמאָנט, האָט ר' אליעזר געזאָגט, אַז מען דאַרף תשובה טהון איין טאָג פריהער איידער מען שטאַרבט. האָבען איהם די תלמידים גע־פרעגט: "ווי קען אַ מענש וויסען, אין וועלכען טאָג ער וועט שטאַרבען?" — האָט זיי ר' אליעזר געענטפערט: "אָט דאָס טאַקי מיין איך, אַז יעדער מענש דאַרף היינט תשובה טהון, טאָמער וועט ער מאָרגען שטאַרבען. און אַזוי ווי אַ מענש ווייסט נישט, ווען ער וועט שטאַרבען, דאַרף ער צוליעב דעם יעדען טאָג פון זיין לעבען תשובה טהון".

ר' אליעזר האָט געהאַלטען, אַז אַ שווערד, אַ שפּיעז און אַ פייַלענבויגען זיינען ציערונגען פון אַ מאַן און מען מעג זיי האַלטען אויף זיך ביים אַרויס־געהען אויף דער גאַס אים שבת. ער איז געווען אַ גענגער פון לערנען תורה מיט אַ מיידעל און ער פלעגט זאָגען, אַז ווער עס לעהרנט תורה צו זיין טאָכ־טער, איז דאָס גלייך ער וואָלט זי געלערענט נאַרישקייטען. ער איז געווען פאַר הרג'נען אַ ווילדע חיה, ווען מען באַגעגענט זי נור, אָהן יעדער אורזאַך, אַנשטאָט וואָס אַנדערע חכמים האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף אַזאַ חיה צוערשט פאַראורטיילען אויפ'ן יסוד פון אַן עולה, וואָס זי האָט פריהער באַגאַנגען. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ווער עס עסט ברויט פון אַ גוי, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געגעסען חזיר־פלייש.

אין זיינע ערקלערונגען צו די געשעהענישען, וואָס זיינען באַשריבען אין דער תורה, האָט ר' אליעזר אָפטמאָל געגעבען "פאָעטישע" אויסטייטשונגען, אין וועלכע ער האָט אויסגעפּוצט די ערצעהלונגען מיט גרעסערע וואונדער, ווי די תורה באַשרייבט.

ווען די תורה דערצעהלט וועגען צעהן מכות, וואָס דער אויבערשטער האָט געשיקט אויף מצרים, איידער זיי האָבען אַרויסגעלאָזט די אידען, זאָגט ר' יוסי הגלילי, אַז ווען די מצריים זיינען געשלאָגען געוואָרען אין מצרים מיט צעהן מכות, וואו עס שטעהט "אצבע אלהים", זיינען זיי געשלאָגען געוואָרען ביים ים מיט 50 מכות, ווייל ס'שטעהט דאָרט "וירא ישראל את היד הגדולה", מיינט דאָס, אַז ווען זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען מיט איין פינגער, איז דערפון געוואָרען צעהן מכות, זיינען זיי מיט דער גאַנצער האַנד געשלאָגען געוואָרען פינף מאָל אַזוי פיעל. איז דאָס פאַר ר' אליעזר צו ווייניג, האָט ער נאָך אויס־געפונען אַ פּסוק, לויט וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז יעדע מכה, וואָס דער אויבערשטער האָט אָנגעשיקט אויף די מצריים, איז באַשטאַנען פון פיער מכות, הייסט דאָס, אַז זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען אין מצרים מיט פערציג מכות און ביים ים זיינען זיי געשלאָגען געוואָרען פינף מאָל אַזוי פיעל, דאָס הייסט: מיט צוויי הונדערט מכות.

ר' אליעזר האָט אויך געזאָגט, אַז די וואונדערליכע ערשיינונגען, וואָס אי־דען האָבען געזעהען ביים ים, זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז אַ שקלאַפין האָט דאָרט מעהר געזעהען, ווי עס האָט אַמאָל געזעהען יחזקאל און אַלע אַנדערע נביאים. אַזוי ווי משה האָט געזאָגט אין זיין שירה: "זה אלי ואנוהו", איז דאָס אַ סימן, אַז יעדער האָט דאָרט געזעהען דעם אויבערשטען פערזענליך.

וועגען מן זאָגט ר' אליעזר, אַז ער איז געפאַלען צוויי איילען הויך פון דער ערד, און ווען עס האָבען איהם די אידען געקליבען, האָבען זיי גענומען פון אויבען, נישט פון דער ערד. איידער דער מן איז נעפאַלען — האָט ר'

רבי אליעזר בן הורקנוס

אליעזר געזאָגט — פלעגט קומען אַ צפון'דיגער ווינד, וועלכער האָט אויסגעקעהרט דעם מדבר פון זאַמד. דערנאָך איז געקומען אַ רעגען, וועלכער האָט אָפּגעוואַשען די ערד. דערנאָך ערשט איז אַרונטערגעפאַלען אַ טוי, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט ווי אַ טישטוך און אויף איהם איז געפאַלען דער מן.

ביים באַרג סיני זאָגט דער פסוק, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהען, זאָגט אויף דעם ר' אליעזר, אַז עס איז נישט געווען דאַמאָלס צווישען אידען קיין איינציגער בלינדער. שטעהט דאָרט ווייטער אין פסוק, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט אינאיינעם געענטפערט, זאָגט ר' אליעזר, אַז עס איז נישט געווען צווישען זיי קיין איינציגער שטומער. און אַזוי ווי זיי האָבען דאַמאָלס געזאָגט "מיר וועלן הערען און מיר וועלען טהון". איז דערפון געדרונגען, אַז עס איז נישט געווען דאַמאָלס צווישען זיי קיין איינציגער טויבער. און ווען דער פסוק זאָגט ווייטער, אַז זיי האָבען זיך אָוועקגעשטעלט אונטער'ן באַרג, איז דערפון צו זעהען, אַז עס איז נישט געווען דאַמאָלס צווישען זיי קיין איינציגער קרומער.

ר' אליעזר האָט זעהר הויך געהאַלטען די ווערדע פון שבת — און ווער עס היט אָפּ דעם שבת, ווי עס געהער צו זיין, פלעגט ער זאָגען, וועט שפּעטער אָפּגעראַטעוועט ווערען פון דריי מינים שטראָפען: פון יסורים ביים אָנקומען פון משיח, פון מלחמת גוג ומגוג און פון'ם גרויסען "יום הדין".

און ווען עס איז גערעדט געוואָרען וועגען דעם חוב פון "כבוד אב", האָט ר' אליעזר דערצעהלט אַ מעשה פון איינעם אַ גוי מיט'ן נאָמען דמא בן נתינה, וועלכער האָט געהאַט צו פאַרקויפען איידעלשטיינער פאַר'ן "אפוד", וואָס זיינען ווערטה געווען זעקס מאָל הונדערט טויזענד שקלים. און ווען די כהנים זיינען געקומען, די דאָזיגע איידעלשטיינער קויפען, האָט דמא'ס פאָטער געשלאָפען און די שליסלען צום קאַסטען, וואו די איידעלשטיינער זיינען געלעגען, זיינען געווען אונטער זיין צו־קאָפּענס. האָט דמא נישט געוואָלט דעם פאָטער וועקען, האָטש ער האָט געדאַרפט ליידען צוליעב דעם אַ גרויסען שאָדען. ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ר' אליעזר געזאָגט, אַז דער כבוד פון טאַטע'ן דאַרף זיין אַזוי שטאַרק, אַז ווען מען זעהט אפילו דעם טאַטע'ן וואַרפען אַ בייטעל געלד אין ים אַריין, זאָל מען איהם נישט איבערפרעגען, צו וואָס ער האָט דאָס געטהון...

רבי יהושע בן חנניה

תמיד, ווען מען האָט זיך גענומען צונויפשטעלען א צעטעל פון ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס חשוב׳ע תלמידים, פלעגט מען אוועקשטעלען אויף׳ן צווייטען אָרט — רבי יהושע בן חנניה.

ר׳ יוחנן בן זכאי פלעגט איהם רופען א ״דריי מאָל געדרעהטער פאָדים״ (בעל חוט המשולש), ווייל ער האָט אין זיך פאראייניגט תורה, חכמה און יראת־שמים. ביי אַן אנדערער געלעגענהייט האָט ר׳ יוחנן בן זכאי וועגען איהם געזאָגט, אַז ״וואויל איז צו דער מאמע, וואָס האָט אזא זוהן געבוירען״. די מוטער זיינע האָט זיך אויך דעם דאַזיגען לויב גאַנץ גוט פאַרדינט, ווייל איידער זי האָט איהם נאָך געבוירען, פלעגט זי ארומגעהן איבער די בתי מדרשים, איינצוזאַפּען אין זיך די היילינע ווערטער פון דער תורה, וועלכע זאָלען דאַן האָבען אַן איינפלוס אויף איהר קינד, וואָס זי האָט דאַמאָלס גע־טראָגען אונטער איהר הארץ — און ווען יהושע איז דערנאָך געוועזען א קינד אין וויעגעל, פלעגט זי איהם ברענגען מיט׳ן וויעגעל אין בית־המדרש אריין, אַז דאָס אויער זיינס זאָל זיך אָנזאַפּען מיט תורה (ירושלמי יבמות פרק א׳ הלכה ו׳).

אין די ערשטע צייטען פון ר׳ יהושע׳ס טהעטיגקייט איז דער בית־המקדש אין ירושלים נאָך געשטאַנען און ער האָט דאָרט געדיענט אַלס ״לוי״ צווישען די זינגערס. ער פלעגט אויך שפּעטער דערצעהלען, ווי עס האָט אַמאָל אויס־געזעהען די ״שמחת בית־השואבה״, וועלכע איז דאַן געפייערט געוואָרען מוצאי יום־טוב פונ׳ם ערשטען טאָג סכות, ווי עס האָט דאַמאָלס קיינעם נישט געקומען קיין שלאָף, ווייל מען האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צייט דערצו. דעם ערשטען טאָג יום־טוב אין דער פריה האָט מען געדאַרפט אויפשטעהן צום ״קרבן תמיד של שחרית״, דערנאָך האָט מען געזונגען א מזמור און מען האָט געדאַרפט מקריב זיין דעם ״קרבן מוסף״. שפּעטער האָט מען געדאַרפט געהן אין בית־המדרש אריין און אַהיים־געהן עסען לכבוד יום־טוב. און איידער מען האָט זיך נאָך רעכט אָנגעגעסען, איז שוין געוועזען צייט, צו געהן צו ״מנחה״ און באַלד דאַרויף האָט זיך אָנגעהויבען די ״שמחת בית־השואבה״, ווי מען האָט געטאַנצט און געהוליעט ביז אין דער פריה, ביז מען האָט ווייטער געדאַרפט מקריב זיין דעם ״קרבן תמיד של שחרית״ פונ׳ם אנדערן טאָג. און אַז מען איז שוין גאָר מיעד געווען, האָט זיך איינער אָנגעשפּאַרט אויף׳ן צווייטענ׳ס פּלייצע און געהאַפּט א דרעמעל שטעהענדיגערהייד (סוכה דף נ״ג עמוד א׳).

ר׳ יהושע איז נישט געווען קיין שעהנער (תענית דף ז׳ עמוד א׳), דער־פאַר איז ער אָבער געווען באַשאָנקען מיט די בעסטע פעהיגקייטען צום לער־נען און ער איז דערגאַנגען ביז צו דער מדרגה, וואָס דער רבי זיינער האָט איהם געפונען פאַר ווירדיג, איבערצוגעבען איהם די טיעפסטע סודות פון דער תורה — און ווען ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין חבר ר׳ יוסי הכהן אונ־טערוועגענס, האָט ר׳ יהושע גע׳דרשנ׳ט אין ״מעשה מרכבה״, איז דאָס געווען

אין זעהר א הייסען טאָג פון חודש תמוז, האָט זיך דער הימעל פּלוצים באַ־דעקט מיט וואָלקענס און עס האָט זיך באַוויזען א רעגענבויגען און מלאכים האָבען זיך צונויפגעקליבען צו הערען ר׳ יהושע׳ס דרשה, גלייך ווי מענשען קומען זיך צוקוקען צו א חתונה.

און ווען ר׳ יוסי האָט דאָס דערצעהלט צו ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: ״אַז וואויל איז צו אייך און וואויל איז צו אייערע מאַמעס. וואויל איז אויך צו מיינע אויגען, וואָס האָבען דאָס זוכה געווען צו זעהן. און אָט זעה איך מיך טאַקי אין מיינע חלומות, ווי מיר זיצען אַלע צוזאַמען אויפ׳ן בארג סיני און א שטימע רופט צו אונז, מיר זאָלען געהן ווייטער, וואו מיר וועלען געפינען גרויסע פּאַלאַצען און די שעהנסטע קאָבריצען אויסגע־שפּרייט פאר אונזערע פיס און מיר וועלען זיצען צווישען די ערשטע שורות פון בעפאָר דער שכינה״ (חגיגה דף י״ד עמוד ב׳).

צוזאַמען מיט ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט ר׳ יהושע געהאָלפען זיין רבי׳ן ר׳ יוחנן אנטלויפען פון ירושלים, איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָ־רען — און אומעטום וואו ר׳ יוחנן איז דערנאָך געגאַנגען, איז ר׳ יהושע מיטגעגאַנגען. ער ווערד אויך תמיד דערמאָנט אַלס צווייטער פון ר׳ אליעזר בן הורקנוס, חאָטש ער איז זיכערליך געווען א תלמיד ביי ר׳ יוחנן פיעל פריהער, איידער ר׳ אליעזר איז אָנגעקומען, ווייל ווען ר׳ אליעזר איז געקומען לערנען ביי ר׳ יוחנן בן זכאי, האָט איהם ר׳ יוחנן געבעטען עסען, האָט ר׳ אליעזר אויף דעם געענטפערט, אַז ער האָט שוין געגעסען ביי ר׳ יהושע בן חנניה.

גלייך ווי ר׳ יוחנן בן זכאי האָט זיך אויך ר׳ יהושע בן חנניה נישט צו שטאַרק איבערגעגעבען צו דער טרויער וועגען חורבן ירושלים. אַזוי דער־צעהלט וועגען דעם די גמרא (בבא בתרא דף ס׳ עמוד ב׳), אַז ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָבען פיעלע אידען אָפּגעזאָגט זיך פון עסען פלייש און טרינקען וויין. איז ר׳ אליעזר צו זיי צוגעשטאַנען און ער האָט זיי געפרעגט: ״קינדערלעך! פאַרוואָס ווילט איהר נישט עסען קיין פלייש און איהר ווילט נישט טרינקען קיין וויין?״ האָבען איהם די מענשען געענטפערט: ״ווי קענען מיר עסען פלייש, ווען עס איז בטל געוואָרען דאָס מקריב־זיין פלייש אויפ׳ן מזבח? און ווי קענען מיר טרינקען וויין, ווען דאָס גיסען וויין אויפ׳ן מזבח איז בטל געוואָרען?״...

— גאַנץ רעכט, קינדערלעך! — האָט ר׳ יהושע אויף דעם געענטפערט — ווען מיר זאָלען אָבער וועלען אַזוי טהון, דאַרפען מיר אויך נישט עסען קיין ברויט פון מעהל, ווייל מען האָט אויך מעהל מקריב געווען אויפ׳ן מזבח. וועט איהר זאָגען, אַז א מענש קען זיך דערהאַלטען אָהן מעהל, ווייל ער קען עסען פּירות, דאַרפען מיר אָבער פּירות אויך נישט עסען, ווייל עס זיינען בטל געוואָרען די ״בכורים״, וואָס מען האָט געבראַכט צום כהן. מיר דאַרפען אויך נישט טרינקען קיין וואַסער, ווייל מען גיסט נישט מעהר קיין וואַסער אויפ׳ן מזבח!״

האָבען דאַן יענע מענשען געשוויגען. זיי האָבען נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען — און ר׳ יהושע האָט ווייטער געזאָגט: ״וועל איך אייך זאָגען, אַז ווען מיר זאָלען וועלען גאָר נישט טרויערען, איז דאָס נישט מעגליך, אָבער איבערגעבען זיך אין גאַנצען צו טרויער, איז אויך נישט מעגליך. מען

דארף טרויערן אויף אזא שטייגער, אז יעדער זאל דאס קענען טהון און עס זאל איהם נישט שטערען".

זעהר ווייניג הלכות זיינען פארבליבען אויפ'ן נאמען פון ר' יהושע בן חנניה — און ווען ער האט אמאל געבראכט א הלכה, האט ער זי געזאגט אויפ'ן נאמען פון ר' יוחנן בן זכאי אדער פון אן אנדערן תנא. גרעסטענטיילס איז ער געווען אין געגנערשאפט צו ר' אליעזר בן הורקנוס. זיינען זיי פון דעסטוועגען לאנגע יאהרען געווען ענג־פארבונדענע חברים, ביז צו דער גרויסער מחלוקה וועגען דעם "געשלענגעלטען אויווען" (תנור של עכנאי), וועלכע האט זיי פאנאנדערגעטיילט.

עטליכע מאל איז ר' יהושע געווען אין רוים אדער אין אלעקסאנדריען צוזאמען מיט רבן גמליאל אדער מיט אנדערע חברים וועגען א "שתדלנות" פאר אידען. און ווי עס דאכט זיך, האט ר' יהושע נושא־חן געווען ביי די גוי'שע חכמים און מאכט־האבער, וועלכע פלעגען האבען מיט איהם "וכוחים" וועגען דער אידישער אמונה. מען פלעגט איהם אויך האלטען פאר זעהר קלוג, אז דער קייזער האט איהם אמאל אזש געפרעגט, ער זאל איהם זאגען, וואס ער, דער קייזער הייסט עס, האט לעצטע נאכט געזעהען אין זיין חלום.

און אזוי ווי דער קייזער האט דאמאלס געהאט אין זינען, ארויסצוגעהן אין א מלחמה געגען פערזיען, האט איהם ר' יהושע געזאגט: "אין דיין חלום האסטו געזעהן, ווי די פערזער שלעפען דיך אין געפאנגענשאפט, ווי זיי הייסען דיר ארבייטען און זיי שלאגען דיך דאביי מיט א גאלדענעם שטעקען"... האט דאס דער קייזער אין דער פריהערער נאכט אפשר נישט געזעהען אין חלום, אזוי ווי ער האט עס אבער געהאט דערנאך א גאנצען טאג אין זינען, האט ער טאקי אין דערזועלבער נאכט וועגען דעם גע'חלום'ט (ברכות דף נ"ו עמוד א').

ביי אן אנדערע געלעגענהייט האט איהם דער קייזער געפרעגט: "וואס איז עפּיס אין דעם, וואס דאס שבת'דיגע געקעכטס שמעקט אזוי גוט" — האט איהם ר' יהושע געענטפערט: "מיר האבען אזא מין געווירץ, וועלכעס הייסט שבת, מישען מיר דאס אריין אין אונזער עסען און עס שמעקט אונז דאדורך אזוי גוט". — האט דער קייזער געזאגט: "קענסטו מיר אפשר אויך געבען עטוואס פון דעם דאזיגען געווירץ?" — האט איהם ר' יהושע געענטפערט: "ווער עס היט נישט אפּ דעם שבת, דעם קען דאס דאזיגע געווירץ נישט העלפען" (שבת דף קי"ט עמוד א').

ווי רבן גמליאל און מאנכע אנדערע חכמים איז אויך ר' יהושע בן חנניה געווען געלערענט אין די לשונות פון די שכנ'שע פעלקער, איז ער צוליעב דעם פיעל מאל אויסגעקליבען געווארען, צו געהן אין שתדלנות צו מאכטהאבער און מיניסטארען. האבען די חכמים געדארפט אמאל האבען א טובה פון א געוויסער איינפלוסרייכער דאמע, צו וועלכער עס פלעגען קומען די גרעסטע רוימישע שררות. האבען דאן די חכמים געזאגט: "ווער וועט געהן אין שתדלנות צו יענער דאמע?" — האט ר' יהושע געזאגט: "איך וועל געהן!"

איז ער געגאנגען אין באגלייטונג פון עטליכע תלמידים זיינע, און ווי ער איז צוגעקומען פיער איילען ווייט פונ'ם הויז, וואו יענע דאמע האט געוואוינט, האט ער ארונטערגענומען די תפלין, און אריינגעהענדיג צו דער דאמע אין הויז, האט ער די טהיר הינטער זיך פארמאכט און די תלמידים זיינען געבליבען שטעהן אין דרויסען. דערנאך איז ער ארויסגעקומען, האט ער זיך

גע'טובל'ט אין וואסער און ער איז דאן געגאנגען ענדיגען דאָס לערנען פון יענעם טאָג.

האָט ער אָבער געדענקט, אַז די תּלמידים קענען איהם חושד זיין וועגען עטוואָס שלעכטעס. האָט ער זיי געפרעגט: "ווען איהר האָט מיך געזעהן ארונטערנעהמען די תפלין, איידער איך בין אריינגעגאנגען צו יענער דאמע אין הויז, וואָס האָט איהר וועגען מיר געקלערט?" — האָבען די תּלמידים געענטפערט: "מיר האָבען געדענקט, אַז דו ווילסט נישט אריינברענגען קיין הייליגקייטען אין אַן אומריינעם אָרט". — "און וואָס האָט איהר געדענקט, ווען איך האָב די טהיר פארמאכט און איך האָב אייך אַלעמען איבערגעלאָזט דרויסען?", האָט ר' יהושע ווייטער געפרעגט. האָבען די תּלמידים געענטפערט: "מיר האָבען געדענקט, אַז דו דאַרפסט דאָרט וואהרשיינליך באשפרעכען אַ פּאָליטישע פראַגע!" — "און ווען איך בין ארויסגעקומען פון דער דאַמע'ס הויז און איך האָב מיך גע'טובל'ט, וואָס האָט איהר וועגען מיר געדענקט?", האָט ר' יהושע נאָך געפרעגט. האָבען די תּלמידים אויף דעם געעטפערט: "מיר האָבען געדענקט, אַז דו טהוסט דאָס, ווייל טאָמער האָט ביים רײדען מיט דער דאַמע געגעבען אַ שפּריץ פון איהר מויל אויף דיינע קליידער!"

אויף דעם האָט זיי ר' יהושע געזאָגט: "שווער איך אייך טאַקי, אַז עס איז אַלסדינג אַזוי געווען, ווי איהר האָט געדענקט!" (שבת דף קכ"ז עמוד א').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט אַמאָל דער קייזער געפרעגט ר' יהושע'ן: "עס שטעהט אין אייער תּורה, אַז דער גאָט אייערער איז אַ גערעכטער און ער באצאָהלט יעדען לויט זיין פאַרדיענסט. טאָ פאַרוואָס באַשאַפט ער אַזוי פיעל טויבע, בלינדע און קרומע, וועלכע ליידען אומשולדיג, ווייל זיי זיינען קאַליקעס פון זייער געבורט אָן, איידער זיי האָבען נאָך געזינדיגט אויף דער וועלט"...

האָט ר' יהושע אויף דעם געענטפערט: "דער אויבערשטער ווייסט וואָס ער טהוט, און ווען ער באַשאַפט אַ מענשען מיט אַ מום, ווייסט ער מן־הסתם, אַז יענער מענש איז אַ שלעכטער און מען דאַרף איהם באשטראָפען אין פאָראויס, ווייל ער וועט זיין זעהר אַ זינדיגער. — האָט איהם דער קייזער געזאָגט: "ווי קען מען דאָס באווייזען?" — האָט איהם ר' יהושע געזאָגט: "גיב מיר צוויי מענשען פון דיינע אַלם עדות און טויזענד גאָלדענע רענדלעך אין קעשענע אריין, וועל איך דיר באווייזען, אַז עס איז אַזוי ווי איך זאָג!"

און ווען דער קייזער האָט געהייסען געבען צו ר' יהושע, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, איז ר' יהושע געגאַנגען אין באַגלייטונג פון יענע צוויי מענשען צו איינעם אַ געבוירענעם בלינדען און ער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: "דער קייזער האָט מיך געהייסען הרג'נען און איך האָב מיין אייגענעם טויזענד גאָלדענע רענדלעך, ווייל איך זיי דיר געבען צו באַהאַלטען. וועט מען מיך הרג'ענען, וועט דאָס געלד זיין דיינס, און וועט מען מיר דאָס לעבען שענקען, וועסטו מיר דאָס געלד צוריקגעבען!"

האָט דער בלינדער געענטפערט: "זאָל זיין אַלסדינג, ווי דו זאָגסט!" — האָט ר' יהושע אַוועקגעגעבען די טויזענד גאָלדענע רענדלעך צו יענעם בלינדען און דריי חדשים שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט יענע צוויי מענשען געגאַנגען צו אָט דעם בלינדען און האָט איהם געזאָגט: "אַזוי ווי דער קייזער האָט מיר געשאָנקען דאָס לעבען, ווייל איך יעצט, דו זאָלסט מיר צוריקגעבען די טויזענד גאָלדענע רענדלעך, וואָס איך האָב דיר אַנומעלט געגעבען צו

באהאלטען". — האט איהם דער בלינדער נעזאגט: "וואס פאר א טויזענד רענדלעך האסטו מיר געגעבען? איך וויים פון גאר נישט!"..

איז ר' יהושע כלומר'שט בייז געווארען, האט ער גענומען דעם בלינדען צו'ן א משפט צום קייזער, אבער אפילו דארט האט דער בלינדער אפגעלייקענט די טויזענד גאלדענע רענדלעך, און ווען ר' יהושע האט איהם איבערגעוויזען מיט עדות, האט ער גע'טענה'ט, אז די עדות זיינען פאלשע. האט דאן ר' יהושע א זאג געטהון: "וועה דיר, דו בלינדער, מיט דיין גנבה, פון וועלכער דו וועסט סיי־ווי נישט האבען קיין נוצען. אט האב איך געזעהן דיין ווייב, ווי זי אונטערהאלט זיך מיט אן אנדערען מאן און זי זאגט איהם, אז אזוי ווי דער קייזער וועט דיך הרג'נען, וועט זי פארנוצען די טויזענד גאלדענע רענדלעך מיט איהר געליעבטען!"

הערענדיג אזא מעשה, איז דער בלינדער גלייך געלאפען אהיים אפבערענגען די טויזענד גאלדענע רענדלעך און ער האט זיי אוועקגעלייגט פאר'ן קייזער'ס אויגען. האט דאן ר' יהושע געזאגט צום קייזער: "יעצט קענסטו זעהן, ווי גערעכט אונזער גאט איז, ווען ער האט אזא מענשען געמאכט בלינד, ווייל ווען ער איז בלינדערהייד אזא פארברעכער, וואס וואלט ער נאך געווען, ווען ער וואלט חלילה געווען א זעהענדיגער?" (תנא דבי אליהו זוטא פרק כ"ג).

ווי באמערקט, איז ר' יהושע פון נאטור אוים נישט געווען קיין שעהנער. און אזוי ווי ער איז געווען זעהר א קלוגער, האט דעם קייזער'ס טאכטער, וועלכע איז געווען א גרויסע פארעהרערין פון בילדונג, געהאט א באזונדער פארגעניגען צו דיסקוטירען מיט איהם. האט זי זיך אמאל נישט געקענט צוריקהאלטען און זי האט א זאג געטהון: "אזא באריהמטע חכמה זאל האבען פלאץ אין אזא נישט־שעהנער כלי!"...

האט איהר ר' יהושע אויף דעם געענטפערט: "דיין טאטע ווען ער האלט זיין וויין, האלט ער איהם אין אן ערדענער כלי גלייך ווי יעדער פשוט'ער מענש, טא ווי פאסט זיך דאס פאר א קייזער? און פאר וואס האלט ער נישט זיין וויין אין א גאלדענער אדער אין א זילבערנער כלי?" — האט דאס די פרינצעסין געזאגט צו'ן איהר פאטער. האט איהר דער פאטער ערקלערט, אז גוטער וויין וואלט אין גאלדענע אדער אין זילבערנע כלים פארדארבען געווארען. האט זי ערשט דאמאלס פארשטאנען, וואס ר' יהושע האט געמיינט צו זאגען.

ר' יהושע'ס וכוחים מיט'ן קייזער ווערען אפטמאל דערמאנט אין מדרשים — און דארט שטעהט בפירוש, אז דער נאמען פון יענעם קייזער איז געווען ה א ד ר י א ן, וועלכער האט שפעטער ערלויבט אויפצושטעלען צוריק דעם בית־המקדש, און ווי דער מדרש דערצעהלט, האט ער דאס געטהון אויף פארלאנגונג פון ר' יהושע.

איינמאל — ווערד דערצעהלט — האט דער קייזער געזאגט צו ר' יהושע: "איך בין בעסער פון דיין רבי'ן משה, ווייל ער איז טויט און איך בין לעבעדיג!"

האט איהם ר' יהושע געפרעגט: "קענסטו אפשר ארויסגעבען א גזרה, אז מענשען זאלען דריי טעג נאכאנאנד נישט אנצינדען קיין פייער אין זייערע הייזער?" — האט דער קייזער געזאגט: "יא, איך קען דאס!" און ער האט אויך תיכף אזא גזרה ארויסגעגעבען. דעמזעלבען טאג פארנאכט זיינען זיי דערנאך ביידע, דער קייזער און ר' יהושע, ארויסגעגאנגען שפאצירען ארום די טויערען פונ'ם פאלאץ, האבען זיי פלוצים דערזעהן א רויך ארויסגעהן פון

אַ קוימען. האָט ר' יהושע געזאָגט: "זעה, אַז ווי לאַנג דו לעבסט נאָך, פאָלגט מען נישט דיינע באַפעהלען, און משה רבנו האָט מיט אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען צוריק אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, מיר זאָלען נישט אָנצינדען קיין פייער אום שבת, וועט זיך ביז'ן היינטיגען טאָג נישט קיין שום איד דערוועגען, צו מאַכען אַ פייער אום שבת..." (קהלת רבה פרשה ב' פיסקא ח').

אין יענער צייט פלעגען אָפטמאָל פאָרקומען "וכוחים" אין רעליגיעזע פראַגען אין אַן אָרט מיט'ן נאָמען "בי אבידן" *), האָבען די דאָזיגע וכוחים געהאַט דעם צוועק, אַרונטער צו פיהרען די אידען פון זייער אמונה. צו די דאָזיגע וכוחים פלעגט ר' יהושע מאַנכעס מאָל קומען און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט אַהין צו געהן. איז דאָרט דער קייזער אַליין אַמאָל געווען, צוצוהערען זיך צו די וכוחים, האָט ער גראָד דאַמאָלס ר' יהושע'ן נישט געטראָפען. האָט ער איהם דערנאָך געפרעגט, וואָס ער איז עפּיס נישט געקומען צום וכוח, האָט איהם ר' יהושע געענטפערט אויף זיין אַלעגאָרישען שטייגער: "ביי מיר איז שוין דער באַרג באַדעקט מיט שניי און וואָס עס רינגעלט אַרום דעם באַרג איז באַדעקט מיט אייז. מיינע הינד בילען נישט מעהר, מיינע מיהלשטיינער מאָהלען נישט מעהר, און ווען איך געה, דאַכט זיך, אַז איך זוך, וואָס איך האָב נישט פאַרלוירען".

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט ר' יהושע געמיינט צו זאָגען, אַז ער פיהלט זיך שוין זעהר אַלט, אַז דער קאָפּ זיינער איז וויים ווי שניי, די באָרד און די וואָנסעס זיינען ביי איהם גראָה ווי אייז, די שטימע זיינע איז שוין אַ הייזעריגע און דאָס רעדען איז איהם שווער. די צייהן קענען נישט מעהר קייען און ער געהט שוין אַזוי איינגעבויגען, גלייך ער זאָל עטוואָס זוכען...

קייזער האַדריאַן, וועלכער איז שפּעטער געווען ריקזיכטסלאָז אין זיינע פאַרפאָלגונגען געגען אידען, האָט אַמאָל געוואָלט ערלויבען, אידען זאָלען צוריק אויפבויען זייער בית־המקדש. הייסט עס, אַז דאָס איז געשעהן דורך דער השתדלות פון ר' יהושע בן חנניה. שפּעטער האָט זיך דער קייזער איבערגעאַנדערשט אין זיין מיינונג און ער האָט צוריקגעצויגען די ערלויבנים. ווילען מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז די "שומרונים" (כותים) האָבען געהאַט אַ האַנד אין דעם. אַנדערע היסטאָריקער געבען אָן אַנדערע אורזאַכען. האָט דאָס דאָזיגע צוריקציהען די ערלויבנים שיער נישט געבראַכט צו'ן אַ נייער רעוואָלוציע. האָט ר' יהושע איינגעשטילט דעם אויפגערעגטען עולם מיט אַ מליצה'דיגער מעשה'לע:

"דער לייב" — האָט ער דערצעהלט, — "האָט זיך אַמאָל געוואָרגען מיט אַ ביין, וועלכער איז איהם געבליבען שטעקען אין האַלז. האָט ער געלאָזט אויסרופען איבער'ן גאַנצען וואַלד, אַז ווער עס וועט איהם אַרויסשלעפּען דעם ביין, וועט ביי איהם קריגען אַ גרויסע באַלוינונג. איז געקומען דער

---

*) דער פּלאַץ פון "וכוחים" צווישען אידען און זייערע געגנער מיט'ן נאָמען "בי אבידן" ווערד עטליכע מאָל דערמאָנט אין דער גמרא (שבת קט"ז עמוד א', עבודה זרה י"ז עמוד א' און נאָך אין אַנדערע שטעלען). וואָס דער נאָמען "בי אבידן" מיינט, איז נאָך נישט גענוי דערקלערט געוואָרען, גלייך ווי מען ווייסט נישט, מיט וועמען די וכוחים זיינען געווען. ווילען מאַנכע דאָדורך זאָגען, אַז דאָס וואָרט "אבידן" איז פאַרגרייזט און עס דאַרף זיין "בי אביון", ווייל די וכוחים זיינען געווען מיט די ערשטע קריסטען, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס גערופען "אביונים". אַנדערע זאָגען, אַז "בי אבידן" איז דער נאָמען פון אַ פּערזישער סעקטע און די וכוחים זייגען געווען מיט פּערזער.

"בישיק" (שטאַרק) מיט זיין לאַנגען שנאַבעל און האָט דעם ביין ארויסגע־צויגען. און ווען דער "בישיק" האָט פאַרלאַנגט זיין באַצאָהלונג, האָט איהם דער לייב געזאָגט: "באַצאָהלונג ווילסטו? איז דען פאַר דיר ווייניג, וואָס דו וועסט זיך קענען באַריהמען, אַז דו ביזט געווען ביים לייב אין מויל און דו ביזט ארויסגעקומען בשלום?..."

הערענדיג די דאָזיגע מעשה'לע האָט דער עולם גאַנץ גוט פאַרשטאַנען איהר זין — און די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז דאַן איינגעשטילט גע־וואָרען.

ווי מען קען אורטיילען פון דעם, וואָס מיר וויסען וועגען דער טהעטיג־קייט פון ר׳ י ה ו ש ע ב ן ח נ נ י ה, איז ער געווען גרינג צו באַפריינדען זיך מיט חברים אין הלכה, איינגעהאַלטען אין זיינע אנטשיידונגען, וועלכע ער פלעגט באַגרינדען אויף אַ באַשטרעבונג פון שלום, גרייט אריינצוגעהן אין קאָמפּראָמיסען מיט די מיינונגען פון אנדערע חכמים, אַבי אויסצומיידען מחלוקות. און ווען עס איז געקומען צו ריידען וועגען די גרויסע מחלוקות צווישען "בית שמאי" און "בית הלל", פלעגט ער זאָגען: "ס'איז איבערגע־האַפּט געוואָרען די מאָס, גלייך ווי איינער גיסט אַן אַ פאַס אויל און גיסט דערנאָך אריין וואַסער, קאַליע צו מאַכען דעם אויל".

נאָך'ן טויט פון רבן גמליאל דעם צווייטען איז ר׳ יהושע וואהרשיינליך געוואָרען דער פיהרענדער גייסט פונ'ם פאָלק. צוליעב זיין אָרימער מאַטעריע־לער לאַגע איז ער אפשר דאַן נישט אויסגעקליבען געוואָרען אלס "נשיא", אָבער אַזוי ווי ער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה אין פקיעין און דער "נשיא" אין יבנה איז געווען געשטאָרבען, איז דאַמאָלס די באַדייטונג זיינע זיכערליך געווען די העכסטע.

פּאָליטיש איז אויך די צייט געווען זעהר אַ באַוועגטע. עס איז געווען די צייט פון קייזער טראיאַן (טרכינוס אין גמרא און מדרשים) און פון קייזער האַדריאַן (אדרינוס אין גמרא און מדרשים), ביי וועמעס נאָמען עס איז דערנאָך בסדר צוגעגעבען געוואָרען די קללה "שחיק טמיא" (די טויטע ביינער זיינע זאָלען איהם צוריבען ווערען!).

זיינען דאָס געווען צייטען פון כסדר'דיגע גזרות אויף אידען, וועגען וועלכע מען האָט זיך געדאַרפט משתדל זיין ביי דער רעגירונג, אָפּצושוואַכען זייער שאַרפקייט, גלייך ווי מען האָט אויך שטענדיג געדאַרפט האָבען אַן אויג אויף דעם, וואָס עס טהוט זיך ביי די אידען אינעווייניג צוליעב די דאָזיגע גזרות און ווי עס וואַקסט ביי זיי אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

ווי לאַנג ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט געלעבט, האָט ר׳ יהושע אַליין צוזאַמען מיט אַלע זיינע צייט־גענאָסען באַטראַכט ר׳ אליעזר'ן אַלס גרעסער. האָבען ביי זיי געהערשט מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען נישט בלויז ביי די אויס־טייטשונגען פון געוויסע פסוקים, וועלכע האָבען צו טהון מיט "מעטאַפיזישע" געדאַנקען אָדער מיט די ערקלערונגען פון געוויסע געשעהענישען אינ'ם פאָלקס־לעבען, וועגען די צוקינפטיגע פאַרקומענישען פון דער צייט, וואָס משיח וועט קומען, אָדער וועגען דער באַשאַפונג פון דער וועלט, צי דאָס איז געווען אין חודש ניסן אָדער אין חודש תשרי.

ס'איז דאַן געווען אָנגענומען אַ מיינונג, אַז יעדער איד האָט אַן אנשפּרוך אויף אַ חלק אין "עולם הבא" און ביי "תחית המתים", נאָכדעם ווי ער וועט זיין דורכגעגאַנגען דעם גרויסען "יום הדין", וועלכער וועט פאַרקומען ביי דער נעקסטער גאולה פונ'ם אידישען פאָלק.

געקומען צו דער דאָזיגער מיינונג איז מען ביים לערנען וועגן געוויסע מצוות, וואָס דער שכר זייערער איז צוגעזאָגט אין א לאַנגען לעבען, האָט זיך אָבער טראָצדעם מאַנכעס מאָל געטראָפען, אז די וואָס האָבען יענע מצוות מקיים געווען, זיינען ביים אָפּהיטען די מצוות דער׳הרג׳עט געוואָרען...

אזוי זאָגט אונז די תורה: "ווען דו וועסט טרעפען אין וועג א נעסט פון פויגלען אויף א בוים אָדער אויף דער ערד, מיט פויגלעך אָדער מיט אייערלעך, זאָלסטו נישט נעהמען די מוטער אין־איינעם מיט די קינדער. אוועקלאָזען זאָלסטו די מוטער און די קינדער זאָלסטו נעהמען צו דיר, כדי עס זאָל דיר גוט זיין און זאָלסט האָבען לאַנגע יאָהרען" (דברים כ"ב ו׳ ז׳). דיעזעלבע באלויהנונג איז אויך צוגעזאָגט ביי דער מצוה פון בכבוד האלטען טאַטע־מאַמע, אז ווען דו וועסט דאָס טהון "וועלען דיינע יאָהרען פארלענגערט ווערען און עס וועט דיר גוט זיין" (דברים ה׳ ט"ז).

האָבען זיך די חכמים אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיגען ענין, ווען עס איז פאָרגעקומען א מעשה, וואָס איינער א פאָטער האָט געזאָגט צו זיין זוהן: "געה ארויף צום טויבענשלאַג און ברענג מיר עטליכע יונגע טייבעלעך!" — האָט דער זוהן דורכגעפיהרט זיין פאָטער׳ס באפעהל, מקיים צו זיין די מצוה פון "כבוד אב". דערנאָך האָט ער אוועקגעלאָזען די מוטער פון די טויבען, מקיים צו זיין די מצוה פון "שליחת הקן". אָבער אזוי ווי ער האָט געוואָלט ארונטערקלעטערען פון דעם טויבענשלאַג, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. האָט מען געפרעגט: "ווי האָט דאָס דער אויבערשטער געקענט טהון. ווען ער האָט אַליין אָנגעשריבען אין דער תורה, אז אזעלכע צוויי מצוות ברענגען לאַנגע יאָהרען?" — האָט מען דאַן געזאָגט א תירוץ, אז יענע צוגעזאָגטע באלויהנונג איז אויף "לעתיד לבא" און דער פסוק מיינט צו זאָגען: "עס זאָל דיר גוט זיין אויף דער וועלט, וועלכע איז אין גאַנצען גוט אָהן יעדען וועהטאָג, און דו זאָלסט האָבען לאַנגע יאָהרען אין דער וועלט, וועלכע איז אַן אייביגע" (קדושין דף ל"ט עמוד ב׳, חולין דף קמ"ב עמוד א׳).

צום געדאַנק פון "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" אָדער פון "תחית המתים" פלעגט ר׳ אליעזר זאָגען, אז בלויז אידען וועלען האָבען א חלק אין דער קומענדער וועלט, אָבער גוים נישט. די גוים, האָט ער געזאָגט, וועלען אפילו נישט גערופען ווערען צום "יום הדין". ר׳ יהושע האָט דאַגעגען גע־האַלטען, אז אזוי ווי עס זיינען פאַראַנען צדיקים צווישען די אומות־העולם, וועלען זיי יאָ האָבען א חלק לעולם הבא.

די מענשען פון סדום, דער "דור המדבר", קרח און זיין עדה — האָט ר׳ אליעזר געזאָגט — וועלען נישט לעבעדיג ווערען ביי "תחית המתים" און זיי וועלען אויך נישט גע׳משפט ווערען ביים גרויסען "יום הדין". איז אָבער ר׳ יהושע געווען מעהר בארמהארציג אפילו צו׳ן אזעלכע זינדער ווי די מענ־שען פון סדום, ווי דער "דור המדבר" און ווי "קרח מיט זיין עדה", האָט ער געזאָגט, אז א "חלק לעולם הבא" וועלען זיי טאַקי נישט האָבען, אָבער צום משפט ביים גרויסען "יום הדין" וועלען זיי יאָ גערופען ווערען...

ר׳ יהושע האָט געהאַט א "ווערטעל", אין וועלכען ער פלעגט זאָגען: "א שלעכט אויג, א שלעכטער געדאַנק און א פיינדשאַפט צו מענשען הרג׳ט אוועק די וועלט". ער האָט איבערהויפּט געהאַלטען, אז דער מענש דאַרף לעבען אין פריינדשאַפט מיט אַלעמען. ער פלעגט אויך זאָגען: "א חסיד

שוטה, א חיטרע רשע, א אידענע א פרושה און די מכה פון פרושים, אַט די פיער מינים מאַכען קאַליע די גאַנצע וועלט".

פלעגט מען זיך פרעגען: וואָס הייסט עפּיס א "חסיד שוטה"? און מען פלעגט זיך דאָס ערקלערען, אז א "חסיד שוטה" הייסט אזא איינער, וואָס זעהט ווי א פרוי טרינקט זיך און ער געהט זי נישט רעטען, ווייל ער האָט מורא, אז עס וועט איהם אויסקומען צו זעהען איהר בלויזען קערפּער. א "חסיד שוטה" איז אויך אזא איינער, וואָס זעהט א קינד דערטרונקען ווערען און ער לויפט עס נישט רעטען, ווייל ער האָט זיך נישט אויסגעטהון די תפילין.

און וואָס איז "א אידענע א פרושה"? האָט מען דאָס ערקלערט, אז דאָס איז אזא איינע, וואָס איז זיך פורש פון דער וועלט און פון איהר מאַן. און די "מכה פון די פרושים" האָט מען ערקלערט, אז דאָס זיינען אזעלכע "פרושים", וואָס שלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנד, צו באַווייזען זייער פרומקייט.

ווען קייזער האדריאן האָט ערלויבט אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש, זיינען געפונען געוואָרען ביינער פון טויטע מענשען אויפ'ן פּלאַץ, וואו די האַלצקאַמער פונ'ם בית־המקדש איז געווען, האָבען די חכמים געוואָלט ער־קלערען גאַנץ ירושלים פאַר "טמא". האָט זיי ר' יהושע געזאָגט: "א חרפּה און א שאַנד וואָלט עס געווען, מיר זאָלען וועלען ערקלערען דעם פּלאַץ פון אונזער הייליגקייט פאַר אומריין: אויב מען האָט דאָרט געפונען ביינער פון טויטע, איז וואָס? קענט איהר מיר אפשר זאָגען, וואו עס זיינען אהינגע־קומען די טויטע פונ'ם מבול? וואו זיינען די דער'הרג'עטע פון נבוכדנצר? און וואו זיינען די ביינער פון די דער'הרג'טע אין די אַלע מלחמות, וואָס זיינען ביז היינט פאָרגעקומען? — די קדושה פון ארץ־ישראל איז איבער־הויפּט ערקלערט געוואָרען פאַר אַלע צייטען, אפילו ווען אידען זיינען ארויס־געטריבען פונ'ם לאַנד, קענען עס נישט יענע ביינער טמא מאַכען!" (זבחים דף קי"ג עמוד א').

ר' יהושע האָט אָפטמאָל געהאַט וכוחים מיט'ן קייזער און מיט גוי'שע פילאָזאָפען. איין גרופּע פון די דאָזיגע פילאָזאָפען ווערד אָנגערופען אין דער גמרא מיט'ן נאָמען "סבי דבי אתונא" (די עלטסטע פון דער שטאָדט אטהען). זיינען די ערצעהלונגען וועגען ר' יהושע'ס וכוחים מיט די דאָזיגע פילאָזאָפען זעהר שטאַרק לעגענדאַריש אויסגעפּוצט. שטעקען אָבער אין זיי געוויסע רע־ליגיעזע אָנצוהערענישען, ווי דער מתרש"א זאָגט וועגען דעם אין זיינע "חדושי אגדות".

איינמאָל—ווערד דערצעהלט—האָבען די "סבי דבי אתונא" געפרעגט ביי ר' יהושע: "וואו איז די מיט פון דער וועלט?". האָט זיי ר' יהושע גע־וויזען מיט'ן פינגער, אז דאָ וואו ער שטעהט מיט זיין פוס, אַט דאָ איז טאַקי די מיט פון דער וועלט. האָבען יענע געפרעגט: "פון וואַנען ווייסטו דאָס?" האָט ער זיי געענטפערט: "נעמט שטריק און מעסט דאָס אויס, וועט איהר זעהען!"

האָבען די "סבי דבי אתונא" געזאָגט צו ר' יהושע: "מיר האָבען א ברונעם אין דער וויסטעניש, דאַרפסטו איהם געהען ברענגען אין שטאָדט אריין!" — האָט זיי ר' יהושע געענטפערט: "צו דעם דאַרף מען האָבען שטריק פון קלייען געפלאָכטענע, ווייל נור מיט אזעלכע שטריק קען מען שלע־פּען ברונימער!"

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָבען די "סבי דבי אתונא" געזאָגט: "מיר האָבען א צוריסענע מיהל, דאַרף מען זי צונויף־נייהען!" — האָט זיי

ר׳ יהושע געענטפערט: "צנויף־נעהען א מיהל, דארף מען האָבען א פּאָדים פון זאמד".

האָבען די "סבי דבי אתונא" ביי ר׳ יהושע געפרעגט: "מיט וואָס קען מען דורכשניידען א געפלעכט פון מעסערס?" — האָט זיי ר׳ יהושע געענט־פערט: "מיט א האָרן פון אן אייזעל!"

אן אנדערס מאָל האָט מען צו ר׳ יהושע געבראַכט צוויי אייער, ער זאָל דערקענען, וועלכעס איי עס איז פון א ווייסער הוהן און וועלכעס איז פון א שווארצער.

האָבען דערנאָך די "סבי דבי אתונא" געפרעגט: "ווען א פויגעלע שטארבט, וואו ארום געהט פון איהם ארויס די נשמה?" — האָט ר׳ יהושע געענטפערט: "דורך דעמזעלבען פּלאַץ, וואָס די נשמה געהט אריין אין דעם פויגעלע ביים געבוירען ווערען, געהט זי ארויס ביים שטארבען!"

אן אנדערס מאָל האָבען די "סבי דבי אתונא" געפרעגט: "ויאו איז פארהאַנען א זאך, וואָס מען נעמט אריין אין הויז מיט מיה און די מיה זאָל דערנאָך ברענגען שאָדען?" — האָט ר׳ יהושע געענטפערט: "ווען איהר דארפט אריינגעהמען א ראַגאָזשע אין אייער הויז און איהר דארפט דאָביי צוברעכען די טהיר, אז די ראַגאָזשע זאָל קענען אריין!"

ווענען די טענות פון קייזער האדריאַן צו ר׳ יהושע איז נאָך אייניגעס צוצוגעבען.

— איהר זאָגט — האָט קייזער האדריאַן אמאָל געזאָגט — אז דער אויבערשטער באַשאַפט זיך יעדען טאָג נייע מלאכים, זיי זאָלען איהם לויבען, און נאָכ׳ן אָפּלויבען דעם אויבערשטען, געהן יענע מלאכים אוועק. וואָלט איך גערן געוואוסט, וואו אהין זיי געהען...

האָט איהם ר׳ יהושע געענטפערט: "פון דאָרט וואו זיי זיינען באַשאַ־פען, דאָרט אהין געהען זיי צוריק! זיי געהען אוועק צום טייך די־נור, וועל־כער געהט פארטוועהרענד בייטאָג און ביינאַכט, גלייך ווי דער ירדן, וועלכער הערט נישט אויף צו געהן סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט, און קומען קומט דער דאָזיגער טייך די־נור פון דעם שוויים, וואָס די הייליגע חיות שוויצען ביים טראָגען דעם כסא־הכבוד פון זיין ליעבען נאָמען".

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט קייזער האדריאַן געזאָגט צו ר׳ יהושע: "אין אייערע עשרת הדברות האָב איך באַמערקט, אז אין די ערשטע פינף דברות האָט גאָט אריינגעמישט זיין נאָמען און אין די אַנדערע פינף דברות איז שוין זיין נאָמען נישט מעהר דערמאָנט. איז וואָס האָט ער מיט דעם געמיינט?"

האָט איהם ר׳ יהושע אויף דעם געזאָגט: "וואָס איז דאָס, וואָס וואו מען וואָרפט נור אן אויג, האָט מען אומעטום אויפגעשטעלט דיין בילד, נור אין יענע ערטער, וואו דער מענש מוז אריינגעהן, אויף אויסצורייניגען זיך, דאָרט איז נישטאָ דיין בילד?" — האָט איהם דער קייזער געענטפערט: "עס פּאַסט זיך נישט, אריין צו נעהמען מיין בילד אין אומריינע ערטער!" — האָט ר׳ יהושע אויף דעם געזאָגט: "און ווי פּאַסט עס זיך צו דערמאָנען גאָט׳ס נאָמען, ווען עס ווערד גערעדט ווענען רוצחים, נואפים, גנבים, פאַלשע עדות און אנדערע זינדער, וועלכע זיינען ווי די בתי־כסאות פון דער מענשהייט?"

אמאָל האָט דער קייזער געזאָגט צו ר׳ יהושע: "איך וואָלט געגלויבט

אין דיין גאָט, ווען דו זאָלסט מיר איהם ווייזען, איך זאָל מיט איהם בעסער באַקאַנט ווערען!" — האָט ר' יהושע געענטפערט: "ס'איז גרינג אַזאַ זאַך דורכצופיהרען, און אויב דו ווילסט זעהען מיין גאָט מיט דיינע אייגענע אויגען, וועל איך דיר איהם ווייזען!"

האָט דאַן ר' יהושע אַרויסגעפיהרט דעם קייזער אין אַ הייסען תמוז־טאָג און האָט איהם געבעטען קוקען אין דער זון אַריין. האָט דער קייזער געזאָגט, אַז ער קען דאָס נישט טהון, ווייל די זון בלענדט איהם די אויגען!

— יעצט שטעל דיר פאָר — האָט דאַן ר' יהושע געזאָגט — אַז דו קאָנסט נישט קוקען גלייך אין די אויגען דעם קלענסטען דיענער פון מיין גאָט, טאָ ווי קענסטו וועלען זעהען איהם אַליין? (חולין דף נ"ט עמוד ב').

און ווי שאַרף ר' יהושע איז געווען אין זיינע תשובות צום קייזער אָדער צו די פילאָזאָפען פון אַטהען, האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער אַליין איז שוין אַמאָל באַזיעגט געוואָרען — נישט פונ'ם קייזער אָדער פון אַ גוי'שען פילאָזאָף, נור פון אַ פרוי, פון אַ קליין אינגעל און פון אַ קליין מיידעל.

וועגען דער פרוי, וועלכע האָט איהם באַזיעגט, האָט ר' יהושע דערצעהלט דאָס פאָלגענדע: "אַמאָל בין איך געשטאַנען אין אַן אכסניא, האָט מיר די פרוי פון דער אכסניא געקאָכט בעבלאַך. האָב איך דעם ערשטען טאָג אויפגעגעסען אַלסדינג און דעם צווייטען טאָג דאָסזעלבע. דעם דריטען טאָג האָט די פרוי די בעבלאַך אַזוי פאַרזאַלצען, אַז איך האָב זיי נישט געקענט עסען. האָט זי געזעהען, אַז איך עס נישט, האָט זי מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך עס נישט. האָב איך איהר געענטפערט, אַז איך האָב שוין פריהער געגעסען. האָט זי מיר געזאָגט: "ווען עס זאָל זיין אמת, אַז דו קענסט נישט עסען, ווייל דו האָסט שוין פריהער געגעסען, האָסטו נישט געדאַרפט עסען דאָס ברויט. איז אודאי אַן אַנדערע אורזאַך, וואָס דו עסט נישט היינט די בעבלאַך. דו האָסט דיך אודאי דערמאַנט, אַז דו האָסט נעכטען און אייערנעכטען נישט איבערגעלאָזען קיין "פאה" *) פון דער שיסעל, און דו ווייסט דאָך, וואָס די חכמים האָבען געזאָגט, אַז פון דעם טאָפּ דאַרף מען גאָר נישט איבערלאָזען, מען דאַרף אָבער איבערלאָזען פון דער שיסעל פאַר דעם קעכער!"

אַ קליין מיידעלע האָט מיך אַמאָל באַזיעגט—האָט ר' יהושע ווייטער דערצעהלט — ווען איך בין אַמאָל געגאַנגען אונטערוועגנס און עס איז מיר אויסגעקומען צו געהען דורך אַ פעלד. האָט מיך דאָס מיידעלע געפרעגט: "רבי! איז דען דאָס נישט קיין פעלד וואָס דו ערלויבסט דיר צו טרעטען אויף דעם?" — האָב איך געענטפערט: "דאָס איז אַן אויסגעטראָטענער וועג!" — האָט זי מיר געזאָגט: "אויב דאָס איז אַן אויסגעטראָטענער וועג, האָבען איהם אַזעלכע גזלנים ווי דו אויסגעטראָטען!"...

— עס האָט מיך אויך אַ קליין אינגעלע באַזיעגט — האָט ר' יהושע נאָך דערצעהלט — געהענדיג אויפ'ן וועג, בין איך אַמאָל אָנגעקומען צו אַן אָרט, וואו עס זיינען געווען צוויי וועגען, אויף צו געהען ווייטער. האָב איך ביי דעם אינגעלע געפרעגט, וועלכען וועג איך דאַרף געהן, צו קומען אין שטאָדט

*) "פאה" ביי דער שיסעל איז געווען ווי "פאה" ביי אַ פעלד. ביים עסען האָט יעדער געדאַרפט איבערלאָזען אַ ביסיל פון זיין עסען, וועלכעס איז דאַן צוגויפגעגאָסען געוואָרען פאַר'ן קעכער אָדער פאַר אָרימע לייט.

רבי יהושע בן חנניה

אריין. האָט מיר דאָס אינגעלע געענטפערט: "איין וועג איז אַ קורצער און אַ לענגערער און דער אַנדערער וועג איז אַ לענגערער און אַ קורצער". בין איך געגאַנגען דעם וועג וואָס דער אינגעלע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קורצער און אַ לענגערער. און אַזוי ווי איך בין אָנגעקומען צו דער שטאָדט, איז דער אָרט געווען ארומגערינגעלט מיט גערטנער, דורך וועלכע איך האָב נישט געקענט ווייטער געהן און איך האָב מיך געמוזט אומקעהרען, צו געהן דעם אַנדערען וועג, וועלכער איז געווען אַ לענגערער און אַ קירצערער.

ווען ר׳ יהושע בן חנניה איז געשטאָרבען, זאָגט דער ירושלמי (סוף מסכת סוטה), אַז עס האָבען דאַמאָלס אויפגעהערט ביי אידען "די ריכטיגע עצות און די גוטע געדאַנקען".

אין די וכוחים מיט די געגנער פון דער אידישער אמונה איז ר׳ יהושע תמיד געווען דער זיגער, און ווען ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָבען די חכמים געזאָגט איינער צום אַנדערען: "ווי אַזוי וועלען מיר יעצט אָנפיהרען אונזערע וכוחים, ווען ר׳ יהושע וועט נישט זיין מיט אונז?" (חגיגה דף ה׳ עמוד ב׳).

רבי אליעזר המודעי

אינ׳ם ערשטען צעהנדלינג יאָהרען נאָך׳ן חורבן ירושלים ביז צו דער רעוואָלוציע פון בר־כוכבא האָט געלעבט און געווירקט אין ארץ־ישראל דער תנא רבי אליעזר המודעי, וועמעס נאָמען עס איז גרעסטענטיילס פארבונדען מיט די לעגענדען פון יענער צייט (זעה בבא בתרא דף י׳ עמוד ב׳).

געקומען איז ער פון דער שטעדטעל מודיעים, פון וואנען עס איז מיט אריבער א צעהנדליגג דורות פריהער ארויסגעקומען מתתיהו החשמונאי, און געשטאָרבען איז ער — ווי די לעגענדע דערצעהלט — פון א בריקע מיט׳ן פוס, וואָס בר־כוכבא האָט איהם געגעבען, ווען מען האָט איהם געזאָגט, אז ר׳ אליעזר המודעי האלט מיט די רוימער.

די צייט איז געווען אָנגעלאָדען מיט רעוואָלוציאָנערען פולווער, נישט בלויז אין ארץ־ישראל ביי אידען, ווייל, כמעט אלע פעלקער פון אזיען, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט צו רוים, האָבען זיך דאמאָלס צוגעגרייט צו׳ן א באפרייאונגס־קאמפף.

האָט זיך דאַן קייזער האדריאן געסטארעט, איינצוקויפען אין לייטזעליג־קייט ביי אידען, צו געווינען זייער אונטערשטיצונג אקעגען די אנדערע פעל־קער. האָט ער ערלויבט, אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש אין ירושלים.

די היסטאָרישע געשעהענישען פון יענער צייט זיינען זעהר נישט קלאָר. איין זאַך בלויז איז זיכער, ווייל זי ווערד דערמאָנט אין אלע היסטאָרישע קוועלען, אז נאָך א רעוואָלוציאָנערען צוזאמענשטויס מיט די רוימער האָט קייזער האדריאן אָפגעשלאָסען א נייעם שלום מיט די אידען, און א הויפט־באדינג פון דעם דאָזיגען שלום איז געווען, מען זאָל לאָזען צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש.

שפּעטער האָט האדריאן צוריקגעצויגען די ערלויבניש. אזוי ווי ער האָט פלוצים חרטה געקראָגען וועגען זיין פריינדליכער שטעלונג צו אידען, האָט ער מיט פארשיעדענע געזעצליכע אָמענדמענטס צו זיין פריהערער ערלויבניש וועגען דעם בית־המקדש פשוט צונישט געמאכט די גאנצע ווערדע פון דער דאָזיגער ערלויבניש.

צוערשט האָט ער געהייסען בויען דעם בית־המקדש אויף אַן אנדערען אָרט, נישט דאָרט וואו ער איז פריהער געשטאַנען, ער האָט אויך געהייסען בויען אויף א נייעם שטייגער, קירצער פון איין זייט און ברייטער פון אַן אנדערער זייט. ער האָט אויסערדעם געוואָלט, אז מען זאָל וואָס ווייניגער אידען באשעפטיגען ביים בוי. און אז מען האָט זיך שוין געהאט אונטערגע־געבען צו די אלע קייזערליכע קאפריזען און מען האָט זיך גענומען בויען, ווי האדריאן האָט געוואָלט, איז ארויסגעקומען א פייער פון אונטער דער ערד, וועלכער האָט אוועקגעטריבען די מענשען פון דער ארבייט. האָט מען זיך דאָס נישט ערקלערט אלס אַן עקספּלאָזשען פון גאזען, וואָס האָבען זיך

רבי אליעזר המודעי

דאַרט געהאַט אָנגעקליבען זייט דער צייט פון נאָכ'ן חורבן, נור מען האָט געזאָגט, אַז דער אויבערשטער וויל נישט מעהר האָבען קיין בית־המקדש...

האָט די דאָזיגע האַנדלונג פונ'ם קייזער שטאַרק אויפגערעגט דאָס פאָלק און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דאַמאָלס געקאָכט אונ־טערערדיש, איז ענדליך אַרויסגעפּלאַצט אין איהר גאַנצען מאַכט.

אין אָנהויב האָט ר' יהושע בן חנניה צוריקגעהאַלטען אַ ביסיל דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, אָבער שפּעטער ווען ר' עקיבא איז געוואָרען דער "אַפּאָסטעל" פון דער רעוואָלוציע, איז שמעון בן כוכב פון דער שטעד־טעל כזיב געוואָרען איהר פיהרער.

עס איז אויך נישט באַוואוסט, צי עס איז נאָך אימיצער פון די חכמים חוץ ר' עקיבא צוגעשטאַנען צו בר־כוכבא. זיכער איז בלויז, אַז ר' אליעזר המודעי, וועלכער איז געווען אַן אָנקעל פון בר־כוכבא, איז אַרויסגעטרעטען געגען יעדע רעוואָלוציאָנערע באַשטרעבונגן פון די אידען. וועהרענד עס זיינען אָנגעגאַנגען די רעוואָלוציאָנערע מלחמות, האָט ר' אליעזר המודעי געפאַסט און געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל נישט לאָזען פאַרניכטען דאָס ביסיל אידען. אַזוי ווי איטליכער איז געווען איבערצייגט, אַז די רוימער קענען נישט באַזיעגט ווערען, האָט ר' אליעזר המודעי נישט געוואָלט אָנערקענען די קריגערישע באַשטרעבונגען פון זיין פּלימעניק, האָט מען דאָס אָנגענומען, אַז ער האַלט מיט רוים, און אַזוי ווי בר־כוכבא האָט דאָס נישט לענגער געוואָלט דולדען, האָט ער איהם אַמאָל געגעבען אַ בריקע מיט'ן פוס, פון וועלכען דער אַלטער איז באַלד געשטאָרבען.

ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט מען איבערגעגעבען צו בר־כוכבא, אַז וועהרענד ר' אליעזר המודעי איז געשטאַנען פאַרטיעפט אינ'ם דאַווענען, איז צו'ן איהם צוגעקומען אַ שומרוני, וועלכער האָט איהם עטוואָס אַריינגעזאָגט אין אויער און ר' אליעזר האָט דאָס אַפילו נישט באַמערקט. האָט מען דאַן ביי ר' אליעזר געפרעגט, וואָס דער שומרוני האָט מיט איהם גערעדט, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. און ווען מען האָט דערנאָך דעם שומרוני געחאַפּט און מען האָט איהם געפרעגט, וועגען וואָס ער האָט מיט ר' אליעזר גערעדט, האָט ער געזאָגט, אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איבערגעבען די שטאָדט צו די רוימער (זעה ירושלמי תענית פרק ד' הלכה ה' און מדרש איכה רבתי פרשה ב' פיסקא ד').

ר' אליעזר המודעי איז געווען אַ תלמיד און אַ חבר פון רבן גמליאל דעם צווייטען. ווי עס דאַכט זיך, האָט ער אויך געפיהרט אַ בית־המדרש פאַר זיך. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען פאַררעכענט אַלס אַן אויטאָריטעט אין "אגדה", פלעגט מען איהם אָפטמאָל רופען קיין יבנה, צו הערען זיינע אַן אויסטייטשונג. פריהער פלעגט ר' גמליאל אויסהערען די מיינונגען פון אַלע אַנדערע חכמים און דערנאָך פלעגט ער אַ זאָג טהון: "עדיין אנו צריכין למודעי", מיט וועל־כען ער פלעגט וועלען זאָגען: "איהר מעגט זיך פּשט'לען וויפיל איהר ווילט, מוזען מיר אַלץ אָנקומען צום מודעי!" (זעה שבת דף נ"ה עמוד ב').

האָבען דאָס אַנדערע חכמים אָפטמאָל נישט געוואָלט ליידען און זיי האָבען אַמאָל געפרעגט: "עד מתי אתה מגבב דברים ומביא עלינו?" דאָס הייסט: "ווי לאַנג וועסטו אַזוי פּלוידערען און אונז וועלען איינשמו־עסען?"

ווי באמערקט, פלעגט זיך ר׳ אליעזר המודעי מעהרסטענטהיילס אָפּגעבען מיט דרשות. ער פלעגט אויך זאָגען, אז דאָס וואָרט "אגדה" איז טייטש "ציהען", ווייל די לעגענדאַרישע איינטייטשונגען פון די היסטאָרישע געשעהענישען אָדער פון די פּסוקים ציהען זיך אריין אינעווייניג אין מענשען׳ס הארצען ווי וואסער. און ווען ר׳ אליעזר המודעי האָט גע׳דרשנ׳ט, פלעגען זיינע ווערטער לאַשטשען דאָס אויער פונ׳ם צוהערער מיט א באזונדערען שפּיעלעוודיגען חן, מיט וועלכען ער האָט אויפגעוועקט די איידעלסטע געפיהלען און ער האָט נעגעבען די שעהנסטע פּאָעטישע שפּייזען צו דער מענשליכער פאנטאזיע.

א "ווערטעל" פלעגט ער האָבען, וועלכעס ער פלעגט אָפט אין זיינע דרשות ווידערהאָלען: "ווער עס פארשוועכט דעם שבת און פארשעהמט דעם יום־טוב, ווער עס פארנאַכלעסיגט דעם ברית פון אברהם אבינו, ווער עס פאַרשעהמט זיינעם א חבר עפענטליך און ווער עס טייטשט איין די ווערטער פון דער תורה אויף א פאַלשען אופן, ער מעג אפילו האָבען פיעל געלערענט און פיהרען זיך אָרענטליך מיט מעשים טובים, האָט ער נישט פון דעסטוועגען קיין חלק אין עולם הבא" *).

פון אָט דעם "ווערטעל" קען מען אין א געוויסער מאָס זעהען דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַלע געדאַנקען, וואָס ר׳ אליעזר המודעי האָט געוואָלט אויסדריקען. דאכט זיך אויך, אז ער האָט געוואָלט מיט דעם דאָזיגען "ווערטעל" געבען אָנצוהערענישען געגען די פארשיעדענע סעקטען, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט אנטוויקעלט און זיי פלעגען פארשוועכען דעם שבת, פאַרשעהמען דעם יום־טוב, מבטל זיין דעם ברית פון אברהם אבינו און איינטייטשען די ווערטער פון דער תורה אויף א פאַלשען אופן...

ווי ביי פיעלע אַנדערע פון זיין צייט איז ביי ר׳ אליעזר המודעי דאָס אָפּהיטען פונ׳ם שבת געווען דאָס וויכטיגסטע אין דער אידישער אמונה. און אזוי ווי איינער וואָס היט נישט אָפּ דעם שבת, האָט נישט קיין חלק לעולם הבא, אזוי פלעגט ר׳ אליעזר המודעי זאָגען, אז ווען אידען היטען אָפּ דעם שבת, ווי עס קעהר צו זיין, גיט זיי דער אויבערשטער דערפאַר זעקס טייערע מתנות: ארץ־ישראל, עולם הבא, א נייע וועלט־אָרדנונג, א באנייאונג פון מלכות בית דוד, די כהונה און די לויה.

ביי דער אנטוויקלונג פון פארשיעדענע סעקטען ביי אידען האָט מען דאַן פלוצים אָנגעהויבען קריטיקירען די פיערעקיגע העברעאישע שריפט. ווי עס איז שוין געווען באשריבען, האָבען אידען אמאָל געהאַט צוויי מינים שריפטען, די פיערעקיגע אשור׳שע שריפט און דעם "כתב לבונאה" פון די שומרונים. האָט עזרא הסופר געוואָלט אויפשטעלען א וואנד צווישען אידען און שומרונים, האָט ער אויסגעקליבען דעם כתב אשורי פאַר אידען און דעם כתב לבונאה האָט ער איבערגעלאָזען צו די שומרונים.

האָבען די געגנער פון דער אידישער תורה אָנגעהויבען קריטיקירען די

---

*) אָט דער מאמר איז פארהאַנען אין צוויי פארשיעדענע נוסחאות. אין מסכת סנהדרין (דף צ״ט עמוד א׳) און אין דער משנה אבות (פ״ג י״א) שטעהט "המחלל את הקדשים", אָבער אין אבות דר׳ נתן (פרק כ״ו) איז די גרסא "המחלל את השבת". געפעלט מיר די דאָזינע גרסא בעסער, ווייל ר׳ אליעזר המודעי האָט געלעבט אין דער צייט פון נאָך׳ן חורבן, ווען "חלול הקדשים" איז נישט מעהר געווען פארהאַנען. אויסערדעם איז אויך די גרסא "המחלל את השבת" א פּאַסענדער פּאַראַלעל צו "המבזה את המועדות".

אידישע שריפט, אז זי שטאמט פון די אשור׳שע גוים. האט ר׳ אליעזר המודעי ערקלערט, אז די דאזיגע פיערעקיגע שריפט איז טאקי די אייגענטליכע שריפט, אויף וועלכער די תורה איז געגעבען געווארען, ווי דער פסוק זאגט: "ווי העמודים" (די העקעלעך פון די ציילען), מיינט דאס, אז די העקעלעך, דאס זיינען די אותיות, דארפען זיין גלייך צו ציילען, דאס זיינען די עמודים פון די ספרים, אז אזוי ווי די ציילען האבען זיך נישט געענדערט, אזוי האבען זיך אויך די העקעלעך, די אותיות, נישט געענדערט. דאס מיינט אויך דער פסוק "ואל היהודים ככתבם וכלשונם", ווייל אזוי ווי דער לשון פון די אידען איז געבליבען דערזעלבער, אזוי איז אויך זייער כתב געבליבען דערזעלבער (זעה תוספתא סנהדרין פרק ד׳).

ווי דערמאנט, איז ר׳ אליעזר המודעי געווען געגען די ארויסטרעטונגען פון בר־כוכבא. די מלחמה פון בר־כוכבא איז געווען אין זיינע אויגען צו פיעל נאטירליך און ער האט ערווארטעט א גאולה אן אויסערגעוועהנליך נסים׳דיגע, צו וועלכער מען דארף האפען און מען טאר זי נישט וועלען ברענגען מיט געוואלט. און ווען מען האט איהם אמאל געפרעגט וועגען דעם פסוק, וועלכער זאגט, אז "אלע פעלקער וועלען זיך פארזאמלען אין ירושלים, טא ווי וועט די שטאדט קענען אלעמען אריינעהמען?", האט ר׳ אליעזר המודעי געענטפערט, אז דער אויבערשטער וועט דאן זאגען צו ירושלים: "פארלענגער דיך, שפרייט אוים דיינע גרעניצען און נעם אריין אלע מענשען, וואס קומען צו דיר!"...

כאראקטעריסטיש פאר׳ן אידעען־גאנג פון ר׳ אליעזר המודעי איז אויך זיין ווערטעל, מיט וועלכען ער האט געזאגט, אז דער בוך און די שווערד זיינען געגעבען געווארען אין־איינעם פונ׳ם הימעל. זאגט אויף דעם דער אויבערשטער: "ווען איהר וועט היטען די תורה, וועט איהר אפגעהיט ווערען פונ׳ם שווערד, וועט איהר אבער נישט אפהיטען די תורה, וועט אייך די שווערד פארטיליגען!"

געוועהנליך האט ר׳ אליעזר המודעי ארגומענטירט וועגען די איינטייטשונגען פון פארשיעדענע פסוקים מיט ר׳ יהושע בן חנניה. ר׳ אליעזר המודעי פלעגט ליעב האבען צו דרש׳נען אומעטום, וואו עס איז נור פארהאנען עטוואס אויסטערלישעס אינ׳ם סטיל פון א פסוק אדער אין אן אומגעוועהנליכען אויסדרוק, אין אן איבריגען ווארט אדער דורך׳ן פעהלען פון א ווארט. און ר׳ יהושע פלעגט זוכען אומעטום דעם איינפאכען פשט, ווייל ער האט אומער געשטרעבט, צו ערקלערען אלסדינג אויף א ראציאנאלען אופן, נישט אוועק צו געהען פון איינפאכען טייטש פון די ווערטער.

אזוי פלעגט ר׳ אליעזר המודעי זוכען אומעטום משלים און רמזים, צו נעהמען דערפון אזוי פיעל, ווי עס קען העלפען געבען די היסטארישע פאסירונגען די אויסערגעוועהנליכסטע פאנטאסטישע אויספוצונג. דער נס אליין איז תמיד געווען פאר איהם צו ווייניג, האט ער זיך געסטארעט, צו פארגרעסערען דעם נס הונדערט מאל אזוי פיעל, לויט ווי ער איז באשריבען אין דער תורה, א שטייגער ווי ער האט געזאגט, אז דער מן איז געפאלען אויף זעכציג איילען הויך (יומא דף ע״ו עמוד א׳).

ביי מאנכע געשעהענישען האט ער געהאט א פאעטישע זעהונג, א שטייגער ווי וואס ער זאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט געגעבען די תורה צו אידען, זיינען אלע קעניגע פון דער וועלט אויפגעציטערט געווארען אין זייערע

פּאַלאַצען. די דונערען און די בליצען פון'ם באַרג סיני האָבען זיי פּשוט אוטרייסעלט די חושים און די שאַלונגען פון'ם שופר, וואָס די מלאכים האָבען דאַמאָלס געבלאָזען, האָבען זיי שיער נישט פאַרטויבט. האָבען זיי זיך דאָן אַלע צונויפגעקליבען ביי בלעם הרשע און זיי האָבען איהם געפרעגט: "איז נישט יעצט אפשר אַ ווידערהאָלונג פון די געשעהענישען ביים מבול?" — האָט זיי בלעם געענטפערט: "נאַרישע מענשען! דער אויבערשטער האָט שוין לאַנג צוגעשוואוירען צו נח, אַז ער וועט נישט מעהר ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט!" — האָבען זיי איהם ווייטער געפרעגט: "אפשר האָט גאָט מיט זיין שבועה געמיינט, אַז אַ מבול פון וואַסער וועט ער טאַקי נישט ברענגען, ער קען אָבער ברענגען אַ מבול פון פייער?" — האָט זיי בלעם געענטפערט: "ער וועט נישט מעהר ברענגען קיין מבול, נישט פון וואַסער און נישט פון פייער! און בנוגע צום היינטיגען רעש, איז דאָס בלויז, וואָס גאָט גיט היינט אַ תורה צו זיין פאָלק ישראל" (זבחים דף קט"ז עמוד א').

ער פלעגט אויך זאָגען, אַז תמיד ווען אידען זיינען זיך סומך אויפ'ן זכות פון זייערע אבות, וועלכע זיינען באַליעבט ביים אויבערשטען, ווערען זיי געהאָלפען און זיי קענען זיגען איבער זייערע שונאים. אָט דעם געדאַנק קען מען געפינען אין די ערקלערונגען זיינע צו דער מעשה מיט עמלק, אזוי ווי צו דער וואונדערליכער שפּייזונג פון די אידען אין דער מדבר, וואו גאָט האָט זיי געגעבען וואַכטעל־פלייש. מיט אָט די אויספירונגען צו די וואונדערליכע געשעהענישען האָט ער געוואָלט שטאַרקען דעם מוטה פון די מענשען, זיי זאָלען האָבען גענוג כח, אַריבערצוטראָגען די צרות פון'ם גלות. דאָס פלעגט ער אויך טהון אפילו דאַמאָלס, ווען די חברים זיינע האָבען איהם נישט געוואָלט הערען *).

---

*) דער נאָמען פון ר"א המודעי ווערד אין דער גמרא מעהרסטענטיילס אנגערופען "אלעזר" (אהן אַ יוד). אזוי ווי ער הייסט אבער אין דער משנה "אליעזר" (מיט אַ יוד), איז אנצונעהמען, אַז דאָס איז דער ריכטיגער נאָמען זיינער.

אונקלוס אָדער עקילס הגר

עס איז שוין עטליכע מאָל אָנגעוויזען געוואָרען, ווי מערקווירדיג דאָס איז, אז דוקא אין יענער צייט, וואָס אידען זיינען פּאָליטיש געשטאַנען אויף אַזאַ נידריגער מדרגה, ווי עס האָט גאָר נישט געקענט זיין ערגער, ווען זייער זעלב־שטענדיגקייט איז געווען פאַרלוירען, דאָס לאַנד פאַרוויסט און דער שונא האָט טריאומפירט אין אַלע באַציהונגען, עס האָט אויך אומעטום געהערשט די איבערצייגונג, אז דער גאָט, צו וועלכען אידען דיענען, האָט זיי פון זיך אַוועקגעוואָרפען, אָט אין אַזאַ צייט זיינען צו דער אידישער אמונה צוגעשטאַנען מענשען פונ׳ם העכסטען ראַנג, וואָס האָבען רעזיגנירט פון זייער גאַנצער לעבענס־קאַריערע און זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אַלס ״גרים״ צום אידישען פאָלק.

איז דאַן געווען איינער פון די דאָזיגע ״גרים״ — אונקלוס בר קלונימוס, אָדער ווי ער ווערד אין אַנדערע ערטער אָנגערופען עקילס, וועלכער איז געווען זעהר אַ נאָהנטער קרוב צו קייזער האדריאַן. *)

די געשיכטע דערפון, ווי אונקלוס (עקילס) האָט זיך מגייר געווען, ווערד דערצעהלט (אין מדרש תנחומא פ׳ משפטים) אויף פאָלגענדען אופן:

עקילס (אָדער אונקלוס) איז געווען אַ שוועסטערן־זוהן פון קייזער האדריאַן, האָט ער זיך געוואָלט מגייר זיין. די אידישע אמונה איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען, אָדער ווי מאַנכע זאָגען, אז עס האָט איהם אַ אידישע מיידעל גע־בראַכט דערצו. האָט ער אָבער מורא געהאַט פאַר זיין אָנקעל, האָט ער איהם אַמאָל געזאָגט: ״איך וואָלט גערן אָנגעהויבען מיט עטוואָס האַנדלען!״ —

---

*) דער נאָמען ״עקילס״ איז אין דער אויסשפּראַך פון ארץ־ישראל עהנליך צו ״אונקלוס״. ווייל מען פלעגט דאָרט די עי״ן אַרויסזאָגען אונטער דער נאָז אויף אַזאַ אופן, ווי זי וואָלט געווען צונויפגעטשעפּעט מיט אַ נון (יעקב—יאַנקוב). די מעשיות, וואָס ווערען דערצעהלט אין גמרא און אין מדרשים וועגען אונקלוס, זיינען כמעט דיעזעלבע, וואָס ווערען דערצעהלט אין אַנדערע ערטער וועגען עקילס. דער חלוק איז בלויז, וואָס אונקלוס איז אין תלמוד בבלי פאַרבונדען מיט טיטוס און מיט רבן גמליאל הזקן, וואָלט דאָס געקענט הייסען, אַז ער האָט געלעבט אין דער צייט פונ׳ם חורבן בית־המקדש, און עקילס איז פאַרבונדען מיט קייזער האדריאַן און מיט רבן גמליאל דיבנה, הייסט דאָס, אַז ער האָט געלעבט אין די צייטען פון נאָכ׳ן חורבן. ווילען דאַדורך מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז דאָס זיינען געווען צוויי פאַרשיעדענע פּערזאָנען. אָבער לויט די הגהות פון ווילנא׳ר גאון איז דאָס געווען איין פּערזאָן, ווייל ער קאָריגירט אין מסכת גטין (דף נ״ו עמוד ב׳), וואו עס שטעהט ״בר אחתיה דטיטוס״, הייסט ער לייענען ״בר אחתיה דאנדרינוס״. און אין מסכת עבודה זרה (דף י״א עמוד א׳), וואו עס שטעהט וועגען דעם, וואָס אונקלוס האָט געטהון ביי דער לויה פון רבן גמליאל הזקן, איז אין תוספות רבנו חננאל נישט פאַרהאַנען דאָס וואָרט ״הזקן״, קען מען אַלזאָ זאָגען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָרט וועגען ר׳ גמליאל דעם צווייטען און נישט וועגען דעם ערשטען.

האָט איהם האדריאַן אויף דעם געזאָגט: "אויב עס פעהלט דיר געלד, איז מיין קאַסע שטענדיג אָפען פאַר דיר!"

האָט עקילס־אונקלוס ווייטער געזאָגט: "איך וויל ארויסגעהן איבער דער וועלט, צו באַקענען זיך מיט פאַרשיעדענע מענשען, וויל איך מיך מיט דיר בעראַטהען, צו וואָסערע סחורות איך זאָל מיך נעהמען!" — האָט איהם האדריאַן געזאָגט: "יעדע סחורה, וואָס דו ועסט זעהען א געפאַלענע, זאָלסטו זיך מיט איהר אָפגעבען, ווייל זי וועט שפּעטער זיכערליך דערהויבען ווערען און דו וועסט דערביי פאַרדיענען!"...

איז דאַן עקילס־אונקלוס געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיך אָנגעקגעזעצט לערנען ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס און ר׳ יהושע בן חנניה. א צייט שפּעטער איז ער געגאַנגען זעהען זיין אָנקעל האדריאַן, האָט איהם דער אָנקעל געפרעגט: "וואָס איז עפּיס דיין פּנים אזוי פאַרענדערט און עס איז אויף דיר צו דערקענען, אַז דו האָסט געליטען א שאָדען אין דיין האַנדעל, אָדער אפשר האָט דיר א מענש וועה געטהון?" — האָט עקילס־אונקלוס געזאָגט: "נישט דאָס און נישט דאָס!"

האָט איהם האדריאַן געזאָגט: "דו ביזט מיר א נאָהנטער און דיין שלעכט אויסזעהען קרענקט מיך!" — האָט עקילס־אונקלוס געזאָגט: "איך האָב געלערענט די אידישע תורה און איך בין געוואָרען א איד!"

א פאַרציטערטער האָט דאַן האדריאַן געזאָגט מיט כעס: "ווער האָט דיר דאָס געהייסען טהון?"

האָט עקילס־אונקלוס אויף דעם געענטפערט: "דו אַליין האָסט מיר געהייסען! ווען איך האָב מיך מיט דיר בעראַטהען, מיט וואָסערער סחורה איך זאָל האַנדלען, האָסטו מיר געזאָגט, אַז יעדע סחורה, וואָס איך וועל זעהן א געפאַלענע, זאָל איך מיך צו איהר נעהמען, ווייל זי וועט דערנאָך זיכערליך דערהויבען ווערען. האָב איך נאָכגעזוכט צווישען אַלע פעלקער א פאָלק, וועלכעס זאָל זיין מעהר געפאַלען, ווי אידען זיינען, און איך האָב נישט געפונען. האָט דאָס מיך געמאַכט דענקען, אַז זיי וועלען אם ענדע מוזען ארויפקומען צוריק הויך!"...

ביי אַט דעם שמועס איז אויך געשטאַנען איינער פון׳ם קייזער׳ס מיניס־טאָרען. האָט ער גענומען לויבען עקילס׳ן פאַר זיין טהאַט. איז דער קייזער אויף איהם בייז געוואָרען און האָט איהם א פּאַטש געגעבען. האָט זיך דאַן יענער מיניסטער ארונטערגעוואָרפען פון׳ם דאַך פאַר חרפה און ער האָט זיך דער׳הרג׳עט.

און ווען האדריאַן איז דאַן שטאַרקער צוגעשטאַנען צו עקילס־אונקלוס, ער זאָל איהם זאָגען די אורזאַך, וואָס ער האָט זיך מגייר געווען, האָט איהם עקילס־אונקלוס געזאָגט: "איך האָב מיך געוואָלט באַקענען מיט דער אידישער תורה!"

האָט האדריאַן געזאָגט: "האָסטו דאָס געקענט גאַנץ גוט טהון און נישט ווערען קיין איד!" — האָט איהם עקילס־אונקלוס געזאָגט, אַז ווער עס איז נישט קיין איד, דער קען די אידישע תורה קיינמאָל נישט באַגרייפען...

פאַרהאַנען וועגען דערזעלבער מעשה נאָך פאַרשיעדענע אַנדערע "נוסחאות", און איינער פון זיי דערצעהלט, אַז ווען אונקלוס בר קלונימוס האָט זיך מגייר געווען, האָט דער קייזער ארויסגעשיקט עטליכע רוימישע סאָלדאַטען, איהם צו ברענגען קיין רוים. האָט ער אין זיי אריינגערעדט מיט פאַרשיעדענע פּסוקים פון דער תורה און זיי האָבען זיך אויך מגייר געווען.

האָט דאַן דער קייזער געשיקט אַנדערע סאָלדאַטען, אונקלוס'ן צו ברענגען. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך נישט אַריינלאָזען מיט איהם אין קיין שום שמועסען. און ווען זיי האָבען איהם שוין גענומען אין זייערע הענד און זיי האָבען שוין געוואָלט געהן, האָט ער צו זיי אַ זאָג געטהון: "לאָמיך אייך זאָגען איין וואָרט: ביי מענשען איז איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז ווען פּריצים געהן, טראָגט תמיד דער קלענערער דאָס ליכט פאַר'ן גרעסערען, ער זאָל זעהן צו געהן. אָבער מיין גאָט איז דער גרעסטער, טראָצדעם טראָגט ער אַליין דאָס ליכט פאַר זיין פאָלק, די מענשען זאָלען זעהן, וואו זיי דאַרפען געהן"... האָבען דאָס די סאָלדאַטען געהערט און זיי האָבען זיך אויך מגייר געווען.

האָט דער קייזער אַרויסגעשיקט אַנדערע סאָלדאַטען צום דריטען מאָל און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען גאָר נישט ריידען און זיי זאָלען זיך אויך נישט צוהערען צו דעם, וואָס אונקלוס וועט זיי זאָגען. און ווען זיי האָבען אונקלוס'ן געפיהרט, האָט ער ביים אַרויסגעהן פון הויז אַרויפגעלייגט די האַנד אויף דער מזוזה און ער האָט זיי געזאָגט: "זעהט דעם חלוק צווישען אַ קעניג אַ מענש און דעם גרויסען גאָט פון ישראל! ביי מענשען זיצט דער קעניג אינעווייניג אין שטוב און דרויסען פאַר דער טהיר שטעהען די שומרים, וואָס היטען איהם, און דאָ זיצען די מענשען אינעווייניג אין שטוב, און דער קעניג שטעהט דרויסען און היט זיי!"

ווי די סאָלדאַטען האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי זיך אויך מגייר געווען — און פון דאַמאָלס אָן האָט שוין דער קייזער נישט מעהר געשיקט קיין סאָלדאַטען, אויף צו ברענגען אונקלוס'ן צו איהם (זעה עבודה זרה דף י"א עמוד א').

דאָ דאַרף באַמערקט ווערען, אַז ווען אונקלוס האָט אין זיינע ווערטער צו די רוימישע סאָלדאַטען אָדער ביי אַנדערע געלעגענהייטען געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישען די דרכים פונ'ם אויבערשטען און די טהאַטען פון אַ מענשליכען קעניג, איז דאָס געווען גענוי צוגעפּאַסט צו די באַגריפען פון יענער צייט, ווי דער קעניג איז געוועהנליך באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ מיניאַטור-בילד פון זיין גאָט. איז אַנשטאָט צו ציהען אַ פּאַראַלעל צווישען דער גוי'שער געצקע, צו וועלכער דער קעניג האָט געדיענט, און — להבדיל — דעם אידישען גאָט, ווי דער מחבר פון תהלים האָט געטהון, פלעגט מען דאַן זעהר אָפט ציהען אַ פּאַראַלעל צווישען דער פיהרונג פון אַ מענשליכען קעניג געגען דער פיהרונג פון דעם אידישען גאָט.

נאָך אַן אַנדערער "נוסח" דערצעהלט די מעשה, ווי אַזוי אונקלוס האָט זיך מגייר געווען:

אונקלוס בר קלונימוס, אַ שוועסטערן-זוהן פון טיטוס (אָדער פון קייזער אַנדריַנוס, ווי דער ווילנא'ער גאון הייסט לייענען), האָט זיך געוואָלט מגייר זיין, האָט ער געלאָזט אַרויפברענגען טיטוס'ן פון קבר מיט כשוף און ער האָט איהם געפרעגט: "וועלכעס פאָלק איז דאָס חשוב'סטע אויף דער וועלט?" — האָט איהם טיטוס געענטפערט: "דאָס זיינען אידען!"

האָט איהם אונקלוס געפרעגט: "וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל זיך צו זיי באַהעפטען?" — האָט איהם טיטוס געזאָגט: "זייערע ווערטער זיינען צו גרויס און עס איז אויך נישט מעגליך, מען זאָל זיי קענען האַלטען. און ווילסטו גרויס ווערען, איז נישט פאַראַנען קיין בעסערער מיטעל, ווי צו אונטערדריקען אידען"... (זעה גיטין דף נ"ו עמוד ב').

איידער אונקלוס האט זיך מגייר געווען, דערצעהלט דער מדרש (בראשית רבה פ׳ ע׳), איז ער געקומען מיט א שאלה צו ר׳ אליעזר בן הורקנוס און ער האט צו איהם אזוי געזאגט: ״ווי קענט איהר דענקען, אז עס לוינט זיך פאר א מענשען, ער זאל זיך מגייר זיין, ווען די גאנצע רבותא פון א גר איז בלויז, וואס דער אויבערשטער האט איהם ליעב און ער גיט איהם ברויט און א קלייד, מעהר נישט? !״ — האט איהם ר׳ אליעזר געענטפערט מיט כעס: ״איז דאס ווייניג, ווען דער גר קריגט דאס, וואס יעקב אבינו האט געבעטען, אז גאט זאל איהם געבען, און דא קומט דער אויבערשטער און דערלאנגט עס דעם גר אלס אן אומזיסטע מתנה און אויף א גרינגען אופן, איז דאס ווייניג?״

האט די דאזיגע תשובה אונקלוס׳ן נישט באפרידיגט. איז ער אוועקגע־גאנגען צו ר׳ יהושע בן חנניה מיט דערזעלבער שאלה. האט איהם ר׳ יהושע איינגענומען מיט גוטע רייד און ער האט איהם געזאגט: ״דאס ברויט, וואס דער אויבערשטער גיט דעם גר, מיינט נישט געוועהנליך ברויט, נור עס מיינט תורה. און ווען מען זאגט, אז דער אויבערשטער גיט דעם גר א קלייד, מיינט דאס נישט א געוועהנליך מלבוש, נור עס מיינט דעם טלית פון א חכם. און אויב דער גר איז נור זוכה צו תורה, איז ער אויך זוכה צום טלית פון א חכם, קען ער שוין פארהייראטען זיין טאכטער צו א כהן און איהרע זיהן קענען שוין זיין כהנים גדולים!״

אויף דעם האבען די חכמים געזאגט, אז ווען ר׳ יהושע וואלט נישט אזוי פריינדליך גערעדט מיט אונקלוס׳ן, וואלט ער דאמאלס זיכער צוריקגע־גאנגען צו זיינע גוים.

שפעטער האט מען דערצעהלט אין אונקלוס׳עס נאמען, אז ווען ער פלעגט לויבען די מעלות פונ׳ם אידישען גאט, פלעגט ער זאגען, אז באלד ביי דער וועלט־באשאפונג האט דער אויבערשטער באוויזען, אז דער דרך זיינער איז א גאנץ אנדערער ווי ביי א קעניג א מענש. א קעניג לאזט געוועהנליך לויבען זיין גוטסקייט, איידער ער האט נאך באוויזען, עטוואס אויפצוטהון, איידער ער האט נאך אויפגעבויט געריכטען אדער איינגעריכטעט בעדער. דערמאנט מען דאדורך צוערשט זיין נאמען און דערנאך דערמאנט מען זיינע אויפטהואונגען. אבער ביים אויבערשטען כביכול קומען צוערשט די מעשים און דערנאך קומט דער לויב.

לויט א שילדערונג פון קריסטליכע ״קירכען־פעטער״ איז אונקלוס אדער עקילס געווען אן אנהענגער פון קריסטענטום און קייזער האדריאן האט איהם ארויסגעשיקט אלס א באפולמעכטיגטען פארשטעהער פון דער רעגירונג אין ירושלים, וואו דער קייזער פלעגט ארויסגעבען יעדען טאג נייע געזעצע. גאר צוערשט האט ער ערלויבט, אידען זאלען צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש. דערנאך האט ער געהייסען פארוואנדלען די שטאדט אין א היידנישע מיט׳ן נאמען ״עליא קאפיטאלינא״ לכבוד דעם רוימישען גאט יופיטער. אזוי ווי אונקלוס האט זיך אבער אפגעגעבען מיט שטערען־זעהעריי, וואס קריסטען האבען באטראכט אלס א זינד, האבען איהם די קריסטען פארשטויסען פון זיך און ער איז געווארען א איד.

פאר די אידען אין די גריכישע מדינות, וועלכע האבען נישט געקענט קיין העברעאיש און זיי האבען זיך געוואלט באקענען מיט׳ן אינהאלט פון דער תורה, האט דאמאלס עקסיסטירט איין גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבעל, וועלכע איז באקאנט אלס די ״סעפטואגינטא״ און אידען קענען זי

אַלס "תרגום השבעים". איז זי אָבער דאַמאָלס געווען שטאַרק פאַרפעלשט אין איהר אינהאַלט און עס זיינען איהר צוגעגעבען געוואָרען פאַלשע אויסטייטשונגען צו פאַרשיעדענע פסוקים, האָט זיך אונקלוס־עקילס אונטערגענומען צו מאַכען אַ נייע גריכישע איבערזעצונג, וואָס ער האָט אויך דורכגעפיהרט מיט דער הסכמה פון ר׳ אליעזר בן הורקנוס און פון ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכע האָבען וועגען איהר גע׳דרשנ׳ט מיט׳ן פסוק: "יפת אלהים ליפת", אַז ער האָט אריינגעבראַכט די שעהנקייט פון יפת (גריכענלאַנד) צו די געצעלטען פון שם.

לויט׳ן ירושלמי איז עקילס (אָדער אונקלוס) געווען אַ חבר אָדער אַ תלמיד פון ר׳ עקיבא, וועלכער האָט געגעבען זיין הסכמה צו דער נייער גריכישער ביבעל־איבערזעצונג.

אונקלוס׳עס ביבעל־איבערזעצונג איז אויך געווען אָנגענומען ביי אַלע אַנדערע חכמים און דער ירושלמי ציטירט איבער אַ צעהנדלינג ווערטער, ווי עקילס־אונקלוס האָט זיי איבערזעצט, אויף צו באַגרינדען דעם פשט פון אַ פסוק. אַמאָל ווערד זאָגאַר דערצעהלט, אַז אין אַנערקענונג פון זיין אויטאָריטעט ביי די ערקלערונגען פון דער ביבעל, האָט קייזער האדריאַן אַליין געפרעגט ביי אונקלוס די ערקלערונג פון אַ געווויסען פסוק (זעה ירושלמי חגיגה פרק ב׳ הלכה א׳).

פון אונקלוס׳עס גריכישער איבערזעצונג האָבען מיר היינט אָן ארמישע איבערזעצונג (תרגום אונקלוס), וועלכע איז ביי אונז פאַרהייליגט געוואָרען כמעט אין דערזעלבער מדרגה, ווי דער העברעאישער ביבעל־טעקסט.

שפּעטער, ווען דער קריסטליכער קירכען־פאַטער הירּאָנימוס האָט געמאַכט אַ לאַטיינישע איבערזעצונג פון דער ביבעל, האָט ער זיך גּעדאַרפט פיעל באַנוצען מיט דער איבערזעצונג פון עקילס־אונקלוס און ער זאָגט וועגען איהר, אַז זי איז אַ שלעכטע, ווייל "דער איבערזעצער האָט זיך געהאַלטען שקלאַפיש ביים העברעאישען טעקסט און ער האָט איבערזעצט יעדע זילבע, נישט קוקענדיג צי דאָס פּאַסט זיך צו דער גריכישער שפּראַך און צו איהרע סינטאַקסים". די אידען האָבען אויך אָנגענומען דעם תרגום פון עקילס, זאָגט הירּאָנימוס, און אין מאַנכע אידישע קהלות, וואו מען רעדט גריכיש, לייענט מען יעדען שבת עקילס׳עס איבערזעצונג אַנשטאָט דעם העברעאישען טעקסט פון דער תורה, אָדער מ׳לייענט איהם צוזאַמען מיט׳ן העברעאישען טעקסט.

די צייט, וואָס אונקלוס־עקילס האָט זיך מגייר געווען, איז וואהרשיינליך געווען אין די יאָהרען פון נאָך׳ן חורבן, ווען רבן גמליאל דער צווייטער איז געווען דער "נשיא" איבער די אידען, ווייל אונקלוס ווערד זעהר אָפט דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט רבן גמליאל, אַ שטייגער ווי, אַז ער איז אַמאָל צוזאַמען מיט רבן גמליאל אָנגעקומען קיין אשקלון, האָט זיך רבן גמליאל דאָרט געבאָדען אין אַ געוועהנליכער באָד. אַזוי ווי אשקלון איז אָבער געווען פאַררעכענט אַלס נישט געהעריג צו ארץ־ישראל, איז אַ געוועהנליכע באָד נישט געווען גענוג כשר פאַר אונקלוס און ער האָט זיך געבאָדען אין ים (תוספתא מקוואות פרק ו׳).

און ווען ר׳ גמליאל איז געשטאָרבען — דערצעהלט די גמרא — האָט אונקלוס פאַרברענט זעבציג פונט בשמים ביי זיין לויה, אַזוי ווי מען פלעגט דאָס טהון ביים באַגראָבען אַ קעניג. און ווען די חכמים האָבען איהם געפרעגט, צו וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער זיי געענטפערט: "אין מיינע אויגען איז ר׳ גמליאל פיעל וויכטיגער ווי הונדערט רוימישע מלכים!"

עקילס־אונקלוס איז אויך זעהר פרום געוועז, און חאטש דער בית־המקדש האט שוין אין זיין צייט נישט עקסיסטירט, האט ער פון דעסטוועגען אפגע־היט אלע דינים פון ריינליכקייט, גלייך ווי פרומע אידען פלעגען זיך נוהג זיין, ווי לאנג דער בית המקדש איז געשטאנען. און נאכדעם ווי אונקלוס־עקילס האט גע׳ירשנ׳ט א פארמעגען פון זיין פאטער, האט ער נישט געוואלט האבען קיין גענוס פון די גאלדענע און זילבערנע געצקעס, וועלכע האבען זיך אין דער ירושה געפונען, האט ער גענומען און האט אלעס ארייגעווארפען אין ״ים המלח״ (תוספתא דמאי פרק ו׳).

רבי אלעזר בן עזריה

פון דעם ביז אהער דערצעהלטען איז צו זעהען, אז די מאטעריעלע לאגע פון די אידן אין ארץ־ישראל איז דאמאלס צוליעב די פאליטישע אומשטענדען פון טאג צו טאג ערגער געווארען. די באאמטע פון דער רוימישער רעגירונג האבען געשטיקט און געדריקט די באפעלקערונג, ווי ווייט עס האט זיך נור געלאזט. וואס איינער האט פארמאגט, האט מען ביי איהם צוגענומען, און האט זיך אימיצער אקעגען־געשטעלט, איז דאס באטראכט געווארען ווי א רע־וואלוציאנערע טהאט, פאר וועלכער מען האט געדארפט באצאהלען מיט'ן לעבען.

צו באקלאגען זיך אויף דעם, איז נישט געווען פאר וועמען. דער וועג קיין רוים איז געווען זעהר א ווייטער און א שווערער — און ביז מען האט דארט אויסגע'פועל'ט בטל צו מאכען איין גזרה, איז שוין דערווייל אנגעקומען א נייע גזרה, וועגען וועלכער מען האט דאן געדארפט אנהויבען נייע שתדלנות'ן, אדער עס איז פלוצים אנגעקומען פון רוים א נייער רעגירונגס־פארוואלטער, וועלכער האט אנגעהויבען זיין טהעטיגקייט מיט נייע אונטער־דריקונגען.

האט דאן דאס לאנד ארומגענומען א שרעקליכע ארימקייט. ווערד דאדורך פיעל גערעדט וועגען דער עשירות פון רבי אלעזר בן עזריה — און מען פלעגט זיך דערצעהלען, אז דער בלויזער "מעשר", וואס ער האט געדארפט אוועקגעבען יעדעם יאהר פון זיינע ניי־געבוירענע בהמות, איז געווען צוועלף טויזענד קעלבער. אנדערע פלעגען זאגען, אז ווער עס זעהט ר' אלעזר בן עזריה אין חלום, מעג ערווארטען, אז עס וועט איהם אנקומען עשירות. און ווען ר' אלעזר בן עזריה איז געשטארבען, האט מען געזאגט, אז עס האט אויפגע־הערט די עשירות ביי די חכמים.

די עשירות פון ר' אלעזר בן עזריה איז געקומען אין ערשטער רייהע פון דער ירושה, וואס ער האט געקראגען נאך זיין פאטער'ס טויט. דאביי האט ער אליין אויך געארבייט צו פארגרעסערען דאס פארמעגען, פיהרענדיג א מסחר מיט וויין און אויל, מיט וועלכען ער האט זיך אפגעגעבען — טראץ דעם פאר־באט פון די חכמים, אז מען זאל אין ארץ־ישראל נישט מאכען קיין געשעפ־טען מיט לעבענסמיטלען.

ווי עס ווערד וועגען איהם אויך דערצעהלט, איז ער געווען זעהר וואהל־טהעטיג און ווען ער האט געזעהען א מענשען, וואס וויל לערנען, נור עס פעהלען איהם די מיטלען צו זיין פרנסה, האט ער איהם אויסגעהאלטען פון זיין אייגענער קעשענע — און דאביי פלעגט ער זאגען, אז מעהר ווי א פינפ־טעל פון זיין פארמעגען טאר נישט קיין מענש אוועקגעבען פאר די באדער־פענישען פון "צדקה".

ביי דער מחלוקה פון רבן גמליאל דעם צווייטען, וועלכע איז אויבען באשריבען, האבען די חכמים אויסגעקליבען ר' אלעזר בן עזריה אלס "נשיא".

ווילען פיעלע היסטאָריקער גלויבען, אז די אורזאַך דערפון, וואָס מען האָט דוקא איהם אויסגעקליבען פון צווישען אַנדערע קאַנדידאַטען, וועלכע זיינען אפשר בעסער געווען פאַסיג צום אמט, איז געווען, וואָס מען האָט פאַרשטאַנען, אז טאָמער וועט מען זיך איבערבעטען מיט רבן גמליאל, וועט עס גרינג אָנקומען, צו באַוועגען ר׳ אליעזר בן עזריה, ער זאָל צוריקטרעטען פונ׳ם אמט צו גונסטען פון זיין פאָרגענגער. דערצו האָט נאָך איטליכער געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין עשירות, גלייך ווי פאַר זיין יחוס. רבן גמליאל איז געווען דער פינפטער דור פון הלל הזקן, וועלכער האָט געשטאַמט פון דוד המלך — און ר׳ אלעזר בן עזריה האָט זיך גערעכענט, אז ער איז אין אַ דירעקטער ליניע דער צעהנטער דור פון עזרא הסופר.

ווען ר׳ אלעזר בן עזריה איז געוואָרען „נשיא״, איז ער נאָך גאָר יונג געווען. לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, איז ער דאַמאָלס נישט געווען עלטער ווי 17 אָדער 18 יאָהר — און אַזוי ווי ער האָט זיך מצער געווען, וואָס ער האָט נישט קיין גרויע האָר און דער עולם וועט צוליעב דעם נישט האָבען פאַר איהם קיין דרך־ארץ, איז איהם איבערנאַכט אויסגעוואַקסען 18 שורות גרויע האָהר. אָבער לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען אין ירושלמי (ברכות פרק א׳ הלכה ו׳), איז ער דאַמאָלס, ווען ער האָט געזאָגט „הרי אני כבן שבעים שנה״, אין ווירקליכקייט געווען נאָהנט צו 70 יאָהר אַלט.

זיכער איז, אז טראָץ זיין יוגענד איז ר׳ אלעזר שוין דעמאָלט באַקאַנט געווען אין הלכה. לויט ווי עס איז אויך אָנצונעהמען, האָט ער געלערנט ביי זיין אייגענעם פאָטער, וועלכער איז געווען אַ באַוואוסטער געלעהרטער, וואָס אפילו דער ברודער זיינער האָט זיך גערופען אויף זיין נאָמען (שמעון אחי עזריה).

מען פלעגט איהם אויך לויבען, אז ער איז ווי אַ „קאָרב מיט בשמים״ און מען האָט איהם פאַרגליכען צו אַ געווירצען־הענדלער, וועלכער קומט אַריין אין אַ שטאָדט, און די מענשען פון יענער שטאָדט קלייבען זיך צונויף אַרום איהם, פרעגענדיג:

— גוטען אויל האָסטו מיט דיר? שמעקעדיגע קרייטיכער האָסטו מיט דיר? רויזענזאַפט האָסטו מיט דיר? — און מען געפינט אַלסדינג ביי איהם.

אַזוי איז אויך ר׳ אלעזר בן עזריה, ווען די תלמידי־חכמים זיינען צו איהם צוגעקומען, איז וואָס זיי האָבען געזוכט, האָבען זיי ביי איהם געפונען. האָט מען איהם געפרעגט אַ שאלה אין תורה, האָט מען געקראָגען אַ תשובה אין תורה, האָט מען איהם געפרעגט אין משנה, איז געווען אַ תשובה אין משנה; אין דרש, איז געווען אין דרש; אין הלכה אָדער אין אגדה, איז געווען אין הלכה און אגדה. אַלסדינג האָט ער געקענט, אַלע ידיעות האָט ער פאַרמאָגט...

שפּעטער באַגעגענען מיר אָפטמאָל ר׳ אלעזר בן עזריה אין דער געזעלשאַפט פון ר׳ גמליאל, ווי זיי זיינען געפאָהרען צוזאַמען מיט אַנדערע חכמים אין שתדלנות פאַר כלל־ישראל. אַזוי איז ער צוזאַמען מיט די פיהרער פון די „חכמי יבנה״ אומעטום געגאַנגען, וואו מען האָט עס נור פון איהם פאַרלאַנגט, חאָטש ער איז נישט מעהר געווען דער „נשיא״. פלעגט מען דאַן צוליעב דעם זאָגען, אז אַ דור, וואו עס געפינט זיך אַ ר׳ אלעזר בן עזריה, קען מען וועגען איהם נישט זאָגען, אז ער איז אַ פאַר׳יתום׳טער.

באַזונדערס גרויס איז געווען דער כח פון ר׳ אלעזר בן עזריה אין דרשה. שטענדיג האָט ער זיך אָבער אויסגעהיט נישט צו נעהמען שניידען דעם פסוק

רבי אלעזר בן עזריה

אין באזונדערע ווערטער און אותיות. ער האָט זיך מעהר געהאַלטען ביי דער רעאַליסטישער אויסטייטשונג פון׳ם פסוק און ער פלעגט זאָגען, אַז די תורה איז געגליכען צו אַ פלאַנצונג, ווייל גלייך ווי אַ פלאַנצונג מעהרט זיך, מעהרען זיך פונקט אַזוי די ווערטער פון דער תורה. ווען ער האָט געזעהען, אַז די פאָלקסמאַסען הויבען אָן פאַרלירען דעם רעספּעקט פאַר די תלמידי־חכמים צוליעב די מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען, וואָס הערשען צווישען זיי, ווי איינער זאָגט כשר אויף דעם, וואָס אַ צווייטער זאָגט טרפה, האָט ער געזאָגט:

— ווען תלמידי־חכמים זיצען און זיי גיבען זיך אָפּ מיט דער תורה, איינע זאָגען טמא און די אנדערע זאָגען טהור, איינע אסר׳ן און אנדערע זיינען מתיר, איינע פסל׳ען און אנדערע זאָגען כשר, זאָל קיינער נישט זאָגען, אַז מען קען דאַדורך נישט וויסען, וואָס צו לערנען, ווייל אַלסדינג איז פון איין פאַסטוך געגעבען, אַלסדינג קומט פון דערזעלבער תורה, דאַרף מען אָנשטרענגען דעם אויער און צולייגען דאָס האַרץ מיט פאַרשטאַנד, איינצוהערען זיך צו די ווערטער פון די, וואָס זאָגען טמא, גלייך ווי מען דאַרף זיך איינהערען צו די ווערטער פון די אנדערע, וואָס זאָגען טהור, מען דאַרף זיך איינהערען צו די ווערטער וואָס אסר׳ן, גלייך ווי צו די ווערטער פון די אנדערע, וואָס זיינען מתיר (זעה תוספתא סוטה פרק ז׳).

אָפטמאָל, ווערד דערצעהלט, האָט ר׳ עקיבא געוואָלט אריבערציהען ר׳ אלעזר בן עזריה צום דרך פון זיינע דרשות. האָט איהם ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט:

— עקיבא! וואָס האָסטו צו טהון מיט אגדה? ענדיג אָפּ דיינע רייד און געה דיר צו די דינים פון נגעים ואהלות!

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט צו ר׳ עקיבא:

— ווען דו וועסט אפילו ריידען אַ גאַנצען טאָג, וועל איך דיך נישט הערען!...

גאַנץ אַנדערש איז דאָס פאַרהעלטניס פון ר׳ אלעזר בן עזריה צו ר׳ אליעזר המודעי, וועלכער האָט יאָ געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף זיין געדאַנקען־גאַנג אין די אויסטייטשונגען פון דער תורה — און ר׳ אלעזר בן עזריה האָט אויך מאַנכעס מאָל אַדאָפּטירט יענעם׳ס אַ ווערטעל, אַ שטייגער ווי וואָס ער האָט געזאָגט:

— ווער עס פאַרשעהמט די ימים־טובים, איז גלייך ווי ער וואָלט געדיענט די עבודה־זרה.

צווישען די דרשות פון ר׳ אלעזר בן עזריה האָבען אַ באַזונדערע באַדייטונג יענע ווערטלעך, וועלכע האָבען אַ פּראַקטישען יסוד אין באַצוג צו די מענשליכע פליכטען אַקעגען מאָראַל און רעליגיאָן, אַ שטייגער ווי וואָס ער פלעגט זאָגען:

— פאַר אַלע זינד, וואָס אַ מענש באַגעהט אַקעגען גאָט, איז יום־כפור מכפר. אָבער פאַר די זינד, וואָס איין מענש באַגעהט געגען דעם אַנדערען, העלפט נישט קיין יום־כפור, ווי לאַנג דער מענש, וואָס מען האָט די זינד געגען איהם באַגאַנגען, האָט נישט מוחל געווען דעם זינדער!

— ווער עס דערצעהלט פלאָטקעס, אָדער ער נעמט אָן פלאָטקעס — זאָגט ר׳ אלעזר בן עזריה — איז גלייך ווי איינער וואָס זאָגט פאַלש עדות געגען אַ צווייטען, און אַזאַ מענש איז ווערטה, מען זאָל איהם פאַר די הינט ווארפען!

דער פסוק זאָגט, אז טאָמער זעהט מען ווי איינער באַנעהמט אַן אומרעכט, זאָל מען איהם גוט אָנ׳מוסר׳ן. זאָגט אויף דעם ר׳ אלעזר בן עזריה:

— איך בין איין צווייפעל, צי עס איז היינט פאַראַן אַ מענש, וואָס זאָל וויסען, ווי אַזוי מען דאַרף אַ צווייטען אָנ׳מוסר׳ן...

— ווען דער אויבערשטער האָט אונז פאַרבאָטען צו עסען חזיר — האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט — טאָר מען נישט זאָגען: "מיך עקעלט עס און איך קען עס נישט עסען!" נור מען דאַרף זאָגען: "איך וואָלט עס גערן געגעסען, וואָס קען איך אָבער טהון, אַז דער פאָטער אין הימעל האָט עס נישט געהייסען עסען?"

דער אויבערשטער באַצאָהלט פאַר יעדע טובה, וואָס איינער טהוט צום אַנדערען, אַפילו ווען די כוונה פון דער טובה איז אַן עגאָאיסטישע און דער בעל־טובה מיינט בלויז זיך אַליין. אַזוי האָבען די מצריים געהאַלטען די אידען ביי זיך פאַר זייער אייגענע טובה — האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט — פון דעסטוועגען האָט דער אויבערשטער אָנגעזאָגט מען זאָל נישט פאַרשעהמען קיין מצרי, ווייל ער האָט אונז געלאָזט וואוינען אין זיין לאַנד. מיר טאָרען אַלזאָ נישט געדענקען, ווי שווער די מצריים האָבען מיט די אידען געאַרבייט, ווייל מען דאַרף דאָס באַטראַכטען ווי אַ חסד, וואָס מיר האָבען געוואוינט אין זייער לאַנד.

ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט ר׳ אלעזר בן עזריה שטאַרק געהאַלטען פון אָפּהיטען שבת. טראָצדעם האָט ער געזאָגט, אַז דאָרט וואו עס איז פאַראַן אַ געפאַהר פאַר אַ מענשליכען לעבען, דאַרף מען נישט קוקען אויף שבת.

ריידענדיג וועגען דער באַדייטונג פון די מצוות, איז ביי ר׳ אלעזר בן עזריה אויסגעקומען, אַז די מצוות זיינען ווי די וואָרצלען פון אַ בוים און דאָס לערנען די תורה איז ווי די צווייגען. האָט ער וועגען דעם געזאָגט:

— יעדער וואָס די געלערנטקייט זיינע איז ביי איהם גרעסער ווי זיינע מעשים, צו וואָס איז ער געגליכען? צו׳ן אַ בוים, וואָס זיינע צווייגען זיינען פיעלע און זיינע וואָרצלען זיינען ווייניגע. קומט אַ ווינד, רייסט ער איהם אויס און דרעהט איהם איבער מיט׳ן שפּיץ אַראָפּ. אָבער אַ מענש, וואָס זיינע מעשים זיינען מעהר ווי זיין געלערנטקייט, צו וואָס איז ער געגליכען? צו׳ן אַ בוים, וואָס זיינע צווייגען זיינען ווייניג און זיינע וואָרצלען זיינען פיעלע, אַז ווען עס זאָלען אַפילו אַלע ווינטען פון דער וועלט אויף איהם בלאָזען, וועלען זיי איהם נישט קענען ריהרען פונ׳ם אָרט.

פאַראַן ווייניג מאמרים פון ר׳ אלעזר בן עזריה וועגען אידען אַלס אַ פאָלק, איז טאַקי איין אויסשפּרוך זיינער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין קוק אויף אָט דעם ענין, וואו ער זאָגט:

— עס שטעהט אַ פסוק: "דו האָסט היינט אויסדערוועהלט דיין גאָט און ער האָט דיך היינט אויסדערוועהלט אַלס זיין פאָלק", האָט דער אויבערשטער מיט דעם געוואָלט זאָגען: "איהר האָט מיר געגעבען אַן איינציגען טיטעל אויף דער וועלט און איך האָב אייך געגעבען אַן איינציגען טיטעל. אַזוי ווי איהר דענקט וועגען מיר, אַז איך בין איין גאָט אויף דער וועלט, אַזוי דענק איך וועגען אייך, אַז איהר זייט איין פאָלק אויף דער וועלט. גאָט איז אַן איינציגער ביי זיין פאָלק ישראל און ישראל איז דאָס איינציגע פאָלק ביי זיין גאָט".

זעהר אַ וויכטיגע פראַגע איז דאַמאָלס געווען די מצוה פון "יבום" און "חליצה". די תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז ווען אַ מאַן שטאַרבט אָהן קינדער,

זאָל דער ברודער פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם הייראַטען זיין אַלמנה. און אז ער וויל נישט, זאָל ער איהר געבן „חליצה״. איז אָבער דאַמאָלס ארויפגעשוואוי־מען די פראַגע, וואָס עס זאָל געשעהן, ווען די פרוי וויל נישט געהייראַטה ווערען פון איהר מאַן׳ס ברודער. האָט ר׳ אלעזר בן עזריה מתקן געווען, אז טאָמער האָט דער שוואָגער א פעהלער, וועלכער מאַכט איהם געזעלשאַפטליך מיאוס, זאָל מען דעם שוואָגער הייסען געבען „חליצה״ און נישט מייבם זיין...

און ווען עס איז אמאָל געדעדט געוואָרען וועגען א טויטען־אורטייל ביי די „סנהדרין״ און מען האָט געזאָגט, אז א סנהדרין, וואָס גיט ארויס א טויטען־אורטייל איינמאָל אין זיבען יאָהר, הייסט א מערדערישע. האָט ר׳ אלעזר בן עזריה צוגעגעבען, אז ווען א סנהדרין גיט ארויס א טויטען־אורטייל איין מאָל אין זיבעציג יאָהר, איז איהר האַנדלונג אויך א מערדערישע...

די לעצטע טעג פון ר׳ אלעזר בן עזריה זיינען געווען דער אָנהויב פון דער גרויסער רעוואָלוציע. די חכמים זיינען זיך דאַמאָלס צולאָפען פון יבנה און די ישיבה איז דאָרט בטל געוואָרען. איז דאַן ר׳ אלעזר בן עזריה געגאַנגען קיין צפורי און די סנהדרין האָבען זיך אריבערגעצויגען קיין אושא.

דערצעהלט אונז די גמרא (אין ראש השנה דף ל״א עמוד ב׳), ווי די סנהדרין האָבען ארומגעוואַנדערט פון יבנה קיין אושא און פון אושא צוריק קיין יבנה, דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען א צווייטען מאָל פון יבנה קיין אושא און פון אושא זיינען זיי געגאַנגען קיין שפרעם און אזוי ווייטער. וויל דאָרט רש״י ערקלערען, אז די דאָזיגע וואַנדערונג איז געווען, וואָס די סנהדרין זיינען נאָכגעגאַנגען דעם „נשיא״, וואו ער אָדער זיין זוהן האָבען זיך באַזעצט. און ווען מאַנכע היסטאָריקער ווילען אָננעהמען די דאָזיגע רש״י׳ס ערקלערונג, פאַרפלאָנטערען זיי זיך אין דער צייט, ווייל עס איז מעהר ווי זיכער, אז ווען די סנהדרין זיינען אוועקגעגאַנגען פון יבנה, איז דאָס געווען צוליעב די רדיפות פון דער רוימישער רעגירונג און נישט ווייל זיי האָבען גע־וואָלט נאָכגעהען דעם „נשיא״. אין יענער צייט האָבען די אידען איבער־הויפט נישט געהאַט קיין „נשיא״. רבן גמליאל דער צווייטער איז געווען טויט און אן אַנדערען אויף זיין פלאַץ האָט מען דערוויל מורא געהאַט אויסצוקלויבען, ווייל די רוימער האָבען דאַמאָלס קרום געקוקט אויף די נשיאים, וועלכע האָבען זיך גערעכענט אלס אָפּשטאַמער פון „מלכות בית דוד״ און דאָס פאָלק האָט זיי באַטראַכט ווי קעניגע, וואָס די גוי׳שע רעגירונג שטערט זיי אין דער אויספיהרונג פון זייער קעניגליכען אמט...

און ווען די סנהדרין האָבען זיך אריבערגעצויגען פון יבנה קיין אושא, קען אָנגענומען ווערען, אז די רוימישע רעגירונג האָט שוין דאַמאָלס אָנגע־הויבען באַגרייפען, אז ווען זי וויל די אידען פולשטענדיג אונטעריאָכען, טאָר זי זיי נישט לאָזען אָפּהיטען די אידישע תורה, ווייל ווי לאַנג אידען האָבען א מעגליכקייט, אָנצוהאַלטען די מצוות פון דער תורה, קען מען געגען זיי גאַר נישט אויספיהרען.

דאָס — דאַכט זיך — איז אויך געווען די אורזאַך, וואָס די רוימער, וועלכע פלעגען זאָנסט לאָזען יעדעס פאָלק האַלטען זיך ביי איהר גאָט, אבי זיי האָבען נור געצאָהלט זייערע שטייערען צו דער רוימישער רעגירונג, אָט דיעזעלבע רוימער האָבען זיך פלוצים פאָרגענומען, צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק דורך דער פאַרניכטונג פון דער תורה.

ווי עס איז שוין אויבען באַמערקט, קען מען יעצט נישט גענוי ערקלערען,

אין וועלכער צייט עס זיינען פארגעקומען די וואנדערונגען פון די סנהדרין און צי זיי זיינען טאקי דאמאלס געווען צוויי מאל אין אושא, אדער די ווי־דערהאלונג אין דער גמרא וועגן דער וואנדערונג פון יבנה קיין אושא און פון אושא צוריק קיין יבנה איז בלויז א טעות פון אן איבערשרייבער. מען קען אויך נישט וויסען, צי די צוזאמענקונפטען פון די סנהדרין אין אושא זיינען געווען אפיציעל ערלויבט, אדער זיי זיינען דורכגעפיהרט געווארען אין געהיים, די רעגירונג זאל נישט וויסען.

אושא איז א שטאדט אין גליל, צווישען עכו און צפת — און אין די פארטוועהרענדע רעוואלוציאנערע קעמפפע פון דאמאלס איז מעגליך, אז די האנד פון דער רוימישער רעגירונג האט דארט אהין נישט דערגרייכט, אדער דער מיליטערישער פארוואלטער פון דער שטאדט האט אפילו צוגעמאכט אן אויגעל צו דעם וואס די אידען טהוען. האבען די חכמים געקענט אריבער־טראגען די סנהדרין פון יבנה קיין אושא.

זיכער איז אויך, אז מען האט דארט נישט גע'פסקנ'ט קיין "דיני נפשות", מען האט אבער דארט געדארפט מתקן זיין פארשיעדענע "תקנות", וואס זיינען געווען נויטיג פאר די באדערפענישען פון דער צייט. דאס לעבען איז זיך געגאנגען זיין אנטוויקלונגס־גאנג. האבען די מאראלישע און מאטעריעלע אומשטענדען פון דער צייט פארלאנגט, אריינצוברענגען א נייע ארדנונג אינ'ם אידישען לעבען, האט מען זיך צוליעב דעם געמוזט צונויפקומען אויף צו באשטימען געוויסע נייע איינפיהרונגען פאר'ן פאלק.

וועגען דעם צונויפרופען פון אט אזא פארזאמלונג אין אושא ווערד דער־צעהלט, אז מען האט געשיקט אנזאגען צו די עלטעסטע פונ'ם גליל, זיי זאלען וויסען, אז "ווער עס איז געלעהרענט זאל קומען לערנען מיט אנדערע, און ווער עס איז נישט געלעהרענט, זאל קומען לערנען". זיינען זיך מחנות מענ־שען צונויפגעקומען אויף דעם דאזיגען רוף, און ווען עס איז דאן געקומען די צייט, וואס זיי האבען זיך געדארפט פאנאנדערגעהן, האבען זיי געזאגט: "אן ארט, וואו מיר זיינען אזוי פריינדליך אנגענומען געווארען, זאלען מיר איהם לאזען ליידיג?" — האט מען צוגעטיילט כבוד צו ר' יהודה בר אלעאי, וועלכער איז געווען א היימישער אין שטאדט און מען האט איהם גענעבען, אן אמט, נישט ווייל ער איז דארט געווען דער גרעסטער אין לערנען, נור ווייל "דער ארט גיט כבוד צום מענשען" (המקום מכבד את האדם).

די מענשען וואס זיינען זיך צונויפגעקומען אין אושא זיינען אנגערופען אין דער גמרא "הולכי אושא", ווייל דאס זיינען געווען מענשען, וועלכע הא־בען ערגיץ אנדערש געוואוינט און זיי זיינען זיך דארט צונויפגעקומען. און ביים געזעגענען זיך מיט יענע חכמים, וועלכע האבען געדארפט צוריקגעהן צו זייערע היימען, האט זיי ר' יהודה בן אלעאי געזאגט: "זאל אייך דער אויבער־שטער באצאהלען פאר אייער מיה ביים קומען אהער, וואס איינער האט גע־דארפט געהען צעהן מייל און איינער צוואנציג מייל, איינער האט געדארפט געהען דרייסיג מייל און איינער האט געדארפט געהן פערציג מייל, אויף צו הערען די ווערטער פון דער תורה" (זעה שיר השירים רבה פרשה ב').

צו דער כאראקטעריסטיק פון יענער צייט וועלען מיר דא איבערגעבען עטליכע פון די וויכטיגסטע "תקנות", וואס די סנהדרין אין אושא האבען מתקן געווען.

1) אזוי ווי יעדער מענש איז מחויב צו שפייזען זיינע קינדער, ווי לאנג זיי זיינען קליין און זיי קענען נישט אליין פארדיענען זייער ברויט, האט

מען באשלאָסען, אז א אינגעל איז דער פאָטער מחויב צו שפּייזען ביז 13 יאָהר און א מיידעל ביז 12 יאָהר. צוליעב די רדיפות פון דער רעגירונג האָבען פיעלע מענשען געמוזט אנטלויפען פון זייער היים, צו זוכען שוץ אין דער ווייטער פרעמד, איז די "תקנה" — אין באצוג צו דער פליכט פון א פאָטער צו שפּייזען זיינע קינדער — געווען אַן אַנצוהערעניש, אז מען טאָר נישט איבערלאָזען דאָס ווייב מיט די קינדער אויף גאָט'ס בארעט, און ווען איינער ראטעוועט זיך דאָס לעבען דורך אנטלויפען, מוז ער פריהער באזאָרגען זיין ווייב און קינדער מיט פרנסה.

2) ווער עס פארשרייבט זיין פארמעגען פאר זיינע קינדער, פארשטעהט עס זיך אליין, אז ווי לאַנג ער און זיין ווייב לעבט, און ווען זיי האָבען קליינע קינדער, וואָס זיינען נישט מיט ארייגעגנומען אין דער צוואה, מוזען די יורשים אויסהאַלטען די עלטערען מיט זייערע אנדערע קינדער. ביז דאַמאָלס פלעגט מען דאָס באטראכטען פאר א וואָהלטהאָט פון די קינדער'ס זייט און מען האָט עס זיי גערעכענט פאר א טובה, ווען זיי האָבען מפרנס געווען די עלטערען, פון וועלכע זיי האָבען געקראָגען די ירושה ביים לעבען.

3) פאַרהאַנגען געווען מענשען, וועלכע האָבען זיך אין דער גרויסער פאָלקס־נויט אָפּגעזאָגט פון יעדען וועלטליכען געניס און זיי האָבען אוועקגעגעבען צו אָרימע לייט אַלסדינג, וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט. האָט מען דאַן מתקן געווען אין אושא, אז ווער עס האָט אפילו א טבע פון פיעל ספּענדען פאר וואָהלטהעטיגקייט, טאָר נישט מעהר אוועקגעבען ווי א פינפטען טייל פון זיין גאַנצען פארמעגען און דערנאָך טאָר ער נישט מעהר אוועקגעבען ווי א פינפטען טייל פון זיין יעהרליכען ריווח.

4) האָט מען מתקן געווען, אז א מענש זאָל אומגעהען אויף א פריינדליכען אופן מיט זיין זוהן, ביז ער ווערד צוועלף יאָהר אַלט, אָבער שפּעטער, ווען דער זוהן איז שוין עלטער פון צוועלף יאָהר און ער וויל נישט טהון וואָס דער פאָטער הייסט, זאָל איהם דער פאָטער ציכטיגען מיט א רימען אָדער איהם נישט געבען צו עסען.

5) ווען א פרוי האָט געבראַכט צו איהר מאַן "נכסי מלוג" (דאָס איז אזא מין אייגענטום, וואָס האָט שטענדיג באלאַנגט צו דער פרוי און דער מאַן האָט נור געמעגט באנוצען די פרוכט פון דעם דאָזיגען אייגענטום), און ווען די פרוי האָט דאָס פארקויפט וועהרענד איהר מאַן האָט געלעבט, און די פרוי איז דערנאָך געשטאָרבען, האָט מען מתקן געווען, אז דער מאַן זאָל קענען צוריק פארלאַנגען דאָס פארקויפטע אייגענטום.

6) עס איז אויך דאָרט געלערענט געוואָרען דער דין פון "חזקה" (באזיץ), אז גליידך ווי ביי אַן אָקס, וועלכער האָט דריי מאָל געשטויסען, הייסט דאָס א "חזקה", אז ער איז א "שור המועד", וועלכער האָט א טבע פון שטויסען, פונקט אזוי איז ווען איינער האַלט אַן א זאַך דריי יאָהר צייט, האָט ער דאָרויף א רעכט פון "חזקה".

רבי ישמעאל בן אלישע

אין יענעם היסטאָרישען טאָג, וואָס די חכמים אין יבנה האָבען רעוואָל־טירט נעגען רבן גמליאל און ר' אלעזר בן עזריה איז דאַמאָלס אויסגעקליבען געוואָרען אלס "נשיא". איז רבי ישמעאל בן אלישע געוועז צווישען יענע חכמים, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין די וכוחים און ביי די באַשלוסען פון יענעם טאָג.

ווען ער איז נאָך אַ קינד געוועז, איז ער געוועז אַרעסטירט פון די רוימער. פאַר וועלכע זינד דאָס איז געשעהען, איז נישט באַקאַנט, גלייך ווי מען קען נישט וויסען, ווי אַזוי און אונטער וועלכע אומשטענדען ער איז געשטאָרבען. פאַרוועקסעלט מען איהם געוועהנליך מיט זיין זיידען, וועלכער איז באַוואוסט אלס ישמעאל כהן גדול און ער איז גע'הרג'עט געוואָרען בעפאָר ד'עם חורבן צוזאַמען מיט ר' שמעון בן גמליאל הזקן.

אַזוי ווי ר' ישמעאל איז געוועז אַרעסטירט, ווערד דערצעהלט, אַז ר' יהושע בן חנניה האָט איהם אויסגעקויפט פון דער תפיסה.

ביי אַ געוויסער געלעגענהייט, ווען ר' יהושע בן חנניה איז געוועז אין שתדלנות פאַר אידען אין אַ געוויסער שטאָדט פון דער רוימישער אָקופּאַציע (כרך גדול שברומי), האָט מען איהם דערצעהלט, אַז עס געפינט זיך דאָרט אין תפיסה אַ אידישער אינגעל זעהר אַ שעהנער מיט וואונדערבאַר גלאַנציגע אויגען און אַ געלאָקטען קאָפּ האָהר, גרייט פאַרקויפט צו ווערען צו די דעגע־נערירטע אויסגעלאַסענע רוימער.

האָט זיך ר' יהושע בן חנניה אַוועקגעשטעלט לעבען דער תפיסה, אַ שמועס צו טהון מיט דעם אַרעסטירטען אינגעל און ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ פּסוק פון ישעיה (קאַפּיטעל מ"ב פסוק כ"ד) "מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים?" (ווער האָט איבערגעגעבען יעקב'ן צו ראַבירען און דאָס פאָלק ישראל צו גזלנים?), האָט איהם דער אַרעסטירטער אינגעל געענטפערט מיט'ן אנדערען האַלבען פּסוק: "הלא ה' זו חטאנו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו!" (דאָס איז גאָט, געגען וועמען מיר האָבען געזינדיגט, נישט־וועלענדיג געהען אין זיינע וועגען און נישט געהאָרכענדיג צו זיין תורה).

איז ווי ר' יהושע האָט דאָס געהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון: "איך בין זיכער, אַז פון דעם דאָזיגען אינגעל וועט אַרויסוואַקסען אַ לעהרער אין ישראל. איך שווער דערפאַר, אַז איך וועל זיך נישט אַוועקריהרען פון דאַנען, ביז איך וועל נישט האָבען דאָס אינגעל אויסגעלייזט פאַר יעדען געלד, וואָס מען וועט פאַרלאַנגען!"

ר' יהושע האָט אויך דאָס אינגעל אויסגעקויפט פון זיין תפיסה און עס האָט דאַן נישט לאַנג געדויערט, איז דאָס אינגעל געוואָרען אַ לעהרער ביי אידען. און ווער איז דאָס געוועזן? רבי ישמעאל בן אלישע! (זעה מסכת גטין דף נ"ח עמוד א' און ירושלמי הוריות פרק ג' הלכה ד').

רבי ישמעאל בן אלישע

שפעטער איז ר׳ ישמעאל געווען א תלמיד פון ר׳ יהושע בן חנניה. ער האָט אויך געלערנט ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס און ביי ר׳ נחוניה בן הקנה. דערנאָך האָבען איהם אַלע חכמים פון זיין צייט טיטולירט ״ברודער״, און ווען ער האָט אַמאָל ארגומענטירט מיט ר׳ אליעזר בן הורקנוס וועגען דער איינטייטשונג פון א פסוק, האָט איהם ר׳ אליעזר געזאָגט: ״ישמעאל ברודער, דו קענסט מיט דיין שכל גאַנצע בערג אויסרייסען!״

זאָגסט פלעגט ר׳ ישמעאל ארויסווייזען דעם גרעסטען רעספעקט צו זיינע לעהרער. בלויז מיט ר׳ עקיבא פלעגט ער האָבען מיינונגס־פארשידענהייטען אין דער ערקלערונג פון מאנכע פסוקים, ווייל ער האָט אין די אויסטייטשונגען פון דער תורה געהאַט אַן אייגענארטיגע שיטה. ער פלעגט געוועהנליך זאָגען ״דברה תורה כלשון בני אדם״, די ווערטער פון דער תורה זיינען גלייך ווי מענשען ריידען, און ווען איינער זאָגט אַמאָל מעהר א וואָרט, האָט עס נישט קיין באַזונדערע באַדייטונג. ר׳ עקיבא דאַגעגען האָט געצעהלט די אותיות פון יעדען וואָרט און ער פלעגט זיך אָפטמאָל אָפשטעלען אפילו בלויז אויף א פינטעלע.

אין זיין לערנען איז ר׳ ישמעאל געווען א ״סיסטעמאַטיקער״. גלייך ווי הלל הזקן האָט ער אויפגעשטעלט דרייצען ״רעגעלען״, לויט וועלכע די תורה קען אויסגעטייטשט ווערען (שלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהן).

ר׳ ישמעאל בן אלישע איז געווען אן אָפשטאַמער פון א משפחה כהנים און די לעגענדע האָט איהם געמאַכט פאר א ״כהן גדול״, חאָטש ער האָט געלעבט נאָך׳ן חורבן און עס האָט שוין דאַמאָלס נישט מעהר געקענט עקסיסטירען קיין ״כהן גדול״. איז דאַדורך אָנצונעהמען, אז ער ווערד פארוועקסעלט מיט זיין זיידען, וועלכער איז יאָ געווען א ״כהן גדול״, און ווען ער האָט געזאָגט: ״איך שווער ביים מלבוש פון מיין פאָטער און ביי דער הייליגער גאָלדענער בלעך פון צווישען זיינע אויגען״ (תוספתא חלה פרק א׳), האָט ער זיכער געמיינט זיין זיידען, ווי מען קען אָפטמאָל געפינען, אז א זיידע ווערד אָנגערופען ״פאָטער״.

דער שטענדיגער וואוין־אָרט פון ר׳ ישמעאל איז געווען אין א דרום׳דיגען דאָרף פון ארץ־ישראל מיט׳ן נאָמען עזיז. פון דאָרט פלעגט ער אָפט קומען קיין יבנה, צו באַטייליגען זיך אין די באַראַטונגען פון די סנהדרין. דאָסזעלבע פלעגט ער אויך טהון שפּעטער, ווען די סנהדרין זיינען געווען אין אושא. און אז מען האָט איהם געפרעגט וועגען דעם הויז פון זיינע עלטערן, פלעגט ער זאָגען, אז עס איז פארוויסט געוואָרען, ווייל מען פלעגט דאָרט פסק׳ענען ״דיני ממונות״ ביי איין דיין און זיי האָבען אויך געהאַלטען שאָף אין ארץ־ישראל, וועלכעס איז נישט ערלויבט געווען (זעה תוספתא בבא קמא פרק ח׳ משנה י״ד).

און ווען עס זיינען אַמאָל ביי איהם זיינע זיהן געשטאָרבען, זיינען די גרעסטע חכמים פון יענער צייט (ר׳ טרפון, ר׳ יוסי הגלילי, ר׳ אלעזר בן עזריה און ר׳ עקיבא) געקומען איהם ״מנחם־אבל״ זיין. און איידער יענע חכמים זיינען אריינגעגאַנגען צו איהם אין שטוב, האָט זיי ר׳ טרפון אָנגעזאָגט, זיי זאָלען באַדענקען יעדעס וואָרט, ווייל ר׳ ישמעאל איז א גרויסער געלערענטער און מען דאַרף וויסען, ווי אַזוי מיט איהם צו ריידען. האָט דאַן ר׳ ישמעאל מקבל־פנים געווען זיינע געסט מיט די פאָלגענדע ווערטער: ״אז דער מענש איז זינדיג, שטאַרקט זיך איבער איהם דער טרויער און ער מוז באַמיהען זיינע רבי׳ס!״ (רבו עוונותיו, תכפוהו אבליו, הטריח רבותיו).

די ידיעות וועגן ר׳ ישמעאל׳ס טויט זיינען שוין גאר אין גאנצען געשיכטליך פארפלאנטערט.

פארהאנען א לעגענדע, אז (רבי) ישמעאל כהן גדול איז געווען צווישען די ״עשרה הרוגי מלכות״. וויל מען איהם אינדענטיפיצירען מיט ר׳ ישמעאל בן אלישע. דארף מען דאביי וויסען, אז די כהנים גדולים, וואס זיינען געווען אין אמט, זיינען קיינמאל נישט טיטולירט געווארען ״רבי״. האט מען גענומען דעם טיטעל ״רבי״ פונ׳ם אייניקעל און געגעבען דעם זיידען און דעם מארטירער־טויט פונ׳ם זיידען האט מען צוגעשריבען צום אייניקעל.

די גמרא דערצעהלט, אז ווען ר׳ ישמעאל כהן גדול האט אמאל געטהון די ״עבודה״ אים יום־כפור און ער איז אריינגעגאנגען אין ״קדשי קדשים״ (לפני ולפנים) מיט׳ן קטורת, האט ער דאן געזעהען ״אכתריאל יה ה׳ צבאות״ (ברכות דף ז׳ עמוד א׳). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט איהם ווייטער ״סוריאל שר הפנים״ איבערגעגעבען געוויסע סודות (ברכות דף נ״א עמוד א׳). איז דאס זיכער געווען דער זיידע פון ר׳ ישמעאל בן אלישע — און ווי מיר האבען שוין דערצעהלט, איז אין די לעצטע יאהרען פון קעניג אגריפאס דעם צווייטען געווען א כהן־גדול א פרומער מיט׳ן נאמען ישמעאל בן פאבי, וועלכער האט צוגעקלאגט דעם אידישען קעניג צו דער רוימישער רעגירונג. ווילען מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז דאס איז דערזעלבער ישמעאל כהן גדול. *) איז אבער זעהר שווער צו זאגען, אז דער זיידע פון ר׳ ישמעאל בן אלישע איז טאקי יענער ישמעאל בן פאבי, ווייל לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען וועגען דעם טויט פון ישמעאל בן פאבי, איז ער געשטארבען אויף א נאטירליכען וועג און נישט מיט קיין מארטירער־טויט.

און וועגען דער ״כהונה גדולה״ פון ר׳ ישמעאל בן אלישע איז מעגליך, אז אזוי ווי מען האט איהם געהאלטען פאר ווירדיג צו פארנעהמען דעם פלאץ פון זיין זיידען, און אזוי ווי מען האט דאמאלס געהאפט, אז אט־אט וועט דער בית־המקדש צוריק אויפגעבויט ווערען, האט יעדער וואהרשיינליך געזאגט, אז ר׳ ישמעאל בן אלישע איז דער וויכטיגסטער ״פרעטענדענט״ צו דער כהונה גדולה. האט מען איהם שוין צוליעב דעם גערופען ״כהן גדול״.

עס ווערד דערצעהלט, אז ווען ר׳ ישמעאל און ר׳ שמעון (אהן א נעהנטערער באצייכנונג) זיינען ארויסגעפיהרט געווארען אויף געטויטעט צו ווערען, האט ר׳ שמעון געזאגט צו ר׳ ישמעאל: ״רבי! מיין הארץ שטארבט אין מיר אפ, ווייל איך וויים נישט, פאר וועלכע זינד איך געה גע׳הרג׳עט ווערען!״ — האט איהם ר׳ ישמעאל אויף דעם געזאגט: ״איז נישט צו דיר אמאל געקומען א מענש מיט א דין־תורה אדער פרעגען ביי דיר אן אנדערע שאלה און דו האסט איהם אויפגעהאלטען, ביז דו וועסט האבען אויסגעטרונקען דיין גלאז, ביז דו וועסט האבען אנגעטהון דיין שוך, אדער ביז דו וועסט זיך האבען איינגעוויקעלט אין דיין איינהיל? האסטו מיט דעם עובר געווען אויף דער תורה, וועלכע האט אנגעזאגט אז ווען דו וועסט אנטהון יסורים צו אן אלמנה אדער צו א יתום, וועט דער אויבערשטער דיך באשטראפען מיט טויט.

---

*) ״פאבי״ איז א גריכישער נאמען און די באדייטונג זיינע איז אזוי פיעל ווי ״מאיר״ אדער ״נהוראי״, און אזוי ווי עס זיינען דאמאלס געווען פיעלע אידען מיט צוויי נעמען, איינער א גריכישער און איינער א העברעאישער, איז מעגליך, אז דער כהן גדול ישמעאל בן פאבי האט אויף העברעאיש געהייסען ישמעאל בן אלישע.

איז דאַביי נישט קיין חלוק, צי די דאָזיגע יסורים, וואָס דו האָסט אָנגעטהון צו אַנדערע, זיינען גרויסע אָדער קליינע" (מכילתא פּ' משפּטים).

דיעזעלבע מעשה ווערד דערצעהלט אין אַן עהנליכער פאָרם מיט אַ דייט־ליכערער באַצייכנונג פון די נעמען אין אבות דר' נתן (פּרק ל"ח משנה ג'), אַז ווען מען האָט אַרויסגעפיהרט ר' שמעון בן גמליאל צום הרג'ענען, האָט ר' שמעון בן גמליאל שטאַרק איבערגעקלערט וועגען זיינע מעשים און ער האָט געזאָגט: "וועה אונז, וואָס מיר געהען גע'הרג'עט ווערען ווי די גרעסטע בעלי־עברה'ניקעס, וואָס האָבען זיך דעם טויט פאַרדיענט". האָט איהם ר' ישמעאל בן אלישע געזאָגט: "אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס אַז ווען דו ביזט געזעסען און דו האָסט געגעסען, זיינען אָרימע ליט געשטאַנען ביי דער טהיר און מען האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט?" — האָט ר' שמעון בן גמליאל געענט־פערט: "איך שווער דיר ביים הימעל, אַז איך האָב דאָס קיינמאָל נישט גע־טהון, אדרבה, ווען איך בין געזעסען ביים עסען, זיינען אין דרויסען געשטאַנען שומרים, וועלכע האָבען געהאַט די אויפגאַבע, אַריינצוברענגען צו מיר אַלע אָרימע ליט, וואָס וועלען פאַרבייגעהן, זיי זאָלען ביי מיר עסען און לויבען דעם אויבערשטען!"

צום סוף האָט זיך יעדער פון די צוויי צום־טויט־פאַראורטיילטע געבעטען ביים אָנטרייבער, וועלכער האָט זיי געפיהרט צו דער שחיטה, מען זאָל איהם הרג'ענען דעם ערשטען. האָט ר' ישמעאל גע'טענה'ט: "איך בין אַ כהן, אַ זוהן פון כהנים גדולים, דאַרף איך נישט זעהען, ווי מען וועט הרג'ענען מיין חבר!" האָט ר' שמעון געזאָגט: "איך בין אַ נשיא, אַ זוהן פון נשיאים, טאָ לאָמיך נישט זעהען, ווי מען וועט הרג'ענען מיין חבר!"...

און אויב ר' ישמעאל איז גע'הרג'עט געוואָרען צוזאַמען מיט ר' שמעון בן גמליאל, האָט דאָס נור געקענט זיין בעפאָר דעם חורבן און עס האָט גע־מוזט זיין דער זיידע פון ר' ישמעאל בן אלישע. ווערד אָבער אין אַנדערע ערטער גערעדט וועגען דעם טויט פון ר' ישמעאל בן אלישע ווי פון אַ מאַרטי־רער־טויט און עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען ר' עקיבא איז געוואָהר גע־וואָרען פון ר' ישמעאל'ס טויט, האָט ער צוריסען זיינע קליידער און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: "מען דאַרף יעצט זיין צוגעגרייט צו אומ־גליקען!" (מכילתא פּ' משפּטים), און ווי עס ווערד געזאָגט אין דער גמרא (ברכות דף נ"ז עמוד ב'), אַז ווען אימיצער זעהט ר' ישמעאל אין חלום, דאַרף ער מורא האָבען פאַר אַן אומגליק, וועלכעס ערוואַרטעט איהם.

ר' ישמעאל בן אלישע פלעגט האָבען אַ ווערטעל: "דאַרפסט זיך האַלטען גרינג געגען אַ קאָפּ־מענש און דאַרפסט זיין לייכט אין פאַרקעהר געגען אַ מענשען מיט שוואַרצע האָהר. דו דאַרפסט אויך באַגעגענען יעדען מענשען מיט צופריעדענהייט" (אבות פּרק ג' משנה י"ב).

עס איז אויך באַקאַנט, אַז ביי יעדען אַרגומענט צווישען מאַן און פרוי פלעגט ר' ישמעאל זיך שטעלען אויף דער זייט פון דער פרוי. ער פלעגט זאָגען: "אידישע טעכטער זיינען שעהנע, נור די פינסטערע אָרימקייט זייערע מאַכט זיי מיאוס". האָט מען דאַדורך געזאָגט ביי זיין טויט: "בנות ישראל על ר' ישמעאל בכינה", דאָס הייסט: אידישע טעכטער דאַרפען וויינען אויף ר' ישמעאל'ס טויט, גלייך ווי דוד המלך האָט געזאָגט אין זיין טרויער אויף שאול'ס טויט.

ווי באַמערקט, האָט ר' ישמעאל תמיד געהאַט פאַר זיינע אויגען דעם פּשוט'ן טייטש פון אַ פּסוק, און ווען ער האָט אַמאָל אַרגומענטירט וועגען

דעם מיט ר׳ אליעזר בן הורקנוס, האָט ער אַ זאָג געטהון: ״ווי איך פאַר־שטעה, הייסט דו דעם פסוק וואַרטען מיט יעדען פשט, ביז דו וועסט האָבען וועגען איהם גע׳דרשנ׳ט!״

ר׳ ישמעאל האָט אויך אויפגעשטעלט אַ רעגעל ״אין מוקדם ומאוחר בתורה״, די פרשיות אין דער תורה זיינען נישט געשריבען אין דער אָרדנונג פון די געשעהענישען, און ווען אַ זאַך ווערד נאָך אַמאָל ווידערהאָלט, איז די ווידערהאָלונג אַ סימן, אַז עס איז דאָרט פאַראַן אַ נייע אָנצוהערעניש.

די געזעצליכע פאָרשריפטען — האָט ר׳ ישמעאל געהאַלטען — דאַרפען זיין אין איינקלאַנג מיט׳ן פסוק, און טאָמער האָט זיך ערגיץ געוויזען אַ ווי־דערשפּרוך צווישען דער געזעצליכער פיהרונג און דעם לשון פונ׳ם פסוק, האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט, אַז אויף דריי ערטער אין דער תורה איז דער דין אַנדערש ווי דער פסוק זאָגט (הלכה עוקבת את המקרא).

אין שמות (י״ב ג׳) זאָגט דער אויבערשטער צו משה און אהרן, זיי זאָלען הייסען די אידען נעהמען יעדער אַ שעפּעלע אויף אַ ״קרבן פסח״. פרעגט ר׳ ישמעאל: ״האָבען דען בײדע געהערט, וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט, און האָבען דען בײדע גערעדט צו די אידען?״ — איז די אַנט־וואָרט זיינע, אַז ווען משה האָט גערעדט, האָט אהרן אָנגעבויגען זיין אויער מיט עהרפורכט, צו האָרכען וואָס משה האָט צו זאָגען, איז דאָס ביי דער תורה אַזוי אָנגענומען, גלייך זיי זאָלען בײדע האָבען געהערט.

ווען אַן אָקס שטויסט אַ מענשען און הרג׳עט איהם, קען אַמאָל זיין, אַז ווען דער אָקס איז אַ שטויסיגער און מען האָט שוין זיין אייגענטימער גע־וואָרענט, אַז דער אייגענטימער זאָל דאַרפען געטויטעט ווערען צוזאַמען מיט זיין אָקס. זאָגט אָבער דער פסוק וועגען אַ מעגליכקייט, אַז דער אייגענטימער פון אַזאַ אָקס זאָל זיך קענען אויסקויפען (שמות כ״א ל׳). זאָגט אויף דעם ר׳ ישמעאל: ״דאָ קען מען זעהן דאָס גרויסע רחמנות פונ׳ם באַשעפער אויף די מענשען, ווען ער האָט ערלויבט, אַז אַ מענש זאָל זיך קענען אויסקויפען מיט געלד פון אַ פאַרדיענטער שטראָף!״

און האָט איינער געהאַלטען אַ אידישען קנעכט און ער האָט איהם באַ־פרייט נאָך זעקס יאָהר דיענען, זאָגט די תורה, אַז מען זאָל דעם קנעכט נישט אָװעקשיקען מיט ליידיגע הענד, נור מען זאָל איהם מיטגעבען אויף זיין וועג מתנות פון דער סטאַדע, פונ׳ם שייער און פונ׳ם קעלטער (דברים ט״ו י״ד). זאָגט אויף דעם ר׳ ישמעאל: ״קום און זעה, ווי וויט עס גרייכט דאָס רחמנות פונ׳ם באַשעפער, ווען ער זאָגט צו די מענשען, אַז ווען אַ אידישער קנעכט האָט ביי דיר זעקס יאָהר געדיענט און דו וועסט איהם אָװעקשיקען מיט ליי־דיגע הענד, וועט ער דאַרפען אַרומגעהן איבער די טהירען בעטלען, אָדער ער וועט זיך מוזען אויפ׳ס ניי פאַרקויפען, איז שוין בעסער, אַז דו זאָלסט איהם געבען פון דעם, וואָס דער אויבערשטער האָט דיך געבענשט, כדי ער זאָל נישט דאַרפען בעטלען אָדער זיך פאַרקויפען צו דיענען צו אַן אַנדערן!״

דער טרויער וועגען דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש איז ביי ר׳ ישמעאל גלייך ווי ביי אַלע זיינע חברים געשטאַנען אין צענטער פון זיינע געדאַנקען און ער האָט וועגען דעם אַזוי געזאָגט: ״זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, וואָלט מען נישט געדאַרפט עסען קיין פלייש און נישט טרינקען קיין וויין. וואָלט דאָס אָבער געווען אַ גזרה, וואָס נישט יעדער וואָלט זי געקענט האַלטען. דאָסזעלבע איז אויך מיט חתונה האָבען, אַז ווי לאַנג רוים רעגיערט איבער אידען מיט איהרע שווערע גזרות און זי לאָזט אונז נישט

אפּהיטען די תורה מיט איהרע מצוות, וואָלט מען געדאַרפט איינפיהרען, אַז אַ איד זאָל נישט חתונה האָבען, כדי נישט צו ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט. וואָלטען אָבער אין אַזאַ פאַל אברהם אבינו׳ס קינדער פאַרניכטעט געוואָרען פון זיך אַליין״...

ווי עס איז שוין באַמערקט, איז נישט קלאָר, מיט וואָס פאַר אַ טויט ר׳ ישמעאל בן אלישע איז געשטאָרבען, גלייך ווי עס איז נישט היסטאָריש פעסטגעשטעלט וועגען דער לעגענדע, וועלכע דערצעהלט, אַז אַ זוהן און אַ טאָכטער פון ר׳ ישמעאל כהן גדול זיינען פאַרקויפט געוואָרען אַלס שקלאַפען צו צוויי פאַרשיעדענע רוימישע פּאַטריציער און די בעלי־בתים זייערע האָבען געוואָלט ביידען פאַרהייראַטען (זעה מסכת גטין דף נ״ח עמוד א׳), צי דאָס דאָזיגע געשעהעניש האַנדעלט זיך וועגען ישמעאל כהן גדול, דעם חבר פון ר׳ שמעון בן גמליאל הזקן, אָדער עס האַנדעלט זיך וועגען די קינדער פון ר׳ ישמעאל בן אלישע, דעם תלמיד פון ר׳ יהושע בן חנניה און דעם חבר פון ר׳ עקיבא.

עס דאַרף אויך נאָך דערמאָנט ווערען, אַז לויט ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא (עבודה זרה דף י״א עמוד ב׳ און חולין דף קכ״ג עמוד א׳), האָט מען ביי ר׳ ישמעאל כהן־גדול אַרונטערגעצויגען די הויט פונ׳ם פנים און מען האָט זי איינבאַלזאַמירט, כדי צו קענען זי דערהאַלטען. צוליעב דעם וואָס ר׳ ישמעאל איז געווען זעהר אַ שעהנער מענש, איז דעם קייזער׳ס טאָכטער אין איהם פאַרליעבט געווען, האָט זי אויך אויסגעבעטען, מען זאָל איהר געבען זיין קאָפּ, פון וועלכען זי האָט געלאָזען אָפּשינדען די הויט פונ׳ם פנים און באַהאַלטען. עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז איינמאָל אין זיבעציג יאָהר נעמט מען אין רוים אַ מענשען און מען זעצט אויף איהם אַרויף דעם קאָפּ פון ר׳ ישמעאל, און אַמאָל מעסט זיך גאָר דער קעניג אַליין צו די הויט פון ר׳ ישמעאל׳ס אָפּגעשונדענעם פנים, אָדער ער זעצט זיך אַרויף זיין קאָפּ.

איז פון אָט דעם אַלעמען צו זעהען, אַז די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ־ישראל איז אין די צייטען פון ר׳ ישמעאל בן אלישע געווען זעהר אַ טרויעריגע, און וואָס ווייטער איז נאָך מעהר טרויעריגער געוואָרען. די ״סנהדרין״ האָבען נישט געקענט צונויפקומען אפילו אין אושא. איז דאַן דער ״בית המדרש״ פון ר׳ ישמעאל בן אלישע געוואָרען דער צענטער פאַר׳ן אידישען גייסט — און וואָס עס איז דאָרט אין יענעם בית־המדרש געזאָגט און געלערענט געוואָרען, איז דערנאָך פאַראייביגט געוואָרען אין די פיעלע צעהנדליגגער סענטענסעס פון ר׳ ישמעאל׳ס תלמידים, וועלכע האָבען ביים לעבען פון זייער רבי׳ן אָדער שפּעטער נאָך זיין טויט ווידערהאָלט זיינע געזעצליכע אויסטייטשונגען צוזאַמען מיט זיינע מאָראַלישע לעהרען.

וואו דער דאָזיגער בית־המדרש איז געווען, קען נישט פעסטגעשטעלט ווערען. וואהרשיינליך איז ער געווען ערגיץ אין אַזאַ געגענד, וואו די מאַכט פון דער רוימישער רעגירונג האָט נישט געקענט גרייכען.

די רוימישע רעגירונג איז שוין דאַן דערגאַנגען דעם סוד, אַז אויב זי וויל קריגען די אויבערהאַנד ביי דער פאַרוואַלטונג פון ארץ־ישראל, מוז זי פריהער פאַר אַלעמען אונטערדריקן די אידישע תורה. איז דאַמאָלס פאַרבאָטען געוואָרען, אָפּצוהיטען די אידישע אמונה, און אָנצוהאַלטען אַ בית־המדרש אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, אַז ווען איינער פון די אידישע געלעהרטע מיט תלמידים איז געווען פאַרבונדען מיט לעבענס־געפאַהר. עס איז אויך

וועט געבען "סמיכה" צו זיינעם א תלמיד, זאָל מען ביידע הרג'ענען, דעם רבי'ן גלייך ווי דעם תלמיד.

צווישען יענע אַלע דינים און מאָראַלישע לעהרען, וואָס זיינען געבליבען פון ר' ישמעאל'ס "בית המדרש" (דבי ר' ישמעאל) געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האָבען אַן אייביגע מאָראַלישע ווערטה, ווייל זיי קענען דיענען אַלס א מוסטער פון באַלעהרונג פאַר אַלע צייטען. אַנדערע סענטענסעס פון יענעם בית־המדרש זיינען ווייטער כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער צייט אַלס א שפּיגעל פאַר דער פּאָליטישער און סאָציאַלער לאַגע פון'ם לאַנד, ווי מען קען דאָס, למשל, אַם בעסטען זעהען פון אַזא זאַג: "ווער עס לעבט דורך גאַנצע פערציג טעג אָהן יסורים, איז דאָס פאַר איהם א סימן, אַז ער האָט שוין באַקומען זיין חלק מנוחה און ער דאַרף זיך דערמיט צופריעדענשטעלען" (ערכין דף ט"ז עמוד ב'), אָדער "א מענש מעג אַריינמישען א מעסטעל זאַלץ־שטויב אין א קאָרען תבואה און עס הייסט נישט קיין אָפּנאַרעריי, ווען מען פאַרקויפט דאָס צוזאַמען אויפ'ן פּרייז פון ווייץ, ווייל די תבואה ווערד דורך'ן זאַלץ־שטויב אָפּגעהיט פון ווערים" (שבת דף ל"א עמוד א').

דאָסזעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען דער מיינונג, אַז אין דער צייט פון א סכנה מעג מען שרייבען א גט פאַר א מענשען און איבערגעבען דעם גט צו זיין פרוי, אפילו ווען מען קען נישט דעם מאַן (יבמות דף קכ"ב עמוד ב'). ערקלערט דאָס רש"י, אַז ווען איינער פאַלט אַריין אין א גרוב און ער זאָגט, אַז ווער עס הערט זיין שטימע, זאָל אָנשרייבען א גט פאַר זיין פרוי, דאַרף מען דעם גט שרייבען און איהם איבערגעבען. מען דאַרף זיך אויך פאַרלאָזען אויף זיינע ווערטער, אַז ער איז "דער און דער", ווייל ווען מען זאָל איהם נישט וועלען גלויבען, קען מען אַמאָל פאַרלירען די געלעגענהייט און די פרוי זאָל דאַרפען בלייבען אַן אייביגע "עגונה".

ווי עס איז אויך אָנצונעהמען, האָבען אידען דאַמאָלס געהאַט פיעל צו ליידען פון מסירות און פּלאָטקעס, וואָס איינער האָט דערצעהלט אויפ'ן אַנדערן. האָט מען דאַדורך אינ'ם "דבי רבי ישמעאל" געזאָגט, אַז ווער עס דערצעהלט פּלאָטקעס, איז די זינד זיינע אַזוי גרויס, גלייך ווי ווען ער זאָל דיענען עבודה זרה, געהען אין אויסגעלאַסענע וועגען און פאַרגיסען מענשען־בלוט (ערכין דף ט"ו עמוד ב').

אַנדערע וויכטיגע באַלעהרונגען פון "דבי רבי ישמעאל" זיינען:

ווען דו זעהסט אַמאָל א תלמיד חכם טהון אַן עברה ביי נאַכט, זאָלסטו נישט נאָכקלערען וועגען דעם אויפ'ן אַנדערן טאָג, ווייל טאָמער האָט ער תשובה געטהון. "טאָמער" דענקסטו, קענסט דו אָבער זיכער זיין, אַז ער האָט טאַקי אמת'דיג תשובה געטהון. איז דאָס אָבער געזאָגט בלויז ביי א קערפּער־ליכער זינד, ווייל ווען עס האַנדעלט זיך וועגען געלד, מוז מען שוין זיין זיכער אַז יענער תלמיד־חכם האָט דאָס געלד אָפּגעגעבען (ברכות דף י"ט עמוד א').

האָט איינער דעם ווילען צו ווערען אומריין, לאָזט מען איהם. און ווייל איינער ווערען ריין, העלפט מען איהם. א שטייגער ווען איינער פאַרקויפט נאַפט און באַלזאַם, קומט מען נעהמען ביי איהם נאַפט, זאָגט ער צום קויפער: "געה, איך בעט דיך, מעסט דיר אַן אליין!" — און קומט מען נעהמען ביי איהם באַלזאַם, זאָגט ער צום קויפער: "וואַרט, וועלען מיר דאָס צוזאַמען מעסטען, כדי מיר זאָלען זיך ביידע אָנשמעקען מיט'ן גוטען ריח!" (יומא דף ל"ט עמוד א').

ווען דער אויבערשטער איז געוועזען אין כעס וועגען דער זינד פון די "מרגלים",

איז נאָכדעם ווי משה רבנו האָט פאַר די אידען געבעטען, האָט איהם גאָט געזאָגט: "סלחתי כדברך" (במדבר י"ד כ'), מיינט דאָס, אַז ווען די גוים וועלען דאָס הערען, וועלען זיי זאָגען, אַז "וואויל איז דעם תלמיד, וואָס דער רבי איז מודה צו זיינע ווערטער!" (ברכות דף ל"ב עמוד א').

דעם אויבערשטען'ס ווערטער זיינען ווי פייער און ווי אַ האַמער וואָס שפּאַלט אַ פעלזען (ירמיה כ"ג י"ט), ווייל אַזוי ווי אַ האַמער שפּאַלט דעם פעלזען אין שטיקלעך, אַזוי קען מען יעדעס וואָרט פון'ם אויבערשטען אויס־טייטשען אין שבעים לשונות (שבת דף פ"ח עמוד ב').

צו ריידען אַ ריינע שפּראַך, האָט דער פסוק געברויכט זעקס ווערטער אַנשטאָט איין וואָרט, אַ שטייגער ווי "בלתי טהור הוא כי לא טהור" (שמואל א' כ' כ"ו). דאַרף זיך דער מענש פון דעם אָפּלערנען, אויסצופורעמען זיין שפּראַך אויף דעמזעלבען אופן (פסחים דף ג' עמוד א').

פיער מאָל אין יאָהר זיצט דער אויבערשטער צום משפט איבער דער וועלט: אום פסח איז דער משפט, ווי אַזוי עס זאָל זיין די גערעטעניש פון די תבואות. אום שבועות איז אַ משפט וועגען די פירות פון די ביימער. אום סכות קומט פאַר אַ משפט וועגען וויפיל עס זאָל זיין רעגען. דער מענש ווערד גע'משפט אום ראש־השנה און דער גזר־דין זיינער ווערד גע'חתם'עט אום יום־כפור (ראש השנה דף ט"ז עמוד א').

עס איז ווי אַ געזעץ ביי דער פיהרונג פון דער וועלט, אַז עס איז גוט, ווען עס קומט אַן אומשולדיגער, מכפר צו זיין אויף אַ שולדיגען, און עס דאַרף נישט קומען אַ שולדיגער, צו וועלען ברענגען פאַרגעבונג פאַר אַ שול־דיגען (יומא דף מ"ג עמוד ב').

ביי אַ געשלעג צווישען מענשען מיט אַ פאַרוואונדונג זאָגט דער פסוק "ורפא ירפא" (שמות כ"א כ'), איז דערפון געדרונגען, אַז אַ דאָקטאָר מעג זיך אָפּגעבען מיט היילען קראַנקע (ברכות דף ס' עמוד א').

האָט דיך אַמאָל באַגעגענט דער מנוול'דיגער יצר־הרע, טאָ שלעפּ איהם אַריין אין בית־המדרש. ווען ער איז האַרט ווי אַ שטיין, וועט ער דאָרט צו־מאַלען ווערען, און ווען ער איז שטאַרק ווי אייזען, וועט ער דאָרט צוברעקעלט ווערען (סוכה דף נ"ב עמוד ב').

פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די געטליכע "שכינה" איז אומעטום? — ווייל דער פסוק זאָגט "ווען דער מלאך, וואָס האָט מיט דיר גערעדט, איז אַרויסגעגאַנגען, איז איהם אַן אַנדערער מלאך אַקעגען־געקומען" (זכריה ב' ז'). אַזוי ווי עס שטעהט דאָרט נישט, אַז דער אַנדערער מלאך איז אַרויסגעגאַנגען נאָך דעם ערשטען, נור אַז ער איז איהם אַקעגען־געקומען, איז דערפון געדרונ־גען, אַז די שכינה איז אומעטום אַנוועזענד (בבא בתרא דף כ"ה עמוד א').

ביי דער אָפּפערונג פון אַ קרבן־עולה האָט דער אויבערשטער געהייסען, דער כהן זאָל ביים פאַרברענען דעם קרבן געהען אָנגעטהון אַנדערע קליידער און ביים אַרויספיהרען דאָס אַש פון'ם קרבן זאָל ער ווייטער אָנטהון אַנדערע קליידער (ויקרא ו' ד'). ווייל אונז דער דאָזיגער פסוק לעהרנען, ווי אַזוי זיך צו פיהרען, אַז אין דיעזעלבע קליידער, וואָס מען געהט אָנגעטהון ביים קאָכען אַ טעפּעל פאַר'ן בעל־הבית, פּאַסט זיך נישט, אָנצוגיסען דעם בעכער פאַר'ן בעל־הבית (שבת דף קי"ד עמוד א').

ווען דער אויבערשטער האָט געהייסען נישט קאַרגען פאַר'ן אָרימאַן מיט אַ נישט־פאַרגינעריש האַרץ, ווייל צוליעב דעם גיט גאָט זיין ברכה, האָט די תורה געברויכט דאָס וואָרט "בגלל" (דברים ט"ו י'). ווייל אונז דאָס וואָרט

"בגלל" זאָגען, אַז עס איז פאַרהאַנען אַ ראָד, וועלכעס דרעהט זיך איבער דער וועלט (גלגל הוא שחוזר בעולם), היינט לאַכט דאָס גליק צו מיר און מאָרגען קען עס לאַכען צו דיר (שבת דף קנ"א עמוד ב').

פאַר־וואָס איז דער אויער פונ'ם מענשען אין גאַנצען האַרט און דאָס לעפעל פונ'ם אויער איז ווייך? — איז דערפון געדרונגען, אַז ווען אַ מענש הערט עטוואָס אומפּאַסיגעס, זאָל ער זיין אויער פאַרשטאָפּען מיט'ן לעפעל (כתובות דף ה' עמוד ב').

ווער עס שניידט אָפּ פון זיין אייגענטום פאַר די צוועקען פון צדקה, ווערד אָפּגעראַטעוועט פונ'ם גיהנם, אַ שטייגער ווי עס דאַרפען צוויי שעפּעלעך דורכ־געהען אַ וואַסער, איינע אַן אונטערגעשוירענע און איינע נישט קיין געשוירענע, געהט די געשוירענע דורך און די נישט־געשוירענע געהט נישט דורך (גטין דף ז' עמוד א').

ביי אַ טאָג־אַרבייטער זאָגט דער פּסוק "זאָלסט איהם געבען זיין לויהן אין זעלבען טאָג, איידער די זון געהט אונטער, ווייל ער איז אַן אָרימאַן" (דברים כ"ד ט"ו). איז דאָ נישט קיין אונטערשיעד, צי עס האַנדעלט זיך וועגען דעם לויהן פון אַ מענשען אָדער פון אַ בהמה, אָדער עס האַנדעלט זיך גאָר וועגען דער באַצאָהלונג פאַר אויסגעבאָרגטע כלים. פאַר יעדע זאַך דאַרף באַצאָהלט ווערען דעמזעלבען טאָג און מען טאָר נישט די שכירות אויפ־האַלטען איבער נאַכט (בבא מציעא דף קי"א עמוד ב').

ווען דער פּסוק זאָגט "איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם" (במדבר ה' ז'), איז דערפון געדרונגען, אַז ביי דער תורה אין די אויגען זיינען די פרויען גלייך צו די מענער בנוגע צו דער שטראָף פאַר זייערע זינד (פּסחים דף מ"ג עמוד א').

פרייטאָג נאָכמיטאָג פלעגט מען בלאָזען שופר זעקס מאָל אַלס אַ צייכען, אַז דער שבת קומט אָן. ביים ערשטען בלאָז האָבען די מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבייט אויף די פעלדער, אָוועקגעלייגט די אַרבייט. דער־נאָך זיינען זיך צונויפגעקומען די מענשען פון נאָהנט און פון ווייט בעפאָר די טויערען פון דער שטאָדט, כדי אַלע זאָלען אָנקומען צוזאַמען אין שטאָדט אַריין. דערווייל זיינען נאָך געווען די געוועלבען אָפען און די ריגלען צו די טהירען זיינען געלעגען אָנגעגרייט. ביים צווייטען בלאָז האָט מען געדאַרפט נעהמען די ריגלען און פאַרמאַכען די געוועלבען, אָבער די טעפּ האָבען זיך נאָך געקענט וואַרעמען אויף'ן אויווען. האָט מען דאַן אַ בלאָז געטהון צום דריטען מאָל, האָט מען געדאַרפט אַלסדינג אַרונטערנעהמען פונ'ם אויווען, פאַררוקען דעם טשאָלענט און נעהמען אָנצינדען די ליכט. דערנאָך האָט מען געוואַרט אַזוי לאַנג, ווי עס נעמט אָפּצובראָטען אַ קליין פישעל, אָדער ווי מען זעצט אַריין אַ ברויט אין אויווען. האָט מען דאַן געגעבען דריי בלאָז מיט איינמאָל און מען האָט דאַן געמאַכט שבת (שבת דף ל"ה עמוד ב').

רבי טרפון

אַ מערקווירדיג אייגענאַרטיגע פּערזענליכקייט איז געווען ר ב י ט ר פ ו ן. דער נאָמען זיינער איז אַ גריכישער, טריפאָן. אין ירושלמי איז ער אויך אַזוי איינמאָל דערמאָנט („טריפון" מיט א יו"ד נאָך'ן רי"ש) — און די צייט פון זיין ווירקונג איז געווען אין די יאָהרען צווישען חורבן בית־המקדש און חורבן ביתר.

די משפחה זיינע איז געווען אַ פאַמיליע פון כהנים, און ער פלעגט דערצעהלען, אַז ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען און ער האָט גע'דוכנ'ט צוזאַמען מיט אַנדערע כהנים, האָט ער זיך איינמאָל צוגעבויגען צום כהן־גדול, ער זאָל קענען הערען ווי ער איז „מבליע בנעימה" דעם „שם המפורש", *) איז ער דאַן אומגעפאַלען אויף זיין פּנים פאַר גרויס שרעק.

אַן אַנדערס מאָל, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם דין פון די זינגערס אינ'ם בית־המקדש, צי זיי מוזען זיין אָהן אַ מום, גלייך ווי די כהנים האָבען געמוזט זיין אָהן אַ מום, האָט ר' טרפון געשוואוירען, אַז ער געדענקט זיינעם אַ פעטער, דעם ברודער פון זיין מוטער, וועלכער האָט געהונקען אויף אַ פוס און ער איז טראָצדעם געשטאַנען אין בית־המקדש און האָט דאָרט געטרומייטערט ביים געזאַנג פון די לויים. האָט איהם ר' עקיבא איבערגעפרעגט, צי ער איז זיך נישט צופעליג טועה וועגען די אומשטענדען, בייוועלכע דאָס איז פאָרגעקומען, ווייל טאָמער איז דאָס געווען ביי אַן עפענטליכער פייערליכקייט, נישט ביי אַ קרבן, האָט מען דאָס געמעגט טהון. האָט איהם ר' טרפון אויף דעם געענטפערט: „עס איז אַזוי ווי דו זאָגסט. ס'איז אויך מערקווירדיג, אַז איך בין דערביי געווען און איך האָב עס פאַרגעסען, און חאָטש דו האָסט עס נישט געזעהען, ווייסטו ווי אַזוי דאָס איז געווען!" (ירושלמי יומא פרק א' הלכה א').

---

*) דער „שם המפורש" איז דער שם הוי"ה, וועלכער טאָר נישט אַרויסגעזאָגט ווערען לויט זיינע אותיות. בלויז דער כהן־גדול פלעגט דאָס מעגען טהון אים יום כפור. אַבער אויך דאַמאָלס פלעגט ער דאָס וואָרט „פאַרשלינגען אויף אַן אַנגענעהמען אופן" (מבליע בנעימה), די אַנוועזענדע זאָלען נישט הערען. שפּעטער האָט די משנה פעסטגעזעצט אַ דין, אַז ווער עס רופט אָן דעם אויבערשטען'ס נאָמען לויט זיינע אותיות, האָט נישט קיין „חלק לעולם הבא". אַמאָל פלעגען דאָס מאַנכע חכמים לערנען צו זייערע תלמידים איינמאָל אין אַ שמיטה (קדושין דף ע"א עמוד א'). שפּעטער האָט מען דאָס אין גאַנצען פאַרבאָטען. און די גמרא זאָגט, אַז ר' חנניא בן תרדיון איז דאַדורך געשטראָפט געוואָרען, ווייל ער האָט געלערענט מיט זיינע תלמידים דעם „שם המפורש" (עבודה זרה דף י"ז עמוד ב'). יעדענפאַלס איז כדאי צו וויסען, אַז דער אופן, ווי אַזוי די גוי'שע ביבעל־קריטיקער לייענען היינט דעם „שם המפורש", איז דאָס זיכערליך פאַלש, ווייל ער איז אַמאָל וואַהרשיינליך געווען אַ קאָמבינאַציע פון צוויי מיני נקודות, פון „אדני" צוזאַמען מיט „אלקים". האָט מען דאָס אַבער היינט אינגאַנצען פאַרגעסען.

וואָס עס איז מיט ר׳ טרפון געשעהען אין דער צייט פונ׳ם חורבן, און ווי אזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פון ירושלים, איז נישט באַקאַנט. שפּעטער האָט ער אַלע זיינע יאָהרען געוואוינט אין לוד און ער פלעגט אָפטמאָל קומען קיין יבנה, אַנטייל צו נעהמען אין די באַראַטונגען פון די סנהדרין. ער איז אויך דאָרט געווען אַנוועזענד אין ״יענעם טאָג״, ווען רבן גמליאל איז אַרונ־טערגעזעצט געוואָרען פון זיין ״נשיאות״. איז ער אָבער דאַמאָלס נישט גע־ווען קיין קאַנדידאַט פאַר׳ן אַמט פון אַ נשיא, חאָטש ער איז געווען אַ רייכער מאַן און אַ גרויסער געלערענטער, וואָס ווען ער איז ערגיץ געזעסען צוזאַמען מיט אַנדערע חכמים און אימיצער איז דאָרט געקומען פרעגען אַ שאלה, איז ער תמיד געווען דער ערשטער צו זאָגען אַ מיינונג.

אַלס געלערענטער ווערד ער אָנגערופען ״אביהן של ישראל״ (ירושלמי יבמות פּרק ד׳ הלכה י״ב) און ביי אַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט אין אַ דין פון דער תורה איז ער געווען זעהר אַ שטרענגער אין זיין אויסדרוק. אָפטמאָל פלעגט ער זיך באַרופען אויף עלטערע טראַדיציעס מיט אַ שבועה, אַז ״ווען עס איז נישט אַזוי ווי ער זאָגט, זאָל ער זיינע קינדער פאַרלירען״. און ווען ר׳ עקיבא האָט איהם נאָך אַזאַ שבועה געזאָגט: ״דאַכט זיך, אַז דו האָסט שלעכט געהערט״, האָט ער צוגעגעבען, אַז ר׳ עקיבא איז גערעכט, און ער האָט דאַן געזאָגט: ״עקיבא! ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דיר, איז גלייך ווי ער זאָל זיך אָפּשיידען פונ׳ם לעבען!״ און טאָמער האָט ר׳ עקיבא אַמאָל געזעהן, אַז אימיצער וויזט נישט אַרויס גענוג רעספּעקט צו ר׳ טרפון, איז ער געווען גרייט יענעם ווי צום שווערסטען צו באַשטראָפען. אַזוי ווערד דער־צעהלט, אַז איינער אַ תלמיד, יהודה בן נחמיה, האָט אַמאָל געפרעגט ביי ר׳ טרפון עפּעס אַ הארבע קשיא, און ר׳ טרפון האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, האָט דאַן ר׳ עקיבא געזאָגט צו יענעם תלמיד: ״דיין פּנים איז דיר פרעהליך, וואָס דו האָסט דעם אַלטען געפרעגט אַזעלכעס, וואָס ער קען נישט ענטפערען; וועט עס מיך וואונדערען, ווען דו וועסט נאָך לאַנג לעבען!״...

דערצעהלט דאַן די לעגענדע, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אַ געוויסע צייט בע־פאָר פּסח, און ווען די חכמים זיינען זיך דערנאָך צונויפגעקומען אויף שבועות, האָט שוין יהודה בן נחמיה נישט מעהר געלעבט.

טאָר מען אָבער נישט דענקען, אַז אַזאַ זאַך, וואָס ר׳ טרפון זאָל נישט קענען פאַרענטפערען אַ קשיא, האָט זיך געקענט אָפט טרעפען, ווייל די גע־לעהרזאַמקייט פון ר׳ טרפון איז פאַרגליכען געוואָרען צו אַ קופּקעלע ניס (גטין דף ס״ז עמוד א׳), און וואָס דער דאָזיגער פאַרגלייך מיינט, איז ערקלערט (אין אבות דר׳ נתן פּרק י״ח), אַז אַזוי ווי איינער נעהמט אַוועק איין נוס פון אַ קופּקעלע, קייקלען זיך נאָך פיעלע אַנדערע ניס, אַזוי איז געווען ביי ר׳ טרפון, אַז ווען איינער האָט איהם עטוואָס געפרעגט, האָט ער איהם באַלד אָפּגעענטפערט מיט ראיות פון תנ״ך, פון מדרש, פון דער משנה, גלייך ווי פון הלכה און אגדה.

חאָטש דער בית־המקדש איז נישט מעהר געשטאַנען אין יענער צייט, האָט ר׳ טרפון פון דעסטוועגען נישט אויפגעהערט צו נעהמען ״תרומה״ ביי יעדען, וואָס האָט איהם נור געגעבען.

אַמאָל האָט איהם ר׳ גמליאל באַגעגענט אין דער פריה און ער האָט איהם געפרעגט, וואָס עס איז עפּיס געשעהן, וואָס ער איז נעכטען נישט געווען אין

בית־המדרש. האָט איהם ר׳ טרפון געענטפערט, אַז ער איז געווען באַשעפ־טיגט מיט טהון די ״עבודה״.

האָט איהם ר׳ גמליאל געזאָגט: ״דיינע ווערטער מאַכען מיך וואונדערען, וואָס דו זאָגסט, אַז דו האָסט געדאַרפט טהון די עבודה, ווייל איך ווייס נישט וואָס פאַר אַן עבודה עס איז היינט פאַראַן צו טהון״. האָט איהם ר׳ טרפון אויף דעם געענטפערט: ״דאָס עסען די תרומה אין די שטעדט פון ארץ־ישראל איז גלייך ווי די עבודה אינ׳ם בית־המקדש!״

און ווען ר׳ טרפון האָט גענומען ״תרומה״ ביי מענשען, האָט ער דאָס נישט געטהון צוליעב אָרימקייט, ווייל ער איז געווען אַן עושר. וואהרשיינליך האָט ער בלויז געוואָלט מזכה זיין די מענשען מיט דער מצוה פון געבען ״תרומה״. דאַביי האָט ער אָבער נישט געטראַכט, ווער דער געבער איז, און ער האָט פון יעדען גענומען. זאָגסט איז ער נישט געווען גייציג. און חאָטש ער האָט זיך נישט געוואָרפען מיט נדבות, פלעגט ער געוועהנליך צוריקגעבען דאָס געלד פון אַ ״פדיון־הבן״, וועלכעס ער האָט געקראָגען אַלס כהן (בכורות דף נ״א עמוד ב׳). און אום צו העלפען די מענשען אין אַ צייט פון הונגער, האָט ער זיך באַנוצט מיט׳ן רעכט פון זיין כהונה און ער האָט מקדש געווען דריי הונדערט ווייבער (!), זיי זאָלען אַלס ווייבער פון אַ כהן מעגען עסען ״תרומה״ (זעה תוספתא כתובות פרק ה׳ א׳ און ירושלמי יבמות פרק ד׳ הלכה י״ב). דאַביי איז אויך ווערטה צו באַמערקען, אַז ווען דער ירושלמי דערצעהלט די דאָזיגע מעשה, געברויכט ער דאָרט דעם אויסדרוק ״הערים״, וועלכעס מיינט, אַז ער האָט דאָס געטהון מיט אַ ״טריק״.

געהענדיג אין גאַס, פלעגט זיך ר׳ טרפון האַלטען זעהר באַשיידען, מען זאָל איהם נישט קענען אויסערהאַלב פונ׳ם בית־המדרש, ווער און וואָס ער איז, כדי עס זאָל איהם נישט אַמאָל אויסקומען, ער זאָל זיך דאַרפען באַדיענען מיט דער תורה פאַר זיין אייגענעם נוצען. בלויז איינמאָל האָט ער זיך געגע־בען צו דערקענען, ווער ער איז, כדי אָפצוראַטעווען זיך פון קלעפּ. אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געוואָלט נעהמען עטליכע פּירות פון זיין אייגענעם גאָרטען, האָט איהם דער פּעכטער פונ׳ם גאָרטען געחאַפּט און האָט איהם געוואָלט שלאָגען. האָט ער אַ זאָג געטהון: ״אַז אָך און וועה איז צו טרפון, ווען מען האָט איהם געקענט חאַפּען אַלס גנב!״ האָט איהם דער פּעכטער דאַן דערקענט און אָפּגעלאָזען. פלעגט ער דערנאָך שטענדיג זאָגען: ״וועה איז מיר, וואָס איך האָב מיך באַדיענט מיט דער קרוין פון דער תורה!״...

אַ שטענדיגע געגנערשאַפט אין די אויסטייטשונגען פון די מצוות האָט געהערשט צווישען ר׳ טרפון און ר׳ עקיבא. וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער אַנדערער געזאָגט פּונקט פאַרקעהרט. האָט אָבער פון דעסטוועגען גע־הערשט צווישען ביידען די גרעסטע פריינדשאַפט — און ר׳ טרפון האָט אַמאָל געגעבען געלד צו ר׳ עקיבא, אויף צו קויפען אַ פעלד, פון וועלכען זיי זאָלען ביידע האָבען פּרנסה און זיי אַליין זאָלען זיך קענען אָפּגעבען מיט לערנען. האָט ר׳ עקיבא צוגענומען דאָס געלד און אוועקגעגעבען עס צו אָרימע תלמידי־חכמים.

ווערד די דאָזיגע מעשה דערצעהלט אין צוויי נוסחאות:

לויט איין נוסח (אין מסכת כלה רבתי פרק ב׳) האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו ר׳ טרפון: ״ווען דו ווילסט, וועל איך פון דיינעטוועגען קויפען אַ שטעד־טעל אָדער צוויי!״ — האָט ר׳ טרפון צוגעשטימט און ער האָט איהם געגעבען פיער טויזענד גאָלדענע רענדלעך. איז ר׳ עקיבא געגאַנגען און האָט די דאָ־

זינגע רענדלעך פארטיילט צו אָרימע לייט. שפּעטער אַ צייט האָט ר׳ טרפון באַגעגענט ר׳ עקיבאַ׳ן און ער האָט איהם געפרעגט: ״וואו זיינען די שטעדט־לעך, וואָס דו האָסט געזאָלט קויפען פאַר מיינעטוועגען?״ — האָט איהם ר׳ עקיבאַ אָנגענומען ביי דער האַנד און אַריינגעפיהרט אין בית־המדרש, וואו ער האָט דאָס געלד פאַרטיילט.

אין אַנדערער נוסח דערצעהלט (ויקרא רבה פרשה ל״ד פיסקא ט״ז), אַז ר׳ טרפון האָט געגעבען צו ר׳ עקיבאַ זעקס הונדערט צענטען זילבער און האָט איהם געהייסען געהען קויפען אַ פעלד, זיי זאָלען זיך ביידע קענען אָפּגעבען מיט לערנען און פרנסה זאָלען זיי ציהען פון יענעם פעלד. האָט דאַן ר׳ עקיבאַ אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע זילבער צו די שרייבער און לערנער אינ׳ם בית־המדרש. אַ צייט שפּעטער האָט איהם ר׳ טרפון געפרעגט: ״האָסט געקויפט דאָס פעלד, וועגען וועלכען איך האָב דיר געזאָגט?״ — און ווען ר׳ עקיבאַ האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס פעלד געקויפט, האָט איהם ר׳ טרפון ווייטער געפרעגט: ״קענסט מיר אפשר דאָס פעלד ווייזען?״ — האָט איהם ר׳ עקיבאַ געוויזען די שרייבער און די לערנער, צו וועלכע ער האָט דאָס זילבער אַוועקגעגעבען...

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ טרפון׳ס מיינונגען איז, וואָס ווען ער איז אַמאָל געזעסען צוזאַמען מיט די אַנדערע זקנים אין לוד, איז פאַרגעקומען אַ פראַגע וועגען וואָס עס איז וויכטיגער: לערנען אָדער די באַטעטיגונג פון מצוות? — האָט ר׳ טרפון געזאָגט, אַז די באַטהעטיגונג פון מצוות איז וויכטיגער. האָט זיך ר׳ עקיבאַ אָנגערופען, אַז לערנען איז וויכטיגער. האָבען די אַנדערע חכמים צוגעשטימט צו דער מיינונג פון ר׳ עקיבאַ, אַז לערנען איז וויכטיגער, ווייל ״לערנען ברענגט צו דער באַטהעטיגונג פון מצוות״.

אָט די מיינונג, אַז די באַטהעטיגונג פון מצוות איז דאָס וויכטיגסטע, זעהט זיך אויך אין אַנדערע אויסשפּרוכען פון ר׳ טרפון, לויט וועלכע עס איז דאָס פאַרהעלטנים פונ׳ם מענשען צום באַשעפער גלייך ווי דאָס פאַרהעלטנים פון אַן אַרבייטער צו זיין אַרבייטגעבער. אַזוי איז, למשל, פאַרהאַנען זיינער אַ ״ווערטעל״, אין וועלכען ער האָט געזאָגט: ״דער טאָג איז קורץ און די אַרבייט איז פיעל, די אַרבייטער זיינען פוילענצער, דער לויהן איז אַ גרויסער און דער בעל־הבית יאָגט!״ — ער פלעגט אויך זאָגען: ״נישט דו מוזט די אַרבייט ענדיגען, דו ביזט אָבער נישט פריי, אַרויסצודרעהען זיך דערפון. האָסטו פיעל געלערנט, וועט מען דיר דערפאַר גוט באַצאָהלען. דיין אַרבייט־געבער איז איבערהויפּט באַגלויבט, אַז ער וועט דיר באַצאָהלען, וואָס דיר קומט!״ (אבות פרק ב׳).

ריידענדיג וועגען דער באַטהעטיגונג פון די מצוות, איז ר׳ טרפון אויסגע־קומען דורך דער נאָהנטקייט פון די באַגריפען אין דער שפּראַך, צו ריידען וועגען דער ווערדע פון דער אַרבייט אין אַלגעמיין. האָט ער דאַן געזאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט נישט געלאָזט רוהען זיין ״שכינה״ אויף די אידען, ווי לאַנג זיי האָבען נישט געטהון קיין אַרבייט ביים בוי פונ׳ם משכן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַ מענש קען שטאַרבען פון גאָרנישט טהון...

געוועהנליך פלעגט ר׳ טרפון באַפּוצען זיינע רייד מיט ״ווערטלעך״ פון דער תורה, וועלכע האָבען דאַן געקראָגען ביי איהם אַ שפּאָגעל־נייע באַדיי־טונג. האָט איהם איינער געזאָגט אַ גוטע זאַך, פלעגט ער אויף דעם זאָגען ״כפתור ופרח״ (אַ קנאָפּ מיט אַ בלום), וועלענדיג זאָגען ״אויסגעצייכענט גוט!״ — און האָט מען איהם געזאָגט אַ זאַך, וועלכע איז איהם נישט געפעלען, פלעגט ער זאָגען ״לא ירד בני עמכם״, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזען

אין וכוחים, ווערלענדיג זאגען, אז ער איז נישט מסכים.

אין יענער צייט פלעגט אויך זיין א שארפע מלחמה געגען די ערשטע קריסטען, וועלכע זיינען געגען אידען, איז ר׳ טרפון געווען זייערער זעהר א גרויסער שונא, און ער פלעגט זיך אריינלאזען מיט זיי אין וכוחים, ווערלענדיג זיי אפּוועגדען פון זייער נייעם גלויבען. ווי דאס ווערד אויך דערמאנט אין די שריפטען פונ׳ם קריסטליכען "קירכען־פאטער" יוסטינוס מארטיר. פלעגט דאן ר׳ טרפון זאגען: "זאל איך מיינע קינדער פארלירען, אויב איך וועל נישט פארברענען זייערע ספרים צוזאמען מיט די דערמאנונגען פון גאט׳ס נאמען, ווען זיי זאלען נור אמאל אריינפאלען אין מיינע הענד! און ווען א מענש זאל מיך נאכיאגען צום הרג׳ענען אדער א שלאנג זאל מיר נאכלויפען צו בייסען, וועל איך ליבערשט אריינלויפען אין א הויז פון דער עבודה־זרה, איך זאל מיך דארט באשיצען, איידער איך זאל דארפען אריינגעהן אין א הויז פון אט די פארשוינען!"...

ווי באמערקט, פלעגט ר׳ טרפון שווערען: "זאל איך פארלירען מיינע קינ־דער, ווען עס איז נישט אזוי און אזוי"... און ער האט טאקי עטליכע פון זיינע קינדער פארלוירען. ער האט אויך פארלוירען זיין פרוי, און אזוי ווי ער איז געבליבען אן אלמן מיט קינדער, האט ער באלד אינ׳ם ערשטען טאג נאך דער קבורה פון זיין פרוי, אויסגעקליבען דער ווייבס׳ס שוועסטער פאר א כלה און ער האט צו איהר א זאג געטהון: "געה שפּייזען די קינדער פון דיין געשטאר־בענער שוועסטער!"...

צו באמערקען איז אויך, אז ר׳ טרפון פלעגט שטארק בכבוד האלטען זיין מוטער, און ווען זי האט אמאל פארלוירען איהרען א שוך פונ׳ם פוס און זי איז ארונטערגעגאנגען פונ׳ם בעט בארוויס, דעם שוך זוכען, האט ר׳ טרפון אונטערגעלייגט זיין האנד אונטער איהרע פיס, זי זאל זיך נישט וועה טהון, טרעטענדיג אויף דער הוילער ערד.

עס איז אנצונעהמען, אז ר׳ טרפון האט געלעבט העכער זיבעציג יאהר — און וועגען זיין טויט איז פארהאנען א מיינונג, אז ער איז געווען צווישען די "הרוגי מלכות". עס איז אבער אויך פארהאנען א מיינונג, אז ער איז נישט געווען צווישען די "הרוגי מלכות" (זעה מדרש איכה רבתי פרשה ב׳).

צו דער כאראקטעריסטיק פון ר׳ טרפון דארף נאך צוגעגעבען ווערען, אז ווי א בייזער ער איז געווען, פלעגט ער פון דעסטוועגען זאגען, אז ווען ער וואלט געזעסען ביי די סנהדרין, ווען זיי האבען געהאט דאס רעכט צו פסק׳ענען "דיני נפשות", וואלט מען דארט דאמאלס קיינמאל נישט פאראורטיילט א מענשען צום טויט.

רבי יוסי הגלילי

דער "גליל" אין ארץ־ישראל איז וועהרענד דער גאנצער צייט פונ'ם ערש־טען בית־המקדש געווען באזעצט פון גוים — און ערשט פיעל שפעטער, אין דער צייט פונ'ם צווייטען בית־המקדש, ווען דער שטח פונ'ם לאנד איז צו ענג געווארען פאר די איינוואהנער, האט זיך דער אידישער ישוב אנגעהויבען אויס־שפרייטען איבער'ן "גליל" וואס אמאל ווייטער און מעהרער.

זיינען די דאזיגע איבערוואנדערער פון די שטעדט אין יהודה צו די ערטער פונ'ם "גליל" גרעסטענטיילס געווען ארימע לייט, לויט זייער קעשענע גלייך ווי לויט זייער גייסט. האט זיך דארט צוליעב דעם אנטוויקעלט אן אייגענארטיגער טיפ פון עמי־ארצים — און ווען אזא מענש פונ'ם "גליל" איז אמאל געקומען קיין ירושלים און שפעטער קיין יבנה אדער אין אן אנדערן ארט, וואו די "סנהדרין" האבען זיך גראד דאמאלס געפונען, פלעגט מען דארט חוזק מאכען פון זיין קינדישער נאאיוויטעט און מען האט איהם געוועהנליך גערופען "גלילאה שוטה". מען פלעגט אויך אזא מענש פונ'ם "גליל" דערקענען אן זיין אופן רײדען און אן זיינע אומגעלומפערטע באוועגונגען. פלעגט דאן אומעטום זיין פארשפרייט די מיינונג, אז א "גלילי" איז א נאר, וועלכער לאזט זיך נישט בא־לעהרנען און עס איז אויך יעדע מיה אומזיסט, ווען אימיצער זאל איהם וועלען איבעראנדערשען.

האט זיך פלוצים אמאל באוויזען אין יבנה א געלעהרטער "גלילי", וועל־כען מען האט פון זיין ערשטען ארויסטריט אנגעהויבען באטראכטען אלס איינעם פון די חכמים און ער איז דערנאך באקאנט געווארען מיט זיין נאמען רבי יוסי הגלילי.

געווען איז דאס וועהרענד א שמועס וועגען דעם פלייש פון א בהמה א בכור, ווי אזוי דאס דארף געגעסען ווערען, ווען ר' יוסי איז פלוצים אויפגע־שטאנען פון צווישען די תלמידים, צו באווייזען, אז די צוויי גרויסע ווארטפיהרער אינ'ם בית־המדרש — ר' טרפון און ר' עקיבא — האבען א טעות אינ'ם דין. מען קען זיך אויך פארשטעלען, ווי איבערראשט די אנדערע תלמידים זיינען דאמאלס געווען, ווען זיי האבען געהערט, ווי דער "גלילי" ארגומענטירט יעדעס מאל מיט נייע ראיות פאר זיינע באהויפטונגען און ווי ער לאזט זיך נישט בשום אופן ארונטערפיהרען פון זיין מיינונג (זעה זבחים דף נ"ז עמוד א'). און ווען ר' ישמעאל בן אלישע האט געהערט וועגען די טענות פון אונזער "גלילי", האט ער געהייסען זאגען צו ר' עקיבא, אז ער האט א טעות אינ'ם דין, ווייל עס דארף אזוי זיין, ווי דער "גלילי" זאגט.

פון דעמאלט אן איז ר' יוסי געבליבען זיצען צווישען די חכמים אין יבנה און זיין ווערדע איז דארט געוואקסען פון טאג צו טאג. אלע האבען איהם שטארק בכבוד געהאלטען — און אין זיינע מיינונגען איז ער געוועהנליך גע־שטאנען אין געגנערשאפט צו די מיינונגען פון ר' עקיבא, וואס חאטש ער האט איהם באטראכט אלס זיין רבי'ן, האט ער זיך פון דעסטוועגען אמאל ערלויבט

צו זאָגען צו ר׳ עקיבא: ״ווען דו וועסט אפילו ארגומענטירען א גאַנצען טאָג, וועל איך דיך נישט הערען!״ (זבחים דף פ״ב עמוד א׳). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער אונטערבראָכען ר׳ עקיבאַ׳ן אין זיינער א דרשה און האָט צו איהם א זאָג געטהון: ״ווי לאַנג נאָך וועסטו אזוי ריידען וועגען דער שכינה ווי וועגען א וואָכענדיגען עניין?״ (חגיגה דף י״ד עמוד א׳).

שפּעטער פלעגט מען זאָגען, אז ר׳ יוסי הגלילי ״קלויבט צונויף יעדעס ברעקעלע פון דער תורה, וואו עס לאָזט זיך נור, ס׳מעג אפילו זיין ביים קלענס־טען פון די תלמידים. גלייך ווי דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען דעם בארג סיני, וועלכער איז געווען דער קלענסטער בארג, צו געבען אויף איהם די תורה צו די אידען״ (זעה אבות דר׳ נתן פרק י״ח).

וועגען דער געלעהרזאַמקייט פון ר׳ יוסי הגלילי קען אויך געזאָגט ווערען, אז ער האָט מיט זיין שאַרפען אויג פאַרשטאַנען צו זעהען, וואָס אַנדערע האָבען נישט געזעהען. און ווי ווייכהאַרציג ער איז געווען ביי אַלע זיינע פיהרונגען אינ׳ם לעבען, אזוי שטרענג איז ער געווען צו אַלע יענע, וואָס האָבען געוואָלט אָפּווענדען די אידען פון זייער גאָט און ער פלעגט זאָגען: ״טאָמער קומט צו דיר אימיצער, וועלכער וויל דיר באַווייזען, אז זיין גאָט איז דער ריכטיגער, איז ווען ער זאָל דיר אפילו אָפּשטעלען די זון אין מיטען הימעל, זאָלסטו איהם נישט הערען!״ (סנהדרין דף צ׳ עמוד א׳).

מאַנכע היסטאָריקער ווילען באַהויפּטען, אז ווען ר׳ יוסי איז אָנגעקומען פונ׳ם ״גליל״ קיין יבנה, איז ער געווען א מענש א באַיאָהרענטער און ער איז שוין אויך דעמאָלט געווען באַקאַנט אַלס געלעהרטער. זיי דענקען, אז אזוי ווי דער ״גליל״ האָט אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע בעפאָר דעם חורבן ווייניגער געליטען ווי די אַנדערע שטעדט אין ארץ־ישראל, איז ער פאַר א געוויסע צייט געווען דער צופלוכטס־אָרט פאַר די פריעדליכע עלעמענטען פון די אידען, וועלכע זיינען אהין אנטלאָפען, זוכענדיג שוץ געגען די אייגענע רעוואָלוציאָנערען, איז דאָן צווישען אַנדערע אהין־געקומען דער רייכער עזריה, דער פאָטער פון ר׳ אלעזר, וועלכער האָט דאָרט איבערגעגעבען זיין זוהן פאַר א תלמיד צו ר׳ יוסי.

א באַקאַנטע זאַך איז געווען ר׳ יוסי׳ס פרומקייט, וועגען וועלכער עס איז געווען פאַרשפּרייט די מיינונג, אז ווען עס וואָלט אמאָל אין זיין צייט אויסגע־בראָכען א טרוקעניש און ער וואָלט זיך וועקגעשטעלט בעטען אויף רעגען, וואָלט ער זיכערליך באַלד גע׳פּועל׳ט ביים אויבערשטען, וואָס ער האָט געוואָלט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ יוסי׳ן איז, וואָס ער איז געווען אומגליקליך אין זיין פאַמיליען־לעבען. די פרוי זיינע, וועלכע איז גראָד געווען א טאָכטער פון זיינער א שוועסטער, איז געווען זעהר א שלעכטע. פלעגט זי איהם אָנטהון גרויסע בושות אין געגענוואַרט פון זיינע תלמידים. פלעגען זיינע תלמידים טענה׳ן, ער זאָל איהר געבען א גט. האָט ער זיי אויף דעם תמיד געענטפערט, אז ער קען דאָס נישט טהון, ווייל זי האָט א גרויסע ״כתובה״ און ער פאַרמאָגט נישט אזוי פיעל געלד, ווי איהר ״כתובה״ באַטרעפט.

איז איינמאָל ר׳ יוסי אהיים־געקומען פונ׳ם בית־המדרש אין באַגלייטונג פון זיין תלמיד ר׳ אלעזר בן עזריה. האָט זיך די פרוי אפילו נישט אומגעקוקט אויף איהר מאַן מיט זיין גאַסט. און ווען ר׳ יוסי האָט זי געפרעגט, צי זי האָט אָנגעגרייט עטוואָס צו עסען, האָט זי איהם געענטפערט מיט כעס: ״פאַר־האַנען דאָרט אין טעפּעל א ביסיל געקאָכטע גראָז!״ — האָט ר׳ יוסי אויפגע־

דעקט דאָס טעפּעל, איז דאָרט געווען פלייש פון געשטאָפּטע היהנער. האָבען זיך דאַן ביידע, ר׳ יוסי און ר׳ אלעזר בן עזריה, אַוועקגעזעצט עסען.

האָט ר׳ אלעזר בן עזריה אַ זאָג געטהון: "אָט האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט דאָרט אין טעפּעל בלויז אַ ביסיל געקאָכטע גראָז, און געהאַט האָט זי דאָרט פלייש פון געשטאָפּטע היהנער! טאָ פאַרוואָס זאָל זי דיך אַזוי באַליגנערען?"—האָט ר׳ יוסי אויף דעם געענטפערט: "ס'איז אודאי געשעהן אַ נס מיט׳ן געקעכטס! זי האָט אַריינגעלייגט גראָז אינ׳ם טאָפּ, אַזוי ווי זי האָט מיר געזאָגט, איז דערפון געוואָרען פלייש פון געשטאָפּטע היהנער!"...

נאָך׳ן עסען האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט: "רבי! שיק אַוועק די דאָזיגע פרוי פון דיין הויז. זי פאַרשטעהט נישט, אָפּצושאַצען דיין ווערדע!" — האָט ר׳ יוסי געזאָגט: "זי האָט אויף מיר אַ גרויסע כתובה און איך האָב נישט קיין געלד!" — האָט ר׳ אלעזר בן עזריה געזאָגט: "מיר, דיינע תלמידים, ווע‌לען אויסצאָהלען דאָס געלד פון דער כתובה און דו שיק זי אַוועק!"

האָט דאַן ר׳ יוסי געטהון, וואָס זיינע תלמידים האָבען געזאָגט.

שפּעטער האָט די פרוי חתונה געהאַט מיט׳ן נאַכט־וועכטער פון דער שטאָדט, וועלכער האָט נישט לאַנג דערנאָך פאַרלוירען זיין פאַרמעגען און ער איז נאָך דערצו בלינד געוואָרען. האָט ער דאַן נישט געקענט מעהר זיין קיין וועכטער, פלעגט איהם דאָס ווייב פיהרען איבער די הייזער פון שטאָדט, וואו ער פלעגט קלייבען נדבות, אויף צו לעבען. און ווען די פרוי פלעגט קומען צו דער גאַס, וואו ר׳ יוסי האָט געוואוינט, פלעגט זי נישט וועלען דאָרט געהן. האָט זי דער מאַן אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס זי פיהרט איהם נישט אין דער גאַס פון ר׳ יוסי הגלילי, וועגען וועלכען ער האָט געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל צדקה, האָט זי איהם געזאָגט: "איך בין זיינע אַ גרושה, וואָלט איך עס נישט אַריבערגעטראָגען, ווען איך זאָל דאַרפען אַהין געהען צו זיין הויז בעטלען!"

זיינען זיי—דער וועכטער מיט זיין ווייב—אַרומגעגאַנגען איינמאָל אַ גאַנצען טאָג איבער אַלע גאַסען און זיי האָבען גאָר נישט געקראָגען. איז שוין די פרוי געגאַנגען אין דער גאַס פון ר׳ יוסי. האָט זי אָבער דאָרט איבערגעהיפּערט ר׳ יוסי׳ס הויז. האָט דאָס דער בלינדער דערפיהלט, האָט ער זי גענומען שלאָגען דערפאַר מיט זיין שטעקען. האָט ר׳ יוסי דערהערט איהר געשריי און ער איז געוואָהר געוואָרען, וואָס עס איז געשעהען, האָט ער זיי ביידען אַריינגענומען אין איינעם פון זיינע הייזער און ער האָט זיי אויך געגעבען פרנסה פאַר אַלע טעג פון זיין לעבען (זעה ירושלמי כתובות פרק י״א הלכה ג׳ און בראשית רבה פרשה י״ז פּיסקא ג׳).

מערקווירדיג אינטערעסאַנט זיינען ר׳ יוסי׳ס ערקלערונגען צו די מצוות פון דער תורה. ביי איינע האָט ער זיך געסטאַרעט, צו פאַרגרינגערען זייער לאַסט, ביי אַנדערע האָט ער דאָס שווערע נאָך מעהר געוואָלט שווערער מאַכען.

ביים דין פון אַ "בן סורר ומורה" האָבען די חכמים געטראַכט, שווער צו מאַכען דעם ענין און מיט זייערע אויסטייטשונגען האָבען זיי פּשוט אוממעגליך געמאַכט, אַז אַ "בן סורר ומורה" זאָל קענען פאַר׳משפּט ווערען צום פאַרשטיי־ניגען. אַזוי ווי דער "בן סורר ומורה" האָט אויך געדאַרפט זיין אַ "זולל וסובא", האָבען די חכמים געזאָגט, אַז דער "בן סורר ומורה" איז נישט חייב־מיתה, ווי לאַנג ער עסט נישט אויף אַ גאַנץ פונט פלייש האַלב געקאָכט און האַלב רויה מיט איין קאַי, דאַביי דאַרף ער אויך אויסטרינקען אַ האַלבע קוואַרט פון׳ם טייערסטען וויין (יין איטלקי) מיט איין זופּ, אָט די מאַהלצייט האָט ער זיך

געדאַרפט מאַכען אין דער געזעלשאַפט פון אויסגעלאַסענע גאַסען־יונגען, און דאָס געלד, פאַר וועלכען ער האָט זיך די מאָהלצייט געמאַכט, האָט געדאַרפט זיין גע׳גנב׳עט ביי זיין אייגענעם פאָטער. אויסערדעם האָט אַזאַ בחור געדאַרפט אַלט זיין מינדעסטענס דרייצען יאָהר מיט אַ טאָג, אָבער נישט פיעל עלטער, ווייל ער וואָלט זאָנסט נישט געקענט אָנגערופען ווערען "בן". ער האָט אויך געמוזט האָבען אַ פאָטער און אַ מוטער, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין ביידע גלייך אין זייער שטים און אין זייער אויסזעהען, ווייל זיי האָבען איהם געדאַרפט ביידע פיהרען צום בית־דין און ביידע האָבען געדאַרפט פאַרטרעטען אין איינעם די קלאַגע געגען איהם.

איז אָבער לויט ר׳ יוסי׳ס מיינונג געלעגען דער עיקר זינד פונ׳ם "בן סורר ומורה" אין זיין פרעסען און זויפען, האָט ער געדענקט, אַז ער פאַרדיענט זיך דעם טויט בלויז צוליעב דעם, וואָס עס קען פון איהם ווערען אין דער צוקונפט, ווייל ביי אַזאַ מין פרעסען און זויפען וועט ער זיכערליך פאַרטאַכלעווען דעם פאָטער׳ס פאַרמעגען, און ווען ער וועט דערנאָך זוכען צו באַפרידיגען זיינע געוואוינהייטען און ער וועט נישט געפינען, וועט ער מוזען גנב׳ענען און ראַבע־ווען. האָט די תורה דאדורך געזאָגט, ער זאָל ליבערשט שטאַרבען, ווען ער איז נאָך אומשולדיג, איידער מען זאָל איהם דאַרפען הרג׳ענען אַ שולדיגען (זעה סנהדרין דף ע״ב עמוד א׳).

ווי ר׳ עקיבא האָט אויך ר׳ יוסי גע׳דרשנ׳ט יעדעס ווערטעל פון דער תורה, וועלכעס וואָלט זיך זאָנסט געקענט אויסדאַכטען אַלס איבריג. אַזוי דרשנ׳ט ער אויפ׳ן פסוק "אך את שבתותי תשמורו" (שמות ל״א י״ג), אַז דער דאָזיגער "אך" מאַכט אַן אויסנאַהם פאַר געוויסע ארבייטען, וואָס מעגען געטהון ווערען אים שבת, אַ שטייגער ווי די ארבייטען אינ׳ם בית־המקדש און וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אָפּראַטעווען אַ מענשליך לעבען (תוספתא שבת פרק ט״ז).

ביי פיעלע מצוות האָט ר׳ יוסי געוואָלט פאַרגרינגערען די לאַסט פונ׳ם אָפּהיטען. האָט ער געזאָגט, אַז פונ׳ם "עבר הירדן" דאַרף מען נישט ברענגען קיין "בכורים", ווייל דאָס לאַנד איז דאָרט נישט קיין "ארץ זבת חלב ודבש" (בכורים פרק א׳ משנה י׳). ער האָט אויפגעשטעלט אַ רעגעל, אַז ווי לאַנג מען איז באַשעפטיגט מיט איין מצוה, איז מען פטור פון אַן אַנדערער מצוה, וועלכע קומט גראַד אויס אין דערזעלבער צייט (סוכה דף כ״ו עמוד א׳). און ווען דער פסוק זאָגט "מפני שיבה תקום" (ויקרא י״ט ל״ב), האָט ער ערקלערט, אַז אַן אַלטער, וואָס מען דאַרף איהם צוטיילען כבוד, איז בלויז אַ געלעהרענטער מענש (קדושין דף ל״ב עמוד ב׳).

גלייכצייטיג האָט ער וועגען פאַרשיעדענע מצוות ארויסגעזאָגט מיינונגען, וועלכע זיינען נישט אָנגענומען געוואָרען. אַ שטייגער ווי, אַז חמץ אים פסח איז נישט אסור בהנאה פאַר אַלע זיבען טעג און "חמץ שעבר עליו הפסח" איז אודאי נישט אסור בהנאה (פסחים דף כ״ג עמוד א׳ און דף ל״ב עמוד א׳). אין דער שטאָדט פון ר׳ יוסי הגלילי פלעגט מען עסען פלייש פון עופות מיט מילך. האָט ר׳ יוסי געוואָלט לערנען, אַז אַזוי ווי אַ פויגעל האָט נישט קיין מילך, איז אויף איהם נישט חל דער איסור פון "לא תבשל גדי בחלב אמו" (זעה שבת דף ק״ל עמוד א׳ און חולין דף קי״ג עמוד א׳).

אין מאַנכע שילדערונגען פון די היסטאָרישע געשעהענישען ביי "יציאת מצרים" און "מתן תורה" האָט זיך ר׳ יוסי הגלילי אויפגעהויבען צו דער שעהנ־סטער מדרגה פון פאָעזיע. אַזוי זאָגט ער אין אַ דרשה אויפ׳ן פסוק "למה תרצדון הרים גבנונים" (תהלים ס״ח י״ז), אַז "ווען דער אויבערשטער איז געקומען צו

די חכמים פון דער משנה

געבען די תורה אויף'ן בארג סיני, זיינען די אנדערע בערג ארומגעשפרונגען ווי צודולטע, איטליכער פון זיי האט געהאט טענות איינער צום צווייטען און יעדער האט געזאגט, אז נור איהם קומט דער כבוד, דער אויבערשטער זאל אויף איהם געבען די תורה צו די אידען".

שילדערנדיג די מעשה פון "קריעת ים סוף", האט ר' יוסי געזאגט, אז ווען די אידען זיינען אריינגעשפרונגען אין ים, איידער דער ים האט זיך פאר זיי גע־שפאלטען, איז דער בארג מוריה אויסגעריסען געווארען פון זיין ארט און דער מזבח פון יצחק'ס עקדה איז געקומען צו לויפען צום ים, איז דאן געוועו צו זעהען, ווי יצחק ליגט א געבונדענער און אברהם שטעהט איבער איהם מיט'ן שלאכטמעסער, האט זיך דער ים ערשט דאמאלס געשפאלטען, ווייל נור אינ'ם זכות פון דער עקדה האט זיך דער ים געשפאלטען.

און ווען די אידען זיינען ארויסגעקומען אויף דער אנדערער זייט ים און זיי האבען אנגעהויבען זאגען שירה, האבען די קינדער ביי די מוטערס אויף די הענד אויסגעדרעהט די העלזלעך צום הימעל און מיטגעזונגען, און די זויגענ־דיגע קינדער האבען נאכגעלאזען די ברוסט ביי זייער מוטער און געזונגען (זעה מסכת סוטה דף ל' עמוד ב' און מכילתא פ' בשלח).

וועגען דעם טויט פון ר' יוסי הגלילי ווערד נישט אין ערגיץ גאר דערמאנט. איז מעגליך, אז אזוי ווי עס האט זיך אנגעהויבען צוגרייטען די רעוואלוציע פון בר־כוכבא, איז ער אוועק אין "גליל" און ער איז דארט געשטארבען.

רבי עקיבא בן יוסף

צווישען אונזערע גרעסטע און נאָבעלסטע נאַציאָנאַלע קעמפּפער פאַרנעמט דעם ערשטען בכבוד'יגסטען פּלאַץ — רבי עקיבא בן יוסף. (אין תלמוד ירושלמי איז דער אויסלייג פון זיין נאָמען "עקיבה" מיט א ה').

ווי ביי אלע היסטאָרישע וואונדער־מענער איז אויך דאָס לעבען פון ר' עקיבא איינגעוויקעלט אין לעגענדעס, וועלכע פאַרשפּרייטען א היילינען גלאַנץ איבער זיין אָפּשטאַמונג, גלייך ווי איבער דער אנטוויקלונג פון זיין פּערזענ־ליכקייט.

דער פאָטער זיינער איז געווען א "גר", אָדער אפשר גאָר דער זוהן פון א גר, וועלכער האָט געצויגען דעם "יחוס" פון זיין גזע ביז צו סיסרא, דעם פעלד־מאַרשאַל פון יבין מלך חצור—און אליין איז ער אין די יאָהרען פון זיין יוגענד געווען א פאַסטוך ביים רייכען כלבא־שבוע.

אָט דער כלבא־שבוע (אָדער ווי ער ווערד מאַנכעס מאָל אָנגערופען "בן כלבא שבוע") איז געווען איינער פון די גרעסטע עשירים אין ירושלים בעפאָר דעם חורבן. ער איז אויך באַקאַנט אלס א גרויסער בעל־צדקה, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו שפּייזען די מענשען פון ירושלים וועהרענד דער גאַנצער צייט פון דער רוימישער באַלאַגערונג.

וועגען זיין נאָמען זיינען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע מיינונגען. לויט אייניגע האָט ער געשטאַמט פון כלב בן יפונה. לויט אַנדערע האָט זיין נאָמען געזאָלט זאָגען, וואָס פאַר א בעל־צדקה ער איז, אז ווען איינער קומט אריין צו איהם הונגעריג ווי א הונד, געהט ער דערנאָך ארויס אָן אָנגעגעסענער, א זאַטער. אין אמת'ן האָט אָבער דער דאָזיגער נאָמען א גאַנץ אַנדערע באַדייטונג און די טייטש זיינען אין פשוט אָן אוצר פון תבואות (זעה "ערוך השלם").

האָט זיך רחל, די טאָכטער פון אָט דעם כלבא־שבוע, פאַרליעבט אין עקיבא — און זי האָט געוואָלט ווערען זיין פרוי, ווען ער וועט איהר צוזאָגען, אז ער וועט זיך נעהמען לערנען, נישט צו זיין מעהר קיין עם־הארץ.

ווי עס ווערד דערצעהלט, איז עקיבא שוין דאַמאָלס אלט געווען נאָהנט צו פערציג יאָהר און ער האָט אפילו דעם א"ב נישט געקענט. ער האָט שוין אויך פריהער געהאַט א פרוי און א זוהן אָן עם־הארץ, גלייך ווי זיין פאָטער.

האָט מען די דאָזיגע ליעבע פון כלבא־שבוע'ס טאָכטער פאַרשיעדען אויס־געטייטשט. האָבען אייניגע געזאָגט, אז דאָס איז עפּיס א קאַפּריז פון א רייכער פאַרצערטעלטער טאָכטער, צו פאַרליעבען זיך אין אָן אומגעבילדעטען פאַסטוך. האָבען אַנדערע געזאָגט, אז דער פאַסטוך פאַרמאָגט וואַהרשיינליך אזעלכע הער־ליכע מעלות, מיט וועלכע ער האָט ערָאָבערט דאָס הארץ פון אזא דאַמע ווי כלבא־שבוע'ס טאָכטער.

און ווען כלבא־שבוע האָט געהערט, וואָס זיין טאָכטער האָט געטהון, האָט ער זי ארויסגעטריבען פון זיין הויז און ער האָט א נדר געטהון, איהר גאָר נישט צו געבען פון זיין פאַרמעגען (כתובות דף ס"ב עמוד ב').

עס מוז אויך באמערקט ווערן, אז ווען רחל האט פון עקיבא׳ן פארלאנגט, ער זאל אנהויבען לערנען, האט ער זיך א ביסיל געקווענקעלט, צי ער זאל אנ־נעהמען איהר פארשלאג. אזוי ווי ער האט דאמאלס געפיהלט א געוויסע מאס פון האס צו יעדען תלמיד חכם, האט ער אויך נישט געהאט קיין צוטרוי צו זיינע אייגענע פעהיגקייטען, צי עס וועט זיך איהם אמאל איינגעבען, ער זאל זיך עטוואס אויסלערנען, ביז עס איז איהם אויסגעקומען צו זעהען, ווי שטענ־דיגע פליסיגע וואסער־טראפען האבען אויסגעהוילט א שטיין. האט ער דאן צו זיך אליין געזאגט: "ווען דאס ווייכע וואסער האט געקענט אויסהוילען א האר־טען שטיין, וועלען די הארטע ווערטער פון דער תורה קענען אויסהוילען מיין ווייך הארץ".

איז ער דאן צוזאמען מיט זיין זוהן אוועקגעגאנגען צו׳ן א מלמד לערנען. און נאכדעם ווי ער האט דארט אויסגעלערענט גאנץ תורה, שווייגט שוין די געשיכטע וועגען דער ווייטערער אנטוויקלונג פון זיין זוהן און עס הויבט זיך אן צו דערצעהלען בלויז וועגען ר׳ עקיבא אליין.

יאהרען לאנג איז ער דאן געווען א תלמיד פון נחום איש גמזו. דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו ר׳ אליעזר בן הורקנוס און צו ר׳ יהושע בן חנניה, זיי זאלען איהם ווייזען די וועגען פון תורה שבעל־פה. האט זיך ר׳ אליעזר כמעט נישט אומגעקוקט אויף איהם. ער האט איהם בלויז געלאזט זיך צוהערען צו זיין לערנען און ער האט איהם אויסערדעם אין גאנצען איגנארירט. דאגעגען האט זיך ר׳ יהושע באצויגען צו׳ן איהם זעהר ערנסט, ווייל ער האט פארשטאנען, אפצושאצען דעם גרויסען חשק זיינעם צום לערנען.

איז ר׳ עקיבא געזעסען א לאנגע צייט ביי די פיס פון ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע. ער האט זיי אויך ביידען געדיענט ווי א משרת, ווי ער פלעגט דאס אליין דערצעהלען, אז ער האט געטהון פאר זיי, וואס זיי האבען איהם געהייסען, און ווי ער פלעגט קנעטען דאס טייג פאר זייער ברויט.

ביי אזעלכע אומשטענדען קען מען זיך מערקען, ווי אזוי ר׳ עקיבא׳ס פרנסה האט דאמאלס אויסגעזעהען, ווען ער איז אליין געווען שרעקליך ארים און דער שווער האט איהם גאר נישט געוואלט געבען. האט ער דאמאלס גע־צויגען זיין חיונה פון דעם, וואס ער פלעגט יעדען טאג אנקלויבען א בינטעל האלץ, פון וועלכען ער פלעגט פארקויפען א העלפט און פון דער אנדערער העלפט פלעגט ער מאכען שלייסלעך, צו באהייצען זיין הויז און צו לערנען ביים פייער.

האבען זיך די שכנים זיינע באקלאגט אויף איהם, וואס ער שטיקט זיי דורך די נעבט מיט׳ן רויך פון די שלייסלעך און זיי האבען איהם געראטען, ער זאל בעסער פארקויפען יעדען טאג דאס גאנצע האלץ און קויפען פאר דעם געלד אויל צום לייכטען (זעה אבות דר׳ נתן פרק ו׳).

און ווען עס האט דערנאך טראץ אלעמען ווייטער געפעהלט חיונה אין ר׳ עקיבא׳ס הויז, האט זיך רחל אפגעשווירען די הערליכע שעהנע פלעכטען פון איהרע לאנגע צעפ און אוועקגעגעבען די האהר צום פארקויפען, צו פארגרינגע־רען פון איהר מאן די זארג פאר זיין פרנסה, כדי ער זאל זיך קענען אפגעבען מיט לערנען (ירושלמי שבת פרק ו׳ הלכה א׳).

דרייצען לאנגע יאהרען איז ר׳ עקיבא געזעסען און האט געלערענט ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס, וועלכער האט איהם די גאנצע צייט נישט געהאלטען פאר געניג ווירדיג, פארצולייגען איהם אמאל א שאלה אין א דין, ביז עס האט אין א געוויסען טאג פאסירט, אז ר׳ עקיבא האט אנגעהויבען פרעגען שאלות ביי זיין רבי׳ן, אויף וועלכע ער האט נישט געהאט קיין תשובות. האט דאן ר׳ יהושע

א זאָג געטהון צו ר' אליעזר מיט'ן פּסוק "הלא זה העם אשר מאסת בו, צא והלחם עמו", וועלענדיג מיט דעם זאָגען: אַט האָסטו אײנעם, וועמען דו האָסט ביז היינט איגנאָרירט, פּרעגט ער דיך פּלוצים אַזעלכע שאלות, וואָס דו קענסט נישט פאַרענטפערען!... (ירושלמי פּסחים פּרק ו' הלכה ג').

אין אנדערע שילדערונג פון יענע אומשטענדען דערצעהלט, אַז נאָך צוועלף יאָהר אבוועזענהייט פון זיין הויז איז ר' עקיבא צוריקגעקומען אין זיין שטאָדט אַריין מיט 12 טויזענד תלמידים. און ווען ער האָט זיך אונטערגעהערט, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין הויז, האָט ער געהערט, ווי דאָס ווייב זיינס אַרגער־מענטירט מיט איהרען אַ שכן, וועלכער האָט זי געפרעגט: "ווי לאַנג נאָך קלער־סטו צו פיהרען אַזאַ לעבען ווי אַן אלמנה?" — און זי האָט געענטפערט, אַז ווען זי זאָל געגנוי וויסען, אַז איהר מאַן זיצט און לערנט, וואָלט זי געוועזן צו־פריעדען צו וואַרטען נאָך אַנדערע 12 יאָהר (כתובות דף ס"ב עמוד ב').

דאָס הערענדיג, איז ר' עקיבא צוריקגעגאַנגען לערנען פאַר וויטערע 12 יאָהר און איז דערנאָך צוריקגעקומען מיט 24 טויזענד תלמידים.

עס איז זיך אויך גרינג פאָרצושטעלען, וואָס עס האָט זיך אין אַזאַ פאַל געקענט אָפּטהון ביי דער אָרימער פרוי אין דער נשמה. דערזעהענדיג איהר מאַן אין באַגלייטונג פון אַזוי פיעל טויזענדער תלמידים, האָט זי זיך צו'ן איהם צוגעשטופּט און זי איז איהם געפאַלען צו די פיס, האָבען זי די תלמידים געוואָלט אַוועקשטופּען פון זייער רבי'ן. האָט זיי ר' עקיבא געזאָגט: "לאָזט זי, ווייל דאָס וואָס איך פאַרמאָג יעצט און וואָס איהר קענט דערפון געניסען, קומט אַלעס פון איהר!"...

הערענדיג, אַז עס איז אָנגעקומען איינער פון די גרויסע אידישע חכמים, איז כלבא־שבוע צו איהם געגאַנגען, ער זאָל איהם מתיר זיין די שבועה, וואָס ער האָט זיך געגעבען ווענען זיין טאָכטער. גראָד דאַמאָלס איז איהם אָנגעקו־מען אַ געפיהל פון חרטה, וואָס ער האָט געלאָזט זיין טאָכטער הונגערען 24 לאַנגע יאָהרען. האָט זיך ר' עקיבא געגעבען איהם צו דערקענען, האָט זיך דער שוועהר מיט איהם איבערגעבעטען און ער האָט איהם אַוועקגעגעבען אַ העלפט פון זיין פאַרמעגען.

דערצעהלט די גמרא, אַז ר' עקיבא האָט דאַן געהאַט אין זיין הויז גאָלדענע און זילבערנע טישען, און ווען ער איז געגאַנגען אין זיין בעט אַריין, איז ער געגאַנגען אויף גאָלדענע לייטערס. און אַלס אַ באַלויהנונג פאַר זיין פרוי, וואָס זי האָט זיך אָפּגעשניטען איהרע הערליכע צעפּ, צו פאַרקויפען זיי פאַר זיינעט־וועגען, האָט ער איהר דערנאָך געקויפט די טייערסטע ציערונג, וואָס איינע פון זיי איז געוועזן אַ בילד פון ירושלים, איינגעפאַסט אין גאָלד (עיר של זהב), וועלכעס זי האָט געטראָגען אויף איהר קאָפּ אנשטאָט די אָפּגעשניטענע האָהר.

איז אַזאַ ציערונג אין יענער צייט נישט געוועזן ערלויבט פאַר אַ פאַרהיי־ראַטע פרוי, ווייל מען האָט געדאַרפט טרויערען וועגען חורבן בית־המקדש. האָט די פרוי פון רבן גמליאל הנשיא געהאַט גרויס קנאה אויף דער פרוי פון ר' עקיבא און זי האָט דערצעהלט איהר מאַן, וואָס פאַר אַ ציערונג ר' עקיבא'ס פרוי טראָגט אויף איהר קאָפּ, האָט איהר דער מאַן געזאָגט: "ווען דו וואָלסט דאָס געטהון פאַר דיין מאַן, וואָס זי האָט געטהון פאַר איהר מאַן, וואָלט איך דיר אויך אַזוינס געקויפט!" (זעה ירושלמי שבת פּרק ו' הלכה א', סוטה פּרק ט' הלכה ט"ו).

ווי עס איז אָנצונעהמען, איז ר' אליעזר גאָר נישט געוועזן צופריעדען פון דעם נייעם שטערען, וועלכער האָט זיך באַוויזען אויפ'ן אידישען הימעל, ווייל

עס איז געווען צו זעהען, אז ער נעמט זיך געהען אויף א נייעם וועג. ר׳ אליעזר האט זיך געהאלטען שטרענג אהן יעדער קריטיק אן דעם טראדיציאנעלען ביים אויסטייטשען די מצוות פון דער תורה, דאגעגען האט ר׳ עקיבא אנטוויקעלט א נייע לעהרע. לויט זיין מיינונג איז דער אינהאלט פון דער תורה שבעל־פה נישט קיין פעסטער שטאף, אהן א גייסט פון לעבען אדער אהן דער פעהיג־קייט פון אנטוויקלונג, נישט די טראדיציע איז די הויפטזאך אין דער הלכה, נור דער באוייז פונ׳ם פסוק און די אותיות פון דער תורה.

די תורה אזוי ווי זי איז אין אונזערע הענד — פלעגט ר׳ עקיבא זאגען — איז א פולשטענדיגע, עס פעהלט גאר נישט אין איהר און עס איז אויך גאר נישט איבריג. אין איהר גאנצען אינהאלט איז זי אהן א שאל און אהן אן איינהיל. נישט פארהאנען אין איהר קיין אפמאלערישע שילדערונגען און קיין אומזיסטע ווערטער. יעדער בוכשטאב און יעדעס שטריכעלע האט דארט א באזונדערע באדייטונג.

אומעטום וואו עס געפינט זיך א ווידערהאלונג פון א ווארט, איז דאס נישט אומזיסט, ווייל עס שטעקט אין דעם א באזונדערע כונה, אפילו אין די פארבינדונגס־ווערטער "אם" אדער "את", אין אן "אך" אדער אין א "גם", שטעקט א באזונדערער טייטש. און ווען עס דאכט זיך אימיצען, אז א ווארט אין דער תורה איז איבריג, איז דאס בלויז, ווייל ער פארשטעהט דאס נישט מיט זיין באשרענקטען שכל. אפילו א "לאמר" האט זיך זיין באזונדערע באדייטונג און מען דארף איהם פארשטעהען צו דרש׳נען — און דאס ווערטעל "את" אינ׳ם פסוק "את ה׳ אלהיך תירא" האט ר׳ עקיבא ערקלערט, אז דער מענש דארף מורא האבען פאר גאט און פאר זיין תורה. אן אנדערס מאל האט ער געזאגט, אז דער פסוק וויל זאגען, אז דער מענש דארף מורא האבען פאר גאט און פאר זיינע תלמידי־חכמים...

ביז צו יענער צייט האבען די תלמידי־חכמים בלויז געזעהען דעם ענין פון דער הלכה און זיי זיינען נישט אריינגעדרונגען אין איהר צורה. די תורה שבעל־פה איז נישט געווען איינגעארדענט לויט איהר אינהאלט, און אום צו קענען אלע דינים, האט עס זיך געגויטיגט, זעהר פיעל צו לערנען און צו זיין א גרויסער בעל־זכרון, איינצוזאפען אין זיך די ווערטער פון אלע חכמים און אפ־צוהיטען זיי אינ׳ם קאפ. האט דאן ר׳ עקיבא געארדנעט יעדען דין באזונדער און מיט זיין ארדנונג האט ער געלייגט דעם ערשטען גרונדשטיין פאר דער צו־זאמענשטעלונג פון דער משנה, וועלכע איז ערשט פיעל שפעטער אויפגעשריבען און רעדאקטירט געווארען.

וועגען דער גרויסער באדייטונג פון ר׳ עקיבא פאר די אויסטייטשונגען פון דער תורה איז פארהאנען א לעגענדע (אין מנחות דף כ״ט עמוד ב׳), וואו עס ווערד דערצעהלט, אז ווען משה רבנו איז ארויפגעקומען אין הימעל, מקבל זיין די תורה, האט ער געזעהען, ווי דער אויבערשטער זיצט און מאכט קרוינדלעך צו די אותיות פון דער תורה. האט משה רבנו געזאגט צום אויבערשטען: "רבונו של עולם! ווער לאזט דיך נישט געבען די תורה אהן די דאזיגע קרוינדלעך?" — האט איהם דער אויבערשטער געענטפערט: "אמאל מיט פיעל דורות שפעטער וועט קומען א מאן מיט׳ן נאמען עקיבא בן יוסף, וועלכער וועט דרש׳נען אויף יעדען שטריכעלע גאנצע הויפענס מיט הלכות, דארף איך פאר זיינעטוועגען צוגרייטען די דאזיגע קרוינדלעך!"

אויף דעם האט משה רבנו געזאגט: "קענסט מיר איהם אפשר ווייזען?

איך וואָלט איהם גערן געזעהען!" — האָט איהם דער אויבערשטער געהייסען א קוק טהון צווישען די בענק פון די תלמידים אויף אכט שורות צוריק. האָט ער דאָרט געזעהען און געהערט, ווי דער מענש לערנט מיט תלמידים און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס יענער רעדט, חאָטש ער האָט געהערט, ווי יענער זאָגט: "אַט דאָס האָב איך בקבלה אָלס א הלכה למשה מסיני"...

האָט דאַן משה רבנו געזאָגט: "רבונו של עולם! דו האָסט אזא גרויסען מענש און דו געהסט געבען די תורה דורך מיר?" — האָט איהם דער אויבער־שטער געענטפערט: "מיין ווילען איז אזוי!" — האָט דאַן משה רבנו געזאָגט: "האָסט מיר געוויזען דעם מענש, טאָ ווייז מיר אויך זיין סוף!" — האָט איהם דער אויבערשטער געענטפערט: "טהו א קוק אויף צוריק, ועסטו זעהען!" — האָט משה רבנו א קוק געטהון און האָט געזעהען, ווי מען צוהאַקט דעם גוף פון ר' עקיבא אין שטיקער, גלייך ווי מען האַקט פלייש אין א יאַטקע...

עהנליך צו דעם דערצעהלט די גמרא, אַז ווען דער אויבערשטער האָט געוויזען צו אדם הראשון דעם בוך פון אַלע דורות, וואָס וועלען פון איהם אַרויסקומען, צוזאַמען מיט זייערע חכמים און זייערע פיהרער, האָט ער איהם אויך געוויזען דעם דור פון ר' עקיבא. האָט אדם הראשון געהאַט א גרויסע הנאה פון זיין תורה און ער איז שרעקליך טרויעריג געוואָרען, ווען ער האָט געזעהען, מיט וואָס פאַר א טויט דער מענש וועט שטאַרבען. ער האָט זיך אויך פּרובירט, אויסצובעטען פאַר איהם א גרינגערן טויט. האָט ער אָבער מיט זיין בקשה גאָר נישט גע'פּועל'ט (זעה עבודה זרה דף ח' עמוד א' און סנהדרין דף ל"ח עמוד ב').

ר' עקיבא האָט געהאַט זיין בית־המדרש אין "בני ברק", וועלכעס געפינט זיך אין א ווינקעל פון דרום מזרח לעבען יפו. אָפּטמאָל איז ער אויך געקומען קיין יבנה צו די סנהדרין — און עס האָט דאָרט כמעט קיינמאָל נישט פּאַסירט, עס זאָל וועלכע ס'איז וויכטיגע הלכה אָנגענומען ווערען אָהן זיין באַטייליגונג. און ווען ער איז אַמאָל שפּעט געקומען אין בית־המדרש אריין און ער איז געבליבען זיצען אויסערהאַלב פונ'ם בית־המדרש, האָט מען דאָרט געזאָגט "תורה מבחוץ" (די תורה געפינט זיך היינט אין דרויסען) און מען האָט נישט באַ־שלאָסען קיין שום דין, ווי לאַנג ער איז נישט אריינגעקומען.

און ווען די חכמים האָבען געוואָלט אָפּשאַצן די אַרבייט פון ר' עקיבא, האָבען זיי געזאָגט, אַז ער איז איינער וואָס געהט מיט זיין קעסטעל איבער דער גאַס און ער קלויבט אויף אַלסדינג, וואָס ער געפינט אויף זיין וועג. געפינט ער ווייץ, לייגט ער דעם ווייץ אריין אין זיין קעסטעל, געפינט ער גערשטען, נעמט ער דעם גערשטען, אַרבעס איז אַרבעס און לינזען איז לינזען. און קומט ער דאַן אַהיים, קלויבט ער פאַנאַנדער דעם ווייץ באַזונדער, דעם גערשטען באַזונדער, די אַרבעס באַזונדער. אזוי האָט אויך ר' עקיבא געטהון, ווען ער האָט געאָר־דנעט די תורה, יעדעם ריננגעלע באַזונדער (אבות דר' נתן פרק י"ח).

ווי עס ווערד באַהויפּטעט, האָט ר' עקיבא פאַרשטאַנען פאַרשיעדענע ווי־סענשאַפטען, א שטייגער ווי מעדיצין, אסטראָנאָמיע. ער האָט אויך גערעדט איינינגע שפּראַכען, און ווען ר' גמליאל איז געפאָהרען קיין רוים אין שתדלנות פאַר אידען, האָט איהם ר' עקיבא מאַנכעס מאָל באַגלייט. און ווען רופוס (אָדער טורנוס־רופוס ווי ער ווערד אָנגערופען אין דער גמרא) איז געווען שטאַטהאַלטער אין ארץ־ישראל, פלעגט ער פיעל מאָל האָבען וכוחים מיט ר' עקיבא וועגען ענינים פון דער אידישער אמונה אָדער וועגען דער אידישער תורה. און ווען די רוימישע רעגירונג האָט אָנגעהויבען שטערען דאָס אָפּהיטען די תורה, האָט

ר׳ עקיבא תמיד נעהאט א מיטעל ביי דער האנד, ווי אזוי צונישט צו מאכען די גזרה פון דער רעגירונג.

א זעהר ליכטיגער פונקט אינ׳ם לעבען פון ר׳ עקיבא, אפשר דער ליכטיגסטער, איז געווען זיין באטייליגונג אין דער רעוואלוציע פון בר־כוכבא.

מאנכע היסטאריקער ווילען באהויפטען, אז אין דער דאזיגער רעוואלוציע איז ר׳ עקיבא געווען איינער פון די אנפיהרער. איז דאס זיכערליך איבערגעטריבען, גלייך ווי עס איז נישט ריכטיג, וואס אנדערע היסטאריקער ווילען זאגען, אז ער האט בלויז גע׳דרשנ׳ט וועגען בר־כוכבא און ער האט זאנסט נישט גענומען קיין אקטיווען אנטייל אין דער גאנצער באוועגונג.

ווי עס איז אויך אנצונעהמען, איז ר׳ עקיבא דאמאלס שוין צו אלט געווען, ער זאל זיך קענען אוועקשטעלען אין דער ערשטער שורה פון א רעוואלוציע. אבער די 24 טויזענד תלמידים זיינע, וועלכע זיינען שפעטער — לויט דער לעגענדע — אויסגעשטארבען אין דער צייט פון צווישען פסח ביז ל״ג בעומר, זיינען וואהרשיינליך געווען 24 טויזענד רעוואלוציאנערען, וואס זיינען צוגעשטאנען צו בר־כוכבא׳ס ארמעע.

און ווען ר׳ עקיבא איז ארומגעפאהרען איבער אלע שטעדט פון ארץ־ישראל, גלייך ווי איבער די שכנ׳ישע לענדער וועגען באשטימען די צייט פונ׳ם ״עבור״, איז דאס וואהרשיינליך געווען אן אגיטאציאנס־רייזע פאר דער רעוואלוציע. דאסזעלבע קען אויך געזאגט ווערען וועגען יענעם פסח׳דיגען ״סדר״ אין בני־ברק, וואו עס זיינען געווען פארזאמעלט די פראמינענטעסטע אידישע פיהרער ביי ר׳ עקיבא אין הויז, איז דאס וואהרשיינליך געווען א באשפרעכונג פון דער רעוואלוציע.

ליידער זיינען די ״רעקארדס״ וועגען דער דאזיגער רעוואלוציע זעהר מאגערע. ביי די שילדערונגען פונ׳ם חורבן בית־המקדש (אין מסכת גטין) זיינען אריינגעפלאכטען מאנכע געשעהענישען פון חורבן ביתר און עס איז זעהר שווער זיי צו פאנאנדערטיילן. אויספיהרליכע שילדערונגען וועגען בר־כוכבא׳ס טהעטיגקייט זיינען בלויז פארהאנען אין ירושלמי (תענית פרק ד׳ הלכה ו׳) און אין מדרש איכה רבתי (פרשה ב׳). זיינען זיי אויך שטארק פארפלאנטערט און אויסגעמישט מיט שרעקליכע לעגענדעס. אויסערדעם איז פארהאן א באשרייבונג פון בר־כוכבא׳ס רעוואלוציאנערע קעמפפע ביים רוימישען געשיכטס־פארשער דיא קאסיוס, וועלכער האט דעם אידישען העלד געמאלען אין א שוידערליכער צורה. מוז מען דאדורך פיעלעס פון יענע געשעהענישען אריינ׳פשט׳לען אין פארשיעדענע אנדערע ערשיינונגען פון יענער צייט און מען מוז לאזען א פרייען שפיעל פאר דער פאנטאזיע.

אזוי ווי ר׳ עקיבא האט דערזעהען בר־כוכבא אין זיין גלאנצפולער פראכט, ווערד דערצעהלט, אז ער האט באלד א זאג געטהון: ״אט איז דער מלך המשיח!״ — האט ער דאן וועגען איהם גע׳דרשנ׳ט דעם פסוק ״עוד אחת מעט היא ואני מרעיש את השמים ואת הארץ ואת הים ואת החרבה״ (חגי קאפיטעל ב׳), ווי עס ווערד דארט ווייטער געזאגט, אז דער אויבערשטער וועט פארניכטען די טהראנען פון די גוי׳שע מלוכות, זייער שטארקייט וועט ער פארטיליגען און איבערקעהרען זייערע וועגענער מיט זייערע פערד, אז איינער זאל פאלען דורך דער שווערד פונ׳ם אנדערן. ר׳ עקיבא׳ס איינפלוס האט אויך געהאט גאר א שטארקע ווירקונג אויפ׳ן גאנצען פאלק. יעדען טאג זיינען אנגעקומען אנדערע מחנות מענשען, וועלכע האבען זיך געשארט צו בר־כוכבא, ווייל יעדער האט

געגלויבט, וואָס ר' עקיבא זאָגט, אַז בר־כוכבא איז דער ערוואַרטעטער משיח און נור ער וועט ברענגען די גאולה פאַר זיין פאָלק.

צוליעב זיין מיינונג וועגן בר־כוכבא האָט זיך ר' עקיבא דאַמאָלס געלאָזט באַליידיגען פון זיינעם אַ ווייניג באַקאַנטען חבר מיט'ן נאָמען ר' יוחנן בן תורתא, וועלכער האָט צו'ן איהם אַ זאָג געטהון: "עקיבא! גראָז וועט אַרויס־וואַקסען פון דיינע באַקען און משיח וועט נאָך אַלץ נישט זיין געקומען!"

ערקלערענדיג די אורזאַך, וואָס בר־כוכבא האָט באַלד אויף זיין ערשטען רוף געקראָגען אַ מאַסע אַנהענגער, דערצעהלען אונזערע תלמודישע קוועלען, אַז ווען די רוימישע סאָלדאַטען האָבען מיט זייערע מאַשינען געוואָרפען שליידער־שטיינער אויף די מויערען פון די אידישע שטעדט, האָט זיך בר־כוכבא אַוועק־געשטעלט אויף דער מויער, וואו ער האָט אויפגעחאַפּט די שליידער־שטיינער מיט זיינע קניהען און צוריקגעוואָרפען זיי צו די רוימער, טויטענדיג מיט יעדען וואָרף עטליכע פון דער רוימישער מחנה. דיאָ קאַסיוס דאַגעגען דערצעהלט, אַז ער פלעגט אַנצינדען אַ שטיק פלאַקס און האַלטען עס ברענענדיג אין מויל, צו באַווייזען זיך פאַר די צושויער אַלס אַ "פייער־עסער".

ווי מען קען היינט געגוי וויסען, איז די דאַמאָלסדיגע פּאָליטישע לאַגע געווען פשוט נישט צו דערטראָגען. דער בית־המקדש איז געווען פאַרברענט און אַ אידישע מלוכה האָט שוין אריבער 60 יאָהר נישט מעהר עקסיסטירט. פונ'ם אַלטען דור, וואָס האָט נאָך דעם בית־המקדש געזעהן, האָבען נאָך זעהר ווייניג געלעבט, אָבער דער זכרון פונ'ם בית־המקדש האָט ביי יעדען אין האַר־צען געטליעט און איטליכער האָט נור וועגען איהם גע'חלום'ט. אויף'ן "הר הבית" האָבען רוימישע סאָלדאַטען געהויזט און אין זיין אייגענעם לאַנד איז דער איד געווען נידריגער פון אַ שקלאַף. אין נאָמען פון רוים האָט דאַן רעגירט איבער ארץ־ישראל אַ שטאַטהאַלטער אַ מערדערישער דעספּאָט, וועמען אידען האָבען גערופען טיראַנאָס רופוס (טורנוס רופוס), פלעגט ער די אידען אָנטהון די שרעקליכסטע צרות און דאַביי נאָך חוזק מאַכען פון זייערע ליידען.

האָט מען דאָס שוין נישט לענגער געקענט אריבערטראָגען. האָבען די אידען טאָג ווי נאַכט כסדר נור גערענקט וועגען באַפרייאונג — און ווען זיי זיינען זיך אַמאָל ערגיץ צונויפגעקומען, האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט: "וועט דער רוימישער לעגיאָנער אייביג האַלטען זיין שווערען פוס אויף יהודה'ס נאַקען? ווי לאַנג נאָך וועט דער רוימישער אַדלער איינגראָבען זיינע שאַרפע נעגעל אין דעם לעבעדיגען לייב פונ'ם אידישען פאָלק?"

מיט דער צושטימונג פון ר' עקיבא האָט זיך דאַן בר־כוכבא גענומען אָר־גאַניזירען אַ אידישע אַרמעע פון הונדערטער טויזענדער — און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען, אָנצוהאַלטען אַ רעוואָלוציע דריי און אַ האַלב יאָהר. די תלמודישע קוועלען דערצעהלען, אַז ער האָט אָנגעקליבען אַרום זיך פיער מאָל הונדערט טויזענד סאָלדאַטען, און לויט ווי דיאָ קאַסיוס דערצעהלט, איז די צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען גאָר געווען 580 טויזענד, מיט קאַרגע 200 טויזענד סאָלדאַטען מעהר ווי דער תלמוד אַליין שרייבט.

פון אַלע זייטען האָבען זיך די מענשען געשאַרט צו'ן איהם. אפילו די שומרונים, די אייביגע שונאים פון אידען, האָבען פאַרגעסען זייער אַלטע שנאה און זיי האָבען זיך געשטעלט מיט די אידען אין איין שורה צום קאַמפּף געגען רוים. עס זיינען אויך צוגעשטאַנען פיעלע גוים פון די שכנ'ישע פעלקער, וועלכע האָבען גערענקט, אַז צוזאַמען מיט דער באַפרייאונג פון יהודה וועט אויך קומען זייער באַפרייאונג פונ'ם רוימישען יאָך.

און ווען בר־כוכבא האָט געוואָלט אויספּרובירען די טאַפּפערקייט פון זיינע סאָלדאַטען, האָט ער געהייסען, אז יעדער זאָל זיך מיט זיין אייגענער האַנד אָפּהאַקען אָדער מיט די אייגענע ציינער אָפּבייסען א פינגער. האָבען איהם די חכמים געשיקט זאָגען: "צו וואָס מאַכסטו די מענשען פאַר קריפּעלס?" — האָט ער געפרעגט: "מיט וואָס פאַר א מיטעל קען איך זאָנסט אויספּרובירען זייער טאַפּפערקייט?" — האָבען איהם די חכמים געראַטהען, ער זאָל הייסען די מענשען אויסרייסען מיט די בלויזע הענד א צעדער פונ'ם לבנון, רייטענדיג גלייכצייטיג אויף'ן פערד. האָט ער דערנאָך געהאַט אין זיין מחנה 220 טויזענד סאָלדאַטען מיט אָפּגעהאַקטע אָדער אָפּגעביסענע פינגער און אַנדערע 200 טויזענד סאָלדאַטען, וועלכע האָבען רייטענדיג אויף זייערע פערד אויסגעריסען בוימער מיט די בלויזע הענד.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען אויס'טענה'ן מיט "זיין ליעבען נאָמען" און ער האָט א זאָג געטהון: "אַזוי ווי דו האָסט אונז שוין פאַרלאָזען און דו געהסט נישט מעהר אין אונזערע מלחמות, בעטען מיר דיך, דו זאָלסט זיך צו אונז מעהר נישט מישען, מיר פאַרלאַנגען נישט דיין הילף, טאָ דאַרפסטו וויניגסטענס נישט שטיצען אונזערע שונאים!"

ווי עס איז שוין אויבען באַמערקט, זיינען די באַשרייבונגען פון יענע געשעהענישען זעהר קאַרגע און אין מאַנכע ערטער זאָגאַר ווידערשפּרעכענדע. כמעט אַלע חכמים פון יענעם דור, חוץ ר' עקיבא, האָבען די רעוואָלוציע נישט אונטערשטיצט, און ווען עס האָט זיך דערנאָך אַלסדינג געענדיגט מיט א דורכפאַל, האָט מען בר־כוכבא'ן פאַרדאַמט און עס איז געזאָגט געוואָרען, אז ווען ר' עקיבא האָט וועגען איהם געזאָגט "דרך כוכב מיעקב", האָט מען נישט געדאַרפט לייענען "כוכב" (א שטערן), נור "כוזב" (א ליגנער).

צוגעגרייט צו דער רעוואָלוציע האָט מען זיך אין יענער באַוואוסטער "סדר־נאַכט", פון וועלכער עס ווערד גערעדט אין דער "הגדה של פסח". זיינען זיך דאָן צונויפגעקומען עטליכע תנאים ביי ר' עקיבא אין הויז אין בני־ברק, וואו ר' עקיבא האָט דאַמאָלס אָנגעפיהרט א גרויסע ישיבה מיט טויזענדער תלמידים, צו באַשפּרעכען די נסים פון "יציאת מצרים", ווייל מען האָט געמוזט ענדליך אנטשיידען די ברענענדיגע פראַגע, וואָס דער יונגער אידישער דור וויל נישט לענגער טראָגען דעם עול פון שקלאַפעריי און ער בונטעוועט זיך שטאַרק געגען די רוימישע טיראַניי.

רוים האָט גוט געקענט די שטימונג צווישען אידען און האָט אַלץ שטאַרקער צונויפגעדרעהט דעם שטריק אויף די אידען'ס האַלז. מוסרים האָבען זיך ארומגעדרעהט צווישען דער אידישער יוגענד און יעדעס פאַרדעכטיגע וואָרט איז באַלד צוגעטראָגען געוואָרען צו די רוימישע מאַכטהאָבער. האָט מען מורא געהאַט צו דיסקוטירען די פראַגע פון די רוימישע אונטערדריקונגען און וואָס מען דאַרף טהון געגען דעם. האָט מען דערפאַר א גאַנצע נאַכט גערעדט וועגען "יציאת מצרים", וועגען די גרויסע צאָהל פון פרעה'ס מכות, וועלכע מען האָט פאַרמעהרט ביז "מאתים וחמשים", ווייל לויט די צרות, וואָס אידען האָבען געליטען, זיינען צעהן מכות א צו קליינע שטראָף געווען. מען האָט זיך אויסערדעם געוואָלט טרייסטען, אז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען, ווייל דער אויבערשטער שטראָפט די שונאים פון זיין פאָלק אַזוי שטאַרק ווי זיי פאַרדיענען.

אָט דער "וכוח" האָט געדויערט א גאַנצע נאַכט — און דרויסען זיינען די מענשען געשטאַנען אומגעדולדיג און געוואַרט אויף'ן באַשלוס פון די חכמים.

אינ'ם שיין פון דער פסח'דיגער לבנה האָבען אויסטערליש אויסגעזעהען די גרופע מענשען, וואָס זיינען געקומען הערען דאָס אָפריכטען דעם "סדר" ביי ר' עקיבא אין הויז און האָבען זיך דאָביי דערצעהלט די וואונדערליכע גבורות פון בר־כוכבא און זיינע סאָלדאַטען.

דערוויל איז די נאַכט נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. די לבנה איז פון מינוט צו מינוט בלייכער געוואָרען און מיט רויטע פאַרבען האָט זיך אָנגעהויבען פאַרצייכענען א יונגער טאָג. יעדעם מאָל האָט אַן אַנדערער תלמיד פון ר' עקיבא ארייגעקוקט אין שטוב, וואו די חכמים זיינען געזעסען און האָבען נאָך אַלץ געהאַלטען אין ארגומענטירען וועגען "יציאת מצרים".

האָבען די תלמידים איינגעזעהען, אַז די זאַך קען געפעהרליך ווערען, ווייל די רוימישע סאָלדאַטען קענען יעדען אויגענבליק אָנקומען און עס זאָל זיך זיי ווילען פרעגען: וואָס דויערט עפּעס אייער "סדר" אַזוי לאַנג? — האָט ביי זיי די גדולד געפּלאַצט. האָבען זיי אויפגעריסען די טהירען פונ'ם הויז און א געשריי געטהון: "רבותינו, הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית!", וועלענדיג דערמיט זאָגען, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכען א סוף פון דער "גלות־נאַכט".

אָט דער אויסרוף האָט דעם "וכוח" געענדיגט. די אומגעדולד פון די יונגע מענשען האָט אריבערגעוואויגען די באַדאַכטזאַמקייט פון די אַלטע. א שטראַהל פון ליכט האָט זיך דאַן אריינגעריסען אין דער טונקעלער שטוב און די חכמים האָבען צוזאַמען מיט זייערע תלמידים אָנגעהויבען זינגען דעם אַלטען שיר פון נקמה: "שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך!"

האָט זיך דער קלאַנג פון דעם דאָזיגען שיר אָפּגעשלאָגען אין די בערג פון יהודה. פון גלעד ביז בשן איז דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעשטאַנען ווי איין מאַן, צו ארונטערוואַרפען דעם רוימישען יאָך. אין גאַנצען לאַנד האָבען זיך יונגע לייט באַוואָפענט און אַלע שמידען אין ארץ ישראל האָבען געמאַכט פון קאָסעס שווערדען.

זיינען אַלע רוימישע לעגיאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין ארץ־ישראל, געוועזען צו שוואַך געגען בר־כוכבא'ס רעוואָלוציאָנערע אַרמעע. האָט זיך שטאַט־האַלטער רופוס געמוזט צוריקציהען פון אַלע פעסטונגען. דערצעהלט דיאָ קאַ־סיוס, אַז די אידען האָבען באַלד פאַרכאַפּט 50 באַפעסטיגטע שטעדט און 985 אָפענע שטעדטלעך און דערפער. זיינען דאַן די רוימער ארויסגעגאַנגען פון גאַנץ יהודה, פון שומרון גלייך ווי פון גליל — און די אידען האָבען אומעטום איבערגענומען די ממשלה אין זייערע אייגענע הענד.

און ווען די נאַכריכט פון דער רעוואָלוציע אין ארץ־ישראל איז אָנגעקומען צו קייזער האַדריאַן, האָט ער זיך אין אָנהויב אויסגעלאַכט. אַזוי ווי עס זיינען אָבער דערנאָך געקומען שלעכטע בשורות איינע נאָך דער אַנדערער, אַז די רוימישע לעגיאָנען ווערען געשלאָגען און אַז די רעוואָלוציע דראָהט צו פאַר־שפּרייטען איהר ווירקונג איבער פיעלע אַנדערע פּראָווינצען פון דער רוימישער ממשלה אין אַזיען, זיי זאָלען וועלען נאָכטהון די אידען און רעוואָלטירען געגען רוים, האָט האַדריאַן אָנגעהאַפּט א ציטער און ער האָט אָנגעהויבען שיקען מעהר סאָלדאַטען. האָבען אָבער אויך די נאָכגעשיקטע לעגיאָנען גאָר נישט געקענט אויפטהון.

די דאָזיגע זיעגע פון די אידען האָבען אין זיי אריינגעגעבען דעם גלויבען, אַז זיי האָבען שוין אויף אַן אמת צוריק געקראָגען זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט און זיי זיינען שוין טאַקי א פריי פאָלק אין זייער אייגען לאַנד. האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אידען, וועלכע האָבען געהאַט פריהער אָפּגעלייקענט זייער

אידישע אַפּשטאַמונג און זיי האָבן געהאַט אָנגענומען די היידנישע אמונה, כדי באַפרייט צו ווערן פון אַלע אידישע צרות. האָבן דאַן די דאָזיגע מענשען צוריקגעקערט עפענטליך צום גלויבען פון זייערע עלטערן. בר־כוכבא האָט אויך געוואָלט פאַראייביגען דאָס גרויסע געשעהעניש פון יהודה'ס נייע זעלבשטענ־דיגקייט, האָט ער געלאָזען גיסען אייגענע מטבעות לכבוד דעם זיעג, מיט אַ העברעאישער אויפשריפט (אין שומרונישע אותיות) "לחירות ישראל".

עס איז נישט באַקאַנט צי בר־כוכבא האָט אויך דאַמאָלס גענומען ירושלים און צי ער האָט איבערהויפּט געהאַט אין זינען, אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש. עס לאָזט זיך גאָר אדרבה דענקען, אַז ער האָט געוואָלט פאַרציכטען אויף ירושלים דורך איבעררוקען די גרעניצען פונ'ם אידישען לאַנד צום גליל צו, ווייל די מענשען פון ירושלים פלעגען פריהער חוזק מאַכען פון די פּראָ־ווינצלער און זיי אָפּנאַרען, ווען זיי פלעגען קומען עולה־רגל זיין קיין ירושלים. עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז אַזוי ווי ירושלים איז חרוב געוואָרען, האָבען זיך די אידען אין ביתר געמאַכט אַ יום־טוב און אָנגעצונדען פריידען־ליכט (ירושלמי תענית פרק ד' הלכה ה').

מיט האַרצקלעמעניש האָט קייזער האדריאַן געהערט, ווי די רעוואָלוציע פאַרשפּרייט זיך — און וועמען פון זיינע מיליטערישע פיהרער ער האָט אַרויס־געשיקט קיין ארץ־ישראל, האָט נישט געהאַט קיין ערפאָלג. אין אַריבער 50 צוזאַמענשטויסען מיט די רוימישע סאָלדאַטען זיינען אידען געבליבען די זיעגער, און אַלע גרויסע רוימישע "גבורים", וואָס האדריאַן האָט אַרויסגעשיקט שלאָגען די אידען, זיינען גאָר גיך צוריקגעקומען קיין רוים אָפּגעשמיסענע און פאַר־שעהמטע.

האָט האדריאַן אהיימגערופען זיין גרעסטען מיליטערישען העלד, דעם גע־נעראַל יוליוס סעווערוס, וועלכער איז דאַן געווען טהעטיג אין די בריטישע אינזלען, ער זאָל איבערנעהמען די פיהרונג פון דער מלחמה אין ארץ־ישראל. און ווי העלדענהאַפט דער דאָזיגער סעווערוס איז געווען און ווי שטאַרק עס זיינען געווען זיינע חיילות, מינדעסטענס צוויי אָדער דריי מאָל אַזוי פיעל ווי די אידישע סאָלדאַטען, האָט ער נאָך די ערפאַהרונגען פון די פריהערע מילי־טערישע פיהרער לכתחלה נישט געוואַגט אַרויסצוקומען אין אַן אָפענעם אַנט־שיידענדען קאַמפּף געגען די אידען. האָט ער בעסער געוואַרט אויף אַ געלע־גענהייט אָנצופאַלען אויף די אידען מיט אַ זייטיגען טריק.

זיינען דערווייל ביי אַזעלכע אומשטענדען פיעלע פון די אידישע קעמפפער מיעד געוואָרען. די "שומרונים", וועלכע האָבען געקעמפפט צוזאַמען מיט די אידען, האָבען אויך אָנגעהויבען שפּיעלען אַ פאַררעטהערישע ראָלע. האָט זיך סעווערוס גענומען מאַכען קליינע אָנפאַלען אויף דער אידישער מחנה פון עט־ליכע זייטען מיט אַמאָל, זיי זאָלען מוזען קאָנצענטרירען זייערע כחות אויף איין אָרט, וואו ער וועט זיי דערנאָך קענען געבען דעם לעצטען שטויס.

האָט די דאָזיגע טאַקטיק געצוואונגען די אידען, צו קאָנצענטרירען זייערע מחנות אין דער פעסטונג פון ביתר, וועלכע סעווערוס האָט דאַן באַלאַגערט מיט זיין גאַנצער אַרמיי. צוגלייך זיינען די איינוואוהנער פון טבריה און צפורי אָפּגע־פאַלען פון בר־כוכבא און זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען צו די רוימער. דאַביי האָט אויך די נאַטור מיטגעהאָלפען געגען די באַלאַגערטע אידען. די טרוקעניש פון יענער צייט איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע און זי האָט אָפּגעשניטען יעדען צופלוס פון וואַסער (זעה תוספתא צו מסכת פרה). האָט דאָס אַלעס פון

דעסטוועגען נישט געהאט די געווינשטע ווירקונג, ווי לאַנג סעווערוס האָט נישט אונטערגעקויפט די פאַררעטהערישע שומרונים. בר־כוכבא האָט זיך אפילו פאַר זיי שטאַרק געהיט. פון זייערע האַנדלונגען האָט ער וואהרשיינליך פאַרשטאַנען, אַז זייער טריישאַפט איז נישט אַזוי אַקוראַט מיט אַלעמען. אַזוי ווי זיי זיינען אָבער אריין און ארויסגעגאַנגען פריי אין דער פעסטונג, האָבען זיי געקענט אַנווייזען צו די רוימער יעדען געהיימען אריינגאַנג צו דער פעסטונג, האָט זיך זיי דאַדורך דער פאַרראַטה איינגעגעבען.

אַלס דירעקטע אורזאַך פאַר ביתר׳ס פאַל ווערד אַנגעגעבען אין דער גמרא, וואָס בר־כוכבא האָט אין זיין כעס אַ בריקע געטהון מיט זיין פוס צו ר׳ אליעזר המודעי, וועלכער איז דאַן אויף דער שטעל געשטאָרבען. די גאַנצע צייט פון ביתר׳ס באַלאַגערונג האָט ר׳ אליעזר המודעי באַשיצט די שטאָדט מיט זיין פרומקייט. האָט איטליכער געגלויבט, אַז ווי לאַנג ער לעבט, קען די פעסטונג נישט פאַלען. און וועהרענד ר׳ אליעזר איז אַמאָל געשטאַנען פאַרטיעפט אין זיין תפלה, האָט זיך צו׳ן איהם אַ שומרוני צוגערוקט און האָט איהם עטוואָס אריינגערעדט אין אויער, וואָס ר׳ אליעזר האָט גאָר נישט געהערט. האָט מען דאָס דערנאָך איבערגעגעבען צו בר־כוכבא — און ווען ער האָט דעם שומרוני געפרעגט, וואָס פאַר אַ סודות ער האָט אייגענטליך מיט ר׳ אליעזר, האָט איהם דער שומרוני געזאָגט: ״ווען איך וועל עס דיר נישט זאָגען, וועסטו מיך הרג׳נען, און ווען איך וועל עס דיר יאָ זאָגען, וועט מיך קייזער האדריאַן הרג׳ענען״. האָט בר־כוכבא פון דעם דאָזיגען זאַג ארויסגעדרונגען, אַז ר׳ אליעזר אונטערהאַנדעלט וועגען אַ שלום מיט די רוימער. האָט ער ר׳ אליעזר׳ן מיט זיין בריקע דער׳הרג׳ט. איז דאָס פאַר איהם געווען אַ שרעקליכער מאָראַ־לישער קלאַפּ. די מענשען אין דער פעסטונג האָבען זייער גאַנצען קריעגס־מוטה פאַרלוירען און די שומרונים האָבען דאַן געהאַט אַ גרינגע ארבייט, אריינצו־פיהרען אהין דעם שונא.

ווי שרעקליך די רוימער האָבען דאַן געהויזט אין ביתר, ווערד דערצעהלט, אַז די פערד זייערע האָבען דאָרט געשוואומען אין בלוט און דער טייך פון ארום ביתר, וועלכער ווערד אָנגערופען ״יורדת הצלמון״, איז געווען צוויי חלקים בלוט און איין חלק וואַסער. דאָס בלוט פון די מענשען האָט פשוט געפלייצט ווי אַ שטראָם צום ״ים הגדול״ און פלייצענדיג האָט עס מיט זיך מיטגעשלעפּט גאַנצע משאות.

סעווערוס האָט דורכאויס געוואָלט חאַפּען בר־כוכבא׳ן אַ לעבעדיגען, וועקצופיהרען איהם אין אַ טריאומף־צוג קיין רוים, גלייך ווי טיטוס האָט ביים חורבן בית־המקדש געטהון מיט די העלדען פון ירושלים. און ווען דאָס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען, האָט ער צוגעזאָגט אַ גרויסען פּרייז צו דעם, וואָס וועט איהם ברענגען דעם טויטען בר־כוכבא. האָט דאַן איינער אַ שומרוני גע־בראַכט דעם טויטען קאָפּ פון בר־כוכבא צו סעווערוס און ער האָט זיך גע־ריהמט, אַז ער האָט איהם דער׳הרג׳ט. האָט זיך סעווערוס געהייסען ברענגען דעם טויטען קערפּער פון בר־כוכבא, ווייל עס האָט זיך איהם נישט געגלויבט, אַז יענער שומרוני האָט טאַקי דעם אידישען גבור דער׳הרג׳ט, אַזוי ווי ער האָט זיך געריהמט. האָט מען דאַן אויסגעזוכט דעם טויטען קערפּער פון בר־כוכבא און מען האָט איהם געטראָפען ארומגעוויקעלט מיט אַ שלאַנג. האָט סעווערוס דאַן געזאָגט: ״איך האָב עס געוואוסט, אַז נור גאָט אַליין האָט געקענט אַזאַ מענשען הרג׳נען, ווייל אַ מענש וואָלט איהם גאָר נישט געקענט טהון!״

נאָך׳ן חורבן פון ביתר האָט זיך קייזער האדריאן פאַרגענומען, אָפּצוראַ־מען דאָס אידישע פאָלק פון דער וועלט — און וואו מען האָט נור דאַמאָלס א אידען באַגעגענט, האָט מען איהם תיכף גע׳הרג׳ט. און וואָס גרעסער איינער איז געווען, האָט מען געגען איהם אָנגעווענדעט מעהר שוידערליכע אכזריות. איז ר׳ עקיבא דאָן געווען צווישען די ערשטע הרוגים. לעבעדיגערהייד האָט מען געשונדען זיין גוף מיט אייזערנע קאַמען. און ווען די מלאכים אין הימעל האָבען דאָס געזעהען, האָבען זיי אַזוי יאָמערליך געוויינט, אַז די טרעהרען זייערע האָבען אַזש אויפגעקאָכט דעם ים הגדול און די גאַנצע וועלט איז אויפגעטריי־סעלט געוואָרען פון זייער קול, ווען זיי האָבען געפרעגט ביים אויבערשטען: ״אַזוי באַצאָהלסטו די מענשען, וואָס היטען אָפּ דיין תורה?״

אין דער צייט ווען ר׳ עקיבא׳ס ווירקונג האָט זיך ערשט נור וואָס געהאָט אָנגעהויבען, האָט דער אַלטער ר׳ דוסא בן הרכינס וועגען איהם געזאָגט, אַז ״דער נאָמען זיינער קלינגט איבער דער גאַנצער וועלט פון עק ביז עק״. עהנליך צו דעם האָט ר׳ טרפון אמאָל צו׳ן איהם געזאָגט: ״ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דיר, איז גלייך ווי ער זאָל זיך וועלען אָפּשיידען פונ׳ם לעבען״. און ווען ר׳ עקיבא איז געשטאָרבען, זיינען אַלע חכמים איינשטימיג געווען, אַז ״עס זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרען די אָרעמס פון דער תורה און עס זיינען פאַר־שטאָפּט געוואָרען די קוואַלען פון חכמה״.

געוועהנליך פלעגט ער זאָגען, אַז ״וואָס דער אויבערשטער טהוט, דאַרף דער מענש גלויבען, אַז עס פיהרט צום גוטען. אַלסדינג וואָס עס פּאַסירט, ווערד איבערהויפּט פאָראויסגעזעהען פון אויבען, אָבער דעם מענשען איז פון דעסט־וועגען געגעבען געוואָרען דער פרייער ווילען, ער זאָל אַליין קאָנטראָלירען זיינע טהאַטען. די וועלט ווערד געאורטיילט פון איהר בעסערער זייט און אַלסדינג איז נישט מעהר ווי אַן אדרויף אויף׳ן מענשען׳ס טהעטיגקייט. איז טאָמער זעהט מען אמאָל דעם רשע א צופריעדענעם, דאַרף מען וויסען, אַז דער סוף זיינער מוז זיין א שלעכטער״ (זעה אבות פרק ג׳ משנה ט״ו און אבות דר׳ נתן פרק ל״ט).

ווען מענשען זיינען פון איינעם צופריעדען — פלעגט ר׳ עקיבא אָפּטמאָל זאָגען — דאַרף מען דאָס אָננעהמען פאַר א סימן, אַז דער אויבערשטער איז אודאי אויך פון דעם מענשען צופריעדען, און זיינען די מענשען פון אימיצען נישט צופריעדען, איז דאָס א סימן, אַז דער אויבערשטער איז פון איהם אויך נישט צופריעדען. און איז איינער צופריעדען מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, איז דאָס פאַר איהם א גוטער סימן, ווייל ווען איינער איז נישט צופריעדען מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט, איז דאָס פאַר איהם א שלעכטער סימן (זעה תוספתא ברכות).

זיבען ״לעבענס־רעגעלען״ האָט ר׳ עקיבא איבערגעגעבען צו זיין זוהן: 1) זאָלסט נישט וואָהנען אויף דער לעבעדיגסטער גאַס פון דער שטאָדט, ווען דו ווילסט אומגעשטערט לערנען; 2) זאָלסט נישט וואָהנען אין א שטאָדט, וואָס איהרע פאָרשטעהער זיינען תלמידי־חכמים, וועלכע זיינען פאַרטיעפט אין לער־נען און זיי האָבען נישט קיין צייט פאַר די אנגעלעגענהייטען פון דער שטאָדט; 3) זאָלסט נישט אריינקומען פלוצלינג אין דיין הויז און א פשיטא שוין אינ׳ם הויז פון דיין חבר, טאָמער דאַרף מען דאָרט עטוואָס טהון, וואָס דו זאָלסט נישט זעהען; 4) זאָלסט נישט אַרויסגעהן אין גאָס אָהן שטיועל, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר א מענשען, צו געהן באָרוויס; 5) פריה אויפשטעהען און עסען איז גוט אים זומער צוליעב דער היץ און אים ווינטער צוליעב דער קעלט;

6) מאַך דיין שבת׳דיגען טיש ווי אין אַ וואָכענטאָג, אבי דו זאָלסט נישט דאַרפען אָנקומען צו מענשען׳ס הילף; 7) תמיד זאָלסטו זיך זעהען צו־צושאַרען צו מענשען, וועלכע האָבען אַ סוקסעס אין זייערע אונטערנעהמונגען (פּסחים דף קי״ב עמוד א׳).

ווי באַמערקט, האָט ר׳ עקיבא אָנגעזאָגט צו זיין זוהן, נישט צו געהן באַרוויס, איז אַמאָל ר׳ עקיבא אָנגעקומען אין רוים אין שתדלנות פאַר אידען, איז ער דאַן דאָרט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָדט צו־פוס און באָרוויס. האָט איהם באַגעגענט איינער פון די קייזערליכע יעוונוכען, האָט ער צו׳ן איהם געזאָגט: ״דו ביזט דאָך דער רבי פון די אידען, טאָ וועל איך דיר זאָגען דריי זאַכען: ווען איינער רייט אויף אַ פערד, איז ער אַ קעניג; ווען איינער רייט אויף אַן אייזעל, איז ער אַ פרייער בירגער, און ווער עס געהט אָנגעטהון אין שטיוועל, דער איז אַ פשוט׳ער מענש. האָט אָבער איינער גאָר נישט פון דעם אַלעמען, איז אַ באַגראָבענעם טויטען בעסער פון איהם!״ — האָט איהם ר׳ עקיבא אויף דעם אָפּגעענטפערט: ״דריי זאַכען האָסטו מיר געזאָגט, וועל איך דיר אויך זאָגען דריי זאַכען: די ציערונג פון אַ מאַן׳ס פנים איז אַ באָרד, די פרייד פון הארצען איז אַ פרוי און אַ מתנה פון גאָט זיינען קינדער. און האָט איינער נישט די דאָזיגע דריי זאַכען, איז וועה צו איהם און וועה צו זיין לעבען!״ (מדרש קהלת רבה פ׳ י׳).

אין יעדער פון זיינע דרשות פלעגט ר׳ עקיבא מאָראַליזירען זיינע צוהערער אויף׳ן שעהנסטען אופן, און די ״ווערטלעך״ זיינע, וועלכע ער פלעגט ביי אַזאַ געלעגענהייט זאָגען, זיינען צוטראָגען געוואָרען איבער אַלע אידישע הייזער און איטליכער האָט זיך געסטאַרעט, איינצואָרדנען זיין לעבען לויט דער מאָראַל, וואָס ר׳ עקיבא האָט געלעהרענט.

האָט ער איינמאָל אין אַזאַ דרשה איבערגעגעבען זעקס ״כללים״ פונ׳ם לעבען צו זיינע צוהערער: 1) זאָלסט זיך אויסהיטען פון צו קומען צווישען לצים, דו זאָלסט זיך נישט אָפּלערנען פון זייערע מעשים; 2) זאָלסט זיך נישט אוועקזעצען עסען מיט אַ כהן אַן עם־הארץ, טאָמער וועט ער דיר געבען צו עסען תרומות און מעשרות, וועסטו זיין אַ ״מועל בקדשים״; 3) זאָלסט זיך נישט צו־געוועהנען צו פיעלע נדרים, טאָמער וועסטו נישט קענען האַלטען דיין נדר, וועסטו זיין אַ ״מועל בשבועות״; 4) זאָלסט זיך נישט צוגעוועהנען צו עסען פון יעדער סעודה, ווייל עס קען דיר דערנאָך אויסקומען, דו זאָלסט דאַרפען עסען פון צדקה; 5) זאָלסט זיך אויסהיטען פון אַ טהאַט, וועלכע איז אַ ספק עברה, וועסטו אויסגעהיט ווערען פון אַ זיכערע עבדה; 6) זאָלסט אויך נישט אַרויסגעהן קיין חוץ־לארץ, ווייל דאָס וועט דיך ברענגען צו עבודה־זרה (אבות דר׳ נתן פרק כ״ו).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: ״פאַר דריי גוטע מדות האָב איך ליעב די מדיים: 1) ווען זיי שניידען פלייש, שניידען זיי עס אויף׳ן טיש; 2) ווען זיי קושען, טהוען זיי דאָס אויף דער האַנד; 3) ווען זיי האָבען אַמאָל אַ באַראַטונג, געהען זיי אַרויס אין פעלד״ (ברכות דף ח׳ עמוד ב׳).

און ווען ר׳ עקיבא איז געזעסען אין תפיסה, דערצעהלט די גמרא (פּסחים דף קי״ב עמוד א׳), איז ר׳ שמעון בן יוחאי צו׳ן איהם אַמאָל געקומען און האָט צו איהם געזאָגט: ״רבי! לערען מיט מיר!״ — האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: ״איך וויל דיך נישט לעהרנען!״ — האָט ר׳ שמעון געזאָגט: ״אויב דו וועסט מיך נישט לעהרנען, וועל איך דאָס דערצעהלען מיין פאָטער יוחאי, וועט ער

דיך מסר'ן צו דער רעגירונג!"... *) — האט ר' עקיבא אויף דעם געזאגט: "מעהר ווי דאס קעלבעל וויל זויגען, וויל די קוה געבען צו זויגען!" — האט ר' שמעון געזאגט: "אויב דאס זויגען איז א סכנה, איז דאס קעלבעל אין א גרעסערער געפאהר!"...

האט איהם ר' עקיבא איבערגעגעבען די פינף פאלגענדע לעבענס־רעגלען: 1) ווען דו ווילסט זיך אויפהענגען, זאלסטו זיך אויפהענגען אויף א גרויסען בוים, דאס מיינט, אז ווען דו ווילסט נאכזאגען א ווערטעל, זאלסטו נאכזאגען א ווארט פון א גרויסען מאן; 2) ווען דו לערענסט דיין זוהן, זאלסטו מיט איהם לערנען פון א קארעקטען ספר, ווייל ער וועט זיך זאנסט צוגעוועהנען צו גרייזען; 3) זאלסט נישט קאכען אין א טאפ, וואס אן אנדערער האט אין איהם פריהער געקאכט, דאס מיינט, אז דו זאלסט נישט הייראטען א פרוי, וואס אן אנדערער האט פריהער געהאט; 4) טהון א מצוה און זיין דאביי זיכער, איז צו לייהען געלד אויף א פעלד, וועלכעס ברענגט פירות; 5) טהון א מצוה מיט א ריינעם גוף, איז צו הייראטען א פרוי און האבען קינדער.

ווער עס נעמט א פרוטה פון צדקה ווען ער דארף עס נישט האבען — פלעגט ר' עקיבא זאגען — דער וועט נישט שטארבען, ווי לאנג ער וועט נישט אין ווירקליכקייט דארפען נעהמען נדבות ביי מענשען; ווער עס וויקעלט זיך ארום די אויגען אדער די הענד און פיס מיט שמאטעס אויף אפצונארען, כדי צו קענען בעטען א נדבה פאר א בלינדען אדער פאר אן אנדערער קאליקע, וועט דערנאך זיין דער סוף, אז ער וועט אויף אן אמת ווערען א קאליקע; ווער עסווארפט אוועק ברויט אויף דער ערד און ווער עס צעווארפט געלד אין זיין כעס, דער וועט נישט אוועקגעהען פון דער וועלט, ווי לאנג ער וועט נישט דארפען מענשען'ס גאב; ווער עס צורייסט זיינע קליידער אדער צוברעכט זיינע א כלי אין כעס, זאל זיך אויסדאכטען אין דיינע אויגען, אז דאס איז גלייך ווי איינער וואס דיענט די עבודה־זרה (אבות דר' נתן פרק ג').

פראצענט־נעהמען איז תמיד אנגענומען פאר א זעהר הארבע עברה ביי אלע חכמים — און אין דער "דעפינישאן" פון דעם, וואס עס הייסט פראצענט, — האט ר' עקיבא געזאגט — אז אפילו אן איבריגער "גוט־מארגען" קען זיך רעכענען אלס פראצענט, דהיינו: ווען איינער האט איינעם קיינמאל נישט באגריסט, ביז ער האט זיך עטוואס ביי איהם געליהען, און פון דאן אן באגריסט ער איהם שוין יא, איז אזא גרוס גלייך ווי פראצענט (תוספתא בבא מציעא פרק ו').

אידען — האט ר' עקיבא געהאלטען — זיינען ביים אויבערשטען דאס

*) יוחאי, דער פאטער פון ר' שמעון, איז געווען — ווי מען וואלט געקענט זאגען — א באאמטער פון דער רוימישער רעגירונג, וועלכער האט געדארפט אכטונג געבען, אז אידען זאלען נישט לערנען זייער תורה, און ווער עס האט יא געלערענט, האט עס געדארפט באצאלען מיט זיין לעבען... אט די פאליטישע ראלע פון יוחאי איז להלוטין נישט קיין קלארע און וועגען דעם סטראשונאק פון ר' שמעון צו ר' עקיבא, אז ער וועט דערצעהלען זיין פאטער, אז ער וויל מיט איהם נישט לערנען, איז צו באמערקען, אז דאס גאנצע געשפרעך איז נישט גלאטינג. אזוי ווי ר' עקיבא איז שוין דאמאלס געזעסען אין תפיסה, ווייל ער איז געהאפט געווארען לערנענדיג מיט תלמידים, האט מען איהם נישט געדארפט ערשט מסר'ן צו דער רעגירונג, און ווען ער האט נישט געוואלט לערנען מיט ר' שמעון, איז דאן נישט געווען וואס צו מסר'ן.

גרויסקייט אנטפּלעקט זיך אין זיי. און ווען דער אויבערשטער האָט זיי אויסגעליזט פון׳ם גלות, האָט ער דאָס געטהון פאַר זיין אייגענע טובה, ווייל ער האָט זיך דאַמאָלס מיט זיי צוזאַמען אויסגעליזט. אומעטום וואו אידען זיינען פאַרטריבען אין גלות, איז דאָרט די שכינה מיט זיי, און ווען זיי געהען ארויס פון׳ם גלות, איז דער אויבערשטער כביכול מיט זיי צוזאַמען אויסגעליזט. דער אויבערשטער האָט פּשוט געהאַנדעלט אַ מציאה, ווען ער האָט זיך אויסגעקליבען די אידען אַלס זיין פאָלק, ווייל אַנדערע פעלקער ווען עס געהט זיי גוט, לויבען זיי זייער גאָט, און ווען עס געהט זיי שלעכט, שימפּפען זיי אויף איהם. אָבער אידען לויבען זייער גאָט אין יעדען פאַל, סיי ווען עס געהט זיי גוט און סיי ווען עס געהט זיי שלעכט.

ער פלעגט אויך זאָגען, אַז אידען זיינען געגליכען צו אַ פויגעל, ווייל פּונקט ווי אַ פויגעל קען זיך נישט ריהרען אָהן זיינע פליגלען, אַזוי קענען אידען גאָר נישט טהון אָהן זייערע עלטעסטע. ער האָט אויך געהאַלטען, אַז אפילו דער אָרימסטער איד מעג זיך רעכענען פאַר אַן אריסטאָקראַט, ווייל ער שטאַמט אָפּ פון אברהם, יצחק, יעקב (זעה ויקרא רבה סוף פרק י״א און משנה בבא קמא פרק ח׳).

דאָס העכסטע אין אידישען לעבען איז די תורה. אָט די מתנה, וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבען צו די אידען, איז כדאי, מען זאָל זיך פאַר איהר מוסר־נפש זיין. און ווען די רעגירונג פון קייזער האדריאַן האָט ארויסגעגעבען אַ שטרענגען באַפעהל, אַז ווער עס וועט זיך אָפּגעבען מיט לערנען די אידישע תורה, דעם זאָל מען הרג׳ענען, האָט ר׳ עקיבא צונויפגעקליבען תלמידים צום לערנען, וואו עס האָט זיך נור געלאָזט. האָבען איהם די מענשען געפרעגט: ״דו האָסט גאָר קיין מורא נישט פאַר דער רעגירונג?״ — האָט זיי ר׳ עקיבא אָפּגעענטפערט אויף דער דאָזיגער שאלה מיט אַ משל:

אַ פוקס איז אַמאָל געגאַנגען לעבען אַ טייך, האָט ער געזעהען, ווי די פיש לויפען אַהין און אַהער אין אַ גרויסע בהלה. האָט ער צו זיי געזאָגט: ״וואָס לויפט איהר אַזוי און פון וועמען אַנטלויפט איהר?״ — האָבען איהם די פיש געענטפערט: ״מיר אַנטלויפען פאַר די נעצען, וואָס די מענשען האָבען אויס־געשפּרייט פאַר אונז!״ — האָט דאַן דער פוקס געזאָגט: ״אפשר וואָלט בעסער געווען, איהר זאָלט ארויסקומען אויף דער יבשה, מיר זאָלען וואָהנען אין־איינעם, גלייך ווי מיינע עלטערן האָבען אַמאָל געוואָהנט צוזאַמען מיט אייערע עלטערן?״ — האָבען אויף דעם די פיש געענטפערט: ״דו ביזט דאָס דער, וואָס מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביזט דער קליגסטער פון אַלע חיות? נישט דער קליגסטער ביזטו, נור דער נאַרישסטער. מה־דאַך וואו עס איז דער אָרט פון אונזער לעבען דאָ אין וואַסער האָבען מיר מורא, מען זאָל אונז נישט חאַפּען, אַ פּשיטא שוין אויף דער יבשה, דאָרט וואו עס איז דער פּלאַץ פון אונזער טויט!״...

דאָסזעלבע איז אויך מיט אונזער לערנען — האָט ר׳ עקיבא פאַרענדיגט זיין משל — ווען מיר זיצען און לערנען אונזער הייליגע תורה, וועלכע איז אונזער גאַנץ לעבען, זיינען מיר אין געפאַהר, געחאַפּט צו ווערען, אַ פּשיטא שוין ווען מיר זאָלען אויפהערען לערנען (ברכות דף ס״א עמוד ב׳).

און ווי שווידערליך שווער די לאַגע איז דאַמאָלס געווען, האָט ר׳ עקיבא קיינמאָל נישט אויפגעגעבען די האָפנונג, אַז די אידישע מלוכה וועט צוריק אויפגעריכט ווערען. אָט די האָפנונג איז ביי איהם אַזוי שטאַרק געווען, אַז טראָץ די גרויסע תקיפות פון רוים און דעם שרעקליכען חורבן פון ירושלים,

ווען טיראנאס רופוס האט אויף'ן באפעהל פון קייזער האדריאן געלאזט פאר־אקערן דעם פלאץ, וואו דער בית־המקדש איז געשטאנען, האט ער אלץ נישט איפגעהערט צו גלויבען אין א גליקליכע צוקונפט פון זיין פאלק. און ווען אנדערע חכמים פלעגען וויינען אויף'ן חורבן, פלעגט דאס ביי איהם ארויס־רופען א שמייכעל, ווייל ער האט זיך אין זיין פאנטאזיע פארגעשטעלט די צוקינפטיגע פראכט פון ישראל'ס רעזידענץ, אין וועלכער ער איז געווען איינ־געגלויבט.

ווי עס איז שוין דערצעהלט, פלעגט דער רוימישער שטאטהאלטער פון ארץ־ישראל, טיראנאס רופוס, אנפיהרען וכוחים מיט ר' עקיבא וועגען אמונה. אזוי ווי ער איז געווען א שטיקיל בקי אין די אידישע ספרים, פלעגט ער ליעב האבען איינצו'טענה'ן וועגען ענינים, וואס האבען זיך איהם אויסגעדאכט ווי ווידערשפרוכען. און איינמאל האט ער געזאגט צו ר' עקיבא: "ווען אייער גאט האט ליעב ארימע לייט, טא פארוואס איז ער זיי אליין נישט מפרנס?" — האט איהם ר' עקיבא געענפערט: "ער טהוט דאס, כדי מיר זאלען געניסען דעם זכות פון צדקה און ניצול ווערען פונ'ם גיהנם!" — האט אויף דעם רופוס געזאגט: "מיר דאכט זיך גאר אדרבה, אז דאס איז אייך מחייב צום גיהנם. אט נעהם, למשל, ווען א קעניג איז אין כעס אויף זיינעם א שקלאף, וועלכען ער זעצט אריין אין תפיסה און ער זאגט דאבייא אן, קיינער זאל זיך נישט דערוועגען, צו געבען איהם עסען אדער טרינקען. קומט פלוצים איינער פונ'ם קעניג'ס משרתים און גיט דעם דאזיגען שקלאף צו עסען און צו טרינקען. און ווען דער קעניג הערט דאס, וועט ער וועגען דעם נישט ווערען אין כעס?"

האט ר' עקיבא אויף דעם געענטפערט: "נעם דיר דאסזעלבע משל אין א ביסיל אן אנדערן נוסח: א קעניג בייזערט זיך אויף זיין זוהן, זעצט איהם אריין אין תפיסה און זאגט אן, מען זאל זיך נישט דערוועגען צו געבען דעם זוהן עסען אדער טרינקען. קומט איינער פונ'ם קעניג'ס משרתים און גיט דעם ארעסטירטען פרינץ צו עסען און צו טרינקען. און ווען דער קעניג הערט דאס, וועט ער נישט געבען די שעהנסטע מתנה צו יענעם מענשען?" (בבא בתרא דף י' עמוד א').

פון דעם, וואס דער פסוק זאגט "טרינק וואסער פון דיין ברונעם", האט ר' עקיבא ארויסגעלערנט, אז די אנטוויקלונג פונ'ם לערנען קומט פון א פשוט'ן פארשטענדניס וועגען דעם, וואס מען הערט פון אנדערע, און פונקט ווי מען קען פון א ברונעם שעפען וואסער פון אלע זייטען און אין ברונעם גופא זאל דאס וואסער נישט ווערען ווייניגער, אזוי קומען די תלמידים לערנען און זיי נעהמען אוועק ביי זייער רבי'ן אזוי פיעל, ווי ווען איינער שמעקט פון אן אתרוג אדער ער צינדט אן איין ליכט ביי אן אנדערן. דער תלמיד־חכם דארף נור געדענקען, אז ווען ער האט תלמידים אין זיין יוגענד, דארף ער זעהען צו האבען תלמידים אויך אויף דער עלטער, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסען, וועלכע תלמידים עס וועלען בלייבען ביי זייער לערנען און וועלכע נישט.

די מעלה פון א תלמיד־חכם איז אויך, וואס ער איז ווי א גאלדענע כלי, ווייל א גאלדענע כלי ווען זי ווערד צובראכען, קען מען זי פאררעכטען און צוריק מאכען גאנץ. אזוי איז אויך א תלמיד־חכם, ווען ער האט פארגעסען זיין לערנען, קען ער תמיד דאס פארגעסענע צוריק־באקומען (קהלת רבה פרשה ז' פיסקא ח'). דער מענש דארף נור נישט שטאלצירען מיט דעם, וואס ער האט געלערנט, ווייל וועד עס האלט זיך שטאלץ אויף דער תורה, וואס ער האט

געלערנט, איז געגליכען צו אַ נבלה, וועלכע ליגט אויף׳ן וועג און יעדער פאַר־בייגעהער פאַרשטאָפּט זיך די נאָז, נישט צו הערען איהר ריח (אבות דר׳ נתן פרק י״א).

זעהר פיעל ווערד דערצעהלט וועגען דער עניוות פון ר׳ עקיבא, וועלכע קען גילטען אַלס אַ מוסטער פאַר אַלע דורות. ווען זיין זוהן איז געשטאָרבען און ער האָט גערעדט ביי זיין אָפענעם קבר, האָט ער געזאָגט דאָס פאָלגענדע: ״אָט זיינען זיך אידען צונויפגעקומען, און נישט ווייל איך בין אַזאַ גרויסער חכם זיינען זיי געקומען, ווייל עס זיינען דאָ פאַרהאַנען חכמים גרעסערע פון מיר, און נישט ווייל איך בין רייך זיינען זיי געקומען, ווייל עס זיינען דאָ פאַרהאַנען רייכערע פון מיר. די מענשען פון דרום קענען מיך, זיינען זיי גע־קומען צו דער לויה פון מיין זוהן, אָבער די מענשען פון׳ם גליל, פון וואַנען זאָלען זיי מיך קענען? מאַנסבילען קענען מיך, זיינען זיי געקומען צו דער לויה פון מיין זוהן, אָבער די ווייבער און קינדער, וואָס זיינען געקומען, פון וואַנען זאָלען זיי מיך קענען? פאַרהאַנען אין גאַס פיעלע אַזעלכע עקיבא׳ס ווי איך. זיינען זיי אָבער אַלע געקומען לכבוד דער תורה און צוליעב דער מצוה, בין איך שוין מיט דעם געטרייסט, ווען מיין אומגליק וואָלט אפילו זיבען מאָל אַזוי גרויס געווען ווי עס איז״... (זעה מועד קטן דף כ״א עמוד ב׳).

צווישען אַלע ספרים און כתבים האָט ר׳ עקיבא פיעל געהאַלטען פון שיר השירים, וואָס ״די גאַנצע וועלט איז נישט אַזוי פיעל ווערטה ווי יענער טאָג, וואָס שיר השירים איז געגעבען געוואָרען צו אידען״ (משנה ידים ג׳ ה׳), און ״ווען דער אויבערשטער וואָלט נישט געגעבען זיין תורה, וואָלטען אידען גע־קענט אָנפיהרען זייער וועלט מיט שיר־השירים״ (מדרש זוטא). ר׳ עקיבא איז אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען געזעהען אין שיר־השירים דאָס הערליכע בילד, וועלכעס שטעקט אין דער ליעבשאַפט פון גאָט צו דער ״כנסת ישראל״. רעכענט ער דאַדורך צווישען די מענשען וואָס האָבען נישט קיין ״חלק לעולם הבא״ אַלע יענע, וואָס ציקלען זיך מיט זייער שטימע אין שיר השירים, צו מאַכען דערפון אַ וואָכענדיגען געזאַנג אין די שענקען (תוספתא סנהדרין פרק י״ב).

איינמאָל האָט זיך ר׳ אליעזר בן הורקנוס אַוועקגעשטעלט פאַר׳ן עמוד אין אַ תענית וועגען רעגען און ער האָט געזאָגט 24 ברכות און אַ רעגען איז אַלץ נישט געקומען. איז דערנאָך ר׳ עקיבא צוגעגאַנגען צום עמוד און ער האָט אַ געשריי געטהון: ״אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה, אבינו מלכנו למענך רחם עלינו!״, האָט דאַן באַלד אָנגעהויבען רעגענען. האָט דער עולם געהאַט עגמת־נפש, וואָס דער אויבערשטער האָט זיך גיכער צוגעהערט צו דער תפלה פון׳ם תלמיד, איידער צו דער תפלה פון׳ם רבי׳ן. האָט דאַן ר׳ עקיבא דעם עולם באַרוהיגט מיט אַ משל: אַ קעניג האָט אַמאָל געהאַט צוויי טעכטער, איינע אַ שרייערקע און איינע אַ שטילע, האָט דער קעניג אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, אַז ווען די שרייערקע וועט נור קומען און זי וועט עטוואָס פאַרלאַנגען, זאָל מען איהר תיכף אַלסדינג געבען. אָבער די שטילע טאָכטער האָט קיינמאָל נישט געקראָגען, וואָס זי האָט געוואָלט, ווייל זי האָט תמיד שטילערהייד אַרויס־געזאָגט איהר ביטע און דער קעניג האָט אויך ליעב געהאַט, צו הערען די שטימע פון איהר בעטען...

באַלד נאָך׳ן פאַל פון ביתר איז ר׳ עקיבא פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט. און וואָס ער איז שוין אַ לאַנגע צייט פריהער געזעסען אין תפיסה, איז

מעגליך, אַז צוליעב דער רעוואָלוציע איז ער גענומען געוואָרען אַלס "משכון", אָדער ער איז אפשר געחאַפּט געוואָרען ביי זיינעם אַ רעוואָלוציאָנערען "מיטינג", אויף וועלכער ער האָט בלויז געדאַרפט זאָגען, אַז אידען זאָלען נישט פאָלגען, וואָס רוים זאָגט בנוגע צו דער אידישער אמונה און אַז אויף אָפּצוּ־היטען די אידישע אמונה דאַרף מען מקריב זיין דאָס לעבען...

און ווען ר' עקיבא איז געזעסען אין תפיסה און מען האָט נישט געקענט צו'ן איהם צוקומען, האָבען זיך געמאַכט פאַרשיעדענע וויכטיגע שאלות, וועל־כע מען האָט נישט געקענט פסק'נען, איידער מען האָט נישט געהערט ר' עקיבא'ס מיינונג. דערצעהלט די גמרא, ווי די חכמים האָבען אַמאָל צוגעשיקט אַהין צו דער תפיסה ר' עקיבא'ס אַ תלמיד, ר' יוחנן הסנדלר, פאַרשטעלט אַלס אַ הענדלער מיט אַ פּעקעל סחורה אויף דער פּלייצע, וועלכער איז בלומרשט פאַרביי־געגאַנגען פאַר דער תפיסה, וואו ר' עקיבא איז געזעסען, רופענדיג: "נאָדלען! ווער קויפט נאָדלען? העקעלעך! ווער קויפט העקעלעך? און אַ חליצה אָהן עדות (חליצה בינה לבינו) ווי איז דער דין?" — האָט ר' עקיבא אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך'ן פענסטער־לאָך פון זיין תפיסה־קאַמער און האָט געזאָגט: "האָסט אפשר שפּינדלעך? יאָ, כשר!" (ירושלמי יבמות פרק ט' הלכה ה').

די אורזאַך פון דער דאָזיגער שאלה איז געווען אַ מעשה, וואָס איינער האָט זיצענדיג אין תפיסה געגעבען חליצה צו זיין ברודער'ס ווייב אָהן אַ בית־דין און אָהן עדות, ווייל מען האָט דאָרט נישט צוגעלאָזען קיינעם צו דעם אַרעסטירטען, און די מענשען וואָס זיינען געקומען צוזאַמען מיט דער פרוי, וועלכע האָט געדאַרפט נעהמען חליצה, האָבען געמוזט בלייבען שטעהען דרויסען פאַר די מויערען פון דער תפיסה און זיי האָבען נישט געזעהען, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניג.

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט מען געדאַרפט האָבען דעם פּסק־דין פון ר' עקיבא אין דער פראַגע פון אַ "מיאון" (דאָס איז אַ פרוי, וועלכע האָט נישט געוואָלט וואוינען מיט איהר מאַן, וואָס זי איז געווען צו איהם פאַרהייראַטה, ווען זי איז נאָך געווען מינדעריעהריג). האָט מען דאַן געמוזט דינגען אַ מענשען פאַר 40 גולדען, ער זאָל זיך שטילערהייד אַריינשלייכען צו ר' עקיבא און ביי איהם געוואָהר ווערען דעם דין (זעה יבמות דף ק"ח עמוד ב').

אַ לאַנגע צייט איז ר' עקיבא געזעסען אין תפיסה, ווען ער האָט וועהרענד דער צייט פון זיין אַרעסט געקענט באַשטימען דריי "עבור־יאָהרען" איינס נאָך'ן אַנדערן, וועלכעס קען הייסען, אַז ער האָט באַשטימט דריי יאָהר נאָכ־אַנאַנד אַלס יאָהרען פון "עבור", אָדער עס קען הייסען — ווי די מפרשים זאָגען — אַז חאָטש מען האָט דאַמאָלס נישט געטאָרט פאָראויס־באַשטימען דעם "עבור" פון איין יאָהר אויף'ן אַנדערן, האָט ר' עקיבא פון דעסטוועגען יאָ פאָראויס באַשטימט דריי "עבור־יאָהרען", וועלכע האָבען דערנאָך געדאַרפט באַשטעטיגט ווערען פונ'ם בית־דין (זעה סנהדרין דף י"ב עמוד א' און תוספתא סנהדרין פרק ב').

ווי באַמערקט, איז די שמירה פון ר' עקיבא אין זיין תפיסה געווען זעהר אַ שטאַרקע. האָט זיך אָבער צומאָל געמאַכט, וואָס מען האָט איהם געלאָזט אַ ביסיל פריי באַוועגען. העכסט וואהרשיינליך האָט מען גוט אַכטונג געגעבען,

ער זאָל נישט דאָרט אין דער תפיסה פאַרזוימען זיין לערנען מיט תלמידים, האָט מען איהם אָבער פון דעסטוועגען ערלויבט, ער זאָל האָבען לעבען זיך זיינעם אַ מענשען צום באַדיענען — און דאָס איז געווען זיין תלמיד ר׳ יהושע הגרסי, וועלכער איז ביי איהם געווען אין דער תפיסה ביז צו דער לעצטער מינוט.

און ווען ר׳ עקיבא איז געזעסען אין תפיסה, ווערד דערצעהלט, אַז ר׳ יהושע הגרסי פלעגט איהם תמיד ברענגען וואַסער פאַר זיין טעגליכען באַדאַרף. האָט איהם איינמאָל דער אויפזעהער פון דער תפיסה באַגעגענט, ווי ער האָט גע־טראָגען דאָס וואַסער, איז איהם דאָס נישט געפעלען, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואַסער איז צופיעל פאַר איין מענש, האָט ער אַ זאָג געטהון: "וואָס טראָגסטו עפּיס היינט אַזוי פיעל וואַסער צו דיין רבי׳ן? ווילסטו נישט אפשר דאָס קערקער־הויז אונטערמוליען?" — און אַזוי ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אַ העלפט פון דעם וואַסער אויסגעגאָסען.

האָט דאַן ר׳ עקיבא מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט טרינקען אַ ביסיל פון דעם דאָזיגען וואַסער, וועט דאָס איבערגעבליבענע נישט זיין גענוג פאַר איהם צום וואַשען און ער וועט דאַרפען עובר זיין אויף דער מצוה פון "נטילת ידים". האָט ער גיכער געוואָלט ליידען דורשט, איידער ער זאָל זיך נישט קענען וואַ־שען צום עסען. האָבען דערנאָך די חכמים געזאָגט וועגען דעם, אַז ווען ער איז אַזוי שטאַרק געווען אָפּגעהיט אין תפיסה, קען מען זיך שוין מערקען, ווי ער פלעגט זיך פיהרען, ווען ער איז געווען פריי (עירובין דף כ״א עמוד ב׳).

ענדליך האָט ער געדאַרפט שטעהען צום משפט בעפאָר טורנוס רופוס. איז דער טאָג פון זיין משפט געווען זעהר אַ שרעקליכער פאַר אַלע אידען. די גאַנצע צייט ביז צום אורטייל איז ר׳ יהושע הגרסי געשטאַנען אין געבעט צו גאָט וועגען ר׳ עקיבא. און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען פאַרטיעפט אין זיין געבעט, האָט אַ וואָלקען פלוצים פאַרדעקט דעם הימעל. האָט זיך ר׳ יהושע דערמאָנט דעם פסוק "סכותה בענן לך מעבור תפלה" (איכה ג׳ מ״ד) און ער האָט אַ זאָג געטהון צום אויבערשטען: "האָסט דיך באַדעקט מיט אַ וואָלקען, אַז מיין תפלה זאָל דיך נישט קענען דערגרייכען און דו זאָלסט נישט הערען, וועגען וואָס איך בעט!" (מדרש איכה רבתי פרשה ג׳).

שרעקליך איז דאַן געווען דער משפט פון טורנוס רופוס, צום שוידערליכ־סטען טויט האָט ער ר׳ עקיבא׳ן פאַראורטיילט. געוועהנליך פלעגען די רוימער פאַראורטיילען צו "קרייציגונג". האָט מען דעם פאַראורטיילטען צוגעשלאָגען מיט טשוועקעס צו׳ן אַ האָלצערנעם קרייץ, וואו ער איז געהאַנגען, ביז ער איז געשטאָרבען. ר׳ עקיבא׳ן האָט מען פאַראורטיילט, צו שינדען זיין פלייש לעבעדיגערהייד מיט אייזערנע קאַמען.

און ווען מען האָט ר׳ עקיבא׳ן אַרויסגעפיהרט צום הרג׳נען, איז דאָס געווען באַלד אין דער פריה, ווען ער האָט געדאַרפט זאָגען "קריאת שמע". איז וועהרענד מען האָט געשונדען זיין פלייש, האָט ער זיך נישט געלאָזט שטערען אין זיין "שמע ישראל". די עקזעקוציע איז אויך פאָרגענומען גע־וואָרען עפענטליך פאַר די אויגען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. און ווען די תלמידים פון ר׳ עקיבא האָבען געזעהען די יסורים פון זייער רבי׳ן, האָבען זיי געזאָגט: "אפשר וואָלט שוין ביז אַהער גענוג געווען?", וועלענדיג זאָגען צו ר׳ עקיבא׳ן, אַז עס וואָלט שוין אפשר געווען צייט, ער זאָל מעהר קערען פאַר די יסורים פון זיין גוף, איידער פאַר די יסורים פון זיין נשמה. — האָט ער

זיי אויף דעם געענטפערט: ״אלע טעג פון מיין לעבען האָב איך געהאַט קרענ־קונג, וואָס איך קען נישט באַווייזען מיין ליעבע צו גאָט אויף׳ן שטייגער ווי דער פסוק זאָגט, אַז מען דאַרף ליעב האָבען דעם אויבערשטען מיט דער גאַנצער נשמה (בכל נפשך), אפילו ווען דער אויבערשטער נעמט ביי איינעם אוועק די נשמה. און יעצט, ווען איך האָב די זכיה, מקיים צו זיין די דאָזיגע מצוה, זאָל איך דאָס נישט טהון?״... האָט ער דאַן ביים ״שמע ישראל״ אַזוי לאַנג גע־צויגען דאָס וואָרט ״אחד״, ביז די נשמה איז איהם אויסגעגאַנגען (ברכות דף ס״א עמוד ב׳).

אין ירושלמי (ברכות פרק ט׳ הלכה ה׳) ווערד דאָס דאָזיגע געשעהעניש אַ ביסיל אַנדערש געשילדערט. דאָרט הייסט עס, אַז טורנוס רופוס אַליין איז געשטאַנען ביי דער עקזעקוציע פון ר׳ עקיבא. האָט ער פלוצים דערזעהן, ווי ר׳ עקיבא זאָגט ״שמע ישראל״ מיט אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען. האָט ער צו איהם אַ זאָג געטהון: ״ביזט אפשר אַ כשוף מאַכער, וואָס דו ביזט טויב צו דיינע שמערצען, אָדער דו שמייכעלסט גלאַט אַזוי, מיך צו קרענקען?״

האָט איהם ר׳ עקיבא געענטפערט: ״זאָל דיר די נשמה אַרויס! נישט קיין כשוף־מאַכער און נישט טויב פאַר יסורים בין איך. עס איז אויך נישט מיין ווילען, דיך צו קרענקען מיט מיין שמייכעל. אַזוי ווי עס איז אונז אָנגע־זאָגט געוואָרען, מיר זאָלען ליעב האָבען אונזער גאָט מיט׳ן גאַנצען הארצען, מיט דער גאַנצער נשמה און מיט׳ן גאַנצען פאַרמעגען, האָב איך ביז היינט באַוויזען מיין ליעבע צו גאָט מיט מיין הארץ און מיט מיין פאַרמעגען, אָבער ערשט יעצט האָב איך געקראָגען די געלעגענהייט, צו באַווייזען מיין ליעבע צו גאָט מיט מיין נשמה. פיהל איך מיך דאַדורך זעהר צופריעדען אין מיין דערגרייכונג״...

פאַר׳ן רוימישען שטאַטהאַלטער איז פון דעסטוועגען דער אויבען־באַשרי־בענער טויט פון ר׳ עקיבא נישט געווען גאַראַנטירט גענוג, אַז ער וועט נישט צוריק לעבעדיג ווערען. האָט ער געלאָזט צוהאַקען דעם טויטען קערפּער אין שטיקער, גלייך ווי מען האַקט פלייש אין אַ יאַטקע (זעה מנחות דף כ״ט עמוד ב׳).

גאָר אַנדערש געשילדערט איז דער טויט פון ר׳ עקיבא אין אַ לעגענדע (אין מדרש משלי), וואו ער זעהט פּשוט אויס ווי אַן אידיליע. אַמאָל אין אַן ערב יום־טוב — ווערד דאָרט דערצעהלט — איז ר׳ יהושע הגרסי, וועלכער איז שטענדיג געווען אַרום ר׳ עקיבא, אַהיים־געגאַנגען צו זיך אויף יום־טוב. אָבער איידער ער איז נאָך צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער דאָרט געטראָפען אליהו הנביא ביי דער טהיר, וועלכער האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ר׳ עקיבא איז געשטאָרבען אין דער תפיסה. זיינען זיי ביידע באַלד אוועק־געגאַנגען צו דער תפיסה. איז דאָרט די טהיר פון ר׳ עקיבא׳ס קאַמער געווען אָן אָפען. האָבען זיי אַרויפגעלייגט דעם טויטען ר׳ עקיבא אויף׳ן בעט און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען. דערנאָך זיינען זיי צוריקגעקומען ביי נאַכט און זיי האָבען אוועקגעפיהרט דעם טויטען קערפּער, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין צעזאַרעא, וואו זיי האָבען איהם באַהאַלטען אין אַ הייהל.

פאַרהאַנען נאָך אַן אינטערעסאַנטע לעגענדע וועגען דעם פאַרהעלטניס פון ר׳ עקיבא צו דער פרוי פון טורנוס רופוס. דערצעהלט די דאָזיגע לעגענדע, אַז נאָך זיינע וכוחים מיט ר׳ עקיבא פלעגט טורנוס רופוס יעדעס מאָל אַרומ־געהן אַ צוטראָגענער, ווייל ר׳ עקיבא פלעגט איהם שטענדיג באַזיעגען אין נעגענוואָרט פון׳ם קייזער מיט זיינע טענות.

האָט אַמאָל נאָך אַזאַ וכוח די פרוי פון טורנוס רופוס געפרעגט איהר מאַן: "וואָס ביזטו אַזוי נידערגעשלאָגען?" — האָט ער איהר געענטפערט: "אַט דער ר' עקיבא ברענגט מיך תמיד אין פאַרלעגענהייט מיט זיינע שמועסען און איך קען איהם נישט בשום אופן באַזיעגען!" — האָט די פרוי געענטפערט: "דער גאָט פון די אידען האָט פיינט אויסגעלאַסענהייט, איז ווען דו וואָלסט מיר ערלויבט, וואָלט איך איהם געקענט ברענגען צו אַ זינד, וועט ער פאַרלירען זיין קעמפפעריש גייסט געגען דיר!"...

— טהו ווי דו פאַרשטעהסט! — האָט טורנוס רופוס אויף דעם געענטפערט.

איז די פרוי געגאַנגען אַן אויסגעפוצטע צו ר' עקיבא — און זי האָט זיך אויך מיט אַלע מיטלען באַשטרעבט, צו מאַכען איהם זינדיגען... אַזוי ווי ר' עקיבא האָט זי אָבער דערזעהן, האָט ער אויסגעשפיגען, דערנאָך האָט ער געלאַכט און געוויינט.

האָט איהם די פרוי געפרעגט: "וואָס באַטייטען די דאָזיגע דריי זאַכען?" — האָט ער איהר געענטפערט: "צוויי זאַכען וועל איך דיר דערקלערען, אָבער דאָס דריטע קען איך דיר נישט דערקלערען!... איך האָב אויסגעשפיגען, ווייל איך האָב מיך דערמאָנט די פּראָצעדור, וואָס דער מענש קומט דורך איהר אויף דער וועלט. איך האָב געוויינט, ווייל אַזאַ שעהנהייט ווי דו וועט צום סוף פאַרפוילט ווערען אין דער ערד!"...

און וואָס האָט ער געלאַכט? — פאַרענדיגט די דאָזיגע לעגענדע און זי ענטפערט, אַז ער האָט געלאַכט, ווייל ער האָט געזעהן מיט זיין רוח־הקודש, אַז זי וועט זיך מגייר זיין און ער וועט זי הייראַטען. און דאָס האָט ער איהר נישט געוואָלט זאָגען (זעה ר"נ צו מסכת נדרים דף נ' עמוד ב').

חאָטש עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטען צו לערנען, האָט ר' עקיבא אָפטמאָל געפונען די געלעגענהייט, צו זאָגען זיינע באַלעהרונגען צו זיינע תלמידים, אפילו דאַמאָלס ווען ער איז געזעסען אין דער תפיסה. עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז די זעקס זאַכען, וועלכע ער האָט געזאָגט צו זיין זוהן, האָט ער אויך געזאָגט אין דער תפיסה.

חוץ דעם זיינען נאָך פאַרהאַנען עטליכע אויסשפּרוכען זיינע, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם סטעמפּעל, אַז זיי זיינען געזאָגט געוואָרען ביי דיעזעלבע אומשטענדען, אַ שטייגער ווי וואָס ער האָט געזאָגט, אַז פינף מינים בעלי־עברה קענען נישט קיינמאָל קריגען אַ פאַרצייהונג פאַר זייערע זינד: 1) ווער עס טהוט פיעל תשובה; 2) ווער עס זינדיגט צו אָפט; 3) ווער עס זינדיגט אין אַ דור פון פרומע מענשען; 4) ווער עס זינדיגט מיט'ן צוועק תשובה צו טהון; 5) ווער עס ברענגט דורך זיינע זינד צו אַ חלול־השם (אבות דר' נתן פרק ל"ט).

ווען דער פסוק זאָגט "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", האָט דאָס ר' עקיבא דערקלערט, אַז יעקב'ס קול שרייט וועגען דעם, וואָס עשו'ס הענד טהוען צו איהם (בראשית רבה פרשה ס"ה).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער וואונדערשעהן פּאָעטיש אויסגעטייטש אַ פסוק אין שיר־השירים, אַז די אומות־העולם פרעגען ביי די אידען: "מה דודך מדוד? מיט וואָס איז עפּיס דיין גאָט אַנדערש ווי אַלע געטער, וואָס איהר לאָזט זיך אַזוי וועגען איהם הרג'נען? אַזעלכע שעהנע העלדענמוטהיגע מענשען ווי איהר זייט, קענען גאַנץ גוט קומען און אויס־

מישען זיך מיט אונז!" זאָגט אָבער די כנסת ישראל: "דודי צח ואדום. דגול מרבבה" (מכילתא פ' ט"ו).

כאַראַקטעריסטיש פאר ר' עקיבא'ס ענד איז, וואָס ר' אליעזר בן הורקנוס האָט איהם אַמאָל פאַראויס־געזאָגט, אז דער סוף זיינער וועט זיין אין אַ שחיטה. ביי אַן ארגומענט וועגען די צוגרייטונגען צו דער שחיטה פון קרבנות, וועלכע מען דאַרף מקריב זיין אים שבת, איז ר' אליעזר בייז גע־וואָרען אויף ר' עקיבא'ס שאלות, האָט ער אַ זאָג געטהון מיט כעס: "אין ענינים פון שחיטה האָסטו מיר אָפּגעענטפערט און מיט אַ שחיטה וועט זיין דיין טויט!" (פסחים דף ס"ט עמוד א').

די „עשרה הרוגי מלכות" — רבי חנינא בן תרדיון און אנדערע

ארום דער צייט פון חורבן ביתר אָדער אפשר עטוואָס שפּעטער — דער־צעהלט די לעגענדע — זיינען אויף'ן באַפעהל פונ'ם רוימישען שטאַטהאַלטער אין ארץ־ישראל דער'הרג'ט געוואָרען צ ע ה ן פּראָמינענטע צדיקים מיט אַ באַזונדערס שרעקליכען טויט.

קייזער האדריאן — דערצעהלט דער מדרש איכה רבתי — האָט זיך דאַמאָלס פאַרגענומען, אָפּצומעקען אַלע אידען פון אונטער'ן הימעל, און געהאָלפען דערצו האָט איהם זיין שטאַטהאַלטער טיראַנאָס רופוס, וועלכער האָט ביי אָט די הריגות געדיענט אַלס הענקער. פלעגט זיך דער קייזער (אָדער איינער פון זיינע פאַרטרעטער) אוועקזעצען ביים טויער פון דער שטאָדט און אָפּוואַרטען די פאַרבייגעהענדע אידען, זיי צו חאַפּען, אויף צו הרג'נען.

דאַביי פלעגט מען זיך נאָך וויצלען איבער די אָרימע צום טויט באַ־שטימטע מענשען אויף אַ צינישען אופן. האָט דער פאַרבייגעהענדער איד דעם רוימער באַגריסט, האָט צו'ן איהם דער רוימער געזאָגט: "דו אַזוינער און אַזעלכער, דו וואַגסט עס, מיך צו באַגריסען? ווילסטו דאָך אודאי, איך זאָל דיר גלויבען, אַז דו באַגריסט מיך אויף אַן אמת און ביי זיך אין הארצען שילטסט דו מיך. ביזטו טאַקי דערפאַר חייב־מיתה!" — און האָט דער פאַר־בייגעהענדער איד דעם רוימער נישט באַגריסט, האָט דער רוימער אַ געשריי געטהון: "אָט געהט אַ איד, וועלכער ווייזט נישט אַרוים קיין רעספּעקט צו זיין קייזער. פאַרשטעהט עס זיך אַליין, אַז ער האָט זיך דערפאַר דעם טויט פאַרדיענט!"...

אויף אָט אַזאַ אופן האָבען וואהרשיינליך טויזענדער אידען פאַרלוירען זייער לעבען, און ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא (פסחים דף נ' עמוד א' און בבא בתרא דף י' עמוד ב'), האָבען די חכמים גערעכענט, אַז יענע דער'הרג'טע אידען, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין אנדערן זכות ווי נור דעם, וואָס זיי זיינען גע'הרג'ט געוואָרען צוליעב זייער צוגעהעריגקייט צום אידישען פאָלק, זיינען אַזוי הייליג, אַז קיין שום מענש קען נישט שטעהען נאָהנט צו זיי.

ווי באַמערקט, האָט די לעגענדע אַוועקגעשטעלט די צאָהל צ ע ה ן פאַר יענע קדושים, וועלכע האָבען זיך געצעהלט אין די טויזענדער. זי האָט אויך דערמאָנט צעהן נעמען פון די "הרוגי מלכות", וועגען וועלכע עס איז היס־טאָריש פעסטגעשטעלט, אַז זיי זיינען טאַקי דער'הרג'ט געוואָרען פון די רוי־מער, אָבער נישט אַלע זיינען געשטאָרבען אין דערזעלבער צייט.

געוועהנליך דערמאָנען מיר דעם טויט פון די דאָזיגע "עשרה הרוגי מלכות" צוויי מאָל אין יאָהר: אין דער קינה "ארזי הלבנון" אים תשעה־באב און אין דער סליחה "אלה אזכרה" פון מוסף ליום־כפור.

דער מחבר פון דער דערמאָנטער קינה גלייך ווי פון דער יום־כפור'דיגער סליחה איז נאָכגעגאַנגען דער ערצעהלונג פון די מדרשים, וואו עס זיינען

דערמאָנט די נעמען פון די "עשרה הרוגי מלכות" אין צוויי נוסחאות. איין נוסח רופט אָן זייערע נעמען ווי פאָלגט: ר' ישמעאל בן אלישע, ר' שמעון בן גמליאל, ר' ישבב הסופר, ר' יהודה בן בבא, ר' חוצפית המתורגמן, ר' יהודה הנחתום, ר' חנינא בן תרדיון, ר' עקיבא, ר' שמעון בן עזאי און ר' אלעזר חרסנא. לויט אַן אַנדערן נוסח זיינען יענע צעהן מארטירער געווען די פאָלגענדע: ר' שמעון בן גמליאל, ר' ישמעאל בן אלישע, ר' אלעזר בן שמוע, ר' חנינא בן חכינאי, ר' יהודה בן בבא, ר' חנינא בן תרדיון, ר' חוצפית המתורגמן, ר' ישבב הסופר, ר' יהודה בן דמה און ר' יהודה הנחתום.

געה'רג'ט האָט מען יענע צעהן מארטירער — דערצעהלט די לעגענדע — אַזוי ווי זיי האָבען פאַרגעלייענט די תורה צום קייזער. זיינען זיי אַמאָל געקומען צו דעם דין, אַז ווען איינער גנב'ט אַ מענשען און פאַרקויפט איהם פאַר אַ שקלאַף, קומט איהם מיתה (שמות כ"א ט"ז). האָט זיי דער קייזער געזאָגט: "וואו זיינען אייערע עלטערן, די קינדער פון אייער פאָטער יעקב, וועלכע האָבען זייער ברודער פאַרקויפט? ווען איך וואָלט זיי געקענט קריגען, וואָלט איך זיי אויף דער שטעל צום טויט פאַראורטיילט. אַזוי ווי זיי זיינען אָבער נישט אין מיין האַנד, דאַרפט איהר פאַר זיי ליידען!"...

דער קייזער האָט זיי אויך געגעבען דריי טאָג צייט, זיי זאָלען זיך צו־גרייטען צום טויט. האָט דאַן ר' ישמעאל בן אלישע געזאָגט צו זיינע אַנדערע חברים: "אויב איהר ווילט אויף זיך נעהמען אַ טייל פון דער עברה, וואָס איך וועל יעצט אָנרופען דעם שם־המפורש, איך זאָל קענען מיט זיין כח ארויפקו־מען אין הימעל, וועל איך דאָרט געוואָהר ווערען, צי עס איז טאַקי אַזאַ גזר־דין מן השמים. אויב יאָ, וועלען מיר דאָס אויף זיך מוזען נעהמען. זאָנסט קען איך מיך באַשטרעבען, די גזרה פונ'ם קייזער בטל צו מאַכען מיט'ן כח פונ'ם שם־המפורש".

האָבען איהם די אַנדערע חכמים געענטפערט: "טהו וואָס דו קענסט און מיר נעהמען אויף זיך אונזער חלק פון דער עברה!"

מיט'ן כח פונ'ם "שם המפורש" האָט דאַן אַ שטורמווינד אויפגעהויבען ר' ישמעאל'ן אין די לופטען און אוועקגעטראָגען איהם אין הימעל אריין. דאָרט האָט ער תיכף באַגעגענט דעם מלאך מט"ט, וועמען ער האָט אויסגעפרעגט איבער דער גזרה, און דער מלאך האָט איהם געענטפערט: "אָט אַזוי האָב איך טאַקי געהערט אויסרופען, אַז צעהן פון די גרעסטע אידישע חכמים דאַרפען געה'רג'ט ווערען דורך דער רוימישער רעגירונג!" — און ווי ר' ישמעאל איז אַרונטערגעקומען מיט דער בשורה, זיינען די אַנדערע מארטירער געזעסען אין תענית און אין תפלה. זיי האָבען אויך צוגלייך געלערנט די דינים פון פסח. איז אַריינגעקומען אַ שליח פונ'ם קייזער, וועלכער האָט צו זיי געזאָגט: "איהר ווייסט, אַז עס איז אויף אייך אַרויסגעגעבען אַ טויטען־אורטייל און איהר האָט נאָך אַלץ געדולד צו לערנען!"...

אָט אַזוי שילדערט דער מדרש און נאָך איהם דער מקונן פון תשעה־באב גלייך ווי דער פייטן פון דער דערמאָנטער סליחה דעם גאַנג פון יענער הריגה, אין וועלכער רוים האָט אויסגעה'רג'ט די שעהנסטע מענשען פונ'ם אידישען פאָלק. אָבער לויט ווי עס ווערד געגעבען זיי אין דער גמרא, זיינען זיי געשטאָרבען אין פאַרשיעדענע צייטען. דאָסזעלבע איז אויך צו זעהען אין "סדר הדורות", און דער "יוחסין" זאָגט נאָך חוץ דעם אויסדריקליך, אַז מען זאָל זיך נישט טועה זיין צוליעב דער פאַרהאַנענער קינה, צו גלויבען, אַז

די „עשרה הרוגי מלכות"

די "עשרה הרוגי מלכות" זיינען געווען אלע אין איין צייט, ווייל ר' שמעון בן גמליאל איז גע'הרג'ט געוואָרען אין דער צייט פונ'ם חורבן, ר' עקיבא איז גע'הרג'ט געוואָרען זעכציג יאָהר שפּעטער און די אַנדערע חכמים זיינען גע'הרג'ט געוואָרען נאָך שפּעטער.

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט אין די תּלמודישע ספרים (מסכת שמחות פּרק ח' און מכילתא פּ' משפּטים), איז ארויסגעגעבען געוואָרען דער ערשטער טויטען-אורטייל געגען ר' שמעון בן גמליאל און ר' ישמעאל בן אלישע. און ווי ר' ישמעאל האָט דאָס געהערט, האָט ער אָנגעהויבען יעמערליך צו וויי־נען. האָט איהם ר' שמעון געזאָגט: "דאַרפסט זיין צופרידען, וואָס מיט צוויי שריט פון דאַנען קומסטו אריין אינ'ם שוים פון די צדיקים, און צום סוף וויינסטו גאָר?"

האָט ר' ישמעאל געענטפערט: "נישט ווייל איך דאַרף שטאַרבען, וויין איך, נור ווייל מיר געהען שטאַרבען ווי מערדער אָדער ווי שרעקליך זינדי־גע!"...

און ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכריכט וועגען זייער טויט צו ר' עקיבא און צו ר' יהודה בן בבא, האָבען זיי צוריסען זייערע קליידער, אָנגעטהון זיך אין זעק און זיי האָבען אזוי געזאָגט: "אידען דאַרפען וויסען, אז ווען עס וואָלט געדאַרפט אָנקומען א גוטע צייט פאַר דער וועלט, וואָלטען די צוויי, ר' שמעון און ר' ישמעאל, געווען די ערשטע, צו געניסען דאָס גוטע. ווייסט אָבער דער באַשעפער, אז עס דאַרפען אָנקומען גרויסע שטראָפען אויף דער וועלט, זיינען זיי צוליעב דעם אוועקגענומען געוואָרען פון דער וועלט".

און ווען ר' עקיבא איז גע'הרג'ט געוואָרען, איז אָנגעקומען די נאַכריכט צו ר' יהודה בן בבא און צו ר' חנינא בן תרדיון, האָבען זיי צוריסען זייערע קליידער, אָנגעטהון זיך אין זעק און אזוי געזאָגט: "הערט זיך איין, ברי־דער, ר' עקיבא איז גע'הרג'ט געוואָרען, נישט ווייל ער האָט אימיצען באַ־גזל'ט און נישט ווייל ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבען מיט גאָט'ס תורה. איז זיין טויט א סימן, אז עס דאַרפען אָנקומען שלעכטע צייטען. קען שוין איט־ליכער גלויבען, אז עס וועט נישט לאַנג דויערען, וועט נישט זיין קיין אָרט אין ארץ-ישראל, וואו עס וועלען זיך נישט ארומוואַלגערען מענשליכע קערפּערס".

פון די אַנדערע חכמים, וואָס זיינען געשטאָרבען צווישען די "עשרה הרוגי מלכות", איז צו דערמאָנען ר' **יהודה בן בבא**, וועלכער איז געשטאָרבען ביי דער "גזרת הסמיכה".

לויט ווי עס ווערד געזאָגט (אין תוספתא סוטה פּרק י"ג), איז ער געווען א תּלמיד פון שמואל הקטן און שפּעטער איז ער געווען א חבר פון ר' עקיבא אין יבנה, מיט וועמען ער פלעגט אָפט ארגומענטירען וועגען די פיהרונגען פונ'ם אידישען לעבען. אין די צייטען פון די שווידערליכע גזרות האָט ער מתיר גע־מאַכט, צו געבען חופּה וקדושין מיט איין עדות. און ווען די חכמים האָבען אויפגענומען עדות וועגען פאַרשיעדענע מנהגים פונ'ם אידישען לעבען, האָט ער עדות געזאָגט, אז מען האָט אמאָל אין ירושלים פאַראורטיילט א האָהן צום פאַרשטיינען, ווייל ער האָט גע'הרג'ט א קינד אין דער וויעג, וואָס ער האָט איהם מיט'ן שנאָבעל געלעכערט דעם מוח. ער איז אויך געווען באַקאַנט אלס זעהר א פרומער און אומעטום וואו די גמרא דערצעהלט "מעשה בחסיד אחד", איז עס געווען ר' יהודה בן בבא און נור מאַנכעס מאָל איז עס געווען ר' יהודה בר אלעאי (זעה בבא קמא דף ק"ג עמוד ב').

ווענגן דעמזעלבען ר׳ יהודה בן בבא ווערד דערצעהלט, אז אלסדינג וואָס ער האָט געטהון אין זיין לעבען, איז געטהון געוואָרען מיט דער איינציגער כוונה פון ״לשם שמים״, און ווען ער איז געשטאָרבען, האָט מען נישט גע־קענט געפינען דאָס מינדעסטע ברעקעל עברה אין זיינע האנדלונגען, ווי נור דאָס איינציגע, וואָס ער האָט געהאלטען א ציעג אין הויז, און האלטען ציעגען אין ארץ־ישראל האָבען די חכמים פארבאָטען, ווייל זיי האָבען די שלעכטע טבע, צו פּאַשען זיך אין פרעמדע פעלדער.

די אורזאַך, וואָס ער האָט געהאלטען א ציעג, איז געווען, ווייל ער האָט שטארק געהוסט און די דאָקטוירים האָבען איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל טרינקען ווארימע מילך דירעקט פון דער ציעג. און אזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט, מען זאָל קענען אויף איהם זאָגען, אז זיין ציעג האָט זיך אמאָל געפּאַשעט אויף א פרעמדען פעלד, פלעגט ער די ציעג האלטען צוגעבונדען צו׳ן א פוס פון זיין בעט. פון דעסטוועגען, ווען ער איז קראַנק געוואָרען, האָבען די חכמים ניט געוואָלט אריינגעהען צו׳ן איהם אין הויז, ווייל ער האָט געהאלטען א ״גזלן״ (דאָס הייסט א ציעג) ביי זיך אין שטוב (זעה ירושלמי סוטה פרק ט׳ הלכה י׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, אז די רעגירונג האָט איינמאָל ארויסגעגעבען א גזרה, נישט צו געבען קיין ״סמיכה״ צו תלמידים, אז ווער עס וועט געבען ״סמיכה״ און ווער עס וועט נעהמען ״סמיכה״, זאָל דערפאַר באַצאָהלען מיט זיין לעבען. און די ערטער, וואו מען וועט געבען ״סמיכה״, זאָלען פארוויסט ווערען צוזאמען מיט דער גאַנצער געגענד.

איז ר׳ יהודה בן בבא געגאַנגען און האָט זיך אוועקגעזעצט צווישען צוויי הויכע בערג און צוויי גרויסע שטעדט, צווישען אושא און שפרעם, צו געבען דאָרט ״סמיכה״ צו זיינע תלמידים, אז טאָמער וועט מען איהם האַפּען, זאָל מען נישט קענען דורכפיהרען די גזרה פון פארוויסטונג אויף דער שטאָדט אָדער אויף דער געגענד — און דאָרט האָט ער מסמיך געווען פינף אָדער זעקס תלמידים.

פּלוצים האָט מען דערזעהען סאָלדאַטען אָנקומען, האָט ר׳ יהודה א זאָג געטהון צו זיינע תלמידים: ״קינדערלעך אנטלויפט!״ — האָבען איהם די תלמידים געפרעגט: ״און וואָס וועט זיין מיט דיר?״ — האָט ער זיי גע־ענטפערט: ״איך וועל מיך פארשטעלען ווי טויט און איך וועל ליגען ווי א שטיין, וואָס מען קען איהם נישט איבערדרעהען!״...

זיינען די סאָלדאַטען צוגעקומען — און דערזעהענדיג א טויטען ליגען, האָבען זיי געוואָלט אויספּרובירען, צי ער איז טאַקי טויט, האָבען זיי אריינ־געשטאָכען אין זיין קערפּער דריי הונדערט אייזערנע שפּיזען, ביז זיי האָבען דעם גאַנצען גוף זיינעם געלעכערט ווי א זיפּעל (סנהדרין דף י״ד עמוד א׳).

דאַכט זיך, אז דאָס איז געווען דער טויט פון ר׳ יהודה בן בבא. דערצו איז נאָך מעהר ווי זיכער. אז מען האָט אויך דאַמאָלס געחאַפּט מאַנכע פון די תלמידים און מען האָט זיי דער׳הרג׳ט.

* * *

צווישען די ״עשרה הרוגי מלכות״ געפינען זיך אויך אזעלכע מענשען ווי ר׳ ישכב הסופר און ר׳ חוצפית המתורגמן, וועלכע האָבען נישט אָנגע־פיהרט קיין אייגענעם בית־המדרש און זיי זיינען בלויז געווען באַאמטע ביים

בית-דין אין יבנה. האָט זיך עס זיי אין אָנהויב איינגעגעבען, זיי זאָלען זיך פאַר א געוויסע צייט באהאַלטען אין צפורי, ביז זיי זיינען ענדליך געחאַפּט געוואָרען.

ר' ישבב הסופר איז געווען א שרייבער פון ספרי־תורה און א פּראַטאָקאָל־פיהרער ביים בית־דין. אין לערנען איז ער געווען א תלמיד און שפּעטער א חבר פון ר' עקיבא, מיט וועמען ער האָט דאַן אָפטמאָל געהאַט ארגומענטען אין ענינים פון הלכה. די אָרימקייט פון די אידען אין ארץ־ישראל איז אין דער צייט פון זיין ווירקונג געווען גאַר אַ שרעקליכע, און ווער עס האָט נור געהאַט די מעגליכקייט, האָט צוטיילט דעם גרעסטען טייל פון זיין פאַרמעגען צו אָרימע לייט. האָט דאַן ר' ישבב צוטיילט אַלסדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, חאָטש ר' גמליאל האָט איהם געזאָגט, אז מען טאָר נישט זיין אזא "פזרן", ווייל מען דאַרף נישט אוועקגעבען מעהר ווי אַ פינפטעל פון דעם, וואָס ׳אַ מענש פאַרמאָגט (זעה ירושלמי פאה פרק א' הלכה א').

לויט אַן אנדערן נוסח איז נישט ר' גמליאל נור ר' עקיבא געווען דער־יעניגער, וועלכער האָט אָנגעזאָגט צו ר' ישבב הסופר, אז אַ מענש דאַרף נישט מעהר אוועקגעבען ׳פאַר אָרימע ווי אַ פינפטעל פון דעם וואָס ער פאַר־מאָגט (כתובות דף נ' עמוד א') — און ביי די סנהדרין אין אושא איז דאָס באַשלאָסען געוואָרען אַלס א דין (ערכין דף כ"ח עמוד א').

וועגען ר' חוצפית המתורגמן, איז באקאַנט, אז ער איז גע־ווען דער איבערזעצער ביי די סנהדרין אין יבנה און דער אויסטייטשער פון דער תורה אינ'ם בית-המדרש, ווי ווייט דאָס איז געווען נויטיג פאַר ווייבער און עמי־ארצים. איינמאָל איז אויך דערמאָנט זיין מיינונג (אין א משנה פון מסכת שביעית פרק י') וועגען אַן ענין פון הלכה, אין דער פראַגע פון אַ "פּרוזבול" *).

איידער דער רוימישער הענקער האָט דעם ר' חוצפית געטויטעט, האָט ער איהם צוערשט ארויסגעריסען די צונג און אוועקגעוואָרפען אין מיסט. שפּעטער האָט מען געזעהען, ווי הינד האָבען די צונג ארומגעשלעפּט, האָבען די חכמים געקלאָגט: "א צונג, וועלכע האָט געשאָטען פּערעל, דאַרף לעקען שטויב" (קדושין דף ל"ט עמוד א').

* * *

צווישען די "הרוגי מלכות" פון יענער צייט זיינען אויך געווען די צוויי ברידער פּאַפּוס און לוליאנוס. זיי ווערען אפילו נישט דערמאָנט צוזאַמען מיט די "עשרה הרוגי מלכות". זיי ווערען אָבער דערמאָנט אין פאַר־בינדונג מיט ר' עקיבא. **)

אין דער גמרא (תענית דף י"ח עמוד ב') ווערד דערצעהלט, אז לוליאנוס און פּפּוס בן יהודה זיינען צוויי ברידער, וועלכע טורנוס רופוס האָט געלאָזט

*) "פּרוזבול" איז אַ געזעצליכע "פאָרמולאַ" פאַר אַ קאָנטראַקט, איינגעפיהרט פון הלל הזקן פאַר דער טובה פון די מענשען, וואָס פלעגען לייהען געלד, זיי זאָלען נישט האָבען קיין שאָדען אין אַ יאָהר פון שמיטה, ווען מען פלעגט אַלע חובות אָפּמעקען.

**) פּפּוס בן יהודה איז געווען אַ תנא אין ר' עקיבא'ס צייטען, — און די גמרא זאָגט וועגען איהם, אז ער איז געווען אַ צדיק (זעה ירושלמי סנהדרין פרק ג' הלכה ה').

הרג׳נען אין דער שטאָדט לודקיא. אזוי ווי מען האָט דאמאָלס פלוצים געפונען א גע׳הרג׳טע קייזערליכע פרינצעסין, האָט מען געזאָגט אויף די אידען, אז זיי האָבען זי גע׳הרג׳ט. האָט דער רוימישער שטאָטהאַלטער פון ארץ־ישראל ארויסגעגעבען א באפעהל, אויסצו׳הרג׳נען אלע אידען. האָבען יענע צוויי ברידער דעם שטאָטהאַלטער ערקלערט, אז נישט קיין אנדערער ווי נור זיי אליין האָבען די פרינצעסין גע׳הרג׳ט, האָבען זיי דאן מיט זייער טויט אָפגעראַטעוועט אלע אידען.

לויט אן אנדערן נוסח ווענען זייער טויט זיינען די דאָזיגע צוויי ברידער דער׳הרג׳ט געוואָרען, ווען דער קייזער האָט זיי געזאָגט: ״אויב איהר זייט פון דעמזעלבען פאָלק, וואָס חנניה, מישאל ועזריה זיינען פון איהם ארויס־געקומען, דארף אייך אייער גאָט אָפראַטעווען פון מיינע הענד!״ — האָבען זיי אויף דעם געענטפערט: ״חנניה מישאל ועזריה זיינען געווען פרומע מענשען און נבוכדנצר איז געווען א קעניג א ווירדיגער, איז דורך איהם געשעהען א נס. דו ביזט אָבער א פשוט׳ער רשע און מיר זיינען חייב־מיתה, איז ווען דו וועסט אונז נישט הרג׳נען, וועלען זיך געפינען אנדערע, וואָס וועלען אונז הרג׳נען, און אז דו וועסט אונז יאָ הרג׳נען, וועט דער אויבערשטער פאָדערן אונזער בלוט פון דיינע הענד!״ (ספרא פ׳ אמור).

פון אָט דעם לעגענדארישען פלאַנטער איז ארויס צו נעהמען, אז פפוס בן יהודה איז געווען אן אנהענגער פון א שלום מיט רוים. האָט ער דאדורך געשטראָפט ר׳ עקיבא׳ן, ווען ער האָט ׳געזעהען, ווי ר׳ עקיבא לערנט עפענטליך מיט תלמידים, האָטש די רעגירונג האָט דאָס אונטער טויט־שטראָף פאַרבאָטען. דערנאָך איז ער אליין געהאַפּט געוואָרען צוליעב אן אנדערע זינד, פאַר וועלכער ער האָט געדארפט באַצאָהלען מיט זיין לעבען. האָט ער דאן געזאָגט צו ר׳ עקיבא׳ן: ״אז וואויל איז צו דיר, ר׳ עקיבא, וואָס דו ביזט געהאַפּט געוואָרען ביים לערנען גאָט׳ס תורה, און וועה איז צו פפוס׳ן, וועלכער איז געהאַפּט געוואָרען צוליעב נאַרישקייטען!״ (ברכות דף ס״א עמוד ב׳).

* * *

צווישען די פראָמינענטעסטע פון די ״עשרה הרוגי מלכות״ איז געווען רבי חנינא בן תרדיון, וועלכער האָט אָנגעפיהרט זיין אייגענעם בית־המדרש אין דער שטעדטעל סכנין.

אזוי ווי די רוימישע רעגירונג האָט געהאַט פאַרבאָטען, אָנצוהאַלטען א צענטראַלען בית־המדרש ביי די ״סנהדרין״ אין יבנה, דערנאָך האָט מען אויס־גע׳הרג׳ט אלע לערנערס אין לוד און מען האָט זיי אויך פאַרטריבען פון אושא, האָבען מאַנכע פון די חכמים אָנגעהויבען פיהרען אייגענע בתי־מדרשים אין פאַרשיעדענע ווינקעל־שטעדטלעך, וואו מען האָט געדענקט, אז מען וועט זיך דאָרט קענען אויסבאַהאַלטען פון די רוימער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיגע בתי־מדרשים איז, וואָס יעדער האָט פון זיי געוואוסט, האָטש עס איז געווען פאַרבונדען מיט א געפאַהר פאַר׳ן לעבען, ווייל גלייך ווי רבי עקיבא האָט געדענקט, אז מען טאָר זיך נישט באַהאַלטען מיט׳ן לערנען, איז אויך רבי חנינא בן תרדיון פשוט געווען פאַרליעבט אינ׳ם לערנען מיט תלמידים און ער האָט נישט געקוקט גאָר אויף קיין שום געפאַהר.

ער פלעגט זאָגען, אז ווען צוויי מענשען זיצען צוזאַמען און ריידען נישט צווישען זיך קיין ״דברי תורה״, איז דאָס נישט מעהר ווי א ״מושב לצים״.

זיינען אָבער אַזעלכע צוויי מענשען יאָ עוסק אין לערנען, רוהט די שכינה צווי־שען זיי. און ווען עס זיצט אַ מענש איינער אַליין, דאַרף ער זיך אויך אָפּ־געבען מיט לערנען, וועט איהם דער אויבערשטער דערפאַר געבען אַ גוטען שכר (אבות פרק ג' משנה ב').

צו דעם דאַרף מען אויך וויסען, אַז לערנען ביחידות איז דאַמאָלס כמעט גאַר נישט געווען בנמצא. געשריבענע ספרים חוץ די "כתבי הקודש" זיינען נישט געווען פאַרהאַנען — און האָבען אַזאַ תנ"ך אין הויז איז געווען גאַר אַ גרויסע זעלטענהייט, איז דאַן דאָס לערנען געווען כמעט אין גאַנצען אויסען־ווייניג. איינער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, געלייענט דעם פסוק און צוגע־געבען זיינע אויסטייטשונגען, און די אַנדערע האָבען אָפּגעפרעגט אָדער פּרו־בירט געבען אַנדערע ערקלערונגען.

מיט רבי חנינא בן תרדיון האָט אין די ערשטע יאָהרען זיינע צוזאַמען גע־לערנט — ר ב י י ו ס י ב ן ק ס מ א, וועלכער האָט זיך שפּעטער וואָר־שיינליך אָפּגעשיידט, ווען ער האָט געזעהען, אַז די לאַגע איז אַ געפעהרליכע, און ווער עס ווערד געהאַפּט ביים לערנען, דאַרף באַצאָהלען פאַר זיין "פאַר־ברעכען" מיט'ן לעבען.

און ווען דער דאָזיגער רבי יוסי בן קסמא איז קראַנק געוואָרען צום שטאַרבען, איז רבי חנינא בן תרדיון געקומען איהם מבקר חולה זיין, האָט איהם רבי יוסי אויסגע'מוסר'ט פאַר זיין געוואַגטקייט, וואָס ער שטעלט איין זיין לעבען, לערנענדיג מיט תלמידים.

— זעה — האָט ר' יוסי געזאָגט — אָט די אומה, די רוימער הייסט עס, האָט דער אויבערשטער איבערגעגעבען די ממשלה. זיי האָבען חרוב געמאַכט זיין הויז, פאַרברענט זיין טעמפּעל, דער'הרג'ט זיינע פרומע מענשען, די בעס־טע וואָס אונזער פאָלק האָט פאַרמאָגט, און יעצט האָב איך געהערט, אַז דו קלייבסט צונויף אַרום דיר תלמידים מיט אַ ספר־תורה אין דיין שויס. פרעג איך דיך, צי עס וואָלט נישט בעסער געווען, דו זאָלסט זיך טאַקי באַהאַלטען, וואָס דער סוף קען זיין דערפון ?

האָט רבי חנינא אויף דעם געענטפערט:

— דער אויבערשטער אין הימעל וועט האָבען רחמנות !

האָט רבי יוסי ווייטער געזאָגט:

— איך רייד צו דיר מיט לאָגיק און דו ענטפערסט מיר, אַז פון הימעל וועט מען האָבען רחמנות. וועט עס מיך וואונדערען, אויב מען וועט דיך נישט האַפּען און פאַרברענען צוזאַמען מיט דיין ספר־תורה! (שמחות פרק ח').

אָט די מיינונג פון רבי יוסי בן קסמא וועגען די רוימער, אַז מען דאַרף אָנבויגען דעם קאָפּ צו זייער ווילען, איז וואַרשיינליך געווען באַקאַנט אין די קרייזען פון דער רוימישער מאַכט. איז ער צוליעב דעם געווען אָנגעזעהן ביים שטאַטהאַלטער אין צעזאַרעא — און ווען ער איז געשטאַרבען, האָבען די רוימער געוואוסט, אַז זייערער אַ פריינד איז געשטאַרבען, זיינען די העכסטע רוימישע באַאַמטע געגאַנגען צו זיין לויה און זיי האָבען איהם אויך באַקלאָגט ביי זיין קבר.

צוריקגעהענדיג פון דער לויה, האָבען די רוימער געזעהען, ווי רבי חנינא בן תרדיון זיצט מיט אַ ספר־תורה אין זיין שויס און תלמידים זיצען אַרום איהם. האָט מען איהם תיכף גענומען צום משפט, וואו מען האָט איהם פאַר־

אורטיילט צום פארברענען. גלייכצייטיג האָט מען אויך זיין פרוי פאראור־טיילט צום טויט און זיין טאָכטער האָט מען אוועקגעשיקט זיצען אין א "שאנד־הויז".

אין איינעם מיט רבי חנינא בן תרדיון איז דאן געחאפט געוואָרען זיינער א חבר — ר ב י א ל ע ז ר ב ן פ ר ט א, וועלכער האָט זיך געדראפט פארענטפערען פאר פינף פארשיעדענע עברות געגען רוימישען געזעץ. און ווען זיי זיינען זיך ביידע צונויפגעקומען אין דער תפיסה, האָט ר' אלעזר געזאָגט:

— וועה איז מיר, וואָס מען האָט מיך געחאפט ביי פינף פארשיעדענע עברות!

האָט איהם רבי חנינא געענטפערט:

— אז וואויל איז דיר, וואָס דו ביזט געחאפט געוואָרען וועגען פינף עברות און דו וועסט זיכערליך פון אלעמען אפגעראטעוועט ווערען. דיין רעטונג איז אויך מעהר געזיכערט, ווייל דו האָסט דיך אפגעגעבען מיט לערנען און מיט טהון גוטס צו אנדערע מענשען, אָבער איך האָב מיך בלויז אפגעגעבען מיט לערנען!

ביים פארהער פון רבי חנינא בן תרדיון, ווען די רוימער האָבען איהם געפרעגט, האָט ער דרייסט ערקלערט, אז ער האָט געטהון וואָס "דער אויבער־שטער האָט געהייסען".

האָט מען איהם איינגעוויקעלט אינ'ם ספר־תורה, וועלכעס ער האָט גע־האלטען אין זיין שויס, דערנאָך האָט מען איהם ארומגעלייגט עטליכע בינט־לעך דינע צווייגען און מען האָט איהם אונטערגעצונדען. און כדי ער זאָל נישט באלד פארברענט ווערען, האָט מען איהם צוגעלייגט צום הארצען בינט־לעך וואָל, געווייקט אין וואסער.

דערביי האָט געמוזט שטעהן זיין טאָכטער און עס זיינען אויך געשטאנען זיינע תלמידים. האָט די טאָכטער געזאָגט:

— וועה איז מיר, טאטע, וואָס איך דארף דיך זעהן אויף אזא שטייגער!

האָט איהר דער פאָטער געענטפערט:

— ווען איך זאָל אליין פארברענט ווערען, וואָלטען מיר די יסורים זעהר שווער געווען. אזוי ווי איך ווער אָבער פארברענט צוזאמען מיט'ן ספר־תורה, בין איך זיכער, אז ווער עס וועט אויסטיילען די שטראָף פאר'ן פארברע־נען די ספר-תורה, דער וועט אויך שטראָפען פאר מיר!...

און ווען ער האָט געברענט, האָבען איהם די תלמידים געפרעגט:

— רבי, וואָס זעהסטו יעצט?

איך זעה בלויז ווי דער פארמעט ברענט און די אותיות פליהען אוועק אין דער לופט! — האָט ער זיי געענטפערט.

האָבען איהם די תלמידים געזאָגט:

— עפען אויף דאָס מויל, וועט דאָס פייער גיכער אין דיר אריינגעהן און דו וועסט שנעלער שטארבען!

האָט ער זיי געענטפערט:

— איך אליין וויל נישט מיין טויט דערנעהנטערען!

דאָס זעהענדיג, האָט איהם דער שארפריכטער, וועלכער האָט געצונדען דאָס פייער, א פרעג געטהון:

— רבי, איך וועל גרעסער מאכען דאָס פייער, דו זאָלסט גיכער שטאר־בען, וועסטו מיך ברענגען צו עולם־הבא?

די „עשרה הרוגי מלכות"

און ווען רבי חנינא האָט איהם געענטפערט אויף יאָ, האָט דער שאַרפריכ־טער אַרונטערגענומען די וואָל פון זיין האַרץ, איז איהם די נשמה תיכף אויסגעגאַנגען (זעה מסכת עבודה זרה דף י"ז און ווייטער).

* * *

צוזאַמען מיט רבי חנינא בן תרדיון איז געחאַפּט געוואָרען רבי אלעזר בן פּרטא, וועלכער איז געווען אַ תלמיד־חכם און אַ גוט־האַרציגער מענש. פון ר' חנינא דאַנגעגען ווערד דערצעהלט, אַז ער איז טאַקי געווען זעהר אַן עהרליכער אין ענינים פון צדקה, גלייכצייטיג אַז ער אָבער געווען אַ געטרוי אויסגערעכענטער און ער פלעגט זיך האָבען זיין מאָס פאַר צדקה. איין מאָל בלויז האָט זיך ביי איהם אויסגעמישט דאָס געלד, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר אַ פּורים'דיגע סעודה, מיט'ן געלד פון צדקה און ער האָט דאַן ביידע מיני געלדער פאַרטיילט צו אָרימע לייט, האָט ער דאָס דערנאָך עטליכע מאָל דערמאָנט פאַר אַ באַזונדערען חידוש.

צי רבי אלעזר בן פּרטא איז טאַקי אָפּגעראַטעוועט געוואָרען דאַמאָלס פון טויט, ווערד נישט דערצעהלט. ווען יאָ, איז ער אפשר אויך געווען אַן אַנהענגער פון אַ שלום מיט רוים גלייך ווי ר' יוסי בן קסמא, ווייל וואָס די לעגענדע דערצעהלט וועגען זיין פאַרטיידיגונג געגען די באַשולדיגונגען פון דער רעגירונג, איז זיכערליך נישט געווען גענוג פאַר אַ פאַרטיידיגונג געגען די בלוט־דורשטיגע רוימער.

מען האָט איהם חושד געווען, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט לערנען און ער איז אויך באַטייליגט ביי די גנבות פון די פאַרשיעדענע רויבער־באַנדעס, וועלכע האָבען דאַמאָלס אומזיכער געמאַכט דאָס לאַנד. האָט ער אויף דעם געענטפערט:

— ווען איהר זייט מיך חושד, אַז איך גיב זיך אָפּ מיט'ן ספר, קענט איהר מיך נישט חושד זיין וועגען דעם שווערד, און ווען איהר זייט מיך חושד אַז איך געה אום מיט'ן שווערד, קענט איהר מיך נישט חושד זיין, אַז איך האָב צו טהון מיט'ן ספר. אַזוי ווי איינס איז נישט אמת, אַזוי איז אויך דאָס אַנדערע נישט אמת!

— אויב דו האָסט נישט צו טהון מיט'ן ספר — האָבען דאַן די ריכטער איהם געפרעגט — טאָ פאַרוואָס רופט מען דיך "רבי"?

— מען רופט מיך "רבי" — האָט ר' אלעזר געענטפערט — ווייל איך בין דער רבי פון די וועבער.

האָט מען איהם געוואָלט אויספּרובירען, צי ער פאַרשטעהט זיך אויף וועבעריי, האָט מען איהם געוויזען אַ שטיקל געוועבטען שטאָף, ער זאָל פאַנאַנדערקלויבען די פעדעם פון דער לענג און די פעדעם פון דער ברייט. איז געשעהען אַ נס, אַז אַ ביהן, אַ זכר, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די פעדעם פונ'ם געוואַנד, וועלכע געהען אין דער לענג, און אַ ביהן, אַ נקבה, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די פעדעם, וואָס געהען אין דער ברייט, האָט ער דאַן פאַרשטאַנען צו ווייזען דעם אונטערשיעד צווישען די ביידע מינים פעדעם, די רוימער זאָלען איהם גלויבען, אַז ער איז אַ געלערנטער וועבער־מייסטער.

— און פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען צו דער פאַרזאַמלונג פון "בי־אבידן"? — האָבען איהם די ריכטער ווייטער געפרעגט.

האָט רבי אלעזר אויף דעם געענטפערט:

— אזוי ווי איך בין אן אלטער מאַן, האָב איך מורא געהאַט, מען זאָל מיך נישט דאָרט צוטרעטען.

האָבען די ריכטער דעם דאָזיגען אויסרייד לכתחלה נישט געוואָלט אָנערקענען, איז דאַן געשעהען א נס, וואָס עס איז טאַקי אין דעמזעלבען טאָג איינער אן אַלטער מאַן צוטראָטעוועט געוואָרען אין "בי־אבידן" *).

— און פאַרוואָס האָסטו עפּעס דיינעם א שקלאַף באַפרייט? — האָבען די ריכטער ווייטער געפרעגט:

האָט דאָס רבי אלעזר אָפּגעלייקענט. איז אויפגעשטאַנען איינער, עדות צו זאָגען געגען איהם. איז געקומען אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון א רוימישען באַאמטען און ער האָט געזאָגט:

— אזוי ווי מיר זעהען, אז עס זיינען איהם געשעהען נסים ביי אַלעמען, וועט איהם אודאי אויך יעצט געשעהען א נס.

די באַרעכטיגונג פאַר די שווערע שטראָפען פון רבי חנינא בן תרדיון און זיין פאַמיליע, וואָס ער איז פאַראורטיילט געוואָרען צום פאַרברענען, זיין פרוי צום הרג'נען און זיין טאָכטער צו זיצען אין א "שאַנד־הויז", האָבען די חכמים שפּעטער ערקלערט אַלס א פאַרדיענטע שטראָף פאַר באַזונדערס שווערע עבירות: ר' חנינא האָט פיעלע מאָל ארויסגעזאָגט דעם "שם־המפורש". די פרוי זיינע האָט דאָס געהערט און זי האָט איהם גאָר נישט געזאָגט דערפאַר, און די טאָכטער איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַר א חברה גרויסע לייט, רוימער, האָט זי געהערט, ווי יענע לויבען איהר שעהנעם גאַנג, איז זי דעמאָלט שטאָלץ געוואָרען אויף איהרע שעהנע טריט, האָט זיי דער אויבערשטער געשטראָפט פאַר איהר שטאָלץ.

א צווייטע טאָכטער פון ר' חנינא בן תרדיון איז געווען די פרוי פון רבי מאיר — און איהר איז אויך אויסגעקומען צו ליידען יסורים צוליעב איהרע אייגענאַרטיגע אנשויאונגען וועגען פרויען.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערען, אז אין א ויכוח צווישען די חכמים וועגען א געוויסע הלכה, האָבען זיך אַמאָל באַטייליגט א זוהן און א טאָכטער פון רבי חנינא בן תרדיון. איז דאַן געקומען די ידיעה וועגען דעם צו ר' יהודה בן בבא, האָט ער געזאָגט, אז ר' חנינא'ס טאָכטער האָט בעסער געלערנט פּשט פון'ם זוהן.

אַט דער זוהן פון ר' חנינא האָט זיך נאָך ביים לעבען פון זיין פאָטער אָנגעשלאָסען צו אַ באַנדע גזלנים. נאָך דעם דורכפאַל פון בר־כוכבא'ס רעוואָלוציע זיינען פאַרבליבען גרופּען אידישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין באַנדעס, אָנצופיהרען א "גערילאַ־קריעג" געגען רוים, דאַביי האָבען זיי גערויבט און געמאָרדעט, וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט, און די רוימער האָבען אָנגעווענדעט אַלע כחות, די דאָזיגע באַנדעס אויסצוראָטען.

---

*) וועגען "בי־אבידן" האָב איך שוין געשריבען, אז דאָס איז געווען א פּלאַץ פון "וכוחים" צווישען אידען און זייערע געגנער. וואָס דער נאָמען מיינט, איז נאָך ביז היינט נישט גענוי דערקלערט געוואָרען. מאַנכע היסטאָריקער זאָגען, אז מען דאַרף לייענען "בי־אביון", ווייל די וכוחים זיינען געווען מיט די ערשטע קריסטען, וועלכע האָבען זיך גערופען "אביונים". אַנדערע זאָגען, אז "בי־אבידן" איז דער נאָמען פון א פּערסישער סעקטע און די וכוחים זיינען געווען מיט פּערזיער. האָט מען אָבער אונזער בן פּרטא'ן פאַרגעוואָרפען, וואָס ער איז נישט געקומען צו "בי־אבידן", איז דאָס א סימן, אז מען האָט דאָ להלוטין נישט צו טהון מיט קריסטען אָדער מיט פּערזער.

איז ר' חנינא'ס זוהן געווען א מיטגליד פון אזא באנדע, איז ער אמאל גע־חאפט געווארען פון די רוימער, וועלכע האבען איהם פארשפראכען צו שענ־קען דאס לעבען, ווען ער וועט ארויסגעבען די סודות פון דער באנדע. און אזוי ווי ער האט דאס געטהון, האבען איהם די פריהערדיגע חברים זיינע דער'הרג'ט און אנגעשטאפט זיין מויל פול מיט בלאטע. דריי טאג שפעטער האט מען איהם געפונען, האט מען איהם אריינגעלייגט אין אן ארון צום בא־גראבען — און צוליעב דעם כבוד פון זיינע עלטערען, האט מען געוואלט האלטען א הספד נאך איהם. האט דאס ר' חנינא נישט געוואלט לאזען טהון (שמחות סוף פרק י"ב).

וועגען ר' יוסי בן קסמא איז שוין באמערקט געווארען, אז ער איז גע־ווען אן אנהענגער פון א שלום מיט רוים. פון דעסטוועגען האט ער גע־גלויבט, אז די רוימער וועלען סוף־כל־סוף ארויסגעשטויסען ווערען פון ארץ־ישראל דורך די פערזער, ווען זיי וועלען האבען עראבערט בבל. האט ער צוליעב דעם אנגעזאגט צו זיינע תלמידים, אז ווען זיי וועלען איהם באגראבען, זאלען זיי דעם ארון זיינעם אריינגראבען טיף אין דער ערד, ווייל "עס וועט אמאל ניט זיין קיין איין פאלמען־בוים אין ארץ ישראל, וואס א פערזיש פערד זאל נישט זיין צו'ן איהם צוגעבונדען, גלייך ווי עס וועט נישט זיין קיין איינ־ציגער ארון אין ארץ־ישראל, וואס א פערד פון מדי וועט נישט עסען אין איהם שטרוי".

ביי דער געלעגענהייט האבען איהם די תלמידים געפרעגט: "ווען וועט שוין משיח קומען?" — האט ער א ביסיל געדרעהט מיט דער צונג און נישט געוואלט גאר זאגען. זיינען אבער די תלמידים צו איהם צוגעשטאנען, האט ער זיי געזאגט: "ווען דאס טויער וועט איינפאלען און אויף'ס ניי צוריק אויפגעבויט ווערען, שפעטער וועט עס ווייטער איינפאלען, און איידער עס וועט נאך זיין צייט, מען זאל עס קענען צוריק אויפבויען, וועט משיח קומען (סנהדרין דף צ"ח עמוד א').

דאס זאגענדיג, האט ער אבער נישט ערקלערט, וועלכעס טויער ער מיינט. האט מען דערנאך פארשיעדענעס אריינגעקלערט. זאגט דער "ילקוט המכירי", אז ער מיינט דאס טויער פון טבריה, דאגעגען זאגט רש"י, אז ער האט גע־מיינט דאס טויער פון רוים...

צו דער כאראקטעריסטיק פון ר' יוסי בן קסמא איז נאך צוצוגעבען, וואס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, ווי עס האט איהם אמאל איינער א גרויסער עושר פון אן אנדערער שטאדט פארבעטען, ער זאל זיך באזעצען אין זיין שטאדט, וועט מען איהם געבען מיליאנען גאלדענע דוקאטען און די טייער־סטע איידעלשטיינער. האט ער אויף דעם געענטפערט, אז ווען מען זאל איהם געבען אלעס גאלד און זילבער, איידעלשטיינער און פערעל, וואס די גאנצע וועלט פארמאגט, וועט ער נישט וואוינען ערגיץ אנדערש ווי נור אין אן ארט פון לערנען (אבות פרק ג' משנה ט').

פון ר' אלעזר בן פרטא, וועלכער איז געחאפט געווארען צוזאמען מיט ר' חנינא בן תרדיון, איז געבליבען איין הלכה אין דער משנה (גטין פרק ג') וועגען א בת־ישראל, וועלכע איז פארהייראטה צו'ן א כהן, צי זי מעג נאך עסען תרומה, ווען עס קומט איהר אן די נאכריכט, אז איהר מאן געפינט זיך אויף א שיף, פארשלאגען אין מיטען ים, אדער ער איז ארויסגעגאנגען צו'ן א משפט, וואו ער קען פארלירען זיין לעבען. אזוי ווי אט די אלע האבען א

מעגליכקייט, צו בלייבען לעבען, האט ער געזאגט, אז אזא פרוי מעג עסען תרומה, ווי לאנג עס איז נישטא די געוויסהייט, אז דער מאן איהרער איז טויט.

ווי עס איז אנצונעהמען, איז ר׳ אלעזר בן פרטא געווען א תלמיד פון ר׳ אליעזר המודעי און א חבר פון אלע חכמים אין יבנה, מיט וועלכע ער פלעגט צוזאמען לערנען און ארגומענטירען וועגען די איינטייטשונגען אין די דינים פון דער תורה.

ער פלעגט אויך זאגען, אז זייט דער בית־המקדש איז חרוב געווארען, איז דער רעגען געווארען א דינער און אן אומפרוכטבארער. די גאנצע נאטור פון ארץ־ישראל האט זיך פארענדערט. אמאל רעגענט צו פיעל און אמאל רעגענט צו ווייניג, אמאל קומט דער רעגען אין צייט און אמאל געהט ער נישט אין צייט. איז ווען דער רעגען קומט אין צייט, צו וואס איז דאס געגליכען? צו׳ן א קנעכט, וואס דער בעל־הבית זיינער גיט איהם באלד אום זונטאג זיין פרנסה, קען ער זיך אויסבאקען זיין טייג און עסען זיין ברויט אין דער גע-העריגער צייט. און ווען עס איז א יאהר, וואס דער רעגען קומט נישט דא־מאלס אין צייט, צו וואס איז דאס געגליכען? צו׳ן א קנעכט, וואס דער בעל־הבית זיינער גיט איהם זיין פרנסה ערשט אום פרייטאג, קען ער זיך שוין נישט געהעריג אויסבאקען זיין טייג און עסען זיין ברויט (תענית דף י״ט עמוד ב׳).

און וועגען לשון הרע פלעגט ער זאגען, אז די שטראף דערפאר דארף זיין גאר א גרויסע, ווי מען קען דאס זעהן ביי די מרגלים, וועלכע זיינען אזוי שטארק באשטראפט געווארען, חאטש זייער לשון־הרע האט זיך באצויגען בלויז אויף העלצער און שטיינער, דארף מען עס טאקי פארשטעהען, אז ווען יענע מענשען, וואס האבען מוציא שם רע געווען אויף העלצער און שטיינער, זיינען אזוי שווער געשטראפט געווארען אויף אלע דורות ארויס, א פשיטא שוין ווען איינער איז מוציא שם־רע אויף א צווייטען (זעה ערכין דף ט״ו עמוד א׳ און תוספתא ערכין פרק ב׳).

* * *

ווי עס איז שוין באמערקט געווארען, איז די צאהל פון די ״הרוגי מלכות״ געווען אין די הונדערטער, חאטש אונזערע תלמודישע קוועלען ריידען בלויז וועגען צ ע ה ן אזעלכע הרוגים.

איינער פון יענע ״הרוגי מלכות״ איז געווען ח נ י נ א (אדער חנניה) ב ן ח כ י נ א י , א תלמיד און א חבר פון די גרעסטע חכמים אין זיין צייט, וועלכער האט — ווי עס דאכט זיך — נישט געקראגען קיין ״סמיכה״, אויף צו קענען לערנען מיט אנדערע אין אן אייגענעם בית־המדרש. זיינען אבער זיינע מיינונגען פון דעסטוועגען באטראכט געווארען אלס וויכטיגע און די חכמים האבען זיך אפטמאל מיט זיינע מיינונגען גערעכענט (זעה כלאים פרק ד׳ משנה ח׳ און מכות פרק ג׳ משנה ט׳).

צוויי אדער דריי מאל ווערד ער אפילו דערמאנט מיט׳ן טיטעל ״רבי״. איז דאס וואהרשיינליך א טעות פונ׳ם שרייבער, וועלכער האט זיך עס נישט געקענט פארשטעלען, אז די משנה אדער די גמרא זאל ציטירען די מיינונג פון א מאן, וואס האט נישט קיין ״סמיכה״.

ווען עס איז אמאל גערעדט געווארען וועגען די חכמים, וואס האבען גע־קענט ״שבעים לשונות״, ווערד דערמאנט זיין נאמען ווי איינער פון זיי. ביי אן אנדערער געלעגענהייט איז זיין נאמען דערמאנט צוזאמען מיט אנדערע פראמינענטע חכמים, וועלכע האבען אויך נישט געהאט דעם טיטעל ״רבי״,

א שטייגער ווי: שמעון בן עזאי, שמעון בן זומא און חנן המצרי (סנהדרין דף י"ז עמוד ב'). און אזוי ווי ער האט זיך גע'חבר'ט מיט אלע גדולים פון זיין דור, איז איהם אמאל אויסגעקומען צו זאגען א מיינונג וועגען דער וואג פון די שטיינער, וואס יהושע האט אוועקגעשטעלט אין גלגל, נאכדעם ווי די אידען זיינען דורכגעגאנגען דעם ירדן (סוטה דף ל"ד עמוד א').

כאראקטעריסטיש פאר זיין דענקונגס־ארט איז זיינער א "ווערטעל", וועל־כעס ער פלעגט אפט ווידערהאלען, אז "ווער עס וואכט ביי נאכט און ער געהט אליין אונטערוועגנס און ער ווענדעט זיין הארץ צו נארישקייטען, דער איז אליין שולדיג, ווען עס טרעפט זיך איהם אן אומגליק" (אבות פרק ג' משנה ד'). אינטערעסאנט איז אויך זיין דרשה צום פסוק "וכחש בעמיתו", וואו ער זאגט, אז "ווען א מענש לייקענט אפ, וואס זיין חבר זאגט, טהוט ער דאס נור בלויז, ווען ער לייקענט אן גאט" (תוספתא שבועות פרק ג').

ביים לערנען געפינען מיר אונזער חנינא בן חכינאי צוזאמען מיט אנדע־רע חברים אין דער ישיבה פון ר' טרפון. שפעטער ווערד ער גערעכענט צווי־שען די תלמידים פון ר' עקיבא, וועלכער האט איהם געפונען ווירדיג, צו לעהרנען מיט איהם די סודות פון דער תורה (חגיגה דף י"ד עמוד ב'). ער האט אויך איינמאל אויף א שארפען אופן ארגומענטירט געגען ר' עקיבא (נדה דף נ"ב עמוד ב').

ווי אזוי אונזער חנינא איז געגאנגען לערנען צו ר' עקיבא אין בני ברק, ווערד דערצעהלט (אין כתובות דף ס"ב עמוד ב' און אין ויקרא רבה פ' כ"א פסקא ז'), אז ער איז געגאנגען צוזאמען מיט ר' שמעון בן יוחאי. האבען זיי זיך דארט פארזאמט צוועלף אדער דרייצעהן יאהר. פלעגט אבער ר' שמעון בסדר אהיים־שיקען ידיעות צו זיין הויז און ער האט אויך געוואוסט, וואס עס טהוט זיך דארט. אבער חנינא האט נישט אהיימגעשיקט קיין שום ידיעה וועגען זיך און ער האט זיך אויך גאר נישט געקימערט וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך ביי איהם אין הויז. האט איהם זיין ווייב אמאל געשיקט זאגען: "דיין טאכטער איז רייף צום הייראטען, דארפסטו וואס גיכער אהיים־קומען, איהר חתונה מאכען!".

האט דאן חנינא גענומען רשות ביי זיין רבי'ן, אהיים צו געהען. דערווייל איז אבער די צורה פון זיין שטאדט און איהרע בנינים איבערגעאנדערשט געווארען און ער האט נישט געוואוסט, וואו ער זאל געהען זוכען די דירה, וואס זיין ווייב וואוינט דארט. האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים ברונעם פון דער שטאדט, אפשר וועט ער דארט אימיצען טרעפען, וואס זאל איהם קענען צופיהרען צו זיין ווייב. האט ער דאן געהערט, ווי אנדערע מיידלעך זאגען צו איין מיידעל: "חנינא'ס טאכטער! פיל אן דיין קרוג וואסער און געה אהיים!"...

איז ער דער דאזיגער מיידעל נאכגעגאנגען ביז צו'ן איהר היים. און ווען זיין ווייב האט איהם פלוצים דערזעהען, איז איהר די נשמה ארויסגעגאנ־גען און זי איז אוועקגעפאלען אין חלשות פון איבערראשונג. האט זיך חנינא אוועקגעשטעלט אויס'טענה'ן מיט'ן רבונו של עולם און ער האט א זאג געטהון: "איז דאס דיין באצאהלונג פאר אזא ארימע נשמה, וועלכע האט אויף מיר אזוי לאנג געווארט?" — האט דער אויבערשטער געזעהען, אז חנינא איז גערעכט מיט זיין טענה, האט ער זיך צוגעהערט צו זיין תפלה און דאס ווייב איז צוריק לעבעדיג געווארען.

חנינא'ס ווייב איז אויך באקאנט געווען מיט איהר גוטסקייט, און ווען די חכמים האבען געזאגט אויף'ן פסוק "אעשה לו עזר כנגדו", אז ווען דער מענש האט א זכיה, איז ביי איהם דאס ווייב אן "עזר", א העלפערין, און האט ער נישט קיין זכיה, איז זי איהם א "כנגדו", א געגנערין, האט דאס ר' יהושע בר נחמיה גענויער ערקלערט און ער האט געזאגט, אז ווען איינער האט די זכיה צו קריגען א גוטע פרוי, איז זי ווי די פרוי פון ר' חנינא בן חכינאי, האט ער אבער נישט אזא זכיה, קריעגט ער א פרוי ווי ר' יוסי הגלילי.

* * *

נאך איינער פון די "הרוגי מלכות" איז געווען ר' יהודה הנחתום.

צי ער איז געווען א בעקער, ווי דער צונאמען זיינער זאגט, איז נישט באוואוסט. אזוי ווי ער איז אבער געווען נאהנט צו ר' עקיבא און ער האט געוואוסט וועגען אלע געשעהענישען פון ר' עקיבא'ס לעבען, איז אנגענומען געווארען זיין ווארט, צו קאריגירען א טעות, וועלכער איז געווען פארשפרייט וועגען ר' עקיבא'ס א צוזאמענשטויס מיט רבן גמליאל.

ביי א מעשה וועגען "קידוש החודש" האט אמאל ר' עקיבא אויפגע־האלטען די עדות אין זיין שטאדט. האט איהם רבן גמליאל געשיקט זאגען: "ווען דו האלטסט אויף א רבים פון צו טהון א מצוה, ברענגסטו זיי צו אן עבירה. און ווער עס טהוט דאס, איז חייב נדוי". האט דאן איטליכער גע־מיינט, אז רבן גמליאל האט דאמאלס ארייגעלייגט ר' עקיבא'ן אין חרם. האט ר' יהודה הנחתום ערקלערט, אז ר' עקיבא איז נישט אריינגעלייגט גע־ווארען אין חרם פאר זיין זינד, נור אזוי ווי ער איז דאן געווען דער פאר־שטעהער פון א שטעדטעל מיט'ן נאמען "גדר", האט איהם רבן גמליאל בלויז ארונטערגעזעצט פון זיין פארשטעהערשאפט (זעה ירושלמי ראש השנה פרק א' הלכה ה').

די מעשה מיט דער צונג פון ר' חוצפית המתורגמן, וועגען וועלכער עס איז שוין אויבען דערצעהלט, אז איידער דער הענקער האט ר' חוצפית'ן דער־הרג'ט, האט ער איהם ארויסגעריסען די צונג און אוועקגעווארפען פאר די הינט, ווערד געזאגט (אין ירושלמי חגיגה פרק ב' הלכה א'), אז דאס איז גע־ווען די צונג פון ר' יהודה הנחתום, וועלכע א הונד האט ארומגעשלעפט, ווען דאס ווארימע בלוט איז נאך פון איהר גערונען.

פארהאנען אויך א מדרש, אז ווען ר' יהודה הנחתום האט געדארפט ארויסגעפיהרט ווערען צום הרג'נען, האט זיך איינער מיט'ן נאמען בן גופיא געמאלדען, אז ער וויל אוועקגעבען זיין לעבען אנשטאט ר' יהודה הנחתום, האבען איהם די רוימער אנגענומען צום הרג'נען. נור ר' יהודה'ן האט דאס נישט געהאלפען, ווייל מען האט שפעטער אויסגעפונען נאך איין עברה, וואס ר' יהודה הנחתום איז באגאנגען געגען רוים, פאר וועלכער ער האט געדארפט גע'הרג'ט ווערען.

* * *

צווישען די "הרוגי מלכות" איז אויך געווען איינער מיט'ן נאמען ר' אלעזר חרסנה. ווילען מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז דאס איז געווען ר' אלעזר בן חרסום, וועגען וועלכען עס ווערד דערצעהלט, אז ער איז געווען דער אייגענטימער פון טויזענד שטעדט (!) אויף דער יבשה און פון טויזענד שיפען אויף'ן ים...

די „עשרה הרוגי מלכות"

אָט דאָס פאַרמעגען האָט דער דאָזיגער ר׳ אלעזר גע׳ירשנט פון זיין פאָטער און ער האָט דערפון נישט געצויגען די מינדעסטע נוצען. ער פלעגט בלויז נעהמען א זעקעל מעהל אויף זיינע פלייצעס, פון וועלכען ער פלעגט זיך אליין אויסקנעטען און אָפּבאַקען א ברויטעל פאַר זיין עסען. אזוי האָט ער כסדר געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און פון בית־המדרש צו בית־המדרש. און ווען ער איז אַמאָל אהיים־געקומען און ער האָט געוואָלט אריינגעהען אין זיין אייגען הויז, האָבען איהם זיינע אייגענע שקלאַפען נישט געקענט, האָבען זיי איהם אָנגענומען פאַר א גנב, וועלכער וויל זיך אריינשלייכען אין א פרעמד הויז און זיי האָבען איהם דערפאַר מכבד געווען מיט א פּאָרציע קלעפּ.

פאַרהאַנען אויך א מיינונג, אז ר׳ אלעזר בן חרסום איז געווען עלף יאָהר א כהן־גדול (יומא דף ט׳ עמוד א׳). איז דאָס אָבער לויט דער צייט פון די "הרוגי מלכות" נישט דערזועלבער. דער נאָמען פון אַזאַ כהן־גדול ווערד אויך נישט דערמאָנט ביי יאָזעפוס אינ׳ם צעטעל פון די כהנים גדולים. איז דאָדורך אָנצונעהמען, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ וואַהרשיינליך וועגען א פּערזאָן, וואָס די דאָקומענטען וועגען איהם זיינען פאַרלוירען געגאַנגען און ער ווערד פאַרוועקסעלט מיט אן אַנדערער געשיכטליכער פּערזאָן.

שמעון בן עזאי און שמעון בן זומא

צוויי פון די "ארבעה נכנסו לפרדס"

פיער פון אונזערע באדייטענדסטע חכמים, דערצעהלט די גמרא (חגיגה דף י"ד עמוד ב'), זיינען אריין אינ'ם "פרדס", וועלכעס מיינט, אז זיי זיינען אריינגעדרונגען אינ'ם "גארטען פון וויסענשאפט". מיט'ן כח פון זייער אומגעוועהנליכען שכל האבען זיי זיך גענומען גריבלען און נאכפארשען דעם אינהאלט פונ'ם מענשליכען לעבען און די סודות פון דער גאטהייט *).

די צרות פונ'ם אידישען פאלק זיינען דאמאלס געווען אזעלכע שרעקליכע, ווי מען קען זיך נישט ערגער פארשטעלען. די רוימישע רעגירונג האט אנגעווענדעט אלע איהרע כחות, אפצומעקען יעדען סימן פון א אידישער אומה. דער בית־המקדש איז געווען פארברענט און אידישקייט האט געקענט אפגעהיט ווערען בלויז אין אזעלכע מצוות, וואס האבען נישט קיין שייכות צום בית־המקדש. האט די רעגירונג אויסגעזעצט טויט־שטראף פאר אפהיטען שבת, פאר לערנען די תורה, אדער ווען איינער האט געלאזט מל זיין א קינד. האט זיך אבער איינער עפענטליך אפגעזאגט פון אידישקייט און ער איז צוגעשטאנען צו די רוימער אדער צו אן אנדערער גוי'שער נאציאן פון אונטער דער רוימישער ממשלה, האט מען איהם תיכף געמאכט פאר א רוימישען בירגער און ער איז שוין דאן געווען זיכער מיט זיין לעבען.

האבען זיך דאמאלס געפונען פיער פראמינענטע חכמים, וועלכע האבען געוואלט דערגרונטעווען די אורזאך פון דעם, וואס דער אויבערשטער האט זיך אויסגעקליבען דאס פאלק ישראל צו אזעלכע צרות און יסורים.

די דאזיגע פיער חכמים זיינען געווען: שמעון בן עזאי, שמעון בן זומא, אלישע בן אבויה און רבי עקיבא.

איז בן־עזאי גאר אין גיכען געשטארבען פון נאכקלערען, בן־זומא איז פונ'ם קלערען משוגע געווארען, אלישע בן אבויה האט "ארומגעהאקט די פלאנצונגען אינ'ם גארטען", וועלכעס מיינט, אז אזוי ווי ער האט געזעהען, ווי דער אויבערשטער האט אוועקגענומען זיין רעכטע האנד פון אידען, האט

---

*) דער טייטש פונ'םווארט "פרדס" איז א גארטען — און וואס פיער חכמים זיינען אריינגעדרונגען אין דעם דאזיגען גארטען, זאגען די מפרשים, אז מיט'ן כח פון פארשיעדענע הייליגע שמות זיינען זיי ארויף אין הימעל אריין, און נאכדעם ווי זיי האבען דארט אלסדינג געזעהען, זיינען זיי געשטראפט געווארען, ווייל זיי האבען געקוקט צו דער שכינה... שפעטערע מפרשים ערקלערען דאס ווארט "פרדס" לויט ראשי־תיבות, אז עס מיינט דאס גריבלען זיך אין יעדען ענין לויט פשט, רמז, דרש און סוד. און ווען די גמרא וויל דערצעהלען, וואס יענע פיער חכמים האבען אין דעם דאזיגען "פרדס" געזעהען, זאגט זי, אז ר' עקיבא האט צו זיינע אנדערע חברים אנגעזאגט, אז ווען זיי וועלען קומען צו דעם ארט פון די "ריינע מערמילשטיינער" (אבני שיש טהור), זאלען זיי נישט זאגען "וואסער, וואסער!" — זאגט אויף דעם רש"י, אז אזוי ווי די דאזיגע "מערמילשטיינער" זעהען אויס ווי וואסער, האט ר' עקיבא נישט געוואלט, זיי זאלען זאגען: "אט איז א וואסער און ווי אזוי וועלען מיר דא דורכגעהן?"...

ער זיך געזאָגט: "וואָס קען אונז די תורה העלפן און צו וואָס דאַרפן מיר זיך מוטשען, זי אָנצוהאַלטן ?" — האָט ער זיך אָפּגעקערט פון דער אידישער אמונה און ער איז געוואָרן אן "אחר", אן אַנדערער, אן אָפּענער שונא פון דער אידישער תורה, גלייך ווי פון אַלע מענשען, וואָס זיינען געבלי־בען טריי צו דער אמונה.

בלויז איינעם האָט דאָס גריבלען אין די דאָזיגע אַלע ענינים נישט פאַר־שאַדט. דאָס איז געווען רבי עקיבא, וועלכער איז אַרויסגעקומען בשלום פון זיין נאָכקלערען.

אָט דער שטאַרקער גייסט, וועלכער האָט געלאַכט דעם טויט אין פּנים אַריין און אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען, ווען די רוימער האָבען געקעמט זיין פלייש מיט אייזערנע קאַמען, האָט ער נאָך געהאַט כח צו זאָגען, אַז ער איז צופרידען, וואָס ער קען באַווייזען זיין ליעבע צו גאָט אפילו דאַ־מאָלס ווען מען נעמט ביי איהם אַוועק דאָס לעבען, אָט דער גרויסער שטאַרקער גייסט איז דורכגעגאַנגען דעמזעלבען "פּרדס", וואָס די אַנדערע חברים זיי־נע — און עס האָט איהם גאָר נישט פאַרשאַדט . . .

שמעון בן עזאי, וועלכער איז פון נאָכקלערען געשטאָרבען, און שמעון בן זומא, וועלכער איז געריהרט געוואָרען אויף'ן שכל, זיינען געווען חברים אינ'ם בית־המדרש פון ר' עקיבא, באַוואוסט אַלס פּראָמינענטע תלמידים, וואָס די חכמים האָבען זיך גערעכענט מיט זייער מיינונג (זעה קדושין דף מ"ט עמוד ב' און סנהדרין דף י"ז עמוד ב'). איטליכער האָט זיי גע־האַלטען פאַר ווירדיג, זיי זאָלען מעגען אָנפיהרען אן אייגענעם בית־המדרש (הוריות דף ב' עמוד ב'), האָטש זיי האָבען נישט געהאַט קיין "סמיכה". א ספּעציעלען כבוד האָט מען געלייגט אויף בן־עזאי. אָהן סמיכה האָט מען איהם עטליכע מאָל טיטולירט "רבי" (א שטייגער ווי יבמות פרק ד' משנה י"ג און ידים פרק ג' משנה ה'). און ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט אַנדערש ווי ר' עקיבא, איז ער דערמאָנט געוואָרען בעפאָר ר' עקיבא (קהלת רבה פרשה י' פּסקא א'). מאַנכעס מאָל איז ר' עקיבא זאָגאָר צוריקגעטרעטען פון א פריהער אַרויסגעזאָגטער מיינונג און ער האָט אָנגענומען די מיינונג פון בן־עזאי (תוספתא שביעית פרק ב'). אן אַנדערס מאָל האָט בן־עזאי באַשטאַרקט ר' עקיבא'ן אין זיין מיינונג (תוספתא בבא מציעא פּרק ג') צו דער צופרי־דענהייט פון אַלע חכמים.

צוערשט האָט בן־עזאי געלערנט ביי ר' טרפון (תוספתא ברכות פּרק ד'), דערנאָך האָט ער געלערנט ביי ר' יהושע בן חנניה און שפּעטער איז ער געווען ווי א תלמיד און א חבר צו ר' עקיבא (בבא בתרא דף קנ"ח עמוד ב'). איז איהם דאַן מאַנכעס מאָל אויסגעקומען, צו באַלעהרנען ר' עקיבא'ן אין געוויסע דינים, וואָס ר' יהושע בן חנניה האָט געהאַט פעסטגעזעצט (א שטיי־גער ווי יומא דף כ"ה עמוד א' און יבמות דף מ"ט עמוד א'). איז אָבער פון דעסטוועגען די פאַרעהרונג זיינע פאַר ר' עקיבא געווען גאָר א גרויסע און ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז "אַלע חכמים צוזאַמענגענומען האָבען ביי איהם אַזאַ ווערדע ווי די שאָלעכץ פון א קנאָבעל, חוץ ר' עקיבא", וועלכען ער רופט דאָרט "דער מענש מיט'ן גאָלען קאָפּ" (בכורות דף נ"ח עמוד א'). און אַזאַ גרינגשעצונג צו אַלע אידישע חכמים פון זיין צייט האָט אַרויסגע־וויזען א מענש, וועלכער האָט ביי אן אַנדערער געלעגענהייט אָנגעזאָגט, נישט גרינג צו שאַצען קיין שום מענש און נישט צו האַלטען קיין שום זאַך פאַר אוממעגליך (אבות פּרק ד' משנה ג').

בן־עזאי האָט געלערנט אין די גאַסען פון טבריה. ער איז אויך געווען באַ־קאַנט אומעטום מיט זיין אומגעוועהנליכען פליים. האָט מען וועגען איהם געזאָגט, אז אזוי ווי ער איז געשטאָרבען, האָבען אויפגעהערט די פלייסיגע מענשען (סוטה דף מ"ט עמוד א').

זיין חשק צום לערנען האָט איהם דערצו געבראַכט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון זיין פרוי, וועלכע ער האָט געהייראַט (סוטה דף ד' עמוד ב'). אָט די פרוי זיינע איז געווען די טאָכטער פון ר' עקיבא, וועלכע האָט גלייך ווי איהר מוטער געשיקט דעם מאַן לערנען (כתובות דף ס"ג עמוד א'). און ווען בן־עזאי האָט אַמאָל גע'דרשנ'ט, אז "ווער עס שטרעבט נישט צו האָבען קינ־דער, איז גלייך ווי ער וואָלט געווען א מערדער", האָט מען איהם געזאָגט: "אָט דרשנ'סט דו טאַקי זעהר שעהן, אָבער אליין האַלטסטו נישט, וואָס דו זאָגסט!" — האָט ער אויף דעם געענטפערט: "איך קען מיר נישט העלפען, מיין נשמה גאַרט בלויז צו דער תורה און די וועלט דאַרף זיך אויסבויען אָהן מיר!" (יבמות דף ס"ג עמוד ב').

ווי באַמערקט, האָט בן־עזאי געקוקט אינ'ם "פרדס" און ער איז גע־שטאָרבען. פאַרשטעהט זיך אויך, אז ער איז נאָך דאַן געווען א יונגער מענש, און ווי 'עס איז צו זעהען פון זיינע לעבענס־שילדערונגען, איז ער געשטאָר־בען צוליעב זיין גרויסען פליים, זיין אָפּגעשיידענקייט פון דער וועלט און זיין פרומקייט. ספּעציעל באַוואוסט איז געווען זיין פרומקייט. איז דאדורך גע־ווען אָנגענומען דער גלויבען, אז "ווער עס זעהט בן־עזאי'ן אין חלום, קען ערוואַרטען פרומקייט" (ברכות דף נ"ז עמוד ב').

פאַרהאַנען נאָך א מיינונג, אז בן־עזאי איז געשטאָרבען נישט מיט א נאַטירליכען טויט. לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען (אין ילקוט תהלים), איז ער דער'הרג'ט געוואָרען דורך דער רוימישער רעגירונג צווישען די ערשטע קרבנות פון קייזער האדריאַן. איז דאָס אָבער היסטאָריש נישט באַ־שטעטיגט.

בן־עזאי'ס אויסשפּרוכען אין ענינים פון הלכה זיינען זעהר אָפט ציר־טירט אין דער משנה, א שטייגער ווי ביי דער פראַגע פון דער "פרה אדומה" (משנה פרה פרק א'), אָדער וואָס ער האָט געהאַלטען, אז שיר השירים און קהלת זיינען הייליג אין זייער אינהאַלט (ידים פרק ג' משנה ה'). דאָרט פאַרענדיגט זיך אויך די דיסקוסיע וועגען דער דאָזיגער הלכה מיט די ווערטער "כדברי בן־עזאי כן נחלקו וכן גמרו". אין דער פראַגע פון לערנען טעכטער האָט ער געהאַלטען, אז יעדער טאַטע איז מחויב צו לערנען תורה מיט זיין טאָכטער (סוטה דף ב' עמוד א'). ער האָט אויך געזאָגט א מיינונג וועגען דער צייט פון "מעשר בהמה" (בכורות פרק ט' משנה ה').

כאַראַקטעריסטיש פאַר בן־עזאי'ס אויפפאַסונג פונ'ם לעבען זיינען די לעהרען זיינע פאַר דער מענשליכער אויפפיהרונג, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען אמת'דיגע פערל פון א הויך־ציוויליזירטער מאָראַל.

יעדער מענש, וואָס זיין פאַרשטאַנד איז פאַרווירט צוליעב זיין וויסען — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איז דאָס פאַר איהם א גוטער סימן, איז אָבער זיין וויסען פאַרווירט צוליעב זיין פאַרשטאַנד, איז דאָס פאַר איהם א שלעכ־טער סימן (תוספתא ברכות פרק ג').

זיין געוועהנליך "ווערטעל" איז געווען: "זאָלסט לויפען טהון א לייכ־טע מצוה, גלייך ווי מען לויפט טהון א וויכטיגע מצוה, דו דאַרפסט אויך אנט־לויפען פאַר יעדע עבירה, ווייל די באַלוינונג פאַר דער מצוה איז די מצוה נופא

און די שטראָף פאַר דער עבירה איז די עבירה גופא" (אבות פרק ד' משנה ב'). גענויער און ברייטער איז דער דאָזיגער זאָג פון בן־עזאי ערקלערט אין אבות דר' נתן, וואו ער זאָגט: "ווען דו האָסט געטהון א מצוה און דו האָסט נישט אויף איהר קיין חרטה, מוז זי שפּעטער נאָכשלעפּען פיעלע אַנ־דערע מצוות, און ווער עס טהוט אַמאָל אַן עבירה און ער האָט נישט אויף איהר קיין חרטה, שלעפּען זיך שפּעטער נאָך איהר פיעלע אַנדערע עבירות".

דאָס אָפּהיטען גאָט'ס מצוות — האָט ער געזאָגט — פאַרלאַנגט א שטאַר־קען ווילען. אָט א שטייגער ווי מיר האָבען א מצוה, נישט צו עסען קיין בלוט, שטעהט דערביי "רק חזק לבלתי אכול את הדם" (דו זאָלסט זיך שטאַר־קען, נישט צו עסען קיין בלוט!), איז חאָטש דאָס איז א גרינגע זאַך אָפּצו־היטען, דאַרף מען דערצו זיין שטאַרק, קען מען שוין דערפון דרינגען, אַז ביי אַנדערע מצוות, וועלכע זיינען שווערע, דאַרף מען אודאי זיין שטאַרק, מען זאָל זיי קענען אָפּהיטען.

ער פלעגט אויך זאָגען: "ווען ווייזט דער אויבערשטער צו די צדיקים זייער שכר, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעגרייט? ווען זיי האַלטען שוין ביים שטאַרבען!" (בראשית רבה פ' ס"ב און תנחומא פ' פקודי).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: "ווען דו געהסט זיך אויסזוכען א פּלאַץ אויף אוועקצוזעצען, זאָלסטו זיך זעצען מיט צוויי־דריי שטאַפּלען נידריגער, ווי דו דענקסט, אַז דו האָסט דיר פאַרדיענט, ווייל עס איז בעסער, מען זאָל דיר זאָגען, דו זאָלסט ארויפגעהען העכער, איידער מען זאָל דיר דאַרפען זאָגען, אַז דו זאָלסט ארונטערגעהען (אבות דר' נתן פרק כ"ה).

דאָס וויכטיגסטע אין דער אידישער אמונה איז די תורה. זאָגט בן־עזאי וועגען דעם, אַז "ווער עס לאָזט זיך פאַרשעהמען פאַר'ן כבוד פון דער תורה, מוז צום סוף קריגען דעם פאַרדיענטען כבוד, ווייל ווען דו מאַכסט זיך מיאוס צוליעב די ווערטער פון דער תורה, וועט זיין דער סוף, אַז דו וועסט דורך זיי דערהויבען ווערען" (בראשית רבה פ' א', אבות דר' נתן פרק י"א).

פיעל און אינטערעסאַנט האָט בן־עזאי גערעדט וועגען פאַרשיעדענע סימנים ביים שטאַרבען, דורך וועלכע עס איז צו זעהען, צי דאָס איז פאַר'ן באַ־טרעפענדען א גוטער סימן אָדער א שלעכטער.

ווען מעס מיינונג עס איז א רוהיגע צוליעב זיין וויסען, אַז ער האָט נישט וואָס חרטה צו האָבען אויף זיין לעבען — האָט ער געזאָגט — איז דאָס פאַר איהם א גוטער סימן. גוט איז אויך, ווען קלוגע מענשען זיינען פון איינעם צופרידען, ווען איינער ליגט ביים שטאַרבען מיט'ן פּנים ארויף, ווען איינער קוקט דאַמאָלס גלייך מיט זיינע אויגען אויף די מענשען ארום, אָדער ווען איינער קריעגט פאַרבען אין זיין פּנים (זעה אבות דר' נתן פרק כ"ה).

ביי א געוויסער געלעגענהייט האָט מען בן־עזאי'ן געבעטען, ער זאָל עט־וואָס דרש'נען וועגען מגלת איכה. האָט ער געזאָגט: די קינות הויבען זיך אָן מיט'ן וואָרט "איכה", דאַרף מען דאָס ערקלערען אין ראשי־תיבות. די א' פונ'ם וואָרט זאָגט, אַז אידען זיינען נישט פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, ווי לאַנג זיי האָבען נישט אָפּגעלייקענט אָן זייער איינציגען גאָט. די י' זאָגט, אַז זיי האָבען אויך אָפּגעלייקענט אין די "עשרת הדברות". די כ' זאָגט, אַז זיי האָבען נישט געהאַלטען מצוה מילה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען צוואַנציג דורות נאָך דער וועלט־באַשאַפונג. און די ה' זאָגט, אַז זיי האָבען אָפּגעלייקענט די חמשה חומשי תורה (זעה איכה רבתי פרשה א').

ווען בן־עזאי איז אמאל געזעסען און ער האט גע'דרשנ'ט, ווערד דער־צעהלט, אז פייערדיגע צונגען האבען איהם דאמאלס ארומגערינגעלט. האט מען געמיינט, אז דאס איז, ווייל ער האט גע'דרשנ'ט וועגען "מעשה מרכבה". איז דאס אבער געווען ביי אנדערע געוועהנליכע דרשות. האט ער אליין ער־קלערט, אז די אורזאך פון דעם דאזיגען פייער איז די שמחה פון דער תורה, וועלכע איז תמיד אזוי ניי ווי אינ'ם ערשטען טאג, וואס זי איז געגעבען גע־ווארען אויפ'ן בארג סיני, און אזוי ווי זי איז געגעבען געווארען אין פייער, ווערד זי תמיד באגלייט מיט פייער (שיר השירים רבה פרשה א' פיסקא י').

חוץ דער גרינגשעצונג צו זיינע חברים חכמים, וואס בן־עזאי האט גע־פיהרט, האט ער אויך פיינט געהאט יענעם קלאס "לערנערס", וועלכע מיינען נישט דאס לערנען, נור זיי ווילען זעהען, צי דער לעהרער אליין קען עפּים. האט בן־עזאי וועגען די דאזיגע פארשוינען געזאגט: "ס'איז גרינגער צו באהערשען די גאנצע וועלט, איידער צו זיצען און לערנען בעפאר מענשען, וואס זיינען איינגעהילט אין לייליכער און מען קען נישט זעהען זייער צורה" (זעה אבות דר' נתן פרק כ"ה).

אין זיינע דרשות איז בן־עזאי געוועהנליך נאכגעגאנגען דעם דרך פון ר' עקיבא. מאנכעס מאל האט ער גענומען א ווארט פון ר' עקיבא'ס א דרשה און האט עס מיט זיין אויסטייטשונג פארברייטערט. אזוי האט, למשל, ר' עקיבא געזאגט, אז ווען דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבנו, האט ער דאס בלויז געטהון אינ'ם זכות פון די אידען. האט בן-עזאי וועגען דעם געזאגט, אז נישט מיט משה רבנו אליין האט דער אויבערשטער גע־רעדט אינ'ם זכות פון די אידען, ווייל ער האט אויך מיט אלע אנדערע נביאים גערעדט בלויז אינ'ם זכות פון די אידען (ספרי).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער א ביסיל איבערגעאנדערשט ר' עקיבא'ס ערקלערונג צו "בכל נפשך" — און ער האט געזאגט, אז "דער מענש דארף אוועקגעבען די נשמה, אויף צו קענען אפּהיטען דעם אויבערש־טען'ס מצוות" (תוספתא ברכות פרק ו').

ער האט אויך פיעל געהאלטען פון מוסר־זאגען צו מענשען, טאמער ווערט עס העלפען, זיי זאלען זיך פארבעסערען — און ווען אנדערע האבען געענטפערט אויף דער פראגע: "ווי ווייט דארף א מענש געהען ביים זא־גען שטראפרייד?" צי מען דארף געהען, ביז דער געשטראפטער הויבט זיך אן שלאגען, אדער ביז דער געשטראפטער הויבט זיך אן שילטען? האט בן־עזאי געזאגט, אז עס איז גענוג, ווען "דער געשטראפטער הויבט זיך אן זידלען" (ערכין דף ט"ז עמוד ב').

* * *

א צווייטער פון יענע פיער חכמים, וואס זיינען אריינגעדרונגען אינ'ם "פרדס" פון וויסענשאפט, נאכצוקלערען וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך אויבען אין הימעל און וואס עס טהוט זיך אויף דער ערד, וואס עס איז גע־ווען איידער די וועלט איז באשאפען געווארען און וואס עס וועט זיין שפּע־טער אמאל, ווען די וועלט וועט נישט מעהר עקסיסטירען (תוספתא חגיגה פרק ב'), איז געווען — ש מ ע ו ן ב ן ז ו מ א .

צוזאמען מיט שמעון בן־עזאי איז ער געווען א תלמיד פון ר' יהושע בן חנניה און צוזאמען מיט בן־עזאי האט ער אויך שפּעטער געלערנט ביי ר' עקיבא, וועלכער איז דאן געווען צו ביידען ווי א רבי און א חבר. און ווען בן־עזאי איז באשטראפט געווארען מיט א פריהצייטיגען טויט פאר זיין נאכ־

קלערן וועגן זאַכן, וואָס דער מענשליכער שכל קען נישט באַגרייפן, איז בן־זומא געשעדיגט געוואָרן אין זיין פאַרשטאַנד און איז אויך יונגער־הייד געשטאָרבן.

געוועהנליך הייסט ער שמעון בן זומא, אָהן א טיטעל, אָדער ער ווערד אָנגערופען בלויז בן־זומא, אָהן אן ערשטען נאָמען, ווייל ער האָט נישט גע־האָט קיין "סמיכה". איז אָבער פון דעסטוועגען איינמאָל געזאָגט געוואָרען, אז ער און בן־עזאי זיינען ווירדיג אָנצופיהרען אן אייגענעם בית־המדרש (הוריות דף ב׳ עמוד ב׳). צוויי מאָל איז ער אויך טיטולירט געוואָרען "רבי" (ברכות דף ו׳ עמוד ב׳ און חולין דף פ״ג עמוד א׳). חוץ דעם איז ער גע־ווען פאַררעכענט צווישען יענע תלמידים, וועלכע זיינען געזעסען ביי די סנהדרין, איינטיטשענדיג די דינים פון דער תורה, און די חכמים האָבען זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד (סנהדרין דף י״ז עמוד ב׳).

ער איז אויך געווען באַוואוסט אלס אַ פּראָמינענטער "דרשן" און עס איז וועגן איהם געזאָגט געוואָרען, אז אזוי ווי ער איז געשטאָרבען, האָבען אויפגעהערט די דרשנים (סוטה דף מ״ט עמוד א׳). און וועגען זיין אַלגע־מיינע בילדונג, וועלכע איז געווען ביי אַלעמען אָנערקענט, האָט איטליכער געגלויבט, אז ווער עס זעהט בן־זומא׳ן אין חלום, דער קען פאַר זיך ערוואר־טען חכמה (ברכות דף נ״ז עמוד ב׳).

פון זיינע אויסשפּרוכען אין די איינטייטשונגען פון פּסוקים איז ווייניג פאַרבליבען, אָבער דאָס וואָס איז פאַרבליבען, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר א שטאַרקען גייסט, א ביסיל א פאַרווירטען פון נאָכקלערען. אזוי ברענגט דער מדרש (בראשית רבה פרשה ד׳ פסקא ז׳), אז ווען עס איז געקומען צום פּסוק "ויעש אלקים את הרקיע", האָט ער געשטורעמט א וועלט מיט זיין אָפּ־פרעגען, וואָס דער פּסוק זאָגט עפּעס, אז דער אויבערשטער האָט דעם הי־מעל געמאַכט, גלייך ער זאָל איהם דאַרפען אויספאָרמען מיט די הענד און עס זאָל נישט זיין אַלסדינג באַשאַפען פון׳ם אויבערשטען׳ס א וואָרט.

אָפטמאָל פלעגען איהם די חכמים זאָגען, ער זאָל געבען זיינע אן ערקלע־רונג וועגען פאַרשידענע דינים און מנהגים. איז דאן זיין תשובה אָנגענו־מען געוואָרען ווי אן אנטשיידונג פון אן אויטאָריטעט (ברכות דף מ״א עמוד ב׳ און חגיגה דף י״ד עמוד ב׳). ביי אן אנדרער געלעגענהייט, אין אן ארגומענט וועגען די קרבנות פון א נזיר, האָט בן־זומא אויסגעדריקט אן אנדערע מיינונג ווי זיין רבי, ר׳ יהושע בן חנניה, און די חכמים האָבען דאַרט צוגעשטימט צו דער מיינונג פון בן־זומא (נזיר דף נ״ט עמוד ב׳).

ווען ר׳ אלעזר בן עזריה איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס "נשיא", האָט ער אליין ערקלערט, אז ער האָט עס נישט געקענט קיינמאָל דורכפיהרען, אז מען זאָל דאַרפען זאָגען די פרשה פון ציצית, אין וועלכער עס איז דער־מאָנט "יציאת מצרים", אין דער קריאת שמע פון מעריב, ווייל אזוי ווי דער איד איז אין דער נאַכט פּטור פון מצוות ציצית, האָט איטליכער געמיינט, אז מען דאַרף אויך דאַמאָלס נישט זאָגען די פרשה פון ציצית אין דער קריאת־שמע, ביז בן־זומא האָט עס ארויסגע׳דרש׳נט פון׳ם פּסוק "למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך" (דברים ט״ז ג׳), און ער האָט געזאָגט, אז דאָס ווערטעל "כל" לייגט ארויף דעם חוב, צו דערמאָנען דעם ענין "יציאת מצרים" סיי ביי־טאָג און סיי ביי־נאַכט.

דאַגעגען האָט בן־זומא נישט געקענט פאַרשטעהן, צו וואָס מען וועט דאַרפען דערמאָנען דעם ענין פון "יציאת מצרים", ווען משיח וועט קומען,

די חכמים פון דער משנה

ביז די חכמים האָבען דאָס ארויסגע׳דרש׳נט פון דעמזעלבען ווערטעל "כל" (זעה ברכות דף י"ב עמוד ב׳, תוספתא ברכות פרק א׳ און מכילתא בא פרשה ט"ז).

בן־זומא פלעגט האָבען א "ווערטעל", וועלכעס ער האָט גאנץ אָפט וויעדערהאָלט: "ווער קען געהאַלטען ווערען פאר קלוג? ווער עס לערנט פון יעדען מענשען! ווער קען גערעכענט ווערען פאר א שטארקען? ווער עס באהערשט זיינע ליידענשאַפטען! ווער קען גילטען אַלס רייך? ווער עס איז צופרידען מיט זיין דערגרייכונג! ווער דארף געהאלטען ווערען אַלס א בכבוד׳יגער מענש? ווער עס האַלט אַנדערע בכבוד!" (אבות פרק ה׳ משנה א׳).

אין אן אנדערן אָרט איז צו דעם דאָזיגען "ווערטעל" פון בן־זומא נאָך צוגעגעבען דאָס פאָלגענדע: "ווער איז דער באשיידענסטער מענש? דער וואָס איז אזוי באַשיידען ווי משה רבנו. און ווען איינער באהערשט זיינע ליידענשאַפטען, איז דאָס גלייך ער זאָל האָבען פארהאַפט א שטאָדט מיט גבורים" (אבות דר׳ נתן פרק כ"ג).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען ר׳ יהושע בן חנניה איז אמאָל געגאנגען אויפ׳ן מיליטערישען וועג, האָט ער דאָרט באגעגענט בן־זומא׳ן, וועלכער איז געווען אזוי פארטראַכט, אז ער האָט אזש נישט באמערקט זיין רבי׳ן און ער האָט איהם נישט באגריסט. האָט איהם ר׳ יהושע אָפגעשטעלט און האָט איהם געפרעגט: "פון וואנען קומסטו און וואוהין געהסטו, בן־זומא?" — האָט בן־זומא געענטפערט: "איך האָב מיך פארטיפט צו קוקען אויף די אויבערשטע און אונטערשטע וואסערען *), און איך האָב אויסגעפונען, אז דער ליידיגער רוים צווישעןביידען איז נישט מעהר ווי דריי פינגער ברייט" (חגיגה דף ט"ו עמוד א׳).

און ווען ר׳ יהושע האָט דאָס געהערט, האָט ער א זאָג געטהון צו זיינע תלמידים: "איהר זעהט? בן־זומא שטעהט נאָך אויסענווייניג!"... עס ווערד אויך צוגעגעבען, אז עס האָט דאן נישט לאנג געדויערט, איז בן־זומא געשטאָרבען (תוספתא חגיגה פרק ב׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, אז בן־זומא האָט אמאָל געזעהען א מאסע מענשען צוזאמען **), האָט ער געזאָגט: "געלויבט איז דער אויבערשטער, דער חכם פון אַלע געהיימניסען, וועלכער האָט באשאַפען

---

*) אזוי ווי דער פסוק זאָגט "יהי רקיע בתוך המים ויהי מבדיל בין מים למים", האבען אונזערע חכמים ערקלערט, אז גלייך ווי עס זיינען פאַראַנען וואסערען אויף דער ערד, זיינען אויך פאַראַנען וואסערען אויבען אויפ׳ן הימעל, וועלכע הענגען דאָרט אין דער לופטען. דאָ זיינען אָבער בן־זומא׳ס ווערטער אומפארשטענדליך, גלייך ווי מען קען נישט פארשטעהן ר׳ יהושע׳ס ווערטער, וועלכער האָט געזאָגט, אז "בן־זומא איז נאָך אויסענווייניג".

כאַראַקטעריסטיש פאַר די פיער חכמים, וואָס זיינען אריינגעדרונגען אינ׳ם "פרדס", איז וואָס זיי האָבען אַלע גערעדט וועגען דעם וואסער, וועלכעס געפינט זיך אויבען אין הימעל, און איידער זיי זיינען אריינגעגאַנגען אינ׳ם "פרדס", האָט זיי ר׳ עקיבא אנגעזאָגט, אז ווען זיי וועלען קומען צום אָרט פון די "ריינע מערמילשטיינער", זאָלען זיי נישט זאָגען "וואסער, וואסער!"...

**) די גמרא געברויכט דאָ דעם אויסדרוק "אוכלוסין", — און לויט ווי רש"י ערקלערט, קען מען דאָס דאָזיגע וואָרט געברויכען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א חיל פון "ששים רבוא" (זעקס מאָל הונדערט־טויזענד מענשען!).

אזא מאסע מענשען, וואָס זייערע מיינונגען זיינען נישט גלייך איינע צו די אנדערע און זייערע פנים׳ער זיינען נישט גלייך איינע צו די אנדערע, און פון דעסטוועגען ווייסט ער, וואָס עס טהוט זיך ביי איטליכען אין הארצען, און די דאָזיגע אַלע מענשען האָט ער באשאפען, מיך צו באדינען !״...

גלייכצייטיג האָט ער דאַמאָלס באוואונדערט דעם מענשליכען פּראָגרעס און ער האָט אזוי געזאָגט: לאָמיר זעהען, וויפיל מיה אָדם הראשון האָט געהאט, ביז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען, ער זאָל קענען עסען א שטיקיל ברויט. קודם האָט ער געאַקערט דאָס פעלד, דערנאָך האָט ער געזעעט די תבואה, געשניטען די זאנגען, געבונדען זיי אין בינטלאך, געדראָשען, געפלאָ־וועט, איבערגעקליבען די קערענדלעך, געמאָלען, געזיפּט דאָס מעהל, געקנע־טען דעם טייג, געבאַקען און ערשט דערנאָך געגעסען, און איך שטעה אויף אין דער פריה און איך געפין דאָס אַלעס צוגעגרייט פאַר מיינעטוועגען״.

אן אַנדערס מאָל האָט ער געזאָגט: ״לאָמיר אקאָרשט א קוק טהון, וויפיל מיה אָדם הראשון האָט געהאט, ביז ער האָט געקענט אָנטהון א מלבוש אויף זיין קערפּער. קודם האָט ער געדארפט אָפּשערען די וואָל פון די שאָף אָדער אָפּרייסען דעם פלאַקס, דערנאָך האָט ער געהעכעלט די וואָל אָדער גע־בלייכט דעם פלאַקס, געשפּונען, געוועבט, און ערשט דערנאָך האָט ער גע־קענט האָבען א מלבוש אָנצוטהון. און איך שטעה אויף אין דער פריה און איך געפין דאָס אַלעס צוגעגרייט פאַר מיינעטוועגען. אַלע בעלי־מלאכות פון דער וועלט פלייסען זיך, אויסצואַרבייטען דאָס אַלסדינג, מיך צופרידען צו־שטעלען״.

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: ״ווען עס קומט אַמאָל צו איינעם אן אָנשטענדיגער גאַסט, איז וואָס זאָגט ער? צום גוטען זאָל זיין דערמאָנט דער נאָמען פון׳ם בעל־הבית פאַר דער גרויסער מיה, וואָס ער האָט זיך געמאַכט פאַר מיינעטוועגען. וויפיל ווייניגען האָט ער דערלאַנגט צום טיש, וויפיל קיכלעך האָט מען דאָרט אָנגעבאַקען און וויפיל אַנדערע וויכ־טיגע זאַכען האָט מען דאָרטען צוגעגרייט. קומט אָבער אַ שלעכטער גאַסט, זאָגט ער, אז וואָס דער בעל־הבית האָט געטהון, האָט ער דאָס געטהון בלויז פאַר זיין אייגען ווייב און קינדער, ווייל, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס האָב איך דען אין גאַנצען געגעסען? איין שטיקיל ברויט, איין שטיקיל קיכעל, איין גלעזעל וויין״... (ברכות דף נ״ח עמוד א׳ און תוספתא ברכות פרק ז׳).

ערקלערען מאַנכע מפרשים דעם דאָזיגען זאָג, אז בן־זומא האָט דאָ גע־מיינט, צו געבען א משל אָקעגען די מענשען און זייער פאַרהעלטנים צום אויבערשטען, וועלכער האָט צוגעגרייט אַלסדינג פאַר די מענשען, און אַן אַנ־דערער דענקט, אז מען דארף גאָר נישט דאַנקען פאַר דעם אַלעמען, ווייל ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט האָבען מענשען אויף דער וועלט, האָט ער זיי געדארפט באַזאָרגען מיט אַלע זייערע באַדערפעניסען, גלייך ווי ער האָט באַזאָרגט אַלע אַנדערע זיינע באַשעפענישען.

אלישע בן אבויה — אחר

דער דריטער צווישען יענע חכמים, וואָס זיינען אריינגעדרונגען אינ'ם "פּרדס" פון וויסענשאַפטען, איז געווען אלישע בן אבויה, וואָס צוליעב זיינע אויסטערלישע אנשויאונגען וועגען אידישקייט, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס שעדליך פאַר דער אידישער אמונה, האָבען איהם די מענשען פון זיין צייט געגעבען א צונעמעניש "אחר", וויל — ווי עס ווערד וועגען איהם געזאָגט — עס האָט איהם דאָס גריבלען זיך אין די סודות פון דער אמונה אזוי וויט פארטשאַדעט, אז ער איז פּלוצים עפענט־ליך ארויסגעטראָטען געגען דער אמונה, וועלכעס ווערד אין דער דאַמאָלס־דיגער שפּראַך באַצייכענט, אז ער האָט זיך גענומען "אונטערהאַקען די פּלאַנצונגען" (קצץ בנטיעות).

אין דער צייט, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין בית־המדרש און איט־ליכער האָט געמיינט, אז חוץ דער תורה האָט ער נישט קיין אַנדערע זאַך אין זינען, ווערד דערצעהלט, אז ער האָט דאַמאָלס פיעל געלייענט גריכישע לידער און אפּיקורסישע ביכלעך האָבען ארויסגעשטאַרצט פון זיין קעשע־נע. און ווען די רוימישע רעגירונג האָט זיך גענומען פאַרפאָלגען די אידי־שע תורה און זי האָט די אידען געצוואונגען, עובר צו זיין אויף די דינים פון דער אמונה, האָט אלישע בן אבויה געגעבען עצות צו די שונאים, ווי אזוי שטאַרקער צו פאַרפאָלגען די אידען, זיי זאָלען זיך גאָר נישט קענען ארויסדרעהען פון אַלערליי זינד געגען זייער אמונה, אָנווייזענדיג, למשל, וואָסערע ארבייטען א איד קען טהון אום שבת, ווען ער וויל, אז די עברה זאָל זיך נישט אזוי שטאַרק רעכענען.

די טרפה'נע ביכלעך, אין וועלכע אלישע האָט געלייענט, זאָגט די גמרא, זיינען געווען "ספרי טועים" אָדער "ספרי מינים". זיינען די ערשטע, די "ספרי טועים", געווען "גנאַסטיציסטישע" ביכלעך, און די צווייטע, די "ספרי מינים", זיינען געווען "קריסטליכע" שריפטען.

ביידע סעקטעס, די גנאַסטיקער און די קריסטען, האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען אנטוויקלען צווישען אידען. די צרות פון דער צייט האָבען גע־בראַכט צו אַן אָפּשוואַכונג ביים אָפּהיטען די מצוות פון דער תורה. האָבען זיך איינע צוגעווענדעט צום "גנאַסטיציזם", האָבען זיך די אַנדערע צוגע־ווענדעט צום קריסטענטום. און ווי עס דאַכט זיך, האָט אלישע געשוועבט צווישען ביידען. גלייכצייטיג האָט אָבער געטליעט אין איהם א פונק אי־דישקייט, וויל ער איז געווען צופיל אָנגעזאַפּט מיט דער תורה, צו קענען זיך פון איהר אין גאַנצען אָפּזאָגען.

וואָס די "גנאַסטיקער" האָבען אייגענטליך געוואָלט, קען היינט געננ[illegible] נישט ערקלערט ווערען. אין זייערע לעהרען האָבען זיי זיך כסדר געגרי־בעלט אין די סודות פון דער געטליכקייט אויף א ראַציאָנאַליסטישען שטיי־גער, אויסגעמישט מיט מיסטיק. זיי האָבען דורכאויס געוואָלט דערגעהען, פון וואָס פאַר א מאַטעריאַל גאָט האָט די וועלט באַשאַפען און ווי אַזוי ער פיהרט זי.

אלישע בן אבויה — אחר

אזוי ווי זיי האָבען אַנערקענט, אז די וועלט פיהרט זיך דורך פארשיע־דענע קרעפטען, האָבען זיי געוואָלט זאָגען, אז דער וואָס זיצט אויבען אין הימעל, האָט נישט קיין שליטה אויף דער ערד. צוערשט האָבען זיי גע־גלויבט, אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען פון עפּיס אַן אַלטען שטאָף, פאר וועלכען זיי האָבען נישט געהאט קיין ערקלערונג. זיי האָבען אויך גע־גלויבט, אז עס זיינען פאראַן אַזעלכע כחות, וואָס דער אויבערשטער אליין האָט נישט קיין שליטה איבער זיי און אז די מלאכים ווירקען מיט ביי דער פיהרונג פון דער וועלט. דערנאָך האָבען זיי אָפּגעלייקענט אין גאַנצען די עקסיסטענץ פון א גאָטהייט, וואָס פיהרט די וועלט.

זיינען די דאָזיגע חקירות באטראכט געוואָרען אַלס שעדליך פאר דער אי־דישער אמונה, האָט מען זיי דאדורך פארפאָלגט און ארויסגעטריבען פון דער אידישער געזעלשאפט. האָבען זיי זיך דאַן אריינגעדרעהט צו די קריסט־ליכע סעקטען, האָט מען זיי אויך פון דאָרט ארויסגעשטויסען. האָבען אָט די פארפלאָנטערטע אַנשויאונגען אריינגעבראכט אלישע׳ן אין א שרעקליכען פעסימיזם און עס האָט זיך איהם שטענדיג אויסגעדאכט, אז ער הערט ווי עס רופט א שטימע פונ׳ם הימעל: ”טהוט תשובה, איהר פארווילדעטע קינ־דער אַלע, חוץ פון אחר, וועלכער קען נישט מעהר קיין תשובה טהון!“

ער האָט אויך געגלויבט, אז מענשען דארפען ליידען פאר די זינד פון זייערע עלטערן. פלעגט ער דערצעהלען, אז ווען ער איז געווען א קינד פון אכט טאָג, האָט זיך שוין זיין פאָטער פארזינדיגט, ווייל ער האָט געטהון א נדר, צו לאָזען איהם לערנען, נישט צוליעב דער מצוה פון לערנען, נור צוליעב דעם, וואָס ער זאָל זיך קענען באריהמען, אז זיין זוהן איז א לערנער. אזוי האָט ער אויך געגלויבט, אז ער טראָגט אין זיך א זינד פון זיין מוטער, וועלכע איז אין דער צייט פון איהר שוואנגערשאפט אמאָל פארבייגעגאנגען פאר א הויז פון עבודה־זרה, וואו זי האָט זיך אנגעשמעקט מיט׳ן ריח פון די טרפה׳נע מאכלים.

ווענען זיין אָפּשטאַמונג האָט אלישע בן אבויה אליין דערצעהלט, אז דער פאָטער זיינער איז געווען פון די גרעסטע גבירים אין ירושלים, און ווען עס איז געווען דער טאָג פון זיין ”ברית“, האָט דער פאָטער זיינער געמאכט א גרויסע סעודה פאר די חשוב׳סטע מענשען פון דער שטאדט. און צווישען זיי האָט ער אויך פארבעטען די צוויי גרעסטע חכמים פון יענער צייט, ר׳ אליעזר בן הורקנוס און ר׳ יהושע בן חנניה. איז נאָכדעם ווי מען האָט שוין געהאט אָפּגעגעסען און אָפּגעטרונקען און דער עולם האָט גענומען ריידען וועגען פשוט׳ע ענינים פון טאָג, האָט ר׳ אליעזר א זאָג געטהון צו ר׳ יהושע: ”זאָלען זיי זיך דאָ ריידען זייערס און מיר וועלען זיך דער־ווייל אוועקזעצען אין אן אנדערער שטוב, דאָרט א ביסיל זיך דורכשמועסען אין דברי תורה“.

און ווען זיי האָבען אָנגעהויבען רעדען אין די ענינים פון תורה, איז ארונטערגעקומען א פייער פונ׳ם הימעל און עס האָט זיי ביידען איינגע־הילט. האָט דאָס אבויה דערזעהען, האָט ער צו זיי געזאָגט: ”איהר זייט דאָך נישט געקומען פארברענען מיין הויז?“

האָבען זיי אויף דעם געענטפערט: ”חס ושלום, מיר שפּיעלען זיך נישט מיט פייער, מיר ריידען בלויז דברי תורה!“—האָט זיי אבויה געזאָגט: ”ווען דער כח פון דער תורה איז יאָ אזוי גרויס, טהו איך א נדר, אז ווען אָט

דער זוהן מיינער וועט בלייבען לעבען, וועל איך איהם ווידמען צו דער תורה!"

ווי אויבען באמערקט, האט מען אלישע'ן געגעבען א צונעמעניש "אחר". אבער דאס, דערצעהלט די גמרא, האבען נישט געטהון די חכמים, נור א פשוט'ע זונה.

אזוי ווי עס איז באשלאסען געווארען אין הימעל, אז אזוי ווי אלישע איז ארוים "לתרבות רעה" און ער האט פארלוירען זיין "עולם הבא", זאל מען איהם לאזען געניסען דעם גאנצען "עולם הזה", האט ער באגעגענט א זונה אין גאס — און ער האט פארלאנגט, זי זאל זיך איהם איבערגעבען. האט זי א זאג געטהון: "ביזטו דען נישט דער באוואוסטער אלישע בן אבויה, ועמעס נאמען עס איז באקאנט איבער דער גאנצער וועלט?"

האט ער איהר געוואלט באווייזען, אז ער איז דאס נישט. האט ער אויס־געריסען א רעטאך פונ'ם פעלד אים שבת און האט איהם איהר געגעבען, האט זי דאן געזאגט: "אויב אזוי, ביזטו טאקי אן אנדערער (אן אחר)!" — איז פון דאמאלס אן שוין פארבליבען זיין נאמען "אחר".

אבער טראצדעם וואס אלישע איז געווארען אן "אנדערער", האט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען. מאנכע ווילען זאגאר באהויפטען, אז ביז צום לעצטען טאג זיינעם האט ער בכבוד געהאלטען די תורה און ער האט גע־לויבט יעדען, וואס מאכט איינעם טהון א מצוה. פילע פון זיינע אויס־שפרוכען זיינען אויך פאראייביגט געווארען, האטש עס קען זיך אויסדרוק־טען, אז די חכמים האבען פיעל מאל אויסגעמעקט זיין נאמען פון דעם, וואס ער האט געזאגט, און מען האט עס נישט געוואלט דערמאנען אפילו אויף'ן נאמען "אחר".

געוועהנליך זיינען די אויסשפרוכען זיינע געווען אין וועלטליכע און מענשליכע ענינים. איין מאל בלויז איז איבערגעבליבען זיין נאמען ביי א שאלה אין א דין וועגען אבלות (מועד קטן דף כ' עמוד א'). און אזוי ווי ער האט געהאט א תלמיד ר' מאיר, וועלכער האט פריהער געלערנט ביי ר' עקיבא און ער איז אויך געווען א גרויסער חשוב ביי די חכמים, וואס פלע־גען זיך שטענדיג רעכענען מיט זיין מיינונג, האבען זיי אפטמאל דערמאנט זיין נאמען ביי זיינע אויסשפרוכען, נור דארט וואו מען האט געדענקט, אז דער אויסשפרוך זיינער איז באגרינדעט אויף דער מיינונג פון אלישע־אחר, פלעגט מען באצייכענען, וואס ר' מאיר האט געזאגט אין הלכה, מיט'ן אויס־דרוק "אחרים אומרים".

אלעם וואס אלישע האט געטהון, איז ארומגעוויקעלט אין לעגענדעס. פון זיין ערשטען ארויסטריט אין דער עפענטליכקייט ביז צו זיין טויט. אזוי ווערד דערצעהלט, אז אזוי ווי ער האט געוואלט ארויסרייסען די תורה פונ'ם אידישען הארץ, פלעגט ער געהן איבער די בתי־מדרשים, אוועק צו טרייבען פון דארט יעדען תלמיד — און די לעהרער זייערע האט ער פשוט געהייסען הרג'־נען. ער פלעגט דאן זאגען: "צו וואס דארפען אומשולדיגע קינדער פאר־ברענגען זייער צייט מיט אזעלכע זאכען? וואלט נישט בעסער געווען, ווען איינער געהט ווערען א בוימייסטער, איינער א סטאליער, איינער א יעגער און איינער א שניידער?"

ווען ער איז ארויפגעקומען אינ'ם "פרדס", דערצעהלט די גמרא, אז ער האט דארט געזעהען דעם מלאך מט"ט, וועלכער האט די אויפגאבע, אוועקצו־

זעצען זיך איין מאָל אין טאָג, צו פאַרצייכענען די מצוות פון די אידען. האָט אלישע אויף דעם געפרעגט א קשיא: "ווי אזוי איז דאָס, ווען מיר האָבען געלערנט, אז אויבען אין הימעל זיצט מען ניט, ווייל עס איז דאָרט נישט פאַרהאַנען קיין מידינקייט. היינט, אז מט"ט זיצט און פאַרשרייבט די מצוות פון די אידען, איז אפשר טאַקי אמת, אז עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט צווייערליי פיהרענדע קרעפטען?"

האָט מען דערפאַר גערופען אויבען דעם מלאך מט"ט און מען האָט איהם אָפּגעצעהלט זעכציג פייערדיגע שמיץ, אלישע'ן צו באַווייזען, אז דער מלאך האָט נישט מעהר קיין רעכט ווי יעדער אַנדערער. איז דאָך א קשיא: פאַר וואָס איז דאָ געקומען צו שלאָגען? — איז דער תירוץ, אז אזוי ווי מט"ט האָט אלישע'ן דערזעהען, האָט ער געדאַרפט אויפשטעהען. אָבער טראָצדעם וואָס מט"ט האָט געהאַפּט שמיץ, איז איהם דערנאָך געגעבען געוואָרען די ערלויבעניש אויסצומעקען אין זיין "ספר זכרונות" אַלע מצוות פון אלישע.

איידער אלישע איז געוואָרען אן "אחר", האָט ער אודאי אָנגעפיהרט אן אייגענעם בית־המדרש מיט תלמידים, פון וועלכע עס איז ביי איהם שפּעטער פאַרבליבען איין איינציגער ר' מאיר, און וועגען אָט דעם ר' מאיר ווערד געזאָגט, אז ער האָט באַטראַכט אלישע'ן ווי א מילגרוים, האָט ער אויפגעגעסען דאָס אינעוווייניגסטע פון דער פרי און די שאָלעכץ האָט ער אוועקגעוואָרפען.

ר' מאיר האָט אויך תמיד געזוכט די געלעגענהייט, צוצוהערען זיך צו אלישע'ן, טאָמער וועט ער ביי איהם קריגען עטוואָס נייעס. איז איינמאָל אין א שבת ר' מאיר געזעסען מיט זיינע תלמידים אין בית־המדרש, איז מען אריינגעקומען זאָגען, אז אלישע רייט דורכען פאַרביי דעם בית־המדרש אויף א פערד. איז ר' מאיר צו איהם ארויסגעגאַנגען הערען וואָס ער האָט צו זאָגען, איז דאַן אלישע ווייטער געריטען אויף זיין פערד און ר' מאיר איז איהם נאָכגעלאָפען צו־פוס.

ביי אָט דער געלעגענהייט, ווערד דערצעהלט, אז אזוי ווי זיי זיינען געקומען צו א "תחום שבת" פון דער שטאָדט, האָט אלישע געזאָגט: "געה צוריק, מאיר, ווייל דו טאָרסט נישט ווייטער געהן. אַן דעם גאַנג פון מיין פערד דערקען איך, אז דאָ איז שוין א תחום שבת".

האָט ר' מאיר אויף דעם געזאָגט: "אפשר וואָלסטו אליין אויך צוריקגעגאַנגען?" — האָט איהם אלישע געענטפערט: "איך האָב עס דיר שוין לאַנג געזאָגט, אז איך הער א שטימע פון הינטער די הימלישע קוליסען (מאחורי הפרגוד), וועלכע זאָגט, אז אַלע פאַרווילדעטע קינדער קענען תשובה טהון, נור נישט אחר!"...

איז דאַן ר' מאיר שטאַרקער צו איהם צוגעשטאַנען, וועלענדיג איהם צוריקברענגען צו'ן א בית־המדרש, און דעם ערשטען אינגעל וואָס זיי האָבען באַגעגענט, האָט אלישע געפרעגט, וואָס פאַר א פסוק ער האָט היינט געלערנט. האָט איהם דאָס אינגעל געענטפערט: "נישטאָ קיין שלום, זאָגט גאָט, צו די רשעים!" (ישעיה מ"ח כ"ב). זיינען זיי צוגעגאַנגען צו אן אנדערען בית־המדרש און אלישע האָט געבעטען דעם ערשטען אינגעל, וואָס ער האָט באַגעגענט, ער זאָל איהם זאָגען דעם פסוק, וואָס ער האָט היינט געלערנט, האט דאָס אינגעל געזאָגט: "ווען דו וועסט זיך אפילו וואַשען מיט קרייד און דו וועסט באַנוצען פיעל זייף, וועט אַלץ בלייבען דער פלעק פון דיין זינד" (ירמיה ב'

כ״ב). אזוי זיינען זיי ארומגעגאנגען ביז צו דרייצעהן בתי־מדרשים און אור־מעטום האבען די קינדער געהאט אזעלכע פסוקים, וואס מען האט פון זיי געקענט זעהען א שלעכטען צייכען.

ענדליך זיינען זיי אנגעקומען צום דרייצעהנטען בית־המדרש. האט זיי א אינגעל געזאגט, אז ער האט היינט געלערנט דעם פסוק: ״צום רשע זאגט גאט, וואס דארפסטו ריידען מיין געזעץ?״ (תהלים נ׳ ט״ז). האט זיך דאס דאזיגע אינגעל זאאיקעט ביים ריידען, און ווען ער האט געזאגט ״רשע״, האט זיך אלישע׳ן אויסגעדאכט אז ער זאגט ״אלישע״. איז ער וועגען דעם אריינגעפאלען אין א שרעקליכען כעס. זאגען מאנכע, אז ער האט ארויסגעחאפט א מעסער און דאס אינגעל דער׳הרג׳ט. זאגען אבער אנדערע, אז ער האט דאמאלס בלויז געזאגט צו דעם אינגעל: ״ווען איך זאל יעצט האבען ביי מיר א מעסער, וואלט איך עס דיר אריינגעשטאכען!״...

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט אלישע געפרעגט ביי ר׳ מאיר, ווי אזוי ער טייטשט דעם פסוק ״את זה לעמת זה עשה האלהים״ (קהלת ז׳ י״ד). האט ר׳ מאיר געזאגט, אז צו אלסדינג וואס דער אויבערשטער האט באשאפען, האט ער באשאפען א קעגען־זאך. האט ער באשאפען הויכע בערג, האט ער אויך באשאפען קליינע בערגלעך; האט ער באשאפען ימים, האט ער אויך באשאפען טייכען. האט אלישע אויף דעם געזאגט: ״נישט אזוי האט דיין רבי ר׳ עקיבא דעם פסוק ערקלערט. ער האט געזאגט, אז דער אויבערשטער האט באשאפען צדיקים, גלייך ווי ער האט באשאפען רשעים, ער האט באשאפען א גן־עדן, גלייך ווי ער האט באשאפען א גיהנם. יעדער איד האט אלזא צו נעהמען צוויי חלקים, איין חלק אין גן־עדן און איין חלק אין גיהנם. איז דער מענש א צדיק, נעמט ער זיין חלק און דעם חלק פון זיין חבר אין גן־עדן, איז אבער איינער א רשע, נעמט ער זיין חלק און דעם חלק פון זיין חבר אין גיהנם״.

אן אנדערעס מאל האט אלישע געפרעגט ר׳ מאיר׳ן, ווי אזוי ער ערקלערט דעם פסוק ״מען קען זי נישט אפשאצען אין גאלד און אין גלאז און איהר פארבייטונג קענען נישט זיין קיין גינגאלדענע כלים״ (איוב כ״ח י״ז). האט ר׳ מאיר ערקלערט, אז דאס מיינט מען די תורה, וועלכע קען נישט אפגעשאצט ווערען אין גאלד און זי איז גרינג צו צוברעכען ווי גלאז. האט איהם אלישע אויף דעם געזאגט: ״נישט אזוי האט דיין רבי ר׳ עקיבא געלערנט. ער האט געזאגט, אז אזוי ווי גאלדענע אדער גלעזערנע כלים קענען פאררעכט ווערען, ווען זיי ווערען צובראכען, אזוי קען זיך אויך א זינדיגער תלמיד־חכם פאררעכטען״.

האט איהם ר׳ מאיר געזאגט: ״אויב אזוי, וואלסטו אפשר אויך גע־דארפט יעצט תשובה טהון?״ — האט אלישע געענטפערט: ״איך בין שוין פארפאלען, ווייל וועגען מיר האב איך געהערט א קלאנג, אז יעדער קען זיך אומקעהרען, נור ניט אחר״...

און ווען אלישע איז געשטארבען, דערצעהלט די גמרא, האט מען אויבען אין הימעל געזאגט: ״מען קען איהם נישט משפט׳ן און מען קען איהם אויך נישט ברענגען צו עולם־הבא. מען קען איהם נישט משפט׳ן, ווייל ער האט זיך כסדר אפגעגעבען מיט לערנען, און מען קען איהם נישט ברענגען צו עולם־הבא, ווייל ער האט געזינדיגט״. האט ר׳ מאיר געזאגט: ״בעסער

וועט זיין, מען זאָל איהם משפּט'ן, וועט מען איהם דערנאָך קענען ברענגען צו עולם־הבא. און ווען איך וועל שטאַרבען, וועט מען דאַרפען זעהען א רויך אַרויסגעהען פון זיין קבר, ווייל איך וועל איהם דאַן זיכערליך ברענגען צום משפּט צוליעב זיין תורה".

שפּעטער האָט ר' מאיר דערצעהלט, אַז ווען אלישע האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער געוויינט איבער זיינע זינד, און ווי עס דאַכט זיך, האָט ער דאַמאָלס ביי זיך אין האַרצען תשובה געטהון.

נאָך אלישע'ס טויט איז געקומען זיינע א טאָכטער (אין ירושלמי שטעהט "זיינע טעכטער" אין לשון רבים) צו ר' יהודה הנשיא בעטען וועגען שפּייז. האָט ר' יהודה הנשיא געפרעגט: "וועמעס טאָכטער ביזטו?" — האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי איז די טאָכטער פון אחר. האָט זיך ר' יהודה הנשיא געוואונדערט, אַז אַזאַ רשע האָט איבערגעלאָזען קינדער, וואָס זיינען פאַרבלי־בען אידען. האָט זי איהם געענטפערט: "געדענק זיין תורה און געדענק נישט זיינע מעשים!"

אין דאַן אַרונטערגעקומען א פייער פון'ם הימעל, וועלכעס האָט אַרומ־גענומען די באַנק, וואו ר' יהודה הנשיא איז געזעסען. האָט ר' יהודה הנשיא געוויינט און ער האָט דאַביי געזאָגט: "ווען עס געשעהט אַזוי וועגען די וואָס שענדען די תורה, וואָס קען נאָך געשעהען וועגען די, וואָס זענען באַ־ריהמט מיט זייער תורה?"

צווישען די אורזאַכען פון אלישע'ס אַפּטרעטען פון אידישקייט ווערד פון געוויסע היסטאָריקער אָנגעגעבען, אַז ער האָט געהאַט א שרעקליכע קנאה נעגען ר' עקיבא. עס האָט איהם געקרענקט, וואָס אַזאַ מענש פון אומבאַ־קאַנטער געבורט, וועלכער האָט ערשט אין זיינע שפּעטערע יאָהרען אָנגע־הויבען לערנען, האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה ביים פאָלק, האָט ער דער־פאַר געזאָגט: "ווען איינער לערנט אַלס קינד, איז דאָס גלייך ווי איינער שרייבט מיט טינט אויף ניי פּאַפּיער, אָבער ווער עס נעמט זיך לערנען אויף די עלטערע יאָהרען, איז דאָס גלייך ווי איינער זאָל שרייבען מיט טינט אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיער" (אבות פרק ד' משנה י"ט). דייטליכער אויסגעדריקט געפינט זיך דער דאָזיגער זאַג אויף אַן אַנדער אָרט, וואו עס הייסט: "ווער עס לערנט אין זיין יוגענד, ווערען די ווערטער פון דער תורה איינגעזאַפּט אין זיין בלוט און זיי קומען אַרויס קלאָר פון זיין מויל, אָבער ווער עס נעמט זיך לערנען אין זיין עלטער, ווערען די ווערטער פון דער תורה נישט איינ־געזאַפּט אין זיין בלוט און זיי קומען נישט אַרויס קלאָר פון זיין מויל" (אבות דר' נתן פרק כ"ד).

פון ר' עקיבא'ס אויסשפּרוכען קען מען אויך זעהן זיין געגנערשאַפט צו די מיינונגען פון אלישע בן אבויה. ר' עקיבא איז געווען א שאַרפער געגנער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און ער האָט געזאָגט, אַז ווער עס ליי־ענט זייערע שריפטען, פאַרלירט זיין חלק לעולם הבא. און אלישע בן אבויה איז געווען איינער, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט גריכישע ליעדער און ער האָט געלייענט גריכישע ביכער. האָט ער דאַדורך געקענט מיינען, אַז ר' עקיבא'ס ווערטער זיינען דירעקט געריכטעט געגען איהם.

דאַכט זיך אויך, אַז אלישע איז נישט געווען איינפאַרשטאַנען מיט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען געגען רוים, און ווען די רוימישע רעגירונג האָט פאַרפאָלגט די לערנער פון דער תורה, האָט ער געהאַלטען, אַז מען דאַרף זיך

נישט איינשטעלען דאָס לעבען, גלייך ווי עס האָבען דאָס געזאָגט מאַנכע אַנ־דערע חכמים פון יענעם דור *).

לויט ווי די גמרא דערצעהלט, האָט אלישע באַקומען זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען, ווען ער האָט אַמאָל געזעהען א מענשען ארויפקלעטערען אויף אַ בוים און ארונטערנעהמען אַ נעסט מיט פויגעלעך צוזאַמען מיט זייער מו־טער, וועלכעס איז געגען דעם דין פון דער תורה, און עס איז איהם דערביי גאָר נישט געשעהען. און אויפ'ן אַנדערען טאָג האָט ער ווייטער געזעהען אַן אַנדערען מענש ארונטערנעהמען א נעסט מיט פויגעלעך פון אַ בוים און די מוטער פון די פויגעלעך האָט יענער מענש אַוועקגעשיקט, גענוי ווי די תורה האָט געהייסען טהון און זי האָט אויך דערפאַר צוגעזאָגט אַ לאַנג לעבען. אָבער ווי דער מענש איז ארונטערגעקומען פונ'ם בוים, האָט איהם אַ שלאַנג אַ ביס געטהון און ער איז באַלד געשטאָרבען. האָט דאַן אלישע געפרעגט: "וואו איז דאָס לאַנגע לעבען, וואָס די תורה האָט ביי אַזאַ פאַל צוגעזאָגט?"

אַנדערע האָבען דערצעהלט, אז די אַפּיקורסישע געדאַנקען זיינען אלישע'ן אָנגעקומען, ווען ער האָט געזעהען, ווי א הונד האָט ארומגעשלעפּט די צונג פון ר' יהודה הנחתום אָדער פון ר' חוצפית המתורגמן. האָט ער דאַן געזאָגט, אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין באַלוינונג פאַר א צדיק און עס וועט אויך נישט זיין קיין "תחית המתים".

ווי באַמערקט, האָט מען וואַהרשיינליך ביי פאַרשיעדענע אויסשפּרוכען פון אלישע בן אבויה אויסגעמעקט זיין נאָמען. איז אָבער פאַרהאַנען אין אבות דר' נתן א באַזונדערער פּרק מיט אלישע'ס אויסשפּרוכען, וואו ער ארגומענ־טירט אויף פאַרשיעדענע אופנים וועגען א מענשען מיט מעשים טובים, וועל־כער האָט אויך געלערנט פיעל תורה, צו וואָס ער איז געגליכען. ווייטער ארגומענטירט ער וועגען א מענשען, וועלכער האָט בלויז געלערנט און ער האָט נישט קיין מעשים טובים. זאָגט ער דאָרט, אַז אַ מענש מיט מעשים טובים, וועלכער האָט פיעל געלערנט, איז ווי איינער בויעט אַ בנין מיט אַ שטיינערנעם גרונד און פון אויבען ליינט ער ציגעל. איז ווען עס קומט אפילו א גרויס וואַסער, קען עס נישט אַזאַ בנין באַשעדיגען. האָט אָבער א מענש בלויז געלערנט און ער האָט נישט קיין מעשים טובים, איז ער גע־גליכען צו'ן א בנין, וואָס פון אונטען זיינען ציגעל און פון אויבען זיינען שטיינער. אַזאַ בנין קען שוין ביים מינדעסטען וואַסער צוזאַמענפאַלען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם איז אַן אַנדערער אויסשפּרוך זיינער, וועל־כער געפינט זיך אויף דעמזעלבען אָרט (אבות דר' נתן פּרק כ"ד), וואו ער זאָגט: "א מענש קען לערנען צוואַנציג יאָהר און ער זאָל דערנאָך אין צוויי יאָהר אַלסדינג פאַרגעסען, נישט צו וויסען מעהר קיין אונטערשיעד צווישען טמא און טהור, צו פאַרוועקסלען דעם אויסשפּרוך פון איין חכם אויפ'ן אויס־שפּרוך פון אַן אַנדערען חכם, ביז ער בלייבט דערנאָך אין גאַנצען אַ שווייגענדיגער".

---

*) דער ערשטער, וועלכער איז ארויסגעקומען מיט דער טהעאָריע, אַז די מיינונגען פון אלישע בן אבויה זיינען געווען הויפּזעכליך געריכטעט געגען ר' עקיבא, איז געווען דער העב־רעאישער פובליציסט פּרץ סמאָלענסקין (אין זיין מאמר "עם עולם"), און כאָטש ער איז נישט געווען קיין וויסענשאַפטסמאַן, האָט ער דאַ פון דעסטוועגען ארויסגעזאָגט אַן אָריגינעלען געדאַנק, וועלכער איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרען ביי אייזיק הירש וויים אין זיין "דור דור ודורשיו" און ביי פּראָפעסאָר באַכער אין זיין "אגדות התנאים".

אלישע בן אבויה — אחר

ווי עס איז צו זעהען, איז אלישע בן אבויה געווען א מענש פון גאַלע ווידערשפּרוכען אין זיין כאַראַקטער. אמאָל איז ער געווען א פאַרעהרער פון דער תורה און אַ פריינד פון די חכמים. ביי אַן אנדערער געלעגענהייט איז ער געווען אַ שונא פון דער תורה און ער האָט אויך געהאָלפען דער רוימי־שער רעגירונג פאַרפאָלגען די לערנערס. שטענדיג איז ער געווען פול מיט חרטה און ער האָט געדענקט וועגען תשובה. גלייכצייטיג איז ער אָבער געווען ביי זיך איינגעגלויבט, אז לויט זיינע עברות וועט איהם זיין תשובה נישט מעהר העלפען.

די גרעסטע עברה זיינע איז געווען זיין פאַרראַטה צום פאָלק, וואָס ער האָט אין אַ צייט פון גזרות אויף אידען געגעבען א האַנד צו זייערע באַדרי־קער. די כוונה זיינע איז אפשר געווען נישט קיין פאַררעטהערישע, ווייל ער האָט אפשר געמיינט, אז עס וועט זיין בעסער, ווען די אידען וועלען אָנבוי־גען דעם קאָפּ, צוליעב צו טהון, וואָס די רוימער ווילען. האָט זיך אָבער די דאָזיגע מיינונג אַרויסגעוויזען אָלס אַ פאַלשע און די באַשטרעבונג צו באַ־זענפטיגען די מערדערישע רוימער האָט זיך פאַרענדיגט אין די קאַטאַסטראָ־פען פון יענער צייט, איז דערפאַר דאָס אנדענקען פון אלישע בן אבויה פאַרדאַמט.

רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער

וויפיל גזרות און בלבולים די רוימישע רעגירונג האט אויסגעטראכט אויף אידען, אוועקצונעהמען פון זיי יעדע מעגליכקייט פאר דער אפהיטונג פון דער תורה און ארויסצורייסען פון זייער הארץ דאס לעצטע ברעקעל געפיהל פון א נאציאנאלער צוגעהעריגקייט, האט אלץ נישט געקענט האבען די גע־ווינשטע ווירקונג. ווייל גראד דאמאלס ווען דער רוימישער דרוק געגען דער אידישער אמונה האט דערגרייכט די העכסטע שטאפעל, האבען אידען אויס־געפונען א נאכבאר־לאנד פון ארץ־ישראל, וואו זיי האבען געקענט אפהיטען זייער תורה און לעבען אלס אידען.

אט דאס לאנד איז געווען ב ב ל.

דארט האבען דאמאלס געהערשט די "פארטהער" (פרתיים), וועלכע האבען זיך בשום אופן נישט געוואלט לאזען באזיעגען פון די רוימער — און די גאנצע גרויסע רוימישע גבורה האט געמוזט אוועקשטעהען פון זייערע גרעניצען *).

קייזער האדריאן, וועלכער האט אנגעטהון אזוי פיעל צרות צו אידען און געשטרעבט זיי צו פארניכטען, איז דערווייל געשטארבען — און אויף זיין ארט איז געקומען קייזער אנטאנינוס פיאוס, וועלכער האט באלד פארלייכ־טערט די לאגע פון די אידען אין ארץ־ישראל.

ווי עס הייסט, איז דאמאלס אויסגעבראכען א שטיקעל רעוואלוציע צווי־שען די גוים פון ארץ־ישראל, וועלכע האט געקראגען פארשטארקונג ביי די פארטהער, האט דער קייזער נישט געוואלט, אז די אידען זאלען אריינגע־צויגען ווערען אין דער נייער רעוואלוציאנערער באוועגונג, האט ער זיי דא־דורך געהייסען בעסער באהאנדלען.

איז דאן גאר גיך באקאנט געווארען אין בבל, אז די פאליטישע לאגע פון די אידען אין ארץ־ישראל האט זיך פארבעסערט, האבען פארשיעדענע אידען אנגעהויבען ארויסקומען פון זייערע באהעלטענישען און עס האבען אויך אנגעהויבען צוריקקומען קיין ארץ־ישראל אלע יענע חכמים, וואס זיי־נען פריהער אנטלאפען קיין בבל.

האט זיך צווישען די דאזיגע צוריקגעקומענע חכמים געפונען ר׳ שמעון, דער זוהן פון רבן גמליאל דיבנה, וועלכער איז דאן באלד אויסגעקליבען גע־ווארען אלס "נשיא" אונטער׳ן נאמען — ר ב ן ש מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר.

אט דער ר׳ שמעון בן גמליאל איז געווען דער זעקסטער דור פון הלל הזקן — און אזוי באלד ווי ער האט זיך נור באוויזען, איז ער געפונען גע־

**) דעם נאמען "פרתיים" האט דאמאלס געפיהרט דאס הערשענדע פאלק אין בבל אויף׳ן נאמען פונ׳ם טייך פרת, וועלכער איז געווען די גרעניץ פון זייער לאנד. איז דאס אבער נישט צו פארוועקסלען מיט די "פרסיים" (פערזער), וועלכע האבען שפעטער דאס לאנד ערובערט.

וואָרען פאַר ווירדיג, צו פאַרטרעטען די שטעלע פון זיין פאָטער און פון זיי־נע זיידעס. אין דער צייט פון בר־כוכבא׳ס רעוואָלוציע און איהרע נאָכוועהען איז ער וואהרשיינליך געווען ערגיץ באַהאַלטען און ער האָט פון זיך גאָר נישט געלאָזט הערען. איז ווען די רוימישע רעגירונג האָט ערלויבט, צו אָר־גאַניזירען א "סנהדרין", האָט זי נישט געמאַכט קיין שום איינווענדונג, ווען די אידען האָבען דעם ר׳ שמעון בן גמליאל אויסגעקליבען אלס "קאָפּ" פון די סנהדרין.

די ניי־אָרגאַניזירטע "סנהדרין" האָט זיך דאַן באַזעצט אין אושא, נישט אין יבנה, און צוזאַמען מיט אַנדערע חכמים איז דאַן אָנגעקומען אין ארץ־ישראל ר׳ נתן הבבלי, וועלכער איז געווען א זוהן פונ׳ם "ריש גלותא" אין בבל. האָט מען איהם אויסגעקליבען אַלס "אב בית-דין", און ר׳ מאיר, דער תלמיד פון אלישע בן אבויה, האָט געקראָגען דעם טיטעל "חכם" אַלס א דריטער אין די "סנהדרין".

אָבער נישט בלויז צוליעב זיין יחוס איז ר׳ שמעון בן גמליאל אויס־געקליבען געוואָרען אַלס "נשיא", נור הויפּטזעכליך צוליעב זיינע פּערזענ־ליכע איינענשאַפטען. די חכמים, וועלכע האָבען איהם אויסגעקליבען, האָ־בען איהם גוט געקענט נאָך פון יענע צייטען, ווען ער איז געווען ביי זיין פאָטער אין הויז, ווייל טראָצדעם וואָס זיין פאָטער האָט געהאַלטען א גאַנצע מחנה שקלאַפען, האָט ער זיך שטענדיג געפלייסט, דעם פאָטער צו באַדיענען. מקיים צו זיין די מצוה פון "כבוד אב". ער פלעגט אויך תמיד האָבען צו זיך אליין א טענה, אז "וויפיל ער איז באַשעפטיגט ארום זיין פאָטער, איז דאָס גאָר נישט אפילו א הונדערטסטעל פון דעם, וואָס עס האָט — למשל — אזא זוהן ווי עשו געטהון צו זיין פאָטער יצחק" (בראשית רבה פרשה ס"ה).

זיצענדיג אויף׳ן בענקעל אלס "נשיא", האָט ר׳ שמעון מיט אלע זיינע כחות געשטרעבט, צו פאַרשטאַרקערען די באַדייטונג פון זיין אמט. איז איהם איינמאָל איינגעפאַלען, בטל צו מאַכען די ביז-דאַמאַלסדיגע גלייכהייט צווי־שען די דריי פאָרגעזעצטע פון די סנהדרין, אז דער "אב בית דין" און דער "חכם" זאָלען נישט האָבען דעמזעלבען כבוד ווי דער "נשיא", האָט ער ארויס־געלאָזען א פאַראָרדנונג, אַז ווען דער "נשיא" וועט אריינקומען אין בית־המדרש, זאָלען אלע מענשען אויפשטעהן און וואַרטען אזוי לאַנג שטעהענ־דיג, ביז דער "נשיא" וועט זיי הייסען זיך אוועקזעצען. און ווען דער "אב בית דין" וועט אריינקומען, זאָל מען איהם מאַכען אַ שפּאַליער פון צוויי שורות, וואו אלע וועלען בלייבען שטעהן, ביז ער וועט זיך אוועקזעצען. און ווען דער "חכם" וועט אריינקומען, זאָל יעדער בלייבען אויף זיין פּלאַץ ווי פריהער, זיצענדיג אָדער שטעהענדיג, ביז דער "חכם" וועט זיך אוועקזעצען (הוריות דף י"ג עמוד ב׳, תוספתא סנהדרין פרק ז׳, ירושלמי בכורים פרק ג׳ הלכה ג׳).

איז די דאָזיגע פאַראָרדנונג פונ׳ם "נשיא" ארויסגעגעבען געוואָרען אין א טאָג, ווען ר׳ נתן הבבלי און ר׳ מאיר זיינען גראָד ניט געווען אנוועזענד אין בית-המדרש, און ווען זיי זיינען צו־מאָרגענס ביידע געקומען אין בית־המדרש אריין, האָבען זיי אין יענער פאַראָרדנונג געזעהען א באַשטרעבונג צו פאַר־קלענערען זייער אויטאָריטעט אין די אויגען פונ׳ם פאָלק. זיינען זיי ארייג־געפאַלען אין א גרויסען כעס און ר׳ מאיר האָט געשריגען, אז דער נשיא האָט מיט זיין פאַראָרדנונג עובר געווען אויף אן אלטען אנגענומענעם מנהג, לויט

וועלכען א מענש קען אוואנסירען אין דער הייליגקייט אָבער נישט דעגראדירט ווערען (מעלין בקודש ולא מורידין).

האָבען דאןביידע באשלאָסען, צו נוקמ'ן זיך אויף'ן "נשיא". אזוי ווי זיי האָבען זיך ביידע גערעכענט אין הלכה פאר גרעסער פונ'ם "נשיא", האָבען זיי איהם געוואָלט ארייִנטרייבען מיט זייערע שאלות און פלפולים אין אזא ענגעניש, פון וועלכער ער זאָל זיך גאָר נישט קענען ארויסדרעהען. וועט דאָס פאר'ן עולם באווייזען, אז ער פארנעמט מיט אומרעכט דעם פלאץ פון א "נשיא", וועט מען איהם דאן ארונטערזעצען, גלייך ווי מען האָט אמאָל זיין פאָטער ארונטערגעזעצט.

איז ביי זיי געבליבען, צו הייסען איהם לערנען די דינים פון "עוקצין", דאָס מיינט די פאָרשריפטען וועגען די שטרענקעלעך פון פירות אין זייער באַציהונג צו די דינים פון טהרות. דאָ האָבען זיי געמיינט, וועט זיין גרינג, איהם צו חאפּען. האָט דאָס איינער פון ר' שמעון'ס איבערגעבענע אנהענגער געהערט, האָט ער זיך געדענקט, אז אזא מין פארפלאָנטערען דעם נשיא מיט שאלות און פלפולים אין אזעלכע דינים, וואָס ער איז נישט אין זיי אינ'ם געגענווערטיגען אויגענבליק באהאווענט, קען ברענגען צו'ן א פארשעהמונג פונ'ם נשיא. האָט ער זיך אָנגעהויבען דרעהען ארום דעם נשיא, ביז דער נשיא איז אויפמערקזאם געוואָרען דארויף, אז עס קאָכט זיך עטוואס געגען איהם הינטער זיין רוקען. און ווען דער מענש האָט דערצעהלט דעם נשיא אלסדינג, האָט זיך דער נשיא צוגעגרייט צו אלע מעגליכע שאלות, און כדי צו זיין גאָר אין גאנצען זיכער, האָט ער נאָך אויסערדעם יענע צוויי, דעם "אב בית דין" און דעם "חכם" פון זיינע סנהדרין, פשוט נישט ארייִנגעלאָזען יענעם טאָג אין בית־המדרש. האָבען זיי ארייִנגעשיקט זייערע שאלות, אָנגעשריבען אויף צעטעלעך, און ר' שמעון בן גמליאל האָט זיך באשטרעבט, צו ענטפערען אויף יעדע שאלה, ווי ווייט עס איז איהם נור מעגליך געווען. און טאָמער האָט ער אמאָל אויף איינע פון די שאלות נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען, האָבען איהם די צוויי פון דרויסען ארייִנגעשיקט דעם תירוץ...

האָט ר' יוסי בן חלפתא געזעהען דאָס דאָזיגע שפּיעל, האָט ער א זאָג געטהון צום נשיא: "די תורה געפינט זיך היינט אין דרויסען און מיר זיצען זיך דאָ רוהיג איינעווייניג!" — האָט דאן ר' שמעון בן גמליאל ערלויבט יענע צוויי אויסגעשלאָסענע, אריין צו קומען אין בית־המדרש. גלייכצייטיג האָט ער אָבער פאָראָרדענט, אז ביי אלע הלכות, וואָס זיי וועלען פון היינט אָן מחדש זיין, זאָל מען נישט דערמאָנען זייער נאָמען. זיינען טאַקי די הלכות, וואס ר' נתן האָט פון דאַמאָלס אָן מחדש געווען, באקאנט געוואָרען אלס די אויסשפּרוכען פון א "יש אומרים", און די הלכות, וואָס ר' מאיר האָט פון דאַמאָלס אָן מחדש געווען, זיינען באַצייכענט אלס "אחרים אומרים". *)

שפּעטער האָבען זיי ביידע, ר' נתן און ר' מאיר, געהאַט א חלום, אז זיי דארפען געהען איבערבעטען דעם נשיא, האָט זיך ר' נתן אָנגעבויגען פאר'ן ווילען פונ'ם נשיא און ער האָט אָנגענומען זיין שטראָף. ר' מאיר דאַגעגען האָט זיך נישט געוואָלט בויגען. און מכח דעם חלום האָט ער געזאָגט, אז

*) אין אונזער שילדערונג וועגען אלישע בן אבויה איז אָנגעגעבען אן אנדער טעם, וואָס די חידושים פון ר' מאיר אין הלכה ווערען באַצייכענט אלס "אחרים אומרים". זעהר אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס ביי די דינים פון קריאת־שמע איז אמאָל פאַרהאַנען א פּלוגתא צווישען ר' מאיר און די "אחרים" (ברכות דף ט' עמוד ב').

חלומות זיינען גאָר נישט. האָט דאָן דער נשיא פאָרגעלייגט דעם ענין פאַר די חכמים און ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט, זיי זאָלען ארויסגעבען אַ חרם אויף ר׳ מאיר. האָט ר׳ מאיר געשיקט זאָגען די חכמים, אז אויב זיי וועלען ארויס־לאָזען א חרם געגען איהם, וועט דאָס זיין זעהר אן אומגערעכטער שריט פון זייער זייט און ער וועט אויך דעם חרם נישט אנערקענען (ירושלמי מועד־קטן פרק ג׳ הלכה א׳).

דער סוף איז געווען, אז ר׳ מאיר האָט געמוזט פאַרלאָזען ארץ־ישראל און געהען וואוינען ערגיץ אין א שטאָדט פון קליין־אזיען, וואו ער איז דער־נאָך געשטאָרבען. און איידער ער איז געשטאָרבען, האָט ער געשיקט אָנזאָ־גען אין ארץ־ישראל: ״אייער משיח(!) איז געשטאָרבען אויף א פרעמדען באָדען!״ — צוגלייך האָט ער געהייסען, מען זאָל איהם באַגראָבען אין אן ארון ביים ברעג פונ׳ם ים, וועלכער רינגעלט ארום ארץ-ישראל, עס זאָל זיין אזוי, ווי ער וואָלט געווען באַגראָבען אין ארץ־ישראל (ירושלמי כלאים פרק ט׳ הלכה ג׳).

ביים לערנען האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געהאַט זיין אייגענאַרטיגען דרך. ער פלעגט לעהרנען צו זיינע תלמידים בלויז אזעלכע הלכות, אויף וועל־כע עס איז פאַרהאַנען א הסכמה פונ׳ם ״בית־דין הגדול״. דאַגעגען פלעגט ער שטענדיג אויסמיידען אלע יענע דינים, וואָס זיינען אין ספק אָדער אין א מחלוקה און זיי זיינען נישט גענוג באַהאַנדעלט געוואָרען מיט דער הסכמה פון א רוב חכמים.

און ווען מען איז צו׳ן איהם געקומען מיט געלד־פּראָצעסען, פלעגט ער זאָגען, אז דער מנהג פונ׳ם לאַנד און דער גלייכער מענשליכער שכל דאַרף זיין אנטשיידענד אין אזעלכע ענינים, אפילו דאָרט וואו די חכמים פלעגען ארויסדרינגען אנדערש פונ׳ם פסוק. ער איז אויך כסדר געווען באַשטרעבט, אויפצוהויבען דעם פרעסטיזש פונ׳ם בית־דין, אז טאָמער האָט דער דיין ארויסגעזאָגט אַ וואָרט, זאָל מען עס באַטראַכטען אלס א געזעץ.

ביי זיין פאָטער אין הויז האָט א גאַנצע מחנה תלמידים געלערנט גריי־כיש. דערפאַר האָט ר׳ שמעון געזאָגט, אז מען מעג שרייבען א ספר־תורה אויף גריכיש (מגלה דף ה׳ עמוד ב׳). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט, אז ווי באַלד מען וויל ריכטיג איבערזעצען די תורה, קען מען דאָס בלויז טהון אין גריכיש (ירושלמי מגילה פרק א׳ הלכה ט׳).

ער האָט אויך פאַרשטאַנען די נאַטור פון דער ערד און די קונסט פון פלאַנ־צונגען, גלייך ווי פון זייער וואקסטום (פסחים דף נ״ג עמוד א׳). אויסער־דעם האָט ער געהאַט א ידיעה אין אַנאַטאָמיע און אין מעדיצין. און דאָרט וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א דין פון ״איסור והיתר״ אָדער אין ״הלכות אישות״, איז דער דרך זיינער געווען צו אורטיילען לויט דעם וואָס איינער האָט געוואָלט טהון, ווייל ער פלעגט נעוועהנליך קוקען אויף דער מאַטעריע, נישט אויף דער צורה, אויף דער אינעווייניגסטער כוונה פון א טהאָט און נישט אויף איהר אויבענאויפיגען אויסזעהען.

שטענדיג האָט ער זיך אויך געשטעלט ביי דער זייט פונ׳ם שוואַכען אַנט־קעגען דעם שטאַרקען. דאַדורך האָט ער געשטיצט דאָס רעכט פון די פרויען אין די דינים פון א כתובה. ער האָט אויך געפאָדערט גערעכטיגקייט פאַר די גוי׳שע שקלאַפען און ער האָט געזאָגט, אז גלייך ווי עס איז אַ מצוה אויסצו־לייזען א פרייען מענש פון געפאַנגענשאַפט, אזוי איז אויך א מצוה אויסצו־לייזען שקלאַפען (גטין דף ל״ז עמוד ב׳). און וועגען אַ שטראַף פאַר מער־

רער האָט ער געהאַלטען, אַז מען דאַרף האָבען אַ טויטען־אורטייל, כדי עס זאָלען זיך נישט פאַרמערען די רוצחים ביי אידען. דאָס האָט ער געזאָגט נעגען דער מיינונג פון פיעלע אַנדערע חכמים, וועלכע זיינען געווען געגנער פון אַ טויטען־אורטייל (מכות דף ז׳ עמוד א׳).

און ווייל ער איז געווען טאָלעראַנט געגען אַנדערשגלויביגע, האָט ער געזאָגט, אַז ווען אַ גוי קומט צו אַ אידישען בית־דין, דאַרף מען איהם משפט׳ן לויט׳ן אידישען דין (ספרי פ׳ י״ח). ער פלעגט אויך זאָגען, אַז אַ שטר־חוב מיט אַ גוי׳שער אונטערשריפט איז כשר. און געגען דער מיינונג פון אַנדערע חכמים, אַז אַ שומרוני איז ווי אַ גוי, האָט ער געזאָגט, אַז אַ שומרוני איז גע־רעכענט פאַר אַ איד צו יעדער זאַך (ירושלמי ברכות פרק ז׳ הלכה א׳), ווייל אַ מצוה וואָס די שומרונים האָבען אַמאָל אָנגענומען, האַלטען זיי זי בעסער ווי אַנדערע אידען (קדושין דף ט״ו עמוד ב׳).

ער פלעגט אויך זאָגען, אַז די וועלט שטעהט אויף דריי פעסטע זיילען: אויף׳ן רעכט, אויף׳ן אמת און אויף׳ן שלום (אבות פרק א׳ משנה י״ח). ספּע־ציעל גע׳דרשנ׳ט האָט ער שטענדיג וועגען דער ווערדע פונ׳ם שלום און ער האָט געזאָגט, אַז עס זיינען פאַרהאַנען פסוקים אין דער תורה, וואָס האָבען אין זייער לשון אַן אומקלאָרע שפּראַך צוליעב דער שטרעבונג צו שלום (ירושלמי פאה פרק א׳, ויקרא רבה פרשה ט׳). ביי אַן אַנדערער געלעגענ־הייט האָט ער געזאָגט, אַז "ווער עס מאַכט שלום ביי זיך אין הויז, איז דאָס גלייך ער זאָל מאַכען שלום ביי אַלע אידען" (אבות דר׳ נתן פרק כ״ח).

אויפגעצויגען ביי זיין פאָטער אויף אַ קעניגליכען שטייגער, פלעגט ער תמיד רעדען, ווי דאָס גאַנצע אידישע לעבען האָט פאַרלוירען דעם אַמאָליגען גלאַנץ, אַז אפילו די נאַטור פון ארץ־ישראל האָט זיך געענדערט אין פאַרגלייך מיט פריהערע צייטען. אַמאָל, האָט ער געזאָגט, פלעגט דער אויבערשטער אַרויסווייזען זיין ליעבשאַפט צו אי־דען, אַז ער האָט אַזש פאַר זייערטוועגען משנה געווען די סדרי בראשית (שמות רבה פ׳ ל״ח), אָבער זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט אויפגעהערט די ווירקונג פונ׳ם טוי אויף די געוויקסען און עס איז אוועקגע־נומען געוואָרען דער טעם פון די פירות (תוספתא סוטה פרק ט״ו).

יעדע רעליגיעזע איינפיהרונג, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געהאַט איינ־געפיהרט אין יבנה, האָט ר׳ שמעון געוואָלט איינפיהרען אין אושא, אַ שטיי־נער ווי דער אופן פונ׳ם צינדען ליכט לכבוד שבת (שבת דף כ״א עמוד א׳). האָט זיך דאָס איהם אָבער ווייניג וואָס איינגעגעבען. ער פלעגט אויך אָפּט־מאָל מיט אַ באַזונדערער פאַרליעבע איבערדערצעהלען די ערינערונגען פון אַמאָליגע צייטען, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען, לויט ווי ער האָט געהערט וועגען דעם פון זיין פאָטער. זעהר גערן וואָלט ער די דאָזיגע אַלע מנהגים איינגעפיהרט אין אושא. האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין כח דערצו און די אַנדערע חכמים האָבען איהם צו די אַלע זאַכען נישט געוואָלט געבען זייער אונטערשטיצונג.

וואָס אונזער ר׳ שמעון בן גמליאל האָט כסדר געשטרעבט, צו פאַרשטאַר־קען די ווערדע פון זיין אַמט אַלס "נשיא", האָט געהאַט הויפּטזעכליך זיין אורזאַך אין דעם, וואָס ער האָט אויך צוגלייך געוואָלט באַפעסטיגען די ממשלה פון זיין "דינאַסטיע". אַזוי ווי ער איז געווען דער זעקסטער דור פון הלל הזקן, האָט ער גערעכנט, אַז ווען איינער פון זיין גזע זאָל אפילו אַמאָל נישט זיין גרוים גענוג פאַר זיין דור, דאַרף מען איהם אויך אַרויפזעצען אויף׳ן

שטוהל פונ'ם "נשיא", ווייל עס טאר גאר נישט געמאָלט זיין, אז א מענש פון אן אנדערער גזע זאָל קענען פאַרנעהמען זיין פּלאַץ.

באַשטאַרקט אין דער דאָזיגער באַשטרעבונג זיינער איז ער געוואָרען, ווען ער האָט גענומען אויף'ן זינען, אַז ווען זיין זיידע ר' שמעון בן גמליאל הזקן איז דער'הרג'ט געוואָרען דורך די רוימער, האָט מען נישט באלד איבערגעגע־בען די ממשלה צו זיין פאָטער ר' גמליאל דיבנה און שפּעטער א ביסיל האָט מען איהם גאָר פאַר א קורצע צייט ארונטערגעזעצט פונ'ם אמט. און ווען ר' גמליאל דיבנה איז געשטאָרבען, האָט מען זיך אויך נישט צוגעאיילט, איי־בערצוגעבען די הערשאַפט צום רעכטמעסיגען יורש פון דער "נשיאות", נור מען האָט פריהער אויספּרובירט מיט אַנדערע קאַנדידאַטען.

דערהויפּט האָט ר' שמעון געשטרעבט אוממעגליך צו מאַכען א ווידער־האָלונג פון אזא געשעהעניש, ווי עס איז מיט זיין פאָטער פאָרגעקומען און ווי עס איז אַמאָל שיער נישט פאָרגעקומען מיט איהם אליין, אז א פּלוצימדיג ארויסגערופענע געגנערשאַפט צו די פאַראָרדנונגען פונ'ם "נשיא" אָדער צו זיינע מיינונגען זאָל קענען ארונטערוואַרפען דעם "נשיא" פון זיין אַמט.

מיט א באַזונדערער פאַרליעבע פלעגט ר' שמעון איבערדערצעהלען די עראינערונגען פון אַמאָליגע צייטען, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען, לויט ווי ער האָט דאָס געהערט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט נאָך מאַנכעס פון דעם געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען אַלס קינד ביי זיין פאָטער אין הויז. אזוי פלעגט אונזער ר' שמעון זאָגען, אַז אידען האָבען נישט קיינמאָל געהאַט קיין שעהנערע ימים־טובים ווי חמשה־עשר באב און יום־כפור, ווען די מיידלאך פלעגען ארומגעהען איבער די גאַסען אַנגעטהון אין ווייסע קליי־דער, וואָס איינע האָט זיך גענדארפט אויסבאָרגען ביי דער אַנדערער, אַז די וואָס האָבען נישט קיין אייגענע קליידער זאָלען זיך נישט דארפען שעהמען, און דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען טאַנצען אין די וויינגערטנער, וואו זיי פלע־גען רופען די בחורים, וואָס זיינען געקומען זעהען ווי זיי טאַנצען, זיי זאָלען זיך אויסקלייבען יעדער די שעהנסטע אָדער די בעסטע צום הייראַטען (תענית דף כ"ו עמוד ב', בבא בתרא דף קכ"א עמוד א'). *)

---

*) ווען איך האָב אין מיין פריהעסטער יוגענד געלערענט ביי א גרויסען גאון אין הויז, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט אויף'ן נאָמען פון זיין פאָטער, אַז עס איז דאָ זיכערליך אריינ־געפאַלען א טעות אינ'ם לשון פון דער משנה און דער דאָזיגער טעות שלעפט זיך ווייטער נאָך אין דער ברייתא און אין דער גמרא, אַז אַנשטאָט וואָס עס זאָגט זיך דאָ "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים", וואָלט גענדארפט זיין "חמשה עשר באב וכיום הפורים", ווייל ווען עס זאָל אפילו זיין מעגליך, ווי די גמרא זאָגט אין בבא בתרא, אַז די אידישע טעכטער זיינען ארומגעגאַנגען אים יום־כפור איבער די גאַסען פון ירושלים, אַנגעטהון אין ווייסע קליידער, לאָזט זיך עס גאָר נישט גלויבען, אַז מען האָט זיי אינ'ם הייליגען טאָג פון יום כפור געלאָזט טאַנצען אין די וויינגערטנער און שדכנ'ען זיך דאַמאָלס צו בחורים. עס געפינט זיך אויך נישט גאָר ווענען דעם אינ'ם "סדר העבודה" פון ר' יוסי בר יוסי אָדער ביי יאָזעפוס פלאַוויוס. דאַגעגען איז פורים אין דער צייט פונ'ם בית־המקדש געווען זעהר א וויכטיגער יום־טוב, חאָטש אָהן קרבנות, און מכח דער שייכות פון פורים און גערטנער, ברענגט די גמרא, אַז ר' יהודה הנשיא, דער זוהן פון ר' שמעון בן גמליאל, פלעגט פלאַנצען א בוים יעדעס יאָהר אים פורים. איז שוין טאַקי מעגליך, אַז מען האָט דאַן איינגעלאַדען מיידלעך צום טאַנצען ביי דער פלאַנצונג.

ביי אזעלכע געלעגנהייטען פלעגט ער אויך דערצעהלען, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין ירושלים ביים אויפנעהמען געסט, ווי דער גאסטגעבער פלעגט לייגען שלאָפען זיינע געסט אינעווייניג אין הויז און אליין פלעגט ער בלייבען ליגען אין דרויסען (אבות דר׳ נתן פרק ל״ח). ווייטער פלעגט ער דערצעהלען וועגען דעם טייך ״שילוח״, ווי ער האָט אמאָל ארויסגעשפריצט זיין וואסער פון אזא שמאָלער עפענונג ווי א קליינע קופערנע מטבע. האָט דער קעניג געהייסען ברייטער מאכען די עפענונג, איז דאן דאָס וואסער געוואָרען ווייניגער, און ווען ער האָט דערנאָך געהייסען צוריק שמאָל מאכען די עפענונג, האָט דאָס וואסער ווייטער אָנגעהויבען שפריצען ווי בעפאָר. ער פלעגט אויך זאָגען, אז דער בית-המקדש האָט נישט געהאט קיין אָרגעל, ווייל חאָטש די קלאַנגען פון אן אָרגעל זיינען אנגענעהם פאַר׳ן אויער, וואָלטען זיי אָבער פאַרדאַרבען די האַרמאָניע ביים געזאַנג (ערכין דף י׳ עמוד ב׳).

אָט די אַלע מעשיות פלעגט ר׳ שמעון בן גמליאל דערצעהלען, ווייל ער האָט געוואָלט אָנהאַלטען דאָס פאַטריאָטישע פייער צו ירושלים אין די הערצער פונ׳ם פאָלק און ער האָט אויך געגלויבט, אז ירושלים וועט נאָך אין זיינע טעג צוריק קומען צו׳ן איהר אַמאָליגען גלאַנץ. ער איז געוועזען זיכער, אז ווען דאָס אידישע לאַנד וועט אויסגעלייזט ווערען פון דער רוימישער הערשאַפט, וועט ירושלים ווערען א צענטער פאַר אַלע ארומיגע פעלקער און רעגירונגען, וועלכע וועלען זיך דאָרט צונויף-קומען לערנען דעם אמת׳ן גלויבען. צוליעב זיין אנהענגליכקייט צו ירושלים האָט ער אויך פאַרשאַרפט די באַדייטונג פון תשעה-באב און ער האָט אָנגעזאָגט, אז ווער עס ערלויבט זיך צו עסען אים תשעה-באב, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געגעסען אים יום-כפור (תענית דף ל׳ עמוד ב׳).

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, האָבען די רדיפות אויף אידען אין יענע צייטען אַלץ נישט אויפגעהערט. דער עולם איז שוין אָבער ווי צוגעוועהנט געוועזען צו די צרות, און אזוי ווי די רעגירונג האָט נור ערלויבט דאָס אנהאַלטען די סנהדרין, האָט מען זיך שוין ווייניג וואָס געמאכט פון די אַנדערע פאַרפאָלגונגען, ווי מען קען דאָס זעהען פון ר׳ שמעון׳ס אן אויסשפרוך, וואָס ער האָט געזאָגט: ״אונזערע אַמאָליגע מענשען האָבען בלויז דערשמעקט א ביסיל צרות, האָבען זיי שוין נישט געהאט קיין כח אויסצוהאַלטען און מיר וואָס ליידען שוין אזוי לאַנג דורך גאַנצע דורות און תקופות, וואָלטען גיכער געדאַרפט פאַרלירען די געדולד״ (איכה רבתי פרשה ח׳ פסקא י׳), זיינען מיר אָבער פשוט פאַרליעבט אין אונזערע צרות — האָט ער ביי אן אַנדערער געלעגנהייט צוגעגעבען — נור ווען מיר זאָלען זיי וועלען אויפשרייבען, וואָלטען מיר נישט געהאט גענוג כח צו דעם (שבת דף י״ג עמוד ב׳).

און ווען מען איז צו איהם אַמאָל געקומען און מען האָט איהם געוואָלט איינריידען, אַז ווען אידען וועלען העלפען די עגיפּטער, זיי זאָלען זיך קענען באַפרייען פון דער רוימישער ממשלה, וועט דאָס אויך גוט זיין פאַר אידען, האָט ער געזאָגט: ״לאָמיר אַקאָרשט א קוק טהון אויף דער גרויסער רייכקייט פון אָט דער שלעכטער רעגירונג, וועלען מיר זעהען, ווי עס איז נישט ביי איהר פאַרהאַנען קיין איינציגער אומבאַשעפטיגטער רעגימענט סאָלדאַטען, ווייל אַלע האָבען ביי איהר צו טהון סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט, און לאָמיר דאַנגענעגען א קוק טהון אויף מצרים, וועלען מיר זעהען, ווי אַלע איהרע סאָלדאַטען שטעהען ליידיג, טאָ ווי קען מען דענקען, צו זיגען מיט זייער הילף?״ (מכילתא פרשה י״ד).

רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער

לויט דער אויבען געשילדערטער התנהגות אין זיין אמט, וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטען, אז ר׳ שמעון בן גמליאל איז געווען א שטאָלצער. איז דאָס אָבער געווען פונקט פאַרקעהרט, ווייל די באַשיידענהייט זיינע איז געווען אן אומבאַשרייבליכע. זיצענדיג אויף זיין אמט אלס ״נשיא״, האָט ער דיקטירט זיין ווילען ביי יעדער געלעגענהייט און ער האָט ניט גערולדעט קיין שום נעגנערשאפט. איז ער אָבער געווען ביי זיך אין שטוב, אלס פריוואַטמענש, איז נישט געווען צו געפינען א מעהר באַשיידענערען מענש פון איהם.

ווען ער האָט אלס ״נשיא״ געמאַכט אן ״עבור״, פלעגט ער שרייבען צו די אידישע קהלות, זיי זאָלען וויסען, אז ער האָט ניט ביי קיינעם געפרעגט, נור אזוי ווי ער האָט זיך אריינגעטראַכט אין די אומשטענדען פון דער צייט, איז איהם געפעלען צו באַשטימען אן ״עבור״ (שפרת מילתא באנפאי), אנשטאָט וואָס זיין פאָטער פלעגט שרייבען ״שפרא מילתא באנפאי ובאנפי חברי״ (סנהדרין דף י״א עמוד א׳).

פלעגט מען זיך אָבער דערצעהלען, ווי איינער האָט אמאָל געזאָגט צו זיין ווייב, אז ער טהוט א נדר, נישט צו האָבען פון איהר קיין הנאה, אזוי לאַנג זי וועט נישט אָנשפייען דעם נשיא אין פנים אריין. האָט זי דאָס געטהון — און ר׳ שמעון האָט איהר גאָר ניט געזאָגט. און ווען ר׳ שמעון׳ס זוהן האָט זיך אמאָל ביים פאָטער באַקלאָגט אויף ר׳ אלעזר ב״ר שמעון, אז יענער האָט איהם באַליידיגט, האָט ר׳ שמעון בן גמליאל אויף דעם געענטפערט: ״זאָל דאָס דיך נישט אַרען, מיין קינד, ווייל יענער איז א לייב דער זוהן פון א לייב און דו ביזט בלויז א לייב דער זוהן פון א פוקס!״ (בבא מציעא דף פ״ד עמוד ב׳).

חוץ יענע אלע אויבען-דערמאָנטע אויסשפּרוכען פון ר׳ שמעון בן גמליאל זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין געדאַנקען-גאַנג די פאָלגענדע ״ווערטלעך״ זיינע:

״יעדע מצוה, וואָס אידען האָבען אָנגענומען פון׳ם באַרג סיני מיט שמחה, האַלטען זיי זי ווייטער מיט שמחה און די גזרות געגען זיי האָבען גאָר נישט געקענט ענדערען״ (שבת דף ק״ל עמוד א׳).

א קינד פון א טאָג ווען עס לעבט, מעג מען וועגען איהם מחלל-שבת זיין, זאָל מען אָבער דאַרפען מחלל-שבת זיין וועגען א טויטען דוד מלך ישראל, טאָר מען דאָס נישט (שבת דף קנ״א עמוד ב׳).

ווען איינער האָט אפילו נישט צו עסען, און ער פאַרקויפט א ספר-תורה אָדער ער פאַרקויפט זיין טאָכטער, קען ער אין דעם קיינמאָל ניט זעהן א סימן ברכה (מגילה דף כ״ז עמוד א׳).

א מצבה פאַר צדיקים דאַרף מען ניט מאַכען, זייערע ווערטער זיינען זייער אנדענק (שקלים דף ז׳ עמוד א׳).

זייט דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרען, וואָלט מען געדאַרפט מאַכען א געזעץ, ניט צו עסען קיין פלייש און נישט צו טרינקען קיין וויין. וואָלט מען דאָס אָבער נישט געקענט דורכפיהרען, טאָר מען ניט וועלען איינפיהרען אזעלכע זאַכען. אָט האָט די רעגירונג ארויסגעגעבען א גזרה, ניט צו לערנען קיין תורה, איז אום זיך צו קענען אויסהיטען פון דער דאָזיגער גזרה, וואָלטען מיר געדאַרפט ארויסגעבען א פאַראָרדנונג, ניט צו הייראַטען, כדי אידען זאָלען ניט האָבען קיין קינדער, וועט מען זיי ניט דאַרפען לעהרנען. טאָר מען דאָס אָבער ניט טהון און מען דאַרף לאָזען, אידען זאָלען זיך פיהרען ווי זיי ווילען, ווייל זיי וועלען שוין אליין געפינען דעם ריכטיגען וועג, ווי זיך צו רעטען פון די גזרות (הוריות דף ג׳ עמוד ב׳, תוספתא סוטה פרק ט״ו).

און טהוט איינער טראָצדעם א נדר, ניט צו עסען קיין פליש, מעג ער עסען קאָפּ און פיס, ווייל די אינעווייניגסטע זאַכען פון א בהמה רעכענען זיך ניט אלס פלייש, און ווער עס עסט דאָס, רעכענט זיך נישט פאַר א מענש (נדרים דף נ"ד עמוד ב').

ווער עס לערנט תורה אין זיין יוגענד, איז גלייך ווי א בחור נעמט א בתולה, וואו ביידע האָבען נאָך זייער יוגענדליך פייער. ווארפט זי זיך אויף איהם אין ליעבע און ער דריקט זי צו זיך אין ליעבע. ווער עס לערנט אָבער תורה אין זיין עלטער, איז גלייך ווי אן אלטער מאַן נעמט א בתולה, ווי זי לאַש־טשעט זיך צו'ן איהם אין ליעבע און ער דערוויטערט זיך פון איהר (אבות דר' נתן פרק כ"ג).

און האָט זיך א לערנער אָפּגעשיידט פון דער תורה, איז גלייך ווי א פויגעלע פארבלאָנדזעט פון איהר נעסט און זי מוז צו־גרונד געהען אין איהרע בלאָנדזענישען (קהלת רבה פרשה א').

ווי עס איז שוין עטליכע מאָל אָנגעמערקט געוואָרען, זיינען דאַמאָלס פיעלע אידען פארשפּרייט געוועזן איבער די שכנ'ישע לענדער פון ארץ־ישראל, וואו זיי האָבען זיך געוואָלט ראַטעווען פון די רוימישע רדיפות, האָט דאַן ר' שמעון בן גמליאל אָנגעווענדעט זעהר פיעל מיה, אָנצוהאלטען די באַדייטונג פון ארץ־ישראל אלס א צענטער פון דער אידישער אמונה, עס זאָל זיך נישט נאָך אַמאָל ערגיץ ווידערהאָלען די געשיכטע פונ'ם "בית חוניו" אין אלעק־סאַנדריען — און דאָס איז איהם אויך געלונגען.

רבי נתן הבבלי

אין דער צייט פון נאָך'ן חורבן ביתר און די ערשטע יאָהרען פון קייזער אנטאָניוס פיאוס, וועלכער האָט ערלויבט, אידען זאָלען מעגען אויף ס'ניי אָרגאַניזירען די "סנהדרין", איז באַשטימט געוואָרען די שטאָדט אושא אלס דער זיץ פון די סנהדרין.

קוקענדיג אויף די צרות אין ארץ־ישראל, האָט זיך דאַן אויסגעדאַכט, אז דאָס אידישע פאָלק געהט שוין טאַקי צו־גרונד, ווייל עס האָט זיך דאַמאָלס דער רוימישער רעגירונג כמעט ווי איינגעגעבען, אָפּצומעקען די אידישע תורה פונ'ם לעבען. האָט זיך אָבער אין דערזעלבער צייט קאָנצענטרירט א נייע גייסטיג לעבען ביי די אידען אין בבל, וואו רוים'ס ממשלה האָט נישט גע־גרייכט. באַזונדערס שטאַרק אנטוויקעלט איז דאַן געווען דאָס לעבען אין דער שטאָדט נהרדעא, וואו עס האָט זיך געפונען דער פאָרשטעהער פון די אידען, וועלכער האָט געפיהרט דעם טיטעל "ריש גלותא" (דער הויפּט פון די פאַרטריבענע) און ער האָט אויך געהאַט ספּעציעלע רעכטע פון דער רעגירונג.

עטליכע יאָהר פריהער האָט עקסיסטירט א גרויסער אידישער ישוב אין דער שטאָדט נציבין, וועלכע געפינט זיך נעהנטער צו ארץ־ישראל. זיינען אָבער האַדריאַן'ס סאָלדאַטען אהין אריינגעדרונגען, האָבען זיי די שטאָדט פאַר־וויסט און די מענשען אויסגעקוילעט. איז דאָרט פאַרבליבען איינער פון די חכמים, ר' יהודה בן בתירה דער צווייטער, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעפיהרט אן אייגענעם בית־המדרש. האָט ער אָבער נישט קאָנצענטרירט ארום זיך קיין גרויסען קבוץ, ווייל אַלעס האָט געשטרעבט צו קומען טיעפער אין בבל, כדי צו זיין זיכערער פאַר א רוימישען איבערפאַל. האָט זיך אַן אַנדערער אידישער געלעהרטער אויסגעקליבען די שטאָדט נהרדעא אלס א וואוינפּלאַץ און ער האָט אויך דאָרט געגרינדעט א גרויסע ישיבה. דאָס איז געווען חנניה (אָדער חנינא), דער ברודער'ס זוהן פון ר' יהושע בן חנניה.

ווי באַלד עס האָט זיך געהערט אין בבל, אז אין ארץ־ישראל איז גע־שטערט יעדער מין רעליגיעזע טהעטיגקייט, האָט זיך דער דאָזיגער חנניה בן אחי ר' יהושע בן חנניה גענומען אָרגאַניזירען א "בית־דין הגדול" אין בבל, דענקענדיג, אז אזוי ווי עס איז שוין סאַי־ווי נישט פאַרהאַן קיין בית־המקדש אין ארץ־ישראל און דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבען פון די אידען באַשטעהט אויסשליסליך אינ'ם באַשטימען די "עבור־יאָהרען" און אין א קאַלענדאַרישען פעסטשטעלען פון די ימים־טובים, וועט מען דאָס גאַנץ גוט קענען דורכפיהרען אין בבל.

האָט מען דעם דאָזיגען צושטאַנד באַטראַכט אין ארץ־ישראל אַלס א סכנה פאַר דער אויטאָריטעט פון די דאָרטיגע חכמים. איבערהויפּט האָט דער נשיא ר' שמעון בן גמליאל ניט געוואָלט לײדען קיין זעלבסט־געקרוינ־טע אויטאָריטעטען אין חוץ־לארץ, האָט ער אוועקגעשיקט צוויי ספּעציעלע שלוחים קיין בבל, זיי זאָלען זעהען, וואָס מען קען דאָרט טהון.

די חכמים פון דער משנה

ווערד די דאָזיגע שליחות געשילדערט אין צוויי פאַרשידענע נוסחאות :*)

דריי בריעף — ווערד דערצעהלט — האָט דער נשיא מיטגעגעבען צו יענע שלוחים פאַר חנניה׳ן אין בבל, און ווי עס דאַכט זיך, האָט ער געהייסען איהם ווייזען די בריעף ניט מיט איינמאָל, נור איינעם נאָך׳ן אַנדערן.

אינ׳ם ערשטען בריעף איז געווען א גרוס ״צו דער ווירדיגער הייליגקייט פון חנניה״. און ווען מען האָט דאַן די שלוחים געפרעגט וועגען דעם צוועק פון זייער קומען קיין בבל, האָבען זיי געזאָגט, אז זיי זיינען געקומען לערנען. האָט זיי חנניה פאַרגעשטעלט צו זיינע חברים און ער האָט וועגען זיי אזוי געזאָגט: ״אָט די מענשען דאָ זיינען באַריהמטע מענשען, זייערע עלטערען האָבען געטהון די עבודה אינ׳ם בית־המקדש״.

דערנאָך האָבען די שלוחים זיך גענומען איינהערען, ווי אזוי ער לעהרענט, און וואָס ער האָט געזאָגט, האָבען זיי געוואָלט באַווייזען, אז דער דין אין פונקט פאַרקעהרט, ווי ער וויל זאָגען. האָט דאָס איהם זעהר פאַרדראָסען און ער האָט זיי שוין געוואָלט באַשימפּפען. האָבען זיי איהם דערלאַנגט דעם צווייטען בריעף פונ׳ם נשיא, אין וועלכען עס איז איהם געזאָגט געוואָרען, ער זאָל וויסען, אז ״די קליינע ציגעלעך, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזען אין ארץ־ישראל, זיינען דערווייל אויסגעוואקסען און עס איז פון זיי געוואָרען ציגענבעק מיט שפּיציגע הערנער״.

און ווען חנניה האָט דאַן געוואָלט זאָגען צו זיינע חברים אין בבל, אז די מענשען פון ארץ־ישראל זיינען שווינדלער, האָבען זיי איהם געזאָגט: ״אזוי ווי דו האָסט אונז פריהער געלויבט, קענסטו אונז נישט מעהר באַשימפּפען!״ — גלייכצייטיג האָבען זיי איהם דערלאַנגט דעם דריטען בריעף פונ׳ם נשיא, אין וועלכען עס איז געווען צו לייענען, אז ער טאָר זיך ווייטער ניט נעהמען דאָס רעכט פון מאַכען עבור־יאָהרען און באַשטימען די ימים־טובים.

האָט חנניה אויף דעם געזאָגט: ״איך האָב א רעכט צו טהון. וואָס איך פאַרשטעה, אז עס איז נויטיג פאַר דער טובה פונ׳ם אידישען פאָלק. אַיבריגענס האָט אויך ר׳ עקיבא באַשטימט דעם עבור, בשעת ער איז געווען אין חוץ־לארץ!״

— לאָז אָפּ דעם פאַרגלייך מיט ר׳ עקיבא! — האָבען די שלוחים געענטפערט — דו טאָרסט זיך איבערהויפּט ניט פאַרגלייכען צו ר׳ עקיבא, וועלכער האָט ניט געהאַט זיינס־גלייכען אין ארץ־ישראל.

— איך האָב אויך ניט איבערגעלאָזען מיינסגלייכען אין ארץ־ישראל!

— האָט חנניה געענטפערט.

---

*) די שילדערונג פון אַט דער געשעהעניש איז באַשריבען אין בבלי (ברכות דף ס״ו עמוד א׳) אזוי ווי אין ירושלמי (נדרים פרק ו׳ הלכה ה׳ און סנהדרין פרק א׳ הלכה ב׳). זיינען די נעמען פון די שלוחים אין בבלי אַנדערש ווי אין ירושלמי און דאָרט וואו די מעשה ווערד דערצעהלט אין ירושלמי, פעהלט דער נאָמען פון רבן שמעון בן גמליאל און עס שטעהט דאָרט בלויז ״רבי״, וואָלט דאָס געקענט מיינען, אז דאָס געשעהעניש איז פאָרגעקומען מיט ר׳ יהודה הנשיא. איז דאָס אָבער נישט ריכטיג, ווייל אין די טעג פון ר׳ יהודה הנשיא איז די שטעלונג פונ׳ם ״נשיא״ אין ארץ־ישראל געווען א פולשטענדיג געזיכערטע און עס האָט גאָר דאַמאָלס אין בבל נישט געקענט קיינעם איינפאַלען, צו וועלען קאָנקורירען אין דער פיהרונג פונ׳ם אידישקייט מיט ארץ־ישראל.

האָבען איהם די שלוחים אויפמערקזאם געמאכט אויף׳ן אינהאלט פונ׳ם נשיא׳ס צווייטען בריעף, וועלכער זאָגט איהם, אז די קליינינקע וואָס ער האָט איבערגעלאָזען, ווען ער איז אוועק, זיינען דערווייל אויסגעוואקסען גרויס און זיי האָבען געשיקט זאָגען, אז "ווען דו וועסט געהאָרכען און אָפּשטעהען פון דיינע מעשים, וועט זיין גוט, זאָנסט וועט מען דיך פאַרטרייבען פון כלל-ישראל, וועסטו דיר קענען אויסקלייבען א פלאַץ פאַר א מזבח מיט קרבנות און מוזיק, ווי די אידען אין אַלעקסאנדריע האָבען אַמאָל געטהון".

און אזוי ווי זיי האָבען געזעהן, אז ער וויל אַלץ ניט נאָכגעבען, האָט זיך איינער פון די שלוחים אוועקגעשטעלט אין בית־המדרש לייענען די תורה אין א יום טוב, וואָס חנניה האָט באַשטימט — און ער האָט געזאָגט "אלה מועדי חנניה".

האָט איהם דער עולם אויסגעבעסערט, אַז מען דאַרף זאָגען "אלה מועדי ה׳", האָט ער אויף דעם א זאָג געטהון: ביי אונז אין אונזערע ספרים שטעהט טאַקי "אלה מועדי ה׳", אָבער דאָ ביי אייך, דאַרף שטעהען "אלה מועדי חנניה", ווייל אייער חנניה באַשטימט דאָ די ימים־טובים, ניט אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען, נור אזוי ווי עס געפעלט איהם!

דערנאָך איז אויפגעשטאַנען דער צווייטער שליח און ער האָט ציטירט א פסוק "כי מבבל תצא תורה". האָט איהם דער עולם אויסגעבעסערט, אז ער דאַרף זאָגען "כי מציון תצא תורה". האָט ער אויף דעם געענטפערט: ביי אונז אין אונזערע ספרים שטעהט טאַקי "כי מציון תצא תורה", אָבער לויט ווי איהר פיהרט זיך דאָ, מעגט איהר שרייבען אין אייערע ספרים "כי מבבל תצא תורה".

האָט דער עולם אָנגעהויבען וויינען און מען איז אויך געווען גרייט צו געהאָרכען די ווערטער פון די ארץ־ישראל׳דיגע שלוחים, האָט אָבער חנניה ניט געוואָלט אויפגעבען זיין דרך. איז ער אוועק צו ר׳ יהודה בן בתירה אין נציבין און ער האָט איהם געפרעגט, וואָס ער זאָל יעצט טהון. האָט איהם ר׳ יהודה געהייסען נאָכגעבען, ווייל נור דער "בית־דין הגדול" אין ארץ־ישראל איז די איינציגע קאָמפּעטענטע באהערדע, צו באַשטימען די רעליגיעזע פיהרונג פונ׳ם גאַנצען פאָלק, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין חוץ־לארץ.

וועגען דעם דאָזיגען חנניה ווערד דערצעהלט, אז האָטש ער פלעגט אָפּטמאָל געהן פון ארץ־ישראל קיין בבל, פלעגט ער דאָס תמיד טהון מיט הארצוועהטאָג, און איינמאָל ווען ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט ר׳ יהודה בן בתירה, מיט ר׳ מתיא בן חרש און ר׳ יונתן, איז ווען זיי זיינען געקומען צו דער גרעניץ פון ארץ־ישראל און זיי האָבען באַדענקט, פון וואַנען זיי געהען אוועק, האָבען זיי צוריסען זייערע קליידער און אָנגעהויבען שרעקליך וויינען. און אין זייער גרויסען צער, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו פאַרלאָזען ארץ־ישראל, האָבען זיי פאַרציכטעט אויף דער פּערזענליכער זיכערהייט זייערער אין בבל — און זיי זיינען געגאַנגען צוריק קיין ארץ־ישראל (זעה ספרי פ׳ ראה).

חנניה האָט געלערנט ביי זיין אָנקעל אין יבנה. שפּעטער האָט ער זיך גע׳חבר׳ט מיט די גרעסטע פון זיין דור. און ווען ער איז אַמאָל קראַנק געוואָרען, זיינען די גרעסטע מענשען פון יענער צייט געקומען איהם באַזוכען. אזוי ווי ער איז אָבער אָפטמאָל אוועקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל און עס האָט זיך איהם אַמאָל געוואָלט רעוואָלטירען געגען די חכמים אין ארץ־ישראל, איז ער נישט געווען קיין "מוסמך", און ווען ער ווערד טראָצדעם צוויי אָדער

דריי מאָל דערמאָנט מיט'ן טיטעל "רבי", איז דאָס צוליעב א טעות פון'ם נוסח אין דער גמרא.

זיינע אויסשפּרוכען אין הלכה געפינען זיך אויך ניט אין דער משנה. זיי זיינען אָבער פיעלע מאָל דערמאָנט אין דער "ברייתא". *)

ווי עס איז דערצעהלט, איז חנניה עטליכע מאָל געווען אין בבל און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל. נור נאָך דעם צוזאַמענשטויס מיט די שלוחים פון'ם נשיא איז ער שוין פאַרבליבען אין בבל און איז קיינמאָל נישט מעהר צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל.

און וועגען דער אורזאַך, וואָס ר' יהושע בן חנניה האָט אוועקגעשיקט זיין ברודער'ס זוהן קיין בבל, ווערד דערצעהלט, אז דאָס איז ניט געווען צוליעב דער זיכערקייט פאַר'ן לעבען פון א לערנער, וועלכער האָט אין ארץ־ישראל שטענדיג געשוועבט אין לעבענס־געפאַהר, אז טאָמער וועט זיך די רוימער פאַרגלוסטען, א קוועטש צו טהון די אידישע תורה, וועט דאַן דער לערנער דאַרפען באַצאָהלען מיט'ן לעבען, נור דאָס איז געווען צוליעב דעם, וואָס די "מינים" (די ערשטע קריסטען) האָבען אמאָל חנניה'ן אָפּגעטהון א כשוף, אז ער האָט אין א געוויסען שבת זיך פאַרגעסען, וואָס פאַר א טאָג עס איז — און ער איז געקומען צו רייטען אויף אן אייזעל צו זיין אָנקעל אין בית־המדרש אריין. האָט איהם דער אָנקעל געוואָלט אָפּראַטעווען פון דעם דאָזיגען "כשוף" און ער האָט איהם אוועקגעשיקט פון ארץ־ישראל.

די פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין בבל איז דאַן געווען א רוהיגע און א זיכערע, אפילו דאַמאָלס ווען די ארץ־ישראל'דיגע רעגירונג האָט אָנגעפיהרט א פאַרניכטונגס־קאַמפּף געגען איהרע אידען. זאָגאַר שפּעטער, ווען די רוימער האָבען אונטער דער הערשאַפט פון קייזער אנטאָנינוס פּיאוס פאַרמינערט זייערע רדיפות געגען אידען און עס איז צוריק ערלויבט געוואָרען אָפּצוהיטען אלע מנהגים פון דער אידישער אמונה, האָט מען ניט געקענט פאַרגלייכען די לאַגע אין ארץ־ישראל צו די פרייהייטען, וואָס אידען האָבען דאַמאָלס גענאָסען אין בבל, וואו זיי האָבען אונטער דער פיהרונג פון אן אייגענעם "ריש גלותא" אויטאָנאָם פאַרוואַלטעט אלע זייערע רעליגיעזע אינטערעסען און די רעגירונג האָט זיי געלאָזט טהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט.

האָט דאָס פון דעסטוועגען ניט געשטערט, אז וועלכער איד עס איז נור געווען בכח, אוועקצוגעהען פון בבל, איז תיכף געגאַנגען וואוינען אין ארץ־ישראל, ווייל עס האָט זיך איטליכען אויסגעדאַכט, אז די אידען אין בבל זיינען דערוויטערט פון זייער גאָט און דעם אויבערשטען'ס לייטזעליגקייט ליגט נור אויף ארץ־ישראל.

און אין דער צייט, וואָס ר' שמעון בן גמליאל דער צווייטער איז געווען "נשיא" אין ארץ־ישראל, איז אַהין געקומען וואוינען ר' נתן הבבלי, וועלכער איז באַלד ביי זיין אָנקומען געוואָרען "אב בית דין" ביי די סנהדרין אין אושא.

ר' נתן איז געווען א זוהן פון'ם "ריש גלותא" אין בבל, ווי מיר קענען

---

*) מיט'ן נאָמען "ברייתא" ווערען באַצייכענט אַזעלכע משנה'ס אין הלכה און אגדה, וואָס זיינען נישט אריינגענומען געוואָרען אין די משניות פון ר' יהודה הנשיא און זיי זיינען פאַרשפּרייט אין תלמוד בבלי גלייך ווי אין תלמוד ירושלמי, אין מכילתא, ספרא און ספרי. געוועהנליך הויבען זיך יענע משנה'ס אן מיט דער באַצייכענונג: תנו רבנן, תנן, תנינא אדער תניא.

זעהען פון די ווערטער, וואָס ר' שמעון בן גמליאל האָט איהם געזאָגט: "ווען דער זילבערנער גארטעל פון דיין פאָטער (דאָס איז די אָפיציעלע אוניפאָרם פון א ריש-גלותא) האָט דיר געהאָלפען, דו זאָלסט ווערען אב-בית-דין אין ארץ-ישראל, דארפסטו זיין צופרידען און דו דארפסט ניט וועלען ווערען נשיא" (זעה הוריות דף י"ג עמוד ב').

פארהאנען א מיינונג, אז ר' נתן איז שוין פריהער אמאָל געווען אין ארץ-ישראל, וואו ער האָט געלערנט ביי ר' ישמעאל בן אלישע גלייך ווי ביי ר' אליעזר בן הורקנוס און ביי די אנדערע חכמים פון יענער צייט, וועלכע ער דערמאָנט שפּעטער אין זיינע אויסשפּרוכען. אזוי ווי עס האָבען זיך אָבער די גזרות אין ארץ-ישראל פון טאָג צו טאָג פארשטאַרקערט, איז ער אוועק פון דאָרט און ער האָט דאָן ארומגערייזט איבער פארשידענע לענדער, ביז די לאגע אין ארץ-ישראל איז געוואָרען א גרינגערע, ווען אנטאָנינוס פּיאוס איז געוואָרען קייזער און ר' שמעון בן גמליאל איז געוואָרען "נשיא".

אויף איינער פון די דאָזיגע רייזען, האָט ר' נתן דערנאָך אליין דערצעהלט, האָט מען צו'ן איהם געבראכט א שוואך קינד פון איינער א פרוי, וואָס צוויי קינדער זיינען ביי איהר פריהער געשטאָרבען, נאָכדעם ווי דאָס בלוט איז ביי זיי אָפּגערונען אין דער "מילה". האָט ער דאָס קינד אָנגעקוקט און ער האָט געזעהן, אז עס איז אין גאנצען רויט, האָט ער געהייסען וואַרטען מיט'ן מל'ן, ביז דאָס בלוט וועט זיין איינגעזאַפּט אין קינד'ס קערפּער.

ווי עס פארשטעהט זיך, האָט ער אויך וועהרענד יענע רייזען א שמעק געטהון קיין ארץ-ישראל — און וואָס ער האָט דאָרט דאמאָלס געזעהען, האָט איהם אָנגעפילט מיט א געפיהל פון עהרפורכט צו דער מסירת-נפש פון די ארץ-ישראל-אידען, ווי איבערגעגעבען זיי זיינען, אָפּצוהיטען גאָט'ס מצוות.

געהענדיג אין גאס — האָט ער געזאָגט — קען מען באגעגענען רוימישע סאָלדאטען, ווי זיי פיהרען א אידען צום הרג'נען, און ווען מען פרעגט דעם פאראורטיילטען, וואָס ער האָט אזוינס געטהון, אז מען פיהרט איהם דערפאר הרג'נען, ענטפערט ער: "איך האָב גע'מל'ט מיין זוהן!" — אן אנדער מאָל באגעגענט מען סאָלדאטען, וועלכע פיהרען א אידען צום פארברענען. פרעגט מען איהם, וואָס ער האָט אזוינס געזינדיגט, וואָס מען פיהרט איהם דערפאר צו פארברענען, ענטפערט ער: "איך האָב געלערנט גאָט'ס תורה!" — שפּעטער טרעפט מען ווייטער סאָלדאטען, ווי זיי פיהרען איינעם א אידען צום קרייציגען. און ווען מען פרעגט איהם, וואָס ער האָט אזוינס געזינדיגט, אז מען פיהרט איהם דערפאר צום קרייציגען. ענטפערט ער: "איך האָב געגעסען מצה אים פסח!" — דערנאָך באגעגענט מען סאָלדאטען, פיהרען א אידען צום שמייסען. און ווען מען פרעגט איהם, וואָס ער האָט אזוינס געזינדיגט, אז מען פיהרט איהם דערפאר צו שמייסען מיט בייטשען. ענטפערט ער: "איך האָב גענומען דעם לולב!" (מכילתא שמות כ').

אין יענער צייט, ווען ר' נתן האָט געווירקט אין ארץ-ישראל, האָט מען אָנגעהויבען מסדר זיין די "משניות" אין ספרים און צו אָרדנען די "מסכתות". און וואָס פאַר א ראָלע ר' נתן האָט ביי דער דאָזיגער ארבייט געשפּיעלט, איז ניט קלאָר. עס ווערד בלויז צוויי מאָל דערמאָנט אין דער גמרא, אז עס האָט עקסיסטירט א "משנת ר' נתן" (זעה כתובות דף צ"ב עמוד ב' און תמורה דף ט"ז עמוד א'). עס הייסט אויך, אז ר' יהודה הנשיא און ר' נתן זיינען די, וואָס האָבען אָפּגעשלאָסען די משנה (זעה בבא מציעא דף פ"ו עמוד א'). פון דעמזעלבען ר' נתן איז אויך איבערגעבליבען א גאנצע מסכתא מיט סאָ-

ציאל-מאראליש און רעליגיעזע סענטענצען, עהנליך צו "מסכת אבות", וועלכע ווערד אנגערופען "אבות דר' נתן". דעסגלייכען הייסט עס, אז ר' נתן'ס תלמידים האבען צונויפגעשטעלט די "מכילתא", לויט ווי ר' נתן האט געהערט די דרשות פון זיין רבי'ן ר' ישמעאל.

ר' נתן'ס דרך אין לערנען איז געווען, צוריקצופיהרען די הלכה צום מקור פונ'ם פסוק, אויסצוגלייכען יעדע מחלוקה און זי צו פארקלענערען. זיינע אנטשיידונגען אין הלכה זיינען באצייכענט אין דער גמרא, אז זיי געהען אריין טיעף אינ'ם דין (זעה בבא קמא דף נ"ג עמוד א').

נאך דער פטירה פון ר' שמעון בן גמליאל איז ער פארבליבען "אב בית דין" ביי די סנהדרין אונטער ר' יהודה הנשיא, מיט וועלכען ער איז אפטמאל געשטאנען אין א מחלוקה, און ר' יהודה הנשיא האט דאן אליין ערקלערט: "איך בין אמאל געווען קינדיש און איך האב מעיז־פנים געווען אקעגען נתן הבבלי" (בבא בתרא דף קל"א עמוד א').

כאראקטעריסטיש פאר זיין אידעען־גאנג זיינען די פאלגענדע סאציאל-מאראלישע און רעליגיעזע אויספרוכען, וועלכע זיינען אלע באגרינדעט אויף'ן לשון פון דער תורה:

ווען דער פסוק זאגט: "א פרעמדען זאלסטו ניט קריוודען און זאלסט איהם נישט דריקען, ווייל פרעמד זייט איהר אליין געווען אין מצרים" (שמות כ"ב כ'), זאגט אויף דעם ר' נתן: "דיין אייגענעם פעהלער טארסטו קיינמאל ניט זאגען צו דיין חבר!" (בבא מציעא דף נ"ט עמוד ב' און מסכת גרים פרק ד').

ביי דער מנורה האבען די ליכטלעך גערארפט זיין דריי פון איין זייט און דריי פון דער אנדערער זייט, צוגעבויגען צום מיטעלסטען ליכטעל, לעהרענט דאס אונז, אז דער מיטעלסטער איז געווענליך דער אם מעהרסטען חשוב'ער (מנחות דף צ"ח עמוד ב').

ר' נתן איז געווען א געגנער פון נדרים און ער האט געזאגט: "איבער דער עברה, וואס א מענש טהוט א נדר און ער קען איהם ניט האלטען, שטארבט דעם מענשען'ס ווייב" (שבת דף ל"ב עמוד ב'). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט: "ווער עס טהוט א נדר, איז גלייך ווי ער וואלט געבויעט א במה (דאס הייסט א מזבח אויסערהאלב פונ'ם בית־המקדש), און ווער עס האלט דעם נדר, האט אזא עברה, גלייך ווי ער וואלט מקריב געווען א קרבן צו דער במה" (נדרים דף כ"ב עמוד א').

ווער עס נעמט שוחד, צו פארבויגען דאס רעכט, דער וועט ניט אוועקגעהן פון דער וועלט, ווי לאנג עס וועט ניט מיט איהם פאסירען איינס פון די פאלגענדע דריי געשעהענישען: ער וועט משוגע ווערען, אדער ער וועט מוזען אנקומען צו מענשען'ס גאב, אדער דאס ליכט פון זיינע אויגען וועט פארמינערט ווערען (מכילתא שמות כ"ו).

מעהר אינטערעסאנט איז איין אויסשפרוך פון ר' נתן, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ א בילד פון יענער צייט. "א גוטער סימן פאר א מענשען איז" — האט ער דאן געזאגט — "ווען ער קריגט זיין שטראף באלד נאך זיין טויט, ווען ער ווערד ניט באקלאגט אדער ער ווערד ניט באגראבען, ווען א חיה פרעסט אויף זיין פלייש, אדער עס געהט א רעגען אויף זיין קערפער, אט דאס אלעס איז א סימן פאר'ן טויטען, אז ער האט שוין געקראגען די שטראף באלד נאב'ן טויט" (סנהדרין דף מ"ז עמוד א').

רבי נתן הבבלי

ווי באמערקט, האט ר' נתן ארומגערייזט איבער פארשיעדענע לענדער און דאמאלס האט ער וואהרשיינליך געמאכט זיינע באאבאכטונגען וועגען דער טבע פון די פארשיעדענע פעלקער, וועלכע ער האט אויף פאלגענדען אופן כאראקטעריזירט:

א) צעהן חלקים זנות געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט אלעקסאנדריע און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

ב) צעהן חלקים עשירות געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט רוים און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

ג) צעהן חלקים ארימקייט געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט לוד און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

ד) צעהן חלקים כשוף געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט מצרים און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

ה) צעהן חלקים טפשות געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגען די ישמעאלים און איין חלק איז פארהאנ אין אלע אנדערע לענדער.

ו) צעהן חלקים אומפלויט געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגען די פרסיים און איין חלק איז פארהאן אין אלע אנדערע לענדער.

ז) צעהן חלקים שעהנקייט געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט דאס לאנד מדי און איין חלק איז פארהאן אין אלע אנדערע לענדער.

ח) צעהן חלקים מיאוסקייט געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט דער מזרח (?) און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

ט) צעהן חלקים כח געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגען די כשדיים און איין חלק איז פארהאן אין אלע אנדערע לענדער.

י) צעהן חלקים גבורה געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט דער שבט יהודה און איין חלק איז פארהאן אין אלע אנדערע לענדער.

יא) צעהן חלקים חכמה געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגט ארץ־ישראל און איין חלק איז פארהאנען אין אלע אנדערע לענדער.

יב) צעהן חלקים תורה געפינט זיך אויף דער גאנצער וועלט, ניין חלקים דערפון פארמאגען די אידען און איין חלק איז פארהאן ביי אלע אנדערע פעלקער (זעה קדושין דף מ"ט עמוד ב' און אסתר רבה פרשה א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט וועגען דעמזעלבען ענין: "עס איז ניט פארהאן קיין גרעסערע ליעבע ווי די ליעבע פון דער תורה, ניט פארהאן קיין גרעסערע חכמה ווי די חכמה פון ארץ־ישראל, ניט פארהאן קיין אנדערע שעהנקייט ווי די שעהנקייט פון ירושלים, ניט פארהאן קיין אנדער רייכקייט ווי די רייכקייט פון רוים, ניט פארהאן קיין גרעסערע גבורה ווי די

גבורה פון פרס, ניט פארהאן קיין ערגערע זנות ווי די זנות פון די אראבער, ניט פארהאן קיין גרעסערע גראבקייט ווי די גראבקייט פונ'ם לאנד עילם, ניט פארהאן קיין גרעסערע חנופה ווי די חנופה פון בבל, ניט פארהאן מעהר כשוף ווי דער כשוף פון מצרים" (אבות דר' נתן פרק כ"ה).

זעהר אינטערעסאנט זיינען אויך די פאלגענדע אויסשפרוכען פון ר' נתן וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט:

די גאנצע וועלט — האט ער געזאגט — שטעהט אונטער איין שטערן, ווי מען קען דאס זעהן, ווען א מענש קוקט זיך איין אין שטערן. געהט דער דאזיגער מענש צו מזרח־זייט, שטעהט יענער שטערן געגענאיבער איהם, און געהט דער מענש אין אן אנדערער ריכטונג, שטעהט אלץ דער שטערן געגענאיבער איהם (פסחים דף צ"ד עמוד א').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט: "אים זומער געהט די זון הויך אויף'ן הימעל, איז דאדורך די גאנצע וועלט הייס און די וואסער־קוואלען זיינען דאמאלס קאלט. און אים ווינטער געהט די זון נידריג אויף'ן הימעל, איז די גאנצע וועלט קאלט און די וואסער־קוואלען זיינען הייס" (פסחים דף צ"ד עמוד ב').

רבי מאיר

די לעצטע איבערגעבליבענע פון ר׳ עקיבא׳ס תלמידים צוזאמען מיט יענע עטליכע חכמים, וואס ר׳ יהודה בן בבא האט זיי געגעבען ״סמיכה״, זיינען געווען די הויפט־זיילען פון די סנהדרין אין אושא — און פון די וויכטיגסטע צווישען זיי איז געווען ר ב י מ א י ר .

קיינער ווייסט ניט גאר וועגען זיין אפשטאמונג, פון וואנען ער איז געקומען. אפילו וועגען זיין נאמען ווייסט מען ניט גענוי, ווי ער האט געהייסען. זאגען איינינע, אז ער האט גאר ניט געהייסען מאיר נור ״נהוראי״, און מאיר האט מען איהם גערופען, ווייל ״ער האט געמאכט ליכטיג די אויגען פון די חכמים מיט זיין לערנען״. זאגען אנדערע, אז ער האט געהייסען מיאשא, אדער אז ער איז גאר אידענטיש מיט ר׳ אלעזר בן ערך (ערובין דף י״ג עמוד ב׳) — און דאביי איז צו באמערקען, אז צווישען מאיר און נהוראי איז נישט קיין אונטערשיעד, ווייל ״נהוראי״ אין אראמיש הייסט דאסזעלבע וואס מאיר אין העברעאיש. אינטערעסאנט איז נאך, אז עס איז גאר פארהאנען איינמאל אין דער גמרא א מיינונגס־פארשיעדענהייט צווישען ר׳ מאיר און ר׳ נהוראי (סנהדרין דף צ״ט עמוד א׳).

איז וויטער פארהאנען א לעגענדע, אז די אפשטאמונג פון ר׳ מאיר איז גאר געווען פון ״גרים״, פון א רוימישען גענעראל, וועלכער איז געשיקט געווארען אנצופיהרען א מלחמה געגען ארץ־ישראל און ער האט זיך מגייר געוועןֿ. עס איז אויך צו פארוואונדערן, וואס טראץ דער צווייפעלהאפטער אפשטאמונג פון ר׳ מאיר האט איהם אזא מענש ווי ר׳ חנינא בן תרדיון גענומען פאר אן איידעם און ער האט איהם געגעבען זיין זעהר געראטענע טאכטער, ברוריה, פאר א ווייב.

די ערשטע צייט פון ר׳ מאיר׳ס טעטיגקייט האט געדארפט זיין נאך חורבן ביתר, איידער קייזער אנטאנינוס פיאוס האט זיך גענומען פארבעסערען די לאגע פון די אידען. אזוי ווי ר׳ מאיר איז געווען א תלמיד פון אלישע בן אבויה, וועלכער האט וואהרשיינליך געלעבט אין די צייטען פון קייזער האדריאן׳ס גזרות געגען דער אידישער תורה, מוז מען אננעהמען, אז ער איז אין יענע יאהרען צוזאמען מיט אנדערע חכמים פון זיין דור אנטלאפען קיין בבל און דערנאך איז ער צוריק געקומען, ווען ער האט געהערט, אז אנטאנינוס פיאוס האט בטל געמאכט די גזרות געגען אידען.

אין אנהויב האט ר׳ מאיר געלערנט ביי ר׳ ישמעאל און דערנאך האט ער געלערנט ביי ר׳ עקיבא (ערובין דף י״ג עמוד א׳). אויסערדעם האט ער געלערנט ביי אלישע בן אבויה און ער האט זיך גע׳חבר׳ט מיט איינעם א גוישען פילאזאף, אבנימוס הגרדי, וועלכער איז געווען א גרויסער פריינד פון אידען און ער האט אויך פיעל געהאלטען פון דער אידישער תורה (זעה בראשית רבה פרשה ס״ה פיסקא ט״ז און ילקוט תולדות סי׳ קט״ו).

ווי ווייט די אנהענגערשאפט פון ר׳ מאיר צו אלישע בן אבויה איז גע־

גאנגען, איז שוין באשריבען. עהנליך צו דעם איז אויך געווען די פריינד־שאפט זיינע צו אבנימוס הגרדי, און ווען די עלטערען פון דעם גוי'שען פריינד זיינען געשטארבען, איז איהם ר' מאיר געגאנגען באזוכען אין זיין הויז, וועלענדיג איהם טרייסטען אין זיין שמערץ (מדרש רות פרשה א').

פון אט דעם איז צו זעהען, אז ר' מאיר האט געוואלט לערנען די גוי'שע חכמות גלייך ווי די אידישע. ער איז אויך זיכערליך געווען באהאוונט אין די גריכישע שריפטען פון זיין צייט, ווייל די דריי ברכות (שלא עשני גוי, שלא עשני אשה, שלא עשני בור), וועלכע ער הייסט זאגען יעדען טאג (מנחות דף מ"ג עמוד ב'), האט ער נישט געהאט בקבלה פון פריהערע חכמים, נור ער האט דאס זיכערליך נאכגעטהון דעם גריכישען פילאזאף סאקראטעס, וועלכער פלעגט זאגען יעדען טאג עהנליכע דריי ברכות צו זיינע געטער.

עס וואלט זאנסט גאר נישט מעגליך געווען צו קלערען, אז אזא גרויסער אנהענגער פון דער גריכישער קולטור ווי אלישע בן אבויה, אדער אזא מענש ווי אבנימוס הגרדי האט איהם נישט געזאלט אינפארמירען וועגען דער גריכישער ליטעראטור, אדער אז זייערע ווערטער האבען נישט געזאלט מאכען אויף איהם קיין שום איינדרוק אפילו דארט וואו זיי ריהרען נישט אן די פרינציפען פון דער אידישער אמונה.

מיר קענען דאס אויך אם בעסטען זעהען אין אן אויסשפרוך פון ר' מאיר וואו ער זאגט, אז "גלייך ווי דער ריכטער דעקט צו זיין פנים מיט א שלייער, פונקט אזוי האט דער דור המבול געזאגט וועגען גאט, אז ער האט זיך פארדעקט מיט די וואלקענס" (בראשית רבה פרשה ל"ו). דאס זאגענדיג האט ער זיכערליך געמיינט די גריכישע געטין פון גערעכטיגקייט (טעמידא), וועלכע ווערד פארגעשטעלט מיט פארבונדענע אויגען.

אלע אויסשפרוכען פון ר' מאיר זיינען געווען קלארע און אין קורצע סענטענצען צוזאמענגעפאסט, ארייגעפלאכטען אין שעהנע משלים, לויט וועלכע ער פלעגט לערנען אין הלכה גלייך ווי אין אגדה (סנהדרין דף ל"ח עמוד ב'). און ווען ער איז געשטארבען, האט מען געזאגט, אז עס האבען אויפגעהערט די, וואס האבען באלעהרענט דאס פאלק דורך משלים (סוטה דף מ"ט עמוד א').

באלד ביי ר' מאיר'ס ערשטען ארויסטרעטען זיינען פארגעקומען מיינונגס־פארשיעדענהייטען צווישען איהם און זיינע חברים. אזוי ווי די חכמים זיינען זיך צונויפגעקומען אין בקעת רמון, וואו זיי האבען געוואלט באשטימען די פראגע פון "עבור", ווייל עס האט דאמאלס געהערשט א שרעקליכער פלאנטער אינ'ם קאלענדער, איז דארט ר' יוחנן הסנדלר ארויסגעקומען געגען ר' מאיר. און ווען ער האט געזעהען, אז ר' מאיר איז פאר'עקשנ'ט אין זיין מיינונג און ער זאגט נאך, אז וואס ער זאגט יעצט, האט ער אויסדריקליך געהערט פון ר' עקיבא, האט איהם ר' יוחנן א זאג געטהון: "איך האב געדיענט ביי ר' עקיבא שטעהענדיג ווי א תלמיד און דו ביזט פאר איהם געזעסען ווי איינער פונ'ם פאלק!"

מיט אט אזא זאג האט ר' יוחנן געוואלט, ר' מאיר זאל פארשטעהען, אז ער ווייסט בעסער, וואס ר' עקיבא האט געזאגט. האט איהם ר' מאיר אויף דעם געענטפערט: "דו ביזט נישט מעהר ווי אן אלעקסאנדרינער!", דאס הייסט: א מענש א באשרענקטער אין דער אויפפאסונג פון די ווערטער, וואס ער האט פון זיין רבי'ן געהערט.

האָט דער דאָזיגער צוזאַמענשטויס נישט אָנגעמאַכט קיין שנאה צווישען די חכמים, ווייל עס האָט דאָן איטליכער געוואוסט, אז דאָס אָנהאַלטען די מצוות פון דער תורה פארלאַנגט יעצט, עס זאָל זיין שלום. האָט מען זיך צוליעב דעם ניט אוועקגעריהרט פון דאָרט, ווי לאַנג יענע צוויי חכמים האָבען זיך נישט איבערגעבעטען (ירושלמי חגיגה פרק ג׳ הלכה א׳).

שפּעטער ערשט איז פאָרגעקומען א שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישען ר׳ שמעון בן גמליאל דעם "נשיא" און ר׳ מאיר, וועלכער האָט זיך דאַן גע־ענדיגט מיט דעם, וואָס ר׳ מאיר האָט געמוזט פארלאָזען ארץ־ישראל און געהען וואוינען ערגיץ אין א שטאָדט פון קליין־אזיען.

מאַנכע פון ר׳ מאיר׳ס מאמרים קענען אויסגעטייטשט ווערען, אז ער האָט דאָס געזאָגט צוליעב דעם, וואָס ער האָט פיעל פארקעהרט מיט אלישע בן אבויה און מיט אבנימוס הגרדי. אזוי איז זיכער, אז ווען ער האָט גע־זאָגט: "אפילו א גוי, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער תורה, איז ווי א כהן גדול" (בבא קמא דף ל״ח עמוד א׳), האָט ער אין זינען געהאַט זיין פריינד אבנימוס הגרדי. און ווען ער האָט געזאָגט, אז "אידען זיינען דעם אויבערשטען׳ס קינדער. סיי זיי זיינען זיך נוהג ווי קינדער און סיי זיי זיינען זיך נישט נוהג ווי קינדער" (קדושין דף ל״ו עמוד א׳), האָט ער אין זינען געהאַט אלישע בן אבויה.

דאָס וויכטיגסטע אין דער וועלט איז ביי ר׳ מאיר דאָס לערנען. תמיד, האָט ער געזאָגט, דאַרף א מענש מעהר לערנען, ווי אָפּגעבען זיך מיט וועלט־ליכע באַשעפטיגונגען — און ווער עס גיט זיך אָפּ מיט לערנען צוליעב דעם לערנען גופא (עוסק בתורה לשמה), דער איז זוכה צו פיעלע מדרגות און עס מעג זיך איהם זאָגאַר אויסדראַכטען, אז די גאַנצע וועלט איז בלויז פאַר זיינעט־וועגען באַשאַפען געוואָרען. אזא מענש איז א באַליעבטער פריינד ביי גאָט און לייט. מענשען האָבען פון איהם פארגעניגען און דער אויבערשטער אליין אויך. ער איז באַשיידען און פרום, גערעכט און טריי, דערווייטערט פון יעדער זינד און מען פרעגט ביי איהם עצות, ווייל די תורה גיט איהם דאָס פארשטענדניס, אריינצודרינגען אין די טיפענישען פון איהרע סודות (אבות פרק ו׳ משנה א׳).

און ווען עס האָבען די מענשען פון דער שטאָדט צפורי געהאַט א טענה צו ר׳ מאיר, אז ער באַגריסט אבלים אים שבת, ווייל ער האָט געדענקט, אז אים שבת דאַרף מען נישט טרויערען, האָט איהם זיין חבר ר׳ יוסי בר חלפתא פארטיידיגט און ער האָט געזאָגט וועגען איהם, אז ער איז "א גרויסער מענש, א הייליגער מענש און א באַשיידענער מענש" (ירושלמי ברכות פרק ב׳ הלכה ז׳).

נאָך גרעסער איז געווען דער לויב פון רבינא וועגען ר׳ מאיר. ער האָט געזאָגט, אז ווער עס האָט געזעהען ר׳ מאיר׳ן אין בית־המדרש, האָט זיך איהם געמוזט אויסדראַכטען, אז ער זעהט ווי ר׳ מאיר רייסט אוים די העכסטע בערג און ער צורייבט זיי איינעם אָן דעם אנדערען, ווייל עס האָט דאַן יעדער מענש געקענט לערנען אפילו ביי ר׳ מאיר׳ס שטעקען (סנהדרין דף כ״ד עמוד א׳, ירושלמי נדרים פרק ט׳ הלכה א׳).

מיט א ספּעציעלער ליעבע איז ר׳ מאיר געווען אנהענגליך צו ארץ־ישראל און מיט א באַזונדערער באַגייסטערונג האָט ער געערדט וועגען דער העברעאישער שפּראַך. טיעף איינגעבאַקען אין זיין הארץ זיינען די דאָזיגע

צוויי נאַציאָנאַלע אוצרות געווען — און ער פלעגט וועגען זיי זאָגען, אַז ווער עס סטאַביליזירט זיין וואוינאָרט אין ארץ־ישראל און ווער עס רעדט לשון־הקודש, דער איז זיכער, אַז ער האָט זיך פאַרדיענט זיין חלק עולם הבא (ירושלמי שבת פרק א׳ הלכה ה׳).

ר׳ מאיר איז געווען אַ מייסטער אין אַרגומענטען וועגען הלכה. שפּע־טערע דורות האָבען מודה געווען, אַז אין זיין צייט איז קיינער נישט געווען צו׳ן איהם גלייך. האָט מען אָבער נישט באַשטימט די הלכה לויט ר׳ מאיר׳ס מיינונג, ווייל מען האָט נישט געקענט גענוי דערגעהען, וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגען. מיט׳ן כח פון זיין פּלפּול האָט ער געקענט אויס׳פּשט׳לען, אַז זאַ־כען, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט פאַר טמא, זיינען גאָר טהור, אָדער אומ־געקערט (ערובין דף י״ג עמוד ב׳).

האָט מען זיך דאַדורך דערצעהלט, אַז רבה בר שילא האָט אַמאָל באַגעג־נעט אליהו הנביא און ער האָט איהם געפרעגט, וואָס גאָט טהוט. האָט איהם אליהו הנביא געזאָגט, אַז דער אויבערשטער לערנט איבער אַלסדינג, וואָס מען האָט געהערט פון אַלע חכמים, חוץ אַזעלכע זאַכען, וואָס ר׳ מאיר האָט גע־זאָגט, ווייל ער האָט געלערנט ביי "אחר" (זעה חגיגה דף ט״ו עמוד ב׳).

דאָ דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז ר׳ מאיר האָט זיך תמיד אויסגע־היט, נישט צו פאַרגרינגערען ביי קיין שום הלכה, מען זאָל נישט קענען וועגען איהם זאָגען, אַז ער ערלויבט זיך צו זיין אַ "מקיל", ווייל ער האָט געלערנט "חכמות חיצוניות". איז ער דאַדורך אין פיעלע באַציהונגען געווען אַ "מחמיר", אַ שטייגער ווי ער האָט געזאָגט, אַז אויב מען וויל אריינשרייבען אין דער כתובה פון אַ פרוי ביי אַ בתולה ווייניגער ווי צוויי הונדערט גילדען און ביי אַן אלמנה ווייניגער ווי הונדערט, איז די חתונה נישט גילטיג (כתובות דף מ״ח עמוד ב׳), אָדער ווען איינער מאַכט אַן ענדערונג אין אַ גט, איין וואָרט אַנדערש ווי אונזערע חכמים האָבען באַשטימט, מאַכט ער די קינדער, וואָס יענע גע׳גט׳ע פרוי וועט דערנאָך האָבען, פאַר "ממזרים" (גטין דף ה׳ עמוד ב׳).

אָפטמאָל האָט ר׳ מאיר אויפגעוואָרפען אַזעלכע פראַגען אין ענינים פון הלכה, וועלכע קענען פאַרקומען זעהר זעלטען, אָדער זיי קענען כמעט גאָר נישט פאַרקומען, און ר׳ מאיר האָט בלויז געוואָלט שאַרפען די מוחות פון זיי־נע תלמידים, אַ שטייגער ווי די שאלה, אַז ווען איינער האָט צוויי גרופּען טעכ־טער פון צוויי ווייבער און איינער אַ מאָן איז מקדש איינע פון די טעכטער, אָבער דער פאָטער פון די טעכטער ווייסט בלויז, אַז ער האָט מקדש געווען די גרעסטע פון די טעכטער, נור ער ווייסט ניט, צי דאָס איז די גרעסטע פון די גרויסע אָדער די גרעסטע פון די קלענערע, אָדער גאָר די קלענסטע פון די גרעסערע, וועלכע איז גרעסער פון די גרעסטע צווישען די קלענערע (קדושין דף ס״ד עמוד ב׳).

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער אויפגעוואָרפען די פראַגע, ווען דער אָקס פון אַ טויבען, פון אַ נאַר אָדער פון אַ מינדעריעהריגען אייגענטי־מער וועט שטויסען דעם אָקס פון אַ קלוגען (בבא קמא דף ל״ט עמוד א׳). אָדער אַן אַנדערע פראַגע: אַזוי ווי מען טאָר ניט שחט׳ן אַ בהמה אַ מאַמע מיט איהר קינד אין דעמזעלבען טאָג, ברענגט ער אַ דין, אַז ווען איינער האָט גע׳שחט׳ן אַ בהמה אַ באָבע און דערנאָך האָט ער גע׳שחט׳ן דאָס אייניקעל פון יענער בהמה, איז ער פטור, געהט אָבער דערזעלבער מענש און שעכט אין

דעמזעלבען טאָג א טאָכטער פון דער בהמה די באָבע, איז ער דאָך עובר צוויי מאָל אויף "אותו ואת בנו", אָבער מלקות דארף אזא מענש נור איין מאָל קריגען (חולין דף פ"ב עמוד א').

און ווען ר' מאיר איז געשטאָרבען, האָט זיין חבר ר' יהודה בר אילעאי געוואָלט דורכזעצען, אז ר' מאיר'ס תלמידים זאָלען נישט אריינגעלאָזען ווערען אינ'ם בית־המדרש, ווייל זי זיינען "צו־להכעיס'ניקעס", זיי קומען ניט לערנען, נור זיי קומען פרעגען שאלות, וואָס קענען נישט פארענטפערט ווערען (קדושין דף נ"ב עמוד ב').

עס וואָלט געווען זעהר שווער, מען זאָל דאָ וועלען אויסרעכענען, וואָס ר' מאיר האָט געזאָגט אין הלכה. אין דער משנה אליין, זיינען פארהאנען איבער דריי הונדערט הלכות אויף זיין נאָמען. אויסערדעם איז אויך טראדיציאָנעל אָנגענומען, אז אומעטום וואו די משנה ברענגט א דין אָהן א נאָמען פונ'ם מחבר (סתם מתניתין), שטאַמט דאָס געוועהנליך פון ר' מאיר.

פאר אונז איז בלויז וויכטיג, וואָס פון אלע זיינע רעליגיעזע און סאָציאל־מאָראלישע אויסשפרוכען איז צו זעהען א גרויסע ליעבע צום אידישען פאָלק, צו דער אידישער תורה און צו ארץ־ישראל. דערצו איז נאָך באזונדערס באמערקענסווערטה אין זיין אידעען־גאנג דער בליק זיינער אויף'ן טויט.

אין אזא צייט ווי יענע, אין וועלכער ר' מאיר האָט געלעבט, האָט דער טויט ניט געקענט באטראכט ווערען ווי אַן אויסערגעוועהנליך שרעקליכע זאך. די אייביגע מלחמות און ספעציעל די בלוטיגע רדיפות אויף אידען האָבען די מענשען פארהארטעוועט, צו קוקען גלייכגילטיג דעם טויט אין די אויגען אריין. און ווען איינער איז דאמאָלס דער'הרג'ט געוואָרען פאר אָפּהיטען אידישקייט, איז דער גלויבען, אז יענער מענש האָט אָפּגעגעבען זיין לעבען אלס א קרבן פאר גאָט'ס וועגען, זיכערליך געווען א טרייסט פאר די קרבנות גופא גלייך ווי פאר זייערע נאָהנטע.

ר' מאיר האָט וואהרשיינליך געזעהען דעם טויט פון זיין רבי'ן ר' עקיבא, אזוי ווי פון די אנדערע קדושים פון יענער צייט. דערנאָך האָט ער געזעהען דעם טויט פון זיין שוועהר ר' חנינא בן תרדיון. האָט זיך ביי איהם דאדורך אַנטוויקעלט א מין פילאָזאָפישער בליק אויף'ן טויט, ווי ער פלעגט דאָס אויסדריקען מיט דעם, וואָס ער האָט גערן געלערנט דעם ספר איוב. און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געענדיגט דעם ספר איוב, דערצעהלט ר' יוחנן, אז ר' מאיר פלעגט דאן זאָגען : "דער סוף פון א מענשען איז צו שטארבען, דער סוף פון א בהמה איז גע'שחט'ן צו ווערען, ווייל אלעס אין דער וועלט איז באשטימט צום טויט. וואויל איז אָבער צו דעם, וואָס וואקסט אויף אין דער תורה און באמיהט זיך מיט דער תורה, מאכענדיג דערמיט א פארגעניגען צו זיין באשעפער. אזא מענש וואקסט אין זיין גוטען נאָמען און ער געהט אויך אוועק מיט א גוטען נאָמען. אין איינקלאנג מיט דעם, וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט, אז עס איז בעסער א גוטער נאָמען ווי גוטער אויל און דער טאָג פונ'ם שטארבען איז בעסער ווי דער טאָג פונ'ם געבוירען ווערען (זעה ברכות דף י"ז עמוד א' לויט דער גירסא פונ'ם "עין יעקב").

דערזעלבער געדאנק ליגט אויך אין זיין אויסשפרוך, אז וואָס דער פסוק דערצעהלט ביי דער וועלט־באשאפונג, ווי דער אויבערשטער האָט געזעהען, אז אלעס וואָס ער האָט באשאפען, איז זעהר גוט, אז אָט דער "טוב מאד" פון יענעם פסוק מיינט דעם טויט, ווייל נאָך דעם באשאפען די וועלט האָט דער

אויבערשטער געפונען א באַפרידיגונג אין דעם וואקסען און אנטוויקלען זיך פון דער וועלט, גלייך ווי אינ'ם שטאַרבען. *)

מערקווירדיג אייגענארטיג איז געווען ר' מאיר'ס פאַרהעלטנים צו אן "עם־הארץ". לויט ווי עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, פלעגט ער תמיד אויפ־שטעהן פון זיין זיץ, ווען ער האָט געזעהען אן אלטען מענש. אפילו אן עם-הארץ. און ווען מען האָט איהם געפרעגט, וואָס ער שטעהט עפּעס אויף פאר אן אלטען עם־הארץ, פלעגט ער ענטפערען, אז "ווען דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען אזא מענשען, צו באַשענקען איהם מיט יאָהרען, איז דאָס זי־כער נישט אומזיסט, דארפען איהם די מענשען אָפּגעבען כבוד" (ירושלמי בכורים פרק ג' הלכה ג').

פון דעסטוועגען האָט ער שטענדיג געפיהלט אן אינערליכע שנאה צום "עם־הארץ" — און ער האָט געזאָגט, אז "ווער עס פאַרהייראט זיין טאָכטער צו אן עם־הארץ, איז גלייך ווי ער זאָל זי בינדען און אוועקלייגען פאר א לייב, וועלכער טרעט אויף זיין קרבן מיט די לאַפּעס, איידער ער פרעסט איהם אויף. אזוי קען אויך דער עם־הארץ שלאָגען זיין ווייב און ליעב האָבען אין איין צייט און זאָל זיך גאָר נישט שעהמען" (פסחים דף מ"ט עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט איז ער אין זיין שנאה צום עם־הארץ נאָך ווייטער געגאנגען און ער האָט געזאָגט, אז "ווען איינער לאָזט שלאָפען אן עם־הארץ אין זיין הויז, און ווען ער קומט אריין אין זיין שטוב, וואו דער עם־הארץ שלאָפט, און ער טרעפט איהם דאָרט וואַך, איז דאָס הויז טמא" (טהרות פרק ז' משנה ב').

כאַראַקטעריסטיש פאר ר' מאיר'ס סאָציאַלע מיינונגען איז אויך זיין אויסשפרוך, אז טאָמער גיט איינער ארויס א "שטר־חוב", אין וועלכען עס איז אריינגעשריבען פּראָצענט פון א הלואה, זאָל מען דעם שטר־חוב אנולירען, ניט צו קענען איינמאָהנען אפילו דעם קרן (בבא קמא דף ל' עמוד ב', בבא בתרא דף ע"ב עמוד א'). דאָס נעהמען פּראָצענטען האָט ער איבערהויפּט געהאלטען פאר א גזלה, און ווער עס באַגזל'ט מענשען, פלעגט ער זאָגען, ווערד זיין תשובה קיינמאָל נישט אָנגענומען (בכורות דף ל"א עמוד א').

ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט, האָט ר' מאיר געלערנט ביי דריי חכמים (ביי ר' ישמעאל, ביי ר' עקיבא און ביי אלישע־אחר), האָט ער וועגען דעם געזאָגט: "ווער עס לערנט תורה ביי איין רבי'ן, צו וואָס איז ער גע־גליכען? צו איינעם, וואָס פארמאָגט איין שטיק פעלד, איז א טייל דערפון געזעצט מיט ווייץ, אן אנדערער טייל דערפון איז באַפלאַנצט מיט גערשטען,

---

*) ווי עס איז אָנצונעהמען, איז אין ר' מאיר'ס ספר־תורה געשטאַנען אנשטאָט "והנה טוב מאד" (בראשית א' ל"א) — "טוב מאות", גלייך ווי עס איז אויך דאָרט געשטאַנען "כתנות אור" אנשטאָט "כתנות עור". איז דאָס פאר מאַנכע פון אונזערע מפרשים נישט גרינג צו באַגרייפען, ווייל זיי דענקען, אז ר' מאיר האָט נישט געקענט לערנען פון א ספר־תורה מיט א געענדערטען טעקסט. ווילען זיי דאָס ערקלערען, אז אינעווייניג איז דער טעקסט פון ר' מאיר'ס ספר־תורה געווען א גענויער לויט'ן דין און דער געענדערטער נוסח איז בלויז געווען אנגעשריבען ביי דער זייט. זאָגען ווייטער אנדערע, אז דער געענדערטער נוסח האָט זיך געפונען אין ר' מאיר'ס ספר־תורה טאַקי אינעווייניג אינ'ם טעקסט, נור אזוי ווי מען טאָר אין אזא ספר־תורה נישט לערנען, האָט ר' מאיר וואהרשיינליך געהאַט אן אנדערע ספר־תורה צום לערנען.

א טייל דערפון איז באפלאנצט מיט אוילבירטען און אן אנדערער טייל מיט אנדערע בוימער. פעהלט טאקי ביי אזא מענשען דאס גוטע און די ברכה. אָבער ווען איינער לערנט ביי צוויי אָדער דריי רביים, איז דאס גלייך ווי איי־נער וואָס האָט עטליכע פעלדער, איין שטיק פעלד קען זיין באזעעט מיט ווייץ, איינס איז באזעעט מיט גערשטען, איינס איז באפלאנצט מיט אוילבירטען און איינס מיט אנדערע בוימער. איז טאקי יענער מענש צושפרייט איבער פאר־שיעדענע פעלדער, ברענגט דאס איהם גוטס און עס ברענגט איהם אויך א ברכה" (זעה אבות דר' נתן פרק ח'). *)

די פרוי פון ר' מאיר איז געווען א טאָכטער פון ר' חנינא בן תרדיון. ר' מאיר האָט אויך געהאָט צוויי זיהן, וואָס ביידע זיינען אין א געוויסען שבת נאָכמיטאג פלוצלינג געשטאָרבען. ער האָט אויך געהאט איין טאָכטער, וועל־כע איז שפּעטער געווען פארהייראט צו איינעם א תלמיד־חכם מיט'ן נאָ־מען זיוותאי.

פונ'ם לערנען האָט ר' מאיר נישט געהאָט קיין שום הכנסה און ער האָט געצויגען זיין פרנסה פון דעם, וואָס ער איז געווען אן איבערשרייבער (א "לבלר", ווי דאָס ווערד אָנגערופען אין דער גמרא, אָדער א "ליבעלאריוס", ווי עס הייסט אין לאטיינ'יש). פון אָט דער פרנסה האָט ער פארדיענט דריי דוקאטען א וואָך. פאר איין דוקאט האָט ער געגעסען און געטרונקען מיט זיין בני־בית, פאר איינעם האָט ער זיך געקליידט און פאר איינעם האָט ער מפרנס געווען אָרימע תלמידי־חכמים. און אז מען האָט איהם געפרעגט, וואָס ער טהוט פאר דער צוקונפט פון זיינע קינדער, האָט ער געענטפערט: "וועלען מיינע קינדער זיין צדיקים, וועט זיי דער אויבערשטער באזאָרגען מיט חיונה, ווי דער פּסוק זאָגט, אז מען האָט ניט נאָך געזעהן א פארלאָזענעם צדיק, וואָס זיינע קינדער זאָלען דארפען בעטען ברויט. און וועלען זיי ניט זיין קיין צדיקים, איז צו וואָס זאָל איך איבערלאָזען געלד פאר די שונאים פונ'ם אויבערשטען?" (קהלת רבה פרשה ב' פּיסקא כ"ב).

אינ'ם ענין פון אָפּהיטען אידישקייט איז ר' מאיר געווען עקסטרים און ער איז נישט איינגעגאנגען אויף קיין קאָמפּראָמיסען. טאָמער איז איינער געשטאנען אין זיינע אויגען אין א פארדאכט, אז עס איז ביי איהם א גרינגע זאך., עובר צו זיין אויף דער מינדעסטער מצוה, איז ער שוין אין זיינע אוי־גען געווען אין חשד, אז ער קען עובר זיין אויף אלע מצוות פון דער תורה (ערובין דף מ"ט עמוד א' און בכורות דף ל' עמוד א'), גלייך ווי עס איז דאָ־מאָלס געווען אָנגענומען, אז אן "עד זומם", וועלכער האָט אויסגעטראכט א שקר־בלבול אויף איינעם דורך פאלשע עדות, איז פעה'ג אויף אלע עברות פון דער תורה (סנהדרין דף כ"ז עמוד א').

יעדער מענש — פלעגט ר' מאיר זאָגען — דארף לערנען זיין זוהן א ריינע און א גרינגע מלאכה. דאביי דארף ער אויך בעטען צו גאָט וועגען

*) אינ'ם נוסח פון אונזער "אבות דר' נתן" שטעהט גראד פארקעהרט, אז לערנען ביי איין רבי'ן איז א מעלה און לערנען ביי צוויי אָדער דריי רביים ברענגט נישט קיין ברכה. איז אָבער דער דאזיגער נוסח וואהרשיינליך א פארגרייזטער, חאָטש עס האָט זיך נישט אויף דעם קיינער פון די מפרשים אָפּגעשטעלט. עס קען אויך נישט זיין אַנדערש, נאָכדעם ווי מיר ווייסען, אז ר' מאיר אליין האָט געלערנט ביי דריי חכמים. קען עס אלזא גאָר נישט מעגליך זיין, אז ער האָט געזאָלט זאָגען, אז ווען איינער לערנט ביי צוויי אָדער דריי חכמים, ברענגט דאָס נישט קיין גוטס און קיין ברכה.

פרנסה, ווייל עס איז ניט פאַרהאַנען קיין מלאכה, ביי וועלכער עס זאָל נישט הערשען אָרימקייט גלייך ווי רייכקייט, ווייל נישט אָרימקייט קומט פון א געוויסער מלאכה און אויך נישט רייכקייט, נור אַלסדינג איז לויט׳ן מענשען׳ס זכות (קדושין דף פ״ב עמוד א׳). דער מענש קען זיך איבערהויפּט מפרנס זיין מיט אַלעמען. וואויל איז אָבער צו דעם, וואָס זעהט ווי זיינע עלטערן באַשעפטיגען זיך מיט א געהויבענער מלאכה, און וועה איז צו דעם, וועלכער זעהט ווי זיינע עלטערן גיבען זיך אָפּ מיט א נידריגער מלאכה (ירושלמי קדושין פרק ד׳ הלכה י״א).

וועגען דער באַהאַנדלונג פון די תפלות האָט ר׳ מאיר געזאָגט, אז דער מענש דאַרף ניט פיעל רידען, ווען ער וויל מסדר זיין די תפלות זיינע צום אויבערשטען (ברכות דף ס״א עמוד ב׳). מען דאַרף אויך אָפּגעבען א לויב צו גאָט פאַר א שלעכט געשעהעניש גלייך ווי פאַר א גוטעס (ברכות דף מ״ח עמוד ב׳). הויפּטזעכליך אָבער דאַרף׳א מענש האָבען אין זינען, תשובה צו טהון, און טהון תשובה איז אַזאַ גרויסע זאַך, אז עס קען אַמאָל זיין, וואָס אינ׳ם זכות פון א יחיד׳ס תשובה זאָל דער אויבערשטער מוחל זיין דער גאַנצער וועלט (יומא דף פ״ו עמוד ב׳).

אין זיינע ערקלערונגען צו די פסוקים האָט ר׳ מאיר אָפטמאָל געגעבען משלים, א שטייגער ווי דאָס וואָס ער האָט אָנגעוויזען, אז דער נביא עובדיה איז געווען א גר אדומי און די נבואה זיינע איז געווען הויפּטזעכליך וועגען דער מפּלה פון אדום, איז דאָס גלייך ווי א האַק קומט אין וואַלד אריין, קען זי ניט אונטערהאַקען די ביימער, אַזוי לאַנג ווי זי קריגט נישט א שטיקעל האָלץ, פון דיזעלבע ביימער, וועלכע זי געהט אונטערהאַקען (סנהדרין דף ל״ט עמוד ב׳).

דער ״עץ הדעת״, וואָס אדם הראשון האָט פון איהם געגעסען — האָט ר׳ מאיר געזאָגט — איז געווען ווייץ (!), און ווען א מענש האָט נישט קיין שכל מעג מען וועגען איהם זאָגען, אז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געגעסען קיין ווייצענע ברויט (בראשית רבה פרשה ט״ו פיסקא ח׳).

ווען איינער קומט אין א פרעמדע שטאָדט אריין, דאַרף ער נאָכטהון די מנהגים פון יענער שטאָדט. משה רבנו איז אַרויפגעקומען אין הימעל אריין, האָט ער ניט געגעסען און נישט געטרונקען, און ווען די מלאכים זיינען אַרונטערגעקומען אויף דער ערד, האָבען זיי געגעסען (בראשית רבה פ׳ מ״ח).

פון ר׳ מאיר׳ס מיינונג וועגען דעם פאַרהעלטניס צו דער פרוי, איז צו זעהען, אז עס איז דאַמאָלס זעהר שווער געווען, אָפּצוהיטען די פרויען פון די רוימישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיי וואַהרשיינליך באַטראַכט ווי הפקר. פלעגט דאַן ר׳ מאיר זאָגען: ״גלייך ווי עס איז פאַרשיעדען דער געשמאַק ביים עסען, אַזוי איז אויך פאַרשיעדען דאָס פאַרהעלטניס צו ווייבער. פאַראַנען א מענש, וואָס אז א פליעג פאַלט אריין אין זיין בעכער, וואַרפט ער די פליעג אַרויס, אָבער פונ׳ם בעכער טרינקט ער אויך ניט מעהר. דעסגלייכען איז פאַרהאַנען א מענש, וואָס אז עס פאַלט אריין א פליעג אין זיין בעכער, וואַרפט ער די פליעג אַרויס און ער טרינקט דערנאָך ווייטער (זעה גטין דף צ׳ עמוד א׳ און תוספתא סוטה פרק ה׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז אַזוי אָפט ווי ר׳ מאיר האָט געזעהן אייגעם א מענשען זיך לאָזען אליין אין וועג אריין, פלעגט ער זאָגען: ״געה אין פריעדען, דו צום טויט באַשטימטער!״ — לויט דער אונזיכערקייט פון די וועגען אין ארץ־ישראל האָט מען דאַמאָלס געמעגט גלויבען, אז ווער עס

לאָזט זיך אין וועג אריין אליין, וועט זיכער ניט צוריק קומען א לעבעדיגער. און האָט ר׳ מאיר געזעהען צוויי מענשען געהען אין וועג אריין, פלעגט ער זאָגען: ״געהט אין פריעדען, איהר מענשען פון מחלוקה!״, ווייל ער איז געווען זיכער, אז ווען צוויי מענשען לאָזען זיך אין וועג אריין, מוז צווישען זיי אויסברעכען א מחלוקה. און האָט ער געזעהען דריי מענשען געהען אין וועג אריין, פלעגט ער זאָגען: ״פריעדען צו אייך, איהר קינדער פון פריעדען!״, ווייל ער איז געווען זיכער, אז ווען צוויי פון יענע וועלען זיך צאַנקען, וועט דער דריטער מאַכען שלום צווישען זיי (קהלת רבה פ׳ ד׳ פיסקא י״ד).

לויט ווי פארשיעדענע צייטגענאָסען פון ר׳ מאיר האָבען דערצעהלט. איז מיט איהם אָפּגעשטאָרבען א באַזונדערער טיפּ מענשען. ר׳ טרפון, ווערד דערצעהלט, איז געווען דער העכסטער אין וואוקס פון זיין גאנצען דור און ר׳ מאיר האָט אין זיין שטאַטור איהם בלויז ביז צום אקסעל געגרייכט. דערנאָך איז ר׳ מאיר געווען דער העכסטער אינ׳ם וואוקס פון זיין גאנצען דור און ר׳ יהודה הנשיא האָט איהם געגרייכט בלויז ביז צום אקסעל (נדה דף כ״ד עמוד ב׳).

אלע טעג פון ר׳ מאיר׳ס לעבען זיינען געווען איין לאנגע קייט פון אויסטערלישע צרות און יסורים. צוזאמען מיט אלע אנדערע אידען פון יענער צייט איז איהם אויסגעקומען, צו טראָגען אויף זיינע פּלייצעס דעם שווערען פּאַק פּאָליטישע צרות, וועלכע ער האָט אפשר שטאַרקער געפיהלט ווי אנדערע, ווי מען קען א שטייגער זעהען פון דעם, וואָס ער דערצעהלט אליין, אז ווען ער איז געזעסען אינ׳ם בית־המדרש בעפאָר ר׳ עקיבא, האָבען אלע תלמידים געזאָגט ״קריאת שמע״ אזוי שטיל, אז די אייגענע אויערען האָבען אזש ניט געהערט, וואָס די ליפּען מורמלען, ווייל א מיליטערישער באַאמטער איז דאַמאָלס געשטאַנען ביי דער טהיר פונ׳ם בית־המדרש און ער האָט באַאָבאַכטעט יעדע באַוועגונג. לערנען, דאַכט זיך, איז נאָך דאמאָלס געווען ערלויבט, נור זאָגען ״שמע ישראל״ האָט מען נישט געטאָרט (זעה תוספתא ברכות פרק ב׳).

שפּעטער האָט זיך ערשט געוויזען, אז די צרות פון פריהער זיינען געווען בלויז א קינדער־שפּיעל, ווייל ר׳ מאיר האָט געמוזט צוקוקען, ווי ר׳ עקיבא איז דער׳הרג׳ט געוואָרען מיט א שרעקליכען טויט, ווי רוימישע סאָלדאַטען האָבען געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען. דערנאָך האָט ער ווייטער געדאַרפט צוקוקען, ווי זיין אייגענער שווער, ר׳ חנינא בן תרדיון, איז פאַרברענט געוואָרען, ווי די שוויגער זיינע איז דער׳הרג׳ט געוואָרען און די שוועסטער פון זיין פרוי איז פאַראורטיילט געוואָרען, צו זיצען אין אן אויסגעלאַסען ״הייזעל״ (קובה של זונות), מפקיר צו זיין איהר קערפּער פאַר די בהמהשע תאוות פון די רוימישע באַאמטע.

געלערנט האָט ער ביי דריי חכמים, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען אזא פריידענקער ווי אלישע בן אבויה. האָט דאָס אָבער פון דעסטוועגען ניט אָנגעריהרט זיין טרייע אנהענגליכקייט צו דער אידישער תורה. האָט מען וועגען איהם געזאָגט, אז ער האָט פאַרשטאַנען, אויפצועסען דאָס אינעווייניגסטע פון דער פּרי און די שאָלעכץ האָט ער אוועקגעוואָרפען.

ר׳ מאיר איז אויך גוט באַקאַנט מיט זיין אָפּגעהיטענקייט אקעגען פרויען און ער פלעגט געוועהנליך אָפּלאַכען פון יענע מענשען, וואָס פאַלען אריין אינ׳ם נעץ פונ׳ם יצר־הרע, זאָגענדיג, אז א מענש מיט שכל דאַרף זיך שטאַרקען איבער׳ן יצר־הרע. האָט פון דעסטוועגען מיט איהם אליין פּאַסירט א מעשה, וואָס ער פלעגט זיך שפּעטער וועגען איהר שעהמען.

געהענדיג אמאל ביים ברעג פון א טייך, האט זיך דארט דער יצר־הרע צו׳ן איהם באוויזען אין דער געשטאלט פון א שעהנער פרוי, וועלכע איז גע־שטאנען אויף דער אנדערער זייט פונ׳ם טייך און זי האט צו׳ן איהם אזוי הארציג געוואונקען, אז ער האט זיך אזש נישט געקענט איינהאלטען און ער האט געוואלט אריבערשווימען איבער׳ן טייך...

האט ער דאס אבער נישט געקענט — און א שיפעל אויף אריבערצו־פאהרען איז דארט אויך ניט געווען. בלויז אין מיטען טייך האט ער געזעהען שווימען א ברעט און ער האט געדענקט, אז ווען ער וועט נור דאס דאזיגע ברעט דערגרייכען, וועט ער שוין קענען אריבערקומען אויף דער צווייטער זייט. האט ער גענומען א לאנגען שטריק, וועלכען ער האט גראד געפונען לע־בען טייך, האט ער דעם שטריק צוגעווארפען צום שווימענדען ברעט אין דער האפענונג, אז ער וועט אויף אזא אופן קענען אריבערשווימען דעם טייך. און ווען דאס איז נאך נישט געווען גענוג, איז ער געגאנגען ביז׳ן האלז אינ׳ם וואסער, וועלענדיג צוקומען צום ברעט. איז אבער דערווייל די פרוי פון יע־נער זייט טייך פארשוואונדען פון זיינע אויגען, איז ער דאן צוריקגעגאנגען צום ברעג א פארשעהמטער פאר זיך אליין, וואס ער האט זיך שיער נישט גע־לאזט פארפיהרען (קדושין דף פ״א עמוד א׳).

די פרוי פון ר׳ מאיר האט געהייסען ברוריה. זי איז געווען א טאכ־טער פון ר׳ חנינא בן תרדיון און די איינציגע פרוי, וועלכע איז דערמאנט אין דער גמרא, אז זי האט פיעל געלערנט און די חכמים פלעגען זיך צוהערען צו איהר מיינונג אין וועלטליכע ענינים גלייך ווי אין הלכה (זעה פסחים דף ס״ב עמוד ב׳).

אויף א פראגע, וואס ר׳ יוסי הגלילי האט איהר אמאל געשטעלט, ווען ער האט זי באגעגנט, האט זי איהם ״געקיבעצט״, אז ער געברויכט צו פיעל ווערטער אין זיין פראגע און ער וואלט דאס געקענט טהון אויף א קירצערען שטייגער, ניט עובר צו זיין אויף די ווערטער פון די חכמים, וועלכע האבען געזאגט, אז מען טאר נישט פיעל ריידען מיט א פרוי. זי האט אויך אמאל אנ־גע׳מוסר׳ט א תלמיד פון איהר פאטער, ווייל ער האט געלערנט שטיל פאר זיך, און דאביי האט זי געזאגט, אז ווען מען וויל דערגרייכען א געוויסע מדרגה ביים לערנען, מוז מען לערנען הויך אויפ׳ן קול (זעה ערובין דף נ״ג עמוד ב׳).

שטענדיג איז זי געווען דער גייסטיגער אנהאלט פון ר׳ מאיר. אין איהרע ווערטער פלעגט ער געפינען א טרייסט ביי יעדער נויט. אזוי ווערד אויך דער־צעהלט, אז ער האט אמאל געוואוינט אין שכנות פון א חברה ווילדע גאסען־יונגען, וועלכע האבען איהם אנגעטהון גרוים צער. פלעגט ער זיי שילטען מיט טויטע קללות. האט איהם זיין ווייב אמאל געזאגט, אז ער טהוט נישט גוט מיט זיינע קללות, ווייל מען דארף נישט קיינמאל פארדאמען די זינדי־גע מענשען, נור די זינד. האט ער פון דאמאלס אן אנגעהויבען גאט בעטען, אז די הערצער פון יענע ווילדע גאסען-יונגען זאלען איבערגעקערט ווערען צום גוטען — און דער אויבערשטער האט זיך אויך צוגעהערט צו זיין תפלה (זעה ברכות דף י׳ עמוד א׳).

גלייך ווי איהר מאן האט זיך אויך ברוריה געהאלטען זיכער אין איהר מאראלישען לעבען און זי פלעגט חוזק מאכען פון יענעם ״כלל״, וועלכער איז געווען אנגענומען ביי אלע חכמים, אז ״פרויען זיינען לייכטזיניג״. פלעגט זי ר׳ מאיר ווארענען, זי זאל נישט דערפון לאכען, ווייל זי קען אמאל ארייגפאלען.

זי האָט אָבער געהאַלטען, אַז ווען אַ פרוי האַלט זיך **פעסט אין דער** מעלה, קען זי ניט קיינמאָל פאַרפיהרט ווערען. האָט ר׳ מאיר אָנגעשטעלט זיי־נעם אַ תלמיד, ער זאָל זי איבעררײדען צום זינדיגען. ער האָט געמיינט, אַז ווען דער תלמיד וועט זי שוין האָבען איבערגערעדט און זי וועט זיין גרייט צו דער זינד, וועט איהם דער תלמיד רופען, וועט ער איהר קענען באַווייזען, ווי גערעכט די חכמים זיינען, ווען זיי האָבען געזאָגט, אַז פרויען זיינען לייכטזי־ניג, ווען אפילו אַזאַ געלערנטע פרוי ווי זי איז שוין געווען גרייט, צו לאָזען זיך פאַרפיהרען.

האָט אָבער דער תלמיד אַנדערש געטהון, ווייל ער האָט זי ווירקליך פאַרפיהרט — און ערשט דערנאָך האָט ער גערופען ר׳ מאיר׳ן. איז דאַן די פרוי געוואָהר געוואָרען, אַז ר׳ מאיר האָט דעם פאַרפיהרער באַשטעלט און ער ווייסט שוין אויך, אַז זי איז פאַרפיהרט געוואָרען, האָט זי זיך פאַר חרטה אויפגעהאַנגען (זעה רש״י צו עבודה זרה דף י״ח עמוד ב׳).

ווי דערמאָנט, איז ברוריה׳ס אַ אינגערע שוועסטער פאַראורטיילט גע־וואָרען, זי זאָל מוזען זיצען אין אַן אויסגעלאַסען ״הייזעל״ — און געקומען איז איהר דאָס אַלס אַ שטראָף פאַר איהר האָפּערדיגקייט, ווייל אַזוי ווי זי איז געווען זעהר אַ שעהנע, איז זי איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ מחנה רומי־שע באַאמטע, האָט זי געהערט, ווי איינער זאָגט צום אַנדערן: ״זעה נור וואָס פאַר אַ שעהנע טריט דאָס מיידעל האָט!״... האָט זי שוין פון דאַמאָלס אָן אכטונג געגעבען, אַז איהרע טריט זאָלען נאָך שעהנער זיין. האָבען דאַן די רוימער געזאָגט, אַז אַזאַ שעהן מיידעל פּאַסט זיך גאָר נישט צו אידען...

אָט דאָס ״הייזעל״, וואו ברוריה׳ס שוועסטער האָט געדאַרפט זיצען, איז וואַהרשיינליך געווען אין דער סירישער שטאָדט אַנטיאָכיען, וואו עס זיינען דאַמאָלס געזעסען די ארץ־ישראל׳דיגע באַאמטען פון דער רוימישער רעגי־רונג. האָט ברוריה אַמאָל געבעטען ביי ר׳ מאיר, ער זאָל זיך באַשטרעבען, אַרויס צו קריגען איהר שוועסטער פון יענעם ״הייזעל״. איז דאַן ר׳ מאיר געגאַנגען צום אויפזעהער פון יענעם ״הייזעל״ מיט אַ גאַנצער מאָס געלד אין דער האַנד — און אָנגעטהון איז ער געווען ווי אַ רוימישער ריטער. אָפּצונאָ־רען דעם שומר פונ׳ם ״הייזעל״ צוזאַמען מיט דער שוועגערין, זיי זאָלען מיי־נען, אַז ער איז איינער פון דער רוימישער מחנה.

ווערען פאַרשיעדענע לעגענדאַרישע וואונדער דערצעהלט וועגען דער רע־טונג פון ברוריה׳ס שוועסטער. אַזוי ווי ר׳ מאיר האָט געקראָגען די געלעגענ־הייט, צו האָבען די איבערצייגונג, אַז די שוועגערין זיינע איז נאָך געבליבען אַ ריינע, האָט ער גענומען די מאָס געלד און האָט געוואָלט מיט איהר באַ־שטעכען דעם שומר, ער זאָל איהם די שוועגערין אַרויסגעבען. האָט ער גע־זאָגט דעם שומר, ער זאָל נעהמען פאַר זיך אַ העלפט פונ׳ם געלד, וועלכעס ער האָט געבראַכט, און די אַנדערע העלפט וועט ער האָבען צו געבען שוחד, אויב מען וועט איהם וועלען באַשטראָפען. האָט אָבער דער שומר מורא גע־האַט, אַז דאָס געלד וועט איהם ניט קענען אָפּראַטעווען פון דער שטראָף, האָט איהם ר׳ מאיר געזאָגט, אַז ווען מען וועט איהם האַלטען ביים חאַפּען, זאָל ער זאָגען ״אלהא דמאיר ענני!״ (מאיר׳ס גאָט זאָל מיר העלפען!), וועט ער זיכערליך געראַטעוועט ווערען.

האָט אָבער דער שומר נישט געקענט גלויבען, אַז אַזאַ שפּרוך זאָל איהם קענען העלפען, ווען ער וועט זיין אין געפאַהר. האָט איהם דאָס ר׳ מאיר באַ־

שיינפערליך באוויזען. אזוי ווי עס זיינען דאָרט ארום דעם "הייזעל" געווען בייזע מענשענפרעסערישע הינט, האָט זיך ר' מאיר מיט זיי פארטשעפעט, זיינען די הינט צו איהם צוגעשפרונגען צום צוריסען. האָט ר' מאיר א גע־שריי געטהון: "אלהא דמאיר ענני!" האָבען איהם די הינט באַלד אָפּגע־לאָזען. האָט שוין דער שומר פונ'ם "הייזעל" איינגעזעהען, אז ער קען אָנ־נעהמען דעם שוחד פון ר' מאיר און באפרייען זיין שוועגערין.

איז פון דעסטוועגען יענער שומר געחאַפּט געוואָרען און פאראורטיילט צום "קרייציגען". האָט ער א זאָג געטהון: "אלהא דמאיר ענני!" איז ער באַלד גערעטעט געוואָרען. זיינען די תלינים געבליבען פארוואונדערט און זיי האָבען איהם געפרעגט, וואָס פאר א שפרוך ער האָט, אז ער האָט זיך גע־קענט אָפּראטעווען פונ'ם "קרייץ". האָט ער זיי אַלסדינג געזאָגט. האָבען זיי אָנגעהויבען זוכען ר' מאיר'ן, איהם צו חאַפּען. האָבען זיי אויסגעקריצט זיין בילד ביים טויער פון רוים, וועלכעס מיינט וואהרשיינליך אנטיאָכיען, און זיי האָבען ארויסגעגעבען א באַפעהל, אז ווער עס וועט אזא פּנים בא־געגענען, זאָל איהם ברענגען צו די קייזערליכע באאמטע. האָט מען איהם ענדליך אין א געוויסען טאָג דערזעהען, איז מען איהם נאָכגעלאָפען, איהם צו חאַפּען.

זיינען פארהאנען פארשיעדענע "וואריאציעס" וועגען דעם, ווי אזוי ער איז דאמאָלס גערעטעט געוואָרען פון זיינע נאָכיאָגער. איינע האָבען דער־צעהלט, אז ער איז אריינגעלאָפען אין אן אויסגעלאסען "הייזעל". האָבען די נאָכיאָגער איינגעזעהען, אז דער אנטלאָפענער קען גאָר נישט זיין ר' מאיר, וועלכער וואָלט זיכערליך ניט אריינגעגאנגען אין אזא הויז. האָבען אַנדערע דערצעהלט, אז אויפ'ן וועג פון זיין אנטלויפען האָט ר' מאיר דערזעהען א טאָפּ טרפה געקעכץ, האָט ער אריינגעשטעקט זיינעם א פינגער און אָפּגע־לעקט. פארשטעהט זיך, אז ער האָט אָפּגעלעקט אן אנדערן פינגער, נישט יענעם, וועלכען ער האָט געהאט אריינגעשטעקט אינ'ם טאָפּ. אזוי ווי די נאָכיאָגער האָבען דאָס אָבער נישט גענוי באמערקט, האָבען זיי איינגעזע־הען, אז דאָס קען נישט זיין ר' מאיר, וועלכער וואָלט נישט געטהון אזא זאַך. נאָך אַנדערע האָבען דערצעהלט, אז אליהו הנביא האָט זיך פארשטעלט פאר א זונה און האָט זיך מיט איהם ארומגעחאַפּט. האָבען די נאָכיאָגער איינ־געזעהען, אז דאָס קען ניט זיין ר' מאיר (זעה עבודה זרה דף י"ח עמוד א' וב').

אויף איינער פון ר' מאיר'ס רייזען איז ער אָנגעקומען צו אן "אכסניא", וואו ער האָט געזעהען, אז דער אייגענטימער פון דער "אכסניא" וועקט אויף די רייזענדע ביי נאַכט און הייסט זיי געהען ווייטער, באגלייטענדיג יעדען איינעם א שטיקעל וועג. איז איהם דאָס ניט געפעלען געוואָרען, ווייל ער האָט פארשטאַנען, אז דער דאָזיגער בעל־אכסניא מוז וואהרשיינליך אָנפיהרען א שותפות מיט א מחנה גזלנים, וועלכע לויערען אויפ'ן וועג, צו בארויבען די רייזענדע. און ווען דער בעל־אכסניא האָט אויפגעוועקט ר' מאיר'ן און האָט איהם געהייסען געהען ווייטער, האָט ר' מאיר געזאָגט, אז ער קען יעצט ניט געהען, ווייל ער מוז וואַרטען אויף זיינעם א ברודער, מיט וועלכען ער געהט אין איינעם.

האָט איהם דער בעל־אכסניא געפרעגט, ווי דער ברודער הייסט און וואו ער געפינט זיך יעצט. האָט ר' מאיר געענטפערט, אז דער ברודער זיינער הייסט "כי טוב" און ער געפינט זיך אין דער שוהל. איז דאן דער בעל־

אכסניא געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט לעבען דער שוהל און ער האָט כסדר גע־רופען: "כי טוב, קום ארוים! דיין ברודער וואַרט אויף דיר!" — איז אָבער קיינער ניט ארויסגעקומען און עס האָט זיך אויך ניט קיינער אָפּגערופען.

אין דער פריה האָט זיך ר' מאיר אָנגעטהון צום אוועקגעהען. האָט איהם דער בעל־אכסניא געפרעגט: "נו, וואו איז דיין ברודער? און פאַר וואָס וואַרטסטו נישט אויף איהם?" — האָט ר' מאיר געענטפערט: "מיין ברודער איז די ליכטיגקייט פונ'ם טאָג, ווי דער פּסוק זאָגט, אז די ליכטיגקייט פונ'ם טאָג איז גוט (וירא אלהים את האור כי טוב), און געווען איז דער דאָזיגער פּסוק אַ גאַנצע נאַכט אין דער שוהל אינ'ם ספר־תורה" (בראשית רבה פרשה צ"ב פּסקא ו').

ווי עס איז אויבען דערמאָנט, האָט ברוריה, ר' מאיר'ס ווייב, געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף איהר מאַן. איז טאַקי צוליעב דעם אינטערע־סאַנט, ווי אזוי זי האָט איהם אמאָל איבערגעגעבען די נאַכריכט, אז זייערע צוויי זיהן זיינען פּלוצים געשטאָרבען...

געווען איז דאָס אין אַ שבת צו מנחה, ווען ר' מאיר איז געזעסען אין בית־המדרש און האָט גע'דרשנ'ט. זיינען דאַמאָלס די צוויי זיהן זיינע פּלוצים געשטאָרבען. וואָס די קראַנקהייט זייערע איז געווען, ווערד נישט דערצעהלט. האָט די מוטער גענומען איהרע טויטע צוויי קינדער און האָט זיי ביידען אוועק־געלייגט אויפ'ן בעט, צוגעדעקט מיט אַ ליילעך און גאָר ניט געזאָגט. און ווען ר' מאיר איז שפּעטער אהיים געקומען, האָט ער באַלד געפרעגט, וואו זיינע קינדער זיינען. האָט איהם די פרוי געזאָגט, אז זיי זיינען וואהרשיינ־ליך אינ'ם בית־המדרש. האָט ר' מאיר אויף דעם געזאָגט: "איך האָב געקוקט איבער'ן גאַנצען בית־המדרש און איך האָב זיי ניט געזעהען!"...

שפּעטער האָט ר' מאיר וויטער געפרעגט, וואו די צוויי קינדער זיינען. האָט די פרוי געזאָגט, אז זיי האָבען זיך אודאי פאַרשמועסט ערגיץ אויפ'ן וועג אהיים און זיי וועלען באַלד קומען.

דערנאָך האָט זיך ברוריה געווענדעט צו איהר מאַן מיט פאָלגענדער שאלה: "אָט האָט מיר איינער אמאָל איבערגעגעבען אַ טייערען אוצר, איך זאָל איהם האַלטען, ביז ער וועט איהם קומען אָפּנעהמען. איז ער טאַקי היינט געקומען, אָפּנעהמען דעם אוצר. וויל איך דיך פרעגען, צי איך זאָל דעם אוצר אָפּגעבען?"

האָט ר' מאיר אויף דעם געענטפערט: "געוויס דאַרף מען אָפּגעבען, וואָס איינער האָט דיר אמאָל געגעבען צו באַהאַלטען. און איך פאַרשטעה ניט איבערהויפּט, וואָס דו דאַרפסט מיך ערשט וועגען אזא זאַך פרעגען!"

אויף דעם האָט די פרוי גענומען ר' מאיר'ן ביי דער האַנד און זי האָט איהם צוגעפיהרט צום בעט, וואו די טויטע קינדער זיינען געלעגען, זאָגענ־דיג דאַביי: "אָט דאָס איז דער אוצר, וואָס דער אויבערשטער האָט מיר גע־געבען צו האַלטען, און היינט האָט ער זיך איהם אָפּגענומען!"

האָט ר' מאיר אָנגעהויבען שטאַרק וויינען. האָט איהם די פרוי געזאָגט: "קענסט אפשר זאָגען, אז מען דאַרף ניט אָפּגעבען אַן אוצר, וואָס איינער האָט דיר געגעבען צו באַהאַלטען?" (מדרש משלי פרשה ל"א).

וואונדערליכע מעשיות פלעגט מען זיך אויך דערצעהלען וועגען ר' מאיר'ס באַשיידענהייט. איז איינע פון יענע מעשיות זעהר עהנליך צו דעם,

די חכמים פון דער משנה

וואָס עס ווערד דערצעהלט וועגען בבא בן בוטא, ווי א פרוי האָט איהם אמאָל געוואָרפען א לייכטער אין קאָפּ אריין, ווייל דער מאן האָט איהר געהייסען.

אזוי איז אויך געווען א פרוי, וועלכע האָט זעהר ליעב געהאט צו הערען ר׳ מאיר׳ם דרשות, איז זי אמאָל אין א שבת זעהר לאַנג געזעסען ביי ר׳ מאיר׳ם א דרשה. און ווען זי איז דערנאָך אהיים געקומען, האָט זי דער מאן ארויסגעוואָרפען פונ׳ם הויז און ער האָט איהר צוגעזאָגט א גט, אויב זי וועט ניט אָנשפּייען ר׳ מאיר׳ן אין פּנים אריין.

האָט ר׳ מאיר דערפון געהערט, האָט ער געלאָזט די פרוי רופען און ער האָט צו׳ן איהר געזאָגט: ״זעהסט, אָט טהון מיר די אויגען וועה, האָבען מיר די דאָקטוירים געזאָגט, אז ווען א פרוי וועט מיר אָנשפּייען זיבען מאָל אין מיין קראַנקען אויג, וועט עס געהיילט ווערען!״

פאַרשטעהט זיך, אז די פרוי האָט זיך אָנפאַנגס א ביסיל געקווינקעלט, ווען ר׳ מאיר האָט זי געבעטען, זי זאָל איהם אָנשפּייען אין די אויגען. נור אזוי ווי ר׳ מאיר איז דארויף באַשטאַנען, האָט זי זיך געלאָזט איבעררײידען און זי האָט איהם זיבען מאָל אָנגעשפּיגען. דערנאָך האָט איהר ר׳ מאיר געזאָגט: ״געה אהיים און זאָג דיין מאַן, אז נישט איינמאָל, נור זי זיבען מאָל האָסטו אָנגעשפּיגען ר׳ מאיר׳ן אין פּנים אריין!״ (ירושלמי סוטה פרק א׳ הלכה ד׳).

רבי יהודה בר אלעאי

ווען די חכמים זיינען זיך צונויפגעקומען אין אושא, האָבען זיי דאָרט צוגעטיילט כבוד צום חשוב'סטען תלמיד־חכם פון דער שטאָדט, צו רבי יהודה בר אלעאי, וואָס אזוי ווי ער האָט זיך דאמאָלס אוועקגעשטעלט ריידען וועגען די פאַרשיעדענע מצוות פון דער תורה, וועלכע זיינען אין דער צייט פון קייזער האדריאַן'ס גזרות כמעט ווי פאַרגעסען געוואָרען, איז ער שוין ביז צום לעצטען טאָג זיינעם פאַרבליבען "דער ערשטער צו נעהמען דאָס וואָרט ביי אלע פראַגען" (ראש המדברים בכל מקום).

לויט ווי עס איז אויך אָנצונעהמען, איז אונזער ר' יהודה געווען אין יענער צייט דער איינציגער צווישען אלע חכמים, וואָס מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין מיינונג ביי אלע ענינים פונ'ם לעבען, סיי אין הלכה און סיי אין אגדה. זיינען די אויסשפּרוכען זיינע דערמאָנט לערך דריי טויזענד מאָל — אין דער משנה, אין דער ברייתא, אין דער תוספתא, אין ספרא, אין ספרי און אין דער מכילתא. אומעטום וואו עס ווערד עטוואָס געזאָגט אויף'ן נאָמען פון ר' יהודה (סתם), איז דער מאמר זיינער.

אין אָט יענע אלע מאמרים האָט ר' יהודה בר אלעאי גע'דרשנ'ט וועגען די אָנגענומענע הלכות, איבערגעבענדיג וואָס ער האָט געהערט פון זיינע רביים, אָדער וואָס זיינע רביים האָבען געהערט פון זייערע רביים, לויט ווי מען האָט זיך נוהג געווען ביי אידען אין פריהערע צייטען, וועלכע האָבען גע־גרייכט ביז צו די טעג פון בעפאָר חורבן בית־המקדש.

דער פאָטער פון ר' יהודה — ר' אלעאי — איז געווען א "תנא" פון דער משנה, איינער פון די חכמים אין דער צייט פון רבן גמליאל דיבנה (ערובין דף כ"ג עמוד א' און דף ס"ד עמוד ב'). ער איז אויך געווען א תלמיד פון ר' אליעזר בן הורקנוס (מנחות דף י"ח עמוד א', פסחים דף ל"ט עמוד א', סוכה דף כ"ז עמוד ב') און פון ר' ישמעאל בן אלישע (גטין דף ו' עמוד ב').

איז דער דאָזיגער ר' אלעאי געווען דער ערשטער רבי פון זיין זוהן. שפּעטער האָט ער דעם זוהן זיינעם אוועקגעשיקט לערנען אין יבנה ביי די־זעלבע חכמים, וואָס ער אליין האָט ביי זיי געלערנט אין זיין יוגענד. דערנאָך האָט ר' יהודה געלערנט ביי ר' עקיבא און נאָך מעהר האָט ער געלערנט ביי ר' טרפון. האָט זיך ביי איהם אָנגעקליבען א גאנצע מאַסע ידיעות. וועלכע ער האָט ווידערהאָלט אויפ'ן נאָמען פון די חכמים, וואָס ער האָט פון זיי געהערט אָדער וואָס אַנדערע האָבען איהם געזאָגט אין זייער נאָמען.

געוועהנליך איז ר' יהודה אין זיינע אויסשפּרוכען א געגנער פון ר' מאיר, וועלכער פלעגט אנדערש איינטייטשען די דינים — און די געגנער־שאַפט צווישעןביידען איז געווען אזא שטאַרקע, אז נאָכדעם ווי ר' מאיר איז געשטאָרבען, האָט ר' יהודה געוואָלט, מען זאָל ר' מאיר'ס תלמידים נישט אריינלאָזען אין בית־המדרש, ווייל זיי זיינען "צו'להכעיס'ניקעס. זיי קומען נישט לערנען, נור זיי קומען בלויז פרעגען שאלות, וואָס קענען ניט פאַר־ענטפערט ווערען" (קדושין דף נ"ב עמוד ב').

ר׳ יהודה האָט געהאַט א ווערטעל: ״מען דאַרף זיין געוואָרענט ביים לערנען, ווייל יעדער אירטום אינ׳ם לערנען ברענגט צו זינד״ (אבות פרק ד׳ משנה י״ג). אויפ׳ן יסוד פון דעם דאָזיגען געדאַנק האָט ער ווייטער גע־דרשנ׳ט, אז ״די טעות׳ן פון א תלמיד-חכם ווערען פאַררעכענט פאַר מוטה־ווילינע זינד און ביי עמי־הארצים ווערען די מוטהווילינע זינד זייערע פאַר־רעכענט אַלס אומגערן געטהוענע אירטימער״ (בבא מציעא דף ל״ג עמוד ב׳).

ער פלעגט אויך זאָגען: ״ווען איינער מאַכט די תורה פאַר א הויפּט־זאַך אינ׳ם לעבען און זיינע וועלטליכע באַשעפטיגונגען מאַכט ער פאַר א נעבען־זאַך, ווערד אַזאַ מענש אליין ווי אַן עיקר ביי דער וועלט. מאַכט אָבער איינער די וועלטליכע באַשעפטיגונגען זיינע פאַר א הויפּטזאַך און די תורה פאַר א נעבען־זאַך, ווערד אַזאַ מענש אליין א טפל ביי דער וועלט. ס׳איז גלייך ווי מען דאַרף געהען איבער א קייזערליכען שטראָם, וועלכער פיהרט דורך צוויי וועגען, איין וועג איז א פייערדיגער און איין וועג איז א פאַר־שנייעטער. געהט מען אויפ׳ן פייערדיגען וועג, קען מען זיך בריהען, און געהט מען אויפ׳ן וועג פון שניי, קען מען פאַרקיהלט ווערען. וואָס דאַרף מען אַלזאָ טהון? זאָל מען געהן אין דער מיט און זאָל מען זיך דאַביי היי־טען, אז מען זאָל זיך נישט בריהען ביים פייער און נישט פאַרקיהלען אין דער קעלט״ (אבות דר׳ נתן פרק כ״ח, תוספתא חגיגה פרק ב׳).

זעהר הויך אין דער באַדייטונג איז ביי ר׳ יהודה׳ן געווען די ווערדע פון דער מלאכה. פלעגט ער וועגען איהר זאָגען, אז זי גיט כבוד צו די, וואָס באַשעפטיגען זיך אין איהר (נדרים דף מ״ט עמוד ב׳). ער פלעגט אויך רעכענען צווישען די פליכטען, וואָס א פאָטער האָט געגען זיין זוהן, אז ער דאַרף איהם לאָזען לערנען א מלאכה, ווייל ״ווער עס לעהרענט ניט זיין זוהן קיין מלאכה, איז דאָס גלייך ער זאָל איהם לעהרנען רויבעריי״ (קדושין דף כ״ט עמוד א׳, תוספתא קדושין פרק א׳).

פון דעסטוועגען איז די תורה ביי איהם אלץ דאָס העכסטע און דאָס וויכטיגסטע. פלעגט ער וועגען דעם זאָגען: ״פריהערע דורות האָבען גע־מאַכט זייער באַשעפטיגונג מיט דער תורה פאַר א פעסטגעזעצטע זאַך אין זיי־ער לעבען און די צייט פאַר זייער מלאכה איז געווען אומבאַשטימט, איז ביי זיי ביידעס געבליבען. אָבער שפּעטערע דורות האָבען געמאַכט די צייט פון זייער מלאכה א פעסטגעזעצטע און די צייט פון דער תורה איז ביי זיי אומבאַשטימט, זיינען טאַקי ביידע זאַכען נישט געבליבען ביי זיי״ (ברכות דף ל״ה עמוד ב׳).

און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער פראַגע: ״וואָס עס איז וויכטיגער, לערנען די מצוות אָדער די פּראַקטישע דורכפיהרונג זייערע?״ – האָט אונזער ר׳ יהודה געזאָגט, אז די באַטהעטיגונג פון די מצוות איז וויכטיגער פונ׳ם לערנען, און ווען ער האָט אַמאָל געזעהען א מת, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען צו קבורה, אָדער ער האָט געזעהען א כלה, וואָס מען האָט געדאַרפט געהען צו איהר חופּה, פלעגט ער זאָגען צו זיינע תלמידים, זיי זאָלען אונטערברעכען דאָס לערנען און געהען צו דער לויה אָדער צו דער חופּה (זעה כתובות דף י״ז עמוד א׳ און ירושלמי חגיגה פרק א׳ הלכה ז׳).

פון אַלע זיינע רביים האָט ר׳ יהודה בר אלעאי צום מעהרסטען גע־לערנט ביי ר׳ טרפון און אויף זיין נאָמען דערצעהלט ער זעהר אָפט, וואָס ער האָט ביי איהם געלערנט, א שטייגער ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אַלס א קליין

רבי יהודה בר אלעאי

אינגעל געליענט די מגלה פאר ר׳ טרפון ביי דער אנוועזענהייט פון נאך אנדערע חכמים (מגלה דף כ׳ עמוד א׳). אדער אז ר׳ טרפון האט געזעהען, ווי ער טהוט פארשיעדענע זאכען ביים ליכט-צינדען לכבוד שבת, אדער ביים דערלאנגען עטוואס דורך׳ן פענסטער אים שבת (זעה שבת דף כ״ט עמוד ב׳ און ירושלמי סוטה פרק ב׳ הלכה ב׳).

ווי עס איז שוין דערמאנט, איז ר׳ יהודה בר אלעאי געווען א ״ראש המדברים״ אין אושא, ווייל ער איז געווען א ״בן עיר״. ער איז דאס אויך געווען שפעטער, ווען די ״סנהדרין״ זיינען פאר א קורצע צייט צוריקגעגאנגען קיין יבנה צוליעב ר׳ יהודה׳ס פריינדליכער שטעלונג צו רוים, וועגען וועלכער די רעגירונג איז געוואהר געווארען אויף אן אומווירדיגען אופן.

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, זיינען אמאל אינ׳ם בית-המדרש אין יבנה געזעסען ר׳ יהודה בר אלעאי, ר׳ יוסי בן חלפתא און ר׳ שמעון בן יוחאי. צוזאמען מיט זיי איז אויך דארט געזעסען ר׳ יהודה בן גרים. איז דאן ארויסגעקומען א שמועס וועגען די אויפטהוען פון די רוימער אין ארץ-ישראל. האט זיי ר׳ יהודה געלויבט פאר זייער טהעטיגקייט, אז זיי האבען אויסגעבויעט נייע גאסען, זיי האבען אויך געמאכט בריקען און בעדער.

האט זיך ר׳ יוסי בן חלפתא צוגעהערט צו די דאזיגע לויבגעזאנגען און ער האט געשוויגען. ער האט ניט געוואלט מסכים זיין צו די שבחים און ער האט אויך מורא געהאט צו ווידערשפרעכען. האט זיך ר׳ שמעון בן יוחאי נישט געקענט איינהאלטען און ער האט א זאג געטהון: ״וואס איז דא צו לויבען? אלעס וואס די רוימער האבען געטהון, האבען זיי בלויז געטהון פאר זייער אייגענע טובה. זיי האבען געמאכט נייע גאסען, כדי צו קענען דארט באזעצען זייערע זונות; זיי האבען געמאכט בעדער, כדי צו קענען שמירען די אייגענע לייבער, און וואס זיי האבען געבויעט בריקען, האבען זיי דאס געטהון, כדי צו קענען נעהמען אפצאלונגען״...

מעגליך, אז ניט-ווילענדיג האט ר׳ יהודה בן גרים ווידערהאלט די דאזיגע ווערטער אין געגענווארט פון אנדערע. זיינען זיי דאן באלד אנגעקומען צו די מענשען פון דער רעגירונג, וועלכע איז פון אזא שמועס גאר ניט געווען צופרידען. האט זי ארויסגעגעבען א פארארדנונג, אז ר׳ יהודה בר אלעאי, וועלכער האט געלויבט די אויפטהוען פון דער רוימישער רעגירונג, זאל דערהויבען ווערען. ר׳ יוסי בן חלפתא, וועלכער האט געשוויגען און ער האט גאר ניט געזאגט, צו באשטעטיגען די ווערטער פון ר׳ יהודה, זאל אינטערנירט ווערען אין זיין שטאדט צפורי, פון וואנען ער זאל נישט טארען ארויסגעהען. און ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכער האט געשימפפט אויף די רוימער, זאל באשטראפט ווערען מיט׳ן טויט (שבת דף ל״ג עמוד ב׳).

איז די דערהויבונג פון ר׳ יהודה געווען, וואס ער איז דערנאך ווייטער פארבליבען דער ״ראש המדברים״ און ער איז שפעטער געווארען דער ״מוריינא דבי נשיאה״ (דער הויזלעהרער ביים נשיא). דארף מען דא אויך וויסען, אז חאטש עס זיינען דאמאלס די גזרות געגען אידען בטל געווארען, האט די רוימישע רעגירונג אלץ נישט פריינדליך געקוקט אויף דער משפחה פונ׳ם נשיא, וועלכע האט זיך מייחס געווען צו ״מלכות בית דוד״, ווייל מען האט אין דער רעגירונג גוט געוואוסט, אז די אידען באטראכטען זיך ניט אלס אונטערטהאנען פון רוים, ווייל זיי קוקען אויף׳ן ״נשיא״ אלס זייער פון גאט באשטימטען הערשער. האט מען אבער ביי דער רוימישער רעגירונג

געהאט גרויס צוטרוי צו ר׳ יהודה בר אלעאי, האָט מען אוועקגעקוקט פונ׳ם קעניגליכען כבוד, וואָס די אידען האָבען צוגעטיילט צום ״נשיא״, און מען האָט זיך דאָרט געזאָגט: ״זאָלען זיך די אידען שפּיעלען מיט זייער נשיא, ווען עס מאַכט זיי פאַרגעניגען, אבי זיי צאָהלען רעגעלמעסיג זייערע שטייערען!״...

טראָץ דער חשיבות פון ר׳ יהודה בר אלעאי ביי אידען גלייך ווי ביי די רוימער, איז ער געווען א גרויסער אָרימאַן. זיין ווייב איז געגאַנגען אָנגעטהון אין אַלטע וואָלענע קלייד, און א מאַנטעל פון גראָבען פּילץ האָבען זיי געהאט ביידע בשותפות. ווען דאָס ווייב איז ארויסגעגאַנגען אין מאַרק, האָט זי אָנגעטהון דעם מאַנטעל, און האָט ר׳ יהודה געדאַרפט געהען אין גאַס אריין, האָט ער געטראָגען דעם מאַנטעל.

דער גאַנצער דור איז דאַמאָלס געווען אַן אָרימער, ווי עס ווערד דערצעהלט, אַז זעקס מענשען פלעגען זיך צודעקען מיט איין דעק (סנהדרין דף כ׳ עמוד א׳). האָבען דאַן פאַרשיעדענע מענשען געוואָלט געבען שטיצע צו ר׳ יהודה. האָט ער אָבער גאָר נישט געוואָלט אָננעהמען פון קיינעם. עס ווערד אויך דערצעהלט, ווי דער ״נשיא״ האָט איינמאָל גוזר-תענית געווען און ר׳ יהודה איז דאַמאָלס ניט געקומען צו דער תפלה נאָך׳ן תענית, ווייל ער האָט נישט געהאט וואָס אָנצוטהון. האָט איהם דער נשיא געשיקט קליידער, האָט ער דאָס אויך ניט געוואָלט אָננעהמען.

פון דעסטוועגען האָט מען אויף ר׳ יהודה׳ס פּנים קיינמאָל נישט דערקענט זיין אָרימקייט. ווען ער איז אַמאָל געזעסען בעפאַר ר׳ טרפון, האָט איהם ר׳ טרפון געזאָגט: ״עפּיס זעהסטו מיר היינט אויס א פרעהליכער!״ — האָט ר׳ יהודה אויף דעם געענטפערט: ״דיינע קנעכט זיינען היינט געגאַנגען אין פעלד אריין, האָבען זיי מיר געבראַכט שאַלאַטען, האָב איך זיי געגעסען אָהן זאַלץ, איז מיר דערפון פרעהליך אויף׳ן הארצען. דו קענסט דיר אויך פאָרשטעלען, וויפיל מעהר פרעהליך איך וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געהאט א ביסיל זאַלץ צו די שאַלאָטען!״ . . .

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט איהם א רוימישע דאַמע געזאָגט: ״דו ביזט א לעהרער און דו זעהסט אויס ווי א שכור!״ — האָט ער איהר געענטפערט: ״איך שווער דיר ביי מיין גלויבען, אַז איך טרינק ניט קיין משקה חוץ צו קידוש און הבדלה, און ווען איך טרינק די ארבע כוסות אום פסח, האָב איך קאָפּשמערצען ביז שבועות!״ . . .

אַמאָל האָט איהם באַגעגענט א צדוקי און ער האָט צו איהם געזאָגט: ״דיין פּנים זעהט אויס ווי פון א וואָכערניק אָדער פון א חזיר-שלעגער!״ — האָט ר׳ יהודה אויף דעם געענטפערט: ״איך בין א איד און איך קען ביידעם נישט טהון!״ (נדרים דף מ״ט עמוד ב׳).

ווי עס איז צו זעהען פון ·אַלעמען, וואָס ווערד וועגען ר׳ יהודה בר אלעאי דערצעהלט, איז ער אין זיין גאַנצער פיהרונג געווען א באַשיידענער און אַן אויסערגעוועהנליך פרומער מענש (כתובות דף י״ז עמוד א׳, בבא קמא דף ק״ג עמוד ב׳). ער פלעגט אויך שטענדיג זאָגען: ״דאַרפסט עסען א ציבעלע און זיצען אין שאָטען און ניט עסען גענז און היהנער און דיין הארץ זאָל דיר דאַרפען פּלאַטערען. בעסער איז נאָך, וויינינער צו עסען און צו טרינקען, כדי צו קענען בעסער וואוינען״ (פסחים דף קי״ד עמוד א׳).

אינטערעסאַנט איז אויך, ווי אזוי ר׳ יהודה האָט געקוקט אויף דער פּאָליטישער לאַגע פונ׳ם אידישען פאָלק, ווי מען קען דאָס זעהען פון זיין

רבי יהודה בר אלעאי

ערקלערונג, וואס דער פסוק פארגלייכט אמאל די אידען צו שטויב און אמאל פארגלייכט ער זיי צו די שטערען אויפ'ן הימעל, ווייל ווען די אידען פאלען, ווערען זיי אזוי נידריג ווי שטויב, און ווערען זיי דערהויבען, הויבען זיי זיך אויף ביז צו די שטערען (מגלה דף ט"ז עמוד א').

גלייך ווי מאנכע אנדערע תנאים, איז ר' יהודה געווען גרייט, צו פאר־ציכטען אויף זיין כבוד, ווען עס האט זיך געהאנדעלט ווענען שלום צווישען מאן און פרוי. אזוי האט אמאל איינער א נדר געטהון, נישט צו עסען קיין זאך, וואס זיין ווייב קאכט, ווי לאנג ר' יהודה וועט נישט פריהער פארזוכען פון איהר געקעכטס (נדרים דף ס"ו עמוד ב').

כאראקטעריסטיש פאר ר' יהודה'ס דענקען זיינען נאך די פאלגענדע אויסשפרוכען זיינע:

איהר ווילט וויסען ווער עס איז ראוי צו זיין א שליח־צבור פאר גאט, ווען דער עולם איז גוזר־תענית צוליעב א צרה? אזא מענש דארף זיין א מטופל מיט קינדער און ער זאל נישט פאר זיי האבען גענוג עסען. ער דארף אויך שטארק ארבייטען אין פעלד און דאס הויז זיינס זאל זיין ליידיג. דער־צו דארף ער האבען אן אנגענעהמע שטים און א שעהנע דיקציע. ער דארף אויך זיין נידריג ביי זיך אליין און באליעבט ביי אנדערע, אויסערדעם דארף ער זיין א בקי אין תנ"ך, אין מדרשים, אין הלכה און אין אגדה, גלייך ווי אין אלע ברכות (תענית דף ט"ז עמוד א').

ווען דער "שטיקקאטאר" (אסכרה) טשעפעט זיך צו מענשען, הויבט ער זיך געוועהנליך אן אינעווייניג אין די געדערים און ער ענדיגט ביים מויל, גלייך ווי עס געהט די אנטוויקלונג פון דער מענשליכער זינד: די ניערען פארפיהרען, דאס הארץ פארשטעהט, די צונג האקט און דאס מויל ענדיגט (שבת דף ל"ג עמוד ב').

צדקה־געבען איז זעהר א גרויסע זאך, וועלכע דערנעהנטערט די גאולה. צעהן מינים שטארקייטען האט דער אויבערשטער אויף זיין וועלט באשאפען, וואס איינע איז שטארקער פון דער אנדערער און איינס איז ווי א רפואה פאר'ן אנדערן. דער בארג איז שטארק און אייזען צושניידט איהם, אייזען איז שטארק און דאס פייער צושמעלצט עס, פייער איז שטארק און וואסער פארלעשט עס, וואסער איז שטארק און די וואלקען דערטראגען עס, די וואל־קען זיינען שטארק און דער ווינד צוטרייבט זיי, דער ווינד איז שטארק און דער גוף פונ'ם מענש דערטראגט איהם, דער גוף פונ'ם מענש איז שטארק און שרעק צוברעכט איהם, דער שרעק איז שטארק און דער וויין פארטרייבט איהם, וויין איז שטארק און דער שלאף וועפט איהם אויס, דאס שטארקסטע פון אלעמען איז דער טויט און צדקה ראטעוועט אפ פונ'ם טויט (בבא בתרא דף י' עמוד א').

רבי יוסי בן חלפתא

צווישען די פראָמינענטערע תלמידים, וואָס זיינען פארבליבען נאָך׳ן טויט פון ר׳ עקיבא — און ר׳ יהודה בן בבא האָט זיי טראָץ דעם שטרענגען פאר־באָט פון דער רוימישער רעגירונג געגעבען "סמיכה", זיצענדיג דאמאָלס אין די בערג צווישען אושא און שפרעם, פאר וועלכען ער האָט דאן באצאָהלט מיט׳ן לעבען, — איז רבי יוסי בן חלפתא געווען איינער פון די וויכטיגסטע.

ארויסגעקומען איז ער פון א מיוחס׳דיגער גזע. לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט מען געפונען אין ירושלים דעם יחוס פון אלע וויכטיגע פאמיליען און דאָרט איז געשטאנען, אז ר׳ יוסי בן חלפתא שטאמט פון יהונדב בן רכב (ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ב׳) — און יהונדב בן רכב איז געווען דער, וועלכער האָט געגעבען א האנד צו יהוא מלך ישראל, אויסצוראָטען דאָס הויז פון אחאב און צו פארניכטען יעדען געצענדיענסט ביי די עשרת השבטים (מלכים ב׳ י׳ ט״ו).

עס איז אויך אָנצונעהמען, אז ר׳ יוסי׳ס א זיידע איז איינגעוואנדערט פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָט מען דאדורך גערעכענט דעם אָפּשטאַם פון זיין משפחה פאר א ריינעם — און ר׳ יוסי האָט אויף דעם זעהר שטאָלצירט, ווי ער פלעגט זאָגען: "אלע לענדער זיינען ווי זויערטייג פאר ארץ־ישראל און ארץ־ישראל איז ווי זויערטייג פאר בבל" (קדושין דף ע״א עמוד א׳), וועלענדיג דערביי באמערקען, אז די גזע פון די אידען אין בבל איז זיכער־ליך ריינער ווי די גזע פון די ארץ־ישראל׳דיגע אידען, ווייל עס האָט די אויס־געלאסענהייט פון די רוימער געהאט א גרויסען איינפלוס אויף׳ן לעבען...

ר׳ חלפתא, דער פאָטער פון ר׳ יוסי, איז געווען איינער פון די חשוב־סטע מענשען אין דער צייט בעפאָר קייזער האדריאן׳ס גזרות. ער איז אויך וואהרשיינליך געווען "אב בית דין" אין דער שטאָדט צפורי, וועלכע האָט ביי די רוימער געהייסען "סעפּהאָריס" און זי איז געווען אכטצעהן מייל ווייט פון טבריה (תענית דף ט״ז עמוד ב׳). ווי זיין זוהן האָט שפעטער אמאָל דערצעהלט, האָט ער נאָך זוכה געווען, צו זעהן רבן גמליאל הזקן, איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען. ער איז אויך געווען דער ערשטער לעהרער פון זיין זוהן, וועלכער פלעגט אָפט נאָכזאָגען הלכות אויף׳ן נאָמען פון זיין פאָטער (זעה כלאים פרק כ״ו משנה ו׳, בבא קמא דף ע׳ עמוד א׳, בכורות דף כ״ו עמוד א׳).

ווען עס האָט זיך אמאָל געהאנדעלט, צי מען מעג ארייננקוקען אין א גריכישען תנ״ך, האָט ר׳ יוסי בן חלפתא דערצעהלט, אז ווען זיין פאָטער איז אמאָל געקומען צו רבן גמליאל דעם צווייטען אין הויז אריין און ער האָט איהם געטראָפען מיט א גריכישער איבערזעצונג פונ׳ם ספר איוב אין דער האנד, האָט ער א זאָג געטהון: "אָט געדענק איך דיין זיידע׳ן ר׳ גמליאל הזקן, אז ווען ער איז אמאָל געשטאַנען אויף די טרעפּ פונ׳ם בית־המקדש, האָט מען צו׳ן איהם געבראַכט א גריכישע איבערזעצונג פונ׳ם ספר איוב, האָט ער דאָס איבערגעגעבען צום בוימייסטער, ער זאָל עס ארייננמויע־רען אין דער מויער פונ׳ם בית־המקדש" (שבת דף קט״ו עמוד א׳).

רבי יוסי בן חלפתא

אין אלע זיינע געזעצליכע אויסשפּרוכען איז ר׳ יוסי געגאַנגען לויט דער שיטה פון ר׳ עקיבא (זעה כלאים פּרק ז׳ משנה ה׳, תרומות פּרק ד׳ משנה י״ג, תוספתא פּרה פּרק ד׳), ווייל ער האָט זיך גערעכענט אלס א תלמיד פון ר׳ עקיבא. ער האָט אָבער אויך געלערנט ביי די אנדערע חכמים אין יבנה, א שטייגער ווי ביי ר׳ גמליאל דעם צווייטען, ביי ר׳ יהושע בן חנניה, ביי ר׳ ישמעאל בן אלישע, ביי ר׳ טרפון און ביי ר׳ יוחנן בן נורי. דעס־גליכען האָט ער אויך געלערנט ביי אבטולמוס, וועלכער איז געווען א תנא אין דער משנה און ער ווערד דערמאָנט בלויז דריי מאָל (זעה ערובין דף ל״ו עמוד א׳).

צוזאמען מיט אלע אנדערע חכמים, וואָס זיינען געבליבען לעבען נאָך די גזרות פון קייזער האדריאן, האָט ר׳ יוסי דורכגעלעבט און מיטגעליטען אלע צרות פון די אידען אין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי אזוי פיעל חכמים זיינען דער׳הרג׳ט געוואָרען. ער האָט אויך געזעהען דעם חורבן פון זיין געבורטס־שטאָדט צפורי, און ווען די שטאָדט איז צוריק אויפגעבויעט געוואָרען, האָט ער דערצעהלט, אז ער געדענקט, ווי צפורי האָט געהאַט 180 טויזענד מארק־פּלעצער (!), וואו מען האָט פארקויפט בלויז קאָך־טייגעכצער (בבא בתרא דף ע״ה עמוד ב׳).

נאָך ר׳ עקיבא׳ס טויט זיינען בטל געוואָרען אלע ישיבות, ביז קייזער האדריאן איז געשטאָרבען און זיינע גזרות זיינען איינציגווייז אנולירט גע־וואָרען. דאַמאָלס איז אויך פאָרגעקומען דאָס באוואוסטע געשפּרעך וועגען די אויפטהוען פון דער רוימישער רעגירונג אין ארץ־ישראל, — און ר׳ יוסי, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו יענעם שמועס און ער האָט געשוויגען, האָט וואהרשיינליך אויסגעדריקט זיין מיינונג מיט א "מימיק", איז ער דאדורך אינטערנירט געוואָרען אין צפורי.

אין דער צייט, וואָס ר׳ יוסי איז געזעסען אן אינטערנירטער אין צפורי, איז די שטאָדט אויפ׳ס ניי באַזעצט געוואָרען און ר׳ יוסי איז געווען איהר פאָרשטעהער. שפּעטער האָט עס זיך וואהרשיינליך איינגעגעבען, בטל צו מאַכען די גזרה וועגען דער אינטערנירונג, האָט דאַן ר׳ יוסי ווייטער טייל־גענומען אין אלע פארהאנדלונגען פון די סנהדרין.

סיי דער נשיא רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער און סיי זיין זוהן ר׳ יהודה פלעגען דאַן אָננעהמען יעדען דין לויט דער מיינונג פון ר׳ יוסי בן חלפתא, ספּעציעל דאָרט וואו ער איז געווען אין א געגנערשאַפט צו אַנדערע חכמים פון יענער צייט. און ווען מען האָט אמאָל געפרעגט ביי ר׳ יהודה הנשיא, פארוואָס דער דין איז תמיד ווי ר׳ יוסי זאָגט און נישט ווי די אַנ־דערע זאָגען, האָט ער געענטפערט: "אזוי גרויס ווי עס איז דער אונטער־שייד צווישען דעם אלערהייליגסטען און דעם געוועהנליכסטען וואָכענדיגען, אזוי איז אן אונטערשייד צווישען אונזער דור און דעם דור פון ר׳ יוסי". אין דעמזעלבען זין האָט אויך ר׳ ישמעאל דער זוהן פון ר׳ יוסי אמאָל גע־זאָגט: "גלייך ווי עס איז א חלוק צווישען גאָלד און שטויב, אזוי איז א חלוק צווישען אונזער דור און דעם דור פון מיין פאָטער" (ירושלמי גטין פּרק ו׳ הלכה ז׳).

די ארגומענטען פון ר׳ יוסי אין הלכה ווערען געוועהנליך אָנגערופען מיט׳ן אויסדרוק "נמוקים", וועלכעס מיינט טיעף אריינדרינגענדע איבער־צייגונגען (גטין דף ס״ז עמוד א׳). זיין סדר לערנען איז געווען, אריין צו מי־

שען זיך אין יעדע מחלוקה וועגן א רין און אויסצוגלייכען די ווירערשפרו־כען (תרומות פרק י' משנה ג', ערובין דף פ"ו עמוד ב').

עס האט אויך תמיד געהערשט די מיינונג, אז ר' יוסי איז אן אויסערגע־וועהנליך "הייליגער אפגעהיטענער מענש". האט מען דאדורך געמומעלט און מען האט זיך עס נישט געקענט דערקלערען, ווען מען האט זיך וועגן איהם דערצעהלט, אז ער האט אמאל אין געהיים גענומען א באד אים יום־כפור (זעה ירושלמי ברכות פרק ג' הלכה ד').

אפטמאל ווערד דערצעהלט, אז אליהו הנביא האט זיך באוויזען צו ר' יוסי און האט מיט איהם גערעדט ווי א מענש רעדט צו'ן א מענש (זעה ברכות דף ג' עמוד ב', יבמות דף ס"ג עמוד א', סנהדרין דף קי"ג עמוד א'). טראצדעם האט זיך ר' יוסי אמאל ערלויבט צו זאגען א ווארט, וועלכעס ריהרט אן דעם יסוד פון דער אידישער אמונה. ער האט געזאגט, אז "די שכינה איז קיינמאל נישט ארונטערגעקומען אויף דער ערד, גלייך ווי משה רבנו און אליהו הנביא זיינען קיינמאל נישט ארויפגעגאנגען אין הימעל אריין" (זעה סוכה דף ה' עמוד א' און מכילתא פ' יתרו).

באשטרעבט זיך דארט די גמרא גופא, צו געבען אן ערקלערונג צו ר' יוסי'ס ווערטער, וועלכע זיינען אין א דירעקטען ווידערשפרוך צו די פסוקים פון "מתן תורה" גלייך ווי פון "עליית אליהו", אז די שכינה איז נישט ארונטער געקומען נידריגער פון צעהן טפחים צו דער ערד און משה רבנו און אליהו הנביא זיינען נישט ארויף העכער פון צעהן טפחים אין דער הויך.

געגען דער אנגענומענער מיינונג פון אנדערע חכמים, אז דער אויבער־שטער זעצט זיך אוועק פיער מאל אין יאהר, משפט'ן די וועלט, האט ר' יוסי געהאלטען, אז דער אויבערשטער משפט די מענשען יעדען טאג (ראש השנה דף ט"ו עמוד א').

וועגען ר' יוסי'ס באשיידענהייט פלעגט מען ריידען אפילו שפעטער נאך זיין טויט און עס האט ביי איטליכען געהערשט די איבערצייגונג, אז אזוי ווי ער האט שטענדיג אנערקענט די פארגעזעצטע אויטאריטעט, איז אנצור־נעהמען, אז ווען ער וואלט געלעבט אינ'ם נאכפאלגענדען דור פון ר' יהודה הנשיא, איז חאטש ער איז געווען עלטער פונ'ם נשיא און ער איז אויך אין זיין תורה זיכערליך געווען גרעסער, וואלט ער פון דעסטוועגען געזעסען בע־פאר דעם נשיא ווי א תלמיד און ער וואלט זיך צוגעהערט צו זיינע מיי־נונגען (שבת דף נ"א עמוד א').

אט די איבערצייגונג האט געהערשט, ווייל עס האט איטליכער גע־וואוסט, ווי ר' יוסי פלעגט ריידען מיט דער גרעסטער אנערקענונג וועגען זיינע חברים (גטין דף ט' עמוד א', תוספתא פאה פרק א'). ער פלעגט אויך אליין וועגען זיך זאגען, אז ער האט נישט קיינמאל צוריקגעצויגען זיינס א ווארט און ער האט אויך קיינמאל נישט אנדערש געטהון, ווי די חברים זיינע האבען געהייסען (שבת דף קי"ח עמוד א').

פרנסה פלעגט ר' יוסי ציהען פון אויסארבייטען די לעדער פון בהמות, וועלכעס איז לויט די באגריפען פון דאמאלס געווען פאררעכענט אלס א נידריגע מלאכה (ירושלמי שבת פרק ד' הלכה ב').

ווי עס איז פון פארשידענע זיינע אויסשפרוכען צו זעהן, האט ר' יוסי געהאט א היבשע ידיעה אין נאטור־וויסענשאפטען. האט ער געגעבען ער־קלערונגען צו די געוויסע אויסטערלישע באשעפענישען, וואס די הלכה רעדט

ווענן זיי און אנדערע חכמים האָבן נישט פארשטאַנען זייער באַשאַפענ־הייט, א שטייגער ווי וואָס ער זאָגט ווענן "אדני השדה", ווענן "שור הבר", ווענן "סמדר", ווענן "אנדרוגינוס" און ווענן "כוי".

ער איז אויך געווען א גוטער היסטאָריקער, האָט ער אָנגעשריבען אין לשון הקודש א "כראָנאָלאָגיע" פון דער אידישער געשיכטע מיט'ן נאָמען "סדר עולם", וועלכע נעמט ארום די צייט פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז צו קייזער האדריאן (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפעל שנת רע"ז, 1517).

אָפטמאָל פלעגט ר' יוסי איבערדערצעהלען געשעהענישען פון פריהערע יאָהרען, אויף וועלכע ער האָט דאן געבויעט זיינע מיינונגען, א שטייגער ווי ווענן דעם "שעיר המשתלח" (יומא דף ס"ו עמוד א'), ווענן "קידוש החודש" (ראש השנה דף כ"ב עמוד א'), ווענן דעם צי ווייבער דארפען מסמיך זיין די הענד אויף זייער קרבן (חגיגה דף ט"ז עמוד ב') און נאָך ביי פיעלע אנדערע געלעגענהייטען.

ווענן די וואונדער פון דער וועלט־באַשאַפונג האָט ר' יוסי געהאַט זיין אייגענאַרטיגע מיינונג און ער האָט דאָס געשילדערט אויף א העכסט פּאָעטישען אופן: מענשען — האָט ער געזאָגט — קוקען און ווייסען נישט וואָס זיי זעהען, גלייך ווי זיי שטעהען און זיי ווייסען נישט אויף וואָס זיי שטעהען. די ערד, למשל, אויף וואָס שטעהט זי? זי שטעהט אויף זיילען און די זיילען פון דער ערד שטעהען אויפ'ן וואַסער, דאָס וואַסער שטעהט אויף די בערג און די בערג האַלטען זיך אין דער לופט און די לופט ליגט אינ'ם שטורם און דער שטורם ליגט אין די אָרעמס פונ'ם אויבערשטען (חגיגה דף י"ב עמוד ב').

כאַראַקטעריסטיש פאר זיין רעכטס־באַגריף איז ר' יוסי'ס מיינונג, אז אן עדות, וועלכער איז איבערגעפיהרט געוואָרען אלס ליגנער אין געלד־זאַ־כען, מעג אָנגענומען ווערען אָלס עדות אין "דיני נפשות" (סנהדרין דף כ"ז עמוד ב'). ער האָט געהאַלטען, אז א בית־דין דאַרף אָננעהמען דאָס עדות־זאָגען פון יעדען מענש, און ווען איינער האָט איינמאָל פאַלש עדות געזאָגט, איז דערפון נאָך נישט געדרונגען, אז ער מוז תמיד זאָגען ליגען.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: "קום און זעה, ווי וויט מענשען וואָכערניקעס קענען זיין בלינד. ווען איינער רופט דעם צוויי־טען רשע, וועט ער איהם געהען אויפ'ן לעבען, און דאַ קומען מענשען און ברייגנען אליין עדות, א שרייבער מיט א פעדער און טינט, און זיי שרייבען און חתמ'נען אליין אויף זיך, אז זיי לייקענען אָפּ דעם אידישען גאָט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, נישט צו געבען געלד אויף צינזען (בבא מציעא דף ע"א עמוד א').

ר' יוסי פלעגט אויך האָבען וכוחים מיט אומגלויביגע — און איינע א "מאַטראָנע" פלעגט איהם פשוט פארנודיען מיט איהרע שאלות. האָט זי איהם אמאָל געפרעגט, וואָס דער אויבערשטער האָט צו טהון, זייט ער האָט די וועלט באַשאַפען. האָט ער איהר געענטפערט, אז ער מאַכט לייטערלעך, איינעם דערנידריגט ער און איינעם דערהויבט ער, אמאָל גיט ער איינעם געלד און אמאָל נעמט ער עס צו ביי איהם, אוועק צו געבען עס צו אן אנ־דערען.

און ווען עס איז די "מאַטראָנע" פון ר' יוסי'ס אנטוואָרט נישט געווען

צופרידען, האָט ער איהר געזאָגט, אז דער אויבערשטער פיהרט יעצט שדוכים און ער באַשטימט, וועמעס טאָכטער זאָל וועמען הייראטען...

זאָגט אויף דעם די מאַטראָנע: "דאָס איז אַלעס, וואָס אייער גאָט טהוט? דאָס קען איך דאָך אויך טהון! אָט האָב איך א מחנה שקלאַפען און שקלאַפינען, קען איך מיר נעהמען א שעה צייט און זיי אַלעמען צונויפ־פּאָרען!" — האָט איהר ר' יוסי אויף דעם געענטפערט: "וואָס אין דיינע אויגען איז אַזאַ גרינגע זאַך, איז ביים אויבערשטען זעהר שווער, אזוי שווער ווי דאָס שפּאַלטען דעם ים".

האָט דאַן יענע מאַטראָנע גענומען א טויזענד פון איהרע שקלאַפען און א טויזענד פון איהרע שקלאַפינען, האָט זיי אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות און א זאָג געטהון: "אָט דער שקלאַף וועט הייראַטען די שקלאַפין און יענער שקלאַף זאָל הייראַטען די אַנדערע שקלאַפין!" — און אויף אַזאַ אופן האָט זי זיי אַלעמען אין איין נאַכט חתונה געמאַכט.

צו־מאָרגענס זיינען זיי אַלע געקומען זיך צו'ן איהר באַקלאָגען. איי־נער האָט געהאַט א צושפּאָלטענעם קאָפּ, איינער האָט געהאַט אן אונטער־געשלאָגען אויג אָדער א צובראָכענעם פוס. און ווען די מאַטראָנע האָט זיי געפרעגט, וואָס עס איז אייגענטליך ביי זיי געשעהן, האָבען זיי אוועקגע־לייגט פאַר איהר א צעטעל טענות, אז זי האָט זיי שלעכט צונויף־געפּאָרט. האָט זי דאַן איינגעזעהן, אז פּיהרען שדוכים צווישען מענשען איז שוין גאָר נישט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט (בראשית רבה פרשה ס"ח פיסקא ד').

ר' יוסי האָט געהאַט פינף זיהן: ר' ישמעאל, ר' אלעזר, ר' חלפתא, ר' אבטילס און ר' מנחם. אַלע פינף זיינען געווען פאַררעכענט צווישען די חכמים פון זייער צייט און ר' יוסי פלעגט זיך מיט זיי גרויסען, זאָגענדיג, אז "ער האָט פאַרפלאַנצט פינף צעדער־בוימער ביי אידען" (שבת דף קי"ח עמוד ב').

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אז ר' יוסי איז געווען א געגנער פון פייניגען דעם קערפּער און ער האָט געזאָגט, אז א יחיד טאָר זיך נישט אליין מאַכען קיין תעניתים, ווייל ווען ער וועט דערנאָך דאַרפען הילף אויף ברויט, וועלען איהם די מענשען נישט וועלען געבען, זיי וועלען קענען זאָגען, אז ער איז סיי־ווי צוגעוועהנט צו פאַסטען (זעה תענית דף כ"ב עמוד ב').

און ווען ר' יוסי בן חלפתא איז געשטאָרבען, ווערד דערצעהלט, אז "די רעהרען אין לודקיא האָבען זיך געצויגען מיט בלוט". ווערד דאָס ער־קלערט, אז די אורזאַך דערפון איז געווען, ווייל ר' יוסי פלעגט זיך מוסר־נפש זיין פאַר מצוות מילה (ירושלמי עבודה זרה פרק ג' הלכה א'). עהנליך צו דעם ווערד אויף אַן אַנדער אָרט דערצעהלט, אז "די רעהרען פון צפּורי האָבען דאַמאָלס געשטראָמט מיט בלוט" (מועד קטן דף כ"ח עמוד ב').

עס הייסט אויך, אז אזוי ווי ר' יוסי איז געשטאָרבען, האָט אויפגעהערט דער פאַרשטאַנד ביי אידען (ירושלמי סוף סוטה).

רבי שמעון בן יוחאי

פ באשאַנקען מיט די שעהנסטע מעלות, וועלכע האָבען איהם באַליעבט געמאכט ביי אַלע מענשען פון זיין סביבה, איז געווען ר ב י ש מ ע ו ן ב ן י ו ח א י. ער האָט אויך פאַרמאָגט א גרויסע מאָס וויסען און דער געדאנקענגאנג זיינער איז געווען א שטרענג לאָגישער.

די טהעטיגקייט זיינע אַלס פאָלקס־לעהרער האָט זיך אָנגעהויבען, ווען ער איז צוריק־געקומען צוזאמען מיט אנדערע חברים פון א באהעלטעניש, וואו זיי האָבען זיך אַלע געראַטעוועט דאָס לעבען אין דער צייט פון האַד־ריאַן׳ס גזרות, נאָכדעם ווי ר׳ עקיבא איז דער׳הרג׳ט געוואָרען און ר׳ יהודה בן בבא האָט זיי געגעבען "סמיכה".

זיין פאָטער, יוחאי האָט געשפּיעלט עפּיס נישט זעהר קיין קלאָרע ראָ־לע. ווי עס דאכט זיך, האָט ער געדיענט ביי דער רעגירונג אויף אויסצוגע־פינען אַלע יענע מענשען, וואָס זייערע מעשים זיינען נישט אין איינקלאַנג מיט דער רוימישער פּאָליטיק אַקעגען אידען.

דאָס ווערד אויסדריקליך דערצעהלט, אז ווען ר׳ עקיבא איז געווען ארעס־טירט, איז ר׳ שמעון געקומען צו׳ן איהם לערנען, האָט איהם ר׳ עקיבא גע־זאָגט: "איך וויל נישט מיט דיר לעהרנען!" — האָט איהם ר׳ שמעון גע־זאָגט: "אויב דו וועסט נישט מיט מיר לעהרנען, וועל איך עס דערצעהלען מיין פאָטער יוחאי, וועט ער דיך מ ס ר ׳ ן צו דער רעגירונג!" (פּסחים דף קי"ב עמוד א׳).

איז עס טאַקי מערקווירדיג, וואָס אין געגענזאַץ צו יוחאי, וועלכער איז געווען אַן אנהענגער אָדער אפשר גאָר אַן אנגעשטעלטער פון דער רוימישער רעגירונג, איז זיין זוהן ר׳ שמעון געווען א שונא פון רוים. וואהרשיינ־ליך האָבען דאָס אויך די רוימישע באַאמטע געוואוסט און זיי האָבען ארויס־געקוקט, זיי זאָלען איהם קענען חאפּען. איז ווען די חכמים זיינען צוריקגע־קומען קיין ארץ־ישראל אין די צייטען פון קייזער אַנטאָנינוס פּיאוס און זיי האָבען זיך גענומען וויטער לערנען, האָט זיך ר׳ שמעון בן יוחאי פאַרזינ־דיגט מיט א וואָרט פון קריטיק געגען דער רוימישער רעגירונג און ער איז פאראורטיילט געוואָרען צום טויט.

ווי דאָס איז שוין דערצעהלט געוואָרען, האָט אַמאָל ר׳ יהודה בר אלעאי אין א בית־המדרש׳דיגען שמועס געלויבט די אויפטהוען פון דער רוימישער רעגירונג אין ארץ־ישראל, אז זיי האָבען דאָרט איינגעריכטעט גאַסען, גע־מאכט בריקען און אויסגעבויעט בעדער. האָט ר׳ שמעון בן יוחאי אויף דעם געזאָגט: "אַלסדינג וואָס די רוימער האָבען געטהון אין ארץ־ישראל, האָבען זיי געטהון בלויז פאַר זייער אייגענעם נוצען, זיי האָבען איינגעריכטעט גאַסען אין די שטעדט, זיי זאָלען דאָרט קענען אריינזעצען זונות; זיי האָבען אויסגעבויעט בעדער, זיי זאָלען דאָרט קע־

נען שמירען די אייגענע לייבער; זיי האָבען געמאכט בריקען איבער די וואסערען פונ'ם לאַנד, כדי צו קענען נעהמען אָפּצאָהלונגען פון דורכגעהער"...

איז ביי דעם דאָזיגען שמועס געזעסען איינער פון די תלמידים, יהודה בן גרים, האָט ער איבערדערצעהלט דעם אינהאלט פון יענעם שמועס צו אַנדערע, ביז עס איז אָנגעקומען צו דער רעגירונג. האָט דאן דער שטאָט־האַלטער ארויסגעשיקט זיינע מענשען, זיי זאָלען דעם ר' שמעון בן יוחאי חאַפּען און הרג'נען. איז ר' שמעון אַנטלאָפען און ער האָט זיך באהאַל־טען דרייצעהן יאָהר צייט אין א הייהל, וואו ער האָט זיך געשפּייזט פון באָקסאָרען, וואָס זיינען ארום דער הייהל געוואקסען, און דעם דורשט זיי־נעם האָט ער געלאָשען פון א קוואַל וואסער, וועלכע איז דאָרט געפלאָסען, ביז דער קייזער אָדער דער רוימישער שטאָטהאַלטער פון ארץ־ישראל איז געשטאָרבען און מען האָט דערוויי'ל אין גאנצען פארגעסען, וואָס ער האָט אזוינס געזינדיגט און צוליעב וואָס ער האָט געדאַרפט אַנטלויפען.

עס ווערען אויך וועגען דעם דאָזיגען אַנטלויפען פון ר' שמעון בן יוחאי די גרעסטע וואונדער דערצעהלט.

לויט איינער פון די דאָזיגע ערצעהלונגען איז ער אַנטלאָפען צוזאַמען מיט זיין זוהן, ר' אלעזר. א צייט לאַנג האָבען זיי זיך דאן ביידע באהאַל־טען אינ'ם בית־המדרש און מען האָט זיי פונ'ם הויז געבראכט ברויט און געקעכטס. האָט זיך אָבער שפּעטער די גזרה געגען ר' שמעון פארשטאַרקט, וועלכעס מיינט, אז די רעגירונג האָט איהם אָנגעהויבען זוכען אויף א מעהר ענערגישען אופן, האָט ער מורא געהאַט, אז טאָמער וועט מען דאָס וייב זיינס נעהמען אויף א שטרענגען פארהער, וועט זי נישט קענען אריבערטראָ־גען די שאַרפע אונטערזוכונג און זי וועט אויסזאָגען, וואו איהר מאַן און איהר זוהן געפינען זיך.

האָבען זיך דאדורך ביידע, דער פאָטער און דער זוהן, באהאַלטען אין א הייהל. זיינען דאָרט ארום יענער הייהל אויף א וואונדערליכען אופן ארויסגעוואקסען עטליכע באָקסערען־בוימער און עס האָט זיך אויך באַווי־זען א וואסער־קוואַל, זיי צו שפּייזען.

דאָרט אין יענער הייהל — ווערד ווייטער דערצעהלט — פלעגען זיי ביידע זיצען נאַקעט, פארגראָבען אין זאמד ביז צום האַלז, און אזוי האָבען זיי א גאַנצען טאָג געלערנט. בלויז ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון דאַוונען, זיינען זיי ארויסגעגאנגען פונ'ם זאמד, האָבען אָנגעטהון די קליי־דער און האָבען זיך אוועקגעשטעלט דאַוונען. דערנאָך האָבען זיי צוריק אויסגעטהון די קליידער, זיי נישט צו רואינירען, און זיי זיינען ווייטער גע־זעסען פארגראָבען אין זאמד ביז צום האַלז.

אזוי זיינען זיי אָפּגעזעסען דרייצעהן יאָהר, ביז אליהו הנביא איז אַמאָל צוגעקומען צו דער הייהל און האָט א זאָג געטהון: "ווער וועט עס מיטטיילען צו ר' שמעון בן יוחאי, אז דער קייזער איז געשטאָרבען?"...

זיינען דאַן ביידע, ר' שמעון און זיין זוהן, ארויסגעגאנגען פון דער הייהל. האָט ר' שמעון'ס איידעם, ר' פנחס בן יאיר, געהערט די נאַכריכט, אז זיין שוועהר און זיין שוואָגער זיינען ארויסגעקומען פון זייער באהעל־

טעניש, איז ער זיי אקעגען־געגאנגען און ער האט זיי אריינגענומען צו זיך אין הויז. *)

ארויסגעהענדיג פון דער הייהל, האט ר' שמעון בן יוחאי באגעגענט דעם דערמאנטען יהודה בן גרים, וועלכער האט דאמאלס מיט דרייצעהן יאהר צוריק אויסגעפלוידערט, וואס ער האט געהערט פון ר' שמעון. האט ר' שמעון א זאג געטהון: "אט דער דרעהט זיך נאך ארום אויף דער וועלט?" — דאביי האט ער אויף דעם מענשען א קוק געטהון מיט זיינע ברענענדיגע אויגען, איז דער פארשוין באלד אוועקגעפאלען א טויטער...

דערנאך האט ר' שמעון גענומען אויסהיילען דאס לייב פון זיין זוהן און ר' פנחס בן יאיר האט אנגעהויבען היילען דאס לייב פון ר' שמעון. איז דער קערפער פון ר' שמעון געווען פול אנגעפוילטע פאלדען מיט געשוויר־רען פונ'ם זאמד, אין וועלכען ער איז אזוי פיעל יאהרען געזעסען, דער־נעהרענדיג זיך פון באקסערען און וואסער. דאס דערזעהענדיג האט ר' פנחס אנגעהויבען וויינען. זיינען די טרערען זיינע אריינגעפאלען אין די פאלדען פון ר' שמעון'ס קערפער, האבען זיי איהם מיט זייער געזאלצענער שארפקייט שטארק געביסען די וואונדען.

אט דאס איז פארגעקומען אין דער שטאדט טבריה, וואו ר' פנחס בן יאיר האט וואהרשיינליך גראד דאמאלס געוואוינט. דארט האט זיך ר' שמעון כסדר געבאדען אין די ווארימע קוואלען, איז דערפון זיין פאר־וואהרלאזטער קערפער גאר גיך אויסגעהיילט געווארען. האט דאס איהם געמאכט פיהלען א דאנקבארקייט צו דער שטאדט טבריה און ער האט איהר געוואלט טהון א טובה.

האט דאן ר' שמעון געזאגט: "אזוי ווי עס איז מיט מיר דא אין טבריה געשעהען א נס, וואלט איך גערן עטוואס אויפגעטהון פאר דער שטאדט!" — האט אויף דעם ר' שמעון'ס זוהן געענטפערט: "פאר אזוי פיעל גוטס, וואס די שטאדט האט אונז געטהון, וואלטען מיר זי געדארפט ערקלערען אלס כשר פאר אידען!".

אזוי ווי עס איז דאמאלס געווען א טראדיציע, אז טבריה איז אויס־געבויעט אויף א פלאץ, וואו עס איז פריהער געווען א בית־הקברות, האבען כהנים נישט געוואלט דארטען וואוינען און פרומע ישראלים, וואס זיינען גע־ווען אפגעהיט אין "טומאת מת", האבען אויך נישט געוואלט צוטרעטען נאהענט צו די טויערען פון דער שטאדט. האט זי ר' שמעון בן יוחאי ער־קלערט אלס ריין און כשר, אז יעדער מעג דארט וואוינען (זעה שבת דף ל"ג עמוד ב' און בראשית רבה פרשה ע"ט).

---

*) לויט ווי עס שטעהט אין זוהר (פ' שמיני, פ' נשא' פ' בלק' פ' פינחס און פ' האזינו), איז ר' שמעון בן יוחאי געווען אן איידעם פון ר' פנחס בן יאיר. איז אבער פאר אונז אין דיעזער באציהונג בלויז די גמרא מאסגעבענד, און דארט הייסט עס, אז ר' פנחס בן יאיר איז געווען אן איידעם פון ר' שמעון בן יוחאי און נישט זיין שוועהר. מען דארף אויך באַ־דענקען, אז ר' שמעון בן יוחאי איז געווען דער רבי פון ר' יהודה הנשיא און ער איז געשטארבען, ווען ר' שמעון בן גמליאל האט נאך געלעבט, איידער ר' יהודה איז געווארען נשיא, און ר' פנחס בן יאיר איז געווען א מענש פון א שפעטערען דור, א חבר פון ר' יהודה הנשיא. אויסערדעם איז פארהאנען א שטעלע אין זוהר (פ' אחרי מות), וואו ר' אלעזר ב"ר שמעון דערמאנט דעם ר' פנחס בן יאיר מיט זיין נאמען, און ווען ער וואלט געווען זיין זיידע, וואלט ער איהם נישט גערופען ביים נאמען...

דארף מען אויך וויסען, אז טבריה איז געגרינדעט געוואָרען דורך הורדוס אנטיפּאס (אן אייניקעל פון קעניג הורדוס דעם גרויסען), וועלכער האָט די דאָזיגע שטאָדט אויסגעבויעט אויף'ן אָרט, וואו עס איז אַמאָל געווען די שטאָדט "חמת" *), און ווען די שטאָדט איז געווען פארלאָזט און וויסט, איז דאָרט געוואָרען א בית־הקברות. האָבען דאָרט כהנים און פרומע פרושים נישט געוואָלט וואוינען, חאָטש הורדוס אנטיפּאס האָט באַפרייט די איינוואָהנער פון אלע שטייערען. האָבען דאָרט געוואָהנט בלויז אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען געווען געצוואונגען דערצו צוליעב זייער באַשעפטיגונג. האָבען זיי אויך דאָס וואוינען אין אַזאַ שטאָדט באַטראַכט פאר א זינד, ווייל דער באָדען איז דאָרט ניט קיין כשר'ער. האָט ר' שמעון געדענקט, אז ער טהוט דער שטאָדט א טובה, ווען ער האָט ארויסגעגעבען אן אַנטשיידונג, אז די שטאָדט איז כשר און יעדער פרומער איד מעג דאָרט וואוינען.

און אין ארץ־ישראל איז דערווייל ניט געווען רוהיג. טראָצדעם וואָס קייזער אנטאָנינוס פּיאוס איז געווען פארהעלטניסמעסיג גוט צו אידען, האָבען די אידען געמאכט א נייעם אויפשטאַנד. אויפגערייצט דערצו זיינען זיי געוואָרען דורך די פּ א ר ט ה ע ר, וועלכע האָבען געהערשט אין בבל, וואו דאָס רוימישע שווערד האָט נישט געקענט גרייכען. אָט די "פּאַרטהער" האָבען זיך דאמאָלס געוואָלט איינמאָל פאר אלע מאָל באַפרייען פון דער געפאהר, וואָס די רוימער קענען אָנפאַלען אויף זייער לאַנד, האָבען זיי זיך פארטשעפּעט מיט רוים און די אידען זיינען זיי געגאַנגען צו הילף, אָדער עס איז גאָר אפשר געווען פארקערט: די אידען האָבען זיך פאַרטשעפּעט מיט רוים און די "פּאַרטהער" זיינען זיי געגאַנגען צו הילף...

די אידען זיינען דאַן געווען זיכער, אַז מיט דער הילף פון די פּאַרטהער וועלען זיי זיך קענען באַפרייען פון רוים'ס הערשאפט. גראַד דאַמאָלס האָבען די רוימער געהאט פולע הענד מיט ארבייט, ווייל די גערמאַנען און די דאציער האָבען אויך רעוואָלטירט. האָט מען דאדורך געזאָגט: "ווען דו זעהסט א פערד פון די פּאַרטהער אָנגעבונדען ביי אַ קבר אין ארץ־ישראל, קענסטו ערווארטע די נאָהנטקייט פון משיח'ס אָנקומען", אָדער ווי אן אַנדערער פון די חכמים האָט געזאָגט: "די וואָס האָבען חרוב געמאכט דעם בית־המקדש, וועט דער סוף זייערער זיין, וואָס זיי וועלען אריינפאַלען צו די פּאַרטהער אין די הענד". **)

פיער יאָהר צייט האָט דער דאָזיגער אויפשטאנד געדויערט, ביז די רוימער האָבען אונטער דער פיהרונג פון זייער שטאַטהאלטער אטידיוס קארנעליאנוס ענדליך ווייטער געזיעגט. ווי עס פארשטעהט זיך אויך, האָבען די אידען דערנאָך געהאט אויסצושטעהען נאָך גרעסערע צרות און רדיפות. דאָס ערשטע איז געווען, וואָס מען האָט ביי זיי באַלד אוועקגענומען דאָס רעכט, צו משפּט'ן זייערע ציוויל־אנגעלעגענהייטען. האָט מען דאָס אָבער ניט באַטראַכט פאר קיין גרויס אומגליק און ר' שמעון בן יוחאי האָט

---

*) לויט ווי עס איז איבערגעגעבען אין יהושע (קאַפּיטעל י"ט פּסוק ל"ד), איז "חמת" געווען א שטאָדט אינ'ם באַזירק פון שבט נפתלי.

**) אין די צוויי אויבען־ציטירטע אויסשפּרוכען ווערען די "פּאַרטהער" שטעהט אינ'ם טעקסט פון דער גמרא "פּרסיים" מיט א סמ"ך, זיינען אָבער דאָרט געמיינט די "פּרתיים" מיט א תי"ו.

זאָגאר אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט וועגן דעם, ווייל ער האָט געזאָגט, אז אידען האָבען סאי־ווי נישט מעהר די ריכטיג קלוגע מענשען, וואָס זאָלען קענען אורטיילען אין אזעלכע דינים (ירושלמי סנהדרין פרק ז׳ הלכה ג׳).

אויף׳ן קייזערליכען טהראָן אין רוים איז אין יענער צייט אויך געווען א פארווירונג. צוערשט האָט קייזער האדריאן באַשטימט אנטאָנינוס פיאוס אלס זיין נאָכפאָלגער. דערנאָך האָט ער זיך באקענט מיט מארק אוירעליוס, וועלכער האָט ביי איהם געדיענט אלס א מיליטערישער פיהרער און ער האָט איהם אויך זעהר ליעב באַקומען. האָט דאן האדריאן אָנגעזאָגט צו אנטאָנינוס פיאוס, אז ווען ער וועט ארויפקומען אויף׳ן טהראָן זאָל ער דעם מארק אוירעליוס באַשטימען אלס זיין נאָכפאָלגער.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך מארק אוירעליוס צוגעגעבען דעם נאָמען אנטאָנינוס, און ווען אנטאָנינוס פיאוס איז געשטאָרבען, האָט דער רוימישער סענאט באַשטימט, אז צוזאמען מיט מארק אוירעליוס זאָל אויך זיצען אויף׳ן טהראָן א זוהן פון אנטאָנינוס פיאוס (אן אדאָפּטירטער אָדער א נאטירליכער) מיט׳ן נאָמען לוציוס ווערוס — און די דאָזיגע צוויי קייזארים האָבען דאן גלייכצייטיג געהערשט אין רוים. *)

אין זייער קריעג געגען רוים זיינען די פארטהער אונטער דער פיהרונג פון קעניג וואלאגעזיעס ארייגעפאלען אין די רוימישע באַזיצונגען אין נאָרדוועסט פון אזיען און זיי זיינען אָנגעקומען ביז סיריען, וואו זיי האָבען געחאַפּט דעם אויבען־דערמאָנטען רוימישען שטאטהאלטער אטידיוס קארנעליאנוס אין אנטיאכיען און זיי האָבען איהם דער׳הרג׳ט. דערנאָך האָבען זיי גענומען אין סיריען איין שטאָדט נאָך דער אנדערער און עס האָט זיך שוין שיער אויסגעדאכט, אז זיי האָבען פארטריבען די רוימער פון ארץ־ישראל פאר אייביגע צייטען. האָט עס אָבער נישט לאנג געדויערט, איז קייזער ווערוס געקומען מיט נייע רוימישע לעגיאָנען, וועלכע האָבען צוריקגעטריבען די פארטהער פון אלע פארנומענע פּאָזיציאָנען.

ווי עס דאכט זיך, זיינען די חכמים געשטאַנען ווייט פון דער דאָזיגער גאנצער מלחמה. ס׳איז נישט פארהאן קיין שום אָנצוהערעניש, אויף וויפיל זיי האָבען זיך דאמאָלס יאָ באטייליגט אָדער נישט. אזוי ווי קייזער ווערוס האָט אָבער דערנאָך באנייט א טייל פון האדריאן׳ס גזרות, אז אידען זאָלען ניט טאָרען האלטען קיין שבת און זיי זאָלען ניט טאָרען מל׳ן זייערע קינדער, איז אָנצונעהמען, אז די ברייטע אידישע פאָלקסמאסען האָבען זיך אָהן דער צושטימונג פון זייערע חכמים אָדער אפשר גאָר געגען זייער ווילען אריין־געוואָרפען מיט זייער גאנצען כח אין יענער מרידה.

נאָך איין זאך איז זיכער, אז דער "נשיא" רבן שמעון בן גמליאל האָט שוין דאמאָלס נישט מעהר געלעבט און אן אנדערער אויף זיין אָרט איז נאָך נישט געווען אויסגעקליבען.

און ווען קייזער ווערוס איז געשטאָרבען, האָבען די חכמים ארויסגעשיקט ר׳ שמעון בן יוחאי קיין רוים, ער זאָל דאָרטען בעטען ביי קייזער אנטאָנינוס מארק אוירעליוס, בטל צו מאכען, די גזרות פון קייזער ווערוס. זיי האָבען אפילו גוט־געוואוסט, אז מארק אוירעליוס האָט די אידען נישט זעהר

*) אָט אזאַ פאל ווערד אָפטמאל דערמאָנט אין מדרשים און דער צווייטער קייזער ווערד דאָרט געוועהנליך באַצייכענט אלס "אנטי־קיסר".

ליעב, זיינען זיי אָבער געווען זיכער אין זיין גערעכטיגקייט, ווייל ער איז געווען א גוטהארציגער און א פילאָזאָפיש דענקענדער מענש.

צוזאמען מיט ר׳ שמעון בן יוחאי האָבען די חכמים מיטגעשיקט ר׳ אלעזר, דער זוהן פון ר׳ יוסי בן חלפתא, וועלכער האָט געקענט ריידען לאַטייניש. און ווען זיי זיינען ביידע אָנגעקומען אין רוים, האָבען זיי געהאט ערפאָלג אין זייער שליחות מיט דער הילף פון די רוימישע אידען, וועלכע האָבען דאן געהאט א געוויסען איינפלוס אין די קרייזען פון דער רעגירונג.

דאביי דערצעהלט די לעגענדע א וואונדערבארע זאך: דעם קייזער׳ס א טאָכטער, לוצילא, האָט געליטען פון א ״שד״ אָדער א ״דבוק״ מיט׳ן נאָמען ״בר־תמליון״. האָט ר׳ שמעון בן יוחאי ארויסגעטריבען פון איהר דעם שד — און אלס באלויהנונג פאר זיין קונסט האָט איהם דער קייזער געהייסען אריינגעהען אין זיין שאצקאמער, ער זאָל זיך דאָרט אויסקלייבען די טייערסטע מתנה. איז ר׳ שמעון בן יוחאי אריינגעגאנגען אין דער קייזערליכער שאצקאמער און ער האָט פון דאָרט ארויסגענומען דעם דאָקומענט וועגען ווערוס׳עס גזרות אויף אידען, וועלכען ער האָט טאקי באלד צוריסען פאר׳ן קייזער אין די אויגען (מעילה דף י״ז עמוד ב׳).

ווי עס הייסט, האָט ר׳ שמעון בן יוחאי א צייט פון דרייצעהן יאָהר געלערנט ביי ר׳ עקיבא, וועלכער האָט איהם גערעכענט אלס איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים. ער איז אויך ניט אָפגעטרעטען קיינמאָל פון ר׳ עקיבא׳ס זייט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין מארטירער־טויט. האָט אָבער ר׳ עקיבא געגעבען אמאָל דעם פארצוג צו ר׳ מאיר, האָט זיך ר׳ שמעון וועגען דעם אָנגע׳ברוגז׳ט, און וואָס ר׳ עקיבא האָט איהם דערנאָך איבערגעבעטען, האָט איהם אלץ נישט באפרידיגט, חאָטש ער האָט איהם געזאָגט: ״עס דארף זיין גענוג פאר דיר, אז איך און דער באשעפער דיינער ווייסען אָפצושאַצען דיין כח״ (זעה ירושלמי סנהדרין פרק א׳ הלכה ב׳).

שטענדיג, דאכט זיך האָט ר׳ שמעון געדענקט וועגען יענעם אינצידענט, און ווען ר׳ עקיבא איז שוין געווען לאנג געשטאָרבען, האָט זיך ר׳ שמעון ערלויבט צו זאָגען, וואָס אן אנדערער פון ר׳ עקיבא׳ס תלמידים וואָלט זיך קיינמאָל נישט ערלויבט, אז ״פיער פארשיעדענע פסוקים האָט ר׳ עקיבא אויף א נישט־ריכטיגען אופן ערקלערט און זיינע — ר׳ שמעון׳ס — ווערטער צו דער ערקלערונג פון יענע פסוקים זיינען גיכער אָנצונעהמען ווי ר׳ עקיבא׳ס דערקלערונגען״ (זעה ראש השנה דף י״ח עמוד ב׳ און תוספתא סוטה פרק ו׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ר׳ שמעון געזאָגט צו זיינע תלמידים: ״קינדערלעך, לערנט אייך אָפ פון מיינע מדות, ווייל די מדות מיינע זיינען די בעסטע אויסגעקליבענע צווישען די געקליבענע מדות פון ר׳ עקיבא!״ (גטין דף ס״ז עמוד א׳).

אייגענארטיג אין זיין סיסטעם ביים לערנען, פלעגט ר׳ שמעון בן יוחאי זוכען, אויסצוגעפינען אן אורזאך ביי אלע זיינע אויסשפרוכען אין די אויסטייטשונגען פון די דינים אָדער אין די ערקלערונגען צו די פסוקים פון דער תורה. ביי יעדער זאך פלעגט ער זיך תמיד פרעגען: ״צוליעב וואָס האָט די תורה אזוי און אזוי געזאָגט אָדער געהייסען טהון?״ — אין אָט דער באציהונג איז ער געווען כמעט דער איינציגער אין זיין דור, צו געבען אן אויסטייטשונג צו די מצוות, לויט ווי זיין שכל האָט איהם געוויזען, נישט־

קוקענדיג דאביי, צו זיינע ווערטער זיינען אין איינקלאנג מיט דער אַנגענו־מענער מיינונג פון פריהערע חכמים.

ביי אַט אזעלכע אנגעלעגנהייטען האָט ער אויך געוועהנליך נישט פארשווינט קיינעם פון זיין צייט אָדער אפילו פון א פריהערען דור. מיט א באַזונדערער כוונה האָט ער דאן אָפטמאָל אויסגעריסען, וואָס אנדערע האָ־בען געפלאנצט, ווען זיי האָבען איינגעטייטשט א דין אנדערש ווי זיין שכל האָט דיקטירט.

ווען די תורה זאָגט, אז "מען זאָל נישט נעהמען אלס משכון דאָס קלייד פון אַן אלמנה (דברים כ"ד י"ז) און לויט דער מיינונג פון דער משנה (בבא מציעא דף קט"ו עמוד א') איז דאָ נישט פארהאנען קיין אונטערשיעד, צי די אלמנה איז אַן אָרימע אָדער א רייכע. האָט ר' שמעון געלערנט דעם פשט, אז דער פסוק הייסט בלויז נישט נעהמען אלס משכון דאָס קלייד פון אַן אָרימער אלמנה, ווייל א רייכע אלמנה האָט זיכערליך מעהר ווי איין קלייד. אזוי ווי ער האָט דאָס אָבער לויט די באַגריפען פון יענער צייט נישט געקענט באַגרינדען מיט הומאַניסטישע אורזאכען, האָט ער דאָס ער־קלערט, אז אזוי ווי די אָרימע אלמנה האָט נישט מעהר ווי דאָס איינע קלייד, וועט מען עס דאָך איהר דארפען יעדע נאכט צוריק־ברענגען, קען זי דאָס אריינברענגען אין א שלעכטען שם, ווען מען וועט זעהען, ווי דער "מלוה" געהט צו'ן איהר אין הויז אריין יעדען טאָג אין דער פריה אָפנעהמען דעם משכון און דערנאָך קומט ער עם צוריק־ברענגען ביי נאכט...

אפילו אין די דינים פון שבת, וואָס אנדערע חכמים פון זיין צייט האָ־בען געזוכט שווער צו מאַכען, האָט ר' שמעון געזוכט צו פארגרינגערען, א שטייגער ווי וואָס ער האָט מתיר געמאַכט, צו איבערררוקען א בעט, א טיש אָדער א בענקעל אים שבת, אויב מען טהוט נור אכטונג ביים רוקען, נישט צו מאַכען קיין לאָך אין דער ערד (שבת דף כ"ב עמוד א'). עהנליך צו דעם האָט ער אויך געזאָגט וועגען אנדערע פארשיעדענע מלאכות. וואָס זיי־נען דאמאָלס באַטראַכט געוואָרען פאר נישט־ערלויבט צו טהון אים שבת (זעה שבת פרק י' משנה ה' און פרק י"ג משנה ו').

זעלבסטבאַוואוסט אין זיין ווערדע, פלעגט ר' שמעון בן יוחאי קיינמאָל נישט וועלען שפיעלען דעם באַשיידענעם. ער פלעגט גאָר אדרבה ארויס־זאָגען אַזעלכע זאַכען, וואָס זיינען געווען אַ צייכען פון שטאָלץ, אַ שטייגער ווי ער האָט אמאָל געזאָגט: "פארהאנען ווייניג אנשטענדיגע מענשען אויף דער וועלט. אויב עס זיינען פארהאנען טויזענד אזעלכע, בין איך און מיין זוהן צווישען זיי. און זיינען פארהאנען הונדערט אזעלכע, בין איך און מיין זוהן צווישען זיי. זיינען אָבער פארהאַן בלויז צוויי אזעלכע, בין איך עס מיט מיין זוהן!" (סוכה דף מ"ה עמוד ב').

ביי דערזעלבער געלעגנהייט האָט ער אויך אמאָל געזאָגט: "אין מיין זכות קען איך באַפרייען די גאנצע וועלט פון איהר משפט פאר אלע עברות, וואָס זיינען געטהון געוואָרען זייט איך בין געקומען אויף דער וועלט ביז היינט, און וועט מיין זוהן אלעזר זיין מיט מיר, קען איך באַפרייען די וועלט פון א משפט פאר אלע עברות זייט אָנהויב וועלט ביז יעצט".

ווי אנדערע חכמים פון זיין צייט פלעגט ר' שמעון זוכען צו מאַכען שלום ביי א מחלוקה צווישען מאַן און פרוי. אין געגענזאַץ צו אנדערע האָט ער דאָס אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט טהון אויף קאָסטען פון א מינדעס־טען פארציכט אויף זיין אייגענעם כבוד. ווי איינע א אידענע האָט אָנגע־

שפיגען ר' מאיר'ן אין די אויגען, ווייל דער מאן האט איהר געהייסען, איז שוין געווען באשריבען. האט זיך אבער געפונען א מאן, וועלכער האט ניט געוואלט עסען, וואס זיין פרוי האט געקאכט, סיידען ר' יהודה און ר' שמעון וועלען פריהער פארזוכען איהר געקעכטס. האט ר' יהודה געגעסען פון יענעם געקעכטס — און ר' שמעון האט געזאגט: "ווען דער מאן זאל אפילו שטארבען און די פרוי זאל דערנאך בלייבען אן אלמנה און שפעטער זאלען איהרע קינדער שטארבען, וועל איך דאס נישט טהון!" (נדרים דף כ"ו עמוד ב').

אינטערעסאנט אין דערזועלבער אנגעלעגענהייט איז אן אינצידענט, וועלכער איז פארגעקומען אין דער צייט, וואס ר' שמעון בן יוחאי איז געווען אין צידון. א פאר פאלק, וועלכעס האט געוואוינט צוזאמען צעהן יאהר צייט און האט נישט געהאט קיין קינדער, איז געקומען צו'ן איהם זיך גט'ן. האט זיי ר' שמעון געזאגט: "אזוי ווי איהר ווילט זיך נישט פאנאדערגעהען אין א רוגז, דארפט איהר יעצט טהון דאסזעלבע וואס איהר האט געטהון ביי אייער חתונה. אזוי ווי איהר האט דאמאלס צו'ן אייער חתונה געמאכט א סעודה, דארפט איהר אויך יעצט, ביי אייער פאנאנדערגעהען, מאכען א סעודה. האבען זיי אזוי געטהון, ווי ר' שמעון האט געהייסען.

ביי דער דאזיגער סעודה האט דער מאן פיעל געטרונקען און אזוי ווי ער איז געווען "בגלופין'דיג", האט ער א זאג געטהון צו זיין פרוי: "קלויב דיר אויס דאס שעהנסטע און דאס ליעבסטע פונ'ם הויז און נעם עס מיט דיר צו דיין פאטער'ס הויז!" — איז וואס האט די פרוי געטהון? אז דער מאן איז אין זיין שכרות אנטשלאפען געווארען, האט זי א וואונק געטהון צו איהרע שקלאפען, זיי זאלען אוועקטראגען דעם מאן צוזאמען מיט'ן בעט צו איהר פאטער'ס הויז.

ארום מיטען נאכט, נאכדעם ווי דער מאן האט זיך אויסגעניכטערט, איז ער אויפגעוואכט און ער האט זיך ארומגעקוקט, וואו ער געפינט זיך אייגענטליך. האט ער דערזעהען די פרוי. האט ער זי געפרעגט: "וואו בין איך?" — האט זי איהם געענטפערט: "דו ביזט ביי מיין פאטער אין הויז!"

האט ער זי געפרעגט: "וואס האב איך צו טהון אין דיין פאטער'ס הויז?" — האט איהם די פרוי געענטפערט: "אזוי ווי דו האסט מיר געזאגט, איך זאל מיר נעהמען דאס שעהנסטע און ליעבסטע פונ'ם הויז און זאל עס אוועקפיהרען צו מיין פאטער'ס הויז, האב איך דארט אין דיין הויז נישט געפונען קיין שעהנערע און ליעבערע זאך ווי דיך אליין!"

זיינען זיי דאן ווייטער געגאנגען צו ר' שמעון בן יוחאי פרעגען, וואס זיי זאלען טהון. האט ר' שמעון א גרויסע הנאה געהאט פון דער פרוי'ס איינפאל. האט ער זיי נישט מעהר געהייסען זיך גט'ן, ווייל ער איז געווען זיכער, אז אזא עהרליך ליעבענדע פרוי מוז דער אויבערשטער באשענקען מיט קינדער. דאביי האט ער זיי צוגעזאגט, אז ער אליין וועט אויך בעטען פון זייערטוועגען (שיר השירים רבה פרשה א').

אין זיין פארהעלטניס צו די רוימער האט ר' שמעון תמיד אנגענומען א נעגאטיווע שטעלונג. קיינמאל האט זיך איהם נישט געוואלט פארגעסען די צרות, וואס די רוימער האבען אנגעטהון צו אידען, פון וועלכע ער אליין האט געהאט אזוי פיעל צו ליידען. ער האט אויך נישט געקענט פארגעסען, ווי יעדער לערנער האט געמוזט אנטלויפען פון ארץ־ישראל, אפצוראטעווען זיך

דאס לעבען און האט מען שוין דערנאך אין די צייטען פו קייזער אנטאנינוס פיאוס געקענט צוריק קומען, האבען די חכמים גערדארפט ארומוואגלען פון איין שטאדט צו דער אנדערער. גאר צו׳ן ערשט האבען זיי זיך אויפגע־האלטען אין צידון, דערנאך אין אושא און שפעטער אין יבנה. און ווען ער האט זיך פארשולדיגט מיט א ווארט פון קריטיק געגען די רוימער, האט ער זיך גערדארפט באהאלטען אין א הייהל, האט דאס אלעם ביי איהם אנטוויקעלט א שנאה צו די גוים. פלעגט ער דאדורך זאגען, אז דער בעסטער פון די אומות־העולם איז ווי א שלאנג, וואס מען דארף איהר דעם קאפ שפאלטען (מכילתא פ׳ בשלח), אדער ער פלעגט זאגען: "נור אידען זיינען מענשען" (יבמות דף ס"א עמוד א׳).

צוליעב דערזעלבער אורזאך, אזוי ווי צוליעב די אנדערע קלעפ פון זיין שיקזאל, איז ער דערנאך געווען אזוי פארביטערט, אז ער האט אזש אויפגעשטעלט א רעגעל, אז ווי לאנג אידען זיינען אין גלות, טאר א מענש קיינמאל ניט לאכען מיט׳ן פולען מויל (ברכות דף ל"א עמוד א׳). אזוי ווי ער האט אויך געהאט פיעל צו ליידען פון מסירות, האט ער שפעטער אויפגעשטעלט א כלל, אז אפילו אזעלכע רשעים, וואס שילטען זייער אייגע־נעם פאטער און עס קומט זיי מיתה על־פי דין, זאל מען אויך נישט קיינמאל מסר׳ן (פסחים דף פ"ז עמוד ב׳).

העכער ווי אלסדינג אין דער וועלט איז ביי ר׳ שמעון געווען די ווער־דע פון דער תורה און ער האט וועגען איהר געזאגט, אז טאמער עסען דריי מענשען אין־איינעם ביי איין טיש און זיי ריידען נישט קיין תורה ביים עסען, איז דאס גלייך ווי זיי וואלטען געגעסען פון א קרבן פאר טויטע (אבות פרק ג׳ משנה ג׳). ער האט אויך געזאגט, אז יעדע סעודה, וועלכע איז ניט לשם מצוה, טאר נישט א תלמיד־חכם נהנה זיין פון איהר (פסחים דף מ"ט עמוד א׳). און ווען מענשען לערנען נישט, האט ער געזאגט, ווערען זיי גע־שטראפט מיט "א סברא" (שבת דף ל"ג עמוד ב׳).

דריי טייערע מתנות — פלעגט ער אפט זאגען — האט דער אויבער־שטער געגעבען צו אידען, און אלע דריי מתנות זיינען פארבונדען מיט יסורים. אט די דריי מתנות זיינען: די תורה, ארץ־ישראל און עולם־הבא (ברכות דף ה׳ עמוד א׳).

"ווען איך וואלט געשטאנען אויף׳ן בארג סיני, בשעת די תורה איז געגעבען געווארען צו אידען — האט ער ביי אן אנדערער געלעגענהייט גע־זאגט — וואלט איך פארלאנגט ביים אויבערשטען צוויי מיילער: איין מויל, וואס זאל זיך אפגעבען מיט לערנען און איין מויל פאר אלע אנדערע בא־דערפענישען". גלייכצייטיג האט ער דאן באלד צוגעגעבען, אז עס וואלט אפשר שלעכט געווען, ווען דער מענש זאל האבען צוויי מיילער, ווייל ווען דער מענש האט בלויז איין מויל, האט די וועלט אויסצושטעהן כל־ערליי צרות פון פארשיעדענע מסירות, קען מען זיך שוין פארשטעלען, ווי די וועלט וואלט אויסגעזעהען, ווען די מענשען וואלטען געהאט צו צוויי מיי־לער" (ירושלמי ברכות פרק א׳ הלכה ב׳).

באזיצענדיג אזא ליעבשאפט צו דער תורה, פארשטעהט עס זיך אליין, אז אזא מענש ווי ר׳ שמעון בן יוחאי האט געמוזט פיינט האבען רשעים, וואס ווידערשפעניגען געגען דער תורה און איהרע מצוות. פלעגט ער ווע־גען זיי זאגען, אז "טאמער וויל איינער זיך רייצען מיט א רשע, דארף ער גאר נישט קיין מורא האבען און ער מעג דאס טהון" (ברכות דף ז׳ עמוד ב׳).

ווייל "די טובה פון א רשע רעכענט זיך פאר שלעכט ביי א צדיק" (הוריות דף י' עמוד ב').

כאראקטעריסטיש פאר ר' שמעון'ס געדאנקען־גאנג איז אויך זיינער א "ווערטעל", וועלכעס ער פלעגט אפט געברויכען, אז "אפנארען מיט ווערטער איז ערגער ווי אפנארען מיט געלד" (בבא מציעא דף נ"ח עמוד ב').

די הייליגקייט פון ר' שמעון בן יוחאי איז געווען זעהר גרויס ביי אידען לאנג נאך זיין טויט. האט מען זיך דערצעהלט, אז ווי לאנג ער האט געלעבט, האט זיך נישט געוויזען קיין רעגענבויגען, ווייל עס וואלט דאמאלס אין זיין זכות נישט געקענט קומען קיין מבול אויף דער וועלט (ירושלמי ברכות פרק ט' הלכה ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען ר' יהושע בן לוי איז געקומען אין גן־עדן אריין, האט ער דארט געטראפען ר' שמעון בן יוחאי זיצען אויף דרייצעהן גאלדענע שטוהלען, האט איהם ר' שמעון געפרעגט: "האט זיך אמאל אין דיינע צייטען געוויזען א רעגענבויגען?" — האט ר' יהושע געענטפערט אז יא. האט ר' שמעון אויף דעם געזאגט: "אויב אזוי, ביזטו נישט געווען אזא גרויסער צדיק!" (כתובות דף ע"ז עמוד ב').

צוריק־קומענדיג פון זיין באהעלטעניש אין דער הייהל, האט זיך ר' שמעון בן יוחאי באזעצט אין מירון, וואו ער איז שפעטער מיט יאהרען געשטארבען — און די יאהרצייט זיינע ווערד דארט געפייערט ביז צום היינטיגען טאג.

ווי עס איז שוין געווען באשריבען, איז ר' שמעון בן יוחאי צוזאמען מיט זיין זוהן ר' אלעזר געזעסען אין א הייהל דרייצעהן לאנגע יאהרען, אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. דארט אין יענער הייהל, האבען זיי אויך נישט געהאט עפּיס אנדערש צו טהון ווי נור צו לערנען — און ווי עס פארשטעהט זיך, האבען זיי ביי אזא סיטואציע געהאט א גרויסע געלעגענהייט, צו פארטיעפען זיך אין די פארשיעדענע "מיסטיציזמען" פון אלע וועלט־רעטענישען.

און ווען מען זאגט, אז זיי זיינען דארט אין דער הייהל געזעסען און זיי האבען געלערנט, דארף מען וויסען, אז זיי האבען נישט געהאט דערצו קיין ספרים, ווייל מעהר ווי א תנ"ך האט נאך דאמאלס איבערהויפט נישט עקסיסטירט אין שריפט. פון דער משנה איז נאך גארנישט געווען אויפגעשריבען. און טאמער האט זיך דאן געפונען ביי אימיצען עטוואס אויפגעשריבען וועגען די איינטייטשונגען פון דער תורה אדער אין די ערקלערונגען צו די דינים פונ'ם לעבען, האט מען דאס נישט געטארט פארשפרייטען, אז יענע איינטייטשונגען און ערקלערונגען זאלען נישט באקומען די הייליגקייט פונ'ם געשריבענעם ביבלישען ווארט.

טאמער ווייל אבער אימיצער דענקען, אז מאנכע חכמים האבען יא געהאט עטוואס אויפגעשריבען פון דער משנה אדער פון דער תוספתא, וואס מען האט געהאט געהערט ביי ר' עקיבא צי ביי איינעם פון זיינע פארגענגער, איז אבער דארט אין דער הייהל פון ר' שמעון בן יוחאי און זיין זוהן ר' אלעזר זיכערליך גאר נישט געווען, פון דעם אלעמען. קען מען זיך אלזא משער זיין, ווי דאס לערנען זייערס האט אויסגעזעהען, ווען זיי האבען געדארפט אלסדינג לערנען אויף אויסענווייניג, זיצענדיג גאנצע טעג איינגעגראבען אין זאמד ביז צום האלז.

און ווען זיי האבען געדארפט זיצען דרייצען לאנגע יאהרען באהאל־

טען אין א הייכל, און ווען זיי האָבען נישט געהאַט עפּיס אנדערש פאַר זייער דערנעהרונג ווי בלויז באָקסערען מיט וואַסער, זיינען זיי דאַן זעלבסט־פאַרשטענדליך געקומען אויף׳ן זינען פאַרשיעדענע געדאַנקען וועגען די סודות פון דער וועלט־באַשאַפונג צוזאַמען מיט אייגענאַרטיגע אויסטייטשונגען צו די פאַרשיעדענע פּסוקים פון דער תורה.

זיצענדיג אין אזא הייכל אינ׳ם שוים פון דער נאַטור, ארומגערינגעלט פון א נאַקעטער ווילדערניש. האָבען זיי — דער פאָטער מיט׳ן זוהן — וואהרשיינליך פיעל געקלערט וועגען דער גאָטהייט און וועגען דער ווערדע פון׳ם פאָלק ישראל. און אין די הערליכע לבנה־נעכט פון יענער געגענד, וועלכע האָבען זיך יעדען חודש מיט זייער זילבערנער קיהלקייט ווידערהאַלט, האָבען זיי אויך זיכערליך געהאַט די געלעגענהייט, צו זעהן די גרויסקייט פון׳ם אויבערשטען׳ס נסים, ווען עס זיינען פאַר זייערע אויגען פאַרביי־געקראָכען שלאַנגען און זיי נישט אָנגעריהרט, אָדער עס זיינען פאַרביי־געלאָפען ווילדע חיות און זיי נישט געטשעפּעט, פּשוט ווי דער פּסוק זאָגט: ״אויף א פּאַנטהער און א פּיפּערנאָטער וועסטו אָנטרעטען און צומערמלען וועסט דו א לייב און א שלאַנג״...

דערנאָך ווען זיי זיינען ארויסגעקומען פון דער הייכל און זיי האָבען געלערנט אינ׳ם בית־המדרש, איינגעטייטשט די דינים פון דער תורה און געפּרעדיגט די אויסערגעוועהנליכע מאָראַל־לעהרען זייערע, לויט וועלכע א איד דאַרף זיך פיהרען, האָבען זיך וואהרשיינליך געפּלאָנטערט ביי זיי אין קאָפּ אַלע יענע געדאַנקען, וועגען וועלכע זיי פלעגען טראַכטען זיצענדיג אין דער הייכל. האָבען זיי דאַן אייניגע פון יענע געדאַנקען אויפגעשריבען אָדער איבערגעגעבען זיי מינדליך צו זייערע תלמידים, וועלכע האָבען דאָס אויפגעשריבען אויף׳ן נאָמען פון זייערע לעהרער.

און אזוי ווי דאָס האָט געהאַט בלויז צו טהון מיט מיסטישע געדאַנקען, וואָס האָבען נישט קיין שייכות צו דער געזעצליכער אויפפיהרונג פון׳ם איד, זיינען זיי הונדערטער יאָהרען געבליבען באהאַלטען פון די מענשען׳ס אויגען, ביז עס האָט איינער א גרויסער אידישער געלעהרטער ארויסגענומען יענע געדאַנקען פון זייער באהעלטעניש און ער האָט פון זיי צונויפגעשטעלט דעם באַריהמטען ספר ״זוהר״...

באַשטעהט די הייליגקייט פון׳ם ״זוהר״ אין זיין געהיימניספולען אינהאַלט מיט זיינע טיפע רעטענישען און איבערהויפּט וואָס ער איז געשריבען אין א שווער־פאַרשטענדליכען סיריש־אראַמישען דיאַלעקט. האָבען זיך אידען צוגעוועהנט צו לייענען אין איהם, חאָטש זיי פאַרשטעהען איהם נישט אקוראַט. איז דאָס פאַר זיי מאַנכעס מאָל ווי א קוואַל פון התלהבות און עס איז אויך ביי איטליכען אָנגענומען, אז ווען מען פאַרשטעהט אפילו נישט, וואָס דער ״זוהר״ זאָגט, איז דער קלאַנג פון זיין לשון א מיטעל צו דער דערהויבונג פון דער נשמה.

ווי געזאָגט, איז דער ״זוהר״ אומבאַקאַנט געוועזען הונדערטער יאָהרען און עס האָט אויך קיינער נישט געוואוסט פון זיין עקסיסטענץ, ווייל עס איז נישט פאַרהאַנען וועגען איהם קיין זכר אין אונזער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור, נישט אין דער גמרא און נישט אין די מדרשים אָדער אין דער תוספתא, אינ׳ם ספרא, ספרי אָדער אין דער מכילתא. פּלוצים איז ער אַנטפּלעקט געוואָרען און דער אַנטפּלעקטער זיינער איז געוועזען — ר׳ משה ב״ר שם טוב די ליאָן, א שפּאַנישער איד, וועל־

כער האט געלעבט ביים ענדע פונ׳ם דרייצעהנטען יאהרהונדערט, ד. ה. 200 יאהר בעפאר דעם גירוש.

שרייבען ספרים איז דאמאלס געווען א "פראפעסיע" ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער. זיינען דאן געזעסען מענשען אין די בתי־מדרשים און — להבדיל — אין די קלויסטערס, וועלכע האבען געמאכט "קאפיעס" פון פארשיעדענע שריפטען, און ווען איינער האט געוואלט בעסער באצאהלט ווערען פאר זיין ארבייט, פלעגט ער אנגעבען זיינעם א ספר אלס א געפונענעם אין מאנוסקריפט, וועלכעס ער האט בלויז איבערגעשריבען.

אזוי ווי דער זוהר איז "געפונען" געווארען און ר׳ משה ב"ר שם־טוב די ליאן האט ארויסגעלאזען די ערשטע קאפיע אויף דער וועלט, איז דער ספר באלד אנגענומען געווארען אלס הייליג און דער אינהאלט זיינער האט איטליכען פארחאפט. עפיס האט ער אריינגעפיהרט דעם לערנער אין א נייע וועלט, אין א וועלט פון הויכע געדאנקען, איבערגעגעבען אין א וואונדערליכען מיסטעריעזען סטיל.

עס האט אויך דאמאלס קיינער נישט געצווייפעלט, אז דער ספר שטאמט טאקי פון ר׳ שמעון בן יוחאי, לויט ווי ר׳ משה די ליאן האט געזאגט. פארשיעדענע אידישע געלעהרטע האבען שוין פריהער געהאט די איבערצייגונג, אז עס געפינט זיך ערגיץ א מדרש פון ר׳ שמעון בן יוחאי, ווי דאס איז אויך איינמאל ציטירט אינ׳ם פירוש פון רבנו בחיי אויפ׳ן פסוק "וכי ינצו אנשים" אין פרשת משפטים. עס האט אבער קיינער נישט געוואוסט, וואו דער דאזיגער מדרש געפינט זיך, ביז ר׳ משה די ליאן האט איהם אנטפלעקט.

ערשט נאך׳ן טויט פון ר׳ משה די ליאן (ארום 1305 אדער ס"ה לאלף הששי) האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען באצווייפעלט די עכטקייט פונ׳ם "זוהר" און זיי האבען עפענטליך אויסגעדריקט דעם חשד, אז ר׳ משה די ליאן האט איהם אליין פארפאסט און אום צו נעהמען א טייערען פרייז פאר זיין ארבייט, האט ער געזאגט, אז ער האט דעם ספר געפונען אין כתב־יד און אז ער שטאמט פון ר׳ שמעון בן יוחאי.

שפעטער זיינען געווען מענשען, וועלכע האבען זיך גענומען קעמפפען געגען דעם "זוהר" אין אלגעמיין, ווען עס זאל אפילו זיין באוויזען מיט די שטארקסטע באווייזע, אז ער איז טאקי פון ר׳ שמעון בן יוחאי און נישט פון ר׳ משה די ליאן. איינער פון די דאזיגע קעמפפער איז געווען ר׳ יוסף ווקאר, א מקובל און א פילאזאף פונ׳ם 14טען יאהרהונדערט, וועלכער האט געזאגט, אז דער "זוהר" איז פול נארישקייטען און מען דארף איהם נישט נעהמען אין הויז אריין. דערנאך איז געקומען ר׳ אליהו דעלמעדיגא, וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען דער קבלה צוזאמען מיט׳ן "זוהר" אין זיין ספר "בחינת הדת".

צום שטארקסטען פון אלעמען געגען דעם "זוהר" איז ארויסגעטרעטען ר׳ יעקב עמדין אין זיין ספר "מטפחת ספרים". און אזוי ווי ר׳ יעקב עמדין איז געווען א שטרענג פרומער מענש און עס קען זיך נישט געפינען אין זיין רעליגיעזער פיהרונג די מינדעסטע פגימה, איז זיין ארויסטרעטען געגען דעם "זוהר" פשוט א רעטעניש פאר אנדערע פרומע אידען. האט דאס ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (דער בעל "שם הגדולים") פרובירט צו ערקלערען אויף אזא אופן, אז אזוי ווי ר׳ יעקב עמדין האט זעהר שטארק געקעמפפט געגען די אנהענגער פון שבתי צבי און יעקב פראנק, וועלכע האבען געבויעט זייערע אנזיכטען אויפ׳ן אינהאלט פונ׳ם "זוהר", האט עס

רבי שמעון בן יוחאי

ר׳ יעקב עמדין געפונען פאר נויטיג, אוועקצונעהמען דעם יסוד פון אונ־טער זייערע פיס, אפצולייקענען די אויטאריטעט פונ׳ם "זוהר", אז ער איז נישט פון ר׳ שמעון בן יוחאי. אבער ביי זיך אין הארצען האט ער זי־כערליך געוואוסט, אז ער פארטרעט א שוואכע מיינונג און ער האט דאס בלויז געטהון, ווייל דער אויגענבליק האט זיך אין דעם גענויטיגט.

דער אמת איז אויך, אז ר׳ יעקב עמדין איז אינ׳ם לייקענען דעם "זוהר" נישט געגאנגען אזוי ווייט ווי פארשיעדענע אנדערע געלעהרטע. א ביסיל האט ער דעם "זוהר" יא אנערקענט און בלויז א ביסיל האט ער איהם נישט אנערקענט — און נאך דער גאנצער קריטיק זיינער געגען דעם "זוהר" האט ער געזאגט דאס פאלגענדע: "ווער עס רעדט שלעבטס אויף דעם עיקר פונ׳ם זוהר, דער וועט נישט ארויסקומען אהן א שטראף און ער וועט צו־געצויגען ווערען צו פאראנטווארטונג, ווייל מען טאר נישט חושד זיין דעם ר׳ משה די ליאן, וועלכער איז אליין געווען זעהר א גלויבווירדיגער מענש, אז ער האט געזאלט טהון אזא זאך, אויסצוטראכטען פון זיין קאפ אזעלכע מיסטעריען, ווי דער זוהר ברענגט, אדער ער האט געזאלט אויסקלערען פון זיין אייגענעם געדאנק אזעלכע וואונדערליכע ערצעהלונגען, וואס זיינען גאר נישט פארגעקומען און זיי אנהענגען אויף ר׳ שמעון בן יוחאי און זיינע חברים אין א פולשטענדיג ליגנערישען שטייגער, וועלכעס איז לחלוטין אן אוממעגליכקייט און מען טאר אפילו נישט א קלער טהון וועגען אזא זאך".

אבער וויפיל מיר זאלען וועלען ליבען דעם "זוהר" — זאגט ר׳ יעקב עמדין וויטער — מוזען מיר מודה זיין, אז עס זיינען דארט אריינגעפאלען פארשיעדענע אומקלארקייטען, וואס כל־ערליי קאפוסטען האבען אריינגע־שטעלט, אזעלכע מאמרים, וואס שטאמען זיכערליך נישט פון ר׳ שמעון בן יוחאי אדער פון זיינע תלמידים און מען דערקענט אויף זיי, אז זיי שטא־מען פון א שפעטערער צייט אדער גאר פון אן אומריינער קוואל. טראצ־דעם דארף מען די אלע מאמרים אננעהמען אויף׳ן נאמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי, ווייל ער איז געווען דער ערשטער מחבר פון יענע מאמרים, און ווען ר׳ שמעון׳ס תלמידים אדער די תלמידים פון זיינע תלמידים האבען דארט עטוואס אריינגעגעבען, וועגען וועלכען עס פאסט זיך נישט צו זאגען, אז עס איז געקומען פון ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס מויל, זיינען די דאזיגע אלע צוגע־געגעבענע מאמרים זיכערליך געזאגט געווארען אין ר׳ שמעון׳ס גייסט. דאס־זעלבע קען מען אויך זאגען, אז טאמער האט ר׳ משה די ליאן צוגעגעבען מאנכע פון זיינע אייגענע געדאנקען, איז דער גייסט זייערער נישט קיין אנ־דערער ווי דער גייסט פונ׳ם גאנצען "זוהר". *)

---

*) ביי געלעגענהייט איז כדאי צו וויסען, אז ר׳ יעקב עמדין האט אויך געקעמפפט געגען "מורה נבוכים" און ער האט דוקא געוואלט באהויפטען, אז דער מחבר פונ׳ם "יד החזקה" האט אבסאלוט נישט געקענט זיין דער מחבר פונ׳ם "מורה נבוכים".

רבי אלעזר בן שמוע
און רבי יוחנן הסנדלר

נאכדעם ווי אלע 12 טויזענד אדער 24 טויזענד תלמידים פון ר׳ עקיבא זיינען אויסגעשטארבען — און ר׳ עקיבא אליין איז ארעסטירט געווארען אלס "פארפעטהער" צו די רוימער, זיינען פארבליבען ביי איהם עטליכע תלמידים זיינע, וועלכע זיינען נישט אפגעטרעטען פון זיין זייט וועהרענד דער גאנצער צייט, וואס ער איז געזעסען אין תפיסה ביז נאך זיין הינריכטונג.

באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר׳ן גייסט פון יענע לעצטע תלמידים פון ר׳ עקיבא איז דער פאקט, וואס צוויי פון זיי, ר׳ אלעזר בן שמוע און ר׳ יוחנן הסנדלר, האבען נאך ר׳ עקיבא׳ס טויט געוואלט געהען קיין נציבין, וואו ר׳ יהודה בן בתירה האט דאן אנגעפיהרט אן אייגענעם בית־המדרש. איז אזוי ווי זיי זיינען צוגעקומען ביז צידון, האבען זיי זיך אומגעקוקט אויף צוריק, און ווי זיי האבען דערזעהן ארץ־ישראל, וועלכעס זיי געהען יעצט פארלאזען, האבען זיי ביידע אנגעהויבען יאמערליך וויינען און זיי האבען זיך אומגעקערט צוריק.

געוועזן זיינען זיי ביידע פון ר׳ עקיבא׳ס לעצטע תלמידים (בראשית רבה פרשה ס״א פיסקא ג׳) — און דער וויכטיגערער פוןביידען איז געוועזן ר׳ אלעזר בן שמוע.

אומעטום וואו עס ווערד דערמאנט אין דער משנה אדער אין דער ברייתא דער נאמען ר׳ אלעזר (סתם), איז דאס ר׳ אלעזר בן שמוע (רש״י שבת דף י״ט עמוד ב׳) — און ווי עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, האט ער פריהער, איידער ער האט געלערנט ביי ר׳ עקיבא, אנגעהויבען לערנען ביי ר׳ יהושע בן חנניה, ביי ר׳ יוסי הגלילי און ביי ר׳ טרפון.

ווי עס איז אנגענומען, האט ר׳ אלעזר בן שמוע טראץ זיין גרויסער ליעבשאפט צו ארץ־ישראל שפעטער יא געזוכט שוץ אין חוץ־לארץ, וואו די רוימישע רעגירונג האט נישט אזוי שטארק פארפאלגט די לערנער. און ווען די פאליטישע אומשטענדען האבען זיך איינגעארדנעט און די אידען האבען געקענט אנגעהען ווייטער מיט זייער לערנען, איז ער נישט צוריק געקומען מיט די אנדערע חכמים קיין אושא, גלייך ווי ר׳ יוחנן הסנדלר איז אויך דארט אהין נישט געקומען. האט ער דאן געגרינדעט אן אייגענעם בית־המדרש ערגיץ אינ׳ם גליל און די ישיבה זיינע האט זיך אזוי ווייט אנטוויקעלט, אז דער נשיא פון ארץ־ישראל, ר׳ שמעון בן גמליאל, האט אזש אהין געשיקט זיין זוהן ר׳ יהודה לערנען — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האט דארט ר׳ יהודה פארבראכט לאנגע יאהרען און ער איז נישט די גאנצע צייט אהיים געגאנגען צו זיינע עלטערן אפילו אויף יום־טוב.

אינטערעסאנט איז, וואס ר׳ יהודה הנשיא דערצעהלט, אז ווען ער איז אנגעקומען אין דער ישיבה פון ר׳ אלעזר בן שמוע, האבען איהם די אנדערע תלמידים ארומגערינגעלט ווי בייזע העהנער און זיי האבען איהם

נישט געלאָזט לערנען (יבמות דף פ"ד עמוד א'). דערנאָך זיינען זיי דאָרט אינ'ם בית־המדרש געזעסען זעהר ענג, צו זעקס אויף איין אייל פּלאַץ (ערובין דף נ"ג עמוד א'). שפּעטער — דערצעהלט ער ווייטער — איז ער אַמאָל געגאַנגען אויסגעפינען דעם תמצית פון זיין לערנען ביי ר' אלעזר בן שמוע (מנחות דף י"ח עמוד א'). איז דערפון צו זעהען, אז ווען ר' יהודה איז שוין געווען דער אויבערהויפּט פון זיין דור, איז ער נאָך אַלץ געגאַנגען צו ר' אלעזר בן שמוע פרעגען, ווען עס איז איהם עפּיס קשה געווען.

דער נאָמען ר' אלעזר בן שמוע, ווערד אויך דערמאָנט צווישען די "עשרה הרוגי מלכות". ווי עס הייסט, איז ער דאמאָלס אלט געווען 105 יאָהר און עס ווערד ווענען איהם געזאָגט, אז מען האָט איהם נישט קיינמאָל געהערט דאווענען אויף'ן קול, ער האָט אויך נישט קיינמאָל געצאַנקט מיט אנדערע מענשען און גאַנצע 85 יאָהר (!) האָט ער זיך אָפּ־געגעבען מיט פאַסטען. און ווען מענשען האָבען איהם אמאָל געפרעגט, אין וואָס פאַר א זכות ער לעבט אזוי לאַנג, האָט ער געזאָגט, אז ער האָט קיינמאָל נישט באַנוצט די שוהל פאַר א דורכגאַנגס־הויז, אוועקצוזעצען זיך דאָרט בלויז פאַר צייט־פאַרטרייב. ער האָט אויך קיינמאָל נישט אַנגעטרע־טען אויף קיינעמ'ס קאָפּ און ער האָט נישט גע'דוכנ'ט אָהן א ברכה.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דענקונגסאַרט זיינען די אויסשפּרוכען זיי־נע אין באַצוג צו דער מענשליכער אויפפיהרונג אינ'ם לעבען.

ער פלעגט זאָגען: "דער כבוד פון דיינעם א תלמיד דאַרף ביי דיר זיין אזוי חשוב ווי דיין אייגענער כבוד און דער כבוד פון דיין חבר דאַרף ביי דיר זיין ווי די עהרפורכט פאַר דיין רבי'ן און די עהרפורכט פאַר דיין רבי'ן דאַרף זיין ווי די מורא פאַר גאָט" (אבות פּרק ד' משנה י"ב).

ווי אנדערע חכמים פון זיין דור האָט ער אויך שטענדיג גערעדט ווענען שלום און ער האָט געזאָגט: "אַלע לעהרען, וואָס די נביאים האָבען גע־וואָלט איינפלאַנצען אין די הערצער פון די מענשען, האָבען נור געהאַט איין גרויסען צוועק, דאָס איז שלום" (ספרי פּ' ראה).

גלייכצייטיג האָט ער פיעל געהאַלטען פון דעם, אז מען טאָר נישט א מענשען פאַרשעהמען, און ווען ער איז אמאָל געקומען צו לערנען די מעשה פון קמצא און בר־קמצא, האָט ער צוגעגעבען: "אָט קומט און זעהט דעם גרויסען כח פון מבייש־זיין א מענשען, אז אום צו העלפען דעם פאַרשעהמ־טען בר־קמצא, איז ביים אויבערשטען רעכט געווען, חרוב צו מאַכען זיין הויז און צו פאַרברענען זיין בית־המקדש" (מדרש איכה רבתי).

אָפטמאָל פלעגט ער אויך זאָגען: "פאַרהאַנען דריי מינים תלמידי־חכמים, זיינען זיי געגליכען צו דריי פאַרשיעדענע שטיינער. איין מין תלמיד־חכם איז געגליכען צו'ן א שטיין מיט איין שפּיץ, אַן אַנדערער מין איז געגליכען צו'ן א שטיין מיט צוויי שפּיצען און א דריטער מין איז ווי א שטיין וואָס איז פון אַלע זייטען ארומגעהאַקט (אבן גזית, אבן פּינה, אבן פּיספּס). א שטיין מיט איין שפּיץ וואָס איז? דאָס איז א תלמיד, וועלכער האָט געלערנט מדרש, און ווען מען פרעגט איהם אין מדרש, ווייסט ער וואָס צו ענטפערען. א שטיין מיט צוויי שפּיצען וואָס איז? דאָס איז א תלמיד, וועלכער האָט געלערנט מדרש און הלכה, און ווען מען פרעגט איהם אין מדרש אָדער אין הלכה, ווייסט ער וואָס צו ענטפערען. א שטיין פון אַלע זייטען ארומגעהאַקט וואָס איז? דאָס איז א תלמיד וועלכער האָט

געלערנט מדרש און הלכה, אגדה און תוספתא, און וואָס מען פרעגט איהם, ווייסט ער אומעטום צו ענטפערען" (אבות דר' נתן פרק כ"ח).

פון ר' אלעזר'ס לעבענסגעשיכטע איז פאַרבליבען איין לעגענדע, וועלכע איז שווער צו אונטערזוכען אויף איהר היסטאָרישען גרונד. אָט די לעגענדע, וועלכע געפינט זיך אין קהלת רבה (פרשה י"א פיסקא ב') דערצעהלט, אז ר' אלעזר בן שמוע האָט אמאָל שפּאַצירטביים ברעג פונ'ם ים האָט ער דאָרט געזעהען, ווי א שיף ווערד ארומגעוואָרפען פון די חוואַליעס, און איידער מען האָט זיך נאָך געקענט אומקוקען, איז זי פאַרזונקען געוואָרען מיט אלעמען, וואָס עס האָט זיך אויף איהר געפונען. בלויז איין מענש האָט זיך געראַטעוועט אויף א ברעט פון דער שיף און ער איז צוגעשוואומען צו דער יבשה אין גאַנצען א נאַקעטער.

גראַד דאַמאָלס זיינען אידען געגאַנגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים, ווייל חאָטש דער בית־המקדש איז געווען חרוב, פלעגען אידען עולה־רגל זיין קיין ירושלים אזוי אָפט ווי די רוימישע רעגירונג האָט דאָס צוגעלאָזען. האָט דאַן יענער מענש צו זיי געזאָגט: "איך בין איינער פון אייער ברודער עשו'ס קינדער, בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר געבען עפּיס א מלבוש, צוצודעקען מיין נאַקעטקייט. דער ים האָט מיין שיף צובראָכען און איך האָב פון מיינע זאַכען גאָר נישט געקענט אָפּראַטעווען".

אויף דעם האָבען איהם די אידען געענטפערט: "אויב דו ביזט איינער פון עשו'ס קינדער, קען מען דיר זאָגען, אז הלואי וואָלט שוין דיין גאַנצע אומה צוגרונד געגאַנגען!"...

האָט יענער מענש א קוק געטהון צווישען עולם און געזעהען דעם ר' אלעזר בן שמוע, האָט ער צו איהם א זאָג געטהון: "עס איז אויף דיר צו דערקענען, אַז דו ביזט א חשוב ביי די מענשען פון דיין פאָלק, וועסטו פאַרשטעהען, אז עס איז נישט שעהן, צו לאָזען א מענשען ארומגעהען נאַקעט. טאָ בעט איך דיך דו זאָלסט טהון א מצוה און מיר שענקען א מלבוש, ווייל דער ים האָט מיר אלסדינג צוגענומען".

איז אזוי ווי ר' אלעזר האָט דאַן געטראָגען אויף זיך זיבען מלבושים, האָט ער תיכף ארונטערגענומען פון זיך איין מלבוש און האָט עס דעם מענשען אוועקגעגעבען. דערנאָך האָט ער איהם אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים, האָט איהם דאָרט געגעבען עסען און טרינקען און צוויי־הונדערט דוקאַטען אין קעשענע אריין. ער האָט איהם אויך ארויסגעזעצט אויף זיינעם אן אייזעל און ער האָט איהם באַגלייט 14 מייל וועגס, ביז ער האָט איהם געבראַכט צו זיין הויז.

נאָך א געוויסער צייט איז דער קייזער (?) געשטאָרבען און מען האָט אויסגעקליבען אויף זיין אָרט אַן אַנדערן מלך. האָט דער נייער מלך ארויסגעגעבען א באַפעהל געגען יענער מדינה (?), אויסצו'הרג'נען דאָרט אלע מאַנסבילען און מיט די ווייבער זאָל מען טהון, וואָס מען וועט וועלען. האָבען די מענשען פון יענער מדינה געבעטען ביי ר' אלעזר בן שמוע, ער זאָל געהען צום נייעם קעניג, בעטען פאַר זייערטוועגען. זיי האָבען איהם אויך מיטגעגעבען 4000 דוקאַטען, אויף צו ברענגען א מתנה צו יענעם קעניג.

איז ר' אלעזר בן שמוע אוועקגעגאַנגען צו יענעם קעניג'ס פּאַלאַץ, און ווי ער איז צום קעניג אריינגעקומען, איז דער קעניג ארונטער פון זיין טהראָן, האָט זיך צו'ן איהם געבוקט און געפרעגט: "וואָס איז דיין פאַרלאַנג?" האָט איהם ר' אלעזר געזאָגט: "איך וויל, דו זאָלסט רחמנות האָבען

אויף אַט דער מדינה און דו זאָלסט מבטל זיין דיין גזרה געגען זיי!" — האַט איהם דער קעניג געענטפערט: "עס שטעהט אין אייער תורה, אז מען טאָר נישט אריינגעהמען אַן אדומי אָדער מואבי אין גאָט'ס געמיינדע, ווייל זיי זיינען אייך נישט אקעגען־געגאנגען מיט ברויט און וואסער, ווען איהר זענט ארויסגעגאנגען פון מצרים. דערנאָך שטעהט, אז מען טאָר נישט פאראומווירדיגען אַן אדומי, ווייל ער איז אייער ברודער. אָבער מיר האָבען אייערע מענשען ניט אזוי געטהון, און ווער עס האנדעלט נישט לויט דער מצוה פון דער תורה, דארף דאָס באַצאָהלען מיט זיין לעבען!"...

— טראָצדעם דארפסטו זיי מוחל זיין! — האָט ר' אלעזר בן שמוע אויף דעם געזאָגט — דו דארפסט אויף זיי רחמנות האָבען, ווייל טאָמער האָבען זיי נישט געהאנדעלט לויט דער מצוה פון דער תורה, איז דאָס געווען מחמת נארישקייט און דער אויבערשטער וועט זיי מוחל זיין!...

דאָס זאָגענדיג, האָט ר' אלעזר דערלאַנגט דעם קעניג די פיער טויזענד דוקאַטען, וואָס די מענשען האָבען איהם מיטגעגעבען.

האָט איהם דער קעניג געענטפערט: "די 4000 דוקאַטען קענסטו באַהאַלטען פאַר דיינעטוועגען פאַר יענע צוויי הונדערט דוקאַטען, וואָס דו האָסט מיר דאַמאָלס געגעבען. אין דיין זכות וועל איך אויך שענקען די זינד פון יענער מדינה פאַר דעם עסען און טרינקען, וואָס דו האָסט מיר געגעבען. דו קענסט אויך געהען אין מיין שאַצקאַמער, נעהמען זיך די שעהנסטע מלבושים פאַר דעם איינעם מלבוש דיינעם, וואָס דו האָסט מיר דאַמאָלס געגעבען!"...

א לאַנגע צייט נאָך ר' עקיבא'ס טויט איז זיין איינפלוס אויף'ן גאַנג פונ'ם אידישען לעבען און אויף'ן דענקען פון די חכמים נאָך אַלץ געווען לעבעדיג, און ווער עס האָט געקענט עטוואָס נאָכזאָגען אין זיין נאָמען, דער האָט געקענט האָבען דאָס גאַנצע פאָלק אויף זיין זייט. ווי לאַנג ר' עקיבא איז געזעסען אין תפיסה, האָבען די חכמים נישט געוואָלט גאָר טהון אָהן זיין צושטימונג — און אזוי ווי מען האָט איהם ניט געקענט פרעגען פערזענליך, האָט מען געשיקט צו'ן איהם זיין תלמיד ר' יוחנן הסנדלר.

עס האָבען זיך דאַן געמאכט פארשיעדענע וויכטיגע שאלות, וועלכע מען האָט ניט געקענט פסק'נען, איידער מען האָט נישט געהערט ר' עקיבא'ס מיינונג. דערצעהלט די גמרא, ווי די חכמים האָבען צוגעשיקט צו דער תפיסה דעם ר' יוחנן הסנדלר פארשטעלט אַלס א הענדלער מיט א פעקעל סחורה אויף דער פּלייצע, וועלכער איז כלומרשט פארבייגעגאַנגען פאַר דער תפיסה, וואו ר' עקיבא איז געזעסען, רופענדיג: "נאָדלען! ווער קויפט נאָדלען? העקעלעך! ווער קויפט העקעלעך? און א חליצה אָהן עדות (חלצה בינו לבינה) ווי איז דער דין?" — האָט ר' עקיבא ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך'ן פענסטער־לאָך פון זיין תפיסה־קאַמער און ער האָט געזאָגט: "האָסט אפשר שפּינדלעך? יאָ, כשר!" (ירושלמי יבמות פרק ט' הלכה ה').

די אורזאַך פון דער דאָזיגער שאלה איז געווען א מעשה, וואָס איינער האָט זיצענדיג אין תפיסה געגעבען חליצה צו זיין ברודער'ס ווייב אָהן א בית־דין און אָהן עדות, ווייל מען האָט נישט צוגעלאָזען קיינעם צו דעם ארעסטירטען, און די מענשען וואָס זיינען געקומען צוזאַמען מיט דער פרוי, וועלכע האָט געדארפט נעהמען חליצה, האָבען געמוזט בלייבען שטעהען אין דרויסען פאַר די מויערען פון דער תפיסה, און זיי האָבען נישט געזעהען, וואָס עס קומט דאָרט פאָר אינעווייניג.

זעהר וויכטיג איז תמיד געווען די פראגע פונ'ם "עבור", ווייל עס איז דערפון געווען אָפּהענגיג די איינאָרדנונג פון די ימים־טובים. איז דאן געווען די ערשטע זאך, ווען די חכמים זיינען זיך נאָך קייזער האדריאן'ס טויט צונויפגעקומען, איינצואָרדנען אין בקעת בית רמון דעם "עבור" — און די פראגע פונ'ם עבור איז אויך געווען די אורזאך פון דער גרויסער מחלוקה מיט חנניה דעם ברודער'ס־זוהן פון ר' יהושע בן חנניה, וועלכער האָט זיך גענומען אָרגאניזירען א "בית־דין הגדול" אין בבל. דענקענדיג, אַז אזוי ווי עס איז שוין סיי־ווי נישט פאַרהאַנען קיין בית־המקדש אין ארץ ישראל און דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבען פון די אידען באַשטעהט אויסשליסליך אינ'ם באַשטימען די "עבור־יאָהרען" גלייך ווי אינ'ם קאַלענדאַרישען פעסטשטעלען די ימים־טובים, וועט מען דאָס קענען דורכפיהרען אין בבל מיט דערזעלבער ווערדע, ווי דאָס האָט פריהער געהאַט אין ארץ־ישראל.

ר' יוחנן הסנדלר איז געווען א תלמיד פון ר' עקיבא (ברכות דף כ"ב עמוד א'). און ווען עס זיינען אַמאָל פאָרגעקומען מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען צווישען ר' מאיר און אַנדערע חכמים, איז ר' יוחנן הסנדלר ארויסגעקומען געגען ר' מאיר. און ווען ער האָט געזעהען, אַז ר' מאיר איז פאַרעקשנ'ט אין זיין מיינונג און ער זאָגט נאָך, אַז וואָס ער זאָגט יעצט, האָט ער אויסדריקליך געהערט פון ר' עקיבאַ'ן, האָט איהם ר' יוחנן א זאָג געטהון: "איך האָב ביי ר' עקיבאַ'ן געדיענט שטענדיג ווי א תלמיד און דו ביזט פאַר איהם געזעסען ווי איינער פונ'ם פאָלק!" (ירושלמי חגיגה פרק ג' הלכה א').

אין הלכה ווערד ר' יוחנן בלויז צוויי אָדער דריי מאָל דערמאַנט, א שטייגער ווי ביי דער פראגע פון חליצה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין געגענווארט פון עדות און דערנאָך איז באַוויזען געוואָרען, אַז איינער פון די עדות איז אַ קרוב צו'ן א צד, אָדער אַז ער איז גלאַט אזוי א פסול־עדות, איז די חליצה ניט גילטיג. האָט אָבער ר' שמעון בן יוחאי און ר' יוחנן הסנדלר געזאָגט, אַז אַזאַ חליצה איז יאָ כשר. דאַביי האָט ר' יוחנן הסנדלר איבערדערצעהלט דאָס אויבען־דערמאָנטע געשעהעניש, וואָס ער האָט דאַמאָלס געפרעגט ביי ר' עקיבא, ווען ער איז געזעסען אין תפיסה (יבמות דף ק"ד עמוד ב').

ער האָט אויך געהאט א "ווערטעל", וועלכעס ער פלעגט אָפט ווידערהאָלען: "יעדע פאַרזאַמלונג, וועלכע ווערד אָנגעפיהרט פאַר גאָט'ס וועגען, מוז האָבען א קיום, ווערד זי אָבער נישט אָנגעפיהרט פאַר גאָט'ס וועגען, קען זי נישט האָבען קיין קיום" (אבות פרק ד' משנה י"א).

וועגען זיין נאָמען "סנדלר" זיינען די מיינונגען געטיילט. דער "יוחסין" זאָגט וועגען דעם, אַז ער איז געווען א סאַנדאַלען־מאַכער, אָדער ער האָט געמאַכט לעכלעך אין פּערעל, אויפצוציהען זיי אויף שנירלעך. דאַגעגען זאָגען די "מאָדערנע" פילאָלאָגען, אַז דער דאָזיגער טייטש איז נישט ריכטיג, און "סנדלר" האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז געווען א געבוירענער פון אַלעקסאַנדריען (!).

רבי נחמיה און אנדערע תלמידים פון רבי עקיבא

ווי עס איז שוין געווען באמערקט, האבען די לעצטע תלמידים פון ר׳ עקיבא אנגעהויבען דאס צונויפשטעלען די "משנה", לויט ווי ר׳ עקיבא האט מיט זיי געלערנט.

איז דאן איינער פון די דאזיגע תלמידים געווען ר׳ נחמיה, וועלכער האט זיך באטייליגט באלד ביי דער ערשטער צוזאמענקונפט פון די חכמים נאך׳ן טויט פון קייזער האדריאן (בראשית רבה פרשה ס״א פיסקא ג׳) און ער איז אויך געווען אנוועזענד, ווען די חכמים זיינען זיך צונויף־געקומען אין אושא, חאטש ער האט זיך דארט נישט געלאזט הע־רען (ברכות דף ס״ג עמוד ב׳).

געגוי ווער ער איז געווען, איז נישט באקאנט, גלייך ווי עס איז ווייניג באוואוסט, וועגען אלסדינג, וואס ער האט אויפגעטהון. באקאנט וועגען איהם איז נור אזוי פיעל, אז ער איז געווען א גרויסער ארימאן (כתובות דף ס״ו עמוד ב׳) און ער האט שווער געארבייט אויף פרנסה אלס א טעפער (ירושלמי בבא מציעא סוף פרק ו׳). קיינער ווייסט אויך נישט, ווי זיין פא־טער האט געהייסען, חאטש עס איז זיכער, אז ער איז געווען א תלמיד־חכם, ווייל ר׳ נחמיה האט איינמאל געזאגט א מיינונג אין א דין אויף׳ן נאמען פון זיין פאטער (זעה פסחים דף נ״ד עמוד א׳).

אין זיינע לעהרען איז ר׳ נחמיה געשטאנען אין א געגנערשאפט צו ר׳ יהודה בר אלעאי — און וועגען זיין פערזאן האבען אין שפעטערע דורות פארשיעדענע ווידערשפרעכענדע מיינונגען געהערשט. יעדער אנאנימער אויסשפרוך אין דער "תוספתא" שטאמט פון איהם (סתם תוספתא ר׳ נחמיה, זעה סנהדרין דף פ״ו עמוד א׳), און ווען עס איז געפונען געווארען די "מגלת יוחסין" פון די ירושלים׳ער פאמיליען, איז דארט געשטאנען, אז ער שטאמט פון נחמיה התרשתא (ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ב׳).

זיינען אויך געווען מיינונגען, אז דער תנא ר׳ נהוראי איז אידענטיש מיט ר׳ נחמיה. און פאר־וואס האט ער געהייסען "נהוראי"? ווייל ער האט ליכטיג געמאכט די אויגען פון די חכמים אין הלכה (שבת דף קמ״ז עמוד ב׳). דאסזעלבע האט מען געהאט פריהער אמאל געזאגט, אז ר׳ מאיר און ר׳ נהוראי איז איין פערזאן. אנדערע האבען וויטער געוואלט זאגען, אז ר׳ אלעזר בן ערך איז אידענטיש מיט ר׳ נהוראי (ערובין דף י״ג עמוד ב׳).

האבען אבער די דאזיגע "השערות" זעהר א שוואכע באגרינדונג, ווייל ווען מיר געפינען אמאל דעם ר׳ נהוראי אין א דיספוט מיט ר׳ נחמיה (זעה תנא דבי אליהו פ׳ ט״ו), אדער ווען זייערע ביידען׳ס נעמען ווערען דערמאנט איינער לעבען דעם אנדערן (סנהדרין דף צ״ב עמוד א׳, דברים רבה פרשה ג׳ פיסקא י׳), קען שוין נישט זיין קיין רייד, אז ביידע פערזאנען זאלען זיין אידענטיש.

פון ר׳ נחמיה׳ס אויסשפּרוכען וועגען דער מאָראַל פונ׳ם לעבען איז פאַר זיין אידעען־גאַנג כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער פלעגט זאָגען: ״יסורים זיינען זעהר א גוטע זאַך פאַר די מענשען, ווייל גלייך ווי קרבנות באַזעגפּ־טיגען דעם אויבערשטען און שטילען זיין כעס, אַזוי באַזענפטיגען איהם אויך די יסורים פונ׳ם מענשען און מען קען גאַר זאָגען, אַז יסורים באַ־זענפטיגען אמאָל בעסער ווי קרבנות״ (מכילתא כ׳). ער פלעגט אויך זאָגען: ״פאַר דער עברה פון שנאת חנם קומען אריין מחלוקות אינ׳ם הויז פון א מענשען, דאָס ווייב האָט פעהלגעבורטען און די קינדער פון אזא מענשען שטאַרבען קליינערהייד״ (שבת דף ל״ב עמוד ב׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: ״ווער עס נעמט אויף זיך דורכצופיהרען האָטש איין מצוה אויף אן עהרליכען אופן, דער איז ווירדיג, עס זאָל אויף איהם רוהען א רוח־הקדש, ווי מיר געפינען דאָס ביי אונזערע עלטערן, ווען זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אז דערפאַר, וואָס זיי האָבען געגלויבט אן גאָט, האָט אויף זיי גערוהט דער רוח־הקדש און זיי האָבען געהאַט די זכיה צו זאָגען שירה״ (מכילתא י״ד ל״א).

ריידענדיג וואָס עס וועט פאַרקומען אין יענעם דור, ווען משיח וועט קומען, האָט ר׳ נחמיה געזאָגט: ״עזות׳קייט וועט זיך דאַמאָלס שטאַרק פאַרמעהרען, בכבוד׳ע מענשען וועלען געהען אין קרומע וועגען. דער וויינ־שטאָק וועט געבען זיינע פּירות און דער וויין וועט טראָצדעם קאָסטען טייער. דאָס גאַנצע מלכות וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין א פאַרטייאישע הערשאַפט און עס וועט נישט זיין קיין מענש, וואָס זאָל קענען אימיצען צורעכטוויי־זען״ (סנהדרין דף צ״ז עמוד א׳).

ביי זיינע מיינונגען אין הלכה פלעגט זיך ר׳ נחמיה אָפטמאָל באַנוצען מיט לאָגישע אָדער גראַמאַטיקאַלישע ארגומענטען, א שטייגער ווי וואָס ער זאָגט: ״די ווערטער פון דער תורה זיינען אמאָל אָרים אויף זייער אָרט, דערפאַר זיינען זיי אָבער רייך אויף אן אנדער אָרט״ (ירושלמי ראש השנה פּרק ג׳ הלכה ה׳). אָדער ווען ער זאָגט: ״אומעטום וואו מען דאַרף האָ־בען א למ״ד ביים אָנהויב פון א וואָרט, אויף צו אָנווייזען א געגענשטאַנד, שטעלט די שפּראַך אַוועק א ה״א ביים ענדע פונ׳ם וואָרט״ (ירושלמי יבמות פּרק א׳), אָדער וואָס ער הייסט זאָגען ״מוציא לחם מן הארץ״ (נישט ״המוציא״, ווי די משנה זאָגט), ווייל די ברכה דאַרף באַצייכענען, אז דאָס ברויט וועלכעס דער מענש האָט אין דער האַנד, איז שוין לאַנג פריהער געוועזען ארויסגעוואַקסען פון דער ערד (ברכות דף ל״ח עמוד א׳).

אין דער פראַגע וועגען דער באַשטימונג פון דער צייט, וועלכע ווערד אָנגערופען אינ׳ם אידישען דין ״בין השמשות״, און די חכמים האָבען גע־האַט וועגען איהר פאַרשיעדענע מיינונגען, האָט ר׳ נחמיה געזאָגט, אז דאָס איז אזוי פיעל ווי עס דאַרף נעהמען צייט, ווען א מענש זאָל וועלען געהען א ״חצי מיל״ ד. ה. טויזענד איילען (שבת דף ל״ד עמוד ב׳).

* * *

נאָך א וויכטיגער תנא אין יענער צייט איז געוועזען ר׳ יהושע בן קרחה. זאָגען וועגען איהם אזעלכע מפרשים פון דער גמרא ווי רש״י, רבנו גרשם מאור הגולה און דער רשב״ם, אז דער דאָזיגער ר׳ יהושע איז געוועזען א זוהן פון ר׳ עקיבא, וועלכער האָט געהאַט א צונעמעניש ״קרח״

(דער פליכעוואטער), און שמעון בן עזאי האט אמאל געזאגט וועגן איהם, אז "אלע אידישע חכמים זיינען ביי איהם אזוי פיעל ווערטה ווי די שאלעכץ פון א קנאבעל, חוץ פון יענעם פליכעוואטען מענש", ד. ה. פון ר׳ עקיבא. האט מען שוין דאדורך באצייכענט דעם זוהן פון ר׳ עקיבא מיט׳ן צונע־מעניש פון זיין פאטער — בן קרחה (בכורות דף נ"ח עמוד א׳).

וויל דארט אבער תוספות באווייזען, ווי ווייט אוממעגליך דאס איז, אז ווייל בן־עזאי האט אמאל באטיטעלט ר׳ עקיבא׳ן מיט׳ן נאמען "קרח", האט מען געזאלט זיין זוהן שטענדיג רופען "בן קרחה" און נישט בן ר׳ עקיבא. אויסערדעם שטימען אויך נישט די יאהרען, ווייל ווען ר׳ יהושע בן קרחה האט געהאלטען ביים שטארבען, האט איהם ר׳ יהודה הנשיא געבעטען, ער זאל איהם בענשען. האט איהם ר׳ יהושע געזאגט: "איך ווינש דיר, דו זאלסט לעבען מינדעסטענס א העלפט אזוי פיעל יאהרען ווי איך!" (מגלה דף כ"ח עמוד א׳). וואלט אבער ר׳ יהושע ווירקליך געווען א זוהן פון ר׳ עקיבא, וואלט אזא ברכה וועגען א העלפט פון זיינע יאהרען גאר נישט געהאט קיין ווערדע...

אין דער משנה איז ר׳ יהושע בן קרחה דערמאנט בלויז פיער מאל (ברכות פרק ב׳ משנה ב׳, ראש השנה פרק ד׳ משנה ד׳, נדרים פרק ג׳ משנה י"א, סנהדרין פרק ז׳ משנה ה׳). מיר געפינען אבער זיין נאמען זעהר אפט אין דער גמרא אין באצוג צו הלכה, א שטייגער ווי וואס ער זאגט, אז ביים עדות־זאגען מעגען אמאל די עדות קומען איינער נאך׳ן אנדערן (כתובות דף כ"ו עמוד ב׳), אדער ווען ער זאגט, אז דער שליח פון א מענש קען טהון דאסזעלבע, וואס זיין שיקער (קדושין דף מ"א עמוד ב׳). עס איז אויך באוואוסט, אז ביי א מצוה פון דער תורה איז ער געווען א מחמיר און ביי א מצוה דרבנן איז ער געגאנגען נאך׳ן מקיל (עבודה זרה דף ז׳ עמוד א׳).

פון זיינע מאראלישע אויספרוכען דארף דערמאנט ווערען, וואס ער זאגט; אז "ווער עס לערנט און חזר׳ט נישט איבער זיין לערנען, איז דאס גליך ווי איינער זעעט זיין פעלד און שניידט נישט אפ די תבואה" (סנהדרין דף צ"ט עמוד א׳). ביי אן אנדערער געלעגענהייט זאגט ער: "ווער עס באהאלט זיינע אויגען פון צדקה, איז גליך ווי איינער דיענט צו דער עבודה זרה" (כתובות דף ס"ח עמוד א׳).

ווי עס דאכט זיך, האט זיך אין יענע יאהרען שטארק פארמעהרט די צאהל גנבים אין ארץ־ישראל און די רעגירונג האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען מיט זיי. צי דאס זיינען טאקי געווען פשוט׳ע גנבים אדער עס זיינען גאר אפשר געווען רעוואלוציאנערען, וועלכע זיינען ערקלערט געווארען פון דער רעגירונג אלס גנבים, איז היינט שווער צו דערגעהען. אינטערע־סאנט איז, אז די רעגירונג האט אנגעשטעלט אלס איהרען אן אגענט דעם ר׳ אלעזר, דעם זוהן פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכער האט זיך געהאט בא־האלטען מיט זיין פאטער אין א הייהל, ער זאל די גנבים חאפען און איבער־געבען צום הרג׳נען. איז דאס דאזיגע אמט געווען עטוואס עהנליכעס ווי דאס אמט, וואס זיין זיידע יוחאי האט אמאל געהאט — און עס איז שוין ווע־גען דעם געשריבען געווארען.

אט דער ר׳ אלעזר ב"ר שמעון איז וועהרענד א געוויסער צייט געווען א תלמיד פון ר׳ יהושע בן קרחה. און אזוי ווי ר׳ יהושע האט געהערט ווע־גען דעם נייעם אמט, וואס ר׳ אלעזר האט איבערגענומען, האט ער איהם גע־

געבען דעם אויבערשטען׳ס פאָלק צום הרג׳נען?״ — האָט איהם ר׳ אלעזר געענטפערט: ״איך ריים בלויז די דערנער פונ׳ם ווייגאָרטען!״ — האָט איהם ר׳ יהושע בן קרחה אויף דעם געשיקט זאָגען: ״קען דען נישט דער אייגענטימער פונ׳ם ווייגגאָרטען אליין אויסרייסען זיינע דערנער?״ (בבא מציעא דף פ״ג עמוד ב׳).

ר׳ יהושע בן קרחה האָט זעהר לאַנג געלעבט. לויט ווי מען רעכענט, איז ער ביי זיין שטארבען אלט געווען הונדערט און זעכציג יאָהר. האָט איהם ר׳ יהודה הנשיא אמאָל געפרעגט, ער זאָל איהם זאָגען, אין וואָס פאַר א זכות ער לעבט אזוי לאַנג. האָט איהם ר׳ יהושע בן קרחה געזאָגט: ״איז דיר דען שוין נמאס געוואָרען מיין לעבען?״ — האָט איהם יענער געענטפערט: ״ניין! עס איז פאַר מיר בלויז א שטודיום, וועלכעס איך וויל לערנען!״ — האָט איהם ר׳ יהושע בן קרחה געענטפערט: ״זייט איך לעב, האָב איך נישט געקוקט אויף א מענש א רשע!״ (מגלה דף כ״ח עמוד א׳).

* * *

צווישען די חכמים, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען נאָך׳ן חורבן ביתר אין יבנה און שפּעטער אין אושא, איז אויך געווען ר׳ אליעזר דער זוהן פון ר׳ יוסי הגלילי (ברכות דף ס״ג עמוד ב׳), וועגען וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען, אז ״אומעטום וואו עס געפינען זיך די ווערטער פון ר׳ אליעזר בנו של ר׳ יוסי הגלילי אין אגדה, דאַרף מען אַנבויגען דאָס אויער, מען זאָל בעסער הערען״ (חולין דף פ״ט עמוד ב׳).

אין הלכה האָט דער דאָזיגער ר׳ אליעזר גאָר זעלטען גענומען דאָס וואָרט. ער האָט זיך אָבער פאַראייבינט מיט דעם, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט א סיסטעם פון 32 רעגעלען, לויט וועלכע עס דרשנ׳ט די אגדה אין דער תורה (ל״ב מדות שהאגדה נדרשת בהן).

חוץ צוויי־דריי הלכות, וואָס זיינען דערמאָנט אויף זיין נאָמען, איז פאַרהאַנען זיינער א ״ווערטעל״, אין וועלכען ער זאָגט: ״ווען איינער הויבט אָן א מצוה און ער ענדיגט זי נישט, דערנאָך קומט אן אנדערער און ענדיגט יענע מצוה, ווערד זי אָנגערופען אויף׳ן נאָמען פון יענעם, וועלכער האָט די מצוה פאַרענדיגט״ (בראשית רבה פרשה ה׳ פיסקא ג׳).

רבי יהודה הנשיא

צוליעב די באַנייטע רדיפות אקעגען דער אידישער אמונה, וועלכע זיי־נען פאָרגעקומען נאָך'ן טויט פון קייזער אנטאָנינוס פּיאוס, האָט דער נשיא רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אריבערגעטראָגען זיין בית־המדרש פון אושא קיין שפרעם.

ווי עס איז שוין געווען באַשריבען, זיינען די דאָזיגע באַנייטע גזרות געגען אידען פאָרגעקומען אין דער צייט וואָס לוציוס ווערוס האָט רעגירט צו־זאמען מיט קייזער מארק אווירעליוס — און געקעהרט זיינען זיי שוין נישט געווען געגען לערנען די אידישע תורה אויף'ן שטייגער פון האדריאַן'ס גזרות, נור געגען דעם מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, אידען זאָלען נישט טאָרען האַלטען קיין שבת און זיי זאָלען אויך נישט טאָרען מל זיין זייערע קינדער.

און ווען ר' שמעון בן גמליאל דער צווייטער איז געשטאָרבען, איז דער זוהן זיינער, ר' יהודה, געוואָרען "נשיא" ביי די אידען אין ארץ־ישראל. איז דאָס וואהרשיינליך געשעהען מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, האָטש עס פעהלען אונז צו דעם די היסטאָרישע דאָקומענטען. ווי עס דאכט זיך, האָט זיך דאן די שטימונג אין די רוימישע רעגירונגס־קרייזען בנוגע צו ארץ־ישראל געהאט אזוי ווייט אנטוויקעלט, אז מען האָט שוין נישט מעהר געהאט קיין מורא פאר אן אָפּשטאמער פון "מלכות בית דוד" און מען האָט אפילו נישט פּרובירט, צו וועלען איבערגעבען דאָס אמט פון א "נשיא" צו'ן א מענשען פון אן אנדערער אָפּשטאמונג.

ר' יהודה הנשיא ווערד אומעטום אין דער גמרא אָנגערופען מיט'ן בלוי־זען טיטעל זיינעם — "רבי". און אזוי ווי עס איז וועגען זיין רעליגיעזער אויפפיהרונג אָנגענומען די איבערציינגונג, אז ער איז געווען דער פרומסטער פון זיין דור, האָט מען איהם גערופען "רבנו הקדוש".

דאָס גאנצע לעבען זיינס איז געווען איין לאנגע קייט פון פארשיעדענע וואונדערפולע לעגענדעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען באלד אינ'ם ערשטען טאָג פון זיין געבוירען און זיי האָבען זיך געענדיגט פיעלע וואָכען נאָך זיין טויט.

ווי עס הייסט, איז ער געבוירען געוואָרען אין דעמזעלבען טאָג, וואָס ר' עקיבא איז געשטאָרבען (קדושין דף ע"ב עמוד ב') און קייזער האדריאַן'ס גזרות זיינען דאמאָלס געווען אין פולער קראפט, האָבען אידען מורא געהאט, מל צו זיין זייערע קינדער, ווייל טאָמער איז אין יענער צייט אויסגעפונען געוואָרען, אז א אידיש קינד איז ערגיץ גע'מל'ט געוואָרען, האָט דאָס גע־מל'טע קינד געדארפט באַצאָהלען די דאָזיגע "זינד" מיט זיין לעבען צוזא־מען מיט'ן לעבען פון זיינע עלטערן.

איז פאַרהאנען א מדרש, וועלכער דערצעהלט, אז ווען ר' יהודה הנשיא איז געבוירען געוואָרען, האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען צוגע־קלאָגט זיין פאָטער צו דער רעגירונג, אז ער האָט דאָס קינד גע'מל'ט. האָט מען איהם גערופען צוזאמען מיט זיין קינד צום קייזער (אָדער אפשר ריכ־

טיגער : צום קייזערליכען פּאָרטרעטער, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין ארץ־ישראל). האָט א גוי'שע שכנה פון די געהויבענע רוימישע אריסטאָקראַטען רחמנות געהאט אויף דעם קליינעם קינד פון ר' שמעון בן גמליאל צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. האָט זי אריינגענומען יהודה'לען צו זיך און איהר קינד האָט זי מיטגעגעבען צו ר' שמעון בן גמליאל, ער זאָל קענען ווייזען ביי דער קייזערליכער אונטערזוכונג, אז זיין קינד איז נישט גע'מל'ט...

וואו און אין וועלכער שטאָדט ר' יהודה הנשיא איז געבוירען, איז נישט באַוואוסט. די צייט איז געווען אזעלכע, אז מען קען נישט מיט באַשטימטהייט זאָגען, וואו זיינע עלטערן האָבען זיך 'גראָד דאַמאָלס אויפגעהאלטען.

אלס זוהן פונ'ם נשיא, וועלכער איז אויך געווען באַשטימט, צו פאַרנעהמען שפּעטער אמאָל דאָס אַמט פון זיין פאָטער, איז דער פאָטער זיינער שטענדיג געווען באַשטרעבט, צו האָבען פאַר איהם די בעסטע לעהרער, וועלכע האָבען איהם אריינגעפיהרט אין די סודות פון אלע וועלטליכע חכמות. מיט דער קראַפט פון זיינע פּערזענליכע פעהיגקייטען און מיט זיין שאַרפען חשק צום לערנען האָט ער אויך אלסדינג באַגריפען און אויף זיין אייגענעם דורך געהעריג פאַרדויעט.

געלעהרנט מיט איהם האָט מעהרסטענטיילס דער פאָטער זיינער, דערנאָך פלעגט ער איהם איבערגעבען צו ר' יעקב' קורשי (זעה ירושלמי שבת פרק י' הלכה ה'). שפּעטער האָט מען איהם ארויסגעשיקט לערנען אין פאַרשיעדענע ישיבות, א שטייגער ווי ביי ר' יהודה בר אלעאי, ביי ר' אלעזר בן שמוע און ביי נאָך מאַנכע אנדערע.

מיט א באַזונדערער פאָרליעבע האָט ר' יהודה הנשיא געלערנט דעם תנ"ך און אלע יאָהרען פון זיין לעבען איז ער געווען באַשטרעבט, אז אידען זאָלען ריידען לשון־הקדש אָדער די שפּראַך פון די הערשענדע רוימער (גריכיש). הויפּזעכליך האָט איהם געקרענקט׳ צו הערען, ווען אידען האָבען ערגיץ־וואו גערעדט א "זשאַרגאָן" פון לשונות (בבא קמא דף פ"ג עמוד א'). אין זיין הויז האָט איטליכער גערעדט העברעאיש, און זיינע א שקלאַפין, וועלכע ווערד אָפט דערמאָנט אין דער גמרא מיט'ן נאָמען "אמתא דבי רבי" און אין ירושלמי טיטולירט מען זי "שפחה של בית רבי", איז געווען א גאַנצע שפּראַכליכע אויטאָריטעט פאַר העברעאיש און עס פלעגען מאַנכע חכמים קומען צו'ן איהר לערנען, ווי אזוי אָנצורופען געוויסע געגענשטענדע (זעה ראש השנה דף כ"ו עמוד ב', מגלה דף י"ח עמוד א', ירושלמי שביעית פרק ט' הלכה א').

גלייך ווי זיין פאָטער און זיין זיידע האָט ר' יהודה הנשיא אוועקגעגעבען פיעל צייט צו לערנען פאַרשיעדענע נאַטור־וויסענשאַפטען. כדי צו קענען זיין אַלס "נשיא" גערעכט צו דער קאַלענדארישער באַשטימונג פון די חדשים און ימים־טובים, האָט ער געדאַרפט זיין באַהאַווענט אין אַסטראָנאָמיע. דעסגלייכען האָט ער צוליעב די דינים פון שפּייזען און ריינקייט פונ'ם קערפּער געדאַרפט פאַרשטעהען די טבע פון אלערליי חיות און פלאַנצונגען. זיינען די דאָזיגע לעהרען דאַמאָלס מעהר באַוואוסט געווען ביי די גוים, וועלכע זיינען נישט געווען געבונדען דורך די פאַרשריפטען פון דער תורה. פלעגט ר' יהודה זאָגען, אז ווען עס האַנדעלט זיך נישט וועגען א דין, איז די מיינונג פון די גוי'שע נאַטורפאָרשער אָפטמאָל ריכטיגער ווי אונזערע (פסחים דף צ"ה עמוד ב', יבמות דף פ' עמוד ב').

ר׳ יהודה הנשיא איז געווען זעהר רייך. פלעגט מען שילדערן זיין רייכקייט אויף אַן איבערטריבענעם שטייגער, ווי למשל, אַז די בהמות זיינע עסען אין גאָלדענע קאָריטעס און אַז עס איז אין זיינע שטאַלען פאַרהאַנען מעהר גאָלד ווי אין דער שאַצקאַמער פונ׳ם פּערזישען קעניג (בבא מציעא דף פ״ג עמוד ב׳).

צוליעב זיין געזעלשאַפטליכער שטעלונג האָט ער געדאַרפט פיהרען א לעבען אויף א פּריצישען שטייגער. איז עס אָבער פון דעסטוועגען געווען באַוואוסט, אַז פאַר זיין אייגענעם באַדאַרף האָט ער ווייניג וואָס באַנוצט זיין עשירות (כתובות דף ק״ד עמוד א׳). אַזוי אָפט ווי עס איז נור געווען נויטיג, פלעגט ער אַוועקגעבען אלסדינג מיט א ברייטער האַנד פאַר וואָהלטהעטיגקייט, אויף אויסצוהאַלטען תלמידי־חכמים און אויף צו שפּייזען אָרימע לייט אין א צייט פון נויט (בבא בתרא דף ח׳ עמוד א׳).

אין יענע יאָהרען האָט זיך אַמאָל געמאַכט א גרויסער הונגער אין אַלע פּראָווינצען פון דער רוימישער אימפּעריע. האָט דאַן ר׳ יהודה הנשיא געעפּענט אַלע שפּייכלערס פון זיינע תבואות, צו טיילען ברויט צו די הונגעריגע. גאָר צום ערשט האָט ער געזאָגט, אַז נור אַזעלכע, וואָס קענען לערנען, זאָלען ביי איהם קריגען עסען. האָט זיך איינער פון די תלמידים, ר׳ יונתן בן עמרם, פאַרשטעלט פאַר אַן עם־הארץ, און ווען ר׳ יהודה הנשיא האָט איהם גאָר נישט געוואָלט געבען, האָט יענער תלמיד געזאָגט: ״האָט דען א ראָב אָדער א הונד נישט קיין רעכט, געשפּייזט צו ווערען?״ — האָט שוין ר׳ יהודה הנשיא דערפון פאַרשטאַנען, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען בחויט, טאָר מען נישט קוקען, צי איינער קען יאָ לערנען, אָדער נישט, און ער האָט שוין געהייסען אַלעמען געבען.

טראָץ זיין גאַנצען ערפאָלג אינ׳ם לעבען האָט ר׳ יהודה הנשיא קיינמאָל נישט באַזעסען דעם מינדעסטען שטאָלץ. קיין איינציגער פון די חכמים איז נישט געווען אַזוי גערן וויליג, צו אנערקענען די באַדייטונג פון א צווייטען, צו זאָגען מיט׳ן פולען מויל, אַז יענער איז גרעסער פון איהם (בבא מציעא דף פ״ד עמוד ב׳). אָפטמאָל פלעגט ער אויך ווידערהאָלען א באַליעבטען ״ווערטעל״ זיינעם, אין וועלכען ער האָט געזאָגט: ״פיעל האָב איך געלערנט ביי מיינע רביים, מעהר נאָך האָב איך געלערנט׳ ביי מיינע חברים און צום מעהרסטען פון אַלעמען האָב איך געלערנט ביי מיינע תלמידים״ (מכות דף ו׳ עמוד א׳).

תמיד ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער באַאורטיילונג פון געוויסע טהעטיגקייטען פון מענשען, וועלכע זיינען קריטיקירט געוואָרען פון אַנדערע, פלעגט ר׳ יהודה הנשיא די אנגעלעגענהייט גענוי אונטערזוכען, איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג. אַזוי האָט מען ביי איהם אַמאָל איינעם צוגעקלאָגט, אַז ער באַאָבאַכטעט נישט גענוי די פאָרשריפטען פון ״שמיטה״. איז דאַן דער מענש געבראַכט געוואָרען צום בית־דין פונ׳ם נשיא, און נאָכדעם ווי ר׳ יהודה האָט אויסגעהערט די קלאַגע און די פאַרטיידיגונג פונ׳ם באַשולדיגטען, האָט ער א זאָג געטהון: ״וואָס קענט איהר פון אַזאַ אָרימען מענש פאַרלאַנגען און וואָס האָט ער געקענט טהון, ווען עס האָט זיך איהם געוואָלט עסען?״ (זעה ירושלמי תענית פרק א׳ הלכה א׳).

גלייך ווי זיין זיידע ר׳ גמליאל דיבנה האָט ר׳ יהודה הנשיא איינגעזעהען, אַז די דינים פון שמיטה זיינען א גרויסע לאַסט אויף די אָרימע פאָלקסמאסען און מען וואָלט פאַר זייערטוועגען געדאַרפט טראַכטען וועגען א פאַר־

גרינגערונג פון דער דאָזיגער לאַסט. אָרימע לייט האָבען פּשוט ניט גע־האַט וואָס צו עסען אין אַ יאָהר פון שמיטה און מען האָט זיי געקענט אויך אָהן דעם חושד זיין, אז זיי קענען ניט זיין אָפּגעהיט אין אַלע דינים און זיי עסען די פּירות, וואָס וואַקסען אינ'ם שמיטה־יאָהר. האָט דאַן ר' יהודה הנשיא געוואָלט אָנהויבען אַ געשפּרעך וועגען דעם מיט ר' פּנחס בן יאיר. האָט ער אָבער איינגעזעהען, אז יענער וועט אַרויסטרעטען געגען יעדע פּאַר־גרינגערונג, האָט ער שוין גאָר נישט גערעדט (ירושלמי דמאי פּרק א' הלכה ג'). האָט ער אָבער פון דעסטוועגען יאָ מתיר געמאַכט מאַנכע זאַכען, וואָס זיינען ביז צו זיין צייט נישט געווען ערלויבט צו טהון אין אַ שמיטה־יאָהר.

דאָסזעלבע האָט אויך ר' יהודה הנשיא געטהון אין דער אָנגעלעגענ־הייט פון מעשרות, צו פאַרגרינגערען דעם עול פון די מענשען (זעה ירושלמי דמאי פּרק ב'). און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ תענית, האָט ער אויסדריקליך געזאָגט, אז מען דאַרף ניט צופיעל באַלעסטיגען די מענשען מיט תעניתים (תענית דף י"ד עמוד ב').

ווי באַמערקט, האָט ר' יהודה הנשיא וויינעג וואָס מקפּיד געווען אויף זיין פּערזענליכען כבוד. טאָמער איז דאָס אָבער געווען פאַרבונדען מיט'ן כבוד פון זיין אַמט, האָט ער שוין ניט ערלויבט די קלענסטע פאַרגרינגע־רונג פון אָט דעם כבוד און ער איז אויך געווען גרייט, אַרויפצולייגען די שווערסטע שטראָפען, ווען עס האָט זיך אימיצער ערלויבט עטוואָס, וועל־כעס האָט אין זיינע אויגען אויסגעזעהען ווי אַ גרינגשעצונג פון זיין אַמט.

איז דאַדורך דער כבוד פונ'ם "נשיא" געווען דאַמאָלס אויף גאָר אַ הויכער מדרגה. אומעטום אין אַלע לענדער, וואו אידען האָבען געוואוינט, האָט מען זיך גוט צוגעהערט צו זיינס אַ וואָרט. וואָס ער האָט געזאָגט, איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ געזעץ, און ווען ער האָט עטוואָס געטהון, האָט זיך קיינער נישט דערוועגט, צו וועלען אזא טהאַט קריטיקירען.

ווי לאַנג ר' יהודה הנשיא האָט געלעבט, האָט ער אַלע זיינע יאָהרען גע־אַרבייט, אויפצוהויבען דאָס אַמט פונ'ם "נשיא" צו דער העכסטער מדרגה. איז דאַן זיינס אַ וואָרט געווען ווי אַ געזעץ פון דער תורה, נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נור אויך אין בבל אָדער אין די אַנדערע לענדער, וואו אידען האָבען געוואוינט. זיינען דאַמאָלס אַלע אָנגעלעגענהייטען אינ'ם אידישען לעבען דורכגעפיהרט געוואָרען אין דער בעסטער אָרדנונג און מען פלעגט זאָגען, אז "פון משה רבנו ביז ר' יהודה הנשיא איז נישט געווען אזא מענש וואָס תורה און גרויסקייט פונ'ם גייסט איז אין איהם געווען פאַראייניגט" (סנהדרין דף ל"ז עמוד א', גטין דף נ"ט עמוד ב').

צוליעב זיין אָפּשטאַמונג פון הלל הבבלי און פון "מלכות בית דוד" האָט מען איהם צוגעטיילט דעם גרעסטען כבוד, וואָס אידען האָבען אין יע־נער צייט פאַרמאָגט. מען האָט איהם אויך איבערגעגעבען די גאַנצע פיה־רונג פונ'ם פאָלק און מען האָט אנערקענט די ווערדע פון זיין וואָרט, אז עס איז וויכטיגער ווי דער כח פונ'ם גאַנצען בית־דין צוזאַמענגענומען, זיין ווילען זאָל זיין מאַסגעבענד ביי דער "סמיכה" פון אַ תלמיד, "נישט־קוקענ־דיג אויף דער מיינונג פון אַנדערע חכמים". איז דאַן געזאָגט געוואָרען, אז "ווען אַ בית דין האָט אימיצען באַשטימט צו אַן אַמט אָהן דער צושטימונג פונ'ם נשיא, איז אזא באַשטימונג אָהן יעדען ווערטה. האָט אָבער דער נשיא אימיצען באַשטימט צו אַן אַמט אָהן דער צושטימונג פון די אַנדערע

חברים אינ'ם בית־דין, איז אזא באַשטימונג א גילטיגע" (ירושלמי סנהדרין פרק א').

ביים בית־דין פון ר' יהודה הנשיא איז נישט געווען קיין "אב בית דין" און קיין "חכם", ווי עס איז געווען ביי זיין פאָטער ר' שמעון בן גמליאל. זיינען דאָרט דערפאַר נישט ארויסגעקומען קיין ווידערשפּרוכען און קיין סכסוכים צווישען דעם נשיא און די אנדערע חכמים. ער האָט אויך פאַר־שטאַנען, צו האַלטען זיך אין זיינע אנטשיידונגען אינ'ם ראהמען פון גע־וויסע גרענעצען. און טאָמער איז איהם אמאָל אָנגעקומען דער געדאַנק, ער זאָל וועלען איינפיהרען א ראדיקאַלען מנהג, האָט ער באַלד דערשפּירט די געגנערשאַפט, וואָס אזא זאַך קען ארויסרופען און ער איז דערפון אָפּגע־שטאַנען, איידער ער האָט עס נאָך אָנגעהויבען.

לויט ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדען אין ארץ־ישראל האָבען זיך דאַמאָלס אנטוויקעלט, האָט זיך ר' יהודה הנשיא געזעהען גע־צוואונגען, איינצופיהרען געוויסע רעפאָרמען אינ'ם רעליגיעזען לעבען פון די אידען. אזוי האָט ער, למשל, בטל געמאַכט דעם פריהער פאַרהייליגטען מנהג פון אָנצינדען פייערלעך אויף די בערג ביי א נייעם חודש, וועלכעס האָט געדיענט אלס א קאַלענדארישער צייכען פאַר דער באַשטימונג פון די ימים־טובים. אנשטאַט דעם האָט ער איינגעפיהרט, ארויס צו שיקען שלוחים איבער אלע אידישע קהלות, באַקאַנט צו מאַכען אומעטום, אז עס איז אָנגעקומען א נייער חודש (זעה ירושלמי ראש השנה פרק ב' הלכה א').

די אורזאַך פון דער דאָזיגער איינפיהרונג איז געווען, וואָס די שומרונים זיינען דאַן ווייטער ארויסגעטראָטען אין זייער שאַרפער געגנערשאַפט צו אידען, נאָכדעם ווי עס האָט געהאַט פריהער געהערשט א געוויסער פריע־דען צווישען ביידען, ווען די רוימער האָבען ביידע פאַרפאָלגט אין א גליי־כער מאָס. אום ארונטערצופיהרען דאָס פאָלק פונ'ם וועג ביי דער באַ־שטימונג פון די ימים־טובים, פלעגען דאַן די שומרונים מאַכען די פייער־לעך אויף די בערג נישט אין דער געהעריגער צייט. און איינמאָל ווען ר' ישמעאל ב"ר יוסי איז געגאַנגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים און ער איז אויף זיין וועג אָנגעקומען אין שכם, האָבען די שומרונים פון איהם אָפּגע־שפּעט, אז ער געהט באַזוכען א פארוויסטען פּלאַץ, וואָס דער אויבערשטער וויל איהם נישט מעהר האָבען, אנשטאַט וואָס ער וואָלט געדאַרפט האָבען מעהר שכל און ליעבערשט געהען בעטען צו גאָט אויף'ן בארג גריזים, וואו דער אויבערשטער האָט ארונטערגעשיקט זיין ברכה. האָט זיי ר' ישמעאל אויף דעם געענטפערט, אז דער דאָזיגער בארג איז הייליג ביי די שומרונים, וויל יעקב אבינו האָט דאָרט באַגראָבען אלע געצקעס פון לבן'ס הויז, ווען ער איז אנטלאָפען פון שכם. האָט די דאָזיגע תשובה שרעקליך אויפגע־רייצט די שומרונים, האָבען זיי דערפאַר געוואָלט ר' ישמעאל'ן הרג'נען און ער איז דאַן קוים אנטלאָפען מיט'ן לעבען (חולין דף ו' עמוד א', ירושלמי עבודה זרה פרק ה' הלכה ג').

צום מעהרסטען פארוויקעלט איז דאַמאָלס געווען די פראַגע פון "שמיטה". אָט דער פּראָבלעם איז שוין געווען א שווערער פון פריהער, זייט דער צייט פון ר' יהודה הנשיא'ס זיידע, רבן גמליאל דיבנה. די מענשען אין ארץ־ישראל זיינען געווען שרעקליך פאַראָרימט און די פעלדער האָבען נישט ארייגעבראַכט גענוג עסען, אויף צו דערהאַלטען די נשמה, איז מען אין א יאָהר פון שמיטה פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. האָט זיך ר' יהודה

הנשיא געסטארעט, ווי ווייט מעגליך, צו פארגרינגערן די הארטע פאר־שריפטען וועגן "שמיטה". דאסזעלבע האט ער געשטערבט ביי די פאר־שריפטען וועגן תרומות ומעשרות, וועלכע זיינען אויך געווען א שווע־רע לאסט פאר אן ארימען ערד־ארבייטער, איבערהויפט ווען דער בית־המקדש איז נישט מעהר געווען און ר' יהודה הנשיא האט ניט געקענט איינזעהען, צו וואס מען דארף נאך אלץ מפרנס זיין די כהנים און לויים, וועלכע טהוען נישט מעהר קיין ארבייט פאר'ן פאלק.

האט דאן ר' יהודה הנשיא ערקלערט אלס "חוץ לארץ" די גאנצע סביבה פון פיעלע שטעדט, וואס זיינען געווען ביי די גרעניצען פון ארץ־ישראל, אויף ווי ווייט זיי זיינען נישט געווען אינ'ם "כבוש ראשון" פון יהושע'ס צייטען און די מעהרהייט פון זייערע איינוואוינער זיינען געווען גוים, כדי צו קענען אלע יענע ערטער באפרייען פון די "מצוות התלויות בארץ", ווי עס איז די מצוה פון שמיטה אדער תרומות ומעשרות (זעה חולין דף ו' עמוד ב' און ירושלמי דמאי פרק ב' הלכה א').

די פארהעלטניסע פונ'ם אידישען לעבען האבען זיך אויך דאמאלס אויף אזוי ווייט געענדערט, אז די מענשען האבען אפטמאל נישט געקענט איינזיצען אים שבת אויף זייער ארט. האט מען געדארפט טראכטען וועגען א פארגרינגערונג, מען זאל מעגען אריבערגעהען אים שבת פון איין שטאדט צו דער אנדערער, א שטייגער ווי צווישען גדר און חמתן (זעה ערובין דף ס"א עמוד א' און ירושלמי ערובין פרק ה' הלכה ז')

אנדערע שוועריגקייטען האט ר' יהודה הנשיא בטל געמאכט ביי אנ־נעהמען גרים (יבמות דף ס' עמוד ב' און ירושלמי יבמות פרק ה' הלכה ב'). ער האט אויך געוואלט עטוואס טהון וועגען תשעה־באב. די גע־שיכטע דערפון, וואס ער האט געוואלט אויפטהון וועגען דעם, איז נישט זעהר קלאר. צוערשט דערצעהלט די גמרא, אז ער האט געוואלט תשעה־באב אין גאנצען בטל מאכען. האבען אבער די שפעטערע חכמים ניט פאר־שטאנען די מעגליכקייט פון אזא זאך, האבען זיי דאס ערקלערט, אז ער האט בלויז געוואלט בטל מאכען דעם תענית, ווען ער געפאלט אים שבת. אז אזוי ווי מען קען סיי־ווי נישט פאסטען אים שבת, זאל מען אין אזא יאהר איבערהויפט נישט פאסטען (זעה מגלה דף ה' עמוד ב' און ירושלמי מגלה פרק א' הלכה ד').

הויפטזעכליך האט ר' יהודה אכטונג געגעבען, עס זאל נישט געמינערט ווערען דער כבוד פונ'ם "נשיא". איז ער דאדורך אנגעגאנגען שטרענג מיט זיינע תלמידים און ער פלעגט אויך זעהר בייז ווערען, ווען עס האט זיך איהם אמאל אויסגעדאכט, אז איינער פון די תלמידים האט זיך ערלויבט דאס מינדעסטע ווארט געגען דעם כבוד פון זיין אמט.

ער האט אויך איינגעפיהרט, אז יעדער תלמיד, וועלכער איז אפילו אנערקענט אלס פעהיג צו אן אייגענעם בית־המדרש, זאל דאס נישט טארען טהון, סיידען ער וועט דערצו קריגען די ערלויבנים פונ'ם נשיא (סנהדרין דף ה' עמוד ב'). אזוי האט ער אנגעזאגט צו זיין זוהן ר' גמליאל, וועלכער איז געווען באשטימט צו ווערען זיין נאכפאלגער, ער זאל אנפיהרען זיין אמט מיט שטאלץ און אנווארפען א מורא אויף זיינע תלמידים (כתובות דף ק"ג עמוד ב').

איינמאל האט ר' יהודה הנשיא געזאגט צו זיין תלמיד ר' חייא, אז אלעס וואס א מענש וואלט איהם געהייסען טהון, וואלט ער געטהון, חוץ

דאָס וואָס די "בני בתירה" האָבען געטהון צו זיין זיידע'ן הלל הבבלי, ווען זיי זיינען אליין אַרונטער פונ'ם נשיאות און זיי האָבען אוועקגעזעצט הלל'ן אויף זייער אָרט. זאָל אָבער דער ראש־גולה רב הונא קומען פון בבל — האָט ער צוגעגעבען — וועל איך איהם טאַקי נישט אָפּטרעטען מיין פּלאַץ, איך וועל איהם אָבער אוועקזעצען אויבען־אָן, ווייל ער שטאַמט פון דער מענליכער ליניע פון דוד המלך און איך שטאַם בלויז פון דער ווייבליכער ליניע . . .

שפּעטער אַמאָל, ווען דער דאָזיגער שמועס איז שוין אפשר געווען פאַר־געסען, איז ר' חייא אריינגעקומען צו ר' יהודה הנשיא אין בית־המדרש און האָט צו'ן איהם א זאָג געטהון: "אָט איז יעצט דער ראש־גולה רב הונא פון בבל אָנגעקומען !"...

האָט ער געזעהען ווי די קאָלירען אין ר' יהודה'ס פּנים האָבען זיך גע־מינעט פון אַן אינעווייניגסטער אומרוהיגקייט. און ווי ר' חייא האָט דאָס באַמערקט, האָט ער באַלד צוגעגעבען : "א טויטער רב הונא איז געקומען, נישט קיין לעבעדיגער !"

רב הונא האָט געהאַט איבערגעלאָזען א צוואה, אז מען זאָל זיינע ביי־נער אריבער־פיהרען אין ארץ־ישראל. האָט מען דאַן געבראַכט זיין "אָרון" פון בבל.

איז ר' יהודה הנשיא שרעקליך בייז געוואָרען, וואָס ר' חייא האָט זיך ערלויבט, איהם איבערצושרעקען מיט א וויץ, אפילו בלויז אויף איין רגע, האָט ער איהם דערפאַר באַשטראָפט, ער זאָל נישט טאָרען קומען דרייסיג טאָג אין בית־המדרש אריין (ירושלמי כלאים פרק א' הלכה ד').

זעהר אינטערעסאַנט איז א כעס'דיגער אויפבּרויז פון ר' יהודה הנשיא געגען בר־קפּרא, וועגען וועלכען עס ווערד דאָס פאָלגענדע דער־צעהלט :

ר' יהודה הנשיא האָט געהאַט אַן איידעם מיט'ן נאָמען בן־אלעשא, וועלכער איז געווען זעהר א גרויסער עושר, אָבער לערנען האָט ער נישט געקענט. איז אַמאָל געווען א סעודה ביי ר' יהודה הנשיא אין הויז, האָט איטליכער אויפגעגעבען פאַרשיעדענע רעטענישען צו די פאַרזאַמעלטע — און בן־אלעשא איז געזעסען און האָט געשוויגען.

האָט בר־קפּרא צו'ן איהם געזאָגט : "וואָס שווייגסטו, ברודערקע ?" — האָט איהם בן־אלעשא געזאָגט : "אָט ווייסטו דאָך, אז איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען !" — האָט איהם בר־קפּרא אונטערגעזאָגט, ער זאָל פרעגען אַזאַ רעטעניש :

די גרוב קוקט אַרונטער פון הימעל,
פלאַטערט אַרום אין די ווינקלען פונ'ם הויז,
זי שרעקט איבער אַלע פויגלען,
יונגע זעהען זי און באַהאַלטען זיך —
און אַלטע בלייבען שטעהען.
ווער עס אַנטלויפט פון איהם דער שרייט פון וועה,
און ווער עס ווערד פון איהר געפאַנגען,
ווערד געפאַנגען אין זיין אייגענער זינד...

איז דאָס דאָזיגע רעטעניש געווען אַן אַנצוהערעניש געגען דער פיה־רונג פון ר' יהודה הנשיא'ס הויז. האָט ר' יהודה הנשיא פאַרשטאַנען, אז דאָס קומט ניט פון זיין איידעמ'ס קאָפּ. דערצו האָט ער נאָך באַמערקט, ווי

בר־קפרא שמייכעלט אין זיך אריין. איז אויך ר׳ יהודה הנשיא געווען ביי זיך זיכער, אז בר־קפרא איז טאקי דער מחבר פון אט דעם רעטעניש. האט ער צו׳ן איהם א זאג געטהון מיט כעס: ״איך וויל דיך נישט מעהר קענען, אלטער!״

האט דאס געמיינט זעהר א גרויסע שטראף פאר בר־קפרא. ווייל ער האט שוין צוליעב דעם דאזיגען וויץ קיינמאל נישט געקראגען קיין ״סמיכה״, האטש ער איז געווען ראוי דערצו ווי זעלטען איינער (זעה ירושלמי מועד קטן פרק ג׳ הלכה א׳).

אן עהנליכער אינצידענט איז פארגעקומען מיט שמואל ירחינאה, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע געלעהרטע אין יענער צייט און ער האט אויך נישט געקראגען קיין ״סמיכה״, האטש ער האט זיך פארדיענט געמאכט ארום דער פערזאן פון ר׳ יהודה הנשיא, וועמען ער האט פיעלע יאהרען באהאנדעלט אלס ארצט און מיט זיין הילף איז ר׳ יהודה הנשיא געהיילט געווארען פון א שווערער קראנקהייט.

מיט וואס שמואל ירחינאה האט זיך פארזינדיגט, איז נישט באַוואוסט. עס איז אויך מעגליך, אז די ידיעות זיינע אין הלכה זיינען נישט געווען גענוג פאר א ״סמיכה״, ווייל ער האט זיך מעהר אפגעגעבען מיט וועלטליכע ענינים, א שטייגער ווי מיט אסטראנאמיע, גלייך ווי מיט די חשבונות פון תקופות און מזלות. האט זיך שמואל געלאזט טרייסטען, אז וואס ער קריגט נישט קיין ״סמיכה״, איז שוין אנגעשריבען פון פריהער אינ׳ם ספר פון אדם הראשון, וואו עס שטעהט, אז שמואל ירחינאה וועט זיין א ״חכם״ אהן סמיכה (חכם יתקרי, רבי לא יתקרי) און עס וועט אויך דורך איהם פארקומען די היילונג פון ר׳ יהודה הנשיא (זעה בבא מציעא דף פ״ו עמוד א׳).

נור צוליעב זיין קראנקהייט, ביי וועלכער ער פלעגט ליידען גרויסע יסורים, איז אנצונעהמען, אז ר׳ יהודה הנשיא איז געווען גענייגט צו כעס. האט דאס ארויסגערופען א שטילע אומצופריעדענהייט צווישען זיינע תלמידים גלייך ווי ביי זיינע הויז־מענשען. האבען זיי אבער זעלטען ווען ארויסגעזאגט מיט׳ן מויל, וואס זיי האבען ביי זיך געדענקט. בלויז איינמאל ביי א סעודה אין זיין הויז, ווען אלעס איז געווען אויפגעהייטערט פונ׳ם טרינקען, האט ער געבעטען צוויי קינדער פון ר׳ חייא, יהודה און חזקיה, זיי זאלען עטוואס זאגען. האבען די צוויי אינגלעך גע׳דרשנ׳ט וועגען משיח׳ן און זיי האבען געזאגט, אז משיח וועט נישט קומען, ווי לאנג עס וועלען נישט אויפהערען צו עקסיסטירען די צוויי רעגירונגס־הייזער, דהיינו: דאס הויז פונ׳ם ״נשיא״ אין ארץ־ישראל און דאס הויז פונ׳ם ״ראש־גולה״ אין בבל, וועלכע שטערען דאס אנקומען פון דער גאולה...

פארשטעהט זיך, אז ר׳ יהודה הנשיא האט זיך פון אזא זאג זעהר גע־קרענקט געפיהלט. איז ער אבער, ווי עס דאכט זיך, געווען דאמאלס ביי גוטער לוינע, ווייל ער האט די צוויי בחורים נישט ארויסגעטריבען פונ׳ם הויז. ער האט בלויז געזאגט: ״קינדערלעך, איהרווארפט מיר דערנער אין די אויגען!״ (סנהדרין דף ל״ח עמוד א׳).

ביי דער צוזאמענשטעלונג פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס מאראלישע לעהרען דארף מען געדענקען, אז ער איז געווען א מענש, וואס דער גאנצער דור זיי־נער איז געווען איינשטימיג אין דער אפשאצונג פון זיין היילינגקייט און מען האט איהם דערפאר גערופען ״רבנו הקדוש״. דערצו איז ער נאך צוליעב

זיינע פערזענליכע אייגענשאפטען אזוי ווי צוליעב זיין געזעלשאפטליכען אומגאנג מיט מענשען, געווען דער ליעבלינגס־פריינד פון א רוימישען קייזער אדער — ווי מאנכע היסטאריקער ווילען — פון א רוימישען שטאטהאלטער, וועלכער פלעגט איהם קומען באזוכען אין געהיים און ער האט זיך ביי איהם אינפארמירט וועגען אלע ענינים פון אידישקייט, ביז ער האט זיך איבערצייגט, אז די אידישע אמונה איז די איינציג ריכטיגע און — ווי עס ווערד דערצעהלט — האט ער זיך זאגאר מגייר געווען.

דאביי דארף מען געדענקען, וואס פאר א פנים אידען האבען דאמאלס געהאט ביי די רוימער אין די אויגען. האט דער איד, מיט וועלכען אזא קייזער אדער אפילו נור בלויז א שטאטהאלטער האט פריינדשאפטליך פארקעהרט, געדארפט זיין אן אויסנאהם פון מיליאנען מענשען, אז דער קייזער אדער דער שטאטהאלטער זאל איהם האלטען פאר ווירדיג, צו קומען אין זיין הויז.

ביי אזעלכע אומשטענדען, פארשטעהט זיך, אז אידען האבען אזא מענשען פשוט פארגעטערט. איז אויך דאדורך פארשטענדליך, אז ווען ר' שמעון בן מנסיא צעהלט אויס זיבען גרויסע מעלות, וואס יעדער צדיק דארף פארמאגען, גיט ער באלד צו, אז עס האבען זיך די דאזיגע גרויסע מעלות פאראייניגט אלע אין ר' יהודה הנשיא און אין זיין פאמיליע דהיינו: שעהנקייט, קראפט, עהרווירדיגקייט, קלוגשאפט, א מענליכע בארד *), גרייזען־עלטער און געראטענע קינדער (זעה אבות פרק ב' און ירושלמי סנהדרין פרק י"א הלכה ג').

האט דאן איטליכער געגלויבט, אז ווען איינער זעהט ר' יהודה הנשיא אין זיין חלום, מעג ער האפען אויף חכמה (ברכות דף נ"ז עמוד ב') — און שפעטערע חכמים האבען וועגען איהם געזאגט, אז ער האט געשעפט זיין געהערזאמקייט פון די טיעפסטע ברונימער (שבועות דף ז' עמוד א'), ווייל אליהו הנביא פלעגט זיצען צווישען זיינע תלמידים, צו קענען זיך צוהערען צו זיין תורה (בבא מציעא דף פ"ה עמוד ב').

און האט מען איהם אמאל געפרעגט: "וועלכער איז דער ריכטיגער וועג, וואס דער מענש דארף זיך אויסקלויבען?" — האט ער געענטפערט: "יעדער וועג איז גוט, ווען ער פאסט זיך פאר די, וואס וואנדלען אויף איהם. און דער מענש קען זיך דערמיט באריהמען".

צו דער ערקלערונג פון אט דעם זאג זיינעם האט ער דאן באלד צוגעגעבען: "מען דארף איבערהויפט זיין געווארענט ביי א לייכטער מצוה גלייך ווי ביי א הארבער, ווייל דער מענש קען נישט אליין אפשאצען די ווערדע פון א מצוה. דארף דאדורך איטליכער בארעכענען דעם שאדען ביים טהון א מצוה געגען דער באלויהנונג פאר דער מצוה און דעם לוין פון אן עברה געגען איהר שאדען" (אבות פרק ב').

---

*) איז אט דעם ציטירטען טעקסט ווערד געברויכט דאס ווארט "זקנה", וועלכעס איך איבערזעץ דא — בארד (אין געגענזאץ צו אלע מפרשים), ווייל ווען עס וואלט בלויז געמיינט "עלטער", וואלט דארט נישט געדארפט צוגעגעבען ווערען דאס ווארט "שיבה", וועלכעס באטייט כמעט דאסזעלבע. עס דארף אויך באמערקט ווערען, אז די בארד האט זיך תמיד גערעכענט ביי אידען אלס א ציערונג פאר א מאנסביל, און אזוי ווי די רוימער און גריכען זיינען אין דער צייט פון ר' יהודה הנשיא געווען אהן בערד, איז די חשיבות פון א אידען מיט א בארד געווען גאר א גרויסע.

ווען א מענש טהוט אמאָל איין מצוה — האָט ר׳ יהודה הנשיא געזאָגט — דאַרף ער זיך ניט פרעהען בלויז פאַר יענע מצוה אליין, ווייל זי וועט דערנאָך זיכערליך נאָכשלעפּען פיעלע אנדערע מצוות. און ווען א מענש באגעהט אמאָל איין זינד, דאַרף ער נישט זיין באַזאָרגט וועגען דער איינער זינד אליין, ווייל זי וועט זיכערליך נאָכשלעפּען פיעל אנדערע זינד (ספרי פרשה ט״ו).

דער יצר־הרע איז זיין פאַרהעלטניס צום זינדיגען מענש — פלעגט רבי זאָגען — איז גלייך ווי עס געהען אמאָל צוויי מענשען אין איין גאַסט־הויז אריין און איינער פון די צוויי ווערד געחאַפּט פאַר רויבעריי. איז ווען מען פרעגט דעם געחאַפּטען: ״ווער איז געווען צוזאַמען מיט דיר?״ — וואָלט ער געקענט זאָגען, אז זיין חבר איז נישט געווען מיט איהם. ׳דענקט ער זיך אָבער, אז ווייל ער דאַרף גע׳הרג׳ט ווערען, זאָל טאַקי זיין חבר גע׳הרג׳ט ווערען מיט איהם אין איינעם און ער זאָגט, וועגען דעם חבר. אזוי דענקט זיך אויך דער יצר־הרע, אז ווען איין אבר פון א מענשען איז פאַרלוירען פאַר עולם־הבא, זאָלען שוין טאַקי אלע אברים פאַרלוירען געהען (אבות דר׳ נתן פרק ט״ז).

ווען איינער קריגט ביים לעבען זיינעם די תענוגים פון עולם־הזה — זאָגט רבי ביי אן אנדערער געלעגענהייט — פאַרמיידעט מען פון איהם דערנאָך די תענוגים פון עולם־הבא, און ווען איינער קריגט נישט ביים לעבען די תענוגים פון עולם־הזה, גיט מען איהם דערנאָך די תענוגים פון עולם־הבא. און געפינען זיך אמאָל צדיקים, וועלכע עס געהט שלעכט אויף דער וועלט, איז צו וואָס זיינען זיי געגליכען? צו׳ן א קעכער, וועלכער גרייט אָן א סעודה פאַר זיך, איז חאָטש ער דאַרף אליין שווער ארבייטען, האָט ער דאָס באַוואוסטזיין, אז ער גרייט צו די סעודה נישט פאַר אנדערע, נור פאַר זיך. און זיינען פאַרהאַנען רשעים, וועלכע עס געהט שלעכט אויף דער וועלט, איז צו וואָס זיינען זיי געגליכען? צו׳ן א קעכער, וועלכער גרייט צו א סעודה פאַר אנדערע, דאַרף ער דאַבּיי שווער ארבייטען פאַר אנדערע און אליין געניסט ער גאָר נישט פון דעם (אבות דר׳ נתן פרק כ״ח).

דאַבּיי איז אינטערעסאַנט, וואָס טראָץ רבי׳ס גרויסען גלויבען, אז דער עיקר פונ׳ם מענשליכען טהון און ווירקען דאַרף זיין געווידמעט צו דער אידעע פון עולם־הבא, האָט זיך ביי איהם פון דעסטוועגען ארויסגעחאַפּט אמאָל א ״ווערטעל״, אז ״עס איז בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים־טובים אויף דער וועלט, איידער דאָס גאַנצע לעבען אויף יענער וועלט״ (אבות פרק ד׳ משנה י״ז).

ווערד דאָס ערקלערט, אז ער האָט געמיינט די באַפריעדיגונג, וואָס א מענש פיהלט ביים טהון תשובה אָדער ביי אנדערע גוטע האַנדלונגען, וועלכעס איז וויכטיגער ווי דאָס גאַנצע פאַרגעניגען פון דער האָפענונג אויף ״עולם־הבא״...

רעדענדיג וועגען דער תורה, האָט רבי געזאָגט, אז זי איז געגליכען צו וואַסער. ווי אזוי איז דאָס? אזוי ווי ביי וואַסער שעהמט זיך נישט א דערוואַקסענער מענש, צו בעטען א קלענערן פון זיך, ער זאָל איהם געבען צו טרינקען, אזוי שעהמט זיך נישט א דערוואַקסענער מענש ביי דער פראַגע פון לערנען, צו בעטען א קלענערן פון זיך, ער זאָל איהם קלאָר מאַכען אין א געוויסער הלכה. אויסערדעם איז די תורה געגליכען צו וואַסער, ווייל אזוי ווי ביי וואַסער ווען איינער איז דורשטיג, פוילט ער זיך נישט,

צו זוכען א טרונק, אויף צו לעשען זיין דורשט, אזוי טאָר זיך א תלמיד נישט פוילען, צו געהען לערנען אין א בית־המדרש (קהלת רבה פרשה ב׳).

עס קען זיך אויך קיינער נישט באהאלטען מיט זיין תורה — האָט רבי געזאָגט — ווייל טאָמער באַשעפטיגט זיך איינער מיט דער תורה אינעווייניג, באהאַלטערנערהייט, שרייט זי פון איהם ארויס דרויסען (מועד קטן דף ט״ז עמוד ב׳).

און ווי ליעב רבי האָט געהאט די תורה און איהרע לערנער, אזוי פיינט האָט ער געהאט אן עם־הארץ און ער האָט געזאָגט, אז נור ווער עס באשעפ־טיגט זיך מיט דער תורה, מעג עסען דאָס פלייש פון א בהמה אָדער פון אן עוף. אָבער ווער עס גיט זיך נישט אָפּ מיט דער תורה, טאָר נישט עסען דאָס פלייש פון א בהמה אָדער פון אן עוף, ווייל עס איז טאַקי נישט פאר־האַנען קיין אונטערשיעד צווישען איהם און דער בהמה (פסחים דף מ״ט עמוד ב׳).

רבי האָט געגלויבט, אז ווי עס קומט נור אמאָל עפּיס שלעכטס אויף דער וועלט, איז דאָס נור דורך די זינד פון די עמי־הארצים (בבא בתרא דף ה׳ עמוד א׳). עס איז שוין אויך דערצעהלט געוואָרען, אז ווען עס איז אמאָל אויסגעבראָכען א הונגער אין ארץ־ישראל און ר׳ יהודה הנשיא האָט גע־עפענט זיינע שפּייכלער מיט תבואה, צו שפּייזען די אָרימע באפעלקערונג, האָט ער ניט געהייסען גאָר געבען צו אן עם־הארץ.

ווי פיעלע אנדערע חכמים פון בעפאָר איהם איז רבי געווען אן אָנהענ־גער פון שלום און ער האָט אמאָל א זאָג געטהון, אז ״אפילו ווען אידען דיענען די עבודה־זרה, נור זיי האָבען שלום ביי זיך, זאָגט דער אויבער־שטער אליין, אז ער קען זיי כביכול אין אזא צייט גאָר ניט טהון״ (בראשית רבה פרשה ל״ח).

רבי איז אויך געווען א גרויסער אנהענגער פון מלאכה און ער פלעגט זאָגען: ״גרוים איז די ווערדע פון א מלאכה, ווייל טאָמער גיט זיך איי־נער נישט אָפּ מיט א מלאכה און מען זעהט איהם לעבען, רעדט מען וועגען איהם, ווייל עס מוז זיך איטליכער פרעגען, פון וואנען אזא מין פּארשוין האָט צו עסען. איז דאָס געגליכען צו׳ן א פרוי, וועלכע האָט נישט קיין מאַן, און ווען זי פּוצט זיך אוים און זי געהט אין גאַס, ריידען די מענשען וועגען איהר. אזוי איז אויך יעדער, וואָס גיט זיך נישט אָפּ מיט א מלאכה, ריידען די מענשען שטענדיג וועגען איהם״ (אבות דר׳ נתן פרק כ״א).

כאראקטעריסטיש איז די תפלה, וואָס רבי פלעגט זאָגען יעדען טאָג נאָך׳ן דאווענען און אין וועלכער ער האָט געבעטען, דער אויבערשטער זאָל איהם ראַטעווען פון אלערליי פרעכע מענשען און ער אליין זאָל אויך נישט ווערען פרעך געגען אנדערע (עזי פנים ועזות פנים), ער זאָל אויך אָפּגערא־טעוועט ווערען פון א בייז באגעגעניש, פון א שלעכטען געדאנק, פון א שלעכ־טען חבר, פון א שלעכטען שכן, פון א שווערען דין גלייך ווי פון א שווערען בעל־דין (ברכות דף ט״ז עמוד ב׳).

ר׳ יהודה הנשיא איז געווען א מענש, וועלכער האָט זיך זעהר אָפּט געלאָזט איבערצייגען, אז אן אנדערער האָט רעכט. האָט ער אָבער עפענט־ליך געלערנט און א תלמיד האָט זיך דערוועגט, איהם צו קאָריגירען, איז אפילו ווען דער תלמיד איז גערעכט געווען, האָט דאָס איהם ר׳ יהודה הנשיא קיינמאָל נישט מוחל געווען (זעה ירושלמי חגיגה פרק ב׳ הלכה א׳).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז רבי איז אמאל געזעסען פאר'ן בית־המדרש פון די בבליים אין צפורי, איז דארט פארבייגעפיהרט געווארען א קעלבעל צו דער שחיטה, האט עס זיך געלאשטשעט צו ר' יהודה הנשיא און עס האט אויך דערביי געמעקעט, גלייך עס זאל וועלען בעטען ביי רבי'ן, ער זאל עס אפראטעווען פון טויט. האט רבי צו דעם דאזיגען קאלב א זאג געטהון: "איך קען דיר גאר נישט העלפען! דו מוזט געהען, וואו מען פיהרט דיך, וויל דו ביזט נור צוליעב דעם באשאפען געווארען!"...

האט מען דאן געזאגט אויבען אין הימעל, אז אזוי ווי רבי האט נישט קיין רחמנות אויף'ן אויבערשטען'ס באשעפענישען, זאל ער באשטראפט ווערען מיט יסורים... האט ער דערנאך געליטען אויף זיינע צייהן דריי־צעהן יאהר.

א צייט שפעטער האט זיין טאכטער דערזעהען א שרץ אין שטוב און זי האט עס געוואלט הרג'נען. האט איהר רבי געזאגט: "לאז עס געמאך. דער אויבערשטער האט עס באשאפען און ער האט רחמנות אויף אלע זיינע באשעפענישען!"...

האט מען דאן אויבען געזאגט, אז אזוי ווי ער האט רחמנות אויף'ן אויבערשטען'ס באשעפענישען, דארף מען אויך אויף איהם רחמנות האבען (בבא מציעא דף פ"ח עמוד א', בראשית רבה פרשה ל"ג).

און ווען רבי האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער איבערגעלאזען א צוואה צו זיינע קינדער, אז מען זאל אין דער פיהרונג פונ'ם הויז גאר נישט ענדערען.

דערנאך האט ער אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און ער האט געזאגט: "רבונו של עולם, דו ווייסט דעם אמת, אז איך האב מיך אלע מיינע טעג אפגעגעבען מיט דער תורה און איך האב נישט געהאט קיין פאר־גניגען אויף דער וועלט אפילו אויף אזוי פיעל ווי מיין קליינער פינגער!" (כתובות דף ק"ד עמוד א').

אין יענעם טאג, וואס ר' יהודה הנשיא האט געהאלטען ביים שטארבען, האבען די חכמים גוזר תענית געווען און היים געבעטען צו גאט. דערנאך האבען זיי געזאגט, אז ווער עס וועט קומען מיט דער בשורה, אז רבי איז געשטארבען, זאל מען איהם דורכשטעכען מיט א שווערד.

שפעטער האט מען געשיקט בר־קפרא'ן ער זאל געהען געוואהר ווערען, וואס רבי טהוט, האט ער איהם שוין געטראפען א געשטארבענעם. האט ער צוריסען זיינע קליידער — און ווען ער איז געקומען אין בית־המדרש אריין צו זיינע חברים, האט ער געזאגט: "די מלאכים און די מענשען האבען געקעמפפט וועגען דעם ארון־הקודש, האבען די מלאכים געזיעגט און דער ארון־הקודש איז געפאנגען גענומען!"...

האבען די חכמים געפרעגט: "געשטארבען?" — האט בר־קפרא געענטפערט: "איהר האט דאס געזאגט! איך האב עס נישט געוואלט ברענגען איבער מיין מויל!" (כתובות דף ק"ד עמוד א').

אין די ערצעהלונגען וועגען דער טהעטיגקייט פון ר' יהודה הנשיא, וואס געפינען זיך אין תלמוד און מדרשים, ווערד פיעל גערעדט וועגען אן אינטימער פריינדשאפט, וועלכע האט געהערשט צווישען דעם רוימישען קייזער אנטאנינוס און ר' יהודה הנשיא, ווי דער קייזער פלעגט באזוכען אין געהיים דאס הויז פון ר' יהודה הנשיא און צו דיעזען צוועק האט ער געהאט א הייהל, וועלכע האט געפיהרט פון רוים (?) ביז צום הויז פונ'ם אידישען

"נשיא", וואו ער פלעגט פארברענגען אין פריינדליכע וכוחים וועגן דער אידישער אמונה.

די אנהענגערשאפט פונ'ם קייזער צום אידישען "נשיא" איז אויך געגאנגען אזוי ווייט, אַז דער קייזער פלעגט אָפטמאָל פרעגען עצות ביי ר' יהודה הנשיא, וואָס ער זאָל טהון, אפילו אין אזעלכע פראגען ווי ווען ער וויל ארויפזעצען זיין זוהן נאָך זיך אויף'ן רוימישען טהראָן, אָדער ווי אזוי ער זאָל האנדלען געגען זיין טאָכטער, וועלכע איז ארונטער פונ'ם דרך־הישר.

געפינען זיך די מעהרסטע פון די דאָזיגע מעשיות אין מסכת עבודה־זרה (דף י'), און פאר דער באַשטעטיגונג וועגן דעם היסטאָרישען יסוד פון יענע אַלע מעשיות קען מען אָנווייזען אויף דעם, וואָס זיי זיינען טיילווייז דערמאָנט אין די שריפטען פונ'ם קריסטליכען "קירכענפאָטער" היראָנימוס, וועלכער האָט געלעבט נאָהנט צו יענער עפּאָכע, ווען די געשעהענישען זיינען נאָך געווען לעבעדיג ביי איטליכען אין זכרון.

זיינען אָבער די היסטאָריקער לחלוטין ניט קלאָר, וועלכער קייזער אנטאָנינוס דאָס איז געווען. אין די יאָהרען, וואָס ר' יהודה הנשיא האָט געלעבט און געווירקט, זיינען געווען צוויי אָדער דריי רוימישע קייזאָרים, וועלכע האָבען לעבען זייער פריהערען נאָמען אָנגענומען דעם נאָמען אנטאָנינוס. פּאַסט זיך אָבער ניט קיינער פון זיי צו די שילדערונגען וועגן יענעם תלמוד'ישען אנטאָנינוס און עס לאָזט זיך גאָר נישט גלויבען, אַז איינער פון זיי האָט געזאָלט אָנקניפּען א פריינדשאפט מיט'ן פיהרער פון די אידען.

אנטאָנינוס פּיאוס, למשל, וועלכער איז געווען דער ערשטער, צו פארבעסערען די לאגע פון די אידען אין ארץ־ישראל, קען נישט בשום אופן זיין יענער אנטאָנינוס, ווייל חאָטש ער האָט פארגרינגערט די גזרות פון האדריאַן, האָט ער פון דעסטוועגען ניט פיעל געהאלטען פון אידען. אויסערדעם שטימען ניט די יאָהרען פון זיין רעגירונג, מען זאָל קענען זאָגען, אז ער איז דאָס יענער אנטאָנינוס פון דער גמרא.

האָט ר' שלמה ליב ראפּאפּאָרט אין זיין ספר "ערך מלין" אויפגעשטעלט די טעאָריע, אז דאָס איז געווען קייזער אנטאָנינוס מארק אוירעליוס. צו דערזעלבער מיינונג האָט אויך צוגעשטימט ר' אייזיק הירש וויס, אין זיין ספר "דור דור ודורשיו". איז אָבער געגען דער דאָזיגער מיינונג ארויסגעטראָטען ר' זכריה פראנקעל אין זיין ספר "דרכי המשנה" און נאָך איהם האָבען די באַוואוסטע היסטאָריקער יאָסט און גרעץ ווידערהאָלט דיזעלבע ארגומענטען, אז די מעשה פון אנטאָנינוס'עס חבר'שאפט מיט ר' יהודה הנשיא איז פשוט נישט מעגליך ביי קייזער מאַרק אוירעליוס. האָבען זיי דאדורך אויפגעשטעלט די באַהויפּטונג, אז די פריינדשאפט פונ'ם רוימישען קייזער צום אידישען "נשיא" איז געווען ביי ר' יהודה נשיאה, דעם אייניקעל פון ר' יהודה הנשיא און יענער קייזער אַנטאָנינוס איז געווען אלעקסאנדער סעווערוס, וועגען וועלכען עס איז היסטאָריש באַוויזען, אַז ער איז געווען גוט צו אידען.

אין דער באַגרינדונג פון זייער מיינונג ארגומענטירען די דערמאָנטע געלעהרטע, אַז קייזער מאַרק אוירעליוס איז טאַקי געווען א שטיק פילאָזאָף, אָבער די אידען אין ארץ־ישראל איז אין דער צייט פון זיין רעגירונג גאָר נישט גוט געווען, און ווען מאַרק אוירעליוס איז אמאָל געקומען אויף א באזוך קיין ארץ־ישראל, זיינען דאָרט די אידען געשטאַנען אויף א זעהר

נידריגער פּאָליטישער מדרגה. האָט דאַן ר׳ יהודה הנשיא׳ס א תּלמיד, ר׳ חייא, ערקלערט די לאַגע פון די אידען, אז ״אזוי ווי עס איז צום אויבער־שטען באַוואוסט, אז אידען קענען ניט אַריבערטראָגען די גזרות פון אדום (רוים), האָט ער זיי דורך דעם אוועקגעשיקט קיין בבל״ (גטין דף י״ז עמוד א׳).

ווילען אנדערע היסטאָריקער פּשוט אָפּלייקענען די גאַנצע מעשה וועגען דער פריינדשאַפט פון קייזער אנטאָנינוס צו ר׳ יהודה הנשיא — און זיי זאָגען, אז אזוי ווי עס האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען דאָס קריסטענטום איבער דער וועלט און מאַנכע רוימישע קייזאָרים זיינען געווען גענייגט, צו זיין פריינדליך צום קריסטענטום, האָבען זיך די אידען פאַרבונדען מיט פאַרשיעדענע רוימישע געגנער פון׳ם קריסטענטום, דאַביי האָבען זיי אויך אויסגעטראַכט א מעשה וועגען א קייזער אנטאָנינוס מיט זייער רבי׳ן, צו פאַרבלענדען די וועלט.

קומען ווייטער אנדערע נייערע היסטאָרישע פאָרשער, וועלכע זאָגען, אז די מעשה מיט אנטאָנינוס איז יאָ געבויעט אויף א היסטאָרישען פאַקט. איז דאָס אָבער נישט געווען א קייזער אנטאָנינוס, נור א רוימישער שטאַטהאַל־טער מיט׳ן נאָמען אנטאָנינוס.

האָט דער דאָזיגער שטאַטהאַלטער טאַקי געהאַט א פאַרבאָרגענעם וועג פון זיין פּאַלאַץ אין צעזאַרעאַ, צו־צוקומען צום הויז פון ר׳ יהודה הנשיא — און געגאַנגען איז ער שטענדיג אין באַגלייטונג פון צוויי שקלאַפען. אָבער אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אז די שקלאַפען וועלען דערצעהלען וועגען זיינע באַציהונגען צום אידישען ״נשיא״, וועלכעם האָט איהם, ביי די דאַ־מאָלסדיגע פאַרהעלטניסע, געקענט שעדיגען, ווען מען זאָל געוואָהר ווערען אין רוים, אז דער שטאַטהאַלטער, וואָס דער קייזער האָט געשיקט אונטער־דריקען די אידען, פיהרט גאָר אָן א חבר׳שאַפט מיט אידען געגען די אינ־טערעסען פון דער רעגירונג, דערצעהלט די לעגענדע, אז ער האָט יעדעס מאָל דער׳הרג׳ט איינעם פון די שקלאַפען, ווען ער איז אָנגעקומען צו ר׳ יהודה הנשיא׳ס טהיר, און דעם אנדערען שקלאַף האָט ער דער׳הרג׳ט, איידער ער איז אָנגעקומען צוריק אין פּאַלאַץ.

אנטאָנינוס האָט אויך נישט געוואָלט, אז ווען ער וועט קומען צו רבי אין הויז אריין, זאָל זיך דאָרט געפינען א פרעמדער מענש. און ווען ער האָט דאָרט איינמאָל געטראָפען ר׳ חנינא בר חמא, איז ער בייז געוואָרען און ער האָט באַלד א פרעג געטהון: ״וואָס איז דאָס?״ — וועלענדיג דאַביי זאָגען: וואָס האָט מען עפּיס היינט גערופען אן עדות פאַר מיין אנוועזענהייט?

האָט רבי געענטפערט אויף זיין שאלה: ״דאָס איז נישט קיין מענש, נור א מלאך!״ (לית דין בר אינש).

— אויב אזוי — האָט אנטאָנינוס געזאָגט — זאָל ער ארויסגעהען אויפוועקען דעם שקלאַף מיינעם, וועלכער איז געבליבען אין דרויסען שלאָפען ביי דער טהיר!

דערצעהלט ווייטער די לעגענדע, אז ר׳ חנינא איז טאַקי ארויסגעגאַנ־גען און ער האָט מיט זיין תּפילה דעם געטויטעטען שקלאַף לעבעדיג געמאַכט.

ביי אלערליי פּלאָנטערס פון זיין הויז — ווערד דערצעהלט — פּלעגט אנטאָנינוס פרעגען אן עצה ביי ר׳ יהודה הנשיא, און כדי די מענשען זאָ־

לען ניט פארשטעהען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָבען זיי אָפּטמאָל גע־פיהרט צווישען זיך א "בלומען־שפּראַך".

האָט זיך אַמאָל גירא, די טאָכטער פון אנטאָנינוס, פּלוצים געגומען געהען אויף קרומע וועגען. האָט אנטאָנינוס געשיקט צו ר' יהודה הנשיא אזא גראָז מיט'ן נאָמען "גאגירא" (דאָס איז א מין ווייסער מאָסטאַרד), מיט וועלכען ער האָט געוואָלט דערצעהלען, אז זיין טאָכטער גירא איז ארונ־טער פונ'ם "דרך הישר" און ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל מיט איהר טהון. האָט איהם ר'בי צוריקגעשיקט א גראָז מיט'ן נאָמען "כוסברתא" (דאָס איז א מין קאָריאַנדער), וועלכעס האָט געדאַרפט הייסען: "אויב דיין טאָכטער איז אראָפּ פונ'ם דרך הישר, מעגסטו זי הרג'נען".

אלס תשובה אויף רבי'ס עצה האָט אנטאָנינוס צוריקגעשיקט א גראָז מיט'ן נאָמען "כרתי" (ליעק), מיט וועלכען ער האָט געוואָלט זאָגען: "ווי קען איך אויס'הרג'נען מיין פאַמיליע?" — האָט איהם רבי צוריקגעשיקט א גראָז מיט'ן נאָמען "חסא" (דאָס איז א מין שאַלאָטען), מיט וועלכען ער האָט געמיינט צו זאָגען: "פּאַרדעק אַלסדינג און זאָל דאָס קיינער ניט וויסען!"

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט אנטאָנינוס געשיקט א שאלה צו ר' יהודה הנשיא מיט די ווערטער: "די קעניגליכע קאַסעס זיינען ליידיג, טאָ גיב אן עצה, וואָס מען זאָל טהון!"

האָט רבי אריינגענומען דעם שליח אין זיין גאָרטען און ער האָט אין זיין געגענוואַרט אויסגעריסען פון דאָרט די גרויסע רעטעכער און איינ־געפלאַנצט קליינע רעטעכלעך אויף זייער אָרט. און ווען דער שליח פון אנ־טאָנינוס האָט איהם געזאָגט: "גיב מיר א תשובה!", האָט רבי געענט־פערט: "עס איז נישט נויטיג!"

איז דאַן דער שליח געקומען צו אנטאָנינוס און ער האָט געזאָגט: "רבי האָט מיר נישט געוואָלט געבען קיין שום תשובה!" — האָט איהם אנטאָנינוס געפרעגט: "האָט ער נישט געטהון עפּיס א זייטיגע ארבייט אין דיין געגענוואַרט?"

האָט דער שליח דערצעהלט, ווי רבי האָט איהם אריינגעפיהרט אין זיין גאָרטען און אין זיין געגענוואַרט האָט ער אויסגעריסען די גרויסע רעטע־כער און איינגעפלאַנצט קליינע רעטעכלעך... האָט אנטאָנינוס פארשטאַנען, וואָס רבי האָט איהם אָנגעוואונקען. ער האָט באַלד ארונטערגעזעצט איי־ניגע פון זיינע באַאמטע און ארויפגעזעצט נייע באַאמטע אויף זייער אָרט. האָט דאָס איהם באַלד אריינגעבראַכט פיעל געלד אין דער קעניגליכער קאַ־סע (בראשית רבה פרשה ס"ז פיסקא ו').

איינמאָל האָט אנטאָנינוס געזאָגט צו רבי: "איך וואָלט גערן געזעהען, אז מיין זוהן סעווערוס זאָל איבערנעהמען די מלוכה נאָך מיר און די שטאָדט טבריה וויל איך מאַכען פאַר א פרייע שטאָדט. קען איך אָבער נישט דורכ־פיהרען מעהר ווי איין זאַך, ווייס איך נישט, וועלכעס פון ביידען איך זאָל פריהער איינפיהרען!"

האָט איהם רבי געזאָגט, אז ער דאַרף פריהער באַשטימען זיין זוהן סעווערוס אַלס זיין שטעלפאַרטרעטער, וועט שוין יענער דערנאָך מאַכען טבריה פאַר א פרייע שטאָדט.

שפּעטער, דאַכט זיך, איז שוין דער פאַרקעהר צווישען אנטאָנינוס און רבי געוועזען אָפענער און נישט קיין באַהאַלטענער, ווי מען קען דאָס זעהען פון די פאָלגענדע עפּיזאָדען:

ווען אנטאָנינוס איז געזעסען ביי רבי'ן אין הויז, פלעגט ער כסדר וועלען רבי'ן באַדיענען, און ווען רבי האָט געדאַרפט אריינגעהען אין זיין "טראָגזעסעל" (לעקטיקע), מען זאָל איהם טראָגען אין בית־המדרש אריין, פלעגט זיך אנטאָנינוס אָנבויגען, אז רבי זאָל איבער זיין רוקען אריינגעהען אינ'ם טראָגזעסעל. האָט איהם רבי געזאָגט, ער זאָל דאָס נישט טהון, ווייל עס איז אין דעם א באַליידיגונג פאַר זיין קעניגליכען אמט. האָט איהם אַנטאָנינוס געזאָגט: "הלואי קען איך זיין א טעפיך אונטער דיר אויף יענער וועלט!"

אנטאָנינוס פלעגט אויך שיקען גאַנצע זעק גאָלד אלס א מתנה צו רבי, און כדי מען זאָל נישט וויסען, אז ער גיט אוועק דאָס גאָלד פון דער רעגירונג צום אידישען "נשיא", פלעגט ער באדעקען דאָס גאָלד פון אויבען מיט ווייץ. האָט איהם רבי איינמאָל געזאָגט: "צו וואָס טהוסטו דאָס, ווען איך דאַרף דאָס נישט?" — האָט איהם אנטאָנינוס געענטפערט: "זאָל דאָס בלייבען פאַר די, וואָס וועלען קומען נאָך דיר, און זיי זאָלען דאָס איבערגעבען צו שפּעטערע דורות!"

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט אנטאָנינוס אוועקגעגעבען צו ר' יהודה הנשיא אין פּאַכט צוויי טויזענד אקער פעלד אין ארץ־ישראל (ירושלמי שביעית פרק ו' הלכה א').

פאַרהאַנען א מיינונג, אז אנטאָנינוס האָט זיך מגייר געווען. די מעשה איז אפילו נישט גאַנץ קלאָר, ווייל עס ווערען אין דיעזער באַציהונג געבראַכט ראיות אויף יאָ און אויף נישט.

אזוי ווערד דערצעהלט, ווי אנטאָנינוס האָט אמאָל געזאָגט צו ר' יהודה הנשיא: "אָט זאָגסטו מיר צו, אז איך וועל אויף יענער וועלט עסען פונ'ם לויתן, אָבער פונ'ם קרבן־פּסח לאָזטו מיך נישט עסען!" — האָט איהם רבי געוויזען, וואָס דער פּסוק זאָגט, אז א נישט־גע'מל'טער טאָר נישט געניסען פונ'ם קרבן־פּסח. איז דאַדורך אנטאָנינוס געגאַנגען און האָט זיך מל געווען. ווערד טאַקי צוליעב דעם געזאָגט, אז ווען משיח וועט קומען, וועט אנטאָנינוס מאַרשירען אלס ערשטער צווישען די "גרי צדק".

גלייכצייטיג ווערד דערצעהלט, אז אנטאָנינוס האָט געשאָנקען א מנורה פאַר דער שוהל אין טבריה, און ווען רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: "געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט איהם געגעבען אזא געדאַנק אין קאָפּ אריין!". איז ווייל רבי האָט געזאָגט: "געלויבט איז גאָט!" און ער האָט נישט געזאָגט: "געלויבט איז אונזער גאָט!", ווערד דערפון געדרונגען, אז אנטאָנינוס האָט זיך נישט מגייר געווען (**זעה ירושלמי מגלה פרק ג' הלכה ב'**).

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז אנטאָנינוס פלעגט אָפטמאָל איינלאַדען ר' יהודה הנשיא צו זיך אין הויז און רבי האָט אויך געמאַכט סעודות אין זיין הויז לכבוד אנטאָנינוס. האָט מען אמאָל ביי אזא סעודה אין רבי'ס הויז, וועלכע איז גראַד פאָרגעקומען אין א שבת, דערלאַנגט צום טיש בלויז קאַלטע מאכלים. האָט זיי אנטאָנינוס געגעסען מיט גרויס אפּעטיט און זיי האָבען איהם זעהר געשמעקט. דערנאָך האָט רבי אמאָל געמאַכט א סעודה פאַר אנטאָנינוס אין א וואָכענטאָג און מען האָט דערלאַנגט הייסע געקעכטסען, האָט אנטאָנינוס געזאָגט, אז יענע קאַלטע מאכלים האָבען איהם בעסער געשמעקט. האָט רבי געזאָגט: "דאָס איז דערפאַר, ווייל מען האָט אין די היינטיגע געריכטען נישט אריינגעטהון יענעם געווירץ, וואָס

מען האָט דאָמאָלס אריינגעטהון!" און אויף דער פאַרוואונדערטער פראַגע, וואָס פאר א געווירץ דאָס איז געווען, האָט רבי צוגעגעבען, אז יענער געווירץ איז "שבת" (בראשית רבה פרשה י"א פיסקא ב').

מאַנכעס מאָל האָט זיך אַנטאָנינוס אריינגעלאָזען אין א רעליגיעז־פילאָזאָפישען געשפרעך, ביי וועלכען ער פלעגט שטעלען אַזעלכע פראַגען, ווי למשל: פון ווען אָן קריגט דער מענש זיין נשמה? אָדער: פון ווען אָן רעגירט דער יצר־הרע איבער'ן מענשען?

נישט תמיד האָט אָבער רבי'ס תשובה באַפריעדיגט דעם פרעגער, פלעגט אַנטאָנינוס אין אַזא פאַל געבען זיינע אייגענע תשובה און רבי האָט געמוזט מודה זיין, אז די מיינונג פון אַנטאָנינוס איז די ריכטיגע (זעה סנהדרין דף צ"א).

אינטערעסאַנט איז, וואָס אַנטאָנינוס האָט איינמאָל געזאָגט, אז ווען דער מענש קומט אויף יענע וועלט, קען זיך דער גוף און די נשמה ארויסדרעהען פון יעדער שטראָף. דער גוף קען זאָגען: "איך האָב נישט געזינדיגט, ווייל אָהן דער נשמה וואָלט איך איבערהויפט נישט געקענט זינדיגען!" — און די נשמה קען זאָגען דאָסזעלבע.

האָט איהם רבי ערקלערט מיט א משל, וואָס מען וואָלט אין אַזא פאַל געקענט טהון:

דער אייגענטימער פון א גאָרטען נעמט צוויי שומרים, איינעם א בלינדען און איינעם א לאָהמען, זיי זאָלען איהם היטען די פירות. דערזעהט דער לאָהמער פאַרשיעדענע פירות אויף די בוימער און ער קען נישט גובר זיין דעם חשק צו זיי. זאָגט ער צום בלינדען: "פיהר מיך אָהין צו יענעם בוים, וועלען מיר קענען עסען די שעהנסטע פירות!" נעמט דער בלינדער דעם לאָהמען אויף זיינע פּלייצעס, טראָגט איהם צו צום בוים און זיי עסען דאָרט אויף אַלע פירות. קומט שפּעטער דער אייגענטימער פון דעם גאָרטען און ער פרעגט: "ווער האָט אויפגעגעסען די אַלע פירות פונ'ם בוים?" — זאָגט דער בלינדער: "אויף מיר קען מען גאָר נישט זאָגען, ווייל יעדער ווייסט, אז איך זעה נישט" — זאָגט דער לאָהמער: "אויף מיר קען מען דאָס ניט זאָגען, ווייל איך האָב ניט קיין פיס צו געהן אהין צום בוים!"

נעמט דער בעל־הבית זיינע צוויי שומרים און זעצט ארויף דעם לאָהמען אויף די פּלייצעס פונ'ם בלינדען, זיי צו ווייזען, ווי אַזוי זיי האָבען בשותפות אויפגעגעסען די פירות און ער באַשטראָפט זיי דאַן צוזאַמען. אַזוי טהוט אויך דער אויבערשטער, ווען דער גוף און די נשמה ווילען זיך ארויסדרעהען פונ'ם דין און איינער לייגט ארויף די שולד אויף'ן אַנדערן.

ווען אַנטאָנינוס איז געשטאָרבען, ווערד דערצעהלט, האָט רבי א טיעפען קרעכץ געטהון און האָט טרויעריג געזאָגט: "די געזעלשאַפט איז יעצט פאַנאַנדערפאַלען!"

דער גרעסטער אויפטהו פון ר' יהודה הנשיא, וועלכער האָט פאַראייביגט זיין ווירקונג און האָט איהם געגעבען דעם שעהנסטען עהרען־פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער געשיכטע כמעט לעבען משה רבנו, איז די צוזאַמענשטעלונג פון דער "מ ש נ ה", וואו ער האָט צונויפגעקליבען אַלע דינים און מנהגים פונ'ם אידישען לעבען, לויט ווי זיי זיינען דאַמאָלס געווען אָנגענומען ביים פאָלק אין א נישט־געשריבענער פאָרם אלס ערקלערונגען און דערגענצונגען צו די מצוות פון דער תורה.

די חכמים פון דער משנה

טראַדיציאָנעלע האָבען יענע אַלע ערקלערונגען געלעבט ביי די כהנים און לויים, גלייך ווי ביי די גייסטיגע פיהרער פון פריהערע דורות. יעדער פון זיי האָט דאן איבערגעגעבען אַלסדינג מינדליך צו זיינע נאָכפאָלגער, ביז עס איז אָנגעקומען צו ר' יהודה הנשיא.

מען האָט דאָס אויך פריהער נישט געטאָרט אויפשרייבען, כדי עס זאָל נישט די ווערדע פון די דאָזיגע טראַדיציעס גלייכגעשטעלט ווערען צום אייגענטליכען אינהאַלט פון דער אויפגעשריבענער תורה. אָבער אַזוי ווי פאַרשיעדענע תלמידים האָבען מורא געהאַט, אז מען וועט אין פאַרלויף פון די יאָהרען פאַרגעסען, ווי אַזוי אויסצוטייטשען די דינים פון דער תורה, פלעגען זיי זיך מאַכען קורצע נאָטיצען פון דעם, וואָס זיי האָבען געהערט ביי זייערע רביים, האָבען דאן די דאָזיגע נאָטיצען געוואַנדערט פון איינעם צום אַנדערן — און אין פאַרלויף פון די יאָהרען זיינען זיי צונויפגעקליבען געוואָרען דורך פאַרשיעדענע הענד, ביז ר' יהודה הנשיא האָט זיי צוזאַמענגענומען און רעדאַקטירט אין דער "משנה".

אָט די טראַדיציאָנעלע ערקלערונגען צו די מצוות פון דער תורה — גלויבט מען — זיינען שוין געווען באַקאַנט און אָנגענומען ווי א געשריבען געזעץ אין דער צייט פון שמעון הצדיק. דערנאָך האָבען זיך די דאָזיגע ערקלערונגען אין די שפּעטערע דורות אַלץ מעהר אַנטוויקעלט. ביז עס האָבען זיך אָנגעהויבען מיינונגס-פאַרשיעדענהייטען, וועלכע האָבען זיך אויסגעדאַכט ווי מחלוקות.

אַזוי הויבט זיך אָן די ערשטע משנה אין מסכת ברכות מיט דער פראַגע : "מאימתי קורין את שמע ?" (פון ווען אָן דאַרף מען זאָגען קריאת-שמע ?). איז דאָרט נישט די פראַגע, צי מען דאַרף איבערהויפּט זאָגען קריאת-שמע. ווענען דעם איז אין דער משנה ניט פאַרהאַנען קיין שום שאלה און דער ווייטערער פּלפּול פון דער גמרא וועגען "תנא היכא קאי דקתני מאימתי ?" איז א פּיעל שפּעטערער. אין דער משנה גופא זיינען די מיינונגס-פאַרשיעדענהייטען בלויז וועגען דער צייט, ווי לאַנג מען קען זאָגען קריאת-שמע.

גרעסטענטיילס זיינען אַלע דינים און מנהגים געשריבען געוואָרען אין דער משנה אָהן א נאָמען, ווייל דאָרט וואו די משנה ברענגט א "גרונד-געזעץ", איז נישט וויכטיג צו וויסען, ווער עס האָט אַזא געזעץ באַשטימט. אין די שפּעטערע דורות האָט מען איבערהויפּט פאַרגעסען, פון וועמען א געוויסע לעבענס-פאַרשריפט שטאַמט, האָט זיך דער רעדאַקטאָר פון דער משנה בלויז באַשטרעבט אויסצוגעפינען דעם מקור פון יעדען געזעץ אינ'ם לשון פונ'ם פסוק, לויט'ן פשט פונ'ם וואָרט אָדער לויט'ן דרש.

אין די לאַנגע יאָהרען פון שמעון הצדיק ביז ר' יהודה הנשיא זיינען פּיעלע געלעהרטע געפאַלען דורך'ן שווערד פון אויסענווייניגסטע און אינעווייניגסטע שונאים. זיינען דאן פאַרשיעדענע דינים אין גאַנצען פאַרלוירען געגאַנגען און עס זיינען אויך אָפּגעווישט געוואָרען מאַנכע מנהגים פונ'ם אידישען לעבען. האָבען אַמאָל די איבערגעבליבענע תלמידי-חכמים צונויפגעזאַמעלט א גאַנצע שורה עדות וועגען דער פראַגע, ווי אַזוי פריהערע חכמים פלעגען איינטייטשען געוויסע דינים און ווי אַזוי זיי זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אינ'ם לעבען. אָט דעמזעלבען צוועק האָט אויך ר' יהודה הנשיא געהאַט, ווען ער האָט זיך גענומען צום צוזאַמענשטעלען די משנה.

די צרות, וואָס אידען האָבען אין די אַלע דערמאָנטע צייטען געדאַרפט

אויסשטעהען, האָט פאַרערגערט דעם קוק פון די פאָלקס־פיהרער, אָפּגעשני־טען די מענשען פון יעדער פאַרבינדונג מיט דער סביבה, אריינגעטריבען זיי אין א שמאָלען ראַהם פון דער אייגענער אַטמאָספּערע און פאַרשטעלט זייערע אויגען, זיי זאָלען חלילה נישט זעהען, וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי אויף דער גאַס. האָבען זיי די פליגלען פון זייער גייסט אויסגעשפּרייט ביי זיך אינעווייניג, צו צעהלען די ווערטער און די בוכשטאַבען פון די מצוות, ארומצוזוכען מיט דרשות יעדען "אך" און "גם", יעדען "את" און "רק", אריין צו'פּשט'לען "תלי תלים" אין יעדען איבריגען אָדער פעהלענדען בוכ־שטאַב.

האָט מען די דאָזיגע ערקלערונגען און אויטייטשונגען באַצייכענט מיט'ן וואָרט "משנה", ווייל דאָס איז געווען ווי א פאַרבעסערטע ווי־דערהאָלונג פון דער תורה מיט איהרע הלכות, לויט וועלכע די מענשען דאַר־פען זיך פיהרען. פיעלע מצוות פון דער תורה זיינען נישט גענוג ערקלערט אויף זייער פּלאַץ, אָדער זיי זיינען אָנגעזאָגט געוואָרען אין אן אומדייטלי־כער פאָרם, וועלכע האָט ערשט דערנאָך געדאַרפט ערקלערט ווערען אויף א דייטליכערן שטייגער. פון דעסטוועגען זיינען ביים צונויפשטעלען די דאָזיגע משניות, וועלכע ר' יהודה הנשיא האָט מסדר געווען אין זעקס סדרים און אין זעכציג מסכתות, געבליבען נאָך אזעלכע, וואָס זיינען צו־ליעב אומבאַקאַנטע סבות נישט אריינגענומען געוואָרען אין דער צוזאַמענ־שטעלונג און זיי זיינען ערשט שפּעטער צונויפגעקליבען געוואָרען דורך אנ־דערע חכמים אין דער "ברייתא" צו דער גמרא אָדער אין דער "תוספתא".

איז דאָן די ערקלערונג פון דער תורה אין א ברייטער דרשה פּונקט אזוי וויכטיג געוואָרען ווי די תורה גופא און זי איז אויך באַטראַכט געוואָרען ווי א לעבענס־נערוו פון דער אידישער געזעצגעבונג. האָט מען דאָס אָבער פריהער נישט געטאָרט אויפשרייבען, דאָס מיינט, אז די אויבענדערמאָנטע נאָטיצען, וואָס איינצענע תלמידים האָבען זיך געמאַכט ביי די דרשות פון די חכמים, האָבען בלויז געקענט ווידערהאָלט ווערען מינדליך און זיי האָ־בען ניט געטאָרט פאַרגעלייענט ווערען פונ'ם כתב. בזה האופן האָט מען דאָן אריינגעטייטשט אלסדינג אין די ווערטער פון די מצוות, וועלענדיג געבען צו די דאָזיגע איינטייטשונגען דיעזעלבע באַדייטונג ווי צום לשון פון דער תורה.

ערקלערט איבערדעם דער "ירושלמי", אז דער וואָס האָט מסדר געווען די משנה, האָט זיך תמיד געשטיצט אויף'ן פּסוק (פּסחים פּרק ד' הלכה א' און מגלה פּרק א' הלכה א') און אפילו דאָרט וואו די טראַדיציע און דער לשון פונ'ם פּסוק פּאַסען זיך נישט איינס צום אנדערן, האָט זיך די ערקלע־רונג געפיהרט אויף דעמזעלבען שטייגער, צו פאַרהייליגען דעם אָנגענומע־נעם טייטש, ווייל מען האָט געוואָלט אלסדינג שטיצען אויף'ן געשריבענעם וואָרט (זעה ירושלמי חגיגה פּרק א' הלכה ח').

האָט מאַנכעס מאָל געקענט פּאַרקומען, אז א געוויסע זאַך, וועלכע איז צוערשט געווען פאַרבאָטען און דערנאָך האָט מען זי ערלויבט, זאָל מען זיך דאַביי האָבען געשטיצט צוערשט אויף א פּסוק צו פאַרביעטען און דער־נאָך האָט מען זיך געשטיצט אויף דעמזעלבען פּסוק, די זאַך צו ערלויבען, א שטייגער ווי עס איז געווען ביי דער פראַגע, ווי לאַנג מען מעג אַקערען אין די פעלדער אינ'ם יאָהר פון בעפאָר א שמיטה (זעה ירושלמי שביעית פּרק א' הלכה א').

די חכמים פון דער משנה

דאָסזעלבע איז געווען ביי אַלע הלכות, וואָס האָבען געשטאַמט פון די טראַדיציאָנעלע ערקלערונגען גלייך ווי פון די תקנות, וואָס די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק האָבען מתקן געווען אין יעדען דור זייט דער צייט פון די "אנשי כנסת הגדולה" אזוי ווי אין די מנהגים, וואָס אידען האָבען אָנגענו־מען און פאַרהייליגט, סיי מען האָט זיי אָנגערופען "מדרבנן" און סיי זיי זיי־נען אָנגערופען "מדאורייתא". עס איז אויך נישט געמאַכט געוואָרען אין דער משנה אירגענד אן אונטערשיעד צווישען די דאָזיגע צוויי מינים מצוות.

עס איז שוין פיעל געשריבען געוואָרען וועגען דעם, אז ווי עס האָבען זיך פאַרמעהרט די תלמידים פון "בית שמאי" און "בית הלל", האָבען זיך פאַרשטאַרקערט די מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען אויף אזוי ווייט, אז די תורה האָט שיער נישט געקראָגען א פּנים ווי פון צוויי פאַרשיעדענע תורות. איז דאָס אָבער געווען בלויז פאַר׳ן אויבערפלעכליכען צוקוקער, ווייל טראָץ די מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען האָט איטליכער געהאַט אין זינען, צו דערגריי־כען דעם אמת אויף זיין אייגענעם שטייגער.

ווען ר׳ יהודה הנשיא איז שוין געווען אויף דער עלטער און ער האָט מורא געהאַט, אז די טראַדיציעס, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער תורה, וועלען סוף־כל־סוף פאַרגעסען ווערען אין די קומענדע דורות, האָט ער באַ־שלאָסען, אז מען דאַרף אַלסדינג אויפשרייבען און צוזאַמענשטעלען. ווע־גען דער תורה גופא האָט ער דאָס נישט געקלערט, ווייל ער איז מיט איהר געווען זיכער, אז ווען מען זאָל זי אפילו פאַרברענען, וועט איהר אינהאַלט לעבען בלייבען. איז ער בלויז געווען באַזאָרגט, אז אזוי ווי דער מענש־ליכער גייסט ווערד וואָס אַמאָל שוואַכער און די צרות ווערען שטאַרקער, ווע־לען די מענשען נישט קענען ווייטער אָנהאַלטען די פיעלע און פאַרשיעדענע טראַדיציעס.

ער האָט צוליעב דעם צונויפגעקליבען אַלע הלכות, וואָס די חכמים האָבען געלערנט זייט דער צייט פון שמעון הצדיק ביז צו׳ן איהם, סיי די פון דער תורה און סיי יענע פון דער טראַדיציע, האָט ער ארויסגעצויגען פון זיי דעם תמצית, אויסגעלאָזען די וכוחים, צוגעגעבען זיי צום עצם פון דער טראַדיציע, וועלכע האָט זיך געצויגען פון די "אנשי כנסת הגדולה" אָנגעהויבען, און צוזאַמענגעשטעלט די "משנה".

אין די מעהרסטע פון זיינע דרשות האָט אויך ר׳ יהודה הנשיא אָפּגע־היט דעם אַלטען סטיל פון זייער אינהאַלט אין דער אָריגינעלער פאָרם זייע־רער, אזוי ווי זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען. גלייכ־צייטיג האָט ער נישט פאַרגעסען אריינצושרייבען אַזעלכע הלכות אָדער מנהגים, וואָס זיינען שוין אין זיין צייט בטל געווען, וועלענדיג געבען יע־דען דין אויף א העכסט־מעגליך קלאָרען אופן (זעה שבת דף קל"ט עמוד א׳).

טראָצדעם וואָס עס זיינען פאַרגעקומען פאַרשיעדענע שווערע קעמפּפע ביי דער איינטוויקלונג פון די מצוות וועהרענד די אַלע דורות ביז צו ר׳ יהודה הנשיא, טראָגט פון דעסטוועגען די גאַנצע "משנה" אן איינהייטליכען כאַ־ראַקטער, ווי פון איין האַנד ארויסגעקומען און אין איין פורעם אויסגעגאָסען — און וואָס אימיצער קען דאָרט געפינען ווידערשפּרוכען, זיינען זיי בלויז אויבערפלעכליכע, ווייל "אַלעס וואָס יעדער ערנסטער תלמיד קען אַמאָל לערנען ביי זיין רבי׳ן, איז שוין לאַנג פריהער געזאָגט געוואָרען צו משה רבנו אויף׳ן באַרג סיני" (ירושלמי חגיגה פרק א׳ הלכה ח׳).

רבי יהודה הנשיא

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט ר׳ יהודה הנשיא זיינע משניות בלויז צונויפגעקליבען און ״רעדאַקטירט״, ווייל עס זיינען וואהרשיינליך געווען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע ״נאָטיצען״, וואו יעדער תלמיד - חכם, וועלכער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה, האָט געהאַט פאַרשריבען געוויסע ״הלכות״, לויט ווי ער האָט זיי געהאַט טראַדיציאָנעל איבערגענומען פון זיינע פאָרגענגער. פון אָט די ״נאָטיצען״ האָבען דאַן די חכמים געלעהרנט צו די כהנים די דינים פון ״שחיטה״ און ספּעציעל פון ״קמיצה״.*) אנדערע חכמים האָבען ווייטער געהאַט ״נאָטיצען״ וועגען אנדערע דינים, וואָס זיינען נישט גענוי באַשריבען אין דער תורה, אַ שטייגער ווי די דינים פון ציצית, פון תפילין, פון ערובין, פון כשרות אָדער פון אנדערע עהנליכע מצוות.

אלס פאָרבילד ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער ״משנה״ האָט ר׳ יהודה הנשיא געקענט באַנוצען פאַרשיעדענע אנדערע משניות, וועלכע האָבען שוין דאַמאָלס עקסיסטירט און זיי זיינען גאָר אפשר אויך געווען אויפגעשריבען, אַ שטייגער ווי די משניות פון ר׳ עקיבא, פון ר׳ חייא און ר׳ הושעיא, גלייך ווי פון בר־קפּרא.

די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא — דאַרף מען אויך וויסען — באַשטעהען אין זייער אינהאַלט פון צוויי מינים: פון ״הלכה״ און פון ״דרשה״.

פילאָלאָגיש איז די טייטש פונ׳ם וואָרט ״הלכה״ — פיהרונג. דאָס וואָרט באַצייכענט געוועהנליך אַ באַשטימט אָנגענומענעם געזעץ אין די דינים פון דער טראַדיציאָנעלער לעהרע, סיי ווען די טראַדיציע שטיצט זיך אויפ׳ן וואָרט פון דער תורה און סיי זי שטיצט זיך נישט, אַ שטייגער ווי ביי די אויבען־אויסגערעכענטע דינים, וועלכע זיינען בלויז טראַדיציאָנעל אָנגענומען אין זייער פּרינציפּ גלייך ווי אין זייערע איינצעלהייטען.

וועגען אָט די אַלע ״הלכות״, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען טראַדיציאָנעל פון דור צו דור ביז צו דער צייט פון ר׳ יהודה הנשיא, זאָגט אונז די אמונה, אַז זיי זיינען איבערגעגעבען געוואָרען ״בעל פּה״ (מינדליך) צו משה רבנו, ווען ער איז געווען אויפ׳ן באַרג סיני. און טאָמער איז אַמאָל פאַרהאַנען אַ מיינונגס־פאַרשיעדענהייט ביי אונזערע חכמים וועגען דער איינטייטשונג פון אַזאַ מצוה, וועלכעס קען זיך אימיצען אויסדאַכטען ווי אַ מיספאַרשטענדניס אין די באַגריפען, האָט זיך דאַן געהערט אַ ״בת־קול״, וועלכעס האָט אויסגערופען, אַז ״אלו ואלו דברי אלהים חיים״, דאָס וויל זאָגען, אַז די ״עפּענטליכע מיינונג״ איז דאַן געקומען צו דער איבעראיינשטימונג, אַזביידע צדדים האָבען רעכט, ווייל ״סיי די ווערטער פון איינעם און סיי די ווערטער פונ׳ם אַנדערען זיינען ווערטער פונ׳ם לעבעדיגען גאָט״ (זעה ערובין דף י״ג עמוד ב׳).

דער גריכיש־אידישער פילאָזאָף פ י ל אָ ן (אָדער ווי ער הייסט ביי אידען: ידידיה האלכסנדרוני), שילדערט אין איינעם פון זיינע ביכער די מ נ ה ג י ם פון די אידען — און ער זאָגט דאָרט, אַז די אידישע ״מנהגים״ זיינען די נישט־אויפגעשריבענע טראַדיציאָנעלע איינטייטשונגען פון די מצוות.

---

*) דער ענין פון ״קמיצה״ איז, וואָס דער כהן האָט ביי אַ ״קרבן חטאת״ פון אַן אָרימאַן (ויקרא ה׳ י״ב) געדאַרפט אויף אַ קינסטליכען אופן קענען אָננעהמען דאָס ביסיל מעהל אויף דער האַנדפלאַך מיט דריי פינגער (מנחות דף י״א עמוד א׳).

איז דערפון געדרונגען, אז דער מקור צו דער "הלכה" איז דער פריהערער מנהג, האטש די זאך האט זיך שפעטער אזוי אנטוויקעלט, אז דער "מנהג" און די "הלכה" זיינען געווארען צוויי פארשיעדענע ענינים.

און ווען מיר נעהמען אן, אז דער "מנהג" איז געווען דער יסוד פאר דער "הלכה", דארף מען וויסען, אז ווען א מנהג ווערד אלט, פארלירט ער אפט זיין ערשטע סבה. געפינט מען דאדורך אין דער "משנה" פיעלע הלכות, וואס דער ענין זייערער איז נישט מעהר קלאר. און ווען עס איז אמאל א הלכה נישט געווען קלאר פאר'ן בית־דין, איז געווען אן אלטער כלל, אז מען דארף אין אזא פאל זעהען, ווי אזוי דער עולם פיהרט זיך. און ווען דער עולם האט אמאל א מנהג, וועלכער איז נישט אין איינקלאנג מיט אן אלטער הלכה, דארף מען נישט בטל מאכען דעם איצטיגען מנהג צוליעב דער אלטער הלכה, ווייל עס איז אן אנגענומענער כלל, אז "המנהג מבטל את ההלכה" (ירושלמי יבמות פרק י"ב הלכה א'). ווי באלד עס איז א נייער מנהג אנגענומען ביים פאלק, איז דאס א באוויז, אז דער עולם האט ביי א געוויסען ענין איבערגעאנדערשט זיין פריהערע פיהרונג, דארף מען זיך אלזא צופאסען צום נייעם מנהג.

פאראהאנען נאך אן אנגענומענער כלל: "כשם שקונסין להלכה כך קונסין למנהג", אז אזוי ווי מען איז זיך אין מאנכע ערטער נוהג, וואס מען לייגט ארויף א שטראף אויף א מענשען, וועלכער האנדעלט געגען דער הלכה, אזוי קען מען באשטראפען ווען איינער האנדעלט געגען א מנהג (ירושלמי פסחים פרק ד' הלכה ג').

דער מקור, פון וועלכען די "הלכות" אין דער משנה זיינען ארויסגע־קומען, איז גרעסטענטיילס די דרשה אויף די ווערטער פון דער תורה — און דאביי דארף מען וויסען, אז ביי יענע אלע חכמים, וואס האבען געזאגט די דרשות, איז דאס גע'דרשנ'טע באטראכט געווען ווי דער ריכטיגער פשט פונ'ם פסוק, ווייל דער אופן פון אייגטייטשען די תורה על־פי דרש, איז גע־ווען דער פשוט'ער פשט אין יענע צייטען.

אזוי פלעגט מען ערקלערען דעם פסוק "ממחרת השבת" (ויקרא כ"ג ט"ו), אז דאס מיינט מען צו־מארגענס פונ'ם ערשטען פסח'דיגען רוה־טאג, נישט ווי די צדוקים זאגען, אז דאס מיינט מען צו־מארגענס פונ'ם שבת, וואס שבועות האט ביי זיי צוליעב דעם געדארפט תמיד אויסקומען אין א זונ־טאג. דאסזעלבע איז מיט'ן פסוק "ובן אין לו" (דברים כ"ה ה'), וואו עס ווערד אנגעזאגט, אז א קינדערלאזע אלמנה דארף געהייראט ווערען פונ'ם מאן'ס ברודער, האבען די חכמים ערקלערט, אז דאס ווארט "בן" מיינט נישט דוקא א זוהן, נור עס מיינט א קינד, ווייל טאמער האט די אלמנה א טאכטער, דארף זי דער שוואגער אויך נישט מייבם זיין.

זיינען די דאזיגע ערקלערונגען זיכערליך שוין זעהר אלט, ווייל די "סעפ־טואגינטא" (דער גריכישער "תרגום השבעים" פון דער תורה) איבערזעצט יענע צוויי פסוקים פונקט אזוי ווי דער דרש פון דער משנה.

נאך'ן חורבן האט זיך די פארשונג אין די איינטייטשונגען פון דער תורה פיעל פארשטארקערט, האט מען דאן מדקדק געווען ביי יעדען ווארט אויף דער מינדעסטער האהר. פון הלל הזקן'ס זיבען כללים אין דער ער־קלערונג פון דער תורה, איז ביי ר' ישמעאל געווארען דרייצעהן כללים און ביי ר' יוסי הגלילי זיינען זיי אויסגעוואקסען צו 32 כללים. איז דערנאך געקומען ר' עקיבא, האט ער גע'דרשנ'ט אויף יעדען איבריגען אדער פעהלענ־

דען וואָרט, אויף יעדען "את", אויף יעדען "אך", "גם" אָדער "רק", אויף יעדען בוכשטאַב און זאָגאר אויף א שטרעכעלע פון א בוכשטאַב.

א באַדייטענדער פאַקטאָר ביים דרש'נען אין דער תורה איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס עס איז דאַמאָלס אַלסדינג געשריבען געוואָרען אָהן נקודות אינ'ם כתב. טראַדיציאָנעל האָט איטליכער געוואוסט, ווי אזוי מען דאַרף יעדעס וואָרט לייענען, האָט מען אָבער אָפטמאָל פאַרבויגען די טראַדיציע און דאָס פעהלען פון נקודות פלעגט געבען פלאַץ צו דרש'נען אפילו אויף א פאַרקעהרטען אופן, ווי מען האָט געדאַרפט דאָס וואָרט לייענען.

ווען ר' יהודה הנשיא האָט זיך גענומען צונויפשטעלען די "משנה", איז דאָס געווען צוויי דורות נאָך דער צוזאַמענשטעלונג פון מסכת "עדיות". דערוויילי האָבען זיך אויך אין דער צווישענצייט פאַרשיעדענע דינים אַנטוויקעלט אויף א נייעם שטייגער, ספּעציעל דורך נייע געשעהענישען, וואָס די פריהערע חכמים האָבען נישט געקענט פאָראויסזעהן.

ביים צונויפשטעלען די הלכות פון דער משנה האָט ר' יהודה הנשיא גוט באַטראַכט אַלע מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען, געוואויגען און געמאָסטען אַלע שטימען דאַפיר און דאַגעגען, און ערשט דערנאָך האָט ער באַשטימט דעם דין.

די הויפּט־גרונדלאַגע צו ר' יהודה הנשיא'ס ארבייט איז געווען די משנה פון ר' עקיבא. האָט ער אָבער נישט אָנגענומען אַלע איהרע הלכות, ווייל ער האָט שטענדיג געצעהלט די שטימען און לויט דער מיינונג פון דער מעהרהייט האָט ער אויפגעשטעלט זיינע געזעצע.

ער האָט אויך איבערגעאַנדערשט דעם סדר פון ר' עקיבא'ס משניות, וואו עס זיינען געווען צונויפגעשטעלט די הלכות לויט די נעמען פון די חכמים, וואָס יענע הלכות זיינען פון זיי געקומען, נישט־קוקענדיג אויף'ן אינהאַלט פונ'ם ענין. האָט דאַן ר' יהודה הנשיא צונויפגעשטעלט די משניות לויט די פאַרשיעדענע ענינים: גאָר צו'ן ערשט האָט ער באַהאַנדעלט די ענינים פון די תפלות און די ברכות, דערנאָך האָט ער אוועקגעשטעלט די דינים פון באַארבייטען די ערד און די מצוות וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדען. ווייטער האָט ער אוועקגעשטעלט די מצוות פון שבת און ימים־טובים, פון תעניתים און פון אַלערליי היסטאָרישע געדענק־טעג. דערנאָך האָט ער באַהאַנדעלט די דינים פון הייראַטען און די פאַרשריפטען פאַר'ן פאַמיליען־לעבען, די דינים פון א "נדר" און די פאַרשריפטען פאַר א "נזיר", די פּראָצעדור ביי א געלד־פּראָצעס און די "סנהדרין", גלייך ווי אַלע באַלעהרונגען פאַר דער אויפפיהרונג פונ'ם מענש אקעגען זיין מיטמענש און אקעגען דער גאַנצער געזעלשאַפט. דערנאָך האָט ער צונויפגעשטעלט די דינים פון קרבנות און וואָס עס געהערט צו זיי, אזוי ווי די דינים פון טומאה און טהרה.

פון דעסטוועגען האָט זיך דאָס דאָזיגע איינאָרדנען לויט דער מאַטעריע נישט אין גאַנצען איינגעגעבען, ווי ר' יהודה הנשיא האָט געוואָלט. דער צונויף געקליבענער שטאָף האָט זיך איבערהויפּט נישט געלאָזט אריינשפּאַרען אין ענגע גרעניצען. קריגען מיר דאַדורך אָפטמאָל צו זעהען, ווי די געגענשטענדע פון דער משנה זיינען אריינגעפלאָכטען איינע אין די אַנדערע, ווי די דינים פון געלד־אינטערעסען זיינען גאָר פלוצים פאַרקראָכען צו די דינים פון הייראַטען און די דינים פון ימים־טובים, אָדער ווי די דינים פון כשרות האָבען זיך אויסגעמישט מיט די דינים פון קרבנות.

מאנכע היסטאָריקער ווילען באַהויפּטען, אז ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער "משנה" האָט ר' יהודה הנשיא געהאַט אין זינען, בלויז אָפּצוראַ־טעווען די טראַדיציאָנעלע לעהרען פון פאַרגעסענהייט. האָט ער צונויפ־געקליבען אַלע "משניות", וועלכע זיינען דאַן געווען צושפּרייט אין "נאָטי־צען" צווישען די תלמידים, הויפּטזעכליך, זאָגען יענע היסטאָריקער, האָט ער דאָס געטהון ניט אויף צו פעסטשטעלען די הלכה, ווייל אין דער געזעצ־געבונג גופא האָט ער געוואָלט געבען א פרייע האַנד צו די שפּעטערע דורות, זיי זאָלען אליין באַשטימען די דינים פונ'ם לעבען, לויט ווי די צייט וועט עס פון זיי פאַרלאַנגען און לויט ווי זיי וועלען אַליין פאַרשטעהען.

פון דיזעלבע משניות ווילען אַנדערע היסטאָריקער אַרויסלערנען דאָס געגענטייל און זיי זאָגען, אז ר' יהודה הנשיא האָט דוקא יאָ געוואָלט איינ־מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימען די דינים, אז ניט יעדער זאָל מעגען טהון, וואָס איהם געפעלט. און טאָמער זיינען דאָרט אין דער "משנה" פון ר' יהודה הנשיא פאַרבליבען וועלכע ווידערשפּרוכען, אָדער עס זיינען דאָרט פאַרשריבען די מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען אין דער געזעצגעבונג אָהן א לעצ־טער אַנטשיידונג וועגען דעם דין, איז דאָס ניט די שולד פון ר' יהודה הנשיא, ווייל עס איז ביי זיי זיכער, אז דאָס האָבען שפּעטערע חכמים צוגעגעבען.

אינ'ם הויפּט־באַשטאַנד פון דער משנה,—דאָס הייסט אין דער "הלכה", איז דער אינהאַלט געוועהנליך באַגלייט פון די "וויכוחים", וואָס זיינען פאָרגע־קומען בנוגע צום דין, אָדער עס איז דאָרט באַלויכטען די אורזאַך פונ'ם דין, לויט ווי ער איז אויף א שאַרפזיניגען אופן און על־פי דרש אַרויסגעדרונגען פון א פסוק, וועלכער האָט צומאָל אַליין פאַר זיך גאָר אַן אַנדערע באַדיי־טונג און ער שטעהט ניט אין קיין שום שייכות צום ענין.

דאָס וויל אונז אויך די גמרא פאַרשטענדליך מאַכען, ווען זי זאָגט, אז ר' יוחנן בן זכאי האָט געלערנט די "הוויות פון אביי ורבא" (סוכה דף כ"ח עמוד א'), וועלענדיג הערמיט זאָגען, אז אַלע קשיות און פּלפּולים, וואָס אביי ורבא האָבען געהאַט אין דער משנה, האָט שוין ר' יוחנן בן זכאי פריי־הער געלערנט. זאָנסט וואָלט מען עס נישט פאַרשטאַנען, ווי אזוי ר' יוחנן בן זכאי האָט געקענט מיט העכער צוויי־הונדערט יאָהר בעפאָר אביי ורבא לערנען זייערע "הוויות".

א גרויסען חלק אין דער "משנה" פאַרנעמט די דרשה, דאָס זיינען די אַריינגעטייטשטע ערקלערונגען צו פאַרשיעדענע ווערטער, פון וועלכע עס איז אַרויסגע'פּשט'לט געוואָרען, וואָס דער תנא האָט געוואָלט ערקלערען. צו אָט אַזאַ דרשה איז געוועהנליך צוגעגעבען געוואָרען די פראַזע "תלמוד לומר" (ער לערנט מיך צו זאָגען) אָדער "ללמדך" (ער קומט דיך באַלעהרנען). אינטערעסאַנט איז, וואָס די משנה גיט אונז אָפּטמאָל דאָס גילטיגע געזעץ אָהן שום ערקלערונגען און אַן אַנדערס מאָל גיט זי אונז אַן ערקלערונג אויף א ברייטליכען אופן און זי דרשנ'ט אויך אַרום יעדעס וואָרט אָדער גאָר יע־דען בוכשטאַב.

דער לשון פון דער "משנה" איז א ריינער העברעאיש, א ביסל אַנ־דערש ווי דער לשון פונ'ם תנ"ך, ווייל דאָרט וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּראַקטישע פראַגען פונ'ם אַלטעגליכען לעבען, האָט מען נישט גע־קענט געברויכען קיין מליצה'דיגע שפּראַך. און אזוי ווי מען האָט דאָרט אין דער "משנה" באַנוצט פיעלע און פאַרשיעדענע נייערע באַגריפען, האָט מען זיך אויך געמוזט אַרויסהעלפען מיט ווערטער פון אַנדערע שפּראַכען,

אויף וועלכע מען האָט דאַמאָלס גערעדט אין ארץ־ישראל, א שטייגער ווי: כאַלדעאיש, סיריש, גריכיש און לאַטייניש.

גרעסטענטיילס האָבען יענע אַלע פרעמדע ווערטער פון דער משנה געקראָגען א העברעאישע צורה און מען האָט זיי אויך אריינגעפּאסט אין העברעאישע "סינטאקסיס". נישט תמיד האָט מען אָבער געברויכט דאָסזעלבע פרעמד־וואָרט פאַר דער באַצייכנונג פון א געוויסען געגענשטאַנד. איז דאדורך מעגליך, צו געפינען עטליכע מינים באַצייכנונגען פאַר דעמזעלבען באַגריף, ווייל דער רעדאקטאָר פון דער משנה איז געווען באַשטרעבט, צו ברענגען די ווערטער פון יעדען תנא אין זיין אייגענער שפּראַך, האָט יעדער פון זיי באַנוצט אַן אנדער וואָרט פאַר דער באַשרייבונג פון א באַגריף, וואָס געפינט זיך נישט אין תנ"ך.

פון דער סטיליסטיק אין דער משנה איז אויך צו זעהן, ווי ווייט ר׳ יהודה הנשיא איז געווען אנהענגליך צו דער העברעאישער שפּראַך. אין זיין הויז איז גערעדט געוואָרען אויסשליסליך העברעאיש, און ווען אימיצער האָט געהאַט א שפּראַכליכע פראַגע, פלעגט ער׳ געהען הערען, ווי עס רעדט די דיענסט פון רבי׳ס הויז (אמתא דבי רבי). דאַביי דאַרף מען וויסען, אז די העברעאישע שפּראַך האָט נאָך דאַמאָלס געלעבט ביי די מעהרסטע פונ׳ם פאָלק, און די פיינסטע באַגריפען פון לעבען גלייך ווי אַלע אבסטראַקטע אויסדריקע האָבען וואהרשיינליך פאַרמאָגט די נויטיגע ווערטער.

ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז נישט מעגליך, צו באַצייכענען גענוי אַלע "הלכות", וואָס רבי האָט אריינגענומען אין דער "משנה" און ער האָט זיי איבערגעגעבען אין זייער אייגענעם לשון, אזוי ווי זיי זיינען ארויסגעקומען פונ׳ם מויל ביי יענע חכמים, וואָס האָבען די דאָזיגע סענטענסעס ארויסגעזאָגט, גלייך ווי מיר האָבען נישט קיין "רעקאָרד" וועגען די אנדערע מאמרים פון דער משנה, וואָס ר׳ יהודה הנשיא האָט בלויז איבערגענומען זייער ענין אין א רויהער פאָרם און ער האָט זיי דערנאָך איבערגעגעבען אין זיין אייגענעם לשון.

א גענויע אויג און א פיינפיהליג אויער קען דאָס בלויז דערקענען אינ׳ם סטיל פון די משניות.

געוועהנליך האָט רבי מסדר געווען יעדע מסכתא מיט א געוויסען סיסטעם. זעלטען ווען איז אויך דער דאָזיגער סיסטעם נישט אויסגעהאַלטען געוואָרען, האָטש עס האָבען זיך אָפטמאָל אריינגערוקט אין איין מסכתא פאַרשיעדענע הלכות פון אנדערע מסכתות. אין ערשטען פרק פון יעדער מסכתא האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט די הויפּט־דינים, וואָס זיינען שייך צו יענער מסכתא און זיי זיינען געווען איינגעפיהרט פון אַלטע צייטען. אזוי הויבט זיך אָן די ערשטע משנה אין ברכות: "מאימתי קורין את שמע בערבית?"

ווערד דערפאַר אָנגענומען אַלס זיכער, אז אָט די הלכות שטאַמען פון פריהערע תנאים צוזאַמען מיט׳ן סטיל פון זייערע ווערטער. דערפאַר זיינען זיי אָהן א נאָמען פון א תנא. אנדערש איז ווען די משנה ברענגט א מאמר אויף׳ן נאָמען פון א געוויסען תנא, ווערד דאָס געוועהנליך איבערגעגעבען אין יענעם תנא׳ס אייגענעם לשון. עס געפינען זיך אָבער אויך אין דער משנה אזעלכע מאמרים, וואָס ווערען נאָכגעזאָגט אויף׳ן נאָמען פון אנדערע תנאים און עס זעהט זיך דערביי, אז עס איז נישט דער׳ לשון פון יענעם תנא, ווייל דער מסדר פון דער משנה האָט דאָרט געוואָלט איבערגעבען בלויז די

מיינונג פון יענעם תנא, נישט ווי ער האָט ספּעציעל אין אָט דעם פאַל גע־רעדט, נור אַזוי ווי ער רעדט געוועהנליך אויף אַן אַנדער אָרט.

עס איז אויך מעהר ווי זיכער, אַז אין דער צייט ווען ר׳ יהודה הנשיא האָט נאָך געלעבט, זיינען שוין פאָרגענומען געוואָרען געוויסע ענדערונגען אין׳ם טעקסט פון דער משנה. וועגען מאַנכע פון אָט די ענדערונגען איז אָנצונעהמען, אַז ר׳ יהודה הנשיא האָט זיי אַליין געמאַכט. דענקט מען דאַ־דורך, אַז וואָס דער ירושלמי האָט מאַנכעס מאָל אַן אַנדערען נוסח אין דער משנה ווי דער בבלי, איז די אורזאַך, ווייל ר׳ יהודה הנשיא האָט אויף זיינע עלטערע יאָהרען אויסגעבעסערט דעם טעקסט פון זיינע משניות.

אַנדערע דאַגעגען ווילען באַהויפּטען, אַז דער נוסח פון דער משנה אין בבלי איז דער שפּעטערער, ווייל — לויט ווי זיי זאָגען — האָט רב (אבא אריכא) דעם דאָזיגען פון ר׳ יהודה הנשיא אויסגעבעסערטען משנה־טעקסט אריבערגעבראַכט קיין בבל.

באַזונדערס איז אָנצונעהמען פאַר זיכער, אַז נאָך׳ן טויט פון רבי האָט זיך יעדער פון די חכמים ערלויבט צו מאַכען ענדערונגען אין דער משנה, לויט ווי עס איז איהם געפעלען. דערפון שטאַמען אויך די ״הגהות״ אויף ש״ס, לויט ווי זיי זיינען צונויפגעשטעלט אין שפּעטערע דורות. אַ שטיי־גער ווי די ״הגהות״ פונ׳ם ב״ח, פונ׳ם ווילנער גאון, פון ר׳ עקיבא אייגער און פון פאַרשיעדענע אַנדערע, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט מעגליך צו דענקען, אַז דער טעקסט פון דער משנה איז אָפּגעהיט געוואָרען אין זיין ערשטען נוסח.

דאָס קען מען אויך זעהען פון דעם, וואָס ר׳ יוחנן (דער מסדר פון תלמוד ירושלמי) האָט אַמאָל געזאָגט: ״הלשונות שבררו להם ראשונים, אין רשות לבריה להוסיף עליהם״, וועלכעס מיינט, אַז צום לשון וואָס די ערשטע חכמים אונזערע האָבען אויסגעקליבען צו געברויכען אין זייערע הלכות, טאָר ניט קיין שום מענש גאָר צוגעבען (ירושלמי נזיר פרק א׳ הלכה א׳). אַנדערע חכמים האָבען ווייטער געוואָרענט, ניט צו פאַרוועקסלען די נעמען פון די חכמי המשנה, ווייל ווער עס פאַרבייט אַ מאמר פון אַ תנא און זאָגט איהם נאָך אויף׳ן נאָמען פון אַן אַנדערען תנא, איז עובר אויף ״לא תסיג גבול עולם״ (זעה ספרי פ׳ כי תצא).

כאַראַקטעריסטיש פאַר די ענדערונגען אין די נוסחאות פון דער משנה איז אויך דער אומשטאַנד, וואָס לוי בן סיסי האָט אַמאָל געבעטען ביי רבי, ער זאָל אויסבעסערן אַ געוויסע שטעלע אין דער משנה, האָט אויף איהם רבי אָנגעשריען דערפאַר, טראָצדעם — ווערד דערצעהלט — האָט לוי אַליין אויסגעבעסערט ביי זיך דעם נוסח פון אַ משנה (זעה יבמות דף ט׳ עמוד א׳ און דף י׳ עמוד א׳).

און וואָס לוי בן סיסי האָט געטהון, האָבען אויך וואָהרשיינליך אַנדערע תנאים געטהון, ווי מיר געפינען אָפטמאָל אין ירושלמי ״אנן תנינן כך״ (מיר לערנען דעם נוסח אין דער משנה אַזוי און אַזוי), אָדער עס שטעהט מאַנכעס מאָל ״אית דלא תני כך״ (פאַרהאַנען אַזעלכע וואָס לערנען ניט אַזוי) — און אומעטום וואו עס ווערד אַזוי געזאָגט, איז זיכער דער נוסח איבער־געאַנדערשט געוואָרען.

שפּעטער האָבען אויך די ״אמוראים״ געענדערט דעם נוסח פון דער משנה, ווען דאָס האָט זיך געניטיגט צו זייערע פּלפּולים, ווייל ווען עס איז ביי זיי אַמאָל נאָך זייערן אַ פּלפּול אַרויסגעקומען, אַז דער נוסח פון דער

משנה איז נישט קלאָר צו פאַרשטעהן, האָבען זיי באלד קאָריגירט דעם טעקסט און אוועקגעשטעלט א נייעם נוסח, וועלכער זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט זייער אנטשיידונג. איז טאַקי פיעל מאָל אַזאַ קאָרעקטור פאַרבליבען טראָץ דעם אָנגענומענעם כלל, אַז מען דאַרף נישט אויסבעסערען דעם אַלטען טעקסט און מען טאָר נישט פאַרוועקסלען די ווערטער פון איין תנא אויף'ן נאָמען פון אַן אַנדערן תנא.

פאַרשטעהט זיך, אַז אַזוי ווי דער פּלפּול וועגען די דינים פון דער משנה איז געווען שטאַרקער אין בבל ווי אין ארץ־ישראל, זיינען דאָרט, אין בבל, געמאכט געוואָרען מעהר אויסבעסערונגען. ניט תמיד האָט מען אָבער אריינגענומען די אויסבעסערונגען אינ'ם טעקסט גופא, נור מען האָט זיי געגעבען אַלס ערקלערונגען ארום דער משנה. געפינען מיר דאדורך אָפטמאָל אין ירושלמי די פראַזע "כיני מתניתא" (די משנה האָט געדאַרפט זיין אַנדערש). אין אַנדערע פעלע האָט די גמרא געזאָגט "תני כך" (לערנען אַזוי און אַזוי) אָדער "סמי מכאן" (נעהם אוועק פון דער משנה דאָס און דאָס). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט ווערד געברויכט די פראַזע "הכי קאמר" (אַזוי דאַרף מען זאָגען און ניט אַזוי ווי די משנה זאָגט), אָדער "חסורי מחסרא והכי קתני" (עס פעהלט דאָ א גאַנצער מאמר און מען וואָלט געדאַרפט אַזוי און אַזוי זאָגען).

נעמט מען אַלזאָ די דאָזיגע אַלע באַמערקונגען אין באַטראַכט, קען מען דערפון זעהען, אַז דער טעקסט פון דער משנה האָט אָפטמאָל געמאַכט א פאַרווירונג צווישען די חכמים, ווייל זיי האָבען ניט געקענט אַלסדינג קלאָר פאַרשטעהען. אפילו אין שפּעטערע דורות, ווען די גמרא איז שוין געווען פערטיג צוזאַמענגעשטעלט, האָט מען נאָך אַלץ קאָריגירט אין דער משנה — און די דאָזיגע קאָרעקטורען האָבען אָנגעמאַכט פאַרשיעדענע גרסאות, און ר' זעירא (א תלמיד פון ר' יוחנן), האָט געשריען, וואָס מען גיט נישט אַכטונג, אָנצוהאַלטען דעם ריינעם טעקסט פון דער משנה, לויט ווי רבי האָט איהם רעדאַקטירט (ירושלמי מעשר שני פרק ח' הלכה א'). חוץ דעם זיינען אויך פאַרהאַנען סענטענסעם אין דער משנה, וואָס די גמרא זאָגט וועגען זיי, אַז זיי זיינען נישט פון ר' יהודה הנשיא (זעה מנחות דף ק"ד עמוד ב').

צייטגענאָסען פון רבי יהודה הנשיא

רבי שמעון בן מנסיא

עס איז אויך געווען אַ גאַנצע גרופּע חכמים, וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט אין איין צייט מיט ר׳ יהודה הנשיא, זעלבשטענדיג מיט אַן אייגענעם בית־המדרש און אָפטמאָל זאָגאַר געגנעריש צו די מיינונגען פון׳ם נשיא. אָט די מענשען זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבען מיטגעמאַכט דעם איבערגאַנג צווישען די לעצטע ״תנאים״ פון נאָך׳ן צוזאַמענשטעלען די משנה און די ערשטע ״אמוראים״ פון בעפאָר דער גמרא.

ר׳ שמעון בן מנסיא איז געווען איינער פון די דאָזיגע חכמים.

לויט זיין פיהרונג האָט ער געהערט צו׳ן אַ גרופּע פרומע מענשען, וואָס האָבען זיך גערופען ״עדה קדושה״, — און געקרוינט האָט מען זיי מיט אַזאַ נאָמען, ווייל זיי פלעגען איינטיילען זייערע טעג אין דריי חלקים: אַ דריטעל טאָג פאַר לערנען, אַ דריטעל פאַר דאַווענען און אַ דריטעל פאַר אַרבייטען. אַנדערע פון זיי פלעגען איינטיילען זייער צייט בלויז אין צוויי חלקים: ווינטער פלעגען זיי זיצען און לערנען און זומער פלעגען זיי אַרבייטען אויף פּרנסה.

האָט דאַן ר׳ יהודה הנשיא געזאָגט אין זייער נאָמען, אַז ״אַ מענש דאַרף זיך ערווערבען אַ מלאכה צוזאַמען מיט דער תורה״ (מדרש קהלת רבה פּרשה ט׳ פּיסקא ז׳).

דאָס מעהרסטע האָט ר׳ שמעון בן מנסיא געלערנט ביי ר׳ מאיר און אין הלכה פלעגט ער שטענדיג ווידערהאָלען, וואָס ר׳ מאיר האָט געזאָגט (כתובות דף י״ד עמוד ב׳, בבא מציעא דף ק״ו עמוד ב׳). אַמאָל האָט ער אויך עטוואָס געזאָגט אויף׳ן נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי, וועלכעס איז אַ באַווייז, אַז ער האָט אויך ביי איהם געלערנט (זעה אבות פּרק ו׳ משנה ח׳).

ווי עס איז שוין געווען דערצעהלט מכח די שבחים, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען וועגען ר׳ יהודה הנשיא און זיין פאַמיליע, איז ר׳ שמעון בן מנסיא געווען דער פאַרשפּרייטער פון די דאָזיגע שבחים, האָטש ער האָט זיך אין אַן אַנדערן פאַל ערלויבט, אַוועקצושטעלען אין אַ געוויסער געגנערשאַפט צו דער מיינונג פון ר׳ יהודה הנשיא (זעה ביצה דף כ״ו עמוד א׳).

זיבען גרויסע מעלות האָט ר׳ שמעון בן מנסיא אויפגעצעהלט, וואָס יעדער צדיק דאַרף פאַרמאָגען, און ער גיט דאַן באַלד צו, אַז די דאָזיגע אַלע זיבען מעלות זיינען געווען פאַראייניגט אין דער פּערזאָן פון ר׳ יהודה הנשיא און זיין פאַמיליע (זעה ירושלמי סנהדרין פּרק י״א הלכה ג׳).

אינטערעסאַנט אויף צו דערקענען זיין גערעכטיגקייטס־זין, איז די מיינונג פון ר׳ שמעון בן מנסיא וועגען דעם, ווי אַזוי אַ דיין דאַרף זיך נוהג זיין ביי אַ משפּט, אַז ער דאַרף יעדעס מאָל אַליין פאַרשטעהען, ווען צו מאַ־

כען אַ פּשרה און ווען נישט צו מאַכען. דהיינו ווי אַזוי? ווען צוויי מענשען שטעהען צום משפּט, איז איידער דער דיין האָט נישט געהערט זייערע טענות, אָדער ווען ער האָט שוין געהערט די טענות, נור ער איז נאָך ביי זיך נישט געננוג קלאָר צו וויסען, וועלכער צד ס'איז דער גערעכטער, מעג ער צו די מענשען זאָגען: "געהט ארויס און פאַרגלייכט אייערע סכסוכים!" — האָט ער אָבער שוין געהערט די טענות פון די צדדים און ער ווייסט, וועלכע זייט עס איז די גערעכטע, טאָר ער זיי נישט הייסען מאַכען קיין פשרה (סנהדרין דף ו' עמוד ב', תוספתא סנהדרין פּרק א').

ווענען שבת האָט ר' שמעון בן מנסיא געזאָגט, אַז וואָס דער פּסוק זאָגט "ראו כי ה' נתן לכם את השבת" (שמות ט"ז כ"ט), האָט ער אונז געוואָלט זאָגען מיר זאָלען וויסען, אַז דער שבת איז איבערגעגעבען צו די מענשען אין די הענד און נישט די מענשען זיינען איבערגעגעבען צום שבת (מכילתא). ער האָט אויך געזאָגט, אַז מען מעג אַמאָל מחלל זיין ווענען אַ מענשען איין שבת, כדי יענער מענש זאָל קענען אָפּהיטען פיעלע שבתים (יומא דף פ"ה עמוד ב').

כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן גערדאנקען־גאַנג פון ר' שמעון בן מנסיא איז זיינער אַ פאַנטאַסטישער מאמר ווענען דער שטראָף פון דער ערשטער מענשליכער זינד, וואָס געוויסע היסטאָריקער ווילען ווענען דעם זאָגען, אַז ער האָט דאָרט געוואָלט כמעט ווי אָפּלאַכען פון יענע חכמים, וועלכע האָבען גע־גלויבט, אַז נאָכדעם ווי אדם הראשון האָט געגעסען פונ'ם "עץ־הדעת", האָט דער אויבערשטער ארונטער־געשיקט זיינע מלאכים, זיי זאָלען אָפּהאַקען ביי דער שלאַנג איהרע פיס...

— ס'איז צו באַקלאָגען — האָט ר' שמעון בן מנסיא געזאָגט — וואָס עס איז אונז פאַרלוירען געגאַנגען אַזאַ טייערער דיענער ווי די שלאַנג האָט גע־קענט זיין, ווייל ווען די שלאַנג זאָל נישט געווען ברענגען הוה'ן צו דער עברה און זי וואָלט נישט דערפאַר פאַרשאָלטען געוואָרען פונ'ם אויבערשטען, וואָלט יעדער איד געהאַט ביי זיך אין הויז צוויי גוטע שלאַנגען, וואָס ער וואָלט איינע געקענט שיקען צו מזרח און איינע צו מערב. זיי וואָלטען איהם אויך געבראַכט די טייערסטע איידעלשטיינער און אַלעם גוטע פון דער וועלט און קיין באַשעפעניש אין דער וועלט וואָלט זיי נישט געקענט באַשעדיגען. מען וואָלט זיי זאָגאַר געקענט באַנוצען צו כל־ערליי ארבייטען אנ־שטאָט אַ קעמעל אָדער אנשטאָט אַן אייזעל. אויסערדעם וואָלטען זיי מיט'ן עק זייערן געקענט אַריינפיהרען דאָס מיסט אין די גערטנער (סנהדרין דף נ"ט עמוד ב' און אבות דר' נתן פּרק א').

* * *

רבי פנחס בן יאיר

אַ צווייטער פון יענע צייטגענאָסען איז געווען ר' פּנחס בן יאיר, דער איידעם פון ר' שמעון בן יוחאי, לויט ווי די גמרא זאָגט, אָדער דער שוועהר פון ר' שמעון בן יוחאי, לויט ווי דער "זוהר" זאָגט.

מיט דער שאַרפקייט פון זיין שכל האָט דער דאָזיגער ר' פּנחס בן יאיר געדאַרפט שטעהען אויף אַ גלייכער מדרגה מיט ר' שמעון בן יוחאי, ווייל

ווען ר' שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט א קשיא אינ'ם לערנען, האָט ר' פּנחס בן יאיר געהאַט באַלד אויף דעם צוועלף מיני תירוצים און האָט ר' פּנחס בן יאיר געהאַט אמאָל א קשיא, האָט ר' שמעון בן יוחאי אָפּגעענטפערט אויף איהר מיט 24 תירוצים (זעה שבת דף ל"ג עמוד ב').

האָט ער זיך אָבער ערוואָרבען זיין נאָמען נישט מיט קשיות און תירוצים, נור הויפּטזעכליך מיט זיין פרומקייט, וועגען וועלכער עס ווערען דערצעהלט אויסטערלישע "נסים ונפלאות".

איז טאַקי נישט געבליבען פון איהם קיין שום מאמר אין הלכה. דערפאַר ווערד אָבער פיעל דערצעהלט וועגען זיין מדקדק זיין אין דער מצוה פון "מעשר", אַז אפילו זיין אייזעל האָט נישט געוואָלט עסען קיין תבואה, פון וועלכער עס איז נישט אָרונטער־געגעבען געוואָרען קיין "מעשר". און חאָטש ער האָט אַמאָל אַליין ערקלערט, אַז די שטאָדט אשקלון געהערט צו די גוי'שע שטעדט פון ארץ־ישראל און זי וואָלט צוליעב דעם געדאַרפט זיין פּטור פון מצוות מעשר, האָט ער גלייכצייטיג געזאָגט, אַז טראָצדעם וואָס די שטאָדט איז אַ גוי'שע, זיינען דאָרט די אידען אַלץ מחויב צו געבען מעשר (זעה תוספתא אהלות פּרק י"ח).

דער גלויבען זיינער אין דער וויכטיגקייט פון מצוות מעשר איז געווען אזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַזש צוליעב דעם געהאַלטען, אַז יעדע שטראָף קומט אויף די מענשען, ווען זיי זיינען נישט מקיים די מצוה פון מעשר.

אזוי ווערד אויך דערצעהלט, אַז ער איז אַמאָל געקומען אין א שטאָדט אריין, וואו דער עולם האָט זיך פאַר איהם באַקלאָגט, אַז די מייז עסען אויף זייערע תבואות אין די פעלדער. האָט זיי ר' פּנחס געזאָגט, אַז דאָס איז זיכערליך א שטראָף דערפאַר, וואָס זיי גיבען נישט עהרליך קיין מעשר. האָ־בען דאָרט די מענשען גענומען מקיים זיין געהעריג די מצוה פון מעשר, האָבען שוין די מייז נישט געגעסען מעהר זייערע תבואות.

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט זיינען צו'ן איהם געקומען מענשען זיך באַקלאָגען, אַז דער ברונעם פון זייער שטאָדט גיט נישט גענוג וואַסער צום טרינקען. האָט זיי ר' פּנחס געזאָגט: "דאָס איז זיכערליך א שטראָף דערפאַר, וואָס איהר גיט נישט געהעריג קיין מעשר!" — האָבען יענע מענ־שען אויף זיך גענומען, צו געבען געהעריג זייערע מעשרות, האָט זיי שוין דער ברונעם געגעבען גענוג וואַסער פאַר אַלע זייערע באַדערפעניש׳ען (ירושלמי דמאי פּרק א' הלכה ג').

און וועגען דער פעהיגקייט פון זיין אייזעל צו דערשמעקען ביי יעדער געלעגענהייט, צי מען האָט יאָ געגעבען מעשר אָדער מען האָט נישט גע־געבען, ווערד דערצעהלט, אַז דער דאָזיגער אייזעל איז אַמאָל אוועקגע'גנב'ט געוואָרען, האָבען איהם די גנבים געהאַלטען ביי זיך דריי טאָג און ער האָט גאָר נישט געוואָלט עסען. האָבען די גנבים איינגעזעהען, אַז דער אייזעל וועט ביי זיי דאַרפען פּגר'ן פון הונגער, האָבען זיי איהם אוועקגעלאָזט פריי. איז ער דאַן אַליין צוריקגעגאַנגען צו זיין בעל־הבית. האָט זיך ר' פּנחס זעהר דערפרעהט און ער האָט א זאָג געטהון צו זיינע הויז־מענשען: "גיט'ם דעם אָרימען אייזעל צו עסען, ווייל ער האָט שוין דריי טאָג נישט געגעסען!" — און ווען מען האָט אוועקגעשטעלט פאַר דעם אייזעל א קופּקעלע גערשט, האָט ער תיכף דערשמעקט, אַז עס איז פון דער דאָזיגער גערשט נישט געגעבען געוואָרען קיין מעשר און ער האָט ווייטער נישט געוואָלט עסען. האָבען די

תלמידים פון ר' פנחס בן יאיר געזאָגט צו זייער רבי'ן: "האָסט אונז דאָך געלעהרנט, אז פאר א בהמה דאַרף מען נישט געבען קיין מעשר פון דמאי!" — האָט ר' פנחס אויף דעם געענטפערט: "וואָס קען מען צו אָט דעם אָרימען אייזעל טהון, ווען ער איז אויף זיך אליין א מחמיר?" (ירושלמי שקלים פרק ה'). *)

כאַראַקטעריסטיש פאר זיין געדאנקען־גאַנג איז אן אויסשפרוך פון ר' פנחס בן יאיר, אין וועלכען ער האָט געוואָלט קלאַסיפיצירען די מענשליכע מדות, ווי איינע אנטוויקעלט זיך פון דער אנדערער און זיי דערהויבען זיך דערביי פון שטופע צו שטופע, ביז זיי דערגרייכען די העכסטע שטופע.

אָפּגעהיטענקייט — האָט ר' פנחס אין דעם דאָזיגען אויסשפרוך זיינעם געזאָגט — ברענגט צו ריינקייט און ריינקייט ברענגט צו אָפּגעזונדערטקייט, אָפּגעזונדערטקייט ברענגט ווייטער צו באַשיידענקייט, באַשיידענקייט ברענגט צו גאָטעספאָרכטיגקייט, גאָטעספאָרכטיגקייט ברענגט צו פרומקייט, פרומקייט ברענגט ווייטער צו רוח־הקודש און רוח־הקודש ברענגט צו תחית־המתים (עבודה זרה דף כ' עמוד ב' און ירושלמי שקלים פרק ג').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט זיך ר' פנחס בן יאיר באַקלאָגט וועגען דער מאָראַלישער לאַגע פונ'ם אידישען פאָלק, אז זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, זיינען די לערנער פארשעהמט און די אנשטענדיגע מענשען געהען ארום מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. אָפּגעשוואַכט זיינען די מענשען פון גוטע טהאטען און עס זיינען פארשטאַרקערט די מענשען מיט פעסטע הענד און שאַרפע צינגער. זאָגסט פאַרלאַנגט קיינער גאָר נישט, ווייל אַלסדינג האָט נישט קיין ווערטה, און וועמען דאָס געפעלט נישט האָט נישט צו קוקען צו קיינעם, ווי נור צום פאָטער אין הימעל (ברייתא סוף סוטה). עס זיינען אויך דערצעהלט געוואָרען וועגען איהם די וואונדערליכסטע געשעהענישען.

איינמאָל — דערצעהלט די גמרא — איז ער געגאַנגען פאר "פּדיון שבוים", איז ער אויף זיין וועג צוגעקומען צום טייך "גינאי", וואו ער האָט נעדאַרפט דורכגעהען און עס איז דאָרט נישט געווען קיין בריק און קיין שיפעל. האָט ער א זאָג געטהון צום טייך: "שפּאַלט דיך פאַנאַנדער, ווייל איך דאַרף דאָ דורכגעהען!" — האָט איהם דער טייך געענטפערט: "דו געהסט יעצט טהון דעם ווילען פון דיין באַשעפער און איך טהו אויך כסדר דעם ווילען פון מיין באַשעפער. איז אָבער פאַרהאַנען א קליינער אונטערשיעד, וואָס ביי דיר איז א צווייפעל, צי דו וועסט ווירקען מיט דיין גאַנג אָדער נישט, אָבער איך האָב מיר מיין גאַנג אָנגעצייכענט פונ'ם אויבערשטען און איך דאַרף נישט קיינעם צוליעב טהון!"

האָט ר' פנחס בן יאיר א זאָג געטהון: "אויב דו שפּאַלטסט דיך נישט דאָ באַלד אויף דער שטעל, וועל איך אויף דיר גוזר זיין, דו זאָלסט איינטרוקענען און קיינמאָל נישט צוריקקריגען דיין וואַסער!"

פאר אזא מין סטראַשונאַק האָט זיך דער טייך דערשראָקען און ער האָט זיך תיכף פאַנאַנדערגעשפּאָלטען.

*) דיזעלבע וואונדערליכע מעשיות וועגען אן אייזעל, וועלכער האָט נישט געוואָלט עסען, ווען ער האָט דערשמעקט, אז מען האָט נישט געגעבען קיין מעשר פון דער תבואה, ווערד אויך דערצעהלט וועגען דעם אייזעל פון ר' חנינא בן דוסא (זעה אבות דר' נתן פרק ח').

דערנאָך איז געקומען א מענש א פּשוט׳ער, וועלכער האָט געטראָגען אויף זיינע פּלייצעס א זאק ווייץ אויף פּסח. האָט ר׳ פּנחס א זאָג געטהון צום טייך: „געה שפּאַלט דיך פאַנאַנדער פאַר דעם מענש דאָ. וויל ער געהט וועגען א מצוה!"

האָט שוין דער טייך נישט געמאכט קיין טענות און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּאָלטען.

דערווייל איז אָנגעקומען נאָך א דריטער מענש, א וואנדערער, וועלכער האָט זיך געהאָט אָנגעשלאָסען צו ביידען, צו ר׳ פּנחס בן יאיר און צו יענעם מענשען מיט׳ן זאק אויף די פּלייצעס. האָט ר׳ פּנחס א זאָג געטהון צום טייך: „שפּאַלט דיך פאַנאַנדער אויך פאַר דעם מענש, אַבי מען זאָל נישט קענען זאָגען, אַז דו באַהאַנדעלסט שלעכט די מענשען, וואָס געהען מיט אונז!"

האָט זיך דער טייך פאַנאַנדערגעשפּאָלטען צום דריטען מאָל (חולין דף ז׳ עמוד א׳).

און ווען עס האָבען די תלמידים פון ר׳ פּנחס בן יאיר דאָס געהערט, האָבען זיי געפרעגט ביי זייער רבי׳ן, צי זיי וועלען אויך אַמאָל קענען באַווייזען אַזא וואונדער. האָט זיי ר׳ פּנחס אויף דעם געענטפערט: „ווען איהר וועט האָבען דאָס באַוואוסטזיין, אַז איהר האָט נישט געטהון קיינמאָל קיין שלעכטס צו קיין שום איד און איהר האָט נישט פארשעהמט קיין שום מענש, וועט איהר אויך קענען טהון דאָסזעלבע!" (ירושלמי דמאי פּרק א׳ הלכה ג׳).

ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ר׳ פּנחס בן יאיר קיינמאָל נישט געגעסען ביי א פרעמדען טיש, און זייט ער איז געקומען צו זיין שכל, האָט ער נישט גענאָסען גאָר אפילו ביי זיין אייגענעם פאָטער. האָט ר׳ יהודה הנשיא אַמאָל געהערט, אַז ר׳ פּנחס בן יאיר איז אָנגעקומען אין שטאָדט, איז ער איהם אקעגען־געגאַנגען און ער האָט איהם פארבעטען צום עסען. האָט ר׳ פּנחס די דאָזיגע איינלאַדונג אָנגענומען. איז ר׳ יהודה הנשיא געווען זעהר צופרידען דערפון און דאָס פּנים האָט ביי איהם געלויכטען פון שמחה.

זעהענדיג ר׳ יהודה הנשיא׳ס צופרידענעם פּנים, האָט דאַן ר׳ פּנחס געזאָגט: „ווי איך זעה, דאכט זיך דיר, אז איך האָב א נדר געטהון, נישט צו האָבען קיינמאָל א הנאה פון א אידען. איז אָבער דער ענין גאַנץ אַנדערש. אידען זיינען טאַקי א הייליג פאָלק, איז אָבער פאַרהאַנען איינער, וואָס וויל דיר געבען עסען, נור ער האָט נישט, און אַן אנדערער האָט יאָ צו געבען, נור ער וויל נישט. טאָר אַזא מענש ווי איך ביי קיין איינציגען פון זיי עטוואָס נעהמען"...

און ווען ר׳ פּנחס בן יאיר איז דאַן צוגעקומען צו דער טהיר פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס הויז, האָט ער דאָרט דערזעהען ווייסע מויל־אייזלען. האָט ער ווי נישט מיט זיין קול א געשריי געטהון: „אָט איז דער מלאך־המות ביי דעם אין הויז און איך וועל געהען ביי איהם עסען?"

וואָס ער האָט אָנגערופען די מויל־אייזלען מיט׳ן נאָמען „מלאך־המות", ערקלערען די מפרשים, אז די אורזאך דערפון איז געווען, ווייל ווען אזא מויל־אייזעל גיט אימיצען א בריק מיט׳ן פוס און ער פארוואונדעט איהם, ווערד דער קלאַפּ קיינמאָל נישט פארהיילט (!).

האָט ר׳ יהודה הנשיא געהערט וואָס ר׳ פּנחס בן יאיר האָט געזאָגט, איז ער באַלד ארויסגעקומען פונ׳ם הויז און ער האָט א זאָג געטהון: „אויב

עס איז דיר נישט ניחא, וואָס איך האַלט מויל-אייזלען אין מיין הויז, וועל איך זיי פאַרקויפען!"

— טאָרסט דאָס ניט טהון! — האָט ר' פנחס געענטפערט — ווייל מען טאָר נישט לייגען פאַר א בלינדען א שטיין אויף'ן וועג, ער זאָל איבער איהם פאַלען...

— וועל איך זיי מפקיר זיין — האָט רבי געזאָגט — ארויסלאָזען אין גאַס, עס זאָל זיי נעהמען ווער עס וויל, אַבי דו זאָלסט אריינקומען אין מיין הויז!

— טאָרסט דאָס נישט טהון — האָט ר' פנחס אויף דעם געענטפערט — צוליעב דעם גרויסען היזק, וואָס דו וועסט דערפון האָבען.

— וועל איך ביי זיי ארונטערייסען די קלאָהען — האָט רבי געזאָגט — זיי זאָלען נישט קענען בריקען...

— טאָרסט דאָס נישט טהון — האָט ר' פנחס געזאָגט — צוליעב דער עברה פון "צער בעלי חיים".

— וועל איך זיי הרג'נען! — האָט רבי געזאָגט — אַבי דו זאָלסט אריינקומען צו מיר אין הויז.

— טאָרסט דאָס נישט טהון! — האָט ר' פנחס געענטפערט — ווייל מען טאָר נישט קאַליע מאַכען א זאַך פון ווערטה.

דער סוף פון אָט די טענות איז געווען, אז ר' פנחס בן יאיר איז שוין נישט אריינגעגאַנגען צו ר' יהודה הנשיא אין הויז. פון דאַמאָלס אָן איז אויך אויסגעוואַקסען א וואַנד צווישעןביידען און זיי זיינען שוין קיינמאָל אין לעבען נישט מעהר צוזאַמענגעקומען (חולין דף ז' עמוד ב').

* * *

רבי אלעזר הקפר און בר קפרא

צווישען די צייט-גענאָסען פון ר' יהודה הנשיא איז געווען איינער א תנא מיט'ן נאָמען ר' אלעזר הקפר, וואָס זיינע אַ מאָראַלישע סענטענץ איז געווען, אז "די קנאה געגען אנדערע, די תאוה צו פאַרגעניגענס און די כבוד-זוכעריי נעהמען אוועק די מענשען פון דער וועלט".

ביי אנדערע געלעגענהייטען פלעגט ער זאָגען: "די וואָס זיינען געבוירען, זיינען באַשטימט צו שטאַרבען, און די וואָס זיינען געשטאָרבען, זיינען באַשטימט צוריק אויפצולעבען, די אויפגעלעבטע זיינען דאַן באַשטימט צו'ן א משפט, אליין צו וויסען, צו מאַכען אנדערע וויסען און צו זיין איבערצייגט, אַז גאָט איז דער באַשעפער, וועלכער פאַרשטעהט און פיהרט אלסדינג. ער אליין איז דער ריכטער, דער עדות-זאָגער, דער אָנקלאָגער און די לעצטע אינסטאַנץ ביים משפט. נישט פאַרהאַנען ביי איהם קיין עולה, קיין פאַרגעסען, קיין שוינונג, קיין באַשטעכונג. אלסדינג איז זיין און אלעס פיהרט זיך לויט א באַשטימטען חשבון. די געדאַנקען דיינע טאָרען דיר אויך נישט וועלען איינריידען, אז די גרוב איז פאַר דיר אַן אָרט צו אַנטלויפען, ווייל אָהן דיין ווילען ביזטו באַשאַפען, אָהן דיין ווילען ביזטו געבוירען, אָהן דיין צושטימונג ביזטו לעבעדיג און געגען דיין ווילען מוזטו שטאַרבען און אָפּגעבען דין וחשבון פאַר'ן קעניג פון אלע קעניגע" (אבות פרק ד' משנה כ"א—כ"ב).

רבי אלעזר הקפר און בר קפרא

אין זיין אָנזאָג, אז דער מענש זאָל זיך נישט האַלטען האָפערדיג, פלעגט ער זאָגען: „זאָלסט קיינמאָל נישט וועלען זיין ווי דער ביישטיע־דעל ביי דער טהיר אָדער ווי די אויבערשטע שוועל, נור ווי די אונטערשטע שוועל, אויף וועלכער יעדער טרעט ארויף, אָבער צום סוף, ווען דער גאַנ־צער בנין איז שוין צושטערט, איז זי, די שוועל, אַלץ נאָך אויף איהר אָרט" (אבות דר' נתן פרק כ"ו).

גלייך ווי אַנדערע צייטגענאָסען פון ר' יהודה הנשיא, וואָס זייער נאָ־מען געפינט זיך נישט אין דער „משנה", האָטש זיי זיינען באַטראַכט גע־וואָרען אלס אויטאָריטעטען אין הלכה, געפינט מען אויך דעם נאָמען פון ר' אלעזר הקפר בלויז אין דער „ברייתא" (שבת דף קל"ה עמוד א', חולין דף פ"ד עמוד כ').

דער פאָטער זיינער — דאַכט זיך — איז אויך געווען א געלעהר־טער מענש. דאָס ווערד ארויסגעדרונגען פון דעם, וואָס אונזער ר' אלעזר איז עטליכע מאָל דערמאָנט אלס „ר' אלעזר הקפר בריבי". זאָגט אויף דעם רש"י, אז דערפאַר האָט מען איהם גערופען „בריבי" (בן רבי), ווייל דער פאָטער זיינער איז אויך געווען אן „אדם גדול".

פון ר' אלעזר'ס פאַמיליען־לעבען ווייסט מען נור אזוי פיעל, אז ער האָט געהאַט א זוהן אליעזר. ווילען מאַנכע היסטאָריקער באהויפּטען, אז דער דאָזיגער זוהן פון ר' אלעזר הקפר איז געווען דער באוואוסטער בר־קפרא, ווילען אנדערע גאָר זאָגען, אז בר־קפרא איז דערזעלבער, וואָס ר' אלעזר הקפר, ווייל עס געפינען זיך אין דער גמרא מאַנכע מאמרים פון ר' אלעזר הקפר, וועלכע ווערען אויף אן אנדער אָרט איבערגעגעבען אויף'ן נאָמען פון בר־קפרא. זאָגען ווייטער אַנדערע, אז יענע מאמרים שטאַמען טאַקי פון ר' אלעזר הקפר, נור דער „מסדר", וואָס האָט זיי ציטירט אויף אנדערע ערטער, האָט פאַרוועקסעלט די פּערזאָנען, ווען ער האָט אנשטאָט ר' אלעזר הקפר געשריבען „בר־קפרא".

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אין וועלכער ר' אלעזר הקפר האָט געלעבט און געווירקט, איז דער אויסשפּרוך זיינער, אז „א מענש דאַרף שטאַרק בעטען צום אויבערשטען, ער זאָל אָפּגעהיט ווערען פון אָרימקייט", ווייל ער האָט געגלויבט, אז די אָרימקייט מוז זיך אַריינרייסען אין יעדע פאַמיליע, און טאָמער איז איינער אָפּגעהיט פון אָרימקייט, מוז זי קומען אויף זיין זוהן אָדער אויף זיין איניקעל (שבת דף קנ"א עמוד ב').

ווי עס שיינט, האָט זיך אין יענער צייט דאָס רעליגיעזע לעבען פון די אידען בעסער אַנטוויקעלט אין בבל און פיעלע חכמים האָבען מורא באַקומען, אז בבל וועט נאָך ווערען א קאָנקורענץ צו ארץ־ישראל, פּונקט ווי אלעקסאַנדריען איז אַמאָל געווען. האָט ר' אלעזר הקפר דערפאַר גע־זאָגט, אז „אלע שוהלען און בתי־מדרשים פון בבל וועלען סוף־כל־סוף מו־זען אריבערגעטראָגען ווערען קיין ארץ־ישראל" (מגלה דף כ"ט עמוד א').

גלייך ווי ביי פיעלע אַנדערע חכמים איז אויך ביי אונזער ר' אלעזר די מעלה פון שלום זעהר הויך געשטאַנען, ווייל „אלע ברכות פון דער שמונה־עשרה ענדיגען זיך מיט דער ברכה פון שלום" (ספרי נשא פרשה קמ"ד).

און ווען עס האָבען זיך אַמאָל די חכמים מפלפל געווען וועגען „יציאת־מצרים" און יעדער האָט געזאָגט אן אַנדערע מיינונג, אין וואָס פאַר א זכות אידען זיינען דאַמאָלס ארויסגעראַטעוועט געוואָרען פון'ם גלות,

האָט ר׳ אלעזר געזאָגט, אז זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרען, ווייל ״מען האָט זיי ניט געקענט חושד זיין אין אוממאָראַליטעט אָדער אין לשון־הרע, דערצו האָבען זיי אויך נישט געענדערט זייער שפּראַך״ (מכילתא בא פרשה ד׳).

שטעקט אין דעם דאָזיגען זאָג א שאַרף אָנצוהערעניש געגען די פּיה־רונגען פון יענעם דור, ווי עס האָבען זיך פּיעלע אידען געפיהרט אין זייער מאָראַל אויף׳ן רוימישען שטייגער, זיי האָבען אויך גערעדט לשון־הרע איי־נער אויף׳ן אנדערן און זיי האָבען געענדערט זייער שפּראַך, ווייל אנשטאָט צו ריידען העברעאיש, האָבען זיי גערעדט גריכיש.

צוזאמען אין איין צייט מיט ר׳ אלעזר הקפר האָט געלעבט און גע־ווירקט בר־קפּרא, וועגען וועלכען עס ווילען מאַנכע היסטאָריקער באהויפּטען, אז ביידע — ר׳ אלעזר הקפר און בר־קפּרא — זיינען איין פּערזאָן, האָטש דאָס איז פּשוט אוממעגליך, ווייל עס איז פאַרהאַנען צווי־שען ביידען א מחלוקה וועגען דעם דין פון שחיטה ביי אן עוף: ר׳ אלעזר הקפר האָט געהאַלטען, אז שחיטת עוף איז מדרבנן און בר־קפּרא האָט געהאַלטען, אז עס איז מדאורייתא (חולין דף כ״ז עמוד ב׳).

דער אייגענטליכער נאָמען פון בר־קפּרא איז אומבאַקאַנט. דער ״יוחסין״ רופט איהם שמעון, אין ״ערוך״ הייסט ער אלעזר און אין מדרש (קהלת רבה פרשה א׳) הייסט ער אבא. אנדערע זאָגען, אז דורכדעם איז נישט באַקאַנט זיין נאָמען, ווייל ער האָט געהייסען אויף׳ן נאָמען פון זיין פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבען, איידער דער זוהן איז געבוירען געוואָרען.

ווי עס הייסט, האָט בר־קפּרא צונויפגעקליבען א זאמלונג פון הלכות, וועלכע ער האָט מסדר געווען אין אזוי אָנגערופענע ״משניות״. זיינען זיי אָבער נישט אָנגענומען געוואָרען ווי די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא. זיינען פּיעלע פון זיי פאַרלוירען געגאַנגען און בלויז אייניגע זיינען אריינ־גענומען געוואָרען אין די ״ברייתות״, וואָס יעדע פון זיי הויבט זיך אָן מיט די ווערטער ״תני בר־קפּרא״.

דאַביי דאַרף מען אויך וויסען, אז בר־קפּרא׳ס מיינונגען זיינען גע־ווען זעהר באַליעבט ביי די לערנער אין די בתי־מדרשים און זיי זיינען גע־רופען געוואָרען ״משנת בר־קפּרא״ (בבא בתרא דף קנ״ד עמוד ב׳ און ירושלמי הוריות פּרק ג׳ הלכה ה׳).

חוץ זיין גרויסקייט אין הלכה איז בר־קפּרא געווען א באַריהמטער דרשן. זיינע ״גלייכווערטלעך״ פלעגען זיך ארומטראָגען איבער אלע בתי־מדרשים פון ארץ־ישראל און מען האָט אויך אָנגעקוואָלען פון זיי אין די בתי־מדרשים פון בבל.

אלס א מוסטער פון זיינע דרשות װעלען מיר דאָ פּרובירען איבער־געבען די ערשטע, וואָס זיינען אונז גראַד געקומען אונטער דער האַנד.

— ביי יעדען פּסוק, וואו עס קומט אויס א מ״ם אין מיטען וואָרט, איז זי אן אָפענע, נור אינ׳ם פּסוק: ״למרבה המשרה״ (ישעיה ט׳ ו׳) איז די מ״ם א געשלאָסענע. פאַרוואָס איז דאָס? ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט מאַכען חזקיה מלך יהודה פאַר משיח און סנחריב מלך אשור פאַר ״גוג ומגוג״. האָט די ״מדת הדין״ א זאָג געטהון צום אויבערשטען: ״רבונו של עולם, וואָס ווילסטו טהון? מה־דאַך דוד מלך ישראל, וועל־כער האָט געזונגען צו דיר אזוי פּיעל שירות ותשבחות, האָסטו איהם נישט

געמאכט פאר משיח, ווילסטו פלוצים נעהמען חזקיה'ן, וואס דו האסט איהם ביז היינט אזוי פיעל נסים באוויזען, האסט איהם אפגעראטעוועט פון סנחריב און געהיילט פון זיין קראנקהייט און ער האט דיר נישט געזונגען קיין לויבגעזאנג, ווילסטו איהם גאר מאכען פאר משיח?" — איז דאן דעם אויבערשטען'ס ווילען געשטערט געווארען. האט די ערד געזאגט צום אויבערשטען: "איך וועל צו דיר זאגען שירה אנשטאט דעם צדיק, אבי מאך איהם פאר משיח!" — האט דאס אבער נישט געהאלפען. האט דער "שר העולם" (דער מלאך, וואס די גאנצע וועלט ליגט ביי איהם אין דער האנד) א זאג געטהון צום אויבערשטען: "רבונו של עולם! טהו צו אט דעם צדיק, וואס דו ווילסט!" — איז דאן ארויסגעגאנגען א בת־קול און האט געזאגט: "ס'איז מיין געהיימנים, ס'איז מיין געהיימנים!" (זעה סנהדרין דף צ"ד עמוד א').

אין אן אנדערער דרשה האט ער געגעבען אן אנצוהערעניש, אז דער מענש דארף זיין שטענדיג גרייט מיט זיין "חשבון הנפש" דורך פאלגענדען משל: א פרוי, וואס איהר מאן איז תמיד געוועז אויף רייזען, פלעגט זיך האלטען כסדר אויסגעפוצט. האבען איהר די שכנות אמאל געזאגט: "דער מאן דיינער איז נישט אין דערהיים, טא פאר וועמען פוצטו זיך?" — האט די פרוי געענטפערט: "מיין מאן איז א מאטראז אויף א שיף, און ווען עס וועט זיך איהם טרעפען א שטיקיל פארדיענסט, וועט ער תיכף אהיימקומען, קען אלזא מעגליך זיין, ער זאל זיך פלוצים ביי מיר באווייזען. איז טאקי בעסער, ער זאל מיך טרעפען אן אויסגעפוצטע און נישט קיין פארשמירטע!" (קהלת רבה פרשה ט' פיסקא ו').

פון די "ווערטלעך" זיינע איז כדאי צו דערמאנען, וואס ער האט געזאגט: "זאלסט ליעב האבען דעם פריעדען און פיינט האבען מחלוקות. זאלסט זיך אויך דערווייטערען פון תרעומות, ווייל ווען דו וועסט האבען תרעומות אויף אנדערע, וועסטו דערנאך ארייגפאלען אין זינד!" (דרך ארץ זוטא פרק ט').

ווער עס גיט אפ כבוד צו זיין חבר — האט בר־קפרא ביי אן אנדער'ער געלעגענהייט געזאגט — ווייל דער חבר זיינער האט געלד, מוז דערנאך זיין דער סוף, ער זאל דארפען אוועקגעהען פון זיין חבר מיט שאנדע. און ווער עס פארשעהמט זיין חבר לשם מצוה, איז דערנאך דער סוף, אז ער וועט פון איהם אוועקגעהען מיט כבוד (אבות דר' נתן פרק כ"ט).

ער פלעגט אויך זאגען: "די טהעטיגקייט פון די צדיקים איז וויכטיגער ווי די באשאפונג פון הימעל און ערד" (כתובות דף ה' עמוד א').

אין זיין הומאריסטישער פאראנלאגונג פלעגט בר־קפרא פארשיעדענע מענשליכע שוואכקייטען אפלאכען און אם מעהרסטען האט ער אפגעלאכט דעם כעס, וועגען וועלכען ער פלעגט זאגען: "א בייזער האט נישט מעהר אויף דער וועלט ווי נור זיין בייזקייט" (קדושין דף מ"א עמוד א').

גלייך ווי אין די בתי־מדרשים פון ארץ־ישראל האט מען זיך אין די בתי־מדרשים פון בבל מיט א באזונדערער ליעבע דערצעהלט מעשה'לעך וועגען בר־קפרא'ס פארהעלטנים צו ר' יהודה הנשיא און צו זיין משפחה.

ווי עס איז שוין געוועזן דערצעהלט, האט ר' יהודה הנשיא געהאט אן איידעם מיט'ן נאמען בן־אלעשא, וועלכער איז געוועזן זעהר א גרויסער עושר, אבער לערנען האט ער נישט געקענט. איז אמאל געוועזן א סעודה ביי ר' יהודה הנשיא אין הויז, האט איטליכער אויפגעגעבען פארשיעדענע

רעטענישען צו די פּאַרזאַמעלטע און בן־אלעשא איז געזעסן און האָט גע־שוויגען. האָט בר־קפּרא צו׳ן איהם געזאָגט: "וואָס שווייגסטו, ברודער־קע?" — האָט בן־אלעשא אויף דעם געזאָגט: "אָט ווייסטו דאָך, אַז איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען!" —האָט איהם בר־קפּרא אונטערגעזאָגט א רעטעניש, וועלכעס איז געווען אַן אנצוהערעניש געגען דער פיהרונג פון ר׳ יהודה הנשיא׳ס הויז.

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז אין א טאָג, וואָס ר׳ יהודה הנשיא האָט זיך צולאכט, פלעגט קומען עפּיס א שטראָף אויף דער וועלט. איז אזוי ווי רבי פלעגט שטענדיג מוזען לאַכען איבער בר־קפּרא׳ס שפּאַסען, האָט ער איהם אַמאָל געבעטען, ער זאָל איהם נישט היינט מאכען לאַכען, וועט ער איהם דערפאר געבען פערציג מאָס ווייץ. האָט בר־קפּרא גענו־מען א גרויסען קאָרב, אויסגעשמירט מיט סמאָלע און איבערגעדרעהט איהם מיט׳ן דנאָ אַרויף — און דאָרט האָט ער געהייסען רבי׳ן אריינשי־טען די פערציג מאָס ווייץ.

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט זיך בר־קפּרא פּארוועט מיט רבי׳ס טאָכטער, אַז ווען ער וועט מאָרגען טרינקען וויין ביי איהר פאָטער אין הויז, וועט איהר פאָטער געהען א טענצעל און איהר מוטער וועט פאר איהם זינגען. מיט א חכמה׳דיג קונצעלע האָט ער דאָס אויף מאָרגען אויסגע־פיהרט, און אזוי ווי בן־אלעשא איז אויך דערביי געווען, האָט ער עס נישט געוואָלט ליידען, וואָס זיין שוועהר טהוט אלסדינג לויט ווי בר־קפּרא האָט פריהער געזאָגט, האָט ער צוזאמען מיט זיין פרוי פאַרלאָזען דעם שוועהר׳ס הויז אין כעס (נדרים דף נ׳ עמוד ב׳).

כמעט אלע חכמים פון׳ם ערשטען דור ארץ־ישראל׳דיגע אמוראים האָבען געלעהנט ביי בר־קפּרא, חאָטש ר׳ יהודה הנשיא האָט איהם נישט מסמיך געווען.

פון בר־קפּרא׳ס פּריוואטען לעבען ווייסען מיר נור אזוי פיעל, אַז ער איז געווען אַן אָרימאַן און ער האָט זיך דערנעהרט פון ארבייט. וואָס פאר אַן ארבייט ער האָט געטהון, איז פאַרהאַנען וועגען דעם בלויז אַן אָנ־צוהערעניש, אַז ער איז אַמאָל געווען באַשעפטיגט מיט גראָבען אויף א פעל־זען אין מיטען ים.

אַמאָל — ווערד אויך דערצעהלט — האָט בר־קפּרא געהאט א חלום, וועלכען ער האָט איבערדערצעהלט צו ר׳ יהודה הנשיא, ער זאָל איהם זאָ־גען דעם באַשייד.

ער האָט אין זיין חלום געזעהען, האָט ער געזאָגט, אַז די נאָז איז ביי איהם ארונטערגעפאַלען. האָט איהם רבי געזאָגט, אַז דער אויבערשטער איז געווען אויף איהם אין כעס און יעצט איז שוין דעם אויבערשטען׳ס כעס אוועק. האָט בר־קפּרא ווייטער דערצעהלט, אַז עס זיינען איהם אין חלום זיינע צוויי הענד אָפּגעשניטען געוואָרען, האָט איהם רבי געזאָגט, אַז דאָס איז א סימן, אַז ער וועט נישט מעהר דאַרפען געברויכען די הענד צו ארבייטען אויף פרנסה (ברכות דף נ״ז עמוד א׳).

ווערד ווייטער דערצעהלט, אַז בר־קפּרא האָט אַמאָל געזעהען, ווי א שיף טרינקט זיך איג׳ם ים און בלויז איינער א בכבוד׳ער מענש איז אָפּ־געראַטעוועט געוואָרען. האָט בר־קפּרא אויף דעם מענשען רחמנות גע־האַט, האָט ער איהם אריינגענומען אין זיין הויז, געגעבען איהם עסען און א ביסיל געלד אין קעשענע. שפּעטער מיט יאָהרען האָט עס זיך געטראָפען,

אז עטליכע אידען זיינען גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. האָט מען ארויסגעשיקט בר־קפּרא׳ן, ער זאָל די געפאנגענע אויסקויפען און מען האָט איהם אויך מיטגעגעבען פינף הונדערט גאָלדענע דוקאטען. און ווען בר־קפרא איז אָנגעקומען צום הויז פונ׳ם מלכות, האָט ער דאָרט געטראָפען יענעם מענשען, וועלכער איז גערעטעט געוואָרען דורך איהם. צוגלייך האָט ער אויך אויסגעפונען, אז יענער מענש איז א גרויסער שררה ביי דער רעגירונג.

איז ווי יענער שררה האָט בר־קפרא׳ן דערזעהען, איז ער איהם אקעגען־געלאָפען, האָט איהם באגריסט און געפרעגט, וואָס ער פארלאנגט. האָט איהם בר־קפרא דערצעהלט די גאנצע מעשה, אז ער איז געקומען אויסקויפען די עטליכע געפאנגענע אידען. דאביי האָט ער איהם אויך געוויזען דאָס געלד, וועלכעס ער האָט מיטגענומען. האָט איהם יענער שררה געזאָגט: ״דאָס געלד מעגסטו דיר באהאלטען פאר די פינף שקלים, וואָס דו האָסט מיר אמאָל געשענקט. און דערפאר וואָס דו האָסט מיר געגעבען צו עסען און צו טרינקען, וועל איך באפרייען דיינע ברידער אומזיסט!״ (קהלת רבה פרשה י״א). *)

פון דאמאָלס אָן, קען מען אָנגעהמען, איז בר־קפרא׳ס לאגע פאַרבעסערט געוואָרען און ער האָט שוין דערנעהרט זיין הויז ברחבה. ער האָט זיך אויך דאן געקענט ערלויבען, אז עטליכע תלמידים זיינע זאָלען עסען ביי זיין טיש (ברכות דף ל״ט עמוד א׳).

---

*) אז עהנליכע מעשה פון א שיפסברוכיגען שררה, וועלכער איז אפגעראטעוועט געוואָרען דורך א תנא, ווערד דערצעהלט וועגען ר׳ אלעזר בן שמוע.

רבי חייא רבה בר אבא

נאָך איינער פון ר' יהודה הנשיא'ס חברים און תלמידים וואָס די צייט פון זייער ווירקונג איז אויסגעפּאַלען אין יענע יאָהרען, ווען די "משנה" איז שוין געווען פאַרענדיגט און די עפּאָכע פון די "אמוראים" האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבען, איז געווען רבי חייא בר אבא דער ערשטער, וועלכער איז באַקאַנט אין גאַנץ ש"ס אַלס ר' חייא סתם און ער ווערד אויך אָנגערופען ר' חייא רבה (שבת דף ל"ח עמוד ב') — צום אונטערשיעד פון ר' חייא בר אבא דעם צווייטען, וועלכער איז געווען איינער פון די "אמוראים".

געבוירען איז אונזער ר' חייא אין א שטעדטעל לעבען סורא אין בבל אין דער מיט פון'ם צווייטען יאָהרהונדערט לויט היינטיגער צייטרעכענונג, דאָס הייסט ארום 190 יאָהר נאָך'ן חורבן.

די משפחה זיינע האָט זיך מיחס געווען, אז זי שטאַמט פון שפטיה בן אביטל, וועלכער איז געווען א זוהן פון דוד המלך (ירושלמי תענית פרק ד' הלכה ב') — און לויט ווי אנדערע האָבען געזאָגט, שטאַמט די דאָזיגע משפחה פון שמעי, דוד'ס ברודער.

ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ר' יהודה הנשיא געוואָלט פאַרהייראַטען זיין זוהן מיט ר' חייא'ס טאָכטער — און ווי מען האָט געוואָלט נעהמען שרייבען די "כתובה", איז די כלה פּלוצים געשטאָרבען. האָט רבי געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין א וואונק פון'ם אויבערשטען, ווייל עס איז אפשר פאַרהאַנען א פסול אין ר' חייא'ס משפחה. האָט מען דאַמאָלס נאָכגעזוכט דעם יחוס פון ביידען און מען האָט אויסגעפונען, אז רבי שטאַמט פון שפטיה בן אביטל און ר' חייא קומט ארויס פון שמעי, דוד'ס ברודער (כתובות דף ס"ב עמוד ב').

פון ר' חייא'ס פּאַסירונגען אין זיין יוגענד איז ווייניג וואָס באַקאַנט, גלייך ווי מיר ווייסען כמעט גאָר נישט וועגען די תלמידי־חכמים פון בבל, וועלכע האָבען געלעבט און געווירקט ביז צו דער צייט פון ר' חייא.

עס איז אָנצונעהמען, אז די אידען אין בבל האָבען שטענדיג געהאַט גרויסע ישיבות, ווייל ווען ר' חייא איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיינע זיהן קיין ארץ־ישראל, זיינען זיי שוין געווען רייפע געלעהרנטע מענשען, און אזוי ווי זיי זיינען נישט געווען פריהער אין ארץ־ישראל, האָבען זיי וואהרשיינליך מיטגעבראַכט זייער תורה פון די ישיבות אין בבל.

פון דעסטוועגען איז נישט צו פאַרשטעהען, וואָס דאָרט וואו די גמרא זאָגט, אז "ווען די תורה איז אמאָל פאַרגעסען געוואָרען, איז געקומען עזרא פון בבל און האָט זי באַנייט, דערנאָך איז געקומען הלל הבבלי און האָט ווייטער די תורה באַנייט", ווערד אויף דעמזעלבען אָרט געזאָגט, אז "ווען די תורה איז שפּעטער ווייטער פאַרגעסען געוואָרען, איז געקומען ר' חייא מיט זיינע זיהן און זיי האָבען די פאַרגעסענע תורה באַנייט" (סוכה דף כ' עמוד א'). איז דער דאָזיגער מאמר פשוט שווער צו פאַרשטעהען,

ווייל ווען ר׳ חייא איז אָנגעקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז דאָרט דאָס לערנען געשטאַנען אין פולער בליהונג, רבי איז געווען דער ״נשיא״ און די צאָהל פון זיינע חברים און תלמידים איז געווען זעהר א גרויסע, אַז עס האָט שוין דאַמאָלס גאָר נישט געקענט זיין קיין רייד וועגען דער מעגליכקייט פון פאַרגעסען די תורה.

חוץ דעם איז די משפחה פונ׳ם ״נשיא״ געשטאַנען אין דער פראָנט פונ׳ם אידישען לעבען, און ווען די תורה זאָל אפילו געווען זיין ״פאַרגעסען״, וואָלט די משפחה פון ר׳ יהודה הנשיא נישט צוגעלאָזען א צוגערייזטען ״בבלי״, ער זאָל ווערען דער ״רעטער״ אין דער סיטואַציע.

ר׳ חייא איז טאַקי געווען זעהר א וויכטיגע פיגור אינ׳ם אידישען לע־בען. אָפטמאָל פלעגט ער דרש׳נען ביי רער טהיר פונ׳ם ״נשיא״ (כתובות דף ל״ד עמוד א׳), און ווען מען האָט וועגען איהם שפעטער גערעדט, האָט מען איהם טיטולירט ״ארי שבחבורה״ (שבת דף קי״א עמוד ב׳, סנהדרין דף ח׳ עמוד א׳), איז אָבער די לאַגע אין יענער צייט נישט געווען אַזעלכע, אַז די תורה זאָל זיין פאַרגעסען און ר׳ חייא האָט זי ערשט געזאָלט דאַרפען באַנייען, גלייך ווי עס איז אַמאָל געווען אין דער צייט פון עזרא הסופר אָדער פון הלל הבבלי.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געדאַנק, אַז מען וועט נישט לאָזען די תורה פאַרגעסען ווערען, איז אַן אויסשפּרוך פון ר׳ חייא, וועלכער האָט געזאָגט: ״ווען די תורה זאָל האַלטען ביי פאַרגעסען ווערען, וועל איך נעהמען פלאַקס און פלעכטען געצען, צו פאַנגען הערשען, דאַן וועל איך געבען צו עסען זייער פלייש צו יתומים און פון זייער פעל וועל איך אויסאַרבייטען פאַרמעט, צו שרייבען אויף דעם די תורה. דערנאָך וועל איך געהען אין אַזעלכע שטעדט, וואו עס זיינען נישט פאַרהאַנען קיין מלמדים, דאָרט וועל איך לאָזען אָנ־שרייבען די פינף חומשים פון דער תורה, צו לערנען מיט די דאָרטיגע קינ־דער. דערנאָך וועל איך לערנען מיט אַנדערע קינדער די זעקס סדרים פון דער משנה, אַבי די תורה זאָל נישט פאַרגעסען ווערען!״ — און ווען רבי האָט גע־הערט, וואָס ר׳ חייא האָט צוגעזאָגט צו טהון, האָט ער געזאָגט: ״זעהט, ווי גרויס ר׳ חייא איז מיט זיינע מעשים!״ (כתובות דף ק״ג עמוד ב׳, בבא מציעא דף פ״ח עמוד ב׳).

באַלד ווי ר׳ חייא איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט איהם ר׳ יהודה הנשיא אויפגענומען מיט ליעבשאַפט און כבוד. ער האָט דאַן אויך געגעסען ביי ר׳ יהודה הנשיא׳ס טיש (ערובין דף ע״ג עמוד א׳). און ווען ר׳ חייא האָט אַמאָל ארויסגעהאָלפען דעם נשיא אין דער באַגרינדונג פון א דין, האָט רבי אויף איהם אָנגעווענדעט דעם פסוק (פון ישעיה מ״ו י״א) ״מארץ מרחק איש עצתי״, ד. ה. א מענש פון א ווייטען לאַנד איז געקומען מיר צו ראַטהען (מנחות דף פ״ח עמוד ב׳).

די פאַרעהרונג פון רבי צו ר׳ חייא איז דאַן אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ווען זיי זיינען ביידע צוגעקומען און־איינעם צום בית־המדרש, האָט רבי געזאָגט, אַז ר׳ חייא זאָל אריינגעהען צוערשט (ירושלמי כלאים פרק ט׳ הלכה ג׳). און ווען עס האָט זיך אַמאָל געהאַנדעלט וועגען א שאלה פון טומאה, וואו די מיינונג פון ר׳ חייא איז געווען אַנדערש ווי די מיינונג פון ר׳ יהודה הנשיא, האָט רבי געזאָגט: ״לאָז אָפּ מיינע ווערטער און נעהם אָן די ווערטער פון ר׳ חייא!״ (עבודה זרה דף ל״ו עמוד ב׳).

רבי חייא רבה בר אבא

ר׳ יהודה הנשיא פלעגט אויך יעדעס מאָל איבערגעבען צו ר׳ חייא אַלס־דינג, וואָס ער האָט מחדש געווען אין לערנען. און ווען ר׳ יהודה איז אַמאָל קראַנק געוואָרען און ער האָט אליין פאַרגעסען די אייגענע חדושים זיינע, האָט ר׳ חייא מיט איהם צוריק געלערנט, וואָס יענער האָט געהאַט פריהער מיט איהם געלערנט, האָט רבי דאַן געזאָגט: ״דו האָסט מיך צוריק געמאַכט צו דעם, וואָס איך בין!״ (זעה נדרים דף מ״א עמוד א׳).

פון ר׳ חייא׳ס אויפטהוען אין הלכה דאַרף דערמאָנט ווערען, אַז ער האָט פאַרפאַסט די דינים פון פּראָצענטען (בבא מציעא דף ס״ב עמוד ב׳). ער האָט אויך פיעלע פון זיינע ״חדושים״ געהאַט אויפגעשריבען, זיינען זיי אָבער נישט אַנגעקומען געוואָרען ביים פאָלק און מען האָט זיי אַ נאָמען גע־געבען ״מגלת סתרים״ (זעה שבת דף ו׳ עמוד ב׳, סוכה דף נ״ב עמוד ב׳, בבא מציעא דף צ״ב עמוד א׳).

ווי עס הייסט, איז ר׳ חייא געווען באַטייליגט ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון דער ״תוספתא״ און צוזאַמען מיט זיין תלמיד ר׳ אושעיא האָט ער געגעבען אַ האַנד ביים צונויף־שטעלען די ״ברייתא׳ס״. עס איז אויך אַן אַנגע־נומענער כּלל, אַז אַ ״ברייתא״, וועלכע איז נישט געלערנט געוואָרען פון ר׳ חייא און ר׳ אושעיא, איז אַ ״פעהלערהאַפטע״ (חולין דף קמ״א עמוד ב׳).

זעהר אָפט פלעגט רבי מיטנעהמען ר׳ חייא׳ן אויף זיינע רייזען, סיי ווען ער איז געגאַנגען צו די אידען אין די אינטערעסען פון זיין אַמט אַלס ״נשיא״ און סיי ווען ער איז געגאַנגען צום קייזער פאַר דער טובה פונ׳ם כּלל (זעה חגיגה דף ה׳ עמוד ב׳ און תנחומא פ׳ וישב). און ווען רבי איז אַמאָל בייז געוואָרען אויף ר׳ חייא צוליעב וועלכער ס׳איז אורזאַך, פלעגט ער איהם בלויז זאָגען: ״דאַכט זיך, אַז אימיצער רופט דיך דרויסען!״ האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז רבי איז אויף איהם אין כעס און ער האָט זיך פאַרדיענט אַ ״נזיפה״. האָט ער זיך דערנאָך אליין ״מקיים פּסק״ געווען און ער האָט זיך דרייסיג טאָג לאַנג געהאַלטען ווייט פונ׳ם בית־המדרש (מועד קטן דף ט״ז עמוד ב׳).

איינמאָל האָט ר׳ יהודה הנשיא געזאָגט צו ר׳ חייא, אַז ווען דער ״ראש־גולה״ רב הונא וואָלט געקומען פון בבל, וואָלט ער איהם אוועקגעזעצט אויבען־אָן אינ׳ם בית־המדרש, ווייל רב הונא שטאַמט פון דער מענליכער ליניע פון דוד המלך און ער (ר׳ יהודה הנשיא) שטאַמט בלויז פון דער ווייבליכער ליניע. און שפּעטער אַמאָל, ווען דער דאָזיגער שמועס איז שוין אפשר געווען פאַרגעסען, איז ר׳ חייא אריינגעקומען אין בית־המדרש און ער האָט אַ זאָג געטהון צו ר׳ יהודה הנשיא: ״אָט איז יעצט דער ראש־גולה רב הונא פון בבל אַנגעקומען!״...

האָט דאַן ר׳ חייא געזעהען, ווי די קאָלירען אין ר׳ יהודה הנשיא׳ס פּנים האָבען זיך געמינעט פון אַן אינעווייניגסטער אומרוהיגקייט. איז ווי ר׳ חייא האָט דאָס באַמערקט, האָט ער באַלד צוגעגעבען: ״אַ טויטער רב הונא איז געקומען, נישט קיין לעבעדיגער!״ — ווייל רב הונא האָט געהאַט איבערגע־לאָזען אַ צוואה, אַז ווען ער וועט שטאַרבען, זאָל מען זיינע ביינער אריבער־פיהרען אין ארץ־ישראל, האָט מען דאַן געבראַכט זיין ״ארון״ פון בבל. איז רבי זעהר בייז געוואָרען, וואָס ר׳ חייא האָט זיך ערלויבט, איהם איבערצו־שרעקען מיט אַ וויץ, אפילו בלויז אויף אַ רגע. האָט ער איהם דערפאַר באַשטראָפט, ער זאָל ניט טאָרען קומען דרייסיג טאָג אין בית־המדרש אריין.

זעהר אָפט פלעגט ר' חייא זיצען אין טבריה, וואו ער האָט אָנגעפיהרט א זעלבשטענדיגע ישיבה און ער האט אויך דארט געוואוינט מיט זיין פאַמיליע. ביי אנדערע געלעגענהייטען פלעגט איהם רבי ארויסשיקען אין א שליחות, נאָכדעם ווי ער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס אַמט פון מקדש זיין דעם חודש און באַשטימען דעם "עבור", ווייל אזוי ווי רבי איז געזעסען כסדר אין צפורי, וועלכעס איז אינ'ם גליל, איז ווען מען האָט געדארפט מקדש זיין דעם חודש אָדער באַשטימען דעם "עבור", פלעגט מען דאָס דארפען טהון אין א שטאָדט פון יהודה (סנהדרין דף י"א עמוד ב'), איז דאַן געווען א ספעציעלער בית־דין אין עין־טוב, וואו ר' חייא האָט געקראָגען די אויפגאַבע, צו פאַרטרעטען די שטעלע פונ'ם "נשיא" ביי "קידוש החודש" אָדער ביים באַשטימען דעם "עבור" (ראש השנה דף כ"ג עמוד א', ירושלמי ברכות פרק ד').

כדי נישט צו זיין אָנגעוויזען אויף מענשען'ס חסדים, האָט ר' חייא געוואָלט ארבייטען אויף צו מאַכען א לעבען. האָט ער אַמאָל געהאַנדעלט מיט זייד בשותפות מיט ר' שמעון, דעם זוהן פון ר' יהודה הנשיא (בראשית רבה פרשה ע"ז), אַט די זייד פלעגט מען דאַן פיהרען צו פאַרקויפען אויף די מאַרקעטס פון צור (רות רבה פרשה א'). דערנאָך האָט ער געהאַנדעלט מיט פלאַקס (ירושלמי בבא מציעא פרק ה' הלכה ו'). ער האָט אויך געהאַט הצלחה אין זיינע געשעפטען און ער האָט געמוזט איבערגעבען א טייל פון זייער פיהרונג צו זיין שוועסטער־זוהן רב (אבא אריכא). עס ווערד אויך דערצעהלט, אז מען האָט ר' חייא'ן געהאַלטען פאַר א מבין אויף מטבעות. איז אַמאָל געקומען א פרוי מיט א דוקאַטען אין האַנד, פרעגען צי די מטבע אין א גוטע. האָט איהר ר' חייא געזאָגט, אז דער דוקאַט איז אַ גוטער. אויפ'ן אנדערען טאָג איז יענע פרוי ווייטער געקומען פרעגען וועגען דער־זעלבער מטבע, האָט ר' חייא געזעהען, אַז דער דוקאַט איז א שלעכטער. האָט ער אָבער נעכטען געהאַט געזאָגט, אז דער דוקאַט איז אַ גוטער, האָט ער דאַן א זאָג געטהון צו רב, ער זאָל אויסבייטען דעם שלעכטען דוקאַט און דעם שאָדען ארייַנשרייבען אין בוך צווישען די שלעכטע געשעפטען (בבא קמא דף צ"ט עמוד ב').

אָבער האָטש ר' חייא האָט מצליח געווען אין זיינע געשעפטען, האָט ער פון דעסטוועגען נישט שטאָלצירט אויף זיין פאַרמעגען, און ווען אָרימע לייט זיינען געקומען צו זיין הויז, פלעגט ער זאָגען צו זיין פרוי: "גיב זיי ברויט, וועט מען דאָס דערנאָך אָפּגעבען צו דיינע קינדער!" — האָט די פרוי אויף דעם געזאָגט: "דו שילטסט אליין דיינע אייגענע קינדער!" — האָט ער איהר געענטפערט: "איך שילט זיי נישט חלילה, נור אזוי איז דער גורל פון דער וועלט, ס'איז א ראָד וואָס דרעהט זיך ארום!" (שבת דף קנ"א עמוד ב').

וועגען ר' חייא'ס פאַמיליע ווערד דערצעהלט, אז די פרוי זיינע האָט געהאַט צוויי מאָל צווילינגער, איינמאָל צוויי אינגלעך און איינמאָל צוויי מיידלעך. זיינען אָבער איהרע געבורטס־שמערצען געווען שרעקליכע, האָט זי זיך געטהון א נדר, נישט מעהר צו ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט. האָט זי זיך אָנגעטהון אַמאָל אַנדערע קליידער און פאַרדעקט איהר פּנים, דער מאַן זאָל זי נישט דערקענען, און זי איז געגאַנגען צו איהם אין בית־המדרש אריין און האָט איהם געפרעגט, צי א פרוי איז געזעצליך פאַרפליכטעט, צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט. האָט איהר ר' חייא געזאָגט, אז די פרוי איז דערצו נישט פאַרפליכטעט. האָט זי דאַן געטרונקען אַזאַ משקה, ווי עס

פלעגען דאַמאָלס די פרויען טרינקען, ווען זיי האָבען געוואָלט בלייבען קינדערלאָז (זעה יבמות דף ס"ה עמוד ב').

פון דעם ביז אהער דערצעהלטען איז צו זעהן, אַז ר' חייא'ס גאַנצעס שטרעבען איז געווען די תורה, און ווען ער פלעגט דאַווענען, פלעגט ער זאָגען זיין אייגענעם "יהי רצון", אין וועלכען ער האָט געבעטען, אַז די תורה זאָל זיין די מלאכה זיינע און דאַביי זאָל איהם ניט דאָס הארץ שמערצען און די אויגען זאָלען איהם נישט פאַרטונקעלט ווערען (ברכות דף ט"ז עמוד ב').

און ווען מען האָט איהם אמאָל געפרעגט, אַז אויב די תורה איז דער צענטער פונ'ם לעבען און די פרוי איז ניט פאַרפליכטעט צו לערנען, טאָ וואָס איז אייגענטליך איהר אויפגאַבע? — האָט ער געענטפערט: "די פרויען דאַרפען ברענגען די קינדער אין שוהל אריין, גלייך ווי זיי דאַרפען באַגלייטען זייערע מענער צום בית־המדרש און דאָרט דאַרפען זיי אויף די מענער וואַרטען, ביז זיי וועלען פונ'ם בית־המדרש ארויסקומען" (ברכות דף י"ז עמוד א').

צוליעב דעם צוועק צו פאַרשוינען יענעמס כבוד, פלעגט ר' חייא אָפטמאָל פאַרבויגען זיין אייגענעם כבוד. איז איינמאָל פאָרגעקומען, וואָס בשעת רבי איז געזעסען אינ'ם בית־המדרש און ער האָט גע'דרשנ'ט, האָט ער פלוצים דערפיהלט א ריח פון קנאָבעל. און אזוי ווי ער איז גראָד דאַמאָלס געווען שלעכט געשטימט, האָט ער א זאָג געטהון מיט כעס: "ווער עס האָט געגעסען קנאָבעל, זאָל ארויסגעהן פון בית־המדרש!" — איז ר' חייא אויפגשטאַנען, דער ערשטער און ער איז ארויסגעגאַנגען. האָבען דאָס די אַנדערע אנוועזענדע געזעהען, און אזוי ווי זיי האָבען געוואוסט, אַז ר' חייא האָט זיכערליך נישט געגעסען קיין קנאָבעל, זיינען זיי אַלע אויפגעשטאַנען און איינער נאָך'ן אַנדערן איז ארויסגעגאַנגען, נישט צו פאַרשעמען יענעם, וועלכער האָט דעם קנאָבעל געגעסען (סנהדרין דף י"א עמוד א').

זעהר פיעל איז גערעדט געוואָרען וועגען ר' חייא'ס הייליגקייט. עס איז אויך געווען אָנגענומען דער גלויבען, אַז אזוי ווי ר' חייא איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָבען דאָרט אויפגעהערט בושעווען שטורמווינטען און דער וויין איז קיינמאָל נישט זויער געוואָרען (חולין דף פ"ו עמוד א').

איינמאָל, ווערד דערצעהלט, האָט אליהו הנביא מודיע געווען צו ר' יהודה הנשיא, אַז ר' חייא און זיינע קינדער זיינען ביים אויבערשטען אזוי חשוב גלייך ווי די אבות, און ווען זיי זאָלען וועלען עטוואָס אויסווירקען ביים אויבערשטען, וועט דאָס פאַר זייערטוועגען געטהון ווערען.

האָט זיך דאַן געמאַכט, וואָס עס איז נישט געווען קיין רעגען. האָט רבי גוזר־תענית געווען און אוועקגעשטעלט ר' חייא'ן דאַווענען פאַר'ן עמוד. איז אזוי ווי ר' חייא האָט א זאָג געטהון "משיב הרוח", איז באַלד געוואָרען א שרעקליכער ווינד, און ווי ער האָט נור געזאָגט "מוריד הגשם", האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. און ווען ר' חייא האָט דאַן געזאָגט אין זיין תפלה די ברכה "מחיה המתים", זיינען אַלע אויבען אין הימעל פאַרציטערט געוואָרען, ווייל מען האָט געמיינט, אַז אָט איז שוין טאַקי געקומען די צייט פון "תחית המתים". האָט מען אויבען באַלד געפרעגט: "ווער האָט דעם דאָזיגען סוד אַנטפּלעקט צו די מענשען?" — און ווען מען איז דאָרט געוואָהר געוואָרען, אַז אליהו הנביא האָט דעם סוד אַנטפּלעקט, האָט מען איהם אויפגעצעהלט זעכציג פייערדינע שמיץ. איז דאַן אליהו הנביא באַלד ארונטערגעקומען, פאַרשטעלט

פאַר אַ פייערדיגען בער, און ער האָט דעם פאַרזאַמעלטען עולם פון דער שוהל פאַנאַנדערגעטריבען (בבא מציעא דף פ"ח עמוד ב').

און ווען ר' חייא האָט געדאַרפט שטאַרבען — ווערד דערצעהלט — האָט דער מלאך־המות מורא געהאַט, צוצוריהרען זיך צו'ן איהם. האָט זיך דער מלאך־המות פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן און ער האָט געקלאַפּט אין דער טהיר ביי ר' חייא'ן, האָט ר' חייא געזאָגט צו זיינע מענשען: "אַן אָרימאַן קלאַפּט אין דער טהיר, דאַרף מען איהם ארויסטראָגען א שטיקיל ברויט!"

האָט זיך דאַן דער מלאך־המות געווענדעט צו ר' חייא און האָט צו'ן איהם געזאָגט: "אָט האָב איך געהערט, אז דו האָסט רחמנות אויף אַן אָרימען מענש און דו האָסט איהם געהייסען ארויסטראָגען ברויט. טאָ פאַר וואָס האָסטו נישט קיין רחמנות אויף מיר? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין געשיקט געוואָרען, צו צונעהמען דיין נשמה, טאָ גיב זי מיר מיט דיין גוטען ווילען, איך זאָל נישט מעהר דאַרפען קומען צו דיר!" (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

און ווען ר' חייא איז דאַן געשטאָרבען — דערצעהלט די גמרא — זיינען פייערדיגע שטיינער געפאַלען פונ'ם הימעל (מועד קטן דף כ"ה עמוד ב').

רבי שמעון בן חלפתא

איינער פון די באַדייטענדסטע צווישען ר׳ יהודה הנשיא׳ס לעצטע חברים איז געווען ר׳ שמעון בן חלפתא, אן אָפּשטאַמער פון א פאַמיליע תלמידי־חכמים, וואָס דער ירושלמי האָט אמאָל צוגעגעבען צום נאָמען פון זיין פאָטער דעם טיטעל ״בי רבי״, ווייל ער אליין איז אויך געווען א זוהן פון אן ״אדם גדול״.

פון אייביג אָן איז די משפחה זיינע געווען אָנהענגליך צום הויז פונ׳ם ״נשיא״. דער פאָטער זיינער, ר׳ חלפתא (אָדער ווי ער ווערד גערופען אין אנדערע ערטער: חלפותא, חולפתא און תחליפא), איז געווען א זוהן פון ר׳ יוסי בן חלפתא, וועלכער האָט זיך געריהמט, אז ״ער האָט פאַרפלאַנצט פינף צעדערבוימער ביי אידען״, דאָס מיינט, אז ער האָט אויפגעצויגען פינף זיהן תלמידי־חכמים, וואָס ר׳ חלפתא, דער פאָטער פון אונזער ר׳ שמעון, איז געווען איינער פון זיי (שבת דף קי״ח עמוד ב׳ און ירושלמי יבמות פרק א׳ הלכה א׳).

אין לערנען איז ר׳ שמעון בן חלפתא געווען אן איבערגעבליבענער פון ר׳ מאיר׳ס תלמידים און ערשט שפּעטער איז ער אָנגעקומען צו ר׳ יהודה הנשיא׳ס בית־המדרש. ער איז זעהר באַליעבט געווען ביי רבי, גלייך ווי די גאַנצע גזע זיינע איז תמיד געווען נאָהנט צו דער משפחה פונ׳ם ״נשיא״.

געוואוינט האָט אונזער ר׳ שמעון אין דער שטעדטעל ״עין תאנה״, צווישען צפורי און טבריה (ירושלמי תענית פרק ד׳ הלכה ו׳ און קהלת רבה פרשה ג׳). פון דאָרט פלעגט ער באַזוכען דאָס הויז פון ר׳ יהודה הנשיא יעדען חודש איין מאָל, סיי ווען ר׳ יהודה הנשיא האָט געוואוינט אין צפורי און סיי ווען ער האָט געוואוינט אין טבריה. און ווען ער איז אמאָל אוועקגעגאַנגען פון רבי׳ס הויז, האָט רבי נאָכגעשיקט זיין זוהן ר׳ שמעון, אז ר׳ שמעון בן חלפתא זאָל איהם בענשען. האָט איהם ר׳ שמעון בן חלפתא געבענשט מיט די ווערטער: ״גאָט זאָל געבען, דו זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרשעהמען אנדערע און דו אליין זאָלסט אויך נישט דאַרפען פאַרשעהמט ווערען!״ (מועד קטן דף ט׳ עמוד ב׳).

שפּעטער ווען ר׳ שמעון בן חלפתא איז עלטער געוואָרען און דאָס געהען איז איהם שווער געווען. האָט ער אויפגעהערט קומען אין באַזוך צו ר׳ יהודה הנשיא, אפילו אויף א יום־טוב. האָט איהם רבי אמאָל געפרעגט: ״וואָס איז די אורזאַך, וואָס מיר קענען דיך נישט מעהר באַגריסען, אזוי ווי מיינע עלטערן פלעגען אימער באַגריסען דיינע עלטערן?״

האָט ר׳ שמעון אויף דעם געענטפערט: ״די שטיינער אויף׳ן וועג זיינען פאַר מיר העכער געוואָרען און איך קען זיי נישט מעהר אריבערשפּרייזען. די נאָהנטע דאַכטען זיך מיר יעצט אויס וויט, קען איך זיי נישט מעהר זעהען, און דאָס ווייטע וואָלט שוין געדאַרפט זיין נעהנטער, איך זאָל עס קענען הערען. חוץ דעם דאַרפען די צוויי פיס מיינע א דריטען, אָלס אן אָנלעהן!״ (שבת דף קנ״ב עמוד א׳, מדרש ויקרא רבה פרשה י״ח).

גע'חבר'ט האָט זיך אונזער ר' שמעון מיט ר' חייא רבה, אזוי ווי מיט ר' שמעון דעם זוהן פון ר' יהודה הנשיא, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָבען זיי אַלע דריי געהאַט פאַרגעסען די טייטש פון מאַנכע העברעאישע ווערטער, זיינען זיי דאַן פאַרבייגעגאַנגען פאַר א סוחר אן אַראַבער, פון וועמעס געוועהנליכען שמועס זיי האָבען אויסגעפונען די טייטש פון יענע אַלע ווערטער, וואָס זיי האָבען געהאַט פאַרגעסען (זעה בראשית רבה פרשה ע"ט פיסקא ח').

אין דער משנה איז בלויז איין מאָל דערמאָנט א וואָרט פון ר' שמעון בן חלפתא, וואו ער האָט געזאָגט, אז "דער אויבערשטער האָט נישט קיין אַנדער כלי, אין וועלכער עס זאָל זיך קענען האַלטען א ברכה, ווי נור דעם שלום" (סוף עוקצין).

באַזונדערס פריינדשאַפטליך איז געווען דאָס פאַרהעלטנים צווישען ר' שמעון בן חלפתא און ר' חייא. צוזאַמען זיינען זיי געזעסען אינ'ם בית־המדרש פון ר' יהודה הנשיא, און ווען ר' חייא האָט געהערט וועגען ר' שמעון'ס אָרימקייט, האָט ער איהם אוועקגעגעבען אין פאַכט זיינס א גרויס שטיק פעלד, פון וועלכען ר' שמעון האָט דאַן געצויגען זיין חיונה בכבוד.

אָבער פריהער, איידער ר' חייא האָט איהם איבערגעגעבען דאָס פעלד, איז די אָרימקייט פון ר' שמעון געווען גאָר א שרעקליכע, איבערהויפּט ווייל ער האָט נישט געוואָלט נעהמען ביי קיינעם קיין שום זאַך, און ווען רבי האָט אַמאָל ניט געקענט צוזעהען זיין אָרימקייט, פלעגט רבי אליין ארויסלייגען אויף דער גאַס קופּקעלעך גרויפּען, זיי זאָלען זיין ווי "הפקר" ביי ר' שמעון אין די אויגען און ער זאָל זיי נעהמען אהיים און האָבען וואָס צו עסען (זעה רות רבה פרשה ה').

אזוי ווערד דערצעהלט, אז ער האָט אַמאָל אין א פרייטאָג גאָר ניט געהאַט וואָס צו עסען. איז ער ארויסגעגאַנגען פון שטאָדט, תפלה טהון צום אויבערשטען, ער זאָל איהם באַשערען עפּיס צו עסען. האָט מען איהם דערלאַנגט פון הימעל אן "אבן טוב", וועלכען ער האָט באַלד אוועקגעגעבען צו א באַנקיר און ער האָט פאַר איהם געקראָגען גענוג געלד אַנצוגרייטען אויף שבת. האָט אָבער דאָס ווייב גאָר ניט געוואָלט געניסען דערפון, ביז ער האָט איהר ניט צוגעזאָגט, אז ער וועט באַלד נאָך שבת אָפּנעמען דעם "אבן טוב" פון באַנקיר און ער וועט איהם אָפּגעבען צו דעם, ביי וועמען ער האָט איהם באַקומען (מדרש תנחומא פרשת פקודי).

דיעזעלבע מעשה ווערד אין אַן אַנדערן מדרש אויף אַן אַנדערן נוסח דערצעהלט, דאָרט הייסט עס, אז ר' חייא און ר' שמעון בן חלפתא זיינען געזעסען ביידע אין בית־המדרש פון טבריה פאַרטיעפט אין זייער לערנען, און געווען איז דאָס אין אַן ערב יום־טוב, זיינען זיי פּלוצים געשטערט געוואָרען פון א גערויש, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען פון דער גאַס.

האָט ר' שמעון בן חלפתא געפרעגט ביי ר' חייא, וואָס די מענשען טומלען איינגענטליך אין דרויסען. האָט איהם ר' חייא געענטפערט: "ווער עס האָט געלד, געהט יעצט איינקויפען זיינע באַדערפעני̈שען אויף יום טוב, און ווער עס האָט ניט קיין געלד, דער געהט יעצט צו דעם מענשען, ביי וועלכען ער ארבייט, צו קריגען דאָס נויטיגע געלד, צו קענען איינקויפען זיינע באַדערפעני̈שען לכבוד יום־טוב". — האָט ר' שמעון בן חלפתא אויף דעם געזאָגט: "אויב אזוי, וועל איך אויך געהען בעטען געלד אויף יום־טוב ביי מיין בעל־

הבית!" און געמיינט האָט ער דאביי, אז ער וועט געהען בעטען ביים רבונו של עולם, צו וועמען ער האָט כסדר גדיענט.

איז ער דאַן באַלד ארויסגעגאנגען פונ'ם בית־המדרש און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אונטער דער שטאָדט לעבען די הייהלען, תפלה טהון צום אויבערשטען, ער זאָל איהם געבען געלד אויף יום־טוב. האָט זיך פּלוצים באַוויזען א האנד, וועלכע האָט איהם דערלאנגט א פּעריל. איז ער באַלד אוועקגעגאנגען צו ר' יהודה הנשיא, איהם ווייזען די פּעריל. האָט איהם ר' יהודה הנשיא געזאָגט: "אזא פּעריל דארפסטו נישט פארקויפען, ביז דו וועסט נישט וויסען געווי איהר ווערטה. נור דערווייל וועל איך דיר געבען דריי דוקאטען, דו זאָלסט קענען מאַכען יום־טוב, און נאָך יום־טוב וועסטו דעם פּעריל פארקויפען!"

האָט ר' שמעון בן חלפתא גענומען די דריי דוקאטען און ער איז געגאנגען איינקויפען אויף יום־טוב.

און ווען ער איז אהיים געקומען מיט די יום־טוב'דיגע זאכען, האָט איהם דאָס ווייב געפרעגט: "פון וואַנען האָסטו געקראָגען געלד? האָסט שוין אפשר אָנגעהויבען גנב'נען?" — האָט ער איהר דאַן אַלעס דערצעהלט.

האָט איהם די פרוי געזאָגט: "ווילסט אפשר, אז אין דיין קרוין אויף יענער וועלט זאָל פעהלען איין פּעריל?" — און אזוי ווי ער האָט זי געפרעגט, וואָס ער קען יעצט טהון, האָט איהם די פרוי געזאָגט: "געה, גיב צוריק דאָס געקויפטע צו די סוחרים, וועלען זיי דיר אָפּגעבען די דריי דוקאַטען, וועסטו זיי אָפּטראָגען צו דעם, וואָס האָט זיי דיר געגעבען, ער זאָל דיר צוריק געבען די פּעריל, און די פּעריל וועסטו צוריק געבען צום הימעל, פון וואַנען דו האָסט זי באַקומען!" (מדרש רות רבה פרשה ג' פיסקא ד'). *)

אן אנדערע מעשה ווערד דערצעהלט, ווי ר' שמעון בן חלפתא איז אמאָל געגאנגען אונטערוועגנס און ער האָט באגעגענט צוויי הונגעריגע לייבען, פאר וועלכע ער האָט זיך זעהר דערשראָקען, נור איידער די לייבען זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען, האָט מען איהם ארונטער־דערלאנגט פונ'ם הימעל צוויי קניע־שטיקער פלייש. האָט ער איינעם אוועקגעגעבען צו די לייבען און דאָס אנדערע האָט ער מיט זיך מיטגענומען אין בית־המדרש אריין, צו פרעגען דאָרט ביי די חכמים, צי אזא פלייש איז כשר, האָבען איהם די חכמים געזאָגט, אז "פונ'ם הימעל קען נישט קומען קיין אומריינע זאַך" (סנהדרין דף נ"ט עמוד ב').

די הלכות פון ר' שמעון בן חלפתא ווערד אָפּטמאָל געבראכט אין דער גמרא, און כאראַקטעריסטיש פאר זיין רעליגיעזער אויפפאסונג איז, וואָס ער האָט געזאָגט, אז צו ניין־צעהן יאָהר דאַרף מען שוין הייסען א קינד פאסטען אום יום־כפור (ירושלמי יומא פרק ח' הלכה ג').

אמאָל, ווערד דערצעהלט, איז ר' שמעון בן חלפתא געגאנגען מיט ר' חייא אינ'ם טהאָל "ארבל", וואו זיי האָבען ביידע געזעהען דעם אויפברוך פון מאָרגענשטערן, ווי לאנג דאָס נעמט פון ווען עס הויבט אָן שארעיען אויף טאָג, ביז עס ווערד ליכטיג. האָט דאַן ר' שמעון געזאָגט: "זעהסטו, אזוי לאַנגזאם ווי עס געהט דער אויפברוך פונ'ם מאָרגענשטערן, אזוי געהט אויך לאַנגזאם די הילף פון די אידען" (ברכות דף ד' עמוד ב', ירושלמי ברכות פרק א').

---

*) אז עהנליכע מעשה ווערד דערצעהלט וועגען ר' אליעזר בן פּרת.

פון ר' שמעון'ס "ווערטלעך" דארף דערמאָנט ווערן, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז זייט עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די פויסט פון חנופה, זיינען פאַרקרימט געוואָרען די געזעצע און עס זיינען פאַרדאָרבען געוואָרען די באַטהעטיגונגען פון די מענשען, קען שוין דאדורך נישט מעהר זאָגען איינער צום אַנדערן: "מיין באַטהעטיגונג אין די ענינים פון לעבען איז וויכטיגער פון דיין באַטהעטיגונג!" (סוטה דף מ"א עמוד ב').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: "דער דרייסטער באַזיעגט געוועהנליך דעם באַשיידענעם!" — און ארויסגעדרונגען האָט ער דאָס פון דעם, וואָס דער אויבערשטער האָט כביכול חרטה געהאט און האָט ניט איבערגעקערט די שטאָדט נינוה, לויט ווי ער האָט פריהער געלאָזט זאָגען דורך יונה הנביא, ווייל "ווער עס איז דרייסט אין זיין תפלה, דער פועל'ט אפילו ביים אויבערשטען" (ירושלמי תענית פרק ב' הלכה א').

ער פלעגט אויך זאָגען: "ווער עס האָט געלערנט און ער האַלט עס נישט, איז די זינד זיינע אַ גרעסערע ווי פון דעם, וואָס האָט גאָרנישט געלערנט. אָט דאָס איז גלייך ווי איינער נעמט אריין אין זיין גאָרטען צוויי שומרים, וואָס איינער פון זיי פלאַנצט צוערשט די שעהנסטע בוימער און דערנאָך צוברעכט ער זיי, מוז דער כעס פון אייגענטימער זיין אויף איהם אַ גרעסערער, ווי פון דעם אַנדערן שומר, וועלכער האָט נאָך נישט געפלאַנצט קיין בוימער" (מדרש דברים רבה פרשה ז' פיסקא ד').

חוץ די דערמאָנטע לעגענדעס, וואָס ווערען דערצעהלט וועגען ר' שמעון בן חלפתא אין פארבינדונג מיט זיין אָרימקייט, דאַרפען נאָך דערמאָנט ווערען אַנדערע וואונדערליכע לעגענדעס וועגען די געשעהענישען אין זיין לעבען, אַ שטייגער ווי, אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען צו אַ "ברית מילה", אָנגעטהון אין זיינע שבת'דיגע בגדים, איז דאָן די ערשיינונג זיינע וואהרשיינליך געווען אַ קאָמישע ביי די "קונדייסים" פון יענער געגענד. האָבען זיי איהם ארומגערינגעלט און איהם אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלען איהם ניט אָפּלאָזען, ביז ער וועט ניט געהן פאַר זיי אַ טענצעל. האָט ער אויף זיי אָנגעשריען און האָט זיך אויך ביי זיי געבעטען, זיי זאָלען איהם אָפּלאָזען, ווייל ער איז אַן אַלטער מאַן און ער קען זיך נישט אָפּגעבען מיט שטיפערייען. האָבען איהם אָבער די "קונדייסים" נישט געוואָלט הערען. האָט ער זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלען איהם נישט אָפּלאָזען, וועט דער טויער פונ'ם הויף איינפאַלען.

און אזוי ווי ער האָט שוין דאָס געהאט ארויסגעזאָגט, האָט ער געשריגען, אַז די "קונדייסים" זאָלען ארויסרופען דעם אייגענטימער פונ'ם הויף און איהם אָנזאָגען, ער זאָל גיך ארויסקומען, ווייל דער טויער פון זיין הויף וועט באַלד איינפאַלען. און נאָכדעם ווי דער אייגענטימער פון יענעם הויף איז ארויס-געקומען, האָט ער איהם געזאָגט, ער זאָל אויף גיך אריסנעהמען זיינע זאכען פון הויז, ווייל דער טויער פון זיין הויז דארף איינפאַלען — און אזוי איז טאַקי געשעהען.

ביי דעמזעלבען "ברית מילה" האָט איהם דער בעל-ברית געגעבען צו טרינקען זעהר גוטען אַלטען וויין און ער האָט געזאָגט: "אויב איך וועל לעבען, וועל איך אייך געבען צו טרינקען פון דעמזעלבען וויין ביים חתונה-מאָלצייט פון מיין קינד!" — האָט ר' שמעון בן חלפתא געענטפערט: "אזוי ווי דאָס קינד האָט היינט געהאט זיין ברית, אזוי וועט ער זוכה זיין צו געהען צו דער חופה און מיר ביידע וועלען דאַן ווייטער טרינקען!"

רבי שמעון בן חלפתא

שפעטער, ווען ר׳ שמעון בן חלפתא איז אהיים־געגאנגען, האָט ער באַגעגנט דעם "מלאך־המות", וועלכער האָט צו איהם געזאָגט: "ווייל דו ביזט א צדיק, דאַרפסטו שוין ניט קיין מורא האָבען, צו געהען אליין ביי־נאַכט?" — און ווען ר׳ שמעון בן חלפתא האָט דעם "מלאך־המות" געפרעגט, וואו ער געהט, האָט ער איהם געזאָגט, אז ער געהט יעצט נעהמען די נשמה פון יענעם קינד, ביי וועמעס ברית ר׳ שמעון איז געווען. האָט ר׳ שמעון איהם אָנגעשריגען, אז אזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט צו טרינקען ביים חתונה־מאָהלצייט פון דעם אינגעל, טאָר מען איהם ניט מאַכען פאַר א ליגנער. און מיט אָט דעם וואָרט זיינעם האָט ער בטל געמאכט די גזרה אויף דעם קינד (קהלת רבה פרשה ג׳).

ווי עס ווערד אויך דערצעהלט, האָט זיך ר׳ שמעון בן חלפתא אָפּגעגעבען מיט נאַטור־וויסענשאַפט. האָט ער אַמאָל געהאט א היהנדעל, ביי וועלכען עס איז אויסגעלונקען געוואָרען דער אונטערשטער טייל, האָט ער איהר געמאכט א קינסטליך רעהרעל, זי זאָל קענען ווייטער לעבען. און אנדערע הוהן, ביי וועלכער עס זיינען אויסגעפאלען די פעדערען, האָט ער אויף א קינסטליכען אופן אויסגעוואַרעמט אין אויווען און איינגעדעקט מיט א שטיק טוך, זיי־נען איהר די פעדערען צוריק אויסגעוואַקסען (חולין דף נ״ז עמוד ב׳).

דעסגלייכען ווערד וועגען איהם דערצעהלט, אז ער האָט אַמאָל געהאַלטען א פרוכט־גאָרטען, וואו עס האָט זיך געפונען אן אָפּגעהאַקטער בוים און אן אויערהאָהן האָט זיך דאָרט געמאכט זיין נעסט. האָט ר׳ שמעון בן חלפתא די דאָזיגע נעסט צושטערט. איז דער אויערהאָהן געקומען און האָט די נעסט פאַרריכט. איז געקומען ר׳ שמעון בן חלפתא און האָט צוגעשלאָגען א ברעט אויף דעם אָפּגעהאַקטען בוים, איז געקומען דער אויערהאָהן און האָט געבראכט עפּיס א מין גראָז, אוועקגעלייגט עס אויף די טשוועקעס פון דער ברעט, זיינען זיי פאַרברענט געוואָרען. האָט ר׳ שמעון בן חלפתא פאַרשאָלטען דעם דאָזיגען גראָז, עס זאָל נישט מעהר וואַקסען, ווייל ער האָט מורא געקראָגען, אז די גנבים וועלען דערפון געוואָהר ווערען, וועלען זיי עס געברויכען צו פאַרברענען שלעסער (קהלת רבה פרשה ה׳).

לוי בן סיסי

צווישען די לעצטע תלמידים פון ר' יהודה הנשיא איז געווען דער פראָמינענטעסטער — לוי בן סיסי, וועלכער ווערד געוועהנליך דערמאָנט אַלס לוי סתם, און האָטש מען האָט איהם טיטולירט "גברא רבה" (שבת דף נ"ט עמוד ב') אָדער "אדם גדול" (סוכה דף נ"ג עמוד א'), דאַכט זיך פון דעסטוועגען, אַז ר' יהודה הנשיא האָט איהם נישט געגעבען קיין "סמיכה" און ער ווערד אויך נישט אין גאַנץ תלמוד בבלי באַקרוינט מיט'ן טיטעל "רבי". מיט אַזאַ טיטעל איז ער בלויז אָנגערופען אין תלמוד ירושלמי אָדער אין מדרשים (זעה ירושלמי ברכות פרק א' הלכה ה', ראש השנה פרק א' הלכה ה', סוכה פרק ב' הלכה ד').

אין דעם ענין גופא איז דאָס אפילו שווער צו פאַרשטעהן, וואָס אַזאַ מענש ווי לוי בן סיסי האָט נישט געקראָגען קיין "סמיכה", ווייל אויסער דעם, וואָס ער איז געווען באַקאַנט אַלס "דרשן", האָט ער אויך אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין בבל, און פיעלע חכמים פון יענער צייט האָבען נאָכגעזאָגט זיינע אויסשפּרוכען אין הלכה, אַ שטייגער ווי: רב (אבא אריכא), שמואל ירחינאה, ר' יוחנן און ריש לקיש.

דער חדוש, וואָס אַזאַ מענש ווי לוי בן סיסי האָט נישט געקראָגען קיין "סמיכה", איז נאָך גרעסער, ווען מען באַדענקט, אַז דער פאָטער זיינער איז געווען אַ "מוסמך" (זעה ירושלמי מעשרות פרק א' הלכה ה', וואו ר' יוחנן זאָגט עטוואָס אויף'ן נאָמען פון רבי סיסי) און עס איז אויך נישט אין ערגיץ אָנגעגעבען אַן אורזאַך, פאַרוואָס ער האָט נישט געדאַרפט קריגען קיין "סמיכה".

געבוירען איז לוי בן סיסי אין ארץ־ישראל, און ווי מאַנכע היסטאָריקער באַהויפּטען, איז די געבורטסשטאָדט זיינע געווען לוד, אַרום 160 יאָהר נאָך'ן חורבן, און ביי ר' יהודה הנשיא איז ער געווען איינער פון די בעסטע תלמידים. דאָרט האָט ער געלערנט צוזאַמען מיט ר' שמעון, דעם זוהן פון ר' יהודה הנשיא. האָט זיך אָבער יענער נישט באַצויגען צו איהם מיט פריינדשאַפט און ער פלעגט איהם צווינגען צו לערנען, וואָס ער האָט געוואָלט. האָט לוי בן סיסי געוואָלט לערנען משלי, האָט ר' שמעון דוקא געוואָלט לערנען תהלים (עבודה זרה דף י"ט עמוד א').

אָט די אומפריינדליכע באַציהונג צווישען ר' שמעון און אונזער לוי בן סיסי האָט זיך וואהרשיינליך געצויגען ביז נאָך'ן טויט פון רבי. עס איז אויך פאַרהאַנען אַן אָנצוהערעניש, אַז לוי בן סיסי איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר דער שטעלע פון אַ "חכם" אינ'ם בית־המדרש, דאָס איז דיעזעלבע שטעלע, וואָס ר' שמעון ברבי האָט געקראָגען לויט דער צוואה פון זיין פאָטער (כתובות דף ק"ג עמוד ב'). איז דאַדורך די לאַגע נישט געווען אָנגענעהם פאַר לוי בן סיסי, איז ער דערפאַר נישט שטענדיג געקומען אין בית־המדרש אריין. מעגליך איז אָבער, אַז ער איז געווען געשטערט צו קומען אין בית־המדרש אריין, ווייל ער איז געווען אַן עושר און ער האָט געדאַרפט ווידמען פיעל צייט פאַר זייטיגע באַשעפטיגונגען.

לוי בן סיסי

רבי אליין איז אויך נישט געווען באשטימט אין זיין פארהאלטען צו לוי בן סיסי. ווען ר' שמעון ברבי האט אמאל חוזק געמאכט פון לוי'ס א שאלה, האט רבי געזאגט, אז ער האט געהערט א קלוגע זאך (זבחים דף ל' עמוד ב'). רבי האט איהם אויך געהאט איבערגעגעבען אן אמט אינ'ם בית־המדרש (זעה סנהדרין דף י"ז עמוד ב'). טראצדעם איז אמאל רבי בייז געווארען איבער לוי'ס שאלות און ער האט א זאג געטהון: "דאכט זיך, אז דער מענש האט נישט קיין געהירען אין זיין קאפ!" (יבמות דף ט' עמוד א', מנחות דף פ' עמוד ב').

ווען ר' שמעון ברבי האט חתונה געהאט, האט רבי מכבד געווען אונזער לוי בן סיסי, ער זאל זאגען די ברכות ביים טיש (כתובות דף ח' עמוד א'). און ווען עס האט זיך אמאל געמאכט, וואס עס זיינען געקומען מענשען פון דער שטאדט סימוניא אינ'ם גליל התחתון צו רבי, ער זאל זיי געבען א מענ־שען, וועלכער זאל זיין ביי זיי א דרשן, א דיין, א מלמד און א סופר, האט זיי רבי געהייסען נעהמען לוי בן סיסי.

האבען די מענשען פון סימוניא אוועקגעזעצט לוי'ן אויף א גרויסער בימה און אנגעהויבען פרעגען איהם שאלות אין די דינים פון חליצה. האט ער זיי נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען. האבען זיי געדענקט, אז ער ווייסט נישט צו ענטפערען אויף זייערע שאלות, ווייל ער איז נישט באהאווענט אין הלכה. האבען זיי איהם געפרעגט דעם פשט פון א פסוק אין דניאל, האט ער אויך נישט געוואוסט צו ענטפערען, זיינען זיי געקומען צו רבי און זיי האבען איהם געזאגט: "וועגען אזא מענשען האבען מיר דיך געבעטען?" — האט ער זיי געענטפערט: "איך שווער אייך ביים לעבען, אז איך האב אייך געגע־בען א מענשען, וועלכער איז אין לערנען גלייך צו מיר!"...

דערנאך האט איהם רבי געשיקט רופען און ער האט איהם איבערגע־פרעגט דיעזעלבע שאלות, האט ער אויף זיי ריכטיג געענטפערט. האט איהם רבי געזאגט: "טא פארוואס האסטו דארט נישט געוואוסט?" — האט לוי אויף דעם געענטפערט: "אזוי ווי זיי האבען מיך אוועקגעזעצט אויף א גרויסער בימה, בין איך אין גאנצען פארווירט געווארען און איך האב נישט געוואוסט, וואס מען רעדט צו מיר!" (זעה יבמות דף ק"ה עמוד א', ירושלמי יבמות פרק י"ב הלכה ו', בראשית רבה פרשה פ"א).

לוי בן סיסי פלעגט זיך פיעל אפגעבען מיט ס פ א ר ט. ער פלעגט ווייזען קונצען, ווארפענדיג זיך מיט אכט מעסערס און חאפען זיי אין דער לופט. ער האט אויך געקענט מאכען א קינסטליכע פארבויגונג, א דרעה מהוענדיג מיט דער פוס, חאטש ער איז געווען א ה י נ ק ע ד י ג ע ר (סוכה דף נ"ג עמוד א', תענית דף כ"ה עמוד א', מגילה דף כ"ב עמוד ב'). ווי עס דאכט זיך, פלעגט ער זיך אויך פיעל פוצען און ער האט זיך געשמינקט די אויגען, חאטש ער האט געדענקט, אז דאס איז געפעהרליך און מען קען דער־פון שטארבען (ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ב').

גלייך ווי רבי יהודה הנשיא האט לוי בן סיסי צוזאמענגעשטעלט זעקס סדרים משניות, וועלכע ווערען אפטמאל דערמאנט אין דער גמרא אונטער פארשיעדענע נעמען, א שטייגער ווי: "פנקסיה דלוי" (שבת דף קנ"ו עמוד א'), "קדושי דבי לוי" (קדושין דף ע"ו עמוד ב', בבא בתרא דף נ"ב עמוד א'), "כתובות ר' לוי" (ירושלמי בבא בתרא פרק ו' הלכה ה'). ביי אנדערע געלעגנהייטען ווערד געזאגט "תנא לוי" אדער "תנא לוי במתניתיה". עהנליך צו דעם זאגט אויך רש"י: "לוי

סדר ברייתא ששה סדרים כר׳ חייא וכר׳ אושעיה" (כתובות דף נ״ג עמוד ב׳).

ווי לאנג רבי האט געלעבט, איז לוי בן סיסי עטליכע מאל ארויסגעפאהרען פון ארץ־ישראל און ער איז דערנאך שטענדיג צוריקגעקומען (זעה ראש השנה דף כ״א עמוד א׳, קדושין דף ע״ב עמוד א׳). און חאטש ער האט נישט געלעבט בשלום מיט ר׳ שמעון ברבי, פלעגט ער שיקען מתנות פאר רבי׳ס הויז, אזוי ווי ער האט אמאל געשיקט ויין פון טיטלען, וועלכער איז דרייצעהן מאל איבערגעגאסען געווארען (פסחים דף ק״ז עמוד א׳).

ערשט ווען רבי איז געשטארבען און לוי האט נישט מעהר געהאט קיין חבר אין ארץ־ישראל, האט ער זיך דערמאנט אן זיינע חברים אין בבל, וואו ער האט ערווארטעט צו טרעפען א נייעם פלאץ פאר זיין טהעטיגקייט. און ווען לוי איז אנגעקומען אין נהרדעא, האט מען איהם אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. דערצו האבען איהם אויך די מענשען דארט געהאלפען גרינדען אן אייגענע ישיבה (ירושלמי סוכה פרק ד׳ הלכה ג׳).

איז דאן באלד ארוים א קלאנג, אז א "גרויסער מענש" איז אנגעקומען אין נהרדעא (שבת דף נ״ט עמוד ב׳), איז מען פון נאהנט און וויט געקומען הערען זיינע דרשות און פרעגען זיין מיינונג. מען האט זיך אויך אנגעהויבען דערצעהלען וועגען איהם וואונדערליכע מעשיות, א שטייגער ווי, אז עס זיינען אמאל אנגעקומען פרעמדע סאלדאטען רויבען אין זיין שטאדט. האט ער גענומען א ספר־תורה, און נאכדעם ווי ער איז ארויפגעגאנגען מיט דעם אויף׳ן דאך, האט ער דארט געזאגט צום אויבערשטען: "רבונו של עולם! אויב איך האב אמאל אין מיין לעבען מבטל געווען איין מצוה פון דיין תורה, זאלען די פיינד ארייןקומען אין שטאדט, זאנסט זאלען זיי מוזען אוועקגעהען!" — און ווי עס ווערד דערצעהלט, זיינען יענע פרעמדע סאלדאטען טאקי באלד פארשוואונדען פון דער שטאדט (ירושלמי תענית פרק ג׳ הלכה ח׳).

ווי עס איז אויבען באמערקט, האט לוי בן סיסי געהונקען אויף א פוס. האבען דאס מאנכע ערקלערט, אז אזוי ווי ער איז געווען א הויכער אין זיין וואוקס און ער האט אמאל געוואלט באווייזען א קונץ מיט זיין פארבויגונג בעפאר ר׳ יהודה הנשיא, אז ער קען זיך איינבויגען טיעף און נישט געברויכען די הענד ביים אויפשטעהן, האט ער זיך דערביי א פוס אויסגעלונקען און ער איז שוין אזוי געבליבען א הינקעדיגער פאר זיין גאנצען לעבען.

זאגען דאגעגען אנדערע, אז דאס איז איהם געקומען, ווייל ער האט זיך אמאל געלאזט לויפען דאס מויל אקעגען גאט. אזוי ווי עס איז אמאל נישט געגאנגען קיין רעגען, האט ער גוזר תענית געווען, און אזוי ווי עס איז טראצדעם נישט געקומען קיין רעגען, האט ער א זאג געטהון געגען אויבערשטען: "האסט זיך אוועקגעזעצט אויבען און דו האסט נישט קיין רחמנות אויף דיינע קינדער!" — איז ער דאן תיכף געווארען א הינקעדיגער (תענית דף כ״ח עמוד א׳).

איידער ר׳ יהודה הנשיא איז געשטארבען, האט ער איבערגעלאזען א צוואה, אז זיין זוהן ר׳ גמליאל זאל ווערען "נשיא", ר׳ שמעון זאל זיין "חכם" אינ׳ם בית־המדרש און ר׳ חנינה בר חמא זאל זיין פארזיצער פונ׳ם בית־דין אין צפורי.

האט ר׳ חנינא דעם דאזיגען אמט נישט געוואלט אננעהמען, ווייל ר׳ אפס, וועלכער איז געווען דער סעקרעטער ביי ר׳ יהודה הנשיא, איז געווען

לוי בן סיסי

עלטער פון איהם מיט צוויי יאהר. איז דאן ר׳ אפס געוואָרען דער פּאַרזיצער אינ׳ם בית־המדרש און ר׳ חנינא פלעגט זיצען אויסערהאלב פונ׳ם בית־המדרש. פלעגט דאָרט לוי בן סיסי זיצען לעבען ר׳ חנינא. און ווען ר׳ אפס איז געשטאָרבען, איז ר׳ חנינא געוואָרען פּאַרזיצער אינ׳ם בית־המדרש, האָט שוין לוי בן סיסי נישט געהאַט, מיט וועמען צו זיצען אין דרויסען. ער האָט אויך נישט געוואָלט אנערקענען ר׳ חנינא׳ן אלס פּאַרזיצער, ווייל זיי זיינען געווען בײדע אין איינע יאהרען און לוי בן סיסי האָט זיך געהאַלטען פאר נישט קלענער אין לערנען פון ר׳ חנינא. איז דאַן אונזער לוי אוועק קיין נהרדעא. וואו ער איז שוין פארבליבען.

אָנקומענדיג אין נהרדעא, האָט ער זיך שטאַרק באפריינדעט מיט אבא בר אבא, דעם פאָטער פון שמואל ירחינאה. צוזאמען האָבען זיי געדאַוונט און צוזאמען האָבען זיי מחדש געווען זייערע חדושים. אויף׳ן פארלאַנג פון אבא בר אבא האָט לוי אויסגעפרעגט שמואל׳ן אין לערנען (מנחות דף ל״ח עמוד א׳). און וואָס שמואל האָט נישט געוואוסט, פלעגט ער פרעגען ביי לוי׳ן (בראשית רבה פרשה פ׳).

דאָרט אין נהרדעא האָט אויך אונזער לוי איינגעפיהרט נייע אָרדנונגען. אזוי האָט ער געלערנט, אז פרויען מעגען ארויסגעהען אים שבת אָנגעטהון אין נאָלדענע ציערונג און באהאַנגען מיט אײדעלשטיינער. האָט מען איהם טאַקי תיכף געהאָרכט, און ווי די גמרא דערצעהלט, האָבען זיך געפונען 24 ווייבער, וועלכע האָבען ארומשפּאַצירט אָנגעטהון אין זייער ציערונג (שבת דף נ״ט עמוד ב׳).

ווי עס דאַכט זיך, האָט לוי בן סיסי איבערגעלאָזען צעהן זיהן תלמידי־חכמים, וואָס זייערע נעמען ווערען דערמאָנט אין דער גמרא — און לויט ווי מאנכע זאָגען, איז ר׳ יהושע בן לוי אויך געווען זיינער א זוהן.

און ווען לוי בן סיסי איז געשטאָרבען, האָט איהם דער אויבענדערמאָנטער אבא בר אבא מספיד געווען. האָט ער אָנגעוויזען אין זיין הספד אויף׳ן גרויסען דור פון רבי מיט זיינע חברים, וועלכע זיינען איינציגווייז געשטאָרבען און לוי בן סיסי איז דער לעצטער פון זיי.

האָט דאַן דער מספיד געזאָגט: „צו וואָס איז אונזער לוי בן סיסי געגליכען? צו אַ קעניג, וועלכער האָט געהאַט אַ ווייגאָרטען מיט הונדערט וויינשטעק, וואָס האָבען ארויסגעגעבען יעדעס יאָהר הונדערט פאַס וויין. שפּעטער זיינען די וויינשטעק געוואָרן יעדעס מאָל וויניגער. זיינען געבליבען פופציג, זיינען געבליבען פערציג, זיינען געבליבען דרייסיג, זיינען געבליבען צעהן, ביז עס איז נישט מעהר געבליבען ווי איינער, איז דער איינער וויינשטאָק באַליעבט געווען ביים קעניג ווי דער גאַנצער ווייגאָרטען. אזוי איז אויך ר׳ לוי בן סיסי געווען באַליעבט ביים אויבערשטען ווי אַן איינציגער איבערגעבליבענער וויינשטאָק״ (ירושלמי ברכות פרק ב׳ הלכה ח׳).

מיט׳ן טויט פון לוי בן סיסי ענדיגט זיך די עפּאָכע פון די „תנאים״ און עס הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון די „אמוראים״.

די "מסכתות קטנות"

גלייך ווי עס זיינען פאַרהאַנען מאַנכע ביבלישע ספרים, וואָס זיינען נישט אַריינגענומען אין אונזער תנ"ך און זיי ווערען אָנגערופען "ספרים חצונים" אָדער "אַפּאָקריפען", אַזוי זיינען אויך פאַרהאַנען מאַנכע תלמודישע מסכתות, וואָס זיינען נישט אַריינגענומען אין אונזער ש"ס און זיי ווערען אָנגערופען "מסכתות קטנות" אָדער "משניות חיצוניות". איז דאָס כדאי צו וויסען, ווייל עס העלפט זעהר פיעל צו'ן אַ בעסערן פאַרשטענדניס פון דער משנה.

אָט די "מסכתות קטנות" זיינען צומאָל אין זייער אינהאַלט ווידער־שפּרעכענד צו די דינים פון דער משנה און דער גרעסטער טייל פון די דאָרט פאַרהאַנענע מאמרים איז געוועהנליך איבערגעגעבען אָהן אַ נאָמען פון אַ מחבר. ווי עס פאַרשטעהט זיך אויך, איז דאָס איבערגעבען יענע מאמרים אָהן אַ נאָמען נישט ווייל די אויסגעדריקטע מיינונגען זיינען אַלגעמיין אָנ־גענומענע, ווי עס איז געוועהנליך דער כלל ביי מאמרים אָהן אַ נאָמען, וואָס קומען פאָר אין דער גמרא, נור דאָס איז וואַהרשיינליך, ווייל די וואָס האָבען יענע מאמרים איבערגעגעבען, האָבען אַליין נישט געוואוסט צו זאָגען, פון וואַנען די מאמרים שטאַמען. עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז די מחברים פון די "מסכתות קטנות" האָבען מיט אַ באַזונדערער כונה נישט געוואָלט זאָגען, פון וועמען יענע מאמרים שטאַמען, ווייל די וואָס האָבען זיי געזאָגט, זיינען אפשר געוועזען פון "בית שמאי", אָדער צוליעב אַן אַנדערן טעם.
זיינען נישט געווען פאַררעכענט אַלס "אויטאָריטעטען" אין הלכה, ווייל זיי זיינען געווען פון "בית שמאי" אָדער צוליעב אַן אַנדערן טעם.

ס'איז אויך אַזוי געווען דאַמאָלס דער מנהג, אַז טאָמער האָט אימיצער געוואָלט זאָגען אַ הלכה, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ מענשען, וואָס זיי־נע ווערטער זיינען נישט געווען באַליעבט ביים פאָלק, האָט ער נישט אויס־געזאָגט דעם נאָמען פונ'ם "בעל המאמר", נור ער האָט איהם געזאָגט אָהן אַ נאָמען, אָדער ער האָט דעם ציטירטען מאמר צוגעשטעלט צו די מאמרים פון אַן אַנדערן חכם, וואָס זיינע רייד זיינען יאָ געווען באַליעבט ביים פאָלק.

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, האָט ר' חייא און זיינע חברים צונויפגענומען פיעלע מאמרים, וואָס ר' יהודה הנשיא האָט נישט געוואָלט אַריינגעהמען אין זיין "משנה", דענקענדיג, אַז זיי זיינען איבריג אָדער אַז מען דאַרף זיי ניט האָבען — און פון די דאָזיגע מאמרים זיינען געוואָרען די "ברייתות", די "תוספתא" און פאַרשיעדענע אַנדערע ספרים. דערנאָך איז אַ טייל פון די דאָזיגע מאמרים צונויפגעשטעלט געוואָרען אין די אַזוי אָנגערו־פענע "מסכתות קטנות", וועלכע זיינען נישט אַריינגענומען אין אונזער ש"ס און זיי ווערען געוועהנליך געדרוקט צוזאַמען מיט די גמרא'ס פון "סדר נזיקין".

די ערשטע פון די דאָזיגע "מסכתות קטנות" הייסט "סופרים". איהר אינהאַלט איז אַ זאַמלונג פון דינים וועגען שרייבען ספרי תורה גלייך ווי וועגען דעם לייענען אין זיי. דאַביי זיינען אויך צוגעגעבען פאַרשיעדענע

מנהגים אין שייכות צום דאווגען, און דאָס אַלעס איז צונויפגעקליבען פון פריהער אָנגענומענע הלכות, וואָס געפינען זיך אין דער גמרא, צו וועלכע עס זיינען צוגעגעבען געוואָרען עטליכע מאמרים, וואָס זיינען נישט אריינגענו־מען אין דער גמרא, נישט אין בבלי און נישט אין ירושלמי.

לויט דער דאָזיגער צוזאַמענשטעלונג איז צו זעהען, אַז אַט די "מסכת סופרים" שטאַמט פון אַ שפּעטערער צייט, ווען די גאַנצע גמרא איז שוין גע־ווען פערטיג. ווייל מען דאַרף אָננעהמען, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פון די "גאונים", וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין די לעצטע יאָהרען פונ'ם זעקסטען יאָהרהונדערט — און אַלס אַ ראיה דערפאַר קען דיענען דער אומ־שטאַנד, וואָס עס געפינען זיך דאָרט אין דער "מסכת סופרים" זאַכען, וועל־כע זיינען ערשט אין דער צייט פון די גאונים באַקאַנט געוואָרען, אַ שטייגער ווי די נעמען פון די "טעמי הקריאה", אַן "אתנחתא" און אַ "סוף פּסוק" (מסכת סופרים פּרק י"ג הלכה א'). עס ווערד אויך דאָרט גערעדט וועגען אַן אונטערשיעד צווישען די מנהגים פון מזרח, דאָס מיינט, פון בבל, און די מנהגים פון מערב, וועלכעס מיינט ארץ־ישראל. דעסגלייכען געפינען זיך דאָרט שפּעטערע הלכות, אַ שטייגער ווי אַז אין אַ תענית דאַרף מען לייענען "ויחל" און דער מפטיר דאַרף זאָגען "דרשו" (פּרק י"ז הלכה ו'), וועלכעס איז לגמרי אַנדערש ווי די משנה הייסט טהון, אַז אין אַ תענית דאַרף מען לייענען די ברכות און די קללות פון פּרשת בחקותי, און ווייל מען הויבט נישט אָן און מען ענדיגט ניט מיט קללות, דאַרף איינער לייענען די גאַנצע פּרשה (מגלה דף ל"א עמוד א').

ס'איז אויך זיכער, אַז די דאָזיגע הלכה וועגען לייענען "ויחל" אין אַ תענית איז גאָר אַ שפּעטערע, ווייל אין די טעג פון רב נטרונאי גאון, וועלכער האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פונ'ם אַכטען יאָהרהונדערט, איז נאָך אַזאַ מנהג ניט געווען באַקאַנט.

ביים צוזאַמענשטעלען די "מסכת סופרים" האָט דער מחבר באַנוצט די מקורות פונ'ם תלמוד ירושלמי מעהר ווי פונ'ם בבלי. ווייל זיך דאַרף מאַנכען אויסדראַכטען, אַז ער איז בלויז געווען באַהאַוונט אין דער ארץ־ישראל'די־גער גמרא, וועלכע ער האָט פאַרגעצויגען אַקעגען דער בבלי'שער. ער איז אויך אפשר געווען אַ געבוירענער פון ארץ־ישראל, אָבער געלעבט האָט ער וואהרשיינליך אין בבל, ווי מען קען דאָס זעהען אויף פּיעלע שטעלען. אַזוי זאָגט ער, למשל: "שיר השירים לייענט מען געוועהנליך אין די צווייטע נעכט פון די ימים־טובים, וועלכע ווערען געהאַלטען אין גלות" (פּרק י"ד הלכה י"ח). מען קען דאָס אויך זעהען פון דעם, וואָס ער זאָגט: "קדיש קען מען נישט זאָגען ביי ווייניגער פון צעהן מאַנסבילען, אונזערע רביים אין מערב, דאָס מיינט ארץ־ישראל, זאָגען, אַז מען זאָגט נישט קיין קדיש ביי ווייניגער ווי זיבען מאַנסבילען" (פּרק י' הלכה ז'). דאָסזעלבע איז אויך ווען ער זאָגט: "אונזערע רביים אין ארץ־ישראל זיינען זיך נוהג, צו פאַסטען נאָך פּורים" (פּרק י"ז הלכה ד').

איז פון אַט דעם אַלעמען צו זעהען, אַז דער מחבר פון אונזער "מסכת סופרים" האָט געלעבט אין בבל, נור ער איז געווען באַהאַוונט אין די מנהגים פון ארץ־ישראל, וואו ער איז אויך אפשר געווען געבוירען. אויסערדעם איז זיכער, אַז די צוזאַמענשטעלונג פון דער דאָזיגער מסכתא איז פאַרגעקומען אין אַ שפּעטערער צייט, ווען די גאַנצע בבלי'שע גמרא איז שוין געווען פערטיג,

דאָס הייסט אין דער ערשטער צייט פון די "גאונים", יעדענפאַלס נישט פריי־הער ווי אין דער צייט פון די לעצטע "אמוראים", דאָס הייסט ביים ענדע פונ'ם פינפטען יאָהרהונדערט.

* * *

די צווייטע פון די "מסכתות קטנות" איז "שמחות" אָדער "אבל רבתי", וועלכע איז א צוזאַמענשטעלונג פון אַלע מנהגים אין די דינים וועגען א "בר־מינן", פון די לעצטע מינוטען בעפאָר יציאת נשמה ביז נאָך קבורה און די רעליגיעזע טרויער נאָך'ן טויטען *).

עס ווערד אפילו אין דער גמרא דערמאָנט א ברייתא פון "אבל רבתי" (כתובות דף כ"ח עמוד א', מועד קטן דף כ"ד עמוד א' און דף כ"ו עמוד ב'), און ווען עס רעדט זיך פון א ברייתא "אבל רבתי", איז דערפון צו זעהען, אז מען האָט אין יענער צייט געהאט א ברייתא "אבל זוטרתא". זאָגען אָבער אנדערע, אז אונזער "מסכת שמחות" איז גאָר נישט יענע ברייתא "אבל רבתי" פון דער גמרא, ווייל דער רוב מאמרים, וואָס ווערען ציטירט אין דער גמרא אויף'ן נאָמען פון דער ברייתא "אבל רבתי", געפינען זיך גאָר נישט אין אונזער "מסכת שמחות", א שטייגער ווי דער מאמר, אז "אן אבל זאָל נישט האַלטען א קינד אויף דער שויס, ווייל דאָס מאַכט איהם פארגעני־גען" (מועד קטן דף כ"ו עמוד ב') און דער אויבען־דערמאָנטער מאמר פון כתובות, וועלכער געפינט זיך יאָ אין אונזער "מסכת שמחות" (פרק ב' הלכה ט"ו), באווייזט בפירוש, אז דער מחבר פון דער "מסכת שמחות" האָט גענאָמען פאר זיך דעם מאמר פון דער גמרא און נישט אומגעקערט.

מען האָט אויך אמאָל געפרעגט ביי רב נטרונאי גאון וועגען דער מסכת "אבל רבתי" וואָס זי איז, האָט ער געענטפערט: "אבל איז א מסכתא, וועל־כע באַשטעהט בלויז פון משניות, ענטהאַלט אַלע דינים פון אבלות און מעהרס־טענס זיינען דאָרט יענע הלכות, וואָס געפינען זיך אינ'ם פרק ואלו מגלחין פון מועד קטן. עס זיינען אויך פאַרהאַנען צוויי מסכתות אבל, איינע א גרויסע און איינע א קליינע".

איז פון אָט דער ערקלערונג צו זעהן, אז רב נטרונאי גאון רעדט וועגען א מסכת אבל פון צוויי חלקים, איינע אן "אבל רבתי" און א צווייטע "אבל זוטרתא". אזעלכע צוויי מסכתות זיינען אויך וואהרשיינליך געווען שפּעט־טער, ווייל ר' יצחק גיאת און דער רמב"ן ברענגען פאַרשיעדענע מאמרים פון א מסכת "אבל רבתי" און זיי ברענגען אויך מאַנכע מאמרים אויף'ן נאָמען פון א מסכת "אבל זוטרתא".

רש"י און פאַרשיעדענע אנדערע מפרשים פון זיין צייט האַלטען, אז אונ־זער "מסכת שמחות" איז טאַקי דיזעלבע וואָס "אבל רבתי" פון דער גמרא. דאַגעגען באווייזען מאַנכע מאָדערנע קריטיקער, אז חוץ וואָס עס זענען ציטירט אין דער גמרא מאמרים פון "אבל רבתי", וועלכע געפינען זיך נישט אין אונזער "מסכת שמחות", דאַרף מען נאָך נעהמען אין אנבאַטראַכט, וואָס לויט ווי עס קען ארויסגעדרונגען ווערען פון דער גמרא, איז די מסכת "אבל רבתי" א ברייתא פון די תנאים, אנשטאָט וואָס מען זעהט פון אונזער

*) אונזערע חכמים האָבען תמיד געשטרעבט אנצורופען יעדע זאַך אין אן אפטימיסטישער שפּראַך, האָבען זיי באַצייכענט די דינים פון טויט און טרויער מיט'ן וואָרט "שמחות", גלייך ווי א בלינדער הייסט ביי זיי "סגי־נהור" (א פיעל־זעהענדיגער).

די „מסכתות קטנות"

"מסכת שמחות" אויסדריקליך, אז עס געפינען זיך דאָרט הלכות פון דער גמרא, וועלכע שטאַמען פון גאָר שפּעטע אמוראים.

לויט די דאָזיגע חקירות איז צו זעהן, אז שוין אין אַלטע צייטען האָבען פאַרשיעדענע חכמים געהאט זאמלונגען פון הלכות פאַר געוויסע אנגעלעגענהייטען פונ'ם לעבען, פון וועלכע מען האָט געקענט לערנען די דינים פאַר דער מענשליכער אויפפיהרונג. זיי האָבען אויך דיזעלבע זאַמלונגען געקענט באַנוצען ביי דער באַלעהרונג פון די פאָלקסמאַסען. און ביי די פאַרשריפטען פון אבלות איז אזא זאמלונג געווען מעהר נויטיג ווי ביי אנדערע ענינים, ווייל אידען פלעגען אין דעם דאָזיגען ענין שטאַרק מדקדק זיין, חאָטש עס איז וועגען דעם פאַרהאַנען ווייניג באַזונדערע פאַרשריפטען אין דער תורה, און וואָס עס שטעהט דאָרט אין דער תורה וועגען דעם, איז טאַקי זעהר ווייט פון דעם, וואָס עס געפינט זיך אין אונזער מסכת שמחות.

צי די מסכתות "אבל רבתי" און "אבל זוטרתא", וועלכע זיינען געווען אין דער האנד פון אונזערע ערשטע פוסקים און זיי האָבען פון דאָרט ארויסגענומען מאַנכע הלכות וועגען טויט און טרויער, זיינען טאַקי יענע אַלטע "אבל רבתי" און "אבל זוטרתא", וועלכע ווערען דערמאַנט פון רב נטרונאי גאון, לאָזט זיך נישט היינט געגוי ווייסען, גלייך ווי מיר קענען נישט אנטשיידען, ווער עס האָט יענע משניות צוזאַמענגעשטעלט. זיכערליך האָט איטליכער פון די פּראָמינענטערע חכמים אונזערע געהאט זיינע אייגענע משניות און אין די טעג פון ר' יהודה הנשיא האָבען זיך די דינים פון אבלות פאַרשפּרייט, איז א זאַמלונג דערפון אריבערגעגאַנגען אין פאַרשיעדענע הענד. האָט זיי אָבער ר' יהודה הנשיא נישט אריינגענומען אין זיין משנה, ווייל זיי זיינען מעהרסטענס געווען אין זיינע אויגען פשוט'ע מנהגים, וועלכע קענען זיך ענדערן פון היינט אויף מאָרגען.

האָט זיך ר' יהודה הנשיא נוהג געווען מיט דער מסכת "אבל", גלייך ווי ער האָט געטהון צו דער "מגלת תענית", צו וועלכער ער האָט נישט געגעבען קיין פּלאַץ אין זיין "משנה" און ער האָט בלויז פון איהר מאַנכעס אָפּגעשריבען. ס'איז אויך אָנצונעהמען, אז אזוי ווי די שפּעטערע חכמים האָבען אָנגעהויבען צונויפנעהמען הלכות און באַזונדערס זייט עס זיינען אויפגעשטאַנען אין בבל תנאים, וועלכע האָבען ארויסגעגעבען אייגענע אנטשיידונגען לויט ווי זיי האָבען דאָס ארויסגעלערנט פון דער גמרא. זיינען זייט דאַמאָלס אנטשטאַנען נייע צוזאַמענשטעלונגען פון הלכות און שטענדיג האָט מען אוועקגעלייגט די אַלטע צוזאַמענשטעלונג בעפאָר דער נייער.

זאָגען די נייע היסטאָרישע פאָרשער, אז אונזער "מסכת שמחות" איז גאָר א שפּעטע, צוזאַמענגעשטעלט אין בבל, וואָס לויט ווי מיר זעהען זיינען דאָרט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען די מעהרסטע ברייתות. און וואָס דער לשון פון די ברייתות, וועלכע דער מחבר פון דער "מסכת שמחות" ברענגט, איז נאָהנט צום לשון פון די ברייתות אינ'ם ירושלמי, איז דאָס ווייל דער מחבר איז אפשר געווען אן ארץ־ישראל'דיגער, וועלכער האָט געשעפּט זיינע ידיעות פונ'ם ירושלמי. אזוי ווי ער האָט אָבער געלעבט אין בבל, איז ער געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון די בבליים, געפינט מען דאדורך ביי איהם ביידעס — דאָס בבלי'שע און דאָס ירושלמי'שע — אויסגעמישט אויף אן אופן, ווי עס איז שווער צו פאַנאנדערטיילען.

* * *

די דריטע אין דער רייהע פון די אזוי אָנגערופענע "מסכתות קטנות" איז "מסכת כלה" — און האָטש די דאָזיגע מסכתא איז דערמאָנט עטליכע מאָל אין דער גמרא, איז פון דעסטוועגען אָנצונעהמען, אז זי איז נישט געווען קיינמאָל א געגענשטאַנד פון לערנען, און ווען די גמרא זאָגט, אז איינער קען הייסען א תלמיד־חכם און מען קען איהם מאכען פאר א פּאַר־נעזעצטען איבער אַנדערע, וואָס "ווען מען פרעגט איהם א דין, ווייסט ער צו ענטפערען אומעטום אפילו ווען עס האנדעלט זיך וועגען מסכת כלה" (שבת דף קי"ד עמוד א', תענית דף י' עמוד ב' און קדושין דף מ"ט עמוד ב'), ער־קלערט דאָרט רש"י, אז די רבותא דערפון איז, וואָס די מענשען לערנען נישט די "מסכת כלה", ווייל עס איז נישט פאַרהאַנען אין איהר קיין טיעפקייט.

אין אונזערע תלמודישע אויסגאַבען באַשטעהט די "מסכת כלה" פון צוויי טיילען: די געוועהנליכע מסכתא, ווי זי איז געדרוקט אין די עלטערע אויס־גאַבען פון דער גמרא, פאַרמאָגט נישט מעהר ווי איין פרק. איז אָבער פאַרהאַנען א צווייטע "מסכת כלה", א שפּעטער אַנטפּלעקטע, וועלכע האָט נעקראָגען דעם נאָמען "כלה רבתי" און זי באַשטעהט פון גאַנצע צעהן פרקים.

פאַרהאַנען מאַנכע געלעהרטע, ווי רבנו חננאל און ר"י הזקן פון די "בעלי תוספות", וועלכע דענקען, אַז די מסכת "כלה", וואָס די גמרא רעדט וועגען איהר, איז נישט יענע מסכתא, וואָס געפינט זיך אין אונזערע הענד, נור דאָס איז א מסכתא, וואָס די חכמים פלעגען פון איהר דרש'נען אין די חדשים אדר און אלול, וועלכע הייסען אין דער גמרא "חדשי כלה" און מען האָט אין זיי געדאַרפט דרש'נען וועגען די דינים פון פסח און פון די תשרי'דיגע ימים־טובים.

איז דאָס — לויט דער מיינונג פון אַנדערע — נישט ריכטיג, ווייל אַזוי ווי דער אינהאַלט פון אונזער "מסכת כלה" איז מעהרסטענטיילס וועגען חתונות און שדוכים, און זי האָט נישט קיין שום שייכות צו די דרשות וועגען די דינים פון פסח אָדער פון תשרי'דיגע ימים־טובים, איז זי טאַקי די ריכ־טיגע מסכת "כלה", וועלכע איז דערמאָנט אין דער גמרא.

דאָ איז אויך נאָך כדאי צו וויסען, אז די מאמרים אין אונזער "מסכת כלה" זיינען גרעסטענטיילס ארויסגעריסענע פון א מיטען ענין און עס פעהלט ביי זיי נעוועהנליך דער אָנהויב און דער סוף. אויסערדעם זיינען די דאָזיגע מאמרים אויסגעמישט און נישט קלאָר איבערגעגעבען. דער מקור זייערער איז תמיד צו זוכען אין תלמוד בבלי, לויט ווי די "אמוראים" האָבען דאָרט נע'דרשנ'ט, און האָטש דער מחבר זאָגט אַמאָל, אז "ווער עס זאָגט א וואָרט אויף'ן נאָמען פון א חכם, וועלכער האָט אזא וואָרט גאָר נישט געזאָגט, פאַראורזאכט מיט זיין זאָג, אז די שכינה זאָל פאַרשווינדען פון אידען", ברענגט פון דעסטוועגען דערזעלבער מחבר צעהנדליגער מאמרים אויף'ן נאָמען פון חכמים, וועלכע האָבען גאָר אַזעלכעס נישט געזאָגט. ביי פיעלע מאמרים פון דער גמרא האָט ער אויך געענדערט דעם לשון און אָפטמאָל צוגעגעבען ווערטער, וואָס פאַרדרעהען זאָגאָר דעם זין פון די ציטירטע סענטענצען.

וועגען דער צייט, וואָס די "מסכת כלה" איז צונויף־געשטעלט געוואָ־רען, קען געזאָגט ווערען דאָסזעלבע, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען די אַנדערע "מסכתות קטנות". איהרע מאמרים זיינען מעהרסטענס ארויס־גענומען פון דער בבלי'שער גמרא, און אַזוי ווי מען האָט נישט קיינמאָל אכטונג געגעבען אויף דער ריינקייט פון איהר טעקסט, האָבען די איבערשריי־בער געמהון, וואָס עס איז זיי געפעלען.

לויט די ציטאטען פון "מסכת כלה", וועלכע ווערען געבראכט אינ'ם ספר "מנורת המאור", וואָס דער מחבר זיינער האָט געלעבט אינ'ם 15טען יאָהרהונדערט, קען מען זעהען, אז די "מסכת כלה", וואָס יענער מחבר האָט געהאט פאר זיינע אויגען, איז געווען א מעהר פולשטענדיגע. עס זעהט זיך אויך קלאָר, אז מען האָט גענומען א גאַנצען פרק פון "מסכת כלה" און מען האָט איהם אריינגעשריבען אלס ערשטען פרק צו דער מסכת "דרך־ארץ", גלייך ווי מען האָט גענומען עטליכע פרקים פון מסכת דרך־ארץ און מען האָט זיי צוגעגעבען צו "מסכת כלה", מאַכענדיג דערמיט אזא אויסמיש צווישען די ענינים, וואָס יעדער קען אויף זיי דערקענען, אז איינס מיט'ן אַנדערן האָט נישט קיין שום שייכות.

* * *

די לעצטע פון די "מסכתות קטנות", וועלכע געפינט זיך אין אלע אונזערע תלמודישע אויסגאַבען, איז די "מ ס כ ת ד ר ך ־ א ר ץ" — און איינגעטיילט איז זי, די דאָזיגע מסכתא, אין דריי חלקים מיט באַזונדערע נעמען: א) "דרך־ארץ רבה", ב) "דרך־ארץ זוטא" און ג) "פרק השלום", און דער טעקסט זייערער באַשטעהט פון משניות (ברייתות) און גמרא.

אינהאלטליך איז די מסכת "דרך־ארץ" א זאמלונג פון הויך־מאָראלישע סענטענצען, וואָס באלעהרען די מענשען, ווי זיך אויפצופיהרען ביי אלע געלעגענהייטען פונ'ם לעבען — און ווי עס איז אלס זיכער אָנצונעהמען, האָבען שוין מאַנכע פון אונזערע תנאים געהאט א זאמלונג פון "נאָטיצען" וועגען די ענינים פון "דרך־ארץ". ס'איז אויך פארהאנען אן אָנצוהערעניש וועגען דער עקסיסטענץ פון אזא זאמלונג אינ'ם ירושלמי (שבת פרק ו') און רב שרירא גאון רופט די ברייתות פון "הלכות דרך־ארץ" מיט'ן נאָמען "ברייתות קטועות", ווייל זיי זיינען ווי ארויסגעריסענע פון פארשיעדענע ערטער און צונויפגענומען אין איין ספר.

די מסכת "דרך־ארץ" ווערד אויך דערמאָנט מיט איהר נאָמען ביי רש"י (ברכות דף ד' עמוד א') און תוספות רופט זי "הלכות דרך־ארץ" (בכורות דף מ"ד עמוד ב').

ווי עס שיינט, האָט זיך די מסכת "דרך־ארץ" ביי אונזערע אלטע מפרשים אָנגעהויבען ביים דריטען פרק מיט די ווערטער "בן עזאי אומר". דערפאר האָבען מאַנכע פון יענע מפרשים גערופען די "מסכת דרך־ארץ" מיט'ן נאָמען "פרקי בן עזאי" (זעה רש"י ברכות דף ט"ז עמוד ב'). דאָס־זעלבע האָט אויך געדענקט דער ווילנא'ר גאון און ער האָט צוגעשטעלט די ערשטע צוויי פרקים פון מסכת "דרך־ארץ" צו מסכת "כלה", ווייל ער האָט געזאָגט, אז עס האָט נישט קיין זין, אריינצושטעלען דינים, וואָס פאַסען זיך צו "מסכת כלה" צו די פאָרשריפטען פון "דרך־ארץ". דעסגלייכען, האָט ער געזאָגט, געפינען זיך אין "מסכת כלה" דריי גאנצע פרקים (פרק ו', פרק ט' און פרק י'), וועלכע פאַסען זיך גיכער צו מסכת "דרך ארץ".

און אַזוי ווי עס איז ביי אלעמען אָנגענומען, אַז דער ערשטער פרק פון "מסכת דרך־ארץ" געהערט צו "מסכת כלה", דארף מען אויך וויסען, אז דער צווייטער פרק פון מסכת "דרך־ארץ" האָט לגמרי נישט קיין שייכות סיי צום ענין דרך־ארץ און סיי צום ענין כלה, ווייל אויסער וואָס ער איז אָנגעפּי־קעוועט מיט הימלישע זאכען, האָט ער נאָך א באַזונדערען דרך ביים אויפ־

צעהלען פון כל־ערליי מאָראַלישע זינד, וועלכע זיינען ביי איהם איינגעטיילט אין פאַרשיעדענאַרטיגע גרופּען, און ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון יעדער גרופּע ענדיגט ער, אַז "אויף די וואָס טוהען אַזעלכע זאַכען, זאָגט דער פּסוק אַזוי און אַזוי" (עליהם הכתוב אומר). איז דער דאָזיגער דרך ביים דרש׳נען אַ גאַנץ אייגענאַרטיגער, וועלכער ווידערהאָלט זיך נישט אין ערגיץ אין דער גאַנצער "מסכת דרך־ארץ". איז דאַדורך זיכער, אַז דער דאָזיגער פּרק שטאַמט גאָר פון אַן אַנדערער מסכתא.

דער מחבר פון דער "מסכת דרך־ארץ" האָט זעהר פיעל פון זיינע לעה־רען איבערגעשריבען פון "פּרקי אבות" און ער האָט אומעטום צוגעגעבען ערקלערונגען אויף זיין אייגענעם שטייגער. דער גאַנצער דריטער פּרק איז איבערגעשריבען פון "אבות דר׳ נתן" און צווישען די חכמים, וואָס זייערע ווערטער זיינען אין אונזער מסכתא ציטירט, געפינט זיך ר׳ יהושע בן לוי.

ווי ס׳איז שוין דערמאָנט, האָט דער צווייטער טייל פון דער מסכת "דרך־ארץ" אַ נאָמען "דרך־ארץ זוטא". איז דער מחבר פון אָט דעם טייל זיכערליך אַן אַנדערער און דער גאַנצער ספר שטאַמט אויך פון אַ שפּעטערער צייט. פון זיין סטיליסטיק און זיינע פאַרשיעדענע סענטענצען זעהט זיך דייטליך, אַז דער מחבר האָט געוואָלט צונויפשטעלען אַ זאַמלונג פון מאָראַ־לישע משלים, צו באַלעהרנען די לעזער אָדער די צוהערער און ער רעדט צו זיי געוועהנליך אין דער צווייטער פּערזאָן, גלייך ווי עס רעדט אַ דרשן צו׳ן אַ פאַרזאַמלונג. און ביים ענדע פונ׳ם פערטען פּרק זאָגט ער: "מיט אָט די ווערטער האָב איך דיר געוואָרענט, און וואָס דו ווילסט, קענסטו יעצט טהון, ווייל דו קענסט נישט זאָגען, אַז מען האָט דיך נישט געוואָרענט!"

פון אָט דעם איז טאַקי אָנצונעהמען, אַז דאָרט איז דער סוף פון דער גאַנצער מסכתא און די אַנדערע פּרקים, וואָס זיינען ארויסגענומען פון "מחזור ויטרי", אָדער פונ׳ם ניינטען פּרק אָנגעהויבען ביז צום סוף, זיינען אַלע שפּע־טערע צוגאָבען.

אַ שפּעטערע צוגאָב איז אויך דער "פּרק השלום", וואו עס זיינען צו־נויפגעקליבען פאַרשיעדענע מאמרים וועגען די מעלות פון שלום — און די דאָזיגע אַלע מאמרים זיינען ארויסגענומען פון גמרא׳ס און מדרשים.

* * *

עס איז אויך נאָך פאַרהאַנען אַ צווייטע גרופּע "מסכתות קטנות", זיבען אין צאָהל, וועלכע זיינען ניט אַלע געדרוקט אין עלטערע תלמודישע אויס־גאַבען, ווייל זיי זיינען ערשט אין שפּעטערע יאָהרען געפונען געוואָרען אין מאַנוסקריפּט — און אַזוי ווי עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזען, אַז דער אינהאַלט זייערער איז צונויפגענומען פון פאַרשיעדענע גמרא׳ס אָדער מדרשים און ער איז אויך צוזאַמענגעשטעלט לויט׳ן ענין, וואָס יעדע איינציגע מסכתא וויל באַהאַנדלען, האָט מען זיי געדרוקט אַלס צוגאָב צו יענער עלטערער גרופּע "מסכתות קטנות".

זיבען מסכתות אין צאָהל פאַרמאָגט די דאָזיגע צווייטע גרופּע, זיינען זיי אינהאַלטליך בעסער געאָרדנעט און שפּראַכליך פיעל קלאָרער ווי די ערשטע גרופּע "מסכתות קטנות". יעדע מסכתא אַנטהאַלט בלויז די דינים, וואָס זיי־נען שייך צום ענין פון איהר נאָמען און זי לאָזט זיך נישט אריין אין זייטי־גע ענינים.

די „מסכתות קטנות"

די נעמען פון די דאָזיגע זיבען מסכתות זיינען: א) ספר תורה; ב) מזוזה; ג) תפילין; ד) ציצית; ו) כותים; ז) גרים. יעדע איינע איז בלויז פאַר דעם ענין, וואָס דער נאָמען זאָגט.

ווי עס פאַרשטעהט זיך, קען וועגען דער צייט, וואָס די דאָזיגע מסכתות זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, געזאָגט ווערען דאָסזעלבע, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען דער ערשטער גרופּע „מסכתות קטנות", און בנוגע צו אונזער צווייטער גרופּע מסכתות, קען דאָס געזאָגט ווערען מיט א גרעסערער באַשטימטהייט, אז ווען זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרען, איז שוין די גאַנצע גמרא פולשטענדיג פערטיג געווען. האָבען דאַן מאַנכע חכמים געוואָלט פאַרגרינגערען דאָס לערנען, אז ווען א מענש וועט דאַרפען האָבען א דין אין די פראַגען פון'ם לעבען, זאָל ער נישט דאַרפען זוכען און גריבלען זיך, ביז ער וועט קענען אויסגעפינען דעם דין פון צווישען די פאַרשיעדענע וכוחים, נור ער זאָל האָבען אלסדינג קלאָר פאַר די אויגען. די דינים פון אונזערע זיבען מסכתות זיינען אויך וואַהרשיינליך געווען זעהר וויכטיג אין דער צייט פון די „גאונים", ווען זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, ווייל די פראַגען זיינען אַזעלכע, וואָס די חכמים פון יענער צייט פלעגען נישט דרש'נען וועגען זיי אין די חדשים פון בעפאָר די ימים-טובים, ווען זיי פלעגען דרש'נען וועגען די דינים פון יום-טוב. זיינען די דאָזיגע זיבען „מסכתות קטנות" איבערבלייבענישען פון די אַזוי אָנגערופענע „הלכות קטועות", און די טייטש פון'ם וואָרט איז „הלכות פון דער מיט ארויסגעריסענע און ארומגעטעסעטע", וועלכעס מיינט: הלכות ארויסגעקליבענע פון צווישען אנדערע און סיסטעמאַטיזירט לויט זייער אינהאַלט.

האָבען מאַנכע פון די „גאונים" געזאָגט, אַז אַזעלכע ספּעציאַליזירטע צוזאַמענשטעלונגען פון דינים ברענגען שאַדען פאַר'ן לערנען, ווייל איטליכער וויל זיכער האָבען סיסטעמאַטיש פערטיגע הלכות און ער זאָגט זיך: „וואָס טויגען אונז די קשיות און די שקלא-וטריא'ם מיט זייערע תירוצים, אז מיר קענען האָבען א קלאָר פערטיגע הלכה?"

און רב פּלטוי גאון, וועלכער האָט געלעבט אין דער מיט פון'ם נייַנטען יאָהרהונדערט, האָט געהאַט טענות צו אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען נישט קיין ליעבהאָבער פון'ם תלמודישען פּלפּול, זוכענדיג סיסטעמאַטיק, און ער זאָגט, אז „די הלכות קטועות פון די מסכתות קטנות זיינען בלויז געשאַפען געוואָרען פאַר אַזעלכע, וואָס האָבען זיך שוין אָנגעלערנט א פולען בויך מיט גמרא, זיינען אַזעלכע הלכות קטועות גוט פאַר זייערט-וועגען, צו דערמאָנען זיי אין קורצען דעם ענדגילטיגען שלום פון א לאַנגען לערנען, ווייל די הלכות קטועות זיינען מקצר די וכוחים וועגען א דין און זיי לאָזען בלויז איבער דאָס לעצטע וואָרט, וועלכעס איז וויכטיג צום ענין".

ס'איז אויך זיכער, אז דער מחבר אָדער די מחברים פון די „מסכתות קטנות" האָבען געשטיצט זייערע הלכות אויף די מקורות פון נאָך'ן תלמוד, גלייך ווי עס איז אויך זיכער, אז דער מחבר פון דער מסכת „ספר תורה" האָט געהאַט פאַר זיינע אויגען די „מסכת סופרים" פון דער ערשטער גרופּע „מסכתות קטנות", ווי מען קען דאָס זעהען אויף א גרינגען אופן, אריינקוקענדיג אין ביידע, נור דער מחבר פון דער מסכת „ספר תורה" ערקלערט די הלכות פון מסכת סופרים אָדער ער ווידערשפּרעכט זיי, אָבער דער גאַנג זיינער און דער סדר פון די צוזאַמענגעשטעלטע הלכות איז גלייך איינע צו דער אנדערער.

אזוי זיינען די אלע "מסכתות קטנות" צונויפגעשטעלט געוואָרען פון די "הלכות קטועות", וועלכע זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון די "גאונים", וואָס לויט דער מיינונג פון רב פלטוי גאון איז געווען זייער צוועק, צו ווידערהאָלען די דינים אין קורצען. און ווייל זיי האָבען געהאַט אזא צוועק, זיינען דאָרט געבראכט געוויסע מנהגים, וואָס זיינען נישט גע־ווען איינגעפיהרט אין חוץ־לארץ. טאָמער וויל אָבער אימיצער ברענגען דער־פון א ראיה, צו זאָגען, אז אזוי ווי אונזערע "מסכתות קטנות" ברענגען מייסטענטיילס מנהגים פון ארץ־ישראל, איז דאָס א באַווייז, אז זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרען אין ארץ־ישראל, וואָלט דאָס געווען א טעות.

און אז עס געפינען זיך דאָרט אין די "מסכתות קטנות" זאַכען, וואָס קענען זיך אויסדאַכטען ווי געגנעריש צום דין פון דער גמרא, זאָגען וועגען דעם מאַנכע פון אונזערע היסטאָריקער, אז דאָס דאַכט זיך נור אזוי אויס, ווייל אין אמת'ן זיינען זיי געשטיצט אויף דער גמרא. און אנדערע זאָך איז שוין, וואָס עס זיינען דאָרט פאַרהאַנען פיעלע דינים, וואָס דער אָפּשטאַם זייע־רער איז פון נאָך דער גמרא, אָדער עס זיינען דאָרט פאַרהאַנען אנדערע דינים, וועלכע זיינען די פאָלגען פון פאַרשיעדענע איינטייטשונגען, וואָס מען האָט געמאַכט אין דער גמרא, גלייך ווי די פריהערע חכמים האָבען געמאַכט איינ־טייטשונגען אין די מצוות פון דער תורה.

וועגען דער צייט, וואָס די צווייטע גרופּע "מסכתות קטנות" איז אויפגע־שריבען געוואָרען, איז נישט פאַרהאַנען קיין שום היסטאָרישער אָנהאַלט, לויט וועלכען מיר זאָלען קענען אזא צייט באַשטימען. קיין איינציגע פון זיי איז נישט דערמאָנט אין פריהערע מקורות, און ווען זיי זיינען אנטפּלעקט געוואָרען צו דער וועלט, האָט מען אויף זיי געקוקט גלייך ווי זיי וואָלטען עפּיס פּלוצים פון'ם הימעל ארונטערגעפאַלען. בלויז "מסכת גרים" איז געווען פריהער אָפּגעדרוקט אין'ם ספר "שמחת הרגל" פון ר' חיים יוסף דוד אזולאי און עס איז דאָרט פאַרהאַנען א באַמערקונג, אז די "מסכת גרים" איז אָפּגעשריבען פון א ש"ס כתב־יד, וועלכער געפינט זיך אין פאַריז און ער איז געשריבען אין שנת ק"ג לאלף הששי (דאָס הייסט אין 1343).

און ווען מיר וועלען אָננעהמען, אז די זיבען "מסכתות קטנות" פון דער צווייטער גרופּע שטאַמען פון די "גאונים", גלייך ווי עס שטאַמען די מסכתות קטנות פון דער ערשטער גרופּע, דאַרף מען וועגען דעם ברענגען א "ציטאַט" פון רב שרידא גאון, וועלכער האָט געזאָגט אז "די גאונים האָבען אין זייער רשות גאַנצע פּעק פּלפּולים פון די ערשטע חכמים וועגען די זעקס סדרים פון דער משנה, און צווישען זיי געפינען זיך פיעלע אזעלכע, וואָס זיינען נישט דערמאָנט אין דער גמרא. און טאָמער זאָגט אמאָל איינער פון די גאונים א וואָרט, צו וועלכען ער האָט נישט קיין ראיה פון א פסוק אין דער תורה אָדער פון א מאמר אין דער גמרא, איז דאָס דאָזיגע וואָרט אודאי באַגרינדעט אויף די זאַמלונגען פון מאמרים, וואָס געפינען זיך באַהאַלטען אין די הענד פון די גאונים".

פאַר אונז איז אפילו אַלצאיינס, צי די דאָזיגע ווערטער פון רב שרירא גאון זיינען באַגרינדעט אויף א באַגלויבטע טראַדיציע אָדער זיי זיינען גלאַט אזוי געזאָגט אקעגען יענע, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָננעהמען די ווערטער פון די גאונים, ווען זיי האָבען אמאָל נישט געוואוסט, פון וואַנען די גאונים האָבען געוויסע פאַרשריפטען גענומען, ווייל סוף־כל־סוף זיינען אלע זאַכען

די „מסכתות קטנות"

פון די "מסכתות קטנות", וועלכע האָבן נישט קיין ראיה פון דער תורה אָדער פון דער גמרא, ארויסגענומען פון די גאונים, סיי ווען די גאונים האָבן זיי אליין מתקן געווען און סיי זיי האָבן דאָס ארויסגענומען פון אן עלטערן מקור.

* * *

חוץ די ביז יעצט באַשריבענע "מסכתות קטנות" זיינען נאָך פאַראַנען צוויי אַזעלכע "מסכתות", וואָס האָטש זיי זיינען כמעט די וויכטיגסטע היסטאָרישע דאָקומענטן אין דער תלמודישער ליטעראַטור, זיינען זיי פון דעסטוועגן ווי צום שטאַרקסטן אינהאַלטליך פאַרנאַכלעסיגט. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט גענומען א האַנד אין די "אויסבעסערונגען" פון זייער טעקסט און ביז צום היינטיגן טאָג האָט מען זיך מיט זיי ווייניג וואָס באַנוצט.

די ערשטע פון די דאָזיגע צוויי "מסכתות" איז "מגלת תענית", וועלכע פלעגט אמאָל געדרוקט ווערן צוזאַמען מיט די אַנדערע "מסכתות קטנות" און היינט איז זי א גרויסע זעלטענהייט. באַזונדער געדרוקט איז זי דאָס ערשטע מאָל אין אַמסטערדאַם ת"ט (1659).

אינהאַלטליך הויבט זי זיך אָן מיט'ן אויפצעהלען א צעטעל טעג, וואָס די חכמים האָבן נישט ערלויבט, צו פאַסטען און צו קלאָגען אין זיי צוליעב פאַרשיעדענע פרעהליכע געשעהענישען, וואָס זיינען אין יענע טעג פאַרגעקומען ביי אידען. איז אָט די אַזוי אָנגערופענע "מגלה" געווען אויפגעשריבען און פריי פאַר יעדען, איידער עס איז נאָך געווען עטוואָס אויפגעשריבען פון דער "משנה" (זעה ערובין דף ס"ב עמוד ב').

ווי עס הייסט, איז דער מחבר פון אונזער "מגלת תענית" — חנניה בן חזקיה בן גוריון (שבת דף י"ג עמוד ב'), וועלכער איז געווען א פּראָמינענטער מענש אין דער צייט פון הלל ושמאי, אָבער אינ'ם צוועלפטען פּרק פון דער דאָזיגער "מגלה" איז פאַרשריבען, אז דער מחבר איהרער איז אלעזר בן חנניה.

ביים אָנהויב איז "מגלת תענית" געשריבען אין אַראַמיש לשון, וועלכעס איז וואַהרשיינליך געווען דאַמאָלס די שפּראַך פון די פאָלקסמאַסען אין ארץ־ישראל. ס'איז אויך באַראַקטעריסטיש, וואָס ר' יהודה הנשיא האָט נישט אריינגענומען די "מגלת תענית" אין זיין "משנה", ווייל ער האָט זי נישט געהאַלטען פאַר וויכטיג גענוג און ער האָט זי בלויז איינמאָל דערמאָנט (תענית פּרק ב' משנה ח'). דאַגעגען האָבען אַנדערע חכמים מדקדק געווען אין איהרע אויסדרוקען און ארום־גע'דרשנ'ט איהר יעדעס וואָרט, גלייך ווי מען דרשנ'ט וועגען די פּסוקים פון תנ"ך (ירושלמי תענית פּרק ב' הלכה י"ב). און אין שפּעטערע צייטען איז צו די קורץ־געהאַלטענע סענטענצען פון "מגלת תענית" צוגעגעבען געוואָרען פאַרשיעדענע ערקלערונגען און איינטייטשונגען, וואָס זיינען ווי צוגעשעפּעטע פּירושים און אָפּפרעגונגען פון דעם, וואָס עס ווערד דאָרט געזאָגט ביים אָנהויב.

אָט דער צוגעגעבענער טייל פון דער "מגלת תענית" איז געשריבען אינ'ם לשון פון דער משנה.

ס'איז אַלזאָ אָנצונעהמען, אז דער דאָזיגער טייל איז צוגעגעבען געוואָרען אין דער צייט פון דער משנה און די אמוראים פון אונזער גמרא האָבען דאָס באַטראַכט ווי א "ברייתא". איז ווען זיי ציטירען עטוואָס אין

דער גמרא פונ׳ם ערשטען טייל ״מגלת תענית״, באצייכענען זיי דעם ציטאט מיט ״כתיב במגלת תענית״ אדער אויף אן עהנליכען אופן (זעה תענית דף י״ח עמוד ב׳, מגלה דף ה׳ עמוד ב׳, חולין דף קכ״ט עמוד ב׳). ציטירען זיי אבער עטוואס פונ׳ם צווייטען טייל, באצייכענען זיי דעם ציטאט ווי זיי טהוען געווענליך ביי א ברייתא מיט ״תנו רבנן״ אדער ״תנינא״ (זעה ראש השנה דף י״ח עמוד ב׳, בבא בתרא דף קט״ז עמוד ב׳, מנחות דף ס״ה עמוד א׳). דאכט זיך דאדורך, אז אין דער צייט וואס די גמרא איז צו־זאמענגעשטעלט געווארען, איז נאך דער צווייטער טייל ״מגלת תענית״ נישט געווען צוגעשטעלט צום אינהאלט פון דער אזוי אנגערופענער ״מגלה״.

דאס לעצטע געשעהעניש, וועלכעס ווערד דערמאנט אין ״מגלת תענית״, איז דאס צוריקרופען די גזרות פון קייזער האדריאן וועגען אפהיטען שבת און אנדערע מצוות. אט די גזרות זיינען צוריקגערופען געווארען דורך קייזער אנטאנינוס פיאוס, אויף דער באשטרעבונג פון יהודה בן שמוע, וועלכער איז געווען א תלמיד פון ר׳ מאיר. ווי עס ווערד דערצעהלט (אין ראש השנה דף י״ט עמוד א׳ און אין מגלת תענית פרק י״ב) איז דעם 28טען טאג אין חודש אדר אנגעקומען א גוטע בשורה צו אידען, זיי זאלען וויסען, אז האד־ריאן׳ס גזרות זיינען בטל געווארען. און געשעהען איז דאס אויף פאלגענ־דען אופן: יהודה בן שמוע איז צוזאמען מיט עטליכע חברים זיינע געגאנ־גען פרעגען אן עצה ביי איינער א פראמינענטער רוימישער פרוי, וואס מען דארף טהון, אויף בטל צו מאכען די גזרות, האט זי זיי געזאגט, זיי זאלען פאראנשטאלטען א ״דעמאנסטראציע״ אין א געוויסער נאכט. זיינען זיי געגאנגען און האבען דעמאנסטרירט איבער די גאסען, שרייענדיג: ״זיינען מיר דען נישט ברידער פון איין פאטער און פון איין מוטער? טא וואס זיינען מיר אנדערש ווי אלע פעלקער, וואס נור געגען אונז קלערט איהר אויס כל־ערליי גזרות?״...

פון דאמאלס אן האט מען אויפגעהערט פארשרייבען די געשעהעני־שען אין דער ״מגלת תענית״, חאטש עס האבען זיך שפעטער וויטער בא־נייעט די אלטע גזרות און עס איז אויך דערנאך וויטער געקומען א ישועה, ווען די גזרות זיינען צוריק בטל געווארען. און אויפגעהערט אריינשרייבען די געשעהנישען האט מען, ווי ר׳ שמעון בן גמליאל האט געזאגט, ווייל ״ווען מיר זאלען וועלען אויפשרייבען אלע צרות, זיינען מיר ניט בכח, דאס צו טהון!״ (שבת דף י״ג עמוד ב׳).

עהנליך צו דעם ווערד געזאגט אינ׳ם צוגעגעבענעם טייל פון דער ״מגלת תענית״, וואו עס הייסט: ״ווער האט געשריבען מגלת תענית? די גרו־פע פון ארום ר׳ אליעזר בן חנניה בן חזקיה בן גוריון האט געשריבען מגלת תענית. און צו וואס האבען זיי דאס געשריבען? ווייל זיי זיינען נישט געווען צו־געוועהנט צו צרות און די צרות זיינען נישט אפט געקומען איבער זיי, אבער היינטיגע צייטען, ווי מען איז שוין צוגעוואוינט צו די צרות און די צרות קומען אין א גרויסער מאס, אז ווען אלע ימים זאלען זיין טינט און אלע וואסערליך זאלען זיין פעדערען און אלע מענשען זאלען זיין שרייבער, וואלט מען נישט געקענט אויסשרייבען אלע צרות״...

ווייטער איז דארט אין דער ״מגלת תענית״ צוגעגעבען נאך איין פרק. אין וועלכען עס ווערען אויסגערעכענט אלע יענע טעג, וואס אידען האבען אנגענומען צו פאסטען. זיינען דארט דערמאנט אלע געשעהענישען פונ׳ם ערשטען יאהרהונדערט נאך׳ן חורבן און עס זיינען דארט דערמאנט

תעניתים אין אזעלכע טעג, וואָס אינ'ם ערשטען טייל "מגלת תענית" ווערד געזאָגט, אז מען טאָר גאָר דאַמאָלס נישט פאסטען.

אין יענעם לעצטען פּרק פון "מגלת תענית" איז אויך פארצייכענט אלס א תענית — ד ע ר נ י י נ ט ע ר ט אָ ג א י ן ח ו ד ש ט ב ת און עס איז דאָרט נישט אָנגעגעבען די אורזאַך פונ'ם תענית. איז דאָס וואהרשיינ־ליך דער געבורטסטאָג פון ישו הנוצרי. האָט מען דאָס אָבער צוליעב דער צענזור נישט געקענט שרייבען. *)

ווי באַמערקט, האָבען פארשיעדענע הענד צוגעגעבען אין דער "מגלת תענית", וואָס זיי האָבען געוואָלט, א שטייגער ווי עס שטעהט דאָרט אזא זאַץ: "נאָך האָבען אונז די חכמים באַשטימט צו פאסטען מאָנטאג און דאָנערשטאג צוליעב דריי נאַציאָנאלע אומגליקען, צוליעב דעם חורבן פון אונזער בית־המקדש, צוליעב דעם פארברענען פון דער תורה און צוליעב דער פארשוועכונג פונ'ם אויבערשטען'ס נאָמען". איז דאָס טאַקי כמעט דאָסזעלבע, וואָס עס געפינט זיך אין מסכת סופרים (פרק כ"א), פון וואַנען עס איז זיכערליך ארויסגענומען.

"מגלת תענית" באַשטעהט פון דריי חלקים און יעדער חלק שטאַמט פון אַן אַנדערער צייט. דער ערשטער חלק איז די "מגלה" אליין, וועלכע איז געשריבען אין אראַמיש; דער צווייטער חלק באַשטעהט פון די צוגע־געבענע ערקלערונגען צום ערשטען טייל און דער דריטער חלק אנטהאַלט די שפּעטערע צוגאַבען.

אַט דער לעצטער טייל איז זיכערליך גאָר א שפּעטער. ער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "ואלו הימים שמתענים בהם מן התורה", איז דאָס א געגענשטיק צום אָנהויב פונ'ם ערשטען טייל, וואו עס ווערד געזאָגט: "אלין יומיא דלא לאתענאה בהו ומקצתהון דלא למספד בהון".

עס איז אויך מעגליך, אז אזוי ווי עס איז אין ערשטען טייל פאַרהאַ־נען א צעטעל גוטע טעג, וואָס מען טאָר נישט אין זיי פאסטען, איז נאָך דאָרט אפשר געווען א צעטעל פאסטטעג, וואָס צוליעב דעם האָט די מגלה געטראָגען דעם נאָמען "תענית". ס'איז אָבער אויך מעגליך פארקערט, אז גלייך ווי מסכת "שמחות" האַנדעלט וועגען די דינים פון אבלות, איז "מגלת תענית" באַשטימט וועגען טעג, וואָס מען דאַרף נישט פאסטען.

די מחברים פון דער "מגלת תענית" האָבען געהאַט דעם צוועק, צו פאַרצייכענען פאַרשיעדענע געשעהענישען פון דער אידישער געשיכטע — און מיט דעם איז "מגלת תענית" כמעט דאָסזעלבע וואָס דער "סדר עולם", וועלכער האָט אויך דעם צוועק, צו דערצעהלען וואָס עס איז פאָרגעקומען. איז אָבער א גרויסער טייל געשעהענישען, וואָס זיינען באַשריבען אינ'ם "סדר עולם" געבויעט בלויז אויף טראַדיציעס און איינטייטשונגען פון פסוקים, וואָס ווען מען זאָל יענע פסוקים אַנדערש איינטייטשען, וועלען די געשע־הענישען קריגען אַן אַנדער אויסזעהן.

---

*) אינ'ם "ספר העבור" פון ר' אברהם בר יחייא הנשיא הספרדי (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין לאָנדאָן 1851) איז אויסגערעכענט, אז ווען ישו הנוצרי איז געבוירען געוואָרען, איז דער 25טער דעצעמבער אויסגעפאַלען 9 טאָג אין חודש טבת. אין דער ערשטער אויסגאַבע פון מיין "חלקת מחוקק" (געדרוקט אין 1889) האָב איך דאָס אויך ערקלערט, אז וואָס מיר רופען "וויינאַכטען" מיט'ן וואָרט "ניטל" איז נישט בלויז א פאַראידישונג פונ'ם לאַטיינישען וואָרט "נאַטאַלים", נור עס איז פּשוט די ראשי־תיבות פון "נולד ישו ט' לטבת".

וועגען אָט דעם ספר זאָגט מען, אז ער איז געשריבען פון ר׳ יוסי בן חלפתא. דער אמורא ר׳ יוחנן, וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף פּאַרשיעדענע מאמרים פון דער גמרא און מדרשים, וואָס מיר וואָלטען זאָנסט נישט געוואוסט, ווער זייער מחבר איז געווען, אָט דערזעלבער ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, אַז ר׳ יוסי איז דער מחבר פונ׳ם ״סדר עולם״ (יבמות דף פּ״ב עמוד ב׳, נדה דף מ״ו עמוד ב׳). ס׳איז אויך צו פאַרוואונדערען, וואָס דערזעלבער ר׳ יוסי זאָגט אַמאָל אינ׳ם ״סדר עולם״ אַן אנדערע מיינונג ווי אין דער גמרא. ערקלערט די גמרא אזא ווידערשפּרוך, אז ״ר׳ יוסי תני לה ולאו סביר לה״, דאָס הייסט: ר׳ יוסי האָט טאַקי אזוי געלערנט, ער האָט אָבער נישט אזוי געמיינט. איז דערפון צו זעהען, אז ביים צוזאַמענשטעלען דעם ״סדר עולם״ האָט ר׳ יוסי אריינגענומען מאמרים, צו וועלכע ער האָט אַליין נישט צוגעשטימט — און געטהון האָט ער דאָס, ווייל ער האָט געוואָלט צונויף־נעהמען אַלע אָנגענומענע פּירושים פון די געשעהענישען, אפילו ווען זיי זיינען געגען זיין מיינונג.

עטליכע מאָל ווערען ציטירט אין דער גמרא מאמרים פונ׳ם ״סדר עולם״ מיט דער באַצייכענונג ״תנו רבנן״, ווי מען איז זיך געוועהנליך נוהג, ווען די גמרא ציטירט א ״ברייתא״. פאַרהאַנען אויך איין ציטאַט פונ׳ם ״סדר עולם״ אין דער משנה און מעהרערע ציטאַטען זיינען פאַרהאַנען אין דער מכילתא, אין ספרא און אין ספרי. ס׳איז אויך ניט פאַרהאַנען קיין אורזאַך, עס זאָל אימיצער וועלען זאָגען, אַז ר׳ יוסי בן חלפתא איז נישט דער מחבר פונ׳ם ״סדר עולם״, גלייך ווי עס איז נישט קיין ספק, אז שפּעטערע הענד האָבען דאָרט זעהר פיעל ״אויסגעבעסערט״. איז נישט דאָדורך קיין וואונדער, ווען עס זיינען דאָרט פאַרהאַנען מאמרים, וואָס הויבען זיך אָן ״אמר ר׳ יוסי״ אין דער דריטער פּערזאָן און זיי זיינען זיכערליך צוגעגעבען פון שפּעטערע הענד.

ווי באַמערקט, איז דער ״סדר עולם״ מעהר א גריבלען זיך אין די היסטאָרישע געשעהענישען ווי א כראָניק־אַרטיגע באַשרייבונג. עס איז דאָך באַוואוסט, אז ר׳ יוסי בן חלפתא האָט איבערהויפּט ליעב געהאַט, צו גריבלען זיך אין אזעלכע ענינים און א גרויסער טייל פון זיינע מאמרים אין דער גמרא האָט צו טהון מיט היסטאָרישע געשעהענישען.